Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/historyofjewsinm0000vari

TORONTO

שטארקער פון אייזען

אַ ראָמאַן פון אידישען לעבען

פון

מ. מ. דאליצקי

צווייטער באנד

צווייטע אויפלאגע

HEBREW PUBLISHING COMPANY
50-52 Eldridge Street, New York
1920

678010

TORONTO

שטאַרקער פון אייזען

אָדער

דער געקרוינטער באַנדיט

דריטער טהייל

44טעס קאַפּיטעל.

די באָמבע.

אַלעקסעיעוו קלייבט זיך צו פאָהרען אין פּעטערבורג צום באַטיושקאַ צאַר אַלכסנדר. אידען, די אידישע שוהל און דער גענעראַל-גובערנאַטאָר דאלגאָרוקאָוו שטעהן איהם ווי אַ ביין אין האַלז. ער האָט זיך אויפגעשריבען אַ גאַנצע מגילה און האָט מסדר געווען פריהער וואָס צוריידען מיט דעם מאָנאַרך וועגען מאָסקוואַ; אָבער איין זאַך לאָזט איהם פון מאָסקוואַ אַזוי גיך ניט אָפּפּאָרען ער האָט בעשטעלט ביי חיטראָוועצינען אַ באָמבע און האָט מיט איהם אָפּגערעדט צו בעשמוצען אַ אידישע מיידעל, אַז גאַנץ מאָסקוואַ זאָל מיט איהר קלינגען, און דיעזעביידע זאַכען וויל ער אָפּטהאָן נאָך איידער ער זעהט זיך מיט דעם הערשער פון אַלע רוסען. די אַלע אַרטיקלען וואָס פּאַסטוחאָוו האָט די לעצטע טעג געשריבען וועגען אידען און זייערע געבעט-הייזער, האָט ער איינגעבונדען אין אַ שעהנעם אַלבום מיט געגילטע טאָוולען, און דער גאַלאָוואַ דענקט דיעזען אַלבום דעם מאָנאַרך אַלס געשענק איבערלאָזען, אום צו ערקוויקען זיין פראָוואָסלאַוונע נשמה מיט אַלערליי בילבולים און שימפּפעריען אויף דעם נאַציאָן וואָס דער באַטיושקאַ האַסט ווי דעם טויט.

— מיינס מוז איך אויספיהרען, — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין זיצענדיג אין זיין קאַבינעט לעבען זיין געליבטען הונד „נעראָ" — אידען אין מאָסקוואַ טאָרען קיין שוהל ניט האָבען, מאַלליך מוז ווערען אַ קבצן, אַ שלעפּער, זיין טאָכטער בערטהאַ מוז ווי אַ געמיינע נאַכט-פויגעל פאַר דער גאַנצער וועלט בעטראַכט ווערען, פּאַוועל אנדריאַנאָוו מוז געהאַנגען ווערען, זיין מוטער געהן נאָך סיביר און זיין שוועסטער פערבלייבען אַליין אין מאָסקוואַ.

— חיטראָוועצין! עך, חיטראָוועצין! — האָט ער זיך געקלערט — דאָס איז עפּעס אַ טייפעל אין אַ מענשען-געשטאַלט. ער קען טויזענד מיסיאָנען

אין איין טאָג אָפּטהאָן אונז פערבלייבען דער זעלבער רוהיגער און קאַלטער חיטראָוועצין. ער איז אין גאַנץ מאָסקווא בעטראַכט פאַר אַ פיינעם, אַנשטענדיגען מענשען, און פיין איז ער ווי — איך אַליין. אָבער וואו איז די באָמבע? איך קען אָהן איהר אין פּעטערבורג ניט פאָהרען. איך מוז דערפיהרען, אַז פּאַוועל זאָל דורך אַ קייזערליכען בעפעהל געהאַנגען ווערען. דער באַטיושקאַ מוז פון מיין מויל וועגען דער באָמבע אויף פּאַוועלס טיש ערפאַהרען.

דער הונד האָט זיך פּלוצלינג אַ הייבגעטהאָן און זיך געוואָרפען צו דער טהיר מיט אַ שטילען וואָרטשען.

— רוהיג נעראָ! — האָט איהם דער גאַלאָווא בעפוילען. דער הונד איז צו איהם צוריק צוגעלאָפען און זיך אַוועקגעלייגט אויפ׳ן ווייסען קאַווער און אַלעקסעיעוו האָט אויסגעשריען ענטרעע.

די טהיר האָט זיך אויפגעמאַכט און אַ שעהנע פערפוצטע יונגע דאַמע איז אין קאַבינעט אריינגעגאַנגען.

— פריילין זלאָדייקינאַ! — האָט דער גאַלאָווא העכסט צופריעדען אויסגעשריען און איז איהר מיטביידע הענד געלאָפען אַנטקעגען.

— רופט מיך בעסער באַראָנעסע אַנדרייעוונאַ — האָט זי מיט אַ טייפעלשען שמייכעל געזאָגט — עס לוינט בעסער צום עסק.....

— נו זאָל זיין באַראָנעסע, — האָט דער גאַלאָווא ליבליך ארויסגערעדט — אַזאַ שעהנהייט פּאַסט צו זיין אויך אַ קניאַגינאַ.

— יעצט וועלען מיר בעסער רעדען צו דער זאַך! — האָט זלאָדייקינאַ פריינדליך געזאָגט — ווייסט איהר גאַלאָווא, אַז איך האָב אייך געבראַכט וויכטיגע נייעס? אַזעלכע נייעס זיינען ווערטה געווים אַ מיליאָן רובעל.

— און פאַר וויניגער וועט איהר עס ניט לאָזען? — האָט דער גאַלאָווא מיט אַ שמייכעל געפרעגט.

— אַז עס האַלט שוין יאָ ביי בארעס געלד, וועט איהר קענען עפּעס אָפּדינגען — האָט איהם זלאָדייקינאַ מיט אַן אָנצוהערעניש ערווידערט.

— אדרבא, לאָמיך הערען.

— איך האָב ערפאַהרען ווער עס האָט אויף אייך דעם צווייטען מאָל געשאָסען, ווען איהר זייט אַוועקגעפאָהרען פון אָבער־פּאָליצמייסטערס הויז.

— דאָס איז ווירקליך פאַר מיר אַ וויכטיגע נייעס.

— אהאַ, זעהט איהר שוין! ווייזט נור, זייט מוחל, חאָטש אַ האַלבען מיליאָן קערבלאַך, — האָט זלאָדייקינאַ האַלב־לאַכענד, האַלב־ערענסט געזאָגט.

— איך דיינק אַז איהר וועט עס אפילו פאַר אַ פערטעל מיליאָן לאָזען, — האָט אַלעקסייעוו שמייכלענד איהר ערווידערט.

— זעהט איהר — האָט זלאָדייקינאַ ווייטער גערעדט — איך לאָז אייך שוין פאַר אַ פינפטעל אבי מזומנים.

— אַזוי נעטהיג האָט איהר די מטבע? — האָט דער גאַלאָווא געלאַכט.

— מען האָט דאָך מיך אין „ערמיטאַזש" איינפאַך בהלות געשטעלט!—

האט זיא איהם מיט אן ערנסטע און טרויעריגע מינע געענטפערט — ענדליך וויל אנטאָנאָוו, דער ווירטה פון „ערמיטאזש״ גאר ניט ענטפערן.

— ער וועט אייך שוין יא ענטפערן! — האט דער גאָלאָווא ערנסט איהר ערוויעדערט — סיידען ער וויל געהן אין קייטען.

— דוא ביזט א בעלן אויף א פרעמדע בייטעל! — האט זיך זלאָדייקינא גע־טראכט — און דיר אליין ווילט זיך דעם טייסטער ניט עפענען; אבער דוא וועסט וויינען און טראָגען.

— נו, אדרבא, נעהמט זיך חאָטש איהר אן מיין קריוודע — האט זלאָדייקינא מיט א טרויעריגע מינע געזאָגט — איך קען מיט אזא ביטערן יונג ניט אויסקומען.

— זייט זיכער, אז ער וועט אייך אייער שאָדען אומקעהרען! אבער זאָגט מיר, ווער האט אויף מיר געשאָסען אין עקיפאזש?

— שטעלט איהר עס גאלאָווא פאר א בעדינגונג? — האט איהם זלאָדייקינא מיט אן אונצופריעדענע מינע געפרעגט — איך דיינק, אז איהר בעדארפט זאָ וויא זאָ מיין קריוודע דערגעהן.

— עהע, — האט זיך אלעקסייעוו געקלערט — דוא ווילסט רייסען א פּאָס.

— איך שטעל קיינע בעדינגונג, — האט ער איהר אונצופריעדען ערוויעדערט — אבער איך מוז דאך פריהער וויסען, ווער איז נעגאנגען אויף מיין לעבען?

— דער יונגער גראף פּאוועל אנדריאנאָוו, — האט דער אויסוואורף איהם קוקענד גלייך אין דיא אויגען געענטפערט.

אלעקסייעוו איז פאר איבעררא־שונג פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען.

— ווייסט איהר עס פון א זיכערע קוועלע? — האט ער איהר מיט א הויכע שטימע געפרעגט.

— ווער איז נאך אזוי בעגליבט וויא ער אליין?

— האט ער אליין דאס אייך געזאָגט?

— ער אליין מיט זיין מויל.

— וויא קומט איהר צו איהם?

— איך בין דאך געוואָרען זיין בראוט, — האט דיא בעסטיע געלאכט — ער איז אין מיר פערליעבט איבער דיא אויערן און רופט מיך „מיין טייבעלע״, „מיין ליעבער, זיסער ענגעל״.

— וויא אזוי איז עס געוואָרען?

— גאר איינפאך, איך הייס בעראָנעסע קסעניא אנדרייעוונא און וויא פּאוועל ליעבט מיך, אזוי האָלד האט מיך אויך זיין מוטער און זיין שוועסטער ליזא.

— הערט נור בעראָנעסע, — האט אלעקסייעוו נאך א קורצען נאכדיינקען געזאָגט — ווילט איהר ווירקליך פערדיענען א היבשע סומע?

— האב איך עס דען נאך ניט פערדיענט?

— דאס הייסט נאך ביי מיר א האלבע ארבייט און איך האב ליעב אפּצו־צאהלען פאר א גאנצע.

— נו, אדרבא, לאמיך הערען וואס איהר ווילט דא עפּעס אויפטהאן.

— גאר א קליינינקייט. אריינליינען א דינאמיט באָמבע אין זיין שרייב-טיש אדער צווישען זיינע ביכער. איהר, אלס הויז־מענש וועט עס קענען לייכט טהאן און איך וועל זעהן, אז אנטאָנאָוו זאל אייך אָפּצאָהלען דיא גאנצע אכט און צוואנציג טויזענד רובל, אויסער וואס איהר וועט נאך פון מיר אויך א פּאָר טויזענד בעקומען. זייט איהר צופריעדען?

— איך בין צופריעדען, — האט דיא שלאנגע ערוויערערט — אבער וואצו האט איהר נעטהיג א באָמבע? ער איז שוין זאָ וויא זאָ א פערלאָרענער.

— סיביר און קאטאָרגא זיינען פאר איהם ווייניג — האט אלעקסייעוו זיך גאנץ קאלט נערעדט — איך וויל, אז מען זאל איהם אויפהענגען; פאר דער גריפין וויל איך סיביר און איהר טאָכטער זאל פערבלייבען אין גאנצען פריי.

— פריי? — האט זלאָדייקינא געלאכט — דאס איז דאך שוין גאר א נייע בעדינגונג.

— זאל זיין א נייע, אבי זיא זאל פריי היער אין מאסקווא פערבלייבען.

— און ווען זאל דיא זאך מיט פּאוולען געשעהן? — האט איהם זלאָדייקינא רוהיג געפרעגט.

— חאָטש היינט! — האט אלעקסייעוו ערוויעדערט — דא בעדארף באלד צו מיר קומען א מאן, וועלכער וועט מיר ברייננען דיא באָמבע, און אז דיא זאך וועט אָפּגעטהאן ווערען וועל איך באלד פאָהרען נאך פּעטערבורג און וועל שוין בעזאָרגען, אז ער זאל פערבלייבען אָהן א קאָפּ.

— וועט איהר זיך זעהן מיט'ן גנעדיגען מאָנארך?

— צו איהם פאָהר איך דאך טאַקי.

— קענט איהר, גאָלאָווא, פיעללייכט פאר מיר אריינוואַרפען א ווערטעל? — האט איהם דיא בעסטיע מיט א פליהענדע מינע געפרעגט — איך האב אין דיא אכצעהן מאָנאטען פון מיין דיענסט פיעלעס געלייסטעט פאר אונזער מאָנארך. עס וואלט קיין עולה ניט געווען, אז איך זאל עפּעס בעקומען א גרויסען טיטעל מיט א נאמען.

— וויא באלד איהר וועט דיא זאך גוט אויספילען — האט איהר אלעקסייעוו ערוויעדערט — וועל איך פאר אייך ניט נור גוטעס ריידען, נור איך וועל ביי מיין צווייטען אודיענץ ביי אונזער גנעדיגען מאָנארך אייך פערזענליך פאָרשטעלען פאר איהם.

זלאָדייקינא'ס נעזיכט האט אויפגעשטראהלט פאר פרייד. זיא איז מיט א קאָקעטישע מינע איהם אויפ'ן האלדז ארויפגעפאלען און זיך פערוויקעלט אויף איהם וויא א שלאנג און באלד האבען זיך-איבער'ן צימער געהערט דומפּפע קיסע.

— איך וועל עס אייך מיין ליעבער, מיין טהייערער ניעמאלס פערגעסען! — האט זיא געריהרט אויסגעשריען — איך וועל אייך דיענען וויא דיא טרייסטע אויף דער וועלט און וועל לויפען וואוהין איהר וועט מיך הייסען.

— גוט, — האט אלעקסייעוו געזאָגט — איהר וועט זעהן אין א האלב יאהר ארום, ווער וועט זיין מאריא זלאָדייקינא.

נערא האט זיך פלוצלינג מיט א שטארקען האווקען א ווארף געטהאן צו דער טהיר. זלאדייקינא האט עפּעס דערפיהלט א געהיימען שרעק און האט געוואלט צוליעב דעם קומענדען נאסט אוועקגעהן; אבער אלעקסייעוו האט איהר אפּגע־האלטען.

— דא געהט געוויס דער מאן מיט דער באמבע, — האט ער איהר שטיל געזאגט — איך וועל אייך פאר איהם פארשטעלען. ער איז א גוטער ברודער און עס איז דא מיט וועמען צו ריידען.

דיא טהיר האט זיך אויפגעמאכט און חיטראוויצין האט איבערגעטרעטען דעם שוועל.

— אי! — האט זלאדייקינא אונווילענד א זיפץ געטהאן און איהר געזיכט איז בלייך געווארען וויא דיא קאלך.

— האלט אביסעל אפּ אייער הונד, גאלאווא, — האט חיטראוויצין צו אלעק־סייעוו'ן געזאגט — דיא ווערטהע דאמע וואס זיצט דא שרעקט זיך פאר איהם....

— רוהיג נערא! — האט דער גאלאווא אויסגעשריען.

— טייפעל בלייבט טייפעל, — האט זיך זלאדייקינא געטראכט — חיטראוויצין ווייס וויא צו שפּיעלען זיין ראלע.

— אייער הונד איז איינפאך משוגע! — האט זלאדייקינא אלעקסייעוו'ן גע־זאגט — ער איז געלאפען צוריק פון טהיר אזוי ווילד, אז איך האב געמיינט דאס דאס ער וויל מיך צורייסען.

— פערדרעהט אייך אייערע קעפּ — האט זיך דער גאלאווא געטראכט — אלעקסייעוו'ן נארט מען נים. ער פערשטעהט, אז צווישען אייךביידען איז דא עפּעס נים גלאט....

— איך האב דיא עהרע אייך איינע פאר דיא אנדערע פארצושטעלען, — האט אלעקסייעוו געלאסען געזאגט — דאס איז באראנעסא קסעניא אנדרייעווגא און דיעזער הערר איז אסיפּ וואסיליעוויטש חיטראוויצין.

דיא באראנעסע האט חיטראוויצינען פריינדליך געררייכט איהר האנד און חיטראוויצין האט איהר אזוי ליעבליך געדריקט, אז עס איז זלאדייקינא'ן פערגאנגען אין מוח.

— עס פרעהט מיך זעהר אייער בעקאנטשאפט! — האט ער איהר מיט'ן פולען מויל געזאגט.

— און מיך עבענזא! — האט איהם זלאדייקינא פריינדליך ערוויעדערט און האט באלד איהר פערלאפּענע הענטעל מיט בלוט אראפּגעלאזען און פערהילט אין איהר שווארצער זיידענער קלייד.

— איז יענע זאך פערטיג? — האט איהם אלעקסייעוו פאליטיש געפרעגט.

— מיר וועלען אן אנדערס מאל דאריבער ריידען, — האט איהם חיטראוויצין אונטער'ן נאז געענטפערט.

אלעקסייעוו האט פערשטאנען אום וואס דא געהט, און בעטענדיג פון דער

באראָנעסע אום פערצייהונג איז ער מיט חיטראָווצינען אריינגעגאנגען אין אן אנדער צימער.

— ווידער א בייזע בענעגניש! — האט זלאָדיקינא נאך זייער אוועקגעהן אונטער דיא צייהנער געברומט און האט בעקוקט איהר געדריקטע האנד — איך שרעק מיך זעהר פאר דיעזען הונד, ער איז א מערדער, א טיראַן; אבער וויא בע־נראָבט מען איהם, אז איך זאל מיט איהם אויך ניט בעגראָבען ווערען?

— איז דיא באָמבע פערטיג? — האט אלעקסייעוו חיטראָווצינען געפרעגט.

— איך מוז אייך, גאָלאָווא, פריהער מאכען א פארוואורף, וויא קומט איהר מיר וועגען דער באָמבע פרעגען אין דער געגענווארט פון אן אונבעקאנטע דאמע. איך קען דאָך איהר ניט ווער זיא איז און דורך אזא מעשה קען איך לייכט אריינ־פאלען.

— ערשטענס, האב איך דאך אייך אָפען ניט געפרעגט, — האט איהם אלעקסייעוו פריינדליך ערוויעדערט — און צווייטענס, איז דיעזע דאמע איינע פון אונזערע.... קענט איהר זיא ווירקליך ניט?

— פון וואנען זאל איך איהר קענען?

— נו, זאל זיין אזוי, — האט דער גאָלאָווא מיט א שמייכעל געזאָגט — אבי זאגט מיר, הערר חיטראָווצין, צו דיא באָמבע איז פערטיג? איך האב נאך פאר־געסטערן בעדארפט צוליעב זעהר א וויכטיגע זאך פערלייזען נאך פעטערבורג; אָבער דיא באָמבע האט מיך אָפגעהאלטען.

— אָי, א באָמבע! אי, א באָמבע! — האט חיטראָווצין מיט א שמייכעל זיך אָפגערופען און האט זיך לאנגזאם גענומען צו זיין קעשענע — זיא וועגט געוויסע זעקס פונט.

אלעקסעיעווס געזיכט האט פאר פרייד אויפגעשטראהלט; אבער ער האט זיך אָפגערוקט מיט שרעק הינטער זיך ווען חיטראָווצין האט זיך געטאפט פאר זיין קעשענע.

— נאר זיך ניט געשראָקען גאָלאָווא, — האט חיטראָווצין רוהיג געזאָגט — זיא איז אונגעפעהרליך, ווען מען לאזט איהר נור ניט ארויספאלען פון דער האנד. חיטראָווצין האט פון זיין קעשענע ארויסגעשלעפט א קיילעכדיגען גלאָבוס מיט געאָגראפישע בעשרייבונגען.

— זעהט איהר, — האט חיטראָווצין מיט א שמייכעל גערעדט — וויא איהר קוקט דאס אן דוכט זיך אייך, אז דאס איז נאר א גלאָבוס, לאָמיך נאר פרובירען איהם א שליידער טהאן אויף דער ערד.

ער האט זיין האנד אויפגעהויבען און האט זיך פערמאכעט דעם גלאָבוס א וואָרף צו טהאן.

אלעקסעיעוו איז לייבען־בלאס געוואָרען פאר שרעק און ער איז געלאָפען שעהנע עטליכע טריט הינטער־זיך.

— שרעקט אייך ניט גאָלאָווא, — האט חיטראָווצין ווייטער גערעדט — ווען איך זאל וועלען דיעזען גלאָבוס אראָפּלאָזען אויפ׳ן באָדען, דא קען שוין קיין לויפען

ניט העלפען. אייער גאנצע הויז וואָלט א טאנץ געטהאן אין דער לופטען, אז דער דאך וואָלט זיך צוקושט מיט דיער לבנה.

— וואו האט איהר עס פּאַצאפּעט? — האט אלעקסעיעוו קומענדיג צו זיך נעפרענט.

— חיטראָווצין קען אלעס! — האט דער באנדיט מיט א שטאָלצע מינע ערוויעדערט — און דאס וועט אייך גאָלאָווא, ניט קאָסטען איין קאָפּיקע. חיטראָווצין וויים וויא אָפּצודאנקען פאר א טובה.

— אבער וואו האט איהר דעם טימאָפּיי'ען פערשטעקט? — האט דער גאָלאָווא נעפרענט—עס קלינגען דאך אלע צייטונגען מיט אייערביידענס אנטלויפען!

— אבי אייך האט עס גאָר ניט געשאדט! — האט חיטראָווצין געענטפערט. איך האב עס אלץ פריהער אויסגערעכענט און האב געוואוסט, אז אזא תירוץ וועט איינגעהן פאר דער נאררישער וועלט. קלוגע מענשען גיעבען זיך אימער אן עצה.

— אבער נאך אמאל זאלט איהר אזעלכע זאבען ניט טהאן, — האט אלעקסעיעוו געבעטען — דאס קען ארויפציהען אויף מיר עפּעס א פערדאכט.

— אָבערמאלס וועט עס ניט פּאָרקומען, — האט חיטראָווצין געענטפערט— אבער דיעזען מאָל איז דער שפּיצעל קונציג איינגעגאנגען. אלע זאָגען, אז דער גאָלאָווא האט טאקי ניט געוואוסט פון זיינע צוויי אונבעקאנטע געסט.

— און וואס הערט זיך עפּעס מיט אייער נייעם פּריסטאוו?

— ער לעבט וויא גאט אין פראנקרייך און דאנקט אייך פאר אייער רעקאָמענדאציאָן, — האט חיטראָווצין ליעבליך ערוויעדערט — איך האב נאך אפילו מיט אייך צו ריידען וועגען זעהר א וויכטיגע זאך; נאר אזוי וויא איהר האט דאָרט געלאזען א דאמע אליין אין קאבינעט, וועל איך אייך לאנג ניט אויפהאלטען. נאט אייך דיא באָמבע און ניצט אייך זיא געזונטערהייט. אז א פּאָר קעפּ וועלען דורך איהר אראָפּפליהען, וועל איך חאַפּען א שווייג.

ער האט דעם גלאָבוס אויף אלעקסעיעווס טיש אוועקגעשטעלט און איז נאך א פריינדליכען אבשיעד פון זיין צימער ארויסגעגאנגען.

— הערר חיטראָווצין, — האט אלעקסעיעוו נאכגעשריען — איין ווייל! חיטראָווצין איז אָבערמאלס צו איהם אין צימער אריינגעגאנגען.

— און וואס הערט זיך עפּעס וועגען יענער מעשה, וואס איך וויל אָפּטהאן דער אידישער מיידעל?

— ווען ווילט איהר דיא זאך זאל געשעהן?

— חאָטש נאך היינט.

— און מאָרגען טויג עס ניט?

— איך מוז פעררייזען נאך פּעטערבורג.

— וויא הייסט יענע מיידעל?

— בערטהא מאַלליך.

— דעם אידישען מיליאָנערס טאָכטער?

— יא, הערר חיטראָווצין.

— און גאנץ מאָסקווא זאל מיט איהר קלינגען!

— אפילו דיא גאנצע וועלט.

— זיינט שוין זיכער, אז היינט געשעהט עס.

— אבער קונציג.

— אלע זשירעס וועלען זיך בעדארפען בעגראָבען פאר שאנדע.

— און זיא זאל קיין אנדער אויסוועג ניט האבען סיידען זיך אויפהיינגען.

— ווען זיא בעזיצט נור איין טראָפּען עהרע-געפיהל וועט זיא עס מוזען טהאָן! האט דער באנדיט לאַכענד איהם ערוויעדערט.

— איהר זייט א מאַלאָדיעץ, הערר חיטראָוועצין! — האט איהם זיין סאָמע-ראד געענטפערט — איהר וועט דערפאר אויך גוט בעלוינט ווערען.

— עס וועט מאָרגען זיין נייעס אין שטעדטעל! — האט חיטראָווצין מיט א טייפעלשען שמייכעל אויסגערופען און איז פון אלעקסעיעוו'ן אוועקגעגאנגען.

אלעקסעיעוו האט געציטערט אויף דער באָמבע א קוקצוטהאָן. ער האט איהר געלאָזט ליעגען אויף זיין טיש און אליין איז ער צו זלאַדייקינא'ן אריינגעגאנגען.

— נו, בעראָנעסע, — האט ער מיט א צופריעדענע מינע געזאגט — דיא באָמבע איז פערטיג — אייער בעקאנטער חיטראָוועצין האט איהר ביי מיר אויפ'ן טיש איבערגעלאָזט.

— מיין בעקאנטער? ווער האט עס אייך געזאגט, אז ער איז מיינער א בעקאנטער? — האט זיא איהם מיט א פערוואונדערטע מינע געפרעגט.

— ער אליין — האט אלעקסעיעוו מיט א טייפעלשען שמייכעל געענטפערט.

דיא קלוגע זלאַדייקינא האט אָבער פערשטאנען, אז ער וויל ביי איהר פאָר-שען וועגען חיטראָוועצינען. זיא האט גוט דעם טייפעל חיטראָוועצין געקענט, אז ער איז זעהר א פאַרזיכטיגער און וויא באלד ער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, ווער זיא איז, ווען ער איז צו אלעקסעיעוו'ן אין קאבינעט אריינגעקומען, וועט ער געוויס וועגען זיין אלטע בעקאנטשאפט מיט איהר אלעקסעיעוו'ן ניט זאָגען.

— געהט, איהר מאכט אייך נאררייש, — האט זיא אלעקסעיעוו'ן ערוויעדערט. איך האב ניעמאלס קיין חיטראָוועצינען פאר מיינע אויגען ניט געזעהן.

— זאל זיין אזוי; אבער דיא באָמבע מוז נאך היינט ליעגען אין פּאוועל אנדריאנאָווס צימער.

— וואס דען, שטעהן וועט זיא? — האט זלאַדייקינא טייפעלש געלאכט.

— אלזאָ מיין ליעבער ענגעל, — האט אלעקסעיעוו ליעבליך געזאגט — אין א גוטע שעה. קומט, איך וועל אייך דיא באָמבע איבערגעבען.

זלאַדייקינא האט זיך מוטהיג פון איהר שטעלע אויפגעהויבען און איז מיט אלעקסעיעוו'ן אינ'ם צווייטען צימער אריינגעגאנגען.

— אט איז זיא, — האט אלעקסעיעוו שטעהענד פון ווייטען איהר געזאגט.

— איהר שרעקט אייך גאָלאָווא, — האט זלאַדייקינא געלאכט — איך בין א פראָווענציטער, און זעהט נאָר וויא איך נעהם זיא גאנץ רוהיג אין האנד, און ריידע.

דיג האט זיא דרייסט דיא באָמבע פון טיש אראָפּגענומען און האט איהר געהאַלטען גאנץ גלייכגילטיג אין דיא הענד.

— אָ, וויא שווער זיא איז! — האט זיא מיט א שמייכעל אויסגערופען — איך האב זיך מורא צו זיא וועט מיר ניט איבעררייסען מיין האנד־טעשעל; אבער זאל זיך זיין וואס עס וויל זיך....

זיא האט גענומען דעם גלאָבוס און לאנגזאם אריינגעלייגט אין איהר לעדערנעם טעשעל, וועלכען זיא האט אין האנד געהאלטען.

— האלטענדיג דעם פייער־קניידעל אין דעם האנד־טעשעל — האט דיא מערדערין מיט א טייפעלישען שמייכעל געזאָגט — וועל איך נאך באלד אפּשטאטען א יונגעם מעדכען א בעזוך. עס וואלט געפּאסט, אז דיא באָמבע זאל זיך פּלוצלינג צולאכען און אונז ביידען ארויפשליידערן אויף דער לבנה.

— עפּעס א רעכטס? — האט איהר אלעקסעיעוו שמייכלענד געפרעגט.

— דאס מיידעל מיינט איהר?

— וואס דען, אז ניט דאס מיידעל? — האט אלעקסעיעוו געלאכט.

— שעהן וויא גאָלד, — האט זלאַדייקינא איהם ווייזענד איהרע ביידע ציילען צייהנדעלאך געענטפערט.

— מעג איך וויסען וויא זיא הייסט?

— דאס מוז אבער פערבלייבען א געהיימניס. דאס איז א קייזערליכע זאך.

— וויא ביי איך אין בוזים, — האט איהר אלעקסייעוו ערוויעדערט

— זיא הייסט בערטהא מאלליך, — האט דיא בעסטיע גאנץ שטיל געזאגט— איך האב דאָ עפּעס דערשמעקט א גאנצען בראטען.... זאכארין.... בערטהא מאלליך.... א מינע....

אלעקסייעוו האט זיך פערטראכט. עס איז איהם געפאלען אויפ'ן זינען, פּיעללייכט איז גאר גלייך ביי בערטהא מאלליך דעם קניידעל איבערצולאזען און פאר פּאוולען בעשטעלען ביי חיטראָווצינען אן אנדער קניידעל....

— ניין! — האט ער ביי זיך געפּאסט א בעשלוס, — דיא זאך וואס חיטראָווציין וועט בערטהא מאלליך אפּטהאן, איז ערגער וויא א באָמבע. „שאנדע“; דאס איז איינע פון דיא געפעהרליכסטע זאכען!.... דא וועלען ליידען איהרע עלטערן, דא וועלען בעליידיגט ווערען אלע זשידעס און זיא אליין וועט זיך דארפען קויפען א שטריקעל....

— געוויס וועט איהר איהר שוין אויפשפּיעלען א שעהנע חתונקע, — האט אלעקסייעוו נאך א קורצע פּויזע זיך אפּגערופען.

— איך מוז נאך פריהער אָנטאפּען דעם דופק, — האט דיא בעסטיע געלאכט — און נאכהער וועט שוין דער פולס מעהר ניט קלאפּען....

— געהט און זייט מצליח! — האט אלעקסייעוו מיט א פריינדליכע מינע געזאגט — אבער דיא באָמבע מוז היינט ביי נאכט זיין ביי פּאוולען אין צימער. עס וועלען איהם בעזוכען געסטע פון „טרעטאָע אָטדעליעניע“ און איך טאָר ניט פערבלייבען מיט א נאָז....

— איהר מעגט שוין גאַלאָווא דיא נעסטע בעיטטעלען, — האט דיא מער־דערין איהם געענטפערט — אדיע גאַלאָווא!

ביידע בעסטיעס האבען זיך נעדריקט דיא הענט און ליעבליך צוקושט און אין א ווײלע ארום איז שוין זלאַדייקינא נעווען, איבער יענער זייט טהיר.

זיא האט זיך געזעצט אויף א דראָשקע און האט זיך געהייסען פיהרען צו מאַלליך׳ס הויז אויף טווערסקאיא אוליצא.

— איז פריילײן בערטהא מאַלליך צו הויזע? — האט זיא געפרעגט דעם שווייצאר ביי דער פראָנט טהיר באלד וויא זיא איז פון דראָשקע אראָפּגענאנגען.

— אום אכט אוהר אבענדס וועט זיא זיין צו הויזע, — האט איהר דער שווייצאר רעספּעקטפאָל ערוויעדערט.

זיא האט זיך צוריק אויף דער דראָשקע אוועקגעזעצט און האט זיך געהייסען פיהרען אין האָטעל „ערמיטאזש״.

— יעצט צו אנטאָנאָוו׳ן! — האט זיא שטיל אונטער דיא צייהנער גע־ברומט — איך וועל מיך מיט איהם רעכענען פאר יענער געשיכטע הינטער דער טהיר, נאך מעהר וויא פאר דער גנבה.... אין קייטען מוז ער געהן! סיביר! קאַטערגא! איך בין מאריא זלאַדייקינא!....

45טעם קאַפּיטעל.

דער אמת פאַלט פאַרן שקר.

ווערענד מאריא זלאַדייקינא איז דא הין און צוריק אויף דער דראָשקע ארומגעפאהרען, איז דער אלטער גענעראל־גובערנאטאָר דאָלגארוקאָוו געזעסען גאַנץ אליין אין קאבינעט פון זיין קאנצעלאריע. זיין עדלעס, מילדעס געזיכט און זיינע פריינדליכע אויגען, וועלכע דריקען אויס מענשען־פריינדשאפט זיינען געווען געווענדעט צו א ביט־שריפט, וועלכער איז אויף זיין טיש געלעגען און פון אויבען איז געווען אנגעשריעבען מיט גרויסע בוכשטאבען „פּראָשעניע״ (ביט־שריפט). דיעזע פּראָשעניע האט ער נור וואס אלס א פּריוואט בריעף פון דער פּאָסט ערהאלטען און דארום האט איהם זיין סעקרעטאר גענעראל איסטאָמין׳ ניט אויפגעעפענט אָן דיא פּראָשעניע איז גלייך צום גענעראל גובערנאטאר אין האנד אנגעקומען. דער אלטער איז געזעסען עטוואס געביינט צום טיש, אויף זיין נאָז איז געווען אנ־געצויגען גאלדענע ברילען און ער האט לאנגזאם געלעזען פאָלגענדעס:

„גנעדיגער גענעראל גובערנאטאר! אָבוואָהל דיעזע פּראָשעניע איז בריעפ־ארטיג צו אייך געשריעבען, אבוואָהל עס איז ניט צוגעקלעפּט צו איהר א צווײ־רובעלדיגע מארקע, דאָך בין איך געשטיצט אויף אייער עדעלקייט, ליעבער גענע־ראל־גובערנאטאָר, אז מיין פּראָשעניע וועט פון אייך געלעזען ווערען. זיא איז גע־שריעבען מיט דער האנד פון אן אכצעהן־יעהריגעס אונגליקליכעס מעדכען וואס איהר אבשטאמונג פון דעם אידישען נאציאָן; לאזט איהר אויף דער פרייהער וועלט ניט ארויסגעהן. איך בין א טאכטער פון עדעלע, רייכע עלטערן וועלכע זיינען צוליעב פיעלע אומשטענדע פעראָרעמט געוואָרען. מיין פאטער געפינט זיך היער אין א

דול.הויז און איך מיט מיין מוטער לאַטען אלטע קליידער אין א פינסטערען קעלער. אליין האב איך בעענדיגט א גימנאזיום; מבינים אין דער מוזיק זאָגען, אז איך בין א גוטע פּיאנאָ־שפּיעלערין. איך בעזיץ אויך א גוטע שטימע; אבער דאס איז א זייטיגע זאך. דען קוים דאס ניט מיר ניט דאס רעכט צו וואוינען אין מאסקווא לעבן מיין קראנקען פאטער, בין איך צופריעדען אויך לאַטען אלטע קליידער און וואוינען אין דער פינסטער, נור איך זאל קענען חאָטש איינמאָל אין דער וואָך א קוק טהאן אויף מיין ליעבען פאטער, וועלכער איז געפעהרליך קראנק. אבער גאָט האט מיך גאָר געשטראָפט נאך מיט אכצעהן יאהר צוריק, אז לאַטען אלטע קליי־דער זאל מיר אויך גאר ניט העלפע, חאָטש דאס איז אן ארבייט און א אידיש קינד מעג דאריבער וואוינען אין גאנץ רוסלאנד. צום אונגליק זאָגט דער פּריס־טאוו, אז איך בעזיץ א שעהן געזיכט און דאס איז אויך א חסרון....״

— אָי! — האט דאָלגאָרוקאָוו אויסער זיך אויסגעשריען און האט מיט זיין גאנצען קערפּער א ציטער געטהאן.

ער האט זיך צום פּאַפּיר וויעדער צוגעבייגט און וייטער געלעזען:

„ער האט מיך מיט מיין מוטער מיט א פּאר טאג צוריק געלאַדען אין אוטשאסטאָק דורך א שיכורן אקאָלאָדאָטשני. דער אקאָלאָדאטשני האט מיך אזוי בעהאַנדעלט, דאס איך האב געמוזט קעמפּפען פיר מיין עהרע מיט א פּרעס־אייזען. איך האב געדיינקט, אז דערמיט איז שוין דיא זאך געענדיגט; אבער ניין, איך בין דעם פּריסטאוו נאך מעהר געפעהלען געוואָרען און ער האט מיר געמאַכט אזעלכע קאָמפּלימענטען; דאס מיין הערץ האט געפּליסט בלוט״.

— שורקע! — האט דֿער אלטער אויסגעשריען און האט באלד וייטער אין דער פּראָשעניע געלעזען:

„ער האט געשפּיעלט מיט מיר א פּאָליטיקע און ער האט מיר צוריק אָפּ־גענעבען מיין פּאַספּאָרט. איך האב געדיינקט באלד זיין אוטשאַסטאָק צו פערלאָזען און מיטהען א וואוינונג פאר מיר מיט מיין מוטער אין אן אנדער קווארטאל; אבער דער פּריסטאוו האט מיר נאכגעשיקט געהיימע שפּיאָנען און באלד וויא איך האב מיר דיא וואוינונג געדונגען און האב געוואָלט פון קעלער ארויסציהען, האט מיך דער פּריסטאוו בעזוכט. איך האב געמאכט א לאַרעם און דאס האט מיך גערעטעט....״

דער אַלטער גענעראַל גובערנאטאָר האט פערבראָכען מיט ביידע הענד. זיין געזיכט איז בלאַס געוואָרען וויא זיין קראַגען און ער אין האַסטיג מיט דער פּראָ־שעניע אין דער האַנד פון זיי, שטעלע אָפּגעשפּרונגען.

ער האט אין דער פּראָשעניע נאך א מאל א קוק געטהאן און איז צוגעלאָפען צום טעלעפאָן.

ער האט א קלונג געטהאן און א קלונג האט איהם באלד ערוויעדערט.

— זייט איהר דער נייער פּריסטאוו יורקאָווסקי? — האט ער אין דער־רעהרעל געפרעגט — איך בין דאָלגאָרוקאָוו.

— דער הערר פריסטאוו איז יעצט אין אוטשאסטאק ניטא, אייער דורכ-לויכט! — האט ער בעקומען אן אנטוואָרט — איך בין זיין סעקרעטאר אנדריי.

— וואו איז ער?

— ער איז צוליעב א וויכטיגע זאך אוועקגעגאנגען.

— שיקט מיר אהער זאָפאָרט דאס מעדכען חייקא פראנק מיט איהר מוטער!

— טאקי צו יענער מיידעל איז ער אוועקגעגאנגען — האט ער בעקומען אן אנטוואָרט.

— וואצו איז ער אהין געגאנגען?

— ער האט דערטאפט א גאנצע אידישע שייקע פאלשע מינצען־מאכער און עס איז פאראן א גרויסער פערדאכט אז דאס מיידעל מיט איהר מוטער שטעהען אן דער שפיצע פון דיעזער שייקע....

דער אלטער האט א ציטער געטהאן.

— מען קען קיין זאך ניט וויסען, — האט ער זיך געטראכט — נור וואס האב איך איהם געהלטען פאר א געמיינעם שורקע און עס איז גאר מעגליך, אז דאס איז פארקעהרט.

— שיקט זאָפאָרט אן אקאָלאָדאָטשני צו דאס מעדכען, און דער פריסטאוו מיט איהר און מיט איהר מוטער מוזען גלייך קומען צו מיר אין קאנצעלאריע, — האט דער גענעראל גובערנאטאר בעפוילען.

— סלושאיו'ס וואשע סיאטעלסטוואָ!

אין דער גרויסער קאנצעלאריע איז אין דער זעלבער ווילע אריינגעגאנגען אונזער בעקאנטער אברהם שטיין און איז צוגעגאנגען צו א יונגען טשינאוויק, וועלכער איז געזעסען ביי א קליין טישעל אין א ווינקעל און האט געשריעבען אין א גרויסען בוך.

— אָ, הערר שטוין! — האט דער טשינאָוניקל איהם דערזעהענדיג אויס-גערופען — וואס מאכט איהר? האט איהר עפעס פאר מיר א שטיקעל ארבייט?

— א ווערטעל....

— א פינפעריל....

— אָט איז א צעהנערל — האט שטיין גאנץ שטיל געזאגט און זייערעביידענס הענד האבען זיך אונטער דעם טיש אויף א קליינע ווילע צוגעהעפט...

— נו וואס? — האט דער טשינאָווניקל געפרעגט.

— איז איסטאָמין אין קאנצעלאריע?

— דארפט איהר אז ער זאל זיין אדער ניט זיין?

— איך דארף אז ער זאל ניט זיין.

— וואס טהוט מען אבער אז ער איז יא דא?

— נו, האב איך ניט געטראָפען.

— נו, און מכח נאך א פינפערל?

— אפילו א צעהנערל, אבי ער זאל ניט זיין....

— אָפגעמאכט.

— אַט איז שוין דיא מטבע....

—ביידענס הענד האבען זיך ווידער אונטערן טיש בעגעגענט. דער משי־
נאוויקל האט זיך אויפגעהויבען און איז אריינגעגאנגען אין א צימער און שטיין
איז פון קאנצעלאריע ארויסגעגאנגען.

— זאָל ער מיך אָפּנארען דער שורקע? — האט זיך שטיין געטראכט
שטעהענדיג ביי א פינף מינוט אויפ'ן טראטואר נעגען גענעראל־גובערנאטאָרס
קאַנצעלאריע.

דיא טהיר האט זיך באלד אויפגעמאכט און שטיין האט מיט איבערראשונג
דערזעהן, אז איסמאָמין לויפט ארויס אויפ'ן גאַס וויא געיאָגט פון טויזענד מלאכי־
חבלה.

— לעבען זאָלסט דוא רוסלאנד מיט דיינע טשינאָווניקעס! — האט שטיין
מיט פרייד זיך געטראכט און ער איז באלד פערשוואונדען.

— גאָט זאָל אייך מצליח זיין! — האט שטיין געזאגט צו צוויי רייב־געקליי־
דעטע מענשען, וועלכע זיינען געשטאנען לעבען א. שעהנעם עקיפאזש אם ענדע
טשערקאסקי פערעאולאָק — אונזער פאָלק זאל אויפבליהען און לעבען וויא ער
האט א מאָל געלעבט....

ביידע עלעגאנט געקליידעטע מענער האבען זיך אין עקיפאזש אריינגעזעצט.
דיא פערד האבען זיך א לאז געטהאן א גאַלאָפּ און דער עקיפאזש האט זיך לעבען
גענעראל גובערנאטאר'ס קאנצעלאריע אָפּגעשטעלט.

— אין א גליקליכע מזל'דיגע שעה! — האט שטיין שארף ארויסגערעדט דער־
זעהענדיג פון דער ווייטענס וויא ביידע מענשען געהען אריין אין קאַנצעלאריע.—

— אָ, וויא נייגיעריג איך בין שוין צו וויסען וואס איז דא עפּעס מיט דאס
מעדכען און מיט דעם נייעם פריסטאוו! — האט דער אלטער דאלגאָרוקאָוו צו
זיך אליין גערעדט זיצענדיג ביי זיין שרייב־טיש און קוקענדיג אלץ אין דער
וועלבער פראָשעניע — אלעקסייעוו אליין האט דאָך איהם אלס פריסטאוו רעקאָ־
מענדירט. זאל ער זיין אזא טויגעניכטס?

דער אלטער האט פלוצלינג א שמייכעל געטהאן.

— און וואס איז אלעקסייעוו אליין? — האט ער זיך א קלעהר געטהאן —
איז ער דען ניט א געמיינער שורקע? איז ער א קליינער רכילות טרייבער? א
קליינער אינטריגאנט, פערליימדער און שמייכלער? ער חנפ'עט זיך דאָך וויא א
הונד צום מאָנארך און ער פערדולט איהם זיין קליין קעפּעלע מיט אלערליי
רכילות אויף אידען, און וואס האבען דען איהם אידען געטהאן? זיין גרויסער
זאָל געשעפט און זיין גאנצע פאבריקאציאָן פון וועלכע ער האט ערוואָרבען מיל־
ליאָנען, האבען דאך אידען מיט זייער שוויס און בלוט איהם געגרינדעט! אהן
אידען קען דאָך א רוסע איין שריט אין האנדעל ניט מאַכען. זיי זיינען ווירקליך
אין דער גאנצער וועלט דיא הויפט געשעפטס־פיהרער און וועהרענד פראנקרייך,
ענגלאנד און אנדערע לענדער אכטען אידען פאר זייער פלייס און טהעטיגקייט
אין האנדעל און געשעפט פיהרונג, פערפאָלגט מען זיי נאר דערפאר אין אונזער

רוסלאנד! און פאר וואס? פאר דעם וואס זיי בעזיצען א גלייכען שכל און זיינען פיעל ענטוויקעלטער פאר דיא רוסען! לעהרענט אייך קינדערלאך שכל, פיהרט אן עהרליכען פאמיליען לעבען, טרינקט ניט, הולטייעט ניט און לעבט שפּארזאם וויא דיעזער פאָלק לעבט וועט איהר אויך זיין קלוגע מענשען—

א קלאפּ אין טהיר האט דעם אלטען איבערראשט. עס איז אריין אין זיין קאבינעט א טשינאווניק און האט איהם געמעלדעט, אז דיא צוויי אידישע מיל־ליאָנערען, פּאָליאקאָוו און מאלליך גריסען איהם הערצליך.

דעם אלטענס געזיכט האט אנגענומען א מילדען אויסדרוק. נאך זיינעם א ווינק איז דער טשינאָווניק ארויסגעגאנגען. דער אלטער איז פון זיין שטוהל אויפ־געשטאנען און איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו דער טהיר. ער האט איהר אליין אויפ־געמאכט און האט זיך געשטעלט אויפ'ן שוועל.

— זייט מיר ווילקאָמען, טהייערע געסט! — האט ער מיט א פריינדליכע שטימע געזאגט.

ביידע מילליאָנערען זיינען צו איהם צוגעגאנגען און האבען זיך טיעף פער־נייגט און דאָלגאָרוקאָוו האט זיי ביידען געררייכט זיינע ביידע הענד.

ער האט זיי באלד אין זיין קאבינעט אריינגעפיהרט און האט זיי געבעטען זיצען.

זיי האבען זיך נאך א העפליכען פערניינען אוועקגעזעצט און דער אלטער האט זיך געזעצט ביי זיין שרייב־טיש זיי ענטגעגען.

— עס פרעהט אונז זעהר צו זעהן אייער דורכלויכט פריש און מונטער! — האט פּאליאקאָוו ליעבליך געזאגט.

— געבע גאָט, — האט זיך מאלליך אָפּגערופען — דאס מיר זאלען פייערען מיט פריידע אייער הונדערט־יעהריגען יובעלעאום און מיר זאלען אייך דאמאלס אויך אזוי זעהן פריש, געזונד און לעבהאפט.

— איך דאנק אייך פאר אייער זעגען וויא פאר אייער בעזוך, — האט זיי דאלגאָרוקאָוו זיך לייכט פערנייגענד ערווידערט.

— פאר אייער געזונד, — האט פּאליאקאָוו ווייטער גערעדט — בעטען מיר גאָט טאג טעגליך אין אונזערע אלע געבעט־הייזער.

— און אזוי וועלען מיר ווייטער בעטען אין אונזער נייעם טעמפּעל, — האט מאלליך צוגעלייגט.

— וועגען אייער נייעם טעמפּעל וויל איך אייך טאקי עפּעס פרעגען, — האט דאָלגאָרוקאָוו ליעבליך געזאגט און איז א ווײלע שטיל געבליעבען.

— און צוליעב דעם טאקי האבען מיר זיך גענומען דיא עהרע אייער דורכ־לויכט צו בעזוכען — האט פּאָליאקאָוו פארטגעזעצט.

— איך מיין אייך צו פרעגען אויב איהר האט שוין דעם פּלאן שריפטליך? — האט דאלגארוקאָוו געזאגט.

— מיר האבען איהם טאקע מיט זיך, — האט זיך מאלליך אפּגערופען.
— קעז איך דעם פּלאן זעהן.

— דאס מאכט אונז עהרע — האט פאליאקאוו געענטפערט און האט פון זיין בוזים-טאש א דיקען ווייסען פאפיער ארויסגעצויגען.

דער גענעראל גובערנאטאר האט דיא צייכנונג אויפ'ן פאפיער בעטראכט.

— א שעהנע געביידע, א פראכט! — האט ער ענטציקט אויסגערופען.

— און מיר פערהאפען, אז אונזער גענעראל גובערנאטאר וועט נאך א מאל אונזער טעמפעל בעזוכען, — האט מאלליך פאליטיש זיך אויסגעדריקט.

— מיט'ן בעסטען פערגניגען, — האט דער אלטער פריינדליך ערוויעדערט — ווען דענקט איהר צו האבען דעם טעמפעל פערטיג?

— עס פעהלט אונז נאך דיא הויפט זאכע — האט פאליאקאוו מיט א לייבטען שמייכעל געזאגט — און מיר פערהאפען, אז מיט איין שטריך פון אונזער גענעראל גובערנאטאר'ס פעדער וועט דיא גאנצע געביידע אויפגעבויט ווערען.

— א, גוט וואס איהר האט מיך עראינערט! — האט דער אלטער אויסגערופען — איך האב מיך געענצליך אין אייער ביטשריפט פערגעסען. איך האב אבער מיין סעקרעטאר איסטאמינען אנגעזאגט, אז ער זאל מיר וועגען דער ערלויבניס דערמאנען; אבער וויא מיר שיינט האט ער אויך פערגעסען.

— אייער דורכלויכט! — האט פאליאקאוו מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — נור איהר זייט דער איינציגער יודען-פריינד אין מאסקווא און דאס איז שוין פאר אונז גענוג.... מיר פערהאפען ארויסצוגעהן פון אייער קאבינעט מיט דעם גליקליכען געדאנק, אז דיא אידישע געמיינדע אין מאסקווא האט א טעמפעל. מיר זיינען פון אונזער היילינגען געזעץ-געבער פערבאטען צו שטעלען וועלכעס בילד אדער סטאטוע אין א געטליכעס הויז; אבער אייער בילד, עדלער קניאז וועט פערבלייבען אויסגעקריצט מיט געטליכע בוכשטאבען אויף דיא טאפלען פון אונזערע הערצער און נאט פון ישראל וועט אייך דאפיר זעגנען.

— וואו דענקט איהר דעם טעמפעל צו בויען?

— אין ספאסאגאלאניטשעסקי פערעאולאק, וואו אידען האבען זייער אלטע געבעטסהויז און זייער ארבייטס אנשטאלט פיר ארימע קינדער, וועלכער טראגט דעם נאמען פון אונזער פערשטארבענעם מאנארך.

— איז אין יענעם פערעאולאק ניטא קיין צערקאוו וואס זאל קענען רייצען אלעקסייעוו'ן און דיא איבעריגע פרומע רוסען?....

— פוןביידע זייטען גיבט עס ניט קיין איין קירכע ביז „סאליאנקא" — האט איהם מאלליך ערוויעדערט.

— גוט! האט דאלגארוקאוו אויסגערופען.

דער גענעראל גובערנאטאר האט דעם געצייכענטען פלאן אויף זיין טיש אויסגעלעגט. ער האט איינגעטונקט דיא פעדער און האט אונטערן פלאן אונטערגעשריבען דאלגארוקאוו און האט צוגעלייגט זיין רעגיערונגס זיעגעל.

פאליאקאוו מיט מאלליך'ן האבען זיך פון זייערע שטוהלען אויפגעהויבען און נאך א טיעפען פערניינונג, האבען זיי דעם אלטען געדאנקט און געזעגענט.

— מאכט ניט וועגען דעם טעמפעל קיין איבעריגען לארעם, — האט דאל-

קאָוו מיט א פריינדליכע שטימע געזאגט — אייערע פיינדע זיינען שטארק געווארן יעצט. דער טעמפּעל דאַרף גאנץ רוהיג געבויט ווערען.

— אפילו איסטאָמין וועט עס ביי אונז אויך ניט וויסען, — האט מאללליך פּאָליטיש געענטפערט — און אלעקסייעוו געוויס ניט....

— און אזוי דאַרף עס פּאָרלויפיג זיין, — האט דאָלגאָראָוו מיט א קלוגען שמייכעל איהם ערוויעדערט.

ער האט א לייכטען מאך געטהאן מיט דער רעכטער האנד און ביידע אידישע מיללליאָנערען זיינען נאך א פריינדליכען אבשיעד פון זיין קאבינעט ארויסגעגאנגען.

— וואס הערט זיך? — האט זיי שטיין ביי'ם ארויסגעהן געפרעגט.

— אין קעשענע! — האט איהם פאליאקאוו מיט א שמייכעל געענטפערט.

שטיין האט א שפּרונג געטהאן פאר פרייד און האט זיך באלד אויף א דראָשקע ארויפגעחאפּט.

דער אלטער גענעראל גוּבערנאטאר איז מיט א צופריעדענע מינע געבליעבען זיצען אויף זיין שטעלע נאכדעם וויא ביידע אידישע מיללליאָנערען זיינען פון זיין קאבינעט ארויסגעגאנגען. ער האט געוואוסט, אז ער האט דא יעצט אפּגעטהאן א גוטע זאך, און צו טהאן גוטעס פלעגט זיך אימער דאלגאָרוקאָוו פרייען. אויסער דעם האט ער געוואוסט, אז ער האט דערמיט אלעקסייעוו'ן געגעבען א פּאטש אין פּנים. ווען אידען וועלען האבען אין מאסקווא א טעמפּעל וועט עס איהם קרענקען ביז צום טויט, און דאס האט דער אלטער געוואָלט. ער איז פון יוגענד אָן געווען א ליבעראלער מענש און האט קיינמאל ניט געהאט קיין פאָראורטהייל געגען וועלכע נאציאָן, און מיט אידען האט ער בעזאָנדערס סימפּאטיזירט פאר זייערע גוטע אייגענשאפטען, וואס זיי בעזיצען געשליפענע קעפּ און טויגען צו יעדע זאך אין דער וועלט, און אזוי וויא ער האט געקענט אלעקסייעוו'ן פאר א שרעקליכען יעזואיט און האט געוואוסט, אז ער איז איינער פון דיא גרעסטע אינטריגאנטען, רכילות טרייבער און שמייכלער, האט דעם אלטען הנאה געטהאן וואס אלעקסייעוו'ן וועט ערגערן צו זעהן, אז זיינע פערהאסטע אידען האבען אין מאסקווא א שעהנעם געבעט־הויז.

פּלוצלינג האט ער דערהערט א לייכטען קלאפּען אין דער טהיר. עס איז באלד אריינגעלאפען א טשינאווניק אין זיין קאבינעט און האט איהם געמעלדעט, אז דער פּריסטאוו יורקאוופקי איז געקומען אין קאנצעלאריע.

— פיהר איהם אריין! — האט דער אלטער בעפוילען.

אין צוויי מינוט ארום איז אונזער בעקאנטער פיליפּאָוו געשטאנען פאר דעם אלטען קניאז דאלגאָרוקאָוו מיט ציטערענדע קניע.

— זייט איהר דער נייער פּריסטאָוו יורקאָווסקי? — האט איהם דער אלטער מיט א שטרייגגען טאָן געפרעגט.

— טאק טאָטשנאָ'ס, וואשע סעיאטעלסטוואָ.

— קענט איהר דאס מערבען חייקא פראנק?

— מאַק מאַטשנאָ'ס, וואשע....

— וואו איז זיא?

— זיא איז פערשוואונדען.

— פערשוואונדען?

— יאָ, אייער דורכלויכט, זא קוים זיא האט ערפאהרען אז זיא און איהר מוטער שטעהען אין געפאהר, זיינען זיי ביידע פערשוואונדען.

דאָלגאָרוקאָוו האט איהם געקוקט גלייך אין די אויגען און האט זיך גע־צוואונגען צו לעזען וואס טהוט זיך ביי איהם אין הארצען.

— אין געפאהר צוליעב איהר עהרע.... — האט דאָלגאָרוקאָוו האלב גיפטיג און האלב ספּאָטיש געברומט און האט שטרענג דעם פריסטאַוו אָנגעקוקט.

דעם פריסטאַוו'ס געזיכט אָבער האט זיך גאָר ניט אומגעענדערט. עס איז גאָר ניט געווען צו בעמערקען אויף זיין פרעכע צורת איין אויסדרוק פון שרעק אָדער פערלעגענהייט.

— איז מיר ערלויבט צו זאגען אז איך פערשטעה ניט אום וואס דאָ געהט?— האט יורקאָווסקי איהם געפרעגט.

— ווייסט איהר ווירקליך ניט אום וואָס דא געהט?

דער פריסטאַוו האט זיך דריי מאל איבערגעצלמט און אויפגעהייבען זיינע ביידע הענד צום פּאָלאָפּ.

— האט זיך דאָס מעדבען תייקא פראנק ניט פערטהיידינט פון אייך פאר איהר עהרע?

— אָ, גאָט! — האט פיליפּאָוו מיט א זיפץ אויסגעשריען, — וואס איז דאס פאר א בעשולדיגונג?

— וואו איז חייקא פראנק? — האט דער אלטער אויף דאס ניי געפרעגט און האט פון איהם ניט אראָפּגעלאָזען זיינע שטרייגנע און דורכדרינגענדע בליקען.

— זיא מיט איהר מוטער זיינען אנטלאָפען נאכהער וויא זיי איז געוואָרען געוואוסט, אז איך האב דערטאפּט א גאנצע שייקע פון פאלשע מינצען־מאבער.

— ווארום זיינען זיי אנטלאָפען?

— ווייל דיא מוטער מיט איהר טאָכטער זיינען געשטאנען אן דער שפּיצע פון יענער אידישער שייקע!

— איז דאס מעגליך?

— וויא יעצט איז טאָג אויף דער וועלט, — האט יורקאָווסקי געלאסען ער־קלעהרט, — זיי האבען מיט פליים געוואוינט אין א פינסטערן אָבגעלעגטען קעלער און דארט פלעגט זיך דיא שייקע פערזאמלען.

— דערצעהלט מיר דיא גאנצע געשיכטע פון אָנפאנג ביז אם ענדע! — האט איהם דאָלגאָרוקאָוו בעפוילען.

— נאך איידער איך בין געוואָרען א פריסטאַוו, — האט יורקאָווסקי רוהיג אנגעפערט — האב איך געהאט א פערדאכט אויף איינינע אידען אין זאראדיע

אז זיי בעשעפטיגען זיך מיט פאלשע קופּאָנען און אסיגנאציעס. דער פערדראנט האט געשטאמט פון דעם וואס מיך אליין האט א איד בעטראָגען און האט מיר געגעבן אין א סומע פון 9 רובל איין פאלשען קופּאָן און צוויי פאלשע רובל פּאַפּי־רען. איך האב מיך געמאכט ניט וויסענדיג און האב אנגעהויבען יענעם אידען נאָכצושפּיערען. איך האב בעמערקט איין מאָל געגען אבענד וויא דער בעטריגער מיט נאך צוויי קאָמעראדען געהען אריין אין א קעלער פון וואנען זיי זיינען אין צוויי שטונדען ארום צוריק ארויסגעגאנגען. אונטער דעסען בין איך געוואָרען פּריסטאוו אין גאָראָדסקאָי אוטשאסטאָק און איך האב געלאדען חייקא פראנק מיט איהר מוטער צו מיר אין אוטשאסטאָק. איך האב געוואוסט, אז זיי וואוינעןביידע אין יענעם קעלער און איך האב דא געוואלט דערגעהן עפּעס וועגען דאס פאלש געלט. דאס מעדכען וועלכע איז געוואוינט געווען דעם געוועזענעם פּריסטאוו צו בעשטעכען (געבען שוחד) האט מיר אין דער האנד אריינגערוקט איינינע קופּאָנען. איך האב זיי מיט פּלייס צוגענומען און צו מיין ערשטוינונג איז איין צוויי רובעלדיגער קופּאָן געווען א פאַלשער.

— אז דוא ביזט שוין יא אזוי פרעך, מיין קינד — האב איך זיך געטראכט — מוז איך דיא זאך גוט דערגעהן. איך אליין האב אנגעהויבען ארומצוגעהן גאנצע שטונדען ארום קעלער און איך האב נאך אמאל געזעהן ביידע אידען אהין ארייג־געהענדיג. דאס איז געווען היינט אום צעהן אוהר מאָרגענס. אום עלף אוהר האב איך געמאכט א שטרייגנע אונטערזוכונג ביי ביידע אידען אין דיא וואוינונגען און איך האב דערטאפּט גאנצע דריי טויזענד רובל פאלשעס געלט. איך האב זיי באלד אין דער שטיל ארעטירט און איך בין גלייך אוועקגעגאנגען צו מאכען אן אונטער־זוכונג ביי דאס מעדכען אין קעלער; אבער צו מיין ערשטוינען האב איך זיי ביידע מעהר ניט געפונען, און וועהרענד איך האב אויפגעבראָכען דעם שלאָס און בין אריינגעגאנגען אין קעלער צו מאכען דיא אונטערזוכונג, איז געקומען אן אָקאָלאָ־דאָטשני און האט מיך אוועקגערופען צו אייך דורכלויכט.

— וואו זיינען ביידע אידען? — האט דער אלטער שוין מיט אן ערוויכטע שטימע איהם געפרעגט.

זיי זיצען פערשפּארט ביי מיר אין אוטשאסטאָק און דיא זאך איז שוין גע־מעלדעט אָפּענבאכען.

— וויא הייסען זיי?

— איינער הייסט ראָזענבלאט און דער צווייטער זאלקינד און נאך איינינע זיינען פערדעכטיג.

— און וואו איז דאָס געלט?

— טאקי ביי אָפּענבאכען, אייער דורכלויכט!

— און ביי דאס מעדכען פראנק אין קעלער האט איהר גאר ניט געפונען?

— דער קעלער איז בעוואכט; אָבער דיא אונטערזוכונג איז נאך ניט געווען, חייל איך האב מיך געאיילט צו ערפיהלען אייער בעפעהל.

דער אלטער האט זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען און האט צוגעטרעטען

צום טעלעפאָן. נאָך זיינעם א וואונק איז דער פּריסטאַוו אויך צום אַפּאַראַט צוגע־ גאַנגען.

— טעלעפאָנירט אין אייער אוטשאַסטאָק, אַז מען זאָל באַלד שטריינג אונ־ טערזוכען דיא וואוינונג פון חייקא פראַנק מיט איהר מוטער, — האָט איהם דאָל־ גאָרוקאָוו בעפוילען.

— אָט דאָ וועט באַלד זיין א חתונקע! — האָט זיך יורקאָווסקי געקלערט — אָן איינשפּאַרער איז בעסער וויא א פערברעכער. פינף הונדערט רובל וואָס איך האָב אָפּגעשפּאַרט פון דאָס פאַלשעס געלט, וועלכע איך האָב געפונען ביי דיא ביידע אידען, ליגען דאָך ביי חייקאַ׳ן צוקאָפּען!

יורקאָווסקי האָט צוגעלעגט זיינע וואַמפּיר־ליפּען צום רעהרעל און האָט טע־ לעפאָנירט.

— סלושאיעם׳ס! — האָט זיך געהערט אין אַנטוואָרט.

— וויא קומט עס וואָס דאָס מעדכען מיט איהר מוטער זיינען אַזוי גיך פער־ שוואונדען? — האָט דאָלגאָרוקאָוו געפרעגט יורקאָווסקין זיך צוריק זעצענד אויף זיין שטוהל — איהר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איהר האָט אַרעסטירט ביידע אידען אין דער שטיל?

— יעדער גנב איז קלוג אויף זיין זאַך, — האָט איהם פיליפּאָוו ערוויעדערט — זיי האָבען דאָ געוויס עפּעס דערשמעקט, און איך מוז געשטעהן, אַז איך האָב דאָ געהאַנדעלט אַביסעל אונפּראַקטיש? איך האָב בעדאַרפט זייער קעלער בעוואַ־ כען נאָך איידער איך האָב געמאַכט דיא אונטערזוכונג ביי ביידע אידען.

— און נאָך מיינער מיינונג האָט איהר בעדאַרפט אַלע דריי אונטערזוכונגען מאַכען אין איין צייט — האָט איהם דאָלגאָרוקאָוו מיט א מינע פון א פּאָרוואורף געזאָגט — דיא פּאָליציי האָט גענוג בעדיענטע.

— ווינאָוואַט, אייער דורכלויכט! — האָט פיליפּאָוו זיך אַוועקשטעלענד אויף דיא קניע אויסגעשריען — ניי איז ניט אַלט, באַטיושקאַ — איך בין אין גאַנצען א פּריסטאַוו נור איינינע טעג.

נאָך דאָלגאָרוקאָווס א ווינק האָט זיך יורקאָווסקי פון באָדען אויפגעהויבען.

און אין איינינע מינוטען אַרום האָט זיך געהערט א קלונג אין׳ם טעלעפאָן.

דער אַלטער האָט זיך האַסטיג פון זיין שטעלע אויפגעהויבען און איז צום אַפּאַראַט צוגעגאַנגען.

— פון׳ם גאָראָדסקאָי אוטשאַסטאָק! — האָט זיך געהערט א שטימע אין רעהרעל.

— וואָס האָט זיך נאָך דער אונטערזוכונג אויסגעוויזען? — האָט דאָלגאָר־ קאָוו נייגיעריג געפרעגט.

— פינף הונדערט רובל קופּאָנען אונטער א קישען.

— גענוג! — האָט דאָלגאָרוקאָוו אויסגעשריען און איז צו יורקאָווסקין צוגע־ גאַנגען.

יורקאָווסקי'ס געזיכט האט אנגענומען א טרויעריגע מינע וויא פון א בעליי־דיגטען מענשען פאר גאָר נישט.

— ענטשולדיגט מיר, הערר פריסטאוו! — האט דאָלגאָרוקאָוו צו איהם ליעבליך געזאגט — ענטשולדיגט מיר וואס איך האב אייך אויפגעהאלטען און אייך געשטעלט איינינע פראגען. איהר מעגט פון יעצט אן ערווארטען מיין ערגעבענהייט צו אייך. איך זעה אז איהר זייט א פעהיגער מענש.

פיליפאָוו האט זיך צוגעבויגען און האט א קוש געטהאן דעם אלטענס פאָלע.

דאָלגאָרוקאָוו האט א מאך געטהאן מיט דער האנד און יורקאָווסקי איז נאך א טיפען פערנייגען פון זיין קאבינעט הינטער זיך ארויסגעגאנגען.

— טפוי! — האט דער אלטער ערגערליך א שפיי געטהאן — אן ארעמעס מעדכען דוכט זיך. זיא האט געבאך ניט אויף א מארקע פאר דער פראָשעניע, און פינף הונדערט רובל אונטער איהר צוקאָפּענס! זאל עס שוין זיין ניט קיין פאלש געלד; אבער וויא אזוי איז מען עס אזוי פרעך, אזוי אונפערשעהמט?

ער האט א כאפּ געטהאן דיא פראָשעניע און האט איהר וויטהענד צוריסען אויף קליינע שטיקלאך.

דוא האסט רעכט, עדלער קניאז דאָלגאָרוקאָוו! יעדער געפיהלפאלער מענש אויף דיין שטעלע וואלט אויך אזוי געטהאן; אבער א רעגיערונג וועלכע האט אלכסנדר דעם דריטען פאר א הערשער, פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן פאר א מיניסטער, סאָבאקאָוו'ן פאר א גענעראל אין טרעטאָיע אָטדעלעניע, פעליקס'ן פאר א דאָקטאָר אין'ם האָספיטאל פון אסטראָג, מאריא זלאָדייקינא'ן, מערזאָוויצ'ן, שורקין און וויאט־קינען פאר וועכטער פון דער קרוין, אלעקסייעוו'ן פאר א גאָלאָווא, איסטאָמינען פאר א פיהרער אין גענעראל גובערנאטאָרס קאנצעלאריע, חיטראָווצינען און טימאָ־פייען פאר עהרליכע בירגער, איוואנאָוו'ן מיט פיליפאָוו'ן פאר פריסטאווס און פאסטוחאָוו'ן פאר א מאָראל־לעהרער און פאָרשטעהער פון דער רוסישער פרעסע — אין אזא בלוטיגע רעגיערונג מוז זאכארין ליגען אין א קאנאָז, גאָלדבוים מיט גרינ־בערג'ן און וואסילי פעטראָוו שמאכטען אין געפענגניס, שרה פיינשטיין בעדארף זיין פערשטעקט אין א לאָך, בערטהא מאלליך שטעהן אין געפאהר, מאריא אנ־דריאנאָווא מיט איהרע קינדער מוזען הייננען אויף א האָר איבער א טיפען אבגרונד, דער אונשולדיגער אנטאָנאָוו, דער ווירטה פון „ערמיטאזש" מוז צאהלען אכט און צוואנציג טויזענד רובל קאראָבקע־געלד און חנה מיט חייקא פראנק מוזען בעטראָכ־טעט ווערען פאר מאכערקעס פון פאלשע קופּאָנען!

46טעס קאפּיטעל.

דיא אונגליקליכע עלטערן.

דער וואהנזיניגער בנימין פראנק, וועלכער געפינט זיך יעצט אין דאָקטאָר וואסיליעווס האָספּיטאל און זיין פערפאָלגטע וויב און טאָכטער זיינען פעשוואונדען איז אמאל געוועזן איינער פון דיא שעהנסטע און פאָרנעהמסטע אידען אין ווילנא. זיין וויב חנה האט איהם געבאָרען א טאָכטער, וועלכע זיי האבען א נאָמען גע־

עבען שפרה. זיא איז ביי זיי ערצויגען געוואָרען אין פרומקייט און איז געווען א
ות יחידה ביז איהר צעהן יעהריגען אלטער. אלס שפרה איז זעבצעהן יאָהר אלט
געווען, האבען דיא ווילנער שדכנים שוין זייט א פּאָר יאהר איהר געהאט גערעדט
זרוכים מיט רבנישע קינדער און מיט דיא גרעסטע מופלגים; אבער איהר פאָטער
אט איהר געהאט נעטהינג צום געשעפט, דארום האט איהר אזוי גיך ניט געוואָלט
חתונה מאכען. ער האט געוואלט, אז זיין צווייטע טאָכטער חייקא זאל אביסעל
ונטערוואקסען און ער זאָל קענען האבען פון איהר דיא אייגענע נוצען וויא פון
ער עלטערער. בנימין איז געווען א פּאָדריאדטשיק פון פּראָוויאנט ביי דער ארמעע,
ר האט אבער איין וואָרט רוסיש ניט געקענטריידען, אלזאָ איז זיין טאָכטער
שפרה געווען זיין טאָלמאטש אין׳ם לאגער. ער האט איהר ביי דעם טייטש חומש
און מנורת המאור אויך געלאָזט לערנען דיא רוסישע שפראך, און דאס איז איהם
אכהער אין זיין געשעפט זעהר צוניץ געקומען.

ליידער אבער האט דער פאָטער איינינגע מאָל בעמערקט, אז פיעלע פון דיא
אָטשאָלסטוואָ בעהאנדלען זיין טאָכטער זעהר ליעבליך. זיין הארץ האט זיך אבי-
סעל פאר דיעזע ליעבליכקייט אנגעהויבען צו שרעקען; אבער וויא בעקאנט, גלויבען
יט עלטערען, אז זייערע קינדער זאלען צו עטוואס שלעכטעס פעהיג זיין. יעדער
אָטער קוקט אויף זיין קינד וויא אויף א קליינעס, אָבוואהל עס איז שוין גרויס
און ערוואקסען. דיא געוואוינהייט פון א פאָטער מיט זיינע קינדער פון דער יוגענד
ן בריינגט מיט, אז א צייטינגער בחור אדער מיידעל, זאל איהם אויסקוקען וויא
אר וואס פון דיא וויקעלאך ארויס. בנימין האט זיך אפילו אביסעל בעאונרוהינט;
אבער דער געדאנק, אז שפרה איז נאך א קינד האט איהם באלד אנגעטהאן א
פּאָר פערקלענערענדע ברילען אויף דיא אויגען און קיין זאך האט איהם ניט אויס-
געקוקט אזוי געוואלדיג.

דאך איז דאס בנימינען ניט געווען אזוי אנגענעהם, און וויעפיעל מאָל איז
איהם זיין פרנסה איבערדריסיג געוואָרען.

— אז גאָט וואלט מיך העלפען — האט ער איינמאָל געזאגט צו זיין ווייב —
וואָלט איך מיין געשעפט מיט דיא נאטשאלסטוואָ אין גאנצען אוועקגעוואָרפען.

— איך פערשטעה ניט פאר וואס? — האט חנה ערוויעדערט — דוכט זיך
אז דאס איז אלץ בעסער וויא צו האלטען א שיינקעל אדער א קרעמעל און פער-
קויפען פאר א האלבען גראָשען הערינג, פאר א גראָשען צימערונג. אי דאָס נאך
אויף בארג.

— אויף מיין געשעפט אליין האב איך מיך אייגענטליך ניט וואס צו בע-
קלאָגען, — האט בנימין ווייטער גערעדט — אבער איין זאך איז מיר ניט ניחא —

בנימין האט זיך פערהאקט און האט ווייטער ניט געקענט פאָרטזעצען.

— דוא מיינסט געוויס, אז דער פּאָלקאָוניק האט זיך ארומגעזעהן וועגען
דאָס קליין ביסעל זאמד, וואָס איז געווען אין דיא האָבער אריינגעמישט — האט
חנה געוואָלט טרעפען.

— אָ, ווען טרעפט עס, — האט בנימין נעזאנט — דיא פּאָלקאָווניקעס אליין מישען מעהר זאמד אריין פאר אונז.

— טאָ וואס דען איז דא אזוינס?

— דוא ווייסט דאך, אז אלע אָפיציערען זיינען הולטייעס.... און אונזער טאָב....

— אלע שווארצע חלומות צו דיא גוישע קעפּ!

— איך האב גאר ניט געמיינט, — האט זיך בנימין פערענטפערט — אבער איך האב דיר געוואָלט דערצעהלען, אז א יונגער אפיציערעל קוקט אויף איהר שטארק.

— זאל איהם דיא אויגען ארויס, זאל מען איהם פיהרען בלינד פאר א שטריקעל; אבער וואס האט ער צו אונזער עהרליך, כשר קינד? זיא איז דאך א גאלדען קינד, אויף לאנגע יאהר.

— איך האב אבער איינמאָל געזעהן וויא דער יונגער אָפיצערעל האט איהר אומגעהאלדזט, — האט דער פאָטער זיפצענד נעזאנט.

— זאל איהם דערפאר אומהאלדזען דער מלאך המות רבונו של עולם! דאס איז שוין א גוישקע נאטור זאלען זיי אויסגעמאַרייעט ווערען. האט דען א האלבע שטאָדט ניט נעקלונגען מיט'ן מורה הוראה'ס טאכטער, וואס א גוי האט איהר אויפ'ן מיטען גאס א קוש געטהאן, דיא ליפען זאלען איהם אויסדארען.

בנימין האט זיך בערעבענט, אז עס לוינט דאריבער ניט פיעל צו ריידען. ע'ר אליין איז כמעט אויך געווען געזאָגנע, אז זיין טאָכטער איז א כשר קינד. מאלע וואס אן אָפיציער טהוט א קוש (ווענען א קוש האט ער גאר זיין וויב מורא גע־האט צו דערצעהלען) — האט זיך בנימין געטראכט. זיא ווייס אבער וויא מיט זיי אומצוגעהן.

מיט א פירטעל יאהר שפּעטער האט ער בעמערקט דיא זאך גראדע פאר קעהרט. ער האט צופעליג דערזעהן, וויא זיין צנועה קושט דעם אָפיציער....

— וועה מיר! — האט זיך א שרעקליכער קרעכץ פון זיין הארץ ארויסגעריסען.

שפרה איז ערבלאסט געוואָרען דערהערענדיג פלוצלינג איהר פאָטערס שטימע

זיא איז געוועזן אזוי פערטיעפט אין ליעבע, אז זיא האט גאר ניט בעמערקט, וויא איהר פאָטער איז אין צימער אריינגעקומען.

— דוא קושט אן ערל! — האט פראנק פערברעכענד מיט דיא הענד אויס־געשריען.

— אן ערל, אן ערל, — האט דער אָפיציער איבערגעקרימט.

— איך וועל דיך שוין לערנען דרך ארץ! — האט בנימין וויטהענד אויס־געשריען.

ריידענדיג האט ער איהר אנגענומען פאר דער האנד און האט איהר געוואָלט ארויספיהרען פון'ם פּאָלקאָווניקס הויז.

— אוועק זשידאָווסקע מאָרדע! — האט דער אָפיציער איהם אָפּשטויסענד געשריען — איך צוברעך דיר באלד דיין זשידאָווסקען קאָפּ.

— קום מיט מיר! — האט בנימין צו זיין טאַכטער געשריען.

— בין איך דען א פּיצעלע קינד, וואס דוא ווילסט מיך מיט געוואלד שלע־פען? — האט איהם זיין טאכטער שטרענג געפרעגט — איך האב פּיס, און אז איך וועל וועלען געהן בעדארפסט דוא מיר ניט שלעפּען.

דא האט בנימין איינגעזעהן, אז זיין טאכטער איז שויןווירקליך ניט קיין קינד. זיא האט שוין שכל וויא א גרויסע און נאך וויא א פערדאָרבענע גרויסע. זיא פאָלגט איהם ניט און ענטפערט, אז אויב זיא וועט וועלען וועט זיא געהן. ער איז געבליעבען שטעהן וויא צודולטער און האט מעהר קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען.

אבער באלד איז אריינגעקומען דער פּאָלקאָווניק, און האט געמאכט צווישען זיי א מאָדנע פּשרה, וועלכע בנימין אליין האט עס גאר ניט ערווארטעט.

— דוא מוזט געהאָרזאם זיין דיין פאָטער, — האט דער פּאָלקאָווניק איהר געזאגט — איך ווייס אום וואָס דא האנדעלט זיך; אבער ליעבע און רעספּעקט פאר עלטערן זיינען גאר צוויי בעזונדערע זאכען. דוא מעגסט טאָכטערקע ליעבען; אבער דיין פאָטער מוזט דוא געהאָרכזאם זיין.

בנימין האט פון זיינע אלע ווערטער פערשטאַנען נאר איינעע.

— ענטשולדיגט מיר, פּאָלקאָווניק, — האט איהם שפרה ערוויעדערט -- איהר בעדארפט וויסען, אז מיין ליעבע איז געגען מיין פאָטערס ווילען, און קוים וועל איך איהם פאָלגען, קען דיא ליעבע ניט בעשטעהן.

דער פּאָלקאָווניק האט זיך פערטראַכט. ער איז געוועזען זעהר אן עהרליכער מאַן, וועלכער האט פון ליעבע אין דיא יונגע יאָהרען אליין זעהר פיעל געליטען. ער איז דורך איינינע פאלשע הערצער פון יונגע מיידלאך אזוי פערשוואַרצט גע־וואָרען, אז ער האט פיינד געקריגען דעם גאנצען שעהנעם געשלעכט. דערצו האט ער גוט געקענט זיינע יונגע אפיצערלאך, אז זיי זיינען פּיאַניצעס, קארטען־שפּיעלער און זיינען גאר ניט פעהיג ערנסט צו ליעבען.... און אזוי וויא ער האט פערשטאַ־נען, אז דא האנדעלט זיך אום דאס לעבען פון איהרע פרומע אידישע עלטערן, דארום האט ער עס געמאכט קורץ און שאַרף.

— הער נאר טאָכטערקע, — האט ער צו שפרה'ן געזאגט — זאָג מיר דיא ריינע וואהרהייט, ליעבסט דוא דיינע עלטערן אדער ניין?

— וואצו שטעלט איהר מיר אזא פראגע? — האט איהם שפרה פערדעכטיג געפרעגט.

— דאס איז שוין א זשידאָווסקע נאטור, צו ענטפערן מיט א פראגע אויף א פראגע, — האט דער פּאָלקאָווניק צאָרניג גערעדט.

— איך בין גאר ניט פערפּפליכטעט אייך צו ענטפערן, — האט שפרה גיפ־טיג ערוויעדערט.

— יעוודאקים! — האט דער פּאָלקאָווניק צום אָפיציער א געשריי געטהאן — אין פערלויף פון צוויי שטונדען זאל דיין פוס ניט זיין אין ווילנא! איך שיק דיר נאך קאווקאַז. אהער דיינע דאָקומענטען!

דער אָפּיצער איז בלאס געוואָרען און שפרה האט פערבראָכען מיט דיא הענד.

— אָ, מיטלייד! דערבארעמט אייך! — האט דער אָפּיצער זיך געבעטען.

— נאך קאווקאז! — האט דער פּאָלקאָווניק געליארעמט.

— ענטשולדיגט מיר הערר פּאָלקאָווניק — האט שפרה מיט א וויינענדע שטימע געזאגט — איך האב ניט געמיינט אייך צו בעליידיגען.

— א חיים צו דיינע עלטערען! — האט דער פּאָלקאָווניק געביטעריש געשריען — דוא ביזט נאך צו יונג אום צו זיין אזוי פערדאָרבען צו בעגראָבען דיינע עלטערען מיט דיין לייכטזיניגקייט — ביזט דוא א מערדערין? זעה נור וויא דיין פאָטער קוקט אויס. זוך דיר אויף א געליעבטען צווישען דיינע ברידער. דאָרט וועסט דוא אויך געפינען שעהנע יונגע לייט. וואס גיכער אהיים, אז ניט — הייס איך דיר דיא מינוט ארויספיהרען.

— אָ, הערר פּאָלקאָווניק, — האט שפרה געשטאמעלט.

— בינימקא! — האט דער פּאָלקאָווניק א געשריי געטהאן — נעהם דיין טאכטער און פיהר זיא נאך הויזע. אויב זיא וויל מיט דיר ניט געהן, הייס איך צוויי סאָלדאטען איהר אוועקפיהרען.

בנימין האט גענומען זיין צערשמעטערטער טאכטער פאר'ן האנד און האט איהר פון פּאָלקאָווניקס הויז ארויסגעפיהרט.

— מען מוז מיט איהר טהאן א שדוך, — האט דער פאָטער געזאגט צו דער מוטער נאכדעם וויא ער האט זיין טאָכטער פערשלאָסען אין א קעמערעל אלס א שטראפע — ווען זיא איז שוין יא אזא פויגעלע וועלען מיר שוין איהר ניט קענען דערהיטען. היינט האבען מיר איהר פערשפּארט; אבער וואס וועט זיין מאָרגען? זעה נור וויא זיא זיצט און וויינט נאכ'ן אפּיציערעל.

— א קלאָג איז צו מיר, א בראָך איז צו מיר! — האט חנה געיאָמערט — איך האב שוין לאנג געזאגט, אז זיא וואקסט א מופקרת, א משומיידעסטע.

— דוכט זיך פערקעהרט, — האט בנימין ביטערליך גערעדט — ווען דוא וואָלסט ניט אוועקגעמאכט מיט דער האנד דיא זאך וואס איך האב דיר דאמאלס דערצעהלט; מעגליך, אז דיא זאך וואלט אזוי וויט ניט דערגאנגען.

— וועה צו מיר, וועה צו מיר! — האט דיא מאמע געקלאָגט — אלעס אויף דער מאמען, אין אלץ איז דיא מאמע שולדיג! זאג נאך, אז איך האב איהר צוגערעדט צום ישמד. אָי, וואָס טהוט מען, וואס הייבט מען אָן?

— איינפאך איהר חתונה מאכען, — האט בנימין בעטריבט געענטפערט.

— וועה איז מיר, וועה איז מיר, וואָס פאר א שידוך וועלען מיר איצט טהאן? — ווער וועט איהר וועלען נעהמען? דיא תוכחה איז דאך אויף אונז אויסגעגאסען געוואָרען. מען האט דאך איהר גערעדט שדוכים מיט רבנים, מיט עלוים און ווער וועט גאר אצינד אין איהר ווינקעל וועלען א קוקטהאן.

— מאך ניט אזא וועזען מיין וויב, — האט בנימין טרויעריג געזאגט — קיינער ווייס עס נאך ניט דערוויל.

— דיא ערלים אליין וועלען דאך עס איבער גאנץ שטאדט צוטראגען! — האט חנה ווייטער געזיפצט — דארט קומט דאך צום פאלקאוניק אריין מאטקע גרונם'ס ער איז דאך אונז א בלוט שונא, ער וואלט דאך אונז אלע אין א לעפעל וואסער דערטרונקען.

— מילא, פערפאלען, — האט בנימין מוטהלאז געזאגט — וואס וועט זיין וועט שוין זיין. איך האב גערעכענט איהר צו געבען דריי טויזענד רובל נדן, איך וועל איהר יעצט געבען זעקס טויזענד, אבי א שדוך טהאן און פטור ווערען פון אזא שענדליכע ליעבע.

— טא שיק־זשע נאך א שדכן! — האט חנה זיך געבעטען — איך רעכען אז שמערקע יענטע־בריינעס וועט גאנץ גרינג צוזאמענפארקען עפעס א גוטען שדוך. איך וועל שוין יעצט אזוי שטארק אויף יחוס ניט קוקען; א חתן לעבען לייט בין איך שוין אויך צופריעדען.

שמערקע יענטע־בריינעס, דער בעריהמטער וועלט־שדכן, איבער וועלכען אלע ווילנער אידען פלעגען ריידען, אז ער איז אין אויער מיט דעם מלאך איבער אלע שדוכים וואס רופט אויס „יענעמס טאכטער זאל געהערען צו יענעם" נאך מיט פערציג טעג פריהער וויא דאס קינד ווערט בעשאפען. שמערקע, וועלכער האט אין ווילנא געהייסען „דער לאנד שדכן", האט טאקי ווירקליך צוזאמענגעפארקעט א שדוך צווישען דיא מחותנים און דיא זאך איז באלד רעכט געווארען פון ביידע זייטען. ער האט דא בנימינען געשדכנט פאר א מחותן ר' בערקען דעם אמעריקאנעם, וועלכער איז געוועזען מגיד אין שניידערשען מנין.

— לעבען א פעטען טאפ איז זיך גוט צו דרייבען, — האט ר' בערקע געזאגט צו זיין ווייב, ווען שמערקע יענטע־בריינעס האט איהם פארגעלייגט דעם שדוך מיט בנימין פראנק — בנימקע איז א דרייבער איד.

— זיין טאכטער אבער איז אביסעל בערעדט, — האט איהם זיין ווייב ער־ווידערט.

— מאלע וואס היינטיגע יונגאטשעס ריידען, — האט ר' בערקע געענטפערט — אויסער דעם, צו איז דען דא א שדוך מיט אלע מעלות?

— — — — — — — — — — — —

אין צעהן טאג ארום נאך דעם קוש, האט בנימין פראנק עמפפאנגען ביי זיך צו הויזע דעם טהייערען גאסט ר' בערקע דעם אמעריקאנער, וועלכער איז געקומען זעהן דער כלה. ר' בערקע איז געוועזען א לאנגער סמאגלער איד, מיט א לאנגען, ברייטען, געפלאכטענעם און האלב קאלטענעוואטען געל־האריגען בארד. ער איז באלד פאר דער כלה פארגעשטעלט געווארען און גלייך וויא דאס מיידעל האט דערזעהן אויף זיינע וואנצעס א גאנצען גרינעם געמייזאכץ פון שמעק־טאבאק האט איהר געכאפט א נישטגוטקייט און זיא איז געווארען בלייך וויא א געשטארבענע. דאך איז זיא ר' בערקען אויך בלאסער־הייד געפעהלען געווארען. ער האט גע־וואוסט, אז אסתר המלכה איז גאר געוועזען א גרינע, פון דעסטוועגען איז זיא גע־פעהלען געווארען א גרויסען קעניג וויא אחשורש'ן, וועלכער האט געקעניגט פון הודו

ביז כוש, היינט וויא זאל שפרה בלייבער־הייד ניט נעפעהלען ר׳ בערקען, וועלכער האט אויף ריכטיג נעוואוסט, אז זיינע הספרים קלינגען מעהר ניט וויא פון ווילנא ביז שניפעשאָק?

— שעהם דיך ניט טאָכטערקע, — האט איהר בערקע ליעבליך געזאגט דערזע־הענדיג אז דער פארב פון איהרע באקען איז אין איין מאָמענט פערשוואונדען — איך בין מעהר ניט וויא דעם חתן׳ס א טאטע. מיין חייקל זאל געזונד זיין איז א וואוילער בחור׳ל און פאר איהם אליין האסט דוא זיך אויך ניט וואס צו שעהמען. דאס איז אלץ נעוועזן פארצייטען; אבער היינט איז דיא גאנצע וועלט איבערגע־קעהרט געוואָרען. דיא אפיקורסים מאכען חוזק, אז חתן כלה שעהמען זיך.

שפרה האט אויסגעפלאצט מיט אן איסטערישען געלעכטער, דיא זנאָבערס רופען עס אָן ספאזמעס און פראסטע ווייבער—יגנען; ר׳ בערקע האט עס אבער ניט פערשטאנען. ער האט געמיינט, אז זיא לאכט עס אויס ענטציקונג פון זיין קלוגער רעדע.

גענען אבענד האט מען שפרה׳ן אריינגענארט צו א בעקאנטען אין הויז וואו זיא האט פון דער ווייטענס ביי א טיש׳על געזעהן חייקל׳ען אליין.

— דוא ווילסט מיך מאמעלע בענראָבען? — האט שפרה איהר מוטער געפרעגט.

— ער איז דאך א בחור׳ל וואס דיא שכינה רוהט אויף איהם, — האט איהר חנה געענטפערט — איך וויים ניט וואס פאר א הסרונות האסט דוא אין איהם געפונען?

— דוא ועסט מוטער אין קורצען חרטה האבען! — האט שפרה שארף גע־זאָגט.

— סטראשע מיך ניט טאָכטערקע, כל זמן דיין מאמע מיט דיין טאטען וועלען לעבען וועסט דוא קיין מופקרת ניט זיין.... שבעה וועלען מיר בעסער נאך דיר זיצען, איידער דוא זאלסט בעפלעקען אונזער גאנצע משפחה, עס קלינגט דאך שוין דיא גאנצע שטאָדט מיט דיר.

שפרה האט מעהר קיין וואָרט ניט געענטפערט, און דעם זעלבען אבענד האט מען ביי בנימינען אין הויז געבראָכען טעפּ און געשריען מזל־טוב.

— — — — — — — — — —

אין אן אימעניע (גוט) אונטער ווילנא האט געוואוינט דער דיוויזיאָנער גע־נעראל קאראליינקאָ. ער איז געוועזן בעקאנט פאר א גרויסען יודענ־פרעסער, אָבוואהל ער פלעגט פיהרען מיט אידען געשעפטען און זיי פלעגען קויפען פון איהם פיעלע פראָדוקטען פון זיין גרויסע אימעניע. ער האט ביי זיך אין הויף אימער געהאלטען א גאנצע סטאַיע הינד, און ער פלעגט אימער צופריעדען זיין, אז א הונד פלעגט אָפּרייסען ביי א אידען א פּאָלע אדער איהם צובייסען א פוס, ווען דער איד איז געקומען צו איהם עפּעס קויפען.

— אלע זשידעס זיינען א באנדע רויבער, נגבים און בייטעל־שניידער,— דאס פלעגט אייביג זיין פראזע זיין, מיט וועלכע ער פלעגט זיך לייגען שלאפען און אויפ־שטעהן פון זיין בעטעל. פון דעסטוועגען, ווען א קאצאפּ פלעגט קומען צו איהם

פעס קויפען, האט ער אימער געזאָגט, אז הונדערט פּאָניעס מעגען א מיתה משונה
יינעהמען פאר איין איד.

— דיא אידען, נור דיא אידען, זיי זיינען מענשען און מיט זיי איז גוט צו
אנדלען, — דאס איז געווען זיין פראזע פאר דיא פּאָניעס, ווען זיי פלעגען ווּעלען
פעס אפדינגען פון דעם פרייז, וואס ער האט אויף זיינע פּראָדוקטען געשטעלט.
ן קאראליינקא האט טאקי געהאט רעכט. א צוביסענער איד פון זיינע גרויסע
גנד, פלעגט זיך מיט איהם קיינמאל ניט דינגען אויף דיא פרייזען, ער האט איינ-
אך געציטערט טאמער וועט ער בעדארפען צום גענעראל נאך אמאל קומען און
ך אמאל צוביסען ווערען.

אין א מאָנאַט ארום נאך שפרה פראנקס פערלאָבונג מיט חייק'ל בערקעס,
ז אום צעהן אוהר מאָרגענס צוגעפאהרען א שעהנער עקיפּאַזש צו קאראליינקא'ס
אוינונג אין דער אימעניע. א מענך איז אראָפּגעשפּרונגען פון דייקסעל און האט
'ם עקיפּאַזש ארויסגעפיהרט א גייסטליכען מיט א גרויסען גאָלד-צלם אויף זיין
רוסט, דעם גענעראלס דיענשטשיקעס (בעדיענטע) זיינען צו איהם צוגעלאפען און
אבען דעם באַטיושקא געפרעגט וואס ער ווינשט.

— צום גענעראל! — האט דער הייליגער שטרענג געזאגט.

דיא בעדיענטע האבען איהם צום גענעראל אריינגעפיהרט.

— מיט וואס הייליגער פאטער האב איך אייער בעזוך צו בעדאנקען? —
אט איהם דער גענעראל געפרעגט.

— מיר האט געבראכט צו אייך א רעליגיעזע זאך, — האט דער הייליגער
ט א פרומע מינע געזאגט — נור איידער איך וועל עס אייך דערצעהלען, פרעג
ך אייך, צו מיט אייער ערלויבניס איז פון אייער דיוויזיאָן ארויסגעשיקט געוואָרען
יונגער אָפיצער מיט'ן נאמען יעוודאקים דיאבלין?

— באלד בעקומט איהר אן אנטוואָרט באַטיושקא, — האט דער גענעראל
אויפהויבענד פון'ם שטוהל געענטפערט — ענטשולדיגט מיר וואס איך לאז אייך
אויף א ווייל‍ע אליין; איך מוז עס נאכזעהן.

דער גענעראל איז ארויסגעגאנגען און איז אין א פּאָר מינוטען ארום צוריק
יינגעקומען.

— נאך דעם דאָקלאד פון'ם פּאָלקאָווניק גריגאָריעוו, — האט קאראליינקא
ם גייסטליכען געזאגט — איז דער אָפיצער יעוודאקים דיאבלין איבערגעליפערט
וואָרען צום לאגער אין טיפליס.

— איז מיר ערלויבט צו וויסען אויס וועלכע גרינדע האט עס דער פּאָלקאָוו-
ן גריגאָריעוו אייך פאָרגעשלאָגען? — האט דער הייליגער געפעגט.

— גאָר איינפאך, ווייל ער האט איהם געפונען פאר א פעהיגען צו יענעם
נער.

— יעצט לעזט-זשע א בריעף, — האט דער הייליגער געזאגט ארויסציהענד
אויפגעריסענעם קאָנווערט פון זיין בוזים און איהם איבעררייכענד דעם גענעראל
ן דער האנד.

דער גענעראל האט דעם בריעף פון קאָנווערט ארויסגענומען און געלעזען פאָלגענדעס:

„הייליגער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש טשערטאָוו! דיעזע ציילען שרייבט צו אייער הייליגקייט אן אונגליקליכע אידישע מיידעל, וועלכע ווינשט מיט לייב און זעעלע אננעהמען דיא הייליגע פראוואָסלאַוויע. שוין זייט א יאהר בעלעבט מיך דיעזער גליקליכער געדאנק; אבער טאקי א פראוואָסלאַוונער רוסישער מאן שטעהט מיר אין וועג. ער איז דער געוויסער פּאָלקאָווניק גרינגאַריעוו. איך האב געליעבט און ליעב יעצט אויך א יונגען אפיציער יעוודאקים דיאבלין. איך בין געווען געזאָגנען איהם צו הייראטהען; דער פּאָלקאָווניק אבער, האט מיר אויף צו להכעיס איהם אוועקגעשיקט ערגעץ אין קאווקאז און איך וויים זאגאר ניט אין וועלכע שטאדט ער געפינט זיך. נאך אלעם דעם וואָלט איך געפאהרען איהם אויפזוכען; אבער מיינע עלטערען היטען מיך אויף יעדען שריט. זיי האבען מיך פערלאָבט מיט א הינקעדינגען זעכצעהן יעהריגען אידיאָט און אין צוויי וואָכען ארום וועלען זיי מיך פיהרען מיט איהם צו דער חופה. רעטעט הייליגער פאטער אן אונגליקליכע, וועלכע וויל זיך שיצען אונטער אייער רעליגיאָן. אייער ערגעבענע שקלאַפין

שפרה פראנק".

— דאס איז שרעקליך! — האט דער גענעראל אויסגעשריען — דיא זשידעס וועלען איהר געוויס ערמאָרדען....

— און דאס בלוט וועט פאלען אויף אייער פּאָלקאָווניק — האט דער הייליגער מיט א פרומע מינע איהם געהעצט.

דער גענעראל איז האסטיג פון זיין צימער ארויסגעלאפען און באלד האט ער אוועקגעשיקט א רייטער צום פּאָלקאָווניק.

— מען מוז איהר פון דיא זשידעס רעטען! — האט דער גענעראל ארייגלויפענד צוריק אין צימער געזאגט.

— רעטען איז נאך וועניג, — האט דער הייליגער גיפטיג גערעדט — איהרע עלטערען מוזען פעראורטהיילט ווערען אלס פערברעכער געגען דאס כריסטענטהום און פערשיקט ווערען אויף קאטאָרגא.

— אלע זשידעס זיינען א באנדע רויבער און מערדער, — האט דער גענעראל צוהיצט געשריען — זיי נעהמען געוויס אנטהייל אין דיעזען שענדליכען טהאט. מען דאַרף זיי אלע אנלערנען.

— ערשטענס איז אייער פפליכט דעם אָפיציער באלד צוריק רופען נאך ווילנא — האט דער יעזואיט געזאגט — און אז מיר וועלען איהם דא האבען וועט דיא זאך גאר אנדערש שטעהן.

— אבער וואס דיינקט איהר דערוויל צו טהאן מיט דער אונגליקליכער, אז דאס זשידאוועסקע געזינדעל זאל איהר ניט ערמאָרדען?

— עס וועלען איהר נאך היינט היטען געהיים־אגענטען האט דער הייליגער איהם ערוויעדערט.

— ווארום זאלען מיר איהר באלד פון איהרע עלטערענס הויז ניט ארויס-גענהמען? — האט דער גענעראל געפרעגט.

— וויל איך וויל דאָ עפּעס אויפטהאן, אז דיא זשידעס זאלען זיך האבען צו קראַצען, — האט דער היילינער טייפעל איהם ערוויעדערט.

— איך פערשטעה היילינער פאטער, אז איהר האט דא עפּעס א מיין, — האט דער גענעראל איהם געזאגט — איך וואָלט עס זעהר וועלען וויסען, דיא זשידעס האבען מיר זיך שוין גענוג איינגעמישט אין דיא ביינער.

— ווען מיר זאלען איהר היינט פון איהר עלטערנס הויז ארויסנעהמען, — האט דער גייסטליכער געענטפערט — קען זיי גאר ניט געשעהן, איך וויל אבער ביי אזא געלעגענהייט זיי אויפשפּיעלען א חתונקע, אז אלע זשידעס זאלען זיך האבען צו האלטען; אבער מיר מוזען דא האבען דעם אָפּיצער.

— נאך היינט רוף איך איהם ארויס, — האט דער גענעראל געזאגט.

— אז מיר וועלען איהם האבען דא אין ווילנא, — האט דער יעזואיט גע-ענטפערט — וועט ער באלד בעזוכען דאס מיידעל ביי איהרע עלטערען אין הויז. עס וועט שוין זיך מאכען א סקאנדאל, פון וועלכען זיי וועלען געהן אויף קאטארגא.

— דאס איז א פּאָרטרעפליכער פּלאַן! — האט דער גענעראל ענטציקט אויסגעשריען.

— און מיט דערמיט איז נאך ניט געענדיגט, — האט דער יעזואיט ווייטער געענטפערט — דיא כלה מוז פון אונטער דער חופה געהן צום שמד....

דער גענעראל האט זיך א חאפּגעטהאן פארן קאָפּ.

— אָט דאס הייסט קלוג! דאס הייסט קלוג! — האט ער ערפרעהט אויס-געשריען — אלע זשידעס וועלען זיך בעדארפען לעבעדיג בעגראָבען.

— מיט נאָטעס הילף! — האט דער היילינער מיט א פרומע מינע אויס-גערופען און נאך איינינע מינוטען פערברייננגע אין דיזען געשפּרעך, איז ער פון גענעראל קאראליינקאָ צופריעדען אוועקגעפאהרען.

47טעס קאפּיטעל.

דער ענגעל אין מענשען-געשטאַלט.

זוין איינינע טעג ליגען דריי מארטירער פון דער רוסישער טיראנייע אין האָספּיטאַל פון אָסטראג — גאָלדבוים, גרינבערג און וואסילי פּעטראָוו אדער סערגיי פּאָטאָמקין. גאָלדבוים האט בעקומען אן אפּגען הארץ-קלאַפּען און א שווינדעל אין קאָפּ. ווען דיעזע קראנהייט חאַפּט איהם א פּאר מאל אין טאָג, ווערט ער געל וויא וואקס און בלייבט ליגען האלב טוידט אויפ'ן בעטעל. גרינבערגס לייב איז צוריסען אין שטיקער, ער קען אנדערש ניט ליגען וויא מיט'ן פּנים אראָפּ און וואסילי פּעטראָוו'ס פיס מוזען העננען אין דער לופטען. זיינע קניע זיינען פערוואונדעט און ער קען דאריבער דיא פיס ניט האלטען גלייך. דער שטארקסטער פון אלע דריי איז אברהם גאָלדבוים. ווען דיא קראנקהייט לאָזט אָפּ פיהלט ער זיך, אז ער קען ארומגעהן; אבער זיך אויפהויבען פון זיין שטעלע האט ער זיך נאך ניט געפּרו-בירט, ער האט געזוכט א געלעגענהייט זיך צו פערגנב'ענען צו וואסילי פּעטראָוו'ן

אין צימער, נאכדעם וויא דיא ג ו ט ע פעליטערין, האט איהם פערטרויט וועמען ער האט פאר א שכן, נור ער האט בעמערקט, אז דיא וועכטער שלאָפען ניט ביי נאכט און געהען אום איבערן ברייטען קאָרעדאָר ביי דיא צימערען פון דיא קראנקע; אבער דער געדאנק, אז דער מארטירער סטעפּאנאוו איז געווען א שפּיאָן האט איהם ניט געלאזט רוהען.

— געוואַלד, וויא רעטע איך געוויסע הונדערט מענשען פון אונגליק? — האט זיך דער אונגליקליכער געטראכט — וויא באלד פּעטראָוו וועט פאר דיא שפּיאָנען עפּעס אויספּלוידערען, זיינען דאָך אלע זיינע קאמעראדען פערלאָרען וויא ער!

גאָלדבוים האט אבער ניט געוואוסט, אז דער טיראנישער האספּיטאל האט צו זיינע איינענע שפּיאָנען א שפּיאָן אויך פון דער אנדערער זייט.... דיא קלוגע און גוטע פעליטערין האט אוים פּאָרזיכטיגקייט זיך פאר איהם ביז יעצט ניט אויס= געגעבען.

— איך מוז זעהן דעם אונגליקליכען פּעטראָוו! — האט ער געפּאַסט ביי זיך א בעשלוס — איך בין שוין קראנק און אלט, וויא לאנג נאך וועל איך לעבען דא אין פינסטערן קערקער? איך פיהל, אז איך געה אוים; פאר מיין ווייב און קינדער וועט אויך זיין בעסער דער געדאנק, אז איך בין שוין געשטאָרבען איידער צו וויסען, אז איך ווער אזוי שטארק געפּייניגט, אזוי טיראניש געקוועלט אין א פינסטערן קערקער; לאָמיך אָפּפערן מיין לעבען פאר א וואָהלטהאט. לאָמיר רעטען הונדערטער מענשען פון עווינען ליידען. מיט פּעטראָוו'ס טויט וועט געוויס שטארבען ניט איינער, דיא מערדער וועלען פון איהם אלע זיינע געהיימניסע אויסזווינגען, דער= ביי וועלען פעראונגליקט ווערען צעהנדליגע מענשען אין אירקוטסק, און וואו איז פּעטערבורג און מאָסקווא? ניין, איך האב ניט וואָס צו פערליערען! דען קוים מיין סליעדאָוואטעל מארטין וועט בעוואוסט ווערען אלס ניהיליסט, בין איך זאָ וויא זאָ פערלאָרען.... לאָמיר זיך פּרובירען ארייננגנב'ענען צו פּעטראָוו'ן. מיין לעבען פאר אזא וואָהלטהאט שפּיעלט ביי מיר קיין ראָלע ניט. איך האב עס אויך געטהאָן, ווען איך האב יא געהאט מיין לעבען צו שאָנעווען, בעזאָנדער נאך יעצט!

ער האט זיך האסטיג פון זיין בעטעל אראָפּגעהאָפּט און איז צוגעלאָפען צו דער טהיר.

— דריי אוהר ביי נאכט, מעגליך אז זיי שלאָפען? — האט ער זיך גע- קלערט — איך האב דאָך איינמאל בעמערקט, אז ביידע וועכטער האבען זיך אנ= געשיכור'ט און זיינען געלעגען אין קאָרעדאָר וויא געהרגע'טע און היינט איז זאנטאג א הייליגער טאג פאר בראנפען טרינקען.

ער האט צוגעלייגט זיין אויער צו דער טהיר. ער האט ניט געהערט דעם מינדעסטען גערויש. ער האט זיך איינגעקוקט דורך דער לעכעל פון שלעסעל און האט ניט בעמערקט קיין פּוס פון א מענשען. באלד האט ער זיך א נעהם געטהאן צו דער טהיר; אבער ער האט איהר געפונען פערשלאָסען....

— פערפאלען! — האט ער ביטערליך געברומט און האט זיך צוריק אויף זיין בעטעל א וואָרף געטהאָן.

פלוצלינג האט ער דערהערט א שטארקען גערודער אין קארעדאר, טהירען
[…]בען זיך געדרעהט אויף דיא זאוויעסעס און שווערע דומפפע טריט פון פיעלע
[…]נשען וויא זיי וואלטען טראגען עפעס א משא האבען זיך געהערט דייטליך
זיין קארידאר.

— וואס איז דאס? — האט ער זיך גענקלערט — אזוי שפעט ביי נאכט אזא
[…]ודער?

— איך מוז דעם קאנאן צוברעכען! — האט פלוצלינג א קלונג געטהאן אין
[…]גע אויערען א ווילדע שטימע פון יענער זייט טהיר-- צוברעכען אין שטיקער!
[…]הרט מיך צום קאנאן! צוברעכען מוז איך דעם קאנאן!

— האלט איהם פעסט! — האבען געשריען אייניגע שטימען.

— צום קאנאן! דעם קאנאן צוברעכען! — האט דיא שטימע זיך אלץ גע-
[…]רט ווילדער און שטארקער, און באלד נאכדעם האט געהילכט א טופעריי איבערן
[…]ררעדאר, וויא פון צוואנציג פערד.

— געוואלד מיין בויך! — איך שטארב! האט זיך געהערט א דומפפער
[…]עבץ און נאכהער א קלאפ, וויא פון א פאלענדען קערפער.

— חאפט איהם! האלט איהם! — האבען געשטורמט אייניגע געשרייען
[…]חר א מאל.

— צום קאנאן! צוברעכען מוז איך דעם קאנאן! — האט דיא זעלבע שטימע
[…]לארעמט וויא א דאנער און דיא טופעריי האט זיך אלץ געהערט שטארקער און
[…]לדער.

— מיין זייט! נעוואלד מיין זייט!

— מיין פוס!

— מיין קאפ!

— טוידט אייך באנדיטען!....צום קאנאן! דעם קאנאן מוז איך צוברעכען!

— איהר האלט איהם, פיאניצעס? — האט געדאנערט אן אנדער שטימע—
[…]הר וועט דאך דא אלע בלייבען אהן קעפ!

עס האט זיך געהערט א דומפפער ראנגלען מיט א שווערען סאפען וויא פון
[…]אנציג מענשען.

— שטריק! קייטען! — האבען געלארעמט ביי א צעהן שטימען.

— צום קאנאן! — האט נעקלונגען אין גאלדבוים'ס אויערען שוין א דומפפע,
[…]יעראטהימדיגע שטימע.

ווידער האבען זיך געהערט א דרעהעריי פון טהירען און דער גערודער איז
[…]ן געווארען שוואכער און שוואכער.

— וואו זאל עס זיין? — האט זיך גאלדבוים געטראכט — איז דאס אפט
[…] קיין טרום?.... וואס זיינען עס עפעס פאר א קולות „צום קאנאן, צוברעכען
[…]ם קאנאן?"....

ער האט אויפמערקזאם אנגעשטעלט זיינע אויערען; אבער ער האט [...]

אר ניט געהערט אויסער דיא טריט פון דיא וועכטער, וועלכע האבען יעצ אזא פלוצלינגע אויפרעגונג אנגעהויבען צו האלטען שטריינגער דיא וואך.

איין לייכטער קלאפ פון א פינגער אין ווענטעל לעבען זיין בעטעל, האט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז זיין נאכבאר דער קראנקער ארעסטאנט פון צווייטען צימער פרעגט איהם, צו ער האט אויך דעם גערודער געהערט?

נאָלדבוים האט זיך אויסגעלערנעט אין דיא פיער וואָכען פון זיין זיצען אין אסטראג, דיא שטומע וואַנד־שפראכע פון דיא ארעסטאנטען.

ער האט באלד מיט׳ן פינגער איינמאל אָפּגעקלאפּט אין ווענטעל און האט זיך געטראכט:

— יא, איך האב געהערט....

דיא צוויי קלעפּ אין ווענטעל, וועלכע ער האט ווידער דערהערט, האט ער פערשטאנען, אז דער ארעסטאנט פרעגט איהם, צו וויס ער וואס דער גערודער בעדייטעט.

ביי דיא צוויי שטארקערע און איינעם א שוואכערען קלאפּ, מיט וועלכע ער האט אין דער ווענטעל געענטפערט, האט ער זיך געקלערט:

— ניין, איך וויס ניט.

זיין נאכבאר האט מעהר ניט אָפּגעקלאפּט.

— ער האט מיך פערשטאנען, — האט דער אונגליקליכער געברומט און א שרעקליכער זיפץ האט זיך פון זיין הערץ ארויסגעריסען.

— וואס איז דא עפּעס פאר א געשיכטע מיט׳ן קאנאָן? — האט זיך נאָלדבוים געבראָכען דעם קאָפּ — איז דאס דער וועלבער קאנאָן דורך וועלכען איך בין אריינגעפאלען אין אונגליק? אָבער ווער זאָל עס זיין דער שרייער, אז ער וויל דעם קאנאָן צוברעכען? וואָס זיינען דאס פאר א ווערטער? סיידען ער איז שכור אדער משוגע!

ער האט דערהערט לעבען דער טהיר פון זיין צעלע א לייכטען גערויש און באלד האט זיך דאָרט געדרעהט א שליסעל.

— אזוי שפּעט צו מיר אין צימער? — האט זיך דער אונגליקליכער געפרעגט. ווער זאל עס זיין?

ער האט זיין קאָפּ איינגענאָרעט אין דאָס קליין קישעלע און האט צוגעמאכט דיא אויגען; אבער ער האט זיי באלד צוריק אויפגעמאכט דערהערענדיג א זאנפטע פרויען־שטימע:

— וואָס מאכט איהר, העדר נאָלדבוים? האט איהר זיך דערשראָקען פאר׳ן פלעצליכען גערודער?

ער האט דערזעהן פאר זיך דער יונגער פעלשערין מיט א ברענענדע ליכט אין דער האנד און איידער ער האט נאך צייט געהאט צו ענטפערן, האט זיא איהם שוין געהאלטען פאר׳ן פולס.

— נאר נישקשה — האט זיא מיט א צופריעדענע מינע געזאגט און איהרע שעהנע רייצענדע אויגען האבען איהם ליעבליך אָנגעקוקט.

— אָ, איך דאנקע ענגעל גאָטעס! — האט גאָלדבוים מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהר ערוויעדערט — איך קען אייך גאָר ניט אויסדריקען מיינע דאנקבארע געפיהלע פאר אזא בארמהערציגע בעהאנדלונג.

— רעדט גאר ניט, — האט וויערא שטיל געזאגט — אבער קרעכצט א ביסעל צו.... איך האב עס נעטהיג....

גאָלדבוים האט אנגעהויבען צו קרעכצען.

— עטוואָס העכער, ערעלער גאָלדבוים, — האט איהם וויערא געהייסען.

גאָלדבוים האט העכער געקרעכצט.

— א הערצליכען גרוס פון אייער ווייב און קינדער, — האט זיא איהם אין אויער אריינגערעדט.

— אי! — האט גאָלדבוים אונווילענד אויסגעשריען.

— בעהערשט זיך, ערעלער מאן, — האט זיא ווייטער שטיל גערעדט — קרעכצט, איך האב עס נעטהיג....

גאָלדבוים האט האסטיג געקרעכצט.

— אייער פאמיליע איז גליקליך, — האט זיא ווייטער פאָרטגעזעצט — עס פעהלט איהר מעהר ניט וויא איהר פאָטער. און ער וועט אויך מיט גאָטעס הילף בעפרייט ווערען.

— מיט וואָס איז זיא גליקליך? — האט גאָלדבוים שטיל און קרעכצענד געפרעגט.

— זאכארינס מוטער האט זיי מיט גוטעס אָפגעצאָהלט. קרעכצט ערעלער מאן, בעקלאָגט זיך אויף א וועהטאג און איך וועל ווייטער ריידען.

גאָלדבוים האט ווייטער געקרעכצט און טרעהרען האבען גערעגענט פון זיינע אויגען וויא פון א געדיכטען וואָלקען.

— אייער ווייב און קינדער וואוינען יעצט אויף „ארבאט" אין זיעבען גרויסע צימערן.... זיי בעזיצען א שעהנעס קאפיטאל.... גרינבערגס פרוי וואוינט מיט זיי.... מאָרגען וועט איך דאָ בעזוכען דער סליעדאָוואטעל.... דער מענש אָן וועלכען אייער גליק העננט אָפּ איז פון זינען אראפּ.... דאס איז פאר אייך א טובה.... זייט רוהיג, ערעלער מאן....

— קאָלטע קאָמפּרעסען צום ברוסט! — האט זיא פּלוצלינג א געשריי גע-טהאן — ביי א צופאל א קלונג.

און איידער גאָלדבוים האט זיך אומגעקוקט, איז זיא שוין געווען איבער יענע זייט טהיר.

— — — — — — — — — — — — — —

לאָמיר לאָזען דעם איבערראשטען גאָלדבוימען ארומשווימען אין א גאנצען ים פון נייע געדאנקען וועגען זיך, וועגען זיין פאמיליע און זאכארינס מוטער, וועגען דעם וואהנזיניגען מעניטען אָן וועלכען עס העננט אָפּ זיין גליק און וועגען דעם זאָנ-דערבארען גערודער אין קאָרידאָר פון'ם האספּיטאָל, און לאָמיר בעזוכען אונזערע

צוויי קראַנקע מאַרטירער גרינבערג און וואַסילי פּעטראָוו׳ן. נאָר איידער מיר טרעטען צו זיי צו, מוזען מיר עטוואָס ריידען וועגען גאָלדבוימס פּראָצעס.

דעם פערדאַכט אויף גאָלדבוימען אַלס פּאָליטישער פערברעכער, האָט דעם סליעדאָוואַטעל מאַרטין געלונגען שטאַרק אָפּצושוואַכען. אונזערע לעזער ווייסען שוין, אַז מאַרטין האָט ערפאַהרען דאָס וואַסילי חאָמיאַקאָוו איז טימאָפיי מיכיילאָווס שוואָגער ראַזבאָיעוו. ער האָט דערמיט גרינבערג׳ן פון דעם מאָרד־בעשולדיגונג גענצליך געקענט אַרויסשלעפּען; נאָר אַזוי וויא דער קלוגער סליעדאָוואַטעל האָט געוואוסט, אַז קוים עס וועט ניט אויסגעפונען ווערען פּאָדליעצאָווס מערדער, וועט גאָלדבוים זיין בעשולדיגט אין דעם שפּיאָנס ערמאָרדונג; האָט ער אַרויפגעצויגען אויף וואַסילי חאָמיאַקאָוו׳ן (ראַזבאָיעוו׳ן) דיא גאַנצע בעשולדיגונג פון דעם מאָרד ביי׳ם קאַנאַל. ער ווערט בעטראַכט אַלס מאַסקירטער ניהיליסט אין אַן אידיאָטישע מאַסקע. מאַרטין האָט געוואוסט, אַז דערמיט טהוט ער גרינבערג׳ן ניט קיין טובה; אָבער ער האָט געפונען פאַר אַ פּפליכט צוציהען גלייך פאַר ביידע אַרעסטאַנטען.... דערצו נאָך האָט ער בערעכענט, אַז ווען גרינבערג זאָל אפילו פון דער מאָרד־בעשולדיגונג גענצליך אַרויס ריין, ליעגט אויף איהם אַ פּאָליטישער פערברעכען וועגען זאַכאַרינס בריעף, וואָס דאַ שמעקט מיט אַ צעהן יאָהר סיביר; אַלזאָ האָט ער בעשלאָסען צו פערטהיידיגען גרינבערג׳ן, נאָר מיט דעם איין בעוויז וואָס טימאָפיי מיכיילאָוו איז פערשוואונדען אַלס אַ מערדער און זיין שוואָגער ראַזבאָיעוו איז אויך נעלם געוואָרען וויא אין וואַסער אַריין. אויף זאָ אַן אַרט קען גאָלדבוים אין גאַנצען בעפרייט ווערען און וועגען גרינבערג׳ן וועט זיין שפּעטער וואָס צו זאָרגען. אָפענבאַך האָט דעם לעצטען פּראָטאָקאָל ביי דעם סליעדאָוואַטעל דורכגעלעזען באַלד נאָך דעם לעצטען פערהער און דיא זאַך האָט זיך איהם געלייגט אויף שכל. אונזערע לעזער ווייסען שוין, וויא שטאַרק אָפענבאַך האַלט פון מאַריא זלאָדייקינא׳ס אַ מיינונג, און אַז ער האָט יעצט פון׳ם פּראָטאָקאָל אַרויסגעזעהן, אַז דער סליעדאָוואַטעל האַלט אויך חאָמיאַקאָוו׳ן פאַר אַ ניהיליסט, פּונקט וויא ער וואָלט זיך מיט זלאָדייקינא׳ן אויפגערעדט, האָט אָפענבאַך דאָס באַלד געגעבען צו וויסען דעם גענעראַל סאָבאַקאָוו. סאָבאַקאָוו האָט ניט געמאַכט קיין שיהות און האָט געהייסען אַריינצעהלען חאָמיאַקאָוו׳ן פופציג שמיץ מיט קאַזאַצקע נאַגייקעס, ביז מען וועט צוזאַמען מיט זיין פעהל זיין אידיאָטישע מאַסקע פון איהם הערונטעררייסען און ער וועט אויסזאָגען ווער זיינען זיינע קאָמעראַדען, וואָס האָבען אנטהייל גענומען אין פּאָדליעצאָווס ערמאָרדונג און ווער עס האָט געוואַנט דורכ׳ן טעלעפאָן אַזוי גראָב מיט אָפענבאַכען צו ריידען. ביי דעם צוואַנציגסטען שמיץ האָט חאָמיאַקאָוו זיך געבעטען מען זאָל איהם געבען אַ טאָג צייט נאַכצודענקען, צו זיך לאָזען פערשמייסען אָדער זיינע געהיימניסע אויסזאָגען.

יעצט אום דריי אוהר ביי נאַכט זיינען נאָך פערבליעבען פינף שטונדען, אַז חאָמיאַקאָוו זאָל חאַפּען דאָס גרעבסטע העלפּט מיט דיא בלייענע רצועות אין סאָבאַקאָווס געגענוואַרט, וועלכער האָט בעפוילען, אַז אום זיעבען אוהר זאָל מען איהם פון שלאָף אויפוועקען, ווען עס זאָל אפילו דונערן און בליצען. סאָבאַקאָוו

האט דערוויילע בעדויערט, וואס גרינבערג און פעטראוו זיינען נאך קראנק און ער קען ניט אויף זיי אויסיבען זיינע אינקוויזיטישע מערדערייען; אבער אזוי וויא ער וויל וואס גיכער דערגעהן וועגען זאכארינס בריעף און אירקוטסקער געהיים-בונד. האט ער געהייסען ארויסנעהמען פון אונטער זייערע קראנקע קערפער דיא שטרוי-זעקלאך און האט בעשטימט, אז גאנצע פיער און צוואנציג שטונדען זאל מען זיי ניט געבען איין שטיקעל ברויט אין מויל און אויף יעדענס בעטעל צופוסען איז אנגעשריעבען מיט קרייט אויף א שווארצע בלעכענע ברעטעל:

„זאגט אויס וואס איהר ווייסט, ווען ניט — שטארבט איהר פאר הונגער".

גרינבערג וועלכער קען אנדערש ניט ליעגען וויא מיט'ן פנים אראפ, האט זוכה געווען צו האבען צוויי אזעלכע ברעטלאך. איינע איז איהם צופוסען טאמער לייגט ער זיך פארט גלייך, און דיא צווייטע אויפ'ן באדען, צו וועלכען זיין געזיכט איז געווענדעט. אזא זכיה קען טאקי האבען נור אזא שרעקליכער מערדער און פא-ליטישער פערברעכער וויא אונזער ארעמער גרינבערג!

דיא גאנצע נאכט האט דער אונגליקליכער מיט קיין אויג ניט צוגעטהאן. דיא וואונדען אויף זיין רוקען און דיא הארטע שניידענדע ברעטלאך אונטער זיין ברוסט פון דער הילצער בעטעל, דיא ליכטיגע לאמפע לעבען דער פערשריעבענער ברעטעל נאך סאבאקאווס נוסח און דער שרעקליכער הונגער האבען איהם ניט געלאזען איין סעקונדע איינשלאפען. שרעקליכע געדאנקען זיינען דורך זיין קראנקען קאפ דורכגעלאפען. זיי האבען זיך געשטעלט פאר זיינע אויגען אין שוידערהאפטע, הערצרייסענדע בילדער, אז ער האט געמוזט דיא אויגען פערמאכען. ער האט אבער פון זיי אויך דאן זיך ניט געקענט בעפרייען. ער האט זיך געווארפען וויא א שלאנג פון איין פערוואונדעטע זייט אויף דער צווייטער. ער האט דייטליך פאר זיך דערזעהן שרה פיינשטיין וויא זיא שטעהט לעבען איהם פערדעקט מיט א שווארצע טוך ביז דיא אויגען און פרעגט איהם: „אפשר קענט איהר געבען שוץ א אידישע פרוי אויף איין נאכט אין אייער הויז?" איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז ער הערט דייטליך איהר שטימע.

— יא! — האט ער העל אויסגעשריען און פלוצלינג האט ער א ציטער גע-טהאן. ער האט זיך ארומגעזעהן, אז ער ליעגט גאר אין א שרעקליכע צעלע און דאס איז א וואכעדיגער טרוים....

„טויזענד רובעל אויסקויפגעלט!" — האט פלוצלינג א קלונג געטהאן אין זיינע אויערן א גראבע שטימע און באלד האט ער דערזעהן פאר זיך דעם פריס-טאוו איוואנאוו מיט זיין רויטהע צורה אין טיגרישע אויגען. אי! — האט זיך א שרעקליכער קרעכץ פון זיין ברוסט ארויסגעריסען און דער פריסטאוו איז פער-שוואונדען.... „בארין, מען מוז רעטען אן ארימע אידישע פאמיליע!" — האט ער פלוצלינג דערהערט אן אנדער שטימע, און באלד האט ער דערזעהן פאר זיך דעם טראקטירשציק טימאפיי.

— געוואלד! — האט ער א געשריי געטהאן און גלייך איז טימאפיי פער-שוואונדען. ער האט זיך באלד האסטיג איבערגעקעהרט אויף דער צווייטער זייט;

IRON

אבער דאָרט האט ער דערזעהן זיין ווייב מיט דריי קליינע קינדערלאך, איינע ליעגט אויף איהרע ביידע הענד און זויגט איהר ברוסט און צוויי האלטען איהר פאר ביידע זייטען קלייד און שרייען: „אָ, מאמא, וואו איז אונזער פאפא? וואָרים קומט ער ניט? ווארום בריינגט ער אונז ניט קיין שיכעלאך? מיר נעהן דאך באָרוועס״.

— וועה מיר! — האט דער אונגליקליכער מיט אלע קרעפטען אויסגעשריען און באלד האט ער דערזעהן פאר זיך א הויכע שלאנקע פיגור מיט א פאָר לייב־טענדע אויגען וויא צוויי שטערען אין פינסטערן הימעל. זיא שטעהט און האלט א ברעננענדע ליכט אין דער האנד.

— שרעקט אייך ניט עדלער מארטירער! — האט איהם דיא פיגור געזאגט. וואס קוקט איהר מיך אזוי ווילד אן, איך בין דאך דיא פעלשערין.

— אָ גאָט! — האט דער אינגליקליכער אויסגעשריען און א גאנצער שטרום פון טרעהרען האט זיך פון זיינע אויגען פאר איין מאל אויסגעגאָסען.

— קרעכצט, עדלער מארטירער, — האט איהם דיא פיגור גאנץ שטיל געזאגט — קרעכצט איך האב עס געטהינ.... זיי קענען נאך דערהערען.

גרינבערג האט אנגעהויבען צו קרעכצען.

— מיט גאטעס הילף וועט איהר געראַטעט ווערען, — האט זיא איהם אין אויער אריינגערעדט — געוויסע צוואנציג מענשען זאָרגען פאר אייך איינעם.... קרעכצט טהייערער מעניש קרעכצט....

גרינבערג האט ווייטער געקרעכצט.

— אייער ווייב און קינדער זיינען בעזאָרגט מיט אלעס פון זאכארינס מוטער. זיי וואוינען אויף ארבאַט אין א שעהנער וואוינונג.... מאָרגען וועט איך בעזוכען דער סליעדראָוואטעל.... איך האב אייך געבראכט צוויי קאָטלעטען.... עסט עדלער מארטירער.... גאט וועט העלפען....

— צוויי מאל דעם פולווער איינגעהמען ביז מאָרגענס! — האט זיא מיט א הויכע שטימע אויסגעשריען און איז באלד פערשוואונדען וויא א ווינד....

— — — — — — — — — — — —

וואסילי פעטראָוו האט צוגלייך מיט גרינבערג'ן דיא גאנצע נאכט ניט געקענט איינשלאָפען. שוין דרייצעהן שטונדען, אז ער האט זאגאר איין שטיקעל ברויט אין מויל ניט געהאט. סאָבאקאָוו האט אויף דיא מארטירער אום צוויי אוהר ביי טאג גוזר תענית געוועזען און יעצט איז שוין דריי אוהר ביי נאכט. פעטראָוו ליעגט פערשמאכט, אין האלדז איז איהם טרוקען, זיינע ליפען זיינען פערדארט און זיינע אויגען קוקען אַן ווילד דאס שריפט אויפ'ן בלעכענעם טאָפעל.

„דאָס איז דיא לעצטע ערפינדונג פון נייינצעהנטען יאהר הונדערט!״ — האט זיך דער אונגליקליכער געטראכט און זיינע אויגען האבען געשאטען פייער — „רוס־לאנד האט גוט פראָגרעסירט. זיא נעהט פאָרווערטס מיט ראשע טריט.... צוליעב איין באנדיט ווערען יעהרליך געטוידטעט צעהנדליגע טויזענד מענשען. דיא בעסטע קינדער פון רוסלאנד ווערען פערפוילט לעבעדיג אין פינסטערע אסטראָגען, און

…ארט זיצט דער טיראן אין גרויסע פּאַלאַצען און לעבט אין אלע פערגניגען און פריידען אויף דעם רעכנונג פון הונדערט מיליאָן בעהערדישטע אונטערטהאנען״!

דער אונגליקליכער האט א זיפץ געטהאן און האט ארויפגעלייגט זיינע ביידע הענד אויף זיין קאָפּ. ער האט צוגעמאכט דיא אויגען און האט זיך געמעכטיגט איינצושלאָפען. פּלוצלינג האט ער דערהערט א שטארקען גערודער אין קאָרעדאָר און ווילדע געשרייען וועגען צוברעכען א קאנאָן.

— א נייער מאַרטירער! — האט ער זיך געקלערט — דאס איז געוויס עפּעס אן ארעסטאנט, וועלכען דיא מערדער האבען פון זינען ארויפגעפיהרט, און ווער קען דאָ פון זינען ניט אראָפּגעהן? צו קען זיך גאר א מענש פאָרשטעלען, אז אזעלכע מאָרד־טהאטען זאָלען אפּגעטהאן ווערען זאָגאר אין דעם פינסטערן רוסלאנד? אפילו דיא גרעסטע פיינד פון דער בלוטיגער רעגיערונג וואָלט'ן ניט געגלויבט דאָס וואס איך זעה דא מיט מיינע אויגען און דאס וואס איבט זיך אויס אויף מיין איינגענעם קערפּער און זעעלע!.... ביזט פערלאָרען פעטראָוו! — האט דער מאַרטירער פּלוצלינג א ברום געטהאן — שאדע וואס איך האב גאר פאר מיין אָרעמען פאָלק ניט אויפגעטהאן.... שאדע וואס איך האב ניט דערלעבט צו זעהן חאָטש דעם קלענסטען שריט צו מיין פּאָלקס בעפרייהונג! דער שפּיאָן איז גערעכט געווען וואָס ער האט געזאגט, אז מיר זיינען געצעהלטע מענשען און מיר קעמפּפען געגען א צוגרויסע קראפט....

פּלוצלינג האט ער דערהערט א דרעה פון א שליסעל.

— אזוי שפּעט זאל דער ענגעל קומען? — האט ער זיך געטראכט און האט געווענדעט זיינע אויגען צו דער טהיר און באלד האט ער טאקי דעם ענגעל דער־זעהן אין א געשטאלט פון א יונגע דאמע, וועלכע האלט א ברענענדע ליכט אין דער האנד.

ער האט בעצייטענס אנגעהויבען צו קרעכצען. ער האט שוין אויף אזא ארט פיעלעס פון איהר געהערט וועגען זיינע געגאָסען און זייערע אונטערנעהמונגע. דער ענגעל האט איהם איינינגע מאל אין טאָג בעזוכט און באלד ביי דעם ערשטען קרעכץ וואס זיא האט איהם געהייסען געבען, אום דיא וועכטער זאלען ניט הערען וואס זיא רעדט מיט איהם, האט ער זיך באלד דערוואוסט, אז דער מאַרטירער סטע־פּאנאָוו איז גאָר געווען א שפּיאָן. יעצט האט ער ערווארטעט נאך עפּעס פון דעם ענגעל צו הערען.

— מאָרגען וועט דא זיין אונזערער א געגאָסע, — האט זיא איהם אין אויער ארייננערעדט — איך וועל זיך דיא מיהע געבען, אז ער זאל אייך קענען זעהן.... זייט רוהיג עדלער מאַרטירער, עס איז דא א האָפנונג צו אייער בעפרייאונג.... איהר מוזט זיך האלטען קראנק ווען איהר וועט שוין אפילו זיין פּאָלקאָם געזונד.... איהר קענט ניט הייבען קיין פוס.... איהר פערשטעהט?.... צוויי קאָטלעטען.... אט זיינען זיי!....

— דיא רעכטע פוס האלטען וואס גלייכער! — האט זיא פּלוצלינג העל אויסגעשריען און איז שוין געווען איבער יענער זייט שוועל.

48טעם קאפיטעל.

ער נעהמט איהם אַ מאָס.

דער רעדאַקטאר און הערויסגעבער פון „מאַסקאָווסקי ליסטאָק" פּאַסטוחאָוו, וועלכער האט מיט איינינע טעג צוריק אריבערגעשיקט זיין פערניפּטעטע גאָווער־נאַנטין אָלגא באַחרושינא אויף יענער וועלט אין אַ זעקעל וואָס טימאָפיי מיכיילאָוו, דער אַנטלאָפענער טראַקטירשטשיק האט פון זיין הויז ארויסגעטראָגען אום צוויי אוהר ביי נאכט, און מיט אַ האלבע שטונדע שפּעטער איז שוין פּאַסטוחאָוו געזעסען ביי זיין שרייב־טיש און האט געשריעבען אַ גרויסען ארטיקעל איבער אידען און זייערע געבּעט־הייזער. אונזער גרויסער מאָראַל־לעהרער און פאַרשטעהער פון דער רוסישער פרעסע, פּאַסטוחאָוו, איז אין דעם טאָג וואָס מאריא זאַדייקינא האט זיך ארומגעטראָגען מיט דער באָמבע, געוועזען זעהר אין אַ גוטע לוינע און צו־פריעדענהייט. גראדע אין יענעם טאָג האט ער בעקומען פון באַטיושקאַ צאר אַלעק־סאנדער דעם טיטעל „פּאָטאָמסטוועני פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין" (הערבליכער עהרענ־בירגער) און אין דעם בריעף וואָס דער מיניסטער דעם אינערען האט איהם מיט'ן טיטעל אריינגעשיקט, איז געוועזען אויסדריקליך געשריעבען, אַז ער בעקוטט עס פאר זיין הייסע פּאַטריאָטיזמוס צו זיין פאַטערלאַנד און פאר פערטהיידיגונג דעם רוסי־שען פאָלק פון שעדליכע עלעמענטען.

— דאָס מיינט מען דיא זשידעס! — האט פּאַסטוחאָוו מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל געזאָגט צו זיין מיטאַרבייטער אין זיין שמוציגעם בלעטעל — עס זעהט אויס, אַז דער באַטיושקאַ זאָל לעבען און געזונד זיין האט דעם ארטיקעל וועגען דיא זשידעס און זייערע געבּעט־הייזער געלעזען. — אָ, וואָס פאר אַ שטורים דער ארטיקעל האט אָנגעמאכט אין מאָסקווא און אין פּעטערבורג! איך האב דאָך גע־מוזט צודרוקען נאָך פופציג טויזענד עקזעמפּליארען פון יענעם נומער און יעצט ווערט נאָן אויף דער נומער געפאָדערט פון גאַנץ רוסלאַנד.

— האקט וויא אין קרויט, — האט איהם דער מיטארבייטער מיט אַ שמייכעל געענטפערט — נור דורך אזעלכע ארטיקלען קען אַ צייטונג אין רוסלאַנד עקזיסטי־רען. וויסענשאַפטליכע ארטיקלען ווערען אין אונזער פאַטערלאַנד ווענינ געלעזען. זיי האבען ניט קיינע מבינים און קיינע שעצער; אבער וועגען זשידעס לעזט דער צאר, דער מיניסטער, אַלע איזוואָזטשיקעס און דוואָרניקעס....

— נעהט צום טייפעל! — האט איהם פּאַסטוחאָוו לאכענד געזאגט — איהר הייבט שוין אן זיך צו וויצלען?

— איך מיין עס אָהן קאַטאָוועס! — האט דער מיטארבייטער ערווידערט — גליקליך איז דער ארויסגעבער, וואָס האט דעם צאר מיט אַלע איזוואָזטשיקעס פאר לעזער. פערגעסט אויך ניט, העדר פּאַסטוחאָוו, וואָס דער צאר קען אויפטהאָן! אָט האט ער אייך צום ביישפּיעל בעטיטעלט מיט'ן נאָמען: „הערבליכער עהרענ־בירגער", און איזוואָזטשיקעס און דוואָרניקעס איז גלאַט נוט צו האבען פאר לעזער; אין מאָסקווא האבען מיר זיי ביי אַ הונדערט טויזענד און וואו איז פּעטערבורג, און וואו איז גאַנץ רוסלאַנד?

פאסטוחאָוו האט א ניפטינגען שמייכעל געטהאן און איז פון איהם אוועקגעגאנגען אין זיין פריוואט-וואוינונג אין דעם הינטערשטען פליגעל פון זיין גרויסען הויף. ער איז אריין אין זיין קאבינעט און זיין געזיכט האט אָנגענומען א צופריעדענע מינע

— דיא זאך איז פאָרטרעפליך גוט אָפּגעגאנגען, — האט ער מיט א שמייכעל צו זיך אליין גערעדט — זיא האט דאָ קיינע בעקאנטע, קיינע פערוואַנדטע. זיא איז אוועקגעפאהרען און באסטאַ!.... אבער וואו האט געקענט אהינקומען איהר בילד אויף דאס קליין קאַרטעל? מיר שיינט, אז איך האב דאס בילד געהאלטען ביי מיר אין'ם ביזים-טאַש. ער האט זיך בעטאַפּט און נאכהער האט ער אָנגעהויבען צו זוכען אין אלע טיש-קעסטלאך פון זיין טהייערען שרייב-טיש.

— אָט איז דער קאָנווערט — האט ער פלוצלינג ערפרייהט אויסגעשריען א קוק טהאָנדיג צווישען זיינע פאפירען אויפ'ן טיש — אבי איך האב געדיינקט דאס איך האב איהר בילד פערלאָרען.

ער האט דעם קאָנווערט אויפגעמאכט און האט פון איהם ארויסגענומען דעם זעלבען פאָטאָגראַפישען בילד וואס מיר האבען איהם געזעהן פערליערענדיג ביי חיטראָווצינען אין הויז, וועהרענד ער האט איהם אָפּגעצעהלט דיא מטבע פאר'ן זעקעל נאך איידער מען האט איהם פון זיין הויז ארויסגעטראָגען.

ער האט דאס בילד פון דער יונגער שעהנער דאמע איינינע מאָל בעטראכט און זיינע אויגען האבען געפייערט וויא ביי א ווילדען טיגער.

— צום טייפעל! — האט ער פלוצלינג אויסגערופען און האט דאס בילד צו־ריסען אין קליינע שטיקלאך. ער האט באלד אָנגעצונדען א ליכט און האט דיא שטיקלאך פערברענט אין אַש.

— דערמיט פערשווינדעט אלעס! — האט ער צווישען דיא צייהנער א זאָג געטהאן און איז געבליעבען זיצען אביסעל פערטראכט.

פלוצלינג האט ער א לאך געטהאן.

— א שוהל ווילען דיא זשידעס האבען אין מאָסקווא! — האט ער געוואָר־טשעט — איך וועל אייך וויזען וויא צו האבען אין אונזער הייליגער שטאָדט זשי־דאָווסקע טעמפּלען!.... קריי־ק אייך אין הארצע, זשידאָווסקע מאָרדעס! דער באַטיושקא אליין איז צופריעדען פון מיינע ארטיקלען וועגען אייערע בעטריגערייען און שווינדעל אין אייערע שוהלען. אייך וועט זיך אזוי איינגעבען צו זעהן דא א שוהל וויא אייך וועט געלינגען איבערצוקעהרען מאָסקווא פאר בערדיטשוב. ניין! פּאָס־טוחאָוו איז נאך ניט געשטאָרבען; איך וועל ניט דערלאָזען, אז מאָסקווא זאל ווערען שקלאָוו!

— בארין, — האט געזאָגט זיין בעדיענטער, וועלכער איז האסטיג אין זיין קאבינעט אריינגעלאָפען — אן אַקאָלאַדאָטשני האט מיר געבראכט דיעזע פּאָוויעסט־קע און האט מיר געהייסען וואס אם שנעלסטען זיא אייך איבערגעגעבען. נאט אייך, בארין, אט איז זיא.

ריידענדיג האט ער איהם דערלאַנגט א פערזינעלטען פּאפּיר אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעדריקט מיט גרויסע בוכשטאבען „פּאָוויעסטקאָ״.

פּאַסטוחאָוו האט אונרוהיג דיא פּאָוויעסטקע אויפגעמאכט און האט געלעזען אין איהר פאָלגענדעס:

„איך בעעהרע מיך אייך צו לאַדען צו מיר אין׳ם אוטשאַסטאק וועגען זעהר א וויכטיגען געגענשטאנד. דאס איז וויכטיג פאר אייך פערזענליך. — געשריעבען אין גאָראָדסקאָי אוטשאַסטאַק פון׳ם פּריסטאַוו

יורקאָווסקי״.

— וואס זאל עס בעדייטען? — האט זיך פּאַסטוחאָוו געקלערט — א פּריסטאַוו האט דיא פרעכהייט צו לאַדען פּאַסטוחאָוו׳ן צו זיך אין אוטשאַסטאָק! דאס איז עפּעס ניט אומזיסט. „וויכטיג פאר מיין פערזענליכקייט!“ אָ, וואס איז דאס? — האט ער זיך ווידער געטראכט — איז דאס אָפּט ניט וועגען יענער מעשה?....

א שרעקליכער געדאַנק איז דורך זיין קאפּ דורכגעפלויגען, פון וועלכען עס האט איהם אנגעפאנגען צו שווינדלען, און צו ציטערן זיינע פיס.

— זאל איך געהן? וויא קוקט עס אויס? פּאַסטוחאָוו אין אוטשאַסטאָק ביי א פּריסטאַוו?

ער האט צוגערופען זיין דיענער און האט איהם בעפוילען צו געהן אין גאָראָדסקאָי אוטשאַסטאַק און לאַדען דעם פּריסטאַוו צו פּאַסטוחאָוו׳ן.

— סלושאיום! — האט דער דיענער רעספּעקטפאָל געענטפערט און איז באלד אוועקגעגאנגען.

פּאַסטוחאָוו האט זיך אוסגעצויגען אויף זיין זאָפע און האט זיך שטארק פערטראכט.

— אפשר האט מען דעם זעקעל פון׳ם טייך ארויסגעצויגען? — האט ער זיך א טראכט געגעבען און האט פיעבעריש א ציטער געטהאן — מאלע וואס פאר אן אונגליק עס קען טרעפען!.... ניין, חיטראָווצין איז א קלוגער טייפעל, און א זאך וואס געהט דורך זיין האנד דורך בעדארף, וויא איך פערשטעה, זיין גוט אָפּגעטהאן. דעם בעל־דבר וועלכען ער האט מיר געשיקט נאכ׳ן זעקעל, האב איך אויך באלד קענען געלערנט פאר א קלוגען פויגעל; איך האב דא גאר ניט צו פירכטען; אבער וויא וואגט זיך א פּריסטאַוו לאַדען פּאַסטוחאָוו׳ן צו זיך אין אוטשאַסטאָק? איך פערשטעה דאס ניט.

ער האט זיך פון זיין זאָפע אויפגעהויבען און האט פעררויכט א גוטען ציגאר. ער איז צוגעגאנגען צו זיין שראנק פון דיא ביכער און האט געוואלט „טוידטען דיא צייט“ מיט לעזען עפּעס א בוך; אבער אין דער האנד איז איהם ארייננעפאַלען א ביבעל וואס וואר געבונדען צוזאמען מיט׳ן נייעם טעסטאמענט. דיא פּראַוואַסלאַוונע פאַנאַטיזמוס האט זיך אין איהם דערוועקט און ער האט דעם ביבעל פון שראנק ארויסגענומען.

— לאָמיך א קוק טהאן וואס פאר א פּראָזע מיר וועט זיך אויפמישען! — האט ער זיך בעשלאָסען און האט דיא ביבעל געעפענט:

„דעם פערברעכער ערוואַרטעט קיינע גוטע ענדע, דאס ליכט פון דיא זינדער ווערט נעלאָשען“ — האבען זיינע אויגען בענעגענט באלד אין דער הויך פון דאס בלעטעל דעם פסוק אין „משלי“.

דער פאנאטישער פאסטוחאָוו האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער און האט מיט טרייסלענדע הענד דיא ביבעל צוגעמאכט.

— מעגליך אז דאס איז אלץ ווענען איהר, — האט ער צווישען דיא צייהנער געברומט און זיין געזיכט האט אנגענומען א צוטראַגענע מינע.

דיא טהיר האט זיך אין איינינע מינוטען ארום אויפגעמאכט און זיין דיענער איז אין קאַבינעט אריינגעגאנגען.

— נו, סערגייעוו, וואס האט דיר דער פּריסטאוו געענטפערט ? — האט איהם פּאסטוחאָוו אונרוהיג געפרעגט.

— אַט איז פון איהם א בריעף.

נאך פּאסטוחאָוו'ס א ווינק איז דער דיענער סערגייעוו פון זיין קאבינעט ארויסגעגאנגען און פּאסטוחאָוו האט געלעזען אין פּריסטאווס בריעף פאָלגענדעס:

„הערר פּאסטוחאָוו, ליידער קען איך אייך ניט בעזוכען. איך האב דערצו קיין צייט ניט; אבער ווען אייך איז אונאנגענעהם צו קומען אין אוטשאַסטאָק, זאלט איהר זאָגּאָרט קומען צו מיר אין מיין פּריוואַט־וואוינונג טאקי אין דער זעל־בער הויז אויפ'ן דריטען שטאָק, איך מוז אייך שוין זעהן, הערר פּאסטוחאָוו, אים נאמען דעם געזעצעס.

יורקאָווסקי“.

דער בריעף איז פון פּאסטוחאָוו'ס האנד ארויסגעפאלען. ער איז אזוי פון'ם פּריסטאווס שרייבען איבערראשט געווארען, אז עס האט איהם געכאפּט א שווינדעל אין דיא אויגען.

— דאס איז עפּעס ניט קיין פרעהליכע געשיכטע ! — האט ער זיך אויפגעהוי־בענד פון זיין שטעלע געטראכט — א פּריסטאוו ווען גלאט אין דער וועלט אריין לאַדען פּאסטוחאָוו'ן אין אוטשאסטאָק אדער צו זיך אין הויז ! און ער שרייבט נאך דייטליך אים נאמען דעם געזעצעס. ער האט געפּאסט מוטה און נאכהער וויא ער האט זיך גאנץ שעהן אנגעצויגען, איז ער צום פּריסטאוו אוועקגעגאנגען.

גאנץ דרייסט איז פּאסטוחאָוו אריינגעגאנגען אין'ם הויף פון אוטשאסטאָק און טרעפענדיג אן אקאָלאָדאָטשני באלד נאָכ'ן טהויער, האט ער איהם מיט שטאָלץ צו זיך צוגערופען און איהם געפרעגט וויא געהט מען דא אין דער פּריוואַט־וואוינונג פון דעם פּריסטאוו.

— מען געהט ביז מען קומט ! — האט איהם דער אקאָלאָדאָטשני פרעך געענטפערט און איז פון איהם אוועקגעגאנגען.

— ער מיינט געוויס אז איך בין א „זשיד“, — האט זיך פּאסטוחאָוו גע־טראכט — אבער י ע צ ט וועל איך מיט איהם ניט פערפיהרען קיין עסקים.

ער איז אליין אויף דיא טרעפּ ארויפגעשטיגען און קומענדיג אויפ'ן דריטען שטאָק, האט ער דורכגעלעזען דעם פּריסטאוו'ס נאמען אויף א מעשענעם טאפעל.

ער האט אין דער טהיר לייכט אנגעקלאפט און איז באלד אריינגעגאנגען אין א שעהנעם פיערעקיגען צימער, וואו עס זיינען געשטאנען פינף, זעקס אידען מיט דיא היטלען אין דיא הענד און אן אלטע אידענע איז געזעסען און געהאלטען א קראנקע קינד אויף דיא הענד.

— לאָזט מיר דאָ ניט שטעהן צווישען זשידעס! — האט ער שטרענג געזאגט צו אן אקאָלאָדאָטשני, וועלכען ער האט געטראפען לעבען דער טהיר. איך בין קיינמאל מיט א זשיד אין איין צימער ניט געזעסען; וואו איז דעם פריסטאוו'ס קאבינעט?

— זעצט אייך באטיושקא אניעדער, — האט דער אקאלאדאָטשני ליעבליך און מיט א שמייכעל אונטער דיא וואָנצעס געזאגט — דער פריסטאוו וועט באלד אריינקומען.

— ניין, איך מוז זאָפאָרט זעהן דעם פריסטאוו, — האט דער רוסישער אנטיסעמיט שטאָלץ ערוויעדערט — איך קען איין ווייל צווישען זשידעס ניט זיצען.

— מאָסקוער זשידעס האבען א מעלה, — האט איהם דער אקאָלאָדאָטשני לאנגזאם און שמייכלענדיג געענטפערט — זיי עסען קיין מענשען ניט אויף....

— איהר דארפט וויסען מיט וועמען איהר רעדט! — האט איהם פאסטוחאָוו מיט א שטרענגען טאָן געזאגט.

— און איהר דארפט וויסען, אז ביי אונז זיינען דא ניטא קיין יחסנים! — האט איהם דער אָקאָלאָדאָטשני פרעך ערוויעדערט — אז איך האב אייך געהייסען זיך אוועקזעצען אוןווארטען אויפ'ן פריסטאוו, דארפט איהר זיצען און ווארטען.

— הערר פריסטאוו! — האט פאסטוחאָוו א געשריי געטהאן — וואו זייט איהר?

— עס האט זיך געעפענט א טהיר אין א צימער. און יורקאָווסקי איז אריינגעגאנגען.

— לעהרנט אויס אייערע דיענער א ביסעל **דרך־ארץ**! — האט ער צום פריסטאוו מיט א שטרענגע שטימע געזאגט — אז ניט וועלען א נ ד ע ר ע זיי לעהרנען!

— ווער זייט איהר? — האט איהם דער פריסטאוו מיט א פערעכטליכע און זויערע מינע געפרעגט.

— איך בין פאסטוחאָוו? — האט דער פאָרשטעהער פון דער רוסישער פרעסע איהם שטאָלץ געענטפערט.

— אזוי, הערר פאסטוחאָוו זייט איהר! — האט דער פריסטאוו עפעס האלב ערנסט און האלב שמייכלענד וויא אונטער דיא צעהנער געזאגט — ביטע זעצט אייך אניעדער.

— אבער ניט צווישען זשידעס.

— זעצט אייך, הערר פאסטוחאָוו, — האט דער פריסטאוו קאלט און גלייכגילטיג ווייטער גערעדט — איך האב אייך נייטהיג צו זעהן און קען אייך ניט עמפפאנגען ביז איך וועל פערטיג ווערען מיט דיעזע ל י י ט ע.

און ריידענדיג האט ער אנגעוויעזען אויף דיא אידען וועלכע זיינען געשטאנען אין צימער.

פאסטוחאָוו'ן איז אזוי פערגאנגען אין מוח, אזוי פערקלעמט אין הארצען, אז ער איז הינטער זיך ארויפגעפאלען אויף א שטוהל און איז געבליעבען זיצען וויא א צורולטער.

— סיידען ער איז אויך א זשיד! — האט זיך דער יודען־פרעסער געטראכט — זשידעס רופט ער אָן „לייטע" און ער עמפפאנגט זיי פריהער אלס מיך.... דאס איז געוויס, ווייל יענע מעשה איז ארויפגעשוואומען! — האט ער זיך פלוצלינג א טראכט געטהאן און עס האט איהם געהאפט אזא שווינדעל אין קאָפּ, אז זיינע אויגען האבען אופגעהערט צו זעהן.

ער איז אין א ווײלע ארום אביסעל צו זיך געקומען: און זיינע בליקען זיינען געפאלען אויפ'ן וואנט פון פריסטאוו'ס האלב־אָפענעם קאבינעט, וואו ער האט דער־זעהן א גרויסען פאָרטרעט פון א בילד שעהנע יונגע דאמע.... ער האט באלד א ציטער געטהאן מיט אלע גליעדער, זיינע קניע האבען געוואנקט, דיא הענד גע־טרייסעלט און זיין געזיכט איז געוואָרען געל וויא דיא וואקס.

— וואס איז דאס פאר אן אונגליק? וואו בין איך דא? — האט ער ציט־טערענד זיך געקלערט — מיין גאָווערנאנטין אָלגא באחרושינא'ס בילד איבערן קאָפּ פון דעם פריסטאוו!

ער האט נאך א מאל דאס בילד בעטראכט. און דערזעהענדיג דער שעהנער דאמע וועלכע קוקט איהם גלייך אין געזיכט, איז איהם פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען און דיא גאנצע הויז מיט דיא זשידעס און דיא אקאָלאָדאָטשניקעס מיט'ן פריסטאוו, האבען זיך געדרעהט פאר איהם א קאדריל.

ער האט אבער באלד געפאסט מוטה און האט זיך אויסגעגלייכט אויפ'ן שטוהל.

— פאל ניט הערונטער פאסטוחאָוו, — האט ער זיך געטראכט — אז ניט וועלען זיך דיא זשידעס פרייען מיט דיין מפלה.... א פריסטאוו איז ניט קיין פראָקוראָר, מיר וועלען זיך זעהן אן עצה געבען....

דיא אידען זיינען זיך ביסליך-ווייז צוגאנגען נאכדעם וויא זיי האבען איינציג ווייז זיך געזעהן מיט'ן פריסטאוו אין זיין קאבינעט.

— הערר פאסטוחאָוו! — האט דער יעזואיט דערהערט דעם פריסטאוו'ס שטימע — ביטע אין מיין קאבינעט!

— ניט אומזיסט איז ער אזוי פרעך, — האט זיך פאססטוחאָוו געקלערט — איך בין מעהר ד אָ ר ט וויא ביי זיך צו הויזע....

ער האט זיך אויסגעגלייכט און איז שטאָלץ און מוטהיג צום פריסטאוו אין קאבינעט אריינגעגאנגען.

דער פריסטאוו האט איהם געשטעלט א שטוהל ריכטיג נעגענאיבער דעם גרויסען פאָרטרעט פון זיין פערגיפטעטער גאָווערנאנטין און האט איהם געבעטען זיצען.

פאסטוחאָוו האט געגעו דאס בילד ניט נעקענט איינשטעהן גלייך אויף דיא פיס און ער האט זיך אין געהאקטע וואונדען אוועקגעזעצט האלטענדיג זיין קאָפּ עטוואס געביינגט צום טיש.

— ווארום האט איהר מיך בעאונרוהיגט? — האט איהם פּאסטוחאָוו מוטהיג מיט א שטרענגע שטימע געפרעגט.

— איך האב אייך נייטהיג געהאט צו פרעגען, — האט אונזער טהייערער פיליפּאָוו לאננזאם געזאגט — צו האט זיך איינע א דאמע מיט'ן נאמען אלגא באחרושינא קיין מאל ניט געמעלדעט אין אייער צייטונג אלס א גאָווערנאנטין וועלכע זוכט א שטעלע?

ריידענדיג האט ער פּאסטוחאָוו'ן געקוקט גלייך אין דיא אויגען ניט אראָפּלאָזענד פון איהם איין ווײלע זיין שארפען, שניידענדען בליק.

פּאסטוחאָוו'ן האט פערהאקט דער אטהעם

— איך פערשטעה ניט, הערר פריסטאוו, וואס איז דאס פאר א פראגע? — האט איהם פּאסטוחאָוו מיט א מינע פון א פּאָרוואורף, אבער אויך מיט א שטארקען הארץ־קלאַפּען געענטפערט.

— איך אבער פערשטעה עס יא, — האט פיליפּאָוו רוהיג און לאנגזאם געזאגט — אין אייער צייטונג מעלדען דאָך זיך אלע טאג גאָווערנאנטין'ס....

— קען איך דען זיי אלע האבען אויפ'ן קאָפּ? — האט פּאסטוחאָוו שוין ווייבער און פריינדליכער געערעדט.

— יא וואהל, הערר פּאסטוחאָוו, — האט דער פריסטאוו פריינדליך ערוויעדערט — אבער דאָך וויא געדענקט מען עס ניט אזא געשיכטע?....

— דאס איז דאָך גאר אונמעגליך צו געדיינקען, — האט פּאסטוחאָוו מיט א תמ'אוואטע מינע אויסגערופען — אבער זאגט מיר אום וואס דא געהט, פיעלייכט וועל איך עס אויסגעפינען.

— דוא ביסט א טהייערער באנדיט — האט זיך יורקאָווסקי געקלערט — ווארט, איך וועל דיר שוין לעהרנען שכל....

— דא האנדעלט זיך אום דיעזעס, — האט איהם פיליפּאָוו לאנגזאם ערוויעדערט — מיינע א שטיף־שוועסטער א פריילין פון א יאהר צוואנציג מיט'ן נאמען אָ ל ג א ב א ח ר ו ש י נ א האט זיך געמעלדעט אין אייער „מאָסקאָווסקי ליסטאָק“ אלס א גאָווערנאנטין, וועלכע זוכט א שטעלע אין אן אריסטאקראטישע הויז. איך האב איהר שוין פינף יאהר ניט געזעהן און ווען איך בין געקומען אין מאסקווא פון קאווקאז, בין איך באלד געגאנגען צו איהר אין וואוינונג וואס זיא האט אין אייער צייטונג געמעלדעט; אבער דיאווירטהין וואו מיין שטיף־שוועסטער האט געוואוינט, האט מיר געזאגט, אז נור א י ה ר ווייסט וואו זיא געפינט זיך.... איז עס וואהר הערר פּאסטוחאָוו?

— ניין, הערר פריסטאוו, — האט פּאסטוחאָוו מיט א שוואכע שטימע ערוויעדערט.

— עראינערט אייך, — הערר פּאסטוחאָוו! — האט יורקאָווסקי שארף גע-

זאגט — טהוט נור א קוק אויף דאס בילד ביי מיר אויף דער וואנט און דערמאהנט אייך, פיעללייכט האט איהר יא אזא פריילין געזעהן.... ביטע, טהוט נור א קוק!....

פאסטוחאָוו האט געפיהלט אזא הערצקלאפען, אזא שווינדעל איבער דיא ביינער, אז ער האט געציטערט דאס זיי זאלען אין דעם מאָמענט ניט ארויסגעבען דאס בלוטיגע געהיימניסע דורך א קרעכץ וואס איז שוין געלעגען נאָהענט צו זיין מויל. ער האט זיך אבער געמעכטיגט און האט אויף דאס בילד א קוק געטהאן.

— דאס בילד פון דער יונגער דאמע, — האט ער דעם פריסטאוו שוואך ערוויעדערט — קומט מיר פאָר אביסעל בעקאנט. מעגליך, אז אייער שטיף־שוועס־טער האט זיך יא צו מיר געווענדעט וועגען א שטעלע; אבער וואו זיא איז ווייס איך ניט.

— און איך ווייס יא! — האט דער פריסטאוו מיט א שטרענגע שטימע אויסגעשריען.

פאסטוחאָוו איז ערציטערט געוואָרען, ער האט שוין פערשטאנען, אז עס האלט מיט איהם ניט גוט און האט זיך בעשלאסען אין דעם מאָמענט אויף אלעס....

— וויא באלד אז איהר ווייסט, — האט ער דעם פריסטאוו געלאסען און מיט א געהיימע אויפרעגונג געענטפערט — דארפט איהר עס פון מיר ניט פרעגען.

— חא, חא, חא! — האט דער פריסטאוו גיפטיג געלאכט — איך זעה, הערר פאסטוחאָוו, אז איהר האלט מיך עפעס פאר א איינגעלע.... איהר דארפט אליין פערשטעהן אום וואס דא געהט, און איך דענק דאס איהר וועט זיך ניט בעליידיגען, אז איך וועל אייך הייסען ארייננגעהן אין א צעלע....

— הערר פריסטאוו, — האט דער רוסישער מאָראל־לעהרער מיט א ציטערנדע שטימע אויסגערופען — איך פערשטעה, אז איהר ווייסט ניט וואו איז אייער שטיף־שוועסטער צוגלייך מיט מיר. איך וועל ווידמען א שעהנעם קאפּיטאל אום אנצושטעלען טיכטיגע מענשען איהר אויסצוגעפינען.

פיליפּאָוו האט זיך פערטראַכט און זיין קופערנער שטערן האט בעקומען איינינע פאלדען.

פאסטוחאָוו האט אבער אויף זיין אַנטוואָרט ניט געווארט און האט ווייטער גערעדט:

— און אזוי וויא מיר איז ניט בעקאנט וויא מען זוכט א מענשען אין מאסקווא, פערלאָז איך מיך אויף אייך, הערר פריסטאוו. איהר בעקומט גלייך פון מיר א טשעק אויף פינף טויזענד רובעל און איהר וועט שוין אנשטעלען מענשען איהר אויפצוזוכען.

— איך צווייפעל אבער צו מען וועט איהר אויסגעפינען, — האט דער פריס־טאוו מיט א טרויעריגע מינע ערוויעדערט.

פאסטוחוואָ'ס פינסטערע געזיכט האט פון דעם פריסטאוו'ס אנטוואָרט אויפ־געשטראהלט און ער האט פון זיין ביזים־טאַש א באנק־ביכעל ארויסגעצויגען.

— אלזא, וועלען מיר ד א מ א ל ס זעהן — האט פּאסטוחאָוו עפּענענדיג דאס ביכעל געענטפערט — מיר פערבלייבען דאך ביידע אין מאסקווא.

— טאָ שרייבט־זשע שוין אויף צעהן טויזענד! — האט איהם דער פּריסטאַוו שאָקלענד מיט זיין שווארצהאריגען קאָפּ געזאגט — מאסקווער געהיים־אגענטען לאזען זיך גוט אפּצאהלען פאר יעדער טריט....

— נו, מילא אום וואס געהט דאָ! — האט פּאסטוחאָוו א מאכטהאָנדיג מיט דער האנד זיך אפּגערופען — אבי עס זאל פיהרען צום נוצען....

ער האט אויפגעשריבען אן אנווייזונג אויף דער קייזערליכען באנק אויף צעהן טויזענד רובעל און האט דאס בלעטעל אויסגעריסען.

— זאל זיין מיט גליק! — האט ער צופריעדען אויסגערופען און האט דעם פּריסטאַוו דעם באנק טשעק איבעררייכט.

— הלואי, באטיושקא! — האט פּיליפּאָוו צונעהמענד דעם אנווייזונג ערוויעדערט — פון אייער מויל אין גאָטס אויערען....

דער יורענפּרעסער האט זיך פון זיין שטוהל מוטהיג אויפגעהויבען און האט געררייכט דעם פּריסטאַוו זיין האנד.

— פון יעצט אָן, האט איהר צו ערווארטען מיין ערגעבענהייט צו אייער פערזענליכקייט, — האט פּאסטוחאָוו איהם דריקענד דיא האנד געזאגט — איך פערהאָף, אז איהר וועט מיט גאָטעס הילף שטייגען און שטייגען.... מיין צייטונג קען פיעלעס אויפטהאן....

— איך דאנקע פאר אזא אנגענעהמען פערשפּרעכען! — האט איהם יור־קאָווסקי ליעבליך געענטפערט — און מיט א פּאָר מינוט שפּעטער איז פון ביידע באנדיטען פערבליעבען אין צימער איינער.

א זייטיגע טהיר האט זיך באלד נאך פּאסטוחאָוו'ס אוועקגעהן אין פּריס־טאוו'ס קאבינעט אויפגעמאכט און אונזער אלטער בעקאנטער חיטראָווצין איז צום פּריסטאוו צוגעגאנגען.

— נו, הערר פּריסטאוו, — האט ער איהם מיט א טייפעלשען שמייכעל גע־פרעגט — האט איהר איהם א גוטע מאָס גענומען?

— אָפּגעשארען וויא א שעפּס! — האט איהם פּיליפּאָוו לאכענד ערוויע־דערט — ער האט מיר זיין פעהלכעל אליין צום שעער צוגעטראגען.

— פערשטעהסט דוא שוין יורקאָווסקי ווער חיטראָווצין איז? — האט זיין קאמעראד מיט א שטאלצע מינע געזאגט — דיא דריי בילדער קאָסטען א פינף און צוואנציגער און געלד וועט זיין וויא מיכט....

— דוא ביסט דער טייפעל אליין, חיטראָווצין, — האט איהם דער פּריסטאוו ליעבליך געענטפערט — נאַ דיר דעם טשעק און צאהל מיר ארויס פינף טויזענד רובעל.

— חיטראָווצין האט מיט פייערינע אויגען דעם טשעק בעקוקט. דער פּריס־טאוו האט זיך באלד פון דער לינקער זייט אונטערגעשריבען און האט פון חיט־ראָווצינען בעקומען פופציג הונדערטער.

— יענע צוויי בילדער, — האט חיטראָוויצין שמייכלענד געזאָגט — וועלען אונז נאָך אויך עפּעס געבען. דיא קליינע פּאָרטרעטלאַך זיינען אויך עפּעס ווערטה.... אָך, יורקאָווסקי מיר וועלען זיי אלע פיהרען אין חדר!

— איך פערהאָף — האט דער פּריסטאוו געלאַכט.

— דיא קאָרטענ־וואָרפערקע איז נאָך א גרעסערער מחבל פון דיר, — האט זיך פלוצלינג חיטראָוויצין אפּגערופען — געלד וועט זיין וויא מיסט!

— וויא ווייסט דוא אבער מאכען, אז ער זאָל צו איהר געהן?

— ע ר, זאָגסט דוא? א ל ע וועלען איהר מיט נאָט'ס הילף בעזוכען! אלע באנדיטען מיט דיא ברייטע קעשענעס. חיטראָוויצין קען אלעס!

— איך גלויב עס שוין ברודערקע, — האט איהם יורקאָווסקי גלעטענדיג פאַרן רויטהען קערקעל נעענטפערט — דוא ביסט א וואוילער יונג.

— יעצט יורקאָווסקי, — האט חיטראָוויצין שטיל געזאָגט — וויל איך וויסען צו דוא האָסט א האָפנונג אויסצוגעפינען חנה פּראַנק מיט איהר טאָכטער און זיי איבערגעבען אין דיא הענד פון דער גערעכטיגקייט פאַר דיא פאַלשע קופּאָנעס?

— איך זאָג דיר דיא וואהרהייט, — האט איהם יורקאָווסקי ערוויעדערט — אז איך האב מיך שטארק בענאררישט מיט דעם וואס איך האב זיי צו־גראָב בע־האנדעלט. דאס מערדכען איז מיר אזוי געפעהלען, דאס איך האב זיי אזוי גיך אין אן אונגליק ניט געוואָלט אריינשלעפען. נעלאדען אין אוטשאסטאָק האב איך זיי גלאט אין דער וועלט אריין צוליעב א רויטהען פּאַפּירעל. נאכדעם וויא דוא האסט מיך אבער אויפמערקזאם געמאכט, אז דוא ווילסט זיי ניט האבען אין מאָסקווא צוליעב יענער געשיכטע, בין איך שוין געוועזען געזאָנען זיי אויפשפּיעלען א חתונקע, אז זיי זאָלען זיך האבען צו קראצען; אבער וויא איך האב א קוק געטהאָן אויף דאס מיידעל האב איך עס געוואָלט אָפּלעגען ביז איך וועל מיך מיט דיר בעראטהען וואָס איך זאָל מיט זיי מאכען אז זיי זאָלען אהן אן אונגליק פון מאָסקווא אוועק־פאהרען. חייקא איז דאָך א מיידעל נאָר א זעלטענהייט און איך האב עפּעס אויף איהר רחמנות געהאט. היינט אין דער פריה, נאכהער וויא איך האב ארעטירט דער זשידאָווסקער שייקא פון דיא פאלשע פּאַפּירלאַך אויף וועלכער דוא האסט מיר אויפמערקזאם געמאכט, האב איך דאָס מערדכען בעזוכט און האב מיך דאָרט גאנץ גראָב אויסגעדריקט, זיא האט דערטאָפּט אין מיינע ווערטער א שטארקע דראָהונג און איך בין פון קעלער ארויסגעגאנגען. פּלוצלינג האב איך דערהערט א קלונג אין'ם טעלעפאָן פון גענעראל גובערנאטאָרס קאנצעלאריע. איך בין שטארק איבעררראשט געווארען און האב געהייסען מיין סעקרעטאר ענטפערן, אז איך בין ניטאָ אין אוטשאסטאָק. באלד וויא דאָלגאָרוקאָוו האט זיך א פרעג געטהאָן וועגען הנה און חייקא פּראנק, איז מיר דיא בלוט איינגעפאלען. איך האב געהייסען ענט־פערן א קלונען אנטוואָרט און אליין האב איך מיך אָפּגעטראָגען צו חנה פּראנק אין וואוינונג מיט דעם בעשלוס זיי אונטערצו־וואַרפען פינף הונדערט רובל פון דיא פאלש־געלט, וועלכע איך האב ביי זיך איבערגעלאָזט פון דער אידישער שייקע, און גלייך דער מוטער און דער טאָכטער ארעטירען, איך האב אבער געפונען דעם קע־

לער פערשלאָסען. איך האב געהייסען דיא טהיר אויפברעכען, איך האב דיא קופּאָנ־
טשיקעס אונטער א קישעלע אוועקגעליינט און האב בעפוילען צו האלטען וואך
ארום דעם קעלער און בין גלייך צום גענעראל־גובערנאטאָר אוועקגעפאָהרען. דארט
האט מיך דער אלטער ביי א האלבע שטונדע געמאטערט וועגען דאס מעדכען
חייקא פראנק ביז ער האט ענדליך געהייסען טעלעפאָנירען פראנקס הויז צו אונ־
טערזוכען, באלד איז אבער געקומען אן אנטוואָרט, אז מיינע אקאָלאָדאָטשניקעס
האבען דארט געפונען פינף הונדערט רובל פאלש־געלט און דאָלגאָרוקאוו האט מיך
פריינדליך ענטלאסען.

— איך מוז געשטעהן אז נענען זיך אליין האסט דוא קלוג געהאנדעלט —
האט איהם חיטראָווצין ערוויעדערט — אבער געגען מיר האסט דוא דיא זאך פער־
פושט. חנה פראנק שטעהט מיר דאָ אין מאָסקווא וויא א ביין אין האלדז, צוליעב
אן אלטע געשיכטע. איהר מאן איז וואהנזיניג און שרייט אימער איין פראזע: „איך
זעה איהם, אָט איז ער” און דאס מיינט מען חיטראָווצינען. חנה פראנק מיט איהר
טאכטער איז נעטהיג וויא דאס לעבען, אז זיי זאלען געהן נאך סיביר און דאמאלס
וועל איך קענען מיין קאָפּ אויפהויבען.

— אזוי שטארק האסט דוא חיטראָווצין זיך מורא פאר א זשידאָווקע גרויס
וויא א פלוי? — האט איהם פיליפּאָוו פערוואונדערט געפרעגט.

— ווען אפילו הונדערט רוסען וואלטען מיך ארומגעזוכט, — האט חיטראָוו־
צין געענטפערט — וואלט איך מיך אזוי ניט בעאונרוהיגען וויא פאר איין זשיד
אדער זשידאָווקא. דיא זשידעס האבען שארפע אויסגעשליפענע קעפּ מיט גרויסע
איינפעללע און דערצו זיינען זיי נאך פערעסענע יונגען. א זשיד לאָזט זיך טרעטען
וויא א ווארים, פלוצלינג איז ער גאר א ריעזינער בארג און שיט פון זיך פייער וויא
פון א וואולקאן. מיר רוסען בעדארפען נאך א לאנגע צייט ביי דיא זשידעס לער־
נען שכל. ווען דוא זעהסט א געבוינטען זשיד, דוכט זיך, אז זיין קאפּ ליגט אכצעהן
איילען אין דער ערד, מהו איהם נור א דרעה פאר׳ן קעפּעל, ועסט דוא פון דארט
אויסטרייסלען א מיליאָן איינפעלע, וויא צו האנדלען מיט זיינע פיינדע, וויא זיך צו
שיצען פון אונגליק, און וויא זיינע פערפאָלגער ארויסצושטעקען א צונג.

— יעצטיגען מאל טרייבסט דוא אביסעל איבער.

— ניין ברודער, איך קען דיא זשידעס בעסער פון דיר. חיטראָווצין איז ניט
קיין אינגעל, ער קען א וועלט מיט אלערליי מענשען און אז דוא הערסט פון
מיין מויל, אז איך שרעק מיך פאר א זשידאָווקא מעהר אלס פאר אנדערע, מעגסט
דוא זיך שוין אויף מיר פערלאָזען, אז איך ווייס וואס איך רייד.

— זיא טאר זיך דאך יעצט אויף דער ווייסער וועלט ניט ארויסווייזען —
האט איהם פיליפּאָוו געטרייסטעט.

— דאס איז נאך ווייניג ברודער. זשידעס ווייסען וויא צו שיסען פון דער
פינסטער. נור סיביר איז פאר חנה פראנק דער בעסטער פּלאץ.

— איך וועל מיר געבען פון יעצט אן דיא מיה חנה׳ן מיט חייקא׳ן אויפצור־

געפינען,—האט איהם יורקאָווסקי געענטפערט — פון אונטער דער ערד וועל איך זיי אויסגראָבען.

— דיא געהיים־פּאָליציי זוכט שוין ארום איינע א זשידאָווקא שרה פיינשטיין גאנצע צוויי יאָהר, — האט חיטראָווצין געזאגט — און עס איז נאך פון איהר ניטא קיין שפור. נאך שעהנער איז דאס, אז זיא האט דא אונגליקליך געמאכט דעם פריסטאוו איוואנאָוו, וועלכער האט איהר שוין געהאלטען פערשפּארט, אז מען דארף נאר בעססער ניט האבען. זיא האט געמאכט א לאנגע נאָז אן אויסגעמאכטען שפּיאָן שורקין, וועלכער איז צוליעב איהר געלעגען עטליכע טעג בעגראָבען וויא א הונד אין א פינסטערן קעלער אונטער דיין אוטשאסטאָק; מען זוכט איהר יעצט ארום מיט ליכט און דאך קען מען איהר ניט אויסגעפינען.

— איך האב דער זשידאָווקא פיינשטיין צו פערדאנקען פאר מיין פריסטאוו־שטעלע, — האט פּיליפּאָוו געלאכט — זיא האט איוואנאָוו'ן א גוטע מאָס געגומען.

— אבער חנה'ן מיט איהר טאָכטער מוז מען אויסגעפינען! — האט חיטראָוו־צין מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט.

— זיי זיכער, אז איך וועל אין דעם ניט שוויינען.

— נו, לאָמיר זעהן וואס דיא צייט וועט זאָגען, — האט חיטראָווצין אביסעל מוטהלאז ארויסגערעדט — און יעצט האב איך מיט דיר צו ריידען וועגען אן אידיש מיידעל וועלכע מוז נאך היינט בעשמוצט ווערען, אז גאנץ מאָסקווא זאל מיט איהר קלינגען.

— חא, חא, חא! — האט דער פריסטאוו מיט'ן פולען מויל געלאכט — וואס איז דאס עפּעס פאר א שפּיעצעל?

— דאס איז שוין א גוטער שפּיעצעל וואָס שטאמט פון א הויכען אָרט! — האט איהם חיטראָווצין מיט א טייפעלישען שמייכעל געענטפערט — און איך האב מיט דיר דאריבער עפּעס אָפּצוריידען.

ביידע באנדיטען האבען זיך געסודעט אין דער שטיל ביי א פערטעל שטונדע, און חיטראָווצין איז פון פריסטאוו מיט א צופריעדענע מינע ארויסגעגאנגען.

49טעם קאפּיטעל.

בלוטיגע ליעבע.

וועהרענד פּאסטוחאָוו און נאכהער חיטראָווצין האבען בעזוכט דעם פריסטאוו יורקאָווסקי, האט זיך מאַריא זלאָרייקינא געקרינט אין בלוט אריין מיט'ן איינע־טהימער פון'ם האָטעל „ערמיטאזש" אנטאָנאָוו'ן.

— דיא אכט און צוואנציג טויזענד רובל זאָלען מיר היינט זיין ביז איין קאָ־פּיקע! — האט זיא אויף דיא אויבערשטע טענער געקווייטשעט, — מיינט ניט, אז איהר האט אָנגעטראָפען עפּעס א מיידעלע. איהר שפּיעלט זיך דא מיט פייער; פערשטעהט איהר מיך?

— ווארום זאל איך ניט פערשטעהן? — האט איהר איוואנאָוו געלאסען

נעענטפערט — אבער צאָהלען אומזיסט געלד וועט מיר דער קייזער אליין אויך ניט הייסען.

— אומזיסט געלד צאָהלען? — האט זלאָדייקינא געשריען — איהר זייט דער ווירטה און איהר מוזט פאר א דיעבשטאל בעצאָהלען.

— דאס איז וואהר פריילין, — האט איהר אנטאנאָוו רוהיג געענטפערט — אבער מיר אייגענטהימער פון גרויסע האטעלען, זיינען מעהר ניט פעראנטוואָרטליך וויא פאר א טשעמאָדאנטשיק אדער קליידער.

— און מיינע אכט און צוואַנציג טויזענד רובל אין געלד און צירונג זיינען טאקי אין א טשעמאָדאנטשיק געלעגען! איהר הערט, אַנטאָנאָוו?

— גרויסע סומען געלד ווערען אָפּגעגעבען דעם ווירטה אין האנד אריין! — האט איהר אַנטאָנאָוו ערוויעדערט — דאס איז א רעגעל, וועלכע איהר זעהט מיט גרויסע בוכשטאבען אויפ'ן וואנדט פון אייער צימער!

— און איך האב אייך אזא סומע ניט געוואלט טרויען.

— האט איהר עס בעדארפט אין דער באנק אריינלעגען און מיר אָפּגעבען דיא קוויטונג.

— איך ווייס ניט פון אזעלכע גליקען. אין אייער האטעל האט מען מיך בדלות געשטעלט און איהר מוזט מיר דיא סומע באלד אָפּגעבען.

— ניין, מיין טהייערע, — האט איהר אַנטאָנאָוו ערוויעדערט — איהר וועט ניט בעקומען איין קאָפּיקע. איך האב מיך ווענינ מורא פאר קאָמפּראָמענטירען. אז איך וואלט געפונען פאר נעטהיג דיא סומע אייך אפצוגעבען, וואלט איך דיא זאך ניט דערלאזט פערעפענטליכען אין דיא צייטונגען. זייט זיכער פריילין, אז איך וועל אומזיסט קיין געלד ניט צאָהלען.

— איהר וועט וויינען און טראָגען! — האט זלאָדייקינא געלארעמט — עס איז נאָר אין דער וועלט ניט געהערט געווארען, אז מען זאל א מענשען אזוי אראָפּ־שינדען און איהם נאר ניט וועלען ענטפערן! וואו בין איך דאָ, אין א וואלד?

— איהר זייט אין האטעל „ערמיטאזש״, וואו עס האט קיינמאל קיין דיעב־שטאל ניט געטראָפען.

— האבען מלאכים מיין געלד און מיין צירונג ארויסגעגנבעט?

— איך קען עס אייך, פריילין, ניט זאגען. מעגליך, אז מלאכים אדער שדים האבען עס טאקי געטהאן, מענשען געווים ניט.

— וואאָאָס? — האט זלאָדייקינא א געשריי געטהאן — איהר וואגט זיך זאָ לומפּיש מיט מיר צו ריידען? איהר ווייסט ווער איך בין?

— איך ווייס, מאטושקא....

— לומפּ! שורקע! אויסוואורף! — האט דיא בעסטיע געקוויטשעט — סיביר וועט פאר דיר ווענינ זיין! אויף צוואנציג יאהר קאטאָרגא וועל איך דיך שיקען! מיינסט דוא אז דיר וועט פערשווינען ווערען, וואס דוא האסט געוואָרטשעט אונ־טער מיין טהיר ווען איך האב ערפילט מיין הייליגע פפליכט צו מיין קייזער און פאטערלאנד? דוא ביזט א ניהיליסט שורקע, אין קייטען וועסט דוא געהן, דער

גנאַלגאַן וועט פאר דיר וועניג זיין. מיינע אכט און צוואנציג טויזענד רובל זאלען מיר
נבאלד זיין! דיא מינוט! דיא סעקונדע! דוא הערסט?

— איך הער מאַטושקאַ, — האט אנטאָנאָוו גאנץ רוהיג ערוויעדערט — אבער איהר פערשפאָרט אייך אזוי פיעל צו ערגערן. נעהמט אייך אן אדוואָקאט און פאָדערט פון מיר דאס געלד אין'ם געריכט.

אנטאנאווס רוהיגקייט האט זלאַדייקינאַ'ן געערגערט ביז צום טוידט.

— דוא וועסט שטעהן ביי מיר אונטער'ן קריגס־געריכט! — האט זיא וויטהענד געליאַרעמט — מיט דיין קאָפּ וועסט דוא בעצאָהלען —

— און אומזאנסט געלד וועל איך אלץ ניט צאָהלען.

— ווייטער אומזאָנסט? יעצט גלויב איך, אז דוא אליין האסט מיך בע־גנבעט.... דוא וועסט אָבער בעצאָהלען, שורקע, און וועסט זיך נאך זעגענען מיט דיין קאָפּ.

— טחוט אייך, באַרישניא, וויא איהר פערשטעהט און איך וועל גלייבער דאס געלד אין וואסער אריינוואַרפען איידער צאָהלען אומזאָנסט.

— קאַראַאול! קאַראַאול! גנבים! רויבער! — האט זלאַדייקינא מיט א ווילדע שטימע געשריען — ער האט מיך בעגנבעט!

אנטאָנאָוו האט אנגעקלונגען און צוויי בעדיענטע זיינען אין זיין קאבינעט אריינגעלאָפען.

— פיהרט איהר ארויס! — האט ער דיא דיענער בעפוילען.

— וו־אָ־אָ־אָס? — האט זלאַדייקינא אויסגע'שריען זיך אוועקשטעלענד מיט איהרעביידע הענד געגען אנטאָנאָווס געזיכט.

— גאָר ניט, — האט ער איהר רוהיג געענטפערט — איך הייס אייך ארויס־פיהרען און איהר געהט און פערקלאָגט מיך.

— דיין קאָפּ וועט עס דיר קאָסטען, שורקע!

— נעהמט איהר! — האט אנטאנאוו שוין אויפגערעגט אויסגעשריען און ביידע בעדיענטע האבען איהר באלד אויף דיא הענד פון צימער ארויסגעטראָגען.

זיא איז וויטהענד וויא א טיגערין אין איהר צימער אריינגעלאָפען און האט פאר גרויס פערדרוס און שאנדע ניט געוואוסט וואס צו טהאָן.

זיא האט זיך א טאפּנעטהאַן ביי איהר קעשענע און דערטאפּענדיג דיא באָמבע, איז זיא פאר בעס געוועזן געזאָנען מיט איהר אריינצולויפען צוריק אין אנטאנאווס קאבינעט און איהם מכבד זיין מיט'ן קניידעל, אז ער זאל צוזאמען מיט'ן „ערמיטאזש״ א שפרונג טהאָן ביז צום הימעל.

— אבער ניין, — האט זיא זיך פּלוצלינג א קלער געטהאָן — וואצו האב איך מיך אזוי שטארק צוליעב דאָס געלד אויפגערעגט? איך האב אלעקסעיעוו'ן, איך האב אָפּענבאַכען און סאבאקאָוו'ן מיט אלע טשינאָווניקעס פוןביידע פּאָליצייען. איך וועל דיא סומע בעקומען מיט כבוד, און מיט זיין קאָפּ וועט ער נאָכהער בעצאָהלען.

זיא האט זיך אויף דער וויבער זאָפע א וואָרף געטהאן און איז ביסליך־ווייז צו זיך געקומען.

— יעצט צו דער ארבייט! — האט זיא פלוצלינג צו זיך אליין א ברום געטהאן, — לאָמיך נעהן אָפּזעצען דיא באָמבע וואו מען בעדארף און נאכהער בעזוכען פריילין מאלליך.

זיא האט זיך פון דער זאָפע אויפגעהויבען און האט זיך אוועקגעשטעלט לעבען דעם שעהנעם שפּיגעל מיט דער בענולטער ראם, וועלכער האט פערנומען א האלבע וואנד פון איהר רייכפערפּוצטען צימער.

— ער האט מיר געמאכט א רויטהעס געזיכט דער בעל-דבר, — האט זיא מיט א ניפּטיגען שמייכעל אונטער דיא צייהנער גערעדט — דיעזעס געזיכט וועט מיין טהייערן פּאוולען דאָפּעלט געפעהלען ... איך מוז נאך באלד דיא באָמבע אָפּזעצען....

זיא האט זיך צורעכט געמאכט איהרע שווארצע געקרייזעלטע לאָקען, האט זיך אפּגעוואַשען און, אז זיא איז פערטיג געווארען מיט איהר טאָאלעט, איז זיא אויף א דראָשקע אוועקגעפאָהרען צו דער גרעפין מאריא אנדריאנאָווא.

— מוטער, — האט פּאוועל אנדריאנאָוו געזאָגט צו דער גרעפין וועהרענד זלאָדייקינא איז געפאהרען צו איהם מיט דער באָמבע — ביי מיר איז שוין באלד רעכט געוואָרען דיין פּאָרשלאג, אז מיר זאלען אלע פערררייזען נאך אויסלאנד.

— איך פערשטעה אפּילו פאר וואָס דאָס איז, — האט איהם זיין מוטער מיט א ליעבליכען שמייכעל ערוויעדערט.

— און איך שעהם מיך גאר ניט דיר צו זאגען אָפענהערציג, — האט פּאוועל ווייטער גערעדט — אז איך בין שטערבליך פערליעבט אין דער באראָנעסע קסעניא אנדרייעוונא. איך האב נאך אזא קלוגעס און שעהנעס מעדכען אין מיין לעבען ניט געזעהן.

— מיט דיא וואהרהייט, מיין קינד, האב איך איהר זעהר ליעב בעקומען, — האט מאריא זיך אָפּגערופען — איך בין העכסט צופריעדען צו האבען דער באראָנעסע פאר א שווינגער־טאָכטער. זיא איז שעהן, קלוג און געבילדעט און שטאמט פון א גרויסע פאמיליע; אבער איך וויים ניט וואס מיר שרעקט זיך אזוי דאס הארץ. איך זעה עפּעס אין איהר אפּשטויסענדעס וואס איך קען עס ניט אויסדריקען מיט ווערטער.... עפּעס איך ליעב איהר; אבער מיינע געפיהלע זיינען אביסעל שטורמיג.... קורצע ווערטער מיין קינד, איך וויים ניט וויא אויסצודריקען מיינע טרויעריגע געפיהלע. איך האב צו איהר גאר ניט; אבער דאך האב איך עפּעס בעמערקט אין איהר איינינע צינע וואָס קענען מיר ניט געפעהלען....

— אָ, ליעבע מוטער, — האט פּאוועל פייערליך ערוויעדערט — דיא לעצטע צייט מיט דיא טוידט־שרעק האבען דיר אויפגערעגט. דוא קענסט יעצט מיט'ן קלארען זינען ניט אורטהיילען איבער א מענשען.

— מעגליך, אז דאס איז וואהר! — האט דיא מוטער מיט א זיפץ געענטפערט — אבער מיר געפעהלט ניט איהר גיינערדיג יעדער זאך צו וויסען.

— דאס איז שוין אזא נאטור ביי אלע פרויען, — האט פאוועל מיט א שמייכעל געענטפערט — אויסער דעם, איז זיא יעצט פון אויסלאנד און אלעס וואס זיא זיעהט דא פעראינטערעסירט איהר.

— נו, און דאס וואס זיא איז מיט דריי יאהר עלטער פון דיר, מאכט דיר גאר ניט אויס? — האט דיא מוטער געפרעגט.

— ליעבע צעהלט ניט קיינע יאהרען. זיא איז מיר העכסט געפעהלען און איך פיהל, אז מיר איז שווער אהן איהר איין מינוט צו לעבען.

דיא גרעפין האט זיך פערטראכט. איהר מוטער־הערץ האט עס געפיהלט; אבער זיא האט זיך אליין קיין רעכנונג ניט געקענט אָפּגעבען, ווארום זיא איז פון דיעזער ליעבע אזוי אויפגערעגט.

— מעגליך, אז פאוועל האט רעכט, — האט זיא זיך א קלער געטהאן, — א געפלאנטער. פערפּאָלגטער מעניש איז ניט פעהיג א מענשען צו דערקענען.

— אויב עס האלט אזוי, מיין קינד, — האט זיא איהם אביסעל מוטהלאָז ערוויעדערט — פעהלט מעהר ניט, צו־וויסען וואס זיא דיינקט וועגען דיר....

— און איך וויים עס שוין! — האט פאוועל מיט א צופריעדענע מינע אויס־גערופען.

— ליעבט זיא דיך אויך?

— אָ, נאך וויא, ליעבע מוטער!

— נו, זאל זיין מיט גליק, מיין טהייער קינד, — האט מאריא אנדריאנאָווא קוים ארויסגערעדט און האט פאוולען צערטליך אומגעהאלדזט.

פאוועל האט איהר געשענקט א הייסען קוש און מאריא'ס אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען.

— ווייַן ניט מוטער, — האט איהר פאוועל געטרויסטעט — מיר קענען זיך נאך רעטען. צוליעב מיין טהייערער קסעניא'ן בין איך יעצט שטארק געזאָגען, אז מיר זאלען זיך אלע פון מאסקווא ארויסנעבענען און פערפייזען נאך פאריז, וואו מיין ליעבע קסעניא וואוינט שוין איינינע יאָהר. מיר וועלען פון דארט אויך קענען מיטהעלפען דעם געהיים־בונד וויא דוא מוטער האסט אונז געראטהען.

— אבער וואס מאכט מען מיט דיין שוועסטער? — האט מאריא געזיפצט. זיא איז ביז צו וואהנזין פערליעבט אין וואסיליעוו'ן און דיא לאגע פון איהם מיט זיינע קאָמעראדען קען ווערען זעהר טרויעריג ווען ליזא זאל פלוצלינג פעררייזען. ווער וויים וואס פעליקס סאבאקאָוו קען דא אויפטהאן מיט וואסיליעוו'ן און מיט וואסילי פעטראָוו'ן?

— פעליקס קען דא גאר ניט פערשטעהן, וואו עס האלט מיט ליזא'ן און וואסיליעוו'ן — האט איהר פאוועל ערוויעדערט — אים געגענטהייל, אז ליזא וועט אוועקפאָהרען וועט געוויס פעליקס'ן ניט איינפאלען, אז צווישען ליזא'ן מיט וואסי־ליעוו'ן הערשט א געהיימע ליעבע. סאָבאקאָוו וועט זיך קלערען, אז ליזא האט עס געטהאן וויל זיא וויל איהם ניט האבען פאר א חתן.

— דא מוז מען זיך בעראטהען מיט וואסיליעוו'ן און מיט ליזא'ן, — האט איהם דיא מוטער נאך א קליינעם נאכדענקען ערוויעדערט.

— ווייסט דוא וואס מוטער, — האט פאוועל נאך א קורצען שטילשווייגען געזאגט — היינט שפעט אין דער נאכט, וועל איך אהער אראפבריינגען וואסיליעוו'ן און מיר וועלען דאריבער האלטען א ראטה. איך דענק, אז ביי איהם וועט אויך רעכט ווערען, אז ליזא זאל מיט אונז פון מאסקווא אוועקפאהרען.

יעוורושין איז דערווייליע אין צימער אריינגעלאפען און האט געמעלדעט, אז דיא באראנעסע קסעניא אנדרייעוונא איז אין פאר-צימער.

ביידע זיינען ערפרעהט פון זייער שטעלע אויפגעשפרונגען און זיינען האסטיג אין פארצימער אריינגעלאפען.

— א, ליעבע קסעניא! — האט פאוועל איהר רייכענד זיין האנד אויסגע-שריען — אייער ערשיינונג פערשאפט מיר פרייד און פערגניגען!

— וואס מאכט איהר עדעלע באראנעסא? — האט מאריא אנדריאנאווא אויסגערופען און האט איהר פריינדליך אומגעהאלזט.

— גאט זיי דאנק וואהל און מונטער! — האט זלאדייקינא מיט א ליעבליכע און קלינגענדע שטימע ערוויעדערט און האט דער גרעפין געקושט אין געזיכט.

— זייט אונז ווילקאמען באראנעסא! — האט דיא גרעפין איהר אננעהמענד פאר'ן האנד געזאגט און האט איהר אריינגעפיהרט אין זאאל.

— אהן אייער געזעלשאפט לאנגווייל מיר, — האט זלאדייקינא מיט א בע-קלאנענדע שטימע געזאגט און האט געווארפען א ליעבליכען בליק אויף פאוועלען.

— און אונז דאס געמליכע, — האט דיא גרעפין ליעבליך ערוויעדערט.

— און מיר איז אהן אייך א שטונדע א יאהר, — האט פאוועל זיך אפגערופען.

קסעניא האט געאייסערט א האלב פערשעהמטע מינע, פונקט וויא איהרע געפיהלע וואלטען ליידען דאס צו הערען אין געגענווארט פון דער גרעפין.

— וואו איז מיין טהייערע פריינדין ליזא? — האט קסעניא פלוצלינג א פרעג געטהאן — א, גרעפין, איך ליעב דאך איהר וויא א שוועסטער, דאס איז עפעס א מערדכען אן ענגעל!

פאוועלס אייגענ-ליעבע האט זיך דא געפיהלט גאנץ צופריעדען און ביידע געליעבטע האבען זיך דורכגעווארפען מיט פריינדליכע בליקען.

— מיין טאכטער איז יעצט ביי איהר פריינדין בערטהא מאלליך, — האט איהר אנדריאנאווא געענטפערט — זיא וועט וואהרשיינליך באלד קומען. ווען זיא וואלט געוואוסט, אז איהר זייט יעצט ביי אונז באראנעסא, וואלט זיא געקומען אהער מיט פליעגלען. זיא איז דאס געמליכע צו אייך דאס וואס איהר צו איהר. אין הארץ פיהלט דער צווייטער.

— דוא האסט ניט געטראפען גרעפין, — האט זיך זלאדייקינא געטראכט — ניט אייביג נילט דער מענשליכער אינסטינקט.

— איך האב געהערט, אז בערטהא מאלליך איז אויך איינע פון דיא זעל-טענהייטען, — האט קסעניא מיט אן אונשולדיגע מינע גערעדט — ווען איך זאל עס

אפילו ניט האבען געהערט, קען איך עס מיר פאָרשטעלען, נור דורך דעם וואס אייער טהייערע ליזא איז איהרע א פריינדין.

— דאס איז ווירקליך אזוי, — האט זיך פּאוועל אָפּגערופען — בערטהא מאלליך איז איינע פון דיא זעלטענהייטען.

— מיר שיינט, אז זיא איז א אידיש מיידעל, — האט קסעניא מיט א תמ׳אוואטע מינע פאָרטגעזעצט — היינט וויא קומט עס, וואס איך האב געהערט נאך זייענדיג אין פאריז, אז זיא הייראטהעט א רוסע?

— אזש אין פאריז האט איהר עס געהערט? — האט איהר דיא גרעפין אונשולדיג געפרעגט.

— איך האב עס אויך געהערט פון אייער ליזא׳ן, און הערענדיג האב איך מיך ערא״ינערט, אז איך האב ביי מיינע א פריינדין אין פאריז געלעזען א בריעף, אז בערטהא מאלליך הייראטהעט א רוסע.

פאוועל האט א לייכטען שמייכעל געטהאן.

— מיר שיינט, אז דאס איז וויטלויפיג, — האט אנדריאנאָווא איהר ערווידערט.

— געוויס בעדארף אזא זאך זיין וויטלויפיג, — האט קסעניא ווייטער תמ׳אוואטע גערעדט — אין דעם פינסטערן רוסלאנד, וואו דער פאנאטיזמוס איז אזוי שטארק אויסגעברייטעט, קען עס ניט געשעהן. אין פאריז אבער זעהן מיר עס טאָג טעגליך.

— און דאס איז נאך ערגער פון אלעס — האט זיך פאוועל אָפּגערופען — וואס איהר געליעבטער בעדארף ליגען פערשטעקט אין א לאָך.

— פערשטעקט? — האט זלאדייקינא מיט א נאאיווע נייגיעריגע מינע געפרעגט — איז ער עפּעס בעגאנגען א פערברעכען?

— דאס זעלבע וואס איך, — האט פאוועל מיט א שמייכעל ערוויעדערט.

— וואס איהר? וואס האט איהר אזוינס געטהאן?

— און דיא מעשה וואס איך האב דערצעהלט מיט אלעקסייעוו׳ן האט איהר פערגעסען?

— אזוי! — האט קסעניא מיט דער זעלבער אונשולדיגער מינע אויסגעשריען — ווייס איך דאך שוין וויא ער הייסט!

— נו, אדרבא, זאגט — האט פאוועל מיט א שמייכעל גערעדט.

— זאכארין! — האט קסעניא זיך אָפּגערופען.

— פון וואנען קלערט איהר עס זיך?

— וויא הייסט פון וואנען? האבען דען דיא צייטונגען ניט דייטליך געשריעבען, אז אָסיפּ זאכארין האט געשאָסען אויף אלעקסעיעוו׳ן, ווען ער איז געגען אבענדס ארויסגעגאנגען פון „אוספּענסקי סאָבאָר” אין „קרעמעל”? איך האב דאך פערגאָסען פיעלע טרעהרען וועגען דעם אונגליקליכען, וואס דיא זאך האט איהם ניט געלונגען.

— װאָס איז דא פאראן צו װײנען? — האט איהר פּאװעל מיט א ליעבליכען שמײכעל נעפרעגט.

— װיא הײסט װאס דא איז פאראן צו װײנען? פערשטעה איך דען ניט, אז אלעקסעיעװ איז אײנער פון דיא גרעסטע באנדיטען אין דעם חשכדינגען רוסלאנד, און װיא באלד א יונגער מענש האט אויף איהם געשאָסען, האט ער אין דעם געהאט א פּאָליטישען ציעל?

— פּאָליטישע באנדיטען זײנען פאראן אין רוסלאנד בילכערע אויף װעמען צו שיסען — האט פּאװעל איהר ערװיעדערט — און זאכארין האט נאר אויף איהם געשאסען צוליעב א פרעכע בעלײדיגונג.

— װאס איך הער! — האט קסעניא ענטציקט אויסגעשריען — אויף אזא ארט האבען דאך נאר אלע צײטונגען געמאכט אן אירטהום! אפילו פּאריזער צײטונגען האבען דאך געשריעבען, אז דא בעהאלט זיך א פּאָליטישער ציעל.

— און דער גאנצער נערודער איז גאָר געװען צוליעב בערטהא מאלליך! — האט פּאװעל איהר ליעבליך ערװיעדערט — דאס װעט דאך בײ אײך געװיס פערבליבען א געהײמניס, באראָנעסא.

— נאך װאס פאר א געהײמניס; אבער װיא קומט דא נאר בערטהא מאלליך?

— גאָר אײנפאך װײל אלעקסײעװ האט איהר פרעך בעלײדיגט.

— אזוי נעהט עס צו אין דעם פינסטערן רוסלאנד! — האט קסעניא מיט א זיפץ געזאָגט — אזעלכע הינד װיא אלעקסעיעװ זײנען גאָר דיא גרעסטע רעדעלפיהרער בײ דער רעגיערונג און מענשען װיא אָסיפּ זאכארין בעדארפען ליעגען בעגראָבען װיא מײז אין דיא נאָרעס! איך זאג אײך דיא װאהרהײט, אז איך בין יעצט געקומען מיט פּלײס אין רוסלאנד אום אנטהײל צו נעהמען אין דער ניהיליסטישער בעװעגונג. זיצענדיג אין רוסלאנד פיהלט מען ניט אזוי דיא ניעדערטרעכטינקײט פון דער בלוטיגער רעגיערונג אלס מען זיצט פון דער װײטען אין א ציװיליזירטען לאנד. פון דארט זעהט מען עס פיעל בעסער און דײטליכער ארויס, און דאס עבען האט מיך יעצט געבראכט אין רוסלאנד.

— נײן, ליעבע באראנעסע, — האט זיך מאריא אנדריאנאָװא אָפּגערופען — קוים איך נעה נאך פרײ ארום, קוים אויף מײנע הענד ליעגען נאך ניט קײן שװערע קײטען פון דער רוסישער טיראנײ, װעל איך עס אײך ניט דערלאָזען צו טהאן! זײענדיג אין פראנקרײך קענט איהר אויך פיעלעס אויפטהאן, און אין פײער זאלט איהר דאָ ניט קריכען. רוסלאנד האט טהעטיגע קעמפּפער אהן אײך.

— אָ, נײן גרעפין, — האט זיך קסעניא אָפּגערופען — איהר מאכט אלע אן אירטהום. איהר דענקט, אז רוסלאנד האט א סך קעמפּפער. איך װײס אבער, אז מיר האבען זאגאר ניט קײן דריטעל װיעפיעל מיר האבען געהאט פאר אלכסנדר דעם צװײטען. טױזענדער האט צוגענומען דער נאלגאן, פערשלונגען סיביר און בעגראָבען דיא מינען און יעצט אין דער ריכטיגער צײט, װען מיר קענען פערניכטען דעם באנדיט מיט זײן גאנץ געזינדעל בײ דער קאָראָנאציע אין קרעמעל, האבען מיר נאר געצעהלטע מענשען.

— און דיזע געצעהלטע וועלען דעם טיראן פערניכטען! — האט פאוועל גנזאגט—ער וועט שוין צוריק פון מאָסקווא לעבעדיג ניט אוועקפאָהרען.

— און איך וועל מיך שעצען גליקליך, — האט קסעניא פייערינ פאָרטגע-זעצט — ווען איך וועל קענען נעהמען אנטהייל אין דיזער היילינער אונטערנעה-מונג. דיא גלייכסטע זאך וואָלט געווען צו לייגען א מינע אונטער דעם אייזענבאהן, וואו דער באנדיט מיט זיין סוויטע בעדארף דורכפאהרען.

— אזוי וועט עס טאקי זיין! — האט פאוועל אויסגערופען — אבער איהר בראָנעסע וועט דאמאלס זיין אין פאריז.

קסעניא האט געוואָרפען אויף פאוולען א ליעבליכען בליק.

— מוטער! — האט פאוועל פלוצלינג אויסגערופען — בעטראכט פון יעצט אָן קסעניא אנדרייעוונא פאר דיינע א טאָכטער.... זיא איז מיינע....

קסעניא האט איהרע אויגען צום באָדען אראָפגעלאָזען און איהר שעהנע צורקע האט אנגענומען א שעהמעדיגען אויסדרוק.

מאריא אנדריאנאווא, האט זיך פון איהר שטוהל אויפגעהויבען און איז צו קסעניאַ'ן צוגענאנגען.

— זעגנע אונז ליעבע מוטער! — האט פאוועל אויפגערעגט איהר געבעטען און האט זיך נאהענט צו דער שפּיאָנין אוועקגעזעצט.

א ישטראָם מיט טרעהרען האט זיך פון דער מוטערס אויגען ארויסגעגאָסען. זיא האט איהרע הענד ארויפגעלעגט אויף ביידענס קעפּ און האט מיט א ציטע-רענדע שטימע געשעפצעט.

— דער עווינער, מיינע ליעבע קינדער, — האט דיא אונגליקליכע מוטער יאמערליך געזאגט — זאל מיט זיין בארמהערצינקייט אייך פעראייניגען.... זיין גנאדע זאל אייך דעם לעבענס וועג פערזעען מיט ראָזען און בלומען.... זיין ליכטיגע זאָנע זאל אייך אימער לייכטען מיט גליק, אָפּשטראהלען מיט פרייד און פערגניגען. איהר זאלט ניט וויסען פון אזעלכע ליידען וויא אייער אונגליקליכע מוטער.

עס האט איהר פערהאקט דער אטהעם דאס זיא האט מעהר ניט געקענט א וואָרט אויסריידען און זיא איז אניעדערגעפאלען הינטער זיך וויא א שווערער שטיין אויף א ווייכען שטוהל.

— אָ, וואס איז מיט דיר ליעבע מוטער געוואָרען? — האט פאוועל צולוי-פענד צו זיין מוטער געפרעגט.

— גאר ניט, מיין קינד, — האט מאריא איהם שוואך ערוויעדערט — עס האט מיך עפּעס פערקלעמט אין הארצען.... עס געהט שוין איבער....

— מוטער! אָ, ליעבע מוטער! — האט קסעניא זיך אוועקשטעלענד פאר דער גרעפין אויף דיא קניע אויסגעשריען — זייט פרייש און מונטער! איך עלענדע בעדארף א מוטער האבען! איך בין דאך עלענד וויא א שטיין!

— שוין ניט מעהר עלענד — האט פאוועל איהר ערגרייפענד פאר'ן האנד געזאגט — דיר ווינזשען מיט גאטעס הילף לעבען גליקליך.

ער האט איהר ליעבליך אומגעהאלדזט און האט איהר פייערליך געקושט.

מאריא אנדריאנאָווא איז דערווייל אביסעל צוזיך געקומען און האט איהרע ביידע ק נדער ליעבליך געקושט מיט מוטערליכע צערטליכקייט.

— נאך אויסלאנד! — האט זיא מיט א בעשלאסענעם טאָן אויסגעשריען — היינט מוז דיא זאך דורכגעפיהרט ווערען נאך א פאמיליען־בעראטהונג.

זיא איז מיט א פּאָר מינוט שפּעטער אריינגעגאנגען אין איהר שלאָף־צימער זיך אביסעל אויסרוהען. זיא האט עפּעס געפיהלט א שטארקע אויפרעגונג. זיא האט אליין זיך ניט געקענט אָפּגעבען א רעכנונג פון וואנען דיא אויפרעגונג שטאמט, און פּאוועל אנדריאנאָוו האט זיין געליעבטער קסעניא'ן אריינגעבעטען צו זיך אין קאבינעט.

זיא איז לאנגזאם מיט איהם אין צימער אריינגעגאנגען און האט זיך אוועקגעזעצט לעבען איהם אויף א זאפע.

— אלזא, מיין ליעבע, — האט פּאוועל געזאגט — פון יעצט אָן בין איך דער גליקליכסטער מענש אויפ'ן גאנצען ערד־קוגעל.

— און איך דיא גליקליכסטע, — האט זלאדייקינא אונטערבראָכען — נור איין זאך טהוט מיר לייד. וואס אונזער מוטער איז עפּעס געזאגען וועגען אויסלאנד. איך האב געדענקט דא צו פערבלייבען און אריינטרעטען אין געהיים־בונד געגען דער רוסישער שלאנגע.

— איך וויל אויך ניט, מיין טהייערע, אז דוא זאלסט שטעהן אין געפאהר — האט פּאוועל ערוויעדערט, — צוליעב דיר וועל איך אליין אויך רוסלאנד פערלאָזען און דאָרט אין פראנקרייך אדער גאָר אין דער שווייץ, וועלען מיר אויך פּיעלעס קענען לייסטען פאר אונזער אונטערדריקטען פאָלק.

— און איך וואָלט האבען חשק צו זעהן דעם באַנדיטס מפּלה דא אין מאָס־קווא, — האט דיא שפּיאָנין געערעדט — איך וואָלט זעהר וועלען אויך אנטהייל נעהמען אין דער מינע. אז מיר יונגע מענשען זאלען עפּעס ניט אויפטהאָן פאר אונזער ארעמען פאָלק, טאָ ווער דען זאל טהאָן?

— דאס איז וואהר מיין טהייערע. מיר האבען אבער גענוג קעמפּפער טיכ־טיגערע פון אונז. איין זאכארין איז פעהיג אויפצוטהאָן מיט זיין אונבעגרענצטע ענערגיע מעהר פון הונדערט מענשען וויא מיר זיינען.

— איז דען זאכארין אויך א ניהיליסט?

— נאך וואס פאר א ניהיליסט! ער איז א מענש מיט א שטיינערנעם כאראקטער און מיט אן אייזערנע ענערגיע.

— איך גלויב, מיין טהייערע, אז דיא איבעריגע זיינען אויך קיין אינגלאך ניט! — האט קסעניא מיט אן ערנסטע מינע געזאגט — און וויא גליקליך וואלט איך מיך געשעצט אריינצוטרעטען אין זייער פּארטיע!

— ניין, מיין ליעבער ענגעל! איך בין דאגעגען. איך וועל מיין ליעבסטע אין דער וועלט ניט לאזען איין מינוט שטעהן אין געפאהר. איך פירכטע זאגאָר אויך יעצט טאמער וועסט דוא ווערען בעמערקט פון א שפּיאָן מיט דעם וואס דוא בעזוכסט אונזער הויז.... מיר הייננען יעצט אלע אויף א האָר.

— וואָס איינענטליך האבען דיא שפּיאָנען צו אייער הויז? — האט דיא בעסטיע מיט אן אונשולדינע מינע נעפרענט.

— דא איז א גאנצע געשיכטע וואָס איז יעצט נים צו דערצעהלען —

אין דעם מאָמענט האט זיך נעהערט א גערויש פון א דראָשקע לעבען מאַריא אנדריאנאוואַ'ס הויז.

פּאוועל האט א קוק נעטהאן דורכ'ן פענסטער און האט דערזעהן זיין שוועסטער ליזא אראָפּנעהענדיג פון דראָשקע.

— ליזא! — האט ער ערפרעהט אויסנעשריען.

— איבעררעש איהר, מיין טהייערע, — האט קסעניא שטיל געזאגט — געה און רוף איהר אריין צו מיר אהער אין קאבינעט; אבער זאג איהר נים פריהער, אז איך געפין זיך אין צימער.

פּאוועל איז ארויסנעלאָפען. דערווייל האט דיא בעסטיע שנעל ארויסגע־שלעפּט דיא באָמבע פון איהר קעשענע און האט איהר ווייט פון איהר זאַפע פערשטעקט.

— פערטיג! — האט זיא גיפטיג מיט א שמייכעל א ברום נעטהאן — דאס געלד וויא אין קעשענע און דער קאָפּ אהינצו.... ער האט עס אויך ערנסט פער־דיענט!....

אין איינינע מינוט ארום האט זיא זיך שוועסטערליך נעקושט מיט דער שוועסטער פון איהר אונגליקליכען אָפּפער, און יעצט אום אכט אוהר אבענד, איז זיא מיט א גאנצען פעקעל ענטדעקטע געהיימניסע, אוועקגעפאהרען צו בערטהא מאַלליך.

49טעס קאַפּיטעל.

אין בערטהאַ מאַלליך'ס קאַבינעט.

אין אָבגעלעגענע פיער גרויסע צימערען פון דעם מילליאָנער מאטפיי מאַלליך'ס פאסט קייזערליכע וואוינונג, וואוינט זיין יונגע אכצעהן־יעהרינע טאָכטער בערטהא. אלע פיער צימערען זיינען רייך מעבלירט נאָך פּאריזער סטיל און זיא אליין בעוואוינט זיי. איין צימער איז א גרויסער זאל וואו עס שטעהט א גרויסע טהייערע פּיאנאָ, דער צווייטער איז אן עמפּפאנג צימער, דער דריטער, איהר קאבינעט און דער פיערטער, איהר שלאָפצימער פון וועלכען פיער גרויסע פענסטער נעהן ארויס אין הויף און קוקען אין דעם צווייטען פליגעל פון דער ריעזיגער הויז, וואס איז אין גאנצען בעוואוינט נור פון דעם מילליאָנער מאַלליך מיט זיין קליינע פאַמיליע. אין דער צייט ווען זלאַדייקינא איז אוועקגעפאהרען שפּיעלען איהר בלוטיגע ליעבע מיט דעם יונגען פּאוולען איז בערטהא מאַלליך געזעסען פערשפּארט אין איהר קאבינעט מיט ליזא אנדריאנאוואַ'ן און האבען מיט טרעהרען אין דיא אויגען געלעזען א בריעף, וועלכען בערטהא האט מיט א פּיערטעל שטונדע פריהער ערהאל־טען, געשריעבען אין דער פראנצויזישער שפּראכע פון א יונגע אונגליקליכע מיידעל. דער בריעף איז געוועזען געפלעקט אין איינינע שטעלען. עס איז שוין געוועזען צו דייטליך צו דערקענען, דאס טינט מיט טרעהרען האבען זיך פעראייניגט און מיט

דיעזען צוזאמענגעמישטען שטאָף זיינען געשריבען דיא ציילען. דער בריעף האט ענטהאלטען פאָלגענדעס:

„טהייערע, ליעבע שוועסטער דער מענשהייט און עדלע גליובענסגענאָסין! דיעזע ציילען שרייבט צו אייך אן אונגליקליבע אכצעהן־יעהריגעס מעדכען אויף וועלכע וועלף שארפען דיא צייהנער, טיגערען פערפאָלגען איהר און שלאַנגען ווילען איהר פערבייסען. איך בין דיא אונגליקליבע חייקא פראַנק, וואס איהר האט איהר פאטער ארויסגענומען פון פרעאָברעזשענסקער דול־הויז און איהם בעזארגט מיט א גוטען אָרצט און מיט אן ארענטליכע בעהאנדלונג. מיין קראנקער פאטער איז בעזאָרגט; אבער איך מיט מיין מוטער הענגען איבער א טיעפען אבגרונד. א פריכטאוו, א בעסטיע, אן אויסוואורף, האט אונז בעשולדיגט אין א שרעקליכען פערברעכען, וועלכער קען אונז געבען אן אייביגען וואוינונג אין דיא סיבירישע מינען, און איך מיט מיין מוטער ליעגען בעהאלטען אין א הינטערשטען פליגעל פון א שמוציגען טראקטיר אם ענדע „טאגאנקא". רעטעט אונז עדלע שוועסטער! דיא הילפע מוז באלד קומען. מיר זיינען דאָרט יעדע מינוט אין געפאהר פון דיא געהיימע־אגענטען, וועלכע זוכען אונז און פון דיא פיאניצעס, וואס זיינען פול אין יענעם טראקטיר. איהר האט געראַטעט מיין פאטער, רעטעט אויך זיין טאָכטער מיט איהר אונגליקליכער מוטער און פערשאפט אונז א וואוינונג אם וויינינסטען היינטיגע נאכט איבערצונעכטיגען. מיר געפינען זיך אויף טאגאנקא, דאָס סווינאיעוואַ ביי אן אלטען דוואָרניק אונטערן אויווען אויף א שמאלע טאפטשאַ. איינע אן אנשטענדיגע פרוי, וועלכע האט אונז פערשאפט דיעזע שרעקליבע בע־העלטענים־לאך און האט פאר איהר אפגעצאהלט א היבשע סומע, וועט שטעהן היינט אום האלב צעהן אוהר לעבען אייער וואוינונג אום צו ערהאלטען אייער אנטוואָרט. זיא וועט אייך אלעס וועגען אונזער אונגליק מינדליך איבערגעבען.

דיא אונגליקליבע חייקא פראַנק".

— דאס איז שרעקליך! — האט בערטהא אויפגערעגט אויסגעשריען — מען מוז זעהן דער אונגליקליבער צו רעטען.

— איין אונגליק גרעסער פארן צווייטען! — האט ליזא געזיפצט — זעה נור פריינדין וואס פאר א שעהנע שפראכע זיא בעזיצט! זיא איז דאָך א וואהרע געבילדעטע פראנצויזין, און אזא מיידעל דארף אין דעם פינסטערן רוסלאנד אזוי פיעל ליידען.

— קענסט דוא פריינדין איהר פיעללייכט אויפזוכען עפעס א זיכערען וואוי־נונג? — האט איהר בערטהא טרויעריג און צורודערט געפרעגט.

— אָ, שוועסטער, — האט ליזא מיט א זיפץ ערוויעדערט — ווייסט דוא דען ניט אין וואס פאר א געפאהר איך שטעה?

— אבער וואס מאכט מען דא? — האט בערטהא פערצווייפעלט אויסגע־רופען — איך ווייס ווירקליך ניט וואָס מען פאננט דאָ אן צו טהאן. איך וואָלט געוויס דיא אונגליקליכע צו זיך גענומען; אבער היינט איז עס מיר אונמעגליך.

— איך האב א פלאן! — האט ליזא פלוצלינג ערפרעהט אויסגעשריען.

בערטהא׳ס געזיכט האט אנגענומען א פרעהליכע מינע.

— איך ווייס אבער ניט, — האט ליזא נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט— צו מיין פלאן קען דורכגעפיהרט ווערען.

— זאג מיר, פריינדין, וואס איז דיר איינגעפאלען.

— מיר איז איינגעפאלען, — אז מיר זאלען ביידע אונגליקליכע בעהאלטען ביי דער באראנעסע קסעניא אנדרייעוונא׳ן אין נומער. זיא איז זעהר א גוטעס און בארעמהערציגעס מערבען, זיא וועט עס געוויס טהאן, ווען פאוועל וועט עס איהר בעטען.

— האטעל „ערמיטאזש" איז אבער זעהר א רוישענדער און בעלעבטער, — האט איהר בערטהא געענטפערט — דערצו נאך האב איך געהערט, אז דארט לאזשירט דיא בעריהמטע שפיאנין מאריא זלאדייקינא.

— פון וואנען ווייסט דוא דאס?

— מיינסט דוא אז איך ווייס שוין נאר ניט וואס עס טהוט זיך אפ אין זייער געהיים־בונד? — האט איהר בערטהא מיט א שמייכעל געפרעגט — איך וויעל דיר געבען א סמן, אז מא־יא זלאדייקינא לאזשירט אין „ערמיטאזש", האט וויסנעפכוידערט דער געהיים־אגענט מערזאווצין, ווען מען האט איהם געהאלטען זין מיטען שמייסען.

— איך קען דיר אבער מיטטהיילען, אז זלאדייקינא איז שוין פון מאסקווא וועקגעפאהרען — האט איהם ליזא געענטפערט — ביי אונזער געהיים־בונד איז ערבליעבען, אז יעמאנד פון אונזערע מיטגליעדער זאל ווענען איהר נאכפארשען, ון אסטראוו האט אונז געגעבען צו וויסען, אז זיא איז פון מאסקווא אויף איינינע אנאטען אפגעפאהרען. און איך גלויב אז זיא האט דער באראנעסא קסעניא נדרייעוונא בעגנב׳עט.

— אויף אזא פערדארבענער פרוי איז אלעס צו גלויבען, — האט בערטהא ים א שמייכעל געזאגט.

— און קסעניא זאגט טאקי, אז איינע א פרוי איז איהר אין דער גנבה ערדעכטיג.

— ווייסט דוא אויף זיכער, אז דיא באראנעסע וועט איינשטימען צו בעהאלטען אין איהר לאזשיביידע אונגליקליכע? — האט איהר בערטהא נאך א ורצען נאכדענקען געפרעגט.

— איך גלויב אז זיא וועט עס געוויס טהאן. זיא איז גוט און בארמהערציג זא א וואהרער ענגעל.

— אלזא, וואלט איך דיך ראטהען פריינדין, בעצייטענס מיט איהר זיך צו הן. עס איז שוין באלד זיעבען אוהר.

— איך פאהר שוין נאך הויזע און איך וועל פאוולען צו איהר אין האטעל רמיטאזש" אריבערשיקען. מעגליך, אז איך וועל איהר גאר טרעפען ביי אונז צו יזע. איך האב בעמערקט, אז זיא איז צו פאוולען ניט גלייכגילטיג....

— און דאס נעטליכע געוויס ער צו איהר, — האט בערטהא געשמייכעלט.

— וויא פערשטעהסט דוא? אזוי איז דאָך שוין אונזער וועלטעל.

ליזא איז נאך א פריינדליכען אביטייד פון בערטהאן אוועקגעגאנגען.

בערטהא האט זיך פערטראכט און איהר שעהנעם, רייצענדעס געזיכט האַ אנגענומען א טרויעריגע מינע.

— ער איז אן ענגעל, — האָט זיא שטיל אונטער דיא ציינער גערעדט ער בעזיצט אבער א שטיינערנע הארץ, אן אייזערנעם ווילען, א שטאָלע ענערגיע.... איך מוז איהם ליעבען! אזוי דארף א מענש זיין.... דאס איז א דע קער, א מענש מיט אידעען, א העלד וואס קען ברעכען זיינע געפיהלע....קען בן הערשען זיין ליעבע, זיין טרייהייט....אבער ווארום איז ער א קריסט?!

א שטארקער זיפץ האט זיך פון איהר הערץ אויסגעריסען. זיא האט זיך מ איהר שטעלע אויפגעהויבען און האט מארשירט איבערן צימער מיט ראַשע טרי

— נו, א קריסט, א רוסע, וואס טהוט מען! — האט זיא ווייטער גערעדט ליעבע ווייס ניט קיין נאציאָן, קיין ראססע....זיא איז אונבעגרענעצט. נור זיא איי מאכט ניט קיין אונטערשייד צווישען פעלקער.... אך, וויפיעל הומאניטעט ב זיצט זיא!—

א קלאַפּ אין טהיר האט איהר פלוצלינג איבערראַשט.

— הערריין! — האט זיא אויפגערעגט אויסגעשריען און איהר קאמער-מערכ איז אריין אין צימער און איהר געמעלדעט, אז אן אונבעקאנטער רייכגעקליידעט מאן ווינשט איהר צו זעהן.

בערטהא איז געבליעבען א ווייכע שטעהן און האט איהר נאך ניט געענ פערטט.

— וואו איז זיין וויזיט-קארטע? — האט זיא איהר פלוצלינג א פרעג געטהא

— ער האט מיר געהייסען זיך מעלדען אלס בעקאנטער פון אייערן א גוט פריינד,— האט איהר דיענסט ערוויעדערט.

— הייס איהם אריינגעהן, — האט זיא נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט אבער דוא זאלסט בלייבען שטעהן ביז מיינעם א וואונק.

איהר קאמער-מערכען איז ארויסגעגאנגען און באלד איז צו בערטהאן א קאבינעט אריינגעגאנגען א הויבער, שלאנקער מאן מיט א לאנגען שווארצען באָר און מיט געקרייזעלטע האר.

— ווער בעעהרט מיך מיט זיין בעזוך? — האט זיא איהם העפליך געפרעגט

— איך! — האט זיא בעקומען אן אנטוואָרט.

בערטהא איז פון דעם וואָרט „איך" אזוי איבערראשט געווארען, אז זי איז געבליעבען שטעהן וויא פערשטיינערט. זיא איז אבער באלד צו זיך געקומ און נאך איהרען א וואונק, איז איהר קאמער-מערכען אוועקגעגאנגען.

זיא האט דיא טהיר צוגעמאכט און איז לאנגזאם צו איהר גאסט צוגעגאנגע

— זאכאַרין! — האט זיא מיט א ציטערענדע שטימע אויסגערופען — וואו מאכסט דוא? וויא געהט עס דיר? וויא קומסט דוא אהער?

— איך מאך גאנץ גוט, — האט איהר דער גאסט רוהיג ערוויעדערט -

געהן געהט עס מיר אויך גוט, און וויא איך קום אהער, זיז גאר איינפאך — פר־
הער צו פוס און נאכהער אויף א דראָשקע.

— דוא ביזט דער זעלבער רוהיגער, גוטער און קלוגער זאַכארין! — האט
בערטהא געפיהלפאָל געזאָגט.

— איך בין גאָר אן אנדערער, — האט זאכארין געלאכט — איך הייס גאָר
דאָבראָדושין און אזוי זאָלסט דוא מיר טאקי רופען.

— דוא ביזט היינט, זאכארין—

— ניין, דאָבראָדושין — האט איהר זאכארין אונטערבראָכען — א מורא פאר
דיא ווענדט....

— נו, זאל זיין דאָבראָדושין — האט בערטהא ביטערליך געשמייכעלט —
דוא ביזט היינט עפעס אין א גוטע לוינע גאר ניט נאך דיין לאגע.

— לאָך פון דעם, — האט דאָבראָדושין ליעבליך געזאָגט — אויסער פון דיא
הוויי פעראונגליקטע, גאָלדבוים און גרינבערג, האב איך מיך גאר קיין מאל שלעכט
ניט געפיהלט. זאגאר ווען איך בין געלעגען אין׳ם קאנאָן, האב איך געדיינקט אן
בערטהא מאלליך און בין געווען העכסט צופריעדען וואס איך האב געטהאן א
מענשענ־פפליכט און געקעמפפט פאר איהר עהרע געגען א ניעדערטרעכטיגען לומפ.

— זאכ.... דאָבראָדושין! — האט בערטהא ערגרייפענד איהם פאר׳ן האנד
אויסגערופען — זיי צו מיר דער זעלבער וואס אמאל! — ליעב מיך חאטש א צע־
העגטעל וויא—

בערטהא האט זיך פערהאקט און אויסגעבראָכען מיט א שטילען געוויין.

— צווייפעלסט דוא דען אין מיין ליעבע, ענגעל?

— איך זעה, אז דוא ענטזאגסט מיין פאָרשלאג.

— ווענען אויסלאנד מיינסט דוא?

— קיין אנדער פאָרשלאג האב איך דיר ניט געמאכט און איך וועל מיך
שעצען איבער גליקליך, אז דוא וועסט דיעזען איינעם איינוויליגען.

— איך קען עס ניט, טהייערע בערטהא, — האט זאכארין געלאסען און מיט
א פלעהענדע שטימע געענטפערט — איך בין א קעמפפער פאר מיין נאציאָן, איך
שטרייט פאר הונדערט מיללִיאָן אונגליקליכע!

— ווייסט דוא דען ניט, אז דוא קענסט פון דאָרט אויך קעמפפען?

— אזוי טהוען ציטעריגע איננלאך. אזוי בעגעהן זיך דיא געקרווינטע באנדי־
טען ווען זיי מאכען א קריג, — האט זאכארין בערדריסליך ערוו׳עדערט — זיי שטע־
לען ארויס הונדערט טויזענד מענשען צום פייער פון׳ם פיינדס ביקסען, און אליין
זיינען זיי גאר אין דעם הינטערשטען לאגער. — מיר פרייהייטס קעמפפער טארען
דאס ניט טהאן. מיר קעמפפען פאר אזעלכע ניעדערטרעכטיגקייטען מיט דיא באנ־
דיטען.

בערטהא האט זיך פערטראכט און האט זיך פלוצלינג בעשלאסען גאנץ
אנדערש צו ריידען, פיעללייכט וועט עס אויף איהם ווירקען.

— וויא באלד אזוי, — האט זיא געזאגט — וויא באלד דוא ביזט אנדערש

ניט געזאגט; וויא פאָרינע וואך אין באָנאָראָדסקער וואלד; ווארום האסט דוא מי
יטצט בעזוכט?

— ווייל איך ליעב דיך, טהייערער ענגעל, — האט איהר זאכארין מוטה
ערוויעדערט.

— דוא ליעבסט מיך? — האט בערטהא ביטערליך געלאכט — איך דאנק
הערר דאָבראָדושין; אָבער וואס נוצט א ליעבע וועלכע איז האָפנונגסלאָז?

— אזוי מיין טהייערע מוז עס געהן, — האט זאכארין געלאסען געענטפער

— איך האב מיך ענטזאגט פון מיין מוטער מיט איהרע מילליאנען און איך מוז מי
ענטזאגען פון מיין בערטהא׳ס פאָרשלאג; אבער איך וועל געהן צופריעדען צו
נאלגאן וויסענדיג, אז קיין אנדערע אויסער בערטהא׳ן האב איך ניט געליעבט.

— מיט דיין געהן צום נאלגאן וועסט דוא אבער אויך בעגראָבען דיין ליעבע
בערטהא׳ן! — האט דאס מערכען מיט א ציטערענדע שטימע אויסגערופען.

— אויב אזוי מיין טהייערע, טא נעהם־זשע אנטהייל אין דעם הייליגען קאמפ

— האט איהר זאכארין ערוויעדערט — וויא באלד שטארבע, איז דאך שוין פיע
אנגענעהמער פאר דיא געפיהלע צו שטארבען וויא א קעמפפער, וויא א העלד!

— דוא קענסט דאך אבער מאכען, אז ניט דוא און ניט איך זאלען בעדאר
פען שטארבען.

— פון דעם איז אָפגערעדט מיין טהייערע. איך טאָר פון מאָסקווא ני
פעררייזען און וועל נים פעררייזען!

— איך וואָלט וועלען וויסען וואס וועסט דוא מיט דיין זיין אין מאָסקווא
אזוינס אויפטהאן?

— מעגליך, אז דאס וואס איך וועל אויפטהאן וועט צו גאר ניט פיהרען
אבער אויפטהאן וויל איך עפעס. עס מוז ווערען א מינע, און דערצו איז שוין אוי
געקויפט א הויז.

דיא גרעבסטע העלפט! — האט בערטהא ביטער געלאכט.

— זיי בערטהא זיכער, אז עס וועט ווערען א מינע.

— אויב זיי וועלען שווייגען.

— זיי זיכער, אז ביי אונז וועלען זיי שוין גאָר ניט וויסען, מיר זיינען שו
גענוג ערפאהרען און ווייסען וויא מיט דיא שפיאָנען צו האנדלען.

— און דיין מוטער האָסט דוא נאך גאר ניט געזעהן? — האט איהם בער
טהא נאך א קורצען שטילשווייגען געפרעגט.

— וויא אזוי קען איך איהר זעהן? — בעזוכען איהר אין איהר וואוינונג איז
„ארבאט״ איז פאר מיר געפעהרליך. דערצו נאך, האב איך איהר ניט נעטהיג צ
זעהן...

— דוא האסט ניט נעטהיג צו זעהן דיין אייגענע מוטער?

— ניין, טהייערע בערטהא. דיא הייליגע אידעע האט מיך דערצו געבראכט
איך האב מיך פון איהר געגצליך ענטזאגט ביז מיר וועט געלינגען עפעס אויפצו
טהאן!

— האסט דוא גאר מיט איהר קיין מיטלייד?

— נאך וואס פאר א מיטלייד! איך בין איהר איינציג קי
שוואכע קראנקע פרוי; אבער איין מאל פאר אלע מאל! דיא א

— דוא קענסט דאך אבער צוגעבען דיין מוטער צעהן יאָהר
וועסט זיך מיט איהר איין מאל זעהן.

— דוא מיינסט, אז איך קען זיך זעהענדיג מיט איהר צעהן יאהר
לעבען מינערן. זיא וועט אויך געוויס וועלען, אז איך זאל פעררייזען נאך אויס

— אבער וויא איז מען עס אזוי הארט?

— איך בין א קעמפפער פאר דיא וואהרהייט! — האט זאכארין אויסגע־
רופען.

— א קעמפפער פאר דיא וואהרהייט מוז דאך אויך בעזיצען עהרע געפיהל,
— האט בערטהא שניידענד געזאגט — דיין מוטער איז געקומען צו בעטען דעם
לומפ, אז ער זאל דיר פערצייהען. דוכט זיך, אז נור צוליעב דעם אליין, האסט דוא
בעדארפט זיך זעהן מיט דיין מוטער אום איהר אויפמערקזאם צו מאכען, אז דוא
פערלאנגסט ניט אלעקסייעווס גענאדע.

— דאס בעדארף איך ניט טהאן מינדליך, — האט איהר זאכארין רוהיג
ערוויעדערט — און שריפטליך האב איך עס שוין איהר ערקלערט.

— האסט דוא דיין מוטער א בריעף געשריעבען?

— באלד וויא דוא האסט עס מיר דערצעהלט אין באָגאָראָדסקער וואלד
„ראיאָווא“.

— און זיך זעהן מיט איהר ווילסט דוא גאָר ניט?

— ניין, בערטהא, איך טהו עס ניט, ווייל איך וויל איהר ניט פערשאפען
קיינע שמערצען. בין איך פערשוואונדען, זאל זיין פערשוואונדען איין מאל.

בערטהא האט זיך פערטראכט.

— דוא ביזט א העלד זאכארין! — האט זיא פלוצלינג אויסגערופען — מיט
דיר צוזאמען איז מיר אויך ליעב דער טוידט.

און ביידע געליעבטע האבען זיך אינסטיקטיוו אומגעהאלדזט.

א קלאפ אין טהיר האט זיי פלוצלינג איבערראשט.

— אין צווייטען צימער! — האט איהם בערטהא שטיל געזאגט.

זאכארין איז אריין אין צווייטען צימער און בערטהא האט אויסגעשריען,
„העריין“.

עס איז אריין איהר קאמער־מעדכען און איהר געמעלדעט, אז דיא באראָ־
נעסא קסעניא אנדרייעוונא ווינשט איהר צו זעהן.

— קסעניא אנדרייעוונא! — האט בערטהא ערפרעהט אויסגעשריען — הייס
איהר אריינגעהן.

בערטהא איז צוגעלאפען צו דער טהיר און האט פריינדליך עמפפאנגען דיא
שעהנער באראָנעסא.

(Iron, 27).

— זיים מיר ווילקאָמען! — האט זיא מיט א צופרידענע מינע אויסגעשריען — אָ, וואס פאר א גאסט?

— עס פרעהט מיך זעהר אייך צו בעזוכען — האט זלאָדייקינא ליעבליך געזאגט.

בערטהא האט דער שפּיאָנין אוועקגעזעצט אויף א שטוהל און האט איהר געבעטען אויף א ווײלע אום ענטשולדיגונג וואס זיא פערלאזט דעם צימער.

זיא איז ארייגעגאנגען צו זאכארינען און האט איהם געפרעגט צו ער וויל בעקאנט ווערען מיט דער באראָנעסא.

— איך וועל אין איינינע מינוט ארום אריינקומען, — האט איהר זאכארין ערוויעדערט — עס שאדעט ניט איהר קענען צו לערנען.

בערטהא איז באלד צוריק אריינגעגאנגען אין איהר קאבינעט און האט זיך אוועקגעזעצט מיט א פריינדליכע מינע און צופריעדענהייט לעבען דער באראָנעסע.

— עס פרעהט מיך זעהר אייך צו האבען פאר א גאסט, — האט בערטהא ליעבליך געזאָגט — וואס מאכט איהר באראָנעסע? וויא געהט עס אייך?

— עס געהט מיר וויא עס קען געהן א באריזערין אין מאָסקווא — האט קסעניא פריינדליך און מיט א שמייכעל ערוויעדערט — מיר איז שוין אלעס אין דעם בארבארען־לאנד פרעמד, און וואס איך זעה מיט מיינע אויגען קומט מיר ווילד און קאָמיש פאָר. דערצו ווייסט איהר דאך געוויס, אז מען האט מיך בעשטוילען אויף א היבשע סומע.

— יא באראָנעסע, איך האב עס געלעזען און אויך געהערט פון מיין פריינדין ליזא אנדריאנאָווא, — האט בערטהא מיט א בעדויערענדע מינע געערעדט — דאס איז ווירקליך אן אונגליקליכער צופאל; אבער איך דענק, זאז איהר וועט אייער געלד צוריק קריגען.

— היינט געה פיהר אין דער ווילדער מאָסקווא פראָצעסען! — האט דיא שפּיאָנין מיט א פערדריסליכע מינע אויסגערופען — דאס קען מיר נאך נייע אכט און צוואנציג טויזענד רובל קאָסטען איסער וואס יענע וועלען זיין פערפאלען. מיר ווייסען גאנץ גוט וואס הייסט אין רוסלאנד גערעכטיגקייט. ווען גערעכטיגקייט וואלט טאקי אין רוסלאנד עקזעסטירט, וואלט אזא לומפּ וויא אלעקסייעוו ליגען בעגראבען, און זאכארינס און נאך אנדערע העלדען וואלטען געהאט דיא רעדעל אין דער האנד.

בערטהא האט זיך געפיהלט אין זיעבעטען הימעל פון קסעניא׳ס לעצטע ווערטער.

— וויא איך זעה, — האט בערטהא צו איהר מיט א שמייכעל געזאגט — האלטען מיר מיט אייך, באראָנעסע, אויך זעהר ווייט.

— און איהר בעטראכט עס דען פאר א וואונדער? וואוינענדיג אין א ציוויליזירטעס לאנד וויא פראנקרייך זאל מען נאך פריי ניט דענקען?

— האט איהר באראָנעסע געזעהן ליזא אנדריאנאָוונא׳ן? — האט איהר בערטהא פלוצלינג א פרעג געטהאן.

— איך קום יעצט עבען פון דער גרעפינס הויז, — האט איהר קסעניא ערוויעדערט — וויא איך זעה ווילט איהר מיך פרעגען וועגען דער אונגליקליכער מיידעל פראנק מיט איהר מוטער.

— וואס דענקט איהר ליעבע קסעניא? — האט איהר בערטהא מיט א צופריעדענע מינע געפרעגט — וועלען דיא אונגליקליכע פרויען קענען ביי אייך בעקומען שוין נור היינטיגע נאכט?

— דאס טאקי האט מיר יעצט צו אייך געבראכט, — האט איהר קסעניא ליעבליך געענטפערט — איך בין עקסטרע אייך געקומען אָנזאָגען, אז איך נעהם דיא אונגליקליכע צו זיך.

— אָ, וואָס פאר א וואָהל־טהאָט! — האט בערטהא ענטציקט אויסגערופען.

— דאס איז א מענשענ־פּפליכט, — האט קסעניא מיט א גוטהערציגע מינע געזאָגט — אין דעם חושכ׳דיגען רוסלאַנד קען גאנץ לייכט פּאַרקומען, אז אן אונשולדיגער מענש זאל ארייגפאלען אין גרעסטען אונגליק. און אז מיר פריידענקער זאלען ניט רעטען א מענשען פון דיא פּאָליציייסקע באנדיטען, ווער דען זאל עס טהאָן? איך בין העכסט צופריעדען וואס מיר האט זיך געמאכט א געלעגענהייט זאָ וואס צו טהאָן.

אין דער טהיר פון דעם זייטיגען צימער האט זיך געהערט א לייכטער אָנקלאַפּען און זאכארין איז נאך אן ערלויבניס אין קאבינעט אריינגעגאנגען.

— איך בעעהרע מיך פאר אייך פּאַרצושטעלען מיינעם א בעקאנטען, — האט בערטהא צו דער שפּיאָנין געזאָגט — דאס איז מיכאאיל דאָבראָדושין.

קסעניא אנדרייעוונא האט איהם פריינדליך געררייכט איהר האנד און האט געוואָרפען אויף זאכארינען א געהיימען, שארפען בליק.

זאכארין האט זיך נאך א העפליכען פערנייגען אוועקגעזעצט נעגען דער באראָנעסע און האט פון איהר ניט הערונטערגענומען זיינע שארפע און קלוגע בליקען.

— מיך פרעהט זעהר אייך קענען צו לערנען עדעלע באראָנעסע, — האט ער צו איהר פריינדליך געזאגט — איך האב פאר דיא לעצטע טעג פיעלעס וועגען אייך געהערט.

— אבי גוטעס, — האט קסעניא מיט א גוטהערציגען שמייכעל ארויסגערעדט. זאכארין האט איהר שטארק אָנגעקוקט.

— אי, וואו נעהמט מען דאָ שרה פיינשטיין! — האט ער זיך געקלערט — דיא יונגע באראָנעסע איז ריכטיג געראטען אין „מאריא זלאָדייקינא׳ן״ ווערליג פיינשטיין האט מיר איהרע פרימעטען אָפּגעמעלט.

— שלעכטעס זיינען מיר גאָר ניט געוואוינט צו הערען, — האט זאכארין פ ינדליך איהר ערוויעדערט.

— איך שטאָלציר בעקאנט צו זיין מיט אזעלכע מענשען וואס זיינען צו שלעכטעס ניט געוואוינט! — האט זלאָדייקינא מיט א ליעבליכען טאָן ערוויעדערט — זייט איך בין אין מאָסקווא זעה איך אלין ארום זיך נור פערדאָרבענע ניעדערטרעכטיגע מענשען. דוכט זיך, אז דער האָטעל „ערמיטאזש״ איז דער געריהמ־

טעסטער היער; ענדליך האט מען מיך דאָרט נאָר בעננבעט, און איך האב צ שטארקען פערדאבט, אז דער ווירטה מיט נאך איינע א פרוי האבען עס געטהאן

— דאס איז פאסט אונגלויבליך, — האט זאכארין געזאגט — אנטאָנאָוו איז א מילליאָנער און דער „ערמיטאזיש" איז זיין אייגענער.

— איך האב אבער בעמערקט,—האט דיא בעסטיע ווייטער געריעדט—אז ער סודעט זיך מיט א יונגע, שעהנע דאמע, פונקט אין מיין וואוקס; דיא דאמע פלעגט זיך אלין לעבען מיין צימער ארומדרעהען און אין דער פריה האב איך געפונען מיין צימער גאנץ אָפען און דאס געלד מיט דיא צירונג זיינען פערשוואונדען.

זאכארינען איז קסעניא אנדרייעוונא באלד ביי דעם ערשטען אויגענבליק ניט געפעהלען, און נאך מעהר זיינען איהם ניט געפעהלען איהר אורטהייל וועגען דער גנבה.

— ווייסט איהר וויא יענע פרוי הייסט? — האט איהר זאכארין געפרעגט.

— איך זאג אייך דיא וואהרהייט, אז מיר האט קיינער אין האטעל „ערמיטאזש" ניט אינטערעסירט. דיא איינינע טעג וואס איך בין אין רוסלאנד, בין איך גאנץ ניעדערשלאגען. איך בין שוין אָפגעוואוינט פון דיא ווילדע מענשען מיט זייערע אזיאטישע זיטען. אין פאריז איז גאר אן אנדער לעבען.

— יא, יא, — האט זאכארין געזאָגט — דא איז ווירקליך אלעס ווילד.

— ווילד צו ווילד איז ניט גלייך! — האט קסעניע מיט א בעקלאגענדע מינע אויסגערופען — אבער נאך מיינער מיינונג וואָלט שוין לאנג צייט געווען, אז מען זאל דיא ווילדקייט פון אונזער פאטערלאנד אדויסטרייבען.

— דאס וועט נאך לאנג דויערן באראנעסע,—האט זיך בערטהא אָפגערופען.

— אז מען וועט שלאָפען, — האט קסעניא געזאגט — זעלבסטפערשטענדליך, אז דאס וועט לאנג דויערן.

זאכארין האט זיך נאהענט צו בערטהא'ן אוועקגעזעצט און האט אלע ווילע געוואָרפען א שארפען בליק אויף דער באראָנעסע.

— וואס דענקט איהר קען מען צו דעם טהאן? — האט איהר זאכארין מיט אן אונשולדיגע מינע געפרעגט — וויא פערטרייבט מען ווילדקייט און פינסטערניס?

קסעניא האט א קוק געטהאן אויף בערטהא'ן און איהרע בליקען האבען אויסגעדריקט א פראגע צו איז ניט געפעהרליך מיט דיעזען סוביעקט פריי צו ריידען.

בערטהא האט עס פערשטאנען; אבער זיא האט גאר ניט געענטפערט. זיא האט געוואוסט, אז זאכארין איז צו קלוג אום צו שטעלען פלוצלינג אזא נאררישע פראגע, און וויא באלד ער האט זיך יא אזוי אויסגעדריקט, געוויס האט ער עס געטהיג.

— ווילדקייט ווערט פערטריבען דורך בילדונג, — האט דיא טייפעלשע באראנעסע זיך אָפגערופען פונקט וויא זיא וואלט זיך צוריקציהען עפעס פון א פרייען ווערטל פאר אן אונבעקאנטען מענשען.

— האבען מיר דען וועניג גימנאזיומס און אוניווערזיטעטען? — האט זאכארין האלב-ערנסט און האלב-ספאָטיש געפרעגט.

ער האט עס אין אזא טאָן ארויסגערעדט, אז דיא קלוגע זלאָדייקינא האט ניט געקענט אויסגעפינען דעם ריכטיגען זין, וואס ער מיינט מיט דעם.

— יא, יא, — האט דיא באראָנעסע ערוויעדערט — אבער מיר האבען גאנץ וועניג וואס פון זיי צו ערווארטען.

— לאָמיר עס אָפליינען אן א זייט באראָנעסע, — האט זאכארין מיט א פריינדליכע מינע געזאגט — מיך אינטערעסירט זעהר צו וויסען ווער יענע פרוי האט געקענט זיין. אכט און צוואנציג טויזענד רובל געהען ניט צו פוס זאגאר ביי פיעלע מיליאָנען.

— ווער קען וויסען! — האט דיא באראָנעסע מיט א זיפץ געענטפערט.

— איך בין גראדע מיט'ן האטעל „ערמיטאזש" זעהר גוט בעקאנט, — האט זאכארין ליסטיג געזאָגט — קענט איהר מיר ניט זאָגען וויא יענע פרוי קוקט אויס?

— א יונגע דאמע פון מיטלען וואוקס, מיט זעהר א שעהנעם געזיכט און מיט שווארצע געקרייזעלטע האָר.

— הייסט זיא אָפט ניט מאריא זלאָדייקינא? — האט זאכארין האסטיג איהר א פרעג געטהאן און האט אויף איהר געווארפען א דורכדרינגענדען, פאָרשענדען בליק.

קסעניא האט דערפיהלט א הערצקלאַפען און א שוידער איבער אלע גלידער און זאכארין האט זיינע דורכדרינגענדע אויגען פון איהר ניט אראָפּגענומען.

— ווער קען וויסען? — האט זלאָדייקינא מיט געמאכטען מוטה איהם ער־וויעדערט — איך האב דאך אייך שוין געזאגט, אז מיך אינטערעסירט מאָסקווא מיט איהרע ווילדע מענשען זעהר וועניג.

— שאדע וואס איהר ווייסט ניט איהר נאמען, — האט זאכארין גאנץ פריינד־ליך געזאגט — איך האב דא א פערדאכט אויף צוויי פרויען. איינע פון זיי האט עס נאך מיינער מיינונג געוויס געטהאן.

— אויף צוויי? — האט קסעניא געפרעגט — איך האב מעהר ניט בעמערקט וויא איינע.

— און איך ווייס, — האט זאכארין ווייטער גערעדט — אז נאך איינע א פרוי האט דאמאלס לאָזשירט אין „ערמיטאזש" און איך קען גלויבען, אז זיא האט עס געטהאָן.

— אויף אזא ארט קען דאך גאנץ לייכט מיין פערלוסט זיך צו מיר צוריק־קעהרען! — האט דיא שלויהע קסעניא ערפרעהט אויסגעשריען.

— מעגליך אז יא; מען מוז אבער דערגעהן וואו יענע פרוי געפינט זיך יעצט.

— קען איך וויסען וויא זיא הייסט? — האט זלאדייקינא איהם ליסטיג גע־פרעגט אום בעפרייט צו ווערען פון זאכארינס שארפע בליקען, וועלכע זיינען איהר פאָרגעקומען זעהר פערדעכטיג. איהר האט זיך אויסגעדוכט, אז ער פערשטעהט דאָ עפעס וועגען דעם בלבול וואס זיא מאכט אויף דעם אונשולדיגען אנטאָנאָוו'ן, דעם ווירטה פון „ערמיטאזש".

— זיא איז א אידישע פרוי און זיא הייסט שרה פיינשטיין! — האט זאכארין

לאנגזאם גערעדט און זייַנע אויגען האבען איהר דורכגעדרונגען.

זלאַדייקינאַ'ן האט פּערהאקט דער אָטהעם. זיא האט דא דערשמעקט, אז עס זיצט פאר איהר א קלינערער פון איהר; זיא האט דא ארויסגעזעהן, אז דאָבּ־ראָדושין איז א קלונער פויגעל, וועלכער דערקענט איהר אן שנאָבעל. זיא האט אבער אויך פערשטאנען, אז ער וויים עס נאך ניט אויף זיכער, אז ער וויל איהר שטעלען צור פּראָבע און לעזען פון איהר געזיכט וואס בעהאלט זיך אין איהר פאלשעס הערץ.

— אז ניט וואלט ער מיך אזוי שטארק ניט אָנגעקוקט, — האט זיא זיך געקלערט.

— מעגליך, — האט זיא נאך א קורצען שטילשוויינען מיט געמאכטע רוהיג־קייט זיך אויסגעדריקט — מיר איז מאָסקווא גאנץ פרעמד, און וויא באלד איהר ווילט זיך נעהמען דיא מיהע זיא אויסצוגעפינען, וועל איך אייך אימער דאנקבאר זיין.

— מיט'ן בעסטען פערגניגען! — האט זאבארין ליעבליך אויסגערופען — איך בין בערייט דער עדלער באראָנעסע צו דיענען....

בערטהאַ'ן האט דער זאָנדערבארער געשפּרעך אזוי פעראינטערעסירט, אז זיא איז גאַר געוועזען אויסער זיך און האט מיט אונגעדולד געוואַרט, אז דיא באראָ־נעסע זאל שוין אוועקגעהן.

— איך דאנקע, — האט קסעניא איהם רייכענד דיא האנד געזאגט.

— אלזאָ ליעבע באראָנעסע, — האט זיך בערטהא אָפּגערופען — וויא ליווערט מען צו אייך אריבער דער אונגליקליכער פרוי מיט איהר טאָכטער?

— ליזא אנדריאַנאָוונא האט מיר געגעבען זייער אדרעס, — האט דיא שפּיאָ־נין גוטהערציג ערוויעדערט — און איך אליין וועל מיך שוין דיא מיהע געבען זיי פון דאָרט אָפּצונעהמען. איך וויים אלעס וואס דיא אונגליקליכע האט געשריבען.

— דאָ האנדעלט זיך געוויס וועגען א גרויסען וואָלטהאט? — האט זאבארין מיט א נייגעריגע מינע געזאָגט.

בערטהא האט איהם דערצעהלט וועגען חייקא פראנק מיט איהר מוטער און האט איהם געוויזען דעם בריעף.

זאבארין האט איהר אין געהיים א טורקע געטהאן פאר'ן האנד.

— חייקא פראנק, — האט ער לאנגזאם געזאָגט — האב איך דאָך אליין מיט צוויי שטונדען צוריק בעגלייטעט צום וואקזאל — זיא האט זיך מיט אזא בריעף אויך געווענדעט צו מיר, און איך האב איהר מיט איהר מוטער פון יענעם טראקטיר ארויסגענומען און אָפּגעשיקט נאך זייער היימאטה.

— אָ, איהר האט דאך מיר גאָר איינגעשפּאָרט א גאנצע ארבייט! — האט קסעניא אויסגערופען — איך וואלט מיך אין „ערמיטאזש" מיט זיי געמוזט היטען.

— איך האבביידע אונגליקליכע בעזאָרגט אויפ'ן פיינסטען אָרדנונג! — האט זאבארין ווייטער גערעדט.

— דאס איז ווירקליך א וואָהלטהאט! — האט קסעניא מיט א פרעהליכע מינע געזאָגט, און מיט איינינע מינוט שפּעטער האט זיא נאך א ליעבליכען און פריינדליכען אבשיעד, בערטהא'ס קאבינעט פערלאָזען.

— בערטהאַ! — האט זאכארין איהר ערגרייפענד פאר'ן האנד געזאגט — קסעניא אַנדרייעווונא איז נאך מיינער מיינונג דיא בעריהמטע שפּיאָנין „מאריא זלאָדייקינא". דאס איז ביי מיר פאסט געוויס. זאלסט וויסען וויא ווייטער צו האנדלען און איך געה שוין אוועק.

בערטהא איז פאר שרעק געפאלען הינטער זיך אויף דער וויכער זאָפע.

— איך מוז שוין אוועקגעהן, — האט זאכארין ווייטער גערעדט — איך טאָר דא איין מינוט מעהר ניט פערבלייבען און אויב דוא האסט זיך מיט א ווארט ארויסגעהאפּט, מוזט דוא חאָטש ווייטער זיין פאָרזיכטיג.

— אָ, וואוהין געהסט דוא, ענגעל? — האט בערטהא יאמערליך איהם געפרעגט.

— איך געה רעטעןביידע אונגליקליכע פרויען אויב עס וועט מיר נור געלינגען, — האט זאכארין איהר מוטהיג ערוויעדערט — נאכהער וועל איך וועגען דער באראָנעסא גוט נאָכפאָרשען. מעגליך, אז איך האב דא געמאכט אן אירטהום; אבער ביי מיר איז דאך געוויס, אז דאס איז דיא שפּיאָנין. איך מוז עס נאך היינט וויסען, אבוואָהל עס איז שוין נאך ניין אוהר אבענדס.

— קען מען זיך דען אויף אָסטראָוו'ן ניט פערלאָזען? — האט בערטהא צוגערעדט נעפרעגט — ער האט דאך וועגען דער שפּיאָנין אין „ערמיטאזש" נאכגעפארשט.

— ניט אזוי גיך בערטהא דערגעהט מען אזא געשיכטע, — האט איהר זאכארין געענטפערט — איך וועל עס אבער יא דערגעהן. אדיע בערטהאַ.

— געוואלד זאכארין, וואוהין געהסט דוא? — האט בערטהא געוויינט — וואו וועל איך דיר נאך אמאָל זעהן?

— אין דאָבראָדושינס הויז! — האט איהר זאכארין ערווידערט — דוא וועסט עס שוין פון מיינעם א שרייבען ערפאהרען — אדיע מיין טהייערע, אויף ווידערזעהן. איך וועל דיר שוין לאזען וויסען, דען עס קען זיין איך זאל מיין נאמען דאָבראָדושין פערבייטען אויף אן אנדערן, וויא באלד דיא באראָנעסע איז גאר דיא נידערטרעכטיגע שפּיאָנין זלאָדייקינא.

ביידע האבען זיך אומגעהאלדזט און זיינען געשטאנען איינינע מאָמענטען וויא צומישטע.

— ניטא קיין צייט! — האט זאכארין אויסגערופען און ער איז באלד פון קאבינעט ארויסגעגאנגען בעגלייטעט מיט בערטהא'ס א יאמערליכען געוויין.

50טעס קאפּיטעל.

דיא געפאַהר איז נאָהענט.

צוויי טעג זיינען פאָראיבער זייט דער גייסטליכער משערטאָוו און דער דיוויזיאָנער גענעראל קאראליינקאָ האבען זיך אויפגעערדט צו פעראונגליקען דיא פאמיליע פראנק דורך שפרה'ס ליעבע. אויפ'ן דריטען טאָג געגען אבענד ווען בנימין פראנק איז געגאנגען דאווענען מנחה, איז לעבען בית־המדרש צו איהם צוגעגאנגען א יונגער

אידישער סאָלדאַט און האָט איהם גאַנץ שטיל אַריינגעשעפּטשעט אין אויער, אַז ער זאָל נאָך איזהם נאָכגעהן. בנימין פראַנק איז נאָכ'ן יונגען סאָלדאַט מיט וואַנקענדע קניע נאָכגעגאַנגען און זיין פיהרער האָט איהם אַריינגעפיהרט דורך אַ הינטער טה'ר צום פּאָלקאָווניק גרינאָריעוו. דער פּאָלקאָווניק האָט זיי ביידען אַריינגעפיהרט אין אַ זייטיגען צימער און האָט זיך נעגען בנימין'ען אויף אַ שטוהל אוועקגעזעצט.

— נו, האָט איהר אַ טאָכטער! — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט און דער סאָלדאַט האָט דאָס איהם איבערגעזאָגט אין אידעש — אַ שעהנער עפּעל אין וועלכען עס זיצט אַ גרויסער וואָרים, זיא האָט מיך געוואָלט אין אונגליק שטירצען צוליעב איהר געליעבטען אָפיציער; אָבער דאָס בין איך אייך מוחל; נור אַז זיא איז שוין יאָ אַזאַ שטיקעל סחורה, מוז איך אייך בנימ'קע פערטרויען אַ געהיימ־ניס; אָבער איך בעט אייך, אַז קיינער זאָל עס פון אייך ניט דערגעהן.

— איך שווער אייך ביי גאָט, אַז דאָס פערבלייבט ביי מיר אין אייבינער סוד — האָט בנימין דורך זיין טאָלמאַטש ערוויעדערט.

— אַלזאָ הערר בנימ'קע, — האָט דער פּאָלקאָווניק מיט אַן ערנסטע שטימע געזאָגט — אייער טאָכטער האַלט זיך ביי טויפען....

בנימין האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן און זיין געזיכט איז אַזוי געל געוואָרען פאַר שרעק. אָי, האָט זיך אַ שרעקליכער קרעכץ פון זיין הערץ אַרויסגעריסען און ער האָט זיך מיטביידע הענד אָנגעכאַפּט אָן טיש.

— זיא האַלט זיך בײ'ם טויפען, — האָט דער פּאָלקאָווניק ווייטער גערעדט — מיט דעם ציעל צו הייראַטהען דעם יונגען אָפיציער יעוודאָקים דיאַבלין, וועלכען איך האָב אַוועקגעשיקט נאָך טיפליס, ער קומט דיעזע וואָך צוריק נאָך ווילנא דורך דעם בעפעהל פון העכערע נאַטשאַלסטוואָ.

— אָי, וואָס טהוט מען! וואָס הייבט מען אָן! — האָט בנימין פראַנק גע־יאָמערט — גיט מיר עדלער מענש אַ ראַטה, וויא זאָל איך עס פערהיטען?

— איך האָב ניט געשיקט נאָך אייך אום איין· אַ ראַטה צו געבען, — האָט איהם דער פּאָלקאָווניק געענטפערט — איך האָב קיין ראַטה דערצו און ווייס ניט וואָס אייך צו ראַטהען, איך האָב געפונען פאַר נייטהיג, דיעזע געהיימניס אייך צו פערטרויען אַלס אַן אַלטען בעקאַנטען. דער שמד'ן זיך איז נאָך אַ האַלבע צרה; אָבער איהר קענט דאָ נאָך אין אַ פיעל גרעסערען אונגליק אַריינפאַלען....

בנימין האָט געציטערט ביי אַלע גליעדער און עס האָט איהם געוואָרפען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן.

— אַלס מענשען־פריינד, — האָט דער פּאָלקאָווניק פאָרטגעזעצט — איז מיין פפליכט אייך צו ערקלערען, אַז מען וועבט דאָ אויף אייך אַ נעץ און ביי יעדען קלענסטען צופאַל קענט איהר אַזוי אַריינפאַלען, אַז קאַטאָרגאַ זאָל פאַר אייך מיט אייער פאַמיליע אויך' ווענינ זיין.... אייער הויז איז אַרומגערינגעלט מיט געהיים־פּאָליציסטען, וועלכע היטען אייער טאָכטער, אַז קיין גוואַלד־טהאַט זאָל פון אייער זייטע מיט איהר ניט געשעהן; אָבער באַלד וויא דער אָפיציער קומט צופאָהרען

אין ווילנא, זייט איהר יעדע ווילע אין געפאהר.... איהר טאָהרט ניט דעם מינ־דעסטען סקאַנדאַל נענען אייער טאָכטער אויפהויבען און איהר וועט נאך גוט אָפּ־שניידען, ווען קיין סקאַנדאַל וועט אין אייער הויז מיט פּליים ניט געמאכט ווערען. זייט פאַרזיכטיג בנימ'קע. דאס געהט אייך אין לעבען.

בנימין האט זיך מיט ביידע הענד געריסען זיינע האָר פון קאָפּ און א פער־צווייפעלטער קרעכץ האט זיך וויא א דאָנער פון זיין ברוסט ארויסגעריסען.

— פיעללייכט איז מעגליך, אז איך זאל איהר באלד חתונה מאכען? — האט בנימין געשטאַמעלט.

— איך וויים אייך גאר ניט וואס צו ראטהען, — האט דער פּאָלקאָווניק מיט א בארמהערציגע שטימע איהם ערוויעדערט — מעגליך, אז דאס איז א גוטער מיטעל; אבער וויא אזוי וועט איהר עס דורכפיהרען?.... קיין צוואנג אויף אייער טאָכטער טאָרט איהר ניט בענעהן, און זיא ערוואַרטעט דאָך נאָר דעם אָפיציער!

בנימין איז קוים זיך האַלטענדיג אויף דיא פיס פון פּאָלקאָווניק אוועקגע־גאנגען.

— מיין ליעבע טהייערע טאָכטער — האט ער פּאַלענד אויף דער ערד צו זיין טאָכטער געזאגט — האב מיטלייד מיט דיינע אונגליקליכע עלטערען און טהו אונז ניט אזא שאנדע.... נעהם פריהער א מעסער און שנייד אונז איבער דיא העלזער, וועלען מיר חאָטש דאס אונגליק ניט זעהן מיט אונזערע אויגען.

דיא טאָכטער האט ניט געענטפערט זיא האט זיך פון איהר פאטער אָפּ־געקעהרט.

— אויב דיר געפעהלט ניט חייקעל פאר א חתן, — האט דער אונגליקליכער פאטער ווייטער געדעדט זיך בעוואַשענד מיט הייסע טרעהרען — וועלען מיר דעם שדוך אָפּלאָזען און מיר וועלען מיט דיר טהאן אן אנדער שדוך. מיין גאנצען פער־מעגען וועל איך דיר אוועקגעבען, אבי האב חתונה מיט א אידען.

— טהו וויא דוא פערשטעהסט, — האט איהם דיא טאָכטער שוואך ער־וויעדערט.

— אלזאָ, זאל איך דיא תנאים צוריק דעם מחותן אריינשיקען?

— וואצו פאטער?

— זאָל איך דיר מיט חייקלען חתונה מאכען?

— ווארום ניט מיט חייקלען?

— איז דאס דיין ערנסט, מיין קינד?

— וויא באלד ניט דער אָפיציער, איז חייקעל אויך גוט.

— אָ, טאָכטערקע, האב איבער אונז רחמנות?

— נו, זאל זיין חייקעל.

בנימין האט איהר וויעדער געוואָלט פרעגען צו זיא מיינט עס ערנסט; אבער ער האט מורא געהאט טאָמער בעקומט ער א שלעכטען אנטוואָרט. אזוי איז שוין דיא נאטור פאסט ביי יעדען מענשען, אז ביי אן אונגליק בעגעגנט מען זיך א מאל מיט האלבע ווערטער.... ווייטער פירכטעט מען צו הערען, און אז מען חאפּט אין

א וואָרט עפּעס א שטיקעל טרייסט און בעפריעדענונג אין דיא שווערע ליידען, וויל מען דערביי פערבלייבען.

פראנק איז פון איהר אוועקגעגאנגען און האט עס איבערגעגעבען איהר מוטער.

— א אידישע הארץ, בלייבט א אידישע הארץ, — האט דיא מוטער ערפרעהט געזאגט — זעהסט דוא דען ניט אז זיא האט חרטה? און ווען אפילו ניט, קען אונז אויך קיינער ניט פערוועהרען אונזער קינד חתונה צו מאכען.

— אבער איך וויים, אז דאָ וועבט זיך אויף אונז א נעץ, האט איהר בנימין יאמערליך ערוויעדערט — דער פּאָלקאָווניק איז א פאָרזיכטיגער און געהיימער מענש און האט פיינט א סך צו פּלוידערען, און וויא באלד ער האט מיר אזוי שטריינג דיא געשיכטע דערצעהלט, גלויב איך, אז א גאנצע באנדע אידישע פיינד װעלען אונז פעראונגליקען.

— איך גלויב אבער ניט, אז אונזער טאָכטער זאל זיין אזוי פערדאָרבען, — האט דיא מוטער מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהם געענטפערט.

— אָ, טהייערע חנה, — האט פראנק געזיפצט — מיר האבען ניט פערשטאנען וויא אונזער קינד צו ערציהען. מיר האבען איהר אליין געשליידערט אין טיעפען תהום פון פערברעכען. דיא רוסישע נאטשאלסטוואָ זיינען אלע הולטייעס; ווער וויסט וואס פאר א רייד זיא האט זיך צווישען זיי אויף אידען אנגעהערט, ווער וויים וויא וויים דיא יונגע אפיציערען האבען איינגעפלאסען אין איהר יונגעס הערץ האס און פעראכטונג צו איהר נאציאָן און איהרע עלטערען! זיא איז דאָך געוועזען דיא גאנצע פיהרערקע פון אונזער געשעפט און פלעגט זיך שטענדיג געפינען צווישען אונזערע פיינדע!

— ניין בנימין, — האט דיא מוטער ווייטער גערעדט — איך גלויב דאָך ניט, אז זיא זאל אונז װעלען פעראונגליקען.

— איך גלויב עס אויך ניט; אבער עס װעלען זיך שוין געפינען אנדערע. און דאס וואס זיא האט זיך געוויזען פאר מיר גלייכגילטיג צו דעם הייראטה מיט חייקלען געפעהלט מיר זעהר ניט.... עס איז שווער אויף אונזער קינד שלעכטעס צו גלויבען; אבער צו וואלסט דוא מיט א פּאָר וואָכען פריהער געגלויבט, אז דיין עהרליכע שיפרה זאל ליעבען אן אָפיציער? צו וואָלסט דוא געגלויבט, אז זיא וועט אין דערשטיל מעלדען דאס זיא וויל זיך טויפען? מיר טאָרען איהר יעצט ניט טרויען מיין ליעבע חנה, מיר טאָרען איהר נאָר ניט גלויבען!

— מיר האבען ניט קיין אנדער אויסוועג סיידען איהר חתונה מאכען, — האט חנה נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — קיינער קען אונז דערפאר גאר ניט טהאן אפילו דער קייסער אליין.

— מיר טאָרען דאָך אָבער איהר ניט צווינגען.

— אויף דעם זיינען מיר עלטערן און מיר קענען עס ביי איהר מיט ווייכע רייד פּועלען, — האט דיא מוטער דרייסט געזאגט — אויסער דעם האט קיינער אויף אונז ניט וואס צו זאגען. זיא איז מיין קינד, מיר האט דער בויך וועה געטהאן.

און ביי זיך אין שטוב, האב איך דאס רעכט קיינעם צו מיין קינד ניט צו צולאזען אפילו דעם קיסר אליין.

— אלץ ניט אין רוסלאנד מיין טהייערע ווייב, — האט בנימין זיפצענד איהר ערוויעדערט — א מענש וואס מעלדעט זיך צום שמד איז שוין האלב אהינצו....

— אבער — האט דיא מוטער גערעדט — דוא האסט דאך שוין ביי איהר האלב געפועלט אויף חתונה צו האבען מיט איהר חתן.

— ניין, חנה, דאס זיינען געוועזן האלבע ווערטער, גנעה דוא אליין אריין; אבער האב שכל וויא צו ריידען.—

איך רייד שוין וועגען מיין טאכטער וויא וועגען א פרעמדע. איך הייס איהר מוטער האבען שכל וויא מיט איהר צו ריידען! — האט בנימין טרויעריג נאך חנה'ס אוועקגעהן געברומט — אונזער טאכטער קומט מיר ווירקליך יעצט פאר פרעמד, איך דערקען איהר ניט!....

— — — — — — — — — — — — — —

זעהר א קלוגער און פראקטישער מענש, האט געוואוינט אין ווילנא אויפ'ן שולהויף. ער האט געהייסען „יאשקע דער אויסגעמאכטער". דיא וואס האבען אהים גוט געקענט, האבען געוואוסט, אז ער איז איינער פון דיא קלוגע אידען אין דער „ליטווישער ירושלים". יאשקע האט געטראגען א גרויסען ברייטען קאפ אויף זיינע אקסלען, וועלכער האט ניט הארמאנירט מיט זיין מאגערן סמאגלען קערפער. דיא אויגען וויעדער האבען ניט הארמאנירט מיט זיין קאפ, זיי זיינען געוועזן פערהעלט־ניסמעסיג צו קליין און זיינען געזעסען צו טיעף אונטער זיין ברייטען, הויכען און געקנייטשטען שטערען, וועלכער איז געוועזן שטענדיג אפגעדעקט און דער קאזיראק פון זיין היטעל איז איהם געלעגען אויפ'ן האלבען קאפ. יאשקע איז געוועזן א מאל א גרויסער סוחר; אבער פון צופיעל חכמות האט ער פערבאקט זיין פערמעגען אין א פאר יאהר, און איז נאך געבליעבען הינטערשטעליג אין א היבשע סומע. זייט דאן האט ער אויפגעהערט צו האנדלען, און איז געווארען א יועץ, א ראטה־געבער ביי קויפלייטע. פאר א רובעל אדער צוויי פלעגט ער געבען אן עצה און דער ראטהנעהמער פלעגט שוין וויסען, אז נאך יאשקע דעם אויסגעמאכטען'ס אן עצה איז אנדערש ניט צו מאכען. יאשקע איז דערצו געוועזן א גאנץ עהרליכער איד, און וואס מען פלעגט מיט איהם ריידען, איז פערבליעבען א שטרענגע גע־היימנים.

מיר זעהען יעצט דעם אונגליקליכען פאטער בנימין פראנק ביי „יאשקע דעם אויסגעמאכטען" אין זיין ראטה־צימער. באלד וויא זיין חנה האט איהם געבראכט פון זיין טאכטער א גוטען אנטווארט, דאס זיא איז צופריעדען צו הייראטהען חייקלען, איז בנימין צו יאשקען אוועקגעגאנגען.

ער האט יאשקען אין דער האנד אריינגעשטעקט א גאנצען „דרייערעל", און יאשקע זיצט ביי'ם טיש, זיין גרויסער קאפ איז אנגעלעהנט צו זיינע ביידע הענד און ער קלערט דא וואס דעם ראטה-פרעגער צו ענטפערן.

— אייער טאכטער פייפט אייך אין דער סקאזקע, — האט יאשקע נאך א

קורצען נאכדענקען געזאגט — איהר גלייכגילטיגקייט צו הייראטהען מיט חייקלען וואקסט ניט פון איהר קאָפּ. מען האט איהר שוין אזוי אנגעלערענט אום אייך צו פערפיהרען. . . .

— קען גאָר ניט געמאָלט זיין, אז זיא האט זיך טאקי ארומגעזעהן דאס זיא איז בעגאנגען א פערברעכען און זיא האט יעצט חרטה? — האט דער אונגליקליכער פאטער געפרעגט.

— אזא פראגע קען טאקי שטעלען נאר א פאָטער, — האט דער „אויסגע-מאכטער" רוהיג געענטפערט — דאָס איז אייך גאנץ נאטירליך, יעדער פאָטער וויל גוטעס דיינקען וועגען זיין קינד. איך אלס פרעמדער, קען אייך אבער זאגען, אז אייער טאָכטער וועבט דא א גאנצען פלאן: זיא וויים, אז זיא האט א זייטיגע שטיצע, און אבוואהל דער פאָלקאָווניק האט אייך ניט געזאגט וויא אזוי ער וויים עס און ווער זיינען איהרע מיטהעלפער, פערשטעהט איך, אז אייער טאָכטער האט זיך שריפטליך געווענדעט צו א גייסטליכען און האט אויסגעדריקט איהר ווילען זיך צו טויפען און הייראטהען יענעם אָפיציער. יענער ווידער, ווענען זיא האט איהר וואונש פערטרויט, רופט דעם אָפיציער צוריק נאך ווילנא און וויל אייך ווארפען אין גרעסטען אונגליק. דיא אורזאכע איז איינפאך, ווייל א אידען איז א מצוה צו דערטרינקען. אלזא, איז נאר אומזיסט וואס איהר ווילט אָפּשטעלען א חופה, וויא באלד אייער טאָכטער איז פלוצלינג מיט דערמיט צופריעדען, איז א בעוויז, דאס זיא וויים, אז דיא זאך וועט ניט געשעהן.

— פיעללייכט איז מעגליך, אז איך זאל נאך היינט דיא חופה אָפּשטעלען?

— האט דער אונגליקליכער געפרעגט זיך בעוואשענד מיט טרעהרען.

— לאָמיר זיך וועטען, אז אייער טאָכטער וועט עס ניט וועלען, — האט יאָשקע געענטפערט — איך זאג אייך פאָראוים, אז אייער טאָכטער וועט עס אָפּ-לייגען אויף דריי טאָג.

— ווארום גראדע אויף דריי טאג?

— ווייל אין צוויי טאג ארום וועט אנקומען דער אָפיציער פון טיפליס.

— היינט זאגט-זשע מיר ר' יאָשע, וואס זאל איך טהאן אויב עס וועט זיך טאקי אויסלאָזען אויף אייערע רייד און זיא וועט פאר דריי טאג ניט וועלען הייראטהען?

— דאס איז א גאנץ טרויעריגע געשיכטע, — האט יאָשקע ווייטער גערעדט — וויא איך פערשטעה, איז דא דער הויפט רעדעלספיהרער פון דעם גאנצען סקאנדאל דער גייסטליכער טשערטאָוו. ער איז א גרויסער יעזואיט און יודען פרעסער, ווען ער וואלט קענען, וואלט ער זיך געוואשען אין אידיש בלוט. זיין מיטהעלפער איז געוויס דער גענעראל קאראליינקא דער צווייטער יודען-פרעסער; דען וויא באלד דער פאָלקאָווניק איז פאר אייך, האט קיין אנדערער אויסער קאראליינקא דעם אָפיציער צוריק ניט גערופען. אלזא, איז דאָ פאראן איין ראטה, אז איהר זאלט אייך פרובירען אונטערצוקויפען דעם אָפיציער מיט א גרויסע סומע געלד. איהר ווייסט דאך ר' בנימין, אז כמעט אלע אָפיציערען זיינען פיאניצעס און קארטען-

שפיעלער. ביי זיי אלע שפיעלט געלד א גרעסערע ראָליע אלס ליעבע. נאך מיין השערה נאך, זיינען זיי גאר ניט פעהיג ריכטיג צו ליעבע', און וויא באלד דאס איז נאר א תאוה, קען מען עס אויסקויפען מיט געלד. דיא הויפט זאך איז אבער, אז אייער טאכטער זאל מעהר דעם אָפיציער אין דיא אויגען ניט זעהן. אז עס זעהט זיך ניט, ווילט זיך ניט. אלזא ר׳ בנימין, מוזט איהר דערהיטען דיא צייט ווען דער אָפיציער ועט אָנקומען אין ווילנא, און נאך בעסער וואלט געווען, אז איהר זאלט איהם בעגעגנען ערגעץ אויף א סטאַציאָן נאך איידער ער קומט צו פאהרען; אָבער דאס איז שווערלאך.

בנימינס געזיכט האט אויפגעשטראהלט פאר פרייד.

— דאס איז ווירקליך א ראטה וואס פאסט פאר ר׳ יאָשען! — האט ער ענטציקט אויסגעשריען — אבער וואָס טהוט מען, וואס איך הינק אויף דער רוסי־שער שפראך?

— איך פערשטעה יא רוסיש, — האט יאָשקע ערוויעדערט — אבער איך מוז אייך פריהער זאגען, ר׳ בנימין, אז דאס איז נאך ניט אין גאנצען א גוטע עצה. מען קען דאָ חס ושלום אריינפאלען מיט א גרויסען קאפיטאל ביי דעם אָפיציער, און נאכהער נאר ניט אויספיהרען. זיינע מיטהעלפער זיינען צו גרויסע באנדיטען. אלזא, וואלט פיעל גלייכער געווען, ווען מען זאל קענען אייער טאָכטער ארויסנאר־רען נאך אויסלאנד; אָבער איך גלויב, אז מען היט איהר.

— איהר זייט א נביא, ר׳ יאָשע! — האט בנימין אויסגערופען — מען היט איהר טאקי. עס דרעהען זיך לעבען מיין הויז ארום געהיים־אגענטען. דער פאָל־קאָווניק האט עס מיר אויך געזאגט.

— דעם אָפיצער בעגעגנען! — האט יאָשקע נאך א קורצען נאכדיינקען אויסגעשריען — נעהט שוין אריבער צום פאָלקאָווניק און ווערט געוואָר, מיט וועלכען וועג דער אפיציער בעדארף דאָ אנקומען. יאשקע דער אויסגעמאכטער וועט זיי אלע אָנפייפען!....

— — — — — — — — — —

א סמאגלער איד מיט א גרויסען קאפ און מיט א קלוגען פנים איז נאכ׳ן צווייטען קלונג אריינגעגאנגען אין וואגאָן צווייטע קלאסע, ווען דער שנעל־צוג האט געהאלטען ביים אָפגעהן פון דער שטעדטעל רעזשיצא (ניט ווייט פון דינאבורג) נאך ווילנא. ער האט אין איין האנד געטראָגען א זיידענעם אָפגעקראָכענעם זעקעל פון וועלכען עס האבען זיך ארויסגעזעהן א פאָר ציצות און אין דער צווייטער האנד האט ער געהאלטען ניט קיין גרויסען טשעמאָדאנטשיק. ער איז אריין אין וואגאָן אום אכט אוהר מאָרגענס און האט זיך אוועקגעזעצט ניט ווייט פון א יונגען אָפי־צער, וועלכער איז געזעסען און געגעסען פרישטיק פון עטליכע פעטע פאפיערען. א פלעשעל בראנפען איז געשטאנען לעבען איהם און ביי יעדער ביסען האט דער אָפיצערעל פון דער פלעשעל א זופ געטהאָן אום בעסער אראָפצושלינגען. אין א ווינקעל פון׳ם וואגען זיינען געזעזען נאך א פאָר מענשען און האבען געשפיעלט אין א „זעקס און זעכציג“. דער איד האט גענומען ארויסשלעפען זיין טלית פון׳ם זיידע־

נעם זעקעל און אויפ'ן באָדען האבען זיך צושאָטען עטליבע טעשלאך קאָרטען.

— עה, יעוורייי — האט זיך דער אָפיציער צו דעם אידען אָפגערופען — ווילס
דוא פיעללייכט פערליינען מיט מיר א סטאָס? (אזא שפיעל פון וועלבע מען קע
לייכט געגעזענט ווערען).

— איך דיינק, אז איהר זייט פאר מיר א צו רייכער שפיעלער, — האט זי
דער איד קראצענדיג ביי דער רעכטער פאה אָפגערופען — ווענען מיר פיעללייב
אפשר מאכען אן „אָקא״?

פ־פע, דאס איז א זשידאָוו.... א אידישע שפיעל, — האט זיך דער אָפיציע
פערבאפט.

— מען קען אבער לעבן איהר אזוי לייכט ניט אפגעברענט ווערען, — האט
דער איד געענטפערט — איך בעזיץ ניט קיין גרויסען פערמעגען און איך הא
איינפאך מורא צו פערליינען א סטאָס.

— אין וויפיעל בעשטעהט עס אייער פערמעגען? — חאט איהם דער אפיציע
נעפרעגט.

— אין גאנצען אין זעקס טויזענד רובעל — האט דער איד תם'אָוואטע איהב
ערוויעדערט און האט זיך געקראצט מיט דער לינקער האנד ביים רעכטען אויער

— עך, יעווראקים — האט זיך דער אפיצער געקלערט — דוא האסט דא
געחאפט עפעס א מעקעלע. איך וועל איהם שוין אזוי אָפּשינדען, אז עס וועט פו
איהם פערבלייבען א הוילער סקעלעט.... מיין זשידאָוואַטשקא וועט זיין צופריעדען
ווען איך וועל איהר בריינגען עפעס א שעה:עם פרעזענט.

— איך בין זעהר א שוואבער שפיעלער, — האט דער אָפיציער מיט א שוואכע
שטימע געזאגט — הלואי זאל איך ביי אייך א פאָר צעהנערלאך ניט פערבאקען
דער איד האט זיך פערטראכט.

— לאָמיר בעסער מאכען א קליינע „אָקא״ — האט דער איד נאך א קורצע
פויזע געזאגט — דאס איז ניט אזוי ריזיקאליש פאר אונז ביידען.

— פון אן „אָקא״ וועט זיך ארויסבאפען אויף א „סטעסעל״, — האט זיך דער
אָפיצער געקלערט — א דאגה האב איך, איך קען רעם שווארצען קוניץ אויך אין
אן אָקאָ. לאמיך זיך א נעהמטהאן צו דער מלאכה.

— נו, זאל זיין אן אָקא, — האט דער אָפיציער נאך א קורצע פויזע זיך
אפגערופען.

זיי האבען זיך געזעצט איינער לעבען אנדערן און האבען אנגעהויבען צו שפיע
לען אן אָקא אויף א האלבען רובעל סטאווקע.

— אָ, שינט איהר מיר דיא הויט! — האט דער אָפיציער געזאגט צו דעם
אידען — באלד ביי דיא ערשטע דריי קאָנען (גיימס) האב איך שוין דערלייגט א
פינף און צוואנציגער.

— א דאגה האט איהר, — האט איהם דער איד שמייכלענד ערוויעדערט —
ביז גראיעווא קען איך נאך פערבלייבען אין עטליבע פינף און צוואנציגער הינטער־
שטעליג

— פאָהרט איהר דען נאך נראיעווא ? — האט דער אָפיציער מישענדיג דיא קאָרטען איהם געפרעגט.

— און וואוהין פאהרט איהר ? — האט דער איד איהם א פרעג געטהאן.

— איך פאהר נור ביז ווילנא.

— געוויס צום לאגער, — האט דער איד ערהאלטענדיג צוויי קאָרטען תמ׳אָ-וואטע גערעדט.

— צום לאגער און צו נאך עפּעס, — האט דער אָפיצער מיט א שמייכעל איהם ערוויעדערט.

— אָ, האט איהר דאס מיר געגעבען א קערטעל ? — האט דער אידעל האלב זיפצענדיג געזאגט.

— און איך האב דיא ערשטע אויך ניט קיין בעסערע.

ביים אויפדעקען דיא אנדערע פּאָר קאַרטען האט דער אידעל גלייך פער-שפּיעלט צעהן רובעל.

ער האט פערשטאנען, אז דער אָפיציער פערשטעהט „דעם קונץ” און ער וועט געוויס וועלען מיט איהם א סאך פּלוידערן אום זיינע „קונצען” זאָלען פער-בלייבען אונבעמערקט.

— ניין, יאָשקע, — האט ער זיך געקלערט — ביז ווילנא מוז אלץ דער אָפּי-צערל ביי מיר פערשפּיעלען.... שפּעטער וועלען מיר זעהן.

— האט איהר עפּעס א גוטען שנעפּסעל ? — האט ער דעם אָפּיצערל געפרעגט.

— נאך וואס פּאר א גוטען ? איך האב אין טיפּלים אָפּגעקליבען עטליכע פלעשלאך פון דיא בעסטע קאווקאזער קאָניאַק. פערזוכט א ביסעל.

ער האט אנגענאָסען יאָשקען א האלבע ביער-גלאָז און האט איהם געגעבען צו פערזוכען.

— דאס הייסט ביי אייך גוטער שנאפּס ? — האט יאָשקע א זופּטהאנדיג פון דער גלאז איהם געפרעגט — איך וועל אייך געבען צו פערזוכען אביסעל פון מיינע, וועט איהר וויסען וואס גוט איז.

ער האט ארויסגענומען פון זיין טשעמאדאן א גרויסע פלאש אויף וועלכע עס איז געווען אָנגעקלעפּט א צעטעל מיט געדרוקטע בוכשטאבען : „של פסח כשר, בהכשר כל הרבנים” און האט איהר באלד אָפּגעפראָפּט.

— האט איהר אמאל פערזוכט אונזער פסח׳אָווקע ? — האט ער דעם אָפּיצער געפרעגט — דאס איז אזא מין בראנפען, פון וועלכען איהר וועט זיך בעלעקען.

— נו, אדרבא, לאָמיר אָקאָרשט זעהן, — האט דער אפּיציער בעקוקענדיג דאס פלעשעל געזאגט — איך וויים, אז אידען זיינען גוטע מאכערס....

— אבי דוא פערשטעהסט — האט זיך יאָשקע געקלערט.

ער האט אָנגענאָסען דעם אָפּיציער א האלבע ביער-גלאָז. דער אָפּיציער האט איהר איבערגעקעהרט ביז׳ן דעק.

— דאס איז נאָר נישקשה'דינער שנאַפּס, — האט דער אָפּיציער געזאָגט — יעצט צו דער ארבייט.

ער האט זיך ווידער גענומען צו דיא קאָרטען און ביי יעדעס מאל שפּיעלען אין „אָקא" האט ער אלץ יאָשקען געפרעגט צו וויל ער ניט פערלייגען מיט איהם א סטאָס.

— עס האט נאך צייט — האט יאשקע געענטפערט.

וויא דער אָפּיציער האט זיך ניט געמאַטערט זיך צו מאכען מיט געוואלד א קערטעל האט אלץ יאָשקע איהם געשונדען דיא הויט, און וועהרענד זיי זיינען געוועזען איין סטאַציאָן פאר ווילנא, האט שוין דער אָפּיציער געהאט פערבראָקט איבער הונדערט רובעל.

— עך, טשאָרט פאָבערי! — האט דער אָפּיציערל אויסגעשריען — איין סטאַציאָן פאר ווילנא.... א שעהנע מעשה כ'לעבען. פאָלגט מיך לאָמיר פארלויגען א קליין סטעסעל מיר וועלען גרויס ניט שפּיעלען.

— נו, זאל זיין א סטעסעל, — האט איהם יאָשקע ערוויעדערט — אבער ווארט א ווייל, לאָמיר זיך מאכען קוראזש.

ער האט ארויסגענומען זיין פלעשעל מיט'ן הכשר און האט אויסגעטרונקען א קליין גלעזעל.

— און מיר א גרעסערע, — האט דער אָפּיציער געזאָגט.

— מיט'ן בעסטען פערגנינגען.

דער אָפּיצערל האט ווידער ביי א האלבע גלאָז „פּסחאָווקע" אריינגעגאָסען און האט זיך באלד א נעהמגעטהאן צו דיא קארטען.

— דריי רובעל טויז פּיק! — האט יאָשקע אויסגערופען.

דער אָפּיצערל האט וויא אויף צו־להכעיס דעם דרייערעל פערשפּיעלט.

— א פינפערל דאמע קרייץ — האט יאָשקע פאָרטגעזעצט.

דער אידעל האט ווידער א פינפערל געוואונען.

— טשאָרט פאָבערי! — האט דער אָפּיציערל צוזאמען מיט דער הייליגער רוסישער ברכה אויסגערופען, און האט דיא קאָרטען שטארק געמישט.

זיי האבען אזוי געשפּיעלט ביי א צוואנציג מינוטען און דעם אָפּיצערל האט אָנגעהויבען צו געהען א קערטעל; אבער ער איז נאך אלץ ווייט געשטאַנען פון קרן....

— גאָראָד ווילנא! — האט דער קאָנדוקטאָר אויסגעשריען ווען דער צוג האט זיך אָפּגעשטעלט.

יאָשקע האט זיך געמאכט ניט הערענדיג און האט ארויסגעלייגט א גאנצע הונדערטער פאר א פּאָנג.

דעם אָפּיצער האט אנגעכאַפּט א נישגוטקייט דערהערענדיג דעם קאָנדוקטאָרס געשריי „ווילנא" און דערזעהענדיג דעם גרויסען פּאַק הונדערטער פון וועלכע יאשקע האט דעם שעהנעם רענען־בויגען פּאַפּיער ארויסגעצויגען.

— קום קאמעראד, — האט ער צו יאָשקען געזאָגט מיט א ליעבליכע מינע —

שפיינ מיט מיר אראפ אויף א פאר שטונדען אין ווילנא. איך וועל דיר מיט'ן צוג בעגלייטען.

— א, ניין ברודערקע, — האט איהם יאשקע ערוויעדערט — איך מוז נאך היינט זיין אין גראיעווא; איך האב דארט צו בעקומען צוואנציג טויזענד רובעל פון דער „טאמאזשנא".

— דאס איז עפעס א מאדנער צופאל, — האט זיך דער אפיציער געטראכט — עפעס א פערסמארקטער זשידאק מיט אזוי פיעל געלד.... אבער וואס טהוט מען מיט איהם? וויא לאזט מען אזא „פריץ" אויסען? איך קען דאך איהם גוט אראפשינדען — און דא איז שוין ווילנא צו אלע שווארץ יאהר! טשארט פאבערי! לאמיך א פאהר טהאן ביז גראדנא, מיט'ן צווייטען צוג צוריק — און פאר מיין זשידאוואטשקא א פרעזענטעל.

— פאלג מיך קאמעראד, — האט ער צו יאשקען ווייטער גערעדט — שטייג מיט מיר אראפ אין ווילנא.

— ניין, ברודערקע, איך קען ניט. איך מוז נאך היינט דארט בעקומען דאס געלד. איך וואלט אסור זיך מורא געהאט מיט אייך צו שפיעלען. אבער דאס געלד מוז איך נאך היינט בעקומען.

— טשארט פאבערי! — האט דער אפיציער אויסגעשריען — עך, איך פאהר מיט דיר ביז גראדנא.

— אבער ניט גרויס געשפיעלט ברודערקע, — האט יאשקע תמ'אוואטע גע־זאגט — איהר זעהט דאך, אז איך בין א קאליקע און פערשטעה ניט דאס שפיעל.

— מילא, לאמיר שפיעלען, — האט דער אפיצער נאך דעם צווייטען קלונג איהם געזאגט — פאר א בילעט וועל איך שוין דאפעלט בעצאהלען.

זיי האבען זיך וויעדער געזעצט שפיעלען און ביז גראדנא האט שוין דער אפיצער געהאט דריי מאל געוואונען ביז פינף הונדערט רובעל און האט עס ביי עטליכע קאנען צוריק פערשפיעלט.

דערוויילע איז שוין יאשקעס פלעשעל געווען פוסט און דער אפיצערל האט שוין געטרונקען פון טיפליסער שנאפס.

— טשארט פאבערי! לאז שוין זיין ביז ביאליסטאק! — האט דער אפיצער ענטשלאסען אויסגערופען — אזוי ניט געהן א קארט טרעפט מיר צום ערשטען מאל.

דער קלוגער יאשקע, וועלכער האט גוט פערשטאנען אלע קארטען־שפיעלען האט דעם אפיצערל געלאזט געווינען גרויסע סומען ביז „סאקאלקא"; אבער פון דארט אן האט זיך דאס רעדעל איבערגעדרעהט, אז דער אפיצערל האט דאס געוואונענע מיט נאך א פופציגער פון קרן געהאט אפגעגעבען.

— איז גראיעווא וויט פון ביאליסטאק? — האט דער אפיצער פערדריסליך איהם געפרעגט.

— אין גאנצען א פאר שטונדען רייזע.

— טשארט פאבערי, לאז שוין זיין ביז גראיעווא.

(Iron, 28).

— וויא איך זעה ווילט איהר מיר נאר בדלות שטעלען.
— מילא דארויף איז דאך עס א קארט.
— לאָמיר עס אפשר ווייטער איבערבייטען אויף אן אָקא?
— אבער צו פּינפּערעל סטאווקא.
— מילא, וואס טהוט מען? לעבען און לעבען לאסען.

זיי האבען זיך אריינגעזעצט אין א וואגאן ערשטע קלאסע פון גראיעווער צוג און האבען זיך מיט מעהר פרישקייט א נעהמנעטהאן צו אן אָקא. דער אָפּיצערל האט דיא גאנצע וועג גֶעמאכט דיא שווארצע קונץ און קומענדיג אין גראיעווא האט ער געהאט געוואונען א פּאר גאנצע הונדערטער; אבער ער איז געווען אויך גוט בעטרונקען.

— וויא רופט מען דיר קאמעראד? — האט ער יאשקען נעפּרעגט ארויס־געהענדיג מיט איהם פון וואגאן.
— חאצקע, — האט איהם יאָשקע געענטפערט.
— נעה חאצקע נעהם אפּ דאס געלד, — האט ער צו יאשקען געזאגט — און פאהר מיט מיר אריבער נאך ווילנא. דוא ביסט א גוטער שפּיעלער כ'לעבען.
— און אין גראיעווא קענען מיר דען ניט שפּיעלען? — האט איהם יאָשקע געפרעגט.

— פערשטעהסט דוא מיך קאמעראד, איך מוז זיין אין ווילנא.... — האט דער אפיציער געזאגט געהענדיג מיט'ן „אויסגעמאכטען" פון וואקזאל אין גראיעווא.
— וואס האט איהר עס אזוי נעטהיג ווילנא?

— ערשטענס, האב איך דארט א בראוט און צווייטענס, בין איך דאך עפּעס אן אפיצער און שטעה אונטער דיסציפּלין פון העכערע נאטשאלסטוואָ.
— נעווים האט איהר דאך א בעשטימטע צייט ביז וואנען צו קומען.
— מאָרגען, ברודער, איז דער לעצטער טערמין.

— ביז מארגען קענט איהר נאך צוויי מאל זיין אין ווילנא.
— קום ברודערקע, לאָמיר אריינגעהן אין א קאבאק און פּערליינען א פרישען סטעכעל, — האט ער נעהמענדיג יאשקען פאר'ן האנד געדעדט — א שאָד דיא צייט.... דוא וועסט דאך מיך בעגלייטען צוריק א פּאר סטאציאָנען אויך?
— איך האב קיין צייט ניט ברודערקע, — האט יאשקע געענטפערט — ער־שטענס, מוז איך אפנעהמען דאס געלד און צווייטענס, בעדארף איך נאך היינט זיין אין פּראָסקין.
— איז פּראסקין ווייט פון דאנען?
— נור איין האלבע שטונדע.
— פאלג מיך חאצקע, לאָמיר אריינגעהן אין א קאבאק און שפּיעלען האטש נאך א שטונדע.
— ווייסט איהר וואס, — האט יאשקע נאך א קורצען נאכדיינקען געזאגט — איהר וועט אין א קאבאק אביסעל אויף מיר אויפווארטען ביז איך וועל צוריקקומען

מיט דאס געלד, און נאכהער וועלען מירביידע א פאָהרטהאָן אויף א פאר ...ונדען אין פראכקין.

— פראסקין איז דוכט זיך נאר פרייסען, — האט דער אָפיצער זיך ...אָגענד פאר דער פאָטילניצע געזאגט.

— נו, טא וואס איז דאָ אזוינס?

— וויא הייסט וואס איז דא אזוינס? א פאספארט איבער'ן גרענעץ איז ביי אייך גאר א קליינינקייט? דערצו בין איך נאך אן אפיצער.

— א פאספאָרט איז בלאָטע און אן אָפיצער איז אויך בלאָטע,—האט יאָשקע שמייכלענד ערוויעדערט — אין פראָסקין וואוינט מיינער א בעקאנטער גוטער ברו- דער בנימקע פראנק. איך גיעב איהם א דעפעשע וועט ער אונז ביידען אריבער- נעהמען.

— בנימקע פראנק! — האט דער אָפיצער איבערראשט אויסגעשריען און זיינע פערשכורטע אויגען האבען זיך שנעל אנגעהויבען צו בעוועגען.

— וואס זייט איהר עפעס אזוי איבערראשט געוואָרען? — האט יאשקע מיט א פערוואונדערטע מינע אונטערבראָכען — בנימקע פראנק איז איינער פון מיינע בעסטע גוטע פריינד. ער איז פריהער געוועזען א פאָדריאדטשיק פון פראָוויאנט ביי דער ארמעע, נאָר אזוי וויא זיין טאָכטער, א יונגע מיידעל, האט זיך פערליעבט אין א רוסישען אָפיצער, האט ער זיך מיט פליים נאר בעזעצט אין פראָסקין צווישען קריסטען, אז טאָמער קומט דער אפיצער אין פראָסקין און וויל זיא היי- ראטהען, זאל ער ניט האבען אזוי פיעל שאנדע.... דאס מיידעל איז אין דעם אפיצער שטערבליך פערליעבט און איהרע עלטערן זיינען צופריעדען איהר געבען א גרויסען פערמעגען ביי איהר הייראטה, אבי דאס פאר פאָלק זאל פערבלייבען אין פרייסען, וואו אידען איז ערלויבט צו הייראטהען מיט א קריסט.

— חאצקע! — האט דער אפיצער ערגרייפענד יאָשקע דעם „אויסגעמאכטען" פאר'ן האנד אויסגערופען — קומט וואס גיכער, לאמיר שוין אריבערפאהרען נאך פראָסקין!....

— אָי, וואס איז מיט אייך געווארען? — האט יאשקע האלב פערוואונדערט און האלב תמ'אוואטע נעפרעגט — איך פערשטעה ניט וואס זייט איהר עפעס פלוצלינג געוואָרען אזוי איבערראשט.

— אָ, חאצקעניו קרוין, — האט דער אפיצער געזאגט — וואס פאר א גליק- ליכער צופאל! איך בין דאך דער אפיצער אין וועמען שפרה פראנק איז פערליעבט!

יאָשקע האט זיך א חאפנעטהאן פאר'ן קאפ.

— אָ, וואי! אָ, וואי! — האט ער שאָקלענדיג מיט'ן קאפ געזאגט — אזא מאָדנער צופאל איז נאך גאָר אויף דער וועלט ניט פערלאָפען.... אבער מיינט ניט, אז איהרע עלטערן וועלען זיך מיט אייך פרייהען. זיי בעטען דיא גאנצע צייט גאָט, אז דער אפיצער זאל ניט קומען; אבער וויא באלד, אז יא, וועלען זיי נעגען זייער טאָכטערס ווילען ניט געהן; נאר זיי וועלען פון אייך פערלאנגען דאס איהר זאָלט פערבלייבען אין אויסלאנד.

— גיעבען זיי איהר א סך נרן?

— צעהן טויזענד רובעל נעוויסע.

— א כפרה רוסלאנד, איך וועל שוין דאָרט זא וויא זא ניט מאָרען קומען.

— אבי דוא פערשטעהסט, — האט זיך יאַשקע נעקלערט.

זיי האבען אָפּנערעדט באלד צו פאהרען נאך פּראָסקין און זיינען ארייננעגאנגען אין א אידישען שענקעל.

— — — — — — — — — — — —

נענעראל קאַראַליינקאָ אין ווילנא האט אונגעדולדיג נעווארט אויף דעם אפּיציערם אנקומען פון טיפלים. נאך מיט צוויי טעג פריהער וויא ער האט בעדארפט נאכ'ן רעכנונג אנקומען אין ווילנא, האט קאַראַליינקען בעזוכט דער גייסטליכער ניקאָלאי טשערטאוו.

— אידען זיינען אויף אלעס אין דער וועלט פעהיג, — האט דער גייסטליכער צום נענעראל געזאגט — זיי דערגעהען דיא וויכטיגסטע געהיימניסע וואס טהוט זיך זאָגאר אָפּ ביי דעם קיסר אין צימער, און וואו עס האַלט, אז זייערער א נפש זאל אננעהמען אן אנדער גלויבען, דא זיינען זיי דיא קלינסטע און געפעהרליכסטע טייפלען אין דער וועלט. אלזא, מוזען מיר היטען ניט נור דאס מערכען, אז דיא זשידעס אדער איהרע עלטערען אליין זאלען איהר ניט ערמאָרדען, זאָנדערן מיר מאָרען ניט ארויספּלאָזען אן אויג אויך פון דעם אָפיציער.

— אלזאָ, וואס ראטה איהר מיר הייליגער באטיושקא צו טהאן?

— מיין ראטה איז, אז איהר זאָלט ארויסשיקען א פּאר טיכטיגע נעהיימ־אגענטען דעם אָפיציער אין דערוועגענס אפּצוהיטען, — האט דער הייליגער נע־זאגט — איך האב מיך גענוג אנגעלעזען אזעלכע געשיכטען, און איך וויים וואס דיא זשידעס קענען דא אזוינס אויפטהאן. זיי האבען שאַרפע שווינדעל־קעפּ מיט שאַרפע איינפעלע....

— איך טהו עס זאָפאָרט! — האט קאַראַליינקאָ אויסגערופען.

— ער האט אייך טעלעגראפירט דאס ער פאהרט איבער פּעטערסבורג, — האט דער גייסטליכער פּאָרטגעזעצט, נעהמט און שיקט אוועק א פּאָר נעהיימ־אגענטען נאך פּעטערבורג, אדער טעלעגראפירט, אז א פּאר טיכטיגע דעטעקטיוו'ס זאלען גלייך פון פּעטערבורג איהם נאכפאהרען און דא ביי'ם וואָקזאל זאָלען זיך אויך א פּאָר נעהיים־פּאָליציסטען געפינען.

באלד איז אוועקגעפלוינען אין פּעטערבורגער נעהיים־פּאָליציי א דעפּעשע, אז אויב עס וועט דורכפאהרען אזא און אזא אפיציער, זאלען אין דעם זעלבען וואנאָן א פּאָר נעהיים־אגענטען איהם נאכפאהרען.

דיא צוויי מענשען וועלכע זיינען געזעסען אין א ווינקעל פון דעם וואנאָן און האבען געשפּיעלט אין א „זעקס און זעכציג" וועהרענד יאַשקע האט געשפּיעלט מיט'ן אפיציער זיינען געווען דיא צוויי נעהיים־אגענטען, וועלכע פּעטערבורגער פּאָליציי האט נאכגעשיקט דעם אפיציער פאר וועכטער, און איצט ווען יאַשקע מיט'ן אָפיציערל זיינען ארייננעגאנגען אין דעם אידישען שיינקעל אין גראַיעווא, איז

איינער פון דיא צוויי דעטעקטיוו׳ס אלס א האלב שכור׳ער מוזשיק אין דעמזעלבען שיינקעל אריינגענאנגען און זיין קאמעראד איז פערבליעבען שטעהן פון דער וויי־טענס אויף דער גאס.

51טעס קאפיטעל,

אַ שוואַרצע מַפּלה.

גאנץ זאראדיע קאָכט וויא א קעסעל. דער נייער פריסטאוו יורקאָווסקי האט דערטאפט א גאנצע באנדע קופאָנען מאכער, וועלכע בעשטעהט מייסטענס פון אידען. פריהער האט ער ארעטירט נור צוויי ביי וועלכע ער האט געפונען פאר גאנצע דריי טויזענד רובעל פאלש געלט (אויסער דיא פינף הונדערט וואס ער האט פערבעהאלטען פאר חנה מיט חייקע פראנק); אבער דורך יענעם טאג איז איהם געלונגען צו פערהאפטען נאך פינף אידען, וועלכע זיינען געשטאנען מיט יענע צוויי אין פערבינדונג. ער האט אויסגעפונען ביי דיא ארעטירטע בריעף פון אויסלאנד און פון רוסלאנד, און אין פערלויף פון זעקס שטונדען, זיינען ביז צוואנציג מענ׳שען, פון וועלכע זעכצעהן זיינען געוועזען אידען געזעסען אין געפענגנים. דיא רוסישע קויפ־לייטע ביי זאראדיע, וועלכע שטעהען מיט אידען אין פערבינדונג, האבען זיך באלד א נעהם געטהאן אונטערזוכען זייערע קאסעס, און אונזער בעקאנטער מיליאנער מאראָזאָוו, האט אויסגעפונען אין זיין קאסע צוויי טויזענד פינף הונדערט רובעל פאלשע דריי רובעלדיגע קופאָנען. ער האט עס באלד געמעלדעט אין גאָראָדסקאָי אוטשאסטאָק און דאס געלד איז אפגע׳שיקט געווארען אין דער געהיים־פאליציי צו אָפּענבאכען מיט דעם פערדאכט, אז א רוסי׳שער קויפמאן פּאָפּאָוו האט איהם דאס געלט געגעבען פאר וואארע. אָפּענבאך׳ס מענ׳שען האבען זיך גענומען אויפ־צוזוכען פּאָפּאָוון. און אזוי וויא מאראָזאָוו האט געהאט א קנאפּען צוטרויען צו דיא געהיים־אגענטען, האט ער געבעטען זיין אידען אברהם שטיין, אז ער זאל עס נעהמען אין זיין אכטונג און זאל נאכפאָרשען וועגען פּאָפּאָוו׳ן, וועלכער האט לאָ־זשירט אין „סיבירסקאָע פּאָדוואָריע“ אויף ווארווארקא. שטיין האט זיך גענומען צו דער אונטערזוכונג, און דערווייַלע איז איהם בעוואוסט געוואָרען, אז דאָרט אין א קעלער האט געוואוינט א אידישע פרוי חנה פראנק מיט איהר טאָכטער חייקא, וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט מיט לאטען אלטע קליידער; אבער זיי זיינען פון מאָרגענס אן פערשוואונדען געווארען און נאכהער האט דער פריסטאוו געפונען אין זייער וואוינונג פאר פינף הונדערט רובל פאלש געלט. ער האט גוט געקענט חנה פראנק, וועלכע פלעגט אָפט אָפּקויפען פון זיין פרוי אלטווארג. איהם האט זיך אויף קיין פאל ניט געגלויבט, אז דיעזע ארימע און עהרליכע פרוי זאל גאר פלוצלינג האנדלען מיט פאלשע געלד.

— מעגליך אז פּאָפּאָוו האט איהר דאס געלד געגעבען בעהאלטען, — האט זיך שטיין געקלערט און ער האט זיך גענומען צו זוכען חנה פראנק. ער איז דעם גאנצעז טאָג אויסגעגאנגען איבער גאנץ זאראדיע און אום זעקס אוהר אבענדס האט ער חנה פראנק מיט איהר טאָכטער אויסגעפונען ביי אן אלטען ניקאָלאיעווסקי סאָלדאט אויף א בוידים.

דיא פרוי מיט איהר טאָכטער האבען איהם דערצעהלט וויא דער מערדע־ישער פריסטאוו האט זיי בעהאנדעלט און האבען אויסגעבראָכען מיט א שרעק־ליכען געוויין.

— האט איהר ניט געקענט איינעם א קויפמאן אין סיבירסקאָע פאָדוואָריע מיט'ן נאמען פאָפּאָוו? — האט זיי שטיין געפרעגט.

— אויסער דיא אייניגע אידען וועלכע פלעגען אונז געבען ארבייט, — האט חנה מיט טרעהרען אין דיא אויגען ערוויעדערט — האבען מיר קיינעם ניט געוואוסט און געקענט.

— און ווארום ליעגט איהר פערשטעקט אויף א בוידים?

— ווייל דער נייער פריסטאוו פערפאָלגט שרעקליך מיין טאָכטער, — האט חנה מיט געוויין איהם ערוויעדערט — ער האט אונז היינט אין דער פריה בעזוכט און ווען מיין טאָכטער וואָלט ניט געמאכט א לאַרעם, וואָלט געהאלטען זעהר שלעכט....

— אויסער דעם ווייסט איהר גאר ניט? — האט זיי שטיין מיט א פער־וואונדערטע מינע געפרעגט.

— מיר ווייסען מעהר ניט, אז דער פריסטאוו האט אונז געזאגט דאס ער וועט אונז לערנען שכל, — האט חייקא יאמערליך איהם ערוויעדערט — און דא־ריבער ליעגען מיר דאָ פערשטעקט אויפ'ן בוידים. איך האב עס געגעבען צו וויסען דעם אלטען גענעראל־גובערנאטאָר; אבער איך ווייס ניט צו ער וועט שענקען מיין בריעף אכטונג.

שטיין האט א שטארקען ציטער געטהאן און זיין געזיכט איז געוואָרען געל וויא וואקס.

— זאגט אונז, עדלער מענש, וואס איז געשעהן? — האט איהם חייקא אויפ־געגרענט געבעטען — קיין גוטעס ערווארטען מיר ניט....

— וואָס טויג דאָ דיא רייד, — האט שטיין זיפצענד געזאגט — מען מוז זעהן אייך רעטען.

— אויב איהר קענט עס טהאן וועט איהר זיך קויפען עולם־הבא! — האט חנה יאמערענד גערעדט.

— איך מוז אייך זאגען דיא וואהרהייט, — האט שטיין מיט א ציט־טערענדע שטימע פאָרטגעזעצט — אז מעהר וויא בעהאלטען אייך ערגעץ קען איך ניט. רעטען קען אייך נור איין גאָט אין הימעל....

— זאגט אונז עדלער מענש, וואס איז געשעהן? — האט חייקא מיט גע־מאכטע געלאסענהייט איהם געבעטען — מיר'האבען ניט פון שלאנגען קיין גוטעס צו ערווארטען. מיר זיינען געפאסט אויף אלעס.

— איהר זייט ביידע בעשולדיגט אין א שווערען פערברעכען, — האט שטיין מיט שטארקע אויפרעגונג איהר ערוויעדערט — מען האט אונטער אייער צוקאָפּענס געפונען פינף הונדערט רובעל פאלשע קופּאָנען.

— אָ, גאָט! — האט דאס אונגליקליכע מעדכען אויסגערופען און האט פערבראָכען מיט ביידע הענד.

— גוואלד איך בלייב אין חלשות, — האט חנה ערציטערט געזאגט.

— זייט רוהיג עדלע פרויען! — האט זיי שטיין געטרייסטעט — גאָט פער־לאָזט ניט קיינע עלענדע און פאלש בעשולדיגטע. אָט זעהט איהר דאָך, ער האט אייך שוין צוגעשיקט א מענשען, וועלכער וועט אייך נאך באלד פערזארגען מיט א וואוינונג, ביז איהר וועט קענען ערגעץ אנטלויפען. ווייטער וועט אייך אויך געוויס נאָט העלפען. מיר זיינען דארויף אידען און מיר פיהלען מיט דיא שמערצען פון אונגליקליכע. אונזער גאנצעס פאלק איז נעבאך אויך פאלש בעשולדיגט נאך אין שווערערע זינדע, דאָך לעבען מיר און מיר וועלען נאך טרעטען א מאל אויף דיא קברים פון אונזערע פערפאָלגער.

— איהר זייט אן עדלער, בארמהערציגער מענש! — האט דאָס מעדכען געפיהלפאָל אויסגערופען און האט זיך בעוואשען מיט הייסע טרעהרען.

שטיין האט זיך אויף א ווילע פערטראכט.

— גוט! — האט ער פלוצלינג אויסגערופען — איך נעהם אייך ביידען צו מיר אין וואוינונג. איך וועל פאר אייך ליידיג מאכען מיין זוהן'ס צימער און שפעטער וועלען מיר זעהן וואס צו טהאן.

— שטעלט איהר זיך דערמיט ניט אין געפאהר? — האט איהם חייקא בע־זאָרגט געפרעגט.

— ניש־קשה עדלעס קינד, — האט איהר שטיין ערוויעדערט — ביי מיר איז ניט אזוי געפעהרליך וויא דאָ אויף זאראדיע, און עס געפינט זיך נאך אויך א צעהנערל פאר א שלעכטען צופאל... ווארטעט דא א ווילע אויף, איך קום באלד צוריק.

ער איז מיט ראשע טריט אוועקגעגאנגען און ער איז אין א פערטעל שטונדע ארום געקומען מיט זיין ווייב, וועלכע האט געבראכט איינינע קליידער מיט א פאָר גרויסע טיכער.

חנה מיט חייקען האבען זיך איבערגעקליידעט און שטיין איז געשטאנען אונטען ביי דיא טרעפ.

מאדאם שטיין האט ביידע אונגליקליכע פון בוידים אראָפּגעפיהרט און שטיין איז געגאנגען פון דער ווייטענס פאָראויס, ביז ער האט ביידע פרויען אונבעמערקט אריינגעפיהרט אין זיין וואוינונג.

— — — — — — — — — — — — —

— האב איך דיא עהרע צו זעהן פריילין בערטהא מאלליך? — האט גע־פרעגט א רייכגעקליידעטע דאמע דער פאלשער באראנעסא קסעניא אנדרייעווגא ווען זיא איז ארויסגעגאנגען פון מאטפיי מאלליך'ס פראָנט־טהיר.

— יא מאדאם, — האט איהר דיא שפיאָנין פרעהליך ערוויעדערט — זייט איהר עס דיא פרוי, וועלכע האט בעזאָרגט ביידע אונגליקליכע פרויען מיט א בע־העלטנים אויף „טאגאנקא“?

— דאס בין איך, — האט איהר דיא פרוי טרויעריג געענטפערט.

— מאריא זלאָדייקינא'ן פייפט מען ניט, — האט זיך דיא שפיאָנין נעקלערט — דוא ביסט א קלוגער יונג, דאָבראָרושין; האָסט מיך דערקענט און שנאָבעל; אבער דיא מאמע מיט דער טאָכטער זיינען מ י י נ ע, חאָטש דוא האָסט זיי בעגלייטעט צום וואקזאל....

— וויא איז אייער ווערטהער נאמען? — האט זלאדייקינא דער פרוי גע-פרעגט.

— אננא קרונאָזאָראָווא, — האט איהר דיא פרוי ערוויעדערט — ביידע אי-דישע פרויען ליעגען נעבאך פערשטעקט אונטער אן אויוועז, — האט דיא דאמע פאָרטגעזעצט — און איך ציטער יעדע מינוט איבער, אז דיא שפיער-הינד זאלען זיי ניט ארעטירען. היינט אום צוויי אוהר נאך מיטאג האב איך פאר זיי אויפגעזוכט דאס בעהעלטניס-לאך; אבער זיי קענען דארט אויף קיין פאל ניט איבערנעכטיגען.

— און וואס פאר א פערברעכען זיינען זיי אייגענטליך בעשולדיגט? — האט איהר זלאָדייקינא גאנץ שטיל נעפרעגט.

— מען האט ביי זיי אין וואוינונג דערטאפט פאר א היבשע סומע פאלשע קופאָנען, — האט איהר דיא פרוי שטיל געענטפערט — איך אבער, אלס בעקאנטע פון ביידע פרויען פראנק בין איבערציינט, אז זיי זיינען נעבאך אונשולדיג און עס לינט אויף אייך דאס פפליכט זיי צו רעטען. איך בין א רוסין און זארג פאר זיי, היינט וויא בעדארף שוין פאר זיי זאָרגען זייערע א גלויבענס גענאָסין, וויא איהר עדלע פרייליין מאלליך, וועלכע איז אזוי וואָהלטהעטיג?

— איך בין בערייט זיי צו העלפען, — האט זלאָדייקינא גוטהערציג איהר גע-ענטפערט — באלד וויא איך האב פון דאס מערכען ערהאלטען דעם בריעף האב איך פאר זיי בעזאָרגט א זיכערע וואוינונג.

— זאל איך געהן זיי צו אייך אוועקפיהרען? — האט קרונאָזאָראָווא מיט אן אונשולדיגע מינע נעפרעגט.

— ווען איהר זיי אָבער קענען אונבעמערקט צו מיר ברייננען?

— דאס קען איך אייך, פרייליין מאלליך שוין ניט זאָגען, — האט איהר קרו-נאָזאָראָווא ליסטיג געענטפערט — מעגליך, אז דער דוואָרניק וועלכער בעהאלט זיי, האט זיי גאָר אוועקגעפיהרט צו זיינעם א בעקאנטען און אייך קען אויסקומען לאנג אויף זיי צו ווארטען.

— ארעטירען מוז מען זיי אויף יענעם פלאץ צוזאמען מיט דיעזער פרוי, — האט זיך זלאָדייקינא געטראכט — דא האב איך עפעס דערטאפט א גאנצען שאץ פיר אָפענבאכען.

— אבוואהל עס איז שוין יעצט שפעטלאך, — האט זלאָדייקינא נאך א קורצען שטילשווייגען ערוויעדערט — דאך וועל איך מיט אייך אהין אריבערפאהרען; רעטען צוויי אונגליקליכע איז א מענשען-פפליכט.

— אָ, וויא פיין דאס איז פון אייך, פרייליין מאלליך! — האט קרונאָזאָראָווא געטיקט נעזאגט.

— יעדער עהרליכער מענש בעדארף אזוי טהאן — האט זלאָדייקינא דע־מיטהיג ערוויעדערט און האט זיך באלד מיט קרונאָזאָראָווא׳ן אוועקגעזעצט אויף א דראָשקע.

— אויף טאגאנקא! — האט דיא אונבעקאנטע פרוי צום איזוואָזטשיק א נעשריי געטהאן.

— סלושאיו׳ס בארישנא!

און דיא דראָשקע איז באלד אוועקגעפלויגען.

— פערשטעהט איהר מיך, — האט קרונאָזאָראָווא פאהרענדיג געזאגט — דאס מיידעל פראנק קען נאך דא אויף פאר א פּאָליט־שען פערברעכען אריינפאלען, און עס איז דיא שולדינקייט פון יעדער מענ־שען מיט געפיהל איהר צו רעטען.

— זייט זיכער עדלע פרוי, אז זיי זיינען שוין גערעטעט. — האט איהר זלאָ־דייקינא געטרייסטעט — איך נעהם זיי ביידען צו מיר אין וואוינונג.

— עך, חיטראָוועץ, — האט זיך קרונאָזאָראָווא געטראכט — דיינע פּלענער זיינען גרויסארטיג! מארגען פריה וועט מיט ב ע ר ט ה א מ א ל ל י ך קלינגען גאנץ מאָסקווא.

— חנה פראנק איז נעבאך אזוי אָנגענדריפּען, — האט קרונאָזאָראָווא נאך א קורצע פּויזע ווייטער גערעדט — אז זיא קען זיך אויף דיא פיס ניט האלטען. זיא ליגט דעם גאנצען טאג האלב טוידט אויפ׳ן טאפּטשאַן אונטער׳ן אויוועו און הערט גאר ניט אויף צו אָכצע׳ און קרעכצען. אזעלכע מארד־טהאטען קענען נור געשעהן אין א גרויסע שטאָדט וויא מאָסקווא.

זלאָדייקינא האט א זיפץ געטהאן, וויא עס פּאסט טאקי פאר אן עדעל קינד וויא בערטהא מאלליך.

קרונאָזאָראָווא האט דערווייל אין דער שטיל אין קעשענע פון זלאָדייקינא׳ס איבערמאנטעל עפּעס אריינגעלעגט א קליינעם פּעקעלע און האט ביילויפיג איהר נעהאָלפען זיפצען.

— שטעה! — האט דיא פרוי פּלוצלינג צום איזוואָזטשיק אויסגעשריען.

דיא דראָשקע האט זיך אָפּגעשטעלט און ביידע פרויען זיינען פון איהר אראָפּ־געקראָכען.

קרונאָזאָראָווא האט געהייסען דעם איזוואָזטשיק אויפּווארטען ביז זיי וועלען מיט איהם פאָהרען צוריק און אליין האט זיא אָנגעפאנגען צו געהן אביסעל צו פוס זלאָדייקינא איז איהר נאָכגעגאנגען.

זיא האט דער שפּיאָנין צוגעפיהרט צו א טויער פון א הילצערנע צוויי־שטאָ־קיגע הויז און האט איהר געבעטען אונטערצושטעהן אביסעל אויף דער גאס.

— עס פּאסט מיר דא אליין ניט צו פערבלייבען, — האט דיא שפּיאָנין שטאָלץ געזאָגט — קען איך דען צו דיא אונגליקליכע ניט אריינגעהן?

— אָך, מיט׳ן בעסטען פערגניגען! — האט איהר דיא פרוי ערוויעדערט — אין נעגענטהייל, איך האב געדיינקט, אז עס איז אייך אונאנגענעהם צו בעזוכען אַן אָרימע וואוינונג.

— מיר זיינען צו אלעס געוואוינט, — האט זלאָדייקינא זיפצענד געזאָגט — אָרעמע זיינען אויך מענשען וויא מיר.

זיא איז מיט קרוגאָזאָראָוואַ אריינגעגאנגען אין א גרויסען הויף, אין וועלכען דיא טהירעל אין טהויער איז באלד פון אויסוועניג פערשלאָסען געווארען.

קרוגאָזאָראָווא האט דער פערשטעלטער בערטהא מאלליך באלד דורך א הינטער טהיר אריינגעפיהרט אין אן אבגעלעגנטען צימער פון א שמוציגען טראקטיר און איהר בעטענדיג א ווילע אויפווארטען איז זיא פון צימער ארויסגעגאנגען.

— דא וועל איך באלד דערטאפּען פון „פויגעל־מילך״, — האט זיך זלאָדיי־קינא געטראכט — ניט איין ארעסטאנט וועט נעכטיגען היינטיגע נאכט ביי אָפּגע־באכען אין חדר.

דיא טהיר פון איהר צימער האט זיך פּלוצלינג אויפגעמאכט און א הויכער עלעגאנט געקליידעטער יונגער מענש איז צו איהר צוגעגאנגען.

— זייט איהר עס פריילין מאלליך? — האט ער איהר עדעל געפרעגט.

— יא, — האט איהם זלאָדייקינא שוואך ערוויעדערט — ווען באלד צוריק־קומען מאדאם קרוגאָזאָראָווא?

— קרוגאָזאָראָווא? — האט דער מאן פערוואונדערט געפרעגט — וואס איז דאס עפּעס פאר א פרוי? איך הער צום ערשטען מאל אזא נאמען.

זלאָדייקינא האט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט.

— איך פערשטעה ניט, — האט זלאָדייקינא געזאָגט — דא איז דאך נור־וואס געווען מאדאם קרוגאָזאָראָווא, וועלכע האט מיך אהער געבראכט.

— איהר מאכט געוויס אן אירתום, — האט איהר דער מאן געענטפערט — צו אונז קומען זעלטען מאדאמען. זעהט איהר, שעהנע מיידלאך בעזוכען אונז אָפט.

רייידענדיג איז ער צו איהר צוגעגאנגען און האט איהר מיט ביידע הענד א גלעט געטהאן איבער דיא באקען, וועלכע זיינען באלד אָבגעשווארצט געוואָרען, וויא ביי א קוימען-קעהרער.

זלאָדייקינא איז אזוי דערשראָקען געוואָרען, אז זיא האט קיין קרעפטען געהאט א ווארט אויסצוריידען.

— אזוי אזוי פריילין, — האט דער יונגער מאנטשיק מיט דיא שווארצע הענד גערעדט — איך בין העכסט צופריעדען, אז א שעהן מיידעלע מאכט ניט קיינע איבעריגע געשרייען! — און רייידענדיג האט ער איהר אומגעהאלדזט און פעסט צו־געדריקט צו זיין ברוסט.

— געוואלד, רעטעט! — האט זלאָדייקינא מיט א פערשטיקטע שטימע גע־שריען.

— אזוי נאָר, דוא מאכסט גאר קולות? — האט דער יונגער מאנטשיק זיך גאנץ געלאסען גערעדט — דערפאר וועסט דוא שוין פון דאנען ניט אוועקגען ביז דוא וועסט אויסטרינקען א גאנצע פלעשעלע „אָטשיצשעני״ פון פּאָפּאָווס זאוואָד!

עה סווינייעוו! — האט ער א געשריי געטהאן — וויז נור אהער א פּאָר פלעשעלאך! ....

עס איז אריינגעלאָפען אין צימער א הויכער דיקער קאצאפ מיט צוויי פלעשלאך און מיט א פּאָר גלעזלאך.

— געוואלד רעטעט! — האט זלאָדייקינא ווילד אויסגעשריען און האט זיך געכאפּט לויפען צום טהיר.

— פּאַטש איהר אָן איבער'ן מיילכעל! — האט סוויניייעוו מיט א טייפעלשען שמייכעל געזאגט — ביי אונז אין טראקטיר טאָר מען ניט שרייען נאך צעהן אוהר ביי נאכט.

— און זיא חאפּט זיך גאר לויפען, — האט דער יונגער העלד געלאכט — קום נור אהער מיין פויגעלע, לאמיר נור א קוק טהאָן אויף דיין שווארץ פּנים'על! ער האט איהר א נעהם געטהאן אין דער לופטען וויא א קעצעלע און ביילויפיג האט ער ארויפגעלייגט זיין אָבגעשווארצטע האנד אויף איהר מויל, אז זיא איז שעור ניט דערשטיקט געווארען.

סוויניייעוו האט אנגעגאסען א פּאָר גלעזלאך און דער יונגער מאנטשיק האט זלאָדייקינא'ן אוועקגעזעצט אויף א שטוהל.

— טרינק מיין קעצעל! — האט ער צו איהר געביטעריש געזאגט אנווייזענד מיט א פינגער אויף א גלעזעל.

— איהר זאלט מיך דיא מינוט פריי לאָזען! — האט זלאָדייקינא זיך אוועקשטעלענד געקוויטשעט — איהר בעדארפט וויסען, אז איך בין ניט בערטהא גמאלליך....

— לאָז איהר אראָפּ איבער'ן מוח! — האט סוויניייעוו דעם יונגען מאן נעזאגט — זיא איז א צו גרויסע שרייערקע.

דער יונגער העלד האט צוגעטראָגען א גלעזעל צו זלאָדייקינא'ן און האט איהר געהייסען טרינקען.

— איהר שפּיעלט דאָ מיט אייער לעבען! — האט זלאָדייקינא ווילד אויסגעשריען און האט זיך אבערמאלס געכאפּט לויפען צום טהיר.

— א העזה אביסעל! — האט דער עלעגאנט געקליידעטער מענשעל געזאגט — האלט נור סוויניייעוו צו אביסעל דאס גלעזעל.

סוויניייעוו האט דאס גלעזעל צוגעהאלטען און דער יונגערמאנטשיק האט זלאָדייקינא'ן געגעבען א דריק פאר'ן נאָרגעל, אז איהר גאנצע מויל איז געבליעבען אָפען.

סוויניייעוו האט איהר דיא גאנצע גלעזעל בראנפען אין האלדז אריינגעגאָסען, אז זלאָדייקינא האט זיך פערהוסט מיט א כריפּ.

— צו רפואה, מאַטושקאַ! — האט דער יונגער בארין געזאגט — פון אונזער טראקטיר טאָר מען ניט אוועקגעהן מיט ליידיגען.

אין דעם זעלבען מאָמענט איז אין צימער אריינגעלאָפען א פּריסטאַוו אין אבהער א פּאָר אקאָלאָדאָטשניקעס.

זלאָדייקינא האט ניט אויפגעהערט צו הוסטען און צו ניסען און איהרע האלב פערגלעזערטע אויגען האבען זיך געדרעהט בעזינגונגסלאָז.

— וואס איז דאס? — האט דער פריסטאוו טופענד מיט די פיס ווילד אויסגעשריען.

— עפעס א נאכט-פויגעל! — האט סוויניייעוו איהם ערוויעדערט — זיא איז אריינגעקומען בעטרונקען און אויסגעשמירט מיט סאזע וויא א קוימען-קעהרער און האט דא פערפיהרט מיט אונז א גאנצען סקאנדאל!

— איך וועל מיך שוין מיט אייך רעכענען וואס איהר לאָזט אריין אזעלכע פויגעלען צו אייך אין טראקטיר! — האט דער פריסטאוו וויטהענד געשריען.

— עה, רעביאטא, — האט ער א געשריי געטהאן צו זיינע צוויי אקאלאָדאטשניקעס — שלעפט איהר אוועק אין אוטשאסטאָק.

— מאר—יא זלאָד—ריי—קינא, — האט די שפיאָנין מיט א פערגליווערטען צונג געשטאמעלט.

— דאס הייסט שכור, דאס הייסט שבור! — האט דער פריסטאוו קוועטשענדיג מיט די פלייצעס געזאגט — ווייסט איהר ניט וויא זיא הייסט?

— בערטהא מאלליך, אזוי האט זיא אונז געזאגט.

— נו, דער פראָטאָקאָל וועט שוין געשריעבען ווערען אין אוטשאסטאָק — האט פיליפאָוו וויא אונטער די צעהנער געדעט — שלעפט איהר אוועק.

די אקאלאדאטשניקעס האבען זלאָדייקינא'ן האלב טויטע פון טראקטיר ארויסגעטראָגען.

51טעס קאפיטעל.

די באָמבע טהוט איהרעס.

שרעקליך איז די רוסישע טיראניי, גרויזאם איז איהר געהיימע אינקוויזיציאָן; אבער פיעל שרעקליכער און גרויזאמער איז דער נייד פון איהרע באנדיטען, וועלכע זיא האט געהאדעוועט אין איהר שויס. נור א לאנד וויא די הייליגע רוס, איז פעהיג ארויסצורופען אין לעבען אזא פינסטערלינג, וויא פאביעדאָנאָסצעוו, א שלאנג וויא איגנאטיעוו, אויסווירפע וויא דרענטלין, זעליאָנאָוו און דורנאָוואָ, און בעסטיעס וויא דער אלטער איסטאָמין, פאסטוחאָוו און אלעקסייעוו. מיר קענען זיי אלע ניט אויסצעהלען, זיי ערפילען די גאנצע רוסישע רעגיערונג און איין שלאנג איז ניפטיגער און געפעהרליכער פאר דער צווייטער. גענוג איז פאר אונזערע לעזער צו וויסען, אז דיעזע אלע בעסטיעס און אויסווירפע, שטעהען אן דער שפיצע פון דער רוסישער רעגיערונג, און וואס זיי ווילען פיהרען זיי אויס ביי דעם שלאנג איבער אלע שלאנגען, וועלכער נענט זיך דער רוסישער זעלבסט-הערשער. זייערע אלע פערזענליכע אינטריגען וואס שטאמט אפ פון זייער שמוציגען פאמיליען-לעבען, פון זייערע ניעדערטרעכטיגע ליידענשאפטען און טהיערישע געפיהלע, דיעזע אלע לומפערייען און געמיינהייטען, פאר וועלכע מען פיהרט אין אנדערע לענדער צום גאלגאָן, נעהמען אין רוסלאנד אן א געזעצליכען אויסדרוק, זיי ווערען פון אויבען אביסעל צוגעפארבט, אָבגעפיינט, אז עס זאל אזוי ניט שטעכען אין די אויגען, און זיי ווערען דורכגעפיהרט „וואָ אימיא זאַקאָנא“ (אים נאמען דעם געזעצעס) און די

עהרליכע מענשען, דיא פיינע, דיא עדלע, דיא דענקער, ושעניען און דיא שטרעבענדע צו ליכט, צו דער זאָננע, זיי ליעגען בעגראָבען אין דיא פינסטערע קערקער, אין דיא סיבירישע מינען און ווערען נעהאנגען טאג טעגליך אין אלע רוסישע אסטראָגען.

איבערנליקליך האט זיך נעפיהלט דער יונגער פּאָוועל אנדריאנאָוו מיט זיין מוטערס איינשטימונג צו דער פּאַרטיע מיט זיין ליעבער באראָנעסע קסעניא אנדרייעוונא. אין זיין יונגע ברוסט, וועלכע האט געאטהעמט מיט עהרליכקייט, אונשולד און ליעבע צו דער גאנצער מענשהייט, האט זיך צופלאַמערט דער פונק פון דער ערשטער, ריינער און קיישער ליעבע צו דער שעהנער און קלונער באראָנעסע, וועלכע איז געזאָנען וויא ער און שטימט איין מיט אלע זיינע מיינונגען. דיא וואהרע ליעבע קוקט ניט נור אויף א שעהן פּנים׳ל און רייצענדע אויגען זאנדערן זיא האט זיך איהרע גייסטינע געגענשטענדע, וואס פערקניפּען א הארץ צו א הארץ, און זאָ קוים פּאָוועל האט געפונען וואס ער ווינשט אויך גייסטיג, האט זיין יונגעס הערץ נעקלאפּט מיט ליעבע, און אלע זיינע געפיהלע זיינען געוואָרען בעהעררשט מיט דעם איין געדאנק אז קסעניא אנדרייעוונא מוז זיין זיינע. ער האט עס גאנץ לייכט, גאָר אהנע אינטריגען און שווירינקייט אויסנעפיהרט, און ער איז יעצט אין זיעבעטען הימעל.

אום אכט אוהר אבענדס איז זיין ליעבע קסעניא פון איהם אוועקגעפאהרען מיט א גאנצען פּעקעל ענטדעקטע געהיימניסע. — ער מיט זיין שוועסטער האבען אוים פאָרזיכטינקייט פאר דיא שפּיאָנען איהר ארויסגעלאזען דורך א הינטער טהיר, און זיא האט זיך באלד ארויפגעכאפּט אויף א דראשקע און איז פערשוואונדען.

— ליזא! — האט פּאָוועל צו זיין שוועסטער געזאגט — ביי אונזער מוטער איז פערבליבען אז מיר זאלען היינטיגע נאכט האלטען א ראטה מיט וואסיליעוו ווענגען אויסלאנד.

— מיט דיא וואהרהייט, ליעבער ברודער, — האט איהם ליזא מוטהלאז ערוויעדערט — איז מיר פיעל ליעבער צו זיצען ווייט פון מיין טהייערסטען און ליעבסטען אין דער וועלט, איידער איין מאל א קוק טהאן פעליקס סאָבאקאָוו׳ן אין דיא אויגען. דיא צוויי וואָכען האלטען שוין אם ענדע, מיר וועלען יעצט האבען פעליקס׳ן דריי, פיער מאל אין טאָג פאר א גאסט, און איך פיהל מיך אונגליקליך מיט דעם געדאנק, אז איך בין געצוואונגען מיט פעליקס׳ן צו ראָמאַנסירען. דאס קומט מיר פאָר שרעקליך, שוידערהאפט.

פּאָוועל מיט ליזא׳ן זיינען באלד אריינגעגאנגען צו זייער מוטער אין קאבינעט און האבען פערפיהרט מיט איהר דאריבער א געשפּרעך.

— מיר מוזען נאך היינט זעהן וואסיליעוו׳ן, — האט זיי דיא מוטער געזאָגט — און איך האָב שוין אליין געדענקט אייך וועגען דעם צו ערזאינערן.

— איך געה איהם ברייננען צו אונז, — האט פּאָוועל זיך אָפּגערופען.

— נעה מיין קינד, — האט איהם מאריא צערטליך געזאגט — אבער זאלסט זיך לאנג ניט זאמען. איך בין עפּעס היינטיגע, אבענד אזוי צורודערט, אזוי אומ-

נערענט, דאס איך קען מיר אליין קיין רעכנונג ניט אָפּגעבען פארוואָס.... אונזער לאַגע איז געסטערן אויך בעסער ניט געווען; אבער היינט פיהל איך מיך זעהר שלעכט....

— בערוהיג זיך ליעבע מוטער, — האט ליזא ערגרייפענד איהר פאר דיא הענד געטראכט — מיט גאָטעסהילף וועלען מיר עס נאך א מאל אין פריידען דערצעהלען.

— ווייס דער ליעבער גאָט? — האט דיא גרעפין געזיפצט — מיין הערץ קען גאר ניט רוהען. עפּעס עס דריקט מיר, עס קוועלט מיר און איך ווייס ניט וואס—

אונגליקליכע מוטער! אונטער דער זאָפּע פון דיין איינציגען זוהן ליעגט א באָמבע, דיין מוטער־הערץ פיהלט אן אונגליק; ליידער קען א הערץ מעהר ניט וויא פיהלען, אבער ניט וויסען וואס דער אויער הערט ניט און דער אויג זעהט ניט.

פּאוועל איז פון זיין מוטער'ס קאבינעט האסטיג ארויסגעגאנגען און ליזא האט זיך אליין מיט איהר מוטער אין צימער אָפּגעשטעלט.

פלוצלינג איז יעוורושין אין צימער אריינגעגאַנגען און האט געמעלדעט, אז דאקטאָר פעליקס סאבאקאָוו ווינשט צו זעהן ליזא'ן.

ליזא איז אזוי ערציטערט געוואָרען, אז זיא איז פאסט אין אָהנמאכט געפאלען.

— בערוהיג דיך מיין טהייער קינד, — האט איהר דיא מוטער עטוואס אי־בערראשט געזאָגט — דיעזער אונמענש איז דער איינציגער אָן וועלכען אונזער גאנצער שיקזאל היינגט יעצט אָפּ; געה עמפּפאַנג איהם און פערליער ניט קיין מוטה.

— נעוואלד, דאָ דארף דאָך באלד זיין וואסיליעוו! — האט דאס מעדכען פערצווייפעלט געברומט.

— דארפסט האבען שכל און אין פערלויף פון א שטונדע איהם אָבּפּטר'ן — האט דיא מוטער שטיל געזאגט — און אז וואסיליעוו וועט דאָ אפילו זיין, קען ער איהם אויך ניט זעהן; אונזער וואוינונג איז גענוג גרויס.

ליזא האט זיך געמאכט מוטה און איז אין עמפּפאַנג־צימער אריינגעגאנגען.

— אָ, וואס מאכט איהר גרעפין? וויא געהט עס — האט סאבאקאוו ליעבליך ארויסגערופען און איז איהר געלאָפען אנטגעגען.

— וויא איהר זעהט, הערר סאבאקאוו, — האט זיא העפליך ערוויעדערט און איהם געררייכט דיא האנד.

סאבאקאיו האט איהר דיא האנד ליעבליך געדריקט און איז גאר ניט געווען געזאָגען איהר אָפּצולאָזען.

— מיך פרעהט זעהר אייך צו בעזוכען, שעהנע ליזא, — האט סאבאקאָוו ליעבליך געערדט ניט אָפּלאָזענד איהר האנד.

— און אונז איז אנגענעם אייער בעזוך, — האט ליזא איהם געענטפערט און האט געצווינגען איהר הענטעל צו זיך.

— אביסעל אונלאָגיש, — האט פעליקס מיט א שמייכעל געזאגט — איהר רעדט, מיין טהייערע אין מ ע ה ר צ א ה ל „אונז״, ווערהענד איך זעה דאָ מעהר ניט וויא אייך איינע.

— ווינשט איהר פיעללייכט צו זעהן אויך מיין מוטער? — האט איהם ליזא מיט אַן אונשולדיגע מינע געפרעגט.

— וואס געהערען צו אונז יונגע מענשען דיא עלטערע דאמען? — האט פעליקס אויסגערופען — אז מיר זיצען שוין דא ביידע זאל זיין אזוי....

— האט איהר א ו נ ז עפּעס גוטע נייעס מיטצוטהיילען? — האט איהם ליזא מיט א פריינדליכע שטימע געפרעגט.

— און אָהן נייעס טאָר איך אייך גאָר ניט בעזוכען? — האט איהר פעליקס מיט א ליעבליכען שמייכעל געפרעגט.

— איך מיין גאָר איינפאך, — האט איהם ליזא גענענטפערט — וויא באלד איהר האט אונז שוין יא בעעהרט מיט אייער בעזוך, האט איהר פיעללייכט מיט-געבראכט עפּעס נייעס אויך?

— יעדער שטיקעל נייעס איז ווערטה א קוש, — האט פעליקס שמייכלענד געזאגט — אָ, איז דאס א נייעס, איז דאס א נייעס!

— איך בין גאר ניט אזוי נייגיעריג, — האט ליזא מיט א פערבאָרגענעם האס געזאָגט.

— אז איהר וואָלט געוואוסט אום וואס דא געהט, — האט פעליקס ווייטער גערעדט — וואָלט איהר שוין יא געווען נייגיעריג.

— און אהן א קוש וועט איהר גאר אייערע נייעס ניט פערקויפען? — האט ליזא איהם לאַכענד געפרעגט.

— א צו טהייערע סחורה, שוועסטערקע.

— איהר וועט עס לאָזען פאר וועלוועלער.

— ניין, מאטושקא.

— נו, טאָ ווארגט אייך מיט אייערע נייעס! — האט ליזא מיט א ליעבליכען שמייכעל געזאָגט — איהר וועט זיך נאך ביי מיר בעטען און איך וועל ניט וועלען הערען....

— זעהט איהר, — האט פעליקס נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — איך קאָן אייך שוין אָפּ דיא נייעס פאר בילינער.

— נו, אדרבא, זאָגט וויא וואָלוועל וועל איך עס האנדלען?

— מיט איין קוש.

— ווידער קוש אבער קוש! — האט ליזא מיט א פריינדליכע מינע אויס-גערופען — שעהמט אייך אין אייער ווייטען האלז אריין.... האָסט דוא געהערט א ביסעל, אז א מענש זאל אלץ ריידען וועגען קושען?

— דאס איז א נעשמאקער ביסען, מאמעלע, — האט פעליקס איהר ליידענשאפטליך ערוויעדערט און האט איהר ערגריפען פארן האנד.

ליזא האט לאנגזאם איהר האנד פון זיינער ארויסגעצויגען.

— מאכט אייך הערר סאבאקאוו ניט נארריש, — האט ליזא מיט א פריינד-ליכען פאָרוואורף געזאגט — דאס פּאסט פאר קינדער, אבער ניט פאר מענשען, וועלכע האבען בעענדיגט אוניווערזיטעטען. ווילט איהר מיר עפּעס דערצעהלען, וועל

.איך עס מיט פערגנינגען אויסהערען. אייערע ווערטער זיינען ביי מיר טהייער; אבער נור דאן, ווען איך זעה אז איהר זייט סאבאקאוו דער ד א ק ט א ר און ניט סאבאקאוו דער א י נ ג ע ל.

— נור איין קוש טייבעלע, — האט סאבאקאוו דאס ווייניגע נערעדט.

— ווידער דאס זעלבע!

— איך מיין ניט חס־ושלום אז א י ה ר זאלט מיר שיינקען א קוש.

— אָ, נאַט, טאַ וואס דען מיינט איהר? — האט איהם ליזא תמ׳אוואטע נעפרעגט.

— איך מיין אז איך זאל א י י ך חאטש א קוש טהאן.

— האָסט דוא געהערט א שנעון אביסעל? — האט ליזא נאאיוו אויסגע־שריען.

— נו, מיין טייבעלע, ניש־קשה! — האט פעליקס אויסגערופען — פון מיינעם א קוש איז נאך קיינער ניט געשטארבען, און ריידענדיג האט ער איהר אומגע־האלזט און איידער זיא האט צייט געהאט זיך א קעהר צו טהאן, האט איהר סאַ־באקאָוו ארייננעצעהלט ביי א צעהן קושען אין איהרע ביידע ראָזענפארבינג באקען.

ליזא איז געוואָרען אויסער זיך פאר זיין געטיינע פרעכהייט; אבער זיא האט עס פערשוויגען.

— נו געגונג, הערר סאָבאקאָוו! — האט זיא איהם אפשטויכענד פון זיך געזאגט — וואו זיינען אייערע נייעס?

— נייעס צו נייעס איז ניט גלייך, — האט סאבאקאוו פּאָרטגעזעצט — אבער אלץ וואס איהר הערט מוז פערבלייבען א שטרענגע געהיימנים.

— און וויא פערשטעהט איהר, הערר סאבאקאָוו?

— נו, נעדיינקט־זשע מיין טהייערע ליזא, — האט סאבאקאָוו פעררויטינד געזאגט — דאס טאָר קיינער ניט וויסען.

— איהר מעגט זיך שוין אויף מיר פערלאָזען.

— זייט איהר גוט בעפריינדעט מיט דער יונגער באראָנעסע קסעניא אג־דרייעוונא? — האט איהר פעליקס שטיל געפרעגט.

— יא, מיר זיינען בעפריינדעט.

— און אייער ברודער ליעבט איהר?

— נו, טאַ וואָס איז דא אזוינס?

— און אייער מוטער איז אין איהר אננעטרויט? — האט פעליקס ווייטער געפרעגט.

— יא, הערר סאָבאקאָוו.

— האט איהר א מאל געהערט פון דער שפּיאָנין מאריא זלאדייקינא?

— יאָ, איך האב עס געהערט דורך א צופאל.

— און פערזענליך קענט איהר זיא ניט?

— ניין, איך קען איהר ניט.

— איהר קענט איהר יא! — האָט פעליקס מיט אַן ערענסטע מינע אויסגעשריען.

— אַז איך זאָג אייך ניין, מעגט איהר מיר גלויבען.

— ווערמען דערצעהלט איהר דא געשיכטעס? — האָט פעליקס שטרענג געריעדט — איהר קענט איהר יא.

— איהר מעגט מיר גלויבען אויף מיין וואָרט. אַז איך האָב איהר קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן — האָט איהם ליזא אויפמערקזאַם און מיט אַן ערנסטע שטימע ערוויעדערט.

— וויא איז אָבער, אַז איך וועל אייך אויפצייגען, אַז איהר האָט איהר יא געזעהן? — האָט איהר פעליקס געפרעגט — וועט איהר צופריעדען זיין מיר שענקען חאָטש איין קוש פאַר מיינע צעהן?

— רעדט, הערר סאַבאַקאַוו, צו דער זאַכע! — האָט ליזא חעכסט אויפגעערעגט געזאָגט.

— וויא עס קומט צו אַ קוש, איז ביי אייך ניט צו דער זאַכע! — האָט פעליקס אויסגערופען איך קען מיר שוין פריהער פאָרשטעלען וואָס אייער אנטוואָרט וועט זיין ווען דיא צוויי וואָכען וועלען אויסגעהן. איך בין שוין אַ בעלן צו וויסען וואָס איהר וועט מיר ענטפערן?

— איהר וועט דאָך דאַמאָלס האָבען אַ ברירה מיך צו פערשיקען אין סיביר, — האָט איהם ליזא שאַרף און שניידענד ערוויעדערט — אָבער פאָרלויפיג האָט איהר נאָך ניט דאָס רעכט מיך צו פעראַנטוואָרטהיילען, און אַז איהר האָט מיר פערקויפט אַ געהיימניס דאַרפט איהר עס מיר דערצעהלען.

— וואָס רעכט איז רעכט! — האָט פעליקס געזאָגט — נו, לאָמיר ריידען ווייטער צו דער זאַך: קסעניא אנדרייעוונאַ'ן קענט איהר און „מאַריא זלאַדייקינא“ זאָגט איהר אַז איהר קענט ניט, לאָמיר אייך זאָגען קורץ און שאַרף, אַז קסעניא אנדרייעוונא איז „מאַריא זלאַדייקינא“!

— אַי! — האָט זיך אַ שרעקליכער קרעכץ פון ליזא'ס האַרץ אַרויסגעריסען און זיא איז וויא אַ שווערער שטיין אין אָהנמאַכט צו באָדען געפאַלען.

זיא האָט געהאַט לעבען זיך אַ דאָקטאָר און איז באַלד צו זיך געקומען.

— זייט ניט אַזוי צושראָקען טהייערע ליזא! — האָט איהר פעליקס אוועקזעצענדיג אויפ'ן שטוהל געזאָגט — אייער פעליקס איז נאָך ניט געשטאָרבען.... איך קען אַ מענשען פון גאַלגאַן אַראָפּנעהמען, און וויא באַלד איך וועל הערען, אַז איהר זייט מיינע, פערבלייבט איהר אַלע גאַנץ....

— איז זיא ווירקליך דיא שפּיאָנין? — האָט איהם ליזא מיט אַ שוואַכע שטימע געפרעגט און האָט געציטערט ביי אַלע גליעדער.

— אַז פעליקס זאָגט אייך, איז געזאָגט, — האָט סאַבאַקאַוו האַלטענד איהר באַרן פּולס געריעדט — בערוהיגט אייך אָבער מיין טהייערע ליזא, איהר האָט פאַרקען הערצקלאַפּען, איהר זייט זעהר אויפגערעגט. קיין בייז וועט אייך ניט

נעשעהן. איהר וועט מיט מיר פערברייננען א גליקליכען לעבען אין פריידען אק
אייער גאנצע פאמיליע וועט זיין גערעטעט.

איהר הערצקלאפען האט זיך נאך מעהר פערשטארקט הערענדיג סאבאקאָוו'ס
לעצטע ווערטער, זיא האט אבער געפאסט מוטה און האט זיך גלייך אוועקגעזעצט
אויפ'ן שטוהל.

— פונקט צו דיא צוויי וואָכען בעקומט איהר א ריכטיגען אַנטוואָרט! — האט זיא איהם מיט א ליעבליכע שטימע נעזאגט — איך פערהאָף אז אלעס וועט רעכט ווערען.

— און ווארום זאלט איהר מיר יעצט דעם אנטוואָרט ניט געבען? — האט איהר פעליקס געפרעגט ווארפענד אויף איהר א פאָרשענדען בליק.

— איך מוז נאך ערהאלטען אויף דעם מיין מוטערס איינשטימונג — האט איהם ליזא געענטפערט — איהר דארפט אבער הערר סאבאקאוו זיין רוהיג און האָפען אז עס וועט אלעס רעכט ווערען.

— איך פערהאָף עס! — האט פעליקס ארויסציהענד זיין גאָלד־אוהר פון זיין וועסט אויסגערופען — און איך דענק אז דאס וועט אייך בריינגען נוצען אלע אנטהייל־נעהמער פון דער היזיגער ניהיליסטישער פארטיע.

— אזא מאכט בעזיצט איהר עס, הערר דאָקטאָר? — האט איהם ליזא מיט אן ערנסטע שטימע געפרעגט.

— זאָ לאנג מיין פאטער לעבט — האט פעליקס איהר געענטפערט — אין מיין מאכט אונבעגרענעצט. גענוג איז פאר אייך צו וויסען, אז איהר אליין, מיין טהייערע ליזא, געהערט מעהר צו דעם הענקער וויא צו סיביר און דאך קען איך אייך רעטען.

ליזא האט א ציטער געטהאן, ניט נור פון דער נאכריכט, אז זיא געהער צו דעם הענקער, זאנדערן אויך פון סאבאקאוו'ס ניעדערטרעכטיגקייט וואס ער בענוצט זיך מיט דיעזער שרעקליכער געלעגענהייט און צווינגט איהר איהם צו ליעבען.

— אזוי וויית האלט עס מיט מיר? — האט זיא מיט א ביטערן שמייכעל געפרעגט.

— אז פעליקס זאגט אייך, מעגט איהר איהם גלויבען.

— איך וואָלט וועלען וויסען אין וואס בעשטעהט מיין פערברעכען.

— זייט זיכער, אז דיא „טרעטאָיע אָטדעליעניע" האלט ניט פון אזעלכע פראגען. זיא פערציהט א שטריקעל אויפ'ן האלז און דאס איז איהר תרוץ. ווען זיא בענעהט אפילו אן אירדטהום און הענגט אויף א מענשען אונשולדיג, הארט עס איהר וויא דיא ראבע קאין; היינט טאָ וואָס־זשע טויג אייך אזעלכע פראגען?

— איך פרעג אייך דיעזע פראגע אלס א פריוואט מאן וואס געהער ניט צו „טרעטאָיע אָטדעליעניע", — האט איהם ליזא פערדריסליך ערוויעדערט — איז דען דאס אן אנטוואָרט פון אן עדלען מענשען וועלכער האט גענאָסען א הויכע בילדונג?

— האב איך דען אייך ניט געענטפערט צו דער זאך? איך האב דאך אייך

אויסדריקליך נעזאגט, אז דיא טרעטאָיע אָטדעליעניע טהוט אָפּ איהרס, צו שולדיג אדער אונשולדיג, און וואס קען איך אייך מעהר ענטפערן? גלויבט מיר זיכער, אז פון מיין'ט וועגען מעג דיא טרעטאָיע אָטדעליעניע מיט אלע איהרע בעאמטע איינזינקען אין דער ערד אריין מיט באטיושקא צאר צוזאמען....

ליזא האט זיך נעגען איהר ווילען פערנאנדער געלאכט.

— מיט אייער פאטער אויך? — האט זיא שמייכלענד איהם געפרעגט.

— נו, אזוי גראָב זאָל איך נאך זיין? — האט זיך פעליקס גענוויצעלט — לאָז איך מיין אלטינקער לעבען הונדערט און צוואנציג יאהר.

— „אָהן א קאָפּ" — האט זיך ליזא געטראכט.

— אלזא, ליעבע ליזא, — האט פעליקס זיך אויפהויבענר פון זיין שטעלע געזאגט — זייט איהר צופריעדען מיט מיין איצטיגען בעזוך?

— יא, הערר סאבאקאוו! — האט איהם ליזא מיט א פעסטען טאָן גע-ענטפערט.

— און מעהר ניט!

— איך בין אייך זאגאר דאנקבאר.

— צוליעב דאס געהיימניס געוויס....

— זייט איהר דען אויך א סליעדאָוואטעל? — האט ליזא מיט א פריינדליכע מינע געפרעגט — קומט צום בעשטימטען טערמין, ווען דיא צוויי וואָכען ענדיגען זיך, וועט איהר בעקומען א ריכטיגען אנטוואָרט.

— גוט! — האט פעליקס אויסגערופען — אבער אוועקפאהרען פון מאָסקווא מעגט איהר דאָך דערווייל ניט?

ליזאָ'ן האט דאס הערץ א ציטער געטהאן.

— וויא פאלט עס אייך איין? — האט זיא פערוואונדערט געפרעגט.

— א קשיא אויף א מעשה? — האט פעליקס אונטער דיא צייהנ'ער גערעדט — איך נאררישער מענש טראכט נאך אמאל איבער טאָמער שטעהט איהר גאָר מיט דאקטאר וואסיליעוו אין פערבינדונג.

דאס מעדכען האט זיך א צאפעל געטהאן.

— וויא באלד איך שטעה מיט איהם אין פערבינדונג, — האט ליזא מיט געמאכטען מוטה גערעדט — וויא אזוי פאלט אייך איין, אז איך זאל פון מאָסקווא אפּרייזען? דוכט זיך פערקעהרט, איך בעדארף דאמאלס אין מאָסקווא פערבלייבען.

— און דא שטעהט דאך אייך פעליקס אין וועג, — האט ער מיט א שמייכעל געזאגט.

— דאס פּאסט ווירקליך פאר א סליעדאָוואטעל! — האט ליזא מוטהיג אויסגערופען — איך האב אייך געהייסען, קומען צום טערמין און איהר פערלייגט גאר פלוצלינג אזעלכע קלאָץ קשיות וואס איך שעהם מיך צו הערען.

א פלעצליכער קלאָפּ אין טהיר האט ליזאַ'ן אזוי ערשראָקען, אז זיא איז געוואָרען בלייך וויא קאלך.

— אַי, צו איז עס ניט וואסיליעוו? — **האט זיא זיך א קלעהר געטהאן־**
מאלע וואס אויף אן אונגליק קען טרעפען?

ליזא איז צו דער טהיר צוגעגאנגען, זיא האט איהר אליין אין דער העלפּ
אויפגעמאכט און איהר קאפּ ארויסגעשטעקט.

— אייער מוטער, פריילין, ווינשט אייך שוין צו זעהן, — **האט יעוורושי**
שטיל געזאגט.

זיא איז צוריק אין צימער אריינגעגאנגען און האט געבעטען פעליקס'ן אום
ענטשולדיגונג וואס זיא קען מיט איהם מעהר ניט פערווייאלען.

— אדיע ליזא — האט איהר פעליקס דריקענד דיא האנד **געזאגט — איך**
ערוואַרט, אז אונזער ליעבע זאל ענטשטעהן.

— איך האף עס, — האט ליזא פריינדליך ערוויעדערט און **איז פון איהר**
קאבינעט ארויסגעגאנגען.

— פּאַסטאַי! (שטעה) -- האט פעליקס דערהערט א שטרענגע שטימע
אראָפּגעהענדיג פון דיא טרעפּ און האט באלד פאר זיך דערזעהן א זשאנדאר.

— לאָז מיר געהן מיין וועג, — האט איהם פעליקס שטרענג ערוויעדערט —
איך בין פעליקס סאבאקאָוו.

— דאס וועלען מיר זעהן דאָרט'ן, — האט **דער** זשאנדאר געענטפערט —
אבער פּאָרלויפיג טאָרט איהר פון דער הויז ניט ארויסגעהן.

— וואס איז דא געשעהן? — האט פעליקס איבערראשט **געפרעגט.**

— פּראָטש (אוועק)! — האט דער זשאנדאַרם בייז א וואָרטשע געטהאן, —
דיא מינוט צוריק אין הויז אריין!

פעליקס האט געזעהן, אז דא האלט ביי א בעפאל איבער דער גרעפינס הויז.
איהם האט געוואונדערט, וויא קומט עס זיין פאָטער איהם ניט דערצעהלען און
וויא קומט זיין פאטער אין אלגעמיין, טהאן אנדערש וויא ער, זיין בן־יחיד'ל האט
פון איהם פערלאנגט. פעליקס האט גוט געוואוסט, אז אן אונבעקאנטער זשאנ־
דארם וועט איהם ניט דורכלאָזען און ער האט זיך צוריקגעקעהרט אין גרעפין
אנדריאנאָוואס וואוינונג.

ער האט אנגעקלונגען אין דער טהיר גלאָקע און איז אריינגעגאנגען אין
פּאָרצימער, וואו איהם האט בעגעגענט דער יונגער פּאוועל אנדריאַנאוו.

פּאוועל איז לייכענבלאס געוואָרען דערזעהענדיג פעליקס'ן. ער איז נאר־וואָס
געקומען צוריק פון דאָקטאָר וואסיליעוו און איז אריין צו זיין מוטער אין'ם קאבינעט
און איהר אנגעזאגט, אז וואסיליעוו בעדארף אין א האלב שטונדע ארום קומען.
זיין מוטער האט דאריבער געשיקט יעוורושינען אוועקרופען ליזא'ן פון פעליקס'ן אום
ער זאל זיך מיט וואסיליעוו'ן ניט טרעפען, ענדליך איז נאר פעליקס נאך זיין אוועק־
געהן באלד צוריק געקומען!

— גראף, — האט פעליקס פּאוולען געזאגט — **זאגט מיר נאר: בעדארף דא**
אימיצער צו אייך באלד קומען?

פּאוועל איז פון דיעזער פראגע אזוי **צורולט געוואָרען, אז ער איז געבליעבען**

שטעהן וויא פערשטיינערט און האט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן. איהם איז באלד ארויף אויפ'ן זינען, אז פעליקס פערשטעהט דא אדער ער האט זיך דער־וואוסט, אז דא בעדארף באלד קומען זיין קאָנקורענט אין ליעבע — דאקטאָר וואסיליעוו.

— זאגט מיר וואס שנעלער! — האט פעליקס מיט א שטארקע שטימע גע־שריען — איך בעדארף עס וויסען.

— איך געה פרעגען מיין מוטער — האט פּאוועל געשטאמעלט.

— פיהרט מיך צו איהר אריין! — האט פעליקס האסטיג געזאגט.

— ווארטעט נור איין וויילע, — האט איהם פּאוועל ערוויעדערט און זיינע קניע האבען געוואקעט — מיין מוטער איז קראנק.... איך קום באלד אריין.

פּאוועל איז ארויסגעלאפען.

— מוטער און שוועסטער, — האט פּאוועל צורודערט געזאגט — פעליקס איז ווידער געקומען און פרעגט מיך שטרענג צו בעדארף דא איטיצער צו אונז באלד קומען. זיין בענעהמונג און זיין ריידען קומען מיר פאר זעהר זאָנדערבאר און פער־דעכטיג.

— עס האלט ניט גוט, מוטער, — האט ליזא מיט א ציטערענדע שטימע אויסגערופען — פעליקס סאבאקאוו וויל דא היינט מיט אונז פערפיהרען א סקאנדאל.

— רוף איהם אריין! — האט דיא גרעפין פּאוולען בעפוילען.

פּאוועל האט זיך גענומען לויפען צו דער טהיר, אבער פעליקס איז אליין אריינגעלאפען.

— גרעפין, — האט ער מיט אן ערנסטע שטימע גערעדט — זאגט מיר צו עמאנד בעדארף דא היינט צו אייך קומען?

— ווארום האט איהר עס נעטהיג צו וויסען? — האט איהם דיא גרעפין פערדריסליך געפרעגט.

— ווייל דער וואס וועט אייך היינט בעזוכען וועט אריינפאלען אין אן אונ־גליק — האט איהר פעליקס ערנסט ערוויעדערט — אייער הויז איז בעוואכט.

— בעוואכט? — האבען אלע דריי אונגליקליכע מיט טוידט־שרעק אויס־גערופען.

— יא, פריינדע, בעוואכט. אריינגעהן לאזט מען מיט פערגניגען, אבער צוריק, ניט א טריט.

דיא קליינע פאמיליע אנדריאנאָוו האט אויסגעבראכען מיט איין גרויסען קרעכץ.

— מיר בעדארף דא באלד בעזוכען מיין הויז־ארצט וועגען מיין קראנקהייט, האט דיא גרעפין מיט טרעהרען אין דיא אויגען קוים ארויסגערעדט.

— נו, איז נאך אהן געפאהר, — האט פעליקס וויא צו זיך אליין גערעדט — געוויס איז ער דאך א ריינער מענש....

— ריין איז ער, — האט דיא גרעפין ציטערענד ביי אלע גליעדער פארטגע־זעצט — אבער ווען עס איז נור מעגליך איהם אָפּצוהאלטען פון דיעזען וויזיט וואלט עס געוועזן פון אייך זעהר פיין און ערהאבען.

— אונמעגליך, — האט פעליקס נאך א קליינעם שטילשווייגען געזאגט.

— פיעללייכט קענט איהר אויספיהרען, אז נאר איך איינע זאל קענען אויף דער גאס ארויסגעהן? — האט איהם דיא גרעפין מיט א פלעהענדע און בעטענדע שטימע געפרעגט.

— א, ניין גרעפין, — האט איהר פעליקס ערוויעדערט — איך קען גוט אזעלכע בעפאלען. וויא באלד אייער הויז איז שוין בעוואכט וועט מען א קאץ אויך ניט דורכלאזען.

ליזא האט פערצווייפעלט פערבראכען מיט דיא הענד און האט שרעקליך געיאמערט.

פעליקס האט געעפענט א פענסטער און האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ צום הויף. ער האט זיך באלד צוריק אומגעדרעהט און האט פאוולען צום פענסטער צוגערופען.

פאוועל האט מיט א שרעקליכען שוידער א קוקגעטהאן דורכ'ן פענסטער און האט בעמערקט אין אלע ווינקלען פון'ם הויף שווארצע פיגורען. ער איז צוגעגאנגען צו דיא פראַנט פענסטער און האט גלייך בעמערקט, אז אין קאָררעדאָר וואס פיהרט צו זייער וואוינונג איז אויסגעלאָשען דאס פייער און האט זיך באלד דערמאָנט, אז ווען ער איז צוריקגעקומען פון דאקטאר וואסיליעוו איז שוין אויך געווען פינסטער אין קאָררעדאָר.

— איז דאס אייער וואָרט? איז דאס אייער פערשפרעכען? — האט ליזא ווייגענד געפרעגט.

— גלויבט מיר, טהייערע ליזא, אז דא איז עפּעס א בעזאנדערער צופאל — האט פעליקס גאנץ ערנסט געזאגט — איך אליין בין דא אויך ארעטירט און קען ניט ארויסגעהן פריי אויף דער גאס. מיין פאטער האט עס מיר גאר ניט דערצעהלט; אבער זייט זיכער, דאס קיין בייז וועט אייך קיינעם ניט געשעהן. אבי נור קיינע פרעמדע פון גאס בעדארפען יעצט צו אייך ניט קומען.

ליזא'ן איז דא געוואָרען אזוי שלעכט, אזוי ביטער, אז זיא האט ניט געוואוסט וואס אנהויבען צו ריידען. דא בעדארף באלד קומען דאָקטאָר וואסיליעוו. דער איינענער וואסיליעוו, וועלכען זיא ליעבט זא היים, זא הייליג שוין זייט א פּאָר יאהר, און האט אלע מיטלען אנגעווענדעט, אז פעליקס זאל ניט האבען דעם מינדעסטען פערדאכט; ענדליך בעדארף זיך פעליקס באלד דא אין הויז איבערצייגען, אז זיי האבען איהם ביירע געפיהרט אין זאק און דער ווילדער בן־יחיד'ל האט באלד דיא געלעגענהייט טאקי דא אין הויז זיי אין דעם גרעסטען אונגליק צו שליידערן.

היינט וואס זאל זיא דא יעצט טהאן און וואס זאל זיא ריידען?

— איז גאר קיין האָפנונג ניטא, אז יעמאנדען פון אונז זאל געלינגען אויף דער גאס זיך ארויסכאפּען? — האט ליזא וויא וואהנזיניג געשריען.

— ליידער קיינע האפנונג, — האט פעליקס איהר מוטהלאז ערוויעדערט — זיי שטעהן דא און וואַרטען אָפּ, פיעללייכט וועט נאך אימיצער קומען; ארויסלאָזען וועלען זיי געוויס ניט.

— לאמיר זיך פּרובירען! — האט ליזא ניט מיט איהר שטימע אויסגעשריען און איהר געזיכט האט געפייערט.

— קומט פּאוועל, פיעללייכט וועט עס אונז געלינגען? — האט פעליקס געזאגט ערנרייפענד דעם ניעדערשלאגענעם פּאוועל פאר'ן האנד.

פעליקס מיט פּאולען זיינען פון א זייטיגע טהיר ארויסגעגאנגען; אבער אין א פּאר מינוט ארום זיינען זיי צוריק אריינגעקומען.

— ניטא קיין אויסוועג! — האט פּאוועל ציטערנד געזאגט — שאדע וואס מיר האבען גאר נאך ניט אויפגעטהאן. שאדע מיין קסעניא'ן.

א הערצרייסענדער געוויין האט זיך פון ליזא'ס הערץ ארויסגעריסען ווען פּאוועל האט עראינערט קסעניא'ן, און פעליקס האט איהם מיט א בעדויערענדע מינע אנגעקוקט.

— שאדע וואס איהר זייט מיט איהר בעקאנט געוואָרען, — האט פעליקס אונטער דיא צייהנער געוואָרטשעט — ווער ווייס וואס זיא האט דא אויפגעטהאן?

— וו=אָ=אָ=ס? — האט פּאוועל ניט מיט זיין שטימע אויסגעשריען.

— נעוואלד רעטעט איהם! — האט ליזא פּלוצלינג א געשריי געטהאן און האט זיך געוואָרפען צו סאָבאקאָוו'ס פיס, — רעטעט מיין ליעבסטען.... מיין טהייערסטען....

— אָ, ליעבע ליזא, וואס איז מיט אייך געוואָרען? — האט פעליקס איבער־ראשט אויסגערופען און האט איהר האלב־טוידט פון'ם באדען אויפגעהויבען — בערוהיגט אייך, געהט פון זינען ניט אראפּ, עס וועט אייך גאר ניט געשעהן.

דיא נרעפין איז צו איהר צונעלאפען און מיט דיא הילפע פון פּאוולען האט זיא איהר אריינגעפיהרט אין אן אנדער צימער.

— שווייג אונגליקליכעס קינד, — האט דיא מוטער צו איהר שטיל און טרוי־עריג געזאגט — ניט איין וואָרט וועגען וואסיליעווי'. זיין נאמען טאר דא ניט ערוואַ־נערט ווערען. דען קוים איז אונמעגליך איהם אפּצוהאלטען פון דעם בעזוך, בעדארף פעליקס זיין נאמען ניט הערען. מעגליך, אז גאט וועט איהם בעהיטען און ער וועט אהער ניט קומען.

ליזא איז אביסעל צו זיך געקומען און האט פרייהער אויפגעאטהעמט.

אין טהיר האט זיך געהערט א לייכטער קלאפּען און פּאוועל איז צו פעליקס'ן אין צימער אריינגעלאָפען.

ער האט דיא פּראָנט־טהיר אויפגעמאכט און א הויכגעוואקסענער שלאנקער פּערזאָן איז מיט א ברייטען „גוטען אבענד" צו איהם צוגעגאנגען.

— קריוואָסאָראָוו! — האט פּאוועל מיט א ווילדען קוויטש אויסגעשריען און איז באלד אויף דער ערד געפאלען.

דער קלאפּ האט זיך געהערט ביי דער גרעפין אין צימער און זיא מיט ליזא'ן זיינען קוים זיך האלטענדיג אויף דיא פיס אין צימער אריינגעגאנגען.

— קריוואָסאָראָוו! — האבען זיי ביידע וויא מיט איין שטימע א שטאמעל

געטהאן און באלד זיינען דריי קערפער — **דיא גאנצע פאמיליע אנדריאנאוו**, געלעגען אין טיעפען אהנמאכט אויפ׳ן באדען.

פעליקס און דער גוט פערמאסקירטער יתנער איסטאמין, וועלכער האט זיך פאר דעם שפיאן מערזאוועץ פארגעשטעלט מיט דעם נאמען קריוואסאראוו, האבען זיך פעסט א נעהם געטהאן אויפצומינטערן דיא האלבע טוידטע פאמיליע אנדריאנאוו. פלוצלינג האט זיך דיא טהיר אבערמאלס אויפגעעפענט און דאקטאר וואסיליעוו איז אריינגעקומען.

— וואסיליעוו! — האט פעליקס ווילד אויסגעשריען און זיינע אויגען האבען געפייערט וויא ביי א וויטהענדען טיגער.

— סא — בא — קאוו! — האט וואסיליעוו געשטאמעלט און דיא קניע האבען אונטער איהם געוואנקט.

און אין דיעזען אויגענבליק האבען זיך אלע טהירען אין אנדריאנאווס וואוינונג האסטיג אויפגעמאכט, און א פאלקאווניק, זשאנדארמען, געהיים־אגענטען און א פראקוראר מיט איינינע פריסטאווס און זייערע מיטהעלפער, זיינען וויא הונגעריגע וועלף אין אלע צימערן אריינגעפאלען.

52טעם קאפיטעל.

דער אודיענץ ביי דעם קייזער.

באטיושקא אלכסנדר דער דריטער איז געסטערן געקומען צו־פאהרען נאך פעטערבורג פון זיין בעהעלטנים־לאך „גאטשינא“. גאטשינא ליעגט ניט וויט פון פעטערבורג און זיא דיענט אלס א נארע פאר דיא רוסישע טיראנען, וואו זיי בעהאלטען זייערע קעפ פון דיא ניהיליסטישע באמבעס. דער צאר אין גאטשינא געפינט זיך היימיש וויא א זשוק אין מיסט, און ער האט זיך דארט אזוי שטארק ניט צו שרעקען פאר זיין דעספאטישען קאפ. גאטשינא איז א קליין שטעדטעל, וועלכע ענטהאלט אין גאנצען ביי א זיעבען טויזענד איינוואוינער, וואס דיא גרעסטע העלפט פון זיי זיינען געשווארענע שפיאנען, דיא איבעריגע איינוואוינער זיינען פרומע רוסען מיט קליינע קעפלאך און גראבע בייכער, מיט וועלכע דער צאר איז זיכער, אז קיין בייז וועט איהם דורך זיי ניט געשעהן. ער ווייס, אז זייערע רויטהע קעפ, זיינען בעוואקסען מיט דיקע חזיר־האר, און א פרייער געדאנק האט ניט דורך וואגען דארט אריינצוקריכען.... **דערצו** נאך פערלאזט ער זיך ניט נאר אויף זייערע קעפלאך אליין, דען דיעזע אלע פרומע און גאטעס פירכטיגע רוסען, שטעהן אונטער דער אויפזיכט פון דער געהיים־פאליציי, וועלכע ווייס אפילו וויפיעל בראנפען יעדער פון זיי גיסט אריין דורכ׳ן מאג ביז ער לייגט זיך שלאפען.

דעם קייזערס שלאס אין „גאטשינא“ איז געבויט פון אלע זייטען וויא א פעסטונג און קוקט אויס וויא א שעהנע רעפארמירטע געפענגניס פאר אריסטאקראטישע פערברעכער. און דארט גאנץ טיעף אינ׳ם הויף פון פעסטונג בעהאלט זיך דער גרויסער ארעסטאנט — אלכסנדר דער דריטער.

דיא צייט ווען זיין קייזערליכע מאיעסטעט ליעגט פערשטעקט אין זיין געפענגניס, האט ער גאר ניט וואס צו טהאן. דיא אלע אוקאזען, וועלכע ווערען

ארויסגעגעבען אין זיין נאמען און פאנגען זיך אן מיט'ן דעספאטישען אויסדריק „מיר אלכסנדר הייסען” און אונטען איז געשריעבען „אלכסנדר” „גאטשינא” — דיעזע אלע אוקאזען ווערען דורכגעפיהרט דורך דעם מיניסטער דעס אינערען. זיי ווערען צוגעטראגען צו זיין קייזערליכע מאיעסטעט און ער שרייבט זיך אונטער גאר ניט לעזענדיג און ווייס זאגאר ניט וועגען וואס אין דיא פאפיערען האנדעלט זיך. ווען דער צאר איז אין גאטשינא, האט ער פאר זיך נאך איין אויפגאבע: ער ליעגט אב גאנצענע טעג אין דער קירכע און זינגט-מיט מיט דיא גייסטליכע אין כאר היילינע פראוואסלאווגע הימנען.

זייענדיג אייביג אין שרעק פאר דיא ניהיליסטישע באמבעס, איז ער געווארען זעהר נערוועז און אויפגערעגט און זיין נערווען קראנקהייט דריקט זיך אויס אין יעזואיטישע פאנאטיזמוס, וואס זיין פינסטערער לעהרער פאביעדאנאסצעוו האט אין איהם פון דער יוגענד אן איינגעפלאנצט. ער זינגט מיט דיא גלחים אין קירכע אזוי הייס, אזוי בעגייסטערט, אז עס פליסען טרערען פון זיינע טיגרישע אויגען און זיין פראוואסלאווגע נשמה צוגיסט זיך פאר געוויין.

דער גרויסער פסיכאלאג און מענשען-קענער פראפעסאר שארקא אויס פאריז איז שוין איינינע מאל גערופען געווארען צו דעם האלב-וואהנזיניגען באנדיט, אז ער זאל דעם שגעון פון דעם צארס קאפ ארויסשלאגען; אבער דער גרויסער וועלט-בעריהמטער געלעהרטער האט איינגעזעהן, אז דיא ניהיליסטישע בעוועגונג האט עם ביי דעם באנדיט דעם וואהנזין ארויסגערופען און ער קען עס אנדערש ניט אויסהיילען, סיידען רוסלאנד זאל צוריק אנשלאפען ווערען און זיך צוריק קעהרען צו דער אמאליגער עפאכע פון „איוואן גראזני”. קומענדיג צוריק אין פאריז האט זיך דער פראפעסאר זעהר קלוג וועגען דעם צארס קראנקהייט אויסגעדריקט.

— איז גאר ניט מעגליך, פראפעסאר, אז דיא רוסישע קרוין זאל זיצען אויף א קאפ פון א קלארען הערשער? — האט איהם איינער א שילער געפרעגט.

— וויא עס איז מעגליך דיא צייט-ראד צוריקדרעהן צו דעם פערצעהנטען יאהר-הונדערט, — האט דער געלערנטער מיט א שמייכעל ערוויעדערט.

דיעזער קלוגער אנטווארט ענטהאלט אין זיך דיא גאנצע פאליטיק פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג; אביזר דערוויילע ווערען הונדערט מיליאן מענשען אונטערדריקט פון א משוגע'נעם דעספאט, וועלכער פערפינסטערט גאנץ רוסלאנד מיט דיספאטישע פאנאטיזמוס און וואהנזין.

דער צאר איז געלעגען דיא לעצטע צייט א פאר וואכען פערשטעקט אין גאטשינא און האט זיך געפיהלט גאר ניש-קשה'דיג, דיא לעצטע פאר טעג האט ער אויפגעהערט אזוי שטארק צו זינגען אין קירכע, און אז דער פאליצמייסטער האט איהם מיטגעטהיילט דאס ער איז פון אלע זייטען זיכער, האט ער זיך ערלויבט מיט זיין סוויטע ארויסצופאהרען אויף יאגד; אבער זייענדיג ווייט אין טיעפען וואלד, האט א יונגער אפיצער פון זיין סוויטע געציעלט צו דערשיסען א האז, און ער האט פער-וואונדעט דעם באטיושקא'ס פערד. דער אפיצער איז באלד איבערגעגעבען געווארען צו צוויי זשאנדארמען וועלכע האבען איהם אפגעפיהרט אין „פעטרא-פאוולסקאיא”

און דער צאר האט זיך צוריקגעקעהרט מיט א פערביטערטעם הערץ אין זיין בעד־עלטנים־לאָך און האט אָנגעהויבען צו ציטערן פאר דיא ווענדט.

— ניטאָ פאר מיר קיין בעהעלטנים זאָגאר אין מיין אייגענעם שלאָס! — האט דער באטיושקא ביטערליך געברומט — מיינע נעהנסטע דיענער זיינען מיר פאלש און אונטריי. דער לומפּ האט מיך געוואָלט דערשיסען. איך צווייפעל גאָר ניט אין דעם. ער איז צוגעגאנגען צו זיין שרייב-טיש און האט זיך גענומען אויפ־שרייבען מיט זיין אייגענע קייזערליכע האנד, אז מען זאל נאך היינט שטעלען דעם אָפיצער פאר א קריגס געריכט; אבער וויא איבערראשט איז ער געוואָרען דערזע־חענדיג אויף דאס פּאפּיר אן אויפשריפט: „גיב אונז קאָנסטיטוציאָן אויב דוא ווילסט לעבען!‟ דאס שטיקעל פּאפּיר איז איהם פון דער האנד ארויסגעפאלען און זיין געזיכט איז געוואָרען געל וויא דיא וואקס.

— א בונד! — האט דער צאר געברומט און זיינע אויגען האבען געפייערט — ריא ניהיליסטען אין מיין קאבינעט.

ער האט באלד זיך גענומען צו א צווייטען שטיקעל פּאפּיר.

„גיב אונז פרייהייט!‟ — האט ער אויף דאָס שטיקעל פּאפּיר געלעזען — „מיר פערלאנגען מעהר ניט וויא צו האבען א פּארלאַמענט אין רוסלאנד‟.

ער האט מיט ציטערענדע הענד א דריק געטהאן א קנעפּעל אין זיין שרייב־טיש און זיין פליגעל אדיוטאנט איז אריינגעלאָפען.

— איך שטעה זיין קייזערליכע מאיעסטעט צו דיענסט! — האט ער שטע־הענדיג גלייך וויא א סטרונע אויסגערופען.

— און איהר וואגט זיך נאך דאס צו ריידען? — האט דער צאר צאָרניג א געשריי געטהאן.

זיין פליגעל אדיוטאנט איז באלד געפאלען אויף דיא קניע און האט מיט אן ערשראָקענע און פערוואונדערטע מינע דעם צאר אָנגעקוקט.

— ווער האט פערשריעבען אלע פּאפּירען אויף מיין שרייב טיש מיט ניהי־ליסטישע פראזען, אז ניט איהר? — האט דער צאר וויטהענד געשריען.

— איך קען זיין קייזערליכע מאיעסטעט געבען איין אנטוואָרט, — האט דער פליגעל אדיוטאנט מיט א ציטערענדע שטימע געזאָגט — איך בין טריי מיין הער־שער מיט לייב און זעעלע.

— ווען איהר זייט דער וועכטער פון מיין וואוינונג, — האט דער צאר געליא־רעמט — זייט איהר פעראנטוואָרטליך פאר דיעזעס!

ריידענדיג האט ער דאס גאנץ פּעקעל פּאפּירען איהם א שמיץ געטהאן אין געזיכט.

— דיא וואך האט איין ווילע ניט אָפּגעטרעטען פון זיין קייזערליכען קאבינעט — האט דער אדיוטאנט צודולט גערעדט — זיין קייזערליכע מאיעסטעט ווייסט, אז זאָגאר מיר אליין איז פערוועהרט אריינצוגעהן אין זיין מאיעסטעטישען קאבינעט אהן זיין קייזערליכע געגענוואָרט.

— האבען מלאכים אויף דיא פאפירען ניהיליסטישע פראזען אויפגעשריעבען?
— האט דער קייזער ניפטיג אויסגערופען.
— מיר קענען דיא פרעכע ניהיליסטען גאר ניט פערשטעהן, — האט דער אדיוטאנט מיט א ציטערענדע שטימע פארטגעזעצט — קיין מענשען־פערשטאנד בעגרייפט עס ניט.
— אין פעטערבורג! — האט דער צאר ווילד אויסגעשריען און האט א וואונק געטהאן אז זיין פליגעל אדיוטאנט זאל זיך אויפהויבען.
— סלושאיו׳ס! — האט דער אדיוטאנט זיך אויפהויבענד, רעספעקטפאל גע־זאגט, און האט דעם צאר א קוש געטהאן אין פאלע.
— באלד נאך פעטערבורג! — האט אלעקסאנדער געברומט — שוין גאטשינא אויך אונזיכער.
דער צאר מיט זיין סוויטע זיינען געקומען געסטערן אין פעטערבורג; ער האט באלד בעזוכט דיא גרויסע קירכע „איסאקאווסקי סאבאר״, ער האט געלויבט גאט פאר דעם גרויסען נס וואס ער האט איהם געטהאן און איז געוועזן געזאגנען צו פער־בלייבען אין זיין ווינטער־הויף ביז אם ענדע סעפטעמבער און נאכהער אריבערפאה־רען צו זיין ווייב אין קרים; אבער ער איז היינט פון זיין שלאף אויפגעשטאנען זעהר צורודערט און דערשראקען פון א מורא׳דיגען טרוים וואס איהם האט אם פריה־מארגען געטרוימט.
ער איז פון שלאף־צימער אריינגעגאנגען אין זיין קאבינעט און האט זיך א ווארף געטהאן אויף א ווייכען שטוהל.
— אין „איסאקאווסקי סאבאר״ איינגעפאלען א וואנד, — האט דער פאנא־טישער צאר געברומט — אין מיין געגענווארט איז זיא איינגעפאלען און דער גרויסער גאלדענער קרייץ איז צושמעטערט געווארען אין שטיקער. א, דאס איז א שרעקלי־כער טרוים!....
ער האט זיך פערטיפט אין פינסטערע געדאנקען און האט זיך יעדע ווילע אנגעהויבען צו דערמאהנען פערגעסענע איינצעלהייטען פון זיין ניט־לאנגיגען חלום.
— זיא איז אליין ניט איינגעפאלען, — האט ער מיט א ציטער געווארטשעט — עפעס א יונגע שעהנע דאמע מיט א בלומענקראנץ אויף איהר בלאנדען קאפ האט דיא וואנט פאר מיינע פיס אומגעווארפען. א שוואכע דאמע ווארפט אום א וואנט פון דעם ריעזיגען טעמפעל „איסאקאווסקי סאבאר״ און דיא גאנצע הויז האלט אין איין פאלען?
ער האט פלוצלינג א ציטער געטהאן מיט זיין גאנצען קערפער.
— וויא בעקאנט קומט מיר פאר דיא דאמע מיט דעם בלומענקאנץ אויף איהר קאפ! — האט ער צו זיך אליין ווייטער גערעדט — אי! — האט ער פלוצלינג א קרעכץ געטהאן — איך ערינער מיך, אז איך האב דיעזע דאמע געזעהן אין דער בילדער־גאלעריי פון פאריזער מוזעאום. דיעזע דאמע איז דיא „ליבערטי״, דער סימבאל פון פ ר י י ה י י ט. זיא שטעהט געגאסען פון קופער ביי דעם ניו יארקער האפען, א געשאנק פון דער פראנצויזישער רעפובליק צו דעם אמעריקאנער פאלק.

ער האט זיך האסטיג פון זיין שטוהל ארפגעהויבען און איז פון זיין קאבינעט ארויסגעלאפען וויא געיאגט פון א טייפעל וואס פערפאלגט א זינדיגע זעעלע.

אום צעהן אוהר מארגענס איז ער ווידער געזעסען אין דעם זעלבען קאבינעט; אבער מעהר ניט אליין. זיין אמאליגער לעהרער און יעצטיגער רעדעל־פיהרער פון דער רוסישער רעגיערונג איז מיט איהם גאנץ היימיש געזעסען אין צימער — דאס וואר דער אבער־פראקוראר פון דעם היילינגען סינאד, פאביעדאנאסצעוו.

— איך מוז אייער היילינגקייט זאגען, — האט אלכסנדר טרויעריג צו זיין לעהרער גערעדט — אז איך בין פון דיא ניהיליסטען נאר אויסער זיך. געסטערן האט אויף מיר געשאסען אן אפיצער פון מיין לייב־גווארדיע און קומענדיג נאך הויזע האב איך אויף אלע פאפירען אין מיין קאבינעט געפונען אויפשריפטען מיט ניהיליסטישע פראזען. איהר פערשטעהט וואו עס האלט?....

— אייער קייזערליכע האהייט זאל זיך בערוהיגען, — האט זיין לעהרער געלאסען געזאגט — איך צווייפעל ניט, אז דאס וועט אין קורצען אלעס אויפהערען.

— דוכט זיך אז אלע אסטראגען און גאנץ סיביר איז מיט דיא ניהיליסטען פול, — האט דער קייזער פערדריסליך ערוויעדערט — און דאך קען מען זיי גאר ניט אויסראמען.

— איך געשטעה מיט, אייער האהייט, — האט דער מיניסטער רוהיג גערעדט — אז מען מוז זיי זעהן אויסראטען דורך פינסטערע קערקער און דעם וויסטען סיביר; אבער דערמיט איז ניט בעזארגט דיא רוסישע רעגירונג אין דער צוקונפט. מיר קענען דאדורך אבשוואכען דיא ניהיליסטישע טהעטיגקייט נור אויף אייניגע יאהר; אבער א גוטער פאליטיקער בעדארף האבען א ווייטערן קוק און מוז בעזארגען, אז דיא הויכע פאמיליע ראמאנאוו׳ס זאל אייביג בעזיצען דעם טהראן און פעסט האלטען דיא זעלבסט־הערשאפט. איך צווייפעל ניט, אז אייער מאיעסטעט ווייס מיט וועלכע פלענער דאס קען דורכגעפיהרט ווערען; אבער אויב אייער מאיעסטעט איז געזאגנען דאס אפצולייגען אויף שפעטער, נעהם איך מיר דיא פרייהייט אייער האהייט אויפמערקזאם צו מאכען אז דאס איז נייטהיג זאפארט דורכצופיהרען.

— קען איך אייערע פלענער הערען?

— עס איז נייטהיג פאר דער רעגיערונג, — האט דער פינסטערלינג ערוויעדערט — אז דער נאמען „פרייהייט" זאל ארוים פון דער מאדע. און דאס קען זיא לייכט אויספיהרען, ווען זיא זאל זיך נעהמען אפצושוואכען דיא אלגעמיינע בילדונג אין רוסלאנד. מיר בעדארפען ניט האבען אזוי פיעל אויפגעקלעהרטע און געלעהרטע. רוסלאנד איז געשטאנען גלענצענד פאר אייער זיידען דעם זעליגען מאנארך ניקאלאי, וועהרענד זיא האט ניט געהאט אזוי פיעל גימנאזיומס און אוניווערזיטעטען און אכצעהן מיליאן בויערן זיינען געווען פערשקלאפט צו דיא פערטרויטע פון דער רעגיערונג — דיא דוואריאנעס, דער אדעל. אייער פאטער האט געפונען פאר נייטהיג צו שווימען גלייך מיט דעם אייראפעאישען שטרוים און ער האט ערעפענט גרויסע פענסטער צו דער פערדערבליכער לופט וואס קומט פון וועסט. עס האט

זיך דאדורך אויסגעבילדעט א ציוויליזירטער דור, און וואו ציוויליזאציאָן, דארט הערט מען באלד דעם נאָמען „פרייהייט״. ניטאָ מעהר קיין פורכט פאר גאָט און קיין רעספעקט פאר זיינע געזאלבטע, און ווען דיעזע ביידע פאלען הערונטער, דא שמעקט שוין מיט רעוואָלוציאָן....

אלעקסאנדער איז געוואָרען אויפגערעגט און צערשמעטערט. דיא נעמען „פרייהייט״ און „רעוואָלוציאָן״, וועלכע ער האט יעצט געהערט פון זיין לעהרערס מויל, האבען איהם אזוי דערשראָקען, אז זיין אידיאָטישעס געזיכט איז אזש געל געוואָרען.

— האט איהר אויסגעארבייט א פּלאַן וויא דיא בילדונג אין רוסלאנד אָפּצושוואכען? — האט איהם דער צאר צאר מוטהלאָז און בעטריבט געפרעגט.

— איך האָב איהם אויסגעארבייט גאנץ קלוג און פּאָליטיש — האט איהם זיין פינסטערער לעהרער געענטפערט — עס פעהלט יעצט מעהר ניט, אז אייער קייזערליכער וואָרט זאל מיין פּלאַן מאכען פאר א געזעץ.

— זאל מיר אייער היילינקייט ערקלערען אייער פּלאַן.

— מיין פּלאַן האב איך ביי זיך אן אויפגעשריבענעם, — האָט פּאָביעדאָנאָסצעוו געזאָגט.

— זייט אזוי גוט לעזט איהם מיר פאָר.

פּאָביעדאָנאָסצעוו האט ארויסגענומען פון זיין בוזים-טאש א צונויפגעלעגטען פאפיר, ער האט איהם אויפגעמאכט און געלעזען פאָלגענדעס:

„מיר אלעקסאנדער דער דריטער בעפעהלען אונזער מיניסטער דעס אינערען, אז ער זאָל פערעפענטליכען א צירקולאר אין „פּראַוויטעלסטווענִי וויעסטניק״, אז קינדער וועלכע זיינען געבאָרען ביי אָרעמע עלטערען, אז קינדער וועלכענס עלטערען זיינען ארבייטער, בויערען, קליינע קרעמערלאך, בוכהאלטערס אדער געשעפטספיהרער ביי אנדערע, אזעלכע קינדער זאָלען ניט צוגענומען ווערען אין קיין קייזערליכע גימנאזיום....״

— וואס וועט אָבער איירָאָפּא וועגען דעם ריידען? — האט דער צאר איהם אין מיט דעם לעזען אונטערבראָכען — דער פּלאַן איז א גוטער; אבער איהר ווייסט דאָך וויא גאנץ איירָאָפּא איז אויפגעבראכט. זיא האלט זיך בלומר'שט פאר געבילדעט און מאכט זיך אלע מאָל לוסטיג איבער רוסלאנד.

— אייער קייזערליכע מאיעסטעט דארף עס גאר ניט קימערן — האט פּאָביעדאָנאָסצעוו מיט א פריינדליכע מינע געזאגט — גאנץ איירָאפּא ציטערט פאר אייער קייזערליכען וואָרט באטיושקא. איהר זייט דער מעכטיגסטער קייזער אויף דעם גאנצען ערד-קוגעל און דיא וואס דריקען זיך שפּאָטיש אויס געגען דעם היילינען רוסלאנד, טהוען עס אויס נייד (קנאה), און אבוואהל דיא רוסישע גרויסע און קרעפטיגע רעגיערונג דארף קיינעם קיין רעכנונג ניט אָפּגעבען פאר איהרע טהאטען אין'ם אינערן פון איהר לאנד — דאָך קען דער צירקוליאר וועגען פערקלענערן דיא בילדונג אין רוסלאנד לויטען, אז דאס טהוט דיא רעגיערונג אלס פאָלגענדען ציעל: „עס איז בעוואוסט, אז עלטערען מוזיקעס און איינפאכע

ארבייטער האבען קיין שום צורה ניט ביי געבילדעטע קינדער, און אזוי וויא אל
ווייסען, אז עס איז זעהר אונמאָראַליש דיא קינדער זאָלען פעראכטען און גרינג
שעצען זייערע עלטערן, דאהער געפינט דיא רעגיערונג פאר נייטהיג ניט צו דער
לאזען אזעלכע פערברעכען אין פאמיליען לעבען״*). און זאל אייראָפּא לערנען שכ
פון רוסלאנד. גאנץ אייראָפּ ליידט אויף נענוג פון דער בילדונג. זיי האבען זייער
סאָציאַליסטען און אנארכיסטען. זאלען זיי זיך לערנען פון אונז, ניט מיר פון זיי.

— איך מוז געשטעהן אז אייער פלאן איז פּאָרטרעפליך, — האט דער בא
טיושקא ענטציקט געזאגט און זיין געזיכט האט אויפגעשטראהלט פאר פערגניגען

„אידישע קינדער — האט דער פינפטערלינג ווייטער געלעזען — זאָלען מעהר
ניט אויפגענומען ווערען אלס דריי פּראָצענט אין דיא רוסישע שטעדט און פינף
אין דיא שטעדט וואו זיי האבען דאס רעכט צו וואוינען״.

— ריעזער פּראָצענט איז אויך צופיעל! — האט נאָטס נעזאלבטער געזאגט.

— דאס קען שוין דער מיניסטער דעם אינערן בעזארגען מיט געהיימע בע
פעהלע אין דיא גימנאזיומס און אוניווערזיטעטען, — האט פּאָבידאָנאָסצאוו גע
זאגט — גענען דיעזען רויבער־פאָלק האט דיא רעגיערונג אין אלגעמיין ניט
נייטהיג ארויסצולאזען אלע מאל נייע געזעצע. מען דארף איין מאָל פאר אלע מאל
דיעזען פאָלק שטעלען אונטער דיא מאכט פון דיא בעאמטע אין יעדער שטאדט,
אז וואס זיי ווילען זאלען זיי מיט דיא אידען טהאן, און וואס עס ווערט אפגעטהאן
זאל הייסען א געזעץ, געגען וועלכען מען קען ניט פּראָטעסטירען.

— וויא ווערט מען אבער אין גאנצען פון זיי בעפרייט? — האט דער צאר
פערדריסליך געפרעגט.

— דער ערשטער מיטעל דערצו, — האט זיין המן נאך א קורצען נאכדענקען
געזאגט — אז מען זאל זיי ארויסשיקען פון דיא רוסישע הויפט־שטעדט און פון דעם
אינערליכען רוסלאנד, וואו זיי האבען זיך ערוואָרבען מיליאָנען פון אונזער ארעמען
פאָלקס שווייס און בלוט. אויף דיא פּראָווינצען אין דיא זעכצעהן גובערניעס וואו
זיי איז יא ערלויבט צו וואוינען זיינען פאסט אלע אידען קבצנים. דיא פּאָגראָמען
וועלכע איגנאטיעוו האט דורכגעפיהרט און דיא געזעצע פון דעם דריטען מאי
1881, אז אויסער אין דיא שטעדט, טאָרען זיי ערגעץ אנדערש ניט וואוינען און זיך
אויסברייטען, און נאך אנדערע שטרענגע געזעצע, האבען דיעזען ניהיליסטי
שען פאָלק פעראָרעמט און ער עמיגרירט מאסען־ווייז אין אנדערע לענדער. דאס
הויפט אונגליק איז פאר אונזערע פּראוואָסלאוונע, וואס דיא אידישע מיליאָנערען
אין דיא הויפט־שטעדט, וויא צום ביישפּיעל מאָסקווא, פּעטערבורג און קיעוו
האלטען אויף דעם גאנצען פאָלק אויפ'ן פּראָווינץ, זיי גיעבען זייערע גענאָסען דיא
בעסטע שטעלען און פערזאָרגען טויזענדער פון זיי מיט ברויט, און איך וויים געוויס,
אז ארום דעם איין גינצבורגען דאָ אין פּעטערבורג לעבען געוויסע צוויי טויזענד

*) דיעזער פּלאַן איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין 1883 און אין צירקולאַר פון מיניס
טער דורנאָוואָ איז געוועזן געשריעבען דער ליעבהאַרציגער טעם וואָרום קינדער פון ארימע
עלטערן זאלען ניט האבען דאָס רעכט צו געניסען בילדונג. דער פערפאַסער.

אידען, היינט וואו איז פּאָליאַקאָוו, פרידלאנד, ווארשאַווסקי, מאַלליך, בראָדסקי און נאָך פיעלע אנדערע אידישע מיליאָנערען? דיעזע אלע העלפען צו פערוואנדלען אונזער הייליגעס רוסלאנד אין אן א מאכינע פּאַליסטינא און א היינטיגען שקלאַוו. דער בעסטער מיטעל וואָלט געווען, אז דיא רעגיערונג זאל אננעהמען מאַסרעגעלען, ארויסצופּטר'ן דיא אידישע מילליאָנערען און פילאנטראָפּען פון דיא גרויסע שטעדט אין רוסלאנד.

– דאס איז צו שרייענד, — האט דער באַטיושקאַ איהם אויפמערקזאם געמאַכט — גינצבורג, דיא פּאָליאַקאָווס, מאַלליך און נאָך אנדערע וועלכע איך קען פּערזענליך האבען זיך ערוואָרבען זייער רייכטהום טאַקי לעבען דער רוסישער רעגיערונג, וועלכע האט אנערקענט זייער פלייס און טהעטיגקייט און האט זיי בע־שיינקט דאפיר מיט פיעלע אָרדענס און טיטולען. וויא איך האַס דיא אידען און קען זיי אויף מיינע אויגען ניט לאָזען, דאָך, מוז איך געשטעהן, אז דיעזע אלע מיל־ליאָנערען האבען ע ה ר ל י ך זייערע מיליאנען פערדיענט. מיין זעליגער פאטער האט זיי הייס געליעבט און האט מיר אויך געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אז זיי האבען פיעל גוטעס געלייסטעט מיט זייער טהעטיגקייט פאר מיין רעגיערונג. זיי האבען פיעלע מיליאנען איינגעבראַכט דער רעגיערונג נור מיט דעם, וואס זיי האבען מיט זייערע פּאָדריאַדען געדעטעט דער קאַזניאַ פון דיא גרויסע גנבות וואס פלעגען בע־געהן דיא פּאָלקאָווניקעס מיט דיא גענערעלער אין דער ארמעע, און דיא סאָלדאטען מיט דיא פערד האבען קיין מאָל ניט געהאט וואס צו עסען. מיין אָנקעל קאָנסטאַנ־טין ניקאָלייעוויטש איז אויך פון דער זעלבער מיינונג און איך פערזענליך האב גאר ניט צו דיא אידישע מיליאָנערען אין מאָסקווא און אין פּעטערבורג.

— דוא וועסט בעסער ווערען, — האט זיך דער הייליגער טייפעל געטראַכט — איך וועל דיר נאָך בריינגען דערצו, אז דוא וועסט מיך בעטען צו מאַכען דיינע געליעבטע „זשידעס״ פאר שלעפּער און קבצנים. לעבען זאלען דיא ניהיליסטען אין רוסלאנד, לעבען זאל דאס וואָרט „פרייהייט״, פאר וועלכען דוא ציטערסט וויא א הונד פאר א שטעקען.

ווען אייער קייזערליכע מאַיעסטעט איז אזוי געזאָנען, — האט ער נאָך א קורצע פּויזע געזאגט — איז מיר ליעב און אנגענעהם דיעזען געשפּרעך צו אונטער־ברעכען. איך נעהם מיר מעהר ניט דיא דרייסט זיינער האָהייט אויפמערקזאם צו מאַכען, אז באַראָן גינצבורג איז געזאָנען דעם נייעם מיניסטער דעם אינערען צו בעשטעכען מיט א מילליאָן רובעל, אז ער זאל פערבעסערען דיא אידישע לאַגע אין רוסלאנד....

דער צאַר איז פון זיין שטעלע אויפגעשפּרונגען.

— האט איהר דערצו בעווייזע ? — האט ער זיין לעהרער העכסט אויפגערעגט געפרעגט.

— איך מוז אייך קייזערליכע מאַיעסטעט פריהער ערקלערען, האט דער הייליגער דאָנאָסטשיק (פערליימדער) געלאַסען גערעדט — אז מיין טרייהייט צו מיין פאַטערלאנד און צו גאָט'ס געזאַלבטען האט מיר מיטגעבראַכט, אז איך זאל אנ־

שטעלען איינגע אידייע שפּיאָנען, אום זיי זאָלען מיר אַלעס אָפּדערצעהלען, וואס עס קומט פאָר אין דעם געציי אסענעם, געהיימניספּאָלען אידישען לאגער, און יענע שפּיאָנען האבען מיר מיטגעטהיילט, אז נאָר א קורצען וועט אנקומען אן אנווייזונג פון אויסלאַנד אויף א גאנצען מיליאָן רובעל צום מיניסטער דעם אינערען, און דאס געלד וועט געהן דורך בּאראָן גינצבורג'ס באנק־געשעפט.

— איז דאס א פאקט?

— עס איז קלאָר וויא דער טאָג, אז גינצבורג איז דער ערשטער אויף דיעזער אידעע געפאלען, ער איז דאריבער געפאהרען צו דעם אידישען מילליאָנער מאַלליך אין מאָסקווא און זיי ביידע האבען אנגעטירט מיט דיעזער אידעע ביי דיא ראָטה־שילדס אין פּאריז און אין לאָנדאָן, און דאס געלד וועט גאר אין קורצען אנקומען.

דער זעלבסט־העררישער האט זיך פערטראַכט און זיין געזיכט האט אנגענומען א וויטהעהנדען אויסדרוק.

— דיינקט איהר אז דער מיניסטער זאל דיא סומע צונעהמען? — האט ער פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן נאָך א קורצען שטילשווייגען געפרעגט.

— דאס וועט זיין דיא בעסטע פּראָבע איהם קענען צו לערנען.... — האט פּ. ביעדאָנאָסצאָוו זיך אויסגעדרירט.

— אלזא פּראָקוראָר, — האט דער צאר מיט א ערנסטע מינע געזאגט — איך דארף אייך דאָך ניט בעטען, אז דאס זאל ביי אייך פערבלייבען א שטרייננע געהיימניס.... איך פערהאָף, אז איהר וועט זיך דיא מיה געבען מיר מיטצוטהיילען וועגען דער זאך באלד וויא דאס געלד אדער דער אנווייזונג וועט צום מיניסטער איבערגעהן. ווען איהר האט נייטהיג קענט איהר זיך נעהמען אויך א פּאר פון אונזערע געהיים אגענטען, אום דיא זאך זאל וויא בוימאויל אויף וואסער ארויפ־שווימען און קיינער פון ביידע זייטען זאלען נים קענען אפּלייקענען.

— איך שטעה אייער קייזערליכע מאַיעסטעט צור דיענסט! — האט פּאָביע־דאָנאָסצעוו א קושטהאנדיג דעם קייזערס האנד אויסגערופען.

דער צאר האט איהם ליעבליך געררייכט זיין האַנד און נאך א טיעפען פער־ניינונג איז דער אלטער טייפעל פון קייזערס קאבינעט הינטער־זיך ארויסגענאנגען.

דער לייבדיענער פון זיין מאיעסטעט האט באלד נאך פּאָביעדאָנאָסצעוו'ס אוועקגעהן, אין קאבינעט פון זיין קייזער אריינגעטראגען אויף א שעהנע זילבערנע טאַס אן איינפאכע וויזיט־קארטעל און האט רעספּעקטפּאָל געמעלדעט אז דער מאסקווער נאלאווא ניקאליי סערגייעוויטש אלעקסייעוו ערוואַרטעט אן אודיענץ ביי זיין קייזערליכע מאיעסטעט.

דעם צאַר'ס פינסטערע געזיכט האט אויפגעשטאהלט און ער האט דאס קאַרטעל פון דער טאַס מיט א ליעבליכע מינע הערונטערגענומען. דער דיענער איז באלד ארויסגעלאַפען און מיט א מינוט שפּעטער האט זיך געהערט א קלונ־ אין קייזערליכען קאבינעט. דיא טהיר האט זיך נאך דעם קלונג אויפגעמאַכט ...עקסייעוו, דער קאָפּ (גאָלאָווא) פון מאָסקווא איז אין קאבינעט אריינגענאנג

דער באטיושקא האט זיך פון זיין שטעלע אויפגעהויבען און האט דעם מאסקווער גאָלאָווא געררייכט פריינדליך זיין האנד.

אלעקסייעוו האט איהר ערגריפען. ער האט צוגעביינט זיין דונקעל בלאָנדען קאָפּ צו זיין קייזערס האנד און האט איהר א קוש געטהאן.

— זיצט ניקאָלאַיי סערגייעוויטש! — האט דער צאר פריינדליך געזאגט זיך אוועקזעצענד צוריק אויף זיין שטוהל.

אלעקסייעוו האט זיך נאך א טיעפע פערנייגונג אוועקגעזעצט.

— אייער בעזוך איז מיר אנגענעהם, — האט דער קייזער מיט א ליעבליכען שמייכעל אויף זיינע דינע ליפּען געזאגט — וואס מאכט איהר גאָלאָווא?

— אייער מאיעסטעטישע פריינדליכקייט — האט אלעקסייעוו מיט אן ערנסטע מינע ערוויעדערט — גיט מיר מוטה און קוראזש איבערצוטראגען דאס גליק און דיא פרייד וואס איך געניס האבענדיג דיא עהרע צו זעהן אייער מאיעסטעט געזונד און מונטער.

— איך דאנקע פריינד! — האט דער צאר פריינדליך געזאגט — און האט לייכט א שאָקעל געטהאן מיט זיין רויטהאריגען קורץ־געשאָרענעם קאָפּ.

— איך האב אייך גנעדיגער מאָנאַרך געבראַכט א גרוס פון גאנץ מאסקווא, — האט אלעקסייעוו וויעדער גערעדט — איך בעגריס אייך אים נאמען פון אלע איהרע פ ר א ו ו אָ ס ל א ו נ ע איינוואוינער.

— גיט זיי אָפּ א דאנק אין מיין נאמען.

— אלע פ ר א ו ו אָ ס ל א ו נ ע אין מאָסקווא, — האט דער גאָלאָווא פאָרט־געזעצט — ערווארטען שוין מיט אונגעדולד. צו זעהן אייער קייזערליכע מאיעסטעט מיט זיין הויכע פאַמיליע ביי דער קאָראָנאַציע אין קרעמעל. זיי בעטען גאָט פאר אייער געזונד און וואָהלזיין, און פרייען זיך וואס אלעס איז דאָרט שטיל און רוהיג.

— איז דאָרט ווירקליך אלעס שטיל און רוהיג? — האט דער צאר איהם געפרעגט.

— אלע באנדיטען, — האט אלעקסייעוו מוטהיג געזאגט — ליעגען פער־שפּארט אין דיא פינסטערע קערקער און ערווארטען זייער שטראפע פון קריגס־געריכט.

— אבער וויפיעל געהען נאך ארום פריי? — האט דער מאָנארך אונמוטהיג געפרעגט — ווער ווייסט....

— דעם לעצטען באנדיט מיט א דינאמיט באָמבע האט געסטערן דיא בעריהמטע שפּיאָנין מאריא זלאדייקינא דערטאפּט.

דער צאר האט א ציטער געטהאן דערהערענדיג דאס וואָרט „באָמבע“.

— און איהר זאגט אז אלעס איז דאָרט רוהיג?

— איך קען זיין קייזערליכע מאיעסטעט פערזיכערען, אז יענער געפעהרליכער ניהיליסט איז דער לעצטער, — האט אלעקסייעוו מיט א פעסטען טאָן געזאגט — ער איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט פיעלע מאסקווער א י ד ע ן וועלכע זיינען

אנטלאָפען נאך אויסלאנד; איהם האט אבער דיא בעריהמטע שפּיאָנין מאריא זלאָדייקינא ארייננעקראָגען אין נעץ און ער זיצט פערשפּארט אין א פינסטערע צעלע.

— איז ער עפּעס איינער פון דיא בעוואוסטע? — האט איהם דער צאר אויפּ־גערעגט געפרעגט.

— זיין מוטער איז עפּעס אן אונבעקאנטע גרעפין. זיא הייסט מאריא אנדריי־אנאָווא. זיא האט איהר זוהן זעהר ווילד ערצויגען און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואס פון איהם איז ארויסגעוואָקסען א געפעהרליכער ניהיליסט. מיט א קורצע צייט צוריק האט ער געשאָסען אין מיין קארעטע און האט פערוואונדעט אונזער גענעראל איסטאָמין, דעם גענעראל גובערנאטאָר קניאז דאָלגאָרוקאָווס סעקרעטער, און דער אידישער מיליאָנער מאלליך, וועלכער איז וועגען זיינעם א געשעפט מיט מיר מיטגעפאָהרען, איז אויך פערלעצט געוואָרען אין ביידע הענד.

דעם צארס געזיכט האט זיך פערוואָלקענד.

— וואס מאכט מען מיט אזעלכע באנדיטען? — האט ער וויא צו זיך אליין גערעדט — זיי ווילען איינפאך איבערקעהרען רוסלאנד.

— פאר אזעלכע טויגעניכטסען איז נור דער גאַלגען! — האט אלעקסייעוו מיט אן ערנסטע שטימע פאָרטגעזעצט — מיר געפעהלט ניט דיא בענעהמונג פון מאָסקווער „טרעטעאַיע אָטדעלעניע" וואס זיא מאכט מיט זיי צופיעל שיהות. א שטריקעל אויפ'ן האלדז און גענוג.

ארעמער פאָטער! וויא דוא ביזט א טיראן און א בעסטיע, וואלסט דוא דאך אזוי ניט גערעדט, ווען דוא וואָלסט וויסען, אז פּאוועל אנדריאַנאָוו איז דיינער א זוהן!

— און זיין מוטער איז אין זיין טהאט אויך בעטהייליגט? — האט דער צאר איהם טרויעריג געפרעגט.

— לויט מאריא זלאָדייקינא'ס נאכפארשונג — האט דער שלאנג ערוויעדערט — האט אויך מאריא אנדריאַנאָווא פון דער באָמבע געוואוסט.

— זיצט זיא אין קערקער?

— ליידער ניט, און איך פערשטעהע טאקי ניט פאר וואָס. מעגליך, אז דיא „טרעטעאַיע אָטדעלעניע" געפינט עס פאָרלויפיג פאר נייטהיג ביז א צייט; אבער יעדען פאלס איז איהר פּאוועל א געפעהרליכער באָמבע פאבריקאַנט.

— הענגען! — האט דער צאר וויטהענד א געשריי געטהאן — אהנע מיטלייד.

— אָט דאס האב איך געוואָלט! — האט זיך אלעקסייעוו געטראכט.

— און איך ווענדע אויך אָן מיטלען — האט דער אויסוואורף ווייטער גע־רעדט — אז דיא פערשוואונדענע זשידעס זאלען אויך אויסגעפונען ווערען.

— דיא זשידעס האבען דעם ניהיליזמוס איבער מיין גאנץ רוסלאנד פער־ברייטעט — האט דער צאר געברומט.

— און יעצט ווילען זיי נאך האבען אין מאסקווא א טעמפּעל, — האט דער גאָלאָווא מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט.

— דאס איז א פרעכהייט, — האט דער צאר זיך אויסגעדריקט.

— און זייער ביטשריפט ליעגט שוין ביי דעם אלטען קניאז דאָלגאָרוקאָוו.

— איך גלויב ניט אז ער זאל עס ערלויבען.

— איך האב עס אויך ניט געגלויבט, — האט אלעקסייעוו גערעדט — **איך** ווייס אבער, אז ער איז פאר דער לעצטער צייט געוואָרען א גרויסער יודען־פריינד און עס איז צו בעפירכטען, אז ער זאל זיי דאָס ערלויבניס געבען.

— איך וועל עס נאך היינט בעזאָרגען, — האט דער מאָנארך נאך א קורצען נאכדענקען געזאָגט.

— איך דאנקע אייער קייזערליכע מאיעסטעט פאר אזא וויכטיגען פערשפרע־כען, — האט אלעקסייעוו מיט א פרעהליכע מינע אויסגערופען — אין דעם בעשטעהט טאקי מיין יעצטיגער בעזוך. איך ווייס, וויא געפעהרליך עס איז פאר רוסלאנד, ווען אידען זאלען האבען אין מאָסקווא א טעמפעל. דאן מוז שוין מאָסקווא ווערען פער־אידישט; פאר אונז אבער איז שוין גענוג דיא הונדערט טויזענד אידען, וועלכע מיר האבען אין דער ערשטער, עלטסטער און הייליגסטער שטאָדט פון אונזער הייליגער רוסלאנד.

— אזוי פיעל אידען האבען מיר אין מאָסקווא? — האט איהם דער צאר איבערראשט געפרעגט — לויט דאָלגאָרוקאָווס דאָקלאד, האבען מיר דאָרט אין גאנצען ביי א דרייסיג טויזענד.

אלעקסייעוו האט א שמייכעל געטהאן.

— מעגליך, אז דער קניאז האט רעכט, — האט אלעקסייעוו מיט אן אונשול־דיגע מינע גערעדט — איך אכטע זעהר דעם אלטען קניאז דאָלגאָרוקאָוו און איך טאָר איהם ניט ווידערשפרעכען.

דער צאר האט אלעקסייעוו'ן פערשטאנען.

— איהר זייט אן עדלער מענש, גאָלאָווא, — האט איהם דער צאר ליעבליך געזאגט — אבער מיר איז זעהר אינטערעסאנט צו וויסען, וויפיעל אידען זיינען אין מאָסקווא נאך אייער מיינונג?

— נאך מיינער מיינונג, ניט וועניגער פון הונדערט טויזענד, — האט אלעק־סייעוו מיט אן אונשולדיגען טאָן ערוויעדערט — דער אלטער קניאז ווייס מעהר ניט וויא פון דיא פערמעלדעטע אידען אין מאָסקווא; איך ווייס אבער, אז מעהר אלס דריי מאָל אזוי פיעל וואוינען דארט אונגעמעלדעט.

— און דער קניאז איז טאקי ווירקליך א יודען־פריינד?

— ער איז שטארק בעפריינדעט מיט אלע אידישע מיליאָנערען; אבער איהם איז ניטא וואס צו פערדיינקען. דער מענש איז שוין זעהר אלט, און וואס אלט איז ניט יונג.... איך צווייפעל גאָר ניט, אז אין דיא אינגערע יאָהרען וואלט ער א ביט־שריפט וועגען אן אידישען טעמפעל אין מאסקווא באלד צוריקגעשיקט, ווייל אן אינגערער קען מעהר בעטראכטען וואס ער טהוט און וואט עס שטעהט איהם פאָר.

דער צאר האט אין אלעקסייעוו'ס פאָליטי'שען אנטוואָרט דיעזען מאל **פער־**שטאנען נאך פיעל מעהר וויא אלעקסייעוו האט אליין געוואלט.

— אידען וועלען אין מאָסקווא קיין טעמפּעל נים האבען — האט דער צאר נאך א קורצען שטילשווייגען מיט אן ערנסטע שטימע נעזאגט.

— איך דאנקע אייער קייזערליכע מאיעסטעט פון מיר פּערזענליך און אים נאמען פון אלע פרומע פּראוואָסלאוונע אין מאָסקווא, וועלכע האבען מיר בעפאל־מעכטיגט צו בעזוכען דאריבער אייער קייזערליכע האָהיים.

דער צאר האט א נייג געטהאן מיט'ן קאפּ.

— איך פערשפּרעך אייער קייזערליכע מאיעסטעט, — האט אלעקסייעוו ווייטער גערעדט — אז איך וועל מיך דיא מיה געבען אויסצוראָטען אלע ניהיליסטען פון מאָסקווא. אין דעם וועט מיר שוין בעהילפיג זיין דיא טאלענטפאָלע שפּיאָנין מאריא זלאָדייקינא מיט איהר גאנצען קוראזש.

— זאגט איהר, אז מיין דאנקבארקייט וועט איהר צו עטוואס העכערעס דערפיהרען — האט דער דעספּאָט מילד גערעדט — און נאך היינט וועל איך בע־פעהלען דעם באמבע־מאכער אין פערלויף פון צעהן טאג אויפצוהייננען.

אלעקסייעוו געזיכט האט אויפגעשטראהלט פאר פרייד.

דער צאר האט איהם ליעבליך און ברידערליך גערייכט זיין האנד; אלעק־סייעוו האט זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען און באלד איז ער פון דעם זעלבסט־הערשערס קאבינעט מיט א צופריעדענע מינע ארויסגעגאנגען.

53טעם קאפּיטעל.

ליעבע ביי דער טהיר פון גיהנום.

אם ענדע באָלשאיא טפּאסקאיא אוליצא שטעהט אן אלטע הילצערנע צוויי־שטאָקיגע הויז ניט ווייט פון מאָסקווער פּעראיינינונגס־באהן. דיא הויז האט הינטער זיך א קליינעם הויף, וועלכער ענדיגט זיך מיט א קליינע הילצערנע הייזקע. דיא הייזקע ענטהאלט צוויי קליינע פיער־צימערדיגע וואוינונגען. דיא הינטערשטע וואנט פון דער הייזקע קוקט אָן דעם אייזענבאהן, וועלכער איז פון איהר ווייט אונגעפעהר דרייסיג ארשין. מיט אייניגע טעג צוריק האט דיא הויז געהערט צו אן אָרימען שוסטער, וועלכער איז אויף איהר שולדיג געווען אין דעם באנק צוויי טויזענד רובל, און אזוי וויא ער האט ניט געהאט איינצוצאָהלען דיא יעהרליכע פּראָצענט און אבצאהלונג, האט געזאלט דיא הויז פערקויפט ווערען דורך אקציאָן (טאָרג). צום גליק אָבער, איז דער אייגענטהימער פון דיעזער הויז בעקאנט געווארען אין א טראקטיר מיט א מוזשיק פון זיין דארף. זיי האבען זיך ביי א פלעשעל „וואָדקי" פארנאנדער גערעדט, און ענדליך האבען זיי ערפאהרען, אז אויסער וואס זיי זיינען זעמליאקעס (לאנדס ליים), זיינען זיי נאך אויך פערוואנדטע פון דעם פאָטערס צד.

דיא שמחה ביי דיא „וואָדקי" איז געווארען פאר פול און עס איז באלד גע־שטעלט געוואָרען נאך א פלעשעל. ביי'ם ארייגגיסען האט דער שוסטער דערצעהלט זיין קרוב אז מיט זיין הויז האלט עס זעהר שמאָל, זיא וועט באלד מוזען פערקויפט ווערען אויף אקציאָן פאר א חוב פון צוויי טויזענד רובל, ווערענד זיא איי ווערטה דריי טויזענד פאר א מציאה.

— א שאַד וואס איך בין ניט געזאָגנגן צו פערבלייבען אין מאסקווא, — האט זיין קרוב זיך אנגיסענד א גלעזעל שנאפס געזאגט — אז ניט וואלט איך דיין הייזקע אפגעקויפט.

— פאָלג מיך דאַבראָליובאָוו מיין קרוין, — האט זיך דער שוסטער בײַ איהם געבעטען — און קויף אָפּ מיין הייזקע. דוא ביזט א סמאָליער, און דא אין מאָסקווא געהט סטאָליערײַ זעהר גוט אָן. איך בין זיכער אז דוא וועסט מאכען א פיינעם לעבען און וועסט מיך אייביג דאנקען.

— איך ווייס ניט צו מיין באביצע וועט זיין מיט דעם צופריעדען — האט דאַבראָליובאָוו געזאָגט — אין „ניזשני" געהט אויך דיא סטאָליערײַ זעהר גוט אָן און וואצו זאל איך מיך ברעכען?

— איך ווייס אז דיין ווייב וועט אויך זיין צופריעדען — האט דער שוסטער ווייטער גערעדט — ווער פון אונזערע פראוואָסלאַוונע ווייל עס ניט וואוינען אין מאסקווא? בפרט נאך אז איך פערקויף דיא הויז פאר 2500 רובל! מיט ניין יאהר צוריק האב איך פאר איהר בעצאהלט דריי טויזענד רובל און דוא ווייסט דאך אליין אז אין מאסקווא ווערט א הויז פון יאהר צו יאהר אלץ טהייערער. מעגליך אז דער אייזענ-באהן קאָמפאניע וועט זיך פערוועלען און זיא וועט פון דיר דיא הויז אָפּ־קויפען, דאן וועסט דוא געוויס פערדיענען א שעהנע פאָר טויזענד רובל.

דאבראליובאָוו האט זיך געקראַצט פאר דער פאטיליניצא.

— פאָלג מיך דאבראָליובאוו קרוין — האט דער שוסטער פאָרטגעזעצט — איך ווייס, אז דאס פיהרט דיר צום גליק.... א סטאָלער אין ניזשני קען ניט האפען אויף גרויסע פערדיענסטען; דא אבער אין מאסקווא ביזט דוא אין שטאנד מיט איין קנאק גליקליך צו ווערען. דאס איז אזוי לייכט וויא אויסצוטרינקען א גלעזעל וואָדקי, אדער אריינציהען א דראטווע אין א קעלבערנע חאָליעווע.

— דוא האסט דאך עפּעס גאר א געשליפענעם צינגעל — האט דאָבראָליו־באָוו מיט א שמייכעל געזאגט — איז דיין הייזקע וויט פון דאנען?

— אָט, אָ דאָ געגענאיבער! — האט דער שוסטער ערפרעהט אויסגערופען — אדרבא, טהו א קוק וועסט דוא גאָר ניט גלויבען וואס פאר א מציאה דיר שטעהט פאָר.

— לאָמיר געהן א קוקטהאן אויף דיין חאלופע. דוא האסט עפּעס זעהר א גלאטען צינגעל, דוא האסט מיר שוין געמאכט חשק....

— דוא וועסט אליין באלד זאגען, אז איך בין אן עהרליכער מאן — האט דער שוסטער זיך אויפהויבענד פון זיין שטעלע געענטפערט — קום לאָמיר געהן.

ביידע מוזשיקעס זיינען פון׳ם טראקטיר ארויסגעגאנגען; דאבראָליובאָוו האט דאס הויז גוט בעטראכט און ער האט זיא אפגעקויפט.

אין דריי פיער טאג ארום זיינען אין דער הויז אריינגעפיהרט געוואָרען אלע אינסטרומענטען פון א סטאָליער און צוויי ארבייטער זיינען געשטאנען און געזעגט און געהובליוועט לייסטען און ברעטער.

דער פריסטאוו פון יענעם קווארטאל, האט באלד דיא הויז בעזוכט און האט

געמאכט דעם נייעם ווירטה א פּאָרוואורף, וויא קומען דיא ברעטער-פיהרער פער[ד] בלייבען אזוי לאנג ביי דעם טהויער און פערנעהמען א האלבע גאס אין דער בדייט[ע] מיט דיא לאנגע ברעטער.... דאבראליובאָוו האט איהם פערשטאנען און האט איהם באלד פערשטאפּט דיא מויל מיט א „פינפערל״. דער פריסטאוו האט אָנגע-שפּיגען אין דער האנד און איז צופריעדען פון נייעם בעל הבית אוועקגעגאנגען.

דער בעל הבית האט זיך דערווייל איינגעקויפט אויף „סטאראיא פּלאָשטשאד״ א גאנצען דוץ איקאָנעס (הייליגע בילדער) פון דער מאמען מיט איהר זוהן און אלע הייליגע מארטירער און האט זיי ברייטלאך געטראָגען אויף דער גאס ביז זיין וואוינונג; אלע פארבייגעהער האבען זיך ביי א זיעבען מאל געצלמ'ט.

ער האט זיי אריינגעטראָגען אין ווערק-הויז און האט זיי צוהאנגען אין אלע ווינקלען; אונטער זיי זיינען אויפגעהאנגען געווארען גלעזערנע לעמפּלאך אויף מע-שענע קייטלאך, זיי זיינען אנגעגאסען געוואָרען מיט הייליגע בוימאייל און דיא קדושה האט געברענט.

אלס פרומער רוסע, האט דאָבראָליובאָוו איינגעלאדען צו זיך דער הייליגער מאמען אליין, און ניט גלאט עפּעס א מאמע פון א קליין צערקאָוו'ל. ער האט זיך געלאָזט קאָסטען א „פּופּציגער״ און האט אראָפּגעאכט צו זיך אין הויז אויף „חנוכת הבית״ דער „איווירסקער באָזשיע מאטערי״ — דיא הייליגסטע אין גאנץ מאָסקווא. צוויי אפּגעפרעסענע גלחים מיט רויטהע צורה'ס זיינע געקומען צופאָהרען אין א קארעטע געשפּאנט צו צוויי פּאָר פערד. אויף יעדער פערד רעכטס איז געזעסען א רייטער פון דיא הייליגע מאָנאכען, און באלד וויא דיא קארעטע האט זיך לעבען דעם פרומען דאבראָליובאָווס הויז אפּגעשטעלט, איז דיא הויז געווען בעלאגערט מיט הונדערטע קאצאפּעס, וועלכע האבען זיך געהאלטען אין איין מעסטען דעם בויך מיט'ן נאז. דיא אָפּגעפרעסענע פּאָפּעס האבען דער מאמען פון דער קארעטע ארויסגעטראגען און האבען זיא מיט געזאנג אריינגעבראכט צו דאָבראָליובאָוו'ן אין הויז, וועלכע איז באלד געווארען געפּאקט קאפּ אויף קאפּ מיט פרומע רוסען. עס האט זיך גלייך דערהערט א זינגעריי, א בעטעריי, אז דיא הערצער האבען זיך געשמאלצען פאר זיסקייט; דאבראָליובאָוו מיט זיינע ארבייטער זיינען אפּגעשפּריצט געווארען מיט הייליגע וואסער. דיא פרומע רוסען אין הויז האבען געלעקט דיא פּענזליקעס, און נאכדעם וויא דיא הייליגע פאָרשטעהער פון דער מאמען האבען געכאפּט דעם פּופּציגער, דער פורמאן א פינפערעל, דיא מאָנאכען צו צעהנערלאך איז דיא מאמע צוריק ארויסגעטראָגען געוואָרען.

— אָ, איז דאס א פרומער, איז דאס א פרומער! — האבען אלע וועגען דעם נייעם ווירטה גערעדט — הלואי אויף אונזערע קינדער געזאגט געווארען.

אין ביידע הינטערשטע וואוינונגען אויפ'ן הויף זיינען דערווייל געמאכט גע-וואָרען עלעקטרישע גלעקלאך פון וועלכע דיא דראָט האט זיך אריינגעצויגען אין דער פּאָדערשטער הויז, וואו דיא צוויי ארבייטער זעגען דיא ברעטער. נאך אזא עלעקטרישע איינריכטונג, איז געמאכט געוואָרען אויך אין דעם נאסען קעלער פון דער הינטערשטער הויז; אבער אלע דראטען זיינען געצויגען געוואָרען אין געהיימע

שטעלען, וואו קיין זיימיגער אויג האט עס ניט געקענט בעמערקען.

אין דער פאָדערשטער הויז שטעהן יעצט ביי דער אַרבייט צוויי ארבייטער מיט פערקאַשערטע האַרבעל און שניידען בּרעטער.

— נו, נו, — האט זיך איינער צום צווייטען אפּגערופען — דיא היילינגע יעזואיטען האבען אונז היינט גוט אפּגעשפּריצט. עס האט מיר אַזש אנגעחאפּט א נישגוטקייט.... וואס זאגסט דוא, גערּאָאין, וועט אמאל אַן ענדע נעהמען צו דיעזע אלע לומפּעררייען אין אונזער רוסלאנד, אדער מיר פערבלייבען אויף אייביג אזוי אונגליקליך?

— זעהסט דוא דיא ברעט וועלכע איך הובלעווע יעצט, — האט איהם דער צווייטער ארבייטער ערוויעדערט — דוכט זיך, אַז זיא איז שמוציג און שטעכעדיג; אבער טהו נאר א קוק וויא זיא וועט בּאלד ווערען ריין און גלאַט.

— יא, יא, דוא זאגסט ריכטיג גערּאָאין, א הובעל איז א גוטע סגולה צו מאכען וויס און גלאַט א פערשמוצטע שטעכעדיגע ברעט; אבער צו איז אַ מינע אַ סגולה אויסצובילדען אַכציג מיליאָן גראָבע פערשיכורטע קעפּ? איז דען ניט מעהר וויא איין בּאַנדיט פּאַראַן אין ראָמאַנאָווס געזינדעל? מיר וועלען צעהן קעפּ אראָפּהאקען; אבער הונדערט נייע וועלען אויף דעם ארט אויסוואַקסען. איך זאג דיר גערּאָאין דיא וואהרהייט, אַז איך ארבייט מיט ביי דער מינע נור אויס ראַבע, אבער ניט ווייל איך פערהאָף צו פערבעסערן דערמיט דיא לאַגע פון אונזער פּאָלק, אז ער זאל זיך קענען אויסבילדען וויא אלע אנדערע ענטוויקעלטע פעלקער. איך טהו עס אויס ראַבע פאר דיא בעסטע קינדער רוסלאנדס, וועלכע שמאכטען אין פינסטערע געפענגניסע, וועלכע ווערען טאָג טעגליך בעגראָבען אין דיא סיבירישע מינען אדער געהאנגען צווישען דיא שטומע ווענט פון קערקער; אבער איך וויס, אז אונזער ארבייט פיהרט ניט צום ריכטיגען ציעל. איז דען אונזער פאלק פעהיג צו לעבען אהן א באַטיושקא, אַ שמייסער, אַ טיראַן? ווען מיר וועלען אפילו היינטיגען טאג אלע ראָמאַנאָווס פאר איינמאָל פערניכטען וועלען אונזערע פרומע רוסען ארויסשלעפּען עפּעס א קניאַז פון דיא ווינדעלאך און וועלען איהם אוועקזעצען אויפ'ן טהראָן. פּאָביעדאָנאָסצעוו וועט זיין דער רעדעלפיהרער, וויא געוועזן און אונזער פּאָלק פערבלייבט דער זעלבערווילדער און פערגרעבטער וויא געוועזן!

— דוא ווייסט אליין גערּאָאין, — האט זיין קאָמעראַד דער סטאָליער ערוויעדערט — איך האלט אויך פון פּראפּאָגאַנדא מעהר אלס פון טעררּאָריזם (שרעקען־הערשאַפט). מיט פּראָפּאָגאַנדע קענען מיר דעם פּאָלק פעהיג מאכען צו רעפּובליק. אבער אויסער ראַבע פאר אונשולדיגעס בלוט וועלען מיר דורך טוידטען דעם באַנדיט, דורכפיהרען דערווייל אַ קאָנסטיטוציאָן אין רוסלאנד. איך צווייפעל גאר ניט, אַז אויב אונז וועט זיך איינגעבען אראָפּצוהאַקען א צעהן, פופצעהן קעפּ פון ראָמאַנאָווס געזינדעל, וועלען דיא נייע פערטרעטער פון'ם רוסישען טהראָן ווערען ערווייכט, און וועלען געבען דעם פאלק א שטימע אין דער רעגיערונג און וויא באלד דאס וועט דורכגעפיהרט ווערען, האבען מיר אונזער ציעל ערּרייכט. דער רוסישער פּאָלק איז פעהיג זיך ראַש צו ענטוויקלען, און ביי קאָנסטיטוציאָן

וועט במילא דער פאָלק זיך בילדען און וועט וויסען וואס איהם שטעהט פאָר אויך ווייטער....

— איך גלויב אבער ניט, — האט געראָאין איהם ערוויעדערט — צו אונז וועט געלינגען א צעהן, פופצעהן קעפּ פון דיא ראָמאנאווס אראָפּצוהאקען. דיא בעסטיעס ווייסען וויא זייערע קעפּ איינצוהיטען. וויא באלד מיר זעהן ניט ליגענדיג דיא קעפּ אין דעם גרוב פון אונזער אויפגעריסענע מינע, איז שווער צו גלויבען, אז דאס זאל געשעהן. דער איינצעלנער איז זאכארין, וועלכער זעהט עס שוין מיט דיא אויגען. ער איז א צו היציגער קעמפּפער, זיין פאנטאזיע ארבייט ביי איהם נאך מעהר וויא זיינע הענד. איך בעטראכט איהם פאר א גרויסען העלד; אבער אויך פאר א היץ-קאָפּ.

— נאר אזעלכע העלדען, — האט וואָאין הובלענדיג א ברעט ערוויעדערט — זיינען פעהיג עפּעס אויפצוטהאן. וואו דיא פאנטאזיע ארבייטעט, דאָרט ארבייטען אויך דיא הענד. זעהסט דוא וויא ער שטעהט דעם גאנצען טאג אין קעלער מיט דעם לאָם (ברעך-אייזען) אין דיא הענד? ער האט דאך היינט אפילו א גלאָז טהעע ניט אויסגעטרונקען. אָט דאס הייסט ביי מיר א העלד, וועלכער איז פעהיג צו קעמפּפען מיט אזא גרויסע קראַפט וויא דיא רעגיערונג. קאלטבלוטיגע ארבייטער טויגען גיכער דורכצופיהרען א פראָפּאָגאַנדע און א סיסטעם אין דעם קאמפף; אבער היציגע מענשען, וויא זאכארין, טויגען צו א מינע, וועלכע מוז מיט היץ און קוראַזש געארבייט ווערען. אזעלכע העלדען זיינען פאנאטיקער אין זייער אידעע און וואו פאנאטיזמוס, דארט איז ענערגיע און פלייס.

— אזעלכע העלדען זיינען ווירקליך פאר אונז נעטהיג, — האט געראָאין געזאגט — אבער זיי זיינען אויך פעהיג באלד אפּצושטעהן פון אן אידעע. וואו קוראזש ארבייטעט מעהר אלס דער פערשטאנד, דא קען א מענש גין בייטען זיינע מיינונגען.... אבער ווער געהט עס דאָ פאר אונזער פענסטער? מיר שיינט, אז דיא דאמע אין דער פּאָדיאָווקע וואס קוקט אויס, וויא נאר וואס פון'ם דארף געהט צו דער טהיר.

ביידע סטאָליערס האבען פערקאשערט העכער זייערע הארבעל און האבען זיך פלייסיג גענומען צו דער ארבייט.

דיא טהיר האט זיך אויפגעמאכט און א יונגע מוזשיצקע (בויערין) איז אין ווערק-הויז אריינגעקומען.

— איז דער ווירטה דאָבראָליובאָוו צו הויזע? — האט דיא פרוי זיי געפרעגט.

— איך האב איהם נייטהיג צו זעהן.

— האט איהר עפּעס א בע'שטעלונג? — האט איהר געראָאין געפרעגט.

— יא, א בעשטעלונג — האט דיא בויערין געענטפערט נעהענטער צוגעהענדיג צו געראָאינען — געהט זאגט ז א כ א ר י נ ע ן, אז בערטהא ווינשט איהם צו זעהן.

— זייט אונז ווילקאָמען, — האט געראָאין פריינדליך געזאָגט — קוממ, איך וועל אייך צו זאכארינען אָוועקפיהרען.

ער האט דער בויערין אוועקגעפיהרט אין דעם הינטערשטען פליגעל, וואו איהר האט עמפפאנגען אן אנדער בויערין, געקליידעט אין א רויטהע דארף־ספאָדניצע אויף שלייקעס.

— ווינשט איהר צו זעהן דאָבראָליובאָוו'ן? —האט איהר דיא בויערין געפרעגט.

— וואָס אם שנעלסטען, — האט בערטהא ווישענד איהר געזיכט מיט א טיכעל ערוויעדערט.

— איך געה איהם אראָפּרופען.

דיא בויערין מיט געראָאינען זיינען פון צימער ארויסגעגאנגען.

— אונגליקליכער העלד! — האט בערטהא שטיל געברומט — וויא הייס איך ליעב דיך זאָ שטארק בעדויער איך דיין שרעקליכע לאגע. דיינע בעסטע קאַמעראַדען ליעגען בעגראָבען אין פינסטערע געפענגניסע און דוא קוועלסט זיך געבאך אליין אָהנע מיטארבייטער.

דיא בויערין איז אראָפּגעקראָכען אין טיפען קעלער און געראָאין איז צוריק־געגאנגען צו זיין ארבייט.

— דאָבראָליובאָוו! — האט זיך געהערט איהר שטימע איבער'ן פינסטערן קעלער.

— וואָס, מאטילדא? — האט געענטפערט א מענער־שטימע.

אייער בערטהא האט אייך נייטהיג וואס אם שנעלסטען צו זעהן.

— אָ, ניין מאטילדא, באלד בין איך פערטיג.

עס האט זיך געהערט א דומפפער קלאפען פון א לאָם.

— זאָל איך איהר צו אייך אראָפּשיקען?

— ניין, באלד בין איך פערטיג.

דער לאָם האט וויטער געקלאפט האסטיגער אלס פריהער.

מאטילדא איז אונטערגעשטאנען ביי א פירטעל שטונדע און האט זיך אלץ איינגעהערט דיא דומפפע קלעפ פון זאבארינס לאָם. זיא האט מעהר איין ווארט צו איהם ניט גערעדט. זיא האט אָנגעהויבען ריכטיג צו פערשטעהן וואס הייסט א קעמפפער פיר אן אידעע, וואס הייסען געפיהלע אין יונגע הערצער ווען דאָרט פלאַמט אויף דער פונק פון טיטליייד איבער אונטערדריקטע און פון ראכע געגען זייערע דריקער.

— דאָבראָליובאָוו! — האט זיא ענדליך אויסגעשריען — וואס זאל איך בער־טהא'ן ענטפערן?

— זאגט איהר, אז איך קום באלד ארויף.

מאטילדא איז פון דעם עפּושדינגען קעלער ארויסגעקראָכען און קומענדיג צוריק האט זיא געפונען בערטהא'ן שטארק פערוויינט.

— באלד וועט איהר איהם זעהן, — האט מאטילדא איהר געזאגט.

— פיהרט מיך זאָפאָרט צו איהם ארונטער — האט בערטהא איהר געבעטען.

— אָ, ניין פריילין, — האט מאטילדא געריהרט איהר ערוויעדערט — איך גלויב ניט צו איהר וועט קענען אין מינוט דאָרט איינשטעהן.

— ניש־קשה, — האט בערטהא געזאגט — א מענש קען צו אלעס געוויינט ווערען. פיהרט מיך צו איהם ארונטער.

מיט איינינע מינוטען שפּעטער האט זיך בערטהא געפונען אין קעלער.

— זאכארין! — האט זיך באלד געהערט א בליפּענדע פערשטיקטע שטימע.

— ליעבער זיסער זאכארין, וואו ביזט דוא דאָרט?

— אָט בין איך ליעבע בערטהא! — האט אָבגעענטפערט זאכארינס שטימע. באלד האט זיך געהערט א קלאפּ פון דעם לאָם, וועלכען זאכארין האט ארויסגעלאָזען פון דיא הענד און א שווארצע פיגור מיט א קליין לייכטענדע לאנ־טערנע אין דיא הענד איז צו בערטהא'ן צוגעגאנגען.

— גאר אונערווארטעט ביזט דוא, טהייערע בערטהא, צו מיר ערשינען, — האט זאכארין זאנפט געזאגט — זאג מיר ענגעל, צו ביסט דוא אויסער געפאהר? האסט דוא האָפנונג, אז דיא בייזע שלאנגען זאלען דיך ניט בייסען נאך דער שפּיאָ־נינס בעזוך? אָ, וואס מאכסט דוא ליעבעס קינד? וואלסט דוא געהאט געזעהן וויא איך, וויא מען האט אנשטאָט דיר, געשלעפּט האלב־טוידט'דעם אויסוואורף, דער שפּיאָנין זלאָדייקינא, אין אוט'שאסטאָק פון סוויניאָעוו'ס טראקטיר, וואלסט דוא געהאט פערגניגען.

— איך פערשטעה ניט, וואס דוא מיינסט מיט דעם, — האט בערטהא איהם ערוויעדערט — אבער קום וואס גיכער פון דאנען ארויס, דיא לופט איז דא פער־פעסטעט, איך פיהל מיך דא זעהר שוואך, איך ווער שיער דערשטיקט.

זאכארין האט איהר אָנגענומען פאר דער האנד און האט איהר פון'ם קעלער ארויסגעפיהרט. ער האט איהר אריינגעפיהרט צו זיך אין קאבינעט פון דעם הינ־טערסטען פליגעל און זיי האבען זיך איינער לעבען אנדערן אוועקגעזעצט.

— יעצט דערצעהל מיר וואס האט פּאסירט? — האט בערטהא איהם גע־בעטען.

— דוא ווייסט דאך ליעבע בערטהא, — האט זאכארין אנגעפאנגען זיין ער־צעהלונג — אז דיא באראָנעסא קסעניא אנדרייעווגא איז מיר באלד ביי מיין ערשטען בליק אויף איהר פאָרנעקומען זעהר פערדעכטיג. ווען איך בין ארויס פון דיין צימער, האב איך בעמערקט אויף דער גאס דער באראָנעסא שטעהן מיט א פרוי און זיי האבען צווישען זיך גערעדט. איך האב באלד פערשטאנען, אז דאס מוז זיין דיא פרוי וואס חייקא פראנק האט געשריבען אין בריעף, אז זיא וועט דיר אָפּווארטען פארן גאס. איך האב מיך פערשטעקט אין א ווינקעל און האב געווארט צו זעהן, וואס וועט זיין דיא ענדע פון זייער געשפּרעך. שטעל זיך ליעבע בערטהא פאָר מיין ערשטוינונג, ווען איך האב געזעהן, וויא דיא באראָנעסא זעצט זיך מיט דער פרוי אויף א דראָ'שקע. איך האב באלד גערעכענט, אז דיא באראָנעסא האט זיך פאר דער פרוי געמוזט פאָר'שטעלען אלס בערטהא מאלליך; דען פאר א פרעמדע וועט דאך דיא פרוי ניט פערטרויען וועגען דיא פראנקס. — איך האב באלד אויך גע־נומען א דראָ'שקע און האב דעם איזוואָזטשיק געהייסען נאכפאהרען נאך זיי. ווען דיא דראָשקע וואס האט זיי געפיהרט האט זיך אפּגעשטעלט און איך האב געזעהן

וויא דיא בארׇנעסא מיט דער אונבעקאנטער פרוי זיינען אראפּ, און נעהן ווייטער צוזאמען, האב איך געהייסען דעם איזוואָזטשיק זיך אויף שטעלען און איך האב זיך גענומען זיי נאכגעהן פון הינטען ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א בעוואוסטען ניעדעריגען און שמוציגען טראקטיר. דיא בארׇנעסא קסעניא אנדרייעוונא מיט דער פרוי זיינען אריינגעגאנגען אין דעם הויף פון דעם טראקטיר און נאך זיי האט זיך באלד פערשלאָסען דיא טהירעל פון דעם טהויער.

— אָ, וואס איך הער? דאס איז שרעקליך! — האט בערטהא פערברעכענד מיט דיא הענד אויסגעשריען.

— אבער הער מיין טהייערע דיא ענדע, — האט זאכארין געזאגט — איך בין באלד אריין אין דעם שמוציגען טראקטיר און האב געהייסען געבען א פּארציאָן טהעע. איידער איך האב געענדיגט טרינקען דיא ערשטע גלאָז טהעע, האב איך דערהערט פון א פערמאכטען צימער א קוויטשעדיגע שטימע, וועלכע איך האב באלד דערקאנט, אז דאס איז דער בארׇנעסאס שטימע. איך האב געהערט וויא זיא שרייט: „גוואלד רעטעט!” און איך האב זיך ניט געמאכט וויסענדיג, איך האב געוואלט הערען, וואס דער סוף וועט דא זיין. איך האב שוין אנגעפאנגען צו פערשטעהן, אז דאָ האט מען דיר נור געוואלט אריינקריגען, און דיא בארׇנעסא, אויף וועלכער איך האב שוין יעצט געוואוסט פיר געוויס, אז זיא איז א שפּיאָנין, איז פאר איהר שלויהייט אויף דיין ארט אריינגעפאלען, און אז מיין פערמוטהען איז ריכטיג, האב איך מיך באלד איבערציינגט; דען באלד האב איך דערהערט דער געלבער שטימע שרייען:

„איהר זאלט מיך דיא מינוט פריי לאָזען! איהר בעדארפט וויסען, אז איך בין ניט בערטהא מאלליך.”

קורץ, איידער איך האב צייט געהאט אנצוגיסען זיך א דריטע גלאָז טהעע, איז אין טראקטיר אריינגעלאָפען א פריסטאוו מיט צוויי אָקאָלאָדאָטשניקעס. זיי זיינען גלייך געלאָפען צו דער פערמאכטער טהיר פון דעם צימער פון וואנען איך האב געהערט דיא שטימע, און דיא צוויי אקאלאדאטשניקעס האבען באלד פון דעם צימער ארויסגעטראגען דער שעהנער בארׇנעסא האלב טוידט. זיא האט אזוי געחראפּעט, אז איך האב געמיינט, אז אָט אָט גיט זיא איבער איהר שמוציגע זעלע דעם טייפעל.

בערטהא איז לייבען־בלאס געווארען, ווען זאכארין האט געענדיגט זיין ערצעהלונג.

— און צוליעב דער בעסטיע האב איך געמוזט ענדערן מיין נאמען דאָבראָווישין, מיט וועלכען דוא האָסט מיך פאר דער שפּיאָנין פארגעשטעלט — האט זאכארין פּאָרטגעזעצט — איך האב שוין דאמאלס געהאט בעטראכט דיעזע הויז פאר מיינע, אבוואהל איך האב מיר נאך מיט איהר אייגענטהימער דעם שוסטער ניט געהאט געזעהן. נו זאל זיין פון דאָבראָליובאָוו דיא רפואה.

— אבער איך פערשטעה ניט, וואצו האט עס אימיצער געהאט נייטהיג מיך שטעלען אזוי צו בעשמוצען? — האט בערטהא העכסט אויפגערעגט גערעדט.

— דאס שטאמט מיין טהייערע בערטהא, פון אלעקסייעוון — האט זאכארין איהר ערוויעדערט — איך צווייפעל גאר ניט, אז נור דיזער לומפ איז פעהיג אזא סקאנדאל צו פערפיהרען. אבער דערפון אפגערעדט מיין טהייערע, וואס מאכסט דוא, וויא געהט עס דיר?

— אָ, איך בין שטארק איבערראשט און אויפגערעגט! — האט בערטהא אויסגערופען — איך זעה איינפאך, אז איך בין גאר ניט זיכער געוועזן מיט מיין לע-בען. יעצט אָבער זאל שוין זיין וואס עס וויל זיך....

— איך פערשטעה ניט וואס דוא מיינסט דערמיט, ליעבע בערטהא.

— איינפאך מיין טהייערער, איך טאר שוין מעהר אין דאס הויז פון מיינע עלטערן ניט קומען. איך בין קוים לעבעדיג אנטלאָפען

— דוא איבערראשט מיך, מיין טהייערע.

— האסט דוא דען פריהער ניט פערשטאנען, אז נאך דער שפּיאָנינס בעזוך שטעה איך אין געפאהר? איך האב ניט געוואוסט ביז יעצט, אז דאָס שטאמט פון איהר, אבער יעצט פערשטעה איך שוין אלעס.

— אָ, ערקלער מיר וואס דוא מיינסט, מיין ענגעל!

— דא איז אזא געשיכטע מיין טהייערער, — האט בערטהא טרויעריג איהם ערוויעדערט — זייט דער יונגער איסטאָמין און פּאוועל אנדריאנאָוו זיינען ארייננגע-פאלען, איז דער יונגער קאלצאָוו צוליעב א געהיימען ציעל בעקאנט געוואָרען מיט דאקטאר פעליקס סאָבאקאָוו. קאָלצאָוו האט זיך געענדערט זיין נאָמען און ער הייסט יעצט גומאנאָוו. פעליקס האט איהם שוין איינינע מאל בעזוכט אין דעם גרויסען האטעל „דרעזדען“ אין וועלכען קאלצאוו לאָזשירט אלס א דורכרייזענדער פּאלקאָווניק אוים טיפליס און גומאנאָוו (קאָלצאָוו) טראקטירט איהם יעדען טאָג שאמפּאניער און מאכט מיט איהם א קערטעל אין וועלכען קאלצאוו לאזט אראפּ היבשע סומען. מיט איינינע שטונדען צוריק האב איך בעקומען דורך אן אונבע-קאנטע דאמע א בריעף דאס איך זאל זאָפאָרט בעזוכען דעם פּאלקאָווניק גומאנאָוו אין האטעל „דרעזדען“. ער האט מיר געשריבען, אז ער וועט מיר אין טשערקאסקי פּערעאולאָק אָפּווארטען, און אזוי איז געוועזן. קאלצאוו אלס גומאנאָוו האט מיך מיט גרויס פאָרזיכטינקייט אין זיין לאָזשי ארייננעפיהרט און האט מיר דערצעהלט, אז דאקטאר פעליקס האט איהם אין א בעטרונקענעם צושטאנד פערטרויט, אז דיזע נאכט וועל איך ווערען ארעטירט פון „טרעטיע אָטדעלעניע“, ווייל איך האב אויף דיר געווירקט, אז דוא זאלסט שיסען אויף אלעקסייעוו'ן און איך וויל מיט-העלפען צו גראָבען א מינע פאר אלכסנדר דעם דריטען.

זאכארין האט זיך א חאפּנעטהאן פאר'ן קאָפּ.

— אָ, מיין טהייערעס קינד! — האט ער ערגרייפענד איהר פאר ביידע הענד אויסגעשריען — דוא ביזט אויך פון יעצט אָן פערוואָגעלט! ניטא מעהר קיין הויז און קיינע עלטערן!

— אזוי איז עס, — האט בערטהא מיט טרעהרען אין דיא אויגען גערעדט—

אין דיזען קאָסטיום פון א בויערען־פרוי האט דער גוטער קאָלצאָוו מיך צו דיר אוועקגעשיקט, און דא פאר דיר, איז דיין בערטהא, וויא דוא זעהסט....

— מיר איז יעצט זיס און ביטער — האט זאכארין מיט א שטילען זיפץ קוים ארויסגערעדט.

— עס קען אונז ביידען זיין זיס, — האט בערטהא מיט א ציטערענדע שטימע נעזאגט — ווען דוא ועסט פאָלגען וואָס איך וועל דיר ראטהען.

— דוא רעדסט ווידער וועגען אויסלאנד? — האט זאכארין מוטהלאָז איהר נעפרעגט.

— יא, זאכארין, וועגען אויסלאנד — האט בערטהא מיט א פעסטען טאָן איהם ערוויעדערט — דוא קעמפפסט איינפאך מיט אבציג מיליאָן....אלע זיינען פאר דעם באטיושקא.

— זיי זיינען פאר דעם באטיושקא, ווייל זיי מוזען זיין פאר איהם, — האט זאכארין איהר געענטפערט — איך אליין האב מיך אויך אונטערגעשריבען אין דעם בוך, אז איך נעהם אן אלכסנדר'ן פאר א הערשער. מען האט גע הייסען שרייבען, האב איך געשריעבען.

— דאס רוסישע פאָלק איז אבער ניט פעהיג צו דאס וואס דוא ווילסט.

— ער איז ניט פעהיג ווייל מען הייסט איהם ניט פעהיג זיין. נעהם נור הערונטער דעם אויסדרוק „מיר אלכסנדר הייסען“, וועסט דוא שוין זעהן, אז דיא רוסען זיינען ניט אזוי דום וויא מען בעטראכט זיי.

— דוא מאכסט אן אירתהום זאכארין.

— ווען זיי זיינען אפילו ניט פעהיג, וועלען זיי פעהיג ווערען.

— דאס איז צו לאנג צו ווארטען, ליעבער זאכארין.

— ווען מענשען זאלען ניט טהאן פאר דער צוקונפט, — האט זאכארין גע־רעדט — וואָלטען מיר היינטיגען טאָג ניט געהאט איין פרוכטבוים אויף דער גאנצען וועלט. מיר זעהען אבער אז מענשען פלאנצען ביימער, אבוואָהל זיי ווייסען בע־שטימט, אז זיי וועלען דיא פרוכט ניט עסען און זאגאר אונטער זייער שאטען ניט זיצען.

— און נעהמען אין דיין טהאט אן אנדער ראָליע ביזט דוא אין קיין פאל ניט געזאָגען? — האט איהם בערטהא בעטריבט געפרעגט.

— נאך אויסלאנד לויפען אינגלאך, פייגלינגע און ציטעריגע קינדער ביי זייערע מאמעס פארטוך. דערצו איז פעהיג א פאוועל אנדריאנאוו, וועלכער פער־ליעבט זיך אין א ניעדערטרעכטיגע שפיאָנין און דארף יעצט פאר אן אונטערגע־וואָרפענע באָמבע מיט זיין קאָפּ בעצאָהלען. ווען איך זאל אפילו וויסען דיא מינוט וואס מען פיהרט איהם צום גאלגען, וועל איך איין זיפץ ניט טהאן. ער האט עס גאנץ כשר פערדיענט.

— ביזט צו הארט זאכארין, — האט בערטהא מיט טרעהרען אין דיא אויגען געזאגט — איך קען דא ניט פערבלייבען, איך מוז פעררייזען נאך אויסלאנד. וועסט דוא מיך גאר ניט בעגלייטען?

— ביז צום וואָקזאל מיין טהייערע, — האט איהר זאַכארין רוהיג גענענט־פערט — איך מוז מיין ליעבע ברעכען.... א קעמפּפער פאר דער וואהרהייט מוז זיין שטארקער פון אייזען. איך קעמפּף ניט פאר זיך אליין, נור פאר דער גאנצער מענשהייט. עס איז מיר גענוג וועה, אז איך וועל מיין טהייערסטע אין דער וועלט אפילו איין מאל אין מאָנאַט ניט קענען זעהן; אבער איך געפין אויך פאר נייטהיג, אז מיין ליעבע בערטהא זאָל שטעהן פון ווייטען און זיין זיכער מיט איהר לעבען.

— בעטראַכטעסט דוא דען מיין לעבען פאר א לעבען, ווען דוא שטעהסט אין אזא געפאהר? — האט איהם בערטהא מיט געוויין געפרעגט.

— עס איז אנדערש ניט צו מאַכען ליעבע, זיסע בערטהא! — האט זאַכארין געלאָסען איהר ערוויעדערט — איך האב דיר פאָראויס געזאגט ווער איך בין. ביי דעם אונגליקליכען גרינבער אויפ׳ן בוידים האב איך עס דיר וויעדערהאָלט און האב דיר געבעטען, אז דוא זאלסט ליעבערסט אן מיר פערגעסען. קענסט דוא עס טהאן אויף א האלב יאהר, ביז נאך דער קאראָנאציע, וועל איך מיך שעצען גליקליך; אבער ווען ניט -- בין איך דער אונגליקליכסטער.

בערטהא האט זיך פערטיעפט אין פערשיעדענע געדאנקען.

— דוא ביסט א העלד זאַכארין! — האט זיא ערגרייפענד איהם פאר ביידע הענד פלוצלינג אויסגעשריען — מיט דיר איז מיר דער טויט אויך ליעב און זיס, איך פערבלייב דא לעבען דיר!

— איז דאס דיין לעצטער בעשלוס? — האט איהר זאַכארין געפרעגט.

יא, מיין ליעבער אָסיפּ.

ביידע געליעבטע האבען זיך אינסטינקטיוו אומגעהאלדזט און אין דעם מאָמענט האבען זיך געהערט צוויי קלינגע אין זאַכאַרין׳ס קאבינעט.

— אן אונבעקאנטער גאסט, — האט ער צו בערטהאַ׳ן געזאגט און באלד איז געראַאין צו איהם אין קאבינעט אריינגעלאָפען.

— א שוואכע, קראנקע פרוי קוים וואס זיא האלט זיך אויף דיא פיס, — האט געראָאין אויסגערופען — איז געקומען בעשטעלען א שראנק; אבער זיא האט מיר געזאגט, אז זיא וויל זעהן דעם ווירטה אליין. איך האב איהר קוים פערשטאנען, וואס זיא שטאמעלט צו.

— זאָג איהר, אז איך בין ניט צו הויזע, — האט זאַכארין בעפוילען.

— איך האב עס אליין אויך שכל געהאט צו זאגען, — האט געראָאין געענט־פערט — אבער דיא פרוי האט געזאגט, אז זיא וויס בעשטימט, דאס דוא ביסט יא צו הויזע.

זאַכארין איז געוואָרען אביסעל אונרוהיג.

— וויא קומט זיא אהער? — האט ער ערשטוינט געפרעגט — פון וואנען וויים זיא מיין געהיימניס?

— איך, זאַכארין, — האט בערטהא מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט —

איך האב איהר פערטרויט, וואו דוא געפינסט זיך דא, ווייל איך בעזיץ א פרויע הערץ. מיין הערץ איז ניט קיין שטיין.

— פון וואנען האט זיא געוואוסט, אז דוא ווייסט עס

— דאס האט זיא מיר ניט געוואָלט אויסזאגען, — האט בערטהא איהם ערוויעדערט.

— פיהר איהר צו מיר אריין, געראָאַן — האט ער צו דעם סטאָליער געזאגט.

זאכארין האט בערטהא׳ן אריינגעפיהרט אין א צימער און אליין איז ער געבליעבען אין זיין קאבינעט.

דערזעהענדיג זיין מוטער אויפ׳ן הויף, איז ער צו איהר ארויסגעלאָפען, און נאכהער וויא ער האט איהר הייס געקושט, האט ער זיא צו זיך אין קאבינעט אריינגעפיהרט.

— מוטער! — האט זאכארין מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגעשריען — וואס מאכסט דוא, ליעבע מוטער?

ער האט זיך פאר איהר אוועקגעשטעלט אויף דיא קניע און האט געקושט איהרעביידע הענד.

— מיין קינד, — האט דיא פרוי ארויפלייגענד איהר קאָפּ אויף זיינעם גלאנגזאם מיט א שטילען כליפּען גערעדט — וועה מיר וואו איך זעה דיך!....

— קיין וועה, מוטער, — האט זאכארין איהר אין אויער אריינגערעדט — איך בין גליקליך ליעבע מוטער....

— גליקליך? — האט אננא מיט געוויין וויעדערהאָלט — ביי דער טהיר פון גיהנם גליקליך? איך האב בעדארפט שטארבען מיט איינינע יאהר צוריק, נאך איידער איך האב דיר ערלויבט צו בעזוכען מאסקווער אוניווערזיטעט*).

— נאך דיינע בעגריפע מוטער, — האט זאכארין איהר ערוויעדערט — האָסט דוא פאָלקאָם רעכט; אבער זאג מיר, וואָס מאַכסט דוא טהייערע מוטער? צו פערבלייבסט דוא נאך אויף לאנג אין מאָסקווא?

— איך פערבלייב דאָ צוליעב דיר אונגליקליכעס קינד! — האט אננא מיט א ציטערענדע שטימע איהם געענטפערט.

— איך וועל דיך אלע מאל ליעבע מוטער בעזוכען, — האט זאכארין איזור געטרייסטעט.

— אָ, מיין קינד, וואס העלפט עס? איך בין אונגליקליך....

— איך פערשטעה עס ליעבע מוטער; אבער איך קען דא גאר ניט העלפען.

— ניין, דוא קענסט מיין קינד.

— מיט וואס ליעבע מוטער?

*) מיר געפינען ניט פאר נייטהיג אלע מאל אָפּצומעהלען וויא אננא זאכאַרין רעדט. דיא לעזער, וועלכע ווייסען, אַז זיא איז פּאַסט האַלב־געלעהמט, פערשטעהען אליין, אַז דיא רעדט שווער און לאַנגזאַם. דאָס זעלבע דאַרפען מיר ניט זאַגען, אַז מען רעדט איהר אריין אין אויער.

— מיט דיין באלדיגען פעררייזען נאך אויסלאנד.

— ווייַן טהייערע מוטער, איך קען עס ניט און טאָר עס ניט.

— דוא מוזט עס אבער זאָפארט טהאן.

— מוזען איז נאָר ביי א היילינגען קאמפף ניטא.

— וויא היילינג ער זאל ניט זיין, מוזט דוא עס טהאן.

— ווארום ליעבע מוטער?

— ווייל איך פיהל מיך שוואך און קראנק און מיין גרויסער פערמעגען וועט איבערגעהן צו דער רעגיערונג, וועלכע דוא האסט און דוא פערדאמסט.

— דוא קענסט מוטער בעזאָרגען, אז דאס זאל ניט געשעהן, — האט איהר זאכארין אויפגערעגט געענטפערט — גיעב אָפּ דיין פערמעגען פאר דער היילינגער אידעע צו פערניכטען אלע בעסטיעס און טיראנען. דוא וועסט דאדורך רעטען הונדערט מיליאָן פערשקלאפטע קנעכט פון אייזערנעם יאָך און דיין איינציג קינד וועט גליקליך זיין מיט זייער גליק.

— און דיינע ע ל ט ע ר ן זאלען אויסגעהן פאר הונגער? — האט איהם זיין מוטער אויפגערעגט געפרעגט.

— אָ, וואס רעדסט דוא מוטער?! — האט זאכארין ערשטוינט אויסגעשריען — בערוהיג זיך מוטער איך פערשטעה ניט וואס דוא רעדסט.

— האלסט דוא מיך פאר וואהנזיניג, ליעבעס קינד — האט אננא איהם קוקענד גלייך אין דיא אויגען געפרעגט.

— מעגליך, אז איך האב דיך ניט פערשטאנען, — האט זאכארין שוואך ערוויעדערט.

אננא האט זיך אויף א ווילע פערטראכט.

— אָסיפּ! — האט דיא מוטער ערגרייפענד פאר ביידע הענד נאך א קורצען שטילשווייגען געזאָגט — אויב דוא פעררייזט ניט נאך אויסלאנד, שרייב איך היינט א טעסטאמענט און זאג אפּ מיין גאנצען פערמעגען צו דער קרוין....

— וויא באלד ביי מיין מוטער איז עס רעכט, — האט זאכארין איהר ערוויעדערט — וועל איך מעהר א וואָרט דאריבער ניט ריידען. זאל דיא טיראנישע רעגיערונג זיך צובויען נאך עטליכע געפענגניסע פאר אונשולדיגע מארטירער און איך וועל געגען מיין אידעע ניט געהן. איך ארבייט פאר דער מענשהייט און האב זאָגאר קיין מיטלייד מיט מיין טהייערסטער און ליעבסטער אונטער נאָטס הימעל....

— ווער איז דיין טהייערסטע און ליעבסטע? — האט איהם אננא נאך א קורצען נאכדענקען א פרעג געטהאן.

— בערטהא מאלליך.

— א, א י ד י ש מיידעל?

— יא מוטער, אָבער וואָס בעטאָנסט דוא אזוי דעם וואָרט „אידיש״? זיינסט דוא מוטער, אז איך מאך אויך אן אונטערשיעד צווישען נאציאָנען און ראסען? אָ, מוטער, איך קעמפף דאפיר מיט דיא טיראנען.

— איך האב בעטאָנט דעם וואָרט אידיש, — האט אננא גאנץ גע-

איהם ערווידערט — ניט דאַריבער.... אָבער פאָלג מיך מיין קינד און פאַרדרייז נאָך אויסלאַנד; איך צווייפעל ניט, אז דיין ליעבע בערטהאַ וועט אויך מיט-פאָהרען און איך דיין קראַנקע מוטער וועל אויך מיט אייך דאָרט וואוינען. מיין גאַנצער פערמעגען וועט געהערען צו אייך און איהר וועט זיין גליקליך.

— ניין מוטער, יעצט קען איך עס ניט, — האָט זאַכאַרין מיט א פעסטען טאָן איהר געענטפערט.

— דו מוזט עס אָבער מיין קינד גאָר צוליעב אַן אַנדער זאַך.

— זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, איך קען עס ניט!

אננא האָט זיך ווידער פערטראַכט.

— העלפט דיר דיין בערטהאַ מיט אין דיין אונטערנעהמונג? — האָט איהם זיין מוטער נאָך אַ קורצע פויזע געפרעגט.

— ניין מוטער, זי איז דאַגעגען.

— האַלסט דו עס פאַר אַ זינד פון איהרער זייטע?

— איך וויים ניט מוטער, געגען וואָס פרעגסט דו עס מיר?

— איך וויל וויסען דיין מיינונג צו אַ אידישער מענש בעדאַרף אויך אַנטהייל נעמען אין ניהיליזמוס, אָדער ער בעדאַרף גאָר בעסער זאָרגען צו פערבעסערען די שוידערליכע לאַגע פון זיין נאַציאָן.

— ביי מיר מוטער עקזיסטירען ניט קיינע נאַציאָנען, זאָנדערן מענשען, און נאָך מיינער מיינונג בעדאַרף יעדער העלדישער מענש נעהמען אַנטהייל אין דעם קאַמפף געגען די באַרבאַריזמוס. די נידערטרעכטיגסטע רעגיערונג, וועלכע מאַכט יאַ אַן אונטערשייד צווישן פעלקער און אַנערקענט ניט די מענש-הייט, אונטערדריקט אָבער אידען מעהר אַלס אַנדערע נאַציאָנען; דאַרום בין איך אַ לאַנגע צייט געווען געזאָנען, אז אידען טאָרען עפענטליך אין דעם קאַמפף ניט אַרויסגעהען, און בין ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אידען אין רוסלאַנד האָבען שוין ניט וואָס צו פערליערען. זיי זיינען זאָ־ווי־זאָ די אונ-גליקליכסטע אין דער וועלט. זאָלען זיי אויך ניט אָפּשטעהען פון דעם קאַמפף ווי אַלע עהרליכע קעמפפער.

אננאַ איז געוואָרען אויסער זיך פאַר פערדרוס. זי האָט דאָ ערוואַרטעט צו הערען פון איהר זוהן זיין אַמאָליגע מיינונג, אז אידען בעדאַרפען שטעהען אין דעם קאַמפף פון דער וויטען, און דאַמאָלס וואָלט זי איהם ענדעקט, אַז ער אַליין איז אויך אַ איד, און נאָך אַזאַ שטוים אויף הינטען, וואָלט ער פיעל-לייכט איינגעווילגט צו פערדרייזען נאָך אויסלאַנד; אָבער יעצט האָט זי פער-שטאַנען, אַז דאָס וועט ניט געהען.

— לאָז עס זיין אויף אַן אַנדער צייט, — האָט זי זיך געקלערט — איך וועל שוין געפינען אַ געלעגענהייט איהם צו ענדעקען, אַז ער איז אַ איד.

— הארט עס דיר גאָר ניט אָסיפּ, — האָט זי איהם טרויעריג געפרעגט — ווען איך וועל מיין גרויסען פערמעגען אָפּזאָגען צו דער קרוין?

— אז דיר איז עס ליעב, איז עס מיר אננענעהם, — האט איהר זאכארין שארף ערוויעדערט — איך וועל דיר נאר איין זאך בעטען, אז א טהייל פון דיין פערמעגען זאלסט דוא אפשרייבען צו ביידע אונגליקליכע אידען גאלדבוים און גרינ־בערג, וועלכער זיינען ביי מיין רעטונג פון קאנאן אין דעם גרעסטען אונגליק אריינ־געפאלען.

— דוא ביזט אן עדעל קינד! — האט אננא איהם פאלענר אויפן האלדז אויסגעשריען און האט איהם בענאסען מיט הייסע טרעהרען — דוא האסט אין ווען צו געראטען זיין מיין טהייערער, בראוור אסיפ; אבער וויס מיין קינד, אז איך האב דיר פיעלע געהיימניסע צו פערטרויען, פון וועלכע דוא וועסט איבער־ראשט ווערען.

— טהו עס באלד ליעבע מוטער, — האט איהר זאכארין געבעטען — דען איך וויס ניט מיין מארגען....

א פאר טרעהרען האבען זיך פון אננא'ס אויגען וויא האגעל ארויסגעוואלצט.

— גאט וועט דיך היטען מיין קינד! — האט אננא וויינענד איהם געזאגט — פיהר מיך ארויס פון דיעזען גיהנים. גאר אין קורצען וועלען מיר זיך נאך אמאל זעהן.

54טעס קאפיטעל.

אט דאס הייסט א בעסטיע

אנטאנאוו דער אייגענטהימער פון'ם גרויסען און רייכסטען האטעל אין מאסקווא „ערמיטאזש” איז א מאן פון א יאהר פינף און פערציג. מיט אכט און צוואנציג יאהר צוריק איז ער געווען א שילער אין דעם לעצטען קלאס פון קיעווער גימנאזיום און איז צוליעב א שלעכטע שטיפמוטער אנטלאפען פון זיין פאטערס הויז אין קיעוו. ער איז געקומען אין מאסקווא, וואו ער האט געדיינקט צו האלטען אן עקזאמען און אריינטרעטען אין אוניווערזיטעט; ער האט אבער ניט געהאט דערצו קיין מיטלען ווייל ער איז אנטלאפען פון צוהויזע וויא ער שטעהט און געהט אהן איין קאפיקע אין קעשענע. ביי א האלב יאהר האט ער געהונגערט ביז ער האט בעקומען א שטעלע אלס קעלנער אין א גרויסען טראקטיר, וועלכער האט דאמאלס געטראגען דעם נאמען „קופעטשעסקי קאבאק” (א שיינק פאר קויפלייטע). דער טראקטירשציק האט געהאט א בת יחידה, זעהר א שעהן מיידעל; אנטאנאוו איז דער מיידעל געפעהלען און זיא האט זיך אין איהם איבער דיא אויערן פער־ליעבט. זיא האט צייטליך איהם געוואלט הייראטהען; אבער איהר פאטער, וועלכער איז געווען א רייכער מענש, האט געזאגט ניין מיט א גרויסען נון; איהם איז ניט אנגעשטאנען צו האבען זיין קעלנער פאר אן איידים, און ער האט געזאגט זיין טאכטער אויסדריקליך, אז ער וועט דעם קעלנער אין קורצען ארויסטרייבען. דאס מיידעל, וועלכע איז שוין געשטאנען מיט איהר ליעבע גאנץ ווייט, איז זיך איינמאל שפעט אין דער נאכט פערקראכען צו איהר פאטערס טיש־קעסטעל און האט צו־געלאטהעט גאנצע טויזענד רובעל, און מארגען אין דער פריה איז זיא מיט'ן קעל־נער אנטאנאוו שוין ניט געווען אין מאסקווא. זיי האבען זיך אונטער א פרעמדען

נאָמען בעזעצט אין „טוּוער" און אין א פּאָר מאָנאַט ארום איז ביי זיי געבאָרען געוואָרען א טאָכטער, וועלכע זיי האבען ביי'ם טויפען א נאמען געגעבען אגראפינא.

דאס יונג ווייבעל האט זיך ביסלאַד־ווייז אנגעהויבען צו קריינקען און אין פערלויף פון א האלב יאהר איז פון דיא טויזענר געגנבעטע רובעל ניט פערבליעבען איין קאָפּיקע. מאדאם „קראַנקייט" מיט'ן טהייערן דזישענטעלמאַן „דלות" זיינען א שעהן פּאר פאָלק, אז וואו זיי בעזעצען זיך איז פּשוט צו אנטלויפען פון שטוב. אנטאָנאָוו'ן מיט זיין ווייב איז אזוי ביטער געוואָרען דאס לעבען, אז זיי האבען געפאסט א בעשלוס זיך אריינצוואַרפען אין טייך אריין; זיי האבען אבער געזשאַלעוועט דאָס קליין האלב יעהריגע מיידעלע מיט דיא שוואַרצע געקרייזעלטע הערעלאך און מיט דיא פייערינע אויגעלאך.

זיי האבען דאס קינד איינגעהילט אין א ווייסען ליילעך און האבען עס שפּעט אין דער נאכט אוועקגעלייגט אויף א שוועל פון אן אונבעקאנטע הויז, און אליין האבען זיי זיך אוועקגעלאָזען צום טייך. באלד וויא זיי זיינען צום טייך צוגעגאנגען, האט זיי זיך ווידער פערוואָלט לעבען, און זיי האבען זיך בעראטהען אוועקגען צו פוס נאך מאסקווא, פיעללייכט וועט דער טראַקטירשציק איבער זיי רחמנות האבען. נאך דיעזען בעשלוס, האבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו דער זעלבער הויז וואו זיי האבען זייער טאכטער אגראפינא אוועקגעלייגט, מיט דעם בעשלוס דאס קליין מיידעלע מיטצונעהמען וואוהין זיי געהן; אבער זיי האבען דאס קינד מעהר ניט געפונען, און זיי זיינען אליין אוועקגעגאנגען נאך מאסקווא.

דעם קינד אגראַפינא האט אויף דער שטראסע געפונען איינער א געוויסער שפּיאָן איוואַן זלאָדייקין, ער האט עס געוואָלט אפּגעבען אין „וואָספּיטאטעלני דאָם" (ערציהונגס־אנשטאלט) אבער דערזעהענדיג דאס שעהן מיידעלע מיט דיא שעהנע אויגעלאך און פון דער נאטור געקרייזעלטע שוואַרצע הערעלאך, האט ער עס זעהר ליעב בעקומען, ער האט אגראַפינא'ן צוגענומען צו זיך אין הויז אריין און האט איהר ערצויגען אלס זיינע א טאָכטער.

ער האט דאס מיידעלע פון דאס ניי אפּגעטויפט און האט איהר א נאָמען געגעבען נאך דער הייליגער יונגפרוי — מאריא. אין א האלב יאהר ארום האט זיך איוואַן זלאָדייקין בעזעצט אין חערסאָ, ווייל דער באַטיושקא צאַר קאט איהם דאָרט געהאט נייטהיג, און מאריא האט זיך גערעכענט פאר זיינס אן אייגען קינד.

דערווײלע איז אין מאָסקווא אָפּגעשטאָרבען דער טראַקטירשציק פון'ם „קופּעטשעסקי קאָבאַק" און זיין גאנצער פערמעגען איז איבערגעגאנגען צו זיין איינציגע טאכטער מאדאם אנטאָנאָווא. אנטאָנאָוו, וועלכער האט ניט געקענט זוכען עפּענטליך זיין קינד, ווייל עס האט איהם ניט געפּאסט וואס ער האט געלאָזען זיין קינד אין דער שטראַסע, איז אליין אוועקגעפאָהרען נאך טוּוער נאָכצופאָרשען וועגען זיין פערלאָרענע אגראַפינא. דארט האט זיך געפונען אן ארעמע קלוגע פרוי, וועלכע האט געהאט א קליין מיידעלע פון דיעזען אלטער און איז ניט געווען אין שטאנד איהר צו ערנעהרען; הערענדיג אז אנטאָנאָוו זוכט ארום אין טוּוער זיינס א פערלאָרענע מיידעלע, מיט געקרייזעלטע הערעלאך, האט זיא איהר קינד דיא שוואַרצע הערעלאך פערקרייזעלט,

און האט עס אוועקגעטראָגען צו אנטאָנאָוון. אנטאָנאָוו האט איהר בעצאָהלט פאר'ן היטען דאס קינד צוועלף הונדערט רובעל, און האט איהר מיידעלע מיטגענומען אין מאָסקווא אלס זיין קליין טאכטערעל אגראַפינא....

דערווייל האט זיך אנטאָנאָווס טאָכטער אגראפינע געהאָדעוועט אלס מאריא ביי דעם שפיאָן איוואן זלאָדייקין, און איז אויסגעוואָקסען זעהר א שעהן מיידעל פון דיא זעלטענהייטען אין חערסאָן. זיא האט גענאָסען א שעהנע היימישע בילדונג און איז געוועזן א קינסטלערין אין פיאנאָ שפיעלען; אבער איהר ערציהונג ביי א געהיים-אגענט אין הויז, דיא מענשען וועלכע פלעגען איהר פאָטערס הויז בעזוכען און דיא שמוציגע קאָמפלימענטען וואס זיא האט זיך פון איהר צוועלף יעהריגען אלטער אן אָנגעהערט, און אויבער דעם — איהר פערדארבענער כאראַקטער פון דער נאטור אליין, דאס אלעס האט מיטגעווירקט, אז זיא איז צו איהר זעכצעהן יעהריגען אלטער פערפיהרט געוואָרען פון'ם עהרליבען וועג דורך איינעם א געהיים-אגענט זווריעוו, וועלכער פלעגט אָפט איהר פאָטערס הויז בעזוכען. איהר לייכטזיניגע ליעבע האט זיא פערדעקט מיט א קינדער-מאָרד, און אזוי וויא זיא האט מורא געהאט צו פערבלייבען נאך אזא געשיכטע אין חערסאָן, איז זיא ענטלאָפען פון זלאָדייקינס הויז נאך „ניזשני נאָווגאָראָד". מיט א קורצע צייט שפעטער איז זווריעוו געקומען אין ניזשני. ער האט זיין ליעבער „מאריא זלאָדייקינא'ן" באלד געמאכט א פאספאָרט אויף א פרעמדען נאמען. זיך האט ער א נאָמען געגעבען „קאָזלאָוו" און איז דורך גוטע רעקאָמענדאציעס באלד אנגעקומען אלס געשעפט-פיהרער צו דעם באראָן געגעראלאָוו אין דער אימעניע איוואנאָווקא.... זלאָדייקינא מיט איהר פרעמדען פאספאָרט איז דארט אנגעקומען אלס אן ערציהערין צו ביידע קינדער, און דיא ענדע פון געגעראלאָווס פאמיליע איז שוין אונזערע לעזער לאנג בעוואוסט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מאריא זלאדייקינא, וויא אונזערע לעזער וויסען שוין, איז ארויסגעפיהרט געוואָרען דורכ'ן נייעם פריסטאוו יורקאָווסקי (פיליפאָוו) פון סווינייעוו'ס טראקטיר מיט א שווארצען פנים פון דער סאזע מיט דיא פעך וואס דער יונגער פראנט האט איהר פאר גרויס ליעבע אנגעשמירט. דאס גלעזעל בראנפען וואס דער יונגער דזשענטעלמאן האט איהר אין האלז אריינגעגאָסען, האט איהר אין א ווילע ארום אזוי צודולט, אז זיא האט ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט זיא איז. איהר צונג איז געוואָרען געלעהמט און זיא האט קיין וואָרט ניט געקענט אויסריידען. זיא איז אזוי אפגעפיהרט געוואָרען אין אוטשאסטאָק און דער פריסטאוו האט איהר אוועקגעלייגט אויף א באנק וואו זיא איז געלעגען און שטארק געחראָפעט.

— אנדריי! — האט דער פריסטאוו א געשריי געטהאן צו זיין סעקרעטאר — שרייב אויף א פראָטאָקאָל אז פריילין בערטהא מאטפייעוונא מאלליך, האט אין א בעטרונקענעם צושטאנד אויף טאגאנקא פערפיהרט א סקאנדאל אין א טראקטיר מיט עטליכע יונגע טרעמפס.

— סלושאיו׳ס, — האט אנדריי געענטפערט — אבער זוכט נור אונטער איהרע קעשענעס; עס מוז דאָך אין דעם פּראָטאָקאָל אלעס געשריעבען ווערען.

פּיליפּאָוו האט באלד פון איהר מאנטעל־קעשענע ארויס־געשלעפּט א קליין פערמאכטען פּעקעל. ער האט פאר אלע פּאָליציי־לייט אין דיא אויגען דאס פּעקעל אויפגעמאכט און אויפ׳ן טיש האבען זיך אויסגעשאטען ביי א צוויי דוצענד שמוציגע בילדער, וועלכע זיינען אין דער גאנצער וועלט פערוועהרט צו געהן אין פערקויף....

— חא, חא, חא! חע, חע, חע! — האט אויסגעפּלאצט א ווילדער געלעכטער פון א פאר צעהנדליג פּאָליצייסקע מיילכלאך.

דער פריסטאוו האט ווייטער אין דיא קעשענעס געזוכט; אבער ער האט דאָרט גאָר ניט געפונען.

— גענוג! — האט דער פריסטאוו טייפעלש געלאכט — שרייב אנדריי, דעם פּראָטאָקאָל; אבער פערגעס ניט צו שרייבען אז זיא איז טוידט שיכור און איהר געזיכט איז אזוי אָפּגעשוואַרצט אין סאזע און אין פעך, אז עס איז גאר אונמעגליך געווען צו דערוואשען.

— באלד וועט איהר איהם לעזען, הערר פריסטאוו — האט דער סעקרעטאר געזאגט און האט זיך גלייך גענומען צו דער פעדער.

— שרייב אין אין פּראָטאָקאָל — האט דער פריסטאוו ווייטער גערעדט — אז דער טראקטירשטשיק סוויניעוו האט זיך אויף בערטהא מאלליך בעקלאגט, אז זיא איז פון דיא ערגסטע מיידלאך, וועלכע בעזוכען זיין טראקטיר, זיא מאכט איהם א פאר מאל אין דער וואָך גרויסע סקאנדאלען.

— סלושאיו׳ס — האט דער סעקרעטער שרייבענדיג ערוויעדערט.

— אז דוא וועסט דעם פּראָטאָקאָל פארטיג מאכען — האט פּיליפּאָוו פאַרט־געזעצט — זאלסט דוא איהם גלייך אָפּקאָפּירען צוויי מאל, אום דיא קאפּיעס זאלען נאך היינטיגע נאכט אפּגעדרוקט ווערען אין „פּאָליצייסקי ליסטאָק״ און אין „מאָסקאָווסקי ליסטאָק״.

— סלושאיו׳ס!

דער סעקרעטאר האט דעם פּראָטאָקאָל אויפגעשריעבען. יורקאָווסקי האט איהם דורכגעלעזען און איז ענטציקט געוואָרען.

— ביסט א גוטער קינסטלער, אנדריי — האט ער צו זיין סעקרעטאר ליעבליך געזאגט — דער פּראָטאָקאָל איז גראָסארטיג.

אנדריי האט באלד נאך יורקאָווסקי׳ס אונטערשרייבען, דעם פּראָטאָקאָל אפּגעקאָפּירט, און האט זיין פריסטאוו איבערגעגעבען דריי פּאפּירען.

— יעצט צו אָפּענבאכען! — האט דער פריסטאוו בעפוילען.

צוויי אקאָלאָדאָטשניקעס האבען זיך א נעהם געטהאן צו זלאדייקינא׳ן און האבען איהר געוואָלט ארויסטראגען פון קאנצעלאריע; אבער פּלוצלינג האט זיך דערהערט א קלונג אין טעלעפאָן.

יורקאָווסקי איז צו איהם צוגעלאָפען.

— ווער רעדט? — האט ער איבערראשט געפרעגט.

— זייט איהר דער פּריסטאוו?

— איך בין עס.

— אַ געהיימנים! — האט זיך געהערט אַ שטאַרקע שטימע — קיינער טאָר אין צימער ניט זיין.

— סלושאיו׳ס — האט יורקאָווסקי אַריינגעשריען און האט אַ וואונק געטהאָן צו זיינע משרתים, אַז זיי זאָלען אַרויסגעהן.

יורקאָווסקי איז פערבליעבען אַליין אין צימער.

— ווער רעדט? — האט יורקאָווסקו געפרעגט.

— חיטראָוויצין — האט ער בעקומען אַן אַנטוואָרט.

יורקאָווסקי איז איבערראַשט געוואָרען. אַזוי שפּעט אין דער נאַכט זאָל חיטראָוויצין מיט איהם ריידען דורכ׳ן טעלעפאָן.

— וואס האט פּאַסירט? — האט דער פּריסטאוו געפרעגט.

— אַ שרעקליכער אירתום, וואס קען דיך פעראונגליקען. די בעטרונקענע איז ניט בערטהא מאַלליך.

פיליפּאָוו האט אַ ציטער געטהאָן.

— וויא אַזוי האט עס פּאַסירט?

— קרוגאָזאָראָוואַ האט אַ טעות געהאַט. זיא האט מיר נור וואס אָפּגע־מעלט איהרע „פּרעמעטען״, און איך וויים בעשטימט, אַז דאס איז ניט בערטהא מאַלליך.

— קענסט דוא מיר ניט זאָגען ווער זיא איז? — האט איהם פיליפּאָוו צו־רודערט געפרעגט — איך פירכטע, צו איך בין שוין אין אונגליק ניט אַריינגעפאַלען.

— ווער זיא איז וויים איך נאָך ניט בעשטימט; נור לויט וויא קרוגאָזאָראָוואַ האט איהר פאַר מיר אָפּגעמעלט, שיינט זיא צו זיין די שפּיאָנין מאַריא זלאַדיי־קינא.... אַ בעווייז דערצו איז אויך דאס, וואס זיא האט זיך אָנגעגעבען פאַר קרוגאָזאָראָוואַ׳ן מיט בערטהא׳ס נאָמען.

— איך בין פערלאָרען חיטראָוויצין!

— ניין, יורקאָווסקי. זיא וועט זיין בעטרונקען ביז טאָג. אין דעם שנאַפּס איז געוועזען אַ פּאָרציאָן מאָרפיום. און דוא פיהר זיא אַוועק ערגעץ אין אַ שפּיל־האס און לאָז איהר דאָרט ליעגען. זיא וועט ניט וויסען פון איהר קאָפּ צו זאָגען.

— עס ווייסען שוין דערפון ביי אַ צוואַנציג פּאָליסלייטע.

— אַז איין אָן אוטשאַסטאָק זאָל זיך קיין געהיימנים ניט איינהאַלטען, טוינסט דוא ניט יורקאָווסקי פאַר אַ פּריסטאוו.

יורקאָווסקי האט זיך פערטראַכט.

— וואוהין זאָל איך איהר אַוועקפיהרען?

— אויף „צוועטנאַי בולוואַר״, נעגען דעם האָטעל „ערמיטאַזש״. דאָרט איז שטיל וויא אויף אַ פרידהאָף (בית חיים) און דאס וועט נאָך פיעללייכט בריינגען נוצען.... אבער פאַרזיכטיג: יורקאָווסקי.

— איך דאַנקע, חיטראָוויצין!

באלד האט יורקאָווסקי צוגערופען אלע זיינע אקאָלאָדאטשניקעס און האט פאר זיי נעהאלטען א קליינע רעדע.

— איך האב מיך דערוואוסט — האט ער צו זיי געזאגט, — אז דורך אן אירטהום איז דיעזע דאמע אריינגעפאלען אין א טראקטיר. זיא איז זעהר אן עהרליכע און א הויכגעשטעלטע פרוי; נור אזוי וויא מיר קענען אלע דאדורך ליידען, אז אין אונזער קווארטאל זאל זיך געפינען אזא שמוציגער טראקטיר, וואו מען בעהאנדעלט אזוי אן עהרליכע דאמע; דארום איז ראטהזאם אז מיר זאלען אלע זעהן דאס דיא זאך זאל בלייבען פערדעקט....געפעהלט עס אייך?

— וואס אונזער פריסטאוו וועט אונז הייסען, דאס וועלען מיר ערפילען — האבען איהם אלע איינשטימיג ערוויעדערט.

— אלזאָ, — האט יורקאָווסקי שטרייננ געזאגט — בעפעהל איך, אז דיא זאך זאל פערבלייבען א געהיימניס. ווער עס וועט א י י ן וואָרט אויספלוידערען פליהט אראָפּ פון זיין שטעלע; אבער דער וואס וועט פערשוויינען, פערבלייבט אויף זיין פאָסטען זא לאנג איך וועל זיין א פריסטאוו.

— סלושאיעם! — האבען אלע אין איין קול אויסגעשריען.

— אלזא נעהט אלע אויף אייערע שטעלען — האט זיי יורקאָווסקי געהייסען. אלע זיינען פערנייגענד אוועקגעגאנגען.

דער פריסטאוו האט אנגעקלונגען און זיינע א פאָר פערטרויטע אקאָלאָדאָטשניקעס זיינען צו איהם אריינגעלאפען.

— איהר האָט מיר געהאָלפען דיא דאמע ארעטירען — האט ער צו זיי לאננזאם און ערנסט געזאגט — העלפט מיר יעצט פון איהר בעפרייט צו ווערען. נעהמט און פיהרט זיא אוועק צו „צוועטנאָי בולוואר” און לייגט איהר דאָרט אוועק אויף א באנק. אבער פון חדר ניט א וואָרט!....

— סלושאיעם! — האבען דיא אקאָלאָדאָטשניקעס רעספעקטפאָל ערוויעדערט, און מיט א האלבע שטונדע שפעטער איז שוין דיא שווארצע מאריא זלאָדייקינא געלעגען אויף א באנק אויף צוועטנאָי בולוואר ריכטיג געגענאיבער דעם גרויסען האָטעל „ערמיטאזש”.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אונזערע לעזער ווייסען, אז איידער מאריא זלאדייקינא איז אוועקגעפאהרען שפּיעלען איהר בלוטיגע ליעבע מיט פּאוועל אנדריאנוו אלס באראָנסא קסעניא אנדרייעוונא האט זיא זיך מיט אנטאָנאָוו׳ן צוליעב דיא אכט און צוואנציג טויזענד רובעל צוקריגט, אז זיא איז אזוש געווען געזאָנגען איהם מכבד צו זיין מיט אלעק־סייעוו׳ס באָמבע. דער עהרליכער אנטאָנאָוו, אבוואהל ער האט געוואוסט, אז דיא מאבערקע איז א שפּיאָנין, דאָך האט ער ניט געקענט גלויבען אז ער זאל דארפען צאָהלען אומזיסטע געלד. ער איז געווען איבערצייגט, אז קיינער האט דער שפּיאָנין אין זיין האָטעל ניט בעננבעט, און אזוי וויא אין זיין גרויסען האָטעל, וועלכער איז איינער פון דיא רייכסטע ניט נור אין מאסקווא, זאנדערן אויך אין גאנץ אייראָפּא. זיינען געווען פון איהם אימער אנגעשטעלט פיער, פינף פּריוואט־שפּיאָנען, אכטונג

צו געבען אויף דיא געסט, האט ער גוהאט געהיימע ציינע (עדות), אז זלאדייקינא האט זיך ביי נאכט אהנע שמוק און מיט א צוריסענע קלייד אריינגעגנב'עט דורך א הינטער טהיר אין איהר צימער. זיינע פריוואט דעטעקטיווס האבען דאס דאמאלס גוט געזעהן. דערמיט איז ער געווען ביי זיך גאנץ שטייף און ער האט זיך ערלויבט דער שפּיאָנין פון זיין צימער ארויספיהרען, ווען זיא האט איהם שטארק בעליידיגט. איהם האט עס אבער טהייערער געקאָסט.

אום זעקס אוהר אין דער פריה האט זיך זלאדייקינא ערוואכט פון איהר־שלאָף און האט לעבען זיך אויף דער באנק דערזעהן א יונגען אָבעדריאנעץ (טרעמפּ) מיט באָרוועסע פיס און מיט א רויטהע פערשיכורטע נאָז. זיא איז אנפאנגס געווען, וויא צודולט, דער קאָפּ האט זיך איהר געדרעהט און אין דיא אויגען האט איהר געשווינדעלט.

זיא האט מיט ווילדע בליקען אנגעקוקט דיא געדיכטע ביימער פון דעם ברייטען און לאנגען בולוואר.

— ווער האט עס דיר אזוי אפּגעשווארצט, מיין קעצעלע? — האט איהר דער אָבעדריאנעץ געפרעגט—מאלע וואס מען שיכורט זיך אָן? פּ־פּע, עס איז דאך איינפאך א חרפּה אויף דיר א קוקצוטהאן.

— וואו בין איך דאָ? — האט זיא דעם טרעמפּ געפרעגט און האט פיבערייש געציטערט.

— וויא הייסט אוואו ביסט דוא דאָ? — האט דער אָבעדריאנעץ מיט א שיכורן שמייכעל געפרעגט — ווייסט דוא דען ניט, מיין קעצעלע, אז דוא ביסט אין מאסקווא? לעבען זאל דיין קעפּעלע מיין פויגעלע, פאר אזא אינטערעסאנטע פראגע. אָט ניט ווייט פון דאנען זיינען פרעהליכע הייזקעלאך, אָט איז סאלאָמאָנ־סקעס צירקוס מיט דיא זעקס־פּיסיגע פערד וואס פליהען אין דער לופטען וויא וואָראָבייטשיקעס און יונגע מיידעלאך וויא דוא, מיין קעצעלע, היינגען מיט דיא קעפּ אראָפּ אויף זייערע ווידלען; אָט איז איין באָד, אָט איז דיא צווייטע, עס געהט אזש א פארע דורך דיא פענסטער, אז עס איז א מחיה א קוקצוטהאן; אָ, זיינען דאס בעדלאך! מען קען זיך אין זיי לייכט אויס־זבטערען אום נאך א מאל אריינצוגיעסען....

— גוואלד וואו בין איך דאָ? ווער זייט איהר? — האט זלאדייקינא רייבענד דיא אויגען געקווטשעט.

— אין מאָסקווא, מיין קעצעלע, -- האט דער אָבעדראניעץ ווייטער גערעדט — אויף מיין וואָרט אין מאָסקווא. אָט זיינען דיא קאבאקען וואס זיינען אונז מחיה מיט סמירנאָווקע און פּאָפּאָווקע (בראנפען פון סמירנאָווס און פּאָפּאָווס זאוואָדען). זיי זיינען אבער יעצט צוגעשלאסען, מען וויל אונז יעצט דארט ניט אריינלאָזען חאטש פיינקע, חאָטש ווער צוזעצט און שטעק דעם צונג ארויס. אָט איז דער גרויסער האטעל „ערמיטאזש" וואו געבראטענע ראקעס קריכען ארום לעבעדיג אויפ'ן דאך. זעהסט דוא, מיין קעצעלע, וויא דארט איז נאך ליכטיג; אבער דער שווארץ יאהר ווייס זיי, זיי ווילען אונז דאָרט ניט אריינלאָזען. קום מיין קעצעלע, אפשר וועט מען

דיר מיט דיין שווארץ פּנים'על אין'ם „ערמיטאזש" אריינלאזען, און דיין זכות וועל איך אויך דערווייל געניסען. איך האב געהערט, אז זיי האבען דארט זעהר ליעב ציגאנקעס און דוא, מיין טייבעלע, ביזט נאך שווארצער פון א ציגאנקע. עס איז פּשוט ניטא וואו א קוש צו טהאָן, דיא ליפּען קענען נאך שווארץ ווערען.

זלאדייקינא האט ווילד אנגעקוקט דעם „טרמיטאזש" און האט זיך ביסלאבּווייז אנגעהויבען צו דערמאהנען וואו זיא איז דא און וואס האט מיט איהר פּאסירט. דערווייל האט איהר דער שכורער טרעמפּ אומגעהאלדזט און האט געזוכט א ווייסען פּלאץ וואו א קוש צו טהאָן.

— צום טייפעל! — האט זלאדייקינא געליארעמט און האט דעם טרעמפּ געשענקט א פּראסק אין זיין רויטהע נאז.

דער אָבעדרגאנעץ האט איהר געשיינקט א פּאטש צוריק און האט זיך פּערמאסטען פאר גרויס ליעב'שאפט איהר אראָפּלאזען נאך איינעם; אבער זיא האט זיך גלייך פון דעם ערשטען פּאטש, וועלכער איז געוועזען זעהר א הייסער, אויסגעניכטערט און האט געמאכט א ליארעם.

דער טרעמפּ האט געמאכט פיס און אן אקאלאדאטשני איז אין א פּאר מינוטען שפּעטער צו איהר צוגעגאנגען.

— ווער ביזט דוא? — האט ער איהר שטרענג געפרעגט; און דערזעהענדיג איהר אָפּגעשמירטע צורקע, האט ער זיך ניט געקענט איינהאלטען פון לאכען.

— ווער איך בין וועל איך דיר באלד ווייזען, שורקע, — האט זיא איהם צארניג ערוויעדערט, און ריידענדיג האט זיא אריינגעשטעקט איהר האנד אין בוזים און האט פון דארט ארויסגעשלעפּט א שפּיאָנישען מעדאליאָן.

— ענטשולדיגט מיר, — האט זיך דער אָקאלאדאטשני רעספּעקטפאָל פּערענטפערט — איך האב מיר ניט געקענט פארשטעלען צו זעהן א געהיים-אגענטין אין אזא פּאָזע. איהר זייט דאך אין גאנצען שווארץ וויא א קוימענקעהרער.

— פיהר מיך גלייך אוועק אויף א דראָשקע צו אָפּענבאכען! — האט זלאָדייקינא געביטעריש אויסגעשריען.

— סלושאיום!

דער אקאלאדאטשני האט איהר אראָפּגעפיהרט פון'ם בולוואר און האט זיך גלייך געזעצט מיט איהר אויף א דראָשקע.

אין א פיערטעל שטונדע ארום איז זיא געזעסען אין א בעזאָנדערן צימער מיט'ן ערשראָקענעם אקאלאדאטשני.

— דיא מינוט דעם נאטשאלניק אפּענבאכען אויפוועקען! — האט זלאדייקינא בעפאהלען א געהיים-אגענט.

אין א האלבע שטונדע ארום איז אפּענבאך אריין אין צימער.

— דערקאנט איהר מיך עקסעלענץ? — האט איהם זלאָדייקינא ווייגענד געפרעגט.

— פריילין זלאָדייקינא! — האט אפּענבאך פערברעכענד מיט דיא הענד אויסגעשריען — אָי, וואס איז דאס?

— ווייסט איהר וואס מיט מיר האט פאסירט? — האט זלאַדרייקינא יאמערליך גערעדט.

— זאגט מיר, פריילין, וואס גיכער; איך בין אויסער זיך!

— דאס האט מיר געטהאן א מאסקווער מילליאָנער — האט זלאַדרייקינא וויינענד געזאגט.

— א מאסקווער מילליאָנער? — האט אפענבאך פערוואונדערט און איבערראשט געפרעגט — איך וואלט וועלען וויסען וויא ער הייסט. דאס וועט איהם קאסטען זעהר טהייער.

— ער הייסט אנטאָנאָוו, ווייסט איהר שוין ווער ער איז?

— אנטאָנאָוו, דער איינגעטהימער פון'ם האטעל ערמיטאזש?

— ער, דער אויסוואורף, האט עס מיר געטהאן, — האט זלאדרייקינא מיט א קוויטשענדען געוויין געשריען — פריהער האט ער מיך בדלות געשטעלט און נאכהער וויא איך האב געמאהנט ביי איהם מיין געלט, האט ער מיר אפגעשווארצט דאס געזיכט און אריינגעגאסען מיט גוואַלד אין מויל א גרויסע דאזע מארפיום אדער אָפּיום....

אפענבאך האט פאר פערדרוס אזש א ציטער געטהאן.

— דאס איז א הימעלשרייענדער פערברעכען! — האט ער צארניג אויסגעשריען.

— דער טיראן האט מיך געוויס געוואלט פערגיפטען — האט דיא בעסטיע ווייטער מיט דעם זעלבען וויינען גערעדט — ער האט מיך אזוי צודולט מיט דאס גלעזעל וואס ער האט מיר אין האלז אריינגעגאסען דאס איך קען נאך אויך יעצט ניט האלטען גלייך מיין קאפ. איך האב מיך ערוואכט אום זעקס אוהר מארגענס און האב זיך ארומגעזעהן דאס איך ליעג גאר אויף א בולוואר.

— טאק טאָטשנאָ'ס, וואשע פרעוואָסחאָדיטעלסטווא! (אזוי איז עס אייער עקסעלענץ) — האט דער אקאלאדאטשני רעספעקטפאל געזאגט — איך האב דיזע דאמע געפונען אויפ'ן בולוואר געגענאיבער דעם ערמיטאזש.

— ווען איז עס געשעהן? — האט אפענבאך ציטערענד ביי אלע גלידער איהר געפרעגט.

— אום עלף אוהר אבענדס — האט איהם זלאדרייקינא ערוויעדערט — און אום זעקס אוהר מארגענס, האב איך מיך ערוואכט אויפ'ן בולוואר לעבען א שכורען טרעמפ.

— דער גאלגאן וועט פאר איהם ווניג זיין! — האט אפענבאך טופענדיג מיט דיא פיס געליארעמט.

ער איז ביי דיא לעצטע ווערטער אריינגעלאפען אין זיין קאנצעליאריע און האט צוזאמענגעקליבען ביי א צעהן פון זיינע בעדיענטע.

— באלד זאל ארעטירט ווערען אנטאנאוו! — האט אפענבאך געדאנערט — פון בעט איהם ארויסשלעפען וויא א הונד!

— סלושאיעם, וואשע פרעוואסחאדיטעלסטווא!

און מיט א שטונדע שפעטער איז שוין אנטאנאוו געזעסען אין א פינסטערן אונטעראירדישען קערקער.

55טעס קאפיטעל.

מען זארגט פון צוויי זייטען.

אונזער בעקאנטער אברהם שטיין הערט ניט אויף צו זוכען דעם טראקטיר-משיק טימאפיי מיכיילאוו, וועלכער איז יענע נאכט דורך אלעקסייעווס הויז מיט זיין קאמעראד (חיטראוועין) פערשוואונדען געווארען. פון איין זייט טהוט ער עס צוליעב דעם מילליאנער מאראזאוו, וועלכער האט איהם אויף דעם אנגעשטעלט, וויל יעצט איז גאר קיין צווייפעל ניט אז טימאפיי האט מאראזאווס פריקאזטשיק ערמארדעט, און פון צווייטען זייט טהוט עס שטיין צוליעב גרינבערג'ן, וועלכער איז בעשולדיגט אין א שרעקליכען מארד-בראנד.

אבוואהל שטיין ווייס אז יעצט האלט עס מיט גרינבערג'ן פיעל בעסער אלס פריהער, דען וויא באלד טימאפיי איז בעטראכט פאר א מערדער, קען לייכט דיא בעשולדיגונג פון גרינבערג'ן הערונטערפאלען; אבער שטיין פערגעסט ניט איין ווײלע דיא אידישע לאגע אין מאסקווא. ער ווייס אז דיא שמוציגע בלעטעל פאסטוחאווס „מאסקאווסקי ליסטאק" האט פיעל מעהר צו זאגען וויא דער בעסטער אדוואקאט, וועלכער האט זיך אויסגערופען גרינבערג'ן צו פערטהיידיגען, און יענע שמוציגע און לומפיגע בלעטעל שיט יעדען טאג פייער אויף אלע אידען אין אלגעמיין און אויף גרינבערג דעם מארד-ברענער בעזאנדערס, און דאס בעוועגט שטיינען פלייסיגער זיך נעהמען צו דער ארבייט און אויפזוכען טימאפיי דעם מערדער.

שטיין האט אנפאנגס זיך געפונען יעדען טאג אין אלע מאסקווער גאסען און הינטער־געסלאך, פיעללייכט וועט ער ערגעץ דערקענען טימאפייען אדער זיין קא־מעראד מיט וועלכען ער איז יענעם אבענד פערשוואונדען; ענדליך אבער האט ער זיך בערעכענט אז דאס איז אן אומזיסטע ארבייט. ער האט גוט פערשטאנען, אז אויב טימאפיי געפינט זיך אין מאסקווא, וועט ער זיך דיא ערשטע צייט אויף דער ווייסער וועלט ניט ווייזען און זיין אונבעקאנטען קאמעראדס געזיכט האט ער פון איין מאל זעהן ניט גוט געדיינקט. אלזא, האט זיך שטיין בעשלאסען גאר אנדערע מיטלען אנצו-ווענדען. ער האט עפעס אויפגעטהאן א נייעס און ער איז גלייך געקר־מען צו מאראזאוו'ן מיט א בעזוך.

דער מילליאנער האט איהם ליעבליך עמפפאנגען און האט איהם לעבען זיך אוועקגעזעצט.

— הערר שטיין — האט מאראזאוו מיט א פריינדליכען שמייכעל געזאגט — אומזיסט האט איהר זיך געשראקען מיר צו פערטרויען וועמען מיר האבען אין מאסקווא פאר א גאלאווא.

— מיר אידען — האט איהם שטיין געענטפערט — מוזען זיין פארזיכטיג מיט א ווארט. מיר זיינען א פערפאלגטעס פאלק, מיר טארען זיך קיין שלעכטעס ניט אויסדריקען געגען אונזערע הערשער, האטש מיר ווייסען א פולע....

— איהר זייט א קלוגער מענש, הערר שטיין, און איהר האט רעכט — האט איהם מאראזאוו ליעבליך ערוויעדערט — איהר האט מיר אָפּגעשיקט צו דעם רייכען לעדער־הענדלער קאָלצאָוו און ער האט מיר דערציהלט גאר שרעקליכעס.

— וואס אייך וואלט שווער געוועזן שטיינען צו גלויבען? — האט איהם שטיין מיט א לאַבענדע מינע געפרעגט.

— איך זאג אייך טאקי די ריינע וואהרהייט, אז עס איז מיר יעצט אויך שווער צו גלויבען אז אלעקסייעוו זאל פיהרען אזא סקאנדאלפאָלען לעבען — האט מאראזאוו מיט אן ערנסטע שטימע איהם געזאגט — ער האפט גאר מיידלאך אויף זיין קיביטקע און פערלאזט זיך אז דאס וועט פערשוויגען ווערען, ווייל זיי וועלען זיך שעהמען אויסצואָגען. דאס איז עפעס א מעטארדע פון א ווילדען אזיאט.

— און מעהר האט איהר גאר ניט געהערט? — האט איהם שטיין מיט א שמייכעל געפרעגט.

— וויא די וואהרהייט האב איך שוין מעהר ניט געוואלט הערען.

— און ווענען דער גזעלשאפט?

— דאס איז הימעל־שרייענד — האט מאראזאוו העכסט אויפגעבראכט גע־רעדט — צו אזעלכע שמוציגע לומפערייען, עקזעסטירט נאך א גאנצע געהיימע געזעלשאפט, אין וועלכע עס נעהמען אנטהייל די פארנעהמסטע פון דער רוסישער אריסטאָקראטיע אין מאָסקווא!

— אלזא האט איהר שוין א בעגריף ווער זיינען אידישע פערפאָלגער? — האט איהם שטיין מיט אן ערנסטע שטימע געפרעגט.

— איך בין העכסט איבערראשט — האט מאראזאוו געזאגט — וויא באלד אונזער גאָלאָווא איז שוין יא אזא שעהנער מענש, איז לייכט צו גלויבען, אז ער האט טימאפיי'ען מיט זיין אונבעקאנטען קאמעראד טאקי געגעבען שוין, און זיי בעווארענט פון פערהאפטונג.... ווער קען וויסען צו ער שטעהט ניט מיט אזעלכע מענשען אין פערבינדונג?

— אלזאָ, הערר מאראזאוו, לאָמיר דאס אפלייגען אן א זייט — האט שטיין נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — די וועלט וועט זיך פיהרען וויא זיא האט זיך ביז אהער געפיהרט, עס וועלען עקזעסטירען פערפאָלגער און פערפאָלגטע, און די הויכגעשטעלטע מענשען וועלען אייביג בלייבען גערעכט. מיר עהרליכע מענשען מוזען דערוויילע עפעס אויפטהאן, אז בעוואוסטע מערדער זאלען אפגעצאָהלט ווערען און אונשולדיגע זאלען אזוי שטארק ניט ליידען.

— איך זעה, אז איהר האט א גאנצען פעקעל מיט נייעס, — האט מאָראַ־זאוו ליעבליך געזאגט.

— ניט קיין גאנץ וויכטיגע — האט שטיין ערוויעדערט — אבער מעגליך, אז דאס וועט צו וויכטיגעס פיהרען. איך בין דערגאנגען, אז דער אנטלאָפענער ראז־באָיעוו טימאָפיי'ס שוואָגער, האט געהאט אין מאָסקווא א ווייב מיט צווי קליינע קינדער, מיט וועלכע ער האט טאקי געוואוינט ביי זיין שוואגער טימאָפיי מיכיילאָוו

אין הויז, און אויף מאָרגען נאָך טימאָפּיי'ס פערשווינדונג איז אויך דעם אנטלאָפענעם ראזבאָיעווס ווייב פערשוואונדען.

— דאס איז ווירקליך וויכטיג צו דער זאך — האט איהם מאראזאוו נעענטפערט — אבער איך גלויב, אז דער סליעדאָוואטעל פון גרינבערגס פּראָצעס האט עס שוין געוויס נאכגעפאָרשט און ער וויים עס פריהער פון אייך.

— אָ, הערר מאראזאוו — האט שטיין אונרוהיג געזאגט — עס ליעגט מיר וועגען דעם א שווערער שטיין אויפ'ן הארצען, איך קען עס גאר ניט ארויסריידען.

— מיר, פריינד, מעגט איהר עס פערטרויען — האט איהם מאראזאוו פריינדליך ערוויעדערט.

— דא איז אזא געשיכטע — האט שטיין אונמוטהיג איהם געענטפערט און האט עטוואָס שטילער גערעדט — איך בין דערגאנגען, אז דא האנדעלט זיך אביסעל פאלש.

— איך קען יעצט אלעס גלויבען — האט מאראזאוו מיט א זיפץ געענטפערט — אז מיר האבען אזא גאלאָווא אין מאָסקווא און פיעל הויכגעשטעלטע מענשען שטעהן מיט איהם אין פערבינדונג דורכצופיהרען הימעלשרייענדע סקאנדאלען, איז שוין אלעס מעגליך.

— אלזאָ, הערר מאָראזאָוו, זאלט איהר וויסען, אז דער סליעדאָוואטעל מארטין איז אין גרינבערגס פּראָצעס פאלש, און דאס קען מאכען, אז מיר זאָלען טימאָפּיי'ען אדער זיין שוואָגער קיינמאָל ניט אויסגעפונען.

— איך בין זעהר נייגיעריג צו וויסען וואס האט איהר דערגאנגען.

— איך בין דערגאנגען נאר א קליינינקייט, אז דער סליעדאָוואטעל אליין האט מיטגעווירקט דאס ראזבאָיעווס ווייב זאל אוועקפאָהרען.

— דאָס איז שרעקליך! — האט מאראזאוו פערברעכענד מיט דיא הענד אויסגערופען — ניט עס שוין נאר קיינע גערעכטיגקייט אין רוסלאנד?

— איהר זעהט דאך, — האט שטיין שאָקלענד מיט'ן קאָפּ געזאגט.

— הייגט ערקלערט מיר, הערר שטיין, צוליעב וואס פאר א ציעל האט ער עס געטהאן? — האט מאראזאוו נאך א קורצען נאכדענקען געפרעגט.

— צוליעב וואָס פאר א ציעל האבען דיא סליעדאָוואטעלס אזוי פערדרעהט דיא בלוט-בעשולדיגונג געגען דיא אידען אין טיסא-עסלאר? — האט שטיין העכסט אויפגעבראכט גערעדט.

— גלויבט איהר איינפאך, אז דער סליעדאוואטעל מארטין וויל גרינבערג'ן אונגליקליך מאכען? — האט מאראזאוו פאָרטגעזעצט.

— ווען דא וואלט זיך האנדלען וועגען גרינבערגס פערזענליכקייט אליין, — האט שטיין טרויעריג געזאגט — איז מעגליך אז דער סליעדאָוואטעל וואָלט עס ניט געטהאן; נאר אזוי וויא דורך גרינבערגס בעשולדיגונג פאלט א פלעק אויף אלע מאָסקווער אידען, און דער יודען-פרעסער פאסטוכאָוו ארבייטעט מיט דיא זייטען, אז גרינבערג זאל אלס מאָרד-ברענער פעראורטהיילט ווערען, איז ביי מיר קיין צווייפעל ניט, אז מארטין איז דא אין גאנצען פאלש.

— פון וואנען ווייסט איהר עס, אז מארטין האט מיטגעווירקט דאס דעם אנטלאָפענעם ראזבאָיעווס ווייב זאל אוועקפאָהרען? — האט איהם מאראזאוו מיט גרויס נייגירדע געפרעגט.

— איך האב עס ערפאהרען פון ראזבאָיעווס ווייב אליין — האט איהם שטיין מיט א ביטערן שמייכעל ערוויעדערט.

— האט איהר דען געזעהן ראזבאָיעווס ווייב? — האט מאראזאָוו מיט א פערוואונדערטע מינע געפרעגט — איהר זאגט דאך, אז זיא איז אוועקגעפאָהרען.

— זיא איז טאקי אוועקגעפאהרען; אבער איך האב איהר געזעהן.

— זייט איהר צו איהר געפאהרען? — האט מאראזאוו אונטערבראָכען.

— וואס דען, איך וועל שווייגען?

— היינט דערצעהלט-זשע מיר הערר שטיין, דיא גאנצע געשיכטע — האט איהם מאראזאוו גאנץ ערנסט געבעטען.

— דיא געשיכטע איז קורץ און שארף — האט שטיין ערוויעדערט — איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז איך וועל טימאָפייען אזוי גיך ניט אויסגעפינען, און דעם פערזאן מיט וועלכען ער איז פון אלעקסעיעווס הויז פערשוואונדען, וועל איך אזוי לייכט ניט דערקענען. אלזא, האב איך מיך בעשלאסען נאכצופאָרשען וועגען דעם פערשוואונדענעם ראזבאָיעוו'ן, פיעללייכט וועל איך איהם ערגעץ דערטאפען. איך האב נאכגעפאָרשט וועגען איהם אין פּרעאָבראזשענסק און איך האב מיך וועגען איהם אנגעהערט פערשיעדענע שלעכטע מיינונגען פון אלע דיא וואס האבען איהם געקענט, און איינער פון זיינע נאהנטע בעקאנטע האט מיר דערצעהלט, אז זיין ווייב האט פעררייזט איינינע טעג נאך טימאָפיי'ס פערשווינדונג אין דאָרף אריין, וואו זיא איז געבארען. איך בין באלד דערגאנגען דעם נאָמען פון יענער דאָרף אין טווערסקאָי גובערניע און איך בין צו איהר אוועקגעפאהרען.

— איהר זייט א פעהיגער און טהעטיגער מענש! — האט מאראזאוו מיט א פריינדליכע מינע אונטערבראָכען.

— ליידער אבער — האט שטיין פאָרטגעזעצט — האבען אלע מיינע ליסטיגע מיטלען, וועלכע איך האב אנגעווענדעט פון איהר עפּעס וויכטיגעס צו דערגעהן, ניט געפיהרט צו דעם ערווינשטען צ״על. זיא האט מיר מעהר ניט דערצעהלט, אז זיא ווייס ניט, וואו איהר מאן איז אהינגעקומען און ווען דער סליעדאָוואטעל מארטין האט איהר גענומען אויף א פערהער, האט ער איהר געזאגט, אז ער האט איהר מעהר ניט נעטהיג, און דעמזעלבען טאָג געגען אבענד האט זיא בעקומען דורך אן אונבעקאנטען מאן א פערמאכטען קאָנווערט, אין וועלכען זיא האט געפונען דריי הונדערט רובעל און דער מאן האט איהר געהייסען אין'ם נאמען פון דעם סליעדאָוואטעל פעררייזען פון מאָסקווא.

— עס גלויבט מיר זיך ניט, אז א סליעדאָוואטעל זאל זיך אזוי נ א ר ר י ש בענעהן — האט מאראזאוו נאך א קורצען נאכדיינקען געזאגט — ערשטענס ווארום האט ער געשיקט געלד און צווייטענס, האט ער געקענט מאכען פיעל קליגער ווען ער וואלט איהר ניט וועלען האבען אין מאסקווא. דיא סליעדאָוואטעלס זיינען

מייסטענס דורכגעטריבענע יונגען. עס איז שווער צו גלויבען, אז א סליעדראָוואטעל זאל טהאן א זאך וואס מען קען עס לייכט דערגעהן.

— איך האב עס אבער פון איהר מויל געהערט – האט שטיין ערוויעדערט— און ווארום זאל איך ניט גלויבען, אז ער האט איהר געגעבען געלד? שפּיעלען דען עפּעס דריי הונדערט רובעל א ראָליע ביי דיא וואס ווינשען צו זעהן דיא גאנצע אידישע נאציאָן אויפ'ן גאלגאן?

— דאס וועל איך אייך נאכגעבען, הערר שטיין; אבער איך קען אויף קיין ארט ניט גלויבען, אז א סליעדראָוואטעל, אַן אויסגעמאכטער יונג, זאל שיקען זאגען אין זיין נאמען א מערדערס א פרוי, אז זיא זאל אפּפאהרען.

— וויא דיא וואהרהייט קומט עס מיר אויך זאָנדערבאר פאָר, — האט שטיין ערוויעדערט — אבער שנאה פערבלענדעט אמאל דיא אויגען, דיא קלינגסטע מענשען וויא זיי דערגעהן צו אנטיסעמיטיזמוס בענארריעשען זיך. מיר ווייסען עס פאקטיש דורך דיא טהאטען פון אלע אונזערע פיינדע אין דער גאנצער וועלט.

— ניין, הערר שטיין, — האט מאראזאוו געזאגט — איהר זייט זעהר א קלו־נער מענש: אבער אייער ליעבע צו אייער נאציאָן, גראדע וויא דיא פיינדשאפט פון דיא אנטיסעמיטען פיהרט אייך אביסעל פון פערנינפטיגען וועג אראפּ. איך האב אייך ניט וואס צו פערדיינקען; אבער איך אלס זייטיגער מענש, וועלבער קוקט אויף דעם אונפּארטייאיש און גלייכגילטיג, קען אויף קיין פאל ניט גלויבען, אז א קלוגער סליעדראָוואטעל זאל זא וואס טהאן. איך זאג אייך ניט, אז איהם זאל עס ניט לאזען זיין געוויסען, אדער זיין ליעבע צו גערעכטיגקייט. איך וועל זאגען וויא איהר זאגט, אז שנאה קען צו אלעס דערפיהרען; אבער דער פערשטאנד דערלאזט עס ניט. א קלוגער מענ'ש און דערצו נאך א סליעדראָוואטעל וועט ניט טהאן אזא זאך, דורך וועלכע ער קען לייכט ארייגפאלען. ווען ער וואלט עס יא געטהאן, וואלט ער שוין געפונען א מיטעל, אז דעם מערדערס פרוי זאל ניט וויסען, אז ער וויל איהר ניט האבען אין מאָסקווא.

— איך וועל אייך שטעלען א פראגע, — האט שטיין נאך א קורצען שטיל־שווייגען געזאגט — וויא איז נאך אייער מיינונג? בעדארף האבען א סליעדראָוואטעל פון אזא מאָרד פּראָצעס דעם מערדערס ווייב אויף א פערהער, אדער ניט?

— געוויס יא, און אמאל נאך איינינע מאל אין טאָג.

— טא וויא קומט עס, וואס מארטין האט איהר געזאגט, אז ער האט איהר ניט געטהיג?

מאָראָזאָוו האט זיך פערטראכט.

— הערר שטיין, — האט ער נאך א קורצע פּויזע געזאגט — איך בין אן ערפאהרענער מענש און האב מיך אנגעזעהן און אנגעהערט א סך פּראָצעסען אין מיין לעבען. לאָמיר זיך וועטען, אז דער סליעדראָוואטעל האט דא א טיפע מיינונג!

שטיין איז געווארען אויפמערקזאם, און זיין שטערן האט זיך אביסעל צו־פּנייטשט.

— מעגליך, אז יא! — האט ער פּלוצלינג אויסגעשריען.

— דאס איז געווים אזוי — האט מאראזאוו מיט אן ערנסטע שטימע ערוויעדערט — איך האב וועגען מארטינעז פיעלע גוטעס געהערט און עס איז פאכט ניט צו גלויבען, ווען ער זאל אפילו פאלש זיין צו דער זאך, דאס ער זאל זיך אזוי נארריש בענעהן. נאר יעדענפאלס מוזט איהר הערר שטיין נאך אמאל אריבערפאהרען צו ראזבאָיעווס פרוי, דאס איז זעהר א וויכטיגער פאקט און אויסער דעם, פיעללייכט וועט אייך געלינגען עטוואס צו ערפאהרען וועגען ביידע פערשוואונדענע. איך גלויב, אז וויא זיא וויים ניט, ווייס זיא פיעל.

— און איך גלויב אויך אזוי, — האט שטיין ערוויעדערט — איך האב ניט געהאט דיא ריכטיגע געלעגענהייט וויא מיט איהר א פאר שטונדען צו פערברייננען; אבער איך פערהאף, אז איך וועל שוין אויסארבייטען א פלאן, דורך וועלכען איך וועל דערגעהן אלץ וואס מיר בעדארפען.

— איך ערווארט פון אייך ערפאלג מעהר אלס פון אלע אפּעגבאכס אגענטען! — האט מאראזאוו מיט א פריינדליכע מינע געזאגט — יעצט זאגט מיר הערר שטיין, וואו איז אהינגעקומען גאָלדבוימס און גרינבערגס פאמיליען? איך האב געשיקט מיינעם א מענשען זיי צו שטיצען, וויא איך האב אייך פערשפּראָכען. ענדליך האט ער זיי גאר ניט געפונען מעהר אין זייערע וואוינונגען.

— זיי זיינען מאטעריעליש נישקשהדיג בעזארגט, — האט שטיין צופריעדען ערוויעדערט — איך ווייט ניט ווער עס שטיצט זיי; אבער זיי האבען מיר געזאגט, אז עס געהט זיי ניט שלעכט.

— נו, נאט צו דאנקען, — האט מאראזאוו מיט א צופּ־יעדענע מינע געזאגט, — און איך פערהאָף, אז דער פראָצעס וועט זיך אויך גוט ענדיגען.

— הלואי!

— נו, און ווען זיינען געזאנגען אייערע גלויבענס־גענאָסען אָנפאנגען צו בויען דיא שוהל? — האט איהם מאָראָזאָוו פּלוצלינג א פרעג געטהאן.

— דאס איז נאך ניט בעשטימט, — האט איהם שטיין מוטהלאָז ערוויעדערט — וויא איהר ווייסט, הערר מאראזאוו, האבען מיר שוין דאס ערלויבנים אין קעשענע; מיר האבען אבער געלעזען אין דיא צייטונגען, אז אלעקסעיעוו האט דיא טעג געהאט ביי דעם מאָנארך אן אודיענץ, וויא ער האט אייך טאקי געזאגט. ווער ווייסט וואס פאר א קאשע ער האט דארט פערקאָכט?

— איהר הערט איהם יעצט וויא דעם קאָטער, — האט מאָראָזאָוו מיט א שמייכעל געזאגט — דער באטיושקא אליין וועט געגען קניאז דאָלגאָרוקאָווס אן ערלויבנים ניט געהן. דאס וועט הייסען אביסעל צו פרעך.

— און אונז אלעמען שרעקט עפּעס וועגען דער שוהל דאָס הארץ, — האט איהם שטיין מיט א זיפץ געענטפערט — מיר צווייפלען, צו מיר וועלען איהר נאָר יהויבען צו בויען.

— עה, דאס איז גלאט אומזיסט זיך געשראָקען!

— ניין, הערר מאראזאוו, אידישע שרעק האט וואס צו זאגען. מיר מוזען זיך שרעקען און בעדארפען זיך שרעקען....

— מענליך, אז איהר האט רעכט — האט איהם מאַראַזאָוו מיט א לייכטען זיפץ ערוויעדערט.

— — — — — — — — — — —

וועהרענד שטיין איז געזעסען ביי מאראזאוו'ן און עס איז אָפּגערעדט געוואָרען אַטור־ווענדרען ליסטינע מיטלען אום עפּעס צו דערגעהן פון ראזבאַיעוו'ס ווייב, איז טימאָפּיי מיכיילאָוו געזעסען לעבען זיין לעהרער חיטראָוועין אין זיין קנעפּעל פאבריק אויף „יאַקימאַנקע“ און האבען זיך ביידע אונטערהאלטען.

— מיין שוואָגער ראזבאַיעוו, — האט טימאָפּיי צו חיטראָווצינען מיט א צופריעדענע מינע געזאגט — איז ניט קיין קליינער טייפעל; ער וויים זיי אלעמען וויא דיא קעפּ צו פערדרעהען. ניט אזוי גיך וועט מען פון איהם עפּעס דערגעהן.

— פאר דיר, טימאָפּיי, בלייבט עס יעצט איינס און דאס זעלבע, — האט איהם חיטראָווצין מיט א שמייכעל ערוויעדערט — קיין טראַקטירשטשיק אין מאָסקווא ווערסט דוא שוין נאך א מאל ניט זיין.

— אָבער זיין פעהלכעל איז מיר אויך א שאָד, — האט טימאפּיי מיט אן ערנסטע מינע געזאגט — ראזבאַיעוו איז פון אייביג אן א וואוילער יונג.

— מיינסט דוא, אז ער איז שוין פערטיג דערמיט וואס ער פערשטעלט זיך פאר וואהנזיניג? — האט חיטראָווצין מיט א טייפעלשען שמייכעל געפרעגט — ער וועט אזוי לאנג שרייען דאס ער וויל צוברעכען דעם קאנאָן, ביז ער וועט ווערען הייזעריג, דיא פיס וועלען איהם געשוואָלען ווערען טאנצענדיג אין זיין פעהלכעל פערבלייבט אלץ אין „טרעטיע אָטדעליעניע“. — דיא ערשטע צייט מעהר ניט, לאזט מען איהם שרייען און טאנצען; דיא דאָקטוירים אָבער וועלען דערגעהן דעם קונץ, און יעצט דאמאָלס וועט ער זיך בעקענען מיט דיא קאזאצקע נאגייקעס. מען וועט איהם שינדען דיא הויט אז עס וועט אזש געהן א רויך.

— היינט זאָג־זשע מיר חיטראָווצין, וואס טהוט מען מיט איהם? — האט טימאָפּיי מיט א בעזאָרגטע מינע זיך געבעטען.

— א דאגה האסט דוא — האט איהם חיטראָווצין לאכענד ערוויעדערט.

— מאך זיך ניט נאַרריש חיטראָווצין. איך וויים אז דוא שפּאַסט עס און דוא ווילסט אליין אויך ניט, אז מען זאל אזא גוטען ברודער וויא ראזבאַיעוו'ן פערשטייסען. אזעלכע ראזבאַיעווס איז וויים צו זוכען.

— דא איז גאר ניט צו מאכען ברודערקע, — האט איהם חיטראָווצין ערוויעדערט — זיין ווייב האסט דוא בעזארגט, און וואס ווילסט דוא נאך? בעדארפסט דאנקען חיטראווצינען וואס דוא אליין ביזט אויך ניט אריינגעפאלען; נעהמסט דוא זיך גאר זארגען פאר ראזבאַיעוו'ן?

— און מיט וואס האב איך עס אזוי בעזארגט זיין ווייב? — האט טימאָפּיי וויטער גערעדט — איך האב איהר געגעבען דריי הונדערט רובל און אוועקגעשיקט אין דאָרף אריין, קען איהר דען דאָרט דער פּראָקוראָר אדער דער סליעדאָוואטעל ניט געפינען און איהר פערפּאקען אין געפענגנים ביז אם ענדע פון'ם פּראָצעס?

(Iron, 82).

— וויא באלד דאס איז ביז יעצט ניט געטהאן געווארען, גלייב איך, אז דאס וועט שוין מעהר ניט געשעהן — האט איהם חיטראָווצין געטרייסט — איך גלויב, אז דאס איז געווען א נאכלעסיגקייט פון׳ם סליעדראָוואטעל, אדער גאר איינפאך, באלד וויא ער האט געזעהן נאכ׳ן ערשטען פערהער, אז זיא ווייס ווירקליך גאר ניט וואו איהר מאן איז אהינגעקומען, האט ער עס אוועקגעמאכט מיט דער האנד. דיא סליעדראָוואטעלס זיינען אויסגעמאכטע יונגען און זיי דערקענען גליך דעם פערזאָן מיט וועמען זיי האבען אן עסק.

— היינט זאג־זשע מיר — האט טימאפיי פארטגעזעצט — ווארום האסט דוא מיר געראטהען אז דיא דריי הונדערט רובל זאלען צו איהר אָנקומען אין דעם סליעדראוואטעלס נאמען, און דוא האסט אויסדריקליך געהייסען זאגען דעם שליח, אז דער סליעדראוואטעל מארטין האט איהר דאס געלט געשיקט און האט איהר בעפוילען אוועקצופאהרען פון מאסקווא?

— וואצו האסט דוא עס נייטהיג צו וויסען? — האט איהם חיטראָווצין מאַכענד מיטביידע הענד געפרעגט.

— ווער דען האט עס נייטהיג צו וויסען אז ניט איך? — האט איהם טימאפיי פערדריסליך געפרעגט — וויא איך זעה האלטסט דוא מיר חיטראָווצין עפעס גאר פאר א אינגעל.

— אז איך וואלט דיר געהאלטען פאר א אינגעל — האט איהם חיטראָווצין מיט א פריינדליכע מינע ערוויעדערט — וואלט איך דיר ניט וועלען מאכען פאר א יורש פון זאבארינס פערמעגען.

— מעגליך, אז דוא האסט קיין אנדערן ניט אויסגעפונען, — האט טימאָפיי מיט פערדרוס געזאגט.

— איך וועל דיר געבען אין מאסקווא טויזענד בעלנים אויף א פאר מילליאָן רובל, — האט איהם חיטראָווצין רוהיג ערוויעדערט — און יעצט זעה איך טאקי וואס פיר אן אונדאנקבארער קערל דוא ביזט.

— איך בין ניט אונדאנקבאר, — האט טימאפיי ערווייכט געענטפערט — אבער עס פערדריסט מיר, וויא קומט א גוטער פריינד וויא דוא זיין אזוי פון מיר בעהאלטען.

— און מיר פערדריסט וויא קומסט דוא צו זיין אזא נארר און ניט בערעכענען גלייך וואס דוא טהוסט — האט איהם חיטראָווצין געלאסען געענטפערט — וועהרענד דער מאן מיט דיא דריי הונדערט רובל איז צו ראזבאָיעוס וייב אוועקגעגאנגען, האסט דוא מיר ניט געפרעגט ווארום ווערט דאס געלט צו איהר געשיקט אין דעם סליעאָוואטעל׳ס נאמען, און יעצט דערמאהנסט דוא זיך אן פאר א יאהרינגען שנעע!

— דאמאָלס, ברודערקע, בין איך געווען צודולט און איבערראשט, — האט זיך טימאפיי פערענטפערט — יעצט אבער בין איך שוין ביים ריכטיגען זינען, און איך קען אויף קיין פאל ניט פערשטעהן וואצו האט דא בעדארפט זיין פערמישט דער סליעדראָוואטעל?

— היינט וועל איך דיר ווידער פרעגן, צו האסט דוא געהאלטען פאר נייטהיג, אז מען בעדארף ראזבאָיעווס ווייב אונטערשטיצען מיט אזא סומע און איהר ארויספטרן פון מאָסקווא?

— געוויס האב איך עס געפונען פאר נייטהיג, און דאס איז דאך געווען מיין פלאַן.

— טא וואס הארט עס דיר און וואס פאר א נאמען זיא האט דאס געלט ערהאלטען.

— ניין, איך בין עס נייגיעריג צו וויסען — האט טימאפיי געזאגט — עס אינ־טערעסירט מיר ניט אזוי דיא זאך, וויא מיר פערדריסט, וויא קומט א גוטער ברו־דער וויא דוא, שפיעלען מיט מיר אין בלענדעניש.

— פון דיינ'ט וועגען, טימאָפיי, האב איך עס געטהאן, — האט חיטראָווצין געלאסען איהם ערוויעדערט.

— פון מיינ'ט וועגען? וואס געווין איך דען דערביי?

— גאר איינפאך אז דוא זאלסט קענען אונגעשטערט הערבען זאכארינס פערמעגען.

— דוא צודולסט מיר מיין קאָפּ, חיטראָווצין.

— טא ווער הייסט דיר האבען אזא קליין קעפּעל?

— א גרויסע קאָפּ קען אויך חיטראָווצינען נים פערשטעהן, — האט טימאָפיי מיט א חניפה'דיגע מינע געזאגט.

— טאָ לאז־זשע חיטראָווצינען פיהרען וויא ער פערשטעהט.

— אבער דוא בעדארפסט דאך מיר ניט האלטען פאר קיין עזעל, אז איך זאל ניט פערשטעהן א זאך, נאכדעם וויא דוא וועסט עס מיר ערקלערען.

— דוא האסט דאך אבער דאס ניט נויטהיג צו וויסען.

— ניין, חיטראָווצין, איך וויל וויסען דיינע פלענער, בעזאנדערס נאך אז דאס אנבעלאנגט צו מיר מיט מיין שוואָגער.

— אלזאָ, טא הער־זשע טייפעל, — האט חיטראָווצין בייז געזאגט — דוא ווייסט דאך, אז פאר אונז איז פיעל בעסער צו האבען גאלדבוימען אין דעם ווייטען סיביר. אָסיפּ זאכארין, וויא דוא ווייסט, טאר זיך אויף דער ווייסער וועלט ניט ווייזען; דערצו נאך וועל איך אָנווענדען מיטלען, איהם איבערצוגעבען צו דער פּאָליציי. חיטראָווצין וועט איהם שוין אויסגעפינען, ווען ער זאל אפילו אונטער דער ערד זיך פערשטעקען. אלזאָ, איז פון גאָלדבוימס זוהן אָסיפּ אָפּגערעדט. פון זיין פאמיליע וועלען מיר אויך מיט גאָטס הילף פּטור ווערען. זיא וואוינט יעצט אויף „אַרבאַט" געגען מיין פּפאנד־הויז און איך וועל מיך שוין בעמיהען דאס זיא זאל אין מאסקווא ניט פערבלייבען. שטעלט זיך אָפּ דער ארעסטאנט אברהם גאָלדבוים, וועלכער האט אונבעדינגט געהאלטען צו געהן אויף קאַטאָרגא נאך סיביר; זיין פּראָצעס אבער האט זיך מיט ראזבאָיעווס אריינפאלען פערבעסערט, וועהרענד גרינבערגס האט זיך גראדע דאדורך פערערגערט. וויא באלד דיין שוואָגער הייסט נאר וואַסילי חאָמיאַקאָוו און ווערט בעטראכט פאר א ניהיליסט, וועלכער האט

פּאָדלעצאָוו'ן ערמאָרדעט אדער אנטהייל גענומען אין זיין ערמאָרדונג, **פּאלט אראָפּ** פון נאָלדבוימען דיא גאנצע בעשולדיגונג און ער קען לייכט בעפרייט ווערען, און אזוי וויא פאר אונז טויג עס ניט, האב איך דא דערווייל פערקאָכט א קאַשע. אז נאלדבוים זאל פערפוילט ווערען אין געפעננניס. נו, פערשטעהסט דוא שוין טימאָפּיי?

— איך מוז געשטעהן אז איך פערשטעה נאך אלץ ניט.

— ביזט אַן עזעל קאָפּ טימאָפּיי, — האט חיטראָווצין לאכענד געזאגט.

— זאל זיין אַן עזעל-קאפּ, — האט טימאפּיי געזאגט — אבי ערקלער **מיר** דאס. איך זעה, אז דא איז עפּעס א גוואלדיגער שפּיצעל.

— מיר וועלען יעצט שטעהן פון דער ווייטענס און מיר וועלען זיך צוקוקען אויף נאָלדבוימס פּראָצעס, — האט חיטראָווצין זיך געלאסען גערעדט — און וויא באלד מיר וועלען זעהן אז עס האלט דאס נאלדבוים זאל בעפרייט ווערען, וועט זיך אוועקגעהן א דאָנאָס אויף דעם סליעדאָוואטעל מארטין, אז ער איז א חאַבארניק און צוליעב א געוויסען ציעל האט ער אונטערגעקויפט א ווייב פון א פערברעכער, אז זיא זאל אָפּפאָהרען פון מאסקווא, וועהרענד מען האט איהר נייטהיג צום פּראָצעס בעדארפט האבען. זיא וועט עס אונשולדיגער ווייזע דערצעהלען און עס וועט זיך אנפאנגען א נייער פּראָצעס מיט נייע סליעדאָוואטעלס, אז נאלדבוים וועט פריהער פערפוילט ווערען אין קערקער איידער ער וועט דערזעהן דאס ערשטע שטיקעל ערד פון דעם סיבירישען באָדען.

— אבער איך האב מורא, צו מען וועט דאמאָלס ניט דערגעהן, אז חאָמיאַקאָוו איז ראזבאָיעוו, — האט טימאָפּיי געזאגט — זיין ווייב ווייס עפּעס יא וועגען דיא צירונג.

— זעה וואס פאר א פערד דוא ביזט, — האט חיטראָווצין געזאגט — **מיינסט** דוא, אז פאר ערמאָרדען א געהיים-אגענט, איז א לייכטערע שטראפע אלס פאר ערמארדען מאראָזאָווס א פריקאַזטשיק און בעגעהן א מאָרד-בראַנד? זאלסט וויסען, אז חאָמיאַקאָוו'ן שמעקט מיט א שטריקעל, וועהרענד ראזבאָיעוו'ן שמעקט נור מיט קאטערגאַ, און איך גלויב, אז ווען ראזבאָיעוו וואלט געוואוסט, דאס דוא האסט שוין געמאכט פּליטה, וואלט ער שוין לאנג ענטדעקט דאס גאנצע געהיימניס, און דאס איז פאר אונזער עסק מיט דער ירושה פיעל בעסער. גאלדבוים וועט דאמאָלס נעווים נעהאנגען ווערען און מיר הערבען זיין גאנצען פערמעגען פון אננא זאַבארין און פעררייזען נאך אויסלאנד. זיי זיך מישב טימאָפּיי, איך גלויב אז אזוי איז דיא גאנצע זאך פערטיג.

— דוא מיינסט צו ענטדעקען ווער חאָמיאַקאָוו איז? — האט איהם טימאָפּיי מוטהלאָז געפרעגט.

— ווארום דען ניט? דאס איז פאר איהם און פאר אונז פיעל בעסער. איהם וועט מען אויפהערען אזוי פיעל צו מאטערן אין אסטראָג און מיר וועלען בעפרייט ווערען פון גאלדבוימען.

— איך מוז דאריבער גוט בעדיינקען, — האט טימאפּיי נאך א קורצען נאכ-דענקען ערווידערט.

— דוא האָסט זיך ניט וואס צו בערענקען, — האט חיטראָווצין ווייטער גערעדט, — א געזונטער יונג וויא ראזבאָיעוו וועט פון קאטערגא קענען אנטלויפען; אבער פון גאַלגאַן ברודער לויפט מען ניט. אדער ער וועט דאָרט פערשמיסען ווערען און וועט גאר דעם גאַלגאַן גאר ניט דערלעבען אָנצוזעהן. ער זיצט שטרייננג פערשפּאַרט און עס געהט מיט איהם צו אזוי געהיימניספּאָל, אז מיר איז קוים געלונגען צו דערגעהן, אז ער איז פון זינען אראָפּ. דאס האט מיר געקאָסט א גאנצער הונדערטער. פערשטעהסט דוא שוין וויא עס האַלט מיט זיין קאָפּ?

טימאָפיי האט א זיפץ געטהאן, און האט זיך שטארק פערטראַט.

— דאס איז באלד א פּלאַן! — האט ער נאָך א קורצע פּויזע אויסגעשריען — אבער זאָל דאָס האבען אביסעל געדולד. איך גלויב, אז מיט ראזבאָיעוו'ן וועלען זיי דאָרט אזוי גוט ניט אָפּשניידען. מאכט ער זיך משוגע איז ביי מיר א ריכטיגער בעוויין, אז ער וועבט עפּעס א פּלאַן וויא צו מאכען פיעס. דוא קענסט ניט ראזבאָיעוו'ן וואס פאר א יונג ער איז.

— דאָס וועסט דוא זאָגען דיין באָבען אויפ'ן קבר, — האט חיטראָווצין איהם ערוויעדערט — פון דאָרט ברודער לויפט מען ניט.... פאָלג מיך טימאָפיי, וויא באלד דוא האסט ווירקליך מיט איהם מיטלייד, זאָלסט דוא מיר ערלויבען צו שרייבען א קליין בריעפעל צום פּראָקוראָר אדער צו זיין סליעדאָוואטעל אז חאָמיאקאָוו איז ראזבאָיעוו און דאָ איז אלעס אין היטעל....

— ניעב מיר א פּאר טאָג צייט זיך צו בעראטהען, — האט טימאָפיי ערוויעדערט.

— מילא, — האט חיטראָווצין געזאגט — וויא באלד עס געהט נור אום א פּאָר טעג, איז קיין געפאַר ניט.

— גוט, חיטראָווצין, — האט טימאָפיי אויסגערופען — אין צוויי טאָג ארום בעקומסט דוא אן אנטוואָרט און איך גלויב, אז אזוי וויא דוא זאָגסט וועט טאקי זיין. איך זעה, אז דוא ביזט א קלוגער יונג און דיר וועט מען מוזען פאָלגען.

— און דיא הויפּט זאך, איז דער גרויסער פערמעגען וואס דא שטעהט אונזביידע פאָר. מיין ניט, אז מיר זיינעןביידע זיכערע מענשלאך דא אין מאסקווא. מיר זוכען דא ארום צוויי מענשען, און ווען איך וואָלט ניט געווען חיטראָווצין, האב איך מיך שוין לאנג בעדארפט אָבטראגען. נור וויא באלד עס וועט שוין ביי דעם האַלטען בעדאַרף מען חאָטש א נעהם טהאן עפּעס א פיינע ירושה וואס האט א ממשות....

— איך ווייס אבער ניט צו דיא זאך מיט אננא זאכארין וועט אזוי גוט אונז אפּגילטען — האט טימאָפיי געזאגט.

— עס וועט געהן ברודער וויא געשמירט, — האט חיטראָווצין איהם ערוויעדערט. דיא פרוי זאכאַרין פּאָבעט יעדען טאג מיט דער נשמה, קוים וואס זיא זעהט און הערט און קוים וואס זיא רעדט. דיא געשיכטען פון איהר מאַנ'ס פּערזייזען, איז שוין באלד דריי און צוואנציג יאהר אלט, און אז דוא וועסט אלס איהר מאַן פּלוצלינג אראָפּקומען, וועט זיא דיר געוויס ניט דערקענען. אויב ווען זיא וועט

אפילו צווייפלען, האָסט דוא איהר אויך אין דער ערד. זיא וועט פון דער ערשטער איבערראשונג קראנק ווערען און וועט נאך מעהר שטאמלען וויא איצטער. דיינע דאָקומענטען וועלען פאָרטרעפליך גוט געמאכט ווערען. וואס דוא זאָלסט דער־צעהלען און ריידען, וועל איך דיר שוין אויסלערנען און דיא זאך וועט דורכגעהן. דוא וועסט גאר ניט דארפען ווארטען ביז זיא וועט א מיתה משונה איינגעהמען, דער פערמעגען וועט געהערען גלייך צו דיר, און אז דוא וועסט איהם נור ארייג־קריגען אין דיין בערישע לאפע, קענסט דיא איהר וויעדער איבערלאזען אן עגונה. דיא וועלט וועט אויף מיין ווארט פון דיר ניט לאכען. דוא קוקסט יעצט אויס וויא א יונגער מאנטשיק פון א יאהר פינף און דרייסיג און וויא קומסט דוא צו האבען אזא אלטע העקסע און דערצו נאך א געלעהמטע פאר א פרוי?

— און דוא צווייפעלסט גאר ניט טאָמער וועט מען מיך דערקענען?

— קיין צווייפעל ברודער, — האט איהם חיטראָוצין ערוויעדערט — לעבען זאלען דיא פאספאָרטען. זיי מאכען אונז זינדיגע מענשען גליקליך. ווער ווייסט וואס פאר א קאטארזשניקעס מיר האבען אין אונזער פאטערלאנד פאר מיניסטאָרען? אין רוסלאנד איז אלעס צו גלויבען. ביי אונז קוקט מען ניט אויפ׳ן מענשען נור אויף זיין פאספאָרט. א גרויסע דאגה א נאָז איז א נאָז, אבי פאר׳ן בלאנק ווערט אפגעצאהלט אין דער קאזניאצייסטוואָ.

— אָ, ביסט דוא א טייפעל חיטראָוצין! — האט טימאָפיי געלאכט.

— מ ע נ ש ע ן ברודערקע קענען אין רוסלאנד ניט לעבען, — האט איהם חיטראוצין מיט א לייכטען שמייכעל און מיט אן ערענסטען געזיכט געזאגט — מוז מען דאך ממילא ווערען א טייפעל, און אז שוין יא א טייפעל, טאָ הוליע ברודער! שינד אראפ פעהלכלאך אין דיא גאסען, אבי דעם גראָשען....

— און ווען דענקסט דוא צו מאכען דעם קונץ מיט דער ירושה? — האט איהם טימאָפיי א פרעגע געטהאן.

— איך מוז נאך פריהער אלעס ערפאהרען פון דער קאווקאזער קריעג אין יאהר 1859. דערנאך וועט מיר דא ארויסהעלפען איינע א קארטענ־ווארפערקע, אז אויף דיר זאָל פון פרוי זאכארין קיין פערדאכט ניט פאלען, ווייל זיא איז זעהר א קלוגע פרוי חאָטש זיא איז שוין האלב טוידט און ערוואַרטעט גאר אין קורצען דעם צווייטען לעהמונגס־שלאג. דיא זאך מוז קלוג אָפגעטהאָן ווערען, אז מיר זאלען ביידע קיין חרטה ניט האבען.

זיי האבען ביידע נאך איינינע מינוטען פערבראכט און נאכהער איז חיט־ראָוצין אוועקגעפאהרען אין שטאדט אריין.

56טעס קאפיטעל.

דער בעזוך אין קערקער.

אונזער בעקאנטער שפיאָן שורקין געהט ארום וויא אן אָפגעשמיסענער איבער מאָסקווער גאסען און הינטער־געסלאך. דיא געשיכטע מיט׳ן פריסטאוו איוואנאָוו האט איהם אזוי אויפגערעגט, אז ער איז גאר אויסער זיך.

— טפוי טייפעל! — האט ער אויסגערופען זיצענדיג מיט זיין קאמעראד

מערזאוווצינען אין א טראקטיר — אזוי ניט געלינגען געדיינק איך גאר אין מיין לעבען ניט; דאס איז נאך ערגער וויא געשמיסען, ברודער....

— אָ, ניין פריינד, — האט איהם מערזאוווצין מיט א זיפץ געענטפערט — ריטער טהוען טאקי וועה....עס פערגעהט אזש אין מוח.

— אבער האַלטען אַ העכט פאר׳ן ווײדעל און ער גליטשט זיך פון דער האנד צוריק אין וואסער אריין, — האט שורקין טרויעריג גערעדט — איז נאך מיינער מיינונג ערגער וויא ריטער. איך שעהם מיך דאָך וויא א גנב פאר אָפּענבאכען ... דוא קענסט דאָך איהם ברודער, אז ער פאָדערט פון אונז צופיעל.

— און וויא האָסט דוא זיך טאקי געלאָזען בינדען? — האט איהם מערזאוווצין געפרעגט.

— און וויא האָסט דוא זיך טאקי געלאָזט שמייסען? — האט שורקין מיט א פראגע ערווידערט — דוכט זיך, אז דוא דארפסט פערשטעהן וויא אזוי מען לאָזט זיך....

מערזאוווצין האט א זיפץ געטהאן.

— דוא האָסט חאָטש א שטיקעל נחמה, — האט ער נאך א קורצען שטיל־שווייגען געזאגט — פריסטאַוו איוואנאוו מיט זיין ברודער זיצען אין געפענגניס; אבער יענע העלדען אין פעטערבורג, זיינען וויא אין וואסער אריין. חאָטש פיינקע, חאָטש ווער צוזעצט, ניטאָ פון זיי א פוס.

— און סאָנקע פיינשטיין קען איך דען אויסגעפינען? — האט שורקין פער־דריסליך גערעדט — זיא איז עפּעס א ווילדע שעהנהייט, אז איך וואָלט חאָטש וועלען אויף איהר א קוק טהאן....איך האב צוליעב איהר בעקומען פון אָפּענבאכען אזא נאָז, אז איך שעהם מיך איהם גלייך אין דיא אויגען צו קוקען. ער וויזט מיר יעדען מאל דיא דעפּעשע, וועלכע איך האב איהם פון פריסטאַוו׳ס וואוינונג געשיקט, און ווען איך דערזעה דיא פאר ווערטער: „שרה פיינשטיין אויסגעפונען. שורקין״ שטעכען זיי מיר אין בויך וויא פערשאַרפטע שפּיזען. עס מעג מיר מיין לעבען קאָסטען און איך מוז סאנקען אויסגעפינען!

— איך האב איהר אויך אויפ׳ן צעטעל, — האט איהם מערזאוווצין ערוויע־דערט — אָפּענבאך האט מיר בעפוילען, אז זוכענדיג ביידע זשידאָוווסקע פרויען חנה מיט חייקע פראנק, זאָל איך סאנקען אויך האבען אין זינען; אבער ווען קומט אהער וואזאטקין מיט זיין פערלאַטעטען קאָפּ? מיר מוזען דאָך אונזערע געהיימע זאכען אָפּשטימען.

— איך דיינק אז ער דארף דאָ באַלד זיין, — האט שורקין מוטהלאָז געזאגט.

— זיי ניט אזוי צופלאָכטען! — האט מערזאוווצין גערעדט — ניש־קשה, גאָט וועט העלפען.... וואס דארף איך שוין ריידען? גלויב מיר זיכער, אז איך זיץ קוים איין.

— קענסט זיך ברודערקע גאָר ניט פאָרשטעלען וויא עס פערדריסט מיר — האט שורקין ווייטער גערעדט — ניתאי וואָלט איך שוין פון איהם גענומען דיא צעהן .טויזענד רובעל.

— דער טויגעניכטס איז דאָך צוליעב דיא צעהן טויזענד רובעל ארייננע־פאלען — האט איהם זיין קאמעראד געטרויסט — נאָט האָט דיר צוגעשיקט א פריסטאוו א שלעפער.

— פון אונטער דער ערד מוז איך איהר ארויסגראבען! — האט שורקין קלאפענדיג מיט דער האנד אן טיש פלוצלינג אויסגעשריען — סאנקא געפינט זיך געווים אין מאסקווא.

— דיא טהיר האט זיך פלוצלינג אויפגעמאכט און ווזיאטקין איז אריין אין צימער.

— טהעע! — האט ער לאכענד אויסגערופען — וואס איז דאס עפּעס פאר א געטראנק? הייסט אריינטראגען אפּאר פלעשער „וואָדקי".

— עך, ווזיאטקין, — האבען זיינע קאמעראדען אויסגעשריען — וואָס ביסט דוא עפּעס היינט אזוי לוסטיג און דערצו נאך אויף אונזערע קעשענעס?

— עה, קעלנער! — האט ווזיאטקין עפענענדיג דיא טהיר אויסגעשריען — אהער צוויי פלעשלאך „פּאָפּאָווקא"!

עס זיינען באלד אויפ'ן טיש געשטאנען צוויי פלעשער און ווזיאטקין האט זיך ברייטליך ביי'ם טיש אוועקגעזעצט, נאכדעם וויא ער האט דיא טהיר פון צימער צוגעמאכט.

— נייעס ברידער אין שטעדטעל! — האט ער אנגיעסענד דיא גלעזלאך פרעהליך אויסגערופען — קריוואָסאָראָוו איז ארייננעפאלען...

— אלע בייזע חלומות צו דיין קאָפּ! — האט מערזאווצין מיט א שמייכעל גערעדט — דוא דערצעהלסט אונז א מעשה פון פאר א יאהריגען שנעע.

— איז שוין דיין „וויא רופט מען דאָס" געזונד? — האט ווזיאטקין איהם קוקענד גלייך אין דיא אויגען געפרעגט.

— געזינטער פאר דיין צושפּאָלטענעם קאָפּ, פּיאניצא, — האט איהם מער־זאווצין פערדריסליך ערוויעדערט.

— ווייסט דוא אבער ווער עס האט דיין פעהלכעל אזוי צוקאטעוועט? — האט איהם ווזיאטקין ווייטער געפרעגט.

— ריטער! — האט שורקין מיט א שמייכעל זיך אפּגערופען.

— דאס ווייס ער אליין, — האט ווזיאטקין געלאכט — אבער ווער עס האט איהם צום שמייסען געפיהרט ווייס ער קדחת.

— ווייס איך דען ניט אז קריוואָסאָראָוו האט מיך בעגלייט צום וואקזאל? — האט מערזאווצין געזאגט.

— אבער מיינסט דוא אז קריוואסאראוו איז מאקי זיין היילינער נאמען? — האט איהם ווזיאטקין געפרעגט.

— וויא דען הייסט ער?

— ווערסט דוא הייסען בעצאהלען פאר דיא פלעשלאך?

— א ברירה וועל איך האבען.

— חאפּ זיך פאר'ן קאפּ — האט ווזיאטקין לאנגזאם גערעדט — קריוואָסאָ־

ראָוו איז דער יונגער איסטאָמין, אונזער גענעראַל-גובערנאַטאָר׳ס סטאָלנאַטשאַל־ניק׳ס זוהן.

— דאס איז ווירקליך פאר מיר א נייעס, — האט מערזאַוועצין איבערראַשט געזאַגט — איך וואָלט קיינמאל ניט געגלויבט, אז ניהיליזמוז זאָל זיך אריינכאַפּען אין אזעלכע פענסטער.

— א טוידט וואָלט איך מיך אויף איהם געריכט, — האט אויך שורקין צו־געבאַמקעט.

— זעהט איהר דאך — האט ווזיאַטקין מיט אן ערנסטע מינע געזאַגט — סאָבּאַקאָוו מיט אָפּענבאַכען, וועלכע האבען דאמאלס געזעהן קריוואָסאַראָוו׳ן אין וואָקזאַל, האבען איהם נאר וואס דערקענט. און זיין פאָטער ארבייטעט שוין מיט דיא זייטען, אז זיין טהייערער בן-יחיד׳ל זאָל בעפרייט ווערען.

— א קריינק איהם אין זיין ניהיליסטישען קאָפּ! — האט מערזאַוועצין צאָרניג אויסגעשריען — דיא ריטער וועלען איהם ניט געשענקט ווערען.

— אלזא דאס אן א זייט — האט שורקין זיך אָפּגערופען — מיר מוזען זיך באַלד בעראַטהען חאָטש איינעם אדער איינע פון דיא אלע פערברעכער צו דער־טאַפּען. עס איז פּשוט א חרפּה צו געהמען דעם געהאַלט. האסט דוא געהערט אביסעל? אָט זיינען דיא פּיש, דוכט זיך דיא ווײדלען שטעקען פון וואסער ארויס, און חאָטש ווער צווזעצט פאר פערדרוס.... אזא שלעכטע צייט האבען מיר נאך קיינמאל ניט געהאַט. דוכט זיך מיר האַלטען שוין פאר׳ן עק, אבער וויא אויף צו להכעיס.... חאַטש בעגראָב זיך א לעבעדיגער!

— ניהיליסטען וויא ניהיליסטען — האט ווזיאַטקין געזאַגט — זיי זיינען פאר אונז צו פיפיגע יונגען; אבער דריי זשידאָווקעס אין מאסקווא ניט אויסגעפינען, דאס איז ווירקליך א שאנדע.

— סאָנקע פיינשטיין מוזען מיר חאַטש פון אונטער דער ערד ארויסגראָבען — האט שורקין אויפגערעגט גערעדט — עס איז נאך אזא מעשה אין דער וועלט ניט פערלאָפען.

— און ביידע זשידאָווקעס חנה מיט חייקא פראנק זיינען צייג? — האט ווזיאַטקין געפרעגט — אָפּענבאַך מאכט דאך אונז פּשוט דעם טוידט צו־ליעב זיי.

— טימאָפיי מיט זיין שוואָגער ראַזבאָיעוו זיינען אויך עפּעס מענשען — האט זיך מערזאַוועצין אָפּגערופען — זיי זיינען דאך בעשולדיגט אין דער ערמאָרדונג פון מאָראָזאָווס פּריקאַזטשיק זאַוויאַלין און עס איז נאר א סברה, אז זיי האבען געמאכט דעם פייער אין דעם הינטערשטען פליגעל פון טראַקטיר.

— אָן טימאָפייען קען איך אויך גאר ניט פערגעסען! — האט זיך ווזיאַטקין אָפּגערופען — ער האט דאך מיר געמאכט א לאנגע נאָז, אז איך האב מיך גע־שעהמט צו ווייזען פאר אָפּענבאַכען. ביז פיער אוהר מאָרגענס בין איך אלץ געזע־סען אין זיין טראַקטיר און געוואַרט טאָמער קומט ער צוריק.

— אָבּער דאס איז נאך אלץ גאָר ניט — האט שורקין ווייטער גערעדט — דיא זשידאָווקא סאָנקע פיינשטיין מוז אויסגעפונען ווערען.

— דוא האפסט זיך אלץ צו שווערע מלאכות — האט מערזאווצין פאָרגעוואָרפען — וויא דוא זעהסט אָן דיינע אויערן אזוי וועסט דוא שוין אנזעהן סאָנקען. א ווייבעל וואס האט געקענט אזוי אָפּנארען דעם דורכגעטריבענעם פריסטאוו איוואנאָוו, וועסט דוא שורקין ניט דערלעבען אויסצוגעפינען.

— האלסט דוא דען איוואנאווי'ן קלינער פון מיר? — האט שורקין פערדריסליך געפרעגט.

— דוא ביזט געלעגען בעגראָבען וויא א הונד ביי איוואנאווי'ן אין א קעלער — האט מערזאווצין מיט א טייפעלשען שמייכעל געזאגט — ביזט דוא נאך דער קלוגער און ער דער נארר?

— און דוא האסט געקריגען גע'שמיסען! — האט שורקין צאָרניג אויסגעשריען.

— געשטעה איך טאקי, אז זיי זיינען קליגער פון מיר — האט מערזאווצין געלאסען איהם ערווייערערט — דיא שמייסער זיינען אייביג קליגער פאר דיא געשמיסענע.

וויאטקין האט זיך פארנאנדערגעלאכט.

— אויף אזא אויפ'ן — האט וויאטקין געזאגט — קומט ביי דיר אויס, אז אנטאָנאָוו איז קליגער פאר מאריא זלאָדייקינא'ן.

— ווען אנטאָנאָוו האט איהר אָפּגעשווארצט דיא צורקע מיט פעך און האט איהר אוועקגעלייגט אויפ'ן בולוואר — האט מערזאווצין געזאגט — איז ער געווען קליגער פון איהר, און אז זיא האט איהם ארייגעפאקט אין אסטראָג, איז זיא יעצט קליגער פאר איהם.

— הערט נאר ברידער — האט שורקין פלוצלינג זיך אָפּגערופען — איך האב מיך יעצט ערמאנערט א גאנצע היסטאָריע וועגען מאריא זלאָדייקינא'ן.

מער'זאווצ'ן איז געוואָרען אויפמערקזאם און וויאטקין אביסעל צופלאָכטען.

— וועהרענד איך האב נאכגעשפיערט דעם פערפלוכטען פריסטאוו איוואַנאָווי'ן — האט שורקין פאָרטגעזעצט — האב איך געהערט, אז סאָנקע פיינשטיין וואָרפט פון זיך געגצליך אראָפּ איהר בעשולדיגונג און לייגט עס ארויף אויף מאריא זלאָדייקינא'ן. דאס איז מיר עפעס אזוי אינטערעסאנט וואס איך קען אייך נאר ניט איבערגעבען.

— מאלע וואָס א זשידאווקע, א פערברעכערין קען אויסקלערען! — האט זיך וויאטקין אפגערופען.

— ניין, ברודער, — האט שורקין ווייטער גערעדט — שורקין פערשטעהט וואס אויסגעקלערט און וואס הייסט אָן ערנסט וואָרט. איך קען דיר מעהר ניט זאגען, אז סאָנקע האט זאגאר ניט געוואוסט דאס זלאדייקינא איז א שפיאָנין, ביז דער פריסטאוו האט עס איהר ערקלערט. איך וואלט זיין א בעלן צו וויסען אויב מאריא זלאדייקינא איז אמאל געוועזען אין ווילנא.

— אויך אונזער דאגה! — האט וויאטקין אויסגערופען — עס קימערט אונז זעהר צו מאריא זלאָדייקינא איז אָן עהרליך טיידעל אדער ניט?

— צוליעב מאריא זלאָדייקינא ליענען מיר אבצעה, איילען אין דער ערד — האט זיך מערזאַווצין אָפּגערופען — וואס זיא טהוט אָפּ, עס מעג זיך זיין דיא גרעסטע נארישקייט, ווערט עס אלץ פּערגעטערט, צוליעב איהר שעהנער צורקע, און זייט זיא האט בעטרעטען איהר שטעלע, ווערען מיר פון סאָבאקאָוו׳ן און פון אָפּענבאכען אויסגעריסען. נאר זלאָדייקינא איז א מענש, דאס הערען מיר אלע טאג, חאָטש נעה און ווער פּלוצלינג א יונגע דאמע מיט אַ רויטהע צורקע, צו אלע ישווארץ יאהר!

— וואס האסט דוא דען אזוי געהערט? — האט ווזיאַטקין געפרעגט שורקינען.

— איך האב געהערט וויא סאָנקע האט דערצעהלט דעם פּריסטאוו — האט שורקין ערוויעדערט — דאס איינע א פּיאנאָ-לעהרערין האט פערגיפטעט סאָנקעס מאן מיט איהר קינד. ווען דער פּריסטאוו האט איהר געפרעגט וויא הייסט זיא, האט איהם סאנקע געענטפּערט: „מאריא זלאָדייקינא״.

— נו, גלויבסט דוא עס? — האט ווזיאַטקין מיט א פערוואונדערטע מינע געפרעגט.

— וואָרום דען ניט? — האט זיך מערזאַווצין אפּגערופען — וויא איך זעה האלסט דוא איהר עפּעס פאר א פיינע דאמע. זיא האט דאך אפשר פּופציג געליעבטע.

— איך וואָלט זעהר געוואָלט ערפאהרען — האט שורקין ווייטער גערעדט — צו מאריא זלאדייקינא האט טאקי אמאל געוואוינט אין ווילנא און צו איז זיא טאקי געוועזען א פּיאנא לעהרערין? פון דיא ניהיליסטען און גלאט פערברעכער האבען מיר קדחת; אבער פאר אריינקריגען אין נעץ אזא מאריא זלאדייקינא׳ן, קענען מיר בעקומען דעם גרעסטען נאָמען.

— איך וועל עס שוין מיט גאטס הילף אלעס דערגעהן — האט מערזאַווצין מיט א שטאָלצע מינע געזאגט — מיר מוזען זעהן מאריא זלאָדייקינא׳ן פון׳ם וועג אראָפּראַמען, וועלען מיר דאמאלס קענען דיא קעפּ אויפהויבען.

— און איך גלויב, אז מיט דיא אכט און צוואנציג טויזענד רובעל, וועלכע זיא מאכט ביי אנטאָנאָוו׳ן איז אויך עפּעס ניט גלאט — האט שורקין פאָרטגעזעצט — וויא קומט צו איהר אזא גרויסער פערמעגען?

ווזיאַטקינען האט דיא מעשה פערדראָסען; אבער ער האט זיך געמאכט ניט ווויסענדיג. דער שפּיאָן האט געוואוסט, אז פאר אזעלכע צוויי טיכטיגע שפּיאנען וויא מערזאַווצין מיט שורקינען טאר מען זיך מיט אן איבעריגען ווארט ניט ארויסכאפּען.

— עס קען אלעס מעגליך זיין — האט ווזיאַטקין נאך א קורצע פּויזע געזאגט. אבער לאמיר דאס פּאָרלויפיג אפּלייגען אן א זייט און אָפּריידען וועגען דער זאך, וועלכע האט אונז היינט דא צוזאמענגעפיהרט.

— דא איז גאָר פיעל ניטאָ וואָס צו ריידען — האט שורקין געזאגט — מיר אלע דריי בעדארפען איין מינוט פון זינען ניט ארויסלאזען סאָנקע פיינשטיין מיט חנה און חייקא פראנק.

— און האבען אויך אין זינען מאריא זלאדייקינא׳ן — האט מערזאַווצין צו־

געליינט — זיא איז ביי זיך צו שטאַלין און זיא האט אונז אַלע פאר אָפּגעבאַכען און סאַבּאַקאָוו׳ן אין דער ערד אריינגעלעגט.

— מיין ראַטה איז — האט שורקין געזאגט — אז מיר דרייען זאלען אָנהייבען צו זוכען דיא זשידאָווקעס אין אַלע אידיישע הייזער. יעדערער פון אונז זאל זיך אויסקלייבען צוויי גאסען און וואו עס איז נאר פאראַן א אידישער וואוינונג, זאל ישמירינג אונטערזוכט ווערען.

— איך גלויב, אז דאס איז דער בעסטער פּלאַן — האט מערזאַווצין געזאגט — עס איז איינפאַך א שאנדע פאר אונז, אז מיר זאלען פערשימעלטע דריי זשי־דאָווקעס ניט קענען אויסגעפינען. וואס אָפּגעבאַך וועט ריידען, וועט ער זיין גע־רעכט, און אזא מעשה גיט צו שטאַלין מאַריא זלאָדייקינא׳ן און ווארפט אונז אכצעהן איילען אין דער ערד.

— איך וויים וואס דוא ביזט אזוי אויף זלאָדייקינא׳ן אנגעשטויסען, — האט ווזיאַטקין מיט א שמייכעל געזאגט — דוא האסט זיך ארומגעדרעהט אין אנדריאַ־נאַוואַ׳ס הויז און האסט אויסגעפיהרט מיט שמיץ, און זלאָדייקינא האט זיך נאר איין קעהר געטהאן איז באלד דערטאפּט געוואָרען א באָמבע און עס איז בעוואוסט געוואָרען ווער עס האט דיר אזוי שטארק אנגעפייפט ביים וואָקזאל מיט דעם אדרעס אין דער פערטער ראָטע.

— און דוא ווזיאַטקין ביזט גאר פון דיא גרויסע חכמים, — האט מערזאַווצין איהם פאַרגעוואָרפען — מיט איינמאל בעזוכען אנדריאַנאַוואַ׳ס הויז, האסט דוא באלד געחאַפּט ביי א צעהן לעבער אין קאָפּ.

— גענוג אלע צאַנקערייען — האט שורקין געזאגט — פערבלייבט עס אזוי וויא איך האב פאָרגעשלאָגען ?

— עס קען גאר קיין בעסערער פּלאַן ניט געבען — האט מערזאַווצין ער־וויעדערט.

— און איך בין אויך מיט דעם איינשטימיג — האט ווזיאַטקין זיך אפּגערופען — זאָל באלד יעדערער פון אונז אויסקלייבען צוויי גאסען און לאָמיר שוין ארויס־געהן עפּעס שמעקען און טאַפּען.

— — — — — — — — — — — — —

שוין איינינע טעג וויא פּאַוועל אנדריאַנאָוו זיצט אין א פינסטערע צעלע פון מאסקווער געפענגנ׳ים פאר פּאָליטישע פערברעכען. עס ווערט צו איהם ניט צוגע־לאַזען קיין מענש אויסער דער וועכטער, וועלכער ווארפט איהם אריין דורכ׳ן פענ־סטערעל פון דער אייזערנער טהיר, צוויי מאל אין טאג א פּאַר פונט שווארץ ברויט, אויסגעמישט מיט קלייען און מיט זאמד. דיא וואסער וועלכע ער טרינקט איז ווארים און שמוציג. דער שטרוי־זעקעל וואס דיענט איהם אלס א צוקאָפּענס, איז בעדעקט מיט לעבּעדיגע ווערים. דיא ווענט זיינען נאס און איבער זיין קאָפּ טאנצען ארום גרויסע און קליינע מייז און קוויטשען מיט אלערליי קולות. דיא מוזיק פון דיעזע ברואימלאך מיט דיא חזיר׳שע מייזלכלאך, ווערט אנדערש ניט שטיל, סיידען ער גיט זיי אוועק א העלפט פון דאס שווארץ ברויט וואס ווערט אין זיין

צעלע אריינגעוואָרפען. אנפאנגס האבען דיא מייז מיט דיא מייזלאך געהאט פיעל מעהר וואס צו עסען אין זייער נאכבארס געזעלשאפט. דער עדלער גראף האט דיא שווארץ ברויט אין מויל ניט געקענט געהמען און האט עס מנדר געווען צו דיא קליינע בעשעפעניסען, אבי זיי זאלען ניט קוויטשען מיט אזעלכע משונה׳דיגע קולות; אבער שפעטער, האט זיין מאָגען אנגעהויבען צו פערדייען אויך דיא קלייען מיט דיא זאמד, און פאר זיינע נאכבארען פלעגט פערבלייבען דיא פערבאקענע שטיקלאך וואס זיינע צייהנער האבען ניט געקענט צוקייען. דיא מוזיק איז אבער געוואָרען שטארקער און דער גראף האט אנגעהויבען מיט זיי זיך צוטהיילען מיט יעדער ביסען — אבי שטילער קינדערלאך.

— דאס עדלעס קינד איז פעראונגליקט — האט פלוצלינג א קלונג געטהאן אין זיינע אויערען דיא זעלבע שטימע, וועלכע ער האט דערהערט פון הינטער דער טהיר, נאכדעם וויא ער האט זיך ערקלערט אין ליעבע פאר דער יונגער בארא̇נעסע קסעניא אנדרייעוונא אין׳ם האטעל „ערמיטאזש״.

— אָ, וואס איז דאס? וואו בין איך דאָ? ווער רעדט עס? — האט פאוועל שטאמלענד געברומט ווילד אָנקוקענד דיא שטומע ווענט פון זיין פינסטערן קער־קער — דוכט זיך אז איך הער דיא שטימע דייטליך. אָ, ווער האט עס דאמאָלס גערעדט און ווער רעדט עס יעצט?

ער האט זיך שטארק פערטראכט און פיבעריש געציטערט.

— ניין! — האט ער פלוצלינג אויסגעשריען, פונקט וויא ער וואלט דא מיט אימעצן דעבאטירען און וועלען איהם איבערשפארען — ניין, דאס איז א הערצענ־שטימע.

אָבער וואס זאל עס בעדייטען? — האט ער וייטער געברומט — איך הער שוין דיעזע שטימע צום צווייטען מאָל. דאָרט אין׳ם „ערמיטאזש״ האט מיין ליעבע קסעניא מיר געזאָגט, אז דאס איז א שטימע פון א וואהנזיניגען, איז דאך דיא שטימע ניט געווען א פאַלשע. יעצט הער איך איהר ווידער. אָה, איך פערשטעה עס ניט, איך בעגרייף עס ניט. וואס האט עפעס פעליקס פאר מיין אריינפאלען, זיך אויסגעדריקט?.... הלואי וואלט איך איהר ניט דערקענט. גוואלד, איך טראָג עס ניט אריבער; איך האלט עס ניט אויס.... מיין הערץ האט זיך עפעס דיא גאנצע צייט געשראָקען. איך האב געדיינקט אז דאס קומט פון אונזער שלעכטער לאגע. זאל עס זיין דאס וואס איך קען נאר פון מיין מויל ניט ארויסרעדען.... אָ, ניין, עס גלויבט זיך עפעס ניט.... מיין מוטער האט דאך איהר צו זיך געלאדען נאר צופעלינער ווייזע.

פאוועל האט זיך א וואָרף געטהאן אויפ׳ן שמאָלען טאפטשאן און האט מיט ביידע הענד פעסט צוגעדריקט זיין קאָפ, פונקט וויא ער וואלט געפירכטעט אז זיין קאפ זאל ניט צערשמעטערט ווערען טראכטענדיג.

— ליעבע! — האט ער פלוצלינג אויסגעשריען מיט א ווילדע שטימע — אָ וויא שרעקליך, וויא גרויזאם דוא ביזט. דוא בעטרינקסט דעם שטארקסטען מענ־שען, בעטויבסט זיינע געדאנקען, בערוישסט זיינע פערשטענדיגע געפיהלע און דוא

לאזט איהם ניט נאכדענקען.... אָ, וויא שרעקליך איך בין אריינגעפאלען! וויא קומט צו מיר א באָמבע? ווער האט איהר צו מיר אין צימער אריינגעטראָגען? אָה, דאס איז שרעקליך! דער שפיאָן האט זיך געפונען ביי איהר אין צימער. איך האב איהם גלייך דערקאנט. צוויי ווארנונגען האט מיר דיא פּאָרזעהונג געגעבען אוןביידע זיינען דורכגעפאלען צוליעב מיין היין קאָפּ.... אין „ערמיטאזש” א משוגע־נער וואס רעדט וועגען פערלאָרענע קינדער! א ניין, אזעלכע מענשען לאזט מען אין קיין האטעל ניט אריין. זיא האט מיך אָפּגענארט, דעם שפיאָן האט זיא גע־הייסען נאכפארשען וועגען איהר געלד.... אָ, דאס איז טאקי זעהר קלוג, אבער טייפעלש....

ער האט זיך מיט ביידע הענד געריסען דיא האר פון'ם קאָפּ און א קוואל מיט טרעהרען האט זיך פון זיינע אויגען ארויסגעגאָסען.

— דאס עדעל קינד איז פעראונגליקט — האט ער וויעדער דערהערט א דומפּפע שטימע וויא דורך דער וואנט — זיא האט איהם אונגליקליך געמאכט.

פּאוועל האט מיט'ן גאנצען קערפּער א ציטער געטהאן. ער האט געעפענט דעם מויל, אָנגעשטעלט דיא אויערן און זיך ארומגעקוקט פון אלע זייטען וויא א וואהנזיניגער.

— שאדע, שאדע — האט וויעדער דיא זעלבע שטימע געערדט — זיא האט אונז ביידען אין אונגליק געוואָרפען!

— ווער רעדט עס? — האט פּאוועל ניט מיט זיין שטימע אויסגעשריען און זיין גאנצער קערפּער האט פיבעריש געציטערט.

— א מענש, אן אונגליקליכער וויא איהר, עדעלער גראף! — האט ער באלד בעקומען אן אנטווארט.

— אָי! — האט זיך א שרעקליכער קרעכץ פון פּאוועלס הערץ ארויסגעריסען.

— צו שפּעט דער קרעכצען! — האט וויעדער דיא שטימע גערעדט.

— אָ, ווער זייט איהר? — האט פּאוועל ווילד אויסגעשריען.

— מאלטשאט, ני סלאָווא! (שא, ניט א וואָרט!) — האט אריינגעשריען א סאָלדאט אין פענסטערל פון דער צעלע.

— אָה, ווער זאל עס זיין? — האט פּאוועל ערשטוינט און פערוואונדערט זיך נעקלערט — פריהער איז דער זעלבער געווען אין'ם האטעל „ערמיטאזש” און יעצט איז ער נאר דא אין'ם פינסטערן קערקער. דאס איז דאך דער וואהנזיניגער וועלכער רעדט וועגען פערלאָרענע קינדער.... „ער פערדייזט היינט נאך קיעוו”, האט זיא מיר געזאגט. אָ, דאס איז זאָנדערבאר, שרעקליך און שווידערהאפט. איך פער־שטעה, אבער דאך פערשטעה איך ניט וויא קומט ער אהער.

פּאוועל האט אבערמאלס געוואלט פרעגען דעם מאן ווער ער איז; אָבער ער האט געפירכטעט פאר'ן סאָלדאט, וועלכער האט אנגעהויבען שטרענג צו האלטען דיא וואך.

ער האט זיך וויעדער א ווארף געטהאן אויפ'ן מאַטשאַן און האט זיך ווי־דער פערטיפט אין שרעקליכע, טרויעריגע געדאנקען.

פלוצלינג האט ער דערהערט אין קאָרידאר א גערויש.

— דוכט זיך, אז אייניגע מענשען געהן, — האט ער צו זיך אליין גערעדט — דאס געהט מען געוויס מיך נעהמען אין „טרעטאָיע אָטדעלעניע" אויף א פערהער אדער פיעללייכט גאר צום גאלגאָ; אין רוסלאנד קען אלעס געשעהן.

עס האט זיך געהערט א דרעה פון א שליסעל אין דער טהיר פון זיין צעלע. זיא האט זיך באלד אויפגעמאכט, און דער נאדזיראטעל פון'ם אסטראָג מיט א קליינע לאַנטערנע אין דער האנד איז אריינגעגאנגען.

— איהר שלאפט? — האט ער געפרעגט פאוולען, וועלבער האט זיך פון זיין געלעגער ניט אויפגעהויבען.

— ניין.

— מיט דאס ערלויבניס פון גענעראל סאָבאקאָוו — האט דער סמאטריטעל געזאגט — האט איהר דאס רעכט זיך צו זעהן מיט אייער מוטער.

— אָ, וואו איז זיא? — האט פאוועל אויפשפרינגענד פון זיין שטעלע אויס־געשריען.

— זיא ווארט אויף אייך אין'ם שפרעך צימער — האט איהם דער סמאָט־ריטעל געענטפערט — קומט מיט מיר.

ער האט פאוולען אריינגעפיהרט אין א צימער און דערזעהענדיג דיא שיין האט זיך פאוועל א חאפ געטהאן פאר דיא אויגען. ער איז שוין פון ליכט געוועזן אפגעוואוינט.

— אָ, מיין טהייער קינד — האט ער דערהערט זיין מוטערס שטימע אין דער פראנצויזישער שפראכע, און באלד האט ער זיך געפונען אין דיא ארמען פון זיין וויינענדער מוטער.

— ליעבע, טהייערע מוטער! — האט פאוועל מיט הערצרייסענדען געוויין אין דער זעלבער שפראכע אויסגעשריען — וואס מאכסט דוא? וויא געהט עס?

— וויא אָהן דיר, מיין טהייער קינד — האט דיא מוטער געיאָמערט — אבער זיי רוהיג און האף צום אלמעכטיגען....

— שווער, מוטער, שווער, — האט פאוועל פאלענד איהר אויף'ן האלדז גע־זאָגט — דיא באָמבע איז א געוויסער.... טוידט....

— רוהיג, מיין קינד, עס וועט אלעס רעכט ווערען — האט איהם דיא מוטער געלאסען געזאָגט — זעהסט דוא אז מען האט מיר ערלויבט דיר צו בעזוכען און ליידען מיט דיר אהן א וועכטער.

— קען איך וויסען ווער עס האט מיר דיא באמבע אונטערגעוואָרפען? — האט איהר פאוועל געפרעגט — אדער דוא מוטער ווייסט עס אויך ניט?

— דוא בעדארפסט עס יעצט מיין קינד ניט וויסען, — האט איהם דיא מוטער מיט טרעהרען אין דיא אויגען ערוויעדערט.

— אָ, מוטער, — האט פאוועל ווייטער גערעדט — איך האב אויף יעמאנדען א פערדאכט; אבער מיין הערץ ערלויבט עס מיר ניט ארויסצוריידען.... עס איז

טאקי פיעל געווען אז איך זאל עס ניט הערען, אויב דאס איז דער זעלבער פער־
זאן איז דאס שרעקליך....

— דאס אן א זייט מיין קינד — האט אנדריאנאווא פארגעזעצט — זאג
מיר נור צו האסט דוא פיעלע געהיימניסע אימעצען פערטרויט

פאוועל האט א זיפץ געטהאן.

— שרעקליך, שרעקליך מוטער, — האט ער נאך א קורצען נאכדענקען גע־
יאגט — אויב עס איז מעגליך צו רעטען בערטהא מאלליך, זאלסט דוא עס באלד
טהאן....

— דאס ווייס איך שוין פון ליזא'ן — האט דיא מוטער טרויעריג איהם ער־
ווידערט — אבער צו האסט דוא ניט עראינערט וואסיליעוון.

— ניין, מוטער; אבער איך האב דערצעהלט אז איך האב געשאסען אויף
אלעקסייעוון....

אנדריאנאווא האט מיט איהר גאנצען קערפער א ציטער געטהאן.

— האסט דוא אויך דערצעהלט זוא עס געפינט זיך אסיפ זאבארין ?

— ניין, מוטער; אבער איך האב דערצעהלט וואס ער איז געזאגען צו טהאן.

— איך זעה, מיין קינד, אז דוא ווייסט שוין ווער עס האט דיא באמבע
אונטער דיין זאפע אוועקגעלייגט — האט איהם דיא מוטער זיך בעוואשענד מיט
טרעהרען געזאגט.

— שרעקליך מוטער, שרעקליך — האט פאוועל מיט טרעהרען אין דיא אוי־
גען גערעדט — מיר איז שווער ארויסצורייד‌ען איהר נאמען.... אן עהרליבער מענש,
האט מיר אבער געווארנט, איך ווייס נאך ביז יעצט ניט ווער ער איז. נור פער־
פאלען מוטער, זאג מיר וואו איז דאקטאר וואסיליעוו ?

— פריי מיין ליעב קינד — האט איהם דיא מוטער מיט א שווערען זיפץ
געענטפערט.

— און ליזא ?.... — האט פאוועל געשטאמעלט.

— זיא ווערט עפענטליך פערלאבט מיט פעליקס סאבאקאוו — האט דיא
מוטער מיט א שטילען קרעכץ גערעדט.

פאוועל האט זיך א צאפעל געטהאן.

— איז דאס דיא ענדע ? — האט ער יאמערליך איהר געפרעגט.

— עס מוז אזוי זיין, מיין קינד....

— און איך פערבלייב דא ?

— איך האף צום אלמעכטיגען, אז דוא וועסט אין גיכען בעפרייט ווערען.

— איז דאס מעגליך מוטער ?

— יא, מיין קינד, דאס איז מעגליך.

— דאס איז שווער, מוטער, צו גלויבען.

— אלעס קען געשעהן; דוא האסט זיך אבער אליין אין אנדער צרות
אריינגעשלעפט.

— נאך ערגער אלס א באמבע ?

— יא, מיין קינד.

— א, מוטער, וואס האב איך דען אזוינס געטהאן?

— געגנוג איז דאס אליין, וואס דוא האסט געשאסען אויף אלעקסייעווין.

— שאדע מוטער וואס איך האב ניט געטראפען.

— איך האב א מיטעל וויא דיך צו בעפרייען — האט דיא מוטער נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — דער שלאנג מוז דיר עס פערציהען.

— דיינקסט דוא מוטער פון איהם בעטען מיטלייד?

— איך מוז עס טהאן מיין קינד.

— ניין מוטער, איך וועל ליעבערסט געהן צום גאלגאן! איך וועל עפענטליך מעלדען אז איך נעהם ניט אהן דיא פערצייהונג פון א שלאנג.

— איך וועל מיין שטאלץ ניט ביינען, מיין קינד — האט אנדריאנאווא מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהם ערוויעדערט — איך וועל איהם אבער דאצו צווינגען. ער וועט דיר מוזען פערצייהען, אז ניט וועט מען איהם געפינען אין זיין קאבינעט א טויטען!....

דאס איז אלץ גערעדט געווארען שטיל אז קיין זייטיגער אויער זאל עס דורך דיא וואנטלאך ניט הערען און נאכהער וויא דער סמאטריטעל איז אריינגעקומען און געמעלדעט אז דיא בעשטימטע צייט פון בעזוך האט זיך געענדיגט האט דיא עלענדע מוטער דעם צימער פערלאזען.

56טעס קאפיטעל.

חרטה איז ניט מעשה סוחר,

אום ניין אוהר אבענד, ועהרענד א איד און א יונגער אפיציער זיינען ארויס־געגאנגען פון דעם שיינקעל אין גראיעווא און האבען זיך אריינגעזעצט אין א פערד מאכטע קארעטע און פון הינטען, אן א זייט זיינען זיי נאכגעפאהרען צוויי רייטער אויף פערד מיט א פאר געלאדענע רעוואלווערען אין דיא הענד, אין יענער צייט איז בנימין פראנק געזעסען אין א צימער מיט זיין ווייב אין זייער וואוינונג אין ווילנא און זאבען געפיהרט צווישען זיך א שטילען געשפרעך:

— וואס זאגסט דוא חנה, — האט איהר בנימין געפרעגט — וועט יאשקען געלינגען אוועקצופיהרען דעם אפיציערעל אין אמעריקא? ער איז דאך היינט מיט איהם פארביינגעפאהרען ווילנא, פונקט וויא דער אפיציערעל וואלט טאקי בעדארפט פאהרען אין אמעריקא.

— אויף יאשקען דעם אויסגעמאכטען איז אלעס צו גלויבען, — האט חנה איהם ערוויעדערט — ער איז א חכם א איד. זיינע איינפעלע איז גאר ניט אויסצורעכענען; אבער וואס וועט זיין דערנאך?

— דער אפיציער אראפ, איז אלעס אראפ, — האט בנימין אונרוהיג געזאגט.

— דאס איז וואהר; אבער איך וואלט שוין וועלען וויסען וואו זיי האלטען שוין יעצט אין דער רייזע.

— מיר שרעקט זיך זעהר דאס הערץ, — האט בנימין טרויעריג גערעדט —

ווער ווייסט אין וואס פאר אן אונגליק מיר קענען דאדורך אריינפאלען? זיי וועלען אויסקלערען, אז מיר האבען דעם אפיציער ערמארדעט.

— זיי וועלען דערצו ניט האבען קיינע בעווייזע, — האט איהם חנה געטרייסט.

— א, מיין ווייב, — האט בנימין געזיפצט, — אונזערע פיינד בעדארפען קיינע בעווייזע ניט האבען.... וויא דיא וואהרהייט, האב איך שוין באלד חרטה אויף דער גאנצער געשיכטע....

— מיר ווייסען פון גאר ניט און געגוג. „זגאט ניע זנאיו“ איז אין רוסלאנד דער בעסטער אנטווארט. פאר'ן האנד ניט געחאפט — חאטש טאנץ ביז דעם הימעל. דעם אפיציער וועט דער שווארץ יאהר אין אמעריקא ניט צוחאפען און מיר געווינען דערווייל ציים.... אז ניט חייקעל בערקעס, זאל זיא זיך אליין אויסקלייבען, פאר א חתן וועמען זיא וויל, אבי מיט א אידן.

— היינט, מארגען, — האט בנימין ווייטער גערעדט, — איז נאך גאר גיט. וואס וועט אבער זיין אין אכט, צעהן טאג ארום? וועט דען דיא פערשווינדונג פון אפיציער פערשוויגען ווערען? איך בין זיכער, אז קאראלינקא און טשערטאוו וועלען אונז בע־שולדיגען אין א מארד.

— זגאט ניע זנאיו (איך ווייס ניט)! — האט חנה געענטפערט — דאס איז דער בעסטער תירוץ אויף אלע קשיות. — זיי ווייסען דאך ניט, אז דער פאלקאווניק האט אונז פערטרויט דאס דער אפיציער ווערט צוריקגערופען נאך ווילנא. אלזא, וועט זיי גאר ניט איינפאלען צו דענקען, אז מיר האבען עפעס א חלק אין דעם אפיציערס פערשווינדונג.

— ווען אפילו אזוי, — האט בנימין טרויעריג געזאגט, — איז דיא זאך נאך אויך ניט גאנץ גלאט. דער פאלקאווניק גריגאריעוו וועט דאך זיך שטויסען....

— לעבען זאל יאשקע דער אויסגעמאכטער, — האט חנה נאך א קורצען נאכ־דענקען ערוויעדערט — ער איז אן אויסגערעבענטער מענש אויפ'ן האר. ער האט דיר מיט פליים געשיקט פרעגען צום פאלקאווניק, מיט וועלכען וועג דער אפיציער בעדארף אנקומען, אום דער פאלקאווניק זאל דא שפעטער חאפען א שוויינג. ער וועט שטומען וויא א פיש כדי ער זאל דא אליין ניט אריינפאלען.... דורך קיין אנדערן האבען מיר דאך דאס געהיימנים ניט געקענט ערפאהרען וועגען דעם אפיציערס צוריקקומען פון טיפליס. פערשטעהסט דוא דיא געשיכטע?.... יאשקע איז א קלוגער....

— איך קען אבער ניט בעגרייפען יאשקעס פלאן, — האט בנימין מוטהלאז פארטגעזעצט — וואס וועט טהאן דער אפיציער אין אמעריקא?

— חאפט איהם דאבט דער שווארץ יאהר. איז דאס אונזער עסק? דיא גאנצע זאך געהט דאך דא אום דער צייט, און אויף א פאר חדשים זיינען מיר מיט'ן אפי־ציערל בעזארגט. ער וועט דאך גאר ניט טארען קומען צוריק נאך רוסלאנד....

— ניט טארען? א פערפיהרטער דורך א שווינדעל מעג עס, בעזאנדערס נאך, אז אונזערע פיינדע דיא וואמפירען, דיא יודען־פרעסער, האבען איהם נויטהיג צו זייער שמוציגען ציעל!

— דער אפיציער ווייס עס אבער גיט, — האט חנה ווייטער גערעדט — און וויא

באלד ער וועט זיך ארומזעהן, אז ער איז בענאננען א פערברעכען געגען דער רעגיערונג מיט זיין אוועקפאהרען נאך אויסלאנד, וועט ער וועגען רוסלאנד שוין מעהר ניט דיינקען.

— הלואי זאָלען מיר גוט אָפשניידען?....

— דא איז דער עקר „זנאט ני זנאיו!" ווען דער אָפיציער זאל אפילו צוריק־קומען און דער שווינדעל וועט זיך דערגעהן, איז אויך קיין בייז ניט. אהנע בעווייזע — א פיינ אונטערן נאָז....זאָל ער געהן זוכען א יאַשקען איבער ווילנא! מאלע וואס עס גיעבען לצים אויף דער וועלט. ער האט זיך געווים א נאָמען גענעבען טאָדרעס אדער נימפעל....

— — — — — — — — — — — — —

מיט צוויי שטונדען שפעטער נאך דיעזען געשפרעך, האט דער גענעראל קאָ־ראָליינקא אוועקגעשיקט א רייטער צו דעם גייסטליכען טשערטאָוו.

— זאָלסט פליהען וויא א טייפעל! — האט ער דעם סאלדאט בעפוילען — און אויב דער באטיושקא שלאָפט, זאָלסט דוא אין מיין נאמען איהם הייסען אויפ־וועקען, דוא הערסט?

דער קוריער איז אוועקגעפלויגען וויא א ווינד און אין א האלבע שטונדע ארום האט זיך דער היילינער טשערטאָוו געפונען ביי קאראליינקא'ן אין קאבינעט.

— לעזט היילינער פאטער, א דעפעשע! — האט דער גענעראל האסטיג גע־זאגט צום גייסטליכען און האט איהם באלד דערלאנגט א פאפיר.

דער היילינער האט אנגעטהאן א פאר ברילען און האט געלעזען פאָלגענדעס:

„גראיעווא. ניין אוהר צוואנציג מינוט. געכאפט ביי'ם פרייסישען גרענעץ א איד מיט אַן אָפיציער. עס וויזט זיך ארויס, אז זיי זיינען ניט דיא נאכגעשפיערטע פערזאָנען. זיי זיינען וויא אומגעביטען געוואָרען. זאָנדערבאר! סיסקנאָיעוו, שפיאָנאָוו".

— געוואלד איך שטארב! — האט דער היילינער אויסגעשריען און דיא דעפעשע איז איהם פון זיינע ציטטערענדע הענד ארויסגעפאלען — איך האלט עס ניט אויס! איך בין פערביי! אביסעל קאלטעס וואסער, גענעראל —

דער צערשמעטערטער קאראליינקא איז האסטיג צוגעלאָפען צום היילינען און האט איהם אנגעכאפט פארביידע הענד.

— בערוהיגט אייך, היילינער פאָטער, — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט — איך בין אויך פון דיעזער דעפעשע איבערראַשט און ניעדערשלאגען. איך געה שיער פון זינען ניט אראָפּ.

— דער אָפיציער איז ערמאָרדעט! — האט דער היילינער יעזואיט ניט מיט זיין שטימע געקוויטשעט — ווארום זיינען איירע שפיאָנען אויך איהם ניט נאכגע־פאהרען? זיי האבען דאך איהם היינט פריה געזעהן אין ווילנא. ווארום זיינען זיי אויך אין וואגאָן ניט ארייננעגאנגען? געוואלד א מאָרד! יונגע, אונשולדיגע, היילינע פראַ־וואָסלאַוונע בלוט פערגאָסען דורך אידישע בעסטיעס!

— נעוואלד, מיין קאָפּ ווערט צושפאָלטען! — האט קאראליינקא געוואָרטשעט — איך געה פון זינען אראָפּ טראכטענדיג, וויא אזוי האבען זיך דיא זשידעס דערוואוסט

פון אזא שטריינגע מיליטער־געהיימנים ?! פון וואַנען האבען זיי געוואוסט, אז דער אָפיציער איז צוריקגערופען פון טיפלים ?

— איך האב עס אבער פריהער פערשטאנען, — האט דער הייליגער פינסטער און אויפגערעגט גערעדט — דיא זשידעס דערגעהן וואס עס טהוט זיך אָפּ אפילו אין דער העלע. קיין זאך איז פאר זיי ניט צו שווער. זיי ווייסען פון אלעס, ניטאָ פאר זיי קיינע געהיימניסע.... געוואלד, פראוואסלאווגע הייליגע בלוט!

— צום פּראָקוראָר! — האט פּלוצלינג דער גענעראל מיט א ווילדע שטימע אויסגעשריען — באלד אין קייטען מוזען געשמידט ווערען דיא באַנדיטען, דיא מערדער, דיא כריסטען־פרעסער!

א דענטשיק איז אריינגעלאפען און האט איהם דערלאנגט א דעפּעשע.

דער גענעראל האט איהר האסטיג געעפענט און האט באלד געלעזען דיעזע ווערטער:

„גראַיעווא. צעהן אוהר פופצעהן מינוט. דער אָפיציער, אן אקציז בעאמטער, דער איד, א קויפמאן.ביידע בעפריים. יענע פערשוואונדען. נאכפאָרשונגען געהען.... דיא נעמליכע“.

— מיט׳ן קאָפּ אין דער ערד! — האט דער הייליגער בעטריבט אויסגעשריען — עס געהען נאכפאָרשונגען! כח האט איהר פּיאַניצעס אויסצוגעפינען א אידען! איין שיד קען הונדערט רוסישע שפּיאָנען אין איין זאק אריינגנארען.... א מאָרד! א מאָרד! געוואלד! הייליגע פראוואסלאווגע בלוט!

— צום פּראָקוראָר! — האט דער גענעראל וויא א ווילדע חיה געריטשעט — באלד אלע אין קייטען!

— און זיא מאָרגען אין קירכע! — האט דער הייליגער צוגעלייגט.

— —

א קלאַפּ אין דער הינטערשטער טהיר פון בנימין פראנקס וואוינונג, האט אויפגעוועקט דער דיענסטמיידעל. זיא האט אויף זיך ארויפגעכאפּט א קליידעל און איז צו דער טהיר צוגעגאנגען.

— ווער קלאפּט עס דאָרט אזוי שפּעט? — האט זיא שלעפעריג געפרעגט.

— נפתלקע, דער בית־דין שמש, — האט זיא בעקומען אן אנטוואָרט — לאָזט מיך אריין און וועקט גלייך אויף ר׳ בנימינען. איך האב איהם נייטהיג צו זעהן.

דאס מיידעל האט דיא טהיר אויפגעעפענט און אין א פּאר מינוטען ארום איז נפתלקע געשטאנען לעבען בנימינען אין א צימער.

— דער מורה־הוראה לעבען, — האט ער צו פראנקען געזאגט — האט געהייסען אייך איבערגעבען דיעזען בריעף.

בנימין האט מיט ציטטערענדע הענד דעם קאָנווערט אויפגעריסען און האט פון דאָרט ארויסגענומען א פערזיגעלטע דעפּעשע אויפ׳ן מורה־הוראה׳ס נאמען.

ער האט איהם באלד אויפגעמאכט און האט דורכגעלעזען פאָלגענדעס:

„ליק, פרייסען, צעהן אוהר דרייסיג מינוט. דיא ספרים אנגעקומען, איך וועל זיי שיקען ווייטער, יקותיאל“.

פראנקס געזיכט האט אויפגעשטראהלט. ער האט בעצאהלט דעם שמש אבצעהן גראָשען פאר דיא שליחות און אליין איז ער אריין צו זיין ווייב אין שלאָף־צימער.

— דוא הערסט חנה, — האט ער צו איהר שטיל געזאגט — א דעפעשע, אז יאַשקע איז שוין מיט איהם אין ליק.

— פערברען איהר, — האט איהם חנה געענטפערט, — זגאט ניע זנאיו !

בנימין האט דיא דעפעשע אויפ׳ן ליכט פערברענט.

דער שמיש האט אריינגעליינט דיא אבצען גראָשען אין קעשענע און ער איז דורך דער קיך־טהיר ארויסגעגאנגען.

— פאַסטאָי ! — האט ער דערהערט א שטימע אין דער פינסטערער פאָר־הויז און באלד האבען איהם צוויי גראבע הענד ערגריפען און א ליכט איז נעגען זיין געזיכט אנגעצונדען געווארען.

ער האט דערזעהן פאר זיך עטליכע זשאנדארמען מיט א שעהנעם קופקע פאָליציסטען.

— הוא אלקים, שמע ישראל ! — האט דער פרומער נפתלקע מיט שרעק א שעפטשע געטהאן — איך האב בודאי היינט פערגעסען זאגען דעם „יהי רצון״ ומפגע רע (פון א בייזע בענעגעניש), — האט ער זיך געקלערט און זיין הארץ האט שטארק געקלאפט.

— נאַזאד (צוריק)! — האט א זשאנדאר צו איהם א געשריי געטהאן און באלד האט ער דערפיהלט א קוקס אין פלייצע, אז דיא לונג האט זיך ביי איהם א טרייסעל געגעבען און דיא אבצעהן גראשען אין קעשענע האבען געקלונגען.

דער בית־דין שמיש איז ניט טוירט ניט לעבעדיג צוריק אין שטוב אריינגעגאנגען און באלד נאך איהם האבען זיך דאָרט אריינגעשאָטען אלכסנדר׳ס שמשים, געקליידעט אין אלערליי מונדירען.

— אלע אין קייטען און איהר אין מאנאסטיר ! — האט געהילכט א באסאָווע שטימע, און באלד האט זיך דערהערט א מחיה׳דיגער קלאנג פון מעשלאך, קופער און אייזען.

— — — — — — — — — — — — — —

דער ווילנער מורה הוראה, זיין ווייב און צוויי עלטערע קינדער, דער בית־דין שמש ר׳ נפתלי, בנימין פראנק, זיין ווייב חנה, זייער דיענסטמיידעל, בנימין׳ס אן איננערער ברורער, חנה׳ס צוויי ברידער, דער בוכפיהרער פון פראנקס געשעפט און צוויי אידען פון דער שטעדטעל רעזשיצא, זיצען שוין זייט צוויי מאנאטען אין ווילנער געפעננגים. דעם מצוה־פראָצעס האבען א־בערגענומען דריי טיכטיגע סלעראָוואטעלעם מיט צוויי פראָקוראָרען.

עס איז באלד בעוואוסט געוואָרען וואס נפתלקע דער שמש האט געטהאן ביי נאכט ביי בנימין פראנק אין וואוינונג. עס איז אוועקגעגאנגען א געהיימע נאכפאָרשונג אין ליק וועגען דער דעפעשע פון וועלכער מען האט ערפאהרען אין ווילנער טעלעגראף־סטאציאָן, און עס איז באלד דערגאנגען געווארען, אז דיא ספרים, וואס זיינען געוועזן

עראינערט אין דער דעפעשע צום מורה הוראה איז געוועזן געמיינט דער אפיציער יעוודאקים דיאבלין.

אין גראיעווא זיינען בעזאנדער ארעסטירט געוואָרען פיער אידען, וועלכע האבען מיט־געהאָלפען יאַשקען דעם אויסגעמאכטען אָפּצונארען די צוויי פּעטערבורגער שפּיאָנען, וועלכע זיינען דעם אפיציער נאכגעפאהרען.

צוזאמען זיינען געזעסען אכצעהן מענשען אין ווילנער געפענגניס און דער פּערהער איז געגאנגען אין זיין ארדנונג. דיא אלע אכצעהן געפאנגענע זיינען געוועזן בעשולדיגט אין דיא מיטהעלפונג צו ערמאָרדען א יונגען אפיציער, ווייל עס האט ניט געפּאַסט פאר אידען, אז א אידישע מיידעל זאל זיך טויפען און הייראטהען א פּראַוואָסלאַוונעם.

אין א פינסטערע צעלע איז געלעגען בנימין פראנק אויף א שמאָלע אייזערנע בעטעל און האט געהאלטען פּעררייסען דיא אויגען צום פּאָלאָפּ. ער איז אין דיא לעצטע צוויי מאנאט גרוי געוואָרען, וויא א זיעבציג יעהריגער מאן, זיין פּולעס געזיכט איז געוואָרען לאַנג, געל אָפּגעצעה־רט און האט בעקומען פאלבען.

— וואו נעהמט מען דעם טוידט? — האט דער אונגליקליכער געברומט — ווארום קומט ער ניט? וויא לאנג נאך וועל איך לעבען און זעהן דאס אונגליק מיט דיא אויגען? אָ, וואס קלינגען אזוי דיא גלאָקען פון דער קירכע? שוין צוויי שטונדען, אז זיי הערען ניט אויף צו קלינגען.... דאָרט פיהרט מען יעצט צום שמד מיין טאָכטער! און וואו איז דיא קליינע חייקע אהיינגעקומען? וועט זיא, מיין ליעבע, מיין טהייערע חייקע אויך אזוי....זיך....טויפען?!

דער אונגליקליכער האט אנגעהויבען צו שטאמלען און האט מעהר קיין וואָרט ניט געקענט ארויסריידען.

ער האט זיך פערטיעפט אין שרעקליכע, טרויעריגע געדאנקען און פיעלע בלעט־לאך פון דער בלוטיגער אידישער היסטאָריע, האבען זיך פאר איהם אויפגעמיישט און האבען זיך געשטעלט פאר זיינע האלב פערגלעזערטע אויגען אין פינסטערע, שרעקליכע און שוידערהאפטע בילדער.

— עס קלינגט! — האט דער אונגליקליכער פאטער געוואָרטשעט — עס קלינגען דיא גלאָקען! איך הער אין זיי דעם שרעקליכען קרעכצען פון מיין אונגליקליכען פאָלק: דאס זיינען דיא לעצטע זיפצען פון זיינע טויזענדע און צעהן טויזענדע קינדער אונטער דיא מעסער פון זייערע מערדער.... דאס זיינען דיא חראָפּעריי פון דיא געקוילעטע אויף „קדוש השם"!

ער איז ווידער שטיל געוואָרען; אבער פּלוצלונג איז ער פון זיין שטעלע אויפ־געשפרונגען, וויא א שלאַנג וואָלט איהם א ביס געטהאָן.

— זיא טויפט זיך! — האט דער אונגליקליכער זיך רייסענד דיא האָר פון קאָפּ געברומט — מיין שפרה.... טויפט זיך! איך זעה וויא זיא שטעהט אין קירכע און שפייט אויף איהר רעליגיאָן. אָט איז זיא. אוועק פון מיר אויסוואורף! איך בין ניט דיין פאטער. דוא שפייסט אויף דיין גאָט.... ביסט ניט מיין קינד.... אוועק פון מיינע אויגען!

ער האט א מאך געטהאן מיט ביידע הענד, פונקט וויא ער וואָלט וועלען פון

זיך אָפּשטויסען זיין טאָכטער און ער האט טאקי פון זיך אפּגעשטויסען א מענשען וועלכער איז פון איהם אפּגעפלויגען אייניגע טריט הינטער זיך און האט זיך מיט'ן קאָפּ אָנגעהאקט אן דער אייזערנער טהיר.

— בערוהיגט אייך אונגליקליכער, — האט ער דערהערט א בעקאנטע שטימע אין דער רוסישער שפּראך — איך בין געקומען אייך בעזוכען.

בנימין האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער דערזעהענדיג פאר זיך דעם פּאָלקאָווניק גריגאָריעוו.

— אָ וואס מאַכט איהר? — האט דער אונגליקליכער איהם אין אידישען גע‑פרעגט — וואס טהוט איהר דא עדלער מענש? דא איז נאר א פּלאַץ פאר מערדער.

— איהר מעגט ריידען אידיש, — האט דער פּאלקאווניק אין שוואכען דייטש געזאגט — איך פערשטעה אייך, פערשטעהט איהר מיך אויך?

— יא, פאלקאווניק, — האט איהם פראנק מיט טרעהרען אין דיא אויגען ער‑וויעדערט.

— זאָגט מיר בנימ'קע — האט דער פּאָלקאָווניק שטיל געזאגט — צו האט איהר נאך ניט אויסגעזאגט, אז איך האב אייך פערטרויט דאס געהיימניס וועגען דעם אפיציער.... איהר פערשטעהט דאך וואס איך מיין....

— איך פערשטעה, — האט בנימין שטיל געענטפערט — איהר זאלט וויסען עדלער מענש, אז ווען דער תליון וועט אפילו מיר אייפהיינגען א שטריקעל אויפ'ן האלז מיט דער בעדינגונג מיך פריי צו לאזען אויב איך וועל איהם דאס געהיימניס פערטרויען, טהו איך עס ניט. אויף דעם זיינגען מיר אידען.

— היינט זאָגט‑זשע מיר בנימקע, — האט דער פּאלקאווניק ווייטער גערעדט — צו האט איהר טאקי דעם אפיציער ערמאָרדעט? איהר בעדאַרפט פערשטעהן, אז דאס וועט פערבלייבען ביי מיר א געהיימניס, ווייל דאס זעלבע וואס איהר קען איך אליין דאָ ליידען.... איך האב דאך אייך פערטרויט, אז דער אפיציער איז צוריק‑גערופען פון טיפלים און נאכהער האב איך אייך אויסגעזאגט מיט וועלכען וועג ער פאָהרט.

— ער לעבט, — האט בנימין געענטפערט.

— טאָ זאָגט‑זשע מיר, בנימקע, וואו ער איז.

— איך טאָר ניט.

— איהר מוזט עס אבער טהאן. פיעללייכט וועט איהר גערעטעט ווערען פון קאטערגא.

— דאס איז שוין אונמעגליך.

— איהר טאָרט אייך בינימקע ניט שפּיעלען מיט'ן לעבען פון נאך זיבצעהן פּערזאָנען אויסער אייך, — האט איהם דער פּאָלקאָווניק מילד און שטרענג געזאגט — אייך קען זיך אויסדוכטען, אז אלעס איז פערפאלען; אבער איהר טאָרט זיך אויף אייער פערשטאנד ניט פערלאָזען, וואו עס האנדעלט זיך אום דאס לעבען פון פיעלע פאמיליען‑פאטערס.

בנימין האט זיך פערטראכט.

— איהר האט דא גאר ניט וואס צו טראכטען, — האט דער פאָלקאָווניק ווייטער גערעדט — איהר מוזט מיר פערטרויען, וואו דער אפיציער געפינט זיך; פיעללייכט וועט מיר געלינגען דיא זאך אין ארדנונג צו ברייננען, אום איך זאל אליין; אויך ווען עס איז ניט אריינפאלען. א מאל קען זיך אייער ווייב ארויסהאפען מיט א וואָרט, זיא איז דאָך מעהר ניט וויא א שוואכע פרוי.

— מיין פרוי וועט עס ניט טהאן אין דיא ערגסטע און געפעהרליכסטע אומ-שטענדע.

— אבער יערענפאלס מוזט איהר מיר זאגען, וואו דער אפיציער געפינט זיך. איהר זאלט וויסען בנימקע, אז דא האנדעלט זיך גאר אויך וועגען אן אנדער וויכטיגער זאך....

— קען איך ניט וויסען וועגען וואס.

— אויף אום דאס לעבען פון אייער טאָכטער. דער יעזואיט מ׳שערטאָוו האט איהר פאסט מיט געוואלד יעצט אפגעטויפט, און ער רעדט איהר א שדוך מיט זיינעם א דיענער קולאקאָוו. דער קולאקאָוו, וויא איך וויים פון זיינעם א בעקאנטען, איז זעהר א פערדאָרבענער, ניעדערטרעכטיגער שורקע, און איז געווים מיט א פופצעהן יאהר עלטער פאר איהר.

— זיא איז ניט מיין קינד, — האט בנימין מיט געוויין איהם געענטפערט.

— נו, אויב ניט צוליעב איהר, טהוט עס פון אייערט וועגען. און ווען ניט פון אייערט וועגען, האט רחמנות אויף דיא זיבעצעהן אונשולדיגע מענשען מיט זייערע פאמיליען; צווישען זיי איז דאך אויך אייער ווייב. און אויסער דעם, וויא באלד אייער טאכטער איז שוין יא געטויפט אין הייראט.העט זאָ-וויא-זאָ א פראוואסלאוונעם, האט איהר ניט וואס צו פערליערען. איך וועל אלע מעגליכקייטען אנווענדען, אז דער אָפי-ציער זאל צוריקקומען און דער מאָרד בעשולדיגונג וועט פון אלע ארעסטאנטען ארונטערפאלען.

בנימין האט זיך נאך א מאל פערטראכט.

— דער אפיציער איז אין אמעריקא, — האט ער נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט.

— אין וועלכער שטאדט?

— דאס וויים איך אליין ניט.

— זאגט מיר בנימקע, וויא דערגעהט מען עס. איך קען אייך דא אלע רעטען.

— שווערט מיר, אז קיינער וועט פון דאס-ניי פעראונגליקט ניט ווערען.

דער פאלקאָווניק האט אראפגענומען דיא היטעל און האט זיך דריי מאל אי-בערגעקרייצט.

— אפשר גלויבט איהר מיר ניט אויף אזא שבועה — האט דער פאלקאָווניק איהם געזאגט — טאַ נאט אייך מיין האנד.

— ניין איך גלויב.

— טאָ זאָגט-זשע מיר וואס גיכער; איך פירכטע דא לאנג צו פערבלייבען.

— אויפ'ן שול־הויף וואוינט איינער א איד מיט'ן נאמען יאָשקע דער אויסגע־מאכטער, געבט אהין אריין און ער וועט מיט אייך דאריבער ריידען.

— דאס פערבלייבט א שטרייגגע געהיימניס אויף אייביג, — האט דער פאָל־קאָווניק געזאגט — אדיע בנימקע, האָפט אויף גוטעס.

— — — — — — — — — —

ביידע יעזואיטען טשערטאָוו און קאראליינקא האבען אויסגעפיהרט וואס זיי האבען געוואלט, אכצעהן אידען זיצען פערשפארט אין געפעננניס אלס מערדער און שפרה פראנק איז אין צוויי מאָנאט ארום נאך איהרע עלטערענס זיצען אין געפענגניס אָפּגעטויפט געווארען אין דער גרויסער קירכע אלעקסאנדער נעווסקי סאָבאָר. זיא האט זאגאר געשטעלט א בעדינגונג, אז מען זאל איהרע עלטערען פריי שפרעכען; אבער דער הייליגער פאטער האט איהר געענטפערט גראָבהייטען, און האט עס איהר ניט פערשפראָכען.

— וויא באלד, אז זיי זיינען געוועזן פעהיג צו ערמאָרדען דיינעם א געליעבטען, — האט דער הייליגער פריינדליך געזאגט — זיינען זיי ניט ווערטה, אז דוא טאָכטערקע זאלסט פאר זיי בעטען.

— דאס איז א ליעגען, באטיושקא, — האט דאס מעדכען מיט טרעהרען אין דיא אויגען געענטפערט — מיינע עלטערען זיינען פאנאטיקער; אבער עהרליכע מענשען, און וויא באלד דיא פּראוואָסלאוויע איז טאקי אזוי הייליג וויא איהר זאגט, בעדארף איהרער א פּאָרשטעהער, וויא איהר באטיושקא זעהן צו רעטען אונגליקליכע, ניט זיי צו פערפאָלגען.

— וויא באלד עס וועט זיך אויפווייזען, אז דער אפיציער איז ניט ערמאָרדעט, — האט דער הייליגער געזאגט — וועל איך דיינע עלטערען רעטען, האָטש פאר בעשטאָטען אן אפיציער וואס שטעהט אין דיענסט, קומט זיי סיביר.

— איך וועל אנדערש ניט געהן זיך טויפען סיידען איהר וועט עס מיר שווערען ביי אייער קרייץ, — האט שפרה איהם ערוויעדערט.

— צום טויפען טאָכטער מוזט דוא זאָ־וויא־זאָ געהן, האט איהר דער הייליגער שטריינג געענטפערט — זייט דוא האָסט מיר דעם ערשטען בריעף געשריעבען, געהערסט דוא שוין צו דער הייליגער קירכע. אבער אזוי וויא איך וויל דיך חתונה מאכען מיט מיינעם א הויז מענש, אן עהרליכען פּראוואָסלאוונעם, וועל איך דיר צוליעב טהאן און האבען מיטלייד מיט דיינע עלטערען.

— שטעלט איהר מיר א בעדינגונג, אז איך זאל הייראטהען וועמען א י י ך נעפעהלט? — האט איהם שפרה פערדריסליך געפרעגט.

— אנדערש ניט טאָכטערקע.

— איז דאס עהרליך פון א פּאָרשטעהער פון דער פּראוואסלאוויע? — האט איהם שפרה צארניג געפרעגט.

— וויא דוא ווילסט זיך טאָכטערקע, — האט דער הייליגער איהר קאלט געענטפערט.

— איך מעג נאך אויף דער גאנצער מעשה חרטה האבען, — האט שפרה

מיט א פערעכטליכע מינע איהם ערוויעדערט — מיר לעבען דאָך אם ענדע פון נייני-צעהנטען יאהר-הונדערט, און ניט אין שפאניען.

— דאס מאכסט דוא אן אירטהום מיין קינד, — האט דער היילינער מיט א טייפעלשען שמייכעל גערעדט — מיר לעבען טאקי ניט אין שפאניען; אבער סיביר און קאטאָרגא האבען אויך עפּעס א דיעה.... מיין ניט, אז דוא האָסט אנגעטראפען עפּעס א אינגעלע פון וועמען צו לאכען. דוא האָסט איינמאל געשריעבען, אז דוא ווילסט זיך טויפען, און דוא ווייסט גאנץ גוט טאָכטערקע, אז וואס מיט א פעדער איז אנגעשריעבען, איז מיט א האק ניט אויסצוהאקען....

— איך האב אבער געשטעלט דעם אפיציער אין בעדינגונג, און וויא באלד יעוודאקים איז פערשוואונדען איז מיין וואָרט קיין וואָרט ניט....

— זיי ניט קיין נארר טאָכטערקע, — האט דער היילינער איהר רוהיג געענט-פערט — דיא היילינע פּראוואסלאוויע האט פיינד בעדינגונגען. דוא וועסט זיך טויפען טאָכטערקע און מיר וועלען נאך טאנצען אויף דיין חתונה מיט מיין הויז-מענש קולא-קאָוו. דוא מוזט האבען א שיצער, אז דיא זשידעס זאלען דיך ניט ערמאָרדען.

— איך דאנק אייך באטיושקא, וואס איהר זאָרגט אזוי פאר מיר, — האט איהם שפרה מיט א פערעכטליכע מינע ערוויעדערט — איהר שרעקט זיך אבער אומזיסט. דיא זשידעס זיינען ניט קיינע מערדער און זיי האבען דעם אפיציער אויך ניט ערמארדעט.

— א דאנקע האָסט דוא מיין קינד, — האט דער היילינער ליעבליך געזאגט — וואס טויג דא א סך צו דעבאטירען, דוא ביסט נאך אליין אויך א זשידאָווקא און בעפאָר דיא היילינע וואסער האט נאָך דעם אונריינעם גייסט פון דיר ניט ארויסגע-טריבען, בין איך גאר ניט פערפפליכטעט מיט דיר פיעל צו ריידען. קורצע וואָרטען, דוא וועסט זיך טויפען און נאכהער הייראטהען קולאקאָוו'ן!

— ווילט איהר מיך צום הייראטהע אויף צווינגען? — האט שפרה העכסט אויפגערעגט אויסגעשריען.

— טאָ וואס דען? מיר וועלען דיך לאָזען אנטלויפען ערגעץ אין אויסלאנד און דאָרט חתונה האבען מיט א אידען? מיינסט דוא, אז מיר זיינען אינגעלאך און דוא וועסט פון אונז גלאט חווק מאכען? זעהען מיר דען ניט, אז דיין אידישע נשמה איז נאך פערזונקען איבער דיא אויערען אין דער זשידאָווסקער בלאָטיגער רעליגיאָן? ניין טאָכטערקע, קיין חרטה העלפט דא ניט, חרטה איז ניט מעשה סוחר. דוא וועסט זיך נאך היינט טויפען און באלד נאך דעם וועסט דוא הייראטהען דעם פרומען קולאקאָוו. — רוסלאנד טאָכטערקע, איז ניט קיין הפקר וועלט....

— אָי! — האט זיך א שרעקליכער קרעכץ פון שפרה'ס הארץ אויסגעריסען און זיא איז אין אהנמאכט צום באָדען געפאלען.

57טעס קאַפּיטעל.

יעזואיטישע געהיימניסע.

דער אָבער=פּראָקוראָר פון דעם היילינען סינאָד אין רוסלאַנד פּאָביעדאָנאָסצעוו,
בעזוכט פּאַטט יעדע וואָך דיא היילינע שטאדט מאסקווא. ער האט דאָרט איינינע
פינסטערלינגע, וועלכע העלפען איהם פערשפּרייטען פינסטערנים איבער דעם דעס־
פּאָטישען לאַנד, וואו ער איז דער גאנצער רעדעלפיהרער, אלכסנדר דער דריטער
האט איהם אפּגעגעבען דיא גאנצע בולאווע אין דער האנד און וואס פּאביעדאָנאָסצעוו
וויל טהוט ער. ער איז ניט נור א בעל דעה אין זיין פאַך, וואס אנבעלאַנגט צו רע=
ליגיאָן; זאָנדערן ער האט אויך צו זאגען אין אלע אנגעלעגענהייטען וואס קומט פאָר
אין רוסלאַנד. דער מיניסטער דעס אינערען, דער מיניסטער דעס פאָלקס אויפקלערונג
און אלע מיניסטאָרען אין זייער פאַך, טהוען זיך אין אלע טהאטען אהן איהם ניט א
קעהר. ער מוז פון אלעס וויסען, און אהן זיין ידיעה ווערט קיין זאך ניט בעשטעטינט
און דורכגעפיהרט. זייענדיג א מאל א לעהרער פון אלכסנדר דעם דריטען, האט פּאָ=
ביעדאָנאָסצעוו זיך בעזאָרגט מיט א גוטע שטעלע. ער האָט קענען־געלערענט דעם
כאַראַקטער פון זיין שילער און דערצו נאך האט ער פון זיין קינדהייט אָן איהם
אוועקגעשטעלט אויף אזא וועג, אין וועלכען ער קען אהן פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן א פּ ס ניט
א שטעל טהאָן, דער ק ל ו ג ע ר לעהרער האט גוט דערקענט זיין נ א ר ר י ש ע ן
שילער און האט שוין אזוי געמאַכט, אז ער זאל אייביג פערבלייבען זיינער א תלמיד....
אבער וויא מיר ווייסען, איז א נאַררייטער שילער זעהר קאַפּריזנע, און אז איהם פער=
ווילט זיך, שפּאַרט ער זיך איין מיט דיא הינטערשטע פיס און וויל זיין רב'ן ניט גע=
האָרכזאַם זיין. דערפאַר איז פּאָביעדאנאָסצעוו א קלוגער טייפעל, ער ווייס אלע
שוואַכע זייטען פון זיין תלמיד אלכסנדר און בענוצט זיך מיט זיי דורכצופיהרען וואס
זיין טייפעלישע האַרץ גלוסט און ווינשט. דאס ווערט אזוי קונציג אפּגעמאַכט אז ר'
סענדער דער רויטהער (אידען רופען איהם נ ע ל ע ר אבער מיר קענען עדות זאגען,
אז ער איז גאָר א ר ו י ט ה ע ר) ווייס ניט וויא אזוי דאס איז געווארען און פערשטעהט
ניט אז דאס שטאַמט פון זיין לעהרער.... פּאָביעדאנאכצעוו איז אין פאָלען זינען א
י ע ז ו א י ט און ער האלט פון דעם יעזואיטישען שפּריכוואָרט: „ד ע ר צ י ע ל פ ע ר-
ה י י ל י נ ט ד י א מ י ט ל ע ן", אלע לומפּישע און נידערטרעכטינסטע מיטלען זיינען ביי
דיעזען מענשען=פרעסער ה י י ל י נ צוליעב זיינע שטרעבונגען; ער ווענדעט זיי אָן אבי
ער זאל דעררייכען וואס זיין יעזואיטישער קאָפּ האט פערטראַכט.

פּאביעדאנאסצעוו איז היינט געקומען צופאהרען אין מאסקווא און ער לאָזשירט
אין זיין ליעבען האָטעל „סלאַוויאנסקי באַזאר" אויף ניקאָלסקאַיאַ אוליצא. „ניקאָל־
סקאַיאַ" איז איינע פון דיא לעבהאפטסטע גאַסען אין מאסקווא. זיא איז דער צענטרום
פון דער גרויסער קאצאַפּען=שטאדט און איז פון אלע זייטען ארומגעצאַמט מיט קדושה
פון איין זייט גאס איז דיא וואַנד פון מאָסקווער ערשטען פעסטונג און דער טהויער
פון דיעזער וואנד האט א הויכען טהורם, וועלכער ענדיגט זיך מיט עטליכע קרייצען.
דאָרט קלינגען דיא היילינע גלאָקען פופצעהן שטונדען אין מעת=לעת, און דיא היילינע
יונג־פרוי מיט איהר זוהן אויף דיא הענד, היינגט ביי'ם ארייננאנג פון דיעזען טהויער,

און קוקט אן דיא הונדערטער וועקסענע ליכטלאך, וועלכע ווערען טעגליך פאר איהר אנגעצונדען פון דיא זינדיגע קאצאפּען וואס קומען דארט אויסברענגען זייערע זינד אין ליכטלאך. באלד נאכ'ן טהויער איז ווידער א צערקאָוו מיט איינציגע קופּעלס, דאָרט ליעגען מענשען אויף דעם טראָטואר און שלאָגען זיך מיט דיא בלויזע קעפּ אן דיא שטיינער, זיי בעטען גאט פאר זיך און פאר דעם הייליגען באטיושקא אלכסנדר. געגענאיבער איז ווידער א צערקאָוו מיט אן אנדער סאָרט מאמען אויף דער וואנד. דאָרט ליעגען ווידער מעניטען אויף דער ערד און שלאָגען זיך מיט דיא קעפּ אָן באָרען. אזוי געהט אוועק דיא גאנצע גאס מיט צערקוועס, מיט מאמעס און מיט קעפּ וואס האלטען זיך אין איין שלאָגען אן דער ערד און אן וואנט. אם ענדע' דער גאס איז דיא וואנט פון דער קרעמעלישער פעסטונג, וואו עס איז שוין שווער דיא צערקוועס איבערצוצעהלען. רעכטס זעהט זיך דער איווירסקער טהויער פון דער „איווירסקער מאמען". זיא איז דיא הייליגסטע מאמע אין מאסקווא און טראָגט אונטער איהר גאָלדנעם שטערען א פּאָר בריליאנטענע אויגען וואס בעטרעפען א שעהנע סומע, חאָטש דיא מאמע שטעהט און קוקט זיך איין מיט אזעלכע ליכטיגע אויגען, פון דעסטוועגע שטעהען נאך א פּאר סאָלדאטען און גיבען אויף איהר אכטונג אז אימיצער זאָל חס ושלום איהר ניט בלינד מאכען.... עס האט שוין געטראָפען אז א פרומער פּאָגיע, האט קושענדיג דער מאמען אין שטערען ארויסגעזייגען א אויג פון איהר קאָפּ, וועלכען ער האט באלד אוועקגעטראגען אין א פפאנד־הויז און האט איהם געוואלט פערליינען אין א גאנצען קערבעל וואס איהם האט געפעהלט „נא פּאָכמיעל" (פערטרינקע: דיא שכרות). דער פפאנד־לייהער האט זיך פאר דעם אויג דערשראָקען, ער האט געזעהן אז זיין גאנצער פפאנד־הויז פערמעגט ניט וויפיעל דער אויג איז ווערטה, און האט דעם אויג אוועקגעטראגען אין דער פּאָליציי. פון דאמאלס אן גלויבט מען ניט אז דיא הייליגע מוטער זאָל זיך קענען אליין איינהיטען, און עס היטען איהר א פּאר סאָלדאטען. געגענאיבער פון דער מאמעס הינטערשטען זייט, לינקס, זעהט זיך דיא אלטע צערקאָוו פון „איוואן גראָזני", וואו ער פלעגט זיך ארייננחאפּען אָפּדאווגען א מנחה, נאכהער וויא ער האט זיך צוגעקוקט וויא מען האט אראָפּגעהאקט הונדערטער קעפּ אויף דעם שטיין וועלכער ליעגט נאך ביז היינטיגען טאג געגען דער קירכע.

יענער פּליאץ ווערט אנגערופען „קראסנאיא פּלאָשטשאד" (רויטהער פּליאץ) צוליעב דאס רויטהע בלוט וואס דאָרט איז טאג טעגליך פערגאָסען געוואָרען. היינט געהען זיך מענשען איינקוקען אויף דעם שטיין מיט דער רינע, וועלכע איז אין איהם דורכגעבויערט אום דאס בלוט זאָל אָפּרינען; זיי פערשילטען דעם אלטען טייפעל „איוואן גראָזני"; אבער זיי בערעכענען ניט וויפיעל בלוט פערגיסען ראָמאנאָוו'ס קינדער אין דער שטיל — און זיי זינגען נאך „באָזשע צאריא חראני" (גאָט, היט דעם צאר).

פּאָביעדאָנאָסצעוו זיצט אין א בעזאָנדערען צימער פון זיין גרויסע לאָזשי אין „סלאוויאנסקי באזאר" לעבען איהם זעהר נאָהענט זיצט א גייסטליכער מיט א לאנגען גרויליכען באָרד און זיי פיהרען צווישען זיך א שטילען געשפּרעך:

— אנדערש קען עס ניט זיין — האט פּאָביעדאָנאָסצעוו דעם גי סטליכען געזאגט — רוסלאנד מוז ווערען א סימבאָל פון הייליגטהום פאר דער גאנצער וועלט.

מיר קענען עס אנדערש ניט אויספיהרען סיידען מיר זאלען בעפרייט ווערען פון דיא זשידעס. זיי זיינען דער שעדליכסטער עלעמענט אין אונזער פאטערלאנד.

— דאס איז וואהר הייליגער פראָקוראָר — האט דער גייסטליכער איהם געענטפערט — אָבער איך דענק, אז דער באטיושקא אליין איז זיי אויך קיין גוטער פריינד און דאס קען געשעהן גאר אהן זייטיגע מיטלען....

— איהר זאָלט וויסען, הערר דוחאָווקין, — האט פּאביעדאנאָסצעוו מיט אן ערנסטע מינע איהם ערוויעדערט — דאס איהר רעדט מיט א מענשען, וועלכער קען סאשען (אלכסנדרן) פון זיין קינדהייט אן. איך בין קלאָר אין איהם פיעללייכט מעהר וויפיעל איהר אין יעוואנגעליום (ברית החדשה). ער איז ווירקליך איינער פון דיא שטארקסטע יודען־פיינד; אבער איינינע אידישע מיללי‌אָנערען זיינען ביי איהם זעהר בעליעבט. ער פלעגט אימער פון זיין פאטער הערען איבער זיי גוטע מיינונגען, און אזוי וויא ער איז ניט קיין דיינקער; דאס קעפּעל איז ביי איהם א גאנץ פלאכנקע, דארום קען ער זיך גאר פון קאָפּ ניט ארויסשלאָגען, און דאס האלט איהם אָפּ פון פערפאָלגונג דיא זשידעס אין רוסלאנד.

— נאך אייער מיינונג זיינען דיא אידען אין רוסלאנד נאך וויניג פערפאָלגט? — האט איהם דוחאָווקין אונשולדיג געפרעגט — מיר שיינט, אז אן אנדער פאָלק אויף זייער שטעלע, וואָלט שוין לאנג פון אזעלכע פערפאָלגונגען אויף דער וועלט ניט געווען; אבער נור דיא זשידעס זיינען דאס אים שטאנד איבערצוטראגען, דאס איז עפּעס א פאָלק וואס איז שטארקער פון אייזען....

— וויא איך זעה, הערר דוחאָווקין, — האט פּאביעדאָנאָסצעוו פערדריסליך גערעדט — זייט איהר גענצליך אונבעקאנט מיט דער יודען־פראגע אין רוסלאנד. האט איהר פאר דער לעצטער צייט ווירקליך אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירען מיט דיעזער פראגע, דאס איהר מאכט אזא אירטהום און מיינט אז דיא אידען אין רוסלאנד ווערען פערפאָלגט?

— מעגליך אז איך מאך אן אירטהום — האט איהם דער הייליגער געענטפערט — אבער וויא מיר שיינט, האט דער מיניסטער איגנאטיעוו אזוי בעשרענקט דעם אידישען לעבען אז זיי האבען זיך ניט וואו אהינצוטהאן; אין קיינע דערפער טאָרען זיי ניט וואוינען, זיך בויען אויסער דער שטאדט איז זיי פערוועהרט, קיין לאנד איז זיי ניט ערלויבט צו קויפען, אין דעם אינערען רוסלאנד לאזט מען זיי נאך פון פריהער ניט אריין, דיא גימנאזיומס און אוניווערזיטעטען זיינען פאר זיי פאסט צוגעשלאָסען, קיינע עמטער אין דער רעגיערונג, אדער זאגאר פּריוואט שטעלען ביי רוסען בעקומען זיי ניט; פיעלע פרנסות זיינען פאר זיי פערוועהרט, און זאגאר אין דיא זעכצעהן גובערניעס וואו זיי מעגען יא וואוינען, טאָרען זיי צו קיין זאך זיך ניט צוריהרען, אלעס איז פערבאָטען און ניט ערלויבט, הייסט זאָגט־זשע מיר, הייסט עס דען ביי אייך ניט פערפאָלגט?

— דיא אלע געזעצע — האט דער יעזואיט גערעדט — זיינען נור טויטע בוכשטאבען. זיי ווערען אין גאנץ רוסלאנד ניט ערפילט, אידען דוכט זיך טאָרען קיין לאנד ניט קויפען; אבער זיי גיעבען זיך אן עצה. רוסען קויפען און זיי האבען דיא

איינקינפטע; זיך בויען אויסער דער שטאדט איז ניט ערלויבט, און דיא אידישע שטעדט ווערען פון טאג צו טאג אלין גרעסער און גרעסער. רוסען בויען זיך, אבער צו אידען געהערען דיא הייזער. אין דעם אינערען רוסלאנד איז זיי ניט ערלויבט צו וואוינען, פון דעסטוועגען האבען מיר אין מאסקווא און אין פעטערבורג ביי א צוויי מאל הונדערט טויזענד זשידעס. מיר האבען זיי אויך אין באקו ביי דיא קעראָסין קוועלען, אין סיביר ביי דיא גאָלד מינען און אין קאווקאז ביי דיא מינעראלען. זיי שטעלען אונז איינפאך בדלות. וואו זיי קומען זויגען זיי אויס דיא מארך פון דיא ביינער, דאס עס פערבלייבט פון אונזערע ארימע ברידער הוילע סקעלעטען. דיעזער פערפאָלגטער פאָלק, וויא איהר רופט איהם אָן, האט אלעס פערנומען אין זיינע הענד; זיי קאָנקורירען מיט אלע קלאסען פון אונזער ארעמען פאָלק, זאגאר אויך מיט דער געבילדעטער קלאסע. אלע יוריסטען (אדוואָקאטען), ערצטע, טעכניקער און כעמיקער זיינען אידען, זיי פערנעהמען דיא בעסטע שטעלען, אז פאר אונזערע רוסען שטעלט זיך גאר ניט אפ, היינט זאָגט= זשע מיר, הערר דוחאָווקין, צו הייסט עס ביי אייך פערפאלגט? איהר דארפט פער־ שטעהן, וויא עס וואלט שוין געווען, ווען אידען אין רוסלאנד וואלטען האבען אלע רעכטע. זייט פינף און צוואנציג יאהר וואלט געווארען א אידישע מלוכה און מיר רו־ סען וואלטען בעדארפען וואנדערן איבער דער וועלט מיט טאָרבעס. ניין, הערר דוחאָווקין, וויא באלד פראוואָסלאוונע בלוט פליסט אין אייערע אדערען, וויא באלד איהר זייט פאטריאטיש געזאנען און איהר ווילט ניט נאך מיט אייערע אויגען זעהן, וויא רוסלאנד ווערט פ ע ר א י ד ע ש ט — מוזט איהר מיר בעהילפיג זיין מיין פלאן דורכצופיהרען, סאיש בעדארף זעהן מיט דיא אויגען אויף וואס אידען זיינען פעהיג און נור דאמאלס קענען מיר פון דיא אלע זשידעס בעפרייט ווערען.

— דיינקט איהר, אז איך האב געמיינט דיא זשידעס צו פערטהיידיגען? — האט איהם דער הייליגער געפרעגט — איך האב אייך מעהר ניט וויא געוואָלט זאגען, אז נאך מיינער מיינונג זיינען דיא אידען אין רוסלאנד שוין פערפאָלגט; אבער וועדליג איהר ערקלערט מיר עס, האט איהר פאָלקאָם רעכט. זאגט מיר וואס איהר זייט גע= זאָנען אויפצוטהאן, און מיט וואס איך וועל קענען, וועל איך אייך פון מיינער זייטע בעהילפיג זיין!

— איך וועל דא מאכען א קליינע אינטריגע צווישען סאשען מיט דיא אידישע מיליאָנערען, — האט איהם פאביעדאנאסטצעוו גאנץ שטיל ערוויעדערט — איך זוך פאר דיעזעס א מאן, און מיר איז איינגעפאלען דורך אייך הערר דוחאָווקין דאס דורכצופיהרען.

— מיט וואס נור מעגליך איז, וועל איך אייך דיענען, הייליגער פראָקוראָר.

— און איך וועל א י י ך אויך דיענען.

— אַ, איך דאנקע, הייליגער פראָקוראָר, פאר אזא פערשפרעכען. דאס גיט מיר צו קראַפט און דרייסט.

— אלזא, הערט הערר דוחאָווקין, — האט פאביעדאנאסצעוו גאנץ פערטרויט געזאגט — איך וויל מאכען, אז דיא אידישע מיליאנערען זאלען וועלען אונטערקויפען דעם מיניסטער דעם אינערען מיט א גרויסע סומע....קען עס דורכגעהן?

— דאס איז א פּראכטפאלעס פּלאַן! — האט דוחאָווקין ענטציקט אויסגערר פען — אבער זאגט מיר, וואס קען איך אין דעם עפּעס טהאן.

— גאר איינפאך, איהר זאלט יעמאנדען פון דיא אידישע מיללי‏אָנערען ארויפ־פיהרען אויף דיעזער אידעע....

— ליידער אבער בין איך מיט קיינעם פון זיי ניט בעקאנט, — האט דוחאָווקין מיט א בעדויערענדע מינע ערוויעדערט — איך זיץ אימער אין „קרעמעל“ און געה ניט אוים איין שריט.

— דאס איז גאר ניט, הערר דוחאָווקין. זאגט מיר נור, צו איהר נעהמט אָהן מיין פאָרשלאג או עס וועט שוין רעכט ווערען. איהר דארפט וויסען, אז נאך איידער דיא זאך איז געשעהן געוואָרען, האב איך שוין מיין סאשען דאריבער דערצעהלט. איך האב איהם איינפאך געזאגט, אז גאר אין קורצען בעדארף אָנקומען פון אויסלאנד א מילליאָן רובעל פאר׳ן מיניסטער דעם אינערען, און דאהער מוז דיא זאך באלד גע־טהאן ווערען.

— איך וועל טהאן וואס איהר וועט מיר הייסען.

— אלזא, הערר דוחאָווקין, — האט דער יעזואיט געזאגט — וועל איך שוין מאכען, אז איהר זאלט בעקאנט ווערען נאך מאָרגען מיט׳ן מיללי‏אָנער מאַטפּיי מאַלליך. אין א האלבע שטונדע ארום בעדארף מיר דא בעזוכען א גאסט דורך וועלכען איהר וועט מיט מאַלליך׳ן בעקאנט ווערען און אין צוויי שטונדען ארום בעמיהט זיך מיר נאך א מאל צו בעזוכען וועט איהר הערען וואס איהר בעדארפט וויסען....

— איך בין בערייט צו דיענען אייער הייליגקייט, — האט דוחאָווקין זיך אויפ־הייבענד פון זיין שטוהל געזאגט.

פּאביעדאָנאסצעוו האט איהם גערייכט זיין האנד און דוחאָווקין איז באלד נאכדעם אוועקגעגאנגען.

— איך וועל זיי אנלערנען דיא זשידעס! — האט דער הייליגער טייפעל נאך דוחאָווקין׳ס אוועקגעהן געברומט — און מיט דיא ניהיליסטען איז א העצע אויף שפּעטער....

— — — — — — — — — — — —

שוין זייט איינינע טעג, אז מיט דוחאָווקינען אין „קרעמעל“ איז בעקאנט גע־ווארען א יונגער מענך, וועלכער איז ניט לאנג געקומען פון ניזשני נאָוואָגאָראָד. ער האט דעם גייסטליכען געבראכט א בריעף פון זיינעם א בעקאנטען, אין וועלכען ער בעט דוחאָווקינען אז ער זאל דעם יונגען מענך קאָמונאָוו׳ן מקרב זיין און איהם לערהנען דיא הייליגע תורה. זיין בעקאנטער דערצעהלט דוחאָווקינען אין בריעף אז קאָמונאָוו איז א יונגער מאן פון א רייכע הויז וועלכער האט זיך אָפּגעזאָנדערט פון אלע פער־גניגונגען אויף דער נאררישער וועלט, און ער וויל לעבען נור מיט׳ן הייליגען דוך. אלזא, בעט דער בעקאנטער גייסטליכער דוחאָווקינען, אז ער זאל קאמונאוו׳ן מקרב זיין און זאל זעהן איהם מאכען פאר א הייליגען.

דוחאָווקין האט דעם יונגען מאן זעהר פריינדליך אויפגענומען און האט איהם געגעבען א פּליאַץ צו געכטיגען אין דעם הייליגען פּאַלוש פון „אוספּענסקי סאָבאָר“.

איין נאכט האט קאמונאוו גענעכטיגט אין פּאָלוש אויף דיא שטיינער לעבען דער הייליגער מאמען. דוחאָווקין האט איהם געוואָלט אריינגעהמען אין זיין וואוינונג; אבער דער הייליגער מענך האט ניט געוואָלט שלאָפען אויף בעט-צייג.

— אויף שטיינער, באטיושקא, אבי לעבען דער מאמען, — האט קאמונאָוו מיט א פרומעם געזיכט געזאגט — אויף בעט-צייג שלאָפען בארישנעס וואס ראָמאַנסירען מיט געליעבטע, אבער ניט דיא וואס לעבען סוויאַטים דוחאָם (מיט'ן הייליגען גייסט).

דוחאָווקין האט דעם פרומען מענך אזוי ליעב בעקומען, אז ער האט איהם אויסגעקושט אלע גליעדער.

דיא צווייטע נאכט האט איהם דוחאָווקין געוואָלט חאַטיש געבען א קישעלע; אבער דער מענך האט אַליין געטעהנעט, אז אויף שטיינער לעבען דער מאמען איז פיעל אנגענעהמער צו שלאָפען וויא אויף בעט-צייג.

דער הייליגער דוחאָווקין האט געוואָלט אנטהאן דעם הייליגען מענך א נחת-רוח און ער האט איהם אריינגעלאָזען שלאָפען אין דעם אינערליכען „אוספּענסקי סאָבאָר" צווישען א סך מאמעס און הייליגע יונג-פרויען. דער מענך האט אבער ניט געקענט איינשלאָפען ווערען, ער האט ארויסגענומען א וועקסענע ליכט פון אונטער דער מאמעס נאָז און האט זיך ארומגעמארשירט הין און צוריק איבער אוספּענסקי סאָבאָר. ער איז זיך צוגעגאנגען צום מראמאָרנעם אלטאר און האט איהם בעקוקט פון אלע זייטען.

— אָט דאָ א מינע! אָט דאָ א מינע! — האט דער מענך מיט שפּייאכטס אויף דיא ליפּען געוואָרטשעט — אָ, וויא גוט דאס וואָלט געווען!.... דאָ וועט דאָך שטעהן דער באגריט מיט זיין ווייב ביי דער קאָראָנאציע, אבער ווער וויים צו עס וועט געלינגען?

ער האט גוט בעקוקט דיא בימה (אלטאר) פון אלע זייטען און האט זיך ארויפ-געחאַפּט אויף דער גאלעריע, פון דער גאלעריע האט ער ארויפגעשטיגען צום קופּעל און האט איהם גוט בעטראכט.

— דא אין קופּעל א צוואנציג פונט דינאמיט, — האט דער מענך זיך ווידער געטראכט — וואָלט נאר ניט אויסגעמאכט; אבער וויא ברענגט מען עס דא אריין און וויא ציהט מען דא דורך א דרעטעל?

דער מענך האט זיך אביסעל פערטראכט און א שטילער זיפץ האט זיך פון זיין הערץ ארויסגעריסען.

— שרעקליך, שרעקליך! — האט ער ביטערליך געברומט — מיר שיינט, אז [illegible] נאר ניט אויספיהרען.... דיא פינסטערניס איז צו שטאַרק, דיא קעמפּפער [illegible] זיינען פיעל, און דיא ארויסטרעטער אין דעם שטרייט [illegible] גראבען א מינע פאר א טיראן וואס אינטערעסירט הונדערט מיליאן! איז דאס ניט לעבערליך? וואו זיינען דיא איבעריגע? אָ, זיי בעטען גאָט פאר דעם באטיושקא, אז ער זאל לעבען הונדערט מיט צוואנציג יאהר! איז דען ניט ליעבערסט פון דיעזען קופּעל הערונטערצושפּרינגען און צערשמעטערט ווערען אין

שטיקער, איידער שטעהען און קוקען אויף אזא פינסטערן לאנד, אויף אזעלכע בלינדע מענשען וואס קושען דיא רוט וועלכע שמייסט זיי?!

ער האט דעם קאָפּ פון פענסטערל ארויסגעשטעקט און האט דערזעהן אונטען א שווארצע מענשען-פיגור, וואס דרעהט זיך ארום דער צערקאָוו הין און צוריק.

— אָ, קאָלצאָוו, — האט ער זיך געטראכט — דוא געהסט און ערוואַרטעסט אן אנטוואָרט, וויא מיר האבען אפגערעדט. — אבער וואס קען איך דיר ענטפערן?

ער האט ארויסגענומען א שטיקעל פאפּיער פון זיין בוזים־טאַש, ער האט אויף איהם אנגעשריעבען אייניגע צייליען מיט א בליי-שטיפט און האט אין א פערמאכטען קאָנווערט מיט אייניגע בליי־שראָטען דאס שטיקעל פאפּיער אראפּגעלאָזען.

— — — — — — — — — —

— איך שטעה אייך הייליגער אבער-פּראָקוראָר צור דיענסט, — האט דוחאָווקין געזאגט צו פּאָביעדאָנאָסצעוו׳ן ביי זיין צווייטען בעזוך אין צוויי שטונדען ארום — וואס אייער הייליגקייט וועט מיר בעפעהלען וועל איך פּינקטליך ערפילען.

— דאס פרעהט מיך זעהר, — האט דער הייליגער טייפעל איהם ערווידערט — און איך האב שוין געמאכט דאס איהר זאָלט האבען א געלעגענהייט מיט דעם אידישען מיליאָנער מאַלליך בעקאנט צו ווערען.

— דאס איז מיר זעהר אנגענעהם.

— דער מאסקווער גאלאווא אלעקסייעוו — האט אלכסנדר׳ס לעהרער ווייטער גערעדט — גיט איבער אייך, הערר דוחאָווקין, דיא פערציג טויזענד רובעל, וועלכע דער מילליאָנער מאַלליך האט געשענקט פאר דער נייער קירכע אויף „ניקאָלסקאַיא אוליצא" איהר וועט אריינגעהן צו מאַלליך׳ן און איהם זאגען, אז צו בעענדיגען יענע קירכע פעהלט אויס נאך פינף טויזענד רובעל, און דערווייל זאָלט איהר אלס ליבעראל און הייסער יודען־פריינד פאר איהם זיך ווייזען. איך קען אייך הערר דוחאָווקין פאר א קלוגען מאן, דאהער צווייפעל איך ניט, אז ביי אייער צווייטען אדער דריטען בעזוך וועט איהר מאַלליך׳ן ארויספיהרען אויף דער אידעע, אז מען בעדארף דעם מיניסטער דעם אינערען בעשטעכען מיט א מיליאָן רובעל אום צו פערבעסערן דיא אידישע לאגע אין רוסלאנד; אבער דיא זאך מוז אזוי קלוג געמאכט ווערען, אז דיא געלד זאָל געהן פון אויסלאנד פון באראן גינצבורג׳ס קאנטאָר.

— גלויבט איהר אז זיי וועלען עס טהאן? — האט איהם דוחאָווקין נאך א קורצען נאכדענקען געפרעגט.

— נאך וויא! — האט דער יעזואיט מיט א טייפעלישען שמייכעל איהם ערוויעדערט — ווען דיא אידישע מיליאָנערען וואָלטען ניט געצווייפעלט צו דער מיניסטער וועט דיא סומע אננעהמען, וואָלטען זיי שוין לאנג דאס געטהאן גאר אהן אונזער פערמיטלונגען, אלזא, שטעהט אייך פאָר זיי צו געבען א וואונק, אז דער מיניסטער וועט חאפּען א שוויינ, און דאן וועט דיא זאך גאנץ ניך אפגעטהאן ווערען.

— איך בין עס בערייט צו טהאן מיט פערגניגען! — האט דער צווייטער יעזואיט אויסגערופען.

— איך וועל אייך דאפיר זעהר דאנקבאר זיין, — האט דער הייליגער אויסווארף איהם געענטפערט — און איך פערשרייב אייך שוין פאר א קאנדידאט פאר אן א ר ח י ר י י.

דוחאָווקינס געזיכט האט אויפגעשטראהלט פאר פרייד און זיינע יעזואיטישע אויגען האבען געפינקעלט וויא ביי א וואָלף.

— הערט נור הייליגער פּראָקוראָר, — האט דוחאָווקין פּלוצלינג זיך אפּגערופען, איך האב אייך צו דערצעהלען א געשיכטע פון וועלכע איהר וועט לאכען און שטויגען; אבער יעדענפאלס איז דאס ניט עפּעס א פּוסטע זאך.

פּאָביעדאָנאָסצעוו איז געווארען אויפגערעגט און האט זיין פערטרויטען פינסטערלינג געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— דאס איז אזא געשיכטע, — האט דוחאָווקין פּאָרטגעזעצט — מיט איינינגטעג צוריק איז געקומען צו מיר א יונגער מענך און האט מיר געבראכט א בריעף פון מיינעם א בעקאנטען גייסטליכען, וועלכער שטעלט דעם מענך פאר אלס א קינד פון רייכע עלטערען, וואס האט זיך אפּגעזאנדערט פון אלע פערגניגונגען און וויל אָפּריכטען גלות אלס א הייליגער מארטירער. איך האב דעם מענך, וועלכער הייסט קאָמונאָוו פריינדליך עמפּפאנגען און האב איהם געוואָלט לאזען שלאפען אין מיין וואוינונג; אבער איהם איז אנגענעהמער צו שלאפען אויף שטיינער לעבען דער הייליגער מאמען, איידער אויף בעט-צייג, ער האט איין נאכט געשלאפען אין פאָרהויז פון אוספּענסקי סאָבאָר, דיא צווייטע נאכט האב איך איהם אריינגעלאזען אין קירכע—

— עס איז מיר שוין אינטערעסאנט צו הערען — האט איהם פאביעדאנאסצעוו מיט א שמייכעל אונטערבראָכען — עס וואָלט געפּאסט, אז ער וואָלט פערשוואונדען מיט אן אויג פון דער הייליגער מוטער.

— דא קען זיך נאך אויסלאזען א שעהנערע מעשה, — האט דוחאָווקין שמייכלענד ערוויעדערט — אבער הערט א וואונדער.

— אין א פּאר שטונדען נאכדעם וויא איך האב דעם מענך קאמונעוו אין דער קירכע אריינגעלאזען — בין איך מיר אביסעל זיך דורכגעגאנגען איבערן „קרעמעל“. געהענדיג צוריק לעבען „אוספּענסקי סאבאר“ איז מיר ארויפגעפאלען אויפ׳ן קאָפּ א פערמאכטער קאנווערט. איך בין עפּעס אזוי איבערראשט געווארען, אז איך האב ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט איך בין. איך האב מיך פון אלע זייטען ארומגעקוקט און האב ניט געזעהן קיין לעבעדיגען מענשען. אין קרעמעל איז שטיל זאנאר ביי טאָג, בעזאנדערס נאך שפּעט אין דער נאכט.

איך בין ניט טוידט ניט לעבעדיג אריינגעלאפען אין מיין וואוינונג און האב מיט ציטערענדע הענד דעם בריעף אויפגעמאכט. ווילט איהר וויסען וואס אין דעם בריעף איז געשריעבען, נאט אייך, לעזט.

ער האט ארויסגענומען א בריעף פון זיין בוזים-טאַש און האט איהם פּאָביעדאנאסצעוו׳ן איבערגעגעבען. דער אבער פראקוראר האט אנגעטהאן א פּאר ברילען און האט אין בריעפעל געלעזען פאָלגענדעס:

„ברורער! פינסטער און פינסטער! פון אלע זייטען ניט איין זאנענשטראל....

„ער” איז צו פינסטער.... איך ווייס ניט צו זיין אויג האט א מאל אנגעזעהן א ליכטי-גען שטראהל....“

פּאָביעדאָנאָסצעוו האט דעם בריעוועל ביי א פינף מאָל דורכגעלעזען און ביי יעדעס מאל האט זיין געזיכט אנגענומען אן אנדער אויסדרוק.

— יא, יא, — האט ער אונטער דיא צייהנער א ברום געטהאן, — נו, וואס דיינקט איהר וועגען דעם בריעף? — האט ער דוחאָווקינען האלב ערנסט און האלב שמייכלענד א פרעג געטהאן.

— איך מיין, — האט דוחאָווקין שמייכלענד ערוויעדערט — אז קאמונאוו איז א צו פרומער מענך....

— האלט ער זיך נאָך ביי אייך אויף?

— וואס דען? איך וועל אזא פויגעל פון זיך אזוי גיך אפּלאָזען? איך האב באלד אויף מאָרגען טעלעגראפירט צו מיין בעקאנטען גייסטליכען וועגען דעם בריעף, וואס ער האט קאמונאוו'ן צו מיר גענעבען; איך האב אבער בעקומען פון איהם אן אנטוואָרט אז ער האט צו מיר רעקאָמאנדירט א יונגען מענך וואס הייסט טאקי קאָמונאָוו; אבער קאמונאָוו איז פערבליעבען אין א מאנאסטיר אין „ניזשני נאוואָ-גאָראָד”. אלזא, בעדארף מען צו בּאָרשט קיין צייהנער ניט האבען....

— נו, וואס דיינקט איהר מיט איהם צו מאַכען? — האט איהם פּאָביעדאָ-נאָסצעוו געלאָסען געפרעגט.

— איך דיינק איהם איבערגעבען צו דער פּאָליציי — האט דוחאָווקין ערוויע-דערט — אבער אזוי וויא איך פערשטעה, אז דא איז מיט א טעות דער בריעף צו מיר אריינגעפאלען, דארום וואָרט איך אריינצוקריגען אויך זיין קאמעראד. ער וועט געוויס זיך ארומדרעהען ארום אוספּענסקי סאָבאָר, און דאמאלס וועלען ביידע ארעטירט ווערען.

— זאָל אייך גאָט בעהיטען! — האָט דער יעזואיט געזאגט.

— וויא הייסט? — האט דוחאָווקין געשטאמעלט.

— אט אזוי הייסט עס, — האט פּאָביעדאָנאסצעוו איהם רוהיג ערוויעדערט — מיר בעדארפען יעצט דיא ניהיליסטען האבען וויא דאס לעבען, און מיך פרעהט זעהר וואס עס האט זיך געמאַכט אזא געלעגענהייט.... זאָל זיך דער יונגער מענך מינירען „אוספּענסקי סאָבאָר” וואו סאשא בעדארף געקרוינט ווערען. א פּאָר טאג פאר דער קאָראָנאַציע וועט איהר עס, הערר דוחאָווקין ענדעקע. איהר וועט דאדורך גרויס ווערען, סאשא וועט דאדורך ציטערען וויא א פיבער און וועט פּאָלגען וואס מען הייסט איהם, און א פּאר עהנדליג ניהיליסטען וועלען געהאנגען ווערען. פערשטעהט איהר דיעזע פּאָליטיק, הערר דוחאָווקין?

דוחאָווקין האט זיך א חאפּ געטהאָן פאר'ן קאָפּ.

— וואס? אייך וואונדערט עס? — האט פּאביעדאנאסצעוו געלאסען געפרעגט.

— איך בעוואונדער אייערע געניאלע איינפעלע אין דער פּאָליטיק, — האט דוחאָווקין מיט א חניפה'דיגע מינע ערוויעדערט — איך געשטעה, אז דאדורך וועט אלעס דורכגעפיהרט ווערען.

— נעווים וועלען זיך נאך דא געפינען אויך א פאר אידישע ניהיליסטען — האט דער יעזואיט ווייטער גערעדט — און ווען אפילו ניט, קען מען שוין א פאר זשידעס אין דעם אריינשלעפען, און אלעס וואס מיר ווינשען איז דורגעפיהרט.

— — — — — — — — — —

— אלעקסייעוו האט מיר דא ניט לאנג דערצעהלט, אז קניאז דאלגארוקאָוו האט געגעבען אידען אין ערלויבנים צו בויען אין מאסקווא א טעמפעל, — האט פּאָ-ביעדאָנאסצעו געזאגט צום סטאָל נאטשאלניק פון גענעראל גובערנאטארס קאנצע-ליאריע, געהיימראטה איסטאָמין, וועלכער האט באלד נאך דוחאָווקין׳ס אוועקגעהן פּאביעדאנאסצעוו׳ן בעזוכט.

— ליידער איז עס געשעהן, — האט איהם איסטאמין מיט א פינסטערע מינע ערוויעדערט — אלעס וואלט איך אויפ׳ן קניאז געגלויבט; אבער דאס וואלט מיר נימאלס איינגעפאלען.

— האט איהר אויף איהם ניט געקענט ווירקען, אז ער זאל עס ניט טהאן? — האט דער יעזואיט מיט א שטריינגליכע שטימע איהם געפרעגט.

— וויא איך זעה, מאכט איהר הייליגער פּראָקוראָר און אירטהום מיט דעם וואס איהר מיינט, אז איך האב ביי דעם אלטען קניאז א גרויסע דיעה, האט איס-טאָמין מיט א טרויריגע מינע ערוויעדערט — ער איז ביי זיך אזוי פעררייסען, אז ער ענטפערט מיר זאגאר קיין מאל ניט אויף מיינעם א „גוט מאָרגען״. דאס איבעריגע בעדארף איך אייך שוין ניט ערקלערען.

— און מיט אידען איז ער מאקי איין אויער?

— ער האט פערפלאָדזשעט אידען אין מאסקווא וויא טאראקאנעס (קאקא-רוטשעס) — האט דער צווייטער יעזואיט איהם געענטפערט — ווער עס קען נור א רוסיש וואָרט אויפשרייבען אדער ער פערמעגט אָ רובעל צו בעצאהלען און אדוואָקאט, בעקומט באלד פון דעם אלטען און ערלויבנים צו וואוינען אין מאסקווא. וואו דאָקר-מענטען? ווען דאָקומענטען? עס הארט איהם גאר ניט. ער איז דא אין מאסקווא דער קיסר....

— וויפיעל אידען דיינקט איהר געפינען זיך אין מאסקווא?

— געוויסע הונדערט טויזענד. יעצט וועלען זיי שוין האבען א שוהל און מיר מעגען שוין ערווארטען נאך א הונדערט טויזענד אידען גאר אין קורצען.

— מיט דער שוהל איז א גאנץ טרויעריגע געשיכטע, — האט פּאביעדאנאסצעוו פינסטער געזאגט — זיין קייזערליכע מאַיעסטעט האט יעצט פאָרגעסטערען אריינגע-שיקט א שטילען בעפעהל, אז ער זאל קיין ערלויבנים ניט געבען; אבער דער בעפעהל, לויט אלעקסייעוו׳ס ערצעהלונג, איז אנגעקומען מיט עטליכע טעג שפעטער נאך דאָלגאָרוקאָוו׳ס ערלויבנים.

— אהן שווינדעל הייבט זיך ביי זשידעס ניט אן, — האט איסטאמין פעררדריס-ליך געזאגט — זיי האבען בעשווינדעלט מיך און אלעקסייעוו׳ן גאר אויפ׳ן גרויסען אופן. דאס ביטשריפט איז פּעוּבליעבען ביי מיר אין טיש-קעסטעל, און דיא ערלויבנים

האבען זיי בעקומען.... איך זאג אייך, אז איך געה פאסט פון זינען אראפּ. זיי האבען אונז איינפאך געמאכט צום נארר.

— קוקט און שווייגט, — האט איהם דער באנדיט געטרייסטעט — זיי וועלען בויען אין מאסקווא א שוהל; אבער זיי וועלען אין איהר זאגאר איינמאל ניט דאווענען. דיא פּאָליטיק וועט זיך אין גאנצען אומדרעהען און דיא גרויסע ליבעראליזמוס פון דיא הויכמיטהיגע קניאזען וועט פאלען....

— דוא ליענסט אין דער ערד קניאז דאלגארוקאָוו! — האט זיך איסטאָמין געקלעהרט.

— איך האָף אז אין רוסלאנד וועט אלעס בעסער ווערען, — האט איסטאמין מיט אן אונשולדינע מינע געזאגט.

— און איהר זעהט, אז פאסטוחאָוו זאל ניט אויפהערען צו שרייבען, — האט דער יעזואיט בעמערקט — מיר האבען עס זעהר נייטהיג.

— סלושאיו׳ס.

איסטאָמין האט זיך פון זיין שטוהל אויפגעהויבען און ער האט איהם פריינדליך בעגריסט זיך ערנעהרענדיג צו דער טהיר; אבער ער האט זיך באלד צוריק אומגעקעהרט און האט זיך פאר איהם אוועקגע׳שטעלט אויף דיא קניע.

— מיטלייד! — האט ער מיט א פלעהענדע שטימע אויסגערופען — מיטלייד מיט מיין איינציגען זוהן.

פאביעדאָנאָסצעוו האט איהם א וואונק געטהאן און איסטאמין האט זיך פון באָדען אויפגעהויבען.

— וואס האט פאסירט? — האט פאביעדאנאסצעוו זעהר מילד איהם געפרעגט.

— אָ, הייליגער אבער־פּראָקוראָר, מיין איינציג קינד איז אריינגעפאלען אלס פּאָליטישער פערברעכער. ער איז נאך א אינגעל, פון דער ערד נאך ניט אויפגעוואקסען און שלעכטע קאמעראדען האבען איהם פערפיהרט.

— איז ער בעגאנגען א פערברעכען?

— אָ יא, ער האט בעגלייטעט א געהיים אגענט צום וואקזאל און איהם געגעבען אן אדרעס אין פּעטערבורג, דאָרט האט מען דעם געהיים־פּאָליציסט אריינגעקריגען אין א וואלד און איהם געשמיסען. —

— איהר זאלט מיר עס עראינערען מיט א בריעף, ווען איך וועל זיין אין פּעטערבורג.

— איך דאנקע אייער הייליגקייט! — האט איסטאמין אויסגערופען און האט געקושט פאבידאָנאסצעוו׳ס האנד.

— שורקע! אויסוואורף! ניעדערטרעכטינער אלעקסייעוו! — האט זיך איסטאָמין געקלערט נאכדעם וויא ער האט פאביעדאנאסצעווס צימער פערלאזען — דוא האָסט מיר פערשפּראָכען צו ריידען וועגען מיין קינד מיט׳ן מיניסטער. ענדליך האָסט רוא עס אויסוואורף ניט געטהאן.

58טעס קאפיטעל.

גענאָסען — צום לעבען,

אויף „טעאטראלנאיא פלאָשטשאַד" דער שעהנסטער פלאץ אין מאסקווא וואו עס זיינען אויסגעשטעלט וויא ריעזען פאסט אלע מאסקווער טהעאטערע וויא א געקינצעלטער האלב-וויערסטיגער „חית", שטעהט א לאנגע דריי שטאקיגע הויז. זיא איז דונקעל געל געפארבט און קוקט אויס פון דער ווייטענס וויא א געוועהנליכע רוסיישע קאזארמא*); אבער צוגעהענדיג נעהענטער זעהט מען, אז דאס איז עפעס ניט קיין גאנץ פרעהליכע הייזקע; זיא קוקט אויס וויא אן אסטראָג. איהרע אלע פענסטער זיינען אָפגעקאלכט און בעדעקט מיט דיקע, געדיכטע און שטעכענדע אייזערנע גראטעס.

נאך שטעהענדיג לעבען יענער געביידע פון אויסוויינינג, איז לייכט צו דערקענען אז זיא איז איינע פון דיא גוטע רוסישע קהל־שטיבלאך. מען דערשפיערט שוין אז זיא איז עפעס א כאָרט בעדעל וואס דיא רוסישע דעספאָטיזמוס האט אויסגעבויט דאָרט אָפצופארען מענשען און זיי גוט אויסשמייסען מיט רוכיישע בעזימלאך, וועלכע האבען שוין לאנג אנגעוואָרען דיא בלעטלאך נאך פאר פעטער דעם גרויסען. מען בעמערקט עס גלייך אויך אן דיא זשאנדארען און געהיימע מענשלאך, וועלכע דרעהען זיך ארום דיעזע בעדעל הין און צוריק וויא הונגעריגע וועלף וואס זוכען עפעס מיט וואס איבערצוקייען דיא צייהנער.

ביי דיא אלע פיער וועגט פון דיעזער גרויזאמער געביידע, טרעפט מען עפעס אָן מענשלאך מיט פערדעכטיגע געזיכטער, זיי דרינגען איין א געהיימען שווידער אין יעדען מענשענס ביינער. זייערע אויגען זיינען פריפענד און דורכדרינגענד, זיי ווארפען שטעכענדע שטראהלען אין מענשענס הארצען וויא גיפט פון שלאנגען.

דאס איז גאר קיין וואונדער ניט! דיעזע געביידע איז מאסקווער „טרעטאָע זשאנדארמסקאָיע אָטדיעליעניע" וועלכע ליפערט אזוי פיעל מענשען אפעער פאר פעטראָפּאוולאָווסקי קרעפאָסט, און פאר דעם גרויסען, טרויעריגען און גרויזאמען סיביר מיט זיינע אונטעראירדישע בעגרעבניסע, וואס דיא בעסטע קינדער פון דעם גרויסען רוסלאנד ווערען דאָרט לעבעדיג בעגראבען!

מיר געהען דאָרט איצטער אריין דורך א טהיר, וואו צוויי זשאנדארען מיט בלויזע גלענצענדע, שווערדען האלטען דאָרט דיא וואך, מיר טאפען מיט דיא הענד אין א פינסטערן ברייטען קארידאר און אונזערע פינגער בעריהרען מיינשע-קערפער מיט געקנעפעלטע מונדירען. מיר זעהן זיי ניט צוליעב דיא געדיכטע חושך'ניש, מיר הערען מעהר ניט זייער סאָפען, דאס זיינען דיא וועכטער, דיא וואס היטען אָפּ דיא פינסטערניס, אין דעם גיהנם'דיגען רוסלאנד.

מיר זיינען אריין אין א גרייסען ברייטען צימער מיט פיער פערהאנגענע פענסטער. דיא טהיר האט זיך צוגעמאכט מיט א טראסק און מיר ווייסען ניט וואו זיא איז אהינגעקומען; מיר זעהען אויף איהר שטעלע א גלאטע וואנט. דיא דעקאָראציאָ,

---

*) היינט איז אויף איהר שטעלע געבויט דער ריעזיגער האָטעל „קאָנטינענטאל".

פון דיעזען צימער איז א בלוטינע. מיר זעהען מעהר ניט וויא רויטהע פאַרהאַנגען ביי אלע ווענט און אויבען שלייפט זיי צוזאמען א שוואַרצער זיידענער פּאַס. אויף דער וואַנט געגען אונזער געזיכט היינגט א גרויסע פּאָרטרעט פון אלכסנדר דעם דריטען, ער שטעהט געקליידעט אין פאָלען צאַרסקען אוניפאָרעם און אויף זיין שמאָלען לאַנגלאַכען פּנים ליעגט עפּעס א ווילדער אונמענשליכער אויסדרוק, אין וועלכען עס איז ניט צו בעמערקען איין צוג פון מיטלייד, זיינע טיעפזיצענדע גרינלאַכע אויגען קוקען אוים וויא זיי וואָלטען שרייען: „סיביר! קאַטאַרגא! אויפהייננגען!“ זיינע שמאָלע ליפּען זיינען אויפגעדריקט און פערפאָלקאָמען זיין דעספּאָטישען אויסדרוק.

ביי א פיערעקינגען טיש זיצען דאָרט פיער מענשען, איינער פון זיי איז אונזער בעקאַנטער גענעראַל וולאדימיר סאבאקאוו. ער איז א מאַן פון א יאהר עטליכע און זעכציג מיט א לאַנגען שמאלען און רויטהען פּנים, אויף וועלכען עס איז ניט צו זעהן דאס מינדעסטען אויסדרוק פון מיטלייד. א קוקטהאנדיג אויף איהם איז ניט צו גלויבען אז דיעזער רויטהער ווילדער מענש זאל א מאל האבען א לאַך געטהאַן. ער איז דורכאוים רויה און טרוקען און עס איז אויף זיין געזיכט ניט צו לעזען עפּעס א מענשליכען געפיהל וויא אויף אן אויסגעדאַרטען לעדער. — דער צווייטער, וועלכער זיצט איהם אנטקעגען איז זיין סעקרעטאַר, א געלבערדינער אויסגעטריקענטער פּאָל-קאָווניק מיט לאנגע שמאלע פינגער און שפּיצינגע פערשניצטע נעגעל; ער זיצט לעבען א גרויסען בוך און האלט אין דער האַנד א פּעדער.

דיא איבּריגע צוויי זיינען אויך פּאָלקאָווניקעס, וועלכע זיינען בעשטימט מיט-צוהעלפען דעם גענעראל סאבאקאוו אין דיא אנגעלעגענהייטען פון דיא פּאָליטישע פערברעכער, און דיעזע אלע פיער צוזאמען זיינען דאס דער „וואָיעני סוד“ (קריגס-געריכט) פון מאסקווער טרעטיע אטדיעלעניע.

— איך וואָלט וועלען וויסען — האט גענעראל סאבאקאוו געזאגט — וויא האַלט עס דאָרט מיט וואסילי חאָמיאַקאָוו?

— לויט אייער זוהנס, דאָקטאר פעליקס בעריכט — האט דער סעקרעטאר זיך אפּגערופען, איז חאָמיאַקאָוו געפעהרליך וואהנזיניג.... ער האט צוהרג׳עט ביי א צעהן פון דיא וועכטער, אז זיי ליגען אלע יעצט קראַנק.

— איך מוז אויפמערקזאַם מאכען אייער עקסעלענץ — האט זיך איין פּאָלקאָווניק אפּגערופען — אז אזעלכע חברה לייט וויא חאָמיאַקאָוו קענען זיך לייכט פערשטעלען פאר וואהנזיניג, מיר האבען שוין איינמאל אזא משוגע׳נעם געהאט.

— עס גלויבט זיך אבער ניט, — האט זיך דער צווייטער פּאָלקאָווניק אויסגע-דריקט — אז א קלארער מענש זאל זיין אין שטאנד צו קעמפּפען געגען צעהן געזונטע וועכטער. ער האט דאך זיי צוקיילט און צובייגלט אז זיי ליגען איצט אלע קראַנק.

— אזא געזונטער יונג וויא חאָמיאַקאָוו, — האט דער ערשטער פּאלקאווניק ווייטער גערעדט — קען שלאגען אויך אויף צוואנציג, א קוקטהאנדיג אויף איהם זעהט מען פאר זיך עפּעס א גאַנצען עלעפאַנט, ער איז עפּעס א ריעז צום טייפעל.

— עס קען אלעס פּאסירען, — האט סאבאקאוו געזאגט — אויף דיא ניהיליס-טען איז צו גלויבען אז זיי קענען זיך ביי א פערהער מאכען פאר משוגע. וויא איך

וויים האט חאָמיאַקאָוו דעם דאקטאר צו זיך גאר ניט צוגעלאָזען. ער האט געבריקעט מיט דיא פיס וויא א ווילדער אָקס.

— מיר מוזען אבער אלעס באלד ערפאהרען — האט דער סעקרעטער בעמערקט — וויא לאנג וועלען מיר זיך מיט איהם אַרטען? מיט וואסילי פעטראָוו'ן איז שוין געענדיגט, ער ווערט אין צוויי וואָכען ארום געהאנגען; אבער וואס מאכען מיר איצט מיט זיין קאמעראד חאָמיאַקאָוו'ן? נאך מיינער מיינונג איז ער נאך פיעל געפעהרליכער פון איהם.

— טעלעפאָנירט שוין צו דאקטאר פעליקס מיט זיין אסיסטאנט! — האט דער גענעראל סאָבאקאָוו זיין סעקרעטאר בעפוילען.

דער סעקרעטאר איז ארייגעלאפען אין א צווייטען צימער און איז אין א פאר מינוט ארום צוריקגעקומען.

— באלד וועלען זיי דא ביידע זיין — האט ער צום גענעראל געזאגט.

— איצט וועגען פּאוועל אנדריאנאוו — האט דער גענעראל נאך א קורצען שטילשווייגען אויסגערופען — דער וואונק פון פעטערבורג בעדייטעט אז נאך דער אונטערזוכונג פון דער באָמבע, זאל קאטארגא זיין פאר איהם וועניג.

— ער האט עס אויך ערנסט פערדיענט — האט איין פּאלקאָווניק זיך אָפּגערופען.

— יא פערדיענט, ניט פערדיענט, — האט דער צווייטער פּאָלקאָווניק גערעדט — מיר וועלען האנדלען נאך דעם וואונק פון פעטערבורג.... מיט א קאָפּ קירצער און גענוג.

— טעלעגראפירט — האט סאבאקאוו בעפוילען זיין סעקרעטאר — אז מען זאל פּאוועל אנדריאנאוו באלד אהער ברייגגען. נאך דער אונטערזוכונג פון דער באָמבע מוז ער באלד געריכטעט ווערען.

דיא טהיר האט זיך אין א פאר מינוטען ארום אויפגעמאכט און א זשאנדארם האט געמעלדעט אז ביידע דאקטוירים זיינען געקומען.

סאבאקאָוו האט בעפוילען אז זיי זאלען ארייגגעהן.

באלד זיינען אין צימער אריינגעגאנגען דאקטאר פעליקס סאבקאוו מיט זיין אסיסטענט.

— וואו האלט עס דאָרט מיט דעם ארעסטאנט וואסילי חאָמיאקאוו? — האט סאבאקאוו זיין בן־יחיד'ל שטריינג געפרעגט.

— ער האלט זיך אין ברעכען דיא ווענט און שרייט אז מען זאל איהם פיהרען צום קאנאָן.

— האט איהר*) איהם גוט בעטראכט, דאקטאר?

— וועלכער טייפעל קען צו איהם צוגעהן?

— האט איהר איהם גאר ניט געהייסען בינדען?

— וויא לאנג קען א מענש ליעגען געבונדען?

*) ער האט פעליקס'ן גע„איהרסט" וויל אזוי געהט עס אין פּראטאקאָל.

— האט איהר איהם געבונדענער הייד חאָטש איינמאָל גוט בעטראכט?

— אפילו צוויי מאל.

— נו, וואס איז אייער מיינונג?

— זיין פולס איז עטוואס העכער פון נאָרמאל; אבער דאס קען אויך זיין פון אנשטריינגונג, ווייל ער שליידערט זיך וויא א שלאַנג.

סאבאקאוו האט זיך באלד געווענדעט צום צווייטען דאקטאר.

— נו, און וויא איז אייער מיינונג? — האט ער איהם געפרעגט.

— איך גלויב אז ער איז נאָך צו קלאָהר, — האט דער דאקטאר רעספעקטפאָל ערוויעדערט — נאך א שטריינגע אונטערזוכונג בין איך געקומען צו דיעזער איבער-צייגונג.

נאך גענעראל סאבאקאוו'ס א וואונק, זיינען ביידע דאקטוירים פון צימער ארויסגעגאנגען.

— דוא ווערסט היינט האבען צו שמעקען טאטעלע מיינער, אז דיר וועט פער-געהן אין מוח — האט זיך פעליקס ביי'ם ארויסגעהן געקלערט.

— פאַלקאָווניק! — האט דער גענעראל צום סעקרעטאר א געשריי געטהאן — טעלעפאָנירט, אז מען זאל זאָפאָרט חאָמיאקאָוו'ן אריינצעהלען פופציג קאזאצקע נאגייקעס און ביי יעדער שמיץ זאָל מען איהם פרעגען וויא אזוי ער האט ערמארדעט פאדליעצאָוו'ן.

דער סעקרעטער איז ארויסגעלאפען און קומענדיג צוריק האט ער געמעלדעט, אז מען האט שוין געבראכט פאוועל אנדריאנאוו'ן געשמידט אין קייטען.

נאך סאבאקאוו'ס א קלונג האבען צוויי זשאנדארען מיט בלויזע שווערדען אריינגעפיהרט אין צימער א הויכען שלאנקען פערזאָן מיט אן ערדעל געזיכט און שעהנע בלויע אויגען. אונטער זיינע קניע איז אראפגעהאנגען א קייט, וועלכע האט איהם געשטערט צו מאכען א ברייטען שריט. ער איז שטעהן געבליעבען צווישען ביידע זשאנדארען און זיינע בליקען זיינען געפאלען אויף דאס בילד פון אלעקסאנדער דעם דריטען.

— זייט איהר עס פאוועל אנדריאנאוו? — האט איהם סאבאקאוו שטריינג געפרעגט.

פאוועל האט געווארפען אויף איהם א פערעכטליכען בליק און האט איהם אויף זיין פראגע ניט בעאנטוואָרטעט.

— ווארום ענטפערט איהר ניט עקסעלענץ? — האט איהם איין פאָלקאָווניק געפרעגט.

— ווייל זיין עקסעלענץ האט ניט דאס רעכט מיך אנצורופען אהן מיין טיטעל גראף — האט פאוועל מיט א שטאָלצען טאָן ערוויעדערט — בעפאָר איך בין פער-אורטהיילט האט קיינער ניט דאס רעכט אוועקצורויבען פון מיר מיין עהרענ-טיטעל.

סאבאקאוו האט געביסען זיין אויבערשטע ליפּ פאר כעס, ער האט זיך אבער באלד עראינערט, אז זיין טהייערער בן־יחיד'ל פעליקס, ווערט אין קורצען פאוועלס א שוואגער, און איהם אנקומען גראב איז איהם מעהר ניט אנגעשטאנען.

— נו, זאל זיין גראף פאוועל אנדריאנאוו — האט סאבאקאוו מיט א שפּאָטי־שען טאָן געזאָגט.

— יא, איך בין עס — האט פאוועל ערוויעדערט.

— האט איהר אליין פאבריצירט דיא באָמבע ? — האט איהם סאבאקאוו הארט געפרעגט — אדער איהר האט איהר ערגעץ בעשטעלט ?

— אייער עקסעלענץ בעדארף עס בעסער וויסען — האט איהם פאוועל רוהיג ערוויעדערט — ווייל דיא באָמבע האט וואהרשיינליך פאבריצירט דיא „טרעטיע אָטדיעלעניע" אליין....

— וואס ? — האט סאבאקאוו וויטהענד אויסגעשריען.

— אט דאס וואס איהר הערט, עקסעלענץ — האט פאוועל קאלטבליטהיג גע־רעדט — אייערע א שפּיאנין בּאראנעסע קסעניא אנדרייעוונא, האט דיא באָמבע אונטער דער זאָפע פון מיין קאבינעט אונטערגעוואָרפען ; קען איך דען אנדערש דיינקען אז דיא „טרעטיע אטדיעליעניע" פאבריצירט ניט קיינע באָמבעס ?

ביי דעם טיש איז געוואָרען א שטארקער גערודער. דיא קריגסריכטער האבען זיך איינער דעם צווייטען אנגעקוקט און זייערע אויגען האבען געשאָטען פונקען.

— דאס איז א פרעכהייט ! — האט גענעראל סאבאקאוו צאָרניג אויסגעשריען.

— דאס רופען פרעכהייט — האט פאוועל פאָרטגעזעצט — איז א געמיינהייט, דאס איז א מאָרדטהאט, אז מען זאל רוהיגע מענשען אונטערוואַרפען באָמבעס און נאכהער זיי שטעלען צום קריגס געריכט.

— ניטאָ מיט דיא ניהיליסטען וואס צו ריידען ! — האט סאבאקאוו געוואָר־טשעט — סעקרעטאַר, רופט אריין דיא עקספערטען !

דער סעקרעטאר איז ארויסגעלאָפען און האט באלד אין צימער אריינגעפיהרט איינינע טשינאָווניקעס, און אין עטליכע מינוטען ארום איז ערשי‍נען דער זשאנדארמ־סקי פּראָקוראָר.

— דיא באָמבע מוז שוין אונטערזוכט ווערען ! האט גענעראל סאָבאקאָוו מיט א שטריינגע שטימע אויסגערופען.

פאוועל האט אונווילענדיג א ציטער געטהאן.

— אונטערזוכט פריהער דיא עהרליכקייט פון אייערע שפּיאָנין ! — האט ער מיט א ציטערנדע שטימע אויסגערופען — בעקוקט דיא הענד פון אייער שעהנער באראנעסע קסעניא אנדרייעוונא, פיעללייכט וועט איהר דאָרט בעמערקען בלוט־פלעקען פון אונשולדיגע אָפּפער....

סאבאקאוו האט אויף איהם בייז א קוק געטהאן און האט איהם גאר ניט גע־ענטפערט, ער האט ארויסגענומען א שליסעל פון זיין בוזים־טאש און האט איהם איבערגעגעבען צו דיא ביידע עקספערטען אנווייזענדיג מיט א פיננער צו א טיש־קעסטעל.

— האט שוין אייער עקסעלענץ נאכגעזעהן דעם זיעגעל ? — האבען איהם דיא עקספּערטען געפרעגט.

דער גענעראַל מיט'ן פּראָקוראָר האבען **דאס טיש־קעסטעל בעטראכט און האבען** געפונען דעם זיגעל אונבעריהרט.

דיא עקכפּערטען האבען דיא טריפּוואַקס אראפּגעריסען, מיט גרויס פּאָרזיכטיגקייט האבען זיי דאס טיש־קעסטעל אויפגעמאַכט און האבען פון דאָרט ארויסגענומען א שווערען גלאָבוס מיט געאָגראַפישע בעשרייבונגען.

פּאוועל האט געוואָרפען אויפ'ן גלאָבוס ווילדע בליקען און זיינע אויגען האבען זיך האסטיג בעוועגט.

— דאס איז פון אייער פאבריקאציאָן! — האט ער ניט מיט זיין שטימע אויסגעשריען און איז אין אהנמאַכט געפאַלען צום באָדען.

ביידע זשאנדארמען האבען איהם באלד צוריק אוועקגעשטעלט אויף דיא פיס און האבען איהם געהאַלטען צווישען דיא הענד וויא א בעטרונקענעם.

— שאַנדע....פלוך....— האט דער אונגליקליכער געשטאַמעלט.

קיינער האט איהם אבער ניט געשיינקט קיינע אויפמערקזאמקייט. סאבאקאוו האט זיך פון דעם קניידעל אפּגערוקט אויף שעהנע עטליכע טריט. זיינע גרינע קאַצען־אויגען האבען דיא באמבע ווילד אנגעקוקט פון דער ווייטענס און זיינע וואמפּיר־ליפּען האבען זיך בעוועגט וויא ביי אן אלטען פערד פאר'ן פּגר'ען.

דער פּראקוראָר מיט אלע פּאלקאָווניקעס האבען דיא באמבע גוט בעטראַכט, זיי האבען געהייסען איהר איבערקעהרען און האבען איהר אבערמאלס בעקוקט.

— יאָ, דאס איז זיא! — האט דער פּראקוראר בעשטעטיגט.

— איהר דערקענט זיא, עדלער מענש! — האט פּאוועל מיט א פערעכטליכען טאָן אויסגעשריען — יעדער פאבריקאנט דערקענט זיין ארבייט.

— ער איז וואהנזיניג דער יונגער מענש — האט דער פּראָקוראָר א וואָרטשע געטהאָן.

— זיא איז איינע פון דיא געפעהרליכסטע באָמבען! — האבען דיא עקספּערטען בעטראכטענדיג דיא באמבע אויסגערופען. זיא וועגט געוויסע זיעבען אכט פונט.

פּאוועלס צונג איז פערגליווערט געוואָרען, ער האט מעהר קיין ווארט ניט געקענט ארויסברייננגען. ער איז געשטאנען שטום צווישען ביידע זשאנדארען און האט געשאָקעלט מיט זיין בלאָנדען קאָפּ.

דערווייל'ע האבען זיך דיא עקספּערטען גענומען צו דער אינערליכע קנייטעל פון דער באָמבע, זיי האבען דאס קנייטעל לאנגזאם ארויסגעצויגען און אויפ'ן טיש האט זיך א שאָט געטהאָן א דונקעל־גרינער פּולווער מיט א שניידענדען, שטארקען און שאַרפען גערוך.

— אַ—א—אפּ—פּשיק! — האט דער אלטער סאבאקאוו דער ערשטער אויסגעבאַסען, און איידער ער האט דעם צווייטען נאס געטהאָן, האט זיך ביי איהם פערקאַשערט דיא מויל וויא ביי א פערד ביי'ם גענעצען, זיינע אויגען זיינען פערגלאָצט געוואָרען און זיין מאָרדע האט זיך גערערעהט אויף הינטען — א—פּפּשיק! — האט ער ענדליך דעם צווייטען מאל אויסגענאָסען.

— א—א—פּטשיק — האט באלד נאך איהם געגאָסען דער פּראָקוראָר און זיין לאַננע צורה האט אנגענומען אן אויסדרוק פון א זשערעביאק פאר דער פּגירה.

— א—א—אפּפּשיק! — האבען מיט פּערקרימטע צורה'ס און מיט טרעהרען אין די אויגען געגאָסען די עקספּערטען א—אפּ—פּשיק!

אין צימער האט געהילכט א ניסעריי פון אלע זייטען, עס האבען געגאָסען די פּאלקאָווניקעס, די זשאַנדארען, די עקספּערטען מיט'ן גענעראל און פּראָקוראָר אלע צוזאמען מיט אוננאטירליכע קולות. — די געזיכטער האבען זיך ביי אלעמען געקרימט און געלאָמט אין פערשיעדענע גרימאסען, און דער אלטער סאבאקאוו האט זיך מיט אלע קרעפטען געהאלטען ביי'ם בויך. יעדער נאָס איז איהם אנגעקומען מיט גרינע ווערים, אז זיינע אלטע געדערים האבען זיך שעור ניט איבערגעריסען.

עס האט געגאָסען אויך פּאוועל אנדריאנאוו.

— ע—ע—פּעניש, א—א—פּפּשיק, א—פּ—פּענשער! — האט געקייכט איינער פון די עקספּערטען — מי—ר װעלען א—אפּשיק, דערוואָ—אָרגע ווערען.

דער פּראָקוראָר האט זיך האלטענדיג אונטערן בויך צוגעלאָפען צו א פענסטער און האט איהם גלייך אויפגעריסען. באלד איז געעפענט געוואָרען דער צווייטער און דער דריטער און אין איינינע מינוטען ארום, איז די ניסעריי שטילער געווארען.

— אָ, די ניהיליסטען! די ניהיליסטען! — האט דער אלטער ווישענדיג די אויגען געברומט — דאס איז עפּעס א מערדער געזינדעל!

— ווער ווייס וואס פאר א נייעם סאָרט דינאמיט זיי האבען אויסגעפונען? — האט דער פּראָקוראָר געוואָרט'שעט — מען קען דאָך נור געסם'ט ווערען פון דעם איינציגען ריח!

— אייער באראָנעסע ווייס עס עקסעלענץ — האט פּאוועל שוואך גערעדט — פרעגט איהר, זיא וועט אייך שוין זאגען.

די עקספּערטען האבען בעקוקט דעם דינאמיט און האבען פּלוצלינג אויסגע־בראָכען מיט א שטארקען געלעכטער.

— וואס איז דא צו לאָכען? — האט סאבאקאָוו ניפּטיג געפרעגט.

— דאס איז ניט קיין דינאמיט — האבען די עקספּערטען געזאגט.

— טאָ וואס דען איז דאס? — האט זיי סאבאקאוו פּערדריסליך געפרעגט.

— שמעק־טאבאָק גענעראל, מיט א שארפען ניעס־פּולווער! — האבען די עקספּעקטען איינשטימיג אויסגערופען — דא איז ניטא א י י ן געפעהרליכער שטאָף.

די פּאָרשטעהער פון זיין קייזערליכען מאיעסטעט האבען זיך א האפּ געטהאן פאר די קעפּ און פּאוועל האט אויסגעבראכען מיט אן איסטערישען געלעכטער.

— דאס איז ניט קיין באָמבע, — האבען די עקספּערטען ווייטער גערעדט — דאס איז אן איינפאכער גלאָבוס.

— סטייטש! — האט דער פּראָקוראָר געשטאמעלט — וויא הייסט עס?.... וואס איז דאס?!

— איינפאך שמעק־טאבאק באטיושקא, מיט טשעמעריצע.

די פּאָלקאָווניקעס האבען איינפאך ניט געגלויבט זייערע אויגען. זיי האבען

דעם דינאמיט געטאפּט מיט דיא פינגער און עס איז לייכט געווען צו מערקען, אז זיי פערדריסט נעבאך וואס נאך א יונגער אַפּפער געהט ניט אזוי גיך צום גאַלגאַן.

— שעהנע פאבריקאנטען זיינט איהר! — האט פאוועל מיט א פערעכטליכען טאָן אויסגערופען.

— איך פערשטעהע עס גאר ניט, — האט דער פּראָקוראָר פערדריסליך געזאגט— א באָמבע דוכט זיך מיט אלע פּיצעלאך — און דאָך ניט קיין באָמבע! א חרפה אויסצוזאָגען כ'לעבען....

— ווער ווייסט וואס פעליקס דער ממזר האט דא אפּגעטהאן? — האט דער אלטער סאבאקאוו זיך געקלערט — זיינע הולטייסקע ליעבעס ווענלען מיר נאך א מאל אויפ'ן פייער ארויפבריינגען.

דעם באטיושקא'ס קנעכט האבען זיך געקראצט פאר דיא קעפּ.

— דאס מוז מען באלד געבען צו וויסען דעם מאנארך, — האט זיך איין פּאָל-קאָווניק אפּגערופען.

— איך דענק אויך אזוי — האט דער צווייטער פּאלקאווניק געזאגט.

— א דעפּעשע פּאָלקאָווניק! — האט סאבאקאוו זיין סעקרעטאר בעפוילען — דיא מוז זאָפּאָרט אפּגעשיקט ווערען.

— סלושאיו'ס, וואשע פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ!

59טעס קאפּיטעל.

איך זעה איהם, אָט איז ער.

דער גרויסער זאַל אין ווילנער „אָקרוזשני סוד" איז געפּאקט מיט מענשען. דיא וואס האבען פּערזאָמט א פּליאַין, צאהלען א רובעל פּאר א ביליעט, חאָטש צו שטעהן לעבען דער טהיר און בייוואוינען דעם גרויסען פּראָצעס פון אכצעהן אידישע פּער-ברעכער. זיי ווערען אלע געריכטעט פאר ערמאָרדען און אנטהייל נעהמען אין דיא ערמאָרדונג פון א יונגען אפּיציער יעוודאקים דיאבלין, אין וועלכען עס האט זיך פער-ליעבט א אידיש מיידעל שפרה פראנק, און איהרע עלטערען האבען דורך בעשטעלטע מענשען איהם ערמאָרדעט.

עס שטעהען איינגעשטעלט פאר עדות צוויי געהיים-אגענטען פון פּעטערבורגער פּאָליציי, סיסקנאָיעוו און שפּיאָנאָוו; צוויי געהיים-אגענטען פון דער ווילנער פּאליציי, וועלכע האבען געזעהן דעם אפיציער פערבייפאהרענדיג ווילנא; דער גענעראל קאראַ-ווינקא; דער גייסטליכער טשערטאָוו און נאך ביי א צעהן מענשען פון „גראיעוואָ" און פון „רעזשיצא", וועלכע דיא סליעדאוואטעלעס מיט'ן פּראקוראר האבען צוגעצויגען צום פּראָצעס.

היינט איז דער פיערטער טאג וויא דער פּראָצעס האט זיך אנגעהויבען. דער פּראָקוראָר, איינער פון דיא בעסטע בלעמ'ס תלמידים. האט אלע פיער מאל געהאַל-טען א פייערינגע רעדע אויף עטליכע שטונדען און האט אויפגעוויזען מיט אותות ומפתים (וואו ער האט ניט געקענט אויפווייזען האט ער געטייטעלט מיט דיא פינגער) אז אלע אידען זיינען מערדער. ער איז געווען קלאר אויף אויסוויינינג אין אייזענטיינגער,

בראפמאן און ליוטאָסטאנסקי'ס ווערק, און ער האט נעקנאקט מיט'ן צונג הויכע גע־
קרייזעלטע פראזען וועגען אלע אידען אין דער גאנצער וועלט, וועגען דיא פיער מיליאן
אידען אין רוסלאנד, און וועגען דיא אכצעהן בעשולדיגטע אידען בעזאנדערס.

דיא פערטהיידינגער פון דיא ארעסטאנטען, פיער גוטע אידישע אדוואקאטען
פון פעטערבורג, מאסקווא און קיעוו, האבען זיך דיא מיה גענעבען איהם אביסעל אפ־
צוהאקען דיא פליגלען, אבער זיי האבען איינינע מאל בעקומען א שטארקען וויגאָ־
וואָר (פאָרוואורף) פון דעם פרעזידענט, אז זיי טאָרען מעהר ניט ריידען נור צו דער
זאכע וואס אנבעלאנגט צו דיא בעשולדיגטע ארעסטאנטען און זיי מוזען זיך העפ־
ליכער בענעהען מיט דעם הויכגעשטעלטען פראקוראָר. זיי זיינען דאדורך שטארק
אראפגעפאלען פון מוטה און זייערע צינגער האבען זיך שווער געדרעהט; אבער דאך
האבען זיי ניט געשוויגען און האבען איינפאך געבעטען דיא פריסיאזשנע (דזשורי לייט)
אז זיי זאלען נעהמען אין אכט דאס עס איז ניט אויפגעציינט אז דער אפיציער יעווי־
דאקים איז ערמאָרדעט.

— מעגליך אז ער לעבט ערגעץ — האבען זיי געזאגט — אלזא קען מען דיא
בעשולדיגטע אלס מערדער ניט בעטראכטען.

דער פראָקוראָר אבער האט געבעטען דיא פריסיאזשנע, אז זיי זאלען בעטראכ־
טען דעם אפיציער פאר א בר־מנן, וועלכענס ביינער זיינען שוין לאנג פערפוילט אין
דער ערד.

— איהר קענט דאך זעהן וויא שלוי, וויא ליסטיג אידען זיינען אויף זייער זאך —
האט זיי דער פראקוראר פייערליך געזאגט — אז זיי זיינען דערגאנגען א שטריינגע
מיליטער געהיימניס וואס קיינעם, אויסער דיא הויכע נאמטשאלסטווא, איז עס ניט
געוועזען בעוואוסט. אויסער דער קאנאריק אין גענעראל קאראליינקא'ס קאבינעט — האט
ער זיך פאָטעטיש אויסגעדריקט — האט קיינער ניט געקענט וויסען, אז דער אפיציער
ווערט צוריקגערופען פון טיפלים נאך ווילנא. קיינער האט אויך ניט געקענט וויסען —
האט ער ווייטער פאָרטגעזעצט — אז דער אָפיציער פאהרט אין ווילנא דורך פעטער־
בורג, וועהרענד ער האט נאר בעדארפט אנקומען פון טיפלים מיט אן אנדער וועג.
אלזא, זעהט איהר דאך בעשיינפערלאך גאָספאָדא פריסיאזשנע, אז אידען זיינען פעהיג
אויף אלעס, ווארום זאלט איהר ניט גלויבען אז זיי האבען ערמאָרדעט דעם אפיציער,
נור דער אידיישער „קהל" דעקט עס צו. געוואלד ברידער, הייליגע פראוואסלאווגע
בלוט פליסט אין דיא גאסען דורך דיא אונגעקרייצטע, וועלבע האלטען גאר פאר א מצוה
צו ערמאָרדען א „גוי". האט קיין מיטלייד מיט מערדער, זיי האבען עהרליך פערדיענט.

מיט דיעזע ווערטער האט דער פראקוראר געענדיגט זיין רעדע. דאס וואר דיא
לעצטע ווערטער פון דער דעבאטע, און יעצט זיצען שוין דיא פריסיאזשנע מעהר אלס
א שטונדע אין דעם ראטה צימער און דיא אונגליקליכע ארעסטאנטען מיט דער
גרויסער פערזאמלונג אין געריכט־הויז, קוקען צו דער טהיר פון דיעזען צימער.

דיא טהיר האט זיך פלוצלינג אויפגעמאכט און דער פרעזידענט פון דיא פרי־
סיאזשניע מיט א פאפיער אין דער האנד און נאך איהם דיא פריסיאזשניע זיינען
ארויפגעגאנגען אויפ'ן פלאטפאָרעם. דער פרעזידענט, א געזונטער דיקער גוי מיט א

דריי שטאַקיגע מאָרדע, איז מיט'ן פּאַפּיער אין דער האַנד צוגעטרעטען צום סטענדער און האט פון פּאַפּיער געלעזען פאָלגענדעס:

— עס פרעגט זיך צוויי פראַגען: צו דיא בעשולדיגטע בנימין פראַנק, זיין ווייב און זייערע ברידער האבען ערמאָרדעט דעם אפיציער, און צו דיא איבעריגע האבען אנטהייל גענומען אין דיא ערמאָרדונג פון דעם יונגען אפיציער יעוודאקים דיאַבלין. אויף דער ערשטער פראַגע איז דער אנטוואָרט „יא" דאס הייסט, אז בנימין פראַנק, זיין ווייב חנה, בנימין'ס א ברודער און חנה'ס צוויי ברידער האבען דעם אפיציער ער־מאָרדעט. אויף דער צווייטער פראַגע צו דיא איבעריגע בעשולדיגטע האבען אנטהייל גענומען אין דיא ערמאָרדונג, איז אויך דער אנטוואָרט „יא". דאס דיענסט מידעל איז אונשולדיג.

— אָי!

— וועה!

— געוואַלד! איך בין פערביי!

און נאך אזעלכע הערצרייסענדע געשרייען האבען זיך איסגעבראָכען פון דיא הערצער פון דיא פעראורטהיילטע; דער מורה הוראה איז געפאלען אין חלשות, זיין ווייב איז געבליעבען אהן לשון און דיא איבעריגע האבען פערבראָכען מיט דיא הענד און זייערע געלע אויסגעדאַרטע געזיכטער זיינען בענאַסען געוואָרען מיט טרעהרען.

דיא דריי ריכטער האבען זיך ביי א דריי מינוט געסודעט און א בעזאָנדערען צימער. באלד האט זיך דיא טהיר אויפגעמאכט און מיט זייער ערשיינען, האט זיך דאס פובליקום אוועקגעשטעלט אויף דיא פיס, און א בית־חיים שטילקייט האט גע־הערשט אין געריכטס־זאַל.

— בנימין פראַנק, זיין ווייב חנה — האט דער פּרעזידענט פון א פּאַפּיער גע־לעזען — אויף זעכצעהן יאהר קאַטאָרגא, און—

— איך זעה איהם! אט איז ער! — האט פּלוצלינג דער פעראורטהיילטער בנימין ווילד אויסגעשריען און איז געפאלען צום באָדען.

אין זאַל איז געוואָרען א שרעקליכער גערודער, אלע אנוועזענדע האבען איינער דעם צווייטען אנגעקוקט מיט ערשטוינטע געזיכטער, און דערווייל איז צוגעטרעטען א יונגער אפיציער צו דער פּלאַטפאָרעם פון דיא ריכטער.

— יעוודאקים! — האט דער גענעראַל קאַראַליינקא ניט מיט זיין שטימע א געשריי געטהאָן — יעוודאקים! דוא לעבסט?

— טאַק טאָטשנאָ'ס וואַשע פרעוואָסחאָדיטעלסטווא! — האט דער אפיציער האַלטענדיג דיא רעכטע האַנד ביי זיין שטערן איהם געענטפערט — איך בין עס! איך לעב....

— אַ, וועה מיר! — האט זיך ארויסגעהאַפּט א קוויטש פון דעם הייליגען טשערטאָוו'ס ברוסט און ער האט זיך מיט ביידע הענד אנגעהאַפּט אן טיש.

דער פּראָקוראָר האט פערבראָכען מיט דיא הענד און איז הינטער זיך אויף זיין שטוהל ארויפגעפאלען:

— — — — — — — — — —

אונזער פעדער איז ניט אין שטאנד דיעזע שרעקליכע, וואונדערליכע און הערצ־ער־ציטערענדע סצענע צו בעשרייבען. יעדער געפיהלפאָלער מענש קען עס זיך אליין אפ־מעלדען און פערשטעהן.

נאך איין מאנאט מיט איינינע טעג זיינען אלע געפאנגענע געזעסען אין קערקער. דער פראָקוראר האט דא ערוועקט א נייעם פראָצעס וועגען בעהאלטען אויף גאנצע זעקס מאנאטען אן אפציער, וואס שטעהט אין דיענסט; אבער דער עדלער פאָל־קאָווניק גרינגאריעוו, האט מיט געהיימע מיטלען געווירקט אויפ'ן אפיציער, אז ער זאל דערצעהלען וואונדערליכע נסים וועגען זיין פערשווינדונג. דער אפיציער האט גע־האט אויף זיך א פראָצעס; אבער דער איין תירוץ, אז א פראוואסלאַוונע נשמה קען זיך אהן בראנפען ניט בעגעהן, האט איהם פון א שטראַפע געראַטעוועט. עס האט זיך געענדיגט מיט'ן רעזולטאט, אז דעם אפיציער האבען עטליכע קארטען־שפּיעלער, צווישען זיי אויך רוסען, פערפיהרט אין דיא הרי חושך, און ער האט צוליב מאנגעל אין געלד ניט געקענט קומען צוריק.... יאַשקע דער אויסגעמאכטער איז פערבליעבען דער אייגענער ראַטהגעבער אויפ'ן שולהויף, און וועהרענד דער אפיציערעל האט זיך ארומגעטריבען זוכען ארבייט אין דיא ניו יאָרקער שאפּס ביי דיא גרינע אידעלאך, איז ער זיך גאנץ רוהיג געזעסען אין ווילנא און זיין הארץ האט איהם וועה געטהאן צו זעהן אז אבצעהן אידען זיצען צוליעב דיעזער געשיכטע אין געפענגנים און ערווארֿ־טען א שרעקליכע שטראפע. יאַשקע אבער האט פערשטאנען אז דער פאלקאָוו־ניק גרינגאריעוו וועט דא ציטערען פאר זיין פעהלכעל און ער וועט דא זעהן וויא ווייט מעגליך איז דעם פראָצעס צו צערשטערען. ער האט גרינגאריעוו'ן אונטערגעשיקט זיינעם א קלוגען שמש, דער שמש האט געגעבען דעם פאלקאָווניק אנצוהערענייש, און האט איהם געראטהען זיך צו זעהן מיט בנימין פראנק אין געפענגנים; באלד וויא דער פאלקאָווניק האט בנימינען בעזוכט האט ער זיך געזעהן מיט יאַשקע דעם אויס־געמאכטען. יאַשקע האט דעם אפיציער צוריק אראפּגעבראכט און דער פאלקאָווניק האט זיך שוין געגעבען דיא מיה אז קיינער זאל דא ניט ליידען.

— — — — — — — — — — — —

בנימין פראנק האט יעצט נאך זיין בעפרייאונג, אנגעהויבען צו פיהלען זיין שרעקליכען אונגליק, ער איז געווארען מעלאַנכאָליש פון דעם געדאנק.אז זיין טהייערע טאָכטער שפרה, וועלכע ער האט דוכט זיך, אזוי גוט ערצויגען, האט זיך אפגעשמד'ט און זיא איז געווארען א קעכין און א וועשין ביי דעם גייסטליכען ניקאלאי מישערטאוו. ער האט זיך געשעהמט צו ווייזען אויף דער גאס און פלעגט אימער זיצען צו הויזע. זיין ווייב חנה האט געעפענט א „שניט קראָם" און זיא איז געווארען דיא ברויט־גע־בערין. זייער טאָכטער חייקען האבען זיי יעצט דאפּעלט ליעב בעקומען און האבען איהר צערטליך יעדע ווילע אנגעקוקט. בנימין'ען פלעגט זיך אלע מאל פאָרשטעלען פאר דיא אויגען דיא סצענע וויא ער האט דער ערשטער דערזעהן דעם אפיציער אין גע־ריכטס־הויז, און אין מעלאנכאָלישען צושטאנד פלעגט ער זיך ארויסריידען „איך זעה איהם, אט איז ער". דיעזע פראזע האט זיך איהם איינגעשניטען אין קאָפּ אז ער פלעגט איהר א מאל אויך פון שלאָף אויסשרייען.

— שלעכט מיין ווייב — האט ער איינמאל צו חנה'ן געזאגט — שלעכט צו
וואוינען אין דערזעלבער שטאדט, וואו עס וואוינט אונזער געטויפטע טאָכטער מיט
א דיענער פון דעם אויסוואורף טשערטאוו....עס פליהען מיר דורך מיין קאָפּ דורך
אזעלכע שרעקליכע געדאנקען, אז איך בין גאר אויסער זיך....אָ, וואו לויפט מען, וואו
טהוט מען זיך אהין ? דיא גאנצע וועלט איז פאר מיר געשלאָסען. פון טרויעריגע
געדאנקען איז ניט צו אנטלויפען. זיי יאָגען נאך, זיי פערפאלגען וואוהין מען טהוט זיך
א קעהר....

— בערוהיג זיך בנימין — האט איהם חנה מוטהיג ערוויעדערט — מיר האבען
שוין נאך איהר שבעה אפּגעזעסען. ניטא מעהר קיין שפּרה אונטער גאט'ס הימעל. לאמיר
בעסער זארגען פאר דער ערציהונג פא אונזער קינד חייקע.

— אָ, מיין טהייערע — האט בנימין מיט טרעהרען אין דיא אויגען געזיפצט —
וויא קען מען עס אזוי גיך פערגעסען ? מיר גלויבט זיך נאך איצט אויך ניט, אז אונזער
עדעל קינד זאל פעהיג זיין צו אזא פערברעכען געגען גאָט און איהרע עלטערן. אבער
וועה צו מיר, זיא איז געטויפט און לעבט מיט א שטיפּעל פוצער א גוי, וועלכער איז מיט
א פופצעהן יאהר עלטער פון איהר....מיר האט דערצעהלט א מענש אז ער שלאגט
איהר עטליכע מאל אין טאג און אלע ארבייט ביי דעם גייסטליכען מוז זיא פאר איהם
טהאן. איך האב איהם עטליכע מאל געזעהן און ער קוקט טאקי אויס וויא א וואה־
רער מערדער. וועה איז צו מיינע אויגען וואס האבען געזעהן אזא איידים.

— א שעהנע, ריינע כפּרה! — האט חנה מיט געמאכטע מוטה אויסגעשריען —
זיא איז מעהר ניט אונזער קינד און הער אויף וועגען איהר צו ריידען, וועניג משומדעס־
טעס זיינען דא אויף דער וועלט.

ד'א טהיר האט זיך פּלוצלינג אויפגעמאַכט און א סמאַגלע, אויסגעדארטע פרוי,
מיט א פּאר שווארצע גרויסע אויגען איז צו זיי אין צימער אריינגעגאנגען.

— ווער זייט איהר ? — האט איהר בנימין געפרעגט.

— איך....

— אָי!

— וועה!

האבען דיא אונגליקליכע עלטערן מיט איין שטימע אויסגעשריען און זייערע
כטעו ייינען נעל געווארען.

דיא פרוי האט זיך פאר זיי א וואָרף געטהאן אויף דיא קניע.

— פערצייהעט מיר אונגליקליכע עלטערן — האט זיא מיט א שרעקליכען געוויין
אויסגעשריען — פערצייהעט מיר אונגליקליכע, פערצייהעט א פערפיהרטעס קינד. מיט־
לייד ליעבער טהייערער פאטער, מיטלייד ליעבע זיסע מוטער, מיטלייד מיט אן אונ־
גליקליכע, פערצייהעט.

— ניט אויף דיא קניע! — האט בנימין ווילד אויסגעשריען און זיינע אויגען
האבען געפייערט וויא ביי א וואהנזיניגען — דאס איז גויש, דאס איז ניט אידיש. איך
זעה איהם! אט איז ער! עס קלינגט. עס קלינגען דיא גלאָקען....

— ביסט דוא מיין קינד שפרה? — האט דיא אונגליקליכע מוטער געיאמערט אַרויפלעגענד איהרע ביידע הענד אויף שפרה'ס שולטערען — דוא ביסט עס אונזער טאָכטער, הויט און ביינער! ניטאָ איין שטיקעל פלייש, א סקעלעט. אָ, מיין ליעבעס, מיין טהייערעס קינד!

ביידע האבען זיך אומגעהאלדזט און א שרעקליכער הערצרייסענדער קושען האט פערהילכט דעם גאנצען צימער.

— גענוג — האט שפרה וויינענד אויסגערופען — מעהר בין איך ניט ווערטה, איך געה צוריק, איך מוז געהן, איך וויל אייך ניט שטעלען אין געפאהר; אבער זאָרגט פאר מיר, אונגליקליכע עלטערען, איך בין א אידין.... איך וואר א קינד, א נאררישׁ לייכטזיניגעס קינד, אבער איך גלויב אין גאָט, איך ליעב יעצט טויזענד מאל מעהר מיין פאָלק, דאס איז א היילינגער פאָלק, א גוטער פאָלק — זיי זיינען אויסווירפע, בעסטיעס, שלאנגען....ניטאָ קיין גאָט, ניטאָ קיין עהרע געפיהל, ניטא קיין פאמיליען לעבען. מיין מאַן איז א רויבער, א מערדער.... פערגעסט ניט, איך וויל אנטלויפען פון מערדער. אדיע, ניטאָ קיין צייט!

זיא האט אויפגעמאַכט דיא טהיר און האסטיג ארויסגעלאָפען.

— — — — — — — — — — —

אין א הינטערשטען פליעגעל פון דעם היילינגען טשערטאָוו'ס וואוינונג, וואוינט אין צוויי צימערען זיין דיענער קולאַקאָוו מיט זיין געטויפטע פרוי כריסטיאנא (שפרה), עס איז יעצט שפעט אין דער נאַכט, דער זייגער האט צוויי מאל אָפּגעקלונגען, שפרה ליעגט און שלאָפט. זיא האט אין יענעם טאָג זיך גוט אויסגעוויינט פאר איהרע עלטערען און עטליכע מאל האט זיא געכאַפּט שטארקע קלעפּ פון איהר גרויזאמען מאַן, וועלכער האט זיין גאנצע ארבייט ביי דעם גייסטליכען אין הויז ארויפגעלייגט אויף איהר. זיא האט זיך דעם גאנצען טאג אנגעהאָרעוועט, זיא האט צו־וואשען צוויי גרויסע באלייעם וועש, און זיא חראָפּעט יעצט ווייא א געהרג'עטע.

אין פאָרהויז פון דיעזער קליינער וואוינונג שטעהען יעצט פיער שווארצע פיגורען אין דער פינסטער און פיהרען צווישען זיך א שטילען געשפּרעך.

— הער נור קולאַקאָוו — הערט זיך א שטילע שטימע — דיין ציעל ביי דעם באטיושקא אין הויז איז דורכגעפיהרט; באלד וועט ער ליעגען אין א לוזשע בלוט און דיא שליסלען וועלען לייכט זיין קאסע עפענען; אבער וואס וועסט דוא מאכען מיט דיין זשידאווקא? זיא טאָר דא ניט פערבלייבען א לעבעדיגע. זיא וועט עס אויספלוידערען....

— איך זאג דיר דיא וואהרהייט — הערט זיך נאך א שטימע — ווי א שטארק איך וואָלט וועלען דיא זאך באלד אויפטהאָן, דאך קען איך מיר ניט ערלויבען זיא צו ערמאָרדען. אלעס אין דער וועלט בין איך פעהיג צו טהאן; אבער טויטען אזא עהרליך קינד בין איך ניט אין שטאנד....מיטנעהמען איהר קען איך אויך ניט, וויל איך וויל מיט איהר ניט לעבען, און זיא וועט עס אויך ניט וועלען און וועט דעם מאָרד ענטדעקען.

— אבער דיא צייט איז דאך קורץ — הערט זיך א דריטע שטימע.

— הער נור פייטקע — האט זיך ווידער קולאקאוו'ס שטימע אפגענעבען — דוא ביסט דאך אליין אויך א זשיד אויף צרות. דוא וועסט בעקומען א גוטען חלק אין דער ירושה, אז דוא וועסט אפפיהרען מיין זשידאווקא נאך האמבורג און איהר אוועקזעצען אויף א שיף.... דוא בעקומסט שוין פון מיר פינף הונדערט רובעל האנד-געלט אויסער רייזע קאָסטען.

— אבער וואו וועל איך דיר דערנאך זוכען ווענען דער ירושה? — דער הייליגער טייפעל האט געוויסע הונדערט טויזענד רובעל און פיעללייכט נאך מעהר.

— דוא וועסט מיך אימער אויסגעפינען אין מאסקווא — האט קולאקאוו ער-ווידערט — דוא ווייסט דאָך, אז אונזערער א ברודער איז עהרליך אין אזעלכע זאכען.

— וויא וועסט דוא אין מאסקווא הייסען?

— איך וועל הייסען קוזמינאָוו.

— גיעב מיר בעסער איבער דאס שטיקעל ארבייט — האט זיך געהערט א פירטע שטימע — איך געה דא אויף א גאנצין זיבערען וועג און בעקום שוין פינף הונ-דערט רובעל, און קוזמינאוו'ן אין מאסקווא וועל איך אויך א מאל אויסגעפינען דיר וועט אויסגעהן דיא נעמען וועכט דוא מוזען הייסען קוזמינאוו.

— ניין וואסילקי, דיר מוז איך האבען דא ביי דער ארבייט. פייטקע איז א זשיד און מיט איהם וועט זיא גיכער געהן.

— ביסט דוא אין דעם זיכער? — האט פייטקע געפרעגט.

— זיא וועט ניט נור געהן, זאנדערן לויפען — האט קולאקאוו געענטפערט — ערשטענס, בערייהעט זיא איהר טויפען און צווייטענס, האט זיא מיך פיינד וויא א שפין....

— אפשר איז א סברא, אז דוא זאָלסט איהר דא גאר איינפאך איבערלאזען?

— ניין, דאס טויג ניט. מיט א פערזאן וויינינגער וואס קען מיך א מאל דער-קענען איז בעסער.

— מען קען נאך אונז דערטאפפען ערגעץ ביי א גרענעץ — האט פייטקע בע-זאָרגט געזאגט — ווייסט דוא דען ניט אז מיט א פרוי איז אייביג א שלעפעניש מיט א פערדרעהעניש? בעזאנדערס נאך אזא געשיכטע, מיט וועלכע עס וועלען קלינגען אלע צייטונגען....

— זאָלסט איהר הייסען איבערלאזען א שריפט אז זיא געהט זיך טרינקען — האט קולאקאוו נאך א קורצען נאכדענקען איהם געזאגט — און אז זיא וועט שוין יא האלטען ביי'ם שרייבען זאלסט דוא שוין זעהן אז זיא זאל שרייבען דאס זיא ווארפט זיך אין טייך אריין צוליעב דעם הייליגען טייפעל. אבער ווארט! עס איז דא א בע-סערער פלאן, איך וועל אליין דאס בריעפעל פאר איהר אויפשרייבען.

ער איז מיט שטילע טריט אריינגעגאנגען אין זיין וואוינונג און איז מיט א פּאָר מינוטען שפעטער פון דאָרט ארויסגעגאנגען.

— דאס בריעפעל איז בעזאָרגט — האט ער שטיל געזאגט — נא דיר פייטקע זיעבען הונדערט רובעל און געה טהו דיא זאך אָפּ.

— מילא, זאל זיין אזוי — האט פייטקע געענטפערט — אבער געדענק, דאס איך זאל קאזמינאוו'ן געפינען אין מאסקווא.

— ער ווטט דיר שוין אליין אויך אויפזוכען — האט קולאקאוו ערוויעדערט — מיר נארען ניט קיין ברודער.

— —

עס קלינגט גאנץ ווילנא מיט דער ערמארדונג פון דעם גייסטליכען ניקאלאי ניקאלאיעוויטש טשערטאוו און מיט דער פערשווינדונג פון קולאקאוו'ן מיט זיין ווייב — דיא געטויפטע זשידאווקא שפרה פראנק. זיין געלט-קאסע איז געפונען געווארען גאנץ אונבעריהרט, אבוואהל דארט איז ניט געוועזן א גראָשען געלט, און אויפ'ן טיש פון קולאקאוו'ס וואוינונג איז אויסגעפונען געוואָרען א בריעף, אז קולאקאוו מיט זיין ווייב געהען זיך ווארפען אין טייך אריין, ווייל דער היילינער האט איהר געצוואונגען איהם צו ליעבען און נאכגעבען זיין ליידענשאפט.... דיא צייטונגען האבען דאריבער געשריעבען אלערליי מיינונגען. מאנכע האבען געגלויבט אז דער פרומער דיענער פון דעם גייסטליכען, האט ערמאָרדעט דעם היילינען אויס אייפערזוכט, זיין ווייב כריסטיאנא האט איהם מיטגעהאָלפען, און נאכהער האבען זיי זעלבסט-מאָרד בעגאנגען, א בעוויז דערצו, אז דיא קאסע איז גאנץ, און דער שליסעל האט זיך געפונען אין א פערשלאָסענעם טיש-קעסטעל און אלע זאכען אין שטוב, גאָלד און זילבער, זיינען געוועזן אונבעריהרט — און אנדערע צייטונגען האבען געזאגט זייער מיינונג, אז דא האט זיך אפגעשפיעלט א שרעקליכער מאָרד צוליעב געלט, א ראיה דערצו, אז דיא קאָסע איז געפונען געוואָרען ליידיג, וועהרענד אלע האבען געוואוסט אז דער היילינער בעזיצט א גרויסען פערמעגען, דיא „נאָוואיא ווערעמיא“ און „מאָסקאָווסקי ליסטאָק“ האבען דאריבער געשריעבען גרויסע ארטיקלען אונטער דעם נאמען „זשידאָווסקאיא חיטראָסט“ (אידישע ליסטינקייט) און האבען אויפגעוויעזען שווארץ אויף ווייס, אז דיא יונגע זשידאָווקא שפרה פראנק האט דעם פרומען קולאקאוו אנגערעדט דעם היילינען צו ערמאָרדען און אפמאכען אזא קונץ.... דערווייליע האבען סובאָרין, פיכנייי און פאסטוחאָוו געהאט א געלעגענהייט צו ריידען איבער אסימעלאציאָן, וויא וויים שעדליך עס איז א רוסע זאל הייראטהען א זשידאָווקא, און האבען געמאכט א פאָרשלאג דעם היילינען פראָקוראָר פאביעדאנאסצעוו'ן, אז ער זאל זעהן ארויסגעבען א געזעץ, דאס דיא היילינע פראוואסלאוונע זאלען ניט טאָרען הייראטהען אפילו א אפגעשמדטען זשיד אדער זשידאווקא. דיא אלגעמיינע מיינונג וועגען דיעזע טראגעדיע מיט דעם היילינען טשערטאוו, איז אבער געוועזן וויא דיא אונפארטייאישע צייטונגען האבען בעהויפטעט, אז דער פרומער קולאקאוו, וועלכער האט צום גייסטליכען אריינגעטרעטען צו לערנען דיא היילינע פראוואסלאוויע — האט דעם גייטליכען ערמאָרדעט צוליעב אייפערזוכט און נאכדעם האט ער מיט זיין ווייב זיך טאקי געוואָרפען אין טייך אריין.

פאר בנימין פראנק מיט זיין ווייב איז יעצט ענג געוואָרען ווילנא. אויסער דאס שרעקליכען אונגליק וואס זייער פערפיהרטעם עהרליך קינד איז דערטרונקען געוואָרע האבען זיי זיך געשעהמט אויף דער וויסער וועלט ארויסצו-ווייזען. דיא „שניט קראָם“

איז גלייך געשלאָסען געווארען און באלד וויא זיי זיינען אפּגעזעסען שבעה נאך דער טאָכטער, וועלכע זיי האבען אנגעהויבען יעצט צו ליעבען און זיך טרייסטען מיט איהר עהרליך הארץ און בראווען כאראקטער — זיינען זיי פון ווילנא פערשוואונדען געוואָרען איבערלאזענדיג זייער גאנצע ווירטהשאפט, וויא עס שטעהט און געהט. זיי האבען זיך מיט זייער איינציג קינד חייקע בעזעצט אין פעטערבורג אין א ווייטע גאס צווישען רוסען, און האבען דארט בעקומען דאס רעכט צו וואוינען אלס ארבייטער.

זיי וואָלטען אן זייער אונגליק פיעללייכט פערגעסען; אבער דער בעזוך פון זייער אונגליקליכער טאכטער אין דעם טאג בעפאר זיא האט זעלבסטמאָרד בעגאנגען און איהר בעטען פון זיי פערצייהונג האבען געמאכט אויף זיי אזא איינדרוק, אז זייער טאכטער איז אין יענער פּאָזע שטענדיג געשטאנען פאר זייערע אויגען.

בנימין פראנקס מעלאנכאָליע פלעגט זיך אָפט אזוי פערשטארקען אז ער פלעגט מיט זיין ווייב און זיין איינציג קינד קיין וואָרט ניט ארויסריידען עטליכע טעג נאך אן נאנד....ער פלעגט זיצען פערשפארט אין א צימער און האט פאנטאזירט וועגען זיין אונגליקליכעס פערפיהרטעס קינד.

— געוואלד זיא איז דאך אן עדעל קינד — האט ער איינמאל געזאגט צו זיין ווייב — גערדיינקסט דוא איהר בעזוך, געדענקסט דוא איהרע טרעהרען? געדענקסט דוא וויא זיא האט געזאגט אז זיא איז א א י ד י ן? געדענקסט דוא וויא זיא האט זיך אויסגעדריקט אז זיא האט יעצט טויזענד מאל מעהר ליעב איהר פאָלק?

— איך געדענק אלעס מיין טהייערער — האט חנה מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהם ערוויעדערט — ווער דען זאל געדיינקען אז ניט א מוטער? אָ, ווארום האָבען מיר זיא געלאזט דאמאלס אנטלויפען? זיא האט דאך געבעטען אז מיר זאלען איהר רעטען. זיא האט דאך אויסדריקליך געזאגט אז זיא וועט זיך אין טייך אריינווארפען.

— זיא איז דאָך אנטלאָפען, אונזער עדעל קינד — האט בנימין; וויינענד געזאגט — זיא איז גלייך אנטלאפען, ווייל זיא האט אונז מיט איהר בעזוך ניט געוואָלט שטעלען אין געפאהר. טשערטאָוו, דיא ערד זאל איהם ארויסווארפען, וואָלט דאך אונז דערפאר פערשיקט אויף קאטארגא. אָ, געוואלד, עס קלינגט. עס קלינגען דיא גלאָקען. „איך זעה איהם, אָט איז ער!“

חנה האט געזעהן אז דיא מעלאנכאָליע איז איהר מאן ווידער בעפאלען און זיא האט צו איהם אין צימער אריינגעפיהרט איהר טאָכטער חייקע, וועלכע איז שוין פערצעהן יאהר אלט געוועזן און וואר שוין א שילערין פון זעקסטען קלאַס גימנאזיום.

— אָט דאס איז אונזער קינד, בנימין! — האט זיא מיט טרעהרין אין דיא אויגען אויסגעשריען — פערגעס אלעס. זיא איז א א י ד י ן און וועט א א י ד י ן פערבלייבען.

— אָ, מיין טהייער קינד — האט בנימין פאלענד זיין טאָכטער אויפ'ן האלז אויסגעשריען — זיי דוא חאָטש אונזער טאָכטער, זיי דוא חאָטש וואס דיין מוטער האט יעצט געזאגט.

— איך וועל עס זיין, ליעבער זיסער פּאפּא! — האט חייקע איהם קושענד אין געזיכט אויסגעשריען — אבער בערוהיג דיך פּאפּא, מאך זיך מוטה און פערביטער

ניט דיין לעבען מיט אמאָלינע שלעכטע עראינערונגען. איך וועל זיין א א י ד י ן אין פאָלען זינגען. איך ליעב דיך פאפא, איך ליעב אונזער פאָלק און וועל אימער ליעבען. אבער פערגעס פאפא....! אונזער לעבען איז דאדורך ביטער. קום צו דער פיאנא, איך וועל פאר דיר שפּיעלען מענדעלזאָהן׳ס און מאיר־בער׳ס ניגונים. זיי זיינען אויך אידען, קינסטלער, זשעניען, געניעס. איך מוז מיין פאָלק ליעבען. איך מוז איהם ליעבען נור צוליעב דאס איינציגע וואס ער האט אויף דער וועלט געבראכט אזעלכע טאלענטען, אזעלכע גרויסע מענישען.

— און א וועלכער נאון וועגט זיי אלע אריבער ? — האט בנימין איהר געזאגט.

— איז דאך געוויס רעכט — האט איהם זיין קלוגע טאָכטער מיט א ליעבליכען שמייכעל ערוויעדערט — קום ליעבער פאפא איך וועל פאר דיר עפּעס שפּיעלען און זינגען.

זיא האט איהם ערגריפען פאר ביידע העגד און האט איהם אריינגעפיהרט אין זאל. זיא האט זיך באלד לעבען דער פיאנא אוועקגעזעצט, איהרע קליינע פינגער האבען אנגעהויבען צו לויפען איבער דיא ביינדלאך און א קלינגענדער געזאנג האט באלד פערהילכט דעם גאנצען צימער:

ביזט שטארק מיין נאציאָן, ביזט מעכטיג מיין אומה,
זיי קענען ניט וויסען דיא פעלקער דיא רומע.
וואו איז בעהאלטען דיין שרעקליכער כח....
עס שוועבען דיא קוילען, עס פליהען דיא פיילען,
זיי פעהלען דעם ציעל הונדערטע מיילען—
דאָרט ארבייטען ה ע נ ד, ביי דיר טהוט דער מוח....

פאל ניט הערונטער גאָט׳ס בת־יחידה,
עס קען זיך ניט ברעכען זיין פּעראמידע
וואס שטעהט פאר א סימבאָל פאר אלע נאציאָנען....
ניטאָ קיין געוועהר וואס קען עס בעוויזען;
ביזט מעכטיג מיין אומה, שטארקער פון אייזען—
דוא לאכסט פון דעם פיינד מיט זיינע קאנאָנען!....

דוא שטעהסט מיין נאציאָן, מיין אומה דיא אלטע,
צווישען דיא קברים דיא שטומע, דיא קאלטע.
דוא לעזט דאָרט דיא שריפטען אויף זעמדיגע שטיינער....
וואו זיינען דיא העלדען פון יענינע שטרייטען,
וואס האבען געבראָכען דיין גבורה פערצייטען?—
ניטא מעהר א זכר פון זייערעביינער....

פראנק איז פון דיעזען געזאנג אזוי איבערראשט געוואָרען. אז ער איז פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען און זיינע אויגען האבען געשאָטען פונקען.

— ביסט א אידין מיין טאָכטער! — האט ער ניט מיט זיין שטימע אויסגע.

שריען און האט זיין טאָכטער פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט, איך וועל פערגעסען, איך מוז פערגעסען.

דיא טהיר האט זיך גאר אהן אנקלאפען פלוצלינג אויפגעמאַכט און א דיקער אקאלאדאטשני מיט א בוך אונטערן ארעם איז פרעך אריין אין צימער.

— איהר זייט אן ארבייטער? — האט ער בנימין'ען גראב נעפרעגט.

פראנק האט אויף איהם א קוק געטהאן און זיין געזיכט איז באלד געל געװאָרען וויא וואקס, זיינע אויגען האבען זיך האסטיג אנגעהויבען צו בעוועגען און זיין גאנצער קערפער האט פיבעריש געציטערט.

— דער מערדער! — האט ער מיט א ווילדען קוויטש אויסגעשריען — ער לעבט, געוואלד ער לעבט. איך זעה איהם! אָט איז ער!

דער אקאלאדאטשני האט א ציטער געטהאן און האט זיך באלד פון צימער ארויסגעהאפט.

חנה איז צו איהר מאַן צוגעלאפען און האט איהם ערגריפען פארביידע הענד.

— געוואלד, דער מערדער — האט בנימין מיט אוננאטירליכע קולות געשריען — איך זעה איהם דאָך, אָט איז ער, חאפט איהם יאָגט איהם!

חייקע האט איהר פאטער אומגעהאלדזט און האט איהם געקוקט גלייך אין דיא אויגען.

— האב רחמנות פאפא — האט זיא מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט — פערגעס ליעבער פאפא, דוא האָסט דאָך מיר פערשפּראָכען צו פערגעסען, אָט בין איך דיין קינד א א י ד י ן!

— דער מערדער! — האט בנימין מיט א ווילדען קוויטש אבערמאלס געשריען און האט זיך מיט אונגעהיירען קראפט פון זיין ווייב מיט זיין טאָכטער אויסגעריסען — איך זעה איהם דאָך, אָט איז ער! געוואלד, ער לעבט. חאפט איהם, נעהמט איהם, אָט איז ער קולאקאָוו.

ער איז צוגעלאפען און אויסגעבראָכען א פענסטער און האט זיך געגומען פון דעם דריטען שטאָק אראָפּשפּרינגען.

— געוואלד רעטעט! — האבען ביידע אונגליקליכע פרויען געשריען איהם האלטענדיג מיט אלע קרעפטען פאר דיא הענד.

דיא נאכבארען זיינען זיך באלד צוזאמען געלאפען, זיי האבען גלייך געבראַכט א דאקטאר און פראנק איז אפּגעפיהרט געוואָרען אין פעטערבורגער דול־הויז.

אין איינינע וואָכען ארום האט יעצט חנה פראנק זיך אנגעהויבען צו שטויסען אין וואס בעשטעהט איהר מאַן'ס נייער וואהנזין. בעזוכענדיג איהם אין האָספּיטאל, האט זיא אין זיין וואהנזיניגען צושטאנד פון איהם געהערט אז ער שרייט דאס ער זעהט זייער שווינער־זוהן קולאקאוו'ן אלס אקאלאדאטשני.... זיא האט דעם אקאלאדאטשני אנגעהויבען נאכצושפּיערען און זיא איז דערגאנגען אז ער הייסט פאָפּאָוו.

— ער איז דער דערטרונקענער קולאקאוו — האט זיא איינמאל איהר טאָכטער חייקען געזאגט — איך האב מיין טאָכטערס מאַן פערזענליך ניט געקענט; אבער וועדליג זיין אונגליקליכער פאטער האט מיר איהם א מאל אפּגעמאהלט איז דאס דער־

זעלבער. ער האט ערמאָרדעט מיין קינד מיט'ן גייסטליכען טשערטאוו צחאמען. איך מוז איהם אויסגעפינען! זיא האט זיך גענומען איהם אויפזוכען; אבער איהר איז באלד בעוואוסט געווארען אז דעם אקאלאדאטשני פאפאוו האט געטראפען א סיבה, פאר וועלכע ער האט בעצאהלט מיט זיין אמט. ער האט ביי א בעפאל טויט געשלאגען א אידען מיט צוויי קלעפ. זיין ווייב דיא קינפעטאָרין איז אויף מאָרגען געשטאָרבען און דער אקאלאדאטשני איז מעהר ניט אין פעטערבורג.

60טעם קאפיטעל.

עס וועבט זיך,

ווייט אויף „ראיאָווא" אין דעם טיעפען באָנאָראָדסקער וואלד, וואו אונזערע לעזער האבען שוין איינמאל געזעהן דיא פערזאמלונג פון דיא פרייהייטס-קעמפפער — זעהען מיר יעצט צוויי יונגע מעניטען אן „ער" מיט א „זיא" צווישען דיא געדיכטע ניס-ביימער. זיי געהען גאנץ לאנגזאם און בייגען אלע ווילע זייערע קעפ אונטער דיא גע-פעהרליכע צווייגען, וועלכע ליגען ניט וויט פון דער ערד, דער וועטער איז א קיהלער און א געדיכטער נעבעל קושט זיך יעצט מיט דעם באָדען, וועלכער איז בעדעקט מיט געלע פערוועלקטע בלעטער וואס דער הערבסט האט שון צוגענומען פאר זיינע אָפפער.

ביידע יונגע פערזאנען זיינען ארויסגעגאנגען אין א ברייטע אלעע וואס דיא מוטער נאטור אליין האט אויסגעבילדעט אין דעם טיעפען וואלד. זיי טרעטען מיט לאנגזאמע טריט אויף דעם באדען פון דיעזער אלעע, וועלכע איז בעדעקט מיט וואָרצלען פון דיא ריעזיגע אייבען־ביימער און איז געקנייטשט וויא דער שטערן פון אן אלטען דיינקער.

ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א דיקען צובראָכענעם בוים, וועלכער איז גע-לעגען אויסגעצויגען אין דער ברייט פון דער אונגעקינסטעלטער אלעע, וויא א גרוי-סער בר-מנן אין דער וויסטע.

א טאָרעס שטילקייט האט איינינע מינוטען געהערשט צווישען ביידע יונגע פערזאנען. זיי האבען זיך אנגעקוקט א היבשע ווילע און זייערע בליקען האבען מיט א שטומע שפראכע גערעדט שרעקליכעס.

— יא, יא — האט דאס יונגע דאמע מיט א ציטערענדע שטימע פלוצלינג א ברום געטהאן — דא איז דער פלאץ וואו אונזער אמאליגע ליעבע איז בעשאָנקען גע-געוואָרען. דא האבען מיר ביידע ארומגעשוואומען אין א גרויסען ים פון האָפנונג.... געבראָכען וויא דיעזער ריעז אויף וועלכען מיר זיצען; זיין גרינער נאָדעל-קאָפּ איז טרוקען וויא דיא הערצער פון אונזערע פערפאָלגער; שטעבענד וויא דיא ליעבע פון דעם לומפ....אויסגעדארט וויא דיא האָפנונג פון אונזערע יונגע הערצער.

דער יונגער פערזאָן האט זיך א וואָרף געטהאן אויף דיא קניע און האט ער-גריפען דער דאמע דיא האנד.

— ליזא! — ליעבע זיסע ליזא! — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע אויס-געשריען — גיעב ניט אויף דיין האָפנונג. צווייפעל ניט אין אן אונערוואַרטעטע הילפע. דער לומפ וועט דיך ניט הייראטהען. עס איז נאך ניט געשטארבען דיין פעטער וואָ-

סיליעוו. איך לעב מיין טהייערע. איך מוז קוקען און זעהן וויא מיין איינציגע אין דער וועלט, איז פערלאָבט מיט אן אנדערן. איך טראג דאס אונגליק געדולדיג אריבער. איך מוז איהם איבערטראגען צוליעב דיך מיין טהייערע. צוליעב דיך מיט דיין אונגליקליכע מוטער און ברודער, צוליעב דעם אונגליקליכען וואסילי פּעטראוו און צוליעב נאך הונדערט אנדערע.... אָ, מיין ליעבע — מיין עהרען=געפיהל איז געבראָכען וויא דיעזער ביים; אבער ניט מיין ליעבע. איך מוז זעהן וויא א לומפּ פערשמוצט מיין ענגעל מיט זיינע שמוציגע קיסע, אבער אלעס ביז א צייט.

— אָ, מיין ליעבער — האט ליזא וויינענד געזאגט — איך גלויב מעהר ניט א, קיין הילף, דאס אונגליק איז צו גרויס. דער ביטערער שיקזאל פערפאָלגט מיין אונגליקליכע פאמיליע. אָט בין איך שוין עפענטליך פערלאָבט מיט פעליקס סאבאקאוו. דער אלטער אויסוואורף האט מיר געשיינקט א קוש אין דער האנד. דיעזע האנד וועט אימער פערבלייבען בעפלעקט. א מערדער פון טויזענדע אונשולדיגע אָפּפער, האט איהר בעריהרט מיט זיינע וואמפּירישע ליפּען, געוואלד איך טראג עס ניט אריבער!

— אלעס מוז מען אין דער טיראנישער רעגיערונג איבערטראגען! — האט וואַסיליעוו מיט א פעסטע שטימע געזאגט — מען מוז קענען ליידען, אבער ניט אויפגעבען דיא האָפנונג. אָט איז פּעטראוו פעראורטהיילט צום גאלגאָן; ער וויל זאגאר ניט בעטען מיטלייד פון דעם באנדיט. עס פערבלייבט א גאנץ קורצע צייט צו זיין הינריכטונג, איך גלויב אבער אז אונזער טהייערער שוועסטער וויערא אלעקסאנדראָוונא'ן וועט פיעללייכט געלינגען איהם צו רעטען. עס איז שוין אויסגעארבייטעט א פּלאַן זייט אונזער לעצטע פערזאמלונג אין דיעזען וואלד; אבער מיר מוזען אימער האבען פעליקס'ן פאר זיך. אט איז ער אונזערער דורך דיר מיין טהייערע, און מיט דיין ברודער האלט שוין גאר אנדערש. דיא באָמבע איז גענצליך אומגעענדערט געוואָרען, פעליקס איז א פּיאַניצע א קארטען=שפּיעלער און קאַלצאָוו אלס פּאלקאָווניק גומאנאָוו, וועט אונז פיעללייכט צוריק געבען דעם אונגליקליכען מארטירער וואסילי פּעטראָוו'ן. וויערא און קאלצאוו זיינען קלוגע מענשען און איך גלויב אז פּעטראוו איז אונזערער.

— אָ, ליעבער פּעטער — האט ליזא וויינענד געזאגט — מיין ברודער איז זאָ וויא זאָ פערלארען. דיא שלאנגע אלס באראנעסע אנדרייעוונא האט אויסגעפאָרשט פון איהם אז ער האט געשאָסען דאמאלס ביי נאכט אויף אלעקסייעוו'ן, און דאדורך איז אויך בערטהא מאלליך פעראונגליקט געווארען. זיא ליעגט בעגראבען ביי זאכארינען, און ווער ווייסט צו ער אליין איז אויך זיכער? דיא ניעדערטרעכטיגע שפּיאָנין שווייגט ניט. זיא זוכט ארום דאבראדושקינען און איך פירכטע צו זיא וועט ניט פאלען אויף א שפּור פון דאבראליובאוו'ס אונטערנעהמונג אין זיין ווערק־הויז.

— נור ניט געזארגט, מיין ענגעל — האט וואסיליעוו איהר ערוויעדערט — איך גלויב אז אלעס וואס מיר האבען אונטערנומען וועט דורכגעפיהרט ווערען. ווייסט דוא אז אין קרעמעל ארבייט זיך א מינע? און ווייסט דוא וואו, טאקי אין „אוספּענסקי סאָבאָר" אליין. באלד וועלען דא זיין פיעלע פון אונזער געזעלשאפט און מיר וועלען האבען ריכטיגע אויסקינפטע פון יענער וויכטיגער אונטערנעהמונג.

— דאס איז אלעס רעכט ליעבער פעטער — האט ליזא טרויעריג געזאגט אבער וואס טהו איך אזוינס ? פעליקס האט נאך מיר פארנעליינט אז אין צעהן טאג ארום זאל בעשטעהן דיא האָכצייט....

— ער וועט עס מאָרגען פערגעסען, מיין טהייערע — האט וואסיליעוו מיט אן אונרוהיגען און ביטערן שמייכעל ערוויעדערט — איך גלויב נים אז דיעזער לומפּ זאל ערנסט לייבען. וועהרענד ער האט ארום דיר געטאנצט, האט ער זיך ערקלעהרט אין ליעבע פאר בערטהאַ מאלליך און נאך פאר צוואנציג אנדערע און ביי מיר איז קיין צווייפעל אז ער מיינט עס ערנסט.

— וואס וועט אבער זיין אז ער וועט טאקי אנשטעהן, דאס דיא חתונה זאל אין צעהן טאג ארום בעשטעהן ? — האט ליזא בעטריבט געפרעגט — איז דען נים גלייכער זיך צו פערציהען א שטריקעל אויפ'ן האלז ?

— וויא באלד דיין פעטער לעבט וועט עס נים געשעהן ! – האט וואסיליעוו אויפגערעגט אויסגערופען — דאס וועט איהם קאָסטען זיין לעבען. אבער שאַ עס הערט זיך א בעקאנטער פייף.

וואסיליעוו האט מיט א פייף געענטפערט און אין איינינע מינוטען ארום איז פאר איהם געשטאנען קאָלצאָוו.

— מארטין און וויערא אלכסנדראוונא וועלען דא באלד אויך זיין — האט קאָלצאָוו זיך אוועקזעצענד אויפ'ן בוים צו וואסיליעוו'ן געזאגט — איך דיינק אז איינער פון דיא ביידע דאבראליובאוו'ס טעכניקער וועט דא אויך קומען.

און מיט א פיערטעל שטונדע שפעטער זיינען אויפ'ן בוים געזעסען אכט יונגע מענשען.

מארטין איז בעשטימט געווארען אלס פרעזידענט פון דער קליינער פערזאמלונג, און באלד האט ער זיך אוועקגעשטעלט און האט זיך פאר דער פערזאמלונג פערנייגט.

— שוועסטער און ברידער — האט ער צו זיי געזאגט — מיט דעם אונגליקליכע גאָלדבוימען האלט עס ערגער וויא פריהער. וואסילי חאָמיאקאָוו איז אן אייזערנער מענש און האט שוין איבערגעטראגען ביי א צוויי הונדערט בלייענע שמיץ און ער האט זיך נאך אלץ נים ארויסגעגעבען. ער שפּיעלט קינסטליך זיין ראָליע אלס וואהנזיניגער און חאָטש צורעדער איהם איז פון איהם נים צו דערגעהן אפילו איין וואָרט ; אבער דא איז גאר אן אנדער צרה איך האב בעקומען א דאָנאָס אהן א נאמען, אז וואסילי חאמיקאו איז טימאָפּיי'ס שוואגער ראזבאיעוו. דער אנאָנימער שרייבער מאַכט מיר אויפמערקזאם אז פארן פּראָצעס איז עס זעהר וויכטיג. זעלבסטפערשטענדליך אז עס האלט יעצט זייער ביטער ; איך טאָר עס אלס סליעדאָוואטעל נים פערשווייגען, ווייל אייך קען דא חאפּען א שטארקע מפלה, חאָמיאקאָוו'ס פעררעטער וועט דא געווים נים שווייגען און באלד וויא ער וועט זעהן אז איך האב זיין דאָנאָס נים געשענקט קיין אכטונג, וועט ער עס געווים געבען צו וויסען אויך אָפּענבאַבען און דעם פּראָקוראָר, און גאָלדבוים איז פערלאָרען.

— דאס איז שרעקליך — האבען דיא פערזאמעלטע אויסגערופען.

— איך געפין דא גאר קיין ראטה ניט וואס צו טהאן — האט מארטין ווייטער גערעדט — וויא באלד אזא דאנאס איז שוין נעשריעבען געוואָרען, מוז דיא וואהרהייט ארויפשווימען, און אויסער וואס גאלדבוים וועט נעהן צום גאלגאן, וועל איך נאך האבען אויף זיך א פּראָצעס, און ווער וויים וואס דורך אזא פּראצעס קען ארויסקומען פאר אונזער גאנצע געזעלשאפט, איין פערדאכט אויף מיר איז גענוג מיך ארייינצוציהען אין א פּאָליטישען פערברעכען.

— מיר מוזען גאלדבוימען געבען דיא מעגליכקייט צו אנטלויפען — האט קאל־צאָוו נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט.

— דאס איז אונמעגליך — האט וויערא זיך אפּגערופען — דער פּלאַן איז גע־מאכט פאר איינעם.

— מיר ווייסען אבער ניט ווער איז איצט בילכער — האט גערזאָין געזאגט — וואסילי פּעטראוו איז איינער און אין גאָלדבוים'ס פּערזאָן זיינען עטליכע, און צווישען זיי אויך אונזער ווערטהער פּרעזידענט מארטין.

— איך וויים ניט צו מיר האבען דאס רעכט צו ענדערן דיא פּערזאנען — האט ליזא אויפגערעגט געזאגט.

— איז גאר אונמעגליך אז צוויי זאלען קענען אנטלויפען? — האט אן אנדערער געפרעגט.

— אונמעגליך ברודער — האט וויערא מיט א צערבראָכענע שטימע ערוויע־דערט — דער פּלאַן איז אויסגעמאכט אויף איינעם און ווער ווייסט צו אונז וועט גע־לינגען אויך דעם איינעם צו רעטען.

— פיעללייכט איז מעגליך — האט זיך נאך א יונגער פּערזאן אפּגערופען — אז מען זאל געבען א געלעגענהייט וואסילי חאָמיאקאוו'ן צו אנטלויפען? לויט וויא איך הער איז ער אן אייזערנער מענש און נאך א מערדער דערצו, און אזא חברה־מאַן וועט געוויס זיך קענען אן עצה געבען גאר אהן אונז. ער בעדארף נור האבען א שפּאַלט וואו א האנד ארייינצושטעקען און דאס איז שוין פאר אזא מאכער גענוג.

— וואס זאגט איהר וויערא אלעקסאנדראוונא? — האט איהם מארטין גע־פרעגט — קען מען חאָמיאקאָוו'ן איבערגעבען עפּעס א שליסעל אז ער זאל זיך קענען נור פון זיין צעלע ארויסחאפּען?

וויערא האט זיך פערטראכט.

— און ווען אפילו א שליסעל — האט זיא נאך א קורצען נאכדריינקען געזאגט— איז דאס אויך פון דיא שווערסטע זאכען.

— פאר א מערדער און א רויבער זאלט איהר זיך ניט זארגען — האט איהר מארטין ערוויעדערט — האט איהר געזעהן וואס פאר א סוביעקט ער איז? ער קען דאָך מיט איין לאָפּע טוידט שלאגען פינף מענשען אין א מינוט. ער איז דאָך איינפאך אן עלעפאנט.

חאָמיאקאָוו מוז אנטלויפען! — האבען איינינע גענאָסען געזאגט—אז ניט איז גאלדבוים פערלארען און אונזער ווירדיגער מארטין קען אין אן אונגליק ארייינפאלען.

— איך קען דא נאך האבען א גאנצען עסק דערמיט וואס איך האב פערנאכ־

לעסטיגט דעם פערהער פון ראזבאיעוו'ס פרוי — האט מארטין בעטריבט געזאגט — לויט די געזעצע בעדאַרף זיא די גאַנצע צייט, זייט ראזבאיעוו איז פערשוואונדען, זיין ארעטירט וועגען גרינבערג און מאראזאוו'ס פּראָצעס, און איך האב מיך געמאכט ניט וויסענדיג און האב איהר געלאזען אוועקפאהרען אין דאָרף אריין.

— איך קען איהם אונטערוואַרפען א שליסעל אדער אַליין זיין צעלע עפענען — האט וויערא טרויעריג געזאגט — אבער איך צווייפעל צו דאס וועט העלפען.

— און עטליכע פונט שמעק־טאבאק — האט גערעאַין זיך אפגערופען — וועט איהר דאך אויך געוויס קענען דאָרט אריינשמוגלען.

— וואצו נאך טאבאַק? — האָט וויערא פערוואונדערט געפרעגט.

— דאס איז א גוטע סגולה פאר די וועכטער — האט גערעאָין מיט א שמייבעל איהר ערוויעדערט — זיי וועלען ווערען בלינד און שרייען וועלען זיי אויך ניט קענען. וויא איך פערשטעה וועט א ביטערער יונג וויא חאָמיקאָוו אדער ראזבאָיעוו וויסען וויא מיט אזא שאַך זיך צו בענוצען.

— דאס איז א פארטרעפליכער פלאן! — האבען אלע פערזאמעלטע אויסגערופען — האָמיאקאָוו מוז פערשווינדען, און דאמאלס הערט אלעס אויף.

זיי האבען די זאך וועגען וואסילי חאָמיאקאָוו'ן און וועגען וואסילי פעטראוו'ן צווישען זיך אפגערעדט. און זייערע געזיכטער האבען אנגענומען פרעהליכע אויסדריקע.

— די מינע אין קעלער — האט גערעאָין בעריכטעט — איז שוין אויף צעהן ארשין לאנג געגראבען — די העלדישע פרוי שרה פיינשטיין האט היינט זאכארינען האלב טויט פון אונטער דער ערד ארויסגעשלעפט. א שטיק ערד האט בעשאָטען זיין האלבען קערפּער און ווען זיא וואָלט איהם פאר די פיס ניט ארויסגעשלעפט, וואָלטען מיר פערלארען דעם געטרייסטען קעמפפער.

— נאך מיינער מיינונג — האט קאלצאוו זיך אפגערופען — האבען מיר די מינע איצט מעהר ניט נייטהיג — אונזער אסטראוו אלס דער מענך קאמונאוו, נעהמט זיך אונטער אריינצובריינגען אין „אוספּענסקי סאָבאָר“ חאָטש ביי א פינף פוד דינאָמיט. דוחאָווקין איז אן איינפאכער אידיאָט און ער איז אין קאמונאוו'ן (אסטראוו'ן) אזוי איינגעטרויט, אז ער קען אויף איהם ניט האבען דעם מינדעסטען פערדאַכט. מיר האבען זיך גאר ניט געקענט פאָרשטעלען אז די זאך זאל אזוי געלינגען.

די געזיכטער ביי די פערזאַמעלטע האבען אויפגעשטראלט פאר פרייד.

— וויא באלד אזוי — האט גערעאָין געזאגט — איז כמעט די גאנצע מינע ניט נייטהיג; זאָ קוים „אוספּענסקי סאָבאָר“ וועט זיין מינירט, ווערען מיר בעפרייט פון אלע ראמאנאוו'ס פאר איינמאל.

— איך האב זיך מיט קאמונאוו'ן (אסטראוו'ן)) אייניגע מאל געזעהן — האט קאלצאָוו ווייטער גערעדט און ער האָט געהייסען פערפערטיגען דינאָמיט חאָטש איינינע פוד. ער איז אזוי איבערצייגט אז ער וועט די מינע אין „אוספּענסקי סאָבאָר“ דורכפיהרען, אז ער האט טאקי גערעאָטהען אויפצוהערען זאגאר דיינקען וועגען א מינע „אוספּענסקי סאָבאָר“ איז פאר איהם פריי און ער וויים שוין דאָרט אלע אונטעראירדישע געגנע. ער איז זאגאר געזאגען צו מינירען אויך דעם קופּעל פון דער קירכע

אום דיא גאנצע געביידע מיט אלע קירכען ארום זאלען אין איין מאָמענט צערשמעטערט ווערען און אריינפאלען אין „מאסקווא רעקא״ צוזאמען מיט דער גאנצער סוויטע, וועלכע וועט בייוואוינען דיא קאָראָנאציע פון דעם רוסישען באַנדיט. דאס איז · גאר אן אונערוואַרטעטער גליק וואס מיר וואלטען זיך ניעמאלס געקענט פאָרשטעלען.

— בראַוואָ! בראַוואָ! — האבען דיא פרייהייטס־קעמפּפער אויסגערופען.

— וועגען דער מינע — האט זיך געראָאין אפגערופען — מוזען מיר נאך האלטען א ראטה מיט זאכארינען. ער האט זיך פאר מיר אויסגעדריקט, אז קיין זאך אין דער וועלט וועט איהם ניט אפהאלטען פון פערפערטיגע, דיא מינע.

— אבער ניט ביי אזא גליקליכען צופאל! — האט מארטין געזאגט — ווען איסטאָמין וואָלט עס אין קערקער געוואוסט, וואלט ער דיא שווערסטע אינקוויזיטיישע ליידען מיט פרייד אריבערגעטראגען; אבער דאך דיינק איך אז מען מוז זיך נאך איינינע מאל זעהן מיט קאמונאוון און אלעס דערגעהן אויף ריכטיג.

— — — — — — — — — —

אין מאַלליק׳ס גרויסע קייזערליכע וואוינונג איז א גאנצער חורבן. זיין איינציגע טאָכטער בערטהא איז פּלוצלינג פערשוואונדען געווארען און באלד נאכדעם האט ער ערהאלטען פון איהר א בריעף אז זיא אנטלויפט נאך אויסלאנד צוליעב א פאַלשע בעשולדיגונג, פון וועלבען זיא קען אין גרעסטען אונגליק אריינפאלען. ציציליא כריסטיאנאווא ליעגט מיט א פערבונדענעם קאָפּ אין בעט און זיא בעקומט אלע ווײלע איסטעריקע. זיא קוויטשעט מיט איהר שטימע, אז מען זאָל איהר אפגעבען איהר טהייער קינד, וועלכע זיא האט ביז יעצט ניט געקענט. זיא קוקט אָן מיט ווילדע בליקען יעדע ווינקעלע אין איהר שלאָפצימער און זוכט מיט דיא אויגען איהר טהייערער בערטהאַ׳ן, וועלכער זיא האט פאר דער לעצטער צייט אזוי ליעב געקריגען חאָטש זיא האט אין איהר אויסגעפונען א אידישע הארץ.

— איז דען בעסער צו האבען אונזער טאָכטער אין געפענגנים? — האט איהר מאַטפּיי בעטריבט געפרעגט — דוכט זיך אז מיר האבען נאך גוט אפגעשניטען דערמיט וואס זיא איז אנטלאפען נאך אויסלאנד. מיר בעדארפען נאך דאפיר דאנקען גאָט.

— אבער וואו איז זיא אונזער טהייערע קינד? — האט דיא מוטער געיאָמערט — מיר ווייסען דאָך גאָר ניט וואו זיא צו זוכען.

— זיי זיכער אז אונזער טהייערע בערטהא וועט אונז אין קורצען שרייבען א בריעף — האָט איהר מאַן איהר געטרייסט — זיא איז צו עדעל און, עהרליך אום דאס ניט צו טהאָן.

— וועה מיר! וועה מיר! — האָט ציציליע געקלאגט — צו איז דאס אנשטענדיג פאר אונז אז אונזערס א קינד זאָל זיין פערדעכטיג אין א פּאָליטיישען פערברעכען? וואס וועלען איצט ריידען אונזערע בעקאנטע געגנערעלער? וואס וועט וועגען דעם טראַכטען דער אבער־פאָליציימייסטער, איסטאָמין און נאך אנדערע הויכגעשטעלטע פערזאָנען ביי דער רעגיערונג? דאס וועט מען דאָך דערטראָגען צום מאָנארך אליין.

— דוא מאכסט עפּעס וועגען דיעזע אלע באַנדיטען א צו גרויסען וועזען, — האט מאַטפּיי פּערדריסליך געזאגט — אונזער טאָכטער איז פערדעכטיג אין א פּאָלי־טישען פערברעכען. נו, טאָ וואס איז דא אַזוינס ? איז דען א שאַנדע פריי צו דענקען ?

— איז דאס דיין שטימע מאַטפּיי ? — האט ציציליע אויסער זיך פאר פערדרוס איהם געפרעגט.

— יא, מיין ווייב, — האט איהר מאַטפּיי רוהיג נעענטפּערט — דוא פרעגסט וואס וועט יעצט ריידען איסטאָמין, ריכטיג וויא דוא וואָלסט גאר ניט געוואוסט, אז איסטאָמין'ס זוהן איז אויך פאר א פּאָליטישען פערברעכער פערהאַפטעט.

— זיי מעגען, — האט ציציליע נעקווויטשעט.

— און מיר מעגען אויך — האט מאַטפּיי מיט א שטאַרקען טאָן גערעדט — אידען זיינען אויך מענשען און נאך פיעל העכערע מענשען פון זיי. נאך מיט טויזענדע יאהרען צוריק זיינען מיר געווען פריי-דיינקער און פרייהייטסקעמפּפער.

— איך זעה ניט אין דיר דעם איינענעם מאַטפּיי וויא א מאָל — האט ציציליע פּערדריסליך געברומט — דוא הייבסט אן צו ווערען אן אַזיאַט וויא אלע אידען.

— אָט דאס איז דאָך טאקי דיא צרה וואס מ ש ה דער אזיאַט טויג ניט, און מ א ט פ י י דער קאַצאַפּ איז גוט, — האט איהר מאַן שניידענד איהר ערוויעדערט — אלעקסייעוו, וועלכער האט געשלעפּט אונזער טאכטער אויף א קיביטקע, איז א פיינער מענש ! דיעזען אלעקסייעוו'ן האבען מיר איבערגעגעבען אין דער האנד פערציג טויזענד רובעל אום צו פערגרעסערן דעם צאָהל פון מאָסקווער צערקוועס און דא אין דער איינענער מאָסקווא האבען ניט אידען א שוהל וואו גאָט צו בעטען, און מ א ט פ י י שטעהט פון דער ווייטענס און קוקט זיך איין.... איז דען אלעקסייעוו ניט גערעכט וואס ער טרעט אידען מיט דיא פיס ? זעהט ער דען ניט אז מיר בעזיצען ניט איין פונק פון עהרע געפיהל און זעלבסט־ערקענונג ? פערשטעהט ער דען ניט, אז מיר זיינען געמיינע שקלאפען, וועלכע האבען שוין לאנג זייערע מענשליכע זעלבסטשטענדיגע גע־פיהלע פערלאָרען.

— גנעה גנעה משה'נקע, בוי אויס נייע שקלאָוו'ס מיט בערדיטשוב'ס פאר אידען! — האט ציציליע וויטהענד אויסגעשריען — גנעה פערפלאָדזשע נייע קאָנטראָבאַנדיסטען און מוסרים אויף דעם רוסישען באדען. דיא אלטע זיינען נאך ווייניג. —

— דיינע אנטיסעמיטישע אויסדריקע — האט מאַטפּיי העכסט אויפגערעגט גע־רעדט — שטעכען וויא שאַרפע שפּיזען אין מיין האַרצען. דוא פערשטעהסט ניט דאס יורענטהום און דוא האָסט ניט דאס רעכט וועגען אידען צו אורטהיילען. דוא פער־שטעהסט אויך ניט דיא פּראַוואָסלאַוויע און דוא קענסט ניט איהרע באַנדיטען. גענוג איז אז איך וועל דיר זאגען דאס דיא אלע הויכגעשטעלטע רוסען, וועלכע דוכט זיך זיי זיינען אונזערע פריינד, זיינען אונז דם שונאים. אין א לעפעל וואסער וואָלטען זיי אונז דערטרונקען. דער איינענער אלעקסייעוו וואס שפּיעלט מיט מיר א פּראָפּאַראַנס און רופט מיך אן טאָוואַרישטץ (קאמעראד) גראבט אויף מיר א גרוב. צוויי פּאָר־דיאַדען, פון וועלכע איך האב געקענט מאכען א מיליאָן, האט ער פון הינטען ארום

מיר אזוי פערדארבען, אז איך וועל מוזען א מיליאן רובעל דערלייגען. ווייסט דוא שוין מיט ווען מיר האנדלען?

— פון דיעזען לומפּ איז אפּגערעדט, — האט ציציליא צארניג געזאגט — עס איז מעהר ניט א שאַד וואס ער איז מאסקווער גאַלאַווא און מיר מוזען איהם חנפ'נען—

א קלאַפּ אין טהיר האט זייער געשפּרעך אונטערבראָכען, עס איז באלד אריין א דינער און געמעלדעט, אז א היילינגער באַטיושקא ווינשט צו זעהן דעם ווירטה.

מאַלליך האט אנגעטהאן א שווארצען רעקעל, האט פערקאמט זיינע האָר און איז אין עמפּפאנג צימער אריינגעגאנגען.

א הויכער דיקער גייסטליכער מיט א רויטהע צורה און מיט א פּאר אויסגע־סטאַרטשעטע גרויסע און גרינע אויגען, האט זיך פון א שטוהל לאנגזאם אויפגעהויבען און האט דעם ווירטה פריינדליך בעגריסט.

— איך בין יעגאָר דוחאָווקין — האט. דער גייסטליכער פריינדליך געזאגט — און א היילינגע זאַך האט מיך געבראַכט צו אייער ווערטהע פּערזענליכקייט.

— זייט מיר ווילקאָמען, היילינגער גאַסט! — האט מאַלליך איהם רייכענד דיא האַנד ערוויעדערט — ביטע הערר דוחאָווקין, זעצט זיך אניעדער.

דער הייליגער יעזואיט האט זיך אויף א ווייכען שטוהל אוועקגעזעצט און מאַטפּיי מאַלליך האט גענומען פּלאַץ געגען זיין געזיכט.

— מאָסקווער גאַלאָווא אלעקסייעוו, — האט דער היילינגער ווייטער גערעדט — האט צו מיר געשריעבען דיעזען בריעף. און ריידענדיג האט ער ארויסגענומען א בריעף פון אן אויפגעריסענעם קאָנווערט און האט איהם איבערגעגעבען מאַלליך'ן.

מאַלליך האט דעם בריעף דורכגעלעזען.

— אלזא, — האט מאַלליך געזאגט – פרעהט מיך זעהר וואס דיא פערציג טויזענד רובעל ווערען שוין אנגעווענדעט צו דעם ריכטיגען ציעל, דאס געלד וועט איהר נאך געוויס היינט פון אלעקסייעוו'ן בעקומען?

— דאָך בין איך געקומען פון אייך בעטען אן ערלויבנים — האט דער גייסטלי־בער מיט א תם'אוואטע מינע גערעדט.

— אָ, איך דאַנקע, — האט מאַליך פריינדליך געזאגט — דאס איז פון אייער זייטע זעהר שעהן. אלעקסייעוו איז בעפאָלמעכטיגט צו טהאן מיט דאס געלד וואס ער וויל און וויא באלד ער ווענדעט זיך צו אייער היילינקיט, איז פון מיינער זייטע קיין מניעה ניט.

דער היילינער דוחאָווקין האט איהם פריינדליך געריבט דיא האנד.

— מיר ווילען אין דער היילינער קירכע פיר אייך גאָט בעטען, — האט דער יעזואיט ליעבליך געזאָגט — א קירכע אויף ניקאָלסקאיא איז איינע פון דיא היילינגסטע.

— איך דאַנק אייך הערצליך באַטיושקא, — האט מאַלליך מיט א העפליכען פערנייגונג איהם ערוויעדערט.

— אייערע הייליגע תלמודיסטען זאגען, — האט דער גיסטליכער מיט א פרומע מינע געזאגט — „דער וואס פאַנגט אָן א מצוה, דעם הייסט מען ענדיגען" און אונז פעהלט נאך צו דער היילינער געביידע א קליינע סומע, אין גאַנצען פינף טויזענד רובעל.

— אָט אין דעם בעשטעהט דיין בעזוך, — האט זיך מאַלליך געקלערט — אבער פערפאַלען, מען קען אַנדערש מיט זיי ניט האנדלען.

— איהר בעקומט עס צו יעדער צייט פון מיין קאַסע, — האט מאַלליך איהם פריינדליך ערוויעדערט.

— דער אַלמעכטיגער גאָט פון ישראל, — האט דער יעזואיט מיט א פרומע מינע געזאגט — זאל אייך דערפאַר זעגנען און ער זאל אייער גאַנצען נאַציאָן בע־גליקען. דאס איז אזא פאָלק, וועלכער פערדיענט גאָט'ס זעגען.

— מיך פרעהט זעהר צו הערען אזא ברכה פון א רוסישען נייסטליכען, — האט מאלליך מיט א צופריעדענע מינע ערוויעדערט.

— אָ, ליעבער מאן, — האט דער היילינער אויסוואורף מיט אן אונשולדינע מינע געזאגט, — ניט אלע רוסען זיינען אזוי פערדאָרבען, ניט אלע פּראוואָסלאווע זיינען אידישע פערפאָלגער. — דיא היילינע פּראוואסלאוויע איז נעגרינדעט אויף הומאניטעט און מענשען־פריינדשאפט. זיא הייסט קיין נאציאָן ניט פערפאָלגען, בעזאָנדערס נאך אידען, דיעזען שעהנעם, עהרליכען, גוטען און ענטוויקעלטען פאָלק, וועלכער האט בעלויכטען דער וועלט מיט וויסענשאפט, און מענשען־פריינדשאפט.

— אבער וואס העלפט עס? — האט מאלליך מיט א זיפץ געזאגט, — קיינער וויל עס ניט אנערקענען. מיר ווערען פון יאהר צו יאהר אלס מעהרער און מעהרער פערפאָלגט, און ווער וויים צו וואס פיר א שטופע מען וועט אונז דערפיהרען.

— קענען גאר אידען זיך ניט העלפען? — האט דער היילינער תם'עוואטע געפרעגט.

— וויא א שוואכע צינגעלע צווישען וועלף—האט מאלליך מיט א זיפץ ערוויעדערט.

— און דיא ראָטהשילד'ס קענען גאר ניט מיטווירקען צו פערבעסערן דיא אידישע לאגע אין רוסלאנד?

— קיינער האט ניט דאס רעכט זיך ארייננצומישען אין דיא אינערליכע אינטערעסען פון א רעגיערונג.

— זיינען גאר קיינע אנדערע מיטלען ניטאָ? — האט דער היילינער ווייטער געפרענט — עס איז דאָך איינפאך א זינד פאר גאָט און פאר דיא מענ׳שהייט, אז דיא וואס קענען עפּעס טהאן זאלען שטעהן און שווייגען, ווערהענד א גאנצער נאציאָן ווערט אזוי פערפאָלגט און אונטערדריקט, שאדע וואס איך קען גאר ניט אויפטהאן פאר דיא רעטונג פון דער אידישער נאציאָן — האט דער יעזואיט מיט א בעדרויערענדע מינע געזאגט — איך גלויב אבער, דאס ווען איך וואָלט געוואוינט אין א פּאריז אדער א לאָנדאָן וואָלט איך אויסגעווירקט אויף דיא ראָטהשילדס, אז זיי זאלען יא פאר זייערע גלויבענס גענאָסען אין רוסלאנד עפּעס א טהו טהאן.

— איך וויים ניט וואס קענען זיי פאר אונז אין רוסלאנד טהאן.

— א מיליאָן רובעל קען אלעס אויפטהאן! — האט דער שלויהער יעזואיט געשארפגערעדט — לאָז נור אזא סומע אנקומען צום מיניסטער דעם אינערן דורך א רייכען אידישען באנקיער, וועט שוין דער מיניסטער פערשטעהן, וואס איהם שטעהט פאָר... נישקשה, פון אזא סומע וועט זאגאר א מיטגליעד פון דער קייזערליכער פאמיליע זיך אויף ניט ענטזאגען, בפרט נאך א מיניסטער, און נאך ניט קיין רייכער וויא מיר וויסען.

מאלליך'ס געזיכט האט אויפגעשטראהלט, דיעזע אידעע איז איהם שטארק געפעלען, און אין איין מאָמענט האט זיך אין זיין שארפען קאָפּ אויסגעארבייט א פּלאן.

דער ליסטינער יעזואיט פון פּאָביעדאנאָסצעוו'ס שולע, האט אויף איהם געווארפען א געהיימע פאָרשענדען בליק, ער האט באלד פערשטאנען, אז ער האט דא ארויפגעפיהרט זיינע פערהאסטע אידישע מיליאָנערען אויף א גלימש, וויא זיין שמוציגער לעהרער פּאָביעדאָנאָסצעוו האט איהם אויסגעלערנט.

אבער דער פּראקטישער מאלליך האט ניט געוואָלט ארויסווייזען, אז דאס איז איהם געפעהלען, זיין ערפאהרענהייט האט איהם געלערנט, אז אזא זאך מוז אפּגעטהאן ווערען דאס דער ראטהגעבער אליין זאל עס ניט וויסען.

— ניין באטיושקאָ, — האט ער נאך א קורצען שטילשווייגען געזאגט — איך דאנק אייך הערצליך פאר אזא ראטה, וואס צייגט מיר דייטליך וויפיעל הומאניטעט און עדעלקייט איהר בעזיצט; אבער מיר טאָרען ניט מאכען אזא ריזיקאלישען שריט.

— איהר וועט איהם מאכען — האט דער היילינער טייפעל זיך געקלערט — דוחאָוקין פערשטעהט א געשעטפעל. ער האט פערבראכט מיט מאלליך'ן נאך איינינע מינוטען און האט נאך א פריינדליכען אבשיעד זיין קאבינעט פערלאזען.

ענדע דעם דריטען טהייל.

פיערטער טהייל.

61טעס קאַפּיטעל.

דיא קאָרטענוואַרפערקע.

אין זעהר א רייכע הויז אויף טווערסקאיאַ אוליצא, ניט ווייט פון סמאָלענסקער אייזענבאהן וואוינט א אריסטאָקראטישע רייכע דאַמע פון א יאהר זעכציג. דיעזע דאַמע קוקט נאך אויס פריש, מונטער און ליעבהאפט און אויף איהר געזיכט, וועלכעס האט שוין א שעהן ביסעל פאלדען, ליעגט נאך א שפור פון א מאָלינע שעהנקייט. איהרע שווארצע אויגען זיינען נאך איצט אויך פייעריג, וויא ביי אן אכצעהן יעהריגע שעהנ־הייט. איהרע אלע בעוועגונגען זיינען קאָקעטיש און אויף איהר פולע ליפען ליעגט שטענדיג א שמייכעל, וועלכער דריקט אויס עפעס אנציהענדעס און אפשטויסענדעס צוזאמען.

זיא בעוואוינט אליין גרויסע צוועלף צימערען און האלט ביי זיך אלס בעדיענטע א ניגער מיט א ניגערין מיט עכט שווארצע און גלענצענדע געזיכטער וויא אָפּגע־פוצטע מיט שו־וואקס. דיעזע צוויי שווארצע מענשען זיינען איהרע קאמער־דיענער און פערטרויטע פריינד. דיא איבעריגע אין איהר הויז, זיינען ווייסע רוסען וויא געוועהנליך. איינער איז א שווייצער ביי דער טהיר, דער צווייטער א קוכאר און נאך א פאר זיינען איהרע בעדיענטע אין שטאל ביי דיא פערד.

קיינער פון איהרע נאכבארען ווייסען ניט אויף ריכטיג ווער זיא איז. זיא לעבט איינזאם און אפגעזאנדערט פון יעדע געזעלשאפט. אויף דער גאס זעהט מען איהר ניעמאלס ארויסגעהן צו פוס. זיא פאָהרט פאסט אימער אין א פערמאכטען עקיפאזש און ווען זיא האט עפעס נייטהיג איינצוקויפען אין דיא קראָמען, טהוט עס איהר לאקיי וועלכער פאָהרט אימער מיט איהר מיט. ער קויפט אלעס איין וואס זיא הייסט איהם און טראגט עס אריין צו איהר אין דער קארעטע.

דיעזע דאַמע הייסט מערי באטענבערג, און פיעל פון דער אריסטאָקראטישער וועלט האלטען איהר פאר א גרויסע צויבערין און וואהרזאגערין אין קאָרטען ווארפען.

(Iron. 36).

עס נעהט צווישען זיי א זאגע, אז זיא איז א וואהרע מכשפה. וועלכע קען זאנאר ארויסרופען טוידטע, וועלכע זיינען שוין לאנג פערפוילט אין דער ערד. זיא נעהמט אויף זעהר רייכע געסט פון דעם רוסישען אדעל, וועלכע קומען ביי בעזאנדערע צו־פעלע אויסלייגען קארטען. דיא צייט פון איהרע „שווארצע קונצען“ איז פון עלף ביז צוויי אוהר נאך האלב נאכט.

דער רוסישער פאלק אין אלגעמיין און דיא מאסקווער רוסען בעזאנדער זיינען זעהר גלויבינע און נאך מעהר אבערגלויביש. דער פאנאטיזמוס אין רוסלאנד איז אזוי שטארק, אז עס ניט זעלטען דאס א פראוואסלאוונער זאל ניט גלויבען אין איבערנאטירליכע וואונדער. זאנאר דיא העכסט געבילדעטע מענשען פון דעם רוסישען פאלק צלמ'ן זיך געוויס הונדערט מאל א טאג ניט נור דערזעהענדיג א צלם'ל, נור זאנאר קלערענדיג וועגען איהם. ווער רעדט נאך, אז זיי נעהען פארביי לעבען א צערקאוו, אדער ווען זיי דערזעהען א קארעטע, וועלכע פיהרט דער הייליגער מאמען אויסגעמאהלט אויף א גרויס ברעט — דא נעהט דער רוסע אוים פאר התלהבות, עס ווערט באלד פערצא־פעלט זיין פראוואסלאווגע נשמה און זיין האנד הערט גאר ניט אויף זיך צו ווארפען קרייצענדיג, ביז ער דערזעהט אן אנדער קירכע אדער אן אנדער קארעטע און ער צלמ'ט זיך ווייטער. און אזוי געהט איהם אוועק דער טאג נור אין צלמ'ן זיך.

א גאסט וועלכער נעהט צום ערשטען מאל ארוים אין א מאסקווער גאס, קען זיך אויף קיין פאל ניט איינהאלטען פון לאכען, זעהענדיג, אז טויזענדע מענשען האבען אין מינוט קיין רוה ניט. אלע ווילע קומט זיי אוים אראפצוחאפען דיא היטלען און ווארפען מיט דיא הענד און מעסטען דעם שטערן מיט דער ברוסט ביי א זעקס זיעבען מאל. ניט אומזיסט רופט מען דעם רוסע „פאניע גנב“ דען נור א מענישעל, וועלכער איבט אוים פון קינדהייט אן זיינע הענד אין בעוועגונג, איז פעהיג צו מאכען דעם גנבישען קונץ. דיזע מלאכה האט האלד א פלינקע הענטעל, און אזא הענטעל האט דער פאניע פון צלמ'ן זיך.... בעזאנדער צייכנען זיך אוים אין דיזען פאך מאס־קווער פאניעס, ווייל וואו א טריט איז א קירכע, און דאריבער זיינען מאסקווער גנבים אזוי בעריהמט אין גאנץ רוסלאנד. אז מיט דעם טיטעל „מאסקאווסקי זשוליק“ (מאסקווער גנב) שטאלצירט אפילו דער גרעסטער גנב, וואס קען אראפגנבענען אן אויבער העמד פון א דורכגעהער אויף דער גאס, אז זיין רעקעל זאל בלייבען פער־שפילעט וויא געוועזן.

אבער ניט דאס בין איך אויסען; דער פאנאטיזמוס און אבערגלויבען ביי מאסקווער רוסען איז אזוי ענטוויקעלט, אז זיי גלויבען פאסט אלע, אהן אן אויסנהאמע אין כשוף, צויבעריי, וואהרזאגונג און קארטען ווארפען וויא פערצייטיגע ווילדע מענשען מיט עטליכע טויזענד יאהר צוריק, און דארום איז קיין חדוש ניט וואס דיא צויבע־רין מערי באטענבערג האט אזא גוטע פראקטיקע פון דער רוסישער אריסטאקראטיע, דען זיא איז ווירקליך א קינסטלערין אין דעם שווארצען קונץ און איז א וואהרע פער־צייטיגע מכשפה.

דיעזע צויבערין האט ביי זיך אין קאבינעט א כשופ'דיגען אפעראט. דאס איז עפעס א שווארץ געפארבטע לאנגע קעסטעלע, וועלכע איז פערהאנגען מיט א רויטהע

טוך צום צימער; צו איהר געזיכט אבער, וואו דיא צוויבערין זיצט. אין דיא ברעטעל פון דער קעסטעלע אפגעדעקט, דיא ברעטעל האט אין זיך איינינע גלעזערנע פענסטערלאך. איהר גאנצער קאבינעט איז דעקאָרירט מיט שווארצע און רויטהע פאָרהאנגע, און באלד וויא אין איהר קאבינעט קומט אריין א בעזוכער, טהוט א שפרונג א בוכשטאב אין א פענסטערל פון איהר קעסטעלע און א מאל אויך צוויי און דריי בוכשטאבען.

עס איז יעצט עלף אוהר פאר א האלב נאכט, דיא אלטע קאָרטענוואָרפערין זיצט אין איהר גרויסען קאבינעט לעבען איהר קעסטעלע. זיא איז געקליידעט אין א שווארצע זיידענע קלייד, א ווייכע שפּיצינג מיץ בעדעקט איהר קאָפּ ביז איבער דיא אויערען, א רויטהער קאזיראָק בעדעקט איהר שטערען, עס זעהט זיך מעהר ניט ארויס וויא א פּאָר פייערינע שווארצע אויגען, וועלכע זיצען איבער א שעהנעם שמאָליכען נאָז. אויף איהרע ליפּען ליגט א נאטירליך שטענדיגער שמייכעל און זיא נעהמט ניט אראָפּ דיא אויגען פון איהר קעסטעלע.

פלוצלינג האט דארט אין א פענסטערל א שפרונג געטהאן א בוכשטאב *A* און באלד נאך איהם א *P*. דיא אלטע האט זיך אויסגעגלייכט און בעריהרענד א קנעפּעל אויפ'ן טיש זיינעןביידע בוכשטאבען פערשוואונדען. דיא טהיר האט זיך אויפגעמאכט און צוויי מענשען מיט ציגען-מאסקעס אויף דיא געזיכטער זיינען צו איהר אין קאבינעט אריינגעגאנגען. דיא אלטע האט געוואָרפען אויף ביידע געסטע שארפע בליקען און האט זיי פריינדליך בעגריסט.

— ווילט איהר מיינע הערען, אז איך זאל אייך לעזען אויף דיא הענד אדער איך זאָל אייך אויסלייגען קארטען? — האט זיי דיא אלטע מיט א ליעבליכען טאָן געפרעגט.

— קארטען! — האט זיך געהערט א שטימע פון אונטער דער מאסקע פון דעם העכערען פערזאָן.

— ווייסט איהר דעם פּרייז?

— וועגען דעם איז קיין רעדע.

דיא אלטע האט אויסגעליינט אויף א שווארצען טישעל צווישען צוויי וועקסענע ליכט צוויי ציילען קארטען.

— דיא ערשטע קארט ווייזט, — האט דיא אלטע געזאגט האלטענדיג דעם פינגער אויף א טויז-קרייץ, אז דער צווייטער פּערזאָן, וועלכער שטעהט דא מיט אייך, טאָר ניט הערען אייערע געהיימניסע, וועלכע זיינען זעהר וויכטיג.

דער העכערער פּערזאָן האט געבעטען דעם נידעריגען, אז ער זאָל ארויסגעהן. זיין קאמעראד האט איהם געפאָלגט און איז באלד ארויסגעגאנגען.

— איהר זייט א הויכגעשטעלטע פּערזאָן, — האט דיא אלטע געזאגט אנוויזענדיג אויפ'ן קעניג פּיק — איהר שטאמט פון דער קייזערליכער פאמיליע; אבער איהר טראגט אויף זיך א פּעקעל פון שווערע פערברעכען.... אָט זעהט איהר דאָך דיא צוויי טייזלאך....

דער גאסט אין דער ציגען־מאסקע האט א לייכטען ציטער געטהאן

— איהר האט א מאל בעגאננגען א מאָרד, — האט דיא פרוי נעלאָסען נע־זאגט ניט אראָפּנעהמענדיג דיא אויגען פון דיא קאָרטען — און דיא דאמע קרייץ, וועלכע ליעגט לעבען דער טייזעל קרייץ צייגט, אז איינע א פרוי, וועלכענס מאן איהר האט א מאָל ערמאָרדעט וואוינט טאקי אין דערזעלבער שטאדט וואו איהר וואוינט, און זיא איז נעזאָגען ווען עס איז צו נעהמען פון אייך בלוטיגע ראַכע

דער מאן האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער.

— ניט לאנג, — האט דיא קאָרטענוואָרפערקע ווייטער נערעדט — האט איהר פעראונגליקט א קינד פון דיעזער דאמע, וועלכער זיצט נאך ביז היינט אין געפענגניס. אָט איז דאס קינד און אָט איז דאס געפעננגניס....

ריידענדיג האט זיא איהם אנגעוויעזען מיט'ן פינגער אויף אן אונטער פיק און צעהנטעל קרייץ.

דער מאן אין דער ציגנער־מאסקע האט אנגעהויבען צו ציטערען וויא אין פיעבער און האט מורא געקריגען פאר דער קאָרטענוואָרפערקע.

דיא אלטע האט געוואָרפען אויף איהם א געהיימען, שארפען בליק.

— דיא קארטען ווייזען — האט דיא אלטע פאָרטנזעצט קוקענד גלייך אין דיא קארטען — אז איהר האט ערגעץ א ברודער א פערברעכער, וועלכער האט שוין א לאנגע צייט צו אייך ניט געשריעבען.... אָט איז ער, זעהט איהר דעם קעניג בובנע ?....

— נו, — האט דער פערזאָן אין דער ציגנער־מאסקע א ברום געטהאן.

— באלד, באלד, — האט דיא אלטע אויפלייגענד דיא קארטען געזאגט.

זיא האט דיא קארטען אייניגע מאל אויסגעמישט און האט זיי צולייגט אויפ'ן טישעל אין פיער רייהען.

— זעהט איהר וויא דערזעלבער קעניג איז געפאלען פון אנפאנג — האט דיא אלטע געזאגט — דאס איז אייער ברודער....איהר האט ניט לאנג בעקומען פון איהם א בריעף וועגען געלד.... אָט זיינען צוויי צעהנטלאך, זעהט איהר? איהר האט דאס געלד צו איהם אפגעשיקט, און איהר האט זעהר גוט געטהאן....

— זיא איז עפעס א טייפעל, — האט זיך דער מאן געקלערט — איך בין אויסער זיך, איך ציטער פאר דיא ווענט.

— אייער ברודער, האט דיא אלטע פאָרטגעזעצט—געפינט זיך איצט פון אייך זעהר ווייט ; ער איז אין אן אנדער לאנד ; אבער דיא קארטען ווייזען, אז גאר אין קורצען וועט איהר פון איהם נאך א מאל בעקומען א בריעף וועגען געלד.

— א כאָלערע זאל איהם דאָרט דערשטיקען, דעם פערפלוכטען דמיטרי, — האט זיך דער גאסט געקלערט — נאָ דיר א צושיקעניש, צום טייפעל!

— נו, — האט דער גאסט ווידער א ברום געטהאן.

— און איהר וועט איהם טאקי מוזען שיקען, — האט דיא קארטענוואָרפערקע קוקענדיג אין דיא קארטען ווייטער גערעדט — דיא ניינטעל ווייזט, אז אייער ברודער ווייס פון אלע אייערע געהיימניסע און בעזאָנדערס וועגען דעם מאָרד.

זיא האט דיא קארטען אויפגעלייגט און האָט זיך העפליך פערניינט.

— איז עס געענדיגט? — האָט דער מאַן איהר געפרעגט,

— צעהן מינוטען, — האט דיא פרוי איהם ערוויעדערט — ציינען מיר דיא קארטען דיא ריכטיגקייט....

— איך האב נאָך נייטהיג, — האָט דער גאַסט געשטאמעלט — איך וויל....

— ניין, מיין הערר, אויף אן אנדער מאל, — האט דיא אלטע געזאגט — איצט איז עס געענדיגט. דיא קאָרט האט געוויעזען, אז מעהר וויא דאס וואס איהר האט געהערט, בעדארפט איהר היינט ניט הערען....קומט אן אנדערש מאָל; עס וועט זיין געווים וויכטיגעס....

— דא איז שוין דער גראָשען — האט זיך דער גאַסט געקלערט — נו מילא, זיא איז ווערטה, אז מען זאל איהר נאך א מאל בעזוכען.

ער האט אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש איינינע פאפירלאך און איז מיט וואנקענדע קניע פון איהר צימער ארויסגעגאנגען.

— נו? — האט איהם דער צווייטער פערזאָן אין פאָרצימער געפרעגט — איז חאטש כדאי איהר צו בעזוכען?

— זיא איז א פערצייטיגע מכשפה אָדער פראָפעטין, — האט אלעקסייעוו שטיל געזאגט.

— אלזאָ, נעה איך אויך.

ביי דער קארטענוואָרפערקע אין קעסטעלע האט ווידער א שפרונג געטהאן דער בוכשטאב P און דער צווייטער קאמעראד איז אין איהר קאבינעט אריינגעגאנגען.

דיא אלטע האט איהם העפליך עמפפאנגען און האט אויסגעלייגט צוויי ציילען קארטען.

— ווילט איהר זיא זעהן? האט זיא דעם גאסט געפרעגט.

— וועמען מיינט איהר? — האט דער גאסט צורודערט געשטאמעלט.

— דער געשטאָרבענער, — האט דיא אלטע ניט אראפנעהמענדיג דיא אייגען פון דיא קאָרטען געזאגט — אָט איז זיא!

ריידענדיג האט זיא איהם אנגעוויעזען אויף א דאמע רויטה.

דער גאסט איז אזוי ערציטערט געוואָרען, אז עס האט איהם געוואָרפען א צאָהן אן א צאָהן.

— דיא קארטען ווייזען, — האט דיא אלטע רוהיג גערעדט — אז איהר האט א יונגען נפש אומגעבראכט.... זעהט איהר, וויא דער קעניג פיק ליעגט לעבען דער דאמע רויטה, דאס זייט איהר און זיא.... דיא דאמע וואס ליעגט לעבען א טייזעל, ציינט, אז אייער געזעצליכע ווייב איז ניטאָ צו הויזע.... איז עס וואהר?

— רעדטס ווייטער, — האט דער גאסט מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט און זיינע קניע האבען אונטער איהם געוואנקט.

— איהר האט ערמאָרדעט אייערע א געליעבטע, — האט דיא אלטע פאָרטגעזעצט טייטלענדיג מיט דיא פינגער אויף דיא קארטען — אז איהר ווילט קען איך אייך זיא ציינען....זאל איך איהר ארויסרופען?

— אָה, נײן, — האט דער גאַסט קוים אויסגערעדט — אבוואהל דאס איז ניט וואהר, דאָך וויל איך ניט.

— דוא ביזט א טהייערער שורקע, — האט זיך דיא אלטע געטראכט — אבער וואַרט איך וועל דיר באלד לערנען שכל.

— איהר האט איהר ארײנגעוואָרפען אין א טײך — האט דיא אלטע ווייטער גערעדט — אַט זעהט איהר דאָך.

רײדענדיג האט זיא איהם אנגעוויזען אויף א ניינטעל.

— דאס איז שרעקליך! דאס איז שווידערהאפט! — האט זיך דער גאסט גע־קלערט ציטערענד ביי אלע גליעדער — זיא איז ווירקליך א מכשפה....

— דיא דאמע וועלכע איהר האט ערמאָרדעט, — האט זיך דיא אלטע רוהיג פאָרטגעזעצט, — האט אין דער שטאדט וואו איהר וואוינט א ברודער, וועלכער וויים פון דער געשיכטע.....

דיא אלטע האט זיך פערהאקט.

— נו, — האט דער גאסט אונטער דיא צייהנער א ברום געטהאן.

דיא אלטע האט דיא קארטען צוזאמענגעלײגט און האט זיי צולײגט אויף איהר שווארצען טישעל אין צוויי צײלען.

— אָט איז איהר ברודער! — האט דיא אלטע אויסגעשריען אנווייזענד אויף דעם אונטער אין דער ערשטער צײלע — איהר האט איהם גענעבען געלד און ער וועט ביי אייך נעהמען נאך א מאל געלד....

— אָי, אָן אונגליק! אָי, אָן אונגליק! — האט דער גאסט אין דער ציגײנ־מאסקע זיך געקלערט — ער וועט מיר געוויס דיא הויט אראָפּשינדען.

— ענדליך וועט איהר איהם מוזען צאָהלען א מאָנאטליכען געהאלט! — האט דיא אלטע געזאגט אנווייזענדיג אויף פיער טײזלאך, וועלכע זיינען געלעגען איינע לעבען דיא אנדערע — דאס בעדייטעט אלע פיער וואָכען.... און ניט קיין קליין געלד.

דעם גאסט האט פערהאקט דעם אטהעם.

— נעוואלד, סיידען פון מאסקווא אנטלויפען, — האט ער זיך געקלערט — איך האב מורא, צו ווייזען איהר ניט דיא קארטע, אויך מיין נאמען.

דיא אלטע האט דיא קארטען אויסגעמישט און האט זיי נאך א מאל אויס־געלײגט.

— איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי דריי! — האט דיא אלטע גאנץ שטיל גע־רעדט קלאפענדיג מיט דיא פינגער אויף דיא קארטען. פלוצלינג האט זיך דערהערט אין צימער א שטארקער גערויש, צוויי גלאָקען מיט דומפע קלינגע, האבען פון צוויי ווינקלען אנגעהויבען צו קלאפען און א גרויסע, דיקע קארטע איז וויא פון הימעל אראָפּגעפאלען פאר דיא פיס פון דעם גאסט.

— הייבט איהר אויף! — האט דיא אלטע מיט א שטרענגע שטימע געזאגט צו דעם טוידט ערשראָקענעם גאסט.

דער מאן האט זיך אײנגעבויגען און האט דיא קארטע פון באָדען אויפ־געהויבען.

— קעהרט איהר איבער! — האט זיא וויא מיט אן ערשראָקענע שטימע אויסגערופען.

דער גאסט האט דיא קארטע איבערגעקעהרט און א שרעקליכער קרעכץ האט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעריסען.

ער האט זיך געחאפּט לויפען צו דער טהיר.

— ניין מיין העררע, — האט צו איהם דיא אלטע רוהיג געזאגט — פון מערי באַ־טענבערגס צימער בעדארף מען ניט לויפען. זיא וועט אייך ניט פערראטהען, אבוואָהל זיא זעהט אייער בילד אויף דער קארטע גאר אהן א מאסקע. מיר שיינט אז איהר הייסט העררע פּאסטוחאָוו, איז עס וואהר?

— וועה מיר! האט פּאסטוחאָוו אויסגעשריען.

— אָ, וואס פאר א שעהן מיידעל זיא איז געוועז! — האט דיא אלטע בעקר קענדיג דאס בילד זיך גאנץ געלאסען גערעדט — זיא שטעהט מיט אייך געארמט.... האט איהר זיך טאקי א מאָל מיט איהר אזוי ארונטערגענומען?

— איהר זייט אן ענגעל! א פּראָפעטין! איך פאל פאר אייער הייליגקייט! — האט דער איבערראשטער מאַראַל־לעהרער פּאלענד פאר איהר אויף דיא קניע אויס־גערופען — נור דער הייליגער איסוס אדער זיינע אפּאָסטאָלען האבען געקענט וויזען אזעלכע וואונדער....

— הייבט אייך אויף, העררע פּאסטוחאָוו, — האט איהם דיא קארטענוואָרפער־קע געזאגט — איך וועל אייך ניט פערראטהען.

— איך וויים....אבער איך פאל פאר אייער הייליגקייט....

— געהט נאך הויזע, העררע פּאסטוחאָוו, — האט זיא מיט א ליעבליכע שטימע געזאגט — דאס קארטענוואַרפען האט זיך ה י י נ ט געענדיגט.

פּאסטוחאָוו האט זיך פון באדען אויפגעהויבען און האט אויפ'ן טיש אוועקגע־לייגט עטליכע הונדערטער.

— וויעפיעל זיינען דא פאראנען? — האט זיא איהם מיט א פריינדליכע מינע געפרעגט.

— צעהן אזעלכע.

— ניין, העררע פּאסטוחאָוו, — האט זיא זיך גאנץ געלאסען גערעדט — אזא סומע נעהמט ניט מערי באטענבערג.

— ענטשולדיגט מיר פּראָפעטין, — האט זיך דער ׳ פאנאטיק פערענטפערט — איך וויים ניט אייער פּרייז.

— וואס איז דא ניט צו וויסען? — האט זיא מיט א ליעבליכען שמייכעל גע־פרעגט — דאס וועט אייך קאָסטען נאך פיער טויזענד רובעל און דאס בילד פון אייך מיט אייער ע ר מ אָ ר ד ע ט ע געליעבטע וועט געהערען צו אייך....

זיא האט אזוי בעטאָנט דאס וואָרט ע ר מ אָ ר ד ע ט ע, אז פּאסטוחאָוו'ן האט א שטאָך געטהאן אונטערן זיבעטען ריפּ.

— נו, מילא, — האט דער מאַראַל־לעהרער געשטאמעלט — דיא וועלט געהט פון אזא סומע ניט אונטער, חאָטש דאס איז אביסעל צו טהייער.

ער האט זיך א נעהם געטהאן צו זיין ברייטען פּארטמנעע און האט איהם אויסגעליידיגט ביי דער פּראָפעטין אויפ'ן טיש.

— עטליכע הונדערטער וועל איך אייך מאָרגען צוברייננען.

— איך דאנק פאר אייער פערשפּרעכען, — האט דיא אלטע ליעבליך געזאגט — ביז צעהן אוהר מאָרגענס וועט איהר מיך געפינען צו הויזע.

— און דאס וועט נאָך געשעהן פאר צעהן אוהר.

— איך פערהאָף עס.

פּאסטוחאָוו האט מיט א צובראָכענעם געמיטה איהר קאבינעט פערלאָזען פער־שטעקענד דאס בילד אונטער זיין אויבערמאנטעל.

— נו, וואס זאגט איהר ? — האט איהם אלעקסייעוו געפרעגט נאכדעם וויא ער האט זיך מיט איהם ארויפגעזעצט אויף א דראָשקע.

— איך וואָלט קיין מאל אין מיין לעבען ניט געגלויבט, אז אזא פּראָפעטין זאל היינטיגע צייטען אויף אונזער וועלט זיך געפינען — האט פּאסטוחאָוו געענטפערט — זיא איז דאָך געראָטען אין אונזערערע אמאָליגע אפּאָסטאָלען.

— דאס איז ווירקליך איבערנאטירליך ! — האט אלעקסייעוו ערוויעדערט — ווען איך וואָלט ניט נעזעהן דיא וואונדער מיט מיינע אויגען, וואָלט איך עס קיינמאל זיך ניט געקענט פאָרשטעלען.

62טעס קאפּיטעל.

מיאוס ניט געלונגען.

ניטאָ נאָך אזא פערגניגען אין דער וועלט, וויא דאס פערגנינען פון אן עהרלי־כען מענשען, ווען ער טהוט א וואהלטהאט און ער זעהט מיט זיינע אויגען וויא אונגליקליכע ווערען דורך זיין וואהלטהאט גערעטעט. דאס ליעגט שוין אין כאראקטער פון יעדען עהרליכען מענשען, און אין דער נאטור פון א אידען בעזאנדערס. קיין פאָלק אין דער וועלט האט אזוי פיעל ניט געליטען, אזוי פיעל ניט אריבערגעטראגען וויא דיא אידישע אומה. אומעדום און אין יעדע צייט זיינען אלץ אידען געווען פערפאָלגט און געפלאגט; אבער דערפאר האבען דיא פערפאלגונגען זיי דערפירהט צו דער העכסטער שטופע פון בארמהערציגקייט און מיטלייד אויף עלענדע און פערפאָלגטע. דער ערגסטער איד שטעהט אין דיעזער בעציעהונג פיעל העכער אלס מענשען פון אנדערע נאציאנען, און וואו דאס וואָרט „מיטלייד״, דאָרט איז א איד. „איהר זאָלט ליעבען פרעמדלינגע, ווייל פרעמדלינגע זייט איהר געווען אין מצרים״, האט אונז אנ־געזאגט אונזער גרויסער געזעץ־געבער משה. ער האט געמיינט, אז מיט מצרים אליין האבען מיר שוין אפּגעפּטר'ט אונזער ביטערן גלות און מיר קענען נאָך ביי גוטע אומ־שטענדע חס־ושלום פערגעסען, אז מען בעדארף ליעבען אן עלענדען. ליידער זיינען מיר פון מצרים אן יעדער מאל אין א גרעסערען גלות, און ווען מיר וואָלטען אפילו וועלען, האבען מיר נאָך אויך ניט געהאט דיא געלעגענהייט צו פערגעסען, אז מען בעדארף אן עלענדען העלפען. ווייל געסטערן זיינען מיר אליין אויך געווען עלענד און מאָרגען; קען עס ווידער טרעפען. דארום איז דיעזער גוטער אייגענשאפט

ביי אונז אזוי ענטוויקעלט, אז יעדער איד איז בערייט צו העלפען און צו שיצען עלענדע פון אונגליק, זאָגאר מיט זעלבסט אויפאָפפערונג, ווען עס זאָל איהם אפילו נעהן אום לעבען, און דערצו זיינען מעהר פעהיג געוועזען מאָסקוועער אידען, ווייל דאָרט האט מען מעהר געזעהן דעם גלות פאר דיא אויגען. אז א מאסקוועער איד פלעגט רעטען א אידען פון א געפאהר, אדער פלעגט בעהאלטען ביי זיך א ניהיליסט, וואס דאס איז א שרעקליכער געפאהר פאר זיך אליין, פלעגט ער עס טהאן מיט פרייד און פערגניגען, און זיין אייגענע פערזענליכקייט האט דערביי ניט געשפיעלט קיין ראָליע. אזוי האט געטהאן אברהם גאָלדבוים. אזוי איז זיך בעגאנגען יעקב גרינבערג און דאס נעמליכע — אונזער בעקאנטער אברהם שטיין, וועלכער בעהאלט שוין זייט איינינע טעג אין זיין וואוינונג חנה מיט חייקע פראנק.

שטיין האטביידע אונגליקליכע פאלש בעשולדיגטע פרויען אפגעגעבען א צימער אין זיין שעהנעס וואוינונג. זיין זוהן נאאום (נחום), אסטודענט פון לעצטען קורס מע־דיצינישען פאקולטעט, האט איבערגעטראגען זיינע ביכער און שריפטען צו זיין שוועס־טער אין צימער און האט בעפרייט זיין שטודיום קאבינעט פאר דיא פערפאָלגטע. זין שוועסטער לינא שטיין, אן אכצעהן יעהריגעס ג.ב לרעטעס מעדכען, איז באלד מיט חייקען שוועסטערליך בעפריינדעט געווארען און האט מיט איהר פערבראכט שטונדען לאנג אין געשפרעך. ווען לינא האט זיך דערוואוסט דאס איהר נייע פריינדין, חייקע שפיעלט פיאנא און בעזיצט א גוטע שטימע, איז זיא געוואָרען אויסער זיך פאר פרייד. זיא האט דער אונגליקליכער באלד געלאדען אין זאל צו דער פיאנא, און דער־הערענדיג איהר שפיעלען, איז זיא איהר געפאלען אויפ'ן האלדז און האט איהר בע־שאָטען מיט הייסע קושען. לינא האט שוין לאנג ג.זא שפיעלען ניט געהערט. זיא האט זיך פריהער גאר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז דאס מעדכען, וועלכע האטטע אלטע קליידער, זאל בעזיצען אזא גרויסען טאלענט אין דער מוזיק. שטיין האט דאפפעל ליעב בעקומען זיינע פערפאָלגטע געסט נאכדעם וויא ער האט אויסגעהערט חייקע'ס שפיעלען. ער האט זיך א נעהם געטהאן צו רעטען ביידע אונגליקליכע פון ווייטערן געפאהר, ער האט באלד מכבד געוועזען דעם דוואָרניק מיט א פלעשעל פאפאָוו־קא, און האט איהם אין דער האנד ארייננעשטעקט א גאנצען פאפירעל, דאס ער זאָל פאר קיינעם ניט אויספלוידערן וועגען ביידע פרויען*), אויסער דעם, האט זיך שטיין גענומען צופערשאפען פאר ביידע אונגליקליכע א פאר פאספאָרטען, און איהם איז בעוואוסט געווארען אז מען קען זיי בעקומען טאקי אין מאסקווא; אבער קיין

*) אין מאָסקווא און אין פעטערבורג איז אונמעגליך צו בעהאַלטען אַ מענשען אין אַ הויז וואו דער דוואָרניק זאָל דערפון ניט וויסען. זאָגאַר דיא קליגסטע אידען האבען עס קיין מאָל ניט געקענט פעווייזען. דערצו נאָך איז פיעל פעסער געוועזען ווען דער דוואָרניק האט יא פון אַזאַ סוד געוואוסט. ביי אן אונגליקליכען צופאַל, פלעגט מען דורך דיא דוואָרניקעס פיעל מאָל גערעטעט ווערען, ווייל זיי האבען אליין געציטערט פאר זייערע פעהלכליך; דען יעדער דוואָרניק אין יענע הייליגע שטעדט איז פעראַנטוואָרטליך פאר דיא איינוואוינער פון זיין הויז. און ער ווערט שטרייננ בעשטראפט ווען מען חאפט אן אונגעמעלדעטען.

דער פערפאסער.

אדרעס פון אזא מאכער האט ער ניט געוואוסט, ווייל דער וואס האט איהם דאס געזאגט האט עס געהאלטען בסוד. ער האט אבער געהאפט אין קורצען דיא פאס-פארטען צו בעקומען דורך יענעם פערזאן, וועלכער האט עס איהם פערטרויט, און שטיין איז געווען בערייט זיך לאזען אויף דעם קאסטען וויפיעל מען וועט איהם הייסען.

מיר זעהן יעצט שטיינען מיט זיין פאמיליע זיצענדיג ביי זיך אין זאל, וועלכער איז געשלאסען פון אלע זייטען. זיין טאכטער לינא זיצט לעבען איהר נייער פריינדין חייקע פראנק און בעט איהר עטוואס צו שפיעלען אויף דער פיאנא.

— עס שפיעלט זיך ניט, ליעבע לינא — האט חייקע טרויעריג איהר ער-ווידערט.

— א, שוועסטער, וואס עס איז — האט לינא ביי איהר זיך געבעטען — אונזער גאנצע פאמיליע איז אזוי מיט אייער שפיעלען איבערראשט, דאס מיר זיינען גאר אויסער זיך.

— מוזיק שוועסטערקע, איז פאר גליקליכע.

— און איהר וועט נאך אויך א מאל גליקליך זיין — האט שטיין איהר געטרייס-טעט — איהר זייט נאך יונג, מיין קינד, און איהר קענט גאר ניט וויסען וואס דיא צייט קען מאכען. שפיעלט אונז עפעס, וועלען מיר זיך מיט אייך צוזאמען אביסעל אמוזירען.

— קיין פרעהליכעס וויים איך גאר ניט וואס צו שפיעלען.

— קיין פרעהליכעס ווינשען מיר גאר ניט — האט זיך דער יונגער סטו-דענט נאאום שטיין אפגערופען — אונז וועט פרעהען צו הערען עפעס אן אידישען נגון. און וויא באלד אידיש, דא איז שוין קיין פרעהליכעס ניט צו הערען....

ער האט אויף איהר געווארפען א ליעבליכען בליק, און א שטילער זיפץ וועגען איהר טרויעריגע לאגע האט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעהאפט.

חייקע האט זיך פון איהר שטעלע אויפגעהויבען און צוגעטרעטען צו דער פיאנא.

איהרע צארטע פינגער האבען אנגעהויבען צולויפען איבערן איסטרומענט און א קלינגענדער, זיסער, אנגענעהמער און ריהרענדער געזאנג מיט דער בעגלייטונג פון שטילע און הערצרייסענדע טענער, האט פערהילכט דעם צימער.

א, בוימעלע, בוימעלע, ווער האט דיך געבראכט
דא אין דער וויסטע וואו קיינער איז דא?
פינסטער, א, פינסטער, אייביגע נאכט....
פיר ווענען איז נוציג דיין שעהנהייט דיין פראכט?
דא זיינען בלויז טהיערע — קיין מענשען ניטא!....

א, בוימעלע, בוימעלע, וויא קומסט דוא אהער?
וואס נוצט דא דיין שאטען, — טויג דא דיין פרוכט?
דא איז דאך נור וויסטע, פינסטער און לעער,

פון איין זייט מדבריות, פון צווייטען דער מעער—
דיא געגענד דיא גאנצע איז דאָ פערפלוכט!

* * *

אָ, בוימעלע, בוימעלע, ווארום שטעהסט דוא היער,
וואו טהיערע דיא רוקענס טשאָכען אָן דיר?
וואו דיך בעשאטענט נור אייביגע נאכט?
— איך ווייס נעבאך אויך מיין ריכטיגען פּלאץ,
וואו איך וואָלט דיענען אלס ניצליכער שאץ—
דיא נאטור אבער וועה, האט א טעות געמאכט!....

א שוידער איז דורכגעלאָפען שטיין'ס ביינער ביי יעדער וואָרט פון דיעזען טרויער-ליעד, וואס חייקע האט געפיהלפאָל און מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויס-געזונגען מיט דער בעגלייטונג פון דער פּיאנא; לינא איז דער זינגערין ארויפגעפאלען אויפ'ן האלדז און האט איהר שוועסטערליך געקושט, און נאָאום האט זיך פון זיין שטעלע אויפגעהויבען און איז צו חייקען צוגעגאנגען, ער האט איהר פריינדליך גע-דריקט זיין האנד און האט איהר געזאגט:

— איך דאנק אייך הערצליך, פריילין פראנק, פאר דיעזען שרעקליכען אבער אויך אנגענעהמען פערגניגען. איך האב אין דיעזען געזאנג געהערט מעהר וויפיעל איך האב ערוואַרטעט, און דורכגעפיהלט האב איך, דאס וואס איך האב ביז היינטיגען טאג ניט געפיהלט....ער האט זיך פערהאַקט, און דאס וואס זיינע שטרוימיגע גע-פיהלע האבען איהם ניט געלאזט דערריידען, האבען געזאגט זיינע אויגען, אין וועלכע ...נס איז פאר א מבין געווען צו זעהן דיא ערשטע פונקען פון ליעבע....

— — — — — — — — — — — — — — —

וועהרענד שטיין מיט זיין קליין פאמיליע זיינען געזעסען ארום חייקע פראנק און האבען בעדויערט איהר קריטישע לאגע, דאס אזא געבילדעטע מיידעל און קינסט-לערין וויא זיא, זאל נעבאך אזוי פערשוואַרצט ווערען, איז צוגעפאהרען א דראשקע צו דער פראָנט-טהיר פון שטיין'ס וואוינונג. פון איהר איז אראָפּגעשפּרונגען א הויכער פּאסאזשיר מיט סמנים פון עטליכע פערהיילטע וואונדען אויף זיין שטערען. ער איז צוגעגאנגען צו דעם דוואָרניק וועלכער איז געשטאנען מיט א לאנגען בעזים אין דער האנד און האט געקעהרט דעם טראָטואר.

דער פּאסאזשיר האט ארויסגענומען א פערמאכטען קאָנווערט פון זיין בוזים-טאש און האט איהם געהאלטען אין דער האנד.

— איך האב דיר איבערצוגעבען א בריעף פאר ביידע פרויען פראנק, וועלכע וואוינען ביי שטיינען אין וואוינונג — האט ער דעם דוואָרניק מיט א ברייטע פּאַרסיע געזאגט און האט איהם בעוואָרפען מיט שאַרפע פּאָרשענדע בליקען.

דעם פּראקטישען דוואָרניק, וועלכער איז געראדע דורך א צופאל געווען ניכטער איז דער מענשעל מיט'ן בריעף ניט געפעהלען. שטיין האט איהם פּאָראויס אנגעזאגט אז קיין בריעף זאל ער ניט אננעהמען פאר ביידע פרויען און האט איהם פיעלעס פערקלעהרט פון דיא שפּיאָנישע קונצען.

— װ—אָ—אָ—ם ? — האט דער דװאָרניק שטאמלענד געפרעגט און האט צו געלײגט זײן אויער נאָהענט צו דעם מאַן׳ס מויל.

— ביזט דוא טויב צו אלע שווארץ יאהר?! — האט דער הויכער פערזאָן גע־שריע

דער דוואָרניק איז צו איהם נעהנטער צוגעגאנגען.

— א בריעף צו בײדע אידישע פרויען! — האט דער מאַן איהם אין אויער אַר־רײנגערעדט און זײן געלער קאָפּ איז שיער ניט צוזעצט געווארען — זעהר א נײטהיגער בריעף, דוא הערסט?

— איך הערר באטיושקא — האט דער דװארניק מיט א תמ׳עוואטע מינע איהם געענטפערט — אבער איהר מאכט געווים אַן אירר׳טהום; אין דער גאנצער גאס איז ניטאָ אײן באָד.... אויף מײנע נאמנות ניטאָ....

— טפוי, טײפעל! — האט דער מאַן מיט׳ן געצײכענטען שטערן אויסגעשריען — וואס איז דאס עפּעס פאר א טויבער אידיאָט?.... א שעהנער דוואָרניק אין מאסקווא!

דער דוואָרניק האט זיך צו איהם אומגעדרעהט מיט׳ן לינקען אויער.

— א בריעף פאר חנה מיט חײקע פראנק, וועלכע האבען ניט לאנג אריינגעצױ־גען אין שטײן׳ס וואוינונג — האט דער מאַן איהם אין לינקען אויער אריינגעשריען.

— וועלכע פרויען באטיושקא? — האט דער דוואָרניק מיט אַן אונשולדיגע מינע איהם געפּרעגט — אין שטײן׳ס וואוינונג איז קײנער, אויסער זײן פאמיליע, ניטאָ.

— איך האב א נויטהיגען בריעף צו בײדע פרויען! — האט דער הויכער פערזאָן ווידער גערעדט — מעגליך אז דוא ווייסט ניט דאס זיי געפינען זיך בײ שטײנען אין וואוינונג.

— נײן באטיושקא, בײ שטײנען אין וואוינונג געפינען זיך ניט אונגעמעלדעטע פרויען — האט דער דוואָרניק מיט א דרײסטע מינע געענטפּערט — איך קען אלע אײנוואוינער פון מײן הויף פערזענליך און אונגעמעלדעטע לאז איך ניט וואוינען זאגאר אײן שטונדע, בעזאָנדערס נאך אידען.

— אבער חנה פראנקס ברודער איז דאך ניט משוגע — האט דער מאַן ווייטער גערעדט — ער האט זיי געהייסען דעם בריעף מיט הונדערט רובעל געלט אפּגעבען חנה פראנק אין דער האנד אריין און ער האט מיר זאגאר געזאגט א סימן, אז דער דוואָרניק פון סטרעליעצקעס הויז איז טויב אויף אײן אויער....

— ניט פרעהליך מיט דיר איוואן — האט זיך דער דוואָרניק א קלעהר גע־טהאן — עס שטעהט דאָ פאר דיר א שפּיאָן.... א שעהנעם סימן האט ער דיר געגעבען....

— נײן באטיושקא — האט דער דוואָרניק מיט געמאכטען דרײסט איהם ער־ווידערט — דא וואוינט ניט בײ מיר אײן מענש אונגעמעלדעט.

— ווערסט דאס דערצעהלען דיין באָבען אויפ'ן קבר ! — האט דער געשטעמפעלטער פּערזאָן בײַ זיין לינקען אויער געשריען — אין שטיינ'ס וואוינונג געפינען זיך ביידע פּרויען פראנק.... פיהר מיך אהין אריין.

דער דוואָרניק איז ערציטערט געוואָרען. ער האט געזעהן אז דאס פּלעשעל שנאַפּס מיט'ן פּאַפּירעל, וועלכע ער האט גענומען פון שטיינען, בעדארפען איהם איצט באָקאָם ארויס מיט א יאהר געפענגניס, פאר בעהאלטען אונגעמעלדעטע זשידאָווקעס, און פיעלייכט נאך גאר קאטארזשנע....

— אזוי לאנג שפּיאָן זאָלסט דוא קריינקען — האט ער זיך א טראַכט געטהאן — מיין שטעלע וועל איך פערליערען ; אבער אין טורמא וועל איך ניט געהן.... לאָז ער געהן זוכען א י ו ו א נ ע ן איבער רוסלאנד.

— אדרבא, געהט אהין אריין און איבערציינגט אייך — האט איהם דער דוואָרניק נאך א קורצע פּויזע געזאגט — אין דיעזער ווײַלע נאכדענקען האב איך איבערגעצעהלט אלע מיטגליעדער פון שטיין'ס פאמיליע, און איך זאג אייך נאך א מאל, אז איהר מאכט א גרויסען אירטהום.

— עך, ווזיאטקין — האט זיך דער מאן געקלערט — איך זעה אז דעם בעלדבר, אז איך האב דא עפּעס דערטאפּט. שוין צייט כ'לעבען, נאך אזעלכע שלעכטע צופעלע....

ער האט זיך געווענדעט צום דוואָרניק און האט איהם פעסט א נעהם געטהאן פארן האנד.

— קום ! — האט ער אויסגעשריען — פיהר מיך אריין אין שטיין'ס וואוינונג.

— עך, טשאָרט פּאָבערי ! — האט זיך דער דוואָרניק געטראַכט — דא איז שוין מיין שטעלע קאַפּוט ; לאמיך זיך פּרובירען רעטען פון דיא הויכע פּינסטער מיט דיא אייזערנע גראטעס.

— קומט ! — האט ער צו ווזיאטקינען דרייסט געזאגט — איך וועל אייך צו שטיינען ארויפפיהרען ; אבער א שאָד אייער גאנג.

— קום קום ברודערקע — האט ווזיאטקין איהם האלטענדיג פאר'ן האנד גערעדט — ביז איך וועל ניט זעהן מיט מיינע אויגען גלויב איך דיר ניט.

דער דוואָרניק האט ווזיאטקינען ארויפגעפיהרט אויפ'ן פערטען שטאָק.

— אזוי הויך צום טייפעל ! — האט ווזיאטקין געברומט.

— אין גאנצען נאך איין שטאָס באטיושקא — האט איוואן געזאגט — דיא זשידעס זיינען קאַרג און האבען ליעב צו וואוינען אונטערן הימעל און עס קאָסט בילינגער דירה-געלד.

— ער האט דעם שפּיאָן ארויפגעפיהרט אויפ'ן פינפטען שטאָק און איז מיט איהם אריינגעגאנגען אין א דונקעלע פּאָרהויז.

— אָט אָ דאָ איז עס ! — האט דער דוואָרניק עפענענד א טהיר איהם געזאגט.

ער האט ווזיאטקינען אריינגעפיהרט אין א קיך און איידער ער האט צייט

געהאט זיך ארומקוקען, האט דער שפיאן בעקומען א שטארקען חמאל אין קאפ או״י און דיא טהיר איז געווארען פון אויסוויינינג פערשלאסען.

— עך, איוואן, אין דארף אריין! — האט דער דוואָרניק מאכענדיג דריי פיער טרעפלאך פאר א מאָל צו זיך אליין געדערט — לאָז ער געהן זוכען איוואַנען.... א „צעהנערל" וועל איך געוויס חאפען פון ש ט י י נ ע ן און אדיע מאָסקווא מיט איהרע שפיאָנען, צום טייפעל! טשאָרט פאָבערי, ניטאָ קיין הצלחה האָטש צוריים זיך....

ער האט געוואָלט אריינעהן צו שטיינען אין וואוינונג און בעקומען א „צעהנע־רעל" פאר אזא טייפעלשען קונץ וואס ער האט נור וואס אפגעטהאן; אבער וויא ערשטוינט און איבערראשט איז ער געווארען דערזעהענדיג אין קארידאר א פריס־טאוו און אויף דיא טרעפ צוויי אקאָלאָדאָטשניקעס.

— ביסט דוא דאָ דער דוואָרניק? — האט איהם דער פריסטאוו שטריינג געפרעגט.

— ניין, באטיושקא — האט איהם איוואן געענטפערט — איך בין דער דוואָרניק פון דער צווייטער הויז און בין געקומען צו מיין קאמעראד איוואַנען. מען האט מיר אין הויף געזאגט אז ער איז דא ארויפגעגאנגען אימעצען צו וויזען א וואוינונג! אבער איך האב דא מיין קאמעראד ניט געפונען.

— פיעללייכט ווייסט ד ו א אויף וועלכען שטאָק דאָ וואוינט דיא פאמיליע שטיין? — האט איהם דער פריסטאוו געפרעגט.

— ניין באטיושקא איך וויים ניט — האט דער שלויער דוואָרניק איהם ער־ווידערט — איך געה שוין אייך ארויפשיקען דעם דוואָרניק איוואַנען, איך דיינק אז ער געפינט זיך ערגעץ אויפ'ן הויף.

— וואס שנעלער שיק מיר איהם ארויף — האט דער פריסטאוו מיט א שטריינ־גע שטימע איהם בעפוילען.

— סלושאיו'ס באטיושקא.

— עך, איוואן — האט דער דוואָרניק שפרינגענד פון דיא טרעפ זיך געקלערט— דעם „צעהנערעל" אויך פערלארען.... אבער חאפט עס דער טייפעל, אבי דיא פעהלכעל איז פערבליעבען גאנץ....

— שטעהט דאָ אייף דיא טרעפ — האט דער פריסטאוו דיא אקאָלאדאטשני־קעס געזאגט — און איך וועל אייך שוין געבען א סיגנאל ווען מען בעדארף....

ער האט אנגעריבען א שוועבעלע און האט בעקוקט אלע טהירען.

איין טהיר האט זיך אויפגעמאכט און צוויי פרויען האבען איהם געפרעגט וועמען זוכט ער.

— דיא פאמיליע שטיין — האט דער פריסטאוו זיי ערוויעדערט.

— דיא צווייטע טהיר — האט איין פרוי איהם געזאגט.

דער פריסטאוו איז צוגעגאנגען צו דער צווייטער ט.היר און דערזעהענדיג דאָרט א געדרוקטע קארטעל מיט'ן נאמען שטיין האט ער אין דער טהיר אנגעקלאפט.

באלד האט זיך דיא טהיר אויפגעמאכט און דער פריסטאוו איז אריין צו שטיינען אין פארצימער.

— אָ, וואס פאר אַ גאַסט? — האט שטיין מיט געמאכטען מוטה אויסגע־רופען און האט אריינגעשטעקט זיין האנד אין בוזים־טאש — פריסטאוו יורקאווסקי ביי מיר אין וואוינונג. . . זעהר אנגענעהם!

— דיא סעקונדע זאלען אלע טהירען פון אייער וואוינונג זיין פאר מיר אָפען! — האט חיטראָוויצין׳ס שותף געדאָנערט.

א טויט־שרעק איז ארויפגעפאלען אויף שטיינען, זיין געזיכט איז געל געוואָרען וויא וואקס און א שרעקליכער הארץ קלאפען האט איהם ערגריפען.

שטיין האט אבער געפאסט מוטה און האט איהם אין דער האנד אריינגע־שטעקט צוויי נייע הונדערטער פאר איין מאל.

— פראָטש זשידאָווסקאיא מאָרדא! — האט יורקאָווסקי איהם אפשטויפענד אויסגעשריען און האט זיך גענומען נעהן פון צימער צו צימער.

ער האט דיא טהיר פון איינעם א פערשלאָסענעם צימער מיט דריי קלעפ אויפגעבראָכען און איז האסטיג אהין אריינגעלאפען.

— חייקע פראנק! — האט יורקאָווסקי ווילד אויסגעשריען דערזעהענדיג פאר זיך דאס מיידעל וועלכע ער זוכט.

חייקעס געזיכט איז כמעט גאר ניט אומגעענדערט געוואָרען, נור איהרע שווארצע רייצענדע אויגען האבען זיך עטוואס מעהר וויא געוועהנליך בעוועגט.

— יא, איך בין עס! — האט דאס מעדכען זיך אוועקשטעלענד גלייך געגען זיין געזיכט געזאגט — איך בין דיא בעשולדיגטע וועלכע איהר זוכט העדר יורקאָווסקי.

— דיין מוטער זאל מיר דיא מינוט זיין! — האט דער פריסטאוו געדאָנערט.

— אזוי וויא איהר זעהט אָן אייערע אויערען אזוי וועט איהר זעהן מיין מוטער — האט איהם חייקע געלאסען געענטפערט — איהר מעגט איהר דא זוכען וואו איהר ווילט. . . זיא איז דאָ ניטאָ העדר יורקאָווסקי.

דיא טהיר האט זיך האסטיג אויפגעמאכט און דער יונגער סטודענט נאאום שטיין איז אין צימער אריינגעלאָפען. ער האט זיך א וואָרף געטהאן פאר יורקאָווסקי׳ן אויף דיא קניע און האט איהם ערגריפען פארביידע הענד.

— אָ, מיטלייד, העדר פריסטאוו! — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען — מיטלייד מיט אזא הימעלשעם אונשולדיגעס וועזען.

— העדר שטיין! — האט דאס מעדכען ניט מיט איהר שטימע א געשריי גע־טהאן — פערשמוצט ניט אייערע הענד מיט דיא בעריהרונג אָן דיא הענד פון א מערדער! ארויס פון דאנען ליעבער נאאום, איהר זייט צו הייליג אום זיך צו געפינען אין איין צימער מיט אזא אויסוואורף!....

דער אלטער ערבלאסטער שטיין האט א ציטער געטהאן און דער יונגער האט זיך פון באָדען אויפגעהויבען און האט ווילד אנגעקוקט רעם פערפאָלגער מיט דער פערפאָלגטער.

יורקאָווסקי האט נאר ניט געענטפערט. ער האט אריינגעשטעקט א בלייענע פייפעל צווישען זיינע וואמפירישע ליפען און נאָך זיינעם א פייף זיינען ביידע אָקאָלאָדאטשניקעס אין צימער אריינגעלאפען.

— אונטערזוכט אלע צימערען! — האט ער ניט מיט זיין שטימע געדאָנערט.

דיא אקאָלאָדאָטשניקעס האבען איהם אין איינינע מינוטען ארום געבראכט אן אנטוואָרט, אז קיינער אויסער שטיין'ס פאמיליע און צוויי רוסישע פרויען פון דער צווייטער טהיר געפינט זיך ניט אין שטיין'ס וואוינונג.

— וואו איז דיין מוטער? — האט יורקאָווסקי געליארמט.

— געגוג פאר דיר מערדער נור איין אָפּפער — האט איהם דאס מערכען מיט געמאכטע רוהיגקייט געענטפערט, — מיין מוטער ווערסט דוא ניט דערלעבען צו זעהן

— נעהמט איהר! — האט יורקאָווסקי צו זיינע ביידע אָקאָלאָדאָטשניקעס א געשריי געטהאן.

ביידע אקאלאדאטשניקעס האבען צו איהר צוגעטראטען; אבער נאאום שטיין איז מיט דיא שנעלינקייט פון א בליץ פון צימער ארויסגעלאפען און איז באלד צוריק אריינגעלאפען מיט א געשליפענע האק אין דיא הענד.

— ווער עס בעריהרט דיעזען ענגעל — האט ער מיט א לייבען־שטימע געדאָנערט — דעמס קאָפּ בלייבט דא ליעגען אויפ'ן באָדען.

ער האט זיך מיט דער האק אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר און האט איהר וויא א וואהנזיניגער געדרעהט איבער זיין קאָפּ.

אין שטוב האט זיך דערהערט א שרעקליכער יאמער.

ביידע רוסישע פרויען פון דער גענענזייטיגער וואוינונג, האבען פון דער ווייטענס אנגעקוקט דיא הערצרייסענדע סצענע און זיי זיינען אזוי געריהרט געוואָרען, אז טרעהרען האבען זיך געגאָסען וויא א רעגען פון זייערע אויגען.

דער פריסטאוו האט זיך א חאפּ געטהאן צו זיין קעשענע און האט פון דאָרט ארויסגעצויגען א קליינעם רעוואָלווער.

— דיא מינוט דיא האק הערונטער! — האט ער צום יונגען סטודענט גע־שריען — אז ניט דערשיס איך דיר וויא א הונד.

דערהערענדיג דאס וואָרט שיסען, איז איינע פון ביידע רוסישע פרויען צו יענער זייט טהיר צוגעגאנגען און וויא זיא האט דערזעהן דעם רעוואָלווער ביי דעם פריסטאוו אין דער האנד האט זיא ווילד אויסגעשריען: —

— מערדער דוא איינער, דוא לייגסט אוועק דעם רעוואָלווער?! איך מאך דיא מינוט א לארעם און דוא ווערסט אלס מערדער ארעטירט. זעהסט דוא דען ניט אז דער יונגער מענש איז פון זינען אראָפּ? דאס האט בעדארפט טרעפען ביי א ו נ ז אין פּ ע ט ע ר ב ו ר ג, וואָלט מען שוין אזא פריסטאוו געלערענט שכל....

דער פריסטאוו האט דורך זיינע דונקעל בלויע ברילען א קוק געטהאן אויף דער פרוי, און דער רעוואָלווער איז איהם פון דער האנד ארויסגעפאלען, זיין קאָפּ האט זיך אנגעהויבען' צו דרייען און זיינע קניע האָבען אונטער איהם געוואנקט. ער האט

ערישען שוידער אין דיא ביינער, און דאס פארב פון פנים איז איהם פערשוואונדען.

— קומט! — האט ער צו זיינע אקאלאדאטשניקעס געזאגט — דא געהט מען מיט אייגענמאכט געגען דער פאליציי.

— און איך וועל געהן אין דער פאליציי אלס ציינע — האט דיא פרוי אויסער זיך פאר כעס געשריען — אז איהר האט געוואלט דערשיסען א מענשען וואס אייער ווילדע בענעהמונג האט איהם פון זינען אראפגעפירט.... פערשטעהט איהר מיך?

דיא פרוי איז אין צימער אריינגעלאפען און האט דעם רעוואלווער פון באדען אויפגעהויבען.

— אט דער רעוואלווער וועט זיין אן עדות — האט דיא פרוי געקווימשעט — אז איהר ערפיעלט ניט ריכטיג דיא קייזערליכע בעפעהלע. איהר האט ניט דאס רעכט אנצושטעלען א רעוואלווער געגען דער ברוסט פון א וואהנזיניגען! איהר האט דעם מאן מיט אייערע טהיערישע בענעהמונגען פון זינען אראפגעפיהרט. מיט'ן געפעהרליכען ארעסטאנט מוז מען זיך עטוואס עדלער בענעהן און ניט הייסען צוויי שכור'ע קאלאדאטשניקעס נעהמען א שוואכעס מעדכען אונטער דיא הענד. זיא וואלט פון אייך ניט אנטלאפען געווארען, פערשטעהט איהר מיך?

יורקאווסקי האט דערזעהענדיג דער פרוי לעבען זיך געציטערט וויא א פיש.

— קומט — האט ער אונטער דיא צעהנער צו דיא אקאלאדאטשניקעס א ווארטשע געטהאן.

ער האט זיך האסטיג אויסגעדרעהט און האט זיך מיט זיינע צוויי בעהעלפער פון צימער ארויסגעכאפט וויא געיאגט, פון טויזענד גיהנום'דיגע רוחות.

— עפענט! מאכט אויף דיא טהיר! — האט ער געהערט עפעס פון דער הויך א דומפפע הייזעריגע שטימע ווען ער איז ניט טויט לעבעדיג פון שטיין'ס וואוינונג ארויסגעגאנגען, ער האט זיך אבער ניט געוואלט אפשטעלען און איז גלייך פערשוואונדען.

63טעס קאפיטעל.

דיא געסט.

ביי דער גרעפין מאריא אנדריאנאווא אין הויז איז פינסטער און טרויעריג. ליזא איז עפענטליך פערלאבט מיט פעליקס סאבאקאוו, וועלכער בעזוכט יעצט דיא הויז א פאר מאל אין טאג. דער פערדאכט פון דאקטאר וואסיליעוו איז אפילו איצט אין גאנצען ארונטערגעפאלען; אבער מיט דער ליעבע האלט עס זעהר שלעכט. פעליקס ראמאנסירט מיט ליזא'ן נאך דעם ארט פון א שיכור'ן בן־יחיד'ל, און ליזא דאס עהרליך קינד מוז איהם נאכגעבען זיינע ווילדע אונמענשליכע משוגעת'ן און איז געצוואונגען מיט ליעבע איהם ענטפערען, דערווייל זיצט נאך פאוועל אין געפענגניס און אבוואהל דיא באמבע איז ניט געווען א באמבע, דאך איז אונמעגליך פאוועלען צו בעפרייען, ווייל יעצט איז בעוואוסט דיא געשיכטע, אז ער האט געשאסען פון

קיביטקע אויף אלעקסייעוו'ן. מאריא זלאדייקינא, אלס דיא באראָנעסע קסעניא אנ־דרייעוונא, האט עס פון איהר נעליעבטען פּאוועל אויסגעפּאָרשט און דאס איז באלד בעוואוסט געווארען אלעקסייעוו'ן אין טרעטיע אטדיעלעניע. דא קען שוין דער אלטער סאבאקאוו אליין אויך ניט העלפען און פּאוועל מוז געהן נאך סיביר. וועגען דער באראנעסע מאריא אנדריאנאוונא אליין זיינען אויך אנגעקומען אין „טרעטיע אטדע־ליעניע" געהיימע נאכפאָרשונגען אין דעם נאמען פון זיין קייזערליכען מאיעסטעט; אבער דער אלטער סאבאקאוו, האט דורך דעם איינפלוס פון זיין בן־יחיד'ל, גערעכ־פערט אז זיא איז אן עהרליכע פרוי און ניט זיך ניט אָפּ מיט דיא ניהיליסטען.

— איך מוז מיין קינד רעטען — האט דיא אונגליקליכע מוטער צו איהר טרוי־ריגער טאכטער געזאגט, זיצענדיג מיט איהר אליין אין קאבינעט.

— וויא אזוי מוטער קען מען עס בעווייזען — האט דיא טאכטער מיט א זיפץ איהר געפרעגט.

— איך וועל מיך פּרובירען — האט מאריא מיט טרעהרען אין דיא אויגען גע-רעדט — איך הייס שפּאנען דעם עקיפּאַזש און איך פאהר מיט א בעזוך צו אלעק־סייעוו'ן.

— ניין מוטער — האט ליזא וויינענד איהר ערווידערט — דאס איז פאר אונז א שרעקליכע ערנידערונג... פּאוועל וועט זיך דאס לעבען נעהמען ווען ער וועט וויסען אז ער איז דורך דעם שלאנגס מיטלייד בעפרייט געוואָרען און איך זאג דיר פּאָר־אויס, אז דיעזער אויסוואורף וועט נאך העלפען מעהר פּאוולען צו בעגראבען. איך האב געהערט א מיינונג אז דיא באָמבע האט איהם אלעקסייעוו געהייסען אונטער־ווארפען, ווייל פּאוועל האט איהם א מאָל בעליידיגט זיצענדיג לעבען איהם אין טהעאטער.

— אָ, ליעבעס קינד — האט זיך דיא גרעפין געטראכט — דוא ווייסט אבער ניט אז אלעקסייעוו איז פּאוועלס פאטער... מעגליך אז ער וועט ערווייכט ווערען ווען ער וועט ערפאהרען דיעזע געהיימנים, און אז ניט — וועט איהם א רעוואָלווער באלד אויף דער שטעלע טויטען, איצט איז דיא צייט!

— ניין, מיין קינד — האט דיא מוטער נאך א קורצע פּויזע געזאגט — איך קוק יעצט ניט אויף קיין ע ה ר ע. רוסלאנד איז ניט דער פּלאץ וואו מענשענ־עהרע זאל ניט בעריהרט ווערען. אז פעליקס סאבאקאוו איז דיינער אָ חתן, מעג שוין דיין מוטער בעטען ביי אלעקסייעוו'ן אום מיטלייד...

ביי'ם ענדיגען דיא לעצטע ווערטער האט דיא גרעפין אויסגעבראָכען מיט אן איסטערישען געוויין.

ליזא איז איהר געפאלען אויפ'ן האלדז און האט איהר מיט טרעהרען אין דיא אויגען געבעטען, זיא זאל זיך בערוהיגען.

— שלעכט מיין קינד — האט דיא מוטער געיאמערט — נאָט פערפאָלגט אונז און זיין פלוך ליעגט אויף אונזער קליינע אונגעשטיצטע פאמיליע, ווער פון אונז האט זיך געקענט פאָרשטעלען אז דיא באראָנעסע קסעניא אנדרייעוונא זאל זיין דיא גיע־

דערטרעכטינע מאריא זלאדייקינא. מיר האבען דאך ערפאהרען ווענען איהר אין דיא ציימונגען וואס האבען געשריעבע׳, אז מען האט איהר בעשטוילען. יעצט לאָזט זיך אוים אז דיא גאנצע געשיכטע איז עקסטרא געמאכט געוואָרען צוליעב אונז....אָ, וויא שרעקליך דאס קומט מיר פאָר! !

— פערפאַלען מוטער — האט ליזא פינסטער איהם ערוויעדערט — וואס געוועזן איז שוין געוועזן.

— און מיין איינציגער זוהן זאל געהן אויף קאטאָרגא !? — האט דיא אונגליק־ליכע געברומט — אָ, ניין מיין קינד, איך מוז אם וויינגסטען עפעס טהאן פאר איהם. איך טאָר מיין קינדס לעבען ניט טראגען אויף מיין געוויסען. לאָז זיך זיין וואס עס וויל זיך, איך פאָהר שוין אריבער צו דעם טיראן!

ליזא האט געשוויעגען, זיא האט ניט געוואוסט וואס איהר צו ענטפערן. עס האט איהר וועה געטהאן דאס הארץ ווענען איהר ברודער און זיא האט זיך מעהר מורא געהאט אפצו־ווענדען איהר מוטער פון דיעזען געדאנק, טאָמער וועט עס ווירק־ליך ברייננען נוצען.

מאריא האט אנגעקלונגען און איהר געטרייער דיענער יעוורושין איז צו איהר אין צימער אריינגעלאפען.

— נעה הייס שפאנען דעם עקיפאזש ! — האט זיא דעם דיענער בעפוילען.

דער דיענער איז אריינגעלאָפען ; אבער ער איז באלד צוריק אריינגעגאנגען.

— אן אונבעקאנטער גאסט — האט יעוורושין איהר געזאגט — אָט איז זיין וויזיט־קארטע.

ער האט איהר דערלאנגט א קארטעל אויף וועלכע עס איז געוועזן אויסגע־דריקט מיט גאָלדענע בוכשטאבען : „באראָן אדאָלף לאפאָנטען, פאריז״.

דיא גרעפין האט אפגעוואישט איהר געזיכט, פערקאמט דיא האָר און איז גלייך אין איהר עמפפאנג־צימער אריינגעגאנגען און האט דערזעהן פאר זיך א דיקען פערזאָן מיט א שווארצען באָרד.

דער גאסט האט זיך פאר איהר העפליך פערנייגט און האט איהר געזאגט „גוטען אבענד״ אין דער פראנצויזישער שפראך.

דיא גרעפין האט איהם אין פראנצויזיש געענטפערט און האט איהם העפליך געפרעגט אין וואס אייגענטליך בעשטעהט זיין בעזוך.

— איך בין היער אין מאָסקווא א גאסט — האט איהר דער גאסט באראָן לאפאָנטען געענטפערט — אבער איך האב פאר דער צייט וואס איך בין אין מאָסקווא ערפאהרען, אז דיא ווירדיגע גרעפין אנדריאנאווא איז אין זעהר א קריטישע לאגע. א שפיאָנין אונטער דעם נאמען באראנעסע קסעניא אנדרייעווונא, האט איהר קינד אונטערגעוואָרפען א באָמבע און ער זיצט אין אסטראג.

— פון וואנען ווייסט איהר עס ? — האט איהם מאריא פערדעכטיג אונטער־בראָכען.

— פון וואנען איך וויים עס — האט לאפאנטען לאנגזאם ערוויעדערט — איז פאר דער גרעפין ניט וויכטיג צו וויסען ; אבער אזוי וויא איך קען פערזענליך דער

יונגער וואהרער בּאראנעסע קסעניא אנדרייעווּנא אין פּאריז, בּין איך נעקומען פאר־שלאגען אייער זוהן א שידוך מיט יענער בּאראנעסע פון פּאריז....

מאריא אנדריאנאָווא האט איהם בּעווארפען מיט ווילדע בּליקען און האט א לייכטען ציטער געטהאן.

— איך פערשטעה אייך ניט אונבּעקאנטער גאסט — האט זיא צו איהם מיט א זאָנדערבּארען טאָן געזאגט און האט זיך גענומען אפּרוקען הינטער זיך.

— איבּערראשט אייך ניט גרעפין — האט איהר דער גאסט מיט א זאנפטע שטימע ערווידערט — עס שטעהט ניט פאר אייך עפּעס א שפּיאָן אדער א וואהנזיניגער, איך זאג אייך נאך א מאל אז איך בּין געקומען אייך פארשלאגען א פּארטיי פאר אייער זוהן מיט דער יונגער וואהרער בּאראנעסע קסעניע אנדרייעווּנא אויס פּאריז....

— וואס איז דאס פאר אן אנשיקעניש ?! — האט דיא גרעפין אויסער זיך פאר ערשטוינען אויסגעשריען — זייט איהר געקומען פון מיר חוזק מאכען און מיר נאך שיטען זאלץ אויף דיא וואונדען ?

— אָ, ניין גרעפין — האט דער גאסט ווייטער גערעדט — איהר בּעדארפט אליין וויסען, אז דאס ליעגט ניט אין דעם כאראקטער פון אן עדלען מענשען, און נאך א פּאריזער דערצו... איך רייד א שידוך אייער זוהן פּאוועל אנדריאנאוו מיט דער בּאראָנעסע קסעניא אנדרייעווּנא, אז דיא תּנאים זאלען גאר אין קורצען געשריבּען ווערען אין פּאריז אין דעם געגענווארט פון חתן כּלה... אז איהר ווילט מיך ניט פערשטעהן, טאָ פערשטעהט מיך ניט; אבּער איך גלויבּ, אז א קלוגע פרוי וויא איהר, ווערט יא פערשטעהן אז איך בּין ניט קיין וואהנזיניגער. איך האבּ דאך אייך פּאָראויס געזאגט דאס איך ווייס אז אייער זוהן זיצט אין אסטראג.

מאריא אנדריאנאווא האט זיך אבּיסעל פערטראכט.

— זעצט אייך נור אניעדער — האט זיא איהם נאך א קורצע פּויזע געזאגט — דא קומט מיר פאָר זעהר זאָנדערבּאר; אבּער דאס איז זעהר אינטערעסאנט

דער דיקער גאסט האט זיך אוועקגעזעצט און דיא גרעפין האט זיך געזעצט בּיי דעם טיש נעגען איהם.

— הערט נור גרעפין — האט צו איהר דער גאסט געזאגט — אייער איינציגער זוהן, ווייסט איהר דאָך בּעדארף געהן נאך סיביר; איך אבּער אלס וועלט־מענש און וועלט־שדכן, נעהם מיך אונטער, אז אייער פּאוועל זאל אין פערלויף פון צוויי וואָכען גענצליך בּעפרייט ווערען, אום איך זאל קענען אויספיהרען דעם שידוך מיט דער בּאראָנעסע קסעניע אנדרייעווּנא און פּשוט פערדיענען א שעהנע מטבּע... לאָמיר זיך אונג פינף און צוואנציג טויזענד רובּעל און שדכנות־געלט וועט איהר מיר צאָהלען נאכ'ן פּראָצענט פון דעם נדן; אז איהר וועט וועלען געבּען א גרעסערן פּראָצענט וועל איך געוויס צונעהמען... מיר זיינען דערפאר לעבּעדיגע מענשען און דיא פּאריזער שניידער מאכען אין איין פּאָר הויזען אפשר זעכציהן קעשענעס און וואו איז א רעקעל' און אן אויבּער מאנטעל ?...

דיא גרעפין האט נעגען איהר ווילען אנגעהויבען צו לאַכען.

— נו, נו, א גאַסט! — האט זיא נאך א קורצען שטילשוויינען געזאגט — זאגט מיר ווער איהר זייט.

— איך בין איוואן, איך בין סטעפּאן, איך בין באראן לאַפּאנטען — האט דער גאסט מיט א ליעבליכען שמייכעל געזאגט — וואס הארט עס אייך? פאר פינף און צוואנציג טויזענד רובעל וועט איהר זייט צוויי וואָכען או פיע־לייכט נאך אין עטליכע טעג ארום קושען אייער זוהן ביי אייך צו הויזע, און דער שדוך וועט אויך אב ירצה השם ווערען, מיר זיינען וועלט־מענשען און מענשען־שדכנים און מיר קענען א זאך לייכט אויספיהרען.

— איז דאס אייער ערנסט? — האט איהם אנדריאנאווא מיט אן ערנסט שטימע פלוצלינג א פרעג געטהאן און איהרע אויגען האבען געפייערט.

— וועל איך דען קומען מיט אן אונבעקאנטען מענשען און בעזאָנדערס נאך מיט דער גרעפין מאריא אנדריאנאָווא, טרייבען קאטאָוועס? האט דער גאסט מיט אן ערנסטען טאָן ערוויעדערט — פארקריינק איך דעם גראשען וואס איך פערלאנג פון אייך פאָראויס. ווען אייער זוהן וועט צו אייך קומען א פריינעשפּראָכענער מיט א בעפרייהונגס שריפט אין דער האנד — דאמאלס וועט איהר מיר בעצאהלען דאס געלד...

— אָ, ווער זייט איהר? — האט דיא גרעפין ניט מיט איהר שטימע אויסנעשריין — זייט איהר אָפּט ניט אן ענגעל וואס נאָט פלעגט א מאָל אראָפּשיקען פון הימעל אויסצוהיילען פערוואונדעטע הערצער?

— זאָל זיין אן ענגעל, זאָל זיין א טייפעל, זאל זיין באראָן לאפאנטען — האט דער גאסט גערעדט — אבי אייער קינד זאל געהערען צו אייך, און פאר מיר איז גענוג אייערער א וואָרט אז דיא פינף און צוואנציג טויזענד רובעל זאל איך נאך אייער זוהן'ס בעפרייאונג פון אייער האנד בעקומען...

— איהר וועט זיי בעקומען מיט א דאנק! — האט דיא גרעפין ערפרעהט אויסגערופען.

— אַדיע גרעפין! — האט דער מאן זיך אויפהייבענד פון זיין שטוהל געזאגט.

— אָ, וואס איילט איהר? פערוויילט נאך אביסעל — האט דיא גרעפין געשטאמעלט.

— ניט נייטהיג, גרעפין — האט דער גאסט שוין זייענדיג ביי דער טהיר געזאגט — אדיע גרעפין, דאס וועט אין קורצען געשעהן.

און איידער זיא האט צייט געהאט נאך איין וואָרט ארויסצוריידען, איז שוין דער גאסט געווען איבער יענער זייט טהיר.

— — — — — — — — — —

אלעקסייעוו זיצט אליין אין זיין קאבינעט, לעבען איהם ליעגט אויסגעצויגען זיין גרויסער הונר „גערא" און ביידע באנדיטען קוקען אויס אביסעל פערטראכט.

— עך, טשאָרט פּאָבערי! — האט דער מאסקווער בעל־הבית פלוצלינג א ברום געטהאן — אזוי ניט געלונגען, אז עס איז א חרפה פאר דיא ווענט... ער איז ניט

קיין קליינער טייפעל דער חיטראָוועץ. קען מען איהם גלויבען אז דיא באָמבע איז געווען א באָמבע? א שעהנער חברה-מאַן כ'לעבען; ער האט עס טאקי געטהאן וויא פאר אומזיסט, און אפ'טר? ווייס דא דער טייפעל וואס דא איז געשעהן! און בערטהא מאַלליך? אזוי ניט געלונגען! אזוי ניט געלונגען! טפוי, טייפעל!

ער האט אונווילענדיג א שפיי געטהאן זיין הונד אויפ'ן קאָפּ. דער הונד האט אויף איהם מיט זיינע גרינע אויגען א קוק געטהאן און האט זיין ברייטען קאָפּ אראָפּגעלאָזען.

— א שעהנע צורה האב איך יעצט פאר דעם באטיושקא! — האט דער נאָלאָווא ווייטער געברומט — נאַ דיר א באָמבע אויף צרות.... אבער טשאָרט פאָבערי, סיביר איז פאר איהם אויך גענוג, לאָז דאָרט ארבייט'ען דער יונגער גרעפעל אין דיא מינען, און פון דיא זשידעס מוז איך נעהמען ראַכע, לאָזען זיי זיך האלטען מיט דאס ערלויבנים, זייי וועלען דיא שוהל ניט בענייען.

ער האט זיך אויסגעצויגען אויף דער ווייכער זאָפע און האט זיך פערטיעפט אין פיעלע געדאנקען.

ער האט אבער ניט געקענט איינרוהען און האט זיך באלד פון זיין שטעלע אויפגעהויבען. נאך זיינעם א קלונג איז ארויפגעלאפען צו איהם א דיענער.

— קום נור סאַשקין אהער — האט ער צום דיענער געזאגט — איך וועל דיר עפּעס פרעגען.

סאשקין איז צו איהם צוגעגאנגען.

— פון וואנען האסט דוא געוואוסט פון דער קארטענווארפערקע? — האט ער איהם קוקענדיג גלייך אין דיא אויגען געפרעגט.

— אָ, באטיושקא, ניט דורך א גוטען צופאל, — האט סאַשקין זיך קראצענדיג פאר דער פאטילניצע געענטפערט — איך בין צוליעב דער מכשפה שעור ניט דערהרג'עט געוואָרען.

— וואס האט דען אזוינס מיט דיר פּאַסירט?

— פּ—פּע א חרפה אויסצוזאגען — האט סאַשקין מיט א תם'אוואטע מינע געענטפערט.

— שעהם דיך ניט, מיר איז עס אינטערעסאנט צו וויסען — האט צו איהם דער גאָלאָווא פריינדליך געזאגט.

— איך האב מיט צוויי יאהר צוריק געדיענט ביי איינעם א רייכען קויפמאַן שאלאפּייעוו — האט סאַשקין דערצעהלט — איינמאל ביי דער נאכט, האב איך געהערט וויא ער זאגט צו זיינעם א בעקאנטען: קום לאָמיר געהן צו דער בעריהמטער קארטענווארפערקע מערי באטענבערג אויף טווערסקאיא. זיא איז א וואהרע מכשפה און זיא ווייס וואס עס טהוט זיך אָפּ ביי יעדערן אין הויז און אין הארצען, ריכטיג וויא זיא אליין וואָלט דאָרט געזעסען. מיין ווירטה שאלאפּייעוו איז מיט זיין בעקאנטען אוועקגעגאנגען און קומענדיג צוריק, איז שאלאפּאיעוו וויא א ווילדער טיגער אויף מיר ארויפגעפאלען און האט מיר געהרג'עט געשלאגען, אז איך האב געמיינט דאס איך שטאַרב אונטער זיינע הענד....

— וואס האט ער געהאט צו דיר? — האט איהם אלעקסייעוו געפרעגט.

— דיא קאָרטענוואַרפּערקע האט איהם געזאגט אז איך בין בעפריינדעט מיט זיין נאָווערנאַנטין.... האט דער דיענער זיך קראַצענד פאר'ן אויער איהם ער־וויעדערט.

— איז דאס טאַקי געווען אמת? — האט איהם אלעקסייעוו מיט א שמייכעל געפרעגט.

— נו, און אז אמת בעדארף מען מיך אזוי שלאָגען? — האט סאַשקין מיט א תמ'אָוואַטע מינע געפּרעגט — איך געדענק נאך דיא קלעפּ ביז היינטיגען טאָג.

— איז זיא חאָטש געווען א שעהן שטיקעל סחורה? — האט אלעקסייעוו איהם לאַכענד געפרעגט.

— וועגען דעם איז גאר קיין רעדע ניט באַטיושקא — האט סאַשקין מיט א נאַאיווע מינע פאָרטגעזעצט — אבער פאָרט וויא שלאָגט מען עס א מענשען? גו, זאל זיין צוואנציג מאל שעהן; אבער וואו איז דער יושר?

— נעה אין דיין רוה אריין, מיין טהייערער חכמ'ל — האט אלעקסייעוו איהם בעפוילען.

דער דיענער איז ארויסגעגאנגען.

— איך האב דיך אין דער ערד — האט זיך סאַשקין געעהנדיג געטראַכט — איך זעה אז דוא ביסט שוין ביי דער קארטענוואַרפערקע געווען און האָסט זיך שוין צו קראַצען.... עך חיטראָוואַנ'ן, דיינע פלענער זיינען טייפ,לשע!

— מערקווירדיג! — האט זיך אלעקסייעוו נאכ'ן דיענערס אוועקגעהן געטראַכט — אזעלכע איבערנאַטירליכע וואונדער וויא איך האב געהערט ביי דער קארטענוואַרפּער־קע, וואָלט מיר שווער געווען צו גלויבען, אז דיא הייליגסטע מענשען פון פערציייטיגע דורות זאלען זיין אין שטאַנד צו ווייזען. אפילו אז איך האב געשיקט צו מיין טהייערען ברודערקע „דמיטרי“ צעהן טויזענד רובעל ווייס זיא אויך. עס ווערט מיר צובראָכען מיין קאָפּ טראַכטענדיג וואס איז דא אזוינס. נו, זאל שוין זיין, אז איך בין געווען שלעכט פארמאַסקירט, זאל שוין זיין אז זיא קען מיך פערזענליך; אבער פון וואנען ווייס זיא פון אזעלכע שטריינגע געהיימניסע און נאך פון איין און צוואַנציג יאהר צוריק, וואס פון דעם ווייס ניט א פוינעל און זאנאר מאריא אנדריאנאַווא אליין.... פּאַסטוחאָוו נאך דיעזער געשיכטע, געהט אויך עפּעס ארום שוואַרץ וויא דיא ערד, נעווים טראָגט ער אויף זיך אויך עפּעס א פּעקעל מיט שווערע זינד, אבער חאַפּט עס דער טייפעל! איך מוז דער קארטענ־וואַרפערקע נאך א מאל בעזוכען; אבער גאָר אַנדערש פערמאַסקירט.

דער דיענער איז אריינגעגאנגען און געמעלדעט אז אן אונבעקאַנטער גאַסט ווינשט דעם גאָלאָוואַ צו זעהן און ריידענדיג האט ער איהם איבערגעגעבען א וויזיט־קאַרטע.

— הייס איהם אריינגעהן — האט ער דעם דיענער בעפוילען.

נאך א קורצע ווײַלע איז צו דעם גאָלאָוואַ אין קאַבינעט אריינגעגאנגען א הויכער

קרעפּטינער מאַן פון א יאהר פערציג און האט זיך פאר דעם ווירטה העפליך פערנייגט.

— מיין קארטע, גאַלאָווא — האט דער מאַן געזאגט — האט אייך ערקלעהרט אז איך הייס באראָן גענעראלאָוו — און דאס וואס האט מיך צו אייער הויכע פערזענליכקייט געבראַכט, וויל איך אייך זאָגען, אויב איהר וועט עס מיר ערלויבען.

— מיט'ן בעסטען פערגניגען! — האט דער גאַלאָווא העפליך איהם ערווידערט — ביטע באראָן זעצט אייך אניעדער.

דער באראָן האט זיך פריינדליך פערנייגט און האט זיך באלד נעגען אלעקסייעוו'ן אוועקגעזעצט.

— אלזא באראָן — האט אלעקסייעוו איהם געזאגט — איך בין בערייט אייך אויסצוהערען.

— איך בין אליין געבאָרען אין ניזשני נאוואגאראד — האט דער באראן אנגעפאנגען — צו מיין פאטער באראן ראמאן גענעראלאוו. מיין מוטער איז געשטאָרבען ווען איך בין נאך געווען א קליין קינד, איך מיט מיין אינגערן ברודער פיליפּ זיינען ערצויגען געוואָרען אין רייכטהום און פערגניגען. מיין פאטער האט אבער אויף דיא עלטערע יאהרען געהייראטהעט א יונגע פרוי, און דיא שטיפמוטער האט אונז אנגעפאנגען שלעכט צו בעהאנדלען. ווען זיא האט געזעהן אז אונזער פאטער איז קראנק און זיינע ערצטע גיעבען אויף יעדע האָפנונג וועגען זיין לעבען, האט זיא איהם איבערגערעדט, אז ער זאל אפשרייבען זיין גאנצען פערמעגען אויף איהר מיט איהרע צוויי קינדער. מיין פאטער האט עס ליידער געטהאן, ער האט זיין גאנצען רייכטהום, איבער א האלבען מיליאָן רובעל אפגעזאגט צו זיין ווייב און מיר און מיין ברודער פיליפּ גענאראלאוו, האט ער אפגעגעבען א גרויסע אימעניע (גוט) מיט דעם נאמען „איוואנאָווקא" ניט ווייט פון דעם דאָרף קורילא אין „ניזשני נאוואָגאָראָדער גובערניע".

דיא זאך איז מיר מיט מיין אינגערען ברודער צייטליך בעוואסט געוואָרען, מיר האבען פּראָטעסטירט געגען אזא אונרעכט, און וועהרענד אונזער שטיפמוטער איז ניט געוועזן צו הויזע, האט אונזער פאטער געמאכט א נייעם טעסטאמענט (צוואה) און האט בעפוילען צו געבען מיר מיט מיין ברודער הונדערט פופציג טויזענד רובעל אויסער דיא אימעניע. דיא געשיכטע איז געשעהן אום זונטאג און גראדע אין א פייערטאג און מיר האבען ניט געקענט דיא צואה ברייננען אין געזעצליכע ארדנונג דורך א נאָטאריוס; אלזא, האבען זיך צוויי עדות אויף דער צוואה אונטערגעשריעבען און ביז מאנטאג פריה איז אונזער פאטער געשטארבען.

אין צוויי וואָכען נאך מיין פאטערס טויט בין איך פּלוצלינג פערהאפטעט געוואָרען אלס פּאָליטישער פערברעכער. איך האב מיין פאטערס טעסטאמענט איבערגעגעבען מיין אינגערען ברודער, און אליין בין איך פערשפּאַרט געוואָרען אין געפענגניס, וואו איך בין געזעסען גאנצע פיער מאנאטען, עס האט זיך אויסגעוויזען אז איך בין אונשולדיג און איך בין בעפרייט געוואָרען; אבער עס האט מיך באלד דערשראָקען דיא נאכריכט, אז מיין ברודער פיליפּ מיט זיין פרוי זיינען ביי זיך אין דער אימעניע ערמאָרדעט געוואָרען.

— איך האב באלד אונטערזוכט דיא קאַסע פון מיין אונגליקליכען ברודער; אבער איך האב דאָרט איין קאָפּיקע ניט געפונען, דער מערדער האט דאס געלד צוגענומען און האבען אונזער פאטערס טעסטאמענט מיט נאך אנדערע פּאפּירען ניט איבערגעלאָזען.

באלד איז ארעטירט געוואָרען א אידישע פאמיליע אין דעם דאָרף קורילא, ביי וועלכע מען האט אויסגעפונען א טיכעל מיט דיא זעלבע בוכשטאבען, וויא דאס טיכעל וואס האט געשטעקט אין דער מויל פון מיין ברודערס געשעפט־פיהרער קאָזלאָוו, וועלכען מען האט געפונען געבונדען אין א צווייטען צימער. דיעזער מאַן איז ביי מיין ערשטען בליק, מיר זעהר ניט געפעלען; איך האב איהם געזעהן אין צוויי וואָכען ארום נאך דער בלוטיגער געשיכטע ביי מיין ברודער אין דער אימעניע, איך האב עס געמעלדעט דעם סליעדראָוואטעל און ער האט וועגען קאזלאוו'ן נאכגעפאָרשט אין זיין היימאטה און פון דאָרט האט מען געענטפערט אז ער איז א בראווער, עהרליכער מאַן פון א דוואָריאַנסקע פאמיליע, דערצו נאך זיינען געגען דיא אידען געוועזען ריכטיגע בעווייזע, ווייל מען האט ביי זיי געפונען נאך איינינע קליינינקייטען פון מיין ברודערס איינענטהום; אלזא, האט מען קאזלאוו'ן פריי געלאָזען און דיא אידישע פאמיליע איז נאך א לאַנגע פּראָצעס פערשיקט געוואָרען נאך סיביר.

— איך האב דיעזען פּראָצעס א מאל געלעזען אין דיא צייטונגען — האט איהם דער גאָלאָווא געזאגט — איך געדענק איהם נאך וויא היינט.

— אבער וואס ווייטער איז געוועזען וועט איהר גאָלאָווא איצט הערען — האט דער באראן ישרייענדיג גערעדט — דאס איז א הערצרייסענדע געשיכטע וועלכע ווייזט אויף דייטליך וויא געפעהרליך עס איז דער פּאַספּאָרטען סיסטעם אין רוסלאנד, מערקווירדיג איז אין דיעזען מאָרד געוועזען דער פאל — האט דער גאסט ווייטער גערעדט — אז דיא נאניע פ ו ש ק י נ א מיט מיין אונגליקליכען ברודערס צוויי קינדער, א אינגעל מיט א מיידעל פון פיער און דריי יעהריגע אלטער, זיינען באלד ביי דעם מאָרד פערשוואונדען געוואָרען וויא אין וואַסער אריין. קאָזלאָוו וויעדער, וועלכער האט געזאגט פארן פּראָקוראָר מיט'ן סליעדראָוואטעל, אז ער האט מיט זיינע אויגען געזעהן וויא דיא פון דעם דאָרף קורילא האבען ערמאָרדעט דיא פאמיליע גענעראלאָוו, דיעזער קאָזלאָוו, איז אויך פערשוואונדען נאך מיט איינינע מאנאטען פאר'ן פּראָצעס, וואו ער האט בעדארפט שטעהן אלס צייגע.

ווען דיא אידישע פאמיליע מלבין איז שיין געוועזען פערשיקט, האט זיך דער סליעדראָוואטעל געחאפּט, אז עס קען טאקי מעגליך זיין דאס קאזלאוו האט דעם מאָרד בעגאנגען. דיא פערשווינדונג פון דער נאניע פּושקינא מיט ביידע קינדער האט דעם סליעדראָוואטעלס פערדאכט אויף איהם פערשטארקט; דער סליעדראָוואטעל האט וויעדער געמאכט א שטריינגע נאכפארשונג אין ט ו ל א און דעם צווייטען מאל, האט זיך גאר אויפגעצייגט אז דער מאַן, אויף וועמען מען פרעגט, געפינט זיך טאקי אין ט ו ל א; אבער ער איז ניעמאלס פון זיין געבורטס־שטאָדט ניט ארויסגעפאהרען. דער סליעדראָוואטעל איז איבערראשט געווארען, און אום אין דער זאך אויף ריכטיג זיך איבערצוצייגען, בין איך מיט'ן סליעדראָוואטעל אוועקגעפאָהרען נאך ט ו ל א און מיר הא-

בען זיך טאקי איבערצייגט אז דער קאזלאוו פון טולא איז נאר אן אנדער פערזאָן....

— דאס איז ווירקליך א שרעקליכע געשיכטע! האט אלעקסייעוו אויסגערופען.

— דאס איז נאך גאָר אין אנפאנג — האט דער גאסט פארטגעזעצט — איך וועל אייך דרעצעהלען ווייטער וועט איהר שטוינען — איך האב פון דמאלס אן ניט אויפגעהערט צו זוכען ביידע יתומים. איך האב פערשוועגדעט דיא גאנצע איינקונפט פון דער אימעניע אויף פערשיעדענע רייזען איבער גאנץ רוסלאנד, פיעללייכט וועל איך פאלען אויף א שפור פון דער נאניא פושקינא אדער דיא קליינע אונשולדיגע קינדער. איך בין אויסגעוועזען אין פיעלע שטעדט און דערפער; אבער אנשטאט דיא קינדער איז מיר געלונגען צו דערגעהן פיעלע וויכטיגקייטען וועגען דעם מערדער קאזלאָוו. איך בין דערגאנגען אז אין רוסלאנד איז בעשטאנען מיט צעהן צוועלף יאהר צוריק א שייקע פון מערדער, וועלכע האט געהאט דעם ציעל אריינצושמוגלען פרומע דיענער אין דיא הייזער פון פראוואסלאוונע פאפעס און דיעזע פרומע דיענער פלעגען דיא גייסטליכער ערמאָרדען און זייער פערמעגען בערויבען. דאס איז געשעהן מיט צעהן יאהר צוריק אין ווילנא, וואו איינער פון דיא פרומע דיענער א געוויסער קולאקאָוו, האט ערמארדעט א רייכען גייסטליכען ניקאלאי טטערטאָוו און איז אנטלאפען מיט זיין ווייב, א געטויפטע אידין שפרה פראנק, איבערלאזענדיג א שריפט אז זיי געהען זיך דערטרינקען. דיעזער קולאקאָוו שיינט מיר צו זיין קאָזלאָוו, דער מערדער פון מיין ברודער. דיא נאכפאָרשונג וועלכע איך האב געמאכט וועגען זיין אויסערליכען אויסזעהן שטימען מיט דיא „פרעמעטען" פון קאָזלאָוו'ן, אם ענדע ....18 בין איך געקומען אין ראָסטאָוו אם דאָן און דארט האב איך געהערט זעהר א טרויעריגע געשיכטע וואס איז געשעהן אין א נייעם האטעל. אייניגע מענשען זיינען דארט בעגאנגען זעלבסט-מארד, ניט האבענדיג דערצו דיא מינדעסטע אורזאכע און דאס אלעס איז געשעהן אין'ם פערלויף פון אייניגע מאָנאטען. דער אייגענטהימער פון'ם האטעל „גאַווריאָוו" איז געוועזען פערדעכטיג אין דיעזע אלע מאָרדטהאטען, און נאכהער וויא ער האט דעם האטעל געשלאָסען און דיא שטאדט פערלאָזען, האט זיך אויסגעוויזען אז דיעזער גאוורילאָוו האט געוואוינט אין ראסטאוו אויף א פאספאָרט פון א געשטאָרבענעם מענשען. דיא ערצעהלונג וועלכע איך האב געהערט פון אייניגע לייטע, איז מיר געוואָרען אויפפאלענד און איך בין באלד געקומען צו דער איבערצייגונג, אז קולאקאוו, קאזלאוו און גאוורילאוו זיינען — איין פערזאן.

אונטערדעסען האט דער סליעדראָוואטעל פון „ניזשני נאָוואנאראד" בעטרעטען א שטעלע אין פעטערבורג און איך האב זיך צוריק בעזעצט אין דער אימעניע און האב מיך בעשלאָסען א האלב יאהר פון מיינע רייזען אפרוהען; אבער אין צווי מאנאט ארום, ריכטיג מיט דריי און האלב יאהר צוריק פון היינטיגען טאג, האב איך פון דעם סליעדראוואטעל בעקומען א בריעף, פון וועלכען מיר איז בעוואוסט געוואָרען, אז ווען דער סליעדראוואטעל איז געגאנגען נעכען אבענד אויף „ניעווסקי פראָספעקט" צוזאמען מיט זיין פרוי, האט ער דערקענט קאזלאָוו'ן אויפ'ן טרעטאָאר, נאר אזוי וויא ער האט שוין קאזלאוו'ן אייניגע יאהר ניט געזעהן, האט ער אביסעל אין זיין פערזענליכקייט

געצווייפעלט. **דער סליעדאוואטעל האט זיין ווייב אוועקגעשיקט און אליין איז ער צו** קאזלאוו'ן צו געגאנגען און האט איהם אפגעשטעלט.

— איהר קומט מיר פאָר זעהר בעקאנט — האט איהם דער סליעדאוואטעל קוקענדיג גלייך אין דיאַ אויגען געזאָגט.

— מעגליך -- האט איהם דער מאן מיט א באַסאָווע שטימע געענטפערט.

— מיר שיינט אז איך רייד דא מיט קאָזלאוו'ן — האט דער סליעדאוואטעל פארטגעזעצט ניט אראפלאזענדיג פון איהם דיא אויגען.

— איהר מאכט אונבעקאנטער מאן איין אירטהום — האט איהם דער מאן מיט דערזעלבער באסאָווער שטימע געענטפערט — איך בין גאר אן ענטזאגטער אקאלאדאטשני און איך הייס פאָפאוו.

— איך פערלאנג אז איהר זאלט מיר זאַפּאָרט אין אייער פּערזענליכקייט איבערצייגען — האט דער סליעדאוואטעל שטרענג געזאגט — איך מוז עס שוין וויסען.

— איך בין בערייט עס צו טהאן מיט'ן בעסטען פערגניגען — האט דער מאן איהם רוהיג ערוויעדערט.

דער סליעדאָוואטעל האט באלד פון דער גאס צו זיך צוגערופען א גאָראָוואַי (א פּאָליציסט).

— קומט איך וועל אייך צייגען ווער איך בין — האט ער דרייסט צום סליעדאָוואטעל געזאָגט.

ער האט דעם סליעדאוואטעל אריינגערופען אין א רייכע הויז. א שוויצער האט פון איהם אראָפּגעצויגען דעם אויבערמאנטעל און האט זיי אלע ארויפגעפיהרט דורך מראמארנע טרעפּ צו א געוויסען גראף קאָנסטאנטינאָוו....

באראָן גענעראלאָוו האט זיך פערהאקט און א שטארקער זיפץ האט זיך פון זיין הערץ ארויסגעריסען.

— נו, וואס איז געווען דיא ענדע? האט איהם **דער** גאָלאָוואַ ניינעריג נעפערגט.

- דיא ענדע איז געווען דיא זעלבע וואס האט ניט לאנג פּאסירט ביי אייך גאָלאָוואַ צו הויזע מיט דיא צוויי באַנדיטען — האט איהם גענעראלאָו טרויעריג ערוויעדערט — קאזלאוו, אדער וויא ער האט זיך אנגערופען פּאָפּאָוו, איז פון דעם גראָפס הויז פערשוואונדען.... .

— דאס איז א מערקווירדיגע געשיכטע! האט אלעסייעוו ענטציקט אויסגערופען.

— און דיעזע געשיכטע פון פאר דריי מיט א האלב יאהר צוריק — האט גענעראלאָוו ווייטער גערעדט — האט מיך היינט געבראכט דא אין מאָסקווא באלד וויא איך האב אין דיא צייטונגען געלעזען דיא געשטעקע וויא ביידע היזיגע באנדיטען, האבען זיך דורך אייער הויז גערעטעט מיט דעם זעלבען קונץ וואס קאזלאוו אין פּעטערבורג, איז מיר ארויף אויפ'ן געדאנק, אז איינער פון דיא ביידע איז דאָ געוויס קאָזלאָוו....

מענליך אז טימאָפיי מיכיילאָוו דער טראקטירטשיק פון פרעאָבראזשענסק איז דער זעלבער מערדער פון מיין ברודער און פיעליכט איז עס זיין צווייטער קאמעראד....

אלעקסייעוו האט זיך פערטראכט.

— יא, יא, — האט ער נאך א קורצען שטיל־שווייגען געזאגט — ליידער איז אזא שטוקע אויך אין מיין הויז אפגעטהאן געווארען

— איך וואלט אייך בעטען גאלאווא — האט גענעראלאוו מיט א פריינדליכע שטימע איהם געזאגט — אז איהר זאלט ערלויבען אייערען א דיענער מיר אפצומעה־לען ביידע באנדיטען וויא זיי קוקען אויס, דיא צייטונגען האבען דאך געשריעבען, אז אייער קובער און דער שווייצאר האבען זיי ביידען געזעהן....

אלעקסייעוו'ן איז געווארען ביטער אין „פיסק". ער האט געוואלט אן דעם גאנ־צען שמוציגען עסק פערגעסען; ענדליך איז נאר דאריבער אראפגעקומען א באראָן פון „ניזשני נאָוואגאראָד"..

— עך, חיטראוועץ ! — האט ער זיך א קלער געטהאן — ביזט דוא אפט ניט דער געזוכטער פיינער מענש? מיר שיינט אז דא מאכט מען ניט קיין אירטהום...

ער האט זיך געווענדעט צו גענעראלאָוו'ן און איהם געזאגט:

— מיר האבען מיינע בעדיענטע ביידע באנדיטען אָפגעמעהלט; נאר אזוי וויא איך וויל ניט, דאס איהר זאלט ביי אזא וויכטיגע געשיכטע הערען זייערע פרעמעטען פון מיר אלס א צווייטע מויל, בין איך בערייט אייך צו דיענען. קומט צו מיר אריין מאָר־גען וועל איך מיינע דיענער פאר אייך פאָרשטעלען; יעצט זיינען זיי ביידע ניט צו הויזע.

דער באראָן האט איהם הערצליך געדאנקט און איז נאך א פריינדליכען אבשיעד פון זיין הויז ארויסגעגאנגען.

— האפט עס דער טייפעל! — האט אלעקסייעוו נאך גענעראלאָווס אוועק־געהן געברומט — נאך היינט שיק איך ארויס דעם שווייצאר מיט'ן קובער פון מיין הויז. איך קען דא דורך זיי אויך מאוס ארייני פאלען... דאס איז געווים חיטראָוועץ...

63טעס קאפיטעל.

עס שרעקען זיך דיא זינדער.

מאריא זהאדייקינא שווייגט ניט. נאך דער שווארצער מפלה וואס זיא האט געחאפט ארויסגעהענדיג פון בערטהא מאלליך'ס קאבינעט האט זיא זיך א פאר טעג אויסגערוהט, און יעצט האט זיא זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט נאך מיט מעהר מוטה וויא פריהער. איהר שטרעבונג איז איצט, אז דער געפאנגענער אנטאָנאָוו זאָל איהר אפצאהלען דיא אכט און צוואנציג טויזענד רובעל און נאכהער געהן אויף קאָ־טארגא אין כיביר, פאר וואס ער האט הינטער דער טהיר פון איהר צימער, געוואָלט צושטערען דעם שדוך מיט פאוועל אנדריאנאוו, פארוואָס ער האט איהר ארויסגע־וואָרפען פון זיין קאבינעט, ווען זיא האט דאס געגנב'עטע געלד פון איהם געפאָרדערט און דערפאר, וואס ער האט איהר אבגעשווארצט דיא צורה'קע אין סאזע און אין פעך, און האט איהר מיט געוואלד איינגעגעבען א גרויסע דאָזע מאָרפיום און איהר אוועק־געלייגט: אויף א בולוואר אויף הפקר.... דאס איז איינס, און איהר צווייטע שטרעבונג

איז געווען אויסצוגעפינען דאָבראָדושינען, איבער וועלכע: זיא צווייפעלט ניט יעצט, אז ער איז אָסיפּ זאכרין, וועלכער האט נעשאָסען אויף אלעקסייעוו'ן אום ראכע צו נעה־מען פון איהם פיר בערטהאַ מאַלליך, און וועגען וועלכען זיא האט ארויסגעקריגען עטליכע ווערטער פון איהר געליעבטען פּאוועל אַנדריאַנאָוו, אז ער איז געזאָגנען צו מאכען פאר אלעקסאַנדער דעם דריטען א מינע.

זיא לאָזשירט יעצט אין דעם רייכען האָטעל „סלאוויאנסקי באזאר" אויף ני־קאָלסקאַיאַ אוליצא און האט פאר זיך דריי שעהנע צימערען פון וועלכע איינער איז פערהאנגען ביז דעם פּאלאָפ מיט פערשיעדענע שפּיאָניישע קאָסטיומען מענליכע און ווייבליכע, און דיא שפּיאָנין, וועלכע הייסט יעצט גרעפין מאריא דאנילאָווא, פּער־קליידעט זיך איינינע מאָל אין טאָג און פאהרט ארום איבער מאסקווער גאסען און הינטער געסלאך.

מיט א שטונדע צוריק האט איהר בעזוכט דער שעף פון דער געהיים־פּאָליציי גענעראל אָפּענבאך און האט איהר צוגעגעבען א שטארקע האָפנונג, אז איהר פּער־האסטער ארעסטירטער אנטאָנאָוו אויסער וואס ער וועט איהר אפּצאהלען דיא אכט און צוואַנציג טויזענד רובעל, וועט נאך חאפּען א שוואַרצע מפּלה און וועט פערשיקט ווערען אין סיביר אלס פּאָליטישער פערברעכער. דיא זאך האט איהר זעהר געפרעהט; אבער דאס איז איהר געווען א וואונדער, וואס אפּענבאך האט אויפגעהערט מיט איהר צו ראָמאַנסירען, זיא האט איהם געגעבען אַנציהערנייש; אז דיא צייט האט איהר שטיינערנע הערץ אומגעענדערט; אפּענבאך אבער איז געווען זעהר ערנסט און האט וויא מיט פלייס ניט בעמערקט איהרע קאָקעטישע שטוקעס.

— ווייס איהם דער טייפעל, וואס מיט איהם איז געוואָרען, — האט דיא שפּיאָנין געוואַרטשעט נאכהער וויא אפּענבאך האט איהר צימער פערלאָזען; — איך האב מיך א ביסעל צופיעל פערפּלאָנטערט מיט אנטאָנאָוו'ן.... איך בעדארף אָפּענ־באכס פריינדשאפט איצט האבען; ענדליך איז גאר אין גאנצען אומגעענדערט געוואָרען.

זיא איז צוגעגאנגען צום גרויסען געשליפענעם שפּיעגעל און האט זיך אליין א היבשע ווייקע אנגעקוקט.

— דוכט זיך, איך בין דיא זעלבע מאריא זלאדייקינא, — האט זיא צו זיך אליין גערעדט — און ער, אפּענבאך צום טייפעל, איז עפּעס אזוי קאלט, אזוי ערנסט. — ווער ווייס וואס דא איז אזוינס? אפשר האט ער דא מיט זיין שפּיאָנישע נאָז דער־שמעקט דיא געשיכטע מיט אנטאנאָוו'ן?

— ניין, — האט זיא נאך א קורצע פּויזע פּאָרטגעזעצט, — איך בין מיט אנ־טאָנאָוו'ן ניט דורכגעפאלען. אלע גרויסע פּאָליציי־קרעפטע זיינען מיינע. דיא געשיכטע איז דא איינפאך: א מענש ווערט געפאלען נאכדעם וויא מען זעהט איהם אין א העסליכען צושטאנד....דיא סאָזע מיט דיא פּעך האבען מיך אוועקגעהרג'עט.

זיא האט נאך א מאל אין שפּיעגעל א קוק געטהאן און איז פּלוצלינג הינטער זיך פון איהר שטעלע אָפּגעשפּרונגען דערזעהענדיג אין שפּיעגעל וויא א דיקער פּערזאָן שטעהט איהר פון הינטען.

— וואס האט איהר אייך אזוי דערשראָקען גרעפין? — האט איהר דער דיקער פּערזאָן לאנגזאם געפרעגט — דערקענט איהר דען ניט אייער א מאָליגען געליעבטען קאָזלאָוו?

— אָי! — האט זיך א שרעקליכער קרעכץ פון איהר ברוסט ארויסגעריסען און זיא איז אין א ווייכען שטוהל אריינגעפאלען.

— ווידער אָי, אבער אָי, — האט דער דיקער רוהיג גערעדט זיך אוועקזעצענר נעגען איהר אויף א שטוהל — וויא לאנג נאָך, גרעפין, וועט איהר אזוי אָיקען? דער־קענט איהר ווירקליך ניט אייער א מאָליגען זוויערעוו'ן פון „חערסאָן" אדער קאזלאוו'ן פון דער אימעניע „איוואנאָווקא?"

— וואָס האָסט דוא קאָזלאָוו צו מיר? — האט איהם דיא בעסטיע מיט א ציטערענדע שטימע געפרעגט — ווארום פיינינגסט דוא מיך?

— באלד מיין קעצעלע, — האט דער דיקער פּערזאָן איהר געענטפערט זיך אויפהייבענד פון זיין שטעלע און צוגעהענד צו דער טהיר.

— ווילסט דוא דיא טהיר צושליסען? — האט זלאדייקינא א קוויטש געטהאן און איז האסטיג צו איהם צוגעלאָפען.

— נאך איין הויך וואָרט — האט דער דיקער פּערזאָן רוהיג גערעדט — דער־שיס איך דיר וויא א צויג

ער האט ארויסגעחאפּט פון זיין קעשענע א רעוואָלווער און האט איהם אנגע־שטעלט נעגען איהר ברוסט.

מאריא זלאָדייקינא איז לייבענבלאס געוואָרען און איהר גאנצער קערפּער האט געציטערט וויא אין פיעבער, זיא האט גוט געקענט קאָזלאָוו'ן און האט געוואוסט, אז ער קען עס באלד מקיים זיין.

— ניטא וואס צו פערליערען, בעסטיע, — האט קאָזלאָוו געברומט — און וויא באלד דוא שליסט אליין ניט צו דיא טהיר, ליענסט דוא דיא סעקונדע אין א לוזשע בלוט, דוא הערסט?

דיא שפּיאָנין האט מיט ציטערענדע הענד דיא טהיר צוגעשלאָסען.

יעצט געה אויף דיין שטעלע! — האט חיטראָווצין מיט א בעפעהלענדען טאָן געזאגט.

זלאדייקינא האט זיך הינטער זיך פון איהם אפּגערוקט און האט זיך אויף דעם זעלבען שטוהל א וואָרף געטהאן.

חיטראָווצין איז צו איהר צוגעגאנגען און האט זיך נעגען איהר געזיכט אוועק־געזעצט.

— וויפיעל האָסט דוא גענומען ביי אלעקסייעוו'ן פאר אונטערווארפען פּאוולען דיא באָמבע? — האט חיטראָווצין איהר רוהיג געפרעגט.

— אָי — האט זלאָדייקינא געקרעכצט — וואס האָסט דוא צו מיר?

— זאָלסט מיר דיא סעקונדע אויף מיין פראגע ענטפערן — האט חיטראָווצין אנשטעלענד דעם רעוואָלווער נעגען איהר ברוסט איהר בעפוילען.

— צוויי טויזענד רובעל, — האט דיא שפּיאָנין קוים ארויסגערעדט.

— לייג אוועק דאס געלד אויפ'ן טיש.

— אָ, מיטלייד קאָזלאָוו, איך וועל דיך ליעבען....איך....—האט זיא וויא מיט א געלעהמטען צונג געשטאמעלט.

— דיא מינוט זאל ליעגען דאס געלד אויפ'ן טיש! — האט חיטראָווצין זיך אויפהויבענד וויא א ווילדער טיגער פון זיין שטעלע געביטעריש געזאגט.

זלאדייקינא האט מיט ציטערענדע הענד ארויסגעצויגען א פּארטעמענא פון איהר בוזים און האט איהם אויפ'ן טיש א וואָרף געטהאָן.

— ווארום האָסט דוא דיא דינאמיט פון דער באָמבע ארויסגענומען און האָסט איהר אנגעפילט מיט שמעק־טאבאק? -- האט חיטראָווצין צאָרניג איהר געפרעגט.

— וועסט דוא מיר גלויבען וואס איך וועל דיר ענטפערן? — האט איהם דיא שפּיאָנין מיט טרעהרען אין דיא אויגען געפרעגט.

— חיטראָווצינען בעדאַרפסט דוא עס ניט זאגען, דיינעם א ליעגען וועט ער אָנטאַפּען מיט דיא הענד. דיא וואהרהייט וועט ער אויך פערשטעהן.

— וויא איך האב דיא באָמבע גענומען, אזוי האב איך איהר אפּגעזעצט — האט דיא שלאנג איהם ערוויעדערט — איך שווער דיר ביי גאָט, אז דאס איז וואהר.

חיטראָווצין האט זיך פערטראכט.

— מעגליך, — האט ער נאך א קורצע פּויזע א וואָרטשע געטהאן — איצט זאג מיר מיין קעצעלע, וואו האָסט דוא אהינגעטהאן גענעראלאָוו'סביידע יתומים?

— איך האב דיר שוין דאמאלס געזאגט, אז איך האב זיי איבערגעלאָזען אין א גרוב — האט דיא שפּיאָנין מיט א ציטערענדע שטימע איהם ערוויעדערט.

— אין וועלכע געגענד?

— אין א וואלד ניט ווייט פון דער וואָלגא.

— איז דאס געווען ווייט פון איוואנאווקא, אדער נאָהענט?

— ביי א דריי פיער מייל פון דאָרטען.

— איצט דערצעהל מיר, מיין טייבעלע, וואוהין ביסט דוא פון מיר פערשוואונדען געוואָרען? — האט חיטראָווצין רוהיג צו איהר גערעדט — ביי איין ליעגען פערבלייבסט דוא ניט א לעבעדיגע. דאס איז שוין איצטער פאסט אַלץ איינס.

— נעוואלד קאָזלאָוו, וואס האָסט דוא צו מיר? — האט זלאָדייקינא וויינענד איהם געפרעגט — פון ווייטערדיגע ליעבע האָסט דוא מיר ענטזאגט; מיין געלט האָסט דוא פון מיר אוועקגערויבט; איצט נעהמסט דוא אויך מיין לעצטען גראָשען פון מיר צו.

— דערצעהל! — האט חיטראָווצין מיט א שטרייגגען טאָן איהר אונטער־בראָכען — מיין ניט אז דוא וועסט זיך שוין היינט פון מיר אויסדרייען. איך מוז דיא מינוט אלעס וויסען.

— איך בין צופעליג אריינגעפאלען אין ווילנא — האט דיא שפּיאָנין טרויעריג און אויפגערעגט גערעדט.

— וויא האסט דוא דארט געהייסען!

— מיט מיין וואהרען נאמען מאריא זלאדייקינא, ווייל יענער פערברעכען אין חערסאן איז ביז היינטיגען טאג ניט בעוואוסט געוואָרען.

— דערצעהל ווייטער!

— איך האב אריינגעטרעטען אלס פיאנא-לעהרערין אין א אידישע הויז, — האט זלאדייקינא מוטהלאָז דערצעהלט — דאָרט איז מיט מיר באלד בעקאנט גע־וואָרען דער ווירטה און צווישען אונז איז בעשטאנען א געהיימע ליעבע.

— וויא האט דער ווירטה געהייסען?

זלאדייקינא האט זיך פערהוסט.

— הוסט היינט, הוסט מאָרגען, — האט חיטראָוועצין געלאסען גערעדט — ביי איין ליעגען ביזט דוא אויף דיעזער שטעלע א דערשטאָסענע וויא א צוויג.

— וואצו האסט דוא עס אלץ נייטהיג צו וויסען? — האט זלאדייקינא ציטע־רענד איהם געפרעגט.

— דערצעהל! — האט חיטראָוועצין איהר בעפוילען און האט מיט שווערע לאפעס איהר א נעהם געטהאן פאר'ן האלדז.

— געוואלד, איך דערצעהל! — האט זלאדייקינא פון אונטער זיינע בערישע לאפעס מיט א פערשטיקטע שטימע געברומט.

חיטראָוועצין האט איהר האלדז פריינעלאזען.

— ווילסט דוא מיך ערמאָרדען? — האט זלאדייקינא מיט א ציטערענדע שטימע איהם געפרעגט.

— דערצעהל!

— צווישען מיר און דוד פיינשטיין האט זיך געשפיעלט אונטער זיין ווייב'ס וויסען א געהיימע ליעבע. איהר איז דאס אבער באלד בעוואוסט געוואָרען און זיא האט אנגעהויבען צו פערפיהרען סקאנדאלען מיט איהר מאן. דוד פיינשטיין האט אבער אונז ביידען אפגענארט און בעטראָגען. ער איז געוועזען א קארטענשפיעלער און איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט א באנדע רויבער און באהן-גנבים. פריהער האט ער זיין ווייבס פערמעגען פערשפיעלט אין קארטען אדער איינפאך צוגענומען און גע־זאגט אז ער האט דאס געלט פערשפיעלט; נאכהער האט ער אויסגענארט ביי א יונגען מענשען יאקאב גרינבערג א שעהנעם פערמעגען, מיט'ן פערשפרעכען אז ער וועט זיין ווייב געבען א גט, אום גרינבערג, וועלכער האט פיינשטיינס ווייב נאך פון קינדהייט אן געליעבט, זאל איהר קענען הייראטהען, און נאכדעם האט ער (דוד פיינשטיין) אויסגענארט פון מיר דאס געלד, וואס איך האב—

דיא שפיאָנין האט זיך פערהאקט און האט מיט איהר גאנצען קערפער א ציטער געטהאן.

— וואס דוא האסט ארויסגענומען פון באראן גענעראלאווס קאסע? — האט איהר חיטראָוועצין פערדריסליך געפרעגט.

— אָ, יא, — האט דיא שפיאָנין א קרעכץ געטהאן,

— און דעם דוד פיינשטיין האָסט דוא נאכהער פערגיפטעט? — האט איהר חיטראָווצין געפרעגט.

— אָ, וואָצו האָסט דוא דאס אויף נייטהיג צו וויסען? — האט זלאדרייקינא בעטריבט געפרעגט.

— ביז אם ענדע בעקומסט דוא ניט פון מיר קיין אנטוואָרט, — האט חיטראָוו־צין שטריינג געזאגט — און דוא דערצעהל דיא וואהרהייט אויב דוא ווילסט לעבען. זאָג מיר דיא מינוט וואָצו האָסט דוא דוד פיינשטיין מיט זיין קינד פערגיפטעט?

— אויס ראַכע פאר מיין געלד און אויס האס צו זיין ווייב שרה פיינשטיין.

— וויא אזוי האָסט דוא דיין פּלאַן אויסגעפיהרט?

— מיט דיעזען בעשלוס — האט דיא מערדערין פאָרטגעזעצט — האב איך זיין הויז אויף גאנצע צוויי יאהר פערלאזען. איך האב געדיענט אלס גאָווערנאנטין אין א קריסטליכע הויז אין א ווייטע גאס פון דוד פיינשטיין מיט זיין ווייב. מיט צוויי יאהר צוריק האב איך דערהיט א צייט ווען שרה פיינשטיין איז ניט געוועזן צו הויזע. איהר דיענסט מיידעל האט געטראגען פון א קראם א קריגעל מיט מילך און דארט האב איך אריינגעשאָטען א דאָזע ארזעניק....

— דוא ביסט א חוואַטסקע נקבה! — האט חיטראָווצין א קלאַפּ טהאנדיג איהר אין פּלייצע געזאגט — אבער איך בין שוין א בעלן צו וויסען וויא אזוי איז דאס שולד געפאלען אייף שרה פיינשטיין?

— נאר איינפאך, ווייל עס זיינען געוועזן צייגע, דאס זיא האט זיך מיט איהר מאן יענעם אבענד שטארק געצאנקט און אלע האבען געוואוסט, אז צווישען זיי איז זעהר א בייז לעבען.

— און וואס האט גערעדט דאס מיידעל וואס האט געבראַכט דאס קריגעל מיט דיא פערגיפטעטע מילך?

— דאס איז געטהאן געוואָרען פלינק, אז דאס מיידעל האט עס ניט געקענט בעמערקען. אויסער, דעם האט דער פערגיפטעטער דוד פיינשטיין אויסדריקליך גע־זאגט, אז זיין ווייב האט איהם פערגיפטעט.... זאָלסט אבער וויסען קאָזלאָוו, — אז וויא באלד איך וועל דורך דיעזע בעשולדיגונג אריינפאלען, ווערסט דוא מיט מיר צוזאמען פערא:גליקט....דוא פערשטעהסט?

— איך פערשטעה, — האט חיטראָווצין געלאסען געענטפערט — אָבער דוא זאָלסט מיר דיא מינוט זאגען וואו האָסט דוא אהינגעטהאן באראן גענעראלאָוו'ס טעסטאמענט?

זלאדרייקינא איז פון איהר שטעלע אויפגעשפרונגען.

— פון וואַנען ווייסט דוא פון דיעזען פאפּיער? — האט איהם דיא שפּיאָנין איבערראשט געפרעגט — סיידען דוא ביסט א טייפעל פון דער העללע.

— אָט דאס בין איך טאקי! — האט חיטראָווצין אויסגערופען — און איך וויל שוין וויסען, וואו איז דיא צואה?

זלאדרייקינא האט זיך פערטראכט.

(Iron. 38).

— הער נור קאָזלאָוו, — האט זיא נאך א קורצ׳ן פּאוזע געזאגט — וויא באלד דוא ווייסט פון דער צוואה און דוא ערראַינערסט זיא איצט, זעה איך, אז מיט אונז ביידען האַלט עס זעהר ניט גוט.... לאָמיר צוריק ווערען וואס מיר זיינען געוועזן; איך וועל דיך ליעבען טריי און עהרליך און לאָזען זיך אונזערע ביידענס קלוגע קעפּ פּער־איינינען אום אויסצומיידען דעם געפאהר וואס שטעהט אונז פאָר. פאָלג מיך קאָזלאָוו, זיי צו מיר וואס דוא ביסט א מאָל געוועזן און הער מיך אויף צו פּלאַגען און פּער־פּאָלגען. ווייסט דוא דען ניט, אז דיין ליעבען איז פערבונדען אן מיינעם? אָט נעהמסט דוא וויעדער צו מיין לעצטען „שוועך פערהאָרעווטען״ גראָשען; ביי ליעבע איז דאס גאָר ניט; אבער ביי האס און פערפאָלגונג האט עס פּיעלעס צו זאגען; דוא ווערסט מיך אזוי לאנג מאַטערען, אזוי לאנג פּלאגען, ביז דוא ווערסט מיך פון געדולד ארויס־פיהרען. און איך וועל מיך מיט דיר צוזאמען איבערגעבען אין דיא הענד פון דער פּאָ־ליציי. בעדארפסט פערשטעהן דיא ענדע פון אונז ביידען.... יעדענפאַלס ווייסט דוא דען ניט, אז דוא ביסט דא נאר ניט מעהר תקיף פון מיר?

חיטראָווצין האט זיך פערטראַכט. א שפּיאנין וויא מאריא זלאַדייקינא איז פאר מיר דא זעהר וויכטיג, — האט ער זיך א קלעהר געטהאן — זיא מיט איהר טייפעל־שען קאָפּ וועט שוין קענען אויספּאסען מיינע פערפאָלגער דעם באראָן גענעראלאָוו און חנה פראנק, און צו זאכאַרין׳ס ירושה וועט עס מיר אויך קענען נוצען.... אפשר איז עס טאקי א סברה?

— מעגליך אז דאס וועט געהן, — האט איהר חיטראווציק נאך א קורצען שטיל־שווייגען ערוויעדערט — דוא מוסט מיר אבער זאגען פאָראויס, וואו איז באראן גענע־ראלאָווס צוואה!

— זיא איז ביי שרה פיינשטיין.

— ביי שרה פיינשטיין? האט חיטראָווציק פערוואונדערט איהר געפרעגט — וויא קומט גענעראלאָווס טעסטאמענט ביי שרה פיינשטיין?

— דאס איז דער איינציגער געוועהר וואס דיעזע פרוי האט נעגען מיר — האט זלאַדייקינא אויפגערעגט איהם געענטפערט — זיא האט אמאָל אונטערזוכט אלע מיי־נע זאכען, וועהרענד איך בין ניט געוועזן צו הויזע, און זיא האט דעם טעסטאמענט פון מיין טשעמאָדאן ארויסגענומען.

— פון וואנען ווייסט דוא, אז זיא האט עס געטהאן?

— ביי איהר ענטלויפען פון ווילנא, האט זיא זיך אויסגעדריקט, אז זיא האט גענגען מיר א געוועהר, וואס איהר דוכט, אז זיא קען מיך דורך איהם פעראונגליקען.

— יעצט וועל איך דיר פערטרויען, — האט חיטראָווציק געזאָגט — אז באראָן גענעראלאָווס אינגערער ברודער זוכט אונז ביידען ארום אין מאָסקווא. פרעהט עס דיר זלאַדייקינא?....

זלאַדייקינא איז לייכענ־בלאס געווארען און זיך אויפהייבענד פון איהר שטוהל האט זיא צו חיטראָווצינען געזאָגט:

— און יעצט ווילסט דוא נאך פערפיהרען מיט מיר נייע סקאנדאלען? איך האב ווירקליך געגען דיר בעגאנגען א פערברעכען, וואס איך האב דיר ניט געגעבען צו־

וויסען וואו איך בין פון גענעראלאָווס הויז אהינגעקומען; אבער איך וועל יעצט אויסקויפען מיין זינד מיט ליעבע און טרייהייט. זיי צו מיר וואס דוא ביזט אמאל געווען, וועסט דוא זעהן מיט דיינע אויגען, אז באראָן גענעראלאָוו, וועלכער פערפאָלגט אונז דאָ אין מאסקווא וועט געהן אין קורצען געשמידט אין קייטען....

— דער דאָקומענט ביי שרה פיינשטיין אין דיא הענד, האט חיטראָווצין זיך אפגערופען איז נאך ביי מיר ערגער אלס באראָן גענעראלאָוו. פון אן אפגענעם פערפאָלגער קען מען זיך איינהיטען; אבער ניט פון א געשריבענעם דאָקומענט אין פערבארגענע הענד. ווען מען זאל אפילו אונזער פערפאָלגער אויפהיינגען, קען אלס דער דאָקומענט דיך פעראונגליקען. עס וועט מעהר ניט פעהלען וויא דיך אוועקצופיהרען אין דעם דאָרף קורילא לעבען איוואנאָווקא און דארט וועלען צוואנציג מענשען דערקענען אין מאריא זלאָדייקינא'ן דער יונגער נאניע פושקינא, וועלכע איז פערשוואונדען מיט ביידע קינדער פון דיא ערמאָרדעטע.... ניין יאהר זיינען ניט קיין ניינציג....

— איך וועל אלע שפיאָנישע מיטלען אנווענדען אויך שרה פיינשטיין אויסצוגעפינען, — האט דיא שפיאָנין נאך א קורצען נאכדיינקען געזאָגט — איך צווייפעל נאר ניט, אז זיא געפינט זיך דא ערגעץ אין מאָסקווא.

— און וואס וועסט דוא מיט איהר טהאן? האט חיטראָווצין אונרוהיג איהר געפרעגט — וועגען גענעראלאָווס טעסטאמענט איז נאך מיט ניין יאהר צוריק געווען געמעלדעט אין „פראַוויטעלסטווענני וויעסטניק", צוזאמען מיט'ן מארד־בעשרייבונג. דער גאנצער גליק איז דערוויל, וואס שרה פיינשטיין איז א קליינשטעטעלדיגע זשידאָווקא און האט דיא זאך אדער ניט געלעזען אדער פערנאכלעסיגט. ווען ניט דאס, וואלט שוין מאריא זלאָדייקינא לאנג געזעסען אין דיא הויכע פענסטער.

— איך זאג דיר נאך אמאל קאָזלאָוו, — האט דיא שפיאָנין צורודערט גערעדט — אז דוא בעדארפסט איצט מיט מיר שליסען פריעדען — אונזערע ביידענס קעפ וועלען געווים עפעס אויסקלערען א מיטעל וועגען שרה פיינשטיין מיט'ן דאקומענט.

— שווער מיר, אז דוא האסט ניט דעם דאָקומענט, — האט חיטראָווצין פערדעכטיג צו איהר געזאָגט.

זלאָדייקינא האט זיך איינינע מאָל איבערגעקרייצט.

— געדיינק! האט חיטראָווצין ארויפלייגענדיג א פינגער אויף זיין נאָז געזאָגט — אויב דוא האסט פאלש געשוואָרען, וועסט דוא פון מיר אמאל גוט אפגעצאהלט ווערען....

— איך וועל מיט פערגניגען יעדע שטראָפע פון דיר אננעהמען, — האט דיא בעסטיע ערוויעדערט -- אבער יעצט, טהייערער קאָזלאָוו, מאך מיט מיר שלום, איך וועל דיר דיענען טריי און עהרליך צוליעב מיין אייגענעם לעבען.

חיטראָווצין האט צוגעשווינגען און אין איין מינוט איז שוין דיא שפיאָנין געווען אויף איהם פערוויקעלט וויא א שלאנג, און קלינגענדע קיסע האבען פערהילכט דעם גאנצען צימער.

— — — — — — — — — —

— דאס איז א בייזע בעגעגעניש! דאס איז א בייזע בעגעגעניש! האט פריסטאַוו יורקאַווסקי געברומט זיצענדיג אליין אין זיין קאבינעט פון זיין פריוואט וואוינונג — דיא פעטערבורגער פרוי.... אַ וויא שרעקליך! זיא האט דאך דאמאלס געמעלדעט דעם פראָקוראָר, אז זיא קען מיך דערקענען.. ענדליך נא דיר אזא מין צופאל! מיט דיע־זער פרוי אין איין צימער... איך שרעק מיך יעצט פאר דיא ווענד... האט זיא מיך ווירקליך נים דערקענט?..

ער האט זיך פון זיין שטעלע אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צום שפיגעל און נאכהער וויא ער האט זיך גוט אנגעקוקט האט ער צו זיך אליין פאַרטגעזעצט:

— ניין, יעצט איז נאר אונמעגליך מיר צורערקענען. איך בין אין גאנצען אפּ־געראזירט, דיא וואנצעס זיינען שווארץ, דונקעל בלויע ברילען אויף דיא אויגען און דער מונדיר?.. ניין, דאס איז ווייטלויפיג; אבער וואָצו האב איך חייקא פראַנק פריינגעלאַ־זען? דיא פרוי קען דאך זיך שטויסען... האפּט עס דער טייפעל! איך האב מיך אזוי דערשראָקען, אז איך בין געוואָרען אויסער זיך.

א פלוצלינגער קלאפּ אין טהיר האט איהם אזוי איבערראַשט, אז ער איז פון זיין שטעלע מיט א ציטער אָפּגעשפּרונגען, פונקט וויא א שלאנג וואלט איהם א ביס געטהאן.

ער איז מיט שטילע טריט צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט זיך איינגעקוקט דורך דאס לעכעלע פון'ם שליסעל.

— א פרוי! — האט ער ערשראָקען צו זיך אליין א ברום געטהאן — ניין איך וועל איהר צו זיך נים צו לאָזען.... איך האב א קאנצעליאריע און דארט זאל איהר אויפנעהמען מיין פּאָמאָסטשניק (אסיסטענט).

אין דער טהיר האט זיך געהערט נאך א קלאפּ און יורקאַווסקי האט איינגעהאַל־טען זיין אטהעם.

— טשאָרט פּאָבערי, — האט ער זיך פלוצלונג א קלער געטהאן — זיך אלץ אזוי שרעקען? איז דאס א תכלית פאר א פריסטאַוו? אויף אזא ארט קען איך דאך נאָך גיבער מיין קאָפּ פערליערען..

ער איז אבערמאלס צו דער טהיר מיט שטילע טריט צו געגאנגען און האט זיך נאך אמאָל איינגעקוקט דורך דאס לעכעל פון דעם שליסעל.

— ניין דאס איז נים זיא, — האט ער א וואָרטשע געטהאן און זיין פינסטערע געזיכט איז ערהייטהערט געוואָרען.

ער האט דיא טהיר אויפגעמאכט און א דאמע פון א יאהר פופציג איז צו איהם אין קאבינעט אריינגעגאנגען.

— וואס ווינשען זיא? האט ער איהר עדעל געפרעגט.

— זעהר א וויכטיגע זאך האט מיך צו אייך, הערר פריסטאַוו, געבראכט, — האט דיא פרוי געזאָגט - און אבוואהל דיא זאך איז זעהר אן אלטע, דאך פערהאָפ איך, אז מיט אייער הילפע וועל איך ערדייכען מיין ציעל און איהר וועט דערפאר זעהר גוט בעפריעדיגט ווערען.

— ביטע זעצט אייך מאדאם, — האט יורקאווסקי צו דער פרוי העפליך גע־זאגט.

דיא פרוי האט זיך אוועקגעזעצט און יורקאווסקי האט גענומען פלאץ נעגען איהר.

— דיא זאך וואס איך האב אייך צו דערצעהלען, — האט דיא פרוי גערעדט — איז א געהיימניס, וועלכע איך טראג שוין זייט פינף און צוואנציג יאהר טיעף בעהאלטען אין מיין הארצען און צוליעב געוויסע אומשטענדע וויל איך עס יעצט ענטדעקען, און ווען יא ענטדעקען, מוז איך מיר ווענדען צו אייך, הערר פריסטאוו, ווייל מען האט מיר ווענען אייך דערצעהלט, אז איהר זייט זעהר א טיכטיגער מענש, וועלכער האט אין דיער קורצער צייט פון זיין דיענסט פיעלע געהיימע זאכען ענטדעקט.

— איך בין נייגיריג צו וויסען וואס איהר האט אזוינס מיר צו פערטרויען — האט יורקאווסקי איהר ערוויעדערט.

— איך זאג אייך פאראויס, — האט דיא פרוי געזאגט — אז איהר וועט ערענטליך דערפאר בעפריעדיגט ווערען און אויסער דעם וועט איהר זיך דערמיט אויסצייכנען פיר דיא העכערע נאטשאלסטווא. און יעצט לאמיך ריידען צו דער זאך:

מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק בין איך געווען זעהר אין א קריטישע לאגע. מיין מאן איז געווען אן ארבייטער, וועלכער האט געליטען שווינדזוכט און איז ענדליך נעשטארבען אין א האספיטאל אין „טווער”. ער האט מיך געלאזען עלענר מיט א קליין קינד אויף דיא הענד. דאס איז געווען א מיידעלע פון א יאהר מיט דריי מאנאטען, דורך וועלכע איך בין געווען געבונדען און האב גאר ניט געקענט טהאן פאר מיין ערנערונג. אין יענער צייט איז געקומען א יונגער מאן פון מאסקווא און האט געזוכט זיינס א פערלארענע מיידעלע מיט שווארצע געקרייזעלט הערלאך, וועלכע ער האט מיט ניין מאנאטען צוריק געלאזט ליעגען אין טווער אויף דער שטראסע. דער שרעקליכער נויטה האט געבראכען מיין מוטער־ליעבע, איך האב מיין מיידעלע אפגעקרייזעלט איהרע שווארצע הערלאך און האב דאס קינד דעם יונגען מענישען אפגעגעבען אלס זיין פערלארענע מיידעלע. איך האב פון איהם בעקומען צוועלף הונדערט רובל פאר מיין אפהיטען זיין קינד און דער יונגער מענש איז מיט דאס קינד אוועקגעפארען....

— ווייסט איהר וויא יענער מאן האט געהייסען? — האט דער פריסטאוו איהר געפרעגט.

— יענער מאן האט געהייסען פיאדאר מאליושין, — האט דיא פרוי ערוויעדערט — אבער איך וויים בעשטימט, אז דאס איז ניט זיין וואהרער נאמען.

— פון וואנען ווייסט איהר עס? האט איהר דער פריסטאוו אונטערבראכען.

— ווייל נאך דאמאלס, ווען מאליושין האט מיט זיין פרוי געוואוינט אין טווער, איז געגאנגען צווישען דיא נאכבארען א זאגע, אז ער איז אן אנטלאפענער זוהן פון א מיליאנער, צו וועלכען דער פאטער לאזט זיך ניט דערקענען, ווייל ער האט געהייראטעט א דיענסט מיידעל; אנדערע האבען בעהויפטעט פערקעהרט, אז זיא

איז א מיליאָנערס א טאָכטער און ער אן איינפאכער גאס מענש. קיין פּאַספּאָרט איז דאמאלסדיגע צייטען אין טווער ניט געווען נייטהיג. און דער יונגער מענש האט זיך א נאָמען גענעבען פּיאָדאָר מאַליושין.

— דאס איז נאך אלץ קיין בעוויז ניט, אז ער האט געטראָגען א פאַלשען נאָמען — האט יורקאַווסקי איהר ערווידערט — און וויא באלד ער האט מאַכי יא אנדערש געהייסען וועט זיין זעהר שווער און פאסט אונמעגליך איהם אויסצוגעפינען; דען וויא איך זעה, האט איהר ניט וועלכע עס איז בעווייזע, וואס קען אונז ארויפפיהרען אויף זיינעם א שפור.

— ווען ער האט דאס קינד פון מיר צוגענומען, — האט דיא פרוי געזאגט — האב איך איהם געפרעגט, וואו איך קען איהם אמאל אויסגעפינען, ווען איך וועל וועלען א קוקטהאן אויף דאס שעהן מיידעלע, וועלכע איך האב ניין חדשים געהאָדעוועט, און זיין אנטווארט איז געווען „אין קופּעטשעסקי קאבאק“. דיעזע ווערטער געדיינקען זיך מיר נאך ביז היינטיגען טאג.

— זעהט איהר, — האט יורקאַווסקי ערפרייט אויסגערופען — דאס האט שוין עפּעס צו זאגען. איך וועל מאכען שטריינגע נאכפארשונג און דיעזע טעג בעקומט איהר פון מיר אן אנטוואָרט. דיא זאך איז מיר גלאט עפּעס געפעהלען, און ווער ווייסט וואס פיר א מיליאָנערס א טאָכטער איהר האט אויף פרעמדע הענד אויפגעאָדעוועט.

— און איך אליין האב מיר יעצט אויך אויף מיין שיקזאל זעהר ווענינ צו בעקלאָגען, — האט דיא פרוי איהם ערווידערט — איך בין מיט פלייס געקומען נאך מאָסקווא אויפצוזוכען מיין טאָכטער, און אזוי וויא מען האט מיר דערצעהלט, אז איהר זייט זעהר א טיכטיגער מענש אין אויסצוגעפינען געהיימע זאכען, האב איך מיר גלייך צו אייך געווענדעט, ווייל איך וויל, אז דיא זאך זאל דא אפגעהן שטיל.... אָט האט איהר, העד פריסטאַוו פאר איזוואָזטשיקעס און אנדערע קליינע קאָסטען.

זיא האט אויף'ן טיש אוועקגעלייעט א פאר פינף און צוואנציגער און איז צופריעדען פון פריסטאַוו אוועקגעגאנגען.

65טעם קאַפּיטעל.

העלדענמוטה.

דאקטאר פעליקס סאבאקאוו, וולאדימירס בן־יחיד'ל איז יעצט איבערגליקליך. ער האט גאר אהן מאַטערניש אויסגעפיהרט וואס ער האט געוואלט. דיא שעהנע ליזא אנדריאנאווא, איז מיט איהם עפענטליך פערלאבט, דאס איז פאר איהם א גרויסער זיעג, און ער האט יעצט מיט וואס צו שטאָלצירען פאר אלע זיינע קאמעראדען, דיא פראנטען און דיא לעבע־יונגען. זיי פלעגען פון איהם שטענדיג לאכען, וויא קומט ער זיך איינריידען אזעלכע פוסטע זאכען, אז דיא שעהנע גוט־ערצויגענע יונגע נרעפין, וואס איז פון דיא זעלטענהייטען אין מאסקווא, זאל אמאל געהערען צו איהם. וועהרענד ער איז גאר א גוטער שאמפּאַניע טרינקער, א שלעכטער קארטען־שפּיעלער און א זוהן פון א פינסטערן טייפעל, וועלכער דערשטיקט רוסלאנדס בעסטע קינדער אין

דיא העלישע צעלען פון „טרעטיע אָטדעליעניע" און אין דיא חושכ'דיגע קאָזעמאטען פון מאסקווער אָסטראָגען און זייערע האָספּיטעלער. ענדליך אבער איז פעליקס פּלר צלינג פערלאָבט געוואָרען מיט דער יונגער הערליכער גרעפין און אלע, וועלכע האבען פין איהם חוזק געמאכט, זיינען יעצט פערוואונדערט און איבעראשט. דערצו נאך האט גאר פעליקס צוויי אנדערע שמחות, וועלכע ער האט גאר ניט ערווארטעט. ער האט געבעטען זיין טאטען, אז ער זאל רחמנות האבען אויף דער יונגער אקטריסע פּאאולינע קאזאקאווא, וועלכע איז נעבאך אונשולדיג אריינגעפאלען אונטערשרייבענדיג דעם נאָמען פון פּריסטאַוו איוואנאָווס ווייב אויף א פּערצעהן טויזענד־רובילדיגען וועקסעל ביי פּישקא דעם פּראָצענטניק, און זיין טאטע האט איהם געטהן צוליעב. ער האט זיך באלד נעזעהן מיט וועמען מען בעדארף, און דיא אקטריסע איז ביז דעם פּראָצעס בעפרייט געוואָרען פון'ם אָסטראָג דורך גוטזאגונג, אז זיא וועט פון מאסקווא ניט ענטלויפען. פעליקס האט באלד ביי איהר אויסגעצאפּט דיא זעקס נייענקע הונדערטער, וועלכע פּריסטאַוו איוואנאָוו האט איהר דאמאלס געגעבען פאר'ן מאכען דעם פּאָדלאָג, און אונזער טהייערער בן־יחיד'ל, מאריא אנדריאנאָווא'ס קינפּטיגער שווינגערזאהן, האט זיך באלד אריינגעחאפּט אין „דוואָריאנסקי קלוב" אויף „פּיעטראָווקאָ" און האט פערליינט א סטאָס מיט אן אונבעקאנטען פּאָלקאָווניק פון טיפּליס, דאס קערטעל איז פעליקס'ן אוועקגעגאנגען, און פון דיא זעקס הונדערטער איז געוואָרען צוועלף.

— מיין נאמען איז אלכסנדר גומאָנאָוו, — האט צו איהם דער פּאָלקאָווניק ביים ענדיגען דאס שפּיעל געזאגט — און מיר פרעהט זעהר צו זעהן אזעלכע גוטע שפּיעלערס אין מאָסקווא, חאָטש דאס קאָסט מיך עטליכע גראָשען.

— און איך הייס דר. פעליקס סאבאקאוו — האט דער בן־יחיד'ל פרעהליך איהם ענטוועדערט — וועלען מיר מאָרגען נאך אמאל שפּיעלען?

— אָך, מיט'ן בעסטען פערגניגען,— האט דער פּאלקאָווניק איהם ליעבליך געענטפערט — אבער איך לייד ניט דיא אלע קלובען און עפענטליכע הייזער....

— אין איך לייד זיי אויך ניט, — האט פעליקס זיך אפּגערופען — איהר קענט מיך לאַדען וואו איהר ווילט.

— איך בין דאָ א גאַסט און לאָזשיר אין האטעל „דרעזדען", — האט דער פּאָלקאָווניק געזאגט.

— אָ, דאָרט איז דאך גאָר א מחיה! — האט פעליקס שמייכלענד אויסגערופען.

— איהר קענט מיר יעדען אבענד פון ניין אוהר אָן טרעפען צו הויזע אין נומער זיעבען, — האט דער פּאָלקאָווניק מיט א תם'אָוואטע מינע געזאגט.

— מיך פרעהט זעהר אייער בעקאנטשאפט, — האט פעליקס מיט א צופריעדענע מינע ערוויעדערט.

— און מיך עבענזאָ.

יעצט איז שוין פעליקס זייט צוויי וואכען בעקאנט מיט אונזער פּאָלקאָווניק גומאנאָוו אויס טיפּליס. דאָר ווארט „איהר" איז ישון זייט דעם צווייטען סטאָס ביי דיא בּיידע פריינדע הערונטערגעפאלען. עס ווערט צווישען זיי גערעדט פער „דוא" און

שוין איינינע טעג. אז דעם פּאָלקאָווניק האָט אויפגעהערט צו נעהן א קערטיל; ער פערשפּיעלט כסדר און פּעליקס טראָגט זיך ארום מיט פולע קעשענעס און מיט אפּפּלען קעפּעל שאמפּאניער. עס טרעפט שוין אמאָל א טאָג, וואס ער פערפעהלט צו בעזוכען זיין געליעבטער ליזא׳ן. איהר וויים ער, וועט ער קיינמאָל ניט פערזאמען; אבער דער פּאָלקאָווניק איז א גאַסט און דערצו נאך עפּעס א מעקעלע־פּריץ מיט פּפּלע קעשענעס און אהן שאמפּאניער קען ער זיך איין שטונדע ניט בעגעהן....

היינט איז זאָנטאג. גאַנץ מאסקווא האַלט זיך אין איין וואַרפעניש און טרייסלען. צווישען צעהן מענשען אויף א טראטואר איז קאָם איינעם צו זעהן א גלייכען; דיא איבעריגע ניין נעהען אין דער קרים וויא אויף הינערשע פיסלאך, מאנכע גליטשען זיך אוים אויף דיא גלאַטע שטיינער, וויא אויף פּאָלירטע אייז, און בלייבען ליגען אין דיא רינשטאָקען. עס טראָגט זיך דער היילינגער ריח פון סמירנאווקא אין פּאָפּאָווקא אין דער לופט, אז א נאָז פון א מאסקווער גאסט קען מיינען, אז ער געפינט זיך אונטער א גרויסען קעסטעל פון א בראנפען־זאוואָד, אדער מאָסקווער באָדען איז געקנעטען פון ערד מיט בראנפען.

צווישען דער גרויסער מאַסע שכורים איז אום אכט אוהר אבענדס געגאנגען אויף טווערסקאיא אוליצא א שכורער קאצאפּ אין א קורצע פּאָדיאָווקע, וועלכער האט זיך געווארפען רעכטס און לינקס, פּונקט וויא דער ברייטער טרעטאָאר וואלט געווען פאר איהם ווענינ. ער האט געטראגען צוויי זעקעלאך פערבונדען מיט אפּאר דיענע שטריקלאך. פארביינעהענדיג דעם גרויסען האטעל „דרעזדען״ האט ער זיך אוועקגעשטעלט מיט׳ן הינטען צו דער הויז פון דעם גענעראל־גובערנאטער און האט זיך דריי מאָל איבערגעצלמט פערגלאצענד זיינע אויגען צום הימעל. דער בעטרונקענער קאצאפּ האט דערזעהן אויף א פענסטער פון דעם גרויסען האטעל א שפּיץ פון א ווייסע טיכעל און איז ווייטער אוועקגעגאנגען. קומענדיג לעבען פיליפּאָווס קאפע־הויז, האט ער זיך צו קלאפּט מיט׳ן נאָז אן א נאָז פון א צווייטען קאצאפּ.

— עך, בראטיעץ [ברודערקע] — האט ער צום צווייטען פּיאניצא געזאגט — שוין יא אזוי, טא קום לאָמיר געהן אין קאבאק אריין.

ביידע האבען זיך באלד אומגעארמט און זיך ווארפענדיג לינקס און רעכטס זיינען זיי זיך דיא גאנצע לייננ פון׳ם טרעטאָאר צווישען אנדערע שכורים דורכגעגאנגען. זיי זיינען ארויפגעקומען אויף סטראסטנאי בולוואר און האבען זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק אָפּצורוהען.

— זייט א שטונדע, — האט איינער צום צווייטען גאנץ שטיל געזאגט — זיינען זיי ביידע דארט׳ן.

— זיא געהט — האט דער צווייטער איהם שטיל אין אייער א שעפּטשע געטהאָן.

דער ערשטער האט ביידע זעקעלאך אוועקגעלייגט אויפ׳ן באנק און האט זיך פון זיין שטעלע אויפגעהובען. דער צווייטער האט זיך אויפגעהויבען באלד נאך איהם און וועהרענד א גאָנע פון הויבען וואוקס איז נאָהענט צו דער באנק צוגעגאנגען,

האבען זיךביידע שכורים פערנומען אין א זייטיגע אלעע און זיינען באלד פערשוואונדען געווארען.

— — — — — — — — — — — —

— פאָלג מיך סאשקע, — האט פעליקס געזאגט צו זיין פריינד דעם פאָלקאָווניק זיצענדיק מיט איהם ביי א קערטעל אין האָטעל דרעזדען, ווערענד דיא נאָנע האט זיך אויף דער באַנק אוועקגעזעצט — פאָלג מיך און קום מיט מיר היינט אויך אי'ן האָספיטאל. איך מוז דארט אום ניין אוהר זיין און אין יענעם צימער ווייסט דוא דאך, אז קיינער שטערט אונז ניט צו שפּיעלען חאָטש ביז טאג. וויא איז געווען יענע וואך? וויא איז געווען נעכטען? האט דיר דען אימיצער געשטערט? דיא וועכטער זיינען דאך שוין מיט דיר בעקאַנט און היינטיגע נאכט וועלען זיי גלאַט חראָפּען וויא געקוילעטע — היינט איז דאך עפּעס זאנטאג.

— דאס איז וואהר פריינד, — האט נומאגאָוו ליעבליך איהם ערוויעדערט — אבער וואצו זאלען מיר שפּיעלען דארטען? איז דען ביי מיר קיין פּלאַץ דאפיר?

— דוא ווייסט דאך, אז איך דיען דארט אלס ארצט, און איך מוז דאך יוצא זיין....

— עפּעס מיר גלוסט זיך ניט.

— עך, זיי ניט קיין נארר, א י ה ם וועט מען יעצט הענגען אום צעהן אוהר מאָרגענס.

— מיינסט דוא איך וויל ניט געהן, וווייל מען וועט דעם ארעסטאנט אויפּהיינגען? — האט נומאנאוו מיט א שמייכעל איהם געפרעגט — וואס מען טהוט מיט פּאָליטישע פערברעכער איז נאך אלץ וויניג; נור גלאט אזוי מיר ווילט זיך עפּעס היינט אביסעל אויסרוהען. גלויב מיר זיכער, אז דאס זעלבע וואלט געווען ווען דוא וואָלסט ביי מיר א פּאר הונדערטער געוואונען; דוא קענסט דאָך מיר, אז איך בין ניט קיין געלד־גייץ.

— פאָלג מיך — האט זיך פעליקס געבעטען — לאמיר היינטיגע נאכט אביסעל פערברייגען.

— איך וועל דיר זאגען דיא ריינע וואהרהייט, — האט נומאנאוו זיך אפּגערופען, אז וויפּיעל מאל שרעק אך מיך איבער פאר דיא ווילדע קולות פון דעם משוגענעם ארעסטאנט, וואס ער שרייט אלץ, אז ער וויל צוברעכען דעם קאַנאָן, דאס איז עפּעס א וואהנזיניגער מיט א לייבענ־שטימע.

— ער איז אזוי משוגע וויא איך און דוא, האט פעליקס מיט א שמייכעל איהם ערוויעדערט — ער ציטערט פאר זיין הינטערפעהלכעל און דארום מאכט ער זיך פאר משוגע; ער האט שוין געוויס בעקומען דריי הונדערט שמיץ און ראָך איז ער געזונד וויא א מויער. ער וועט אבער היינטיגע נאכט שטומען וויא א פיש.

— פון וואנען קענסט דוא עס פריהער וויסען? — האט דער פּאָלקאָווניק תמ'אָוואטע איהם געפרעגט.

— מיט איין גלעזעל בראנפּען מאך איך איהם שטיל.

— ווילסט דוא איהם דען איינגעבען א שלאָף־טרונק?

— וואָצו א שלאָף־טרונק ? ער האט גלאט ליעב דעם ביטערען טראָפּען
— א וואוילער ארעסטאנט כ׳לעבען — האט דער פּאָלקאָווניק געלאכט.
— טאָ וואס דען, איך וועל איהם לאָזען שרייען ווען איך מאך א סטאָס ?
— ער איז דאָך טאקי גאר ניט משוגע, — האט גומאנאָוו ווייטער געלאכט.
— ער איז נאך צופיעל קלאר, — האט פעליקס מיט א שמייכעל גערעדט —
ער האט שכל געהאט צו ערמאָרדען דעם בעריהמטען געהיים־אגענט פּאָדליעצאָוו און האט איהם ארייגעשטעקט אין א קאנאַן.

— אזא וואוילער יונג איז ער דאס ?

— פון דיא וואס מען פרעגט זיך אויף זיי. רייד זיך מיט איהם אויף, איז ער גאר אן איינפאכער אידיאָט. ער וועט זיך אבער אזוי לאנג פערמאסקירען, אז מען וועט איהם זיין פעהלכעל אראָפּשינדען און ער וועט אויסזאגען פון „פויגעל־מילך״.

— אבי איך האב מיך פאר איהם געשראָקען, — האט גומאנאָוו מיט אן אונשולדיגע מינע געזאגט.

— דוא האָסט זיך פאר איהם צו שרעקען וויא פאר א טויטען, — האט איהם פעליקס ערוויעדערט — קום סאשקע לאמיר געהן.

— פאָהרסט דוא דען אין האָספּיטאל אהן דיין פּאָלקאָווניק מונדיר ? — האט איהם גומאנאָוו געפרעגט.

— איך וועל מיך אויף א ווייל ארייגחאפּען אין מיין קווארטיר און וועל זיך איבערקליידען. עס איז מיר זאנאר ערלויבט אזוי צו בעזוכען דעם האָספּיטאל ; אבער היינט איז זאנטאג.

— טאָ געה־זשע נאָך הויזע און איך וועל דא אויף דיר אויפוואַרטען.

פעליקס איז פערהאסעוועט ארויסגעלאָפען און דערווייל האט גומאנאָוו אנגעשטעקט זיינע קעשענעס מיט קליינע רעוואָלווערען, מיט פערשיעדענע קליינע און גרויסע שטאָלענע און מעשענע קייטלאך מיט שטריקלאך און שלעסלאך. ער איז צוגעגאנגען צו א שראנק און האט פון דאָרט ארויסגענומען עטליכע קליינע פלעשלאך מיט קאָלירטע וואסערען און האט זיי ארייגעלייגט אין זיין בוזים־טאַש, נאכהער האט ער א קוק געטהאן אויף דאס וואנד־אוהר און איז צוגעגאנגען צו אן אָפענעם פענסטער, און דערזעהענדיג אויפ׳ן געגענזייטיגען טראָטואר דריי עלעגאנט געקליידעטע מענער מיט צילינדער־היט אויף דיא קעפּ, האט ער צוגעלייגט א ווייסע טיכעל צו זיין נאָז. צוויי זיינען באלד אוועקגעגאנגען און איינער איז צוגעגאנגען צום האָטעל, אז גומאנאָוו האט פון אויבען מעהר ניט געקענט זעהן.

מיט א שטונדע שפּעטער איז פעליקס מיט גומאנאָוו אראָפּגעגאנגען פון א דראָשקע לעבען דער טהיר פון טאגאנקער געפענגניס. דער וועכטער פון אויסווייניג האט באלד דיא טהיר פאר ביידען אויפגעמאכט.

— פראזדנעטשנאָע (לכבוד־יום־טוב), — האט גומאנאָוו צום וועכטער געזאגט איהם ארייגשטעקענד א פּאפּיערעל אין דער האנד.

— איך דאנק אייך באטיושקא, — האט דער וועכטער זיך טיעף פערנייגענד

ערוויעדערט, און האטביידע פאלקאווניקעס דורך דער האלב אפענער טהיר דורכגעלאזען.

— — — — — — — — — — — —

דער האספיטאל פאר פאליטישע פערברעכער אין טאגאנקער אסטראג ענטהאלט פיער און צוואנציג צעלטען. עס ציהט זיך א שמאלער קארעדאר אין וועלכען עס איז צו זעהן צו צוועלף אייזערנע טהירלאך פון זיינע ביידע זייטען. דיא טהירלאך ווערען נאך ניין אוהר אבענדס צוגעשלאסען, דיא שליסלען הענגען אלע אן אקייטעל מיט נומערען אויף דער האלדז פון דעזשורנעם (וועכטער), וועלכער געפינט זיך אין א דרייצעהנטען צימער וואס שליסט דעם קארידאר צוזאמען פון איין זייט אין דער ברייט. פון דעם אנדערען זייט קארעדאר איז א ברייטער זאל, וועלכער האט פיער טהירען. איין טהיר איז פון הויף דיא צווייטע טהיר איז פון דער אפטייק, דיא דריטע איז פאר א דעזשורנעם דאקטאר מיט צוויי פעלשער און דער פיערטער צימער איז פאר דער פעלשערין, וועלכע בעדארף בענוצט ווערען פאר ארעסטאנטען פון ווייבליכען געשלעכט. דיא רוסישע ארדנונג איז אבער אזוי גרוים, אז אנשטאט צוויי ערצטע און צוויי פעלשער, וועלכע בעדארפען זיך אימער דארט געפינען, איז קיין מאל ווען מען בעדארף, אפילו איינער אויך ניטא. זיי נעהמען אפילו ביי דער רעגיערונג גוטען געהאלט; אבער איינס צו דאס אנדערע האט נאר ניט. דיא דאקטורים געהען אוועק אין דיא קלובען שפיעלען אין קארטען און דיא פעלשער אהן איין ארצט וויסען דאך גאר ניט וואס צו טהאן, אלזא איז זיי גלאט ערלויבט אוועקצוגעהן ווען זיי ווילען, און אזוי וויא זיי וויסען, אז א פרוי איז מייסטענס גוטמיטהיג און וויכהערציג, פערלאזען זיי זיך אויף דער פעלשערין, אז זיא וועט פאר זיי אפטהאן וואס נייטהיג איז, און זיי פערגעסען זיך א מאל אין גאנצען צו קומען. דער דעזשורנער וויעדער מיט דיא שליסלען אויפ'ן האלדז, האט פיינד אז מען זאל איהם ביי נאכט פון שלאף אויפוועקען, חאטיש ער איז געשטעלט, אז ער זאל ביי טאג שלאפען און ביי נאכט זיין אויף; אלזא, שפיעלט ביי איהם א קליינע ראליע דאס לעבען פון דיא פערשלאסענע קראנקע ארעסטאנטען און עס טרעפט, אז ער עפענט ניט אויף זיין צימער ווען אפילו א פעלשער בעט איהם צו עפענען א טהיר אום ער זאל קענען צוקומען צו א קראנקען. א מאל ווען ער איז אין א גוטע לוינע און דיא וואדקע דרעהט זיך אין קעפעל, ניט ער אוועק אלע שליסלען פאר איין מאל דעם פעלשער אדער דער פעלשערין און פערלאזט זיך אויף דיא צוויי וועכטער, וועלכע מארשירען ארום אין קארידאר, אז זיי וועלען דיא ארדנונג אויפהיטען; אבער יעדענפאלס, איז דער דעזשורנער מיט דיא שליסלען אויפ'ן האלדז זיכער, אז קיין פאביעג (אנטלויפען) קען דארט ניט געשעהן.

היינטיגע נאכט ווען דאקטאר פעליקס זיצט אין זיין צימער און שפיעלט א שטארקען סטאס מיט דעם פאלקאווניק גומאנאוו, ליעגט זיך דער דעזשורנער מיט אלע שליסלען אויפ'ן האלדז גאנץ זיכער. ער האט זיך בעשלאסען קיין שליסעל קיינעם ניט צו געבען, ווייל מארגען אום צעהן אוהר בעדארף געהאנגען ווערען דער ארעסטאנט וואסילי פעטראוו, אדער סערגיי פאטאמקין פון אירקוטסק. דיא סאל-

דאטען האלטען אין קארידאר שטריינג דאס וואך, און דיא פעלשערין וויערא אלעק-
סאנדראָוונא געפינט זיך ביי זיך אין צימער און דיא טהיר איז פון אינווייניג פער-
שלאָסען, עס ברענט פאר איהר א קליין לעמפעל און אין ווינקעל איבער איהר
בעטעל הייגנט אן איקאָנע (היילינגעס בילד) פון דער מאמען וויא זיא האלט איהר
גאָטס בן יחידל אויפ'ן האנד און אונטער ביידע היילינע ברענט היילינע ביימאייל.

זיא זיצט אין א ווייסע נאכטקלייד אויף איהר בעטעל און איהר שעהנע
שלאַנקע טאַליע איז אונגאָרסירט. איהרע גאָלדענע האָר זיינען צוקודערט און הענגען
אראָפּ וויא געדיכטע פעדים אויף איהרע אקסלען, וועלכע קוקען אויס וויא געטאָקט
פון ווייסע מראמאָר. איהרע ראָזענפארבינע באקען זיינען עטוואס פייכט און איהרע
קאָראלען-קאָלירטע פולע ליפּען בעוועגען זיך לאנגזאם.

זיא האט זיך פּלוצלינג א וואָרף געטהאן אויף דיא קניע און האט איהרע
קליינע ווייסע און צארטע הענטליך אויפגעהויבען אין דער הויך. איהרע
שעהנע הימעל-בלויע אויגען האבען געקוקט צום באלקען און א גלענצענדע פייכטיג-
קייט האבען זיי צוגעגעבען א בעזאָנדערען פייעריגען גלאנץ.

— אָ, גרויסער שטארקער גאָט! — האט זיא שטיל געשעפּטשעט — דוא קוקסט
און דוא שווייגסט! וויא לאנג אבער וועסט דוא אזוי שווייגען? דיין גרויסע הערר-
שאפט, דיין קראַפט און מאכט, האָסט דוא אפּגעגעבען אויף דער ערד צו שלאנגען.
זיי פערבייסען דיא בעסטע מענשען אונטער דיין הימעל! זיי פרעסען אויף דיא טהייער-
סטע און עדעלסטע מענער פון דער מענשהייט. ווער הערבט דיין טראָהן? וועמען
האָסט דוא אוועקגעשענקט דיין כח? צו אן אויסוואורף, א בעסטיע, א טיראן! ער
טהוט מיט דיינע עדעלסטע ברואים, מיט דיינע פיינסטע בעשעפעניסע וואס ער
וויל. עס העלפען ניט קיינע קרעכצען, עס ווירקען ניט קיינע טרעהרען.... דאס איז
עפּעס וויא א נערוויש פון היישרעקען, וויא א גוס פון איינפאכע וואסער. — אָ
גרויסער גאָט, איז דאס דיין ערד? איז דאס דיין הימעל? זיינען דאס דיינע גנאדען?

זיא האט זיך האסטיג פון איהר שטעלע אויפגעהויבען, איהר געזיכט איז אויפ-
געפלאמט געוואָרען וויא פייער, איהרע אויגען האבען געשאָטען פונקען, זיא האט
איהרע ביידע הענד אויפגערריקט אין פויסטען און האט אויסגעזעהן וויא א ווילדע
טיגערין.

— טויט! — האט זיא א ברום געטהאן — טויט!.... מיר. זיי.... אכע....

זיא האט זיך איינגעבויגט אונטער איהר בעט און האט פון דאָרט ארויסגענומען
צוויי זעקעלאך פערבונדען מיט א שטריקעל. זיא האט איינעם פטרנאַנדער געבונדען
און האט פון איהם ארויסגענומען עטליכע רעוואָלווערען פערוויקעלטע אין א מענער
קאָסטיום, דעם צווייטען זעקעלע האט זיא געלאָזען ליעגען וויא ער איז.

— — — — — — — — — —

לכבוד זונטאג איז גלאט א מצוה, אז דיא וועכטער זאָלען אויך א פּאר שנעפּס-
לאך פון מיין בראנפען פערזוכען, — האט גומאנאָוו געזאגט צו דעם שוין גוט בע-
טרונקענעם פעליקס'ן, אוועקלייענדיג דיא קארטען.

— זיי וועלען עס נעווים פערדרעהען, — האט דער בערוישטער בן־יחיד געזאגט.

— טאָ וואָס זיצסט דוא? — האט איהם גומאנאָוו נעפרעגט — נעה פּאָיע (טרינק) זיי אָן. איך קען גאר אנדערש מיט דיר ניט שפּיעלען, וויא הייסט עס אלץ קליין טרינקען?

— וועסט דוא אבער ווייטער אויך שפּיעלען?

— אפילו ביז טאָג. יעצט איז נאך אין גאנצען איינס אוהר.

פעליקס האט גענומען דיא פלעשעל פון גומאנאָוו'ס האנד און איז אין קאָרעדאָר ארייננעגאנגען.

— עה, וועכטער! — האט ער צו דיא סאלדאטען נעזאגט — האט איהר שוין איינם ארייננעגאָסען?

— עך, בארין, — האט זיך איין סאלדאט אנגערופען — ווייזט נור א הער.

פעליקס האט איהם אנגעגאסען א גלעזעל, דער סאלדאט האט איהר איבער־געקעהרט ביז'ן דעק.

— און מיר בארין? — האט דער צווייטער סאלדאט נעפרעגט.

— ש—ש—שאַ — האט פעליקס נעזאגט — באלד קרינסט דוא.

ער האט אנגעגאָסען נאך א גלעזעל און דער צווייטער סאלדאט האט זיין גאָרגעל דורכגעשווינקט.

— נאך איינע באראָן, — האט דער ערשטער סאלדאט נעזאגט.

— דער דזשורנער איז אויך קיין הונד ניט, — האט איהם פעליקס ערוויעדערט.

ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר פון דזשורנעם און האט א געשריי געטהאן:

— עה, וואָלקאָוו, א טרונק לכבוד זונטאג!

— באלד בארין, — האט ער דערהערט א גראָבע שטימע פון אינווענינ.

באלד האט זיך דיא טהיר געעפענט, עס איז ארויסגעגאנגען א ברייטער, דיקער קאצאפּ מיט א רויטע צורה און האט זיך פאר פעליקס'ן טיעף פערניינט.

— א שנאפּס לכבוד יום טוב, — האט פעליקס איהם איבערגעבענדיג דאס פלעשעל נעזאגט.

דער דזשורנער האט דאס פלעשעל איבערגעקעהרט אין גאָרגעל אריין און האט איהר אויסגעזויגען.

פעליקס איז מיט א צופריעדענע מינע ארייננעגאנגען צו גומאנאָוו'ן און האט איהם געוויעזען ליידינע הענד.

— איז דאס פלעשעל אויך פערשלונגען געוואָרען — האט איהם גומאנאָוו לא־כענד נעפרעגט.

— זיי האבען איהר צוקיים און פערביסען, — האט פעליקס לאכענד ער־וויעדערט.

— נו, יעצט וועלען מיר ביידע מאכען א לחיים! — האט דער פּאָלקאָווניק פרעהליך אויסגערופען.

— ער האט אנגעגאָסען צוויי גלעזלאך פון נאך א פלעשעל. ביידע פריינדע

האבען זיי איינע צו דיא אנדערע בעריהרט און פעליקס האט דער ערשטער איהן איבערגעקעהרט.

— צו רפואה דיר! — האט גומאנאָװ געזאגט — יעצט װיעדער א קערטעל.

פעליקס איז אבער אין צװיי מינוטען ארום נעפאלען הינטער זיך אויפ'ן שטוהל און איז טיעף אנשלאפען געװאָרען.

גומאנאָװ האט זיך באלד ארויסגעהאפט פון צימער, ער האט נעגעבען א קראַ מיט'ן נאגעל אויף דער טהיר פון װיערא'ס צימער און באלד איז דאס מעדכען ארויס געגאנגען מיט צװיי פארטינע שליסלען אין דיא הענד.

זיא האט אויפגעמאכט איין טהיר װאו עס איז געזעסען דער מארטירער צום טויט פעראורטהיילטער װאסילי פעטראָװ.

— האָפט עדלער מענש, — האָפט, — האט זיא צו איהם מיט טרעהרען אין דיא אוינען געזאגט — אייער הילף איז נאָהענט, לאָזט איך װעל אייך אָפראזירען דעם באָרד. צייט איז דאָ....

גומאנאָװ האט זיך דערװייל א נעהם געטהאן צו פעליקס סאבאקאװ'ן און האט פון איהם אראָפגעצויגען זיין מונדיר, װעסט און הייזען. ער האט איהם געלאָזט ליעגען אין היילע ליינענע אונטערהויזען, און האט צוגענומען זיין היטעל מיט זיין שװערד און דעגען און האט עס ארייננעטראגען צו דעם אפגעראזירטען מארטירער אין צעלע, ער מיט װיערא'ן האבען איהם געהאלפען שנעל זיך אָנציהען אין פעלעקס סאבאקאװ'ס קליידער און אין א פאר מינוט ארום האט ער װאסילי פעטראָװ'ן אריינגעפיהרט צו דעם נאקעטען פעליקס אין צימער.

זיי האבען באלד נעגומען פעליקס'ן אין דער לופטען און האבען איהם אריינגעטראָגען אין פעטראָװ'ס צעלע, זיי האבען איהם גלייך װיא א סטרונע אויסגעצויגען אויף דער אייזערנער בעטעל. גומאנאָװ האט שנעל פון זיינע קעשענעס ארויסגענומען עטליכע שטאָלענע קייטלאך מיט שלעסלאך און האט פעליקס'ן צוגעשמידט צום בעטעל.

— איצט ליעג אין געהאקטע װאונדען, — האט גומאנאָװ א ברום געטהאן.

זיי זיינען באלד פון דער צעלע ארויסגעגאנגען און האבען דיא טהיר פון אויסװעניג פערשלאָסען.

— יעצט מיך, — האט װיערא דרייסט געזאגט.

זיא איז אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער און האט זיך אויף איהר בעטעל אװעקגעלייגט און גומאנאװ האט איהר צוגעשמידט דיא פיס מיט א האלבען קערפער צום בעטעל.

— נעהמט װאס שנעלער צו קאָמיאקאָװ'ן, — האט צו זיי דאס מעדכען געזאגט — װארפט איהם אריין דיא רעװאָלװערען, דאָס שליסעל מיט דאס פעקעל טאבאק....

— אדיע ענגעל נאָטעס! — האט װאסילי פעטראָװ זיך אװעקשטעלענד פאר דער בעטעל פון דאס געשמידטעס מעדכען געזאגט.

— גאָט זאָל אייך רעטען, — האט וויערא וויינענד געזאגט — נעהמט וואס אם זנעלסטען!

— זיי זיינען מיט ראשע טריט פון איהר צימער ארויסגעגאנגען.

נומאנאוו איז צוגעגאנגען צו נומער פינף. ער האט געעפענט דאס פענסטערל ין חאָמיאקאָוו׳ס צעלע און האט דאָרט אריינגעוואָרפען דאס פעקעל טאבאק מיט ינף רעוואָלווערען און דעם שליסעל.

— זאָלסט מאכען באלד פיס! — האט נומאנאָוו אין פענסטערל אריינגע־ עדט — אין דעם צימער רעכטס ליעגט פאר דיר א קאָסטיום.

אין חאָמיאקאוו׳ס צעלע האט זיך דערהערט א גערויש; אבער נומאנאוו איז נט געבליעבען שטעהן.

ער איז מיט פעטראָוו׳ן ארויסגעגאנגען אויפ׳ן הויף.

— גוטען אבענד דאקטאר! — האט דער ערשטער וועכטער זיך טיעף פער־ יינענד פאר פעטראוו׳ן געזאגט.

פעטראָוו האט איהם געשיינקט א גרוס מיט דער רעכטע האנד.

— גוטען אבענד פאָלקאָווניקעס! — האט דער צווייטער וועכטער זיך פער־ יינענד געזאגט.

צוויי סאלדאטען, וועלכע זיינען געשטאנען לעבען טהויער, האבען פארביידע אָלקאָווניקעס אוועקגעשטעלט גלייך דיא ביקסען, און דער לעצטער וועכטער, שוין ן יענער זייט טהיר האט דעם פאלקאווניק גומאנאוו געשיינקט א קוש אין דער אנד, פאר דעם פאפיערעל וואס ער האט איהם שוין דעם צווייטען מאל אריינ־ והענדיג געשענקט.

66טעס קאפיטעל.

זיא האָט זיך אַביסעל פערפלאָנטערט.

אנטאָנאָוו, דער איינענטהימער פון גרויסען האָטעל „ערמיטאזש“, זיצט אין ונסטערן קערקער אלס שווערער פערברעכער אונטער איינינע שטארקע בעשולדיגונ־ ןן. ערשטענס, האט ער חזיר׳ש געהאנדעלט נענען מאריא זלאדייקינא׳ן וואס ער אט איהר ארויסגעוואָרפען פון זיין קאבינעט ווע, זיא האט ביי איהם גענומען יהרע אכט און צוואנציג טויזענד רובעל, וועלכע מען האט פון איהר נומער ארויס־ ננב׳עט; צווייטענס, האט ער געוואָרט׳שעט אונטער איהר טהיר, ווערענד זיא האט אר פאוועל אנדריאנאוו פיגורירט אלס באראנעסא קסעניא אנדרייעוונא. מיט דעם על אויפמערקזאם צו מאכען דעם יונגען גראף, אז ער ווערט פערשטריקט אין דער וץ פון א שפיאנין, און דריטענס, האט איהר אנטאנאוו אפגעשווארצט דיא געזיכט, אט איהר מיט צוואנג אריינגענאסען אין האלדז א גרויסע דאָזע מאָרפיום אדער פיום און האט איהר ישפעט אין דער נאכט ארויסגעלייגט אויף הפקר אין א „רשות רבים“ אויף א בולוואר וואס דאס איז איינע פון דיא גרעסטע פערברעכען ניט נור גען א קייזערליכע פערזענליכקייט וויא מאריא זלאדייקינא, זאנדערן אויך נעגען שטערבליכען מענשען פון א גאנץ יאהר און א פרויען־צימער בעזאנדערס.

אפענבאך איז דיא ערשטע עטליכע טעג געווען אזוי אויפגערעגט פון דיעזע
פרעכהייט, אז ער האט צו זיך ניט צוגעלאזען אנטאנאוס ווייב און טאָכטער, וועל
בע זיינען צו איהם געקומען בעטען פאר דעם געפאנגענעם, אז מען זאל איהם אז
גרויזאם ניט בעהאנדלען בעפאר דיא פאליציי איז ניט איבערציינגט אין זיין פערברעכע
שפעטער אבער אלס דער קלוגער און פראקטישער אפענבאך האט דיא זאך גו
בעטראכט און בערעכענט, האט ער צו זיך צוגערופען זיין פערטרויטען סעקרעטא
און האט איהם געזאגט פאלגענדעס:

— מיר קומט פאר דיא גאנצע געשיכטע מיט אנטאנאוו'ן אזוי זאנדערבא
אז איך בין נאר אויסער זיך. וואס האט ער געהאט צו מאריא זלאדייקינא'ן, אז ע
זאל איהר אזוי שענדליך בעהאנדלען, און וויא קומט אזא כיאן וויא ער צו אזא ניע
דערטרעכטיגען טהאט וואס פאסט איינפאך פאר דעם געמיינסטען פערברעכער.

— איך מוז אייער עקסעלענץ זאגען, — האט דער סעקרעטאר ערוויעדערט —
אז מיר שיקט זיך דא אויך ניט דיא גאנצע געשיכטע. אנטאנאוו איז א מענש
מיליאָנער, וויא איך ווייס בעזיצט ער אויך א שעהנע בילדונג און ער איז זעהר
רוהיגער און געלאסענער מענש.

— שיקט אהער רופען זיין ווייב מיט דער טאָכטער, — האט אפענבאך נא
א קורצען נאכדענקען געזאגט.

— איך טהו עס זאָפאָרט, — האט דער סעקרעטאר געענטפערט.

ער איז ארייננעגאנגען אין קאנצעלאריע און האט בעפוילען א דיענער, אז ע
זאָל וואס אם ש.עלסטען לאדען אנטאָנאָוו'ס ווייב און טאָכטער.

אפענבאך האט אנגעקלונגען און דער סעקרעטאר איז צו איהם נאך א מא
ארייננעלאָפען.

— איך וויל שיקען א געהיים-אגענט, אז ער זאָל דיא גאנצע זאך דאָ ארומ
שמעקען, — האט אפענבאך געזאָגט — וועמען ראטה איהר מיר זאל איך אויסקלוי
בען?

— מערזאוווצין איז אויף אזעלכע זאכע א מחבל, — האט דער סעקרעטאר נא
א קורצען נאכדענקען ערוויעדערט.

— פיעללייכט נאר שורקינען? האט אפענבאך איהם געפרעגט?

— שורקין איז אפילו אויף אזעלכע זאכען אויך א בריה, — האט דער סעקרע
טאר געענטפערט — אבער ער איז זעהר מאוס מיט'ן פריסכאוו איוואנאוו דורכגעפאלען
ער איז גלאט געקראָכען אויף גלייכע ווענד מיט דעם פערדאכט, אז אנטאן איוואנא
האט געשאָסען אויף אלעקסייעוו'ן, און אז ער האט שוין יא צופעלליג דערטאפט דע
פערברעכערין שרה פיינשטיין, האט ער זיא פון דער האנד ארויסגעלאזען, און אלי
איז ער אריינגעפאלען אין א קעלער.

נאך אָפענבאכס א וואונק איז זיין סעקרעטאר פון קאבינעט ארויסגעגאנגען.

— זיא איז מיר צו פרום, — האט אפענבאך זיך געקלערט — דאס איז מי
באלד פון דער ערשטער מינוט ניט געפעהלען. א פרומע קאָקעטקע! און דאָ וועט נא

פאסען, אז די נעשיכטע מיט דיא אכט אונצוואנציג טויזענד רובל זאל אויך אזוי גלאט!

אין א פערטעל שטונדע ארום האט דער פעקרעטאר איהם נעמעלדעט, אז אנטאנאווס טאכטער איז געקומען אין קאנצעליאריע.

— הייסט איהר אריינגעהן — האט אָפּענבאך געזאגט.

אין צימער איז אריינגעקומען א שעהנע, יונגע און רייכגעקליידעטע דאמע און האט זיך העפליך פערניינט.

— ווארום איז ניט געקומען אויך אייער מוטער? — האט איהר אָפּענבאך געפרעגט.

— מיין מוטער איז געפעהרליך קראנק פאר שאנדע און הארצווייטאג, — האט דיא דאמע מיט א ציטערענדע שטימע און מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהם ערווידערט — און איך זאג אייער עקסעלענץ דיא וואהרהייט, דאס איך האלט מיך אויך קוים אויף דיא פיס. דער שטארקסטער מענש קען געבראכען ווערען ביי אזא אונגליק. ניט לאנג האבען מיינע אויגען געזעהן, וויא א מערדער האט דערשטאכען מיט א מעסער דריי מענשען, פון וועלכע איינער איז געוועזן מיין שווינער-פאטער, און יעצט זעה איך וויא א מערדערין האט ערמארדעט מיט איהר צונג מיין טהייערען פאָטער....

— מיט א צונג מוז מען פארזיכטיג זיין, — האט אָפּענבאך מיט א שטרייננגליכען טאָן געזאָגט.

— איך וויים עס עקסעלענץ, — האט דיא דאמע איהם ערווידערט — אבער איך וויים אויך, אז בעשולדיגען אומזיסט א מענשען און איהם דאדורך פעראונגליקען איז א וואהרער מאָרד-טהאט.

— יא, איך פערשטעה עס, — האט דער שעף איהר ערווידערט — אבער דאס מוז בעוויזען ווערען.

— ווען איך וואלט נעוואוסט, אז איך האב ניט דערצו קיינע בעווייזע, וואלט איך פאָרזיכטינער גערעדט.

— ציינט עס מיר אויף, איז אייער פאטעט היינט בעפרייט.

— מיין פאטער האט דריי עדות, אז דיא באראָנעסע קסעניא אנדרייעווגא, וויא אייער עקסעלענץ האט בעפוילען איהר צו רופען, איז אין זיין האטעל ניט בעשטוילען געווארען אויף איין קאפיקע.

— וויא קענען עס דיא צייגע וויסען?

— אין מיין פאטערס האָטעל זיינען שטענדיג אנגעשטעלט פריוואט שפּיאָנען אכטונג צו געבען אויף דיא געסטע מיט דיא בעזוכער פון דיא נומערען, און דריי פון זייא וועלען שווערען, אז דיא באראָנעסע איז אום צעהן אוהר אבענדס אריינגעקומען אין'ם האָטעל דורך א הינטער טהיר מיט א צוריסענע קלייד און אהנע צירונג, און אום זיעבען אוהר מאָרגענס האט זיא דיא טהיר אויפגעעפענט און האט געמאכט געוואלד, אז מען האט איהר בעשטוילען.

— קען איך דיא ציינע זעהן? — האט אָפּענבאך איהר נעפּרעגט.

— איהר קענט זאָפּאָרט נאָך זיי שיקען, און נאָך בעסער וועל איך זאָגען אייער עקסעלענץ, אז ביי מיין פּאָמער פּיהרט זיך א בוך, און וואָס דיא פּריוואט דעטעקטיווס בעמערקען עפּעס זאָנדערבארעס וועגען א גאסט, אָדער א בעזוכער, ווערט עס דיא זעלבע סעקינדע אין דעם בוך איינגעשריעבען, און דער פּאַל. וואס דיא בארָאָנעסע איז געקומען אין׳ם האָטעל דורך א הינטער טהיר אָפּגעריסען און אָהנע צירונג, איז באלד פערשריעבען געווארען אין בוך נאָך איידער זיא האָט געמאכט דעם לארעם וועגען דער גנבה.

— און וועגען דער צווייטער בעשולדיגונג וואס אייער פאטער האט איהר איינגעגעבען א שלאָף טראנק און איהר אוועקגעלייגט אויפ׳ן בולוואר, האט איהר עפּעס אין זיין פעטהיידיגונג צו צו זאָגען?

— דיא אלע בעזוכער פון אונזער גרויסען רעסטאָראנט, — האט דיא דאמע איהם ערוויעדערט — קענען עדות זאָגען, אז פון אכט אוהר אבענדס ביז פיער אוהר מאָרגענס האט זיך מיין פאָטער געפונען ביי דעם בופעט.

— דאס איז זעהר אינטערעסאנט, — האט אָפּענבאך וויא צו זיך אליין געזאגט.

— זייט זיכער עקסעלענץ, —האט דיא יונגע דאמע ווייטער גערעדט — אז דאס וועט אלעס אויפגעוויזען ווערען, און דיא זאך איז שוין היינט אוועקגעגאנגען צו דעם פּראָקוראָר.

— היינט וועט אלעס נאכגעפּאָרשט ווערען, — האט אָפּענבאך געזאָגט — און איהר מעגט זיכער זיין, אז וויא באלד דאס אלעס וועט זיך אויפווייזען, וועט אייער פאָטער גאָר אהן א פּראָצעס בעפרייט ווערען.

— און מיר פערלאנגען דורכאויס, — האט דיא פרוי מיט א פעסטע שטימע גערעדט — אז דיא זאך זאל געריכטליך פאר דער וועלט ערקלערט ווערען. מיין עדעלער פאָטער איז איבעראל בעוואוסט פאר א בראווען עהרליכען מאן מיט א פיינעם כאראקטער, און זיין אומזיסטע שאנדע מוז אָפּגעוואשען ווערען מיט דאס בלוט פון דער נידערטרעכטיגער בעסטיע....

אָפּענבאך איז פון איהרע לעצטע ווערטער שטארק געריהרט געוואָרען. זיין פּראקטישער פערשטאנד האט איהם געוויזען, ווער דא איז גערעכט.

— זייט רוהיג עדעלע פרוי, — האט ער איהר מיט א פריינדליכע שטימע געזאגט — דיא גערעכטיגקייט וועט גאָר אין קורצען ארויספיהרען דיא זאך אויף א לאד; אבער זאָגט מיר נור, וואס האט איהר עפּעס פון אייער אנפאנג ריידען זיך אויסגע דריקט, אז אייערע אויגען האבען געזעהן וויא דריי מענשען זיינען דורך א מערדער אומגעקומען. דאס איז א זאך וואס איך בעדארף עס וויסען, און מיך וואונדערט וואס איך ווייס ניט פון אזא פאקט.אין מאָסקווא.

— דאס איז געשעהן מיט א האלב יאהר צוריק ביי מיין שווינער פאָטער אין הויז אין פּעטערבורג, — האט אנטאָנאווס טאָכטער איהם ערוויעדערט.

— האט אייער שווינגער־פּאָטער אָפּט ניט געהייסען סערגייאין? — האט אָפּענבאך איהר געפרעגט.

— יא, עקסעלענץ, — האט דיא דאַמע זיפצענד איהם ערוויעדערט

— און איהר האט עס דאמאָלס געמעלדעט דעם פּראָקוראָר אין פּעטערבורג, אז איהר קענט דעם מערדער דערקענען?

— יא, איך בין עס דיא אומגליקליכע, — האט דיא פרוי געזיפצט.

— מיר איז זעהר אינטערעסאנט צו הערען דיא טרויעריגע געשיכטע פון אייך אליין, — האט אָפּענבאך געזאגט.

דיא דאמע האט א זיפץ געטהאָן און פאָרטגעזעצט:

— דיא טראַגעדיע האט זיך אזוי אָפּגעשפּיעלט, מיין מאַן פּעטער סערגייאין איז איינער פון דיא בעוואוסטע נאַטור־פאָרשער אין רוסלאנד. מיר האבען געוואוינט א טהיר ביי א טהיר מיט מיין רייכען שווינגער־פּאָטער. אלס מיין מאַן האט פערדייזט נאָך איטאַליען, פון וואנען ער איז נאך ביז היינטיגען טאג צוריק ניט געקומען, האב איך מיך איבערגעטראָגען צו מיין שווינגער פּאָטער און וואוינונג. אויף מאָרגען שפּעט אין דער נאַבט האט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף א שרעקליכער געשריי. איך בין פון מיין בעט טויט ערשראָקען אראָפּגעשפּרונגען און אריינגעלאָפען אין זאל, און פאר מיינע אויגען האט זיך פאָרגעשטעלט אזא סצענע: מיין שווינער פּאָטערסביידע בעדיענטע זיינען געלעגען אין א טייך מיט בלוט אויפ'ן באָדען און פון זיין שלאָף צימער האט זיך ארויסגעחאפּט א הויכער פערזאָן מיט דונקעל בלאָנדע לאנגע האָר און מיט א פאר טיגריישע אויגען. ער האט זיך געחאפּט צו מיר מיט א לאנגען מעסער, וועלכען ער האט געהאלטען אין דער האנד; אבער איך האב זיך הינטער־זיך אָפּגערוקט; איך האב פאר הימפּעט אויפגעהויבען א מראַמאָרנעם טישעל וויא א קליינעם באל און האב איהם א וואָרף געטהאן דעם מערדער אויף דיא פּיס. דער מעסער איז פון דעם מערדערס האנד ארויסגעפאלען און ער אליין איז גלייך ארויסגעשפּרונגען דורך א פענסטער און פון דאמאלס אָן איז ער וויא אין וואסער אריין.

— דיעזער מערדער — האט אָפּענבאך געזאגט — ווערט זייט דאן געזוכט אין גאנץ רוסלאנד. זיינע פּרעמעטען געפינען זיך אויך ביי מיר און ביי פיעלע פון מיינע געהיים־אגענטען, ריכטיג וויא איהר האט זיי דאמאָלס אָפּגעמאָהלט פאר דעם פּעטערבורגער פּראָקוראָר.

— ער שטעהט מיר נאך איצט אויך פאר דיא אויגען, — האט מאדאם סערגייאינא זיפצענד געזאָגט — און צופעלינער ווייזע האב איך היינט געזעהן א מענשען וואס זיין וואוקס און פיזאָנאָמיע האבען מיר ערינערט דעם מערדערס אויסזעהן.

— פיעללייכט איז דאס טאקע דער מערדער אליין? — האט אָפּענבאך איהר אונטערבראָכען — ביי אזא פאל האט איהר ניט ריכטיג געטהאן וואס איהר האט איהם ניט געהייסען ארעטירען.

— אָ, ניין עקסעלענץ, — האט סערגייאינא געזאָגט — דיעזער מאַן איז ניט דער מערדער.

— וויא אזוי ווייסט איהר עס ? — האט איהר אָפּענבאך פּעראינטערעסירט נעפרעגט.

— ווייל דער מאַן איז א פּריכטאָוו, — האט דיא דאמע נעזאגט — אבער ווע[illegible] ניט דאס, וואלט איך געוויס געמיינט, אז ער איז דער מערדער. אויסער דעם איז דער[illegible] מערדער געווען א דונקעל־בלאָנדין און דיעזען פּריסטאָוו'ס האָר זיינען שווארץ וויא קויל.

— ווענען דיא האָר איז דא ניט קיין רעדע, — האט אָפּענבאך איהר ערוויע־דערט — אפילו ווייסע האר קענען אויך אפּגעשווארצט ווערען; אבער דאס וואס ער איז א פּריסטאָוו, איז דער בעוויז, אז דאס איז ניט ער; נור יעדען פאלס שאדעט ניט[illegible] צו־וויסען ווער יענער פּריסטאָוו איז; מיר געהיים פּאָליציסטען מוזען שיינקען אכטונג[illegible] יעדען מינדעסטען פערדאכט. עס קען לייכט מעגליך זיין, אז דער מערדער איז נאר[illegible] געווען דעם פּריסטאָווס א ברודער, אדער א פערוואנדטער; מאַלע וואס עס קען[illegible] טרעפען ?....

— דער פּריסטאָוו הייסט יורקאָווסקי און איז אָנגעשטעלט אלס פּריסטאָוו אין[illegible] גאָראָדסקאי אוטשאסטאָק.

— האָט איהר איהם נעזעהן אין אוטשאסטאק, אדער אויפ'ן גאַס ? — האט אָפּענבאך נאכגעפארשט — איך פרעג עס אייך ווייל זעהן צו זעהן איז ניט גלייך. פון נעהענטער ביז ווייטער איז א גרויסער אונטערשיעד....

— איך האב איהם געזעהן פון זיך זעהר נאהענט אין צימער — האָט סערגייי־ינא ערוויעדערט — איך האב בעזוכט מיינע א פערוואנדטע פרוי אין דאָם סטרע־ליעצקאָוואָ און דארט האב איך איהם צופעליג געזעהן אין א הויז....

אָפּענבאך האט ארויסגעצויגען פון זיין בוזים טאש א קליין ביכעלע מיט שווארצע טאוולען און האט דארט מיט א בליישטיפט איינינע ציילען איינגעצייכענט.

— אַלזא, מאדאם סערגייאינא, — האט ער צו איהר געזאגט אריינלייגענדיג צוריק דאָס ביכעלע אין זיין בוזים־טאש — זייט זיכער, אז אויב עס וועט זיך אויפצייגען דאָס אייער פאטער אנטאָנאָוו איז אונשולדיג, וועט ער וואס אם ניכעסטען בע־פרייט ווערען. קיין עפענטליכער פּראָצעס וועט דער פון ניט ארויסגעפיהרט ווערען, ווייל זיא איז א קייזערליכע פערזענליכקייט; אבער איהר מעגט גלויבען, אז זיא וועט דער־פאר זעהר הארט בעשטראפט ווערען, אין'ם פאל ווען זיא האט אייער פאָטער פאלש בעשולדיגט.... געהט נאך הויזע און דיא זאך וועט שוין אָהן אייך ערקלערט ווע־רען.

— א שעהנע געשיכטע כ'לעבען, — האט אָפּענבאך נאָך איהר אוועקגעהן צו זיך אליין גערעדט — אבער ש־שא. דאס מוז קלוג געטהאן ווערען....

ער האט זיך אנגעקליידעט אין פאָלען אוניפאָרם און איז אוועקגעפאָהרען מיט א בעזוך צו מאריא זלאָדייקינא, וועלכע לאָזשירט יעצט אין דעם גרויסען האטעל „סלאוויאנסקי באזאר" אלס גרעפין מאריא דאנילאָווא.

דיא גרעפין האט איהם זעהר ליעבליך און קאָקעטיש עמפּפאנגען און האט איהם

איינינע מאל נעגעבען אָנצוהערעניש, אז דיא ליעבע האט איהר בעהערשט און זיא איז יעצט אויך אזוי וויא ער וועגען ליעבע געזאָגען; אבער אָפּענבאַך האט זיך גע־מאכט ניט הערענדינג. ער האט מיט איהר גערעדט וועגען זעהר ערנסטע זאכען און מיט א שטונדע שפּעטער איז ער שוין צוריק געזעסען אין זיין קאבינעט און פאר איהם איז געשטאנען אונזער בעקאנטער געהיים־אגענט מערזאוועצין....

— האט דיר עפּעס געלונגען פאר דער לעצטער צייט אויפצו־טהאן? — האט דער שעף איהם געפרעגט.

— זעהר וועניג עקסעלענץ,—האט דער שפּיאָן פערדריסליך ערוויעדערט —וואו מען טהוט זיך נאר א קער, איז אלץ מיט דיא פּוטער אראָפּ. אפילו דיא פערשימעל־טע דריי אידישע פּרויען, זיינען אויך וויא אין וואסער אריין — וועגען שרה פיינשטיין איז שוין גאר קיין רעדע ניט, זיא איז עפּעס זעהר א פּיפּגע אידענע, אז זיא האט גע־קענט אפּנארען דעם אויסגעמאכטען פּריסטאוו איוואנאָוו; אבער וועגען דיא פאלשע מינצען־מאכערקעס חנה און חייקע פראנק האב איך גרויס פערדרוס.

— איהר אלע טויגט נאר פאר א פאַרטינע שטיקעל ארבייט, — האט אפּגע־באַך מיט א פאָרוואורף געזאגט — אז מען זאל אייך געבען א מענשען מיט געבונדע־נע הענד וועט איהר איהם קענען אפּפיהרען אין דער פּאָליציי.

מערזאוועצין האט פערביסען זיין אויבערשטע ליפּ מיט דיא צייהנער.

— איך מוז אייער עקסעלענץ זאגע׳, — האט ער נאך א קורצע פּויזע גערעדט — אז איך האב אזא פאָרוואורף ניט פערדיענט. קען מיך דען אייער עקסעלענץ פער־גלייכען מיט וויאטקינען, אדער מיט אן אנדערן?....

— און דיא שמיץ אין פּעטערבורג זיינען גאר ניט?.. מען האט דיך בעזאָרגט דוכט זיך, מיט דעם דעטעקטיוו בורלאקאָוו; ענדליך איז ער פון דיר פערחאפּט גע־ווארען און דוא ביזט געקומען צוריק אין מאסקווא א געשמיסענער...

מערזאוועצין איז אזש געל געווארען פאר פערדרוס.

— אייער עקסעלענץ וויים וואס פאר א קראפט זיינען דיא ניהיליסטען, — האט דער שפּיאָן פינסטער ערוויעדערט — אָט זיינען יענע נאכט אנטלאָפען געווארען פון אָסטראָג צוויי געפעהרליכע פערברעכער, וואס איינער איז שוין געווען פעראורטהיילט צום טויט און היינט אין דער פריה האט ער בעדארפט געהאנגען ווערען.— איז דאס יט מעהר וואונדער וויא אנצוקריגען איין פערזאָן און איהם קוועלען? איך צווייפעל צו איהר קענט עקסעלענץ אזוי גוט וויא איך טאגאנקער אסטראָג. איך מוז אייך אבער זאגען, אז אנטלויפען פון דארט׳ן קענען נור טאקי אזעלכע טייפלען וויא דיא ניהילי־סטען. — אָט געה איך יעצט פון דארט און איך בין ערשטוינט און איבערראשט מיט אזא אנטלויפען. איך האב מיר גאר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז וואסילי פּעטראָוו, מיט וועלכען איך בין געזעסען אין איין צעלע, זאל בעזיצען אזא טייפלישען קאָפּ און וואסילי חאָמיאקאָוו ווייזט זיך טאקי ארויס, איז געווען איינער פון דיא געפעהרליכ־סטע ניהיליסטין, וואס רוסלאנד האט אמאָל געהאט. — ער האט דיא גאנצע צייט מיט אונז טייפעלש געהאנדעלט און עס איז געווען צווישען איהם און פּעטראָוו׳ן אפּגע־רעדט וויא אזוי זיך צו בעגעהן.

— אבוואהל דיא זאך איז מיר שוין בעוואוסט, — האט אָפּענבאַך געזאגט — דאך איז מיר זעהר אינטערעסאנט צו הערען אלע איינצעלהייטען פון דיעזען זאנדער-בארען אנטלויפען.

— דיא געשיכטע איז דא אזוי, — האט מערזאוויצין פערדריסליך דערצעהלט — מיט דאָקטאר פעליקס סאָבאַקאָוו איז בעקאנט געוואָרען א פערמאסקירטער ניהיליסט אלס איינער א פאָלקאָווניק גומאנאָוו —

— גומאנאָוו ווערט שוין איצט דורך מיר געזוכט אין גאנץ מאסקווא, — האט אפענבאך איהם אונטערבראָכען — אבער דערצעהל ווייטער.

— גומאנאוו איז איינינע מאָל דורך פעליקס'ן ארייננעפיהרט געווארען אין'ם האָספיטאל. פאריגע נאכט אום האלב־צעהן אוהר איז פעליקס ווידער געקומען מיט גומאנאָוו'ן אין'ם האספיטאל. זיי האבען דארט, וויא עס זעהט אויס, געשפיעלט אין קאָרטען און אום האלב צוויי אוהר נאך האלב נאכט זיינען זיי ביידע פון דארט ארויס-געגאנגען, און זיינען אהנע שטערונג דורכגעלאָזט געוואָרען פון אלע וועכטער. אין צעהן מינוט ארום האט דערזעהן דער וועכטער פון הויף וויא צוויי פיס שטעקען ארויס דורך דיא גראטעס פון האָמיאַקאָווס צעלע. ער מיט נאך צוויי וועכטער זיינען אריינ-געלאפען אין'ם האספיטאל און צו זייער ערשטוינונג האבען זיי דערזעהן אין קאָרידאָר וויא דיא טהיר פון האָמיאקאָווס צעלע איז אָפען. זיי זיינען אין צעלע אריינגעלאָפען און האבען דערזעהן, אז דער דעזשורנער פון דיא שליסלען הייננט מיט ביידע פיס אָן דיא אייזערנע גראטעס און זיין קאָפּ לינט אויף דער ערד.

זיי האבען פאר איבערראשונג ניט געוואוסט וואס צו טהאָן און האבען זיך גע-נומען דעם דעזשורנעם פון דיא גראטעס ארויסציהען, וויא פלוצלינג איז אין דער צע-לע אריינגעלאפען א הויבער דיקער סאלדאט און האט זיי אין דיא געזיכטער א שאָט געטהאן א פּאָר הויפענס שמעק־טאבאק, וועלכעס האט זיי באלד בלינד געמאכט. שרייען האבען זיי אויך ניט געקענט ווייל א שעהנע טהייל פון דעם טאבאק איז זיי אריין אין דיא מיילער. דיא טהיר פון דער צעלע האט זיך באלד פון אויסוויינינ פער-שלאסען און דערווייל האט דער הויבער דיקער סאלדאט זיך ארויסגעכאפּט אויפ'ן הויף און האט געזאגט צו דיא וועכטער, אז אין האספיטאל איז געשעהן א מאָרד. ער האט געטראגען א ביקס אויף דיא שולטערן און איז געווען געקליידעט פונקט וויא א נאכט וועכטער, אז דיא וועכטער פון הויף האבען געמיינט, אז ער איז היינטיגע נאכט בעשטימט געווארען צו האלטען דיא וואך ביי דער טהיר פון האספיטאל. פינף זעקס וועכטער פאר איין מאָל זיינען ארייננעלאָפען אין האָספיטאל און האבען דערזעהן, אז ביידע דעזשורנע וועכטער אין קאָרעדאר ליגען אויפ'ן באדען און איינער איז אין גאנצען נאקעט. זיי האבען זיך נעהאַפּט לויפען צו דער טהיר, אבער זיי האבען איהר געפונען פון אויסוועניג פערשלאָסען.

דערווייל איז דער הויבער דיקער סאָלדאט צוגעגאנגען צום טהויער. ער האט מיט דער הענטעל פון זיין ביקס געגעבען א חמאל דעם וועכטער איבער'ן קאָפּ, אז ער איז געפאלען צום באדען. דער וועכטער פון אויסוויינינ האט דערהערט דעם פאל פון יענער זייט טהויער און איז ארייננעלאפען דורכ'ן טהירעל אין הויף. דא האט דער סאָל-

דאט איהם אראָפּגעלאָזען מיט'ן ביקס איבער'ן קאָפּ און האט זיך ארויסגעחאפּט איבער יענער זייט טויער אויף דער אָפענער גאַס. א סאָלדאט האט איהם בעמערקט פאר דער שיין פון לאנטערנע און האט געדיינקט, אז ער איז איינער פון דיא וועכטער. דער הויכער סאָלדאט האט זיך אזוי ביסליך־וויז מאַרשירט ביי דער וואנט מיט'ן ביקס אויפ'ן שולטער, ביז ער איז צוגעקומען צו דער ווינקעל־וואַנט. דארט האט ער דעם ביקס אוועקגעשטעלט און איז פערשוואונדען געווארען אין דעם פינסטערן, שטילען פערעאולאָק. יעצט איז בעוואוסט, אז דער סאָלדאט איז געווען וואסילי חאָמיאַקאוו, וועלכער האט זיך א היבשע צייט פערשטעלט פאר וואהנזיניג.

— דאס איז ווירקליך איינע פון דיא מערקווירדיגע אנטלויפונגען — האט אָפענבאך אויפגערעגט געזאגט — יעצט זעה איך דייטליך, אז חאָמיאקאוו איז טאקי געווען איינער פון דיא געפעהרליכסטע ניהיליסטען און איך צווייפעל שוין מעהר ניט, אז ער און זיינע קאמעראדען האבען דאמאלס ערמארדעט פּאָדליעצאוו'ן און איהם נאכהער אריינגעשטעקט אין'ם קאנאַן.

— היינט זעהט איהר עקסעלענץ, וואס דיא ניהיליסטען קענען! — האט מערזאווצין מיט א זיעגענדען טאָן אויסגערופען.

— וויא קומט אבער דאָקטאר פעליקס סאָבאקאָוו זיך וואַגען אריינצו־פיהרען א פרעמדע פערזאן אין אזא הויז? — האט אָפענבאך פערדריסליך געפרעגט.

— דיא יונגע שנעקעס ערלויבען זיך אלעס, — האט מערזאווצין פארטגעזעצט — ער אליין מיט זיין האנד, האט איינגעגעבען דיא וועכטער א שלאפטראנק פון פּאָלקאווניק גומאנאווס פלעשעל. דער דעזשורנער פון דיא שליסלען איז שוין מעהר ניט אויפגעשטאנען. דיא וועכטער האבען געשלאפען ביז א שטונדע צוריק און פעליקס סאָבאַקאוו'ן מינטערט מען נאך יעצט אויך. — מען האט איהם געפונען ליגענדיג האלב טויט צוגעשמידט הענד און פיס צו וואסילי פעטראַווס בעטעל. אין אזא לאגע איז אויך געלעגען דיא יונגע פעלשערין אין איהר צימער; און זיא דערצעהלט, אז חאמיאקאוו איז געווען דער אנפיהרער פון דעם גאנצען עסק....

— נו, דאס פּאָרלויפיג אן א זייט, — האט אפענבאך געזאגט — מיר וועלען זיך דיא מיה געבען דיא אנלטפענע ארעסטאנטען אויסצוגעפינען און דוא געה שמעק דא גוט ארום דיא נעשיכטע מיט אנטאָנאָוו'ן. זאלסט אנווענדען אלע קונציגע מיטלען און היינט זאָלסט דוא מיר נאך בריינגען אן אנטוואָרט. איך בין נאך נייגיעריג דיא זאך אויף ריכטיג צו וויסען און דוא מערזאווצין וועסט דערפאר גאנץ עהרליך בעלוינט ווערען.

— איך וועל טהאן וואס נור מעגליך איז, — האט מערזאווצין איהם ערוויעדערט — און יעצט האב איך אייך עקסעלענץ עפּעס צו דערצעהלען וועגען איינע א הויכגעשטעלטע פרוי וועלכע איז אייך גוט בעקאנט.

אפענבאך איז געוואָרען אויפמערקזאם ; אבער מערזאווצין האט זיך אביסעל געקנייטשט.

— איך בין בערייט דיך אויסצוהערען — האט אפענבאך געזאגט.

— וועהרענד שורקין איז געשטאנען ביי'ם פּריסטאוו איוואנאוו הינטער דער

טהיר — האט מערזאווצין לאנגזאם אנגעפאנגען צו דערצעהלען — האט ער געהערט וויא שרה פיינשטיין דערצעהלט דעם פריסטאוו, אז איינע א פיאנא־לעהרערין האט פערגיפטעט איהר מאן מיט איהר איינציג קינד. ווען דער פריסטאוו האט איהר געפרעגט ווער איז יענע פיאנא־לעהרערין, האט איהם פיינשטיין געזאגט, אז זיא הייסט—

דא האט זיך מערזאווצין נאך א מאל א קניימיש געטהאן און האט זיך פלוצלינג פערהאקט.

— רייד קלארע דבורים. מענסט אויך זאגען אויף מיינע א שוועסטער.

— פיינשטיין האט איהם געזאגט, אז זיא הייסט מאריא זלאדייקינא—

— מיר איז א וואונדער וויא קומט עס שורקין מיר ניט צו דערצעהלען.

— ער האט מיר געזאגט, אז ער שעהמט זיך פאר אייך דיא אויגען צו ווייזען זייט ער האט פיינשטיינען ארויסגעלאזען פון דער האנד; אבער וועגען דער זאך אליין, איז שורקין פעסט איבערצייגט, אז סאנקע פיינשטיין האט עס גלאט אין דער וועלט אריין ניט געפלוידערט, — איך בין געוועזן א בעלן צו וויסען, צו מאריא זלאדייקינא איז א מאל געוועזן אין ווילנא און מיר איז געלונגען צו דערגעהן, אז זלאדייקינא איז מיט סאנקעס מאן דוד פיינשטיין געשטאנען אין נאהענטע פערבינדונג, אז זיא האט גאר א לאנגע צייט געוואוינט מיט סאנקע פיינשטיין אין איין הויז.

אפענבאך'ס אויגען האבען פלוצלינג א בלישץ געטהאן, ער האט זיך אין דעם מאמענט דערמאהנט, אז אין דעם אבענד ווען מען האט צו איהם געבראכט צו־פיהרען דעם מארד־ברענער גרינבערג'ן, איז גראדע אין מאריא זלאדייקינאס געגענ־ווארט אנגעקומען צו איהם א דעפעשע פון שורקינען, אז ער האט אויסגעפונען שרה פיינשטיין, און זלאדייקינא, האט ער דאמאלס בעמערקט, האט עפעס צופיעל איהם געצויגען פאר'ן צונג, נאכהער וויא ער האט איהר דערצעהלט, אז א פרוי האט פער־גיפטעט איהר מאן מיט איהרס אן אייגען קינד.

פאר א קלוגען דורכגעטריבענעם מענשען איז א מאל איין ווארט אויך גענוג איהם ארויפצופיהרען אויף א גאנצען געדאנק, בעזאנדערס נאך פאר א רבי פון א שפיאנישען חדר וויא אפענבאך, א געטויפטער אידיש קעפעל און נאך פון דיא ש א ר פ ע דערצו.

— עך, — האט ער א מאכטהאנדיג מיט דער האנד געזאגט — דאס איז ניט ווערטה אן אויסגעבלאזענע איי. געה דערווייל און טהו זיך א נעהם צו דעם עסק מיט אנטאנאוו'ן. זאלסט אבער גוט אויסריינינגען דיין „שמעקער״, אז דוא זאלסט זיך חאטש איין מאל קענען אויסצייכענען מיט דיין חוש הריח. וועל איך וויסען, אז מען קען זיך אויף דיר פערלאזען.

— סלושאיו'ס וואשע פרעוואסחאדיטעלסטווא.

ער האט זיך העפליך פערניינט און איז האסטיג פון אפענבאך'ס קאבינעט ארויסגעגאנגען.

אפענבאך האט אבערמאלס ארויסגעצויגען זיין ביכעלע פון בוזים־טאש און האט דארט נאך א פאר מינוטען נאכדענקען ארייגעשריעבען איינינע צייל֒ען.

ער האט אנגעקלונגען און זיין סעקרעטאר איז אריינגעלאפען.

— איהר זאלט זעהן, אז שורקין זאל זיך נאך היינט צו מיר מעלדען, — האט ער איהם בעפוילען — איך האב איהם נויטהיג צו זעהן.

67טעם קאפיטעל.

ער נעהמט איהם נאך אַ מאָל אָ מאָס.

שטארק בעשעפטיגט זיצט פריסטאוו יורקאָווסקי אין קאבינעט פון זיין קאנ- צעלאריע, ער האט געהאט דעם גאנצען טאָג זעהר פיעל ארבייט נאך דעם גרויסען בעפאל וואס ער האט פאָרינע נאכט געמאַכט אויף אידישע הייזער. פופצעהן אידישע פאמיליען מיט קליינע קינדער האט ער דורכן טאג שוין אפגעשיקט אין דער צענטראל-טיורמא, וועלכע וועלען מיט א פארטיע ארעסטאנטען אָפגעשיקט ווערען מיט'ן עטאפּ אין זייער היימאט; צוואנציג זיינען „אויסגעקויפט" געווארען אין דער שטיל פאר גרויסע סומען, און דיא איבעריגע זיצען נאך פערשפארט אין א קאזע א.., ווייל דער דאָקטאָר פון'ם אוטשאסטאָק האט ערקלעהרט, אז ביי איינינע פון דיא פאמיליען האבען דיא קינדער שטארקע מאָזלען און מאנכע זיינען גלאַט קראנק פון ערקעלטונג, וואס מען האט זיי שפעט אין דער נאכט ארויסגעפיהרט פון דיא בעטען אויפ'ן גאס, דערצו נאך איז דער פריסטאוו שטארק אויפגערעגט פון דער טרויעריגער געשיכטע וואס איהם האט געטראָפען ביי שטיינען אין הויז, דאס ער האט פריי געלאזען צוליעב יענער פרוי פון פעטערבורג דאס מעדכען חייקע פראנק, וועלכע חיטראָווצין האט נייטהיג צו האבען איהר מיט איהר מוטער אין סיביר. — דיא געשיכטע איז פאָרנעסטערן נעגען אבענד געשעהן, און יורקאָווסקי האט עס נאך זיין מינוט ניט פערגעסען. ער האט היינט אין דער פריה געזעהן חיטראָווצינען; אבער ער האט זיך געשעהמט איהם דיא געשיכטע צו דערצעהלען, טאָמער וועט איהם חיט- ראָווצין רופען פיינלינג און וועט איהם מאכען דערפאר שטריינגע פאָרווירפע.

— טשאָרט פאָבערי! — האט ער פלוצלינג א ברום געטהאן — חאָטש איך בין יעצט שטארק בעשעפטיגט מיט דיא איבעריגע ארעסטאנטען, דאָך מוז איך דיא מינוט לאַדען צו זיך דעם זשיד אברהם'קע שטיין. איך וועל איהם אזוי אנלערנען, אז ער וועט מיך האבען צו געדענקען. נאך מארגען פריה מוז ער מיט זיין פאמילע אריינפאלען אין דער צענטראל-טיורמא!

ער איז האסטיג צוגעלאָפען צו דער טהיר און האט צוגערופען אן אָקאָלאָ- דאָטשני.

— נעה וואס גיכער, — האט ער מיט א שטרענגען טאָן איהם בעפוילען — און ברייננ מיר דיא מינוט אהער דעם זשיד אברהם שטיין פון סטערעלעצקעס הויז!

דער אקאָלאָדאטשני איז פון קאנצעלאריע ארויסגעלאפען.

— אנדריי! — האט יורקאָווסקי צו זיין סעקרעטאר א געשריי געטהאן — שיק נור דאָרט א קוק טהאָן צו דיא קראַנקע זשידעס; זיי קענען נאך דאָרט אוועקפגר'ן און מיר פערפעסטען דעם גאנצען קאזעמאט.

— איין קינד חאָרכלעט דאָרט מיט דער נשמה, — האט זיך אנדריי אָפגע-

רופען — און עס וואָלט ניט געווען קרום, אז מען זאל עס הייסען אוועקפיהרען אין האָספיטאל.

— טהו מיט זיי וויא דוא פערשטעהסט! — האט דער פריסטאוו א מאך טהאנדיג מיט דער רעכטער האנד אויסגעשריען — אבי דער קאזעמאט זאל ניט בלייבען פערפעסטעט.

ער איז צוריק אין זיין קאבינעט אריינגעגאנגען און האט זיך אויף זיין שטוהל אוועקגעזעצט.

— עך, חיטראָוועץ, — האט ער זיך געקלעהרט — דוא ביסט א קלוגער טייפעל; דערפאר וואס דוא האָסט מיר געגעבען דיא שטעלע רייסט דוא פון מיר אלע מאָל א פאס.... איך האָרעווע מיט בלוט און מיט שוויים און שלאָף ניט קיין נאכט, און דוא קומסט זיך צום גרייטען און נעהמסט א גוטען חלק; אבער וואס פערלאנגסט דוא נאך טייפעל, מעהר וויא א העלפט און גלויבסט מיר ניט דיא שיין? נור טשאָרט פאָבעריו! בין איך איהם דען מחויב צו דערצעהלען א מעשה פון אלע געשעפטלאך? חאפט איהם דער טייפעל, ער איז געגוג רייך דער שורקע—

דיא טהיר האט זיך אויפגעעפענט און דער אָקאָלאָדאשטני האט געמעלדעט, אז שטיין געפינט זיך אין דער קאנצעלאריע.

— פיהר איהם אריין! — האט דער פריסטאוו שטריינג בעפוילען.

דער אקאלאדאטשני איז ארויסגעלאפען און ער האט באלד אריינגעפיהרט שטיינען אין פריסטאוו'ס קאבינעט.

נאך יורקאָווסקי'ס א וואונק איז דער אקאלאדאטשני ארויסגעגאנגען און האט דיא טהיר נאך זיך פערמאכט.

— וואס האט אייך בעוועגט מיך צו בעאונרוהיגען? — האט איהם שטיין מיט א שטריינגליכען טאָן געפרעגט.

— וו—אָ—אָ—ס? — האט דער פריסטאוו צאָרניג איהם געפרעגט — מיט אזא טאָן רעדסט דוא צו פריסטאוו יורקאָווסקי?

— איהר האט ניט דאס רעכט מיר צו זאגען „דוא“ — האט שטיין מיט א שטריינגע שטימע געזאגט — מיינט ניט אז איהר האט דא אנגעטראפען עפעס א קליינשטעטעלדיגען אידעל.... איהר פערשטעהט, הערר פריסטאוו?

— מיט'ן עטאפ וועל איך דיר שורקע אוועקשיקען! — האט יורקאָווסקי זיך אויפהייבענד פון זיין שטוהל וויטהענד אויסגעשריען.

— איהר מאכט, הערר פריסטאוו און אירטהום, — האט איהם שטיין געלאסען געענטפערט — מיר שרעקען זיך ניט פאר אזעלכע זאכען. דאס וועט איהר זאגען א זאראדיער אידעל, אבער ניט מיר....

— פאר דיעזע פרעכהייט הייס איך דיך דיא מינוט ארעטירען! — האט יורקאָווסקי געליארעמט.

— און איך וועל הייסען ארעטירען פריסטאוו יורקאָווסקי, — האט שטיין זיך רוהיג גערעדט — ווייל ער האט א שווער בעשולדיגטע מיידעל ביי א בעפאל פריינע,

לאָזען, זיך דערשרעקענדיג פאר א פעטערבורגער פרוי. פערשטעהט איהר פריסטאוו וואס איך מיין?

יורקאָווסקי האט זיך אונווילענדיג א צאפּעל געטהאן. ער האט געוואוסט און האט וויפיעל מאָל געהערט פון זיין קלוגען רבי חיטראָווצין, אז א איד האט זעהר א טיעפען קוק, א וויטען בליק און זעהר א גוטען שמעקער.

— איך האב איהר פריינעלאָזען ווייל איך האב געוואוסט, אז איך האב זיא פון וועמען צו פאָרדערן, — האט יורקאָווסקי שטריינג איהם ערוויעדערט — און יעצט פערלאנג איך פון אייך דאס חייקע פראנק מיט איהר מוטער זאלען צוגעשטעלט ווערען צו מיר אין קוואַרטאל-הויז.

— זייט אזוי גוט און געהט זיי אויפזוכען, — האט שטיין איהם געלאסען גע-ענטפערט.

— איך בעפעהל אייך אז איהר זאלט זיי דיא מינוט אהער ברייננגען! — האט יורקאָווסקי אויסגעשריען און האט זיך נאך א מאָל אנגעהויבען צו ערגערן.

— פאר אזא נארר זאָלט איהר מיך ניט האלטען, — האט איהם שטיין גאנץ קאלטבליטיג ערוויעדערט — דעם פריסטאוו'ס א פעהלער בין איך ניט מחויב צו פער-ריכטען.

— אייער זוהן דער ניהיליסט האט מיך געוואָלט ערמאָרדען, — האט יור-קאָווסקי צאָרניג גערעדט — איהר וועט אלע דערפאר געהן נאך סיביר....

— ווידער אן אירדטהום — האט שטיין זיך גלעטענדיג פאר'ן באָרד גערעדט— מיין זוהן איז ניט קיין ניהיליסט און מיר וועלען ניט געהן נאך סיביר.

— מיט וועמען רעדט איהר דא?

— מיט'ן פריסטאוו יורקאָווסקי.

— וואס איז דא אייערע תּקיפות? — האט יורקאָווסקי קריצענד מיט דיא צייהנער אויסגערופען — איך מאך באלד פון אייך אלעמען א בארג מיט אש.

— מיינע תּקיפות איז „מיר" צו וויסען, און א בארג אש וועט ווערען פון דעם וואס האט פריי געלאָזען א פערברעכערין.... א פריסטאוו טאָהר עס ניט טהאָן, איהר פערשטעהט?

שטיין האט ביי דיא לעצטע ווערטער געוואָרפען אויפ'ן פריסטאוו א פאָרשענדען בליק, וועלכען דער מערדער איז ניט געווען אין שטאנד צו פערטראגען. דער בליק האט איהם וויא א שארפער שפּיז א שטאָך געטהאן אין דעם זיעבעטען ריפּ. איהם איז דא געווארען אזוי שלעכט, אזוי ביטער, אז ער האט ניט געוואוסט וואס אנהויבען ווייטער צו ריידען. נאך א מאָל שרייען האט ער מורא געהאט, טאָמער וועט ער דער-הערען פון דעם אידען שרעקליכעס; פערשוויינגען ווידער, איז דא אויך שלעכט, טאָמער שטויסט זיך נור שטיין אויף עפּעס, און בייים פערשווייגען, וועט שטיין איצט אנהויבען צו פערשטעהן פאר וואס ער (יורקאָווסקי) האט זיך אזוי דערשראָקען פאר דער פרוי.

יורקאָווסקי האט אבער באלד געפּאסט א בעשלוס זיך ניט לאזען צו דער-

קענען, עס מעג זיין וואס עס וויל זיך, און אויב שטיין ווייס יא פון עפעס, האט ער עס טאקי באלד געוואָלט פון איהם הערען. ער האט אבער ניט געוואוסט, אז פאר איהם שטעהט א קליגערער און מעהר ערפאהרענער פון איהם — א אידעל וואס דער ביטערער גלות האט איהם אויסגעשלייפען דעם מוח, און אויף אזעלכען האט שוין לאנג דער קלוגער חיטראָווצין געזאגט: „ער לאָזט זיך טרעטען וויא א וואָרים. פלוצלינג איז ער גאר א ריעזיגער בארג און שיט פון זיך פייער וויא א וואולקאַן״.

— אנדריי! — האט דער פריסטאוו עפענענדיג דיא טהיר צו זיין סעקרעטאר א געשריי געטהאן — שרייב אויף א פראָטאָקאָל אז אברהם שטיין האט ביי זיך אין הויז בעהאלטען ביידע קופּאָנען־מאכערקעס, חנה און חייקע פראנק, און זיין זוהן, מיט א האק אין דער האנד האט זיי ניט געלאָזט ארעטירען.

— סלושאיו׳ס.

פלוצלינג האט זיך דיא טהיר אין פריסטאוו׳ס קאבינעט אין גאנצען אויפגעמאכט און צוויי אקאָלאָדאָטשניקעס זיינען ראָרט האסטיג און פערסאפעט ארייננעלאָפען.

— א דערטרונקענע! — האט איינער שווערא‏טהעמענדיג אויסגערופען.

— נור־וואס פון וואסער ארויסגעצויגען, — האט דער צווייטער גערעדט.

— געהט! — האט יורקאָווסקי א מאכטהאנדיג מיט דער האנד, צו שטיינען געזאגט — דאס איז עפעס אייער גליק....

— יא, יא, מיין גליק, — האט זיך שטיין געטראכט — איך פערהאָף גאר אין קורצען מיט דיר צו לעהרנען בלק.... איך בין פאסט איבערצייגט, אז דוא ביסט דער מערדער.

שטיין האט זיך אומגעדרעהט און איז פון פריסטאווס קאבינעט ארויסגעגאנגען.

— איין פינפערל, — האט איהם דער סעקרעטאר שטיל געזאגט — וועט דער פראָטאָקאָל אפילו איבער א יאהר ניט אויפגעשטעלט ווערען.... און ריידענדיג האט ער אנגעשטעלט דיא האנד.

— מיר וועלען זיך מישב זיין, — האט שטיין איהם ערוויעדערט און האט באלד דעם אוטשאסטאָק פערלאזען.

— — — — — — — — — — —

פאסטוחאָוו, דער רעדאקטאר און ארויסגעבער פון „מאָסקאָווסקי ליסטאָק“ איז פאר דיא לעצטע עטליכע מעג וויא א צודולטער, דער פאנאטישער מערדער הערט גאר ניט אויף צו דענקען וועגען דער קאָרטערוואָרפערקע, וועלכע האט פאר זיינע אויגען געוויעזען אזעלכע שרעקליכע וואונדער.

— סטייטש, דאס איז גאר אין דער וועלט ניט געהערט געוואָרען, — האט ער צו זיך אליין גערעדט — אז א מענש זאל זיין אין שטאנד צו וויכען וואס ביי יענעם טהוט זיך אָפּ אין זיינע שטילע צימערען צווישען דיא שטומע און בלינדע ווענט. איך האב מיך אזוי גוט פערמאסקירט, אז דער טייפעל אליין האט מיך ניט

געקענט דערקענען, אבער ווער רעדט דא וועגען דערקענען? זאל שוין זיין אז זיא האט מיך יא דערקענט, נו, פון וואנען וויים זיא פון אזעלכע שרעקליכע געהיימניסע? און דאס בילד? איך מיט איהר אויף איין קארטע! איך האב דאך מיט איהר זיך קיין מאל ניט ארונטערגענומען?

ער איז באלד אויף מארגען נאך דיא וואונדער, געווען צווי מאל ביי אלעקסייעוו'ן און דער גאנצער געשפרעך צווישען זיי איז געגאנגען וועגען דער וואונדערליכער קארטענווארפערקע. ביידע באנדיטען האבען זייערע פעקלאך פערברעכען איינער פאר דעם צווייטען ניט אויפגעעפענט; אבער זיי האבען פערשטאנען איינער דעם אנדערן אויפ'ן וואונק, און דער חיטרער אלעקסייעוו האט דערווייל געהאט א געלעגענהייט אויסצואיבען זיינע טייפעלשע שטוקעס אויף דעם ניעדערגעשלאגענעם פאסטוחאוו'ן, ער האט איהם געמאכט אזא מורא, אז דער יעזואיט האט אנגעהויבען צו ציטערן פאר דיא ווענט.

— דיעזע אלטע קליפה, — האט אלעקסייעוו מיט אן ערנסטע שטימע איהם געזאגט — איז וויא איך פערשטעה אן אנגעשטעלטע פון דער רעגיערונג... איך גלויב, אז דיא רעגיערונג האט געוויס אזעלכע מכשפות אין דיא טורמעס אז ניט, וואלט דיא רעגיערונג ניט געקענט דערגעהן אזעלכע וויכטיגע געהיימניסע וועגען דיא ניהיליסטען, וויא באלד מיר זיינען דערגאנגען, אז עס געפינט זיך אזא העקסע אין מאסקווא, וויים עס דיא רעגיערונג געוויס.... וואס זאגט איהר העדר פאסטוחאוו?

— וויים עס דער טייפעל, — האט דער פאנאטיק מוטהלאז ערוויעדערט — אבוואהל איך בין דורכאוים א ריינער מענש; דאך האט מיך דיא קארטענווארפערקע זעהר פעראינטערעסירט. זיא וויים דאך וואס עס טהוט זיך ביי יענעם אין הארצען, פונקט וויא זיא וואלט לעזען פון א בוך.

— און איך צווייפעל גאר ניט, — האט דער שלויער גאלאווא געזאגט — אז אויב עס וואלט געלעגען אויף אייך עפעס א שווערער פערברעכען, וואלט איהר שוין געהאט ביי זיך צו הויזע עטליכע געסט מיט מעשענע קנעפלאך.

— נו, נאך דאס זאל פאסירען? — האט פאסטוחאוו מיט א געמאכטען שמייכעל זיך אויסגעדריקט.

— פאר וואס דען ניט? — האט אלעקסייעוו גאנץ ערנסט געפרעגט — איך בין פאסט איבערציינגט, אז דיא קארטענווארפערקע אין א שפיאנין פון דער רעגיערונג.

— נעהט שוין נעהט.

— מיר איז העדר פאסטוחאוו אויף אייך א וואונדער, אז איהר זאלט עס אוועקמאכען מיט דער האנד? — האט דער גאלאווא מיט אן ערנסטע צורה פארט־געזעצט — באשר איהר זייט א ריינער מענש; אבער ווער ווייסט וויפיעל מערדער אדער אנדערע פערברעכער, זיינען שוין דורך דיעזער מכשפה איבערגעגעבען געווארען אין דער האנד פון דער רעגיערונג? — נור אזעלכע שפיאנין האט אונזער רעגיערונג האלט....

פאסטוחאוו האט דערפיהלט א שוידער איבער דיא ביינער.

← עס פערגנעהט איהם אין מוח, — האט זיך דער לוסטיגער נאַלאָווא גע־
טראַכט — וויס איהם דער טייפעל דעם א י ד י אָ ט, וואס ער האט אזוינס אין זיי
לעבען אפגעטהאן?

פאסטוחאָוו האט מיט איהם נאך איינגע מינוטען פערוויילט און איז מיט א
צובראָכענעם געמיטה פון אלעקסייעוו'ן אוועקגעגאנגען.

ער האט דעם גאנצען טאָג געציטערט פאר דיא ווענט. ער איז געלעגען פאסט
בעהאלטען אין דעם הינטערשטען פליגעל פון זיין גרויסע הויז, און ווען אקאַלאָ
דאָטשני ער האט דערזעהן זיך אפּשטעלענד לעבען דער טהירעל פון זיין הויף, האט
ער געמיינט, אז ער נעהמט איהם ארעטירען.

— אַן אונגליק! דאס איז עפּעס אַן אונגליק! — האט דער יורענפּרעסער גע־
וואָרטשעט — דוכט זיך אזוי שטיל אפגעטהאן געוואָרען.... נא דיר, אָט וויס גאר
א פריסטאוו; אָט וויס גאר א קאָרטענוואַרפּערקע און פּיעלייכט גאר א שפּיאָנין?
וועלכער טייפעל האט מיך צו איהר געבראכט? ווארום האב איך אלעקסייעוו'ן גע־
פאָלגט און בין מיט איהם מיטגעגאנגען? אי זיא וויס, אי דאס האט מיר געקאָסט
פינף טויזענד רובעל און איצט בין איך מיט מיין לעבען ניט זיכער.

דער ערשטער מעת־לעת איז איהם גליקליך אריבערגעגאנגען, ער האט שוי
אויפגעהערט אזוי צו ציטערן, און באלד אויף מאָרגען האט ער זיך אין זיין קאבינעט
פון הינטערשטען פליגעל אוועקגעזעצט, ער האט אויפגעשריבען א פייערינגען ארטי־
קעל וועגען דיא מאסקווער זשידעס און האט אויפגעהויבען ביז דעם זיבעטען הימעל
דעם נייעם פריסטאוו יורקאָווסקי. פאסטוחאָוו האט דייטליך אויפגעוויזען, אז זיי
דער פעהיגער פריסטאוו יורקאָווסקי האט בעטרעטען זיין שטעלע האט ער אויסגע־
ראַמט דיא זשידעס פון זיין אוטשאסטאק וויא טאראַקאנעס (קאָקערוטשעס), אז עס
איז יעצט זעלטענער צו טרעפען א זשיד אין דער גאס. ער האט איהם געדאנקט
פאר וואס ער האט ענטדעקט דיא אידיישע שייקע קופּאָנען־מאכער, און האט עס
גענומען פאר א בעוויז, אז פריסטאוו יורקאָווסקי איז דער פעהיגסטער פּאָליציסט
אין גאנץ מאסקווא.

„עס וואָלט געווען א יושר — האט פאסטוחאָוו זיך אויסגעדריקט — אז אונזער
רעגיערונג זאל עס נעהמען אין אכטונג און זאל צייטליך זיך ארומקוקען, אז אזא
פריסטאוו האט פערדיענט דאס ער זאל שטייגען״.

דיעזער ארטיקעל איז באלד אפּגעדרוקט געוואָרען אין דעם „מאָסקאָווסקי ליס־
טאָק״ און פאסטוחאָוו האט באלד ארייגעשיקט איינינע קאָפּיעס צו יורקאָווסקי'ן, אום
איהם צו ווייזען, אז פאסטוחאָוו האט אין יענער מ ע ש ה ניט פערגעסען, און ער
דיענט דעם פריסטאוו מיט אלעם בעסטען פאר זיין ערמאָרדעטע שטיפ־שוועסטער.

נאך א טאג איז פאָראיבער און פאסטוחאָוו האט זיך שוין פאסט אין גאנצען
בערוהיגט, דאָך חאפּט איהם נאך אלע מאל אַן א שרעקעניש.... ער קומט נאך
אלץ אין זיין רעדאקציאָן ניט אריין, ער זיצט און ארבייטעט אין זיין קאבינעט אין
דעם הינטערשטען פליגעל. אלע ווילע דערמאָהנט ער זיך אָן דער קארטענוואר־
פערקע און ער ווערט שרעקליך אויפגערעגט.

יעצט איז עקף אוהר ביי נאכט, פאסטוחאָוו זיצט אין זיין קאבינעט און שרייבט ווייעדער אן ארטיקעל וועגען דיא זשידעם. היינט האט ער גאר נייע שטאָף וועגען זיי צו שרייבען. ער האט געהערט, אז דיא רעגיערונג וויל בויען אן אייזענבאהן אין סיביר און צו דיעזען ציעל האט זיא געוואָלט מאכען אן אנלייע ביי דיא ראָטהשילד׳ס אין פאריז און אין לאָנדאָן; אבער דיעזע אונפערשעהמטע זשידעם מיט דיא „געסקראָ־בעטע בערד״, האבען געזאגט, „ניין״ מיט צוויי גרויסע נונען. זשידעם האבען ענט־זאגט דעם רוסישען צאר אין א ביטע! דא מוז מען זעהן בעגראבען אלע זשידעם פון דער גאנצער וועלט פאר איין מאל.

— דיא קאָרטענוואָרפערקע, — האט ער שטיל צווישען דיא צעהנער א ברום געטהאן — ט׳שאָרט פאָבערי, זיא מאכט מיר נאר דעם טויט. — האָסט דוא געהערט א ביסעל? חיטראָווצין איינס, דער דיקער מיט דער רויטהער צורה צוויי, דער פרים־טאוו ד׳ריי און דיא קאָרטענוואָרפערקע פיער. — האלב מאסקווא ווייס שוין באלד פון יענער געשיכטע, זאל זיא טאקי זיין א שפיאָנין, דיא מכשפה?

דיא טהיר אין זיין קאבינעט האט זיך פלוצלינג אייפגעמאכט, עס איז אריינגע־לאָפען א דיענער אין דער רעדאקציאָן.

— א פריסטאוו! — האט זיין דיענער איהם האסטיג א זאָג געטהאן.

— אָי! — האט זיך א קרעבץ פון זיין הערץ ארויסגעריסען.

זיין דיענער האט מיט בעוואונדערונג אויף איהם א קוק געטהאן.

— זאָל איך איהם הייסען צו אייך אריינגעהן? — האט איהם דער דיענער געפרעגט.

— ווארט — האט פאסטוחאָוו געשטאמעלט — ווארט, וויפיעל איז דיא אוהר?

— נאך עלף, בטיושקא.

— געה! — האט ער צו זיין דיענער א געשריי געטהאן.

דער דיענער האט איהם מיט ווילדע בליקען אנגעקוקט און איז פון זיין קאבי־נעט ארויסגעגאנגען.

— שוין איינינע טעג אזוי, — האט דער דיענער ארויסגעהענהיג שטיל גע־וואָרטשעט — וויא עס זעהט אויס האט ער אויף דאס ניי אנגעהויבען צו פיאניוועט (שכור׳ן).

— אזוי שפעט ביי דער נאכט און א פריסטאוו דערצו, — האט פאסטוחאָוו העכסט אויפגערעגט און צורודערט געברומט — ניט פרעהליך, גאר ניט פרעהליך.... דיא מכשפה האט מיך פערראטהען.... דיא זשידעס וועלען איצט אָן מיר א נקמה האבען, וועלען טאנצען אין דיא גאסען אויף פאסטוחאָוו׳ס מפלה. עך, פאסטוחאָוו, דוא ביסט גוט אריינגעפאלען!

ער איז אריינגעגאנגען אין א צווייטען צימער און נאכדעם וויא ער האט דיא טהיר צוגעשלאָסען האט ער דאָרט פון א שראנק ארויסגענומען א רעוואָלווער.

— זאָל איך מיך דערשיסען? — האט דער מערדער ביטערליך געברומט בע־קוקענדיג דעם רעוואָלווער — אפשר איז דאס גאר ניט? אבער וויא קומט א פריס־

טאוו אזוי שפעט אין דער נאכט צו מיר? אָ, דיא זשירעס, דיא זשירעס, זיי וועלען טאנצען אין דיא גאסען!

א קלאפּ אין טהיר און באלד נאך איינער האט איהם אזוי איבערראשט, אז דער רעוואָלווער איז פון זיין ציטערענדער האנד ארויסגעפאלען.

— ווער איז דאָרט? — האט פאסטוחאָוו מיט א ציטערענדע שטימע גע־פרעגט.

— איך, פּריסטאוו יורקאָווסקי.

וויא א שווערער שטיין האט זיך ביי דיעזען אנטוואָרט פון פאסטוחאָו'ס הערץ אראָפּגעוועלצט. זיין פינסטערע געזיכט איז אויפגעשטראהלט געוואָרען.

ער האט מוטהיג דיא טהיר אויפגעמאכט און איז צו יורקאָווסקין אין קאבינעט אריינגעגאנגען.

— אָ, וואס מאכט איהר, הערר פּריסטאוו? — האט דער אָנטיסעמיט איהם ליעבליך געפרעגט — וויא געהט עס? ביטע, זעצט זיך אניעדער.

יורקאָווסקיס געזיכט איז געווען ערנסט און פינסטער, ער האט געקוקט אויף פאסטוכאָוו'ן שאקלענדיק מיט'ן קאָפּ.

— דיא זאך איז יעצט ארויפגעשוואומען, — האט יורקאווסקי ניט צו דער זאך ערוויעדערט — זיצען איז ניטאָ קיין צייט. קומט מיט מיר, איך האב אייך נייטהיג....

דער מאראל־לעהרער איז לייבען־בלאס געוואָרען פון יורקאָווסקי'ס אנטוואָרט.

— זאגט מיר וואס איז געשעהן? — האט פאסטוכאָוו געשטאמעלט.

— ארויפגעשוואומען — האט יורקאָווסקי ווייטער גערעדט — קומט הערר פא־סטוחאָוו....

— וואָס? ווען? וואוהין? — האט פאסטוחאָוו מיט א געלעהמטען צונג געפרעגט און האט פיעבעריש געציטערט.

— איך פערשטעה אייך ניט, הערר פאסטוחאָוו, — האט יורקאָווסקי מיט א שטרייננגען טאָן גערעדט — דוכט זיך, אז א מענש וויא איהר בעדארף פערשטעהן א זאך אויפ'ן וואונק; ענדליך פערשטעהט איהר ניט קיין קלאָרע ווערטער אין אייער אייגענע שפּראך. איך האב אייך געזאגט „ארויפגעשוואומען" בעדארפט איהר וויסען וואס איך מיין....

פאסטוחאָוו האט אבער באלד געפאסט מוטה פון א פרעכען אנטיסעמיט און האט דעם פּריסטאוו דרייסט געענטפערט:

— איך פערשטעה אייך ניט, הערר פּריסטאוו. איך ווייס ניט וואס איהר רעדט און איך פערלאנג ניט, אז מען זאל מיט מיר אויפ'ן וואונק ריידען.

— אזוי, איהר פערשטעהט ניט! — האט יורקאָווסקי אויף דיא אוייבערשטע טענער אויסגעשריען — באלד אבער וועט איהר עס פערשטעהן.... קומט מיט מיר אין אוטשאסטאָק וועט איהר גלייך דערקענען מיין אונגליקליכע שוועסטער..

— ש—ש—שא, שטילער א ביסעל, — האט פאסטוחאָוו צורודערט געזאגט — עס איז דאך יעצט נאכט.... מאכט ניט קיין גערודער...

— וואס טויגען דיא אלע קונצען, — האט יורקאָווסקי מיט דער זעלבער שטימע גערעדט — פּאָליטיק אָן א זייט.... איהר האט מיין שוועסטער ערמאָרדעט און איהר אראָפּגעלאזען אין טייך אריין.... קומט; איהר זייט מיין ארעסטאנט....

— ערשטענס איז זיא נאר אייערע א שטיפשוועסטער, — האט פּאסטוחאָוו איהם ערגרייפענד פארביידע הענד מיט א פלעהענדע שטימע געזאגט — און צווייטענס ווייסט איהר דאך ניט צו איך האבע עס געטהאן.... נאר יעדען פּאלס, רעדטס אביסעלע שטילער. מיר וועלען זיך דיא מינוט אויסגלייכען. ביטע, זעצט אייך נאר אניעדער..

— זיא ליגט אין אוטשאסטאָק, — האט יורקאָווסקי ווייטער, אבער עטוואס שטילער גערעדט — דאס וואסער האט אייער מאָרדטהאט ניט געוואלט פערשוויי־גען...

— נעדענקט, הערר פּריסטאָוו, ווען איהר בעהאנדעלט אזוי! — האט פּאסטוחאָוו מיט א טרויעריגע שטימע געזאגט — איך בין זיכער, אז איך וועל אייך דערפּיה־רען צו זעהר א הויכען אמט...

— פעררעדט מיר ניט דיא צייהנער! — האט יורקאָווסקי מיט א גיפטיגען טאָן איהם ערוויעדערט — מיין שוועסטער ליגט א דערטרונקענע אין אוטשאסטאָק.. פאר־וואס האלט איהר מיך דען, פאַר א מערדער, וואס?

דער טויט ערשראָקענער מאָראל־לעהרער האט ארויסגעצויגען פון זייז בחים טאַש א דיקען לעדערנעם פּאָרטמאַניי און האט איהם אויפ'ן טיש אוועקגעלייגט.

— לאמיר זיך וועטען אין דיעזען פּאָרטמאַניי, — האט ער צו יורקאָווסקין ליע־בליך געזאגט — אז דיא דערטרונקענע איז ניט אייער שוועסטער.

— נו, און אז א שטיפשוועסטער איז רעכט?

— לאמיר זיך וועטען, אז דאס איז נאר אן אנדער פרוי....

— אז מען וועט זיך, מוז מען דאך צוערשט וויסען אין וויעפיעל דער וועט געהט, — האט דער פּריסטאָוו ווארפענד דיא אויגען אויפ'ן דיקען פּאָרטמאַנע געזאגט.

— אין פינף טויזענד רובל.

— און איך וויל זיך וועטען אין צעהן טויזענד, — האט יורקאָווסקי קרייזלענדיג דיא רעכטע וואָנצע גערעדט.

פּאסטוחאָווס געזיכט האט אויפגעשטראַהלט פאר פרייד.

— נו, זאל זיין אין צעהן טויזענד, — האט ער מוטהיג געזאגט — ווארטעט א קליין ווילע; איך קום באלד אריין.

דער רעדאקטאר איז ארויסגעלאפען פון זיין קאבינעט וויא א פערסאמטער.

— אָי, א צרה, אָי א צרה! — האט ער צולויפענדיג צו זיין אייזערנע קאסע גע־ברומט, אבער גאט צו דאנקען, אבי עס געהט אויס צו געלד.

— א קריינק איהם אין הארצען דעם חיטראָווצינען, — האט זיך דערווייל גע־קלערט דער פּריסטאָוו, אונזער טהייערער פיליפּאָוו, זיצענדיק אליין אין פּאסטוחאָווס קאבינעט — פון דער נייער אפּיתיסו וועט ער פון מיר בעקומען קדחת מיט כשרהע

פאָדים.... אבער וואס פאר א צרה איז דא אויף מיר דער זשיר אברהם שטיין? איז ער אָפּט ניט אויף מיר א מלאך-המות וויא איך אויף פאסטוחאוו'ן?....

דיא טהיר האט זיך אויפגעמאכט און פאסטוחאוו איז אריינגעלאָפען מיט א גאנצען פעקעל נייענקע הונדערטער אין ביידע הענד.

— נו, ער פריסטאוו, — האט ער צו יורקאווסקין מילד געזאגט — אונזער וועט בעשטעהט.... ביי אייך אליין לייג איך איין דאס געלד און איך פערהאָף, דאס אויב איך וועל געווינען דעם וועט, וועט איהר זיין אן עהרליכער מאן....

— געוויס, ווענען דעם איז גאר קיין רעדע ניט.

— און ווען וועט זיא בעערדינגט ווערען?

— מאָרגען פריה, מיט א פאספאָרט אין דיא תכריכים.

— וועל איך וויסען וויא זיא הייסט?

— מיר דוכט, אז זיא וועט הייסען שרה פיינשטיין....

— נו, טא ניט-זשע שוין א בעריכט אין מיין „מאָסקאָווסקי ליסטאָק", אז שרה פיינשטיין האט מען פון טייך ארויסגעשלעפּט א טויטע....

יורקאָווסקי האט זיך פערטראכט.

— גוט! — האט ער נאך א קורצע פויזע אויסגעשריען — שרה פיינשטיינס אל-טער פאספאָרט, וועלכער איז פערבליבען ביי פריסטאוו איוואנאָוו אין טיש-קעסטעל, געפינענט זיך יעצט ביי מיר אין קעשענע; ער וועט נאָך היינט ליגען אין דער קעשענע פון דער דערטרונקענער און א שריפט פארוואס זיא ווארפט זיך אין וואסער אריין וועט זיך אויך ביי איהר געפינען. דער פראָטאָקאָל וועט נאך היינטיגע נאכט צוגע-שיקט ווערען צו אייך, צו דעם „פּאָליצייסקי ליסטאָק" און צו אלע מאָסקווער צייי-טונגען.... נו, וואס זאָגט איהר, הערר פאסטוחאָוו, האב איך דעם וועט געוואונען?

— נאך וויא געוואונען! — האט דער עדעלער מאָראל-לעהרער לוסטיג אויס-גערופען.

— און איך פערלאנג נאך, הערר פאסטוחאָוו, נאך איינינע ווארימע ארטיקלען וועגען מיר אין אייער צייטונג....

— מיט'ן בעסטען פערגניגען. איך וועל אייך אזוי פערגעטערן, אז איך פערהאָף, אייך נאך אמאל צו זעהן אלס אָבער-פּאָליצמייסטער — איהר זאלט וויסען, אז איך קען עס אויספיהרען....

יורקאווסקי האט איהם העפליך געדאנקט, ער האט דעם לעדערנעם פּאָרטמאָ-ניי און דאס פעקעל מיט הונדערטער אריינגערוקט אין'ם בוזים-טאש פון זיין אש קאָ-לירטען שיניעל און איז נאך א פריינדליכען אבשיעד פון פאסטוחאָוס קאבינעט ארויס-געגאנגען.

— און מיט דער אלטער מכשפה בין איך נאך אלץ ניט זיכער, — האט פאס-טוחאוו נאך יורקאָווסקי'ס אוועקגעהן ביטערליך געברומט — אבער טשאָרט פּאָבערי, לאז שוין זיין וואס עס וויל זיך!

ער איז צוגעלאָפען צוריק צו זיין שרייב-טיש און האט זיך גענומען אויסצוניסען „כל תמתו" אויף דער גאנצער וועלט אידען, נאך מיט מעהר וואוטה וויא פריהער.

68-טעם קאפיטעל.

טייפעלשע פלענער.

באראָן גענעראלאָוו הערט ניט אויף צו זוכען אין מאָסקווא קאזלאָוו'ן, דעם מערדער פון זיין ברודער און שוועגערין אין דער אימעניע „איוואנאָווקא“. דיא שטוקע וואס דער טראקטירטשיק טימאָפיי מיכיילאָוו מיט דעם צווייטען אונבעקאנטען פערזאן האבען אפּגעטהאן, שטיינען און מאָראָזאָווס איינגערן ברודער אנטלויפענדיג פון זיי דורך אלעקסייעוו'ס הויז, האט דעם באראָן ארויפגעפירט אויף דער אידעע, אז איינער פון זיי בעדארף דא זיין קאָזלאָוו, וועלכער האט מיט דריי און א האלב יאהר צוריק אזוי אפּגעטהאן דעם סליעדאוואטעל אין פּעטערבורג, דער באראָן איז דאריבער געקומען אין מאָסקוואַ און וויא אונזערע לעזער ווייסען שוין, האט ער באלד בעזוכט אלעקסייעוו'ן און איהם געבעטען, אז ער זאל פאר איהם פארשטעלען זיין שווייצער מיט'ן קוכער, וועלכע האבען דורכגעלאזעןביידע מערדער דורך זעהר ווירטהס הויז. אלעקסייעוו'ן האט דיעזע געשיכטע גאר ניט געשמעקט, ער האט דעם באראָן געזאגט, אז ביידע בעדיענטע זיינען יעצט ניט צו הויזע און האט באלד צו זיך גערופען חיטראָווצינען און האט איהם מיט פערדרוס געפרעגט, וואס זאל ער דא מאכען מיט'ן באראָן גענעראלאָוו, ווען ער וועט איהם מארגען דעם צווייטען מאָל בעזוכען?

— אבוואהל ניט מיר מיינט מען דא, — האט חיטראָווצין געלאסען געענטפערט דאך ראטה איך אייך, אז איהר זאלט אייער שווייצער מיט'ן קוכער גלייך ענטזאגען, דען עס קען נאך לייכט בעוואוסט ווערען, אז איהר האט אונז יא געזעהן און האט אונז דאמאלס דורך א הינטער טהיר דורכגעלאזען.

— נו, און וויא זאל איך איהם אָפּמעהלען אייערע ביידענס פּרעמטען, לויט וויא מיינע בעדיענטע האבען מיר איבערגעגעבען?

— פון א צווייטע מויל — האט חיטראָווצין מיט א שמייכעל ערוויעדערט — קען שוין א נאָז אויסקוקען מיט א האלבען ארשין קירצער און א בייבעל וויא א בארג, קען איינגעשרומפּען ווערען....

— און וואס וועט איהר טהאן, אז גענעראלאָוו וועט זיך ווענדען צו דעם יונגען מאָראָזאָוו אדער דעם זשיד שטיין? זיי האבען דאך אייך ביידען דאמאלס ביי נאכט געזעהן?

— וויא איך זעה מיינט איהר טאקי, גאלאָווא אז איך בין עס דער געזוכטער פערזאן.

— צו איך מיין אדער ניט, דאס איז אייך א קליינער אונטערשייד; אבער, אז איך קען דערביי ליידען איז גאר קיין צווייפעל ניט.

— מילא, וואס טהוט מען א מאל ניט צוליעב א גוטען ברודער? — האט חיטראָווצין מיט אן איראָנישען טאָן זיך אויסגעדריקט.

אלעקסייעוו'ן איז פערגאנגען אין מוח.

— איהר האט זיך גאָלאָווא, גאר ניט וואס צו בעאונרוהיגען, — האט חיטראָווצין ווייטער גערעדט — טימאָפיי איז וויא אין וואסער אריין; ער איז שוין לאנג אין

אמעריקא און איך קען מיך פאר גענעראלאוו'ן יעדע מינוט ווייזען; דען איך בין ניט אזעלכער וויא איהר טראכט וועגען מיר. איך קען אייך בעזארגען מיט א באמבע און מיט נאך אזעלכע גוטע זאכען; אבער איך האב ניעמאלס קיין בייז ניט בעגאנגען.

— א שעהנע באמבע, איך האב פיינד צוריידען, — האט אלעקסייעוו פערדרים־ליך געברומט.

— איהר רעדט נאך אלץ, גאלאווא וועגען דער באמבע, ריכטיג וויא איך וואלט אייך בעטראגען; אבער זייט זיכער, אז חיטראָווצין טהוט ניט זיינעם א גוטען ברודער אזעלכע זאכען. איך האב אייך איין מאל געזאגט, אז דיא באמבע איז געווען פון דיא געפעהרליכסטע קניידלאך, און אז מאריא זלאדייקינא האט איהר אנגע־פיעלט מיט שמעק־טאבאק, האט חיטראָווצין אין דעם קיין שולד ניט.

— פון וואנען ווייסט איהר אז דיא באמבע איז גאר אין מאריא זלאדייקינא'ס האנד אריינגעקומען? — האט אלעקסייעוו פערדריסליך איהם געפרעגט.

— חיטראָווצין בעדארף מען ניט שטעקען א פינגער אין מויל, — האט דער באנדיט שמאָלץ געזאגט — אבער דאס און א זייט גאָלאָווא. אז עס האט ניט געלונ־גען היינט, וועט עס געלינגען אן אנדערס מאָל, און וועגען באראן גענעראלאוו האט איהר זיך גאר ניט וואס צו בעאונרוהיגען.

— מיט וואס זייט איהר עס זיכער?

— מיט דעם וואס איך בין ניט דער געזוכטער פערזאָן. מעגליך, אז דאס איז געווען טימאָפיי מיכיילאוו; אבער ער איז שוין לאנג אין אמעריקא. גענעראלאוו'ס טעסטאמענט וועגען וועלכען איהר האט מיר געזאגט, האט געוויס אזא טייפעל וויא ער, שוין לאנג צו־ריסען און פערברענט און מעגליך, אז דאס איז גאר ניט געווען אויך טימאָפיי.

— וועגען טימאָפייען איז דא גאר קיין רעדע ניט, — האט דער גאלאווא איהם ערוויעדערט — דען דער פלאן זיך צו רעטען פון מיין הויז, איז דאך גאר געווען א י י ע ר ע, און אזא פלאנען־מאכער ווערט איצט געזוכט.

— נו, שטעלט אייך פאָר, אז איך בין שוין דער געזוכטער, — האט חיטראָווצין זיך גאנץ רוהיג גערעדט — איז ביי אייך רעכט אז אייערער א ג ו ט ע ר ב ר ו ד ע ר זאל אריינפאלען?

— אלזא, טא וואס פערבלייבט דא? — האט איהם אלעקסייעוו צורודערט געפרעגט.

— איהר רעדט דא עפעס וויא וועגען זעהר א וויכטיגען געגענשטאנד, — האט חיטראָווצין א מאכטאָנדיג מיט דיא הענד גערעדט — ניט איך און ניט טימאָפּיי האבען א מאל געהייסען קאָזלאָוו, נור אום צו פערהיטען א י י ע ר עהרע ענטזאגט־זשע באלד אייערע ביידע דיענער. פון אייערט וועגען וועל איך זיי באלד בעזאָרגען מיט גוטע שטעלען טאקי אין מיין אייגענעם געשעפט, און איהר ענטפערט גענערא־לאוו'ן, אז דיא דיענער האבען זיך אנגעשיכורט און האבען אייער הויז פערלאזען.

זיי האבען פערבראכט נאך אייניגע מינוטען און חיטראָווצין איז פון אלעקסייעוו'ן

וועקנעפאהרען גלייך צו מאריא זלאדייקינא, וועלכע לאָזשירט יעצט אין האָטעל סלאַוויאַנסקי באַזאר" אלס גרעפין מאריא דאנילאוונא. דיא סצענע וואס האט זיך אָרט צווישען זיי אפגעשפיעלט, איז אונזערע לעזער שוין בעוואוסט, און יעצט זיינען יידע שלאננען וויעדער פעראייניגט, אום צו פערפאָלגען באראן גענעראלאוו'ן, פער־יכטע; חנה פראנק, וועלכע בעהאלט זיך אין מאסקווא צוליעב איהר אמאָליגען שוויגער־אהן קולאקאָוו, דער מאַן פון איהר געטויפטער טאָכטער שפרה, וואס זיא איז נעטראכטעט פון איהר מוטער פאר דערטרונקען, און נאך א ציעל האבעןביידע עסטיעס: אויסצוגעפינען שרה פיינשטיין און פון איהר ארויסקריגען באראן גענע־אלאוו'ס טעסטאמענט, דורך וועלכען מאריא זלאדייקינא קען לייכט ארייגפאלען און איהר א מאָליגער קאָזלאָוו און היינטינער חיטראָוויץ קען אויך דאדורך אונגליקליך ווערען.

באראן גענעראָלאוו האט דערווייל בעזוכט דעם יונגען מאראָזאָוו, זון לויט זיא מאראזאוו האט פאר איהם אפגעמעהלט דיא פיזאָגאָמיע און דאס אויסזעהן פון יידע אנטלאפענע דורך אלעקסייעוו'ס הויז, איז איהם פאָרגעקומען דער צווייטער וואס איז מיט טימאָפייען אנטלאפען, פערדעכטיג אז קולאקאוו, קאזלאָוו אדער אָפּאָוו האט אן עהנליכקייט אין דיעזען סוביעקט. דער יונגער מאראזאוו האט באלד אין גענעראלאוו'ס געגענוואַרט געלאדען צו זיך שטיינען, וועלכער האט אויך דא־מאלסט געזעהן טימאָפייען מיט'ן צווייטען פערזאָן ביי'ם אנטלויפען, און שטיין האט איהם דעם מאַן אזוי אפגעמעהלט, אז ער האט געשטימט מיט מאָראָזאָווס ווערטער.

— וועט איהר זיין אין שטאנד דעם מאַן צו דערקענען — האט ער שטיינען געפרעגט.

— איך צווייפעל אין דעם, — האט איהם שטיין ערוויעדערט — דען עס איז געווען דאמאלס א פינסטערע נאַכט און פּרעאָבראזשענסקע קווארטאל איז זעהר שלעכט בעלויכטען; דאָך דיינק איך, אז איך וואָלט איהם פיעלייכט דערקענט, ווען איך וואָלט איהם אויף דער גאַס געטראָפען.

גענעראלאוו האט געגעבען שטיינען זיין וויזיט־קארטע און האט איהם געבעטען, אז ער זאל אזוי גוט זיין און געגען אבענד איהם אין זיין האָטעל בעזוכען.

אום אכט אוהר אבענדס האט שטיין געזוכט דעם באראן גענעראלאוו אין האָטעל אייראפּא און דערהערענדיג פון איהם, אז נאך זיינע שטרייגגע נאכפאָרשונ־גען, האט קאָזלאָוו א מאָל געהייסען קולאקאָוו, וועלכער האט ערמאָרדעט דעם פריסטער (פּאָפּ) טשערטאָוו אין ווילנא, איז שטיין פאר איבערראשונג פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען און זיין געזיכט איז לייכענבלאַס געוואָרען.

— זאגט מיר ליעבער שטיין, — וואס האט אייך דא אזוי איבערראשט ? — האט איהם דער באראָן געבעטען — איך זעה, אז דא בעהאלט זיך עפּעס וויכטיגעס.

— אָ, באראָן, — האט איהם שטיין אויפגערעגט ערוויעדערט — איך זעה אין דעם נאָטס א וואונדער און איך גלויב, אז דא אין מאסקווא וועט דער מערדער אויסגעפונען ווערען

גענעראלאוו'ס פינסטערע געזיכט האט אויפגעשטראהלט פאר פרייד.

— זאגט מיר ליעבער מאן, וואס איהר ווייסט, — האט דער באראן או־פגו
רעגט גערעדט — איך מוז עס שוין וויסען.

— דא אין מאסקווא געפינט זיך איינע אן עהרליכע אידישע פרוי חנה פראנק,
האט שטיין איהם ערוויעדערט — וועלכער קולאקאָוו האט פעראונגליקט איהר גו
טויפטער טאָכטער שפרה דורך זיין הייראטהען מיט איהר און נאכהער האט ער זי
ווייב דערטרונקען.

גענעראלאוו איז פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען.

— קענט איהר דא דער פרוי וואס קולאקאוו האט געהייראטהעט איהר טאָכ
טער? — האט דער באראן איבערראַשט אויסגערופען.

— איך קען איהר זעהר גוט און איך מוז אייך באראן שוין זאגען, אז דיעזע
פרוי האט א שטארקען פערדאכט, אז דער מערדער געפינט זיך אין מאסקווא.

— איך פערלאנג פון אייך, הערר שטיין, אז איהר זאלט מיך באלד צוזאמענ
פיהרען מיט דיעזער פרוי.

— איך וועל עס זאפארט טהאָן מיט'ן בעסטען פערגנינגען; אבער איך מוז אייך
זאגען, אז חנה פראנק טאָר זיך אויף דער ווייסער וועלט ניט ארויסווייזען

— ווארום? איז זיא בעגאנגען עפעס א פערברעכען? — האט דער באראן איהב
אונטערבראָכען.

שטיין האט איהם דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע מיט'ן פריסטאוו יורקאָוו
סקי און האט גענדיגט מיט פאָלגענדעס:

— עס איז דיא שולדיגקייט פון יעדער עהרליכען מענשען צו געבען שוץ דיעזער
ארמע און פערפאָלגטע פרויען חנה און חייקע פראנק, זיי ליעגען ביידע בעהאלטע
ביי מיר אין וואוינונג; אבער צו שיצען צוויי מענשען פאר א מאל איז פאר אן אידען
אין מאסקווא זעהר געפעהרליך.

— נאך היינט בעזארג איך חנה פראנק מיט א זיכערע וואוינונג, — האט דער
באראן געריהרט איהם ערוויעדערט — נאט אייך מיינע א וויזיט־קארטע צו מיינע א
רייכע טאנטע אויף ניקיטסקאיא אוליצא און איהר געהט שוין און בריינגט מיר אהין
חנה פראנק. איהר וועט מיר דאָרט אום ניין אוהר געפינען און ביי א נויטה קען איך
געבען שוץ אויך איהר טאָכטער חייקע; אבער זעהט, אז עס זאל באלד געשעהן, דען
איך וויל שוין זעהן דער חנה פראנק.

ביי דעם בעפאל פון פריסטאוו יורקאָווסקי אויף שטיין'ס הויז איז חנה פראנק
זייט א פאר טעג געזעסען אין א שעהנעם צימער ביי באראן גענעראלאָוו'ס טאנטע
און באלד נאך יורקאָווסקים אוועקגעהן מיט ליידיגע הענד, צוליעב דער פעטערבורגער
פרוי מאדאם סערנייאינא, אנטאָנאָוו'ס טאָכטער, איז אויך חייקע פראנק דאָרט אפ־
געפיהרט געוואָרען, און דיא מוטער מוט איהר טאָכטער זיצען יעצט מיט באראן
גענעראלאוו אין א וויטען צימער פון דער רייכער וואוינונג און עס פיהרט זיך צווישען
זיי א טרויעריגער גרשפרעך.

— דאָך פאַלט ניט ביי זיך גוטע פרוי, — האט גענעראלאוו צו חנה'ן געזאגט — איהר זייט דאך ניט איבערצייגט, אז אייער טאָכטער איז טוידט. - דער געשריפט אויפ'ן מערדערס טיש האט דאך דאמאלס געלויטעט, אז ער אליין געהט זיך אויך דערטרינקען; ענדליך לעבט ער גאר און אייער מאַן האט איהם געזעהן מיט זיינע אויגען אלס אקאלאדאטשני אין פעטערבורג.... יעצט ווייס איך שוין אויף ריכטיג, אז דער מערדער וועלכער האט זיך אויסגעדרעהט פון סליעדאָוואטעלס האַנד, האט טאקי געהייסען אין פעטערבורג פּאָפּאָוו. וועט איהר זיין אין שטאַנד איהם צו דערקענען ?

— ער שטעהט מיר נאך יעצט אויף פאר דיא אויגען, — האט דאס מעדכען געטרויעריג געזאגט — איך בין דאמאלס געזעסען ביי דער פּיאנא און איך געדיינק וויא מיין אונגליקליכער פאטער איז איבערראַשט פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען און האט א געשריי געטהאן „איך זעה איהם, אָט איז ער״, א שרעקליכער מאָמענט ווערט געטיעף איינגעשניטען אין דיא פאלדען פון א מענשליכען מוח.

— אבער דאָך, איז דאָך ניט בעשטעטיגט פון אלע זייטען, אז אייער שוועסטער איז טויט, — האט גענעראלאוו געריהרט געזאגט.

— אָ, ניין באראן, — האט חנה געזיפצט — געראדע אין דעמזעלבען אבענד ווען דער פּאָפּ טשערטאָוו איז דורך קולאקאוו'ן ערמאָרדעט געוואָרען האט מיך מיין אונגליקליכע טאָכטער שפרה בעזוכט. זיא האט פאר מיר געוויינט מיט בלוטיגע טרעהרען און האט מיר אויסדריקליך געזאגט, אז זיא מוז זיך צוליעב דעם מערדער דערטרינקען.... ווען זיא האט עס ניט געטהאן פרייוויליג, האט דער מערדער איהר געוויס אין טייך אריינגעוואָרפען.

— אבער וויא אזוי איז אייך איינגעפאלען איהם צו זוכען אין מאסקווא ?

— פריהער האב איך עס גלאט געטהאן, אהן א רעכנונג, — האט חנה ביטעליך ערוויעדערט — עפּעס דאס האַרץ האט מיר געזאגט; אבער זייענדיג דא האב איך אזא פּערזאן איינמאל בעמערקט דורכפאהרענדיג אויף א דראָשקע. איך וואָלט דיא דראָשקע באלד אויף דער גאַס אפּגעשטעלט; אבער ליידער האב איך מיט מיין טאָכטער דא געוואוינט אונגעמעלדעט. צוויי יאהר נאכאנאנד האב איך זיך בעהאלטען פון דער גרויזאמער פּאליציי נור צוליעב דעם, ווייל איך בין א א י ד י ן, און איצט אז איך האב שוין זייט א יאהר געהאט דאָס רעכט צו וואוינען אין מאסקווא מיט מיין טאָכטער אלס אן ארבייטערין און מיר איז געלונגען איבערצוליפערען מיין וואהנזיניגען מאַן פון פעטערבורג אין מאסקווא, בין איך גאר דורך א פּריסטאוו אן אויסוואורף בעשולדיגט געוואָרען אלס אן אנפיהרערין פון א באנדע פאלשע קופּאָנען מאַכער !

— דולדעט גוטע פרויען און האָפט, — האָט דער באראָן באַרמהערציג געזאגט — גאָט פערלאָזט ניט קיינע אונגליקליכע און עלענדע. איך פעהאָף, אז מיט אייער הילפע וועט מיר געלינגען אויסצוגעפינען דעם שרעקליכען באנדיט. איך וואלט איהם שאָן אלעם געשיינקט, אבי ער זאָל מיר זאָגען וואו זיינען אהינגעקומען ביידע אונגליק־

ליבע יתומים׳לאך, וועלכע זיינען אין דער נאכט פון מיין ברודערס ערמאָרדונג, פערשוואונדען צו גלייך מיט זייער נאניע (ערציהערין). איך רייד שוין גאר ניט אויך וועגען מיין פאָטערס טעסטאַמענט, מיט וועלכע איך קען פון מיין פאָטערס ירושה איינמאָנען הונדערט מיט פופצינ טויזענט רובעל. דיא מערדער האָבען דעם טעסטאמענט מיט גענומען און איך קען דאָס געלד ניט איינמאָנען. אבוואָהל זיי האבען קיינע נוצען ניט; אבער זאל דאָס אייך געהן פערלאריין, אַבי איך זאָל חאָטש אויסגעפינען ביידע יתומים אָדער חאָטש זיין איבערציינט אז זיי זיינען ניט ערמאָרדערט געוואָרען.

דיא טהיר האָט זיך נאָך א לייכטען אָנקלאַפּען אויפגעמאַט און אין צימער איז אריינגעגאנגען א שעהנע בעיאהרטע דאַמע.

— זעהר אַ הויכגעשטעלטע יונגע דאַמע פרעגט דך אויף אייך באראָן, — האט איהם דיא פרוי געזאָגט — זיא האָט מיר געהייסען איהר מעלדען צו אייך מיט׳ן נאַמען גרעפין מאריא דאניל אָוואַ.

— גרעפין מאריא דאַנילאַווא? — האט דער באראָן ווידערהאָלט — איך האָב ניט אַזא בעקאַנטע דאַמע; אבער אלעס איינס. נעהמט זיא אויף און זאגט איהר, אַז איך קום באלד העררייז,

— ער איז באלד אריין אין א צווייטען צימער, ער האט זיך אַנשטענדיג איבערגעקליידעט און איז אריינגעגאנגען אין׳ם עמפּפּאנגסצימער פון זיין כאָלכערס הויז, וואו פאר איהם האָט זיך אויפגעהויבען פון א ווייכען שטוהל א יונגע, שעהנע אונד רייצענדע דאמע מיט שוואַרצע לאָקען אונטער איהר הויכען דריי שטאָקינגען הוט מיט געדרעהטע פילעגלען.

דיא דאַמע האָט זיך העפליך פערנייגט און האָט איהם געפרעגט צו זיא האָט דיא עהרע צו זעהן באראן גענעראלאוו.

— יא, גרעפין, — האט איהר דער באראָן פריינדליך ערוויעדערט און האָט איהר געבעטען זיצען.

— זעהר אַ וויכטיגע זאך האָט מיך בעוועגט, אונבעקאַנטער באראָן, אייך צובעזוכען, — האָט גרעפין דאַנילאַוונע מיט א פריינדליכע מינע געזאָגט — איך האָב אייך געוואָלט אבשטאַטען א וויזיט אין דעם זאל פון דעם האָטעל איירָאפּאַ, וואו איהר לאָזשירט; דער שווייצאר אָבער האט מיר געזאָגט, אז מיינסטענס געפינט איהר זיך אין דיעזער הויז.

— מיך וועט זעהר פרעהען וויכטיגעס פון אזא הויכגעשעצטע פערזענליכקייט צו הערען האָט באראָן גענעראלאָוו פריינדליך איהר ערווידערט.

— דא איז אזא געשיכטע; האָט דיא גרעפין עטוואָס ערנידערענדיג איהר שטימע געזאָגט-- מיינער אז עלטערער ברודער אין סאַראַטאָוו, האָט מיט זיעבען יאָהר צוריק געהאַלטען א בוך־פיהרער אין זיין געשעפט איינעם א געוויסען קרילאָוו׳ן. קרילאָוו האָט אין זעהר אַ קורצע צייט זיך ערווארבען דאָס צוטרויען פון מיין ברודער אזוי ווייט דאָס מיין ברודער האָט איהם געמאַכט פאר זיין הויפּט־געשעפט־פיהרער, און פיעלע, טויזענדע זיינען טאַג טעגלייך דורך זיין האַנד דורכגעגאנגען, איין מאָל איז קרילאָוו געגען אבענד אוועקגעגאַנגען אבצוצאהלען א קויפמאַן פאַר וואַארע א סומע פון זיבצינ טויזענד רובל. ער האָט דאָס גאַנצע געלד געטראָגען אין זיין בוזים־טאַש. עס זיינען

אריבער זיבעןַ אכט שטונדען און קרילאָוו איז צוריק ניט געקומען. מיין ברודער האָט באלד געשיקט א מענשען צום קויפמאן און דער קויפמאן האָט געענטפערט, אז קרילאָוו איז ביי איהם ניט געוועןַ. דאָס איז באַלד געמעלדעט געוואָרען אין דער פּאָ־ליציי און עס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען געהיים־אַגענטען קרילאָוו׳ן צו זוכען, אום פיער אוהר מאָרגענס האָבען זיי געפונען קרילאָוו׳ן אונטער דער שטאדט אין א גרוב; ער איז געלעגען געבונדען וויא א שעפּס און אין דעם מויל האָט איהם געשטעקט א שנופּפּטיכעל.

באראָן גענעראַל איז געוואָרען זייער אויפגערקזאם, ווען ער האָט פון דער גרע־פין דערהערט, אז קרילאָוו איז געווען־געבונדען און א טיכעל האט איהם געשטעקט אין דער מויל. דאָס האט איהם עראינערט דיא טרויעריגע געשיכטע פון זיין ערמאָר־דעטען ברודער, דאס דער מערדער, וועלכען ער זוכט שוין אזוי לאנג ארום, איז אויך געלעגען געבונדען מיט א טיכעל אין מויל.

— דיא געהיים־אגענטען, — האט דיא גרעפין ווייטער דערצעהלט — האבען באלד פון קרילאָווס מויל דאס טיכעל ארויסגעצויגען, דיא שטריק פון זיין קערפּער ארונ־טער גענומען; אבער קרילאָוו איז נאך געלעגען א היבּ׳שע פּאר שטונדען אהן לשון. ווען ער איז צוריק צו מיין ברודער אבגעפיהרט געוואָרען האט ער דערצעהלט, אז דריי רויבער זיינען איהם בעפאלען און נאך דעם וויא זיי האבען איהם געבונדען זיינען זיי מיט דיא זיבציג טויזענד רובּעל פערשוואונדען!

דיא גרעפין האט א לייכטען זיפץ געטהאן און ווייטער דערצעהלט:

— דיא טיכעל וועלכע עס האט געשטעקט אין קרילאָווס מויל, האט געהאט צוויי אויסגענייטע בוכשטאבען א. ב. און אין פערלויף פון איינינע טעג איז בעוואוסט געוואָרען צו וועמען זיא געהער און עס זיינען באלד ארעטירט געוואָרען פיער מענשען—

— גאָר גראָטען אין יענער געשיכטע מיט קולאקאָוו׳ן, — האט זיך דער באַ־ראָן גענעראלאָוו געקלעהרט — אבער לאָמיר הערען ווייטער.

— קיין פערדאכט, אי פון מיין ברודער, אי פון דער פּאליציי איז אויף קרי־לאָוו׳ן ניט געוועןַ, — האט דיא גרעפין פאָרטגעזעצט — אבער יענע ארעטירטע פאמיליע האט ניט אויפגעהערט צו כ׳ענה׳ען, אז זיא איז אונשולדיג. ביי א שטרייננער אונטערזוכונג האט מען אבער אין דער הויז פון יענער פאמילע געפונען אויפ׳ן בוידים, א וויאינגרישני ביליעט״ וואס קרילאָוו האט בעקומען פון מיין ברודער א געשאנק צו ניי־אהר. דא איז שוין מעהר קיין צווייפעל ניט געוועןַ, אז יענע פאמיליע האט קרילאָוו׳ן בערויבּט; דען וואס איז נאך א בעסערער בעוויז וויא א נומערירטער ביליעט? דיא פאמיליע איז נאך א לאַנגען זיצען אין אסטראג פערשיקט געוואָרען נאך סיביר; אבער ענדליך האט זיך ארויסגעוויעזען, אז קרילאָוו האט טאקי מיין ברודער בערויבּט!

— איך בין אויסער זיך — האט גענעראַלאָוו אויסגעשריען — זאגט מיר גרעפין דיא אזוי דאס איז בעוואוסט געוואָרען; איך האב עס נויטהיג צו וויסען.

— דאס איז איינפאך בעוואוסט געוואָרען, — האט דיא גרעפין תּם׳אוואטע דרויעדערט — וויל קרילאָוו איז נאכהער מיט דרייסיג טויזענד רובּעל פון מיין ברו־

דערם קאַסע פּלוצלינג פערשוואונדען געוואָרען און נאך א שטרענגע אונטערזוכונג האט זיך ארויסגעוויזען, אז קרילאוו האט נאר געוואונט אין סאראטאָוו אויף א פּאלשען פּאסאָרט —

— קענט איהר מיר, גרעפין, ניט זאגען וויא האט קרילאוו אויסגעזעהן?

— ער איז געוועזען א דיקער פּערזאָן מיט ברייטע שולטערען און מיט א שמאלען אפּענ־שטערן און זיין קאָפּ האט אויסגעקוקט פערהעלטניסמעסיג צו קליין פאר זיין ברייטען קערפּער.

— דאס איז ער! — האט דער באראן ניט מיט זיין שטימע אויסגעשריען — ער, דער אייגענער באנדיט?

— אָט צוליעב איהם טאַקי בין איך יעצט צו אייך געקומען, — האט דיא גרעפין מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — איך בין דאָ אין מאסקווא א גאסט; היינט האט מיך בעזוכט דער מאסקווער גאלאווא אלעקסייעוו און האט מיר דערצעהלט, אז באראן גענעראלאוו זוכט ארום אין מאסקווא איינעם א קאָזלאָוו'ן; נאכהער וויא איך האב דיא געשיכטע פון איהם אויסגעהערט, האב איך מיך בעעהרט אייך צו בעזוכען.

— אָ, איך דאנק אייך גרעפין פון טיעפסטען הערצען! — האט דער באראן איהר רייכענד זיין האנד אויסגערופען.

— איהר האט מיר ניט באראן וואס צו דאנקען, — האט דיא גרעפין מיט אן אונשולדיגע מינע ערוויעדערט — איך געה דא אזוי פאר מיינע אינטערעסען וויא איהר פאר אייערע און מיר וועט זעהר פרעהען צו הערען פון אייך, אז איהר זייט געפּאַרען אויפ'ן רויבערס א שפּור, דען ביי מיר שפּיעלט ניט אזוי א ראָליע דאס גערויבטען געלד, וויא דאס לעבען פון דיא פיער אונגליקליכע מענשען, וועלכע געפינען זיך נאך צוליעב דעם ביז היינטיגען טאָג אין סיביר. דיא פּאליציי האט דעם פּאלשען קרי־לאוו'ס פּאספּאָרט און זיין לעצטען רויב ניט געוואלט אננעהמען פאר א בעוויז, אז יענע אונגליקליכע פאמיליע איז אונשולדיג. — איהר קענט דאָך געוויס, באראן, אונזער רוסלאנד....

— אָי, וויא איך קען! — האט דער באראן א זיפץ געטהאן, — נאך א פאַ־מיליע איז צוליעב דעמזעלבען באנדיט אין סיביר און אבוואהל עס איז שוין בעוואוסט, אז ער האט מוין ברודער און שוועגערין ערמאָרדעט, דאָך איז נאך יענע פאמיליע ניט בעפרייט. וויא באלד אונזער רעגיערונג וועט דעם מערדער ניט האבען אין דער האנד, וועלען אלץ דיא אונשולדיגע ניט אויפהערען צו ליידען!

— ער וועט נאך מיט גאָטס הילף אויך זיין א ניהיליסט, — האט זיך דיא פערשטעלטע גרעפין דאנילאוו געקלערט — מאריא זלאַדייקינא קען אלעס....

— מילא, דאס איצט אן א זייט, — האט דיא גרעפין געזאגט, — קענען מיר אבער האָפען אויסצוגעפינען קאָזלאָוו'ן אין מאסקווא?

— איך האב גראדע דיא טעג בעקומען עפּעס א האָפנונג, — האט באראן גענעראלאוו ערוויעדערט — צוויי פּרויען זוכען דאָ אין מאסקווא אויך דעמזעלבען מערדער....

— זיינען זיי אבער איבערציינט, אז ער געפינט זיך אין מאסקווא ? — האט זא גרעפין געפרעגט.

— יא, איינע פון זיי איז אין דעם איבערציינט.

— אָ, וואס פאר א גליקליכער צופאל ! — האט דיא גרעפין העכסט ענטציקט ין מיט א נאאיווע מינע אויסגעשריען — געפין איך דא אין מאסקווא דעם רויבער, עקומען פון מירביידע פרויען צעהן טויזענד רובעל ! איך וויל מיט לייב און זעעלע טען דיא פאלש-בעשולדיגטע פאמיליע, וועלכע איז נעבאך פערשיקט אין סיביר.

באראן גענעראלאוו איז ענטציקט געוואָרען פון דיא מילדקייט און בארמהער־גקייט פון דער יונגער און שעהנער גרעפין.

— אויב איהר ווילט, קען איך אייך מיטביידע פרויען בעקאנט מאכען, — אט דער באראן פריינדליך געזאגט.

— אָך, פאר וואס ניט ? — האט דיא גרעפין מיט א נאאיווע מינע גערעדט— זיינען געוויס אויך ארמע מענשען און נור אזעלכע קענען אויסגעפינען דעם מער־ער נאך פיעל גיכער פון אונז. מיר האבען א פערקהער אלעס מיט דער העכערער זעלשאפט, און געמיינע פערברעכער איז נור צו זוכען צווישען דעם איינפאכען אלק, צו וואס מיר טוינגען ניט.

— זיא איז אויך זעהר קלוג און פראַקטיש דערצו, — האט זיך דער באראן גע־ערט — אבער לאמיך פריהער מיט איהר בעס:ר בעקאנט ווערען.

— איך וועל דיא טעג פאר אייך ביידע פרויען פאָרשטעלען — האט דער אראן נאך א קורצע פויזע געזאגט — ערלויבט איהר מיר גרעפין אייך ענטפערן מיט ווייזיט ?

— מיט ן בעסטען פערגניגען, בעזאָנדערס נאָך, אז מִיר בעדארפען זיך פון איצט פאסט יעדען טאג זעהן. דען וויא באלד, אז דער מערדער און רויבער געפינט זיך אין מאסקווא גלויב איך, אז ביי גוט אויפפאסען וועלען מיר איהם וואס אם סטען אויסגעפינען און יענע ביידע פרויען קענען אונז דערצו זעהר ניצליך זיין, בען זיי אלטע אדער יונגע ?

— א מוטער מיט א טאָכטער, א יונגעס מעדכען.

— חנה און חייקע פראנק ! — האט דיא גרעפין זיך געטראכט — זלאדייקינא ט קיין אירטהום ניט געמאכט.... עך חיטראָווצין, מיר האבען זיי שויןביידען אין ביר און מיט דעם ב א ר אָ נ ט ש י ק וועלען מיר אויך פארטיג ווערען.... שרה נשטיין דערטרונקען....דאס איז גאר א בעזונדער הצלחה !

זיא האט אויפגעגעבען דעם באראן אן אדרעס צו איהר האָטעל. ער האט הר פערשפראָכען באלד מארגען איהר צו בעזוכע, און האט איהר פריינדליך בע־יטעט ביז איבער יענער זייט טהיר.

צוויי הויכע פיגורען זיינען וויא צוויי שווארצע שאטענס דורכגעלאפען ווען מאריא אדייקינא איז ארויסגעגאנגען פון דער טהיר.

69טעס קאפיטעל.
שרעקליכע וואונדער.

אום צוועלף אוהר בײ נאכט איז געלאָפען א פערמאכטער עקיפּאַזש איבער מאסקווער הינטער געסלאך, דער עקיפּאזש איז געוועזען געשפּאנט צו צווײ גרויסע און שטארקע פערד און די פענסטער זײנען געוועזען פערהאנגען מיט שווארצע פאָרהאַנגען. אין דעם עקיפּאַזש זײנען געזעסען צװײ דאמען אין שווארצע זײדענע קלײדער, פערהילטע אין סאמעטענע מאנטלען, זײערע היט זײנען געלעגען פאסט ביז זײערע אויגען און זײערע געזיכטער זײנען געווען פערדעקט מיט שווארצע זײדענע מאסקען און איבער די מאסקען זײנען געהאנגען שווארצע וואַלען.

— איך זאג אײך גענעראל, — האט אײן דאמע געזאגט צו דער צווײטער — אז איך בין גאר אויסער זיך, עס גלויבט זיך גאר ניט, אז א מענש זאל היינטיגע צײטען קענען ווײזען אזעלכע וואונדער; דאס איז גאר איבערנאטירליך.... ווען זיא װעט מיר יעצט זאגען אײניגע געהײמניסע פון מײן לעבען, איז בײ מיר מעהר קײן צווײפעל ניט. אז זיא איז א פּראָפעטין אדער א מכשפה. וועגען וועלכע מיר האבען א קלײנעם בעגריף פון בײדע טעסטאמענטען.

— איך בין עס א בעלן צו זעהן — האט די צווײטע דאמע מיט א מענערשטימע ערוויעדערט — איך האב אײך געפּאָלגט נאָלאָווא, ווײל מיר גלויבט זיך ניט אז היינטיגע צײטען זאל זא וואס געבען צווישען מענשען. איז עס נאך ווײט פון דאנען?

די דאמע, צו וועלכער די פראגע איז געשטעלט געוואָרען, האט עטוואס אויפגעהויבען דעם שווארצען פּאָרהאנג און האט זיך א קלײנע ווײלע אײנגעקוקט אויף דער גאס.

— שוין גאנץ נאָהענט.

— דער קוטשער א פרעמדער, — האט די צווײטע דאמע געזאגט — מיר זײנען פערמאסקירט און ניט אין אונזערע הײזער האבען מיר עס געטהאן; היינט לאמיר זעהן, וואס מיט אונז וועט בײ דער קארטענווארפערקע געשעהן?

די קארעטע האט זיך אין אײניגע מינוטען ארום אפּגעשטעלט און פון איהר זײנען ארויסגעגאנגען די צווײ דאמען.

ווי אונזערע לעזער האבען געהערט, אז אײנע פון זײ איז דער נאלאווא אלעקסײעוו קוקט ער יעצט אויס מיט א גאנצען קאָפּ נידעריגער, ער האט אונטער דער דאמען-קלײד אײנגעבויגען זײנע פיס. די צווײטע דאמע דער גענעראל, האט געהינקט אויף א פוס, זײ האבען אפּגעצאהלט דעם קוטשער וועלכער איז באלד אוועקגעפאהרען און אלײן האבען זײ זיך בײדע ארײנגעהאפּט דורך א הינטער-טהיר אין דער קאָרטענווארפערקעס וואוינונג.

די קארטענווארפערקע איז זיך דאמאלס געזעסען אין א מאָדנעם קאָסטיום בײ איהר קעסטעלע, איהר געזיכט איז געווען פערהאנגען מיט א ווײסען געדיכטען וואָל און א שוואַרצע שפּיציגע מיץ, מיט א רויטהען קוטאס האט צוגעדעקט איהר גרויסען קאָפּ.

אין איהר קעסטעלע האט פּלוצלינג א שפּרונג געטהאן דער בוכשטאב S און די הינקעדינע דאמע איז צו איהר אין קאבינעט אריינגעגאנגען.

זיא איז נאָהענט צוגעגאנגען הינקענדיג צו דעם טייטעל פון דער קאָרטענוואר־פערקע און האט מיט דער האנד א וואונק געטהאן אויף די קארטען, וועלכע זיינען געלעגען צווישען צוויי ברענענדע וועקסערנע ליכט.

די קארטענווארפערקע האט צוליינט צוויי ציילען קארטען מיט די געזיכטער אראָפּ און האט געהייסען דער דאמע איין קאָרט אויפהויבען.

די דאמע האט איהר געפאָלגט, זיא האט אויפגעהויבען א מיטעלסטען קאָרט.

— קהערט איהם איבער מאדאם — האט די קארטענווארפערקע צו דער דאמע געזאגט.

די דאמע האט דעם קארט איבערגעקעהרט און האט א שטארקען ציטער געטהאן דערזעהענדיג פאר זיך א שרעקליכעס בילד, א יונגע דאמע ליעגט געשמידט צו א בעטעל און לעבען איהר שטעהט א מענש און שטעכט איהר אריין א מעסער אין הארצען.

— לייגט דעם קאָרט אין קעשענע אריין, — האט די קארטענווארפער־קע מיט א שטרענגע שטימע געזאגט.

די דאמע האט דעם קאָרט אריינגעלייגט אין קעשענע.

די קארטענווארפערקע האט אלע קארטען איבערגעקעהרט און האט זיך דריי מאל איבערגעצלם׳ט.

— אָט זעהט איהר דעם קעניג פּיק, — האט זיא צו דער דאמע געזאגט — דאס צייגט, אז פאר מיר שטעהט א מאנספּערזאן.... די צווייטע קאָרט צייגט, אז איהר זייט א הויכגעשטעלטע פּערזאָן, און די גאנצע רייהע קארטען ווייזען, אז איהר זייט אן אינקוויזיטאר.... א שטרייננער אינקוויזיטאָר.

די דאמע האט זיך א צאפּעל געטהאן.

— נאט זעהט, — האט די צויבערין ווייטער גערעדט — אָט איז א „נײַנטעל״ לעבען איהר ליעגט א „פּיערטעל״, צוזאמען איז עס דרייצעהן. דאס צייגט, אז איהר זייט אן אינקוועזיטאָר וואס פּאסט פאר דעם דרייצעהנטען יאהרהונדערט. אָט זעהט איהר דאָך, מאדאם....

די דאמע האט געפיהלט א שוידער אין די ביינער.

— איהר האט פערמאטערט צעהנדליגע מענשען ביז צום טויט, — האט די קארטענווארפערקע ווייטער גערעדט — אט זעהט איהר דאך דעם אונטער קרייץ, ער איז אויף איינער פון אייערע אָפּפער.... דאס איז א יונגער מענש; מיט זיינע א שוועסטער איז פערלאָבט אייערער א זוהן און דאָך האלט איהר אייער זוהנס קינפּ־טיגען שוואָגער פערשפּארט אין א לאָך.

די דאמע האט זיך א חאַפּ געטהאן פארן קאָפּ.

— איינס, צוויי, דריי; איינס, צוויי, דריי, — האט די קארטענווארפערקע שטיל געשעפּטשעט פיהרענדיג איהר האנד איבער די קארטען.

— עס האלט, אז אין פערלויף פון צוויי מאנאטען, — האט דיא קארטענוואר-פערקע מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — זאל פון אייך ווערן דיעזעס —

צוויי קלינגע האבען פלוצלינג א הילך געטהאן אין צימער, און פאר דער דאמעס פיס איז וויא פון הימעל אראפגעפאלען א שרעקליכער בילד: א קערפער אין א מונדיר פון א גענעראל איז געלעגען אויסגעצווינגען, און זיין אפגעשניטענער קאפ געפינט זיך אין דיא הענד פון א יונגע דאמע, וועלכע האלט אין דער צווייטער האנד א לאנגען בלוט-בעפלעקטען שווערד.

— וועה! — האט זיך א שרעקליכער קרעכץ פון דער דאמעס הארץ ארויס-געריסען און זיא האט זיך מיט ביידע הענד אנגעהאפט ביי'ם טיש.

— אט זעהט איהר דאך, — האט דיא צויבערין געלאסען גערעדט איהר אנ-וויזענדיג אויף דער צווייטער ציילע קארטען — דאס וועט מיט אייך געשעהן צו ליעב דעם יונגען מענשען, וועלכען איהר פייניגט אין א פינסטערן קערקער....

— א הייליגע פרוי, — האט דיא מאדאם אויסגעשריען — וויא רעטע איך מיך?

— שווער, שווער, מאדאם, — האט דיא קארטענווארפערקע נאך א לייכטען זיפץ איהר ערוויעדערט — סיידען איהר זאלט דעם יונגען מענשען בעפרייען....אבער דיא קארטען ווייזען, אז דאס ווענדט זיך ניט אין גאנצען אן אייך....

— איהר זייט א געטין! — איך פאל פאר אייער הייליגע פערזענלכקייט! — האט סאבאקאוו פון אונטער דער מאסקע אויסגעשריען און האט זיך ביי א פופצעהן מאל איבערגעצלם'ט.

דיא צויבערין האט דיא קארטען אבערמאלס אויסגעמישט און האט זיי ווידער צולייגט צווישען דיא ביידע וואקס-ליכט.

— ווילט איהר זיא זעהן? — האט דיא צויבערין איהר געפרעגט.

— וועמען מיינט איהר?

— אט איהר, — האט זיא אנוויזענד אויף א דאמע קרייץ געזאגט — אייער אמאליגע געליעבטע, וועלכע איהר האט פערפיהרט פון עהרליכען וועג און זיא האט אייך געבארען א זוהן נאך איהר הייראטהען אן אנדער מענשען....

— א, איך געדענק עס ניט....

— אט איז זיא!

דער דאמע איז נאר דיא פיס געפאלען א בילד פון א בליהענדעס שעהנעס און רייצענדעס מערכען. דיא דאמע האט דאס בילד בעטראכט און האט א שרעק-ליכען ציטער געטהאן.

— דיעזע מיידעל, — האט דיא קארטענווארפערקע געלאסען גערעדט — איז דורך אייך א מאל פערפיהרט געווארען.... זיא האט געהייראטהעט א יונגען מענשען און זיא האט אין אייניגע מאנאטען נאך איהר חתונה געבארען אן „אונצייטיגען" זוהן....דערנאך איז זיא פון איהר מאן אוועקגערויבט געווארען צום קעניג פון.... אט איז ער דאך.... דער קעניג „פיק" האט צו איהר מאן אריינגעשיקט נאך א זוהן און ביידע פרעמדע קינדער האבען זיך ביי איהם ערצויגען אלס זיינע....פון אייער

זוהן, מאדאם, איז ארויסגעוואקסען א מערדער מיט דעם זעלבען כאראקטער יואס איהר, נור פיעל קלינער און טייפעלישער פון אייך.

— געוואלד! — האט דיא דאמע ווילד אויסגעשריען — וואו בין איך דא?.... איז דאס ניט א טרוים?.... דאס איז דאך שוין א געשיכטע פון איבער דריי און פערציג יאהר!

— אָ, ניין מאדאם, ביי מיר אין קאבינעט טרוימט מען ניט.... נעהט שוין נאך היזע און בעזוכט מיר נאך א מאל ...דיא קארטען וועלען ווייזען אייך עפּעס שרעקליכעס....אדיע מאדאם....דער קאקטעננוואורף האט זיך געענדיגט.

מיט וואנקענדע קניע איז דער פערמאסקירטער גענעראל סאבאקאוו פון דער קארטענוואַרפערקעס צימער ארויסגעגאנגען, נאכדעם וויא ער האט אויפ'ן טיש אוועקגעליינט א פעקעל מיט הונדערטער.

אין פענסטערל פון דער קארטענוואַרפערקעס קעסטעל האט א שפרונג געטהאן דער בוכשטאב *A* און אין איהר קאבינעט איז באלד אריינגעגאנגען א דאמע אין דעם זעלבען קאָסטיום און דיא אויסשטאטונג וויא דיא פריהעריגע און האט אויך צוגעהינקט אויף א פוס.

— ווילקאָמען, מיין קינד! — האט דיא קארטענוואַרפערקע מיט א פריינדליכע שטימע געזאגט — שרעקט אייך ניט, מאדאם, קיין בייז וועט אייך געשעהן, זאל איך אייך קארטען אויסלייגען?

דיא דאמע האט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאָפּ.

דיא קארטענוואַרפערקע האט צולייגט דריי ציילען קארטען.

— איהר זייט א דאמע פון זעהר א הויכע פאמיליע, — האט דיא צויבערין קוקענדיג אין דיא קארטען געזאגט.

— אָ, אָ, — האט זיך אלעקסייעוו אונטער דער מאסקע געקלעהרט — דיא מאסקע האט גוט געווירקט. מיר שיינט, אז זיא וועט שוין ניט וויסען פון איהר קאָפּ צו זאגען.

— אייער פאטער, — האט זיא פאָרטגעזעצט — איז אין מיטען דער שטראסע ערמאָרדעט געוואָרען....אייער צ ו ו י י ט ע ר פאטער לעבט און ער איז געזונד, וויל ער איז, זייט מיר מוחל, א גרויסער אידיאָט....

— זיא איז דאָך א נעטין, — האט זיך אלעקסייעוו געקלעהרט — זיא וויים, אז איך בין א זוהן פון צוויי טאטעס....און איינער איז טאקי יא א גרויסער אידיאָט.

— זעהט איהר, — האט דיא נעטין ווייטער גערעדט — דיא ערשטע קארט האט אפילו געוויעזען, אז איהר זייט א דאמע; ענדליך ווייזט זיך אויס, אז איהר זייט נאר א מאנספּערזאָן און ניט פון דיא קליינע בעסטיעס.... ביידע טייזלאך לעבען אייך צייגען, אז איהר זייט א גרויסער אינטריגאנט, א רכילות־טרייבער, א פּיזרזאָל־נער פון אונשולדיגע. א אונטער פיק האט אויף אייך צוויי מאל עפּעס געוואָרפען מיט א שטיין, אדער מיט אן איי, דאס קען איך אייך שוין ניט זאגען, נור איך זעה, אז ער האט אויף אייך געוואָרפען מיט א קאַלעכדיגע זאך—

אלעקסייעוו האט פערצווייגען מיט דיא אקסלען.

— דער אונטער האט געהאט רעכט, — האט די צויבערין פארטגעזעצט — איהר האט א מאל פעראונגליקט זיינע א מוטער, איהם האט איהר אויך פעראומגליקט עפּעס דורך איינע א פרוי. אט איז זיא! — זיא האט אנגעוויזען אויף א דאמע קרייץ.

אלעקסייעוו האט א ציטער געטהאן און האט געווארפען ווילדע בליקען אויף דיא דעקארירטע ווענט פון דעם שרעקליכען קאבינעט, און דיא צויבערין האט ווייטער געשניטען:

— עס האט זיך אבער אויסגעלאזען: אז דאס עהרליך קינד וועלכען איהר האט אין אונגליק געווארפען איז ערקלעהרט געווארען פאר אונשולדיג אין דעם פערברעכען דורך וועלכען איהר האט איהם געוואלט פיהרען צום גאלגאן....

אלעקסייעוו האט זיך מעהר ניט געקענט בעהעררשען.

— געוואלד, ווער זייט איהר, פרוי? — האט ער ניט מיט זיין שטימע אויסגעשריען.

— איך בין מערי באטענבערג, ליעבע מאדאם, — האט דיא צויבערין ווייטער גערעדט — ביי מיר אין קאבינעט טאר מען ניט צופיעל ענטציקט ווערען.... אט וועל איך פאר אייך נאר באלד ארויסרופען א פערזאן, וועלכען איהר האט א מאל פערנארט ערגעץ אין א פעלד און איהם ערמארדעט.

אלעקסייעוו האט זיך הינטער זיך אפגערוקט און האט ווילד אויסגעשריען:

— א, מיטלייד, נעטין!

— דער גייסט פון אייער ערמארדעטען, — האט דיא אלטע ווייטער פארטגעזערט — שוועבט דא ארום אין מיין צימער, ער וועט פון אייך ראכע נעהמען פאר זיין איינציגען זוהן, וועלכער זיצט צוליעב אייערע אינטריגען אין א פינסטערן קערקער. איהר זייט בעגאנגען מיט איהם נאך א גרעסערן מארדטהאט וויא מיט זיין פאטער. זאל איך איהם ארויסרופען?

אלעקסייעוו האט זיך געחאפט פון צימער ארויסלויפען; אבער וויא ער האט מיט דער האנד אנגענומען דיא מעשענע הענטעל פון טהיר איז דורכגעלאפען א שטיך אין זיין גאנצען קערפער און עס האט איהם א שליידער געטהאן הינטער זיך.

— פון מערי באטענבערגס קאבינעט טאר מען ניט לויפען, — האט דיא אלטע מיט א טייפעלשע שמייכעל גערעדט — קומט אהער צום טיש, מאדאם, איך האב אייך פריהער געזאגט, אז קיין בייז וועט אייך ניט געשעהן....

— פארזיכטיג מאדאם! — האט אלעקסייעוו מיט א שטרייגגען טאן געזאגט — איהר בעדארפט וויסען מיט וועמען איהר האט דא צו טהאן.

— א, איך וויים מאדאם, — האט איהם דיא צויבערין געלאסען ערוויעדערט — דיא קארטען צייגען מיר אלעס.... אט זעהט איהר דאך ביידע צייכען קארטען, איין ציילע זאגט, אז מארגען וועט איהר בעקומען א בריעף פון אייערן א ברודער, עפּעס א רויבער א מערדער, וועלכען ער וועט בעטען פון אייך א שעהנע סומע.... ער איז פון אייך זעהר ווייט ערגעץ אין אן אנדער לאנד....

— איך געה פון זינען אראפ! — האט זיך אלעקסייעוו נעטראכט — קיין מענ־שען־פערשטאנד קען עס ניט בעגרייפען.

— וועט מאָרגען געוויס צו מיר אזא בריעף אנקומען? — האט ער איהר מיט א שוואכע שטימע געפרעגט.

— מערי באטטענבערג קייט ניט איין וואָרט צוויי מאָל איבער! — האט דיא אלטע מיט א שטאָלצע מינע געזאגט — אָט איז דיא ערשטע ציילע קארטען, קוקט און זעהט....

— און וואס צייגט דיא צווייטע?

— דיא צווייטע צייגט, אז איהר מוזט בעטען אום פערצייהונג ביי א פּערזאָן, וועלכען איהר האט פעראונגליקט, אז ניט — וועט אייך אימער פערפאלגען דער גייסט פון זיין ערמאָרדעטען פאטער.

— און גלאט איהם בעפרייען פון אונגליק וועט ניט טויגען? — האט אלעקסיי־עוו מיט א פלעהענדע שטימע געפרעגט.

— איהר קענט ביי מיר אלעס אפדינגען, — האט איהם דיא קארטענוואָרפער־קע מיט א שמייכלענדע מינע ערווידערט — אבער לאמיר זעהן וואס דיא קארטע וועלען נאך א מאל ווייזען?

זיא האט דיא קארטען נאך א מאל אויסגעמישט און האט זיי ווידער צולייגט אין דריי ציילען.

— יא! — האט זיא בעטראכטענד דיא קארטען אויסגעשריען — בעפרייען אליין איז אויך גענוג.

זיא האט דיא קארטען אויפגעלייגט און האט איהם געזאגט אדיע.

— אָ, געטין, — האט אלעקסייעוו אויסגערופען — נאך א י י ן זאך וויל איך וויסען, זייט אזוי פריינדליך און זאגט עס מיר.

— וואס? — האט איהם דיא אלטע מילד געפרעגט.

— וואָרפט אויס קארטען וועגען מיין מוטער.... זייט אזוי גוט.... איך וועל אייך זעהר דאנקבאר זיין.

דיא צויבערין האט אויסגעלייגט דריי ציילען קארטען און האט זיי שטארק בעטראכט.

— אייער מוטער, — האט זיא געלאסען גערעדט — איז ניט דיעזע וועלכע דיא וועלט בעטראכט פאר אייער מוטער. זיא איז פון איהר מאן אוועקגערויבט געווארען צו דיעזען קעניג „פּיק" אָט זעהט איהר דאָך....

— געוואלד! — האט אלעקסייעוו אויסגערופען — איך פאל פאר אייער הייל־ליגקייט.

— שווייגט מאדאם, — האט זיא געלאסען געזאגט — לאזט מיר בעטראכטען.

זיא האט דיא קארטען א קליינע ווײלע אנגעקוקט און האט ווייטער גערעדט:

— פון קעניג „פּיק" זייט איהר געבוירען און זייט ערצויגען געוואָרען ביי א

פרעמדען פאטער, וועלכען אייער מוטער האט נאך פון פריהער געשיינקט א פרעמ. דען זוהן. איהר זייט ביידע ביז היינטיגען טאג בעטראכט פאר זיינע אייגענע קינדער, ווערהענד אייער עלטערער ברודער איז גאר א ממזר און פון איהם וועט איהר עם מאָרגען בעקומען א בריעף ווענען געלד.

— אָ, „דמיטרי" „דמיטרי", — האט זיך אלעקסייעוו געטראכט — דוא ביסט אויף מיר נאר א נייע אָנשיקעניש.

— לעבט אבער נאך מיין ווירקליכע מוטער ביי דעם קעניג „פיק"? — האט איהר אלעקסייעוו נייגיעריג געפרעגט.

— דיא קארטען ציינען עס היינט ניט קומט ווען עס איז נאך א מאל....

— ווייסט איהר ווער איך בין פערזענליך און וויא איך הייס? — האט איהר אלעקסייעוו אונרוהיג געפרעגט.

— צו אזא שטופע זיינען נאך דיא קארטען ניט דערנאנגען — האט איהם דיא אלטע מיט א נאאיווע מינע ערוויעדערט — און מיר אינטערעסירט עס גאר ניט צו וויסען....

אלעקסייעוו האט דער אלטער אפגעצאהלט מיט א שעהנעם פעקעל באנק- בילעטען און נאכהער וויא ער האט דער קארטענווארפערקע געשיינקט א קוש אין דער האנד, האט ער מיט א צובראָכענער הארץ און א פערוואונדעטע זעעלע איהר קאבינעט פערלאזען.

— זיא איז א געטין, — האט ער זיך ביי זיין אוועקגעהן מיט סאבאקאוו'ן גע- טראכט — ביי אזעלכע געהיימניסע, וועלכע זיא האט פאר מיר ענטדעקט, איז ביי מיר אין דעם קיין צווייפעל ניט—

דיא קארטענווארפערקע האט נאך אלעקסייעוו'ס אוועקגעהן אנגעקלונגען און א דיקע פערזאָן איז פון א זייטיגע טהיר צו איהר אריינגעגאנגען.

— נו, מאדאם באטענבערג, עס וועט געהן? — האט איהר דער דיקער פערזאָן געפרעגט.

— נאך וויא? — האט באטענבערג מיט א טייפעלשען שמייכעל ערוויע- דערט — זייט העדר חיטראָוויצין זיכער, אז אין פערלויף פון א קורצע צייט, איז פאוועל אנדריאנאוו בעפרייט; אבער זייט איהר דען זיכער, אז איהר וועט בעקומען דיא פערשפראָכענע סומע פון גרעפין אנדריאנאווא?

— נאך מיט א דאנק, — האט חיטראָוויצין מיט א שמייכעל געענטפערט — איך דיינק אבער, אז פאוועל וועט בעדארפען באלד מאכען פיס פון מאסקווא, דען עס איז פאסט אונגלויבליך, אז זיי זאלען זיך ניט חאפען....

— זיי זיינען צופיעל פאנאטיש דערצו, — האט מאדאם באטענבערג איהם גע- ענטפערט — און אז זיי וועלען זיך יא חאפען בין איך אויך ניט בדלות.

— וויא הייסט איהר זייט ניט בדלות? איז ביי זיי א קונץ אייך אונגליקליך צו מאכען?

— א פייג אונטערן נאָז, — האט דיא מכשפה געלאכט — איך וועל זיי פער-

טרויען אזעלכע סודות, אז זיי וועלען שפּרינגען צום פּאָלאָפּ פאר איבערראשונג; אבער דאס אָן א זייט הערר חיטראוויצין. זאגט מיר נור, וואו האלט איהר מיט דעם באראָן געגעראלאוו און מיט ביידע זשידאָווקעס?

— דער באראנטשיק מיט ביידע זשידאָווקעס וועלען זיך האבען צו קראַצען, — האט חיטראוויצין מיט א טייפעלשען לאכען געשרעדט — מאריא זלאדייקינא זאל געזונד זייז, איז מיר טריי און ערגעבען.... ביידע זשידאווקעס אויב זיי וועלען ניט האבען קיין שכל, וועלען געהן אין סיביר אויף קאטארגא און אז זלאדייקינא'ן וועט ניט געלינגען דעם באראָנטשיק אוועקפיהרען ערגעץ אין אמעריקא, וועט ער ווערען א געפעהרליכער ניהיליסט און וואו אזעלכע פויגלען קומען אהין קען זיך אזא קארטענווארפערקע וויא איהר פארשטעלען.

— זאגט מיר, הערר חיטראָוויצין, אייער פּלאַן, — האט איהם דיא מכשפה געבעטען — איך זאָרג פּאַר אייך וויא פאר זיך אליין און איך וויל עס וויסען.

— קענט איהר דא דער קארטענווארפערקע מערי באטענבערג — האט חיטראָוויצין שמייכלענד גערעדט — זיא וועט מיר דא אין אלעם בעהילפיג זיין....

— אדרבא, זאגט מיר מיט וואס?

— אויף באראָן געגעראלאוו וועט אייך מיט נאָטס הילף בעזוכען. — אונזערע רוסען זיינען גלויבינגע.... וואס זאגט איהר איז דאס א פּלאַן?

— איהר זייט א „ווייסעל פון אויג", הערר חיטראָוויצין, — האט איהם דיא צויבערין מיט א פריינדליכע מינע ערוויעדערט — איך וועל איהם שוין מיט גאָטס הילף אוועקפיהרען אויך אין אויסטראליען

— און נאכהער וואלט איך וועלען פטור ווערען אויך פון מאריא זלאדייקינא, — האט חיטראוויצין נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — זיא שטעהט מיר דא אין מאסקווא וויא א ביין אין האלדז, דען זיא קען נאך פיעל לייכטער פון מיר אריינפאַלען און דאמאלס בין איך אויך קאַפּוט....

— דאס וועט געשעהן נאך דער ירושה, — האט דיא אלטע ערוויעדערט — נו, וואס זאגט איהר, הערר חיטראָוויצין, וועט עס געלינגען?

— נאך וויא געלינגען? זייט אננא זאכארין האט אייך בעזוכט, האט זיא אָנגעהויבען צו טרוימען וועגען איהר מאַן. זיא וואַרט אויף איהם מיט אונגעדולד און זיא קוקט שוין אויס מיט א צעהן יאהר איינגער.

— ביי דעם צווייטען בעזוך מוז איך האבען אייער זאכארינען ביי מיר אין צימער, — האט דיא קארטענווארפערקע מיט א שמייכעל געזאגט — איך וועל איהם ארויסרופען פאר איהרע אויגען, אז זיא וועט פערצאפּעלט ווערען אויף איהם א קוקצוטהאָן. קיין קאָסטיומען פעהלען מיר ניט. באלד נאכדעם מוז ער קומען צופאהרען און דיא ירושה מוז ער אפּנעהמען אין פערלויף פון איינינע טעג.... אין אזעלכע זאכען איז בעסער, אז מען איילט זיך צו.

— איך געשטעהע, אז איהר זייט ניט קיין קליינע מכשפה, — האט חיטראָוויצין מיט א צופריעדענע מינע איהר ערוויעדערט — מיט אייער פּלאַן וועט דיא זאך דורכגעהן נאך פיעל בעסער וויא איך האב ערווארטעט.

— איך מוז אייך אבער הערר חיטראוועין זאגען, אז איהר בעדארפט איינ־קאסירען אייער ביסעל מזומנים און זיך ניט צושפרייטען איבער מאסקווא מיט אזוי פיעל געשעפטען; דען נאך אזא געשיכטע, וועט איהר מוזען מאכען פיס.

— דאס בעדארפט איהר שוין חיטראוועינען ניט זאגען, — האט ער מיט א שטאָלצע מינע איהר געענטפערט — אבוואהל שרה פיינשטיין מיט איהר דאקומענט איז שוין אויף יענער וועלט; פון דעסטוועגען וויס איך, אז ביי אזא געשיכטע מו' איך אימער זיין בערייט צו א רייזע.

— זיינט איהר שוין געפאלען אויף אָסיפ זאכארין'ס א שפור? — האט איהם דיא אלטע נאך א קורצען נאכדענקען געפרעגט.

— ליידער ניין, — האט חיטראוועין מיט א פערדריסליכע שטימע ער־ווידערט — אבער איך דיינק, אז מאריא זלאדייקינא'ן וועט געלינגען צו ענטדעקען, וואו ער איז, דען אויסער וואס זיא זוכט איהם צוליעב דער פאליציי אלס פאליטישער פערברעכער, האב איך נאך איהר געמאכט דערצו א גרויסען חשק מיט דער פער־זיכערונג, אז איך וועל איהר דערפאר מעהר ליעבען, און פאר מיר וועט זיא איצט לויפען אין פייער און אין וואסער.

דיא אלטע האט צולייגט אויפ'ן טיש עטליכע פעקלאך מיט אסיגנאציעס און נאכהער וויא חיטראוועין האט איהר געהאלפען דאס געלד אויסצעהלען, האבען זיי זיך מיט דער אפותיקי צוטהיילט.

71טעס קאפיטעל.

זיי בעראַטהען זיך.

דיא ארבייט אין אוספענסקי סאָבאָר נעהט צו נאך בעסער וויא אונזער בע־קאנטער מאָנאך קאָמונאָוו האט ערווארטעט. דער הייליגער פאָפּ דוחאָווקין, דער בעל־הבית פון דיא קירכעס אין קרעמעל איז טאג וויא נאכט פערנומען מיט דיא היילינע מאנאשקעס, וועלכע קומען לערהנען אין דיא קירכעס דיא היילינע תורה פון יאָשקען מיט זיינע שמישים. און דוחאָווקין לעהרנט מיט זיי דעם וואנגעליום מיט אלע מפרשים, אז זיי פערגעסען זיך מאנכע מאל צוריק צו געהן געגען אבענד אין זייערע מאָנאסטירען און פערבלייבען נעכטיגען אין דיא קירכעס לעבען דיא היילינע מארטירער. קאמונאוו האט איינגעזעהן, אז דיעזע אלע נאָנעס זיינען גראדע ניט קיין אלטע, און אז ער האט זיך נעהענטער צוגעקוקט האט ער זיך באלד דערוואוסט, אז דער הייליגער דוחאָווקין האט א גאנצען הארעם פון קעבס-ווייבער, וויא דער טערקישער סולטאן.

— דאס איז פאר מיין עסק גאר ניט שלעכט, — האט זיך קאמונאוו גע־טראכט — לאז טאקי דער הייליגער טייפעל א ביסעל צושטיפען מיט זיינע מאָנאש־קעס און איך וועל דערווייל א שטיף טהאן אונטער דעם „בעל־נאמר" פון אוספענסקי סאבאר....

קאמונאוו'ן האבען אנגעהויבען צו בעזוכען בעקאנטע ניזשני נאווגאראדער מאָנאכען מיט אפּנעקראָכענע ליסטרינגע ליגערקעס (אזא מין קאפטען), געגעהט

מיט קורצע סטאָנען און לאנגע פּאָליִס ביז דיא טריט, וויא ווייבערשע לאנגע ספּאָד־ ניצעס. דיזע אלע מאָנאכען זיינען פאָרגעשטעלט געוואָרען פאר דעם היילינגען פּאָפּ רוחאָווקינען אלס פּרושים וואס ריכטען אפּ גלות, וועלכע קומען אין קרעמעל אפּצו־ לעקען א ביינדעל פון דער פּראוואסלאווער קדושה. דוחאָווקין פלעגט זיי זעהר פריינדליך אויפנעהמען, נור ער פלעגט מיט זיי לאנג ניט פערברייננען.

— מיין היילינגער מאָנאך קאמונאוו, דער מארטירער פון נייןצעהנטען יאהר־ הונדערט, — האט זיי דער ליסטינגער טייפעל געזאגט — וועט אייך בעקאנט מאכען מיט דעם גאנצען היילינטהום פון „קרעמעל“ און וואס ער וועט אייך לעהרנען, דאס זאלט איהר טהאן.

דיא מאָנאכען האבען דערווייליע אנגעהויבען ביסליך־ווייז צו בעטראכטען דיא געבויידע „אוספּענסקי סאָבאָר“ מיט אָפענע אויגען, און זיינען געקומען צו דער איבער־ ציינונג, אז עס איז זעהר לייכט דאָרט ארייןצושמוגלען דינאמיט וויפיעל זייער הארץ גלוסט. דער שלויער רוחאווקין אבער האט ניט אראפּגענומען קיין אויג פון קאמונאוו׳ן מיט זיינע קאמעראדען, וועלכע האבען אנגעהויבען ביסליך־ווייז ברייננען צו קאמונאוו׳ן קליינינקע פּעקעלאך און זיי פלעגען באלד פערשלונגען ווערען וויא אין דער העלע. דער היילינער פּאָפּ, פּאָביעדאנאָסצעוו׳ס תּלמיד האט קאמונאוו׳ן, וויא א געניטער, טיכטינער שפּיאָן נאכגעשפּיערט און איז ערפאהרען, אז דיא היילינע מאָנאכען האבען אנגעהויבען אריינצוברייננען אין קרעמעל דינאמיט.

דערווייליע איז זיך דיא ארבייט אין אוספּענסקי סאבאר געגאנגען מיט גרויס פאָרזיכטינקייט אין איהר אָרדנונג. דער „בעל־נאמר“ איז אונטער דיא דיעלען פול געוואָרען מיט א שעהן ביסעל דינאמיט, וועלכען דיא היילינע מאנאכען האבען ביסליך־ווייז אריינגעבראכט. עס איז אין דעם אונטערשטען קעלער געשטעלט געוואָ־ רען א קליינע באַטארעע מיט עלעקטרישע דרעטלאך, אז א זייטינגען אויג איז דאס געווען אונמעגליך צו בעמערקען. ביידע טעכניעקר, געראָאין און וואָאין, וועלכע מיר האבען געזעהן ארבייטען ביי זאבארין׳ס מינע האבען זיך ענטזאגט פון יענער אונטער־ נעהמונג לעבען ניקאלאיעווער וואקזאל און האבען אין אוספּענסקי סאבאָר אלס היילינע מאָנאכען דורכגעפיהרט דיא מינע און האבען געצויגען געהיימע דרעטלאך פון דער באטארעע צו דער צערקאָוו איוואן קאָלאָקאָל, וואו דער היילינער דוחאָווקין האלט זיין הארעם פון דיא היילינע נאָנעס און פון גלאט מיידלאך וואס קענען לעהרנען פון איהם יאָשקע פאנדרעס תורה אום זיך פערפערטיגען צו דיא מאָנאס־ טירען.

יעצט איז שוין נאך צוועלף אוהר ביי נאכט און אונזער קאמונאוו פאהרט מיט א נאָנע אין א פערמאכטען עקיפּאזש. ער האט זיך מיט גרויס פאָרזיכטינקייט פון זיין צימער ארויסגעגנב׳עט און קומענד צו דעם ספּאסקען טויער האט ער אנגעטרא־ פען א יונגע מאָנאשקע, מיט וועלכע ער האט זיך אריינגעזעצט אין א פערמאכטען עקיפּאזש און זיי פאהרען צוזאמען וואוהין זיי האבען יעצט נייטהיג.

— זאבארין האלט זיך ביי דאס זייניגע, אז יענע מינע מוז אויך געמאכט

ווערען, — האט דיא נאָנע צו קאמונאוו'ן געזאגט — ער איז העכסט אויפגערעגט און צאָרניג אויף דעם געהיים־בונד, וואס האט פון איהםביידע טעכניקער צו גענומען.

— ער איז א צו גרויסער עקשן, — האט אָסטראוו איהר ערוויעדערט — דוכט זיך, אז קיין בעסערע מינע וויא אין אוספענסקי סאבאָר אליין בעדארף מען ניט האבען. דא וועלען זיי זיך אלע אָפּזעגנען מיט זייערע קעפּ....

— זאכארין אבער, — האט דיא נאָנע ווייטער גאנץ שטיל גערעדט — איז אזוי אויפגערעגט געגען אונזער צענטראל קאָמיטעט, אז ער געהט פאסט פון זינען ניט אראפּ. ער זאגט, דאס וויא באלד עס פערבלייבט דיא צווייטע מינע ניט צו ענדיגען, מוז ער מיט א צובראָכענע הארץ פון דעם געהיים־בונד ארויסטרעטען.

— איך פערשטעה ווירקליך ניט פארוואס?

— זיינע גרינדע וועט איהר באלד הערען אין דער פערזאמלונג.

מיט א שטונדע שפּעטער איז דער מאָנאך מיט דער נאָנע ארויסגעגאנגען פון דער קארעטע אויף א פרייען פעלד, וואו פון דערווייטענס האבען זיך געזעהן איינגע שווארצע פיגורען.

זיי זיינען צו דיא פיגורען צוגעגאנגען און האבען זיך פריינדליך איינע מיט דיא אנדערע בעגריסט.

— מאטילדא, אין שטאדט אריין, — האט זיך געהערט זאכארין'ס שטימע.

דיא נאָנע, וועלכע האט געבראכט קאמונאוו'ן צו דער קליינער פערזאמלונג איז אוועקגעגאנגען צו דער קארעטע, זיא האט זיך דארט אריינגעזעצט און איז באלד אוועקגעפאהרען.

— ברידער! — האט זאכארין צו דיא איינגע פערזאמעלטע געזאגט — אבוואהל מיר האבען שוין איין מאל דעבאטירט און ביי אייך איז פערבליעבען, אז דיא איין מינע אין אוספענסקי סאבאר איז גענוג, דאך געפין איך פאר נייטהיג אייך נאך א מאל צו זאגען, אז איהר האט דא מיט מיר געהאנדעלט ניט וויא ברידער פון איין אידעע. איהר האט פון מיר מיינע ביידע טעכניקער צוגענומען, ווען דיא ארבייט האט שוין געהאלטען ביי דער ענדע. גוט, איך פערצייהע עס אייך צוליעב דעם הייליגען ציעל; אבער וויא באלד איהר וועט מיר ניט דערלאזען דיא מינע צו ענדיגען, מוז איך שוין ארויסטרעטען פון אונזער געזעלשאפט.... איך פערבלייב אימער אונגליקליך; אבער דאס וועט זיין מיין איינציגע טרייסטונג, אז מיין אונטערנעהמונג איז צערשטערט געווארען דורך אנדערע, ווערהענד איך בין געוועזען בערייט אויפצואָפּפערן פיר דעם מיין לעבען.

— מיר מוזען צוערשט הערען דיינע גרינדע, — האבען זיך געהערט איינגע שטימען.

— מיינע גרינדע זיינען קורצע און שארפע, — האט זאכארין פייערינג גערעדט — וויא באלד דוהאָווקין איז פּאָביעדאנאסצעוו'ס א פאקטאָר, דאן קען קיין גוטעס ניט ארויסקומען.

— ערקלעהר אונז דיא זאך דייטליכער, — האט קאמונאוו געזאגט.

— דיא נאָנע וועלכע איך האב אנגעשטעלט ביי דוחאָוואָקינען אלס שפּיאָנין, — האט זאכארין פאָרטגעזעצט — איז דערגאנגען גאר אין א קורצע צייט, אז דוחאָוואָקין איז פאביעדראנאָסצעוו׳ס א פאקטאר.... זיין הארעם איז פאר דעם פּראָקוראָר פון דעם הייליגען סינאָד אָפען, און דארום בעזוכט פאביעדראנאסצעוו יעדער וואָך מאסקווא....דיא פרוי שרה פיינשטיין איז זעהר א קלוגע, זיא האט דעם הייליגען טייפעל דוחאָוואָקינען קונציג אפּגענארט, ער וועט קיין מאל ניט וויסען, אז זיא איז געוועזן א פערמאסקירטע נאָנין. זיא האט באלד ערפאהרען, אז דוחאָוואָקין איז פאַביעדראנאסצעוו׳ס א פאקטאָר, א צושטעלער פון הייליגע נאָנעס.

— דאס איז מיר זעהר אינטערעסאנט, — האט זיך קאמונאוו אפּגערופען און האט זיך א ביסעל פערטראכט.

— דוחאָוואָקין, — האט זאכארין ווייטער גערעדט — האט איינע א געליעבטע מאָנאַשקע סאָפּיא קוזמינאווא, דיעזע סאפיע איז אויך איינע, מיט וועלכע פאַביעדראַנאַסצעוו איז גוט בעקאנט.

— איך פערשטעה ניט, — האט זיך איינער אפּגערופען — וואס איז דא אזוינס, ווען דוחאָוואָקין שטעהט מיט פאָביעדראָנאָסצעוו׳ן אין אזעלכע פערבינדונגען? דאס האט נאך מיינער מיינונג גאר קיין אָנהאנג צו אונזער אונטערנעהמונג אין אוספּענסקי סאָבאָר.

— וויא באלע דוחאָוואָקין איז בעקאנט מיט פאביעדראנאסצעוו׳ן און פאָביעדראָנאָסצעוו פערגיט זיך מיט איהם אין אזעלכע שמוציגע געשעפטען, — האט זאכארין ווייטער גערעדט — איז ישוין דוחאָוואָקין ניט קיין אידיאט וויא איהר בעטראכט איהם אלע. אלזא לאזט זיך אויס, אז דוחאָוואָקין פערשטעלט זיך פאר אן אידיאט. פערשטעהט איהר וואס איך מיין?

— דאס איז זעהר א טיעפזיניגע אידעע — האט זיך איינער אפּגערופען — איך מוז געשטעהן, אז זאכארין האט זעהר א שארפען בליק.

— זאכארין האט רעכט! — האט א צווייטער געזאגט — איך, אלס איינער פון קאמינאוו׳ס בעזוכער, קען עדות זאגען, אז דוחאָוואָקין האט זיך פאר מיר געוויעזען אזוי תּם׳אָוואטע, אזוי נאאיווו, אז איך וואלט קיין מאל ניט געגלויבט, אז אזא דומקאָפּ זאל געשטעלט ווערען אלס פערוואלטער איבער דיא קרעמיליעשע קירכעס. אבער לאמיר פרעגען אונזער אָסטראָוו׳ן זיין מיינונג; דען ווער קען נאך דוחאָוואָקינען וויא ער?

— איך מוז געשטעהן, — האט אָסטראָוו, דער פערשלייערטער מאָנאך ערוויעדערט — אז דוחאָוואָקין איז ניט אזא נארר וויא ער ווייזט זיך....יעצט הייב איך אן צו זעהן, אז פון טאג צו טאג וואקסט אין איהם דער אידיאט. ביי דעם ערשטען בעזוך האט ער געמאכט אויף מיר אן איינדרוק פון זעהר א קלוגען און ערפאהרענעם מענשען; אבער שטופּען־וויין האט ער זיך אראפּגעלאזען. — דאס וואלט פאר מיר פערבליעבען אונבעמערקט, ווען מען וואלט מיר אין דעם יעצט ניט אויפמערקזאם געמאכט.

— איך גלויב, — האט זאכארין פייערליך גערעדט — אז ביידע היילינ־טייפלען, האבען דא צווישען זיך עפּעס אפּגעמאכט....

— מיר ווינשען מיט ליב און זועלע צו הערען דיין מיינונג.

— מיין מיינונג איז איינפאך, אז דוחאָווקין און פּאָביעדאָנאָסצעוו זיינען דערגאנגען פון אונזער געהיימנים און זיי לאזען אונז מינירען אוספּענסקי סאָבאָר אום דערמיט אפצוהאלטען אן אנדער מינע, וויא דיא זאך איז טאקי ליידער געשעהן....

— בראוואָ זאכארין! — האט קאמונאוו געזאגט — מיר האבען זיך יעצט גע־עפענט דיא אויגען אויף פיעל רעטהזעלהאפטע זאכען.

— דאס מוז אבער גוט נאכגעפּאָרשט ווערען, — האט זיך געהערט מארטין'ס שטימע.

— פריהער פון אלעס מוז דיא מינע אין מיין הויז פּאָרטגעזעצט ווערען, — האט זאכארין גערעדט — איך האב איינמאל געהאט קרענקונג וואס מיין מוטער האט מיך אין מיין הויז בעזוכט; אבער גליקליכער ווייזע איז עס פערבליעבען אונבע־מערקט און מעהר וועט עס שוין נים טרעפען.

עס איז פערבליעבען דיא מינע, אין דאבראליובאָוו'ס הויז פארטצוזעצען און שטריינג נאכשפּיערען דוחאָווקינען, און דיא פריינדע זיינען פערשוואונדען.

— — — — — — — — — — —

ווערענד דיא פערזאמלונג איז דא אין דער פינסטער געהאלטען געווארען איז ביי דעם פּריסטאוו יורקאווסקי אין א פערשלאסענעם צימער געזעסען אונזער וואוילער יונג חיטראוועצין. ער איז פאר דער לעצטער צייט פיעל אומגעענדערט גע־וואָרען, אז עס איז שווער צו דערקענען צו דאס איז דער איינענער מענש. זיינע האָר זיינען געווארען שווארצער, דיא בערדעל אונטערגעשאָרען און אויף זיין פערדרי־סענעם נאָז ליעגען א פּאר דונקעל בלויע ברילען עטוואָס העלערע וויא יורקאווסקי'ס. פון דער וויטענס איז שווער צו דערקענען, אז דאס איז דערזעלבער חיטראָווצין וואס מיט עטליכע טעג פריהער; אבער אז מען קוקט זיך צו איהם נאָהענט צו, איז ער דער איי:ענער טייפעל נאך מיט מעהר לעבען און פרישקייט.

— ביזט קלוג, קלוג יורקאווסקי, און ביזט דאָך א נאררע, — האט חיטראָווצין האלב ערנסט און האלב לאכענד געזאגט — דוא האָסט דורך דער ערטרונקענער שרה פיינשטיין געקענט מאכען חאָטש א צוואנציג טויזענד רובעל.

— איך וויים נים וויא אזוי, — האט יורקאָווסקי מיט א תם'אוואטע מינע ערוויעדערט — ביי דיר חיטראוועצין איז עס אזוי גרינג פון יעדע זאך צו שארען גאָלד.

— און וויל דוא פרעגסט נים ביי חיטראָווצינען אן עצה, — האט חיטראָווצין ווייטער גערעדט — וועסט דוא אייביג ליגען אין דער ערד. דוא וועסט שטענדיג בע־דארפען האָרעוועז אויף א גראָשען וויא א פערד, ווערענד דוא וועסט אויסלאזען טויזענדער וואס זיינען לייכט אויפצוהויבען וויא א שטריי פון דער ערד....

—איך וואָלט וועלען וויסען וויא אזוי האב איך עס געקענט מאכען דורך דער ערטרונקענער שרה פיינשטיין אזוי פיעל גאָלד?

— און דיר אליין קען עס גאר ניט איינפאלען וויא אזוי? — האט חיטראָוועין איהם קוקענד גלייך אין דיא אויגען נעפרעגט.

— איך מוז נעשטעהן, אז איך בין ניט אזוי קלוג וויא דוא חיטראָוועין.

— אן עצה פון חיטראָוועינען, האָסט דוא אויך קיין שכל ניט צו פרעגען? דוא האָסט דאָך דא פון דער האנד ארויסגעלאזען-געוויסע צוואנציג טויזענד רובעל—

— געוואלד, זאג מיר שוין וויא אזוי — האט יורקאווסקי נאאיוו אויכגעשריען— אפשר קען איך עס א י צ ט ע ר פעררינכטען?

— איצט ברודערקע איז שוין פערפאלען, שרה פיינשטיין איז שוין בעגראבען און דאס האט בעדארפט נעשעהן ווען זיא איז געלעגען אין דיין אוטשאסטאָק; פערשטעהסט דוא נאך אלץ ניט?

— ניין, חיטראָוועין, איך פערשטעה ניט.

— ביזט דוא אן עזעל־קאָפּ! פאסטוחאָוו האט בעדארפט מיינען אז שרה פיינשטיין איז זיין דערטרונקענע גאָווערנאנטין.... איצט פערשטהסט דוא שוין?

יורקאָווסקי האט א לייכטען ציטער געטהאן, איהם האט אויסגעזעהן, אז חיטראָוועין, דער ממזר, ווייס פון דער געשיכטע וואס ער האט אונטער זיין וויסען טאקי גענומען פון פאסטוחאָוו'ן א היבשע סומע, ווייל דיא דערטרונקענע איז ווירקליך געוועזן זיין גאָווערנאנטין; אבער פיליפאָוו, דער פאלשער פריסטאוו יורקאווסקי, איז אויך ניט פון דיא קליינע טייפלען, ער האט באלד געפאסט מוטה.

— איי, וואס ביי איהר אין קעשענע. האט זיך גאר געפונען א שריפט מיט איהר פאספאָרט? — האט פיליפ מיט א תמ'אוואטע מינע געפרעגט.

— פאר אזא פראגע ביזט דוא נאך א גרעסערער עזעל־קאָפּ, — האט חיטראָוועין ווייטער גערעדט — דעסטאָ בעסער, נאכדעם וויא דוא וואלסט אפגענומען פון פאסטוחאָוו'ן דיא עטליכע גראשען פאר זיין דערטרונקענער גאָווערנאנטין, האט זיא טאקי בעדארפט הייסען שרה פיינשטיין.... פערשטעהסט דוא שוין? טאקי פאר דעם נייעם נאמען וואס דוא וואָלסט געזאגט פאסטוחאָוו'ן, אז דוא גיעבסט זיין דערטרונקענער גאווערנאנטין האָסט דוא געקענט נעהמען ווידער געלד.

יורקאָווסקי האט דא געזעהן אן חיטראָוועין'ס טאָן, אז ער ווייס ניט פון דער שטוקע וואס ער, יורקאָווסקי, האט פאסטוחאָוו'ן אפגעטהאן, דאס דיא גאווערנאנטין טאקי איז געפונען געוואָרען און זיא איז אומגעביטען געוואָרען אויף שרה פיינשטיין, נאכדעם וויא דאס האט פאסטוחאוו'ן געקאָסט שווערע טויזענדער.

— איך געשטעה חיטראָוועין, אז איך בין בעגאנגען א גרויסען פעהלער, — האט יורקאָווסקי ערוויעדערט — אבער ווער קען עס האבען אזעלכע איינפעלע וויא חיטראָוועין? נו, מילא, דאס איז שוין פערפאלען; אבער יעצט וועל איך דיר פרעגען אן עצה, וואס טהוט מען דא מיט איינעם א זשיד „שטיין” וועלכער האט געהאט דיא געלעגענהייט בייצו־וואוינען וויא דיא פעטערבורגער פרוי, פאר וועלכע איך שרעק מיך אימער האט מיר דא אין א הויז געזעהן און איך היב באלד געמאכט פיס....

— זעהסט דוא — האט חיטראוועין פערדריסליך גערעדט — וואו א צרה,

דאָרט פרענסט דוא א ראַטה ביי חיטראָווצינען; אבער וואו מען קען מאכען עטליכע גילדען דאָרט פרענסט דוא ביי איהם גאָר ניט. וואָס וואָלט דיך געהאָרט ווען דוא וואָלסט אנגעזאגט חיטראָווצינען, אז שרה פיינשטיין איז פון טייך ארויסגעשלעפט געוואָרען.

— איך האב דיר שוין איינמאל געזאגט, אז איך בעזיץ ניט אזעלכע טייפעלשע איינפעלע וויא דוא; אבער דוא בעדאַרפסט עס מיר פערצייהען און מיר באַלד געבען א ראַטה, וואס מאך איך דא מיט דעם זשיד שטיין? איך מוז דיר דערצעהלען דיא ריכטיגע וואהרהייט, אז דיא זשידאָווקא חייקע פראנק איז שוין פאַסט געלעגען ביי מיר אין דער לאַפע. א אידעל פון זאראַדיע האט דערלאנגט אויף שטיינען א דאָנאָס, אז ער בעהאַלט אין זיין הויז ניט קיין געמעלדעטע זשידעס; איך בין בעפאַלען זיין וואוינונג און האב דאָרט אויסגעפונען חייקע פראנק; אבער וויא איך האב זיא געוואָלט ארעטירען, האט זיך שטיינס זוהן אוועקגעשטעלט פאר דער טהיר מיט א האַק אין דער האנד, און האט איהר גערדרעהט איבער מיין קאָפ. איך האב ארויסגעצויגען א רעוואָלווער; אבער אין דיעזער ווייַלע האב איך דערזעהן פאר זיך אין צימער דער פעטערבורגער פרוי, וועלכע האט זיך אָנגעהויבען מיט מיר צו צאנקען. דער רעוואָלווער פון האנד איז מיר פאר איבערראַשונג ארויסגעפאַלען; און איך האב מיט א תירוץ באַלד דיא הויז פערלאַזען.

— ווען האט עס פאַסירט? — האט איהם חיטראַווצין געלאַסען געפרעגט.

— שוין באַלד צוויי וואָכען; אבער ווער ניט אין כעס, איך האב מיך געשעהמט דיא געשיכטע דיר דערצעהלען.... איך וויים, אז איך האב געהאַנדעלט וויא א פיינגלינג, אבער איבערראַשונג קען א מאל צו אלעס ברייגגען; דוא קענסט מיך חיטראָווצין, אז איך בעזיץ א פעסטען כאַראַקטער; אבער דער טייפעל וויים וואס מיט מיר איז דאמאלס געווארען?

— נו, און וויא קומט אהער דער זשיד שטיין?

— איך האב שטיינען געוואָלט אנלעהרנען פאר וואס ער האט בעהאַלטען אין זיין הויז א פערברעכער, און בין געוועזען געזאגען איהם צו צווינגען, אז ער זאָל מיר ביידע פראנקס צושטעלען אין אוטשאַסטאָק; ער אבער האט גענגען מיר זעהר פרעך ארויסגעטרעטען און האט זיך ניט געשעהמט אויסדריקען, אז ער וועט לאַזען ארעטירען דעם פריסטאַוו, וועלכער האט זיך דערשראקען פאר א שוואכע פרוי... אזוי האט געטעהנ׳עט א זשיד צו יורקאָווסקי דעם פריסטאַוו!

— דוא ליעגסט אין דער ערד וויא א באָרג! — האט חיטראַווצין שאַקלענדיג מיט׳ן קאָפ געזאגט — איך בין זיכער, אז דיא פרוי האט דיך ניט דערקענט שטיין וועט איהר שוין אויף דעם ארויספיהרען, אויב ער האט עס נאך ביז יעצט ניט געטהאן.

— דוא זאגסט עס זיך גלאַט וויא א זיכערע זאך, — האט יורקאָווסקי צוררערט איהם ערוויעדערט — דאס מוז דאך אבער האבען עפּעס א טעם....

— דער טעם איז איינפאך מיין טהייערער יורקאָווסקי, ווייל שטיין איז א

„זשיד", א טיפעל אַן אויסגעמאַכטער מוח. וואו א פּראוואָסלאַוונער פערשטעהט ניט קלאָרע ווערטער, דאָרט פערשטעהט א זשיד מיט א וואונק... דער זשידאָוו־סקער פּאָלק רעדט מיט דיא אויגען; א דרעה מיט'ן גראָבען פינגער איז ביי איהם א גאַנצע פּראָזע מיט טיעפע געדאַנקען, וואס א רוסישען מוז מען עס מיט טויזענד ווערטער אריינשלאָגען אין מוח—

— אַלזאָ, טאָ וואס טהוט מען מיט איהם? — האט יורקאָווסקי איהם אונ־טערבראָכען.

— זאָל איך אזוי וויסען פון דיין נאַרישען קאָפּ, וויא איך וויים דיר וואס צו ראטהען, — האט חיטראָוויִן איהם ערוויעדערט — איך זעה אז דוא האָסט זיך אליין בעגראָבען....

— איך וועל שטיינען דערהיטען און איהם ערמאָרדען וויא א הונד! — האט יורקאָווסקי צאָרניג אויסגערופען.

— ווענען ערמאָרדען האט געפּאַסט צו ריידען פ י ל י פּ אָ וו ו'ן; אבער ניט י ו ר ק אָ וו ו ס ק י'ן דעם פּריסטאַוו — האט איהם חיטראָוויִן רוהיג געענטפערט — ניט אזוי גיך קען עס בעווייזען א פּאָליציסט, וועלכער איז געגען מערדער אנגעשטעלט; אויסער דעם קען גאר ניט העלפען ווען מען טויטעט א שלאַנג נאכדעם אז ער האט שוין א ביס געגעבען.... איך גלויב אז שטיין האט שוין געגען דיר ז י י נ ס אפּגע־טהאָ, און דיא ווירקונג וועט זיך נאכהער ארויסווייזען....

— מיינסט דוא עס ערנסט, חיטראָוויִן, אדער דוא ווילסט מיך איבערשרע־קען? — האט איהם יורקאָווסקי אונרוהיג געפרעגט.

— אין אַזעלכע זאַכען איז חיטראָוויִן נאך ערנסטער וויא דוא מיינסט, — האט חיטראוויִן מיט א שטאָלצע מינע ערוויעדערט.

— אַלזאָ, ראטהע מיר פריינד וואס זאל איך יעצט טהאָן? — האט זיך יורקאָוו־סקי ביי איהם געבעטען און זיין מערדערישעס געזיכט האט אנגענומען אן אויפגע־רעגטען און אונרוהיגען אויסדרוק.

— זאָלסט לאַדען צו זיך שטיינען נאך א מאל, — האט חיטראָוויִן נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — און מיך זאָלסט דוא לאזען זיצען אין א צווייטען צימער הינטער דער טהיר, און נאכהער וועל איך דיך ראטהען וואס צו טהאָן. מעגליך, אז איך מאַך אַן אירטהום און שטיין האט געגען דיר אזוי פרעך ארויסגעטרעטען, וויל ער מיינט, אז ער האט דיך אין האנד דערמיט וואס דוא האָסט פריי געלאזען א פערברעכערין, וועהרענד דוא האָסט איהר בעדאַרפט ארעטירען. דאס אליין איז אויך געגען דיר א גוטער סטראשונאַק; אבער זאָלסט וויסען יורקאָווסקי, אז מיין ערשטע מיינונג איז ריכטיגער. שטיין איז קיין נארר ניט און ער וויים, אז א פּאָליציסט בע־דאַרף זיך ניט דערשרעקען פאר א פרוי וואס קומט איהם זאגען מוסר....

— איך האב דא א שטיקעל טרייסט וואס שטיינס זוהן האט געדרעהט א האַק איבער מיין קאָפּ און דאס קען אפּשוואכען שטיין'ס פערדאַכט וועגען דער פרוי.

— אפילו ניט אויף א האר, — האט חיטראָוויִן מיט אן ערנסטע שטימע איהם

ערוויעדערט — שטיין איז באלד דערגאנגען ביי דער פּעטערבורגער פרוי דיא געשיכטע. דאס איז ביי מיר פאסט געוויס, סיידען ער איז א דומקאָפּ און טראגט ניט קיין זשיראוווסקען קאָפּ אויף זיינע אקסלען. אבער טהו וויא איך הייס דיר, מאָרגען אום ניין אוהר אין דער פריה זאָלסט דוא שטיינען לאדען אין דיין קאבינעט. איך וועל מיך צוהערען זיינע אנטוואָרטען, און וועל דיר זאגען וואס צו טהאן....

חיטראוויצין האט איהם אויסגעלעהרענט וואס מיט שטיינען צוריידען און איז גלייך אוועקגעגאנגען.

72טעס קאַפּיטעל.

אין סאָלאָמאָנסקי׳ס צירק.

אלע ליידינגע ווענט אין מאסקווער גאסען זיינען בעקלעפּט מיט גרויסע אפישען, אז צו דעם בענעפיט פון דעם וועלט בעריהמטען קלאאון שוטקין, ווערט אין סאלאָ-מאָנסקי׳ס צירק שטאטפינדען א פאָרשטעלונג, וואס איז נאך קיין מאל אין דער וועלט ניט געהערט געוואָרען. דער בענעפיציאנט שוטקין וועט טאנצען א „קאמאַ-רינסקאַיא״ אויף דיא שפּיצען פינגער פון זיינע הענד, איבער דעם רוקען פון א לוי-פענדען חזיר. דער חזיר וויעדער וועט טאנצען א קאזאצקע, און טאנצענדיג וועט ער איבערשפּרינגען צוועלף קלעצלאך, וואס יעדערער איז אן ארשין הויך פון דער ערד, און שוטקין וועט פון זיין רוקען ניט אראפּפאלען. דער חזיר מיט שוטקינען שטעהען אויסגעמאהלט אויף דיא אפישען אין עטליכע פערשיעדענע פּאָזען און ווייטער זיינען בעשריעבען דיא וואונדער וואס וועלען ווייזען דיא יונגע ברודער און שוועסטער דראגונאָוו, וועלכע זיינען שוין זייט א פּאר יאהר בעקאנט אין מאסקווא פאר טאלענטפאָלע רייטער און קינסטליכע טענצער אויף שטריק.

דיא אפישען זיינען פול מיט וואונדער איבער וואונדער און נאך מעהר זיינען פול אלע קארעדארען אין סאלאמאנסקיס צירק מיט מענשען וואס שטופּען זיך ביי דער קאסע קויפען בילעטען. עס פערבלייבט נאך אין גאנצען איין פיערטעל שטונדע צו דער ערשטער פאָרשטעלונג, וואו דער וועלט בעריהמטער חזיר בעדאַרף פאר דאס רוסישען פובליקום ערשיינען.

אין דיא קארעדארען לעבען דיא קאסעס דרעהען זיך ארום פריסטאווס, אקאָ-לאדאָטשניקעס און געהיים־אגענטען אפּצוהיטען דיא עולם׳שע קעשענעס פון פרעמדע בעזוכער, חאָטש אויף דיא ווענט זיינען אנגעשריעבען מיט גרויסע בוכשטאבען „היטס אייערע קעשענעס פון גנבים״. דער מאסקווער עולם קען זיך פון מאסקווער זשוליקעס ניט איינהיטען און ער מוז האבען אויך זייטיגע שומרים. דיא קארעדארען ווערען אלס פולער און פולער און אין צירק זיינען שוין דיא ערשטע און דיא בעסטע פלעצער לעבען דער ארענא פאסט אלע פערנומען. דער מאסקווער אדעל זיצט און ווארט מיט אונגעדולד אויף דעם חזיר און אויף דעם בענעפיציאנט שוטקינען, וועל-כער איז איבער מאסקווא בעוואוסט פאר א גרויסען וויצלינג נאך מעהר אלס קינסטלער. ער האט שוין פאר קריטיזירען און בעליידיגען נאטשאלסטוואָ געחאפּט עטליכע מאל א מפלה פון דעם „מאסקאווקי ליסטאָק״ וועלכער האט זיך בעמיהט

איפצו-ווייזען, אז שוטקין איז א געוועזענער איד, א פריידענקער מיט א קריטישען בליק, און מען טאָר איהם ניט ארויסשטעלען פאר א פראוואסלאווגעם פובליקום; אבער דאס האט שוטקינען נאך מעהר ארוועקטייזט, און וויא שוטקין איז אין סאַלאָמאָנסקי'ס אן אפיש עראינערט געוואָרען, איז דער צירק געווען פול און געפאקט מיט בעזוכער, בעזאנדערס נאך היינט, ווען שוטקין איז אליין דער בענעפיציאנט און ער וועט נאך ווייזען אזעלכע וואונדער מיט דעם חזיר!....

נאך דעם דעריטען קלונג, איז אויף דער ארענא ערשיענען דער קלאון שוטקין אין א פאר ברייטע הייזען פון אלערליי קאָלירען, אויפ'ן קאָפּ האט ער געטראגען א לאנגע שפּיציגע מיץ וואס האט אויסגעקוקט וויא א היטעל צוקער. ער האט דיא מיץ אראפּגעצויגען און האט זיך פאר דאס פובליקום פערנייגט זיך איבערקעהרענד דריי מאל קאזשאָלקע האלטענדיג דיא לאנגע מיץ אין דער האנד.

דער עולם האט געפּאטשט בראוואָ.

— אויך מיר א קונץ, — האט שוטקין צו זיך דרעהענדיג דיא מיץ געזאגט — קונצען אין מאסקווא קענען נור ווייזען חזירים.

— חריו, חריו, חריו! — האט ער זיך אומדרעהענד צו דער טהיר אויסגעשריען און באלד איז צו איהם צוגעלאָפען א גרויסער ווייסער חזיר.

— פערנייג זיך צום פובליקום! — האט ער אננעהמענדיג דעם חזיר פאר דיא אויערן געשריען— בעגרים דאס ווערטהע פובליקום.

דער חזיר האט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— חזיר, בלייבט חזיר, — האט שוטקין איהם א קלאַפּטהאנדיג אין קאָפּ מיט א שמייכעל געזאגט.

— חא, חא, חא, חי, חי, חי — האבען דיא צוהערער געלאכט.

— געפעהלט דיר עפּעס מאסקווא? — האט שוטקין דעם חזיר געפרעגט.

דער חזיר האט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאָפּ.

שוטקין האט איהם א גלעט געטהאן ביי דיא באקען.

— לעבען זאל דיין קעפּעלע, — האט ער לאכענד גערעדט — וויא איך זעה ביזט דוא ניט דער ערשטער חזיר וועלכען עס געפעהלט מאסקווא.... דוא האָסט טאקי אין ווערמען צו געראָטען זיין....

דער עולם האט זיך געקייקעלט אויף דיא בייכער פאר געלעכטער.

— בראוואָ שוטקין! בראוואָ שוטקין! — האבען זיך געהערט הונדערטע קולות.

— פערשטעהסט דוא עפּעס שפּראכען? — האט שוטקין דעם חזיר ווייטער געפרעגט.

דער חזיר האט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאָפּ.

— דייטש?

דער חזיר האט ניט געענטפערט.

— פראנצויז?

— ער האט זיך פון אָרט ניט גערירט.

— רוסיש?

דער חזיר האט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאָפּ.

— לעזט דוא עפּעס צייטונגען?

דעם חזיר'ס קאָפּ האט זיך שטארק בעריהרט.

— לייענסט דוא דעם „מאָסקאָווסקי ליסטאָק"?

דער עולם האט זיך צולאכט ווען דער חזיר האט עטליכע מאל נאָכאנאנד צו־געשאָקלט מיט'ן קאָפּ.

— א וואוילער יונג כ'לעבע,— האט שוטקין זיך ווענדענדיג צום פּובליקום לאָבענד געערדט — איך וועל שווערען, אז ער איז דאָרט איינער פון דיא בעסטע מיטארבייטער.... ער שאָקעלט מיר עפּעס צופיעל מיט'ן קאָפּ ...

— חריו, חריו, חריו! — האט דער חזיר געחריוקעט ניט אויפהערענדיג צו שאָקלען מיט זיין לאנגען קאָפּ.

— זשדאָווסקאיא מאָרדא! — האט זיך פלוצלינג פון דיא אויבערשטע לאָזשעס דערהערט א שטארקע שטימע — א זשיד פיר א קלאָאון אין דער הייליגער מאסקווא!

צווישען דאס פּובליקום איז געוואָרען א שטארקער גערודער מים א גערויש פון אלע זייטען, עס האט זיך אנגעהויבען א פּייפעריי און א קלאַטשעריי צוזאמען. שוט־קין האט אבער באלד א פּשרה געמאכט צווישען אלע צדדים.

— ענטפער איהם! — האט ער זיך גאנץ רוהיג דעם חזיר בעפוילען.

דער חזיר האט זיך פלוצלינג א הייב געטהאן און האט זיך אוועקגעשטעלט גלייך אויף דיא הינטערשטע פיסלאך.

— חריו, חריו, חריו, — האט דער חזיר געגען דער לאָזשע פון וואנען דיא שטימע איז ארויס געחריוקעט — חריו, חריו, חריו!....

אין צירק האט אויסגעבראכען א טויזענדפאכיגער געלעכטער, אז דיא ווענט האבען זיך געטרייסעלט. דיא מוזיק האט אנגעהויבען צו שפּיעלען א קאמארינסקי און שוטקין האט זיך אויף דעם טאנצענדען חזיר ארייפגעחאפּט, און ער מיט'ן חזיר האבען ניט פערפעהלט דיא אלע קונצען וואס איז געווען אויסגעשריעבען אין דיא אפישען.

— בראוואָ שוטקין! הוראה, בראוואָ! — האבען זיך געהערט טויזענדע שטי־מען מיט א קלאַטשעריי און א פּאטשעריי פון אלע זייטען.

ער איז ביי א פינף מאל ארויסגערופען געוואָרען און באלד איז אין צירק אריינגעפיהרט געוואָרען א שעהנער שמאָל־פּיסיגער פערד. נאך איהם איז אריינגע־לאָפען א יונגער, שעהנער און שלאנקער דרייצעהן־יעהריגע־אינגעל און האט מיט ביידע הענד דאס פּובליקום בעגריסט.

— הוראה דראגונאָוו! — האט זיך באלד דערהערט שטימען פון זיינע סימפּאָ־טייזער מיט א קלאטשעריי פון אלע זייטען.

א רייכגעקליידעטער מאן, וועלכער איז געזעסען לעבען א יונגע, שעהנע דאמע

ניט ווייט פון דער ארענא, האט בעקוקט דעם יונגען ארטיסט פון קאָפּ ביז דיא פיס, און וועהרענד דער אינגעל האט זיך אויף דעם פערד ארויפגעחאפּט, האט ער צו דער דאמע געזאגט:

— אָ, וויא בעקאנט דיעזער שעהנער אינגעל קימט מיר פאָר! איך געדיינק גאר ניט וואו איך האב איהם ערגעץ געזעהן... אָ, וואס פאר אן עהנליכקייט! איך בין גאָר אויסער זיך....

דיא דאמע האט זיך עפּעס געפיהלט ניט אַם בעסטען ווען זיא האט אויף דעם יונגטשקען רייטער א קוק געטהאן.

— אזוי איז שוין אונזער נאטור, — האט זיא שטיל איהר נאכבאר געענט־פערט — יעדען סימפּאטישען מענשען, וועלכען מיר זעהן, דוכט זיך אונז אויס, אז מיר האבען איהם ערגעץ געזעהן. דאס טרעפט נור ווען דער סוביעקט איז גראדע א שעהנער. איז דען ניט אזוי באראָן?

דער מאן האט איהר ניט געענטפערט. ער האט קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזט פון דעם רייטערס יעדע בעוועגונג און יעדער מאל ווען דער פערד איז פארביינגעלאָפען נאָהענט צו זיין זיץ, האט ער זיך א הייב געטהאן און בעטראכט דעם ארטיסט מיט שארפע בליקען.

— וואס האט איהר מיר געזאגט, גרעפין! — האט איהר דער מאן צורודערט ניט־פרענט, וועהרענד מען האט אפּגעשטעלט דעם פערד צוליעב דעם קלאאונס א געשפּרעך מיט'ן אינגעל.

— ש—ש—א, באראָן, — האט דיא גרעפין איהם ערוויעדערט — איך בין נייגיעריג צו הערען דעם קלאאונס וויצען.

דער באראן איז געוועזען שטארק אויפמערקזאם ווען דער קלאאון האט זיך גע־וויצעלט מיט'ן יונגען ארטיסט און ער איז נאך מעהר איבערראשט געוואָרען דערהע־רענדיג דיא אויסשפּראכע פון אינגעל.

— עפּעס אן אבלויטונג פון מיין אונגליקליכען ברודערס שטימע, — האט דער באראָן זיך געטראכט — איך וואָלט שוין וועלען אויך זעהן זיין שוועסטער.

דער ארקעסטאר האט א הילך געטהאן מיט דיא אינסטרומענטען, דער פערד האט זיך באלד א לאָז געטהאן א רונדען גאלאָפּ, זיין רייטער איז געשטאנען מיט איין פוס אויף זיין אונגעזאָטעלטען רוקען און, ער איז דורכגעשפּרונגען אכט שמאָלע רייפלאך זיך איבערקעהרענדיג פאר יעדער רייפעל־שפּרונג א קאָזשאָלקע אויף הינטער־זיך.

דער עולם האט פאר פערוואונדערונג געשריען בראוואָ מיט אוננאטירליכע קולות און באלד איז אין צירק ארייננעפיהרט געוואָרען א שעהנע צוועלף־יעהרינע מיידעלע מיט גאָלד־פארבינע לאָקען און מיט רונדע ראָזע באקען. זיא האט דאס פובליקום מיט איהרע קליינע הענטעלאך בעגריסט און דער שטאל־מייסטער האט איהר אוועקגעשטעלט לעבען איהר ברודער אויפ'ן פערד.

דער פערד האט אנגעהויבען לאנגזאם צו געהן און, ביידע קינדער זיינען גע־שטאנען אויף זיין רוקען זיך האלטענדיג האנד ביי האנד.

— גרעפין, — האט דער באראן שטיל געזאגט צו דער יונגער דאמע — מיר שיינט, אז איך בין גאר צופעליג געפאלען אויף א שפור פון מיין ערמארדעטען ברודערס אונגליקליכע קינדער.

— וואס איך הער? — האט דיא גרעפין מיט אן אינערליכע אויפרעגונג גע־רעדט — אבער לאמיר עס אפּלייגען אויף שפּעטער. דא איז ניט דער פּלאץ צו ריידען....

דער באראן האט א לייכטען זיפץ געטהאן און שטארק אויפגערעגט האט ער זיך צוגעקוקט אויף ביידע ארטיסטען וועלכע זיינען געשטאנען אונבעוועגליך אויף דעם לויפענדען פערד און אז דער פערד האט זיך שוין גוט צוהיצט און האט אנגעהויבען שטארקער צו לויפען, האבען זיי זיך איינער געגען אנדערן אוועקגעשטעלט און האבען געטאנצט א קאזאצקע אויפ'ן פערדס אונגעזאטעלטען רוקען.

דער באראן האט זיך ניט געקענט בעהערשען, ער האט ארויסגעצויגען פון זיין בוזים־טאש א פערמאכטען קאנווערט און ארויסגענומענדיג פון דארט צוויי פאטא־גראפישע בילדער, האט ער זיי איינער נאכ'ן אנדערן שטארק בעטראכט און האט נאכהער זיך גוט צוגעקוקט צו דיאביידע רייטער.

דיא יונגע גרעפין, וועלכע איז לעבען איהם געזעסען, איז געווארען שטארק אויפגערעגט קוקענדיג אויף ביידע קינדער און אויפ'ן באראן'ס ערבלאסטע געזיכט.

— קינסטליכע ארטיסטען, — האט זיא וויא צו זיך אליין מיט א פערוואונדערטע מינע גערעדט — עס וועט פון זיי אויסוואקסען וועלט־בעריהמטע צירקס־רייטער.

— א, גרעפין, — האט דער באראן טרויעריג געזאגט — מעגליך, אז דיעזער אבענד מאכט מיך גליקליך אויף לעבענס־לאנג. מעגליך, אז איך וועל אימער האבען צו פערדאנקען אייער צווייטען בעזוך, וועלכער וואר דיא אורזאכע פון מיין יעצטיגען בעזוכען סאלאמאנסקי'ס צירק. אזא צופאל קען פעראורזאכען טאקי נור אזא עדעלע גרעפין וויא איהר זייט, פריילין דאנילאווא.

— דאס מאכט מיר זעהר שטאלץ! — האט גרעפין דאניכאווא מיט א שטילע און פריינדליכע שטימע איהם ערוויעדערט — איך ערווארט שוין מיט אונגע־דולד דיא ענדע פון דער פארשטעלונג, אום צו האבען דאס גליק און ערפאהרען מיט וואס מיין בעזוך האט אייך גוטעס געטהאן.

— און איך בין שוין פון געדולד ארויס, — האט דער באראן איהר ערוויע־דערט — יעדע מינוט איז איצט ביי מיר א יאהר.

— עך, זלאדייקינא, — האט זיך גרעפין מאריא דאנילאוונא געטראכט — דיא לעצטע צייט עפּעס האט דיר אויפגעהערט צו געהן.... דוא האסט געוואלט מעהר מיט דעם באראן בעקאנט ווערען, ענדליך האסט דוא איהם גאר אריינגעפיהרט אין א פּליאץ וואו ער הייבט אן צו דערקענען זיין ברודערס קינדער....א, קאפּ, גיעב שכל, וויא פון דיעזען באראן פּטור צו ווערען!

ביי דער ענדע פון ערשטען אקט, האט באראן גענעראלאוו געוואלט אריינגעהן אין דעם פּריוואט־צימער פון דיא קליינע ארטיסטלאך; אבער איהם האט ניט גע־פּאסט צו לאזען זיצען דער יונגער גרעפין אליין. איהר מאכען א פארשלאג, אז זיא

זאל מיט איהם מיטגעהן, האט עס ביי איהם אויסגעקוקט זעהר אונארטיג. טאָמער מאַכט ער אַן אירדטהום ווענען דיא קינדער און דערווייל וועט ער בעמיהען אזא הויכ־געשטעלטע מערכען אריינצוגעהן אונטער דיא קאָליסען (פאַרהאַנגער) פון אר־טיסטען.

גענעראלאוו איז געבליעבען זיצען וויא אויף שפילקעס. זיינע בליקען זיינען געפאלען אויף דער טהיר, דורך וועלכעביידע קינדער זיינען פאר'ן פובליקום ארויס און אריין. יא שטילער זיפץ האט זיך פון זיין ברוסט ארויסגעחאפּט, ער האט אקוק געטהאן אין דער נעדרוקטער פראָגראם. וואו ער האט דערזעהן, אז דיא ביידע קינדער וועלען נאך היינט טאנצען אויף א דיענעם שטריקעל אם ענדע פון דעם לעצטען אקט.

אונגליקליכער באראן! וויא ערציטערט וואָלסט דוא געוואָרען, ווען דוא וואָלסט וויסען, אז לעבען דיין האנד זיצט מיט דיר דיא נאניע, וועלכע האט דעם גרעסטען אנטהייל גענומען אין דיין ברודערס ערמאָרדונג און מיט איהרע הענד האט זיא מיט ניין יאהר צוריק אריינגעוואָרפען ביידע קינדער אין א גרוב און יעצט וויל זיא דיר פערשטריקען אין א נעץ פון וועלכע דוא זאָלסט קיין מאל ניט קענען זיך אויספלאָנטערען!

זלאדייקינא איז דיעזען מאל אויך געוועזען עפּעס אביסעל פערטראכט. זיא האט געקלעהרט וועגען זיך, וועגען איהם און וויא צובעגראבען איהר געליעבטען חיטראָוו־צינען אז איהר זאל עס ניט שאדען.

— שרה פיינשטיין דערטרונקען! — האט זיא זיך פלוצלינג א טראכט גע־טהאן — עס איז מיר עפּעס דאָך אביסעל גרינגער אויפ'ן הארצען.... ניטאָ מעהר א לעבעדיגע שרייערקע און א טויטער דאָקומענט.... עך זלאָדייקינא, פאל ניט הערונטער, דער טייפעל וועט דיך ניט חאפּען. דער באראן אראָפּ פון טארק, און פיעללייכט נאך נאר אין קורצען אָסיפּ זאכארינען אין דיא לאפּקעס.

73טעס קאַפּיטעל.

בלינדע עהרליכקייט.

— צעהן טויזענד רובעל פאר דריי קעפּ!

דיעזע שרעקליכע ווערטער זיינען אפּגעדרוקט אלס א קעפּעל אויף דיא אָב־יאוולעניעס (צירקוליארס), וואס מאסקווער „טרעטיע אָטדיעלעניע" האט אנגעקלעפּט אויף שווארצע ברעטלאך אין אלע אוטשאסטקעס און אין אלע עפענטליכע א־שטאר־טען פון דער גרויסער רעזידענץ. אונטער דיעזער פראזע, וועלכע איז געדרוקט מיט גרויסע בוכשטאבען, שטעהט אפּגעפאָטאָגראפירט דער מוראדיגער ניהיליסט וואסילי חאָמיאקאָוו אין פיער פערשיעדענע פאָזען.

אויף איין בילד איז ער מיט א באָרד; אויפ'ן צווייטען אויך מיט א באָרד, אבער אָהן וואָנצעס; אויפ'ן דריטען איז ער מיט וואָנצעס, אבער אהן א באָרד און אויפ'ן פערטען איז ער געבאָך אי אָהן א באָרד אי אָהן וואָנצעס, וויא א נוטער אָי־געפרעסענער גלח פון א קאטוילשער קירכע.

אונטער דיא פיער בילדער איז בעשריעבען חאָמיאַקאָווס גאַנצע היסטאָריע לעבען דעם גרויסען קאַנאָן און זיין לעצטער אנטלויפען פון אסטראָג, ביי וועלכען ער האט פערניפמעט דעם סמאָטריטעל פון האָספיטאל און איינינע וועכטער האט ער בלינד געמאכט, אז זיי זעהן נאך ניט ביז היינטינען טאג.

„ווער עס וועט צושטעלען דיעזען סוביעקט אין דער פּאָליציי א טויטען אדער א לעבעדיגען, בעקומט פאר זיין קאָפּ פינף טויזענד רובעל, אויסער א דאַנק פון דער רעגיערונג“.

מיט דיעזע ווערטער ענדיגט זיך דיא בעשרייבונג וועגען דעם **גרויסען** ניהיליסט וואַסילי חאָמיאַקאָוו און באלד נאכדעם, איז אין פיער פּאָזען ארויסגעשטעלט דאס בילד פון וואַסילי פּעטראָוו, אדער סערגיי פּאָטאָמקין, חאָמיאַקאָוו'ס שותף.

פאר זיין קאָפּ גיט דיא רעגיערונג צוויי טויזענד רובעל. זיין היסטאָריע לויטעט, אז נאָך זייענדיג אין אירקוטסק איז ער געשטאַנען אין פערבינדונג מיט דעם הויפּט־רעדעל־פיהרער פון א געהיימע געזעלשאפט וואַסילי חאָמיאַקאָוו, און צווישען זיי איז נאָך פריהער אפּגערעדט געווען, אז טאָמער פאלען זיי אריין אין אסטראָג, זאלען זיי אויף אזא ארט אנטלויפען.

נאך פּעטראָוו'ס בעשרייבונג, זיינען אויסגעשריעבען גלאַט „פּרעמעטען“ פון דעם פּאָלקאָווניק נומאַנאָוו, וועלכער האט דיא געפעהרליכע ארעסטאַנטען מיטגעהאָלפען צו אַנטלויפען.

איבערגליקליך האט זיך יעצט געפיהלט דער אונשולדיגער מארטירער אברהם גאָלדבוים. דיא „טרעטיע אָטדעליעניע“ זעהט יעצט בעשיינפערליך, אז דער גרויסער ניהיליסט וואַסילי חאָמיאַקאָוו האט ערמאָרדעט פּאָדליעצאָוון. יעצט, אז חאָמיאַקאָוו איז אנטלאָפען, איז שוין ניטאָ מעהר וואס זיך צו שרעקען טאָמער איז ער זיך פלוצלינג מודה, אז ער איז נאר טימאָפיי'ס שוואָגער ראזבאָיעוו און דאס שולד פון פּאדליעצאוו'ס ערמאָרדונג פאלט וויעדער אויף גאָלדבוימען. מיט חאָמיאַקאָוו'ס אנטלויפען איז אלעס הערונטער. דיא גאַנצע זאך איז דא, וואס גאלדבוים איז אביסעל פערפּלאָנטערט אין דעם, ואס ער האט דאמאלס ביי נאכט אויסגעקויפט פּאָדליעצאָוון פון דעם אָקאָלאָדאָטשני און צוויי מענשען זיינען איהם נאכגעגאנגען פון הינטען; עס איז נאך דא פאראן אויך א קליינע פערדרעהעניש מיט מאַלליך'ס ציערונג, וואס זיינען געפונען געוואָרען אין קאַנאָן ליעבען פּאָדליעצאָוו'ס לייכע; אבער עס איז שוין פאַרטיג א **תירוץ** אויף אלע קשיות און דער פּראָטאָקאָל פון אונזער בעקאַנטען כליעדאָוואַטעל מאַרטין איז אזוי גוט אויסגעשטעלט, אז עס איז גאר קיין צווייפעל ניטא דאס גאלדבוים וועט ערקלערט ווערען פאר אונשולדיג. מארטין ארבייטעט יעצט, אז מען זאל גאָלדבוימען ארויסלאזען ביז דעם געריכט אויף בירגשאפט (ביַיל) און וויא עס שיינט וועט עס געהן; א בעוויז דערצו איז, וואס דער פּראָקוראָר האט געהייסען איבערזעצען גאָלדבוימען אין א פיעל בעסערע און ליכטיגערע צעלע און האט ערלויבט זיין פאמיליע איהם צוויי מאָל אין דער וואָך צו בעזוכען.

— אָ, ליעבער פּאפּא — האט העלענא ביי איהר לעצטען בעזוך איהם געזאגט —

גאָט וועט אונז נאך מיט אלעם גוטעס אפצאהלען פאר דאס אונגליק וואס אונז האט געטראָפען. דיא אלטע פרוי זאכארין איז אונז אזוי דאנקבאר....זיא פערשווענדעט אויף אונז פיעלע געלט, וואו זיא ניט זיך נור א קעהר, און זיא ליעבט אזוי אונזער פאמיליע אז זיא וואָלט פאר אונז זיך אויפגעאָפפערט.

— גאָט טהוט נסים מיט עלענדע, — האט נאלדבוים שאָקלענד מיט'ן קאָפּ געזאגט — אָ, וואס וואלט איהר אונגליקליכע קינדער געטהאן, ווען גאָט וואָלט דער וואָהלטהעטיגער פרוי ניט געבראכט אין מאסקווא ?

— זיא איז אבער געבאך א צובראָכענער שארבען, — האט העלענא ווייטער גערעדט — אבער וויא קראנק זיא איז, איז זיא נאך פיעל מעהר קליגער. זיא האלט ביי זיך צוויי עהרליכע און געטרייע דיענער און ווען זיא וויל געוואָר ווערען וואס מיר מאכען שיקט זיא איינעם אדער ביידע צו אונז אריבער, זיא איז אזוי פאָרזיכטיג מיט אונזער בעקאנטשאפט, אז אפילו איהרע דיענער בעזוכען אונז מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט.

נאך אלעם דעם זאָג איך דיר ליעבער פאפא, אז דא בעהאלט זיך עפּעס א שטריינגע געהיימניס....איהרע עטליכע ווערטער, וואס זיא האט צו מיר גערעדט ביי איהר ערשטען בעזוך אין אונזער הויז, זיינען מיר אזוי רעטהזעלהאפט, אז איך צוברעך מיר מיין קאָפּ טראכטענדיג. — ווען זיא האט מיר דאס געלט געגעבען, האט זיא געזאגט דאס זיא גיט מיר מ י י נ ס....

— דאס האט זיא מיט פלייס געזאגט מיין קינד — האט נאָלדבוים איהר ערוויעדערט — אום דוא זאָלסט זיך ניט שעהמען צונעהמען.

— זיא האט אבער גלאָט אויך עפּעס גערעדט אונפערשטענדיגע און רעטהזעלהאפטע ווערטער. זיא האט עפּעס געזאגט אז איך בין געראָטען.... איך בין עהנליך און אין וועמען ווייס איך ניט ביז היינטיגען טאָג.

נאָלדבוים האט זיך פערטראכט.

— מילא — האט ער נאך א קורצען שטילשווייגען געזאגט — וואס ווערסט דוא דאָ א סך קלערען מיין קינד; וואס עס איז ניט דערערדט בעדאַרפען מיר ניט וויסען.

— פאר דער לעצטער צייט, — האט העלענא נאך א קורצען שטילשווייגען ווייטער גערעדט — איז מיט מיר בעקאנט געווארען א גוטע פיאנא-לעהרערין סמירנאווא און מיר שיינט, אז דיעזע בעקאנטשאפט פיהרט אונז צו א גרויסען גליק.

— מיר איז א וואונדער, וואס דוא האָסט עס מיר מיין קינד ביז יעצט ניט דערצעהלט ?

— איך האב דיר געוואָלט דערצעהלען מיט א מאל, ליעבער פאטער, — האט דאס מעדכען ליעבליך איהם ערוויעדערט — און פיעללייכט איז עס אן אירטהום, א פאלשע פאנטאזיע, האב איך מיך בעשלאָסען דיר גאר ניט צו דערצעהלען; אבער דאָך געפין איך פאר נויטהיג דיר צו זאגען, אז אונז דוכט זיך אויס דאס מיר זיינען, דורך דער פיאנאָ-לעהרערין סמירנאָווא, געפאלען אויף א שפור פון דיין געשטויעלענעם **קינד יוסף.**

גאָלדבוים׳ס פינסטערע געזיכט האט אויפגעשטראהלט פאר איבערראשונג.

— אָ, ליעבעס קינד — האט דער אונגליקליכער פאטער אויסגערופען — דערצעהל מיר שוין וואס דו ווייסט. וויא באַלד דארט איז אן אירתהום בין איך שוין מיט אזעלכע זאכען געוואוינט. דאס קאָסט מיר שוין גענוג געזונד און דאריבער בין איך אריינגעפאלען אין דעם טיעפען לייבען-גרוב—מאסקווא.

— דיא פיאנא-לעהרערין האט מיר צופעליג דערצעלט — האט דאס מעדכע איהם ערוויעדערט — איז וועהרענד זיא האט בעענדיגט דעם קאנסעוואטאָריום אין פאריז, איז זיא דאָרט בעקאנט געווארען מיט דעם בעוואוסטען פיאנאָ-אַרטיסט גאָלדשמידט. איינמאל ווען זיא האט זיך מיט איהם אונטערהאלטען, האט ער איהר דערצעהלט זיין ביאָגראַפיע, אז ער איז אלס קינד אוועקגעשטוילען געווארען פון זיינע עלטערן. דיא רוסישע פרוי, וועלכע האט איהם אוועקגענב׳עט האט איהם ערצויגען ביז זיין פערצעהנ-יעהריגען אלטער; ער האט איהר אימער בעטראכט פאר זיינע א מוטער; אבער ווען זיא איז פלוצלינג קראנק געוואָרען און זיא איז געווען זעהר אין א געפעהרליכען צושטאנד, האט זיא איהם פערטרויט, דאס ער איז ניט איהר קינד. איהם האט עס אזוי ווייט געערגערט, אז ער איז פון הויז אנטלאָפען און איז אריינגעטרעטען אין פאריזער קאָנסעוואטאָריום. דיא פרוי האט אבער איהר געשטוילענעם קינד זעהר געליעבט און באלד וויא זיא איז געזונד געוואָרען, האט זיא אלעס אין איהר הויז פערקויפט און איז אוועקגעפאהרען צו איהם אין פאריז, וואו זיא וואוינט נאך ביז היינטיגען טאָג.

— ווייסט דו ניט וויא יענע פרוי הייסט? — האט איהר גאָלדבוים צוררערט געפרעגט.

— דיא פיאנא לעהרין ווייס גאָלשמידט׳ס פאר דריי-יאהריגען אדרעס, זיא האט מיר דעם אדרעס איבערגעגעבען און איך מיט מיין ברודער האבען אוועקגעשריעבען צו איהם א בריעף.

— איז שוין לאנג דער בריעף אוועקגעגאנגען?

— מיר האבען אויסגערעכענט, אז היינט אדער מאָרגען בעדאַרף אנקומען אן אנטוואָרט, אויב ער האט גלייך געענטפערט. מיר האבען איהם געשריעבען, אז אויב ער איז אוועקגענב׳עט געווארען אין ווילנא פון דער פאמיליע גאָלדבוים זיינען מיר זיינע ברודער און שוועסטער און עס לעבען אויך זיינע עלטערן. איך גלויב, אז אויב ער האט עס פון זיין מוטער ביז איצט ניט געהערט, וועט ער עס געוויס יעצט פון איהר דערגעהן.

— אָ, מיין קינד, און איך בין שטארק איבערראשט — האט גאָלדבוים פאלענד זיין טאָכטער אויפ׳ן האלדז מיט א שטילען כליפען שוואך ארויסגערעדט — שוין ניטאָ דיא קרעפטען וואס א מאָל שלעכטעס אדער גוטעס אזוי לייכט אריבערצו-טראגען.... וואס פאר אן אנטוואָרט עס וועט קומען, זאָלסט דו מיר באלד מיטטהיילען, מעגליך, אז איך וועל אין קורצען בעפרייט ווערען און מיר וועט פיעללייכט אנקומען פיעל לייכטער דיא זאַך צו דערגעהן....

— מיט נאָטמעס הילף! — האט העלענא מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויס־גערופען.

— — — — — — — — — —

— הערר מאָראָזאָוו, — האט שטיין געזאגט צו מאָראָזאָוו'ן אריינגעהענדיג צו איהם אין קאבינעט — מיר איז געלונגען צו ערפאהרען שרעקליכעס.... איך קום יעצט פון דאָרף וואָלקאָווא און איך בין שטארק איבעררשאשט פון מיין נייע ערפאהרונג.

— איך בין עס זעהר נייגיעריג צו וויסען, — האט מאָראָזאָוו אויפגערעגט געזאגט — איך ווייס, אז איהר טויגט א זאך אויף ריכטיג צו דערגעהן.

— חאפט אייך פאר'ן קאָפּ, הערר מאָראָזאָוו, — האט שטיין ווייטער גערעדט — דער פעשוואונדענער ראזבאָיעוו האט געמאכט דעם פייער אין זיין שוואָגער טימאָפייס הויז צוליעב מאדאם מאלליך'ס ציערונג.... דיא צוויי מענשען וואס זיינען דאָרט פערברענט געוואָרען, זיינען געווען ביידע גנבים איוואן מיט סטעפאנען, וועלכע ווערען ביז היינטיגען טאג געזוכט פון דער פאָליציי.

— וויא אזוי זייט איהר עס דערגאנגען? — האט איהם מאָראָזאָוו העכסט פער־אינטערעסירט געפרעגט.

— איך בין עס דערגאנגען פון ראזבאָיעוו'ס ווייב, איך האב פון איהר אויסגע־פאָרשט, אז איוואן מיט סטעפאנען האבען זיך בעהאלטען אין טימאָפיי מיכיילאָווס טראַקטיר און געגען אבענד האט זיא געזעהן וויא איהר מאן טראָגט זיך ארום מיט עטליכע קאַנען קעראָסין, נאכהער וויא זיא האט בעמערקט, אז ער מיט זיין שוואגער טימאָפיי האבען דיא ביידע גנבים שכור'ערהייט ארויסגעטראגען אין דעם הינטער־שטען פליגעל, וועלכער איז נאכהער אָפּגעברענט געוואָרען.

— היינט וויא אזוי זיינען דיא ציערונג אויסגעפונען געוואָרען אין קאנאַן לעבען דער לייבע פון א נעהיים־פאָליציסט? און ווער איז עס דער וואסילי חאָמיאקאָוו, וועלכען מען האט ביי דעם קאנאָן דערטאפּט?

— וואסילי חאָמיאקאָוו און ראַבאָיעוו זיינען איינס און דעזועלבער.

מאָראָזאָוו איז איבעררשט געווארען

— וויא אזוי ווייסט איהר עס?

— איך מוז אייך הערר מאָראָזאָוו זאגען, אז איך האב מיך אויף דעם אויך פריהער געשטויסען, און יעצט וויא עס האבען ערשיענען דיא צירקולארס פון „טרעטיע אָטדעליעניע" האב איך חאָמיאקאָווס בילד פון א צירקולאר אויסגעשניטען און האב עס אוועקגעפיהרט צו ראזבאָיעוו'ס ווייב אין דאָרף אריין און זיא האט באלד אין חאָמיאקאָוו'ס בילד דערקאנט איהר מאן.

— דאס איז מערקווירדיג! — האט מאָראָזאָוו אויסגערופען.

— און נאך מערקווירדיגער אין דעם, — האט שטיין ווייטער גערעדט — וואס דער סליעדאוואטעל מארטין האנדעלט דאָ אזוי פאַלש און ניערערטרעכטיג, ער האט ראזבאָיעוו'ס ווייב צום פראָצעס ניט צוגעצויגען; דאס אליין איז שוין אויך גענוג אונז צו ערקלעהרען, אז דא שפּיעלט זיך אזא פראָצעס געגען דעם אונגליקליכען גרינבערג,

וויא דאמאלסדינגער נענען דיא פאלש־בעשולדיגטע אידען אין טיסא־עססלאר. ענדליך בין איך איצט דערגאנגען אויף ריכטינ, אז ראזבאיעוו׳ס ווייב האט גאר בעקומען פון איהם שטיצע! זיא האט מיר אונשולדינער ווייזע דערצעהלט, אז זיא האט ערהאלטען פון סליעדראוואטעל דריי הונדערט רובעל אום זיא זאל אוועקפאהרען פון מאסקווא.... איז דאס ניט א הימעלשרייענדער מארדטהאט?!

— דאס איז שרעקליך! — האט מאראזאוו צארניג אויסגעשריען — איך האב עס דאמאלס פאסט ניט געגלויבט, און אז איך האב אייך שוין יא נאכגעגעבען, האב איך געדיינקט אפשר וועט זיך דא עפעס אנדערש ארויסווייזען, ווייל איך האב מיר אויף קיין פאל ניט געקענט פארשטעלען, אז א סליעדאוואטעל זאל אזוי נאריש האנדלען, ווייל אזא זאך איז זעהר לייכט צו דערגעהן. יעצט אבער זעה איך טאקי, אז איהר האט רעכט געהאט וואס איהר האט געזאגט, אז וואו עס דערגעהט צו יודענ־האס, זיינען דיא אנטיסעמיטען פעררינקט. מיר האבען עס א ביישפיעל פון שטעקערן און נאך אנדערע וועלכע זיינען דערגאנגען צו דיא גרעססטע פאלשקייטען און נארישקייטען צוליעב זייער יודענ־האס. אלזא העדר שטיין, עס איז א מצוה, אז איהר זאלט יעצט זעהן רעטען גרינבערג׳ן פון דער פאלשער בעשולדיגונג אין מארד־בראנד, און דאס קען באלד ארויסשווימען, ווען עס וועט בעוואוסט ווערען, אז ראזבאיעוו איז דער אנטלאפענער חאמיאקאוו. זיין פרוי מוז באלד צוגעצויגען ווערען צום פראצעס און דאמאלס וועט זיך גיכער דערגעהן וויא דער מארד איז געשעהן אויף מיין אונגליקליכען פריקאזטשיק זאוואילין. לויט וויא דער סליעדאוואטעל האט דא געוואלט דיא זאך פערדרעהען, וואלטען ניעמאלס דיא מערדער פון מיין געשעפטספיהרער אויסגעפונען געווארען; אבער יעצט וויא איך פערשטעה, וועט דא נעהמען אויך אין מיין פראצעס אן אנדער ווענדונג; דען איך צווייפעל ניט, אז חאמיאקאוו אדער ראזבאיעוו וועט איצט לייכט ארעטירט ווערען.

— אלזא, זאל איך עס געבען צו וויסען וואו מען בעדארף? — האט שטיין געפרעגט.

— וועגען דעם איז גאר קיין רעדע ניט; אבער איך וואלט וועלען, אז דער סליעדאוואטעל זאל דא בעגראבען ווערען וויא ער איז ווערטה.

— וויא באלד ראזבאיעוו׳ס ווייב ווערט ארעטירט, איז ער שוין נאך מיינער מיינונג א בעגראבענער; נור איין זאך טהוט מיר דא לייד, וואס דאס שולד אין פאדלעצאוו׳ס ערמארדונג וועט צוריק ארויפפאלען אויף דעם אונגליקליכען גאלדבוימען, וועהרענד איך בין איבערציינט, אז גאלדבוים געבאך איז אונשולדיג אריינגעפאלען —

— ניין! — האט איהם מאראזאוו אונטערבראכען — ראזבאיעוו האט געוויס אויך ערמארדעט פאדליעצאוו׳ן. איך דיינק, אז פאדליעצאוו אלס געהיים־פאליציסט האט ראזבאיעוו׳ן נאכגעשפיערט ביי׳ן קאנאן און ראזבאיעוו האט איהם ערמארדעט.

— מעגליך, אז איהר האט רעכט, — האט איהם שטיין נאך א קורצען נאכדיינקען ערוויעדערט — דען וויא קומט טאקי, אז א געהיים־אגענט זאל זיך געפינען אין קאנאן?

און דאריבער וועט טאקי נאָלדבוים דורך דעם ניט ליידען, — האט מאָראָזאָוו ווייטער גערעדט — או ווען ער זאל אפילו יא ליידען, איז אויך אונזער פפליכט צו ערקלעהרען: דיא וואהרהייט וויא זיא שטעהט און געהט. מען זעהט דאָך דייטליך ארויס, אז גרינבערג ווערט דא אומזיסט בעשולדינט אין אזא שרעקליכען פערברעכען, וואס בעשמוצט דיא גאנצע אידישע געמיינדע אין מאסקווא.

— ניט נור מאסקוואער געמיינדע, — האט שטיין בעטריבט גערעדט — זאָנדער אלע אידען אין רוסלאנד. פאסטוחאָוו הערט נאר ניט אויף וועגען דעם מאָרד־בראנד צו שרייבען און אזוי טהוט אויך דיא „נאָוואיא וורעמיא" אין פעטערבורג, וועהרענד גאט וייס דיא וואהרהייט, אז גרינבערג איז דא גאר אונשולדיג ארייננעפאלען, און דיעזע ריינע וואהרהייט בין איך יעצט אין שטאנד אויפצוווייזען.

— אלזא, זאלט איהר ניט מאכען קיין לאנגע שיחות, — האט מאראזאוו מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — און איהר זאלט עס נעבען צו וויסען אָפענבאָכען און דעם פראקוראָר. זיי וועלען זיך יעצט בעדארפען לעבעדיג בעגראבען, וואס דיא זאך איז געלונגען צו ערפאהרען גאר א זייטיגען מענשען, וועהרענד הונדערטע געהיים־אגענטען שטעהען זיי צור דיענסט.

— נאך היינט איז דאס אלעס בעזארגט, — האט שטיין מונטער אויסגערופען— איך מוז זעהן דעם אונגליקליכען גרינבערג צו רעטען ניט נור צוליעב איהם אליין, זאָנדערן אויך צוליעב מיין גאנצע אונגליקליכע נאציאָן, וואס מען מאכט פעראנטוואָרטליך פאר יעדען איינציגען פון זיין קערפערשאַפט, צו ער איז שולדיג אדער אונשולדיג!

— נו, האט אייך געלונגען עפעס אויפצוטהאן צוזאמען מיט'ן באראן נענעראלאוו? — האט מאָראָזאָוו איהם נאך א קורצען שטילשווייגען געפרעגט — איך צווייפעל יעצט גאר ניט, אז דער באראן האט ניט געמאכט קיין אירטהום מיט זיין קומען אין מאסקווא. מעגליך, אז טימאָפיי איז טאקי דערזעלבער וואס האט ערמאָרדעט זיין ברודער און שוועגערין.

— ניין, דאס איז ניט טימאָפיי, זאָנדערן דער צווייטער פערזאָן וועלכער איז צוזאמען מיט טימאָפייען אנטלאפען פון מיר מיט אייער ברודער דורך אלעקסייעווס הויז.... מערקווירדיג איז דאס, וואס אלעקסייעוו האט פאר'ן באראן פאָרגעשטעלט ביידע פערזאָנען פאר אויסגעדארטע איינגלאך מיט איינגעשרומפענע בייכער.... אזוי, זאגט ער, האבען איהם געמעלדעט זיינע דיענער וועגען דיא צוויי אנטלאָפענע.... זיינע דיענער וויעדער געפינען זיך יעצט שוין מעהר ניט ביי איהם צו הויזע, היינט געה זוך אויף אין מאסקווא אלעקסייעוו'ס דיענער!

— און אז מען וועט זיי אויפזוכען — האט מאראזאוו שמייכלענד גערעדט— וועסט זיך דאמאלס אויפציינען, אז דאס איז א ליגען. איך הייב ניט אן צו פערשטעהן, וואס איז דא מיט אלעקסייעוו'ן פאר א געשיכטע? זאל איך זאגען אז ער שטעהט מיט אזעלכע מענשען אין פערבינדונג, קוקט עס אביסעל אויס אונלאָגיש און איבערנאטירליך; אבער גלאט אזוי איז דא אויך ניט.... אט וויעדער א בעווייז, אז ער האט

געגעבען צוויי באנדיטען א שוץ אין זיין חויז, און וואס וועגען דעם צו קלערען ווייס איך ניט....

— קלערט אייך הערר מאראזאָוו וואס איהר ווילט, — האט איהם שטיין מיט א שמייכעל ערוויעדערט — אבי דיא זאך איז דא ניט גלאט. איך פערהאָף אבער, אז נאר אין קורצען וועט אלעס ארויפשווימען. אין קורצען גלויב איך, וועט איהר זיך אויך איבערצייגען, אז דיאביידע פרויען פראנק איבער וועלכע אלע מאסקווער ציי־טונגען מאכען א ליארעם, זיינען נעבאך אונשולדיג ארייגעפאלען. איך האב דא צופע־ליג דערשמעקט זעהר א וויכטיגע זאך; אבער דיא זאך קען ניט אויסגעפיהרט ווערען סיידען, אז איינע זעהר אן אנשטענדיגע פרוי, זאל אין דעם אנטהייל נעהמען. דיא פרוי איז יעצט שטארק פערדרעהט צוליעב אן אונגליק וואס האט בעגעגענט איהר פאטער; אבער איך פערהאָף, אז נאר אין קורצען וועט איהר שטוינען הערענדיג א נייעס, אז א געוויסע פאליציי פערזענליכקייט איז נאר א פיעלפאכינער מערדער....

— איהר מאכט מיר הערר שטיין זעהר נייגיעריג.

— דאס איז נאך א האלבע מלאכה, — האט שטיין מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — און וויא באלד איך אליין בין נאך געגצליך ניט איבערצייגט צו דיא זאך איז ריכטיג, קען איך נאך אפילו מיינע איינענע אויערען ניט פערטרויען אזא גע־היימנים.

— און אזעלכע מענשען זיינען ביי מיר געאכטעט, — האט מאראזאוו ליעבליך ערוויעדערט — דען אזוי בעדארף א מענש זיין. אלזא, דאס אן א זייט; יעצט אז איהר ווייסט בעשטימט אזעלכע וויכטיגע נייעס וועגען ראזבאיעוו'ן, הייס איך אליין דיא זאך געבען צו וויסען וואו מען בעדארף, און איך צווייפעל גאר ניט, אז דער אונ־שולדינער גרינבערג וועט פון דער פאלשער בעשולדיגונג ריין געוואשען ווערען.

— אזוי פערבלייבט עס, — האט שטיין זיך אויפהייבענד פון זיין שטוהל גע־זאגט — איך וועל טהאן וואס נור מעגליך איז.

ער האט זיך העפליך פערנייגט און האט מאראזאוו'ס קאבינעט פערלאזען.

— וואוהין לויפסט דוא עהרליכער שטיין? דיין בראווער כאראקטער און דיין ליעבע צו דיין אונגליקליכען פאלק דערלאזט דיך ניט צו זעהן וויא דער עהרליכער גרינבערג ווערט געפאנט דורך א פאלשע בעשולדיגונג; דוא ווייסט אבער ניט, אז איהם קענסט דוא ניט רעטען, דיא הינטישע מיילער וואס בילען אויף דיין נאציאָן, איז אונמעגליך צו פערשליסען, ווען ער זאל זאגאר ריין זיין וויא דיא ליכטיגע זון; און דערוויילע שליידערסט דוא אין אונגליק דיא אונשולדיגע מארטירער נאלדבוים מיט זיין פאמיליע, און שטעלסט אין געפאהר דעם עדלען עהרליכען, און גראוועץ פרייהייטס־קעמפפער מארטין, וועלכער האט זיך אזוי לאנג און אזוי פיעל ביגמיהט, ביז ער האט דעם אונגליקליכענס פראצעס דערפיהרט צו אזא שטופע.

אָ, וויא בלינד איז דא דיין עהרליכקייט!

74טעס קאפיטעל.

מוטערליעבע און העלדענמוטה.

וויא וואהנזיניג לויפט ארום גרעפין מאריא אנדריאנאווא אין איהרע גרויסע צימערען פון איהר רייכען וואוינונג, געסטערן האבען זיך געענדיגט צוויי וואָכען זייט דער דיקער אונבעקאנטער באראן לאפאָנטען האט איהר בעזוכט, און איהר זוהן פאוועל איז נאך אלץ ניט בעפרייט. פעליקס סאבאקאוו ליגט קראַנק און יעצט האט זיא ניט צו קיינעם פון „טרעטיע אָטדיעלעניע" א צוטרעט, אז זיא זאל קענען אויס־בעטען אן ערלויבניס צו זעהן איהר טהייערן און געליעבטען זוהן אין קערקער. אבוואהל דיא גאנצע צוויי וואכען זייט דער אונבעקאנטער באראן האט איהר בעזוכט, האט זיא מיט איהר טאָכטער ליזא בעטראכט דעם באראן עפּעס פאר א וואהנזיני־גען, א קראַנק; ווייל זיינע אלע בענעהמונגען ביי זיין בעזוך זיינען איהר פאָרגעקומען עפּעס זאָנדערבאר, רעטהזעלהאפט און משוגע'נעוואטע, דאך האט דיא אונגליקליכע מוטער עפּעס געהאָפט. איהר איז א יי ן מינוט פון זינען ניט ארויס דער דיקער אונבעקאנטער באראן, און וועהרענד זיא פלעגט שוין א מאכטהאן מיט דער האנד און בעשליכען ביי זיך, אז ער איז עפּעס א משוגענער; א וואריאט, פלעגט זיא זיך פלוצלינג עראינערען אן א טראכט טהאן:

ניין, דאס איז עפּעס ניט אומזיסט, דאס קען ניט זיין אזוי....פון וואנען ווייס ער פון אזעלכע געהיימניסע, וואס איך האב פון איהם געהערט? וויא אזוי וואלט איהם איינפאלען גלאט קומען צו לויפען אין אן אונבעקאנטע הויז און ריידען מיין גע־פאנגענעם זוהן א שדוך מיט דער באראנאסע קסעניא אנדרייעוונא אויס פאריז, וועהרענד עס איז נאר א געהיימניס, אז פאוועל איז דורך דער פערשטעלטער באראָ־נעסע אריינגעפאלען?

ביי דיעזע געדאנקען פלעגט זיא אנהויבען צו בעדויערען ווארום זיא האט אזוי גיך דעם אונבעקאנטען מאן פון איהר הויז ארויסגעלאזען? ווארום האט זיא מיט איהם ניט גערעדט נאך עטליכע ווערטער? ווארום האט זיא איהם אזוי קאלט עמפּ־פאנגען און האט זיך צו איהם געוויעזען מיסטרויאיש און גלייכגילטיג? איהר ליזא האט אויך עפּעס אביסעל פאנטאזירט און האט זיך מאנכע מאל דא פאָרגעשטעלט איבערנאטירליכע וואונדער; יעצט אבער, אז דיא צוויי וואָכען זיינען פאָראיבער און פון דער גאנצער זאך האט זיך אויסגעלאזען א פוסטער חלום, זיינען ביידע אונגליק־ליכע, דיא מוטער מיט דער טאָכטער שטארק אונרוהיג און אויפגערעגט. זיי קוקען זיך איינע דיא אנדערע שטום אָן, און ריידען ניט א וואָרט. מאָרגענס האבען זיי זיך מיט טרעהרען אין דיא אויגען בעגריסט, שווייגענד האבען זיי געפרישטיקט ביי איין טיש, און שטום זיינען זיי פון טיש אוועקגעגאנגען, יעצט וואנדערט מאריא אנדריאנאווא ארום פון איין צימער אין דעם צווייטען און קוקט אָן מיט ווילדע בליקען יעדען וואנט. איהר שעהנע געזיכט איז פינסטער און בעטריבט, און איהרע הימעלבלויע אויגען שיטען פונקען וויא דיא אויגען פון א טיגערין, וואס מען האט פון איהר אוועקגערויבט איהר קינד. זיא איז צוגעלאפען צו א שראנק און האט פון דארט

ארויסגענומען א קליינעם רעוואלווער. זיא האט איהם איינינע מאל בעטראכט און האט איהם אריינגעליינט אין קעשענע.

— ער, דער אויסוואורף, — האט זיא א ברום געטהאן — ער האט מיר פערר-אונגליקט. ער האט פעראונגליקט אויך מיין קינד און האט נאך געשיקט צו מיר א טייפעל וויא ער איז צו שיטען זאלץ אויף מיינע אונהיילבארע וואונדען.... ניין! באלד מוז צו אלעס אן ענדע נעהמען.... איך בין מעהר ניט דיא געלאסענע און רו-הינע מאריא וועלכע האט איבער צוואנציג יאהר געדולדעט!.... היינט מוז מיין ראכע אויסגעאיבט ווערען. יעצט איז דיא צייט.... דער מערדער מוז ערמאָרדעט ווערען אדער מיר צוריק געבען מיין קינד, מיין איינציגען טהייערען זוהן!....

זיא האט בעריהרט א קנעפעל אין איהר וואנדט און איהר טרייער דיענער יעוורושין איז צו איהר אין צימער אריינגעלאפען.

— הייס שפאנען א קארעטע! — האט זיא איהם בעפוילען.

יעוורושין איז ארויסגעלאפען.

זיא איז צוגעגאנגען צו א צווייטען שראנק און האט זיך אנגעצויגען אין א שווארצע זיידענע קלייד, האט אנגעטהאן א סאמעטענע מאנטעלע, דאָרט האט זיא אריינגעלייגט דעם קליינעם רעוואָלווער און נאכהער וויא זיא האט אונטער איהר הוט פערשפּיעלעט א געדיכטע שווארצע הילע איז זיא פון איהר צימער ארויסגע-גאנגען.

— — — — — — — — — — —

אלעקסייעוו זיצט אין זיין קאבינעט לעבען זיין גרויסען הונד „נעראָ" און האלט א קאָנווערט אין זיינע הענד.

— ווייס איהם דער טייפעל, — האט ער בעטראכטענדיג דעם קאָנווערט גע-ברומט — וויעדער פינף טויזענד א צובייס צו יענע!.... אָ, וויא שרעקליך דאס קומט מיר פאָר!... היינטיגע צייטען זאל אויף דער וועלט געבען אזא צויבערין, אזא ענגעל אדער מכשפה?.... מיר פריהער פאָרזאגען, אז איך וועל בעקומען א בריעף!.... אבער וואס איז דאָ דער וואונדער? וויא באלד זיא ווייס דיא פערגאנגענהייט, ווייס זיא אויך דיא צוקונפט....

ער האט דעם קאָנווערט גאר ניט אויפגעהערט צו בעטראכטען און נאכהער האט ער פון איהם ארויסגעצויען א בריעף.

— שוין צוואנציג מאָל געלעזען, בעטראכט, און דאָך ניט גענוג! — האט אלעקסייעוו ווייטער געברומט — נא דיר א צושיקעניש נאר פון פאריז!.... פריהער פון קיעוו, היינט זיצט ער זיך דאָרט דער דמיטרי אין פאריז און ווייס פון מיינע אלע געהיימניסע, וואס איך האב קיינעם ניט פערטרויט.... ער ווייס וואס איך האב מיט זעקס טאג צוריק געטהאן און בעט מיר דאפיר געלט.... וועלכער טייפעל ברייננט איהם צו שלעפען אזעלכע געהיימניסע אין פאריז?.... אָ, איך גאה פון זינען אראָפּ!

ער האט זיך א וואָרף געטהאן אויף דער זאָפע און האט זיך פערטראכט אין אלערליי געדאנקען.

— דאס איז שרעקליך, דאס איז שוידערהאפט! — האט ער ו יעדער צו זיך אליין געשעפטשעט — איך טאָר איין מינוט ניט צווייפלען אין איהר וואונדער....איך טאָר ניט, ווייל זיא וויים פון אזעלכע זאכען, וואס מיין מויל האט עס זאגאר ניעמאלס פאר מיינע אויערען פאָרטנ:בראכט....איך גלויב טאקי, אז דער טויטער נייסט פער־פאָלגט מיך פאר זיין קינד.... הלואי זאל איך גוט אָפּשניידען! אבער צו וועט מען איהם יעצט בעפר יען?.... איך האב שוין פיעלעס אין דעם געטהאן; איך דיינק אבער, אז עס איז שוין אביסעל שפעטליך....דערצו האב איך דאָך איהם אזוי פיעל בעגראבען ביי דעם מאַנארך!

דיא טהיר האט זיך נאך א לייכטען אנקלאפּען אויפגעמאכט און חיטראָווצין איז אריין צום גאָלאווא אין צימער.

— אָ, נאָט האט אייך יעצט אהער געבראכט! — האט אלעקסייעוו ערפרעהט אויסגערופען — איך האב מיר מיט אייך עפּעס צו בעראטהען.

— אָך, אָך, גאָלאָווא, מיט'ן בעסטען פערגנינען, — האט חיטראָווצין ליעבליך גערעדט — איך בין בערייט צו דיענ:ען אייער הויכע פּערזענליכקיים.

— זעצט אייך נור אוועק, — האט אלעקסייעוו פריינדליך נעזאגט — און איהר וועט באלד עפּעס הערען און זעהן.

חיטראָווצין האט זיך אוועקגעזעצט און האט נעקוקט דעם גאלאָווא אין דיא אויגען.

— איהר געדיינקט דאָך נאך געוויס, — האט אלעקסייעוו פינסטער נעזאגט — אז איך האב מיך א מאל מיט אייך בעראטהען וועגען מיינעם א ברודער?

— דער וואס האט עפּעס נעבעטען פון אייך אן אנלייע? — האט חיטראָווצין תמ'אָוואטע נעפרעגט.

— א שעהנע אנלייע, אזא יאהר אויף איהם! — האט אלעקסייעוו אונשולדיג גערעדט — ער האט דאָך איינפאך מיר מיט מיין פאטער בענזול'ט.

— נו, און וואס איז יעצט? — האט חיטראָווצין מיט א תמ'אוואטע מינע נע־פ:עגט.

— יעצט? שוין דא נאך א בריעף, ער פערלאנגט פינף טויזענד רובעל....

— שיקט איהם ניט א קאפּיקע, — האט חיטראווצין עטוואס צאָרניג נעזאגט— עך, אויך מיר א מעשה, וואס זאל דעם גאלאווא בעאונרוהיגען!

— וויא הייסט? האט איהר דאָך מיר אליין נעראטהען איהם דאס נעלד צו שיקען?

— נעראטהען? איך האב אייך גלאט נעזאגט, אז עס לוינט ניט האבען צו טהאן מיט אזא וואוילען יונג צוליעב עטליכע טויזענד רובעל.

— און היינט דיינקט איהר לוינט עס?

— יעדע זאך מוז דאָך האבען א שעור, — האט חיטראָווצין עטוואס צאָרניג נעזאגט — ער קען דאך אייך אויף אזא אופן אראָפּשינדען דיא הויט.

— און וואס מיינט איהר טאקי?

— ניט געוויעזען א וועג און נענוג.

— ער ווייס אבער פיעלע פון מיינע געהיימניסע.

— נו, אז ער ווייס, וואס וועט ער אייך טהאן ?

— דער טייפעל ווייס פון וואנען ווייס ער דיא געשיכטע מיט דער באָמבע — האט אלעקסייעוו בעטריבט געזאגט.

חיטראָווצין האט זיך א חאפ געטהאן פאר'ן קאָפּ.

— אלזא, ווייס ער אויך ווער עס האט דיא באָמבע געמאכט ? — האט חיטראָווצין אויפגערעגט געפרעגט.

— ער בעטיטעלט אייך אפילו אין דעם בריעף מיט שעהנע עטליכע נעמען, — האט אלעקסייעוו מיט א ביטערען שמייכעל געענטפערט.

חיטראווצין איז איבעררראשט פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען.

— אלזא, גאַלאָווא, האט חיטראָווצין אויפגערעגט אויסגערופען — מוז איך אייך זאגען, אז עס איז א מורא אין אייער שטוב מעהר אריינצוקומען. — אייך איז גוט, וואס איהר זייט מאסקווער גאלאווא, און וואס איהר טהוט אפ וועט בע־טראכט ווערען פאר א „שטיף״ ; אבער אזא מענשעל וויא מיר שמעקט עס מיט קאטארגע. איך האב עס געטהאן צוליעב א גוטען ברודער וויא אייך גאלאָווא, ניט נעהמענדיג פון אייך איין קאָפּיקע ; ענדליך שמעקט מיר דא מיט סיביר, מיט קאַ־טארגא....פון וואנען ווייס אייער ברודער אין ק י ע ו ו, אז איך האב אייך דא אין מאסקווא געמאכט א באָמבע ?

— זייט ניט העררר חיטראָווצין אזוי צופלאַכטען, — האט אלעקסייעוו פער־דריסליך געזאגט — ערשטענס, מוסר'ט ער אייך נאך ניט און צווייטענס. איז דיא באָמבע ניט געווען א באָמבע, שוין ניט ריידענדיג, אז דיא מעשה מיט בערטהא מאַלליך איז אייך אויך ניט געראָטען.

— צוויי מאל פערענטפערט זיך ניט חיטראָווצין, — האט אלעקסייעוו בעקומען א שטאָלצען אנטוואָרט — און דאס וואס אין אייער הויז געפינען זיך שפּיאָנען, איז פאר מיר זעהר וויכטיג צו וויסען. אזעלכע מענשלאך וויא איך בעדארפען היטען זייערע פעהלבלאך....

— קיין בייז זאל ניט זיין, — האט אלעקסייעוו נאך א קורצען שטילשווייגען איהם געטרייסטעט — איך וועל זעהן אז מיין דמיטרי זאל אייך קיין שלעכטעס ניט טהאן ; אבער איך פערשטעה ניט בשום אופן פון וואנען האט ער אלעס דמיטרי ערפאהרען ? ער געפינט זיך גאר יעצט אין פאריז.

— און שוין ניט אין קיעוו ? — האט חיטראָווצין מיט א תם'אוואטע מינע גע־פרעגט — עפּעס בייט ער אלע ווײלע אום זיינע פליעצער.

— ניט מיר, העררר חיטראָווצין עפּעס אן עצה — האט דער גאַלאָווא נאך א קורצען נאכדענקען איהם געבעטען — וויא ווערט מען איין מאל פאר אלע מאל פטור פון אזא אנשיקעניש ?

— דא איז גאר קיין שום עצה ניטא, — האט חיטראָווצין איהם ערוויעדערט—

ײדען איהר זאָלט פאָלגען מײן ראטה און איהם ניט שיקען אײן קאָפּיקע; אבער אס ער עראינערט אין זײנע בריעף גאר אנדערע פּערזאָנען, דאס געפעהלט מיר אר ניט.

— נאָט זעהט! — האט אלעקסײעװו אױסגערופען.

ער האט א האלבען בריעף פערבײנט און דיא אנדערע העלפט האט ער גע־גבען חיטראָװוצינען דורכצולעזען.

— דאס איז שרעקליך! — האט חיטראָװוצין אױסגערופען נאכדעם װיא ער אט דאס לעזען געענדיגט — ער האט דערמאנט מײן נאמען דײטליך און רופט מיך אָן אנדים.... איך ציטער נאלאװא פאר אײערע װוּנט.

— און מיר איז עס נאך א גרעסערער חדוש, — האט אלעקסײעװו זיך אפּגע־פען — דען װער װײס נאך װיא איך, װיא פאַרזיכטיג איך בין?....

— זעהט איהר דאָך, אז װענט האבען אויערען, — האט חיטראָװוצין מיט א איװוע מינע געזאגט.

אין דיעזער װײלע איז דער דיענער אריינגעקומען און געמעלדעט דעם נאָלאָ־א, אז א דאמע געקלײדעט אין טרויער װינשט איהם צו זעהן.

חיטראװוצין איז באלד דורך א צװײטע טהיר ארױסגעגאנגען און א דאמע מיט דיקען שװוארצען װואאָל אויף איהר געזיכט איז נאך אלעקסײעװו'ס ערלױבניס צו הם אין קאבינעט אריינגעגאנגען.

דערזעהענדיג פאר אלעקסײעװו'ס פיס דעם גרויסען הונד, האט זיך דיא דאמע נטער זיך אפּגערוקט.

— שרעקט אײך ניט פרוי, — האט איהר אלעקסײעװו העפליך געזאגט — מײן ראָ איז א רוהיגער הונד.

— נײן נאלאװא, — האט דיא פרוי פון אונטער דעם שװוארצען װואאָל שװאך עדט — זײט מײן מאן איז דורך א הונד אומגעקומען, שרעק איך מיך אויף א ד א קוקצוטהאן....

אלעקסײעװו איז געװוען אזוי צורודערט פון דער קארטענװוארפערקע, פון יטרי'ס בריעף און חיטראָװוצינס געשפּרעך, אז װיא זאנדערבאר דיא דאמע איז הם פאָרגעקומען, האט ער זיך גאר אהן בערעכענען פון זײן שטעלע אויפגעהױבען, דעם הונד פון זײן קאבינעט ארױסגעפיהרט.

— אלזא, — האט ער מיט א פריינדליכע מינע צו דער דאמע געזאגט — יעצט ב איך דיא עהרע צו פרעגען, װער בעעהרט מיך מיט א בעזוך?

— מאריא אנדריאנאװוא! — האט דיא דאמע מיט א שטארקע שטימע גע־פערט — אָט איז זיא דא אלײן!

אלעקסײעװו האט געגען זײן װילען א ציטער געטהאן; אבער ער האט באלד פאסט מוטה.

— זעהר אנגענעהם, — האט ער מיט א שמײכעל געזאגט — ביטע מאריא אנ־דריאנאװוא, זעצט אײך אניעדער.

— ניטאָ קיין צייט דערצו, — האט די א גרעפין מיט א פעסטען טאָן געענטפערט — מיך האט צו אייך געבראכט דער ווונש, אז איהר זאלט בעפרייען מיין קינד פון געפענגניס, און אין דעם בעשטעהט מיין גאנצער בעזוך.

— אייער קינד, וויא מיר שיינט, איז דאָך א פּאָליטיישער פערברעכער, — האט אלעקסייעוו קאלטבלוטיג געענטפערט — היינט וויא קום איך מאנארכיסטען צו בעטען פאר ניהיליסטען?

— מיין קינד איז אבער דורך דעם פערברעכען פון א מאָנארכיסט אין אונגליק געשטירצט געוואָרען, — האט די א גרעפין מיט א געלאסענע שטימע ערווידערט — א פערברעכער, וועלכער האט שוין לאנג בעדארפט געהן צום גאלגאָ, האט מיין קינד אונטערגעוואָרפען א באָמבע; נור אזוי וויא יענער פערברעכער פערדעקט זיך מיט א פעהלכעל פון א מאנארכיסט, דאַרום געהט ער ארום פריי און שפּייט צום הימעל מיט א פרעכע צורה און לאכט פון נאָט און די א מענשהייט, און מיין עהרליך קינד נעבאך זיצט אין פינסטערן קערקער ווייל ער הייסט ביי די א מאנארכיסטען א פּאָליטישער פערברעכער.

אלעקסייעוו איז אויפגעציטערט געוואָרען, ער האט ניט ערווארטעט צו הערען פון מאריא אנדריאנאַוונא אזא אנטוואָרט. ער האט געדענקט, אז זיא ווייס ניט די געשיכטע פון דער באָמבע. באלד אבער האט דער אויסוואורף געפאסט מוטה און האט דער גרעפין מיט אן אונשולדיגע מינע ערווידערט.

— אלזא מאדאם, טאָ וואָס האט עס צו מיר? געהט אייך צו די מאנארכיסטען וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט באָמבעס.

— צו אזא מאנארכיסט בין איך טאקי געקומען, — האט די א גרעפין מיט רוהיגע, אבער שניידענדע שטימע געענטפערט — און איך פערלאנג פון אייך, אז איהר זאלט באלד בעפרייען מיין קינד פון קערקער אויב איהר ווילט פערבלייבען מאסקוואַ נאלאווא און ניט געפיהרט ווערן אויף א שאנד־וואגען אין גראב אריין.

— זייט איהר וואהנזיניג מאדאם? — האט אלעקסייעוו אויפשפרינגענד פון זיין שטעלע אויסגעשריען — געהט אייך פון וואנען איהר זייט געקומען; אז ניט, הייס איך אייך פון דאנען ארויספיהרען.

מאריא אנדריאנאַוונא האט ארויסגעצויגען דעם רעוואָלווער פון איהר אבערמאנטעל און האט ווילד אויסגעשריען:

— זעץ דיך לומפּ אניעדער און הער אויס שרעקליכעס! ווען דוא ריהרסט זיך פון דיין שטעלע, אדער דוא הייבסט אויף איין הויך קויל ליגנסט דוא די סעקונדע אין א טייך בלוט!

און ריידענדיג האט זיא דעם רעוואָלווער געהאלטען שטייף אין איהר האנט געגען זיין ברוסט.

אלעקסייעוו איז לייכענבלאס געוואָרען. ער האט פיבעריש געציטערט און איז הינטער זיך ארויפגעפאלען אויף דער ווייכער זאָפע.

— וואס ווילסט דוא פון מיר אלטע בעקאנטע? — האט ער מיט א שוואכע

טימע געשטאמעלט — לייג אוועק דעם רעוואָלווער און לאָמיר ריידען וויא מענשען.

— אז דוא האָסט פריהער ניט גערעדט וויא א מענש, — האט דיא פרוי עלענדיג דעם רעוואָלווער געגען זיין ברוסט פייערינג גערעדט — גלויב איך דיר עהר ניט. דוא ביסט א מערדער אונטער א מאָנארכיסטישע פעהלכעל, וועלכע ערדעקט אלע דיינע פערברעכען; אבער וויא באלד דוא בעפרייסט ניט מיין קינד אט דיין שטונדע געשלאגען.

— איהר רעדט דא זעהר אונלאָגיש, האט דער גאלאווא מיט א ציטערענדע טימע געזאגט — צו בעפרייען אייער זוהן מוז איך דאך האבען צייט.

— איך פערלאנג אז דוא זאלסט שוין אויפשרייבען אויף א פאפיער דאס דוא ערצייהעסט דעם יונגען גראף פאוועל אנדריאנאוו וואס ער האט אויף דיר געשאָסען ין דוא בעטסט פון מאָנארך, אז ער זאל האבען מיט איהם מיטלייד און איהם יסען בעפרייען, ווייל דוא ביסט חושד דער שפּיאָנין מאריא זלאדייקינא, אז זיא אט אויף איהם אויסגעקלעהרט א ליגען און פאוועל אנדריאנאוו איז ניט פעהיג ייף א מענשען צו שיסען.

דער גאלאווא איז געווארען אויפגעציטערט, ער האט זיך דערמאהנט, וואס י האט גערעדט מיט'ן צאר ביי'ם אודיענץ וועגען פאוועל אנדריאנאוו און מאריא אדייקינא. היינט וויא וועט ער פאר'ן צאר אויסזעהן נאכדעם וויא דער צאר וועט רכלעזען אזא שריפט?

— און אזוי איהם בעפרייען טויג איך ניט? — האט ער מיט א פלעהענדע טימע איהר געפרעגט.

— אזוי גלויב איך אייך ניט, גאלאווא, איהר זייט אן אלטער מערדער. איהר אט מיין ברודער פערשיקט אין סיביר און מיין מאן האט איהר נאכהער ערמאָר־ עט, ווייל איך האב ניט געוואָלט הייראטהען א לומפּ, וועלכער האט מיך פער־ והרט אויף אזא טיראנישען ארט וויא איהר ווייסט....ביידע קינדער פאוועל און א.... זיינען אויך — אייערע! און פאר אייער זוהן, וועלכען איהר האט דורך אייערע נטריגען געשטירצט אין אונגליק בעט איך אייך יעצט....

אלעקסייעוו האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער.

— איז עס וואהר מאריא? — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע איהר פרעגט.

— מאריא אנדריאנאווא האט נאך קיין מאל קיין ליעגען ניט געזאגט! — אט דיא נרעפין ניט צונעהמענדיג דעם רעוואָלווער פון געגען זיין ברוסט גערעדט — ד קען עס אייך אויך אויפווייזען דורך מעטרישע שריפטליכע בעווייזע.... אלטע קומענטען זאגען ניט קיין ליעגען....

— גענוג פאר דיר חיטראָווצין! — האט חיטראווצין פון יענער זייט טהיר ין דעם צווייטען צימער צו זיך אליין א שעפּטשע געטהאן און איז באלד אוועק־ גאנגען.

— זייט דריי טאג איז פאוועל בעפרייט! — האט דער ערציטערטער גאלאווא דריי מאל איבערקרייצענדיג געזאגט.

— ניין אלעקסייעוו, — האט אנדריאנאווא מיט א פעסטען טאן ווייטער גע
ערדט — איהר זייט צופיעל פערדארבען אום איך זאל אייך גלויבען.... איהר האט
אייער איינענע טאכטער פערנאררט אין א קיביטקע און האט איהר געוואָלט דער
פיהרען צו א שענדליכען לעבען....פאוועל אלס עהרליך קינד האט עס ניט נעקענט
פערשווייגען....ער האט אייך איינמאל דאריבער בעליידיגט אין טהעאטער און דעם
צווייטען מאל האט ער אויף אייך געשאָסען און האט שיעור ניט בעפלעקט זיינע
הענד אין דיא בלוט פון זיין מערדערישען פאטער....

אלעקסייעוו איז אזוי איבערראשט געווארען, אזוי אויפגערעגט געווארען, או
אלע גליעדער האבען ביי איהם געציטערט. ער איז א מאל בעקאנט געווארען מיט
ליזא אנדריאנאווא אין א קליינע געזעלשאפט, ער האט זיך דאמאלס פאר איה
פארגעשטעלט מיט אן אנדער נאמען; ענדליך וויים נאר איהר מוטער, אז דער גא
לאווא האט איהר פערנאררט אין א קיביטקע און דערפאר האט פאוועל אויף איהם
געשאָסען! אויסער דעם האט דיא גאנצע געשיכטע איהם שרעקליך נעריהרט; א
זיין טרוקענע ברוסט האט זיך דערוועקט דער געפיהל פון פאטער־ליעבע. א טיגע
פיהלט אויך ליעבע צו זיינע קינדער.

— איהר מעגט, מאריא אנדרייעוונא, דעם רעוואָלווער אוועקלייגען, — האט
אלעקסייעוו מיט א פריינדליכע מינע געזאגט — איך שעץ און איך אכטע פון היינט
נען טאָג אָן ביידע קינדער....

— זיי בעדארפען עס ניט! — האט אנדריאנאווא מיט א פעראכטליכע מינ
איהם ערווידערט — און אייך אויף אייער וואָרט גלויב איך ניט מעהר, שרייבט שוי
אויף אויף א פאפיער דאס וואס איך וועל אייך דיקטירען, און פון דער זאָפע ב
דעם שרייבטיש גיעב איך אייך צוויי מינוט צייט.

זיא האט זיך אפגערוקט הינטער־זיך ביז דער טהיר האלטענדיג דעם רעוואָ
ווער נעגען אלעקסייעוו'ס געזיכט און מיט דער לינקער האנד האט זיא הינטער זי
דיא טהיר צוגעשלאָסען און דעם שליסעל האט זיא געוויעזען אלעקסייעוו'ן.

מיט וואנקענדע קניע און געבויגט אין דרייען איז אלעקסייעוו צו זיין שרייב
טיש צוגעגאנגען. ער האט איינגעטונקט דיא פעדער און האט געהייסען מאריא אנד
ריאנאווא'ן איהם דיקטירען.

זיא האט איהם דיקטירט און ער האט געשריעבען.

— יעצט גיה צוריק צו דער זאָפע — האט זיא איהם געביטעריש בעפוילען -
און לייגט זיך אוועק. הייבט איהר אויף א האנד זייט איהר אויף דער שטעלע
דערשאָסענער!....ראכע פאר אונשולדיגע בלוט....איהר הערט?....

אלעקסייעוו האט זיך הינטער זיך געשלעפט וויא א ראק און האט זיך אוי
דער זאָפע א ווארף געטהאן.

— דיא הענד אונטערן קאפ!....האט זיא שטריינג אויסגעשריען צוגעהענדי
נעהענטער צום טיש — איהר האנדעלט ניט יעצט מיט א שוואכע פרוי, זאנדערן מי
א טיגערין; וואס קעמפפט פאר איהר קינד! אייער לעבען הייננט אויף א האאר וו
איהר ריהרט זיך פון ארט!

אלעקסייעוו האט זיך אויף דער זאָפע אויסגעצויגען און האט ציטערענד פֿון אלע גליעדער ארונטערגעלייגט זיינעביידע הענד אונטערן קאָפּ.

אנדריאנאווא האט דעם אויפגעשריבענעם פּאפּיער מיט דער לינקער האנד פון טיש אראפּגענומען ניט אראפּלאזענדיג איהרע אויגען פון אלעקסייעוו׳ן. זיא האט זיך הינטער זיך צוגערוקט צו דער טהיר און האט ביסליך־ווייז אין פּאפּיער אריינגעקוקט, דורכלעזענדיג א וואָרט האט זיא באלד א קוק געטהאן צו דער זאָפע, און אזוי אזא ארט האט זיא דיא איינינע ציילען דורכגעלעזען.

— פאר דריי טאג זאלט איהר זיך מיט׳ן פּאפּיער ניט בענוצען — האט אלעקסייעוו שוואך גערעדט ווערהענד אנדריאנאווא האט דעם שריפט אין איהר בוזים־טאש אריינגעלייגט.

— איך הער, — האט זיא געזאגט טאפּענדיג מיט דער לינקער האנד הינטער זיך דיא טהיר.

זיא האט דעם שליסעל צוריק אויף זיין שטעלע איינגעפאסט, דיא טהיר אויפגעמאכט און איז הינטער־זיך פון אלעקסייעוו׳ס קאבינעט ארויסגעגאנגען.

75טעס קאפּיטעל.

טויט-שרעק.

שרה פיינשטיין׳ס טויט, וועלכער איז פערעפענטליכט געוואָרען אין אלע מאָסקווער צייטונגען האט געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק אויף חיטראָווצינען און מאריא זלאַדייקינא. אין אלע מאסקווער בלעטער איז דיא זאך געווען בעריכטעט אין עטליכע ציילען צווישען דיא שטעדטישע נייאיגקייטען, אז מען האט ארויסגעשלעפּט פון „מאָסקווא ריעקא״ א דערטרונקענע פרוי, ביי וועלכע מען האט געפונען אין א לעדערנע בייטעל אַן אלטען פּאספּאָרט אויף שרה פיינשטיינס נאמען און א שריפט, אז זיא בענעהט זעלבסט־מאָרד, ווייל זיא קען זיך צוליעב א געוויסען פערברעכען אויף דער וויסער וועלט ניט ארויסווייזען; דער „מאָסקאָווסקי ליסטאָק״ אבער, האט דערפון געמאכט פאר זיינע לעזער א גאנצען צימעס. ערשטענס, האט ער אפגעשריבען איהרע „פּרעמעטען״ וויא זיא האט אויסגעקוקט, צווייטענס, האט ער פאר דער וועלט דערצעהלט איהר פערברעכען, אז זיא האט נאך דער זשידאָווסקער מאָרע פערגיפטעט איהר אייגענעם מאַן און איהר אייגען קינד און דריטענס, האט ער פאר דער וועלט אויפגעוויעזען, אז אלע אידען אין רוסלאנד זיינען א באנדע רויבער, מערדער, מוסרים, קאָנטראָבאנדטשיקעס, בייטעל־שניידער און שופטען, וועלכע זיינען געהיג צו פערגיפטען זייערע פיינדע אפילו פון זייער אייגענעם נאציאָן; בעזאָנדערס נאך דיא רוסען, וואס דאס איז ביי זיי גלאט א מצוה. דורכלעזענדיג דעם ארטיקעל מיט אלע „פּרעמעטען״ פון שרה פיינשטיין האט זיך זלאַדייקינא געפרעהט זיא איז געווען נאר אויסער זיך פאר שמחה. חיטראָווצין פלעגט איהר מאכען דעם טויט פאר׳ן דאקומענט וואס געפינט זיך ביי שרה פיינשטיין אין דיא הענד, אז יעצט ווען באראן גענעראלאוו איז אין מאסקווא, קען ער נאך צופעליג בעקאנט ווערען

ערגעץ מיט דער בעהאלטענער פיינשטיין און בעקומען דעם טעסטאמענט פון זיין פערשטארבענעם פאטער און באלד וועט זלאדייקינא ארעטירט ווערען; ענדליך איז גאר שרה פיינשטיין דערטרונקען געווארען און זלאדייקינא'ן שטעהט יעצט מעהר ניט פאר, וויא פטור צו ווערען פון באראן גענעראלאוו און פון ביידע בעהאלטענע פרויען פראנק, וועלכע זוכען ארום קולאקאוו'ן אין מאסקווא, אבוואהל קולאקאוו'ס פערברעכען איז ניט פערבונדען מיט מאריא זלאדייקונא'ן; אבער זלאדייקינא מוז יעצט חיטראוויצ'ס פעהלכעל אפהיטען, אז ביי זיין ארייןפאלען זאל זיא דא ניט צוגעצויגען ווערען צו זיינע שפעטעריגע פערברעכען, וואס זיינען מיט איהר בשותפות אין גענעראלאוו'ס הויז געטהאן געווארען. דער אמאליגער קולאקאוו, זווריעוו, קאזלאוו, נאווריליאוו, פאפאוו און היינטיגער חיטראוויצ, האט וויפיעל מאל געזוכט א געלעגענהייט, נאך איידער ער האט דורך זיין פריסטאוו יורקאווסקי'ן פערפלאנטערט ביידע פרויען פראנק אין דעם פערברעכען פון דיא פאלשע קופאנען, געבען צו וויסען דער עלענדער מוטער חנה פראנק, אז ער האט איהר טאכטער שפרה ניט ערמארדעט. ער האט געוואוסט, אז דעם ערמארדעטען טשערטאוו'ס קריוודע וויל זיא דא ניט דערגעהן. אבער חיטראוויצין האט ניט געוואוסט וואוהין איז אהינגעקומען פייטקע, דורך וועלכען ערהאט דאמאלס אוועקגעשיקט זיין ווייב שפרה אין אמעריקא.

פון יענער נאכט אן זייט דער פאפ טשערטאוו איז אין זיין וואוינונג אין ווילנא דערהרג'עט געווארען, האט דער געוועזענער קולאקאוו און היינטיגער חיטראוויצין פון פייטקען ניט געהערט. ער האט גוט געקענט פייטקען, אז וויא באלד מיט איהם וואלט עפעס זאנדערבארעס ניט געטראפען, וואלט ער איהם, חיטראוויצינען, פון אונטער דער ערד אויסגעגראבען אום אפצונעהמען זיין חלק אין טשערטאוו'ס ירושה, און דאריבער האט חיטראוויצין ניט געגעבען חנה פראנק צו וויסען וועגען איהר טאכטער שפרה, אז זיא לעבט ערגעץ. ער האט געוואוסט, אז זיא וועט עס ניט גלויבען, און זיך זעהן אליין מיט איהר האט ער זיך מורא געהאט פאר אן אונגליק. יעצט, אז איהם האט שוין געלונגען דערפיהרען דיא זאך, אז דיא מוטער מיט איהר טאכטער טארען זיך אויף דער וויסער וועלט ניט ארויסווייזען, האט ער אנגעשטעלט דער שפיאנין מאריא זלאדייקינא'ן, אז זיא זאל זיי ביידען אויסגעפינען און האט זיך בעשלאסען איינס פון דיא ביידע, אדער זיי פעראונגליקען, אז זיי זאלען געהן נאך סיביר צוליעב דער פאלשער בעשולדיגונג, אדער דורכפיהרען דיא זאך, אז זיי זאלען אוועקפאהרען זוכען זייער שפרה'ן אין אמעריקא. חיטראוויצין מיט זיין מערדערישען כאראקטער וואלט גאר אזוי גוט ניט געוועהן צושטעלען דיא צווייטע בעדיענגונג; אבער ער האט אויסגערעכענט, אז דורך דער בעשולדיגונג קען א מאל זיין פריסטאוו יורקאווסקי אריינפאלען, ווייל דיא זאך איז דא אביסעל צו שרייענד און דערצו רעדט דאס מיידעל גוט רוסיש. און יורקאווסקי'ס אריינפאלען טויג ניט צום עסק....

וויא אונזערע לעזער וויסען שוין, איז מאריא זלאדייקינא, אלס גרעפין דאנילאווא, בעקאנט געווארען מיט'ן באראן גענעראלאוו. זיא האט איהם שוין איינינע מאל בעזוכט ביי זיין טאנטע אין וואוינונג וואו עס ליעגען בעהאלטען חנה מיט

חייקע פראנק, דער באראן האט איהר שוין אויך איינינע מאל בעזוכט און יעצט ווייס שיין מאריא זלאדייקינא, אזביידע פרויען פראנק געפינען זיך ביי דעם באראן'ס טאַנטע אין וואוינונג און דער יונגער נאַאום שטיין איז פערליעבט איבער דיא אויערען און דאס מעדכען חייקע פראנק וועלכע ער בעזוכט איינינע מאל אין טאג. זיא האט עס באלד דערצעהלט חיטראָווצינען און ער האט איהר נעהייסען אפּווארטען, ביז ער וועט אויסגעפינען א מיטעל וויא אזוי פריהער פּטור צו ווערען פון דעם פראנט באראן גענעראלאוו, וועלכער האט אנגעהויבען אָפּט צו בעזוכען סאלאמאנסקי'ס צירק, נאכדעם וויא דער רייטער דראגונאָוו האט איהם ערקלעהרט, אז דער באראן האט נעמאכט אן אירדטהום און ביידע קינדער דראגונאוו זיינען זיינע איינגענע.

דערווייליע שווייגט ניט מאריא זלאדייקינא אויך וועגען דיא ניהיליסטען. בערטהא מאלליף'ס פערשווינדונג ערגערט איהר ביז צום טויט. זיא ווייס בעשטימט, אז אין מאסקווא גראבט זיך ערגעץ א מינע, אין וועלכע עס נעהמט דעם גרעסטען אנטהייל זאבארין אדער דאָבראָדושין, וועלכען זיא האט דאמאלס ביי נאכט, פאר איהר פינסטערע מפּלה געזעהן ביי בערטהא מאלליף אין קאבינעט. דיא צייט צו דער קאָראָנאַציא איז שוין נאָהענט און עס ברענט אין איהר דער חשק זיך אויסצוצייכענען פאר דער ערשטער שפּיאָנין אין רוסלאנד, דערצו ברייננט איהר אויך מיט אָפּענבאך'ס גלייכגילטיגקייט צו איהר.

זלאדייקינא האט א טראכט געטהאן מיט איהר שפּיאָנישען קאָפּ און איהר איז איינגעפאלען, אז מען בעדארף אונטערזוכען אלע הייזער וועלכע שטעהען אין דער ליינג פון דעם פעראייניגונגס-באהן וואו ער פאנגט אן צו געהן נאָהענט מיט דער ניקאָלאיעווער ליניע. זיא האט בעטראכט דיא ליניע און האט געזעהן, אז אין א שטרעקע פון א צוויי ווערסט זיינען ביידע ליניעס נאהענט איינע צו דער צווייטער און אין דער גאנצער שטרעקע געפינען זיך מעהר ניט וויא זעכציג הייזער, וועלכע שטעהען זעהר נאָהענט צו דעם פעראייניגונגס-באהן.

— זעכציג הייזער! — האט זיא זיך א קלעהר געטהאן — דאס מאך איך דורך אין צוויי טעג און פיעללייכט נאך אין פינף. לאמיך זיך א נעהם טהאן צו דער ארבייט!

שוין איינינע טעג אז זלאדייקינא טראגט זיך ארום מיט א גרויסע קאָרב פון אלערליי זאָקען, טיכלאך, העמדלאך און לייבלאך און פעדעלט ארום אין יענע הייזער ביי דער ליניע פון דעם פעראייניגונגס-באהן. זיא איז געקליידעט אלס אן ארימע טענדלער־ין מיט א רויטהע ספּאָדניצע אויף שלייקעס, איהר טאליע בעדעקט א קורצע בלויע פאדיאָווקע. אויף איהר קאָפּ טראגט זיא א ווארעמע קאָפּקע ביז א האלבען שטערן און דיא האלדז איז איהר פערבונדען מיט א רויטהע טיכעל. זיא קוקט אויס וויא א שעהנע בויערען-פרוי ניט לאנג פון דאָרף ארויס.

— — — — — — — — — — — — —

דאָבראָליובאָוו אדער זאבארין האט פאר דער לעצטער צייט צוגעקריגען א פלייסיגען ארבייטער צו דער מינע, וועלכע האלט שוין אם ענדע. פאלקאָווניק גומא-

נאָח (קאָלצאָוו) האט שפּעט אין דער נאכט געבראכט צו איהם צופיהרען וואסילי פּעטראָוו'ן גלייך פון אסטראג ארויס. פּעטראָוו איז באלד געמעלדעט געוואָרען אין אוטשאָסטאָק מיט א שפּאָגעל נייעם פּאַספּאָרט אלס מוזיקיק פון דעם דאָרף „סווינינקא“, פּאָלטאַווער גובערניע, און ער הייסט סעמיאָן פּיעטוחין. זיין סווידיעטעלסטווא פון פּאָלטאַווער אופּראַווא זאָגט אז ער איז א סטאָליער און אלס כּטאָליער איז טאַקי פּיעטוחין פערבליעבען אין זאַכאַרין'ס ווערק־הויז. וואָאין און גראָאין ביידע סטאָליערס, וועלכע האבען נאך דעם בעשלוס פון געהיים־בונד אריינגעטרעטען צו קאַמונאַוו'ן (אסטראָוו) אין „אוספּענסקי סאָבאָר“ און האבען דאָרט פערפערטיגט דיא מינע, האבען זיך שוין צוריקגעקעהרט אין דאבראליובאָוו'ס ווערק־הויז.

יעצט איז פיער אוהר נאך מיטאג, זאַכאַרין, פּעטראָוו, גראָאין און וואָאין זיינען זעהר מיעד און געבראָכען. זיי זיינען היינט פערמאַטערט געוואָרען ביי דער מינע. דער אויסגעגראָבענער קאַנאַל איז שוין גאַנץ נאָהענט צו דיא רעלסען (שינעס) פון ניקאָלאַיעווער אייזענבאהן; אבער דיא שטארקע בעוועגונג אין דער הויך פון דיא ציגע איבער דער ליניע, האט איינגעוואליעט א שטיק ערד פון אינווענינג און האט פערשאָטען דעם קאַנאַל אויף שעהנע עטליכע ארשין. עס האט געהאלטען, אז גע־ראָאין זאל דאָרט לעבעדיג בעגראבען ווערען, ווען זאַכאַרין וואלט צייטליך איהם ניט ארויסגעצויגען פאר דיא פיס פון אונטער דער שטיק ערד, וואס האט בעדעקט זיין האלבען קערפּער. מיט א שטונדע שפּעטער איז איינגעפאלען נאך א שטיק ערד און דיא פרייהייטה־קעמפּפער האבען אנגעהויבען מורא צו האבען, אז עס זאל זיך ניט ווייזען פון אויסענווייניג לעבען דער ליניע אן אָפּטנע גרוב, וועלכער קען ענטדעקען זייער געהיימנים מעהר אלס צוואנציג שפּאַנען. זיי האבען זיך גענומען אנשיטען דיא ערד אין זעקלאך און אונטערשפּארען דיא ערד אין קאַנאַל מיט קלעצלאך און ברעמער. דיא ארבייט איז געטהאן געווארען מיט גרויס שנעלינקייט אין לעבענסגעפאהר און יעצט זיינען זיי אלע מיעד, אפּגעשוואכט און פערמאַרטערט.

אין דער פאָדערשטער הויז אין א צימער געפינט זיך דאבראליובאָוו אדער זאַכאַרין. ער איז געקליידעט וויא אן ארבייטער און טראגט א ווייסען שירץ ביז דיא קניע. דער פארטוך איז בעדעקט מיט זעגאכטס און סטרוזשענעס, דיא הארבעל פון זיין גראָבער לייווענטענער העמד זיינען פערקאַשערט ביז איבער דיא עלענבויגענס. ער טראגט א רויטלאכען אונפערקאַמטען באָרד און אויף זיין קאָפּ ליעגט א צוקנייטשטע אפּגעקראכענע היטעל מיט א לאַקירענעם, שטעלענווייז געבראָכענעם קאָזיראָק. לעבען איהם זיצט וואסילי פּעטראָוו אדער פּיעטוחין אין דערזעלבער אויסשטאַטונג וואס ער; נור זיין באָרד איז שוין גרוי, ער איז אַלט אין זיין פּאַספּאָרט אכט און פופציג יאהר און אזוי קוקט ער טאַקי יעצט אויס. דיא טהיר אין זייער צימער איז צוגעמאכט, אבער א פיערעקיגע לאָך אין איהר, וועלכע האט ניט קיין שויב און איז פערהאנגען מיט א שמוציגען אפּגעקראַכענעם טוך דאס דער וואס שטעהט אין ווערק־הויז, קען אין צימער גאר ניט זעהן, ווערענד דיא וואס געפינען זיך אין צימער זיינע, אין שטאנד אלעס צו זעהן און אויך צו הערען.

זייער צימער קומט אויס צוויי פענסטער אין דער גאס און א הינטערשטע טהיר האט ער צום פערשלאסענעם הויף. דיא טהיר קומט ריכטיג אויס גענען דער טהיר פון דעם הינטערשטען פליגעל, וואו שרה פיינשטיין וואוינט יעצט מיט ברטהא מאלליך אין איין צימער.

— איך פירכטע זעהר פאר דער מינע אין אוספענסקי קאָבאָר — האט דאָבראָליובאָוו שטיל צו פיעטוכינען געזאגט — דוחאָווקין איז פּאָביעדאָנאָסצעוו'ס א פאַקטאָר, א מעקלער פון יונגע פרויען און מיידלאך און ער איז שוין גאר קיין אידיאָט. עס.... איך וואָלט שוין וועלען וויסען, וואס האָט דארט ערפאהרען אונזער קאמונאוו (אסטראוו) נאכדעם וויא איך האב איהם אין דעם אויפמערקזאם געמאכט? עס איז אונגלויבליך, אז דער קלוגער טייפעל פאביעדאנאָסצעוו זאל זיך פערגעבען אין אזעלכע זאכען מיט אן אידיאָט, וואס ווייס ניט פון זיין קאפ צו זאגען אין זיין אייגענער הויז.

— איהר רעדט ליעבער דאבראָליובאָוו זעהר פערנינפטיג, — האט פּעטראוו איהם ערוויעדערט — מיר גלויבט זיך אויך ניט, אז דער אויסוואורף פון דעם הייליגען סינאָד זאל זיך פערגעבען מיט א נארר; אבער וואס 'זאל דא זיין **דער ציעל?**

— נאר איינפאך, — וויא איך האב שוין איינמאל ערקלעהרט, אז צווישען פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן און דוחאָווקינען איז בעשלאסען צו דערלאזען דיא מינע אין קרעמעל אום דיא ניהיליסטען זאלען דערווייל ניט גראבען ערגעץ אן אנדער מינע.

— דאס איז ווירקליך זעהר טיעפזיניג, — האט פּעטראוו געזאגט — וויא מיר קענען דעם הייליגען טייפעל פאסט פאר איהם אזא פאליטיק. דערצעהלט מיר יעצט גענוי וואס האט מאדאם פיינשטיין וועגען דעם אויפגעטהאן?

— שרה פיינשטיין איז זעהר א קלוגע פרוי, — האט זאכארין ווייטער גערעדט — מיר האבען איהר פערשאפט א גוטע רעקאָמענדאציאָן פון א הויכע שטעלע, און זיא איז אכט טאג געזעסען אלס געטייפטע אידין און מאנאשקע (נאָנע) אין דעם הייליגען קרעמעל. זיא איז דאָרט בעקאנט געווארען מיט דוחאָווקין'ס א געליעבטע נאָנע סאפיא קוזמינאווא. דיעזע יונגע נאָנע איז איינע פון דיא הייליגע בעסטיעס, זיא האט אוועקגעווארפען איהר מאן, א געוויסען טאלאנטפאָלען קלאאון אין סאלאָמאָנסקי'ס צירק און האט אריינגעטרעטען אין א מאנאסטיר. יעצט איז זיא מיט דוחאָווקינען שטארק בעפריינדעט, אז ער איז אין איהר מיט לייב און זעלע פערטרויט; ענדליך איז זיא דוחאָווקינען אליין אויך אונטריי וויא איהר מאן און זיא איז איהם א שונא, אז זיא וואָלט איהם אין א לעפעל וואסער דערטרונקען. פיינשטיין האט זיך באלד דערוואוסט אויף דיא אורזאכע פון איהר פערבאָרגענעם האָס צו דוחאָווקינען. דיעזער האָס בעשטעהט אין אייפערזוכט. דוחאָווקין האט בעקאנט געמאכט זיין געליעבטע סאפיא'ן מיט פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן מיט דער פערזיכררונג, אז נור זיא איז איינע פערבלייבט פּאביעדאנאָסצעוו'ס א „נאָהענטע" בעקאנטע, ענדליך האט זיך סאָפיא דערוואוסט, אז דוחאָווקין האט אין א קורצע צייט פאר

פּאָביעדאָנאָסצעוו'ן פאַרגעשטעלט נאָך ביי א צעהן נאָענען אין יעדער וואָך, וועו פּאָביעדאָנאָסצעוו איז אין מאָסקווא, פיהרט דער הייליגער דוחאָווקין צו איהם נאָענען אויף א ברכה—

— איז פיעלליכט א סברא, אז דורך דערזועלבער סאָפיא'ן זאָל אונז בע־וואוסט ווערען דיא זאַך מיט דער מינע אויף ריכטיג — האט פּעטראָוו איהם אונטערבראָכען.

— אונזער קאָמונאָוו מיט דיא איבעריגע מאַנאַכען זיינען ניט קיין אינגלאָך,— האט זאכארין איהם ערוויעדערט — מיר האבען זיי אין דעם שוין אויפמערקזאם געמאכט און איך ערוואַרט מיט אונגעדולד זיך צו דערוויסען, וואס זיי האבען שוין דאָרט אויפגעטהאָן. איך שרעק מיך מעהר ניט, טאָמער ווערען זיי ארעטירט נאָך איידער זיי וועלען דיא זאַך דערגרעהן.

— יעצט ערקלעהט מיר, הערר דאָבראָליובאָוו, — האט פּיעטוכין נאָך א קור־צען נאָכדענקען געזאגט —וואס קען דא זיין פאר א געשיכטע מיט אונזער שרה פּיינשטיין, וואס פּלוצלינג האבען מיט איהר א קלונג געטהאָן אלע מאָסקווער צייטונגען, אז מען האט איהר ארויסגעשלעפּט פון וואסער א דערטרונקענע?

— דאס קען איך גאר ניט בעגרייפען, — האט זאכארין מיט א שמייכעל ער־וויעדערט -- שרה אליין, וועלכע איז מיט איהרע פערהעלטניסע מעהר בעקאַנט, פערשטעהט עס אויך ניט. זיא זאָגט, אז איהר פּאַספּאָרט איז פערבליעבען ביי דעם פּריפּטאָוו איוואַנאָוו, וועלכער זיצט יעצט צוליעב איהר אין געפענגניס. היינט וויא קומט מען גאר ארויסציהען א פרוי פון טייך מיט איהר פּאַספּאָרט, און נאָך מעהר וואונדער איז דא, וואס אין איהר קעשענע האט זיך געפונען א שריפט, אז זיא נעהמט זיך דאס לעבען, וויל זיא קען זיך אויף דער וועלט ניט ארויס־ווייזען צוליעב איהר פערברעכען וואס זיא האט פערגיפטעט איהר מאַן מיט איהר קינד. סיידען דאס האט עפּעס אן אנהאנג מיט דער שפּיאָנין מאריא זלאַדייקינא. מעגליך, אז דיא שפּיאָנין האט דא עפּעס אפּגעטהאָן א שפּיצעל, אום שרה פּיינ־שטיין זאָל אלס דיא ווירקליכע מערדערין בעטראַכט ווערען, און אזוי וויא פּיינ־שטיין קען זיך אויף דער וועלט ניט ווייזען סיידען מיט א פרעמדען פּאַספּאָרט, וועט זלאַדייקינא'ס פערברעכען קיינמאָל ניט ענטדעקט ווערען. דאס איז מעהר ניט גלאט א השערה; אבער דיא ריכטיגקייט קען איך דא גאר ניט פערשטעהן, וויא עס איז ניט אויסצומעסטען זלאַדייקינא'ס פערדאָרבענהייט.

— האט איהר חאָטש אוועקגעשריעבען א בריעף צו אָפּענבאַכען און איהם דערצעהלט, וואו מען האט איהר אפּגעשוואַרצט איהר טרפה צורה?

— דאס האב איך גלייך געטהאָן געסטערן וויא איך האב מיך דערוואוסט, אז אנטאָנאָוו איז דאדורך אריינגעפאַלען אין אסטראָג; אבער ווער ווייס צו דאס וועט ווירקען?—

— קויפט א פּאר זאקען, א שירץ, א העמדה, א לייבעל א טיכעל ביי אן ארמע פרוי! — האבען זיי וויא אין מיטען זייער געשפּרעך דערהערט א קלינגענדע פרויען־שטימע פון דעם צווייטען צימער.

— א, וואס פאר א בעקאנטע שטימע, — האט פּעטראוו גאנץ שטיל גע־
זאגט — איך גלויב, אז איך האב אזא שטימע ניט לאנג ערגעץ געהערט....

— און מיר קומט זיא אויך פאר זעהר בעקאנט — האט זאכארין שטיל זיך
אפּגערופען.

פּעטראוו איז צוגעגאנגען צו דעם טול וואס היינגט אויפ'ן פענסטערל און
האט דערזעהן א יונגע בויערען־פרוי מיט א קארב אין דער האנד. זיא שטעהט
פאר ביידע ארבייטער געראַאין און וואַאין און בעט פון זיי, זיי זאלען ביי איהר
עפּעס קויפען.

— אין גאנצען דריי קאפּיקעס א טיכעל, — האט זיא שווער אטהעמדיג גע־
זאגט זיך אוועקזעצענדיג אויף א שטוהל וויא א פערמאטערטע פון דעם שווערען
קארב — פינף קאפּיקעס א פאר זאקען, לייבלאך, שירצען ביליג.... קויפט עהרליכע
פּראוואסלאוונע, קויפט, שווערע צייטען אין מאסקווא....חאטש שטארב פאר הונ־
גער אין דיא גאסען.

פּעטראוו האט פּלוצלינג א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפּער, זיין געזיכט
איז לייבענבלאס געווארען און זיינע הענד זיינען קראמפּפהאפּטיג אויפגעדריקט גע־
געווארען אין צוויי פויסטען.

זאכארין וואלכער איז לעבען איהם געשטאנען האט עס בעמערקט. ער האט
שווייגענד איהם עטוואס אפּגעשטופּט פון פענסטערל און האט דארט אריינ־
געקוקט.

— דאס איז זיא! — האט פּעטראוו מיט א ציטערענדע שטימע שטיל גע־
זאגט — זיא....

— יא, דאס איז זיא — האט זאכארין אונרוהיג א שעפּטשע געטהאן.

— מיר זיינען ארימע ארבייטער — האט געראַאין דער פּעדלערין געענפערט—
מיר ברויכען ניט קיין זאך; נור אום איהר זאלט מיט ליידיגען ניט ארויסגעהן קויף
איך ביי אייך א שנופּ־טיכעל.

זלאדייקינא האט ארויסגענומען פון איהר קארב עטליכע דוצענד טיכלאך און
האט זיי גענומען פארנאנדער בינדען.

— א, בארין, — האט זיא צו געראַאינען געזאגט — אפשר קען איך דא בע־
קומען א ביסעל וואסער....טרוקען אין האלדז ניט פאר אייך געדאכט. בעמיהט זיך
ניט אליין בארין, זאגט מיר וואו נעהמט מען דא א טרונק וואסער? ....מיר זיינען
ניט קיין גרויסע פּריצטעס....פון קינדהייט אן האב איך ביי מיין טאטען געאקערט
דיא ערד, ביי נאכט האב איך געשלאפען אין א שטאל לעבען חזירים.....דער טייפעל
האט מיר אנגערעדט אויסצוטרינקען דא ניט לאנג א גלעזעל בראנפען....עס מישט
זיך מיר אזוי אין מוח ניט פאר אייך געדאכט בארין, אז איך שטארב שיעור אוועק.
עפּעס האבען זיך צו מיר צוגעטשעפּעט אויפ'ן וועג א פאר מוזשיקעס ניט פאר אייך
געדאכט, אז איך בין קוים א לעבעדיגע אריינגעלאפען צו אייך אין סטאליארניע....
א, א קאפּיטשקע וואסער.... זיי האבען געוויס געוואלט דעם קארב פון מיר אוועק־
חאפּען.

זאכארין איז מיט וואנקענדע קניע צוגעגאנגען צום פענסטער און האט בטקוקט די גאנצע געגענד ארום זיין הויז און פעטראוו איז געשטאנען לעבען דער טהיר און געקוקט מיט פייערינע אויגען אויף דער שפיאָנין, וועלכע האט איהם אלס מאדאם אבוחאָוו פון ניזשני נאָוואָגאָראָד ארייננעזוואָרפען אין מאָסקווער אסטראָג....

ביידע ארבייטער געראָאין און וואָאינען איז די פעדלערין נים פאָרגעקומען פערדעכטיג. זיי האבען אין איהר דערקענט אן איינפאכע תם'אָוואטע, נאאיווע און אָפענהערציגע רוסישע בויערען-פרוי, וועלכע האט אביסעל איבערגעחאפט דעם ביטערן טראָפען. געראָאין האט איהר דערלאנגט א ביסעל וואסער אין א בלעכענעם קענדעל און וואָאין האט גענומען בעקוקען איהרע וואַרע אין דעם גרויסען שטרוי געפלאָכטענעם קאָרב.

— ניט גאנץ פרעהליך ברודער, — האט זאכארין אפציהענדיג פעטראָוו'ן פון פענסטערל גאנץ שטיל געזאגט — זיא איז דא ניט איינע אליין.... איך האב בעמערקט נאך צוויי הויכע פערזאָנען אויף דעם געגענזייטיגען טרעטאאר, פעטראָוו האט א קוק געטהאן אין פענסטער און האט זיך מיט ביידע הענד אנגעהאפט אן זאכארין'ס שולטערען.

— ברודער ניט גוט, — האט ער איהם מיט א ציטערענדע שטימע אין אויער אריינגערעדט — דער שפיאָן....דער וואס איז געזעסען מיט מיר אין איין צעלע אלס דער מארטירער סטעפאנאָוו, דרעהט זיך ארום מיט נאך איינעם אויף דעם געגענזייטיגען טרעטאָאר....

— מיין בערטהא! — זאט זאכארין א ברום געטהאן — אבער שא, ברודער, אונזער טהיר איז צוגעשלאָסען. אהער אריינקומען קען זיא ניט און דער געפאהר קען יעצט ארויסקומען אין עטליכע שטונדען ארום.... ווארט....לאָמיר זיך צוקוקען.

— — — — — — — — — — — — —

— מיר איז איבעל, מיר איז ניט-גוט! — האט בערטהא מאלליך געזאגט צו שרה פיינשטיין אין דער צייט, ווען דיזע סצענע האט זיך געשפיעלט אין זאכארין'ס ווערק-הויז — מיר דריקט אונטערן הארצען, שוועסטער.... אָ, אביסעל קאלטעס וואסער!

שרה פיינשטיין האט בערטהאן דערלאנגט א גלאָז וואסער און ווערענד די שפיאָנין האט געטרונקען פון קענדעל, האט בערטהא געטרונקען פון דער גלאָז.

— אָ, ניין, גאר ניט בעסער! — האט בערטהא זיך וואָרפטהאנדיג אויפ'ן בעטעל געזאגט — שטארקער הארצקלאפען שוועסטער....די נערווען אויפגערעגט. שרעקליך, רוף מיר אריין פעטראָוו'ן, פיעטוחינען, דאבראליובאָוו'ן.... ניט-גוט, עס דריקט, עס קלעהמט אונטערן לעפעל, דאס הארץ ווערט צושפרונגען אין שטיקער....

שרה איז שטארק דערשראקען געווארען א קוקטהאנדיג אויף בערטהא מאלליך'ס געזיכט וועלכער איז אזוי געל געווארען. זיא האט אויף זיך ארויפגע-

אַפּט א ווייסען ליילאַך אלס א פּאַטשיילע און איז מיט ראשע טריט פון צימער
רויסגעלאָפען....

— — — — — — — — — — —

— שלעכטע צייטען אין מאסקווא, — האט דיא שפּיאָניך אָפּטרינקענדיג דאס
אַסער געערדט — ניט צו לייזען א קאָפּיקע, חאָטש פיינקע, חאָטש ווער צוזעצט!
רייב זיך ארום אין אזעלכע פּליאַנאָטעס, רעגעגס און בלאָטעס, פאר דאס שטיקעל
רוקענעם ברויט מיט קוואס און מאך נור פאר צרות א שנאַפּס. נא דיר א קאָפּ־
עהטאָן צו אלע שווארץ יאהר!.... נא דיר מוזשיקעס. וואס ווילען דיא קערבעל
וועקחאַפּען....טפוי, טייפעל, א שלעכטער לעבען אין מאסקווא!

— אלץ בעסער וויא געשטאָרבען, — האט וואַאין זיך אפּקלייבענדיג א לייבעל
יט א שמייכעל געזאגט — א לעבעדיגער מענש קען חאָטש א מאָל דורכשוויינקען
עם נאָרגעל מיט א גלעזעל פּאַפּאָווקא. וויא איהר האט ניט לאַנג געטהאָן.

זאכארין מיט פּעטראַוו'ן זיינען שיעור צוזעצט געוואָרען זעהענדיג פון יענער זייט
והיר, אז וואַאין הייבט זיך נאר אן מיט דער שפּיאָנין צו וויצלען. עס האט זיי פאר
ערדרוס געוואָרפען וויא אין א פּיעבער.

— נאָט אייך א גראָשען פאר אזא לעבען, — האט דיא פּעדלערין ווייטער
נפּלוידערט — איידער זיך ארומטרייבען מיט א שווערען קאָרב אין מאָסקווער גאַסען
ון ניט פערדיענען אויף א שטיקעל ברויט מיט קוואס, איז שוין דער טויט פּיעל
נגענעהמער. נו, איז ניט קיין שנאַפּס, איז ניטאָ פּאַפּאָווקא אויף יענער וועלט,
גרויסע דאנה האב איך. געשטאָרבען בעגראָבען און אראָפּ פון מארק.

זיא האט ריידענדיג געוואָרפען געהיימע בליקען אויף דיא ווענט און אויף אלע
יינקלען פון צימער.

— מאכט אייך ניט נאַרריש, — האט וואַאין איהר אָפּצאָהלענדיג פאַרן לייבעל
עזאגט — נור א קוק טהאָן אויף א טויטען חאָפּט אונז אן א ציטערניש, בפרט נאך
ערען אליין א טויטער....

דיא הינטער־טהיר האט זיך פּלוצלינג אויפגעמאכט און שרה פיינשטיין איז
ין צימער אריינגעלאָפען פערהאַסעוועט מיט א ווייסען ליילאַך איבערן קאָפּ.

— געוואַלד! רעטעט! — האט זיך א שרעקליכע שטימע פון דער פּעדלערין'ס
רוסט ארויסגעריסען און זיא איז געפאלען אין טיעפען אהנמאכט צום באָדען.

זאכארין און פּעטראַוו פון יענער זייט טהיר און שרה פיינשטיין, געראַאין מיט
ואַאינען זיינען אזוי איבערראשט געוואָרען, אז זיי זיינען אייניגע מאָמענטען פער־
ליעבען שטעהן וויא צודולטע. פיינשטיין איז אבער באלד געקומען צו זיך, זיא האט
לייך דערקאנט מאריא זלאַדייקינאַ'ן.

— איהר זאלט זאגען אז קיינער איז דא ניט געוועןָ, — האט זיא שטיל צו
עראַאינען און וואַאינען א שעפּטשע געטהאָן — און באלד איז שרה פיינשטיין צו־
עגאַנגען צו דער פּעדלערין און האט איהר אראָפּגעלאָזען מיט'ן גאַנצען כח א פּאַטש
אויף דער רעכטער באַק, אז איהרע אלע פינף פינגער זיינען בלוי אויסגע־
מאָהלט געוואָרען אויף איהר בלויע צורה'קע.

דיא שפּיאָנין האט זיך נאך דעם פּאטש אנגעהויבן צו בעוועגן און שרה פיינשטיין איז פערשוואונדען....

— מיר זיינען אונגליקליך, — האט פּעטראָוו צו זאכארינען געזאגט.

— מעגליך, אז דאס האט אונז פּאָליפּינ גערעטעט, — האט זאכארין איהם שטיל ערווידערט — נור מען קען דא גאר ניט וויסען.

גערעאָין און וואָאין האבען מיט ציטערענדע הענד דער פעדלערין אוועקגע־שטעלט אויף דיא פיס און האבען איהר אָפּגע'שפּריצט מיט קאלטע וואסער.

— אָ, וואו בין איך דא? וואס פּייערט מיר אזוי דיא באק? — האט דיא שפּיאָנין ווילד אנגעקוקענד דיא ווענט געשטאמעלט.

— גאָט איז מיט אייך — האט גערעאין איהר האלטענדיג פאר דיא הענד גע־רעדט — אָ, וואס איז מיט אייך אונבעקאנטע פרוי געוואָרען? ווארום האט איהר זיך אזוי דערשראָקען?

זלאדייקינא איז אביסעל צו זיך געקומען און האט זיך פון אלע זייטען אומ־געקוקט.

— אָ, וואס איז מיט אייך זעמליאטשקא (לאנדס־פרוי)? — האט וואָאין מיט א פערוואונדערטע מינע איהר געפרעגט — איהר האט געוויס היינט איבערגעהאפּט דיא מאָס.... וואס בעאונרוהיגט איהר אונז? געהט אייך אויסשלאָפען, מיר זיינען פער־נומענע מענשען.

זלאדייקינא האט ניט אויפגעהערט צו־ווארפען ווילדע בליקען איבערן צימער און האט זיך א חאפּ געטהאן פארן באק.

— האט איהר ניט א שפּיעגעלע? — האט זיא מיט א פלעהענדע און ציטע־רענדע שטימע גערעאָינען געפרעגט.

גערעאָין האט איהר דערלאנגט דאס קליין שפּיעגעלע פון קאמאָד און אז זלא־דייקינא האט דערזעהן פינף פינגער אויף איהר באק איז זיא געוואָרען אויפגעציטערט, אז עס האט איהר געוואָרפען א צאָהן אן א צאָהן.

— האט איהר דא קיינעם ניט געזעהן? — האט זיא ציטערענד איהם גע־פרעגט.

— גאָט איז מיט אייך לאנדס־פרוי, — האט וואָאין קוועטשענדיג מיט דיא פּלייצעס אויסגערופען — איהר שרעקט אונז איבער פרוי.... איהר ליידעט געוויס „ביעלאיא גאָראטשקא"*) אז איהר ווילט וועלען מיר אייך אוועקפיהרען אין א האָס־פּיטאל. אָ, איהר בעדארפט זיך אויסרוהען.

זלאדייקינא האט זיך געקראצט וואו איהר האט ניט געביסען.

— זייט אזוי גוט און פיהרט מיך פון דאנען ארויס, — האט זיא ביידע סטאָ־ליארעס מיט א ציטערענדע שטימע געבעטען — איך לייד אָפּטמאָל צוליעב מיינע שוואכע נערוון.... אָ, פערצייהעט מיר וואס איך האב אייך בעאונרוהיגט.

*) דיא „ווייסע היץ" אַ קראַנקהייט וואס עקסעסטירט מייסטטענס אין מאסקווא פון פּיעל בראנפען־טרינקען. דיא קראַנקע זעהן טויטע, טייפלען, רוחות און גלאַט בילדער פאר דיא אויגען.

— קיין בייז זאל ניט זיין, מאלע וואס עס טרעפט? — האט געראָאין איהר אנגעהמענד פאר דער האנד געזאגט - דערפאר זיינען מיר דאָך לעבעדיגע מענשען וואס פערווילט זיך א מאָל דער ביטערער טראָפּען.

ביידע סטאָליארעס האבען זלאַדייקינאַ'ן האלב טוידט פון דאבראליובאָוו'ס ווערק־הויז ארויסגעפיהרט. וואָאין האט געדונגען א דראָשקע און געראָאין האט איהר דערלאנגט דעם קאָרב אין האנד אריין און באלד איז די דראָשקע אוועקגעפאהרען.

זאכארין און פעטראָוו זיינען צוגעגאנגען צום פענסטער, און ביידע סטאָליערס האבען זלאַדייקינאַ'ן ארויסגעפיהרט. זיי האבען געזעהן וויא מערזאַוועין מיט'ן צווייטען פערזאָן פערדרעהען זיך פון טרעטאָאר אין א פערעאולאָק (הינטער געסעל).

פעטראָוו איז פערבליעבען אין צימער און זאכארין איז באלד אין ווערק־הויז אריינגעגאנגען.

— פאָרלויפיג איז עס גוט אפּגעשפּיעלט. — האט ער צו די ערשטווינטע סטאָליארס געזאגט — אבער וויא מיר שיינט, איז אויך אונזער זאך צערשטערט. מיר וועלען מוזען מאַכען פיס.

די גאַס־טהיר האט זיך נאך א לייכטען קלאַפּען אויפגעמאכט און וויא ערציטערט איז געווארען זאכארין דערזעהענדיג ביידע שפּיאָנען אריינגעהענדיג אין ווערק־הויז.

— גוטען אבענד! — האט מערזאַוועין צו די אנוועזענדע געזאגט — קען איך זעהן דעם חירטה?

א שוידער איז אריבער דורך פעטראָוו'ס ביינער דערזעהענדיג דעם מארטירער סטעפּאנאָוו נאָהענט לעבען זיין טהיר אונטער וועלכע ער איז געשטאנען און האט געקוקט דורך דער טול אין שטוב אריין.

— איך בין עס, — האט זאכארין מיט געמאכטע גלאַסענהייט ערוויעדערט — וואס האט איהר מיר צו זאגען בארין?

— זאָג מיר — האט מערזאַוועין מיט א בעפעהלענדען טאָן געזאגט — וואס האט דא געטהאָן די פעדלערין ביי דיר אין ווערק־הויז? אבער די ריינע וואהרהייט, דוא הערסט?

— ווארום זאל איך אייך, בארין, זאגען א ליגען? -- האט זאכארין מיט א תמ'אוואטע מינע גערעדט — מיר זיינען גאר ניט אזעלכע מענשען. אלע ארבייטער זיינען ארענטליכע לייט, הלואי וואָלטען די קויפלייטע אזוי געוועזען.... מיט זיי איז גאר ניט צו האנדלען, קויפט מען ביי זיי ברעטער נאררען זיי אָפּ.... באלקענס וויעדער אָפּגענאררט....

— רייד זיך אויף מיט א מוזשיק! — האט מערזאַוועין צום צווייטען שפּיאָן מיט א שמייכעל געזאגט — נא דיר מאסקווער בעלי־הבתים!

— רייד צו דער זאך! — האט דער צווייטער שפּיאָן צו זאכארינען גערעדט — מיר זיינע: פערנומענע מענשען; זאג אונז, וואס האט געטהאן ביי דיר די פעדלערין? מיר בעדאַרפען עס וויסען.

— אָ, דיא פעדלערין מיינט איהר,— האט זאכארין זיך קראַצענדיג פאר: דער פּאָטילניצע געזאגט — וואס כהוב א פּעדלערין? זיא נאררט אָפּ.... איך האב: נעקויפט פון איהר א לייבעל, דוכט זיך בעצאהלט פינף און פערציג קאָפּיקעס, נאט אייך: איין לאָך, נאט אייך דיא צווייטע....וואו מען קעהרט זיך אלץ לעבער און נאררעריי!

ער האט דאס לייבעל געוויעזען מערזאַוויצינען.

און מעהר האט זיא דא גאר ניט געטהאן? — האט מערזאַוויצין ווייטער גע־פרעגט.

— וואס נאך זאל זיא טהאן? קנאפּ האט זיא דא אנגעפּלוידערט? וואו ווייס: בער קומען, דאָרט זיינען ניין מאָס רייד. זיא האט אזוי פיעל גערעדט, אז דיא גאל: איז אריבערגענאנגען. נאכהער האבען מיר גאר געזעהן, אז זיא איז שכור וויא א חזיר: און מיר האבען איהר פון שטוב ארויסגעפיהרט. מיינט איהר, אז זיא האט חס־ ושלום פערגעסען אפּנעהמען דאס געלד פאר'ן לעבערינגען לייבעל? אָ, אָה, אזעלכע: פייגעלאך פערגעסען עס ניט, נור חאפּט איהר דער טייפעל, אזוי לאנג קריינקען אלע: פעדלערין'ס וויא איך וועל שוין פון זיי קויפען וואס פאר א האר איז ווערטה. אין דאָרף אקערן זיי מיט'ן נאָז דיא ערד, קומען זיי נור אין שטאדט אריין, עהע! זיי נאררען שוין אָפּ וויא געזונטע מאסקווער זשוליקעס. זיי זיינען אסור ניט ווערטה, אז: מען זאל זיי אויף א שוועל ארויפלאָזען.

מערזאַוויצין האט צו זיין קאמעראד א שמייכעל געטאהן און האט פערצויגען: מיט דיא אקסלען.

— נא דיר מאסקווער בעלי־הבתים! -- האט ער א קלאפּטהאנדיג זאכרינען: אין פלייצע געזאגט — איין אידיאָט גרעסער פאר'ן אנדערן. דוכט זיך מען רעדט מיט: זיי פון קאשע, ענטפערן זיי מיט באָטשווינע.

ער האט א מאַכגעטהאן מיט דער האנד און איז באלד מיט זיין קאמעראד פון: זאכארין'ס ווערק־הויז ארויסגעגאנגען.

— דא איז עפּעס א מערקווירדיגע געשיכטע,— האט זאכארין צוגעהענדיג צו פעטראָוו'ס פענסטערל געזאגט — דיא שפּיאָנין אליין ווערט נאכגעשפּיערט און פער־ פאָלגט פון שפּיאָנען.

— און מיר שיינט,— האט פעטראָוו פינסטער געענטפערט — אז אלע דריי שפּיאָנען האבען איין ציעל....זיי האבען דא דערשמעקט דיא מינע.

— ניין פעטראָוו, -- האט זאכארין גערעדט — איך פערשטעה עס גאנץ אנדערש. איך זעה, אז דיא שפּיאָנין אליין ליעגט דא אין ראָסעל.... אבער ריזיקי־ רען טאָרען מיר ניט....צופיעל אָפּפער ....וויא מיר שיינט איז דיא מינע צער־ שמעטערט!

76טעפּ קאפּיטעל.

הינטער דיא קוליסען.

שוואך און קראנק איז דער זיעבציג יעהריגער איוואן זלאָדייקין אין חערסאָן: שוין זייט איינינע יאהר, וויא ער האט אויפגעגעבען זיין שטעלע אלס שפּיאָן אין

חערסאָנער געהיים־פּאָליציי. און ער ערנעהרט זיך פון דאס געלד וואס ער האט צו־זאמענגעקליבען פאר זיין לאנגע דיענסט און דערצו האט ער נאך א יעהרליכע פּענסיאָן פון דער קאזנאטשייסטווא. זיין ווייב איז שוין זייט א פּאר יאהר טויט און ער לעבט א שטילען, רוהיגען לעבען אין זיין אייגענעם הויז, וואו עס בעדיענט איהם זיינע א פערוואנדטע אלטע פרוי און איהר מאן איז ביי איהם דער דוואָרניק. עס איז אויפ'ן נאס א רעגענוועטער און איוואן זלאדייקין, וועלכער ליידעט פון רעהו־מאטיזמוס, ליעגט היינט אין בעט, עס איז איהם שווער צו בעוועגען מיט די פיס.

— בארין, — האט דער אלטער דוואָרניק צו איהם געזאגט אריינגעהענדיג צו איהם אין צימער — איהר האט א פּאָוויעסטקע (סאָמאָנס) פון דער געהיים־פּאָליציי. דער סאלדאט האט געזאגט, אז איהר מוזט זיך די מינוט אהין מעלדען.

ריידענדיג האט דער דוואָרניק איהם איבערגעגעבען א פערזיגעלטען פּאפּיער.

זלאדייקין האט דיא פּאוויעסטקא דורכגעלעזען און האט געבעטען דעם דוואָרניק, אז ער זאל באלד ברייגנען א דראָשקע.

מיט א האלבע שטונדע שפּעטער איז דער אלטער זלאדייקין געשטאנען פאר'ן שעף פון דער חערסאָנער געהיים־פּאָליציי.

— איך האב ערהאלטען א געהיימען צושריפט, — האט דער שעף צו זלאָדיי־קינען געזאגט — אז איך זאל ביי אייך נאכפאָרשען, ווען אייער טאָכטער האט פער־לאָזען חערסאָן און וואוהין איז זיא פון אייך אוועקגעפאהרען?

— איך מוז אייער עקסעלענץ זאגען, — האט זלאדייקין דעם שעף ערוויעדערט — אז איך ווארף אראפּ פון זיך אלע פעראנטוואָרטליכקייט פאר מיין טאָכטער.

— קיינער מאכט אייך ניט פעראנטוואָרטליך פאר אייער טאָכטער, — האט דער שעף ווייטער גערעדט — איך וויל מעהר ניט וויסען, ווען און וואוהין איז אייער טאָכטער פון אייך אוועקגעפאהרען?

— עקסעלענץ, — האט זלאדייקין ווייטער גערעדט — אז עס האלט שוין יא דערביי מוז איך אייך זאגען, אז מאריא זלאדייקינא איז ניט מיינע א טאָכטער. מיט עטליכע און צוואנציג יאהר צוריק, האב איך געוואוינט אין „טווער”, האב איך שפּעט אין דער נאכט געפונען א האלב-יעהריגעס קינד אויפ'ן גאס. איך האב עס געוואלט אפּגעבען אין אן ערציהונגס־אנשטאלט; אבער אזוי וויא דאס קינד איז מיר זעהר געפעהלען און איך בין געוועזען קינדערלאז, האב איך דאס מיידעלע ביי זיך צו הויזע אלס מיינס א קינד אויפגעהאָדעוועט.

— האט איהר דערצו בעווייזע?

— אלס בעאמטער אין דער געהיים־פּאָליציי, האב איך שכל געהאט דאס גלייך דאָרט צו מעלדען, און דאס איז איינגעשריעבען געוואָרען אין א בוך. אויסער דעם, האב איך דעם טויפ־שיין פון דעם גייסטליכען, ווען איך האב איהר א נאמען געגעבען נאך דער הייליגער יונג־פרוי מאריא.

— אין וועלכען יאהר איז עס געשעהן?

— אין יאהר ....18, איך קען אייך אפילו זאגען דעם מאָנאט, דאס איז געשעהן אין דיא לעצטע טעג פון מאי.

— יעצט ערקלעהרט מיר הערר זלאָדייקין, דיא אורזאכע, — האט איהם דער שעף מיט א פריינדליכע מינע געפרעגט — ווארום ענטזאגט איהר זיך פון אייער ערציהונגס קינד, וועהרענד איהר זייט קינדערלאָז, וויא איך וויים.

— גאר איינפאך עקסעלענץ, ווייל זיא איז פון קינדהייט אן געוועזן זעהר א פערדאָרבענע. צו איהר זעבצעהן־יעהריגען אלטער איז זיא פון מיין הויז אנטלאפען מיט'ן נעוויסען געהיים־אגענט זוועריעוו, וועלכער איז מיט געוויסע פופצעהן, צוואנציג יאהר עלטער פון איהר. זוועריעוו ווערט יעצט געזוכט פאר פערשידענע פערברעכען אין זיין אמט און זיא האט זיך פאר איהר אנטלויפען ביי מיר אין הויז מאוס בעשריעבען....

— מיט וואס צום ביישפיעל?

— דערמיט וואס זיא האט זיך בעפרייט פון א צושטאנד און דאס קינד האב איך ניט נעזעהן.

— קענט איהר זיא האלטען פאר אזוי וויים פערדאָרבען, אז זיא זאל עטוואס בייז בענעהן מיט איהר קינד?

— גוט זאגען פאר ניין, קען איך ניט. יא, קען איך אויך ניט זאגען, ווייל צוויי וואָכען פאר דער געשיכטע האט זיא זיך ביי מיר צו הויזע ניט געפונען, נאכהער ווידער, איז זיא פערשוואונדען געוואָרען און באלד נאך איהר איז אוועק דער געהיים־פאָליציסט זוועריעוו.

— ווייסט איהר ניט וואוהין זיא איז אוועקגעפאהרען?

— איך האב נאכהער געהערט פון דורכרייזענדע, אז זיי האבען איהר געזעהן אין ניזשני־נאָווגאָראָד און זייט דאן וויים איך ניט וואו זיא איז און איך וויל עס זאגאר ניט וויסען.

— אזוי וויים אויפגעבראכט זייט איהר עס אויף איהר?

— זיא האט עס ערנסט פערדיענט, — האט זלאדייקין פערדריסליך גערעדט — א מענשען וועלכען זיא בעטראכט אלס איהרע: א פאטער, האט זיא ניט בעדאַרפט אזוי בעהאנדלען. זיא האט פאר איהר אוועקפאהרען מיך בעשטוילען, און אז איך בין ניט איהר פאטער, וויים זיא ניט ביז היינטיגען טאָג.

— קענט איהר מיר ניט זאגען אין וועלכען יאהר און מאָנאַט איז זיא פון אייך אנטלאָפען?

— דאס איז געשעהן אם אנפאנג אפריל יאהר ....18.

— דערלאַנגט דעם פאפיער! — האט דער שעף בעפוילען זיין סעקרעטאר.

דער סעקרעטאר, וועלכער האט זייער געשפרעך וואָרט ביי וואָרט געהאט געשריעבען, האט דעם אויפגעשריעבענעם פאפיער דערלאַנגט דעם שעף.

— שרייבט זיך אונטער — האט דער שעף זלאדייקינען געהייסען.

זלאָדייקין האט דעם פאפיער אונטערגעשריעבען און האט געפרעגט דעם שעף אום וואס דא געהט.

— דאס טאָר איך אייך ניט זאגען, ווען איך וואָלט עס אפילו יא געוואוסט, —

האט דער שעף איהם ערוויעדערט — און איהר הערר ז׳ ־ נעהט נאך הויזע און איבערדרייכט מיין סאלדאט וואס וועט מיט אייך מיט ׳׳ ר טויף־שיין, איך בעדארף איהם נייטהיג האָבען.

— סלושאיו׳ס — האט זלאָדייקין זיך פערנייגענד געזאגט און איז מיט דער בעגלייטונג פון א סאלדאט אוועקגעגאנגען נאך הויזע.

— — — — — — — — — —

אָפּענבאַך, דער שעף פון דער מאסקווער געהיים־פּאָליציי, זיצט אליין אין זיין קאַבינעט און אויף זיין טיש ליעגען איינינע פּאַפּיערען אויף וועלכע עס איז מיט רויטהע טינט אנגעשריעבען „סעקרעטנאָע“ (געהיימניספּאָלע). אין איינעם קוקט ער אלע ווילע אריין און זיין געזיכט נעהמט אָן אן ערנסטען אויסדרוק.

נאך א לייכטען אנקלאַפּען איז צו איהם זיין סעקרעטאר אריינגעגאנגען און האט איהם געמעלדעט, אז א איד וויל מיטן שעף ריידען אונטער פיער אויגען.

— הייסט איהם אריינגעהן.

דער סעקרעטאר איז ארויסגעגאנגען און באלד איז צו איהם אין קאַבינעט אריינגעקומען אונזער בעקאנטער שטיין און האט זיך רעספּעקטפּאָל פאר׳ן שעף פערנייגט.

— איך הייס אברהם שטיין, — האט ער דעם שעף געזאגט — נאך דעם מילליאָנער מאָראָזאָוו׳ס פערלאנג איז מיר מיט א צייט צוריק געלונגען צו דערגעהן, אז טימאָפּיי מיכיילאָוו האט ערמאָרדעט דעם מילליאָנערס פּריקאזטשיק זאוויאלין, איך מיט מאראזאָוו׳ס אינגערן ברודער האבען טימאָפּייען נאכגעשפּיערט אין דער נאַכט, ווען דאס איז אונז פאסט אין גאנצען בעוואוסט געווארען; אבער וויא אייער עקסעלענץ וויים, איז טימאָפּיי יענע נאַכט פערשוואונדען פון זיין טראַקטיר מיט דער בעגלייטונג פון נאך א פּערזאָן. זיי האבען זיך ביידע אריינגעהאַפּט אין דעם גאָלאָווא אלעקסייעוו׳ס וואוינונג און ווען מאראָזאָוו האט באלד נאכדעם בעזוכט דעם גאלאווא, האט זיך אויסגעוויעזען, אז דער גאלאווא אליין האט אויך פון יענעם בעזוך ניט נעוואוסט און דיא דיענער האבען זיי ביידען דורך א הינטער־טהיר דורכגעלאָזען, בעטראַכטענדיג ביידע באנדיטען פאר זייער ווירטה׳ס געסט, וויא אייך איז בעוואוסט, איז אויך פערשוואונדען טימאָפּיי׳ס שוואָגער ראזבאָיעוו, ריכטיג וויא ער וואָלט אין וואסער אריין. דאס וואס דער מערדער טימאָפּיי האט מיך אזוי אויסגעלאַכט, האט מיך דערפיהרט צו אמביציע, און זייט דאן האב איך ניט אויפגעהערט צו זוכען דעם מערדער; דערצו האט מיך אויך בעפּאָלמעכטיגט דער מילליאָנער מאָראָזאָוו, וועלבער ליידעט זעהר גייסטיג צוליעב דעם וואס דעם ערמאָרדעטען פּריקאזטשיק׳ס ווייב און ברודער זיינען געזעסען אַכט גאַנצע מאנאטען אין געפענגניס אונטער דעם פערדאַכט, אז זיי האבען גענומען אנטהייל אין דעם רויב פון דעם מילליאנערס דרייסיג טויזענד רובעל. זוכענדיג טימאָפּייען האב איך מיר דערוואוסט, אז ראזבאָיעוס ווייב איז איינינע טעג נאך איהר מאן׳ס פערשווינדונג אוועקגעפאהרען אין א דאָרף אריין.

איך האב איהר איינינע מאל בעזוכט און מיר איז געלונגען צו דערגעהן פאָלגענדעס:

ביידע גנבים איוואן מיט סטעפאנען, וועלכע האבען אוועקגענגב'עט מאדאם מאלליך'ס ציערונג, האבען זיך בעהאלטען אין טיטאָפּיי'ס טראַקטיר און ראזבאָיעוו האט זיך גענגען אבענד ארומגעטראגען מיט גאנצע צוויי קאנען קעראָסין און בענזין; באלד נאכדעם האט אויסגעבראָכען דער פייער אין דעם הינטערשטען פליגעל פון טימאָפּיי'ס טראַקטיר.

אָפּענבאָך איז איבערראַש'ט פון זיין שטעלע אויפגעשפּרונגען.

— איז עס אייך ווירקליך געלונגען צו דערגעהן ?! — האט ער אויסער זיך פאר ערשטוינען אויסגערופען.

— יא, עקסעלענץ, — האט איהם שטיין רוהיג ערוויעדערט — און ניט נור דאס אליין, נור אויך פיעל וויכטיגערעס דערפון.

— זעצט אייך הערר שטיין אוועק, — האט צו איהם אָפּענבאָך מיט א פריינד-ליכע מינע געזאגט — און דערצעהלט מיר, וואס נאך איז אייך געלונגען צו דער-געהן.

שטיין האט זיך נאך א העפליכען פערניינגען אוועקגעזעצט און האט ווייטער גערעדט:

— דער גרויסער ניהיליסט חאָמיאקאָוו, פאר וועלכענס קאָפּ דיא רעגיערונג האט בעשטימט פינף טויזענד רובעל, איז מיר אויך געלונגען צו ערפאהרען ווער ער איז.

— וואס איך הער ?! — האט אפענבאך איבערראַשט אויסגעשריען.

— אָט דאס וואס איהר הערט עקסעלענץ, — האט שטיין ערוויעדערט — און איהר וועט נאך מעהר שטוינען צו הערען, אז וואסילי חאָמיאקאָוו און ראזבאָיעוו זיי-נען איינס און דערזעלבער פערזאָן!....

אָפּענבאך האט זיך א חאפּ געטהאן מיט ביידע הענר פאַרן קאָפּ.

— קענט איהר עס פאקטיש בעווייזען, — האט ער שטיינען מיט שטוינען גע-פרעגט.

— עס פעהלט מעהר ניט, אז ראזבאָיעוו'ס ווייב זאל געלאדען ווערען צו א פער-הער, און דאמאלס וועט אייער עקסעלענץ זיך דערוויסען נאך פיעלע אנדערע וויכ-טיגע זאכען....

— וואו וואוינט זיא?

— זיא וואינט אין דעם דאָרף וו. טווערסקאָי גובערניע.

אפענבאך האט עס פערשריעבען אויף א שטיקעל פאפּיער.

— וויא באלד דיא זאך וועט זיך אזוי אויסלאזען, — האט אפענבאך מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — מאך איך אייך פאר דעם ערשטען געהיים-אגענט אין דער פּאָליציי.

— אָ, ניין עקסעלענץ, איך דאנקע, — האט שטיין ערוויעדערט — איך וועל זאָ אן אמט קיין מאָל ניט אננעהמען. איך האב עס געטהאן אויף דעם פערלאנגען פון מיין פריינד דעם מיללאָנער מאָראָזאָוו און אויך דערפאר וואס איך אליין בין אין דעם פעראינטערעסירט. איך קען מיין גלויבענסגענאָסע יאקאָב גרינבערג פון

צו הויזע, איך קען איהם אויך שוין עטליכע יאהר דא אין מאסקווא, און מיר קען זיך ניט גלויבען, אז דיעזער עהרליכער מאן זאל פלוצלינג בעגעהן אזא שרעקליכען פער־ברעכען וויא א מארד־בראַנד, און אזוי וויא מיין גאנצער פאָלק איז יעצט אין דיעזען פערברעכען בעשולדיגט צוליעב דעם איין פערזאָן גרינבע־ג, דאהער האב איך מיך פעסט ענטשלאָסען, זיך א נעהם טהאָן צו דער זאך ביז איך האב עס דערפיהרט ביז דעם, ווהס אייער עקסעלענץ וויים שוין און וועט זיך אין קורצען אין דעם איבער־צייגען.

אָפּענבאַך האט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ווען שטיין האט גערעדט האט ער איהם גלייך געקוקט אין דיא אויגען.

— אָ, — האט זיך אָפּענבאַך א טראכט געטהאן — מיין אמאליגער פאָלק פון וועלכען איך האב מיך געשיידעט, האט גיטרייע קינדער. וויא פערפאָלגט דיעזער נאציאָן איז, אזוי פערקניפּט איז יעדער קינד פון איהם איינער צום צווייטען. אזא פאָלק וועט קיין מאל ניט אונטערגעהן.

— ווייסט איהר פיעללייכט עפּעס נאָך וויכטיגעס פאר מיר? — האט איהם אָפּענבאַך מיט א פריינדליכע מינע געפרעגט.

— אין מיר ערלויבט אלעס פריי אויסצורידען?

— וואס איהר ווילט הערר שטיין, צווישען אונז וועט עס פערבלייבען.

— דאָך בעפאָר איך זאג עס אייך, — האט שטיין נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — וואָלט פיעל גלייכער געווען, אז דיא זאך וועגען ראזבאָיעווין וואָלט געווען אונטערזוכט.

— איך גלויב אייך הערר שטיין, פונקט וויא איך וואָלט מיר שוין אין דעם איבערצייגט דורך ראזבאָיעוו'ס ווייב, און דאהער מעגט איהר מיט מיר ריידען אָפען, איינפאך וויא מיט א פריוואט מאן.

— איך האב דאָ א פערדאכט אויף איינעם א פריסטאוו, — האט שטיין וויא ערשראָקען גערעדט — אז ער ווייס, אדער איז בעטהייליגט אין א מאָרד־טהאט....

— וויא אזוי האט איהר עס אויף איהם אזא פערדאכט?

— איך האב געזעהן וויא ער האט זיך דערשראָקען פאר א פרוי, וועלכע האט מיט איינינע מאנאטען צוריק בייגעוואוינט א שרעקליכע סצענע וויא א מערדער איז פון איהר הויז אנטלאָפען נאכהער וויא ער האט דריי מענשען ערמאָרדעט.

— זייט אזוי גוט, הערר שטיין, און ערקלעהרט עס מיר דייטליכער, — האט אָפּענבאַך העכסט אויפמערקזאם געזאגט.

— צופעליגער ווייזע, — האט שטיין פאָרטגעזעצט — האב איך געהאט א גע־לעגענהייט צו זעהן, וויא פריסטאוו יורקאָווסקי האט געמאכט א בעפאל אויף א הויז, וואו ער האט דערזעהן פאר איהם א פערדעכטיגען פערזאָן; אבער באלד וויא א יונגע פרוי איז אין צימער אריינגעקומען איז יורקאָווסקי פון דאָרט ארויסגעלאָפען. יר איז דיא זאך געווארען זעהר אויפפאלענד און האב דאריבער פערפיהרט א גע־

שפרעך מיט דער יונגער פרוי און איך האב מיך באלד פון איהר דערוואוסט, אז מיט א האלב יאהר צוריק איז אין איהר שוויעגער־פאטערס הויז געשעהן אין מיטען דער נאכט א מאָרד. דיא פרוי האט דעם מערדער דאן געזעהן און האט דאמאלס געמעלדעט דעם פּראָקוראָר, אז זיא קען דעם מערדער דערקענען. איך האב באלד דער פרוי געפּרעגט, צו דער פּריסטאוו, וואס איז פאר איהר אנטלאָפען האט עפּעס צו יענעם מערדער אן עהנליכקייט? און צו מיין ערשטוינען האט זיא מיר געזאגט, אז ער האט צו דעם מערדער זעהר א גרויסע עהנליכקייט; נור דאָ געהט אום צוויי זאכען: ערשטענס, הארמאָנירט ניט מיט׳ן מערדער דער קאָליער פון דעם פּריסטאוו׳ס האָר און צווייטענס, וויא קען מען האבען אזא פערדאכט אויף א פּריסטאוו און דאס עבען האט מיך געצוואונגען צו בעטען פון אייער עקסעלענץ דאס ערלויבניס פריי צו ריידען.

אָפּענבאך, וועלכער האט שוין יעצט געהערט דיא געשיכטע צום צווייטען מאָל, איז געוואָרען זעהר ערנסט און אויפמערקזאם. ער האט ארויסגענומען פון זיין בוזים־טאש זיין שווארצען ביכעלע און האט אויפגעמישט דאס בלעטעל, וואו עס איז שוין איינמאל דאָרט געווען פון איהם אָנגעמערקט: „קלוגע נאכפאָרשונג. געהערט פון מאדאם סערגייאינא, אנטאָנאָוו׳ס טאָכטער, וועגען פּריסטאוו יורקאָווסקי אין דער מאָרדגעשיכטע“.

— וויא הייסט יענע פרוי? — האט ער שטיינען געפּרעגט.

— זיא הייסט אגראפינא סערגייאינא, אליין איז זיא א מאָסקווער מיליאָנערס א טאָכטער און ביז יעצט האט זיא געוואוינט אין פּעטערבורג.

אפענבאך האט נאך א פּאר ציילען אין זיין ביכעל אריינגעשריעבען, ער האט פערשריעבען שטיין׳ס אדרעס און שטיין איז נאך א העפליכען פערניינונג אוועקגעגאנגען.

— מערקווירדיגע נייאינקייטען! — האט אפענבאך נאך שטיינס אוועקגעהן צו זיך אליין גערעדט — מיר וועלען דא באלד ערפאהרען וויכטיגעס איבער וויבטינעס.

דיא טהיר פון זיין קאבינעט האט זיך נאך א לייכטען אנקלאפּען אויפגעמאַכט און אונזערע בעקאנטע צוויי שפּיאָנען מערזאַווצין און שורקין זיינען צו איהם אין קאַבינעט אריינגעגאנגען.

— אייער עקסעלענץ — האט מערזאַווצין מיט א פרעהליך געזיכט געזאגט — דער אנאָנימער בריעף (בריעף אָן א נאָמען) האט ניט געזאגט קיין ליגען. מאריא זלאדייקינא איז אפּגעשווארצט געוואָרען אין סוויניאַעוו׳ס טראקטיר אויף טאגאנקא.

— טאַק טאָטשנאָ׳ס (אזוי איז עס) — האט שורקין צוגעבאַמקעט.

— אונז איז נאך געלונגען צו ערפאהרען, — האט מערזאַווצין פאָרטגעזעצט — אז דאס איז אין סוויניאַעוו׳ס טראקטיר געטהאן געוואָרען מיט א טעות. דער יונגער־מאַנטשיק וואס האט איהר אפּגעשווארצט האט געמיינט, אז זיא איז בערטהא מאלליך.

— וויא קומט אזא טעות, נאר בערטהא מאלליך? — האט איהם אפּענבאך נפערוואונדערט נעפרעגט.

— זלאדייקינא האט אזוי געזאגט, — אז זיך הייסט בערטהא מאלליך — האט שורקין צוגעלייגט — און געוויס האט זיא דערצו געהאט א ציעל.

— מעהר ליידער — האט מערזאוויצין ווייטער גערעדט — איז אונז אין סוויניא־עוו'ס טראקטיר ניט געלונגען צו דערגעהן; אבער איך פערהאָף דאָרט נאָך א מאָל אין טראַקטיר צו זיין א גאסט אלס בעטרונקענער מוזשיק.

— נו, און גלאבט אזוי? — האט אפּענבאך זיי געפרעגט.

— זיא דרעהט זיך ארום אלס גרעפען דאנילאווא מיט'ן באראָן גענע־ראלאוו, אלס פּיאנאָ־לעהרערין שפּיעלט זיא א ראָליע אין דער הויז פון דער אי־דישער פאמיליע גאָלדבוים און אלס פעדלערין טראָגט זיא זיך ארום מיט א קאָרב ביי דער ליניע פון דעם פּעראייניגונגס־באהן — האט מערזאוויצין געזאגט — און איך גלויב, אז דאס אלעס ענטהאלט אין זיך וויינינ אינטערעס פיר דער רעגיערונג....

— מיט שרה פיינשטיין ביזט דוא מאוס דורכגעפאלען — האט אפּענבאך נאָך א קורצען שטילשווייגען שורקינען פאָרגעוואָרפען — אז מיר וואָלטען איהר יעצט גע־האַלטען אין דיא לאַפּקעס וואלט עס אויך מיט זלאדייקינען אנדערש געשטאנען. נור גנוג נעהם זיא יעצט פון יענער וועלט.

שורקין האט פערביסען מיט דיא צעהנער.

— זיי חאָטש ווייטער א מענ'ש, — האט צו איהם אַפּענבאַך געזאגט — און טהו אלעס וואס עס שטעהט דיר יעצט פאָר, אבער מיט שכל, אז ניט, וועסט דוא אויף דער עלטער מוזען ווערען א שוסטער.

— איך וועל מיט'ן נאָך דיא ערד אקערען, — האט שורקין פערדריסליך גע־רעדט — אבי אייער עקסעלענץ זאל מיר מעהר ניט דערמאהנען דיא געשיכטע מיט'ן פערפלוכטען פּריסטאוו און זיין דערטרונקענע געליעבטע.

— נו. זע־זשע, — האט אפּענבאך מיט א טייפעלשען שמייכעל ערוויעדערט — אבער געדענק וואס דיר שטעהט יעצט פאָר.... אלעס מוז דערגאנגען ווערען און מיר צייטליך נעבראכט ווערען אלעס וואס דוא וועסט דערגעהן.

אפּענבאַך האט מיטביידע שפּיאָנען וועגען זיינע געהיימע זאכען גערעדט נאָך ביי א האלבע שטונדע און זיי זיינען וויא הונגעריגע וועלף פון זיין קאבינעט ארויס־געלאַפען.

ער האט זיך געוואלט אנטהאן און אוועקגעהן עסען מיטאג; אבער ביי זיין אויפהויבען זיך פון שטוהל האט זיך צו איהם געמעלדעט פּריסטאוו יורקאָויסקי.

— יורקאָווסקי? — האט אפּענבאַך וויא פערוואונדערט זיין סעקרעטאַרס מעלדונג וויעדערהאָלט — גוט, הייס איהם אריינגעהן.

און באלד איז געשטאנען פאר איהם אונזער מערדער פּיליפּאָוו אין זיין פּאָלען אוניפאָרעם.

אָפּענבאַך האט איהם שטארק בעקוקט פון קאָפּ ביז דיא פיס און האט איהם געפרעגט, וואס האט ער איהם צו זאגען?

— זעהר א וויכטיגע זאך האט מיך צו אייער עקסעלענץ געבראכט, — האט יורקאָווסקי מיט אן ערנסטע שטימע גערעדט — צו מיר האט זיך געמעלדעט שוין איינינע מאָל א געוויסע גענעראַלין סאָלאָמאָנסקאַיא און האט מיר דערצעהלט פאָלגענדע געשיכטע: מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק איז זיא געווען זעהר ארים און האט געוואוינט אין טווער. איהר מאן איז געלעגען האלב טויט אין האָספּיטאל און זיא האט ניט געהאט מיט וואָס זיך צו ערנעהרען. זיא האט געהאט ביי דער ברוסט א קליין מיידעלע און דורך דאס קינד איז זיא געווען אין גאנצען פערבונדען. זיא האט ניט געקענט איין קאפּיקע פערדיענען. צו איהר גליק איז געקומען צו פאהרען אין טווער איינער א פּיאדאר מאַליושין אויס מאסקווא און האט ארומגעזוכט זיינס א קליין מיידעלע, וועלכע ער האט פאר נויטה און ארמוטה געלאָזען ליגען אויף דער גאס, וועהרענד ער האט טווער פערלאזען. דיא פרוי האט איהר קינד מאַליושינען אפּגעגעבען אלס זיינע און האט דערפאר באקומען צוועלף הונדערט רובעל. דער קראנקער מאן פון יענער פרוי איז דערווייל אין האָספּיטאל געשטאָרבען און זיא האט פאר דאס געלד, וואס זיא האט בעקומען פון מאַליושינען זיך געעפענט א שניט־קראָם, און אין א קורצע צייט ארום האט זיך אין איהר פערליעבט א יונגער אפיציער סאָלאָמאָנסקי, דעם צירק אייגענטהימערס א ברודער, און האט זיא געהייראטהעט. סאלאמאנסקי איז מיט דער צייט געוואָרען א גענעראל און זייט א האלב יאהר אז דאס פּאר פאָלק סאָלאמאנסקי וואוינט אין זייער אן אייגענע הויז אין מאסקווא. דיעזע פרוי סאָלאָמאנסקאיא האט זיך צו מיר געווענדעט און האט מיר געבעטען, אז איך זאל אויפזוכען איהר טאָכטער וואס זיא האט דאמאלס אפּגעגעבען מאַליושינען. ווען איך האב ביי איהר נאכגעפרעגט אויף מאַליושינען האט זיא מיר געזאגט, אז אין טווער איז דאמאלס געגאנגען א זאגע, אז דער פּערזאָן הייסט ניט מאַליושין.

היינט וויא אזוי קען איך עס דערגעהן — האב איך איהר געפרעגט.

„ווען איך האב איהם מיין קינד אלס זיינע אוועקגעגעבען״ — האט מיר דיא פרוי געענטפערט — „האב איך איהם געפרעגט וואו קען איך איהם א מאָל זעהן, האט ער מיר געענטפערט אין קופּעטשעסקי קאַבאַק אין מאסקווא״.

איך האב מיך באלד גענומען נאכפאָרשען וועגען א טראַקטיר וואס האט מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק אין מאסקווא געטראגען אזא נאמען און מיר איז בעוואוסט געווארען, אז אין מאסקווא האבען דאמאלס עקזיסטירט פיער אזעלכע שיינקען פון וועלכע עס זיינען יעצט ארויסגעקומען גרויסע און בעוואוסטע טראַקטירען, און איינער פון זיי הייסט האָטעל „ערמיטאַזש״. אין יענע דריי טראקטירען האב איך שוין נאכגעפאָרשט; אבער ליידער האט עס ניט געפיהרט צו קיין רעזולטאַט. יעצט האב איך מיך געווענדעט צו דעם האָטעל ערמיטאַזש און איך בין ערפאהרען, אז זיין אייגענטהימער אנטאנאוו האט טאקי א מאָל געוואוינט א קורצע צייט אין טווער. איך וויים אבער ניט צו ער האט דארט געענדערט זיין נאמען, און איהם זעהן קען איך ניט, ווייל וויא איך האב מיך דערוואוסט זיצט ער גאר יעצט אין אסטראָג.

אלזא, װענדע איך מיך יעצט צו אײער עקסעלענץ און בעט אײך, דאס צו דערגעהן, װײל איך האב געהערט, אז אנטאנאװ האט טאקי א טאָכטער.

— זעהר אינטערעסאנט — האט אפּענבאך מיט א לײכטען שמײכעל געזאגט.

— גענעראלין סאלאָמאָנסקאַיא האט מיר געזאגט, — האט יורקאָװסקי װײטער גערעדט — אז נאך מיט פינף יאהר צוריק, װען זיא האט נאך געװאוינט אין פּעטער־בורג, האט זיא זיך צו אײער עקסעלענץ מיט דיעזער ביטע געװענדעט; אפשר דאָ־מאלס האט עס ניט געהאט קײן ערפאָלג.

— יא. עס איז װאהר, — האט אָפּענבאך זיך אפּגערופען — און מיך פרעהט זעהר װאס אײך האט געלונגען דיא זאך אזױ װײט צו דערפיהרען.

יורקאָװסקי האט זיך געפיהלט זעהר געשמײכעלט פון אפּענבאך׳ס לעצטע װערטער.

— איך פערהאָף מיט גאָט׳ס הילף — האט יורקאָװסקי מיט א פרומע מינע געזאגט — אז איך װעל אימער דיענען טרײ מײן קיסר און זײנע גנעדיגע בעאמטע.

אָפּענבאך האט פון יורקאָװסקין קײן אױג ניט אראָפּגעלאָזט דיא גאנצע צײט װאס ער איז פאר איהם געשטאנען, זײן שפּיאָנישער אינסטינקט האט דערפיהלט עפּעס אין פיליפּאָװ׳ס פּערזענליכקײט.

— קענט איהר אנטאָנאָװ׳ס טאָכטער אױך פּערזענליך? — האט איהם אָפּענ־באך פּלוצלינג א פרעג געטהאן.

— נײן, עקסעלענץ, — האט יורקאָװסקי ערװידערט — איך בין אין מאסקװא זעהר װײניג בעקאנט; אױסער מײן אוטשאסטאָק װײס איך דא קײנעם ניט.

— א שעהנע געשיכטע קען דא ארױסקומען, — האט זיך אָפּענבאך געטראכט — ער זוכט ארום אנטאָנאָװ׳ס טאָכטער און עס קען גאר זײן, אז זיא זוכט איהם!.... זאָל װירקליך אזא פערבהײט קענען פּאָרקומען אין רוסלאנד, אז א מערדער זאל װערען א פּריסטאװ!....אבער װער קען אריינקריכען אין א פּאספּאָרט....

— דאס װעט אלעס אין קורצען נאכגעפּאָרשט װערען, — האט אפּענבאך נאך א קורצע פּױזע פרײנדליך איהם ערװידערט. אױף א אנטװאָרט װעל איך אײך לאדען צו זיך.

יורקאָװסקי איז צופריעדען פון שעף אװעקגעגאנגען.

— עך, פיליפּאָװ! — האט זיך יורקאָװסקי זיך אװעקזעצענדיג אױף א דראָשקע געטראכט — דיא געשעפטלאך געהען װיא געשמירט. דא װעל איך האָבען א שעהנע מטבע כ׳לעבן. לעבען זאל דאָך חיטראָװצין מיט זײנע פּאספּאָרטען! אבער שטײן?... עך, טשאָרט פּאָבערי, ער װײס קרחת! אז חיטראװצין האט שױן מסכים געװען, אז דער זשיד װײס ניט, מעג מען זיך שױן אױף איהם פערלאזען!

אָפּענבאך האט דערװײלע אנגעקלונגען און זײן סעקרעטאר איז צו איהם אריינגעלאָפען.

— נאך הײנט זאלען אװעקגעהן געהײמע נאכפּאָרשונגען אין דער שטאדט ק. אין קאװקאז װעגען דעם פּריסטאװ יורקאָװסקי! — האט ער שטרײנג זײן סעקרעטאר

בעפוילען — עס זאָל אנגעפרענט ווערען, ווער ער איז פון צו הויזע? מיט וואס האט ער זיך דאָרט בעשעפטיגט און ווען איז ער פון דאָרט אוועקגעפאהרען? ווענדעט זיך צו דעם שעף פון יענער געהיים־פּאָליציי; אבער ש ט ר י י נ ג, איהר הערט?

— איך הער, אייער עקסעלענץ.

— און אויב היינט וועט אנקומען אן אנטוואָרט פון ניזשני נאָווגאָראָד, — האט דער שעף ווייטער גערעדט — זאלט איהר עס מיר באלד געבען צו וויסען. ווען איך וועל זאגאר שלאפען זאָלט איהר מיך אויפוועקען.

— סלושאיו'ס וואשע פּרעוואָסחאָדיטעלסטווא.

77טעס קאפּיטעל.

דיא שמחה ניט פאַר פול.

טרויעריג, בעטריבט און ניעדערשלאגען איז ליזא אנדריאנאווא פערבליעבען אין איהר צימער. ווען איהר מוטער איז צו אלעקסייעוו'ן אוועקגעפאהרען. שרעקליכע גע-דאנקען האבען געפּרעסט איהר ברוסט, אז זיא האט זיך קיין אָרט ניט געקענט גע-פינען. איהר איינציגער ברודער ליעגט אין פינסטערן קערקער און באלד בעדארף ער געהן נאך סיביר. איהר מוטער געהט שיער פון זינען ניט אראָפּ פון אלטע און נייע שמערצען און זיא אליין איז דיא אונגליקליכסטע פון אלע. זיא ליעבט היים און היילי'ג אן עהרליכען מענשען, זיא שעצט און פערגעטערט איהם שוין איינינע יאהר, זייט זיא האט קענען־געלערענט זיין בראווען כאראקטער, זיין גוטעס הערץ, זייט זיא האט זיך בעקאנט מיט זיין פריי־גייסט און אייזערנעם אונגעבראָכענעם ווילען צו העלפען אונטערדריקטע און זיי רעטען פון בארבארישע הענד, — ענדליך טאָר זיא איהם גאָר עפענטליך ניט ליעבען, זיא מוז זיך היטען מיט איהר ליעבע טאָמער ווערט עס בע-וואוסט דעם געמיינעם לומפּ פעליקס'ן, מיט וועלכען זיא איז עפענטליך פערלאָבט.

— אָ גאָט! — האט דאס מעדכען אויסגעשריען זיך אוועקשטעלענד אויף דיא קניע און אויפהייבענד איהרע ווייסע, צארטע הענטלאך צום באלקען — איך גלויב, אז דוא לעבסט און עקזיסטירסט.... דיא בלינדע נאטור וואָלט אזוי פיעל שכל ניט געהאט, א מענ'שען צו פלאנען און פערפּאָלגען. דאס אונגליק געהט אין אונ-זער הויז מיט א סיסטעם, מיט א נעדאנק. עס ציהט זיך וויא א רויטהער בלוטיגער שנירעל און רינגעלט אום אונזער קליינע פאמיליע. עס איז שוין פערוויקעלט וויא א בייזער שלאַנג אויף אונזערע העלדזער. מיר ווערען שוין אלע דערשטיקט.... ניטאָ קיין פרייער לופט, עס ווערגט!....

א הערצרייסענדער געוויין האט זיך פון איהר ברוסט ארויסגעריסען און טרעה-רען האבען געגאָסען פון איהרע אויגען וויא א געדיכטער רעגען.

— אָה, גאָט! — האט דאס מעדכען ווייטער געבליפּעט — פּלאָג אונז שוין מעהר ניט, שיץ מיט דיין בארמהערציגקייט מיין טהייערסטען און ליעבסטען! רעטע מיין עדלען וואסיליעוו פון דיא בארבארישע הענד, דיא בעפלעקטע אין מענשען־בלוט! האב מיטלייד מיט מיין איינציגען עלענדען ברודער! דיין פּלוף זאל בעגעגנען דיא

טיראַנען וואס האבען איהם פון מיינע ארמען ארויסגעריסען! ערבארעס זיך גרויסער און שטארקער גאָט קעהר צו אונז צוריק מיין טהייערען ברודער....

— אָט איז ער! — האט א קלונג געטהאן אין איהרע אויערען א בעקאנטע זאנפטע און ציטערענדע שטימע און א פּאר ווייכע און שטארקע הענד האבען איהר פון באדען אויפגעהויבען.

— פּאוועל! — האט ליזא ניט מיט איהר שטימע אויסגעשריען.

— ליזא! — האט אפּגעלויטעט איהר ברודערס שטימע — אָט בין איך!

און באלד האבען זיך ביידע האסטיג ארומגענומען און הייסע קלינגענדע קיסע האבען פערהילכט דעם צימער

— אָט בין איך דיין ברודער פּאוועל, — האט דער יונגער מענש ווייטער גע-רעדט — איך בין פריי ליעבע שוועסטער, וויא דוא זעהסט!

— אָ, וויא אזוי! האט ליזא געשטאמעלט און האט פּאר איבערראַשונג אזש געציטערט.

— יעצט איז ניט דיא צייט צו דערצעהלען וויא אזוי, — האט פּאוועל אויפגע-רעגט איהר ערוויעדערט — זאג מיר ליעבע שוועסטער, וואו איז אונזער מוטער?

— זיא איז מיט א שטונדע צוריק אוועקגעפאהרען, — האט ליזא אפּוויישענד א פּאר טרעהרען פון איהרע אויגען איהם ערוויעדערט, — אָ, שאדע ליעבער ברודער, וואס דוא האָסט איהר ניט געטראָפען אין אזא גליקליכען מאָמענט צו הויזע! שאדע וואס זיא וועט ניט געניסען דיא פרייד צו זעהן איהר ליעב קינד מיט א שטונדע פריהער, זיא איז שרעקליך אויפגערעגט און ניעדערשלאגען. אָ, ליעבער ברודער, זאג מיר, וויא אזוי ביסט דוא בעפרייט געוואָרען? איך בין שרעקליך איבערראַשט און ערשטוינט מיט דיין פּלוצליכע ערשיינען. האט דיך ניט בעפרייט דער באראָן לאפּאָנטען?

— געגעראל סאבאקאוו אליין האט מיך פון קערקער פריי געלאזען, — האט פּאוועל זיך אהינזעצענד אויף א שטוהל איהר ערוויעדערט — איך טאָר דאָ אבער ליעבע שוועסטער לאנג ניט פערבלייבען. אָ, וואו זעה איך אונזער ליעבע מוטער?

— דוא טאָרסט דאָ ביי אונז לאנג ניט פערבלייבען? — האט ליזא איבערראַשט און פערוואונדערט איהם געפרעגט—אָ, וויא שרעקליך קומט מיר פּאר אזא בעפרייהונג!

— סאבאקאוו האט מיר געהייסען אנטלויפען, — האט פּאוועל זיפצענד גע-זאגט — „פערבלייב ניט אין מאָסקווא", האט ער מיר שטיל אין אויער איינגעראַמט, „אז ניט וועל איך דיר מעהר ניט קענען העלפען. לויף וויא דוא קענסט; אבער ניט נאך הויזע".

— און באראָן לאפּאָנטען? האט איהם ליזא ערשטוינט געפרעגט.

— איך העד צום ערשטען מאָל דעם נאמען פון אזא באראן.

— וואס טהוט מען, ליעבער ברודער? — האט ליזא אויפגערעגט איהם גע-פרעגט — איך שרעק מיך ווידער טאָמער פאלסט דוא נאך א מאל אריין. וויא איך זעה איז דא געשעהן עפּעס זאָנדערבארעס, וואס מיר פערשטעהען ניט.

— ווייסט דוא ניט וואו איז ערגעץ זאכארין? — האט פּאוועל געפרעגט — איך וואָלט זיך ביי איהם בעהאלטען ביז מיר וועט געלינגען צו אנטלויפען.

— אז זאכארין איז אין מאסקווא ווייס איך, — האט ליזא בעטריבט נעזאגט — אבער וואו ער געפינט זיך, ווייס זאגאר ניט דאָקטאָר וואסיליעוו. פאר דער לעצטער צייט איז זאכארין געוואָרען זעהר פאָרזיכטיג. אונזער געזעלשאפט איז צוטהיילט געוואָרען אין קליינע אבטהיילונגען און איין אבטהיילונג ווייס ניט זאגאר דיא נעמען פון דער צווייטער אבטהייילונגס מיטגליעדער.

— איך האב דא מורא צו פערבלייבען, — האט פאוועל אונרוהיג גערעדט — און איך בעדויער זעהר וואס אונזער מוטער איז יעצט גראדע ניט צו הויזע, איך מוז שוין פון דאנען זעהר פאָרזיכטיג אוועקגעהן.

ליזא האט פערבראָכען מיט דיא הענד.

— ביזט דוא אַנטלאָפען? — האט זיא מיט טרעהרען אין דיא אויגען געפרעגט.

— ניין, ליעבע שוועסטער, גענעראל סאבאקאוו אליין האט מיך פון קערקער ארויסגעלאזען און האט מיר אנגעזאגט, אז איך זאל וואס אם שנעלסטען אנטלויפען, וויא איך האב דיר שוין איין מאל דערצעהלט.

— דא איז געשעהען עפּעס זאָנדערבארעס, — האט ליזא ערפרעהט און טרויעריג געזאגט — זאג מיר נור ברודער, צו האָסט דוא דאָך ניט געהערט עפּעס פון א באַראָן לאפאָנטען?

— ניין שוועסטער, איך האב קיין מאל געהערט פון אזא פערזאן. שאדע וואס איך האב אונזער מוטער ניט געטראפען צו הויזע. איך מוז שוין געהן.

— וואוהין ברודער? — האט ליזא איהם ערגרייפענד פאר דיא הענד מיט געוויין געפרעגט.

— איך געה מיר בעשטעלען א פּאספאָרט, ביי א געוויסען חיטראָווצין, אויף „פעטראָווקא״. ער האט מיר דאמאלס אויך געמאכט א פּאספּאָרט פאר אָסיפּ זאַכארין, אבער ליידער איז ער געוועזן אויף א נאמען פון א דוואָריאַנין און פאר ניהיליסטען איז בעסער פּאספּאָרטען אויף נעמען פון מושיקעס.

— ביזט דוא מיט חיטראָווצינען זיכער, אז ער וועט דיך ניט ארויסגעבען?

— ער איז א חברה־מאן וואס מען קען זיך שוין אויף איהם פערלאָזען. געוויס א העלפט ניהיליסטען אין רוסלאנד טראגען ארום זיינע פּאספּאָרטען וועהרענד נור צוויי דריי מענשען אין מאסקווא ווייסען, אז ביי איהם בעקומט מען זיי.

— אָ, וואס כהוט מען ברודער? — האט ליזא פערצווייפעלט געוויינט — וויא זעהען מיר זיך נאך א מאל? אָ, וואו איז דיא מוטער?

— ליידער איז זיא ניטאָ! — האט פאוועל טרויעריג געברומט — אדיע שוועסטער, מאָרגען פריה א בריעף, באָגדאנאָוו, פּאָסט־רעסטאנט. איך פאָהר צו חיטראָווצינען.

פאוועל האט זיך גענומען אוועקגעהן און ליזא איז איהם וויינענדיג נאכגעגאנגען.

— פיעללייכט איז מעגליך, אז דוא זאלסט נאך היינט פעררייזען נאך אויסלאַנד? — האט איהם דיא אונגליקליכע געפרעגט.

— ניין, איך מוז האבּען א פּאספּאָרט און פערבלייבען פּאָרלויפיג אין מאָס-קווא. איך מוז מיך אפּרעבענען מיט דער מאריא זלאַדייקינא.

ליזא האט א ציטער געטהאן.

פּאוועל איז איהר ארויפגעפאלען אויפ'ן האלדז און האט איהר בעשאָטען מיט הייסע ברידערליכע קיסע, און אין א ווײלע ארום איז ער פערשוואונדען וויא א ווינד.

צוויי מינוט זיינען ניט פּאָראיבער און מאריא אנדריאנאווא איז אין שטוב אריינגעקומען, זיא איז האסטיג אריינגעלאָפען צו ליזא'ן אין צימער און האט ארויס-געלײנט א פּאפּיער אויפ'ן טיש.

— דיעזען פּאפּיער, — האט מאריא צו איהר טאָכטער היציג געזאָגט — מוז איך אין דריי טאג ארום אוועקפיהרען אין פּעטערבורג און אייגענהענדיג איהם אי-בערגעבען דעם צאַר.

— מוטער — האט ליזא אויסגעשריען — האָסט דוא קיינעם אויף דעם וועג ניט אנגעטראָפען?

— ניין, מיין קינד, — האט דיא גרעפין צערשטרייט געענטפערט — אבּער ווענען האב איך צו טרעפען אין מאסקווער גאסען אויסער שלאַנגען מיט מענשליכע געזיכטער?

— איז נאך דער עקיפּאַזש געשפּאַנט? — האט ליזא האסטיג געפרעגט.

— געגען וואס פרעגסט דוא עס? — האט איהר דיא מוטער האלב פערוואונ-דערט געפרעגט.

— לאָמיר שוין ביידע פאהרען וואס אם שנעלסטען אויף פּעטראָווקא! — האט ליזא ארויפגעאפּענדיג איהר הוט אויפ'ן קאָפּ אויסגעשריען — אבּער דיא סעקונדע מוטער, מיר וועלען נאך א י ה ם אניאָגען!

— וועמען? — האט דיא מוטער איבערראַשט געפרעגט.

— קום מוטער, איך וועל דיר שוין אויפ'ן עקיפּאַזש זאגען, — האט ליזא ניט ווילענדיג איהר פּלוצלינג איבערראַשען געזאָגט.

מיט וואנקענדע קניע איז מאריא נאך איהר טאָכטער נאכגעגאנגען פרעגענדיג איהר אלע ווײלע „וועמען"?

— א י ה ם — האט ליזא זיך אניעדערזעצענדיג מיט איהר מוטער אין עקיפּאַזש געענטפערט — דיין זוהן פּאוולען מיין איך.—

— אָ, — האט זיך א שטימע פון דער מוטער'ס הארץ ארויסגעהאָפּט און זיא האט זיך אן איהר טאָכטער אנגעלעהנט.

— טרייב! — האט ליזא דעם קוטשער בעפוילען — אויף „פּעטראָווקא" צו דער ביוראָ!

דער עקיפּאַזש האט זיך געטראָגען איבּער מאסקווער גאסען און הינטער-געס-לאך וויא א ווינד, און מיט א האלבע שטונדע שפּעטער האט ער זיך אפּגעשטעלט לעבען דער גרויסע ביוראָ פון אָסיפּ וואסיליעוויטש חיטראוויצין.

— קוים זיך האלטענדיג אויף דיא פיס האט דיא גרעפין פון דער קארעטע מיט איהר טאָכטערס הילף זיך אראָפּגעשלעפּט.

— אָט דא אין ביורא דארפען מיר אריינגעהן — האט ליזא צו איהר מוטער שטיל געזאגט — זעה נור וויא בעלעבט דאָ איז. איך האב געדיינקט, אז זיא איז עפּעס אין א לאָך.

זיי זיינען ביידע צו דער פראָנט־טהיר צוגעגאנגען און א שווייצאר אין א בלויען ראָק האט פאר זיי דיא טהיר אויפגעעפענט.

— קענען מיר זעהן אסיפ וואסיליעוויטש? — האט ליזא איהם געפרעגט.

דער שווייצאר האט זיי ארויפגעפיהרט אויף מראמאָרנע טרעפּ און האט זיי אריינגעפיהרט אין א שעהנעם ווארטע־זאל, וואו עס איז געזעסען אין א ווינקעל א רייכגעקליידעטע דאמע און האט אריינגעקוקט אין אן אלבום.

— ווער קען עס גלויבען, — האט זיך ליזא געטראכט — אז אין אזא פּאלאסט זאל וואוינען א „מאכער״ פון פאלשע פּאספּאָרטען? געוויס איז ער נאך בעטהייליגט אין אנדערע קרימענאל זאכען.... אָט דאס איז רוסלאנד און נור אזעלכע מענשען קענען אין איהר עקסעסטירען!

דיא פערפּוצטע דאמע, וועלכע האט געהאלטען איהר קאפּ צווישען ביידע טאָוולען פון׳ם אלבום און האט דאָרט אריינגעקוקט, האט זיך פלוצלינג פון איהר שטעלע אויפגעהויבען און האט אנגעהויבען צו מארשירען איבערן גרויסען צימער.

— וועה! — האט זיך א שרעקליכער קרעכץ פון מאריא אנדריאנאווא׳ס הערץ פּלוצלינג ארויסגעריסען און איהר געזיכט איז געל געוואָרען וויא וואקס.

ליזא איז אויך לייכענבלאס געוואָרען א קוקטהאנדיג אויף דער פערפּוצטער יונגער דאמע. זיא האט באלד אין איהר דערקענט דער פאלשער באראָנעסע אנ־דרייעוונא.

זיא האט אבער באלד געפּאסט מוטה און איז זיך לאנגזאם צו מאריא זלאדייקינא׳ן צוגעגאנגען.

— אָ, וואס מאכט איהר באראנעסע? — האט איהר ליזא מיט א ביטערן שמייכעל געפרעגט — וויא געהען עס דיא „געשעפטען״? האט איהר שוין בעקומען דיא אכט און צוואנציג טויזענד רובעל פון אנטאָנאָוו׳?

— וו—אָ—אָס? — האט איהר זלאָדייקינא מיט א פערוואונדערטע מינע גע־פרעגט — איך פערשטעה אייך ניט מאדאם....שטעלט אייך פריהער פאר מיר פאָר, איך וויל וויסען מיט ועמען איך רייד.

ליזא וועלכע האט מיט א האלבע שטונדע צוריק געהערט איהר ברודערס בעשלוס וועגען מאריא זלאדייקינא איז געוואָרען שטארק אויפגערעגט, זיא האט גע־וואוסט, אז איהר ברודער בעדארף דא באלד קומען און דא קען געשעהן א שרעק ליכער סקאנדאל אין א פרעמדע הויז.

— ענטשולדיגט מיר מאדאם, — האט ליזא מיט א שניידענדען טאָן נאך א קורצע פּויזע איהר ערוויעדערט — איך האב געדענקט, אז איך רייד מיט דער באראָ

נעסע קסעניא אנדרייעווגא ; ענדליך שטעהט גאר פאר מיר מאריא זלאַדייקינא מיט
א באָמבע אין קעשענע....

— קום לאָמיר פון דיעזער הויז אנטלויפען, — האט מאריא אנדריאנאוואַ צו־
לויפענד צו איהר טאָכטער געזאגט — לאמיר זיך ניט פעראונרייניגען מיט דעם
אטהעם פון א גיפטיגע שלאנג....

— רעספעקט ! — האט זלאדייקינא ווילד אויסגעשריען.

ליזא האט זיך מעהר ניט געקענט בעהערשען.

— נא דיר רעספעקט — האט ליזא ניט מיט איהר שטימע אויסגערופען און
האט זלאדייקינען מיט אן אויפגעדריקטען פויסט אריינגעפאָהרען אין צורה.

זלאדייקינא איז צו איהר צוגעשפרונגען וויא א קאץ און האט געוואָלט פער־
פאָהרען מיט איהרע נעגעל ליזא'ן אין געזיכט אריין ; אבער מאריא אנדריאנאָווא
האט איהר פעסט ערגריפען פארביידע הענד און אין דיעזען אויגענבליק, איז חיט־
ראָווצין פון דער אונטערשטע טרעפ אריינגעלאפען אין זיין עמפפאנגס־צימער.

— אָ באראָן לאפאָנטען ! — האט דיא גרעפין אויסגעשריען — רעטעט אונז פון
דיעזער שלאַנגע און לאָמיר גיכער פון דיעזער הויז אנטלויפען.

חיטראָווצין איז איבערראשט געוואָרען דערזעהענדיג ביידע פרויען, און בעזאָנ־
דערס נאך אין אזא פּאָזע מיט מאריא זלאדייקינא'ן.

— ווער זייט איהר? — האט ער צאָרניג מאריא זלאדייקינא'ן א פרעג געטהאן,
וועלכע האט זיך שוין פון אנדריאנאווא'ס הענד ארויסגעריסען.

זלאדייקינא האט שוין פערשטאנען איהר חיטראווצינען אויסגעבונדען און האט
באלד געוואוסט אויף דיעזער פראגע וואס צו ענטפערן.

— איך בין א גאָווערנאנטין, — האט זיא מיט א טרויעריגע שטימע ערוויע־
דערט — איך ווארט דאָ אָפּ דעם ווירטה פון דער ביורא ; ענדליך זיינען מיך דיעזע
אונבעקאנטע פרויען בעפאלען וויא וואהנזיניגע.

— זיא איז אן אויסוואורף באראָן ! — האט ליזא געשריען — א שפּיאָנין....

— א שפּיאָנין ? — האט חיטראווצין וויעדערהאָלט — געהט אייך געזונטער־
הייד פרוי, — האט ער זיך געווענדענד צו דער שפּיאנין שטרייננ געזאגט — אויב
איהר זייט א גאָווערנאנטין, וועט אייך דער בוכפיהרער אין דער ביוראָ פערשרייבען,
און דא איז קיין פּלאַץ פאר בעדיענטע, וועלכע זוכען שטעלעס.

— איך וועל אייך שוין אלע אנלעהרנען ! — האט זלאדייקינא האסטיג ארויס
לויפענד פון צימער אויסגעשריען.

— הערט איהר וויא דיא קאץ, — האט חיטראָווצין צו דער מוטער מיט דער
טאָכטער מיט א שמייכעל געזאגט — נאט אייך א פּעניג פאר אלע ווייבערשע
שפּיאָנען....

— און זיא איז שוין גאר ניט קיין קליינע בעסטיע, — האט דיא גרעפין טרויע־
ריג געזאגט, אבער דאס אן א זייט, גאָט האט אייך באראָן אהער געבראכט.
וואס מאכט איהר ? ווארום האט איהר מיך גאנצע פופצעהן טעג ניט בעזוכט ?

חיטראָווצינען איז דא געווען א חדוש דער גאַנצער בעזוך פון דער גרעפין מיט איהר טאָכטער. אין דעם אויסדרוק פון דער גרעפין „גאָט האט אײך אהער געבראכט" האט ער באלד פערשטאנען, אז זיא ווייס ניט דאס חיטראָווצין און בעראָן לאַפּאָנ־טען זיינען איין פערזאָן. אלזא, האט איהם שטארק נעוואונדערט, וויא קומט דיא גרעפין פלוצלינג צו בעזוכען חיטראָווצינען?

— קומט מיט מיר אריין טהייערע געסט אין מיין קאבינעט, — האט ער ארויס־נעהמענדיג א שליסעל פון קעשענע געזאגט.

דיא גרעפין האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט.

— זייט איהר דאָ דער ווירטה? — האט זיא איהם ערשטוינט געפרעגט.

— איך בין אלעס! — האט איהר חיטראָווצין מיט א שמייכעל ערוויעדערט — איך בין דער פאבריקאנט, דיא פאבריקע און דער מיטארבייטער אלעס צוזאמען.... איך וועל אייך באלד פערטרויען א געהיימניס גרעפין. קומט לאָמיר אריינגעהן.

ער האט דיא טהיר פון זיין קאבינעט אויפגעמאכט און האטביידע פרויען העפליך צו זיך אריינגעפיהרט.

— אייער זוהן איז א י י ע ר ע ר, — האט ער צו דער גרעפין פריינדליך גע־זאָגט — און איהר שעהנע יונגע גרעפין וועט זיך באלד פרעהען מיט אייער ברודער —

— אבער וואו איז ער? — האט דיא גרעפין אונרוהיג איהם געפרעגט.

— איך קען אייך זאגען גרעפין, אז חיטראָווצין אדער בעראָן לאַפּאָנטען, זאל עס בלייבען ביי אייך בסוד, האט געטהאן וואס נור מעגליך אז אום צו פערדיענען דיא פערשפּראָכענע פינף און צוואנציג טויזענד רובעל. אייער זוהן אפילו וויים ניט ווער עס האט פאר איהם אזוי פיעל געטהאן; אבער דאס פערבלייבט אלעס איינס.

אנדריאנאוואַ'ן מיט איהר טאכטער איז געווען א וואונדער ווארום פאוועל איז נאך צו חיטראָווצינען ניט געקומען; אבער זיי האבען זיך ביידע געמאכט ניט ווי־סענדיג. זיי האבען זיך געקלעהרט טאָמער איז פאוועל דורך אן אנדערען בעפרייט געווארען און דער בעראָן אדער חיטראָווצין וויל דורך שווינדעל ארויסקריגען פינף און צוואנציג טויזענד רובעל.

— ווייסט איהר ניט הערר חיטראָווצין, — האט איהם ליזא לוסטיג געפרעגט — דורך וועמען בעדארף מיין ברודער בעפרייט ווערען?

— דורך סאבאקאוו'ן אליין, — האט איהר חיטראָווצין שמייכלענד ערוויע־דערט — דער אלטער הונד אליין וועט איהם פריי לאָזען, און וויא מיר שיינט, וועט ער איהם הייסען אנטלויפען, ווייל ער בעפרייט איהם ניט אין גאנצען כשר....

— ווארום איז דאס ניט כשר? — האט איהם מאריא געפרעגט.

— ווייל ער האט צוויי מאל געשאָסען אויף אלעקסייעוו'ן און דאס האט פאוועל מיט זיין מויל אליין מודה געווען.

— ווייסט איהר אויך פאר וועמען? — האט ליזא נייגיעריג איהם געפרעגט.

חיטראוויצין וויים פון „פויגעל־מילך" — האט ער מיט א שטאלצע מינע געזאגט — יך האב שוין אייער מוטער געזאגט, אז אייער ברודער האט עס פערטרויט דער אראַנעסא קסעניא אנדרייעווגא אין וועלכע, זייט מיר מוחל, ער האט זיך פער־ ועבט ביז איבער דיא אויערען.

— און דיעזע באראנעסע איז נור וואס פון אייער עמפפאנגס־צימער ארויסגע־ זגנגען, — האט דיא גרעפין העכסט אויפגעבראכט און פערוואונדערט געזאגט.

— איך הער זיא וויא דיא ראבע קאַץ, — האט חיטראָוויצין זיך קאלטבלוטיג רעדט — צו חיטראָוויצינען האט דער טייפעל אליין אויך קיין ישליטה ניט. אַט ן איך אייך גרעפין דערצעהלען וואס עס טהוט זיך אָפּ אין פערשלאָסענע, דיקוועג־ גנע צימערען. מעג אייער טאָכטער הערען, אז איהר האט נור וואס בעזוכט לעקסייעוו?....

אנדריאנאווא האט זיך א חאפּ געטהאן פארן קאָפּ.

— זיא מעג עס הערען, — האט דיא גרעפין קוים ארויסגערעדט פאר פער־ וונדערונג.

— אבער ניט אין גאנצען גרעפין.... א האלבען טהייל פון דעם ראָמאן, וויא הר האט פון א י ה ם מיט א רעוואָלווער אין דער האנד א שריפט ארויסגענומען, נג איך דערצעהלען.... דער צווייטער טהייל בלייבט ביי חיטראָוויצינען א גע־ זמנים....

מאריא אנדריאנאווא איז לייבענבלאס געוואָרען.

— אָ, וואו בין איך דא? — האט זיא ערשטוינט געשטאמעלט.

— אויף פעטראָווקא, ביי אָסיפּ חיטראָוויצין אין קאבינעט, — האט חיטראָוויצין פעלש געלאכט — אה, וואס זאגט איהר גרעפין? קען שוין באראן לאפּאַנטען פאר ף און צוואנציג טויזענד רובעל עפּעס אויפטהאן?.... דעם שריפט וועלכען איהר בט פון אלעקסייעווין ארויסגעקריגען קען העלפען וויא א טויטען באנקעס; אבער ס חיטראָוויצין טהוט אָפּ איז אפגעטהאן. — טהוט א שדוך מיט אייער זוהן מיט גניא אנדרייעווגא, דיא ווירקליכע, וועלכע געפינט זיך טאקי אין פאריז און בט פון רוסלאנד מיט איהרע באנדיטען.... לאמיך ביי אייך פערדיענען אויף בנות....

— איך מוז אייך הערר חיטראוויצין זאגען, — האט דיא גרעפין ענטציקט איהם וויעדערט — אז וואס און ווער איהר זאלט ניט זיין, פערדיענט איהר אלץ אכ־ ...

— וואס און ווער? — האט חיטראוויצין מיט א שמייכעל איהר אונטערבראָ־ — וואס און ווער איהר זייט גרעפין ווייסען מיר אלע; ענדליך ליעגט איהר עהן איילען אין דער ערד....רוסלאנד, זאָל געזונד זיין, איז ניט קיין פּליאַץ פאר רעעלע מענישען ....מיט עהרליכקייט גרעפין, ווערט מען בעגראבען אונטער סיבירישע מינען, ווייל רוסלאנד האסט עהרליכקייט וויא דיא פעסט. היינט זשע מיר, וואס זאל א קלוגער מענש אין רוסלאנד זיין? א ניהיליסט? ניט דער־

לעבען זאלען אונזערע רוסישע חמורים, דיא פּעַרשיכורטע קעפּ אז אזעלכע מענש
לאך וויא חיטראַוועצין זאל פאר זיי א י י ן האר פון קאָפּ אוועקנעבען! זיי קענע
אהן א באַטיושקא ניט לעבען — נאט אייך קינדערלאך א באַטיושקא.... נאט איין
מיניסטאָרען, פּריסטאַוועס א ן פּאָליציימייסטערס. ווערגט אייך מיט זיי ברידער
לאך!.... א קלונער מענש אבער קוקט אויף א תכלית. געלד, געלד און געלד
דאס איז דער תכלית. היינט טאָ וואס הארט מיך וו א ס און ו ו ע ר אי
בין?.... גלויבט מיר זיכער, אז א י י ן מיניסטער ביי אונז אין רוסלאנד הרג'עט
אויס אין א י י ן שטונדע פיעל מעהר אלס הונדערט וואלד־מערדער אין א יאהר
נו, געהט זאָרגט, אז מענשען זאלען זיין צדיקים. א מכה זיי אין דיא זייטען. געל
שוועסטערקע, געלד! און איך פערהאָף עס טאקי באלד פון אייך צו בעקומען פא
בעפרייען אייער קינד. אז איהר וועט מיר נאך עפּעס דערלייגען, וועל איך איה
אריבער ליפערן אין אויסלאנד, אז א האָהן זאל ניט א קרעה טהאָן....

ביידע אנדריאנאוואַ'ס האבען זיך צולאכט.

— אבער וואו איז מיין קינד? — האט אנדריאנאווא נאך א קורצע פּאוזע ווי
צו זיך אליין געפרעגט און האט א קוק געטהאָן אונווילענד צו דער טהיר.

— בעדאַרף ער דען צו מיר קומען? — האט איהר חיטראַוועצין געפרעגט -
ער ווייס אפילו ניט ווער עס האט איהם גערעטעט, און וויא דיא וואהרהיי
ווייס איך נאך אליין אויך ניט צו ער איז שוין בעפרייט געוואָרען, אדער דאס ווע
נאך איינינע שטונדען געוועהרען.

— ער איז שוין פריי, הערר חיטראַוועצין, — האט איהם מאריא אנדרי
נאווא געענטפערט — אבער מיר וואונדערט זעהר, ווארום ער איז אהער ניט גו
קומען. ער האט נעזאגט מיין טאָכטער, אז ער געהט צו אייך בעשטעלען א פּאַ
פּאָרט און איך בין גראדע צו הויזע ניט געוועזן.

— איז ער שוין לאנג צו מיר אוועקגעגאנגען?

— שוין א געוויסע שטונדע, — האט ליזא זיך אפּגערופען.

— נו, מיינט ניט, אז ער איז גראדע צו מיר באלד אוועקגעגאנגען, — הא
חיטראַוועצין איהר געטרייסט — מעגליך, אז ער האט זיך אנגעטראפען מיט א גוט
ברודער און ער האט איהם צו זיך איבערגענומען. ביי דיא ניהיליסטען קען אלע
פּאסירען; אבער צו מיין בעלוינונג האט דאך עס ניט, גרעפין?....

— איהר וועט אייערס בעקומען, — האט איהם דיא גרעפין מיט א פּעסט
טאָן ערוויעדערט — און נאכהער וויא זיא מיט איהר טאָכטער האבען דאָרט נא
גאנצע צוויי שטונדען פערבראכט און פּאַ׳ועל איז ניט געקומען, זיינען זיי מיט פּע
ביטערטע און צושראָקענע הערצער נאך הויזע אוועקגעפאהרען.

78טעס קאפיטעל.

דיא מינע ענטדעקט.

שרעקליך איז געווען דיא לאגע פון זאכארינען און זיינע קאמעראדען נאכדעם ... זלאדייקינא איז פון זייער הויז אויף א דראַשקע אפגעפיהרט געווארען. און דיא ... יי שפיאָנען מערזאוויצין און שורקין זיינען פון זיי אוועקגעגאנגען. עס איז באלד ... אלטען געווארען צווישען זיי א קאָנפערענץ און זיי זיינען ענדליך געקומען צו דער ... ערצייגונג, אז עס איז א שרעקליכער געפאהר דאָרט אין הויז צו פערבלייבען. ... ארין האט געזאגט זיין מיינונג, אז דיא שפּיאָנין אליין ווערט דא שפּיאָנירט און ... געשפּיערט; אבער זיינע פריינדע האבען עס אנדערש בעטראכט. זיי האבען דעם ... וך פוןביידע שפיאָנען נאך מאריא זלאדייקינא'ס אוועקגעהן אנגענומען פאר א ... יאָנישען שפיצעל און האבען זיך אנגעהויבען צו שרעקען פאר א פלוצלינגען בע... ... זאכארין האט זיי פון דיעזען געדאנק ניט געוואלט אפּוועדען, ווייל ער ... ניט געהאט אויף וואס צו בעגרינדען זיין מיינונג, אז דיא שפּיאָנין ווערט ... אליין נאכגעשפיערט און ער אליין האט אין דעם אויך געצווייפעלט. אויסער ... האט ער זלאדייקינא'ס בעזוך אָן און פאר זיך בעטראכט פאר געפעהרליך, און ... וואהל ער האט גערעכענט אז נאך א פאטש פון א טויטע, וועט מאריא זלאָדיי... א אפלינען עטליכע טעג קראנק און וועט זיך נאכהער שרעקען אויף דער גאס ... יסצוגעהן; דאך האט ער מורא געהאט, טאָמער פערטרויט זיא עס דעם שעף ... דער געהיים-פּאָליציי, און ווען עס איז אפילו ביז איצטער אויף איהם קיין שום ... דאכט ניט געווען, וועט יעצט א פערדאכט, דורך דיעזער געשיכטע, אויף איהם ... יפפאלען, און ער איז דא ניט זיכער נאך היינטיגע נאכט פון א בעפאל און ... ערזוכונג.

— ווען דא זאל געהן אום דאס לעבען פון מיין פערזאן אליין, — האט זאכארין ... אן ערנסט שטימע געזאגט — בין איך בערייט צו פערבלייבען היינטיגע נאכט ... טיגען אין דעם אינערליכען קאנאל; אבער מיט אונזער טהייערען גאסט וואסילי ... טראָוו און ביידע פרויען טאָרען מיר ניט ריזיקירען.

— אלזא, וואס דיינקסט דוא צו טהאן, דאָבראָליובאָוו? — האט איהם געראאין ... רענט — וואו טהוען מיר אהין ביידע פרויען? ווענען אונז וועלען מיר שוין שפּעטער ... ען.

זאכארין האט זיך פערטראכט.

— בערטהא, — האט ער נאך א קורצען נאכריינקען געזאגט — וועט אלס ... מאסקירטער שווייצאר געהן נאך הויזע צו איהרע עלטערן. ביי זיי אין הויז איז ... פאר איהר דיא בעסטע בעהעלטניס. אלע אונטערזוכונגען, וואס דיא פּאָליציי ... געהאט צו מאכען אין מאלליך'ס הויז זיינען שוין אפגעטהאן געווארען און יעצט ... בערטהא דאָרט אויף איינינע טעג זיכער, ווייל עס וועט קיינעם ניט איינפאלען ... ר דאָרט צו זוכען.

— דאס איז א פארטרעפליכער פּלאן! — האבען זיינע פריינדע איינשטימיג ... גערופען — אבער וואס טהוט מען מיט שרה פיינשטיין?

— מיט א פאספארט אויף א רוסישען נאמען, — האט זאכארין אין דיא אומעטום זיכער. זיא קען היינטיגע נאכט פערבלייבען אין א הו מארגען ווען זיא שוין וויסען וואו אונז אויסצוגעפינען.

וואסילי פעטראוו און איהר געראאין או. וואאי, — האט זאכארין פארטג זעצט — וועלען זיך אלס היילינע מאנאבען אוועקלאזען צו אונזער קאמונאוו'ן א "קרעמעל". דארט איז פארלויפיג דער זיכערסטער פלאץ און דארט וועלען מיר ד שוין בעראטהען, וואס מיר האבען ווייטער צו טהאן.

— און וואו וועסט דוא זיך אליין אהינטהאן? — האבען איהם זיינע פריינד געפרעגט.

— פאר מיר זאלט איהר שוין נים זארגען, — האט זיי זאכארין ערוויעדערט - נעהמט פערקליידעט אייך אין אייערע קאסטיומען און לאזט זיך שוין אוועק א "קרעמעל".

זאכארין איז באלד אריינגעגאנגען אין צימער צו וואסילי פעטראוו, וועלכ איז דארט פערבליעבען אלס וועכטער ביי דעם פענסטער או האט איהם איבערגע צעהלט וואס ביי זיי איז בעשלאסען געווארען.

— דא דרעהט זיך אלץ לעבען אונזער הויז ארום א הויכער, דיקער און קרע טינער פערזאן, — האט פעטראוו צו זאכארינען געזאגט — און איך דיינק, אז ד איז נאר נים גלאט....

— אלזא, פריינד, — האט איהם זאכארין געענטפערט — מאכט עס וואו ניכער, דורכ'ן הינטערטערשטען פליגעל איז נאנץ לייכט זיך אונבעמערקט ארויסצ תאפען.

און מיט א האלבע שטונדע שפעטער איז זאכארין פערבליעבען אליין אין ד פראנט-הויז און בערטהא מאלליך אין דעם הינטערשטען פליגעל.

באלד נאך אלעקסייעוו'ס אוועקגעהן איז זאכארין מיט א בעזים אין דער הא ארויסגעגאנגען אויף דער גאס און האט זיך געשטעלט אפקעהרען דעם טרעטאא קערענדיג האט ער אויך בעמערקט א הויכען, דיקען פערזאן פון דער ווייטענס, וו כער האט זיך אין יענע אומגעגענד ארומגעדרעהט און איז נאכהער אריינגעגאנג אין א קליינעם פינסטערן שיינקעל.

— ווער ווייסט? — האט זיך דער פריוהייטס-קעמפפער געקלערט און הא געוואלט אין שטוב אריין; אבער אין דיעזע אויגענבליק איז צו איהם צוגעגאנגען טעלעגראפען טרעגער און האט איהם געפרעגט צו ער איז דער ווירטה דאבר לייבאוו.

— יא, — האט איהם זאכארין געענטפערט און ער האט באלד פון איהם ג גענומען א פערזיגעלטע דעפעשע.

— שרעקליך! — האט ער א ברום געטהאן נאכהער וויא ער האט דיא ד פעשע דורכגעלעזען.

זאכארין האט דיא פראנט טהיר פון דער פאדערשטער הויז צוגעשלאסען א

אין אריינגעגאנגגען אין דעם הינטערשטען פליגעל צו זיין געליעבטער בערטהא מאלליך.

— בערטהא, — האט ער צו איהר מיט אן ערנסטען טאָן געזאגט — דוא מוזט שוין אוועקגעהן צו דיינע עלטערען; קיין בעסערע בעהעלטנים איז יעצט פאר דיר ניטאָ. פיינשטיין איז שוין אוועקגעגאנגען; זיא האט א פאספּאָרט אויף א רוסישען נאמען און זיא איז היינטיגע נאכט געווים זיכער, און פאר דיר, מיין ליעבע, איז דיא בעסטע רעטונג דיין פאטערס הויז. דוא וועסט דארט ערשיינען אלס שווייצאר און זיך לאזען פאר דיינע עלטערען דערקענען אין דיא אינערליכע צימערען.

דאס מעדכען האט אויסגעבראָכען מיט א געוויין.

— און דוא ליעבער אָסיפּ, — האט זיא געכליפעט — וואו וועסט דוא זיך אַהינטהאן? אָ, ניין זאכארין, איך געה מיט דיר. איך קען דיר ניט אוועקווארפען אין אזא שרעקליכע לאגע.

— דוא מוזט עס קענען! — האט איהר זאכארין מיט א פעסטען טאָן ערוויעדערט — דען וואוהין איך געה יעצט קען איך דיר ניט מיטנעהמען.

— אָ, זאָג מיר אָסיפּ וואוהין דוא געהסט? — האט בערטהא איהם ערגרייפענד פאר ביידע הענד, מיט טרעהרען אין דיא אויגען געבעטען; — פיעללייכט איז מעגליך, אז איך זאל מיט דיר אויך מיטגעהן? איך האב מיך בעשלאָסען דיר מיטצוהעלפען אין דייז קאמפף מיין טהייערער, ניט דארורך ווייל איך בין אזוי געזאָגען, זאָנדערן ווייל דוא ביסט דער קעמפפער, ווייל דוא ווילסט אזוי; איך קען דיך ניט פערלאזען, מיר איז אונמעגליך פון דיר זיך צו שיידען און דיר לאזען שטעהן אין א געפאהר, ניט וויסענדיג וואו דוא ביסט און וויא מיט דיר האלט.

— אזוי אבער בערטא מוז עס זיין, — האט זאכארין ערנסט איהר ערוויעדערט — איך האב דיר אלעס פריהער פאָרגעזאגט און דוא ביסט מיט אלעס צופריעדען געווען; אבער דא האנדעלט זיך מעהר ניט אום א קאמפף. מיין שווערד איז מיר שוין פון דער האנד ארויסגעפאלען, דער פיינד האט אונז אלעמען בעזיעגט. ניטאָ מעה קיין מינע דאָרטען און דאָ, וויא מיר שיינט — אויך ניט.... אָט איז א דעפּעשע, אז דיא נעהילץ איז איינגעפאלען, דיא ברעטער זיך צושאָטען און דיא ארבייטער מוזען אויך אוועקפאהרען....עס האט זיך אויסגעלאזען אויף מיינע רייד, און דא איז וויא דוא זעהסט, מיין ליעבע....

בערטהא האט פערכראָכען מיט דיא הענד.

— איז דאָרט אלעס צערשטערט? — האט זיא ערשטוינט איהם געפרעגט.

— אלעס מיין טהייערע, — האט זאכארין מיט א זיפץ ערוויעדערט — דער פיינד האט געזיעגט.

— אבער וואוהין דיינקסט דוא יעצט צו געהן? — האט זיא איהם טרויעריג געפרעגט.

— אהינצו, מיין טהייערע, — האט זאכארין בעטריבט גערעדט — דאָס טאָר

דעם בעטר־נער ניט פערשווינען ווערען! עס וועט געהאַלטען ווערען א ראטה און מיר
וועלען איהם לאזען א גוטען לעצט־נעלט....

— טאָר איך יעצט אויך ניט וויסען, וואו יענע מינע האט זיך געארבייטעט? —
האט איהם בערטהא אונמוטהיג געפרעגט.

— אָ, ניין בערטהא. דערווייל נאך ניט.

— לאָזט דוא מיך, אז איך זאל גאר ניט וויסען וואו דוא ביסט אהינגעקומען?

— מיר וועלען זיך שוין נאך א מאל בעגעגנען, — האט איהר זאכארין געלאסען
געענטפערט — וויא באלד דיא מינע איז צערשטערט האב איך מעהר ניט וואס אין
רוסלאנד צו פערבלייבען.

בערטהא׳ס געזיכט האט אויפגעשטראַהלט פאר פרייד. זיא האט זיך באלד
פערקליידעט און האט אויסגעקוקט וויא א שעהנער, יונגער ישווייצאר. זאכארין האט
איהר דורך א הינטער־טהיר ארויסגעפיהרט און זיי זיינען ביידע באלד פערשוואונדען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— וואס זאגסט דוא, טאראַקאַנאָוו, — האט געפרעגט א הויכער, דיקער מאַן
זיין קאמעראד אין דעם קליינעם פינסטערן טראַקטירעל, ניט וויים פון זאכארין׳ס
הויז — וואס זאגסט דוא, זאל איך מיך היינטיגע נאַכט ארויסלאזען אויף יאַגד אדער
ניט?....עפּעס א קראָ (ראָב) האט דריי מאל אויפ׳ן דאך פון טראַקטירעל אויסגע-
שריען, אז איך בין געוואָרען א פערצווייפעלטער.... וויא קומט היינט א קראָ? אבער
זעהסט דוא דאָך:...

— דוא ביסט אויף דער עלטער געוואָרען א טרוס (פּיינגלינג), — האט טאראַ-
קאַנאָוו צו זיין הויכען און דיקען קאמעראד געזאַגט — וויא הייסט דוא האָסט זיך
מורא פאר א קראָ? און אז זיא זאל צוריסען ווערען שרייענדיג בעדאַרפסט דוא זיך
מורא האבען דעם סטאָליער אפּשטאטען א וויזיט?.... ער פערמעגט געוויסע צעהן
טויזענד רובעל און ער מיט זיין קליינע פאמיליע פערוואוינט אליין צוויי גרויסע
הייזער. פערשטעהסט דוא מיך?

— איך פערשטעה, — האט דער הויכער זיך קראַצענדיג פאר דיא פּאַטילני-
צעס געזאַגט — אבער דוא ווייסט ניט, טאַראַקאַנאָוו, וואס הייסט „יענע וועלט״....
אז דוא וואָלסט דאָרט פּראָבירט פערזוכען עטליכע קאזאַצקע נאַגייקעס וואָלסט דוא
שוין געוואוסט וויא מיך אנצורופען טרוס.

— דאס איז אלץ גערעדט געוואָרען — האט טאראקאנאוו פאָרטגעזעצט — ווען
דוא ביסט נאר פלוצלינג געוואָרען א גאַנצער פראַנט, א היינטוועלטינער, וויא זיי
רופען דאס דיא באנדיטען א ניהיליסט. א פראַנט איז א מצוה דיא פעהלכעל אראָפּ-
צו שינדען; אבער פאר אויפברעכען א שלאָס און אפילו פאר אריינרוקען א מעסער
אין זייט געהט מען מעהר ניט וויא אהינצו.... נו, טאָ וואס איז דא אזוינס פאר
אונזערן א ברודער? — דאָרט איז אויך א וועלט און ווען מען וויל מאַכט מען
פּיס....

דער הויכער פערזאָן האט זיך מיט זיינע ביידע אונגעהייער ברייטע און שטאַר-
סע הענד געקראַצט אין קאָפּ.

— נו, מילא טשאָרט פּאָבערי, — האט ער נאך א קורצען נאכדיינקען גע־זאגט — אז עס איז ניטאָ וואס צו קייען איז בעסער? חאפּט עס דער טייפעל, ווייסט דוא בעשטימט, אז דאָרט איז אזא קליינע פאמיליע?

— אין גאנצען צוויי דריי מענשען, — האט טאראקאנאוו איהם ערוויעדערט— און וואס פאר א ברואים׳לאך?.... זיי זיינען אלע דין וויא א שטרוי, זייערע קעפּ־לאך קוקען אוים וויא פּוסטע אויסגעדאַרטע זאנגען. מיט איין בלאָז פליהען זיי אוועק.

— דאס איז אלץ גערעדט געוואָרען, אז דיא זאך זאל געהן כשורה, — האט דער דיקער פּרוזאן ווייטער גערעדט — אבער ווייס עס דער רוח....דיא קראָ מאכט מיר גאר דעם טוידט.

— א קלאָג צו דיינע יאהרען, — האט טאראָקאָנאָוו מיט א פאָרוואורף איהם געענטפערט — פאר דיין נאררישען קאָפּ גיעבען עס דיא באנדיטען פינף טויזענד רובעל!....אזא יאהר אויף זיי מיט זייער שכל! א מענ׳ש טראָגט זיך ארום מיט אזעלכע גראָבע לאַפּעס און נאך מיט פינף רעוואָלווערען אין קעשענע; ענדליך האט ער גאר מורא פאר א קראָ!

— ווערסט דוא טאראקאנאָוו מיט מיר מיטגעהן? — האט דער דיקער איהם פּלוצלינג א פרעג געטהאן.

— און אז שטעהן פארן טויער און אפּהיטען דיין נשמה איז פאר דיר וועניג?— האט טאַראקאָנאָוו איהם געפרעגט — ווייסט דוא דען ניט, אז איך בעשעפטיג מיך נור מיט אפּקויפען עפּעס?.... אבער וואס טהוט מען ניט פאר א גוטען ברודער? איך וועל דיר טהאן צוליעב און וועל שטעהן פאר׳ן טויער און זיך צוקוקען.

— אָפּגעמאכט!

— נו, אָפּגעמאכט!

ביידע קאמעראדען האבען זיך איינע דיא אנדערע געגעבען דיא הענד און באלד איז אין צימער וואו זיי זיינען געזעסען, אריינגעטראָגען געוואָרען א פלעשעל אָטשי־טשעני מיט עטליכע ראקעס און חזיר׳שע אויערלאך.

— — — — — — — — — —

א קלונג אין דעם אפּאראט פון אָפּענבאך׳ס טעלעפאָן האט דעם שעף אום צוועלף אוהר ביי נאכט אויפגעהויבען פון זיין שטוהל. ער איז צום אפּעראט צוגעלאָ־פען און ער האט בעקומען אן אנטוואָרט, אז עס רעדט צו איהם דער פּריסטאוו פון מיעסטשאנסקי אוטשאסטאָק.

— וואס האט פּאסירט? — האט אָפּענבאך געפרעגט.

— איינער א טראקטירטשיק טאראקאנאָוו, — האט אָפּענבאך בעקומען אן אנטוואָרט — זעהר אן עהרליכער מאן וואס דיא פּאָליציי קען איהם שוין גאנץ לאנג, האט געמעלדעט, אז דער בעוואוסטער אנטלאָפענער ניהיליסט וואסילי חאָמיקאָוו בעהאלט זיך אין דער הויז פון דעם סטאָליער דאבראליובאָוו! דיא הויז איז בעוואכט און איך ווארט אויף אן אנטוואָרט פון אייער עקסעלענץ.

אָפּענבאַך׳ס געזיכט האָט אויפגעשטראַהלט פאַר פרייד.

ער האָט איין טעלעפאָן באַלד אַריינגעשריען:

— דיא הייז זאָל בעוואַכט זיין מיט פופציג פּאָליציסטען און איך קום זאָפאָרט איהם צו אַרעטירען!

נאָך אָפּענבאַך׳ס אַ קלונג איז געוואָרען אַ שטאַרקער גערודער אין דער קהלה-שטיבעל פון דער געהיים-פּאָליציי. עס האָבען זיך אוועקגעשטעלט אויף דיא פיס ביי אַ דרייסיג געהיים-פּאָליציסטען מיט געלאַדענע רעוואָלווערען און מיט אַ האַלבע שטונדע שפּעטער זיינען אַלע טהירען אין דאַבראָליובאָוו׳ס הויז געווען אויפגעבראָכען און אַלערליי פיגורען מיט לאַנטערנעס אין דיא הענד האָבען ערפילט אַלע ציממערען אין דאַבראַליובאָוו׳סביידע הייזער.

— דער באַנדיט איז פערשוואונדען! — האָט אָפּענבאַך געליאַרמט אויף דעם פּריסטאַוו פון מעשטשאַנסקי אוטשאַסטאָק — איהר וועט דערפאַר בעצאָהלען מיט אייער קאָפּ!

— פיעללייכט האָט מיך טאַראַקאַנאָוו אָפּגענאַררט? — האָט דער פּריסטאַוו מיט פערבראָכענע הענד געשטאַמעלט — אָדער אפשר איז דאָ נאָך פאַראַן עפּעס אַ פערבאָרגענער פּלאַץ, וואו מיר האָבען נאָך ניט געזוכט.

דרייסיג מענשען האָבען זיך אַ נעהם געטהאָן צו זוכען חאָמיאַקאָוו׳ן אויפ׳ן הויף און אייניגע האָבען זיך אַריינגעחאַפּט אין דער שטאַל לעבען דעם הינטערשטען פליגעל, וואו זיי האָבען געפונען אַ קעלער....

— עה, רעביאַטאַ! — האָבען זיי אַ געשריי געטהאָן — אין קעלער!

פון הויף זיינען באַלד אַריינגעלאָפען ביי אַ צוואַנציג מענשען אין שטאַל. דיא שווערע טהיר פון קעלער איז באַלד אויפגעהויבען געוואָרען און עטליכע געהיים-אַגענטען און זשאַנדאַרען האָבען זיך אין קעלער אַריינגעלאָזען.

זיי האָבען מיט זייערע לאַנטערנעס אין דיא הענד דעם קעלער בעקוקט און האָבען דאָרט באַלד דערזעהן אייניגע גראָב-אינסטרומענטען, לאָמען, רידלעס, עקבויערס און ביי דער זייט — אַ גרויסע לאָך.

— עפּעס אַ מאָדנע גרוב, — האָט זיך איין פּאָליציסט אָפּגערופען.

אַלע זיינען צו דער געלעכטערטער וואַנט צוגעלאָפען און האָבען זיא בעטראַכט.

— אַ מינע! — האָט איין געהיים-אַגענט ווילד אויסגעשריען — אַ מינע מיט אַלע פּיצעלאַך!

אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער האָט פּלוצלינג פערהילכט דעם גאַנצען קעלער און דער דעטעקטיוו, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער געלעכערטער וואַנט איז הינטער-זיך געפאַלען צום באָדען.

— קאַראַאול! קאַראַאול! — האָבען דיא פּאָליציסטען ווילד אויסגעשריען.

עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ פייפעריי און דער קעלער איז פול געוואָרען מיט פּאָליציסטען.

אייניגע האָבען דעם פערוואונדעטען געהיים-אַגענט האַלב טויט פון קעלער

ארויסנעטראגען און דיא איבעריגע האבען זיך א נעהם געטהאן צו דער מינע; אבער עס איז געוועזען אונמעגליך צו דעם קאנאל צוצוטרעטען. וויא איינער האט זיך נאהענט צום קאנאל צוגערוקט, האט באלד פון אינעווייניג זיך אפגעפייערט א רעוואלווער און דער קעלער איז פול געווארען מיט א שטיקענדען רויך.

— עה, קונצען־מאכערס! — האט אפענבאך אויסגעשריען — געהט פון קאנאל ארויס, אז ניט הייס איך אייך דערשיסען, איהר הערט?!

— טשארט פאביערי! — האט זיך חאמיאקאוו לינענדיג אין דער מינע געטראכט — מאוס אריינגעפאלען... אבער א קריינק זיי אין דיא זייטען! כיי וויא סיי פערפאלען, לאמיך זיי חאטש מכבד זיין....נאכדעם אדיע ראזבאיעוו, אלץ בעסער וויא פערשמיסען ווערען.

ער האט זיך געציעלט צו א לאנטערנע און האט עטליכע מאל אפגעפייערט זיין רעוואלווער. דריי לאנטערנעס זיינען אראפגעפאלען צום באדען און אין קעלער, וועלכער איז פול געווארען מיט א געדיכטען רויך האבען זיך געהערט דומפפע פערצווייפעלטע געשרייען.

— שיסט! — האט אפענבאך בעפוילען.

פינף זשאנדארען מיט רעוואלווערס אין דיא הענד האבען אנגעהויבען צו שיסען. אויף דעם ערשטען און צווייטען שאס האבען זיי נאך בעקומען אן אנטווארט פון דער מינע; אבער נאכהער האבען זיי שוין גלאט געשאסען ביי א צעהן מאל און פון דעם קאנאל איז ניט געקומען קיין תשובה.

— קריכט און שלעפט זיי ארויס! — האט אפענבאך זיינע פאליציסטען בעפוילען — עס איז פון דיא מינען־מאכער ניט פערבליעבען א לעבעדיגער. איהר מעגט יעצט דרייסט דארט געהן.

און מיט א האלבע שטונדע שפעטער איז פון דער מינע ארויסגעשלעפט געווארען א שווערער, דיקער און לאנגער קערפער מיט א צולעכערטען און אין שטיקער צוריסענעם קאפ, אז עס איז ניט געוועזען צו דערקענען א צורה פון א מענשען.

79טעס קאפיטעל.

ע ר ע ר ש י י נ ט.

נאנצע דריי וואכען איז אננא זאכארין געזעסען אין פעטערבורג. דיא קארטענוואָרפערקע האט איהר ביי דיא קארטען אויסלייגען דעם לעצטען מאל געזאגט, אז זיא בעדארף אלעם וואס זיא האט אין פעטערבורג באלד פערקויפען. איהר פערלארענער מאן וועט אין קורצען קומען. באלד אויף מארגען נאך דער וואונדערליכער נאכט, וויא דיא קארטענ־ווארפערקע האט איהר געוואלט ווייזען איהר מאן און אננא האט זיך מורא געהאט איהם ארויסצורופען, באלד נאך דיעזע שרעקליכע וואונדער איז אננא אוועקגעפאהרען נאך פעטערבורג. און אין צעהן טעג ארום האט גאלדבוים'ס פאמיליע ערהאלטען אן אנטווארט פון גאלדשמידט'ן אויס פאריז, אז איהם פרעהט זעהר וואס דער צופאל האט צוזאמענגעפיהרט דער פיאנא־לעהרערין סמירנאווא מיט זיינע עלטערן. אין בריעף איז געלעגען אן אנווייזונג אויף טויזענד

פראנק און גאָלדשמידט האט נעבעטען, אז באלד וויא זיינע עלטערן וועלען דעם אנהייתנג ערהאלטען, זאלען זיי זאפאָרט מיט זייער גאנצע פאמיליע אוועקפאהרען צו איהם אין פאריז, וואו ער האט שוין פאר זיי געדונגען א גרויסע און רייכע וואוינונג, און פון יעצט אן וועלען זיי לעבען א גליקליכעס לעבען אין רייכטהום און פערגניגען. קיין פעדער איז ניט אין שטאנד צו בעשרייבען דיא פרייד פון דער אונגליקליכער מוטער און איהרע קינדער יעפים און העללענא אין דעם טאג וואס זיי האבען דעם בריעף מיט'ן אנוויזונג ערהאלטען! דיא שמחה איז אבער ניט געוועזען פאר פול. דער פאטער פון דעם געפונענעם און וויא פון דעם הימעל אראפגעפאלענעם זוהן זיצט שוין א לאנגע צייט אין געפענגניס און איצט, ווען זיין קינד איז אויסגעפונען געוואָרען און ער קען מקבל־נחת זיין פאר דיא איינינעע און צוואנציג יאהר צייט וואס ער איז אויסגעשטאנען זייט זיין קינד איז פערשוואונדען, איצט, אז דער שיקזאל גיט איהם צוריק זיין קינד, און נאך אזא קינד, וויא א וועלטבעריהמטער מיזיקער און טאלענטפאָלער ארטיסט אין פאריז, קען דער אונגליקליכער פאטער צו איהם ניט פאהרען, און צוליעב וואס? ווייל ער האט געוואלט רעטען אן אונגליקליכען און פערפאָלגטען פון אייביגע ליידען!

העלענא און איהר ברודער יעפים זיינען באלד אוועקגעלאָפען אויסהלאפאָטשען אן ערלויבניס צו זעהן זייער פאטער מיט צוויי טאג פריהער פאר דער בעשטימטער צייט; אבער זיי האבען בעקומען אן אנטווארט, אז אין צוויי טאג ארום וועלען זיי איהם אויך ניט קענען זעהן, ווייל זיין פראָצעס האט אנגענומען גאר אן אנדער ווענדונג. דיא אונגליקליכע קינדער האבען זיך פרובירט פרעגען דעם פראָקוראָר דיא פראגע „פאר וואָס"; אבער דער פראָקוראָר האט זיי מיט א שטרייגען טאָן געהייסען געהן אהיים און מעהר איהם ניט בעאונרוהיגען.

— צום סליעדאָוואטעל! — האט דאס פערצווייפעלטעס מעדכען צו איהר ברודער געזאגט — אונזער פאטער האט מיר דערצעהלט, אז ער איז א גוטער מענש.

זיי זיינען ביידע באלד אוועקגעגאנגען צו מארטינען און דער עדלער פרייהייטסקעמפפער האט זיי ליעבליך און פריינדליך עמפפאנגען.

— עס איז וואחר, — האט ער דיא אונגליקליכע ערוויעדערט — אז אייער פאטערס פראָצעס האט אנגענומען אן אנדער ווענדונג. אימיצער האט געמאכט דער פאליציי אויפמערקזאם, אז דער מאן וואס איז ביז יעצט בעטראכט געווארען אלס פאָדליעצאָוו'ס מערדער, האט אויף דעם שפיאָן דעם מאָרד ניט בעגאנגען; אבער זייט זיכער עדלע קינדער, אז אייער פאטער וועט מיט גאָטעס הילף אלס פאָדליעצאָוו'ס מערדער ניט בעטראכט ווערען, מיר האבען שוין דערצו א מיטעל....

דיא אונגליקליכע האבען איהם מיט טרעהרען אין דיא אויגען בעדאנקט און האבען איהם דערצעהלט זייער פערשטערטע שמחה וועגען זייער געפונען ברודער און האבען זיך אויסגעדריקט, אז זיי ווייסען ניט, וואס איצט צו טהאָן. פאהרען נאך פאריז און איבערלאזען אן עלענדען און אונגליקליכען שוואכען פאטער אין געפענגניס,

קומט זיי פאַר זעהר אונמענשליך און טיראַניש.... ניט פאַהרען ווידער, וואס וועט ריידען זייער ברודער, וועלכער ערווארטעט זיי מיט אונגעדולד?

— איהר קענט מיט אייער זיצען אין מאסקווא אייער פאטער נאָר ניט העלפען, — האט זיי מארטין פריינדליך געענטפערט — פאָהרט אייך געזונטערהייט, און מיר וועלען זיך שוין דיא מיה געבען, אז אויך אייער פאטער זאל ייך אין קורצען זעהן מיט זיין געפאנגענעם זוהן אין פאריז. דיא גוטע נאכריכט וועט ער נאך היינט אין געפענגניס ערהאלטען צוזאמען מיט א פריינדליכען גרוס פון זיין פערזייזטע פאמיליע.

העלענא און יעפים האבען איהם הערצליך געדאנקט און האבען געבראכט זייער מוטער דיעזען אנטוואָרט.

זיי האבען זיך א גאנצען טאָג בעראטהען און האבען ענדליך געפאסט א בעשלוס אוועקצופאהרען נאך פאריז.

מאדאם גרינבערג, וועלכע האט מיט זיי צוזאמען געוואוינט, האט זיך אבער ניט געקענט בעשליסען מיט זיי מיטפאהרען; נור אזוי וויא זיא האט זיך בערעכענט, אז זיא פערבלייבט אין מאסקווא עלענד וויא א שטיין, האט זיא ענדליך אנגענומען זייער פאָרשלאג און אום פיער אוהר מאָרגענס זיינען זיי אלע פון מאסקווא ארויסגעפאהרען מיט א שווערען בעדויערען וואס אננא זאבארין, דיא גוטע פרוי, וואס האט זיי אזוי פיעל געשטיצט איז גראדע שוין עטליכע טעג ניטא אין מאסקווא.

ווען אננא זאבארין איז צוריק געקומען אין מאסקווא און האט געשיקט איהר דיענער לאַדען צו זיך גאלדבוים׳ס פאמיליע, איז זיא איבערראשט געוואָרען פון דעם אנטוואָרט, אז גאלדבוים׳ס פאמיליע צוזאמען מיט אסתר גרינבערג, האבען זיך פלוצלינג ארויסגעחאפט פון מאסקווא, לאזענדיג פיעל פול זייערווירטהשאפט א געשאנק צו דעם דוואָרניק פון יענער הויז און קיינער וויים ניט וואוהין זיי זיינען אוועקגעפאהרען, פרוי זאבארין איז דורך דיעזע נייעס שיער פון זינען ניט אראָפ און האט אויף קיין פאל ניט געקענט פערשטעהן, וואס דא איז פלוצלינג געשעהן. זיא האט באלד געשיקט רופען צו זיך חיטראָווצינען, מיט וועלכען זיא איז שוין זייט איינגע וואָכען בעקאנט געוואָרען דורך א צופאל און האט איהם געפרעגט, וואס דא האט געקענט פאסירען מיט דער פאמיליע גאלדבוים?

— היינטיגע צייטען מאטיושקא, — האט איהר חיטראָווצין מיט אן ערנסטע מינע געענטפערט — קען מען גאר ניט וויסען, וואס עס געשעהט אין איין פאמיליע, איך האב געהערט אז צוויי גאלדבוים׳ס קינדער זיינען שוין זייט א יאהר פערשיקט געוואָרען פאר א פאליטישען פערברעכען נאך סיביר, גאלדבוים אליין זיצט אויך פאר א פאליטישען פערברעכען אין געפענגניס; מעגליך, אז דיא פערבליבענע גאָלדבוים׳ס קינדער זיינען אויך געווען פערמישט אין אזא פערברעכען און אזוי וויא זיי האבען דערשמעקט, אז עס האלט מיט זיי ניט גוט, זיינען זיי צוזאמען מיט זייער מוטער אנטלאָפען. איך צווייפעל גאר ניט, אז אזוי איז עס.

אננא האט א זיפץ געטהאן.

— אבער ווארום איז פון זיי קיין בריעף ניטאָ? — האט זיא טרויעריג געפרעגט — שוין אכט טאג, אז זיי האבען מאסקווא פערלאָזען.

— ווער ווייסט וואו זיי ליעגען ערגעץ? — האט חיטראָווצין מיט א בעדויערניע מינע ערוויעדערט — דאס איז איינס, און צווייטענס, וואס זאלען זיי צו אייך שרייבען? פּאָליטישע פערברעכער זיינען מיט בריעף זעהר פאָרזיכטיג, בעזאָנדערס נאָך, אז זיי ווייסען דאס איהר זייט אָסיפּ זאכארין'ס מוטער און אייער זוהן ווערט געזוכט אין גאנץ רוסלאַנד.

— מעגליך, — האט אננא זיפצענד געזאגט — און יעצט וועל איך אייך, הערר חיטראָווצין עפּעס פרעגען.

— ביטע! ביטע! — האט חיטראָווצין מיט א ליעבליכע מינע אויסגערופען.

— קענט איהר ניט דא אין מאסקווא דער אלטער גרעפין מערי באטענבערג?

— מערי באטענבערג? — האט חיטראווצין זיך קנייטשענד וויעדערהאָלט — ניין, איהר נאמען איז מיר גענצליך אונבעקאנט.

— איך בין גראדע דורך א צופאַל מיט איהר בעקאנט געווארען — האט אננא ווייטער גערעדט — מיין נייער דיענער, וועלכען איך האב אויסגעשריעבען טאקי פון אייער ביוראָ, האט געזאגט מיין קאמער-מערכען, אז ער האט א מאָל געדיענט ביי א געוויסע קאָרטענוואַרפערקע מערי באטענבערג. מיר האט זיך גלייך פערוואָלט אויסלייגען קאָרטען, און איך מוז אייך הערר חיטראָווצין זאגען, אז נאָך אזא וואהרזאגערין וויא מערי באַטענבערג, האט נאָך דיא וועלט קיין מאל ניט פערטראַגט. זיא איז א וואהרע פאַרצייטיגע פּראָפעטין און עס איז פאַסט אונגלויבליך, אז א מענש זאל קענען ווייזען אזעלכע וואונדער. איך וואָלט אייך ראטהען הערר חיטראָווצין איהר צו בעזוכען.

— אָ, גלויבט ניט פרוי אין אזעלכע נאַררישקייט! — האט חיטראווצין מיט א שמייכעל אויסגערופען — היינטיגע צייטען זיינען גאר אזעלכע צויבערינס ניטאָ.

— איך האב פריהער אויך אזוי געמיינט, — האט אננא איהם ערוויעדערט — אבער אז איך זאג אייך הערר חיטראָווצין, אז זיא איז א פּראָפעטין, מעגט איהר מיר גלויבען. זיא האט מיר דערצעהלט מיין גאנצע פערגאנגענהייט, וויא זיא וואָלט עס געלעזען פון מיין נאָטיץ-ביכעל און דאריבער מוז איך גלויבען אויך מיין צוקונפט, וויא זיא האט מיר פאָרגעזאגט.... עס איז שרעקליך הערר חיטראָווצין, איך ראטה אייך איהר צו בעזוכען, דען יעדער מענש האט זיך זיין פעקעלע.

— איהר האט מיר באלד געמאכט חשק, — האט חיטראווצין זיך אפּגעהופען — איך בין א בעלן איהר נאך היינט צו בעזוכען.

דיא טהיר האט זיך פּלוצלינג אויפגעמאכט און א דיענער איז צו מאדאם זאכארין צוגעגאנגען.

— איך ווינשט צו זעהן א פריסטאַוו, — האט דער דיענער געזאגט.

— א פריסטאוו? — האט אננא איבערגעפרעגט — הייס איהם אריינגעהן.

חיטראָוועצין האט זיך אויפגעהויבען און האט געוואלט אוועקגעהן; אבער נאך אננא'ס א וואונק מיט דער האנד, איז ער געבליבען זיצען אויף זיין שטעלע און באלד איז אין צימער אריינגעקומען אונזער בעקאנטער פריסטאוו יורקאָווסקי.

ביידע מערדער האבען זיך איבערגעוואָרפען מיט גנבי'שע בליקען און באלד איז דער פריסטאוו צו אננא זאכארין צוגעגאנגען.

— זייט איהר מאדאם זאכארין? — האט דער פריסטאוו איהר געפרעגט.

אננא האט איהם א וואונק געגעבען, אז ער זאל צוגעהן נאָהענט צו איהר רעכטען אויער.

יורקאווסקי איז צוגעגאנגען נעהענטער און האט עס איהר איבערגעפרעגט.

— נו, וואס האט איהר מיר צו מיטהיילען? — האט איהם אננא גע־פרעגט.

— דאס איז אזא געשיכטע, — האט יורקאָווסקי געלאסען גערעדט — אין מיין קווארטאל האט זיך היינט אין דער פריה געמעלדעט איינער א דורכרייזענדער זאכארין....

אננא איז פון איהר שטעלע ארפגעשפרונגען און א קווימש „אי!" האט זיך מיט א זאָנדערבארען מאָן פון איהר ברוסט ארויסגעריסען.

— וויא איז זיין פאָרנאמען? — האט זיא דעם פריסטאוו ערגרייפענד פאר ביידע הענד איבערראשט געפרעגט.

— ער הייסט אנדריי זאכארין, — האט יורקאווסקי זיך גאנץ רוהיג גערעדט — ער איז שוין א בעיאהרטער מאן און קומט פון דעם וויטען קאווקאז....

אננא האט פאר איבערראשונג אנגעהויבען צו ציטערען מיט'ן גאנצען קערפער און איז הינטער זיך אריינגעפאלען אין איהר ווייכען שטוהל.

— אָ, וואס איז מיט אייך געווארען? — האט דער פריסטאוו איהר געפרעגט— איז דער דורכרייזענדער עפעס אייערער א פערוואנדטער?

אננא איז אביסעל צו זיך געקומען און האט זיך ווילד אומגעקוקט.

— אָ, וואו איז ער? — האט זיא דעם פריסטאוו געפרעגט — האט איהר איהם אהער ניט געבראכט?

— איך האב ניט געוואוסט מאדאם, האט דער פריסטאוו צושטאמלענד געזאגט — איך האב ניט געוואוסט ווער ער איז. איך האב געהערט, אז א פרוי זאכא־רין געפינט זיך אין מאסקווא בין איך געקומען אייך פרעגען. ער האט מיר גיזאגט, ער פאָהרט נאך קיעוו אויפזוכען זיינע א פרוי, וועלכע ער האט שוין עטליכע און צוואנציג יאהר ניט געזעהן.

— איך בין עס! — האט אננא אויסער זיך פאר איבערראשונג אויסגעשריען— איך בין זיין פרוי אננא זאכארין! אָ, וויא נאָט איז אייך ליעב, ברייננט איהם שנעלער פריסטאוו אהער. איהר וועט רייך בעלוינט ווערען.

— ער איז נעבאך אפגעשוואכט פון דער רייזע, — האט דער פריסטאוו איהר

ערוויערערט — קוים וואס ער האלט זיך אויף דיא פיס; אבער באלד מאדאם זאכא־רין האט איהר איהם דא. איך לויף שוין אריבער.

יורקאָווסקי איז פערהאַסטעוועט ארויסגעלאפען און חיטראָוויצין האט זיך גענומען געהן.

— אזוי איז עס, הערר חיטראָוויצין, — האט אננא צו איהם געזאגט זיך האַל־טענדיג פאר'ן קאָפּ — נאָט ווייזט אונז א מאל אזעלכע וואונדער וואס קוקען אונז אוים איבערנאטירליך. שוין איינינע און צוואנציג יאהר, אז איך האב בעטראכט מיין מאן פאר א געשטאָרבענעם און אזוי האט איהם בעטראכט דיא גאנצע וועלט; ענדליך וועל איך איהם באלד זעהן א לעבעדינען און שוין זייט איינינע וואָכען אז איך האב איהם ערווארטעט.

— ערווארטעט? — האט חיטראָוויצין פערוואונדערט געפרעגט.

— דאס וואס איהר הערט, הערר חיטראָוויצין, — האט אננא שאָקלענד מיט'ן קאָפּ געזאגט — גרעפין מערי באטענבערג, האט מיר פאָרגעזאגט אז מיין מאן לעבט און ער וועט אין קורצען צו מיר זיך צוריקקעהרען.

— אזא צויבערין איז עס דיעזע פרוי! — האט חיטראָוויצין זיך האַפּענדיג פאר'ן קאָפּ אויסגערופען — איך מוז איהר באלד בעזוכען.

ער האט זיך העפליך פערנייגט און איז פון אננא זאכארינא'ס הויז ארויס־געגאנגען.

80טעס קאַפּיטעל.

דיא ניעדערטרעכטיגקייט זיעגט.

זייט זלאַדייקינא האט געהאַפּט דעם פייערינען פּאַטש פון דער טויטער שרה פיינשטיין איז דיא פאנאטישע מערדערין וויא א דערשלאַגענע ארומגעגאנגען דיא ערשטע דריי טאג איז זיא געווען אזוי ניעדערשלאגען, אזוי מעלאַנכאָליש, אז זיא האט אויף דיא פיס ניט געקענט איינשטעהן און האט געמוזט ליעגען אין בעט. דיא אורזאכע דערפון האט זיא ניט פערטרויט אפילו איהר געליעבטען חיטראָווצינען; אבער ווען זיא איז אביסעל צו זיך געקומען האט זיא איהם געפרעגט צו ער גלויבט אין טויטע גייסטער, וואס געהען ארום צו פייניגען דיא וואס האבען א מאל גענגען זיי פערבראָכען. דער טייפעלשער חיטראָוויצין האט פערשטאנען, אז מיט זיין געליעבטע האט פּאַסירט עפּעס זאנדערבארעס, און ער האט אביסעל אויפגעקניימשט זיין רויטהע צורה.

— געוויס גלויב איך, — האט ער איהר מיט אן ערנסטע שטימע געענט־פערט — אבער גענען וואס פרעגסט דוא עס מיר?

— איך שעהם מיך אויסצוזאגען — האט זלאַדייקינא צורודערט געערדט — איך האב געזעהן א טויטע....

— דוא האָסט געזעהן א טויטע? געוויס אין חלום.

— אָ ניין מיין טהייערער, — האט זלאַדייקינא מיט א דפּץ געזאגט — איך האב זיי געזעהן אויפ'ן וואָהר.

— נעה, דוא מאכסט דיך נארריש.

— איך מאך מיך שוין נאר ניט נארריש. זעהסט דוא וויא איין באַק איז מיר נאך איצט אויך אנגעשוואָלען? נא טהו א קוק און זאג מיר וועלכע?

חיטראוועין האט איהר בעקוקטביידע באקען און האט געענטפערט:

— יא מיין טהייערע, איין באק איז טאקי ביי דיר אביסעל העכער; אבער זאג מיר שוין, וואס איז מיט דיר אזוינס געשעהן?

— איך האב איינפאך בעקומען א פאטש פון א טויטע פרוי — האט זלאדייקינא ציטערענד ביי אלע גליעדער איהם ערווידערט.

— פון א טויטע פרוי א פאטש? — האט חיטראוועין געלאכט — עך, דאס איז ביי מיר א נייעס. איך האב געמיינט, אז נור לעבעדיגע קענען פאטשען.

— דיר איז גרינג צו לאכען, — האט זלאדייקינא מיט אן ערנסטע שטימע ווייטער גערעדט — איך גלויב אבער, אז אזא געשיכטע וואָלט דיך אליין אויך צערשמעטערט.

— נו, מילא — האט חיטראוועין מיט א טייפעלשען שמייכעל געזאגט — אבער נאָט איז בארמהערציג און האט נאך אויף חיטראוועינען קיין טויטע ווייבער ניט אנגעשיקט. הלואי ווער איך ניך פטור פון דיא צוויי לעבעדינע ווייבער פראנק, וואס זיצען מיר דא אין מאסקווא וויא א ביין אין האלדז, און מיט דיא טוידטע וואָלט שוין חיטראָוועין דורכגעקומען.

— וואס וואָלסט דוא מיט זיי געטהאן? — האט איהם זלאדייקינא מיט א ביטערען שמייכל געפרעגט.

— איך וואָלט אפגעענטפערט מיט אזעלבע פעטש צוריק, אז זיי וואָלטען זיך אפילו טויטער־הייד געהאט צו קראצען. איך דיינק, אז זיי וואָלטען זיך שוין מעהר צווישען לעבעדינע ניט געוויעזען....אבער אוועק אלע שפאָטעריי. דערצעהל מיר, מיין טהייערע, ווער האט דיר טאקי מכבד געווען מיט אזא פייערינען פאטש אין דיין ראָזע בעקעלע, אז א פאָר פינגער זיינען נאך איצט אויף איהר אויסגעמעהלט?

— ש ר ה פ י י נ ש ט י י ן, דיא ערד זאל איהר ארויסווארפען, — האט זלאָדייקינא מיט א ציטערענדע שטימע ערוויעדערט.

חיטראָוועין האט זיך א תאפ געטהאן פאר'ן קאָפּ, דורך וועלכען עס איז באלד דורכגעלאָפען א גאנצער געדאנק; אבער ער האט זיך אין דעם מאָמענט בעשלאָסען פאר זלאדייקינאַ'ן זיך מאכען וויא געפגר'ט.

— אזוי? שרה פיינשטיין? — האט דער באנדיט מיט א העכסט פערפערוואונדערטע מינע געזאגט — אָי, איך הייב אָן צו ציטערען פאר דיא וועגט. זאג מיר אבער מיין טהייערע, וואו האט עס דיר געטראָפען?

— מיר האט עס פאסירט ביי א געוויסען סטאָליער דאָבראָליובאוו אין הויז, ווערהרענד איך בין געגאנגען שפיאָנירען דיא ניהיליסטען; אבער חער נור א וואונדער, היינט האט מיך דא בעזוכט אפענבאך און האט מיר דערצעהלט, אז לויט זיין מיינונג, האט אין יענער הויז געוואוינט דער גרויסער ניהיליסט זאבארין מיט זיין קאָ־

מעראד וואסילי חאָמיאקאָוו, וועלכער איז אונלייננסט אנטלאפען פון געפעננניס. און
מען איך וואָלט ניט געחאפט דעם פּאַטש פון שרה פיינשטיין, האב איך דא
געקענט חאפען פינף טויזענד רובעל פאר חאָמיאקאָוו'ס קאָפּ.

חיטראָווצין האט איהר פערוואונדערט אנגעקוקט.

— איך פערשטעה דיך היינט ניט, מיין קעצעלע, — האט חיטראָווצין צו
איהר געזאגט — רייד מיט מיר קלארע ווערטער און דערצעהל, וואס דא איז
אזוינס געשעהן?

— גאר איינפאך — האט זלאַדייקינא גערעדט — איך האב שפּיאָנירט די
ניהיליסטען. מיר איז איינגעפאלען, אז זאכארין גראבט ערגעץ א מינע לעבען ניקאָ־
לאיעווער אייזענבאהן, און איינינע טעג האב איך מיך אין יענע הייזער, לעבען דער
ליניע ארומגעטראגען אלס פעדלערין מיט א קאָרב, ווען איך האב בעזוכט די הויז
פון דעם סטאליער דאבראליובאָוו און איך האב געוואָלט דאָרט אלעס בעקוקען,
איז פלוצלינג שרה פיינשטיין ארייננעלאפען אין הויז נעקליידעט אין ווייסע תכריכים
און באלד וויא איך האב דערזעהן דער טויטער, בין איך געפאלען אין אהנמאכט
צום באדען; אבער איהרער א פּאטש האט מיך אויפגעוועקט און מעהר האב איך
דער טויטער ניט געזעהן.ביידע סטאליארעס, וועלכע זיינען לעבען מיר געשטאנען,
האבען איהר אויך ניט געזעהן—

זלאַדייקינא האט א זיפץ געטהאן און האט זיך פלוצלינג פערהאקט.

— נו, און וואס פאר א געשיכטע איז דא עפּעס מיט וואסילי חאָמיאקאָוו ?—
האט איהר חיטראוויצין העכסט פעראינטערעסירט געפרעגט.

— מיט א פּאר שטונדען שפּעטער, נאכהער וויא ביידע סטאליערס האבען מיר
פון דאבראליובאָוו'ס הויז האלב־טויט ארויסגעפיהרט — האט זלאַדייקינא ווייטער דער־
צעהלט — האט איינער א שיינקער טאראקאנאָוו געמעלדעט אין קווארטאל, אז דער
גרויסער ניהיליסט חאָמיאקאָוו געפינט זיך אין דאבראליובאוו דעם סטאָליערס הויז.
אָפענבאר האט באלד די הויז אונטערזוכט און עס איז ענטדעקט געוואָרען א שרעק־
ליכע מינע אויף צוויי הונדערט מיט פופציג ארשין די ליינג.... אזוי האט מיר
אָפענבאר אליין דערצעהלט.

חיטראווצין איז געוואָרען אויסער זיך פאר ערשטוינונג און פערוואונדערונג.

— נו, און וואו איז וואסילי חאָמיקאָוו — האט ער איהר פעראינטערעסירט
געפרעגט.

— זאל שוין דארט זיין דער בּאראָנטשיק געגעראלאָוו ! — האט זלאַדייקינא
ערגערליך אויסגערופען — ער האט געשאָסען פון דער מינע ארויס אויף דער פּאָלי־
ציי און האט טוידטליך פערוואונדעט איינינע פּאָליציסטען. אָפענבאר האט בעפוילען
אין דער מינע אריינשיסען און מען האט חאמיאקאוו'ן פון דאָרט ארויסגעשלעפּט מיט
צוואנציג קוילען אין קאָפּ און אין גאנצען קערפּער.

חיטראָווצין האט פערצויגען מיט זיינע ברייטע אקסלען. איהם איז די
גאנצע ערצעהלונג אזוי זאנדערבאר פאָרגעקומען, אז ער איז געווען אויסער זיך פאר
פערוואונדערונג.

— און דער סטאליער דאבראליובאָוו איז אויך ארעסטירט געוואָרען? — האט ער נאך א קורצע פויזע איהר געפרעגט.

— עס איז גאר קיין צווייפעל, — האט זלאדייקינא פאָרטגעזעצט — אז דאָבּראָליובאָוו איז געוועזען זאכארין; אבער איהם האט דיא פאָליציי ניט אויסגעפונען און ביידע סטאָליערס, מיט וועלכע איך האב גערעדט, זיינען אויך וויא אין וואסער אריין.

— ווייס אפּענבאך, אז דוא האסט געזעהן דער טויטער שרה פיינשטיין? — האט איהר חיטראָווצין ווייטער געפרעגט.

— נאך פאר אזא נארר זאָלסט דוא מיר האלטען, אז איך זאל זעהן אָפּענבאַכען דערצעהלען אזעלכע מעשיות.

— דוא האָסט כ׳לעבען שכל, — האט חיטראווצין מיט א חניפה׳דיגע מינע געזאגט — ער איז א געטויפטער זשיד און ער וואלט פון דיר חווק געמאכט. דיא זשידעס גלויבען ניט אין קיין זאך אין דער וועלט אויסער אין דעם גאָט געלד.

— אבער וואס טהוט מען מיין טהייערער, וואס איך האב איהר פון דאמאָלס אן אנגעהויבען צו זעהן יעדע נאכט אין חלום?.... האט זלאדייקינא נאך א קורצען שטילשווייגען איהם טרויעריג געפרעגט.

— לאָך פון איהר קאָפּ! — האט חיטראווצין מיט א פעסטען טאָן געזאגט — לאמיר בעסער יעצט ריידען פון אונזערע זאכען. איך האב זיך פעסט בעשלאָסען, אז באראן גענעראלאוו און ביידע פראנקס מוזען געהן נאך סיביר. מיט ארויספּטר׳ן זיי גלאָט פון מאסקווא וויא גאלדבוים׳ס פאמיליע האב איך מיך ארומגעזעהן, אז איך וועל דא גאר זיך ניט העלפען; אלזא, האב איך נייטהיג, אז דוא זאלסט אין דיין באראן׳ס ביכער ארייגלייגען דיא ניהיליסטישע פּראָקלאָמאציאָנען, וועלכע איך האב דיר שוין לאנג געגעבען, דאס מוז נאך היינט געשעהן, ווייל איך וויל מיך א נעהם טהאן צו דער ארבייט.

— און וואס ועסט דוא מיר געבען, אז דיא זאך איז שוין לאנג בעזארגט? — האט איהם דיא בעסטיע מיט א טריומפירענדע מינע געפרעגט.

— א גלעט פאר׳ן בעק׳ל — האט חיטראווצין מיט א ליעבּליכע מינע איהר ערוויעדערט — אבער צו האָסט דוא עס שוין ווירקליך בעזארגט?

— אויף אזעלכע זאכען — האט דער אויסוואורף זיך געלאסען גערעדט — ווארט איך ניט אויף שפּעטער. איך האב געוואוסט, אז ניט אייביג וועל איך האבען א געלעגענהייט דעם באראן אין זיין האטעל צו בעזוכען און איך האב דיא פּאפּירלאך שוין געוואוסט וואו אהינצוטהאן.

— מעג איך מיר שוין אויף דעם פערלאזען? — האט איהר חיטראווצין מיט אן ערנסטען געזיכט געפרעגט — בלייבען צום נארר פאסט ראָך ניט....

— זיי זיכער אז דער באראן האט דיא פּאפּירלאך ניט געפונען — האט דיא בעסטיע ווייטער גערעדט — זיי ליגען אויפ׳ן שראנק, וואו ער קען מיט דער האנד ניט צוקומען.... גרעפין דאנילווא האט איהם געלאזען א גוטע ירושה.

— — — — — — — — — —

באראן גענעראלאוו, האט ניט אויפגענעבען זיין האפנונג אויפצו־ווייזען פאר דער וועלט, אז ביידע קליינע ארטיסטען אין סאלאמאנסקי'ס צירק זיינען זיין אונ־גליקליכען ברודערס יתומים, אבוואהל דער רייטער דראגונאוו האט איהם געזאגט, אז זיי זיינען זיינע אייגענע קינדער. דער באראן האט אין ביידע קליינע ארטיסטלאך גע־פונען א גרויס עהנליכקייט צו זיין ברודער און שוועגערין, דערצו האט ער נאך געהאט זייערע פאטאגראפישע בילדער אלס קינדער, און יעדער שארפע אויג האט געקענט בעמערקען, אז זיי זיינען דיא זעלבע, וועלכע ער זוכט. ער האט דיא זאך אייניגע טאג פערשוויגען און האט יעדען אבענד בעזוכט סאלאמאנסקי'ס צירק, אום גוט צו בעטראכטען דיא יונגע רייטער, און ענדליך איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער רייטער דראגונאוו זאגט א ליגען און דיא קינדער זיינען זיין ברודערס. ער האט זיך פעסט א נעהם געטהאן צו דראגונאוו'ן און האט געפאדערט מיט'ן הארבען ווארט, אז ער זאל ווייזען מעטרישע צייגניסע, דאס דיא קינדער זיינען ביי איהם געבארען.

— אז ניט מאך איך אייך א פראצעס, — האט ער דראגונאוו'ן מיט א שטרייננגען טאן געזאגט — און איהר וועט פעראורטהיילט ווערען אלס מעניטענ־הענדלער; דען איך קען בעשטימט אויפווייזען, אז דיא קינדער זיינען מיין ברידערס.

דראגונאוו, וועלכער האט א מאל אפגעקויפט ביידע קינדער ביי א ציגיינער אין ניזשני־נאוואנאראדער גובערניע האט זיך ווירקליך געשראקען פאר א פראצעס, און נאכהער וויא ער האט זיך בעראטהען מיט סאלאמאנסקין איז ביי איהם פער־בליעבען, צוריקצוגעבען גענעראלאוו'ן ביידע קינדער מיט דער בעדינגונג, אז דער באראן זאל איהם אפצאהלען צעהן טויזענד רובעל פאר זייער האדרעסאניע גאנצע ניין יאהר; אבער ער האט דאס נאך דעם באראן ניט געזאגט און האט אלץ גע־טענה'עט, אז דיא קינדער זיינען זיינע.

— איך גיעב אייך צייט ביז מארגען זיעבען אוהר אבענדס, — האט גענערא־לאוו צו דראגונאוו'ן געזאגט — און אויב איהר שטעלט ניט צו מיין ברודערס ביידע יתומים צו מיר אין האטעל אייראפא ביז יענער צייט, מאך איך אייך א פראצעס און איהר וועט צוגעצויגען אין דעם מארד פון מיין אונגליקליכען ברודער. איך קען נאר ניט וויסען צו איהר האט אייך בעטהייליגט מיט דער יונגער נאניא אין דעם רויב פון דיא קליינע יתומים'לאך....

דיעזע שארפע ווערטער האבען אויף דראגונאוו'ן שטארק געווירקט און וועה־רענד חיטראוויצין איז געזעסען ביי זלארייקינא'ן אין נומער און האבען צווישען זיך גערעדט, האט דראגונאוואוו געפיהרט ביידע קינדער צום באראן גענעראלאוו אין האטעל „אייראפא".

— — — — — — — — — —

אין דערזעלבער צייט, איז דאס עלענדעס מעדכען חייקע פראנק געזעסען אין צימער ביי באראן גענעראלאוו'ס טאנטע אין וואוינונג. דער יונגער און בליהענדער

סטודענט נאאום שטיין איז לעבען איהר געזעסען און איהר געטרייסטעט, אז ניט אייביג איז א מענשען שלעכט, און גליקליך איז דער, וואס קען זיין קאפ איינבויגען ווען עס וויטהעט א שטורם.... זייערע אויגען האבען זיך פלוצלינג בעגעגענט און זייערעביידענס יונגע הערצער האבען געשטורמט מיט הייסע געפיהלע פון אמארס (גאט דער ליעבע) פייעריגע פונקען. שטיין האט איהר ערגריפען פארביידע הענד און האט ציטערענד ארויסגערעדט:

— איך ליעב דיך ראָזע אין דער וויסטע איך פערגעטער דיך בלום צווישען דערנער! דוא וועסט נאך בליהען ריכענדע ליליע און זיך אנטרינקען מיט טהוי פון דעם פרייען, ליכטיגען און אונפערוואָלקענטען הימעל!....

צוויי טרעהרען האבען זיך וויא צוויי גלענצענדע פערלען פון חייקעס שעהנע און רייצענדע אויגען ארויסגעוועלצט און זיינען ארויפגעפאלען אויף שטיין'ס ציטערענדע הענד.

— שווער, זעהר שווער מיין ליעבער, — האט דאס מערכען שווערמאטהעמדיג קוים ארויסגערעדט — צופיעל דערנער.... צופיעל שלאנגען.... ניטא קיין ווענ פאר עהרליכע מענשען.... עס שטעכט, עס בייסט, דאס הערץ ווערט ענטשטאנען פאר וועהטאג. דיא געפיהלע ווערען געלעהמט און פערגליווערט....

— — — — — — — — — —

— עקסעלענץ! — האט אין דערזעלבער סעקונדע אריינגעשריען א באסאָווע שטימע אין א רעהרעל פון א טעלעפאן — חנה און חייקע פראנק, ביידע קופאנצעןמאכערקעס, בעהאלטען זיך אויף ניקיטסקאיא אוליצא, אין פאפאָוו'ס הויז, ביי מאדאם מעדינצאָווא אין וואוינונג!

— איך הער! — האט אבגעלויטעט א שטימע.

— דער אניטאטאר און פראפּאגאנדיסט פון דיא ניהיליסטישע בעוועגונג — האט דיא באסאָווע שטימע וויעדער אין רעהרעל אריינגעשריען — געפינט זיך אין האָטעל אייראָפּאַ נומער פינף!

— איך הערר! איך דאנקע.

און מיט א האלבע שטונדע שפּעטער, האט מען באראן געגעראַלאָוו ארויסגעריסען פון צווישען דיא ארמען פון זיין ברודערס יתומים און ער איז אריינגעוואָרפען געווארען אין א צעלע, וואו אין נעבסטען נומער האט מען שוין מיט צעהן מינוט פריהער אוועקגעזעצט ביידע אונגליקליכע פראנקס, דיא מוטער מיט איהר טאָכטער.

81טעס קאפּיטעל.

זיי פערזאָרגען איהם מיט אַ לעצט געלד.

דער יודענ־פרעסער פאסטוחאָוו האט ניט געהאט קיין טעות, וואס ער האט אנגערופען דעם קלאָאון פון סאלאמאנסקי'ס צירק „זשידאָווסקאיא מאָרדא". שוטקין איז טאקי א מאָל געוועזען א איד. ביז זיין צעהן־יעהריגען אלטער האט ער זיך געהאָדעוועט ביי זיין טאטען ר' טרייטעל בעל־עגלה אין דער חסידישער שטעדטעל

ליובאוויטש, וועלכע האט געהאט א גרויסען חסידישען רבי. שוטקין האט דאמאלס געהייסען „שמערקע דער שמאראלניק” דיעזען טיטעל האט ער שוין בעקומען, ווען ער איז נור אכט יאהר אלט געווען, וורייל שוין דאמאלס פלעגט ער אפטהאן א-זעלכע שטיפערייען, פון וועלכע גרויסע אידען מיט בערד פלעגען זיך האפען פאר דיא קעפ. זיינער א שטיף איז קיין מאל ניט געווען קיין קינדישער; עס פלעגט ענטהאלטען אין זיך אזוי פיעל וויץ, אז וויפיעל רשעות עס פלעגט אין זיין שטיף ליעגען, איז עס אייבינג צוליעב דער חכמה פערשווינען געווארען. איינמאל אבער האט שמערקע שמאראלניק אפגעטהאן א „פוץ” דעם רבי'ן אליין און ער איז דערפאר גוט בעשטראפט געווארען.

דער רבי האט בעדארפט פאהרען אויף א חתונה צו א רייכען חסידישען ישובניק אין דארף אריין. שמערקעס טאטע ר' טרייטעל, וועלכער איז געווען דער אנטרייבער פון דעם רבי'ס קארעטע, האט זיך מורא געהאט איבערצולאזען זיין צעהן-יעהריגען שטיפער אין ליובאוויטש אהן זיין השגחה. ער האט זיין שמאראלניק אוועקגעזעצט מיט זיך אויפ'ן דייקסעל און דער רבי מיט צוויי גבאים זיינען געזעסען אין דער פערמאכטער קארעטע און האבען געשמועסט וועגען דיא אויבערשטע וועלטען. דיא קארעטע האט זיך פלוצלינג א ביינ געטהאן אן א זייט און מיט א טאראראך!ביידע הינטערשטע רעדער ליגען אין א קאנאל און דיא גבאים זיינען איבערגעקעהרט מיט דיא קעפ אראפ און דער רבי ליעגט אונטען און ווערט שיער ניט דערשטיקט! ר' טרייטעל איז ניט טויט ניט לעבעדיג אראפגעשפרונגען פון דייקסעל און האט ארויסגעשלעפט ביידע גבאים פון דער איינגעפאלענער קארעטע. ער האט דעם רבי'ן וויא עס איז אוועקגעזעצט און אליין האט ער זיך מיט דיא גבאים אוועקגעלאזען זוכען ביידע הינטערשטע רעדער; דערווייל האט זיך שמערקע אראפגעהאפט פון דייקסעל און האט איבערגעשפאנט דעם פערד מיט'ן פנים צום עקיפאזש און מיט'ן הינטען צום פעלד. א גאנצע שטונדע האט זיך געמאטערט ר' טרייטעל מיט דיא גבאים ארויפצוטהאן דיא רעדער אויף דיא אקסען. ער האט וויא עס איז אין דער פינסטער אויפגעזוכט א פאר העלצלאך און האט זיי אריינ-שטעקט אין דיא אקסען, אז דיא רעדער זאלען נאך א מאל ניט אראפפאלען, און ער האט זיך טויט פערמאטערט ארויפגעהאפט אויפ'ן דייקסעל לעבען זיין שלאפענ-דען זוהנעלע, וועלכער איז געלעגען צונויפגעקארטשעט וויא א קאץ.

— וויו! אניא!

און דיא קארעטע האט אנגעהויבען צו געהן הינטער זיך.

ר' טרייטעל האט אויסגעריבען זיינע פערשיכור'טע אויגען פון דיא עטליכע שנאפסען וואס ער האט אין רבי'ס קיך בשתיקה אריינגענאסען און האט זיך שטארק צוגעקוקט.

— הוא אלהים! שמע ישראל! וואו בין איך דא? — האט ר' טרייטעל ווילד אויסגעשריען — לצים? שדים? און לעבען דעם רבי'ס קארעטע? דעם הייליגענס רייטוואגען?....

— שמערקע! — האט ער צו זיין איינגעל א געשריי געטהאן — שפרינג אראפ און זאג דעם רבי'ן, אז דיא וועג געהט עפעס ניט כשורה.... מיר דוכט זיך אויס, אז דיא קליאטשע עפעס....אבער ווארט לאמיר נור א קוק טהאן....

ער האט זיך נאך א מאל גוט צוגעקוקט און האט א פאטש געטהאן א האנד און א האנד.

— שמערקע דוא שלאפסט? — האט ר' טרייטעל געשריען — לויף שוין אראפ צום רבי און דערצעהל איהם. זאג איהם, אז דיא קליאטשע וויא עס זעהט אויס, האבען „זיי" איבערגעקעהרט....

— אָ, ווער? וואס? — האט שמערקע שמאדאלניק רייבענדיג דיא אויגען געפרעגט.

— לויף שוין אראפ צו דעם רבי! — האט ר' טרייטעל געשריען — איך קען ניט אראפגעהן. דיא קליאטשע האלט אין איין געהן פערקעהרט....זיא שרעקט זיך פאר „זיי"....אָ, ניכער, זאג דעם רבי, אז ער זאל מתפלל זיין.

שמערקע איז פון דייקסעל אראפגעשפרונגען און ר' טרייטעל האט ניט געוואוסט וויא צו האלטען פאר דיא לייצעס אום זיין קליאטשע אוועקצושטעלען. דיא קליאטשע האט זיך ווירקליך געשראָקען; אבער ניט פאר שדים, נור פאר דעם אונרעגעלמעסיגען שפאן.

דער רבי מיט דיא גבאים האבען אינוועניג ניט געוואוסט וואס צו קלערען, זיי האבען בעזונדער געלייענט קריאת־שמע און האבען זיך מורא געהאט צו עפענען א פענסטערל. פלוצלינג מאראראך! דער שמאדאלניק האט לויפענדיג ארויסגעשלעפט א שפאן פון איין אקס און א הינטערשטער ראד איז אראפגעפאלען.

דיא קארעטע איז געבליעבען שטעהן, דער פערד איז איבערגעשפאנט געווארען און זיי האבען זיך קוים דערשלעפט אום צוועלף אוהר ביי נאכט צום ישובניק אין דאָרף אריין.

דיא זאך וואָלט ביז היינטיגען טאג פערבליעבען א נס און עס האט שוין געי האלטען דערביי, אז דאס זאל פערשריעבען ווערען אין פנקס פון אלע ליובאוויטשער נסים; אבער דער איינגעל האט זיך ארויסגערעדט פאר אנדערע איינגלאך וויא ער האט געפריצעוועט דעם רבי'ן, זיינע גבאים און זיין אייגענעם טאטען. דאס איז באלד דערטראגען געווארען צום רבי'ן, און שמערקע שמאדאלניק האט געקריגען אריינגעשמיסען און נאך דיא שמיץ האט דער רבי געהייסען ר' טרייטלען, אז ער זאל פון זיין זוהן זיך פורש זיין. אבט טאָג האט זיך דער איינגעל ארומגעטריבען איבער ליובאוויטש און קיינער האט איהם ניט געלאָזט אין א הויז אריין, ביז עס איז דורכ־געפאהרען אין ליובאוויטש א אידישער קאמעדיאנט און ער האט שמערקען צוגענומען אויף זיינע רייזען.

שמערקע ר' טרייטעלס איז צו זיין פופצעהן־זעכצעהן יעהריגען אלטער איבערגעגאנגען אין א בערלינער צירק, וואו ער האט איינינע יאהר געדיענט אלס גוטער קאמעדיאנט און

שארפזיניגער קלאָון. ער איז דורכגעפּאהרען נאכהער א האַלבע וועלט און איז מגולגל געוואָרען אין מאסקווא. דאָרט האט ער זיך אפּגעשמדט און האט געהייראַטהעט א יונגע רוסישע שעהן מיידעל סאָפיא קוזמינאַווא. זיי האבען געלעבט צוזאמען איינציגע יאהר און ער האט איהר הייס און טריי געליעבט. ענדליך איז סאָפיא בעקאנט געוואָרען מיט דוחאָוקינען, ווען זיא איז געקומען פאר איהם בייכטען. דער היילינער האט אין איהר „ודוי" דערקענט, אז מיט א שעהנע מ ט ב ע קען ער זיא ערוורבען אין זיין הארעם.... ער האט זיך געלאזט קאָסטען א היבשע סומע און סאפיא קוזמינאַווא האט אוועקגעוואָרפען איהר מאן שוטקין און האט אריינגעטרעטען אלס היילינע מאנאשקע אין א מאָנאַסטיר.

דיא זאך האט שוטקינען געערגערט ביז צום טויט. ער האט זיין ווייב געליעבט הייס און היילינ. דעם ערשטען יאהר נאך איהר אוועקוואַרפען איהם, איז ער געוואָרען שטאַרק מעלאַנכאָליש, און ער האט זיך ענטזאגט אויף איינינע מאָנאַטען פון זיין שטעלע אין סאלאמאנסקי'ס צירק. ער אליין איז נאר אן אפיקורוס, ער גלויבט ניט אין רעליגיאָן. ער האט דיא ערשטע צייט אזוי אויך געפּרנען זיין יונגע ווייב און איז געווען זעהר צופריעדען, וואס זיי שטימען גלייך. ענדליך אבער, דערגעהט זיין ווייב צו אזא פאנאַטיזמוס און טרעט אריין אין א פּראוואָסלאַוונעם מאנאסטיר! ער האט עס בעטראכט פאר אזא קראנקהייט. קיין פערדאכט, אז דאָ פערבאָרגט זיך עפּעס א שמוציגע זאך האט איהם גאר ניט געקענט איינפאלען. זיין פרוי האט זיך פאר איהם דיא גאנצע צייט געהאט געוויזען טריי, קייש און ערגעבען, היינט וויא זאָל ער רעכענען, אז א היילינען זאָל איינפאלען אוועקרויבען א פרוי פון איהר מאן, ווייל אין איהר בייכטען וועט ער דערקענען, אז דער עסק קען געהן....

שוין א פּאָר וואָכען זייט זאבארין, געראַאין, וואָאין און וואסילי פּעטראָוו האבען זיך אלס היילינע מאנאכען אוועקגעלאזען צו קאמונאוו'ן אין קרעמעל; שוין א פּאָר וואָכען, אז מיט דעם קלאָון שוטקינען איז בעקאנט געוואָרען א יונגער מענש מיט'ן נאמען יערמאלאָוו. זיי זיינען אזוי בעפריינדעט געוואָרען, אז זיי ריידען איינער מיט דעם צווייטען פּער „דוא".

זיי זיצען יעצט צוזאמען אין א צימער און פיהרען צווישען זיך א געשפּרעך.

— מיין ניט יערמאלאָוו,— האט שוטקין צו זיין קאמעראד געזאגט — אז איך זיץ דא אין מאסקווא פאר פערגניגען. איך פערהאס רוסלאַנד וויא א פּעסט און מאסקווא מיט איהרע חזירים בעזאָנדערס. איך בין א פריי-דענקער און נור דער געדאנק, אז איך געפין מיך אין רוסלאַנד מאכט מיר דעם טויט. איך קען לעבען מיט מיין טאלאנט אין דער גאנצער וועלט וויא א קייזער.

— נו, טאָ וואָרום שווייגסט דוא? — האט איהם יערמאלאָוו מיט א שמייכעל אונטערבראָכען — הלואי וואָלט איך מיך קענען ארויסכאפּען פון דעם פערפלוכטען רוסלאַנד, וואָלט שוין לאנג מיין פוס דאָ ניט געווען.

— יעדער מענש האט זיך זיין פּעקעלע צרות, — האט שוטקין מיט א זיפץ ערווידערט — דוא זעהסט מיך פרעהליך ארויסטרעטען אויף דער אַרענאַ; אבער

אין הארצען איז א לאָך....מיין ווייב, וועלכע איך האָב שטערבליך געליעבט איז פלוצלינג פון זינען אראָפּ. זיא איז אריינגעטרעטען אין א פּראוסלאוונעם מאנאסטיר.

— א שעהנער שגעון כ׳לעבען! — האט יערמאלאוו לאַבענד אויסגערופען — שוין לאַנג איז עס געשעהן?

— שוין דריי חשך׳דיגע יאהר! איך האָב מיך גאר קיין מאָל ניט געקענט פאָר־שטעלען, אז א פריי־דיינקערין וויא זיא זאל פלוצלינג דערגעהן צו אזא וואהנזיניגע פאנאטיזמוס.

— מן־הסתם האט זיא דיך ניט געליעבט.

— ניין יערמאלאָוו, זיא האט מיך יא געליעבט; אבער זיא איז איינפאַך משוגע געווארען.... גאנצע דריי וואָכען האט זיא פאנטאזירט וועגען א מאנאסטיר און פלוצלינג האט זיא מיך געלאזען וויא איך שטעה און געה.

— מערקווירדיג! נו, האָסט דוא זיא פאר דער גאנצער צייט חאָטש איינמאל געזעהן?

— פון דער ווייטענס; אבער זיא האט זיך ניט געלאזט ריידען איין וואָרט.

— האָסט דוא אין איהר א מאל ניט בעמערקט עפּעס א שטרעבונג צו א הויכען אמט? א גאָנצע קען דאָך דערגעהן צו אן אבטעסין.

— ניין, זיא איז אייביג געווען גאר סאציאליסטיש און ניהיליסטיש געזאָנען, וויא מיר אלע יונגע מענשען.

— איז זיא דיר געווען טריי? — האט איהם יערמאלאוו געלאסען געפרעגט — איז זיא געווען אן עהרליכע דאמע?....

— עהרליך צו עהרליך איז ניט גלייך.

— היינט וויא קומט עס וואס זיא איז איינע פון פאביעדאנאסצעוו׳ס קעבס־ווייבער? — האט יערמאלאוו שארף און שניידענד איהם פלוצלינג א פרעג גע־טהאן.

— וו—אָ—אָ—ס?! — האט שוטקין אויפשפרינגענד פון זיין שטעלע ווילד אויסגערופען — וואס האָסט דוא יעצט געזאגט?

— איך האב געזאגט, — האט יערמאָלאוו זיך גאנץ געלאסען גערעדט — אז דיין סאפיא קוזמינאווא, איז פאביעראנאסצעוו׳ס א קעבס־ווייב.

— אויב דוא ביסט ביי דיין קלארען זינען, — האט שוטקין אויסער זיך פאר כעס און איבערראשונג געדאָנערט — מוזט דוא מיט מיר שוין דועלירען!

— אָט טאקי ווייל איך בין ביין קלארען זינען — האט יערמאָלאוו רוהיג ער־ווידערט — זאג איך דיר, אז דיין סאפיא קוזמינאווא זיצט אין א הארעם פון יונגע מיידלאך און ווייבלאך און דער איינענטהימער פון דיעזען הארעם איז פּאָביעדאָנאָס־צעווס א פאקטאָר דוחאָווקין. דועלירען מיט דיר וויל איך ניט, נור אויב איך זאג דיר א ליגען, זאלסט דוא מיר אריינלאזען א קוגעל אין שטערען און איך וועל דיר מיין קאָפּ פרייוויליג אָנשטעלען.

שוטקין איז לייכענבלאס געווארען און האט פארבאָכען מיט דיא הענד.

— וויא אזוי ווייסט דוא אזעלכע געהיימניסע? — האט שוטקין נאך א קורצען
שטילשווייגען ערשטוינט און ניעדערשלאגען איהם געפרעגט — דוא האסט דאך נור
וואס מיינע פערהעלטניסע גאר ניט געוואוסט.

— איך האב זיי מיין טהייערער פריינד גאנץ גוט געוואוסט, האט יערמאלאוו
וויטער גערעדט — נור איך האב געוואלט זעהן צו דער קונער שוטקין פערשטעהט
א פרויינ-הארץ און וויים דיא פערדאבענהייט פון דיא פארשטעהער פון דער הייליגער
פראוואסלאוויע.

— קענסט דוא מיר אין דעם איבערצייגען? — האט שוטקין צארניג און אויפ־
גערעגט געפרעגט.

— מעהר וויא וויזען דיר וויא דוחאוקין פיהרט דיין טייבעלע יעדע וואך צו
פאביעדאנאסצעוו'ן אין האטעל קען איך ניט. מארגען, אז דוא ווילסט לאמיר זיך
אוועקשטעלען אום ניין אוהר אבענדס נעגען דעם האטעל „סלאוויאנסקי באזאר“ און
דוא וועסט זעהן, אז יערמאלאוו איז ניט קיין ליגנער.

— און דוחאוקין אליין האט דאך געווים מיט איהר עסקים! — האט שוטקין
בעטירבט וויא צו זיך אליין גערעדט — גוט! איך וועל איהם אנלעהרנען וויא א
קלאאון!....

— אום דוא זאלסט וויסען, אז יערמאלאוו איז ניט קיין ליגנער, — האט יער־
מאלאוו ווייטער גערעדט — וואלט איך דיר ראטהען, אז דוא זאלסט ארייננטרעטען
אלס הייליגער מאנאך אויף איינינע טעג צו דוחאוקינען אין „קרעמעל“, דאן וועסט
דוא זיך דערוויסען פון „פויגעל מילך“.

— אלס מאנאך? — האט שוטקין ביטערליך געלאכט — און פארוואס ניט
אלס מאנאשקע? בין איך דען א מאוס'ער יונגער מאנטשיק? בין איך דען א שלעכ־
טער קלאאון? איך וועל דיר ווייזען יערמאלאוו א קונץ, אז דוא אליין וועסט זיך אין
מיר אלס אין א שעהן מיידעל פערליעבען.... שוטקין טויג צו אזעלכע שטוקעס. דערצו
בעזיצט ער נאך א פיינע בויך־שטימע מיט אלערליי נגונים.

— יערמאלאוו, דיין טאטע איז געשטארבען! — האט יערמאלאוו פלוצלינג
דערהערט א דומפפע שטימע פון יענער זייט טהיר.

יערמאלאוו איז לייכענבלאס געווארען, ער האט זיך פון זיין שטוהל האסטיג
אויפגעהויבען און צוגעלאפען צו דער טהיר.

— וואוהין לויפסט דוא יערמאלאוו? — האט ער לעבען דער טהיר דערהערט
א שטימע פון אונטער שוטקין'ס בעט אין דעם צווייטען צימער — דיין טאטע לעבט!
יערמאלאוו האט זיך ווילד אומגעקוקט און האט דערזעהן וויא שוטקין שמיי־
כעלט.

— א, דוא האסט מיר דיא נשמה ארויסגענומען! — האט יערמאלאוו פלוצלינג
אויסגערופען און איז צו שוטקינען צוגעלאפען — איך האב מיך פערגעסען, אז איך זיץ
מיט שוטקינען דעם בויך־רעדנער.

— זעהסט דוא שוין! — האט שוטקין שמייכלענד געזאגט — מענסט דוא שוין

זיכער זיין, אז דער הייליגער טייפעל וועט ביי מיר פערפאסטען מיט זיין לעבען; אבער זאג מיר פריינד פון וואנען ווייסט דוא עס אלעס?

— דאס מאָר איך דיר ניט אויסזאגען — האט יערמאָלאָוו מיט אן ערנסטע שטימע איהם ערוויעדערט — אבער דאס קען איך דיר זאגען, אז פיעלע מאנאכען אין דעם הייליגען „קרעמעל" וועלען דיר מיטהעלפען אויסצואיבען דיין ראכע איבער דעם לומפּ.

שוסקין בעדארף קיינעם ניט האבען! — האט דער קלאאון שטאָלץ אויסגעּ רופען — נאך היינט טרעט איך צו, אלס הייליגע נאָגע, צו דעם הייליגען דוחאָוואָקינען; מאָרגען איז ער פערליעבט און איבערמאָרגען איז ער מיט זיין קאָפּ אהינצו....ראכע! ראכע! ראכע!

82טעס קאפּיטעל.

שרה פיינשטיין ביי אָפּענבאַכען.

— איז גרעפין מאריא דאנילאווא צו הויזע? — האט געפרעגט א שעהנער, קרעפטיגער מאן פון מיטלער אלטער דעם שווייצאר, וועלכער איז געשטאנען ביי דער פראָנט-טהיר פון גרויסען האטעל „סלאוויאנסקי באזאר".

— אין א האלבע שטונדע ארום וועט זיא זיין אין איהר נומער, — האט דער שווייצאר דעם מאַן ערוויעדערט.

— פיהר מיך אריין צו דעם איינענטהימער פון האָטעל, — האט דער מאן געזאגט — איך האב איהם נייטהיג צו זעהן.

דער שווייצער האט ארויפגעפיהרט דעם אונבעקאנטען אויף מראַמאָרנע טרעפּ און האט איהם דאָרט אין א ברייטען ליכטיגען קאָררעדאָר אנגעוויעזען א טהיר.

דער מאן האט אנגעקלאפּט און איז אריין צו סעמיאנאוו'ן, דעם איינענטהימער פון סלאוויאנסקי באזאר.

— דערקענט איהר מיך? — האט ער מיט א שמייכעל סעמיאנאוו'ן גע־ פרעגט.

— א בעקאנטע שטימע, — האט סעמיאנאוו געזאגט.

— אָפּענבאך, — האט דער מאן מיט א שמייכל געזאגט.

— אָ, עקסעלענץ, זייט מיר ווילקאמען. זעצט אייך, האט סעמיאנאוו מיט א פריינדליכע מינע אויסגערופען — און ריידענדיג האט ער אפּענבאכען דערלאנגט א שטוהל.

— א נעהיימע זאך האט מיך צו אייך געבראכט, — האט אפּענבאך שטיל געזאגט — און איך פערהאָף, אז דאס וועט פערבלייבען ביי אייך א שטרייגגע גע־ הײמניס.

— נאך וואס פאר א געהיימניס!

— זאגט מיר הערר סעמיאנאָוו, — האט אפּענבאך מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — קענט איהר מיר אָפּט ניט פערשאפען א גוטען פּלאַץ לעבען גרעפין מאריא דאנילאווא'ס צימער, וואו איך זאל מיר דאָרט פערשטעקען און פון דאָרטען זאל איך קענען אלעס הערען און זעהן, וואס ביי דער גרעפין אין צימער קומט פאָר; אבער

אזא גוטען פּלאַץ, וואס דורך קיין צופאַל, וואס קען זיך א מאל טרעפען, זאל איך פון איהר אדער פון יעמאנדען בעמערקט ווערען.

— איך קען אייער עקסעלענץ זעהר גוט דיענען מיט אזא פּלאַץ, — האט סע־מאַינאַווא נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — לעבען דער גרעפינס זאל, אין וועל־כען זיא עמפּפאנגט געסט און זיא זיצט אימער ווען זיא איז צו הויזע געפינט זיך א לופט־שאַכטע. דאס איז א גאנץ קליינער פּיער־עקיגער פּלאַץ אהן א דאך; אבער מיט קיין בעסערן קען איך אייך ניט דיענען. פון דער גרעפינס זאל געהט ארויס א קליינער פענסטערל מיט מאַטע שויבען צו דיזער לופט שאַכטע. ווען אין זאל איז ליכטיג און אין דער שאַכטע איז דאַך יעצט שרעקליך פינסטער, קען מען פון דאָרט, פון דער שאַכטע אַלעס זעהן וואס עס טהוט זיך אין זאל און אויך הערען יעדען גע־שפּרעך אין זאל, און גליקליכערווייזע איז אונטער דיעזען פענסטערל דא אזא ארט באַלקאָן. אויף דיעזען באַלקאָן קען איך אוועקשטעלען א שטוהל איהר זאלט קענען בעקוועם זיצען. עס וועט אייך אפּילו דאָרט ניט זיין אנגענעהם צו זיצען אונטערן פרייען הימעל; אבער ליידער האב איך קיין בעסערן אָרט וואס זאל קענען דיענען פאר אזא ארבייט, וואס אייער עקסעלענץ ווינשט צו טהאן—

— איך וויים הערר סעמיאנאוו, — האט דער שעף פון דער מאסקווער געהיים־פּאָליציי איהם איבערגעשלאָגען די רייד – אז אייך געפעהלט געוויס ניט מיין יעצטיגע אַ ר ב ײ ט צו שפּיאָנירען; אבער איהר מעגט מיר גלויבען, אז יעצט גראדע איז דאס א גאנץ עהרליכע און ווינשענסווערטע ארבייט. דא געהט, צו דער־נעהן דיא וואהרהייט און דאדורך צו רעטען דאס לעבען און פרייהייט פון אייניגע אונשולדיגע און עדעלע מענשען. נור זאגט מיר, וועל איך נאך דארפען קריכען אין דער לופט־שאַכטע דורך א לאָך?

— ניין, דאס גראדע ניט. פון קארידאר געהט אהין ארויס א טהיר. מען וועט מעהר ניט דארפען, וויא לייגען א ברעט פון שוועל פון דער טהיר צו דעם באַלקאָן, איהר זאָלט קענען ארויפגעהן און אראָפּגעהן; אבער עס איז ניט וויים דער באַלקאָן פון דער טהיר, אין גאַנצען אומגעפעהר ביי צוויי ארשין.

— טו זייט אזוי גוט הערר סעמיאנאוו און געהט שוין דאס אלעס צורעכט מאכען. זיא זאל דערווייל ניט אנקומען.

— אין פינף מינוט איז אַלעס פערטיג, — האט סעמיאנאוו געענטפערט און ער האט זיך אויפגעהויבען און איז שנעל ארויס פון צימער.

עס איז נאך קיינע פינף מינוט ניט אוועק איז סעמיאַנאָוו צוריק אריין אין צימער און האט געזאגט צו אָפּענבאַכען:

— קומט עקסעלענץ, אלעס איז שוין אין דער בעסטער אָרדנונג.

— איך דאנק אייך זעהר, הערר סעמיאָנאוו פאר אייער מיה, האט אפּענבאַך געענטפערט און איז מיט'ן ווירטה ארויס פון צימער.

אין אייניגע מינוט ארום איז דער שעף געזעסען אויף דעם באַלקאָן לעבען דעם פענסטערל פון מאריא זלאַדייקינא'ס זאל איינגעטוליעט אין זיין מאַנטעל.

עס האט נעדויערט א פערטעל שטונדע און אונזער בעקאנטע בעסטיע מאריא זלאדייקינא איז אין איהר צימער אריינגענאנגען. זיא האט שווער נעאטהעמט און האט זיך וויא זיא שטעהט און נעהט א וואָרף געטהאן אויף דער וויבער זאָפּע.

— אָ, גאָט, — האט זיא שטיל געברומט — וואס האָסט דוא אויף מיר אנגע־שיקט טויטע נשמות!

זיא האט מיט ציטערענדע הענד אויסגעטהאן איהר הויכע הוט, און האט איהר אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש און האט זיך ווידער אויף דער זאָפע אויסגעצויגען פער־שטעלענדיג איהרע אויגען מיטביידע הענד.

— הערריין! — האט זיא פּלוצלינג אויסגעשריען דערהערענדיג א קלאפּ אין טהיר. זיא האט זיך אוועקגעזעצט און אויסגעגלייכט, און א הויכער פּערזאָן איז אריין צו איהר אין צימער.

— ווער זייט איהר? — האט זיא איהם מיט א בייזען טאָן געפרעגט.

— וויא הייסט עס ווער איך בין? — האט דער מאן פערוואונדערט געפרעגט— דערקענט איהר דען ניט מיך? זעהט איהר ניט, אז איך בין ווזיאטקין?

— ווזיאטקין? לאזט מיך צופריעדען. איך קען אייך ניט!

— א שעהנע געשיכטע כ'לעבען, — האט ווזיאטקין פרעך גערעדט — זיא האט זיך שוין גאר פערגעסען, אז איך האב איהר א מאל אָפּגעריסען א האלבע שלעפּע און זיא האט דערפאר בעקומען אכט און צוואנציג טויזענד רובעל!

— אזא יאהר אויף אייך וואס פאר אן עצה דאס איז געווען! — האט זלאָ־דייקינא מיט א ביטערן שמייכעל געברומט — און א י י ן קאָפּיקע האב איך ביז היינ־טיגען טאָג אָנגעזעהן?

— מאכט אייך ניט צום נארר גרעפּין, — האט ווזיאטקין זיך אוועקזעצענד אויף א שטוהל לאנגזאם גערעדט — מיינט ניט אז ווזיאטקין איז א נארר און פער־שטעהט ניט אייערע שפּיצלאך — פּטר'ט מיך אָפּ גרעפּין, איך האב קיין צייט ניט.

— איך פערשטעהע ניט וואס איהר מיינט מיט דעם, הערר ווזיאטקין, — האט זלאדייקינא העכסט אויפגערעגט גערעדט — סיידען איהר זייט ניט ביי'ם קלארען זינען.

— וואס איז דא פאראן ניט צו פערשטעהן? — האט ווזיאטקין שמייכלענד געזאגט — איך וויל א חלק אין דיא אכט און צוואנציג טויזענד רובעל, וועלכע איהר האט בעקומען פון אנטאנאוו'ן. איהר האט מיר צוגעזאגט א ריכטיגע העלפט און איך וויל מיך יעצט זעהן מיט דער מטבע; וואס טויגען מיר דיא אלע צערעמאָניעס?

— פאר אייער עצה, האט זלאדייקינא מיט א שמייכעל איהם ערוויעדערט— זייט איהר ווערט געווען איין מאל א פּאטש און מיט דעם וואס איהר זייט פּלוצלינג וויא פון בוידים אראפּגעפאלען און בעט מיר א חלק פון וואס איך האב א י י ן קאָפּיקע נאך ניט בעקומען, זייט איהר ווערט א צווייטען פּאטש. ווער האט עס אייך געזאגט, אז איך האב שוין דיא סומע ערהאלטען?

— סטייטש? — האט ווזיאטקין געבורטשעט — איז עס מעגליך, אז איהר האט

נאך ביז יעצט דאס געלד ניט ערהאלטען? אפענבאך איז דאך פאר אייך „שטאָל און אייזען”.... ער האט דאָך אנטאָנאָוו'ן ארייגעפאקט צוליעב אייך אין אכטראג.

— אפענבאך איז א שורקע! — האט זלאדייקינא ערגערליך אויסגערופען — און פון אזא בלוט-פערצאפּער איז נאר ניט צו ערווארטען. איהר קענט איהם גאנץ גוט, איך בעדארף אייך ניט זאגען ווער ער איז. אנטאָנאָוו זיצט אין געפענגניס, אבער דאס געלד האב איך נאך אלץ ניט בעקומען.

— אפשר פערשטעהט ער דער קראָקאָדיל? — האט וויאטקין זיך קראצענד פאר דער פאטילניצע איהר געפרעגט — אפשר שמויסט ער זיך, אז איהר האט דא געמאכט א בלבול?

— פאר אזא נארר האלט איהר מיר עס, הערר וויאטקין? — האט איהם זלאדייקינא פערדריסליך אונטערבראָכען.

— מאלע וואס עס קען טרעפען? — האט וויאטקין פאָרמנעזעצט — איהר זייט זיך מאכי א קלוגע פיינעלע; אבער אפענבאך מעג זיך זיין קלינער פון אייך. ער איז א געוועזענער „ושיד” דער טייפעל. ער בעזיצט א שארפען בליק....

— איך מאך מיט אייך א וועט, אז זלאדייקינא זאל איהם אין א זאק ארייננארען, האט זלאדייקינא שטאָלץ געזאגט.

— ניט היינט-געדאכט! — האט זיך אפענבאך אויפ'ן באלקאן אונטער פענסטער געטראכט — אבער לאמיך הערען ווייטער....

— מילא, לאמיר דאס אוועקלייגען אן א זייט, — האט וויאטקין ערוויעדערט — זאגט מיר נור, ווען פערהאָפט איהר דאס געלד צו ערהאלטען?

— איך קען עס ניט וויסען, הערר וויאטקין, אבער זייט זיכער, אז ווען איך וועל דאס געלד ערהאלטען וועט איהר בעקומען אייער טהייל

— נו, געדיינקט-זשע, — האט וויאטקין זיך אויפהייבענד פון זיין שטוהל געזאגט.

זלאדייקינא האט זיך אויף א ווייל פערטראכט.

— הערט נור הערר וויאטקין, — האט זיא נאך א קורצע פויזע געזאגט — וויא איך זעה זייט איהר א גרויסער גוטהבעדירפטינגער. ווילט איהר פערדיענען א היבשע סומע?

— ועלען צו וועלען איז ניט גלייך! — האט וויאטקין מיט אן ערנסטען געזיכט אויסגערופען.

— מיר זיינען ביידע פערטרויטע מענשען, — האט זלאדייקינא ווייטער גערעדט — ליידער אבער האט אינז פאָרלויפיג יענע מעשה מיט אנטאנאוו'ן ניט געלונגען; איהר וועט אבער פון מיר בעקומען א היבשע סומע, ווען אייך וועט געלינגען מיר צו ברייננען א פאפיער, וועלכען מען בעדארף פון א געוויסען טיש ארויסשלעפען....

— עס ווענדט זיך אויף וועמענס טיש ער ליעגט, — האט וויאטקין איהר ערוויעדערט — א מאל קען אזא מעשה זעהר שווער אנקומען.

— איך ווייס אבער, אז דאס וועט אייך זעהר לייכט אנקומען, ווייל איהר האט דאָרט אן איינגאנג.

— נו, אדרבא, זאגט מיר גרעפין.

— איך האב בעמערקט, — האט זלאדייקינא געזאגט — ביי אָפּענבאכען אויפ'ן טיש א פּאפּיער, וועלכען איך וואָלט זעהר וועלען האבען. קען עס געהן?

— געה; קען שוין געהן אלעס, — האט ווזיאטקין מיט א שמייכעל ערוויעדערט — אבער וואס קען איך פון אייך בעקומען?

— א רעגען-בויגען פּאפּירעל!

— אָ, ניין מאטיושקא, דריי אזעלכע....

— אָ, זייט איהר א געלד-נייציגער טייפעל! — האט זלאדייקינא שמייכלענד געזאגט.

— פערגעסט אויך ניט מאטיושקא, וואס פאר א שטיקעל ארבייט דאס איז....

— פערגעסט אייך אבער ניט, הערר ווזיאטקין, אז א הונדערטער איז פּאסט פאר צוויי מאנאטען זשאלאָוואניע (געהאלט).

— נו, זאל זיין צוויי, מאטיושקא.

— אָפּגעמאכט!

— יעצט וויל איך וויסען, וויא דער פּאפּיער קוקט אויס, — האט ווזיאטקין נאך א קורצע פּויזע געזאגט.

— א קאָנווערט וואס איז געשטעמפּעלט פון ניזשני-נאָוואָגאָראָדער שעף און אויבען איז געשריעבען „סעקרעטנאָע" (געהיימניספאָל).

— איך וועל היינט מיר דיא מיה געבען דאס פּאפּירעל אייך צו קריגען — האט ווזיאטקין מוטהיג איהר ערוויעדערט.

— און אז שוין לאָטבענען, — האט זלאדייקינא מיט א שמייכעל גערעדט — מטאָ לאָטבעט שוין דאָרט צו וויפּיעל אייך וועט אין דער האנד ארייפאלען. פאר דיא איבעריגע פּאפּירלאך וועט איהר בעקומען אן עקסטרא'ן פּרייז.

— מיט גאָטעס הילף, — האט ווזיאטקין מיט א שמייכעל געזאגט.

ער האט איהר ליעבליך געדריכט זיין האנד און איז פון איהר צימער ארויס-געגאנגען.

— עף, — האט זיך זלאדייקינא געטראכט — מעגליך אז דער בריעף דאָרט איז ניט ווערט איין קאפּיקע; אבער אפענבאך עפּעס איז אזוי קאלט.... דערצו נאך האט ער וועגען „ניזשני-נאָוואָגאָראָד" מיר געשטעלט ניט לאנג עפּעס אזא זאנדערבארע פראגע. וועד קען קלערען א שפּיאָן? צוויי הונדערט רובעל א כפרה, אבי איך זאל זיך קענען בערוהיגען....

זיא האט ארויסגעצויגען פון איהר בוזים א קליין זייגערעל און האט איהם ארפגעמאכט.

— ווארום קומט ער ניט דער טייפעל? — האט זיא צווישען די א צייהנער א ברום געטהאן — שוין נאך פיער אוהר—

דיא טהיר האט זיך אין דיזער ווילע נאך א לייכטען אנקלאפּען אויפגע־
מאכט און א דיקער מאַן איז אריין אין צימער און האט נאך זיך דיא טהיר צו־
געשלאָסען.

— אָ, חיטראָווצין! — האט זיא מיט א ליעבליכע שטימע אויסגעשריען —
איך האב דיך נור וואס דערמאהנט און האב מיך געוואונדערט, ווארום דוא ביסט
נאך ניט געקומען.

— אָט בין איך! — האט חיטראָווצין מיט א פריינדליכע מינע אויסגערופען —
נו, וואס מאַכסט דוא מיין קעצעלע?

ער האט זיך לעבען איהר אויף דער זאָפע אוועקגעזעצט און זלאַדייקינא האט
איהם גענלעט פאר דיא האָר.

— זעה וואס דוא האָסט דערלעבט, — האט דיא בעסטיע מיט א קאָקעטישע
מינע געזאגט — באראָן גענעראלאוו זיצט אין געפענגניס, חנה און חייקע פראנק
ווערען מיט איהם צוגלייך געהן נאך סיביר, און גאלדבוים׳ס פאמיליע האט דער
שווארץ יאהר אוועקגעטראגען אין פאריז.... און אין דעם האָסט דוא אלץ צו בע־
דאנקען דיין אמאליגע געליעבטע, וועלכע דוא האָסט אזוי טיראניש יענעם
אבענד בעהאַנדעלט. זאָג חאָטש טויזענטמאל מיינער, אז דוא האָסט חרטה.

— חרטה צו חרטה איז ניט גלייך, — האט חיטראָווצין מיט א שמייכעל גע־
רעדט — אבער וואס האָסט דוא דערמיט פערלאָרען? איך דיינק, אז דיא אכט און
צוואנציג טויזענד רובעל פון אנטאנאוו׳ן וועסט דוא געוויס בעקומען; און אין דעם
האָסט דוא צו פערדאנקען דיין חיטראָווצינען, וואס ער האט דיר אין יענעם אבענד
אזוי גוט ארונטערגעשוגדען דיא פעהלבעל. אז ניט וואָלסט דוא דאך אויף אנטאָ־
נאָוו׳ן דעם בלבול ניט געמאכט. וואס, ניין קעצעלע?

— דיינקסט דוא טאקי אויך, אז איך וועל דאס געלד בעקומען?

— ווארום דען ניט מיין טייבעלע? וויא באלד ער זיצט פערשפּארט אין גע־
פענגניס און קיינער גלויבט איהם ניט, אז ניט ער האט דיין צורה׳קע אָפּגעשוואַרצט,
שטעהסט דוא מיט דאס געלד זעהר גוט. וויא באלד דוא ביסט בעגלויבט אויף
איינס, ביסט דוא אויך בעגלויבט אויף דאס צווייטע.

— אבי איך האב געמיינט, אז איך האב מיך דא צופיעל פערפלאָנטערט! —
האט זלאַדייקינא ערפרעהט אויסגערופען.

— וואס מעהר פערפלאָנטערט אין רוסלאנד איז דעסטא בעסער, — האט
חיטראווצין מיט זיין געוועהנליכען שמייכעל גערעדט — מען בעדארף זיך נור אָפּהי־
טען פון דעם ערשטען פעררעכט און זאָגסט געהט אלעס דורך; אבער דאס אין א
זייט מיין טייבעלע, זאג מיר נור צו דוא וועסט קענען מאכען נאך אימיצען א
חתונה׳קע וויא דוא האָסט געמאכט דעם באראָן גענעראלאוו מיט דיא פאפירלאך?

— דוא ווייסט דאך מיין טהייערער, אז איך וואָלט פאר דיר געלאָפען אין
פייער, — האט זלאַדייקינא איהם גלעטענד פאר זיינע רויטהע באקען געענטפערט.

— אבער דאָרט טוט עס קלוג געמאכט ווערען, — האט חיטראָווצין איהר אויפ־

מערקזאם געמאכט — רען יענער סוביעקט איז א „זשיד״ און פאר א זשיד מוז מע ...יין פאָרזיכטיג.

— צוואנציג זשידעס וועל איך אריינגארען אין איין זאק! — האט זלאָדיי־ ...קינא שטאלץ אויסגערופען — נאך אזא בריה וויא איך, דוכט זיך קענסט דוא אין ...דער גאנצער וועלט ניט געפינען.

— אבער איך זאג דיר נאך א מאל, מיין קעצעלע, אז מיט זשידעס בעדארף ...מען וויסען וויא אומצוגעהן.

— מעגסט זיך שוין אויף מיר פערלאזען.

נו, אויב אזוי, וואָלט איך וועלען, אז ביי דעם זשיד שטיין זאל דיא פּאָליציי ...אויסגעפינען אזעלכע פראָקלאמאציאָנען וויא ביי באראן גענעראלאוו.

— שטיין, וועלכער איז פערליעבט אין דער ארעסטירטער חייקע פראַנק?

— יא, אבער איך מיין, אז זיין פאטער זאל אויך ארעטירט ווערען.

— איך פערשטעה שוין צו וואס דוא בעדארפסט עס! — האט זלאדייקינא ...פרעהליך אויסגעשריען.

— נו, אדרבא זאג אויף טשיקאוואָסט.

— נאר איינפאך, ווייל דער פאטער מיט זיין זוהן חלאָפּאָטשען, אז חנה און ...חייקע פראנק זאלען בעפרייט ווערען און דאס טויג דיר ניט צום עסק....

אפּענבאך האט זיך אויפ׳ן באלקאָן אונטערן פענסטער א חאפּ געטהאן פארן קאָפּ. ...ער האט דא דערשמעקט א גאנצען בראטען. צוליעב וואסביידע פראנקס זיצען אין ...מאסקווא, האט ער שוין ביי דעם ערשטען פערהער פון דאס געפאנגענעס מעדכען ...געהערט.

— ניט נור צוליעב דעם אליין, — האט חיטראָוועצין ווייטער גערעדט — אבער ...איך קען עס דיר ניט זאגען ביז דוא וועסט ענדיגען דארט דיין ארבייט.

— זיי זיכער חיטראָוועצין, — האט זלאדייקינא מיט א טאָן פון געוויסהייט גע־ ...רעדט — אז ביידע שטיינס וועלען אין קורצען ליעגען דאָרט וואו עס ליעגט דער ...באראן גענעראלאוו.

חיטראָוועצין האט אנשטאט אן אנטוואָרט איהר געשענקט א הייסען קוש.

זלאדייקינא האט א זיפץ געטהאן.

— אָ, וואס זיפצסט דוא מיין טהייערע? — האט איהר געליעבטער איהר גע־ ...פרעגט.

— זיא מאכט מיר נאר דעם טויט! — האט זלאדייקינא טרויעריג אויסגע־ ...שפּיען — אויסער וואס איך האב זיא זייט דאן אנגעהויבען צו זעהן אין חלום, האב ...איך איהר מיט א שטונדע צוריק געזעהן דעם צווייטען מאל.

חיטראוועצין האט ארומגעזוכט ישרה פיינשטיין איבער מאסקווא זייט זלאדיי־ ...קינא האט איהם דערצעהלט, אז זיא האט איהר געזעהן אין דאבראליובאָוו׳ס הויז. ...ער האט באלד פערשטאנען אז פריסטאוו יורקאווסקי האט גענומען א שעהנע מטבע ...פון פאסטוחאָוו׳ן דערפאר, וואס אין דער קעשענע פון דער דערטרונקענער, האט זיך

אויסגעפונען שרה פיינשטיין׳ס פאספּאָרט מיט א שריפט, אז זיא נעהמט זיך דאס לעבען; אבער ער האט דיא זאך פערשוויגען. ער האט באלד געלאזט ארעטירען חנה את חייקע פראנק, חאָטש ער האט זיך פריהער געשראָקען; טאָמער וועט דאדורך יורקאָווסקי ליידען.

„אז דוא ביסט שוין יא אזא חברה מאן, וואס ניט ניט חיטראָוויצינען א חלק״ — האט זיך חיטראָוויצין נעקלעהרט — „בין איך גאר ניט מחויב דיך אזוי שטארק אפּצוהיטען. אי, טאָמער קען איך דא ליידען? אויף דעם בין איך דאך חיטראָוויצין, און נאך איידער דיא זאך וועט ארויסשווימען, וועל איך דערווייל זיך צוטהיילען מיט טימאָפייען מיט אננא זאכארין׳ס ירושה און ניטא מעהר קיין חוטראָוויצין אין מאסקווא״.

זלאָדייקינאָן וויעדער האט חיטראָוויצין ניט געוואָלט ארויסשלאגען דעם געדאנק פון קאָפּ, אז א טויטע פערפאָלגט איהר. ער האט געוואָלט פון איהר (זלאָדייקינאָן) אין גאנצען פטור ווערען און האט זיך נעטראכט:

„אז איך וועל איהר עטליכע מאל ביי א געלעגענהייט גוט אנשרעקען, וועט זיא פליהען פון מאסקווא וואוהין דיא וועלט האט אן עק״.

יעצט גוען זלאָדייקינא האט איהם דערצעהלט, אז זיא האט איהר היינט דעם צווייטען מאָל געזעהן, האט ער געוואָלט הערען, וואו זיא האט פיינשטיינען געזעהן. אום ער זאל איהר דאָרט אויפזוכען און זיך דיא מיה געבען ארויסצוקריגען פון איהר נענעראלאָוו׳ס צוואה, אדער אם וועניגסטענס אכטונג געבען, אז פיינשטיין זאל ניט אריינפאלען ביז ער וועט דא ענדיגען מיט דער גרויסער ירושה.

— ווענען מיינסט דוא, דוא האָסט „זיא״ געזעהן? — האט איהר חיטראָוויצין מיט א תם׳אוואטע מינע געפרעגט.

— אָ, מיין טהייערער, שרה פיינשטיינען! — האט זלאָדייקינא געזיפצט.

אפּענבאך האט זיך נאך א מאל א חאפּ געטהאן פאר׳ן קאָפּ און האט זיך פעסט איינגעהילט אין זיין מאנטעל.

— מערקווירדיג! — האט חיטראָוויצין מיט אן ערשטוינטען פּאָן אויסגערופען — אז טויטע וואנדלען א מאל ארום ביי נאכט, דאס ווייס איך — אבער אין מיטען ליכטיגען טאג, איז דאס ווירקליך א זעלטענע ערשיינונג. מעגליך, אז דיר האט זיך אזוי אויסגעדוכט מיין קעצעלע.

— אָ, ניין מיין טהייערער! — האט זלאָדייקינא ערבלאסט גערעדט — איך האב איהר געזעהן דייטליך. זיא איז ארויסגעגאנגען פון דער טהיר פון האָטעל „פּעטערבורג״ איך בין געזעסען אויף א דראָשקע, און דערזעהענדיג איהר מיט א שווארצען טוך אויפ׳ן קאָפּ בין איך שיער פון דער דראָשקע אראָפּגעפאלען. עס האט מיך געוואָרפען א צאָהן אין צאָהן.

אין חיטראָוויצין׳ס שווינדעל־קאָפּ איז דא פלוצלינג דורכגעפלויגען א גאנצער פלאן וויא צו מאכען, אז טאריא זלאָדייקינא זאל אנטלויפען פון מאסקווא וויא אויף פליגלען.

— דוא ביסט זעהר נערוועז, מיין טייבעלע, — האט ער מיט א בעדויערענדע שטימע געזאגט — און איך דיינק, אז דיא פאַנטאַזיע דיינע האט דיר געוויעזען שרה פיינשטיין׳ס בילד.

— ניין, חיטראָווצין, — האט זלאַדרייקינא מיט א ציטערענדע שטימע געברומט — איך האב איהר געזעהן אזוי דייטליך, אז איך בין פאַסט פון דער דראָשקע אראָפּגעפלויגען.

— אָ, וואו נעהמט מען דא עפּעס א גוטע קארטענוואָרפּערקע! — האט חיטראָווצין שאָקלענד מיט׳ן קאָפּ געזאגט — איך וואָלט געווען א בעלן מיט דיר צוזאמען איהר בעזוכען, ווייל איך וואָלט אויך וועלען עפּעס ערפאַהרען וועגען מיין צוקונפט.

— דאס איז ווירקליך א פּלאַן! — האט זלאָדרייקינא עטוואס מונטערער אויסגערופען — אין ניזשני נאוואָגאָראָד האב איך איינינע מאל בעזוכט א קארטענוואָרפּערקע; אבער זיא האט ניט געוואוסט פון איהר קאָפּ צו זאגען.

— דא אבער אין מאסקווא, — האט חיטראווצין פאַרטגעזעצט — האב איך געהערט, זיינען פאַראַן עטליכע וואונדערליכע קאָרטענוואָרפּערקעס; איך ווייס אבער ניט וואו זיי וואוינען. בעזוכען וויעדער דער גרויסער צויבערין גרעפין מערי באַטענבערג איז ניט פאר אונזער בייטעל.

זלאַדרייקינא׳ס געזיכט האט אנגענומען א פרעהליכע מינע.

— איז דא פאַראַן א צויבערין אין מאָסקווא? — האט זיא חיטראווצין איבערראַשט געפרעגט.

— אָ, שוועסטערקע, — האט חיטראָווצין איהר ערוויעדערט — מיך פערדריסט שוין וואָצו איך האב עס דיר געזאגט. איך זעה, אז דוא ברענסט שוין און ווילסט איהר בעזוכען; אבער איך טהו עס ניט מיין טייבעלע. דיא געשיכטע בעדאַרף אונז קאָסטען גאַנצע טויזענד רובעל. ביזט דוא א בעלן׳טע אפּצואַהלען אזא סומע?

— דוא ביסט צו קאַרג, מיין טהייערער, — האט זלאדרייקינא צוהיצט איהם פאָרגעוואָרפען — וויא באלד זיא איז ווירקליך א צויבערין, איז זיא פאר אונז ביידען מיט געלד ניט אפּצוּוועגען. דוא ווייסט דאָך וואס פאר א ריינע מענשלאַך מיר זיינען און אונז לוינט צו וויסען עטוואס וויא זיך ווייטער צו בעגעהן.

— איז ביי דיר רעכט, אז דאס זאל מיר קאָסטען טויזענד רובעל?

— ווארום דען ניט? האב איך עס ביי דיר ניט פערדיענט?

חיטראָווצין האט זיך פערטראכט.

— נו! — האט ער א קלאַפּטהאנדיג מיט דער האנד אין טיש אויסגערופען — א פּרויענצימער קען צו אלעס דערפיהרען. איך טהו עס פון דיינעטוועגען; אבער מיר מוזען זיך ביידע פערמאַסקירען, אז א טייפעל זאל אונז ניט דערקענען. אז עס קאָסט שוין יא אזוי פיעל געלד, וויל איך זיין זיכער, אז דיא צויבערין האט אונז ניט דערקענט. מאַלע וואס עס קען א מאל טרעפען?

— דאס איז כ׳לעבען א שכל, — האט זלאַדרייקינא צופריעדען אויסגערופען — לאָמיר זיך שוין פערמאַסקירען און צו איהר זיך אריבערכאַפּען.

— אָ, ניין מיין טהייערע, ניט היינט. איך האב היינט אויף דער נאכט קיין צייט ניט און וויא איך האב געהערט, נעהמט זיא אויף נור צווישען עלף און צוועלף אוהר אבענדס.

— אלזא, זאָל זיין מארגען, — האט זלאדייקינא מיט א פלעהענדע שטימע גע־זאגט.

— איך וויים נאך ניט איהר אדרעס, — האט חיטראָויצין מיט א נאאיווע מינע געזאגט — נור דאס איז א קלייניגקייט. איך וועל עס ערפאהרען אין „אדרעסני סטאָל״ און צוליעב פאָרזיכטיגקייט וואָלט איך דיך ראטהען, אז מאָרגען אום צעהן אוהר אבענדס זאָלסט דוא אלס פערמאסקירטער אפיציער קומען צו דער טהיר פון מיין ביוראָ. איך וועל זיין פערקליידעט אלס א דאַמע מיט א שווארצען וואואל איבערן געזיכט און וועל דיך שוין לעבען דעם שוועל פון מיין ביוראָ, פונקט אום צעהן אוהר אָפּוואַרטען. נור איך מאך דיר אויפמערקזאם, אז ביי דער קארטענוואָרפערקע בעדאַרפען מיר זיך מאכען שטום און ניט איבערראַשט ווערען פון דעם וואס מיר וועלען הערען. דען לויט וויא איך האב געהערט לעזט זיא פון דיא קארטען דיא פערגאנגענהייט און דיא צוקונפט פון יעדער מענשען וויא פון א געשריעבענעם בוך און עס לוינט זיך פאר איהר ניט ארויסצוגעבען.

זלאדייקינא איז פאר פרייד איבערראַשט געוואָרען.

— מאָרגען פונקט אום צעהן אוהר אבענדס וועסט דוא טרעפען לעבען דעם שוועל פון דיין ביוראָ א יונגען אפיציער, — האט זלאדייקינא איהם געזאגט — און יעצט געה איך שוין אוועק ארומקוקען סטרעליעצקי׳ס הויז און בעזוכען נאכהער שטיינע. זלאדייקינא איז דיר טריי און ערגעבען מיין טהייערער חיטראָוויצין.

ביידע שלאנגען האבען זיך ווארים געקושט. חיטראָוויצין איז באלד אוועקגעגאנגען און אין צעהן מינוט ארום האט זיך מאריא זלאדייקינא גענצליך איבערגעקליידעט און האט איהר צימער פערלאזען.

— — — — — — — — — —

מיט א האלבע שטונדע שפעטער איז צוגעפאהרען א דראָשקע צו דעם האָטעל „פעטערבורג״. פון איהר איז ארויסגעשפרונגען א שעהנער קרעפטיגער מאן. ער איז פון דראָשקע אראָפּגעשפרונגען און איז גלייך אריינגעגאנגען אין דעם קאנטאר.

— וואו איז דא דער אייגענטהימער פון האָטעל? — האט ער געפרעגט א מאן, וועלכער איז געזעסען לעבען א גרויסען בוך.

— איך בין עס אליין, — האט איהם דער מאן געענטפערט.

— אים נאמען דעם געזעצעס, האט דער אונבעקאנטער מיט א שטריינגען טאָן
- זאָלט איהר מיר שוין זאגען, וויפיעל פרויען לאָשזירען אין אייער האָטעל?

זין גאנצען פינף, — האט דער ווירטה רעספעקטפאָל איהם ערוויעדערט.

יען זיי אלע געמעלדעט?

ביז איינעם.

ע פראוואָסלאוונע?

ז איינע.

— יונגע? אלטע?

— דריי עלטערע און צוויי יונגע.

— זיינען זיי איצט אלע דריי אין זייערע נומערן?

— אלע ביז איינע, באטיושקא.

— פיהרט מיך אין זייערע נומערן, — האט דער מאן דעם ווירטה בעפוילען — גיבער אים נאמען דעם געזעצעס, מוז עס בלייבען א געהיימניס. איך בין דער שעף פון מאסקווער געהיים־פאליציי.

דער ווירטה האט זיך פערנייגט און האט זיך דריי מאל פאר איבערראשונג איבערגעצלמ'ט.

ער האט אפענבאכען לויט זיין וואונש דורכגעפיהרט פריהער דיא ערשטע דריי נומערן פון דיא עלטערע פרויען און נאכהער האט ער איהם אריינגעפיהרט אין א צימער, וואו עס איז געזעסען א שעהנע, בליהענדע יונגע פרוי ביי א טיש און האט געלעזען א בוך.

נאך אפענבאד'ס א וואונק איז דער ווירטה פון צימער ארויסגעגאנגען.

— וואס ווינשען זיא? — האט דיא פרוי אוועקלייגענדיג דעם בוך עטוואס איבערגעפרעגט.

— איך האב אייך געבראכט א הערצליכען גרוס פון אייערע א בעקאנטע מעטרעזאן — האט דער שעף מיט א ווייכע שטימע געזאגט.

— ווער איז יענע פערזאן? — האט דיא פרוי איהם פערדעכטיג געפרעגט.

— אייערע א נאהענטע פריינדין.

— מיינע א נאהענטע פריינדין? — איך האב ניט קיינע פריינדינען אין מאסקווא און געוויס מאכט איהר אן אירטהום.

— קענט איהר גאר ניט מאריא זלאדייקינא'ן? — האט דער שעף איהר געפרעגט ניט אראפלאזענדיג פון איהר זיינט שארפע בליקען.

דיא פרוי איז ערציטערט געווארען און איהר ראזענפארביגעס געזיכט איז געווארען בלאס וויא קאלך.

— אהא, זעהט איהר שוין! — האט אפענבאך שמייכלענד אויסגערופען — איך האב פריהער געוואוסט, אז דאס וועט אייך איבערראשען, פרוי פ י י נ ש ט י י ן.

א, ווער זייט איהר? — האט פיינשטיין געשטאמעלט.

— איך בין א מענש וואס זוכט גערעכטיגקייט, — האט אפענבאך מיט א טרייסטענדען טאן ערוויעדערט — אלזא פרוי פיינשטיין, האט איהר זיך פאר מיר גאר גאט וואס צו שרעקען, ווען איך וועל אייך זאגען, אז איך בין דער שעף פון מאסקווער געהיים־פאליציי....

וויא פיינשטיין האט זיך געמוטהיגט, האט זיא דאך זיך ניט געקענט בעהערשען פיהרענדיג ווער דער אונבעקאנטער מאן איז און זיא האט אונווילענד אנגעהויבען שוידערען:

— איך פערשפרעך אייך, מאדאם פיינשטיין, — האט אפענבאך ווי...

— אז אויב איהר האט מעהר ניט געזינדיגט וויא מיט דעם וואס איהר וואונט מאסקווא אויף א פאלשען פאספארט, וועט איהר דערפאר גאר ניט ליידען און רלויפיג קומט מיט מיר. איך נעהם אייך אויף א פערהער צו מיר אין דער געהיים-פאליציי און איך פערהאף, אז דיא ריינע וואהרהייט וועט נאר אין קורצען ארויס-שווימען. קומט איך האב קיין צייט ניט צו פערוויילען.

מיט ציטערענדע הענד האט פיינשטיין אויף זיך ארויפגעצויגען איהר אויבער-מאנטעל; אפענבאך האט פאר איהר געעפענט דיא טהיר און זיא איז מיט וואנקענ-דע קניע פון איהר צימער ארויסגעגאנגען.

— פאר קיינעם פון דער גאנצער געשיכטע ניט א ווארט! — האט אפענבאך בעפוילען דעם ווירטה, וועלכער איז געשטאנען אין קארידאר.

— א פויגעל וועט דערפון ניט וויסען — האט דער ווירטה מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט.

און באלד איז שרה פיינשטיין אפגעפיהרט געווארען פון אפענבאכען אין דער געהיים-פאליציי.

88טעם קאפיטעל.

א ר י י נ ג ע פ א ל ע ן.

— הערר אנטאנאוו — האט אפענבאך געזאגט צו דעם איינגעטהימער פון „ערמיטאזש", ווען א סאלדאט האט איהם געבראכט צופיהרען אין אפענבאך'ס קא-בינעט — דער הימעל איז דערגאנגען אייער קריוודע. איהר זייט פריי עדלער מענש; אבער איך מוז האבען צו דער ראליע, איהר זאלט נאך אלץ בעטראכט ווערען פאר א נעפעהרליכען ארעסטאנט.

— זייט איהר שוין תאטש איבערצייגט, ווער דיא בעסטיע איז? — האט איהם אנטאנאוו מיט טרעהרען אין דיא אויגען געפרעגט.

— איך וויס נאך וועגען איהר צופיעל, — האט אפענבאך ערוויעדערט — אבער מיר וועלען באלד אויף דעם ארויסקומען. זאגט מיר נור הערר אנטאנאוו דיא ריינע וואהרהייט, האט איהר א מאל געוואוינט אין טווער?

— יא, עקסעלענץ.

— ווען?

— מיט זעקס און צוואנציג יאהר צוריק.

— הייסט איהר דאמאלס טאקי געהייסען אנטאנאוו, אדער איהר האט צוליעב געוויסע אורזאכע אומגעענדערט אייער נאמען?

— איך בין אנטלאפען פון מיין שווער מיט זיין טאכטער, וועלכע איך האב נאכהער געהייראטהעט, און אום ער זאל אונז ניט פערפאלגען, האב איך אומגעענ-דערט מיין נאמען אויף פיאדאר מאליושין.

— האט איהר וועקגעלייגט אייערע א קליין האלביעהריגעס טאכטערל אויפן גאס? — האט איהם אפענבאך קוקענדיג גלייך אין דיא אויגען געפרעגט — זאגט מיר דיא ריינע וואהרהייט.

— יא, עקסעלענץ, איך האב עס געטהאן אויס שרעקליכען ארמוטה אבער איך האב נאכהער מיין קינד צוריק בעקומען פון א געוויסע יונגע פרוי, וועלכע האט געהייסען טורגעניעווא.

— לעבט אייער טאָכטער?

— יא, עקסעלענץ. זיא הייסט מאדאם סערגייאינא, וועלכע האט אייך שוין איינינע מאל בעזוכט. זיא איז מיין איינציג קינד, און א געראָטהען קינד.

— ווען איהר פיעללייכט זיין אין שטאנד יענע פרוי צו דערקענען?

— מעגליך; אבער איז מיר ערלויבט עקסעלענץ צו וויסען, אום וואס דא האנדעלט זיך וועגען אזא אלטע געשיכטע?

— זאל עס אייך גאר ניט בעאונרוהיגען, — האט איהם אָפּענבאַך מילד געענטפערט — איהר וועט נאר אין קורצען ערפאהרען אום וואס דא געהט; אבער פּאָרלויפיג מוזט איהר נאך בעטראכט ווערען אלס געפאנגענער. איהר וועט זיך פון יעצט אן געפינען אין א ליכטיגען, רייכען סאלאָן און אייער פאמיליע מעג אייך פריי בעזוכען, ווייל איהר אליין זייט שוין אויך בעפרייט; נור זעהר א וויכטיגע זאך צווינגט מיר דאס צו טהאן. דאס מוז אבער פערבלייבען א געהיימניס.

— איך מוז צופריעדען זיין מיט אלעס, — האט אנטאנאוו איהם ערווידערט, און נאך דעם שעפ'ס בעפעהל איז אנטאנאוו אפגעפיהרט געווארען אין א גרויסען סאלאָן, טאקי אין דערזעלבער הויז.

אפענבאך איז פערבליעבען אליין אין זיין קאבינעט און זיין געזיכט האט אנגענומען א שמייכלענדע מינע.

— גוט! — האט ער צו זיך אליין געזאגט — מיר וועלען עס קונציג דורכפיהרען. אפענבאך זאגט זיא איז א לומפ, א שורקע. זיא קען איהם אין זאק אריינ־נארען....נו, נו, נו, לאמיר זעהן!

ער האט בעקוקט אלע פאפיערען, וועלכע זיינען אויף זיין שרייב=טיש געלעגען. פון א יין קאָנווערט האט ער א פאפיער ארויסגעצויגען און האט באלד אין איהם אריינגעלייגט אן אנדער פאפיער וועלכען ער האט ארויסגענומען פון זיין בוזים=טאש און נאכהער איז ער צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט זיך איינגעקוקט דורך דער לעכעל פון שליסעל.

— ער דרעהט זיך דאָרט ארום, — האט אפענבאך מיט א שמייכעל צו זיך אליין גערעדט — זיי האבען איהם אליין איבערגעלאזען. גוט!

אפענבאך איז פון דער טהיר אוועקגעגאנגען און איז אריין אין א צווייטען זייטיגען צימער.

— מערזאווצין, — האט ער געזאגט צו דעם מאן, וועלכער איז דאָרט געזעסען — געה אריין צו ווזיאטקינען, זאלסט עפענען דיא טהיר פון מיין קאבינעט, מיט דעם אויסרייד, אז דוא האָסט מיך נייטהיג צו זעהן. צוריק ארויסגעהענדיג זאלסט דוא פערגעסען א האלבע טהיר צוצומאכען און דוא זאלסט גלייך אוועקגהן; אבער געה שוין!

אפענבאך האט פאר איהם אויפגעמאכט א הינטער טהיר דורך וועלכע מער־זאוויצין איז ארויסגעגאנגען אין הויף און פון דאָרט איז ער דורך דער גאס־טהיר האסטיג אריינגעלאפען צו ווזיאטקינען אין צימער.

— אָ, מערזאוויצין! — האט ווזיאטקין דערזעהענדיג זיין קאמעראד אויסגע־רופען — וואס מאכט דוא?

— ניטאָ קיין צייט ברודער, האט מערזאוויצין פערצווייפעלט געזאגט — עפּעס א וויכטיגער פערדאכט אויף א שייקע....

ער איז האסטיג צוגעלאפען צו דער טהיר פון אפענבאך'ס קאבינעט און איז אהין פערהאסעוועט אריינגעלאפען.

— אָ, ווזיאטקין קרוין, — האט מערזאוויצין ארויסלויפענדיג צוריק צו זיין קאמע־ראד שווער־אטהעמדיג גערעדט — ווייסט דוא ניט וואו איז דער שעף?

— ניין, איך ווארט דא אויך אויף איהם, אבער—

ווזיאטקין האט ניט אויספייעט צו ענדיגען וואס ער האט אנגעהויבען און מער־זאוויצין איז שוין ניט געוועזן אין צימער.

— עך, ווזיאטקין, — האט דער פערבליבענער שפּיאָן איינער אליין אין צימער זיך געקלערט — דיר האט דא עפּעס 'גלאט אפּגעגאלטען! צוויי רעגען־בויגען פּאַ־פּירלאך און פיעללייכט נאך מעהר? אי, ווער האט געגנב'עט? פאר וואס ניט מער־זאוויצין? פאר וואס ניט גלאט אן אנדערער? דיא טהיר איז אָפען.... עך, טשאָרט פּאָבערי!....

ער האט זיך פון אלע זייטען אומגעקוקט און איז מיט שטילע טריט צוגעגאנ־גען צו דער האלב־אָפענער טהיר, ער האט א האלבע קאָפּ דאָרט אריינגעשטעקט און ניט זעהענדיג פאר זיך א לעבעדיגען מענשען האט ער זיך אין קאבינעט ארייַנ־געכאפּט. מיט שנעלע בליקען האט ער בעקוקט דיא איינגע פּאפּיערען און קאָנווער־טען וואס זיינען אויפ'ן טיש געלעגען און האט זיי אריינגעלאטהעט אין זיין טאַש און מיט צוויי דריי מינוט שפּעטער איז ער שוין געזעסען אויף א דראָשקע, וועלכע האט זיך געטראגען וויא א טייפעל.

אפענבאך איז זיך לאנגזאם צוריק אין זיין קאבינעט אריינגעגאנגען און באלד זיינען פאר איהם געשטאנען אונזערע בעקאנטע צוויי שפּיאָנען מערזאוויצין און שורקין.

— וואס הערט זיך עפּעס ביי דיר וועגען פריסטאוו יורקאָווסקי? — האט אפענבאך שורקינען געפרעגט.

— איך האב בעמערקט אז ער האט אן אפּטען איינגאנג. — האט שורקין גערעדט — ביי אננא זאכארין, דיא מוטער פון דעם גרויסען ניהיליסט אָסיפּ זאכארין. איך האב מיך אויך ערקונדיגט, אז אָסיפּ'ס פאָטער, אננאס מאן איז צוריק געקומען צופאהרען פון קאווקאז, פון וואנען ער איז פון דער קאווקאזער קריג אן ניט געוועזן צו הויזע און זיין ווייב אננא האט איהם שוין לאנג בעטראכט פאר טויט.

אפענבאך האט זיך אויף א ווייל פערטראכט.

— און וואו נאך האסט דוא איהם געזעהן? — האט ער נאך א קורצע פויזע איהם ווייטער געפרעגט.

— ער האט אויך אן אפטען איינגאנג צו דעם געוועזענעם געהיים-אגענט אסיפּ חימראָווצין, — האט שורקין פּאַרטנעזעצט — איך האב זאגאר בעמערקט, אז ער געהט צו איהם ציוויל געקליידעט און גאנץ שפּעט אין דער נאַכט....

— זעץ זיך אניעדער, — האט צו איהם דער שעף געזאגט — מיר וועלען זיך באלד בעראטהען וואס צו טהאן.

שורקין האט זיך נאך א לייכטען פערניינען אוועקגעזעצט און אפּענבאך האט זיך געווענדעט צו מערזאווצינען.

— און וואס איז דיר עפּעס געלונגען צו דערגעהן וועגען גרעפין מערי באטענבערג — האט ער דעם צווייטען שפּיאָן געפרעגט.

— איך בין דערגאנגען, אז זיא איז א געוועזענע הויף-דאמע — האט מערזאָוו-צין געלאָסען געערדט — און זיא נעהמט אויף צו זיך געסטע גאנץ שפּעט אין דער נאכט. איהרע דיענער זיינען איהר אזוי טריי, אז עס איז אונמעגליך פון זיי א וואָרט צו דערגעהן וועגען זייער ווירטהין; אבער מערזאווצין איז ניט פון דיא גרויסע נאראָנים. אין צוויי שטונדען צייט איז מיר געלונגען צו דערגעהן, אז היינט אום צעהן אוהר מארגענס האבען איהר בעזוכט צוויי הויכגעשטעלטע געסט, איינער איז אלעק-סייעוו און דער צווייטער גענעראל סאבאקאוו.

— אזוי? — האט אפּענבאך פערוואונדערט אויסגערופען.

— אָט דאס וואס איך זאג אייך, עקסעלענץ.

אפּענבאך האט א קלונג געטהאן און זיין סעקרעטאר איז פון צווייטען צימער צו איהם אריינגעלאפען.

— טעלעפאָנירט צו גענעראל סאבאקאוו, — האט אפּענבאך דעם סעקרעטאר בעפוילען און פרעגט איהם אָן, צו ער קען מיך אויפנעהמען בעפאָר צוויי אוהר נאך מיטאג?

— סלושאיו'ס, וואשע....

— וואַרטעט! — האט ער זיך אויפהייבענד פון זיין שטעלע צום סעקרעטאר אויסגעשריען.

דער סעקרעטאר, וועלכער האט געהאלטען ביי אוועקגעהן האט זיך אוועקגע-שטעלט. אפּענבאך איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם עפּעס אריינגערעדט אין אויער.

דער סעקרעטאר איז באלד ארויסגעגאנגען און מיט א פּאר מינוטען שפּעטער האט ער אין שעף'ס קאבינעט אריינגעפיהרט א שעהנע יונגע פרוי, וועלכע איז געווען שטארק ערבלאסט. זיא האט זיך פאר'ן שעף העפליך פערנייגט און איהרע שעהנע אויגען איז געווען צו לעזען, אז א געהיימער שוידער דריננט דורך איהרע ביינער.

— שורקין! האט אפּענבאך אויסגעשריען — קום נור אהער.

שורקין איז צו דעם שעף צוגעלאפען.

— קענסט דוא דיעזע פרוי? — האט איהם אפענבאך **געפרעגט.**

שורקין האט איהר שטארק אנגעקוקט.

— ניין, עקסעלענץ.

— וויא פיהלט איהר אייך מאדאם — האט איהר אפענבאך **פלוצלינג א פרעג געטהאן.**

— אונגליקליך! — האט דיא פרוי מיט א שוואכע שטימע ערוויעדערט — אונגליקליך מיט דעם וואס דער ביטערער שיקזאל פערפאלגט מיך; אבער עס שמייכעלט מיר א זיסע האפנונג, אז דיא וואהרהייט וועט ארויפשווימען.

— אָ, וואס פאר א בעקאנטע שטימע! — האט שורקין זיך קראצענד פאר דער פאטילניצע אויסגערופען.

— אהא זעהסט דוא שוין, — האט אפענבאך מיט א שמייכעל געזאגט — אבער דוא מענסט זיך בעגראבען א לעבעדיגער, אז דיעזע פרוי האט דיך אפגענארט.... ווייסט דוא, אז זיא איז שרה פיינשטיין?

ביידע שפיאָנען האבען זיך א חאפ געטהאן פאר דיא קעפ און פון שרה'ס אויגען האבען זיך ארויסגעגנב'עט א פאר טרעהרען.

— שרה פיינשטיין? — האט שורקין איבערראשט אויסגעשריען — סטייטש? זיא איז דאך גאר דערטרונקען?!

— זעהסט דוא דאך, — האט אפענבאך אויסגערופען — וויא ווייט מיר שטעהען מיט אונזער פאליציי. אבער דערפון איז אפגערעדט. לאמיר עפעס א טהו טהאן אריינצוקריגען א גאנצע מערדער-באנדע אין דיא לאפעס. דיעזע פרוי איז זעהר א קלוגע און געשייטע, זיא האט מיר איבערגעגעבען זעהר א וויכטיגען דאקומענט, וועלכען זיא האט אפגעהיט גאנצע ניין יאהר און דורך וועלכען איך צווייפעל ניט, אז דיא וואהרהייט וועט גאר אין קורצען ארויפשווימען; אבער פארלויפיג מוז נאך אלעס געטהאן ווערען אין דער שטיל. זיא געהט אוועק אין דער ביורא פון חיטראָווצינען צו בעטען ביי איהם א שטעלע אלס א דיענערין אדער קעכין. איך זאג דיר אבער אן, אז פון חיטראָווצין'ס הויז טארסט דוא קיין אויג ניט אראפלאזען. צו דיר וועלען שטעהן נאך עטליכע געהיים-אגענטען, און שרה פיינשטיין מוז אין חיטראָווצין'ס וואוינונג געהיט ווערען, אז מיט איהר זאל קיין אונגליק ניט פאסירען. ווען חיטראָווצין וועט איהר ערגעץ אין אן אנדער אָרט אפפיהרען, מוזט איהר דאָרט איהר אָפפיהרען, און וואס זיא האט צו-טהאן, וויים זיא שוין. ביי א נויטה, האט זיא ביי זיך א פאליציי-מעדאיליאָן מיט א פייפעל און ביי דעם קלענסטען סיגנאל, מוזט איהר קומען איהר צו הילפע. דוא הערסט שורקין, וואס דיר שטעהט דא פאָר?

— איך שטעה אייך עקסעלענץ צור דיענסט, — האט שורקין מוטהיג ערוויעדערט.

פלוצלינג האט זיך דערהערט א קלונג אין אפענבאך'ס טעלעפאָן **און ער איז באלד צום אפעראט צוגעלאָפען.**

ער האט באלד דערהערט א באסאָווע שטימע:
— זייט איהר דער שעף?
— יא, איך בין עס.
— דער איד שטיין מיט זיין זוהן נאאום שטעהען אין פערבינדונג מיט דער ניהיליסטישער געהיימער געזעלשאפט, — האט דיא שטימע פאָרטגעזעצט — זיי פראָפּאַגאַנדירען פאר דער פערברעכערישער אידעע און נעהמען א געהיימען אנטהייל מיט דיא טערראָריסטען, וועלכע ווילען טויטען דעם צאר ביי זיין קאָראָנאַציע ער וואוינט אויף קוזנעצקי מאסט, דאָם סטרעליעצקאָווא.
— גוט! — האט אפּענבאך געענטפערט — נאך היינט וועט עס אונטערזוכט ווערען. איך דאנקע.
אָפּעבנאך האט זיך געוועגדעט צו פרוי פיינשטיין און האט צו איהר געזאגט:
— זייט ניט אויפגערעגט מאדאם, איהר בעדארפט פערשטעהן, אז מיט אייך האלט עס ניט שלעכט. געהט אין אייער מיסיאן און העלפט מיר דאָ ארויס צו דער־געהן וואס איך בעדארף. איך פערהאָף, אז איהר וועט מיר דיענען טריי און וועט זיך אויסצייכנען אלס גוטע געהיים־אגענטין טאקי צוליעב אייער איינגע טובה.
— איך פערהאף צו טהאן וואס נור מעגליך איז, — האט פיינשטיין רעספּעקט־פאָל איהם געענטפערט.
אפּענבאך האט איהר אויף א ווײַלע ארייננערופען אין א צווייטען צימער און נאכהער האט ער איהר מיט שורקינען ארויסגעשיקט פון זיין קאבינעט.
— און דוא מערזאוויצין, — האט ער זיך געוועגדעט צום שפּיאָן געזאגט — דוא וועסט מיר היינט אום האלב צעהן אוהר אבענדס זיין צו הילף אין אן אנדער זאך. דערצו איז שוין אלעס בעזאָרגט און פערטיג. אום זעקס אוהר אבענדס זאלסט דוא זיך געפינען דא אין קאבינעט און דיא זאך וואס איך בעדארף וועט אפּגעשטימט ווערען....

— — — — — — — — — — —

— האב איך דיא עהרע צו זעהן, הערר חיטראָוויצינען? — האט געפרעגט א שעהנע יונגע דאמע דעם דיקען מאן, וועלכען זיא האט געפונען אין א האלב־אָפענעם ימער אין דער גרויסער ביורא אויף פעטראָווקא.
— יא, פרוי, איך בין עס.
— איך האב געהערט, — האט דיא דאמע געלאסען גערעדט — אז דורך אייער ביוראָ איז לייכט צו געפינען עפּעס א גוטע, אנשטענדיגע שטעלע. אלזא, ווענד איך מיך צו אייך און איך פערהאָף, אז איהר וועט עס מיר פערשאפען.
— זייט איהר א אידין? — האט חיטראוויצין איהר גוט בעטראכטענדיג גע־פרעגט.
— יא, הערר חיטראָוויצין, ליידער בין איך עס, האט דיא פרוי מיט א האלב פערשעהמטע מינע איהם ערוויעדערט — אבער איך פערלאנג גאר ניט אנצוקומען אין א רוסישע פאמיליע, וועהרענד אין מאסקווא זיינען דא פיעלע אידישע רייכע פאמיליען.

— האט איהר דאס רעכט אין מאסקווא צו וואוינען?

— מיט דאס רעכט קען מען שוין דורכקומען, — האט דיא דאמע ווייטער גע־רעדט — אין א אידישע פאמיליע קען איך שוין דאס רעכט אויף וואוינען אין מאסקווא בעקומען.

— האט איהר אם וויינינגסטען א פאספארט?

— איך האב א פאספארט; אבער ליידער איז ער ניט קיין גאנץ כשר'ער. נור דאס מאכט דאך צו דעם עסק ניט אויס. וויא באלד איך קען וואוינען אויף מיין פאספארט אין האטעל „פעטערבורג", דיינק איך, אז איך וועל אויף איהם קענען וואוינען אויך אין אן אנדער הויז....

— אין האטעל פעטערבורג? — האט חיטראוועצין א טראכט געטהאן — א אידישע פרוי אויף א פאלשען פאספארט אין האטעל פעטערבורג! איז זיא ניט פיעללייכט שרה פיינשטיין, וועלכע זלאדייקינא האט געסטערן געזעהן פון דארט ארויסגעהענדיג? א, וואס פאר א גליקליכער צופאל דאס וואלט געוועזן!

— אין האטעל פעטערבורג? — האט חיטראוועצין נאך א קורצע פויזע ווידער־האלט — סיידען איהר וואוינט דארט אויף א פאספארט פון א רוסין.

— זייט איהר דען א סליעדראוואטעל, הערר חיטראוועצין? — האט איהם דיא דאמע מיט א לייכטען שמייכעל געפרעגט — איך בעט ביי אייך א שטעלע, פאר וועלכע איך וועל אייך בעצאהלען גוטעס געלד, היינט טא וואס הארט עס אייך פאר מיין פאספארט? זיינען דען אלע רוסישע אונטערטהאנען כשר'ע מענשען? א דאנק האט איהר, אבי אפגעצאהלט און אראפ פון מארק.

— עהע! — האט חיטראוועצין מיט א שמייכעל אויסגערופען, — איהר זייט נאר אן אשת־חיל פון וועלכע מען פרעגט זיך אויף זיי! עס וואלט נאך זעהר געפאסט, אז איהר וואלט געוועזן דיא זעלבע פרוי, וועלכע איך זוך שוין ארום זייט איינינגע מאנאטען אום צו פערדיענען דורך איהר א שעהנע מטבע און זיא אליין וואלט דא אויך אפגעלעקט א פעטען ביינדעל....

— אדרבא, זאגט מיר וועמען איהר זוכט? — האט דיא דאמע מיט א פריינד־ליכע מינע געזאגט — איך בין א פרוי וואס בעדארף דעם גראשען.

— איך זוך דא ארום איינע א אידישע פרוי שרה פיינשטיין, — האט דער באנדיט איהר קוקענדיג גלייך אין דיא אויגען געראדעט.

— אי, שרה פיינשטיין איז שוין גאר לאנג דערטרונקען געווארען? — האט דיא דאמע מיט א נגון געפרעגט.

— עך, איהר זייט נאר א וואוילער חבר'עטע! — האט חיטראוועצין ערפרעהט אויסגעשריען — איך זעה שוין אן אייך, אז דער צופאל האט מיך צוזאמען געפיהרט מיט שרה פיינשטיין, וועלכע איך האב נייטהיג צו זעהן ווענען זעהר א וויכטיגע זאך פאר איהר, וויא אויך פאר מיר. ביטע מאדאם פיינשטיין, זעצט זיך אניעדער! חיט־ראוועצין וועט אייך ניט ארויסגעבען.

— מאכט אייך ניט נארריש, הערר חיטראוועצין, — האט דיא דאמע מיט אן

ערנסטע שטימע געזאגט — איך בין ניט שרה פיינשטיין, איך בין גלאט א אידישע פרוי.

— איך שווער אייך ביי אלער הייליגקייט, אז איך וועל אייך ניט ארויסגעבען— האט חיטראָוויץ מיט אן ערנסט געזיכט גערעדט — אדרבא, איך וועל אייך נאך שיצען געגען דער פּאָליציי; ווייל איך ווייס, אז איהר זייט אונשולדיג און דיא ניעדערטרעכ־טיגע שלאנג מאריא האט פערניכטעט אייער לעבען מיט דער פערניכטונג פון אייער מאן און אייער איינציג קינד וואס דער שולד איז אויף אייך ארויפגעפאלען. שרעקט אייך ניט עהרליכע פרוי, איך וועל אייך ניט ארויסגעבען. מיר זיינען ניט א־זעלכע מענשען. אין געגענטהייל, איך וועל מיר דיא מיה געבען אויפצו־ווייזען אייער אונשולד, אום איהר זאָלט זיך מעהר ניט בעדארפען קוועלען מיט דעם געדאנק, אז איהר טאָהרט זיך אויף דער ווייסער וועלט ניט ארויסווייזען.

דיא דאמע האט א זיפץ געטהאן, פון וועלכען חיטראָוויץ איז געוואָרען ער־מונטערט און ער האט שוין מעהר ניט געצווייפעלט, אז דער צופאל האט איהם דא צוזאמענגעפיקרט מיט שרה פיינשטיין, וועלכע האט געגען זלאדייקינא'ן אזא שארפען געוועהר, וויא בארא̇ן געגעראלאוו'ס צוואה, און ביי זלאדייקינא'ס אריינפאלען איז ער אויך פערלאָרען.

— איך זעה, אז איהר זייט אן עהרליכער, בראוער און בארמהערציגער מאן,— האט דיא דאמע מיט אן ערנסטע מינע געזאגט — אבער דאס איז מיר א וואונדער, וויא קומט איהר צו וויסען וואס צווישען מיר און זלאדייקינא'ן איז מיט עטליכע יאהר צוריק פאָרגעקומען.

דערהערענדיג פון איהר מויל „זלאדייקינא" דא איז שוין ביי איהם קיין שום צווייפעל ניט געווען, אז לעבען איהם זיצט שרה פיינשטיין, און אן אינערליכע פרייד האט איהם ערפרישט. עס איז שוין אין זיין שווינדעל־קאָפּ בעשלאָסען געווען א פּלאַן וויא אזוי זיך צו בעפרייען פון מאריא זלאדייקינא'ן, אז איהר פוס זאל ניט פערבליי־בען אין מאסקווא און אין גאנץ רוסלאנד, און דערמיט ווערט ער בעפרייט פון דעם געדאנק, טאָמער פאלט זלאדייקינא אריין צו דער פּאָליציי, און געגעראלאוו'ס טעס־טאמענט, וועלכער פערבלייבט נאך זלאדיקינא'ס פערשווינדען ניט זעהר וויכטיג, האט ער זיך בעשלאסען פון שרה פיינשטיין אויסנארען אדער צונעהמען מיט געוואלד ביי א גוטע געלעגענהייט.

— ווער זאל עס וויסען אז ניט איך? — האט חיטראָוויץ נאך א קורצען שטילשווייגען אויסגערופען — איך בין דאָך א רונדען יאהר געווען א געהיים־אגענט אין דער מאסקווער פּאָליציי און מיין מיינונג איז גלייך געווען, אז זלאדייקינא האט דעם מאָרד בעגאנגען.

— וויא באלד איהר זייט שוין יא אזא עדעלמאן, — האט פיינשטיין וויטער גערעדט — טהוט־זשע מיר א טובה און בעזארגט מיר עפּעס מיט א זיכערע שטעלע, אז איך זאל ניט בעדארפען שטעהן יעדע מינוט אין געפאהר פון דער פּאָליציי. פיעללייכט קענט איהר מיר פערשאפען עפּעס א גוטען פאספּאָרט, אז איך זאל איינמאל פאר אלע מאל זיך קענען אויף דער ווייסער וועלט ארויסווייזען.

— הערט נור פרוי פיינשטיין, — האט חיטראָווצין מיט אן ערנסט נעזיכט צו איהר געזאגט — זייט איהר צופריעדען, אז מאריא זלאַדייקינא זאל א מיתה־משונה איינגעהמען ?....

— נאך וויא צופריעדען; אבער איך וויל האבען עפּעס א נוטען פּאַספּאָרט. דען דיעזער, וועלכען איך האב, קען מיך יעדע ווילע ארויסגעבען, ווייל דער פּאַלש איז אין איהם אזוי קענטיג, אז ער שטעכט אזש אויס דיא אויגען.

— וויא באלד איהר וועט טהאן וואס איך וועל אייך ראטהען, בעקומט איהר פון מיר א שפּאָגעל נייעם פּאַספּאָרט, אז דיא גאנצע וועלט וועט זיין דורך איהם פאר אייך אָפען.

— וואס ראטה איהר מיך דען אזוינס צו טהאן? — האט איהם פיינשטיין מיט א תם'אָוואטע מינע נעפרעגט.

— איך וויל אייך געבען א ישטעלע ביי איינע א רייכע נרעפין. זיא איז א בעריהמטע קאָרטענ־וואָרפערקע און א זעלטענע צויבערין, זייט איהר מיט דעם צר פריעדען?

— ווארום דען ניט? וויא באלד זיא איז נור אן עהרליכע פרוי און איהר הויז איז אויך אן עהרליכע, זוך איך דאך אזא שטעלע.

— עהרליכער קען גאר ניט געבען, — האט חיטראָווצין מיט אן ערנסטע שטימע ערוויעדערט — אבער איך וועל פון אייך פערלאנגען א קליינינקייט, וואס דאס איז איינענטליך פאר אייך א טובה.

— אדרבא, איך בין עס נייגיעריג צו הערען.

— דא איז אזא געשיכטע, — האט חיטראווצין שטיל נעזאגט — דיא בעסטיע מאריא זלאַדייקינא האט מיך אויך א מאל בעטראגען און איך וואלט וועלען פון איהר נעהמען ראכע, און אזוי וויא איך וויים, אז זלאַדייקינא בעזוכט אָפט דער קארטענוואָרפערקע, איז מיר איינגעפאלען א פּלאן, אז דיא קארטענ־וואָרפערקע זאל אייך, פרוי פיינשטיין פאר זלאַדייקינא'ס אויגען ארויסרופען. איהר וועט זיין געקליידעט אין תכריכים און מיט א ווייסע מיץ אויפ'ן קאָפּ און אז מאריא זלאַדייקינא, וועלכע בעטראכט אייך פאר טויט, וועט אייך דערזעהן, בעדארפט איהר פערשטעהן, וואס פאר א זיסע ראכע דאס וועט זיין פאר אונז ביידען.

— איך בין ענטציקט הערר חיטראָווצין פון אייער איינפאל! — האט פיינשטיין ערפרעהט אויסגערופען — איך בין עס בערייט צו טהאן חאָטש היינט.

— און היינט טאקי מוז עס געשעהן! — האט חיטראווצין צופריעדען אויסגעשריען — קומט. איך פיהר אייך ישוין אוועק צו דער גרעפין, ווייל היינט אום עלף אוהר בעזוכט איהר מאריא זלאַדייקינא צוזאמען מיט נאך איינע א דאמע.

— באלד קען איך מיט אייך מיטגעהן, — האט איהם פיינשטיין ערוויעדערט — דען איך מוז נאך אפּנעהמען מיין אלטען פּאַספּאָרט פון דעם ווירטה פון מיין האָטעל און זיך געזעגנען מיט א פאמיליע וועלכע האט מיך געשיצט. גיט מיר דעם נייעם פּאַספּאָרט, וועלכען איהר האט מיר פערשפּראָכען, און אום פיער אוהר נאך מיטאג בין איך צוריק אין אייער הויז.

— ווען איהר וועט קומען היינט צו מיר צוריק דאן בעקומט איהר א נייענקען פּאספּאָרט, — האט חיטראוויצין מוטהיג איהר ערוויעדערט—און דערמיט האלט איך אייך אין משכן. קומט אין א שטונדע ארום איך ערווארט אייך מיט אונגעדולד.

— נו, גוט! — האט פיינשטיין אויסגערופען, און האט באלד זיין ביורא פערלאָזען....

84טעס קאפּיטעל.

זיי לאָזען דיא הייליגע אַ גוטען לעצט־געלט.

שוין אייניגע טעג, אז מיט דוחאָווקינען, דעם הייליגען פּערוואלטער פון דיא קרעמעלשע קירכעס איז בעקאנט געוואָרען א זעלטען־שעהנע יונגע נאָנע. דיא הייליגע אבטעסין פון קיעווער סטראסטנאי מאָנאסטיר האט וועגען דער נייער נאָנע געשריעבען צו דוחאָויקינען א לאנגען בריעף, אז זיא איז א געוויסע גרעפין ט ש י ט ש י ק אָ ו ו א, וועלכע האט אוועקגעוואָרפען איהר מאַן, א יונגען גראף, דערפאר וואס זיא האט איהם ניט געליעבט און איהר איז פיעל אנגענעהמער צו לעבען אין א מאָנאסטיר צווישען דיא הייליגע נאָנעס. דיא אבטעסין פון קיעוו, בעט דוחאָווקינען אין איהר בריעף, אז ער זאל דער נאָנע מקרב זיין און זיך דיא מיה געבען איינצר פלאנצען אין איהר יראת־שמים, און איהר בעשטימען א פּלאץ ערגעץ אין א מאסקווער מאָנאסטיר, וואו זיא זאל זיין געשיצט פון איהר מאַן׳ס פערפאָלגונג.

דער הייליגער דוחאָווקין איז פערצאפּעלט געוואָרען א קוקטהאנדיג אויף דער יונגער נאָנע און האט זיך באלד א נעהם געטהאן אנצוטאפּען איהר דופק צו עס איז פאראן א שטיקעל האָפנונג, אז זיא זאל זיך אויסמעניטלען און אריין אין זיין הייליגען הארעם פון דיא הייליגע מיידלאך און יונגפרויען. דיא זאך איז איהם אפילו אביסעל שווערלאך אנגעקומען; אבער דער הייליגער האט ענדליך געזיעגט הערענדיג פון גרעפין טשיטשיקאָווא א ווערטעל וואס האט איהם שטארק בעפריעדיגט, און אין עטליכע טעג ארום האט זיך שוין דוחאָווקין גענומען דיא דרייסט מיט דער נאָנע א שמועס צו מהאן וועגען הויבע זאכען.

— אז איהר וועט מיר זיין געהאָרכזאם, — האט דער הייליגער מיט א ליעבליכע מינע צו איהר געזאגט — וועל איך אייך בעקאנט מאכען מיט דעם אבער־פּראָקוראָר פון אונזער הייליגען סינאָד פּאָביעדאָנאָסצעוו׳ן.... דאס האט נאך קיין נאָנע אין גאנץ מאסקווא קיין זכיה ניט געהאט.... דער הייליגער פּאָביעדאָנאסצעוו איז אין שטאנד אייך צו מאכען פאר א הויף דאמע. איהר פערשטעהט גרעפין טשיטשיקאָווא, וואס דאס הייסט?

— קען איך ווירקליך ווערען א הויף דאמע? — האט טשיטשיקאווא מיט א פערוואונדערטען טאָן איהם געפרעגט.

— איך שטעה אייך דערפאר גוט, — האט דער הייליגער מיט א צופריעדענעם טאָן איהר ערוויעדערט — און איך בין זיכער, אז פּאביעדאנאָסצעוו וועט אייך פּאָרשטעלען פאר׳ן צארעוויטש און איהר זייט דאמאלס גליך בעזארגט מיט א גוטע קאריערע....

— אָ, וואס פאר א גליק! — האט גרעפין טשיטשיקאָווא אויסגערופען.

דער הייליגער דוחאָווקין האט איהר דערוויילע אומגעהאלדזט.

— עס וועט דיך שוין אומהאלדזען דער מלאך־המות, — האט זיך דער קלאָאון שוטקין אונטער דיא נאָנענ־קליידער געטראכט — איך וועל דיר אויפשפּיעלען א חתונה'קע, אז דוא וועסט זיך, הייליגער פאַקטאָר, האבען צו קראצען....

— אָ, נײַן הייליגער מאַן, — האט דיא יונגע נאָנע איהם אפּשטופּענד פון זיך מיט א פערשעהמטע מינע געזאגט — דאס פּאַסט ניט.... אימיצער קען נאך דער־זעהן....

— אָ, מײַן טײַבעלע, קיינער זעהט דא ניט, — האט דער הייליגער פײַ־ערליך גערעדט — דער פּאַלוש פון „אוספּענסקי סאָבאָר" איז איצט ליידיג. אָ, איך ליעבע דיך מײַן שעהנהייט! איך שטארב פאר דײַן שאטען!

דיא נאָנע האט אראפּגעלאזען דיא אויגען צום באדען און דערוויילע האט זיא געחאַפּט עטליכע פײַעריגע קושען פון זײַנע הייליגע ליפּען.

גרעפין טשיטשיקאָווא האט זיך אפּגערוקט הינטער זיך.

— איך האב עס פון אייך ניט ערוואַרטעט, הייליגער גייסטליכער, — האט זיא ווישענד איהרע געפּודערטע בעקעלאך גערעדט — איך ציטער דא מיט אייך איינעם אליין צו פערבלייבען.... אָ, וויא שרעקליך דאס קומט מיר פאָר אין א מקום־קדוש.... גאָט זאל אונז ביידען דערפאַר ניט בעשטראָפען!

— חע, חע, חע, — האט דער הייליגער געלאכט — גאָט אליין האָט זיך אויך א מאל פערליעבט אין דער הייליגער יונגפרוי. איז זיא דען אויך ניט געווען אן אשת־איש?

דיא נאָנע האט זיך א חאַפּ געטהאן פאר'ן קאָפּ.

— וואס וואונדערסט דוא זיך אזוי, מײַן טײַבעלע, — האט דער הייליגער איהר ערגרייפענד פאר ביידע הענד גערעדט — ליעבע איז א הייליגער געגענשטאנד וועל־כער פּאַסט גראדע נור פאר הייליגע.... גאָט ליעבט, ענגלען ליעבען און וואס א מענש איז הייליגער, איז אלץ פּאַסענדער פאר איהם ליעבע.... איך וועל דיר היינט אויף דער נאכט בעקאַנט מאכען מיט דעם הייליגען אבער־פּראָקוראָר, וועלכער איז גראדע יעצט אין מאסקווא, און דוא וועסט זיך אליין איבערצייגען, אז נור דורך ל י ע ב ע, קען מען זיך צו עפּעס העכערעם דערשלאגען. ליעבע איז א הייליגער גע־געגנשטאנד מײַן קינד, וואס פיהרט אין קייזערליכע פּאַלאַסטען און גיט אונז דעם גן־עדן אויף דער וועלט!

דער הייליגער האט אזוי לאנג מיט דער שעהנער נאָנע געראָמאַנסירט, ביז ער האט געחאַפּט פון איהר א קוש פאר אן אנטוואָרט אויף זײַנע, און אין דעמזעל־בען אבענד איז דיא נאָנע פון דוחאָווקינען פאָרגעשטעלט געווארען פאר פּאָביעדאָ־נאָסצעוון אין האָטעל „סלאַוויאנסקי באזאר".

דוחאָווקין האָט איהם דיא נאָנע איבערגעלאָזען מיט דעם אויסרייד, אז ער מוז אוועקגעהן אין זעהר א וויכטיגע זאך און פּאָביעדאָנאָסצעוו האט זיך מיט איהר פאַרנאַנדערגערעדט וועגען הייליגע זאכען....

— אזוי איז עס גרעפין טשיטשיקאָווא, — האט פּאָביעדאָנסצעוו אין פערלויף פון זיינע שמייכעלהאפטע ווערטער גערעדט — אז אזעלכע שעהנע פרויען וויא איהר זאָלען שמאכטען אין א מאָנאַסטיר, איז שוין דיא וועלט קיין וועלט ניט....

— דאס קען אלץ פאָרקומען אין רוסלאנד, — האט איהם דיא נאָנע ערוויע־דערט — אין אנדערע לענדער קען מען פון א מאן אין איין טאג בעפרייט ווערען געזעצליך; אבער דא ביי אונז קומט אָן א גט שווער וויא דער טוידט, אז יונגע הערצער פון פרויענצימער מוזען אונצייטיג פערוועלקט ווערען!

— יעצט האט איהר גרעפין א גוטע געלעגענהייט צו בעקומען א גט אין פערלויף פון דריי, פיער טעג. גיט אָן צו מיר א פּראָשעניע פאר א גט און איהר בעקומט איהם דורך דעם היילינען סינאָד באלד וויא איך קום אין פעטערבורג.

— אָ, איך דאַנק אייך היילינער מאן! — האט דיא נאָנע אויסגערופען — איך וועל אייך דיא טובה קיין מאל ניט פערגעסען!

— אזא שעהנהייט וויא איהר, — האט דער היילינער טייפעל געזאגט — איז א שאָד, אז זיא זאל זיך אויף דער וועלט פּלאָגען. איך בין גנזאָגען אייך צו בעזאָרגען מיט א גוטע שטעלע, פאר וועלכע איהר וועט מיך אייביג דאנקען.

— און איך דאנק אייך שוין פאָראויס, — האט דיא נאָנע דעמיטהיג ער־וויעדערט.

— איהר וועט קומען אין „הויף" — האט דער היילינער געזאגט זיך צורוקענד נעהנטער צו איהר — און דאָרט וועט איהר בעקאנט ווערען מיט א גראָספירסט....

— אָ, וואס פאר א גליק! — האט דיא נאָנע תם'אָוואטע אויסגערופען.

— איך קען אלעס! — האט דער היילינער איהר ערגרייפענד פּלוצלינג פארביידע הענד אויסגערופען — אָ, וויא שעהן דוא ביזט מיין טהייערע, דוא קענסט אפילו דעם מאָנארך אליין אויך געפעהלען.

דיא נאָנע האט אראפּגעלאזען איהרע אויגען און פּאָביעדאָנאָסצעוו האט איהר פייערינ געקושט.

— איך זעה! — האט פּלוצלינג א קלונג געטהאן אין פּאָביעדאָנאָסצעוו'ס איערען א באַסאָווע שטימע פון דעם צווייטען צימער.

— וועה! — האט זיך א געשריי פון דעם היילינענס הערץ ארויסגעריסען.

ער און דיא נאָנע האבען זיך פון דיא שטוהלען אויפגעהויבען און האבען פי־בעריש געציטערט.

פּאָביעדאָנאָסצעוו האט לאנגזאם איהר אריינגעפיהרט אין א זייטיגען צימער און אליין איז ער מיט שטילע טריט צוגעגאנגען צו דעם צימער פון וואנען ער האט דיא שטימע דערהערט.

— וויא קומט אן אונבעקאנטער מענש אין מיין קווארטיר? — האט ער זיך נעקלעהרט — און ער האט אריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין דער האלב־אָפּאָנער טהיר. ער האט אבער צו זיין ערשטוינונג קיינעם ניט געזעהן. דער צימער איז געווען העל בעלויכטען, אז מען האט דאָרט אפילו נעקענט בעמערקען א שפּילקענע קעפּעל.

— איך האב געזעהן ! — האט ער ווידער דערהערט דיא זעלבע שטימע פון אונטער דער בעט טאקי אין דעם זעלבען 'שלאף־צימער.

פאביעדאנאסצעוו האט א ציטער געטהאן מיט'ן גאנצען קערפער און זיין געזיכט איז לייכענבלאס געוואָרען.

— ווער איז דאָרט ? — האט ער ניט מיט זיין שטימע אויסגערופען און האט זיך אינסטיקטיוו א חאפ געטהאן צו זיין רעוואָלווער.

— איך, — האט ער בעקומען אן אנטוואָרט פון אונטער דער בעט — איך, דיין געליעבטע סאָפיא קוזמינאוווא !

דיא שטימע איז געווען ריכטיג וויא סאָפיא'ס. דער היילינגער איז געבליעבען שטעהן וויא א פערשטיינערטער פאר ערשטוינונג און פון איבערראשונג. ערשטענס, וויא קומט אהער סאָפיא, און אז שוין יא אזוי, טאָ ווער איז דער צווייטער פערזאָן מיט איהר אונטערן בעט?

— וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען, היילינגער אָבער־פּראָקוראָר ? — האט ער ווידער דערהערט דיא גראבע באסאָווע שטימע פון אונטערן בעט — איך בין גראף טשיטשיקאָוו.

דער היילינגער איז געבליעבען שטעהן אהן לשון, עס האט איהם אנגעהויבען צו דולען דער קאָפּ פון אזא זאנדערבארע געשיכטע. גראף טשיטשיקאָוו און סאפיא קוזמינאווא ביי איהם אין שלאָף־צימער אונטערן בעט, וועהרענד ער איז דעם גאנצען טאג פון זיין צימער ניט ארויסגעגאנגען און גרעפין טשיטיקאָווא אלס נאָנע זעהט ער צום ערשטען מאל !....

דערווייל האט גרעפין טשיטשיקאווא אויפגעמאכט אין איהר צימער דיא טהיר פון קארעדאר און האט ערהאלטען פון א יונגען מאָנאך א לעדערנעם זעקעל.

— געוואלד, היילינגער פאטער, ער דערשטיקט מיך ! — האט זיך פון אונטער דער בעט געהערט סאָפיא'ס האלב פערשטיקטע שטימע — רעטעט.... געוואלד טשיטשיקאָוו....ער שטיקט....

— וואס איז דאס אזוינס ?! — האט פּאָביעדאָנאָסצעוו ווילד אויסגעשריען מיט א ציטערענדע שטימע — איהר קריכט ארויס ? איך שיס !

קוים ער האט דאס לעצטען וואָרט ארויסגערעדט, זיינען איהם אויפ'ן קאָפּ ארויפגעשפרונגען צוויי גרויסע, שווארצע קעץ.

— געוואלד ! רעטעט ! איך בין פערביי ! — האט פּאָביעדאָנאָסצעוו טאנצענד אין דער לופטען געקוויטשעט — הילפע ! רעטעט ! קאראאול !

— פאר סאפיא קוזמינאווא און גרעפין טשיטשיקאָווא א מתנה פון זייערע מענער צו דעם היילינגען אבער־פּראָקוראָר ! — האט א קלונג געטהאן איבערן צימער א ווילדע שטימע און עס האט זיך געהערט א טראסק פון א טהיר.

— — — — — — — — — — — — —

אויף דער אויבערשטער גאלעריע לעבען דעם קופּעל פון „אוספּענסקי סאָבאָר” האט זיך אין יענער צייט, ווען דאס איז געשעהען, ארומגע-

דערהט א יונגער מאנאך לעבען איינינע לעדער׳נע זעקעלאך, וועלכע האבען זיך אלע ווייט בעוועגט, פונקט וויא א לעבענס־גייסט וואלט אין זיי געזעסען. דער מענך האט זיך לעבען דיא זעקלאך אוועקגעזעצט און האט אלע ווילע אראפגעקוקט אונטען צום בבארען.

אין א האלבע שטונדע ארום האט זיך דיא טהיר פון אוספענסקי סאבאר לאנג־זאם אויפגעמאכט און דער היילינגער דוחאָווקין מיט א נאָנע, זיינען אין קירכע אריין־געגאנגען.

— אָט דאָס, עדלע גרעפין, איז דאס גרעסטע היילינגטהום פון גאנץ רוס־לאנד, — האט דוחאָווקין געזאגט מאכענדיג מיט דיא הענד הין און צוריק איבערן רוים פון דער קירכע — נאך אזא היילינגע צערקאָוו האבען מיר ניט אין אונזער גאנצען פאטערלאנד. אלע רוסישע הערשער ווערען אין איהר געקרוינט און אין א פאר וואָכען ארום וועט דא געקרוינט ווערען אונזער היינטינער מאנארך אלעקסאנדער דער דריטער. נו, געפעהלט אייך עפעס גרעפין דיא אלטע קירכע „אוספענסקי סאָבאָר״ וואס איהר האט מיר נאך געסטערן געבעטען אז איך זאל אייך זיא צייגען?

— דער היילינגטהום איז דא צו זעהן אויף יעדען שריט און טריט, — האט דיא נאָנע ענטציקט געזאגט.

— און נאך היילינגער קומט מיר דיא קירכע פאָר, — האט דוחאָווקין ליעבליך געזאגט — ווען איך געפין מיך לעבען דיר מיין ליעבער זיסער ענגעל!

— און רייד־ענדיג האט ער דער נאָנע ערגריפען און צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

— אָ, היילינער פאטער, — האט דיא נאָנע איהם אפּ־שטויסענד שטיל גע־רעדט — אין א מקום־קדוש....

— נו, טאָ וואס איז דא אזוינס מיין טייבעלע? — האט דוחאָווקין צוהיצט איהר נעפרענט — אדרבא, נאך צעהן מאל בעסער, און בפרט נאך אז איהר גרעפין טשיטשיקאווא, זייט שוין ביי מיר יעצט א גאסט?....

— א גאסט? — האט דיא נאָנע מיט א פערוואונדערטע מינע איהם גע־פרענט — איך פערשטעה ניט וואס איהר מיינט מיט דעם, היילינער פאטער.

— וויא הייסט, דוא פערשטעהסט ניט מיין קעצעלע, האט דיר דען פּאָביעדאנאסצעוו ניט געזאגט, אז ער נעהמט דיך אין קייזערליכען הויף פאר א הויף־דאמע? אָ, מיין טייבעלע, אין דעם האָסט דוא נור מיר צו פערדאנקען! שעהם דיך ניט קעצעלע, — האט דוחאָווקין ווייטער גערעדט און האט איהר פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט — מיר זיינען איינענע מענשען. און וואָלסט דוא, מיין טהייערע טשי־טשיקאוו געוואוסט וויא איך ליעב דיך!....

— מיר דוכט זיך — אז אימיצער זיצט דאָרט לעבען דעם אלטאר — האט גרעפין טשיטשיקאווא תמ׳וואטע צו איהם געזאגט.

דער היילינער האט זיך אומגעדרעהט און האט זיך איינגעקוקט.

— ניטאָ א פוס, — האט דער היילינגער ליעבליך גערעדט -- דיא שליסלען פון דער קירכע האלט איך פון נאך עלף אוהר אבענדס ביי זיך; בעזאנדערס נאך היינט, ווען איך האב אזא טהייערן גאַסט.... איך האב דא פריהער אלעס בעקוקט אום מיר זאלען דאביידע קענען א שמועס טהאן.... קום מיין טייבעלע אביסעלע ווייטער, דיא קירכע איז צוגעשלאסען.

— דוחאָווקין! — האט ער פלוצלינג דערהערט א פרויען־שטימע פון אונטער דעם מראַמאָרנעם אלטאר — איך זעה דיך....

— אָי! — האט דער היילינגער א קרעכין געטהאן. ער האט אבער באלד געפאַסט מוטה און זיין שרעק איז פערוואנדעלט געוואָרען אין שרעקליכען צאָרן.

— דוא שפּיאָנירסט מיך סאָפּיא? — האט ער וויטהענד אויסגעשריען — איך געה און צערברעך דיר באלד דיין שלאַנגען־קאָפּ, פערפלוכטע בעסטיע!

ער האט זיך געחאַפּט לויפען צום אלטאר; אבער פלוצלינג האט ער דערהערט א צווייטע שטימע:

— וויא באלד דוא גיעהסט צו צום אלטאַר, בלייבסט דוא טייפעל ליעגען טויט אויף דער שטעלע!

דער היילינגער איז ערציטערט געוואָרען, איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס איז פּאביעדאנאסצעוו׳ס שטימע.

ער איז געבליעבען שטעהן וויא א צודולטער, — פּאביעדאנאסצעוו מיט סאפיא קוזמינאווא אונטערן אלטאַר פון דער פעשלאָסענער קירכע! — איהם האט געוואָרפען א צאָהן אן א צאָהן און זיינע אויגען האבען זיך שנעל בעוועגט וויא ביי א וואהנזיניגען.

— דוחאָווקין! — האט ער דייטליך דערהערט פּאביעדאנאסצעוו׳ס שטימע — דיין שטעלע האָסט דוא פערלארען....

דער היילינגער האט זיך דריי מאל איבערגעצלם׳ט.

— איסוס כריסטאָס (יעזוס קריססוס)! — האט ער ניט מיט זיין שטימע אויסגעשריען — וואס איז דא אזוינס געשעהן! נעוואלד, איך בלייב אין חלשות!

— רעטע מיך, היילינגער פאטער! — האט ער דערהערט סאפיא׳ס שטימע מיט א קוויטש — רעטע מיך פון דעם פערפלוכטען אָבער־פּראָקוראָר.... ער ווערגט מיך, ער שטיקט מיך....

דער היילינגער איז לייבענבלאס געווארען, ער האט פערבראָכען מיט דיא הענד און ווילד אנגעקוקט דעם אלטאר. ביי איהם איז שוין גאר קיין צווייפעל ניט געווען, אז דיא פּאָר פאָלק געפינט זיך אונטער דעם אלטאר; אבער דיא פראַגע „וויא אזוי?" האט איהם אזוי צודולט, אז ער האט ניט געקענט עפענען דיא מויל, פונקט וויא ער וואָלט נעלעהמט געוואָרען.

— פרעסט איהם אויף א לעבעדינגען! — האט פלוצלינג א הילך געטהאן איבערן קירכע א שטארקע באַסאָווע שטימע און אין דעמזעלבען מאָמענט איז א־ראָפּגעשפּרונגען א גרויסע קאַץ דוחאָווקינען אויפ׳ן קאָפּ, באלד נאך איהר איז ארויפגעשפּרונגען א צווייטע און גלייך א דריטע און א פערטע.

— יעיום כריסטוס! האט דער היילינער פאלענד פאר שרעק צום באָדען ווילד אויסגעשריען

— פרעסט! — האט געהילכט דיא זעלבע שטימע.

דער היילינער איז אין פערלויף פון א פאר מינוטען בעדעקט געוואָרען מיט א צוואנציג גרויסע קעץ.

— א מתנה פון קאָזמינאוואַ׳ס מאַן! — האט דיא נאָנע טשיטשיקאווא גערעדט — אדיע דוחאָווקין, אדיע מיינע דרעסירטע קעצעלאך און אדיע קאַצאפּענלאנד....

— און א לעצט־געלד פון דיא ניהיליסטען! — האט מיט א שרעקליכען געלעכטער געדאנערט א צווייטע שטימע — לעבע וואָהל יעזואיט און באד זיך אביסעל אויס אין דיין שמוציגען בלוט וויא דוא האסט זיך געוואלט באדען אין אונזערע.

עס האט זיך געהערט א קאצענ־מוזיק מיט א שטארקען קרעכצעריי און באלד נאכדעם א טראסק פון א טהיר.

— — — — — — — — — —

אויף מאָרגען אין דער פריה האט זיך געטראגען אין מאסקווא א זאגע, אז אין קרעמעל איז ענטדעקט געוואָרען א ניהיליסטישע מינע און וועלכע עס האבען אנטהייל גענומען פיעלע גייסטליכע און מאָנאכען. דער היילינער דוחאָווקין האט עס ערפאהרען; אבער דיא ניהיליסטען האבען אויף איהם אנגעריייצט א שרעקליכען הונד, וועלכער האט איהם שיער צוריסען אין שטיקער, אז עס איז זעהר א שוואכע האפנונג דאס דער היילינער גייסטליכער זאל לעבען בלייבען. מאנכע האבען נאך גזאגט, אז דער אייגענער הונד האט אויך אנגעגריפען דעם אָבער־פּראָקוראָר פון דעם היילינען סינאָד, ווען ער איז געקומען בעקוקען דיא ענטדעקטע מינע. דער הונד איז געזעסען אונטער דעם אלטאר, וואו דיא מינע איז געוועזען דורכגעפיהרט, און ער איז זיי ביידען ביי דער ענטדעקונג בעפאלען. געגען אבענד אבער האט שוין דאס פאָלק שטארק גערעדט וועגען דרעסירטע קעץ, און אויף איבערמאָרגען איז שוין עפענטליך פון „טרעטיע אָטדיעליעניע" געוועזען בעשטימט א פרעמיע פון פינף טויזענד רובעל פאר דעם יעניגען, וועלכער וועט אויסגעפינען דעם געוויסען ניהיליסט איוואן שוטקין, דעם קלאָאון פון סאלאמאנסקי׳ס צירק, וואס האט געליינט א מינע אין אוספענסקי סאָבאר און האט געטוטעט דעם היילינען פריסטער דוחאָווקינען, אנשיקענדיג אויף איהם ווילדע חיות מיט ווילדע משוגע׳נע קעץ, וועלכע ער האט ארויסגענגבעט פון זיין ווירטה סאלאמאנסקי׳ס קליעטקע. דוחאָווקין׳ס לויה איז אויסגעפיהרט געוואָרען מיט גרויס פאראד און פּאָביעדאָנאָסצעוו איז איהם נאכגעפאהרען מיט א צודראפּעטען פנים.

85טעס קאפּיטעל.

קונציג אָפּגענאַרט.

האלב נאך ניין אוהר אבענדס איז דורך א הינטערגעסעל צוגעגאנגען **א הויכע** און **דיקע דאַמע צו דער** פאראַדנער טהיר פון חיטראָווצין׳ס וואוינונג אויף „פּעטראָווקא". **זיא איז געוועזען** זעהר עלעגאנט געקליידעט נאך דער לעצטער מאָדע. **אויף**

איהר מאַסקירטע געזיכט איז פון איהר שעהנער הוט אראפּגעהאַנגען א דיקע שווארצע הילע ביז איהר הויכגאָסירטען בוזים. דיא דאַמע האט זיך ארומגעקוקט און האט ארויסגענומען פון איהר אבער-מאַנטעל א ווייסע טיכעל. באלד נאכדעם, זיינען צו איהר צוגעגאנגען פון דעם געגענזייטיגען טרעטאָאר דריי הויכע און קרעפטיגע מענער. דיא דאַמע האט זיי א שעפּטשע געטהאן עטליכע ווערטער אין דער שטיל און דיא דריי מענער זיינען גלייך דורך דער פראָנט-טהיר אריינגעגאנגען צו חיטראָווצינען אין וואוינונג.

דיא רייכגעקליידעטע דיקע דאַמע האט זיך ביי א צוואנציג מינוט ארומגעדרעהט לעבען חיטראָווצין'ס וואוינונג און האט זיך ענדליך אוועקגעשטעלט ניט ווייט פון דעם שוועל. אין איינינע סעקונדען ארום איז צו איהר צוגעגאנגען א יונגער אפיציער מיט א פּאר לאנגע און ראָבען-שווארצע וואָנצעס און האט מיט א שמייכעל דער דאַמע בעטראַכט. דיא דאַמע האט זיך פאר איהם פערניינט.

— עך, חיטראָווצין, דיר איז אונמעגליך צו דערקענען! — האט דער אפיציער צו דער דאַמע זעהר שטיל געזאגט.

— ש—ש—א — האט דיא דאַמע א שעפּטשע געטהאן און האט א וואונק געגעבען דעם אפיציער, אז ער זאל מיט איהר געהן.

ביידע זיינען מיט ראַשע טריט אוועקגעגאנגען.

— אָ, וויא קאָמיש קומט מיר חיטראווצין פאָר אין דאַמען-קליידער! — האט זיך דער אפיציער געהענדיג נאך דער דאַמע אין פינסטערע אינטער-געסלאך גע-קלעהרט — ער קוקט אויס מיט א גאנצען קאָפּ העכער. זיין גאנג קוקט אויך עפּעס אנדערש אויס. קליידער קענען טאקי א מענשען אין גאנצען אומענדערן אבער וואס לויפט ער אזוי צום טייפעל? מיר האט שוין פערהאַקט דער אטהעם איהם נאכלויפענד.

וויא דער אפיציער האט זיך ניט געמאַטערט אויסצוקומען מיט חיטראָווצינען גלייך האנד ביי האנד, איז ער אלץ געבליעבען הינטערשטעליג אויף איינינע טריט.

— אָ, איך שרעק מיך עפּעס מיט איהם צו געהן! — האט זיך דער אפיציער געטראַכט — ווער וויים וואס פאר א מכשפה איז דיא קאָרטענ-ווארפערקע? איך ציטער, אז זיא זאל איהם אויסזאגען, אז איך האב נאך היינט אויך עסקים מיט אנדערע.... און טאָמער זאגט זיא איהם נאר, אז איך זוך מיטלען וויא איהם צו בעגראבען!.... אבער ניין! איך גלויב ניט, אז היינטיגע צייטען זאלען זיך געפינען אזעלכע צויבערינס. אבער ו ו י א עס וועט שוין זיין, וועל איך ש ט ו מ ע ן וויא א פיש. חיטראָווצין איז א קלוגער טייפעל; אז ער האט געהייסען זיין שטום, מסתמא וויים ער וואס ער רעדט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דיא דעקאָראציאָן פון דער אלטער מערי באַטענבערג'ס צימער, איז יענע נאכט געוועזן בעזאָנדערס שרעקליך און שוידערהאַפט. שווארצע פאָרהאַנגער, אויף וועלכע

קעפ פון מענ׳שען־סקעלעטען זיינען געווען מיט רויטהען פארב אויסגעמאהלט זיינען אי־ראפ געהאנגען פון דעם באלקען ביז צום באדען פון איהר צויבער־קאבינעט אונטער
דיא מענ׳שען־קעפ האבען זיך געזעהן צוויי קנאכענס אין דער סקווער געפארבט מיט
דיא מענשען־קעפ האבען זיך געזעהן צוויי קנאָכענס אין דער סקווער געפארבט
ווייסע פארב. דיא פאָרהאנגען זיינען געווען צוגעשפיליעט מיט זיידענע בענדלאך, פון וועלכע עס האבען אראָפגעהאנגען וואהרע נאטירליכע קעפ פון מענ׳שען־סקעלעטען. אייניגע שווארצע טישלאך זיינען געווען ביי דיא פאָרהאנגען אויסגעשטעלט און אויף יעדען טישעל האבען געברענט צוויי גרויסע שווארצע וואקס־ליכט. צווישען דיא ליכט אויף יעדער טישעלע זיינען געשטאנען שווארצע ערדענע שיסעלאך אנגעגאָסען מיט א רויטהע פליסיגקייט וויא נאטירליכע בלוט, לעבען איין טישעל צווישען צוויי פאָרהאַננער איז געזעסען דיא אלטע מכשפה, איהר קאָפּ איז געווען בעדעקט ביז דיא אויגען מיט א רויטהע זיידענע מיץ וועלכענס הויכער שפּיץ האט זיך געענדיגט מיט א ווייסען קרייץ. איהר געזיכט איז געווען עטוואס צוגעפארבט און א לאנגער צוויי־שפיצינער קראגען האט בעריהרט איהרע ביידע באקען אין דער העלפט. לעבען איהר אויפ׳ן טישעל זיינען געשטאנען צוויי ברענענדע וועקסערנע ליכט, צווישען זיי זיינען געלעגען עטליכע טעשלאך קארטען און יעדע ווילע האט זיא א קוק געטהאן אויף איהר צויבער קעסטעלע, וועלכע איז בעדעקט מיט א שווארצען טוך.

— זיי שטויסען זיך אויף עפּעס, — האט דיא אלטע צו זיך אליין געברומט— דער אלטער הונד סאבאקאוו האט אויך אויפגעהעצט מיין ניקאָלאַי׳סען.... זיי האבען מיך ביידע היינט בעזוכט. אבער ניט פון מערי באטענבערג דערגעהט מען עפּעס.

זיא האט זיך אביסעל פערטראכט און פאר איהרע שווינדלערישע אויגען האבען אנגעהויבען צו שוועבען אלטע, גאנץ אלטע בילדער פון דער וויטער פערגאנגענהייט. זיא האט זיך געזעהן אלס יונגע זיעבצעהן־יעהריגעס מעדכען ביי א פּריסטאוו אין הויז אין מאסקווא. ארום איהר טאנצט ארום א יונגער אפּיציער׳ל וולאדימיר, ער שפּיעלט עטליכע שטונדען א טאג מיט איהר פאטער דעם פּריסטאוו אין קארטען, און דיא איבעריגע צייט פערברייננט ער מיט איהר; ער פערשפּרעכט איהר טריי־הייט און ליעבע און זיא, לייכטזיניגעס מעדכען לאָזט זיך פערפיהרען ... וולאדימיר ווארפט זיא נאכהער אוועק און זיא הייראטהעט אן אידיאָט, א שיינקערס א זוהן.

א גיפטיגער שמייכעל האט זיך ביי דיעזע עראינערונג געוויעזען אויף דיא ליפּען פון דער אלטער העקסע. זיא האט גענומען אין דער האנד א פּעקעל קארטען און האט זיי בעטראכט, פּונקט וויא זיא וואָלט זיך דערמיט וועלען ארויסשלאגען פון קאָפּ דיעזען געדאנק; אבער אמאָליגע עראינערונגען האבען זיך ווייטער פאר איהרע אויגען פאָרגעשטעלט אין בילדער. זיא זעהט זיך אלס מוטער פון א רויטהאָריגען קינד ביי איהר מאַן דעם אידיאָט אין הויז. איהר מאַן קוקט אויף דאס קינד קרום, ער מאכט איהר אלע מאל פאָרווירפע, אז דער רויטהעהאריגער אייגעל איז ניט זיינער; אבער זיא ווייס וויא זיין הארץ צו פאנגען און איהר מאַן הייבט אן צו פערגעסען איהר יוגענד־זינד. פּלוצלינג נעפינט זיא זיך גאר אין א קייזערליכען הויף.

(Iron. 48).

א יונגער מאָנארך האט איהר פון איהר מאַנס הויז אוועקגערויבט און האט איהר אוועקגעזעצט אין א הארעם.... זיא שענקט איהם א זוהן און דאס קינד ווערט אפּ־געשיקט צו איהר אמאָליגען מאַן. זיא פערבלייבט נאך איינינע יאהר אין הויף, זיא ווערט נאך מעהר פערדאָרבען דורך דיא הויפּישע קעניגליכע בעסטיעס. זיא ראָמאַ־סירט מיט דיא קוטשארעס, לאַקייען און מיט דיא אויסגעדיענטע געגערעלער. דאס ערפאהרט דער מאָנארך און טרייבט איהר ארויס פון הויף. זיא הייראטהעט אן אלטען אכציג יעהריגען גראף באטענבערג צוליעב זיין פערמעגען. ער לעבט נאך אונטער איינינע יאהר אין סעוואסטאָפּעל און שטארבט. זיא הערבט א שעהן טרייל פון זיין רייכטהום און בעזעצט זיך נאכהער אין מאסקווא.

— ער איז א טייפעל! — האט זיא פלוצלינג שארף ארויסגערעדט — ער וויס נים דער חיטראָוצין אין וועמען ער האט צו גערעטען זיין. עך, סאבאקאוו, שמוציגער וולאדימיר! דוא האָסט א גוטען זוהן אויף דער וועלט געבראכט.... דוא האָסט מיך פערפיהרט דער ערשטער אין א בלאָטע און אָט זיינען דיא פאָלגען!

זיא האט א מאַך, געטהאן מיט איהר דארער האנד איבערן רוים פון איהר קאבינעט און אן עקעלהאפטער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף איהרע ליפּען.

— א שעהנער זוהן איז אויך אלעקסייעוו׳ל! — האט דיא אלטע מיט א טייפעלשען שמייכעל זיך געטראכט — דער עפּעל פאלט ניט ווייט פון בוים....אבער וואס זאל איך מיר אליין אפּנאררען? איז ער דען פון דעם מאָנארך און ניט פון זיין קוטשער טאראָפּימאָוו?....האב איך דען טאראָפּימאָוו׳ן וויינינער געליעבט פון דעם פערפלוכטען געקרוינטען?—

א קלונג אין איהר קעסטעלע האט איהר פלוצלינג איבערגעשלאָגען איהרע גע־דאנקען. זיא האט אקוקגעטהאן אין דיא קלייניקע פענסטערלאך און האט דאָרט דערזעהן צוויי בוכשטאבען ח׳ און ז׳.

דיא אלטע האט זיך אויסגעגלייכט און האט א דריק געטהאן א קנעפּעל אונטער איהר טישעל. דיא טהיר פון איהר קאבינעט האט זיך גלייך אויפגעמאכט און אין צימער זיינען לאנגזאם אריינגעגאנגען צוויי מענשען, א דיקע דאמע מיט א שווארצע הילע איבער איהר געזיכט און א יונגער אָפיצער מיט שווארצע און לאנגע וואָנצעס.

ביידע געסט זיינען שטארק איבערראשט געווארען א קוקטהאנדיג אויף דעם שרעקליכען דעקאָראציאָן פון דעם קאבינעט. דיא דיקע דאמע האט אבער באלד געפאסט מוטה און איז נאכהער צו דער זיצענדער צויבערין צוגעגאנגען.

— ווינשט איהר, טהייערע געסטע קארטען אויסלייגען, אדער אייך לעזען פון דיא הענד? — האט דיא קארטען־ווארפערקע זיי געפרעגט.

דיא דיקע דאמע האט מיט׳ן פינגער אנגעוויזען אויף דיא קארטען.

זער יונגער אפיציער איז אויך נעהענטער צוגעגאנגען און האט דער דאמע גענומען מיט דער האנד אונטער׳ן ארעם.

דיא קארטענוואַרפערקע האט אויסגעטאַשט דריי מאל דיא קארטען און האט זיי אויסגעלייגט אין פיער ציילען איבערן צוויבער-טישעל.

— יעזוס כריסטוס! — האט זיא זיך דריי מאל איבערקרייצענדיג אויסגערר פען — צווי מערדער און שווינדלער צוזאמען!!!

דער אפיציער איז איבערראַשט געוואָרען און האט א טאַרקע געטהאַן דער דיקער דאַמע פאר דער האנד. דיא דאמע האט איהם געענטפערט מיט א לייכטען קניפ, א צייכען, אז ער זאל שווייגען.

דיא אלטע האט גענומען אין דער האנד נאך א טאַליע קארטען און האט געהייסען דיא געסט, אז יעדער פון זיי זאל ציהען איין קארט.

— יעצט קעהרט איבער אייערע קארטען, — האט זיי דיא צויבערין בעפוילען.

זיי האבען דיא קארטען איבערגעקעהרט דער אפיציער האט געקריגען א דאַמע קרייץ און דיא דאמע א קעניג פיק.

— זעהט איהר שוין, — האט דיא צויבערין טריאומפיהרענד אויסגעשריען — זעהט איהר שוין אז מערי באַטענבערג איז אונמעגליך אפצונאַררען? דער אפיציער איז א דאַמע און דיא דאמע איז גאר א הערר....

ביידע בעזוכער האבען זיך געטאַרקעט פאר דיא הענד; אבער קיינער פון זיי האט ניט ארויסגערעדט א וואָרט.

— אי! אי! אי! — האט דיא אלטע בעטראַכטענדיג דיא ערשטע רייהע קארטען אויסגעשריען — דיא דאמע האט א מאָל ערמאָרדעט איהרס א קינד.... אָט זעהט איהר דאָך ביידע ניינטלאך לעבען דער דאמע קרייץ!

דער יונגער אפיציערעל האט א ציטער געטהאַן און דיא דאַמע, וועלכע האט געהאַלטען זיין האנד אונטערן ארעם, האט דאס געפיהלט.

— איהר זייט אנטלאָפען מיט אייערען א געליעבטען פון אייער פאטערס הויז, — האט דיא אלטע זיך ווענדענד צ'ם אפיציער ווייטער גערעדט — דער קינדער-מאָרד איז אבער ניט בעוואוסט געווארען. ער איז פערבליעבען צוגעדעקט ביז היינ-טיגען טאָג, אָט זעהט איהר דאָך וויא צוויי צעהנטלאך ליגען איינע לעבען דער צווייטער.

דער אפיציערעל האט אנגעהויבען צו ציטערן וויא אין פיעבער פאר איבער-ראַשונג פון אזעלכע וואונדער און דיא צויבערין האט ווייטער געשניטען:

— דיעזער מאן אין דיא דאַמען-קליידער, — האט זיא אנווייזענד אויף א קעניג געזאגט — ער איז אייער געליעבטער, מיט וועלכען איהר זייט דאַמאלס אנטלאָפען.... דיא צוויי טייזלאך לעבען איהם, צייגען, אז איהר האט איהם צוגערעדט צו בעגעהן א מאָרד.... ער האט עס געטהאן און דיא ניינטעל, דאס געלד מיין איך, האט איהר פאר זיך צוגענומען.

דער אפיציער האט אנגעקוקט דער קארטענוואַרפערקע מיט ווילדע בליקען און א שטילער זיפץ האט זיך פון זיין הערץ ארויסגעהאַפט.

דיא קארטענוואַרפערקע האט דערווייל בעטראַכט דיא צווייטע רייהע קארטען און ויאָט געפיהרט איבער זיי מיט דיא פינגער.

— יא, יא, — האט זיא ווייטער גערעדט — דיא קארטען צייגען, אז איהר האט אנטלויפענדיג מיטגעפיהרט צוויי קליינע קינדער, איהר האט זיי ערגעץ איבערגעלאזט און אליין האט איהר זיך גערעטעט, עפּעס אין א גרויסע שטאדט.... איז עס וואהר מאדאם?

דער אפיציער האט ניט געענטפערט. ער האט נור א טורקע געטהאן דער דאמע פאר'ן האנד און האט שווער געאטהעמט, און דיא דיקע דאמע האט געוואונקען מיט דיא פינף פינגער אז דיא צויבערין זאל ווייטער ריידען.

— איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי, דריי! — האט דיא קארטענוואָרפערקע מיט אַן ערנסטע מינע אויסגערופען און האט געפיהרט איבער דער דריטער ציילע קארטען. פּלוצלינג האט עס א קלונג געטהאָן ווי פון פּאַלאַפּ און דעם אפיציער פאר דיא פיס איז אראפּגעפאלען א פערמאכטער קאָנווערט.

— הייבט איהם אויף, — האט דיא צויבערין מיט א שטריינגען טאָן בעפוילען.

דער אפיציער האט ציטערענד ביי אלע גליעדער זיך איינגעבויגען און האט אויפגעהויבען דעם קאָנווערט פון באָדען. נאך דער קארטענ-וואָרפערקעס בעפעהל האט דער אפיציער דעם קאָנווערט אויפגעמאכט און האט פון דאָרט ארויסגעצויגען א פאָטאָגראַפישע בילד.

— אָי! וועה! — האט דער אפיציער מיט א דאמענ-שטימע א קוויטש געטהאן דערזעהענדיג דאס בילד — פיין—שטיין!

דיא דאמע האט אויך דעם בילד בעטראכט און האט פערצויגען מיט דיא אקסלען, זיא האט באלד א טאָרקע געטהאן דעם אפיציער פאר דער האנד, פאר א צייכען, אז ער זאל זיך ניט אזוי איבערראשען.

— דיעזע פרוי, — האט דיא אלטע העקסע פאָרטגעזעצט — האט איהר פערגליקט....אט זעהט איהר דאָך דיא פיערטע ציילע קארטען! זיי ווייזען, אז איהר האט געטויטעט איהרען א נאָהענטען פערזאָן.... אָ, וואי! — האט דיא צויבערין בעטראכטענדיג ווייטער דיא קארטען אויסגערופען — איהר האט, מאדאם, געטויטעט אויך איהרס א קינד ...אָט איז ער! ריידענדיג האט זיא מיט א פינגער אנגעוויעזען, אויף אן אונטער פּיק.

— געוואלד איך האלט ניט אויס, — האט זיך זלאדייקינא אונטער איהר מאסקע געטראכט — איך שטארב אוועק.... וויא איז עס מעגליך אלץ אזוי דייטליך צו וויסען? פיעללייכט האט עס איהר פערטרויט חיטראָווצין אליין? אבער ניין, וויא קומט צו איהם שרה פיינשטיין'ס בילד?

— דיא פרוי, וועלכענס בילד אייער געליעבטער האלט אין האנד, — האט דיא קארטענוואָרפערקע פאָרטגעזעצט — איז ניט לאנג געשטארבען. איהר גייסט אבער פערפאָלגט אייך.... וויא באלד איהר פערבלייבט דא וואוינען אין מאסקווא וועט אייך דיא טויטע פרוי דערשטיקען.

— וועה מיר! — האט פון זלאדייקינא'ס ברוסט א שטימע אויסגעריסען.

דיא צויבערין האט דערוויילע צונויפגעלייגט דיא קארטען. זיא האט זיי איבער־געטאשט און האט געבעטען דעם אפיציער זיי אפצוהייבען. מיט ציטערענדע הענ־דע האט עס זלאדייקינא געטהאן און דיא העקסע האט ווידער דיא קארטען צולייגט אין פיער ציילען.

— דיא ערשטע קארט ווייזט, — האט דיא מכשפה גערעדט — אז דער גייסט פון דער טויטער פרוי געפינט זיך יעצט דא אין צימער. דיא צווייטע צייגט, אז זיא וויל פאר אייך ערשיינען—

— געוואלד! רעטעט! — האט זלאדייקינא ניט מיט איהר שטימע אויסגע־רופען — פיעללייכט קענט איהר, געטין אפהאלטען?....

— ניין, מיין קינד, — האט דיא צויבערין מיט א געלאסענע שטימע ערוויע־דערט — איך טאָר עס ניט טהאן, אז ניט וועט זיא מיך דערשטיקען.

זלאדייקינא האט זיך געחאפט לויפען צום טהיר; אבער דיא דיקע דאמע האט איהר פעסט ערגריפען פאר ביידע הענד. אין דעמזעלבען מאָמענט האט זיך דער פאָרהאַנג אויפגעמאכט און שרה פיינשטיין, געקליידעט דורכאויס אין ווייסען האט זיך גלייך איבער דער צויבערינס קאָפּ אוועקגעשטעלט....

— געוואלד! — האט זיך א הערצרייסענדע שטימע פון זלאדייקינא'ס הערץ ארויסעגריסען און זיא איז הינטער זיך געפאלען צום באדען אהנמעכטיג.

דיא דיקע דאמע לעבען איהר האט איהר פעסט צוגעדריקט פאר ביידע געשלייפען און זלאדייקינא האט אויפגעמאכט דיא אויגען. זיא האט ווילד אנגעקוקט דיא וועגט פון צימער און איהרע ליפען האבען זיך שטיל בעוועגט.

— זיא איז פערשוואונדען — האט דיא קארטענווארפערקע אויסגעשריען — בעשטעהט אויף מאדאם, קיין בייז וועט אייך ניט געשעהן.

— חיטראָווצין, — האט זלאדייקינא שטיל געשטאמעלט — רעטע מיך. פיהר מיך פון דאנען אוועק!....

— ש—ש—א — האט דיא דיקע דאמע ארויפלייגענד א פינגער אויפ'ן נאָז א פישעפטשע געטהאן — ש—ש—א....

זיא האט דער פערקליידעטער זלאדייקינא'ן פון באדען אויפגעהויבען און האט איהר געהאלטען אונטער איהר טאליע.

— רעטעט אייך מאדאם, און פאהרט פון דאנען אוועק, — האט דיא קארטענ־ווארפערקע מיט אן ערנסטען טאָן געזאגט — א טויטער גייסט האט ניט קיין מאכט צו פערפאָלגען איבערן מעער.... פאָהרט אריבער א ים, וועלכען עס איז, און דא־מאלס זייט איהר פון אייער טויטער פיינדין אויף אייביג בעפרייט.

— אָ, געטין, איז עס אזוי געוויס?

— מערי באטענבערג קייט איין וואָרט צוויי מאָל ניט איבער, — האט דיא אלטע מיט א שטאָלצע טינע ערוויעדערט — ווילט איהר רעטען אייער לעבען, טאָ פאָלגט וואס מען ראטה אייך....

— איך טהו עס זאגאר מאָרגען, היילינע פרוי, — האט זלאדייסקינא עטוואס ערמונטערט געזאגט.

— דוא האָסט א טעות מיין קעצעלע, — האט זיך דיא דאמע אונטער איהר מאַסקע געטראכט - פון אָ פ ע נ ב א כ ע ן לויפט מען אזוי גיך ניט אוועק. האָטש דוא האָסט זיך בעריהמט, אז דוא קענסט איהם אריינגארען אין א זאק....אָט האט ע ר דיר גאר אין א זאק אריינגענארט.... דיא גאנצע שייקע פאר איין קנאק, מוז געפאנגען ווערען!....

דיא פערמאַסקירטע דאמע האט א דיקען, פערמאכטען קאָנווערט אויף דעם טישעל פון דער קאָרטענוואָרפערקע אוועקגעלייגט און נאך איהרען א וואונק איז מאריא זלאדייקינא מיט איהר צוגלייך פון דער צויבערינס קאבינעט ארויסגעגאנגען.

— אָ, וואס זאגסט דוא חיטראוויצין? — האט זלאדייקינא דער דאמע שטיל געפרעגט ארויסגעהענדיג אויף דער גאס — איך האב אזעלכעס גאר ניט ערוואר־טעט צו הערען און צו זעהן. זיא איז עפּעס אן ענגעל אדער א טייפעל....איך שרעק מיך דיא גאס דורכצוגעהן. אָ, וואו בין איך דאָ אין דער וועלט?....

— ש—ש—שאָ! — האט דיא דיקע דאמע אלץ מיט דעם אייגענעם ערנסטען טאָן גאנץ שטיל א שעפּטשע געטהאן.

— אָ, ליעבער, טהייערער חיטראָוויצין, — האט זלאדייקינא זיפצענד פּאָרטנע־יעצט — נור א שטארקער מענש וויא דוא קען נאך אזעלכע שרעקליכע וואונדער שטומען. איך בין יעס ניט אין שטאנד.... געוואלד רייד עפּעס א וואָרט. זאג מיר, וואס זאל איך איצט טהאן און וואוהין זאל איך אנטלויפען? טאָר מען נאך איצטער אויך ניט ריידען? איך קען מיך ניט בעהערשען, ליעבער חיטראָוויצין. איך פיהל, אז איך געה אוים....

— ש—ש—שאָ! — האט דיא דיקע דאמע ווייטער געשעפּטשעט ארויפלייגענד דיא האנד אויף איהר מויל — ש—ש—שאָ....

דיא פאנאטישע און אבערגלויבישע מערדערין זלאדייקינא, האט חיטראָוויצין'ס „ש—שאקען" אנגענומען פאר א סגולה צו דעם כשיף. קיין זאך איז דא איהר ניט גע־וואָרען אויפפאלענד, ווייל זיא האט נאך געסטערן פון חיטראוויצינען געהערט, אז זיי בעדארפען ביידע זיין שטום און קיין וואָרט ניט ארויסריידען.

דיא דיקע דאמע האט איהר גענומען אונטער דער האנד און האט איהר אפּ־געפיהרט מיט ראשע טריט ביז איהר האָטעל „סלאוויאנסקי באזאר".

— אָ חיטראָוויצין, — האט זלאדייקינא שטיל געזאגט -- קום אביסעל אריין צו מיר אין דער לאָזשי....איך ציטער דאָרט אליין צו פערבלייבען.

— ש—ש—שאָ! — האט זיא בעקומען א שטילען שעפּטשע פון איהר חיטראָוו־ צינען פאר אן אנטווארט — ש—שאָ....

און שעפּטשענדיג „ש—שאָ" האט דיא דיקע דאמע איהר א וואונק געגעבען מיט דער האנד אז זיא זאל אריינגעהן אין איהר צימער.

זלאדייקינא האט איהר געפאָלגט און איז באלד אריינגעגאנגען אין האָטעל.

צו דער דיקער דאַמע, וועלכע האט זיך פון האטעל צוריקגעקעהרט אליין, איז באלד פון דעם געגענזייטיגען טרעטאָאר צוגעגאנגען א מאן.

— עקסעלענץ! — האט ער דער דאַמע שטיל אין אויער אריינגערעדט — דיא זאך איז אונז געלונגען.... היטראווצין איז מיט אונזערע מענשען אויף איינינע טעג פון מאסקווא אוועקגעפאהרען....

— איז מערי באטענבערג'ס הויז גוט בעוואכט? — האט דיא דאַמע איהם שטיל געפרעגט.

— יא, עקסעלענץ.

— און סלאָוויאַנסקי באַזאר?

— פון אלע זייטען, עקסעלענץ.

— זיא מוז אויף יעדען שריט און טריט נאכגעשפיערט ווערען — האט דיא דיקע דאמע צו דעם מאן שטריינג געזאגט — יעדער פון אייך איז פאר איהר פער-שווינדען פעראנטוואָרטליך.

— זייט רוהיג עקסעלענץ, — האט דער מאן ערווידערט, און נאך דער דאַמעס א וואונק איז ער פון איהר אוועקגעגאנגען.

86טעס קאפיטעל.

דער טרויעריגער אַבשיעד.

אננא זאכארין איז פון איהר מאן'ס פלעצליכע ערשיינונג אזוי איבערראשט גע-ווארען, אז זיא איז פאסט פון זינען ניט אראפ. איהר קראנקהייט האט זיך דאדורך פערשטארקט און זיא איז גאנצע צעהן טעג אפגעלעגען אין בעט. ענדליך איז זיא ביסליך-ווייז צוזיך געקומען, און אין דעם האט מיטגעווירקט איהר מאן'ס גוטע און געטרייע בעהאנדלונג. אונזער וואילער חברה-מאן טימאָפיי מיכיילאוו, אבוואהל ער האט קיין מאל ניט געלעהרענט וויא מיט קראנקע אומצוגעהן, דאך האט ער גע-וואוסט אז א קוש פון א מאן קען קיין מאל ניט שאדען און בפרט נאך פון אזא מאן, וועלכער איז גאנצע צוויי און צוואנציג יאהר ניט געווען צו הויזע. ער האט איהר געקושט און געהאלדוט און האט איהר צוגעזעהן דיא עטליכע טעג פון איהר צוגעפאַ-לענער קראנקהייט, און דיזע צערטליכע און ליעבליכע בעהאנדלונג, האט אויף איהר אזוי גוט געווירקט, אז זיא איז אין גאנצען צוזיך געקומען און איז נאך געווארען פיעל מונטערער און לעבהאפטער אלס פריהער.

דאס האט דעם פאלשען אנדריי זאכארין זעהר געפרעהט. ער האט ביסליך-ווייז אנגעהויבען צו דערצעהלען זיין וויב דיא אלע וואונדער וואס איהם האט געטראָ-פען אין דער קאווקאזער קריעג און אננא האט זיך בעוואשען מיט הייסע טרעהרען. ער האט איהר דערצעהלט, אז ער האט בעקומען א קוגעל אין בויך און איז אפגע-פיהרט געווארען בעזינונגס-לאז אין א האָספיטאל וואו ער איז אפגעלעגען גאנצע צוויי יאהר. ער איז נאכהער געזונד געווארען און איז אוועקגעפאהרען נאך הויזע; אבער אונטערוועגנס איז ער אריינגעפאלען צו א באנדע רויבער צווישען דיא קאווקאזער בערג, זיי האבען זיין געלד צוגענומען און איהם האבען זיי פערקויפט פאר א

קנעבט צו א רייכען דורכרייזענדען אפריקאנער, וועלכער האט איהם אוועקגעפיהרט נאך זיין היימאטה צווישען דיא שווארצע מענשען. דאָרט איז ער אפגעווען גאנצע פופצעהן יאהר און איז ביי א געלעגענהייט אנטלאפען נאך בינא. פון בינא איז ער צוריק מגולגל געווארען אין קאווקאז; דארט האט ער בעקומען אויף דער הוצאה און איז געקומען נאך מאסקווא, מיט דעם אבזיכט צו פאהרען נאך קיעוו צו זיין ליטבער אננאן; אבער דורך א גליקליכען צופאל האט ער זיך דערוואוסט, אז זיין ליעבע אננא וואוינט גאר היינט אין מאסקווא.

אננא האט געוויינט פאר פרייד; אבער זיא האט זיך ניט געקענט אפוואונדערן וואס איהר מאן איז אזוי אומגעענדערט געווארען. ער איז געוועזן א הויכער שלאנקער פערזאָן מיט א לאנגליכע עדלעס געזיכט און אין פערלויף פון צוויי און צוואנציג יאהר קוקט ער גאר אנדערש אויס. ער איז מיט א געוויסען האלבען קאָפּ ניעדריגער, זיין געזיכט איז דין און רונד און זיינע באקען זיינען פייערדיג רויטה. דיא אויגען קוקען אויך עפּעס אנדערש ביי איהם אויס, און זיין הויבער שטערען איז עפּעס געווארען אזוי בעוואקסען.

— אָ, אנדריי — האט זיא שוואך גערעדט — דיא צייט ענדערט אלעס אום, איך וואָלט דיך אויף קיין ארט ניט דערקענט.

— אזוי וויא איך דיר — האט דער באנדיט מיט א בעדרויערענדע מינע ערוויעדערט — איך האב דיר פערלאזט געזונד, שעהן און בליהענד און יעצט מיין טייבעלע, ביזט דוא געבאך א צובראכענער שארבען.... עס וויינט מיר מיין הארץ א קוקטהאנדיג אויף דיר. אָ, זאג מיר מיין ליעבסטע, וואו איז אונזער אָסיפּקע? איך האב מיך דיא גאנצע צייט אן איהם ניט געקענט פערגעסען.... לעבט נאך אונזער טהייער קינד? איז ער אויסגעוואקסען? אָ, ווארום האב איך איהם דאָ דיא גאנצע צייט ניט געזעהן?

— אונזער קינד אָסיפּ לעבט און איז געזונד — האט אננא מיט א זיפץ איהם ערוויעדערט.

— אָ, וואו זעה איך איהם? וואו איז ער? — האט טימאָפּיי מיט א ציטערענדע שטימע איהר אונטערבראָכען — געפינט ער זיך דא אין מאסקווא?

— אונזער אסיפּ איז דא אין מאסקווא, טהייערער אנדריי — האט אננא מיט טרעהרען אין דיא אויגען ערוויעדערט — אבער ליידער קענען מיר איהם ניט זעהן.

— נעוואלד איך האלט ניט אויס! איך שטאַרב! — האט דער באנדיט אייבערראשט אויסגעשריען — אונזער קינד איז דא אין מאסקווא און מיר קענען איהם ניט זעהן? אָי וועה איז מיר, זאג מיר וואס איז דא אזוינס? וואס זיינען דאס פאר א ווערטער?

— גאר איינפאך אנדריי — האט אננא זיפצענד גערעדט — ער איז א ניהיליסט.... שטודירענדיג דא אין מאסקווא האט ער אריינגעטרעטען אין דעם געהיים-בונד און האט זיך פון מיר געגצליך ענטזאגט.

טימאָפּיי האט פערבראָכען מיט דיא הענד.

— **זאג מיר, מיין קעצעלע, פיעלייכט ווייסט דוא וואו ער איז? — האט** טימאפיי ביטערליך גערעדט — אפשר איז מעגליך אז איך זאל איהם זעהן? איך האב דיא גאנצע צייט פון מיין שווערען ליידען ווענען איהם געדיינקט; איין מינוט האב איך ניט פערגעסען אונזער שעהן קינד אסיפ׳קען ..... אָ, וויא זעהט מען איהם! אונזער גאנצער פערמעגען וואָלט איך אפגעגעבען, אבי איינמאל אויף איהם א קוקצוטהאן....

דער באנדיט האט ארויסגעצויגען א טיכעל פון זיין טאַש און האט געווישט זיינע אויגען.

— דיר וועט זיין אונמעגליך איהם אויסצוגעפינען — האט אננא טרויעריג ער־וויעדערט — דוא ביסט דא אין מאסקווא פרעמד און זיך נאכפרעגען טאר מען ניט. דאס איז פאר אונזער קינד געפעהרליך....

— טהייערע אננא! — האט טימאָפיי איהר פאלענד אויפ׳ן האלדז אויסגע־שריען — האב רחמנות. זאג מיר שוין וואו געפינט זיך אונזער טהייער קינד? איך בין פרעמד אין מאסקווא; אבער איך בין א פראקטישער מענש, איך בין אויסגע־וועז א האלבע וועלט און מיר וועט ניט זיין שווער איהם אויסצוגעפינען, איך וועל אזוי לאנג געהן ביז איך וועל טרעפען.

— ער וואוינט ביי דעם ניקאלאעווער אייזענבאהן אם ענדע באלשאיא ספאס־קאיא אוליצא און ער הייסט דאבראליובאָוו — האט אננא איהם שטיל געזאגט — מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט האב איך איהם איין מאל בעזוכט; אבער מעהר האב איך עס ניט געטהאן, וויל ער האט מיך בעשווארען ביי דעם הייליגען קרייץ אז איך זאל איהם ניעמאלס בעזוכען ביז ער אליין וועט מיר אפשטאטען א וויזיט.... איך האב איהם שוין זייט דאן ניט געזעהן און איך ערווארטע יעדען טאג אז ער זאל צו מיר קומען, אדער מיר בעשטימען א פלאץ וואו איך זאל איהם זעהן.

טימאָפיי האט זיך א חאפגעטהאן פארן קאָפּ. חיטראָווצין האט איהם מיט א פאר טעג צוריק געהאט דערצעהלט דיא געשיכטע וואס ער האט געהערט פון מאריא זלאדייקינא׳ן, אז דאבראליודאוו׳ס מינע איז ענטדעקט געווארען דורך דעם שיינקער טאראקאנאוו, וועלכער האט חאָמיאקאָוו׳ן פערראטהען צוליעב דיא פינף טויזענד רובעל וואס דיא רעגיערונג האט בעשטימט פאר זיין קאָפּ, טימאָפיי האט אויף קיין ארט ניט געקענט פערשטעהן, וויא קומט זיין אנטלאפענער שוואגער ראזבאיעוו צו דאבראליובאוו׳ן אין דער מינע. חיטראווצין האט איהם אויך געזאגט אז דאבראליובאוי איז זאכארין, און יעצט ווען טימאפיי האט דערהערט פון אננא׳ן, אז איהר זוהן אָסיפּ האט זיך ווירקליך גערופען דאבראליובאוו, איז ער אויסער זיך געווארען פאר איבערראשונג. ער האט שוין יעצט חיטראָווצינען געגלויבט, אז זיין שוואגער ראזבאיעוו איז דערשאָסען געווארען, אבוואהל ער האט בשום אופן ניט פערשטאנען וויא אזוי קומט ראזבאיעוו (חאָמיאקאָוו) דער אידיאט, צו דעם געבילדעטען אָסיפּ זאכארין אין דער מינע.

— **איך וואָלט דיר ראטהען, אנדריי — האט אננא ווייטער גערעדט — אז דוא**

זאלסט זיך בערוהיגען. אונזער קינד איז גענונג פארזיכטיג. ער איז א קלוגער מענש פון דיא זעלטענהייטען און אז ער וועט וויסען אז ער קען אונז בעזוכען וועט ער עס געוויס טהאן.

— אָ, ניין אננא! — האט טימאפיי מיט א טרויעריגע מינע אויסגערופען — איך מוז שוין זעהן מיין קינד.... יעדע סעקונדע איז ביי מיר א יאהר. איך קען שטארבען פון דעם געדאנק או אונזער איינציג טהייער קינד שטעהט אין אזא שרעק־ליכען געפאהר....

ער האט אויף זיך ארויפגעחאפט זיין אויבערמאנטעל און האט אנגעטהאן זיין גלענצענדען צילינדער־הוט.

— נעהסט דוא טאקי צו איהם? — האט אננא שאקלענד מיט׳ן קאָפּ גע־פרעגט.

— יא, מיין טהייערע, איך מוז אונזער קינד שוין זעהן — האט דער באנדיט אויסגעשריען און איז פון צימער האסטיג ארויסגעלאפען.

— איך מוז שוין דערשמעקען וואס איז דא פאר א געשיכטע מיט דעם טא־ראקאנאָוו׳ן! — האט דער באנדיט ארויסלויפענד אויף דער גאס זיך געקלערט — איך וועל דעם פעררעטהער מכבד זיין מיט א מעסער אין הארצען פאר ראזבאָיעווס בלוט.... אבער לאמיר דאָרט נור פריהער א שמינק טהאן.

אננא׳ס קאמער־מעדכען איז באלד נאך איהר מאַ׳ס אוועקגעהן ארייגעלאפען צו איהר ווירטהין אין צימער און האט איהר געמעלדעט אז צוויי דאָרפישע פרויען פון אננא׳ס קליינע אימעניע אונטער פעטערבורג ווינשען איהר צו זעהן.

— צוויי דאָרף־פרויען פון מיין געוועזענער אימעניע? — האט זיך אננא גע־טראכט. איך פערשטעה עס ניט....אבער וואס קען דא אזוינס זיין?

— הייס זיי אריינגעהן — האט זיא איהר קאמער־מעדכען בעפוילען.

דיא מיידעל איז ארויסגעלאפען און אין א ווײלע ארום זיינען צו אננא׳ן אין צימער אריינגעגאנגען צוויי מוזשיטשקעס, איינע א גאנץ אלטיטשקע און דיא צווייטע אן איינגערע און האבען זיך פאר איהר פערניינט.

— ווער זייט איהר? — האט זיא ביידע פרויען געפרעגט.

דיא אלטע געבייגטע בויערן־פרוי איז צו אננא׳ן צוגעגאנגען און האט צוגע־לייגט איהר מויל צו אננא׳ס רעכטען אויער.

— איך בין עס, דיין זוהן אָסיפּ — האט דיא געבייגטע פרוי איהר אין אויער ארייגערעדט.

— אי! — האט זיך א קוויטש פון אננא׳ס ברוסט ארויסגעריסען.

— איבעראַש דיר נים ליעבע מוטער! — האט דיא אלטע בויערן־פרוי איהר געזאגט — פיהר אונז אריין אין א וויטען צימער. מיר האבען מיט דיר וואס צו ריידען....

אננא האט זיך פון איהר ווייכען שטוהל מיט אלע קרעפטען א הייב געטהאן, ביידעדאָרף־פרויען האבען איהר גענומען אונטער דיא הענד און האבען איהר גע־

והרט פון איין צימער אין דעם צווייטען פערשליסענדיג הינטער זיך דיא
הירען.

זיי זיינען אריינגעגאנגען אין א פערטען צימער און האבען אננא'ן אויף א
טוהל אוועקגעזעצט.

— מוטער! — האט דיא עלטערע בויערין אראפּרייסענד א מאסקע פון איהר
זיכט אויסגערופען — איך בין געקומען נעהמען פון דיר אבשיעד. דיא צייט איז
רץ ליעבע מוטער, אין צוויי שטונדען ארום אום עלף אוהר אבענדס געהט אָפּ
ער צוג. זעגנע מיך ליעבע מוטער, זעגנע מיין טהייערע בערטהא'ן; אָט איז זיא!

ער האט אנגענומען דער צווייטער בויערין פאר דער האנד און האט איהר
געפיהרט צו זיין מוטער. דיא בויערין האט אויך אויסגעטהאן א מאסקע פון
הר געזיכט און האט אננא'ן געשיינקט א קוש אין דער האנד.

— ליעבע טהייערע קינדער — האט אננא מיט א ציטערענדע שטימע גע־
רדט — ביי מיר אין הויז איז געשעהן א נייעס; אבער דאס קען אייך זעהר ווייניג
עהען דאהער וועל איך עס אייך נאכהער דערצעהלען, קומט אהער טהייערע און
עבע קינדער, שטעלט אייך צו מיר אביסעל נעהענטער.

אָסיפּ מיט בערטהא'ן זיינען צו איהר נאָהענט צוגעגאנגען.

— דערצעהל מיר, מיין ליעבער טהייערער אָסיפּ, וואס איז מיט דיר גע־
עהן? — האט אננא מיט טרעהרען אין דיא אויגען געזאגט — ערקלעהר מיר
ארום פאהרסט דוא אזוי פּלוצלינג אוועק און וואוהין פאהרסט דוא?

— איך פאהר אוועק דאריבער — האט זאכארין מיט א זיפץ ערוויעדערט —
ויל איך האב נעהאט צו שוואכע מיטהעלפער.... איך פאהר מיט א צערבראָ־
נעס הערץ וואס פון אלע מיינע האפנונגען האט זיך גאר ניט אויסגעלאזען;
ער פערפאלען ליעבע מוטער, איך וויל מעהר ניט עראינערען וואס עס איז געווען.
פאהר נאך פראנקרייך פאָרלויפיג, מיך בעגלייטעט מיין איינציגע אין דער וועלט,
רטהא מאלליך; זעגנע אונז, ליעבע מוטער!....

ער האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דיא קניע און האט געקושט זיין מוטערס
נד.

— ניט אויף קניע ליעבעס קינד! — האט אננא זיך אוועק שטעלענד מיט אלע
הרע קרעפטען אויסגערופען — דאס איז ניט א י ד י ש מיין קינד....

זאכארין האט זיך אוועקגעשטעלט און געקוקט זיין מוטער אין דיא אויגען.

— וואונדער זיך ניט מיין טהייער קינד — האט אננא מיט א ציטערענדע
ימע פאַרטגעזעצט — איך הייס דיר ניט שטעהן אויף דיא קניע וויל דוא ביסט
איד, מיין טהייערער אָסיפּ!....

זאכארין מיט בערטהא'ן האבען זיך א חאפּ געטהאן פאר דיא קעפּ.

— ביזט א איד מיין קינד! — האט אננא מיט א ציטערענדע שטימע ווייטער
עדט — און דיין נאמען איז טאקי יוסף.... איך האב דיך מיט איין צוואנציג
הר צוריק אוועקגעשטוילען פון אידישע עלטערן צוליעב א געוויסען ציעל און דוא

אליין, מיין טהייערער אָסיפּ, האסט מיך נעזאגט אז מען רופט דיך יוסף....דוא נערדענקסט עס ניט מיין קינד, ווייל דוא קענסט עס ניט געדיינקען; אבער יעצט בעדארפסט דוא עס מיין טהייערער אָסיפּקע וויסען!.... דער יעקזאל האט דיך מיט א אידיישעס מיידכען אויף צוזאמענגעפיהרט, און דאס פרעהט מיך זעהר, מיין ליעבער אָסיפּ.

— אָ, מוטער, איך בין שרעקליך איבערראַשט! — האט זאכארין מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגערופען — זאג מיר מוטער, צו עס לעבען נאך מיינע עלטערן?

— יא, מיין קינד — האט אננא וויינענד ערוויעדערט — דער מענש וואס האט דיך געראַטעט פון קאַנאָן און האט דיר געגעבען שוץ אין זיין הויז איז דיין פאטער.

— וועה! — האט זיך א קרעכץ פון זאכארין'ס הערץ ארויסגעריסען — איז דער עדלער בראווער גאלדבוים, וועלכער שמאכטעט צוליעב מיר אין געפענגניס, מיין פאטער?!

— יא, מיין קינד — האט אננא ציטערענד גערעדט — דער עדלער גאלדבוים איז דיין פאטער. דוא האסט אין וועמען צו געראַטהען זיין מיין טהייערער אָסיפּ, דיין מוטער און דיין ברודער און שוועסטער זיינען אויך דיא בראווסטע און עהרליכסטע מענשען אין דער וועלט.

בערטהא האט אויסגעבראָכען מיט א געוויין און אָסיפּ האט פערבראָכען מיט דיא הענד.

— דיין מוטער און ברודער און שוועסטער — האט אננא ווייטער פאָרטגע־זעצט — זיינען פלוצלינג פון מאסקווא פערשוואונדען.... מיט זיי איז אויך פער־שוואונדען געווארען דיא פרוי נרינבערג. מען האט מיר געזאגט, אז זיי האט גע־דראָהעט א געפאַהר צוליעב א פּאָליטישען פערברעכען....

— שרעקליך מוטער, שרעקליך! — האט זאכארין מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגערופען — איך בין יעצט דער אונגליקליכסטער אונטער גאָט'ס הימעל. מיינע האָפנונגען זיינען צורואינירט, מיין פאטער אין געפענגניס, מוטער, שוועסטער און ברידער ווייס איך ניט וואו צו זוכען און איך מוז שוין פון מאסקווא אנטלויפען. ניט אזוי צוליעב זיך וויא צוליעב דאס לעבען פון מיין ליעבסטע, וועלכע שטעהט דאָ פאר דיר....דאָך עדלע מוטער קען איך דיך ניט אוועקווארפען, דוא ביזט שוואך און קראנק און יעצט, אז מיין האָפנונג צו פערניכטען דיא בעסטיעס איז צערשטערט, וועל איך אהן דיר ניט קענען רוהען. איך שעץ דיך עדלע פרוי וויא מיין וואהרע מוטער, איך ליעבע דיך....אבער גענוג! ניטא מעהר קיין צייט, מיר טאָרען דא לאנג ניט פערווייליען, מען שפּיערט נאך פון אלע זייטען. זעגנע אונז ליעבע מוטער, עדלע ערציהערין. מיר וועלען דיך אייביג בעטראכטען פאר אונזער מוטער און דוא האסט עס עהרליך פערדיענט פאר דיין טרייהייט צו מיר פון קינד־הייט אָן.

אננא האטביידען אנגענומען פאר דיא הענד.

— ביינט אייך איין — האט זיא זיי צערטליך געזאגט.

אָסיפ מיט בערטהא'ן האבען איינגעבויגט זייערע קעפּ און אננא האט איהרע מאגערע הענד אויף זיי ארויפגעלייגט.

— דער אלמעכטיגער גאָט פון ישראל, גאָט פון אברהם יצחק און יעקב — האט זיא מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט — זאל אייך, מיינע ליעבע קינדער, בע־ לייכטען מיט זיינע ליכטיגע שטראהלען אייער לעבענסוועג. זיין בארעמהערציגקייט און מיטלייד זאל אייך פיהרען אין ריכטיגען וועג און דער פיינד זאל בלייבען פער־ שעהמט....דער עווינער זאל אייך היטען און שירעמען פון יעדען געפאהר, ער זאל פעראייניגען אייערע הערצער צו טוגענד און וואהלטהאט און זיינע גנאדען זאלען אייך אימער בעגלייטען. פאהרט מיינע ליעבע קינדער מיט גליק און גאָט פון ישראל זאל דיר מיין אסיפקע, צוריקגעבען דיינע עלטערן.

זיא האט איהרע הענד פון זייערע קעפּ ארונטערגענומען און האט זיי צערטליך און ליעבליך געקושט.

— מיר פאהרען, ליעבע מוטער, נאך פאריז — האט זאכארין מוטהיג איהר געזאגט — שפּעטער וועלען מיר זעהן וואס מיר האבען ווייטער צו טהאן; אבער איך בעט דיך, ליעבע מוטער, אז דוא זאלסט זיך דיא מיה געבען, אויפצוזוכען דא אין מאסקווא עפּעס א טהעטיגען מענשען וואס זאל זוכען מיינע עלטערן. מיין אדרעס וועסט דוא גלייך פון פאריז בעקומען און אויב עס איז נור מעגליך קום דוא אליין אויך צו אונז צופאהרען. דיר איז אלעס איינס טהייערע מוטער, טאָ ווארום בע־ דארפּסט דוא וואוינען אין דעם פינסטערן רוסלאנד? דאָרט זיינען אויך גרעסערע ערצטע. מעגליך אז דוא וועסט דאָרט געזונד ווערען.

אננא האט זיך פערטראכט. זיא האט געוואלט דערצעהלען אָסיפּ'ן אז איהר מאַן איז פּלוצלינג געקומען צו פאהרען און ער זוכט איהם ארום; אבער זיא האט זיך באלד בעשלאָסען וועגען דעם א וואָרט ניט צו ריידען. אָסיפּ'ן האט זיא געוואוסט וועט יעצט ווייניג אינטערעסירען א פרעמדער פאטער, דערצו נאך האט ער ניט קיין צייט און ער מוז שוין אנטלויפען, און טרייסטען איהר מאַן מיט א פרעמד קינד האט זיא שוין אויך ניט געוואלט. אבי מיין אנדריי וועט וויסען, אז דאס קינד לעבט — האט זיך אננא געטראכט — און ווייטער זאל זיין וואס עס וויל זיך....

א וויינענדער קושען האט פערהילכט אויף איניגע מינוטען דעם גאנצען צימער. אננא האט אסיפּ'ן פערזיכערט אז זיא וועט אנ'שטעלען צוויי מענ'שען צו זוכען זיין מוטער, שוועסטער און ברודער און מיט א פּאר מינוט שפּעטער, זיינען צוויי גע־ בוינענע בויערן־פּרויען ארויסגעגאנגען דורך אננא'ס קיך-טהיר מיט פערבונדענע זעקי־ לאַך אויף דיא פּלייצעס.

87טעס קאפּיטעל.

אַביסעל פּערשפּעטיגט.

דאקטאר פעליקס סאבאקאוו איז עטליבע וואָכען אפּגעלעגען קראנק נאך וואסילי פּעטראָוו׳ס אנטלויפען פון געפענגניס. ער איז געוועזען האלב פערגיפטעט פון דעם ׳שנאַפּס, מיט וועלכען זיין קאמעראד פאלקאוויק גומאנאָוו האט איהם דאמאלס ביי דאס קארטען-שפּיעל מכבד געוועזען. ביסליך־וויז האט פעליקס זיך אנגעהייבען צו פערבעסערען און וויא ער האט זיך נור געפיהלט קרעפטיגער האט ער אנגעפאנגען צו שרייבען בריעף צו זיין בראוט ליזא אנדריאנאווא מיט הייסע ליעבעס ערקלערונגען און פלעגט איהר בעטען אז זיא זאל איהם קומען בעזוכען. ליזא האט איהם מיט ליעבע ערוויעדערט; אבער זיא האט איהם זאגאר איינמאל ניט בעזוכט. זיא האט שוין אלע מאל געפונען א תירוץ, אז זיא קען עס צוליעב געוויסע אומשטענדע ניט כהאן און פעליקס האט עס געמוזט פערשווייגען. דערווייליע זיינען געהאלטען געווארען איינינע פערזאמלונגען אין דעם נעגענווארט פון דער יונגער פעלשערין וויערא אלעקסאנדראווא און זיא האט פערזיכערט דעם געהיים־בונד, אז זיא וועט זיין אין שטאנד נאך אייניגע מארטירער פון קערקער צו בעפרייען. צווישען זיי האבען זיך אויך געצעהלט דער יונגער איסטאָמין, וועלכער איז דאמאלס קריוואָסאָראָוו אין מאריא אנדריאנאווא׳ס הויז פערהאפטעט געווארען, און דער עדלער מארטירער יאקאב גרינבערג, וועלכער מוז צוליעב זאכארין׳ס בריעף אונבעדינגט געהן נאך סיביר, ווען אפילו דיא בעשולדיגונג פון דעם מארד־בראנד זאל פון איהם ארונטערפאלען. נאך דיעזען פרעהליכען רעזולטאט, האט דאקטאר וואסיליעוו זיך אנגעהויבען פערטיג צו מאכען צו א רייזע. ער האט ביסליך־וויז אנגעפאנגען צו זוכען א בעלן אויף זיין פריוואט האָספּיטעל און ער האט דעם בעלן אויך באלד געפונען. עס איז ביי איהם און זיין געליעבטע ליזא און איהר מוטער בעשלאסען געווארען זיך ארויסחאפען פון רוסלאנד; אבער איין וויכטיגער פונקט איז געשטאנען מאריא אנדריאנאוואַ׳ן אין וועג. איהר זוהן פּאוועל, וועלכער איז מיט א וואונדער בעפרייט געווארען דורך דעם באראן לאפּאָנטען אדער חיטראָוועצינען, איהר ליעב קינד, נאך וועלכען זיא האט איהרע אויגען אויסגעוויינט, איז זייט ער איז פון קערקער בעפרייט געווארען, פערשוואונדען וויא אין וואסער אריין. ער איז דאמאלס נאך זיין בעפרייהונג געקומען צו לויפען אהיים, ער האט געזאגט זיין שוועסטער אז ער לויפט צו חיטראוועצינען נאך א פּאספּארט, ענדליך איז ער צו חיטראָוועצינען ניט געגאנגען און נאך הויזע איז ער אויך ניט געקומען אנדריאנאוו׳ס טרייער דיענער יעוורושין פלעגט יעדען טאג געהן אויף דער פּאָסט און נאכפרעגען אויף א בריעף, וויא פאוועל האט פערשפּראכען זיין שוועסטער צו שרייבען; אבער צו זיין מוטער און שוועסטערס בעדויערען אין פון איהם קיין בריעף ניט אנגעקומען. דאס האט אזוי בעאונרוהיגט דיא אונגליקליכע אז זיי זיינען שיער פון זינען ניט אראפּ. זיי זיינען פון טאג צו טאג געווארען אונרוהיגער עס האט ניט געהאָלפען וואסיליעוו׳ס פערזיכערען זיי, אז פּאוועל האט זיך געוויס געטראָפען מיט א גענאָסע פון דעם געהיים־בונד און איז ארייינגעטרעטען צווישען דיא פערמאסקירטע

מאַנאַכען אין דעם היילינען „קרעמעל״. דערנעהן צו עס איז וואהר איז נעווען אונמענ־ ליך, דען דיא מינע אין קרעמעל איז צוגענאַנגען זעהר פאָרזיכטיג. אלע מיטגליעדער פון דעם געהיים־בונד האבען זיך גענענדערט דיא נעמען און עס איז בעשטאַנען א שוואור, אז קיינע זייטיגע מענשען, זאגאר עלטערען זאלען ניט וויסען וואס פאר א טהעטיגקייט זייערע קינדער האבען אננענומען און וואו זיי געפינען זיך.

דערצו האט נאך דער עדלער וואסיליעוו אליין אויך געהאט גאר א זייטיגע און א זאנדערבארע שטערונג אין זיין פאָרגענומענע רייזע, דער וואהנזינינער בנימין פראנק, וועלכער האט זיך געפונען אין זיין האָספיטאל איז פאר דער לעצטער צייט אזוי צו־ געבונדען געוואָרען צו וואסיליעוו'ן, אז ער פלענט זיך פיהלען אין זיין גוזעלשאפט פריש, געזונד און מונטער ווען דער דאקטאר האט זיך געפונען אין האָספיטאל, איז פראנק גע־ ווען גאנץ רוהיג, ער פלעגט לעזען, שרייבען און ריידען וויא יעדער געזונטער מענש; אבער וויא דער דאָקטאָר האט איהם א טאג ניט בעזוכט האט זיך אין פראנקען דער־ וועקט זיין אלטער שגעון און פלעגט שרייען מיט ווילדע קולות „איך זעה איהם, אט איז ער״, אז דיא ווענט האבען געציטערט.

זייט וואסיליעוו האט געפאסט דעם בעשלוס זיך ארויסחאַפען פון רוס־ לאנד, האט ער אנגעהויבען איינצוגעוואוינען דעם וואהנזינינען פראנק מיט אן אנדער דאקטאר; אבער דאס האט אויף איהם זעהר וועניג געווירקט און וואסיליעוו איז ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס אליין איז אויך אין איהם א וואהנזין און אויב דער קראַנקער וועט איהם איינינע טעג ניט זעהן, מוז ער אונבעדיננט שטארבען.

דיעזער געדאנק, אז מיט זיין אפרייזען פון מאסקווא מוז א מענש אומקומען, האט דעם בראַווען וואסיליעוו'ן אזוי געמארטערט, אז ער איז געווען אויסער זיך פאר קריינקונג. ער האט וועגען דעם אונגליקליכען פיעלע מאל אין טאג געטראכט און האט זיך קיין ראטה ניט געקענט געבען וואס זאל ער מיט איהם מאכען ווען ער וועט בעדארפען אוועקפאהרען.

אונטערדעסען האט זיך דיא אונטערנעהמונג פון דער מינע אין קרעמעל גע־ ענדיגט מיט דעם וואס אונזערע לעזער וויסען שוין. דוחאָווקינען האבען אויפגע־ געסען ווילדע קעץ לעבעדיגער־הייט און דיא פערזאמעלטע מאַנאכען אין קרעמעל זיינען געוואָרען צוזעעט און צושפרייט. אז איינער האט ניט געוואוסט פון דעם צווייטען. ווען מאריא אנדריאנאווא'ן איז עס בעוואוסט געוואָרען האט זיך איהר שרעק ליגען פאוולען פערראָפעלט. זיא האט זיך ניט געפונען קיין רוה און איז ארומגע־ לאָפען פון צימער צו צימער וויא וואהנזיניג.

— אָ, מיין טאָכטער — האט דיא אונגליקליכע צו ליזא'ן געזאגט — מיין קינד זיין פערלארען.... ער איז געוויס אבערמאלס אריינגעפאלען צו דיא אינקוויזיטאָרען.

— נייך מוטער — האט איהר ליזא געטרויסטעט — איך גלויב עס ניט. איך ווייפעל גאר ניט אז וואסיליעוו'ס מיינונג איז ריכטיג....

— אבער דיא זאך איז דאך שוין אין קרעמעל געענדיגט — האט דיא מוטער

מיט טרעהרען אין דיא אוינען פּאָרטגעזעצט — און וויא באלד ער פּירכטעט אהער צוקומען וואָלט ער דאָך אם וויינינסטען צו אונז א בריעף געשריעבע׳.

— מעגליך אז איהם מיט זיינע קאמעראדען שטעהט נאך עפּעס פּאָר — האט ליזא ווייטער גערעדט — און חאַ ווייסט דאָך מוטער וויא שרעקליך ביי דיא ניהיליסטען געהט יעצט צו, אז זיי זיינען פּאָרזיכטיג מיט א געשריעבענעם וואָרט. איבעריגענס ווענדע זיך צו דעם אלטען גענעראל סאבאקאוו, אלס דייער א מחותן וועט ער ניט אזוי גראב זיין און ער וועט דיר זאגען צו פּאוועל איז נאך א מאל אריינגעפּאלען אדער ניט.

— איך וועל מיר, מיין קינד, צו דעם לומפּ ניט ווענדען — האט דיא מוטער מיט א פּערדכטליכע מינע איהר ערוויעדערט — עס איז מיר אנגענעהמער דער טויט איידער אקוקצוטהאן אויף דעם אלטען ניעדערטרעכטיגען אינקוויזיטאָר. האָסט דוא בעמערקט מיט וואס פאר א בליקען ער האט דאמאלס ביי דיא תנאים אויף מיר געקיקט? זיין ליעבליכע מינע האט איינגעדרונגען וויא א שארפער שפּיעז אין מיין הארצען. ווען ער האט מיר געדריקט דיא האנד האב איך געפיהלט דעם טעם פון טויט....

— אזוי וויא מיר שמעקט פּעליקסעס ליעבע — האט ליזא שמערצליך גערעדט — אבער ווארט מוטער, מיר דוכט זיך אז דיא זאך וועט אזוי גלאט ניט אָפּגעהן. עס האט מיך היינט איבערראַשט פעליקסעס א בריעף אז ער וועט מיך מאָרגען בעזוכען. דער געבילדעטער טייפעל איז שוין געזונד געווארען און ער הייבט מיר שוין אן ווידער צו קוועלען מיט ליעבע אדער סיביר. שאדע וואס דער אונגליק פּערפּאָלגט אונז אזוי, און ווען מיר האבען געהאט א געלעגענהייט צו אנטלויפען איז גראדע פּאוועל פּערשוואונדען געווארען.

דיא טהיר האט זיך אויפגעמאכט און יעוורושין האט געמעלדעט אז אן אָקאָלאדאָטשני ווינשט דער גרעפין צו זעהן.

— אן אָקאָלאָדאטשני ?! — האט דיא גרעפין צורודערט אויסגערופען — פרעגט איהם וואס האט ער דא ביי אונז צו טהאן?

— איך האב געהאט שכל און האב עס איהם שוין געפרעגט — האט דער דיענער איהר ערוויעדערט — אבער ער האט מיר געענטפערט אז ער קען עס מיר ניט זאגען און ער ווינשט אייך צו זעהן נור אויף איין מאָמענט.

מאריא אנדריאנאווא איז האסטיג פון איהר צימער ארויסגעגאנגען און האט דערזעהן אין פּאָרצימער א הויכען אָקאָלאָדאָטשני מיט א געלען באָרד.

— וואס ווינשט איהר? — האט זיא איהם שטרייגג געפרעגט.

— מיין וואונש איז, גרעפין — האט דער אקאלאדאטשני ווייך גערעדט — אז איהר זאלט אזוי גוט זיין און מיר אריינפיהרען אין א בעזאָנדערען צימער; איך האב וויכטיגע נייעס איבערצוגעבען אייער ווירדיגע פּערזענליכקייט. איהר וועט זיך מיט זיי פרעהען.

דיא גרעפין האט איהם עטוואס פערדעכטיג אנגעקוקט; אבער נאך א קורצע איבערלייגונג האט זיא איהם אריינגעפיהרט אין א בעזאנדערן צימער.

— גרעפין — האט דער אקאלאדאטשני צו איהר געזאגט — איך האב אייך געֿ־בראכט א הערצליכען גרוס פון אייער טהייערען זוהן.

— אָ, גאָט! — האט מאריא אנדריאנאווא איבערראשט אויסגערופען.

— אָט איז פון איהם א בריעף! — האט דער גאַסט איהר איבערגרייכענד א קאָנווערט ווייטער געֿרעדט.

מיט ציטערענדע הענד האט דיא גרעפין דעם קאָנווערט אויפגעריסען און האט דעם בריעף דורכגעלעזען.

דיא גרעפין האט זיך א חאַפּגעטהאן פאַרן קאָפּ.

— ליזא! ליזא! — האט זיא צולויפענד צו דער טהיר ניט מיט איהר שטימע אויסגערופען — גיכער אהער טהייערע ליזא.

ליזא איז אין צימער אריינגעלאפען.

— א דאָפּעלטע פרייד, מיין קינד! — האט זיא איבעראשט אויסגערופען — פּאוועל שרייבט אז אין א שטונדע ארום וועט ער אונז בעזוכען!

ליזא האט א שפרונג געטהאן פאר פרייד.

— טרעף מיין קינד ווער דיעזער מאַן איז? — האט זיא צו איהר טאָכטער העבסט פרעהליך געֿרעדט.

ליזא האט איהם בעטראכט.

— אָ, זאג מיר ליעבע מוטער! — האט ליזא זיך געבעטען — איך פיהל אז מיר האבען ביי זיך א טהייערען גאַסט — אָ, זאגט מיר מענש ווער זייט איהר?

— וואסילי פּעטראוו! — האט דער גאסט מיט א וויינענדע שטימע אויס־גערופען און האט באלד פון זיין געזיכט אראָפּגענומען זיין לאנגען געלען באָרד מיט דיא געקרייזעלטע וואָנצעס — אייטר אָנקעל אנטאָן׳ס שוואגער, וועלכער האט געשמאכטעט אזא לאנגע צייט אין געפענגנים....

ביידע פרויען האבען איהם אנגענומען פאר דיא הענד און האבען איהם צערט־ליך אנגעקוקט; זייערע אויגען זיינען אבער באלד פול געווארען מיט טרעהרען און זייערע עדלע שעהנע געזיכטער זיינען נאָס געוואָרען.

— אָט דאס איז דער מארטירער! — האט מאריא אנדריאנאווא וויינענד אויסגערופען — צווייפעל מעהר ניט מיין קינד.... ער איז ניט קיין שפּיאָן! דיא בראווהייט, דיא עהרליכקייט און עדעלקייט ליעגען ביי עהרליכע מענשען אויף דיא געזיכטער, זיי זיינען מיט גאָטעס פינגער אנגעשריעבען אויף זייערע שטערענס — אָ, זאָס מאכט איהר עדלער מענש? וויא געהט עס אייך? וויא פיהלט איהר זיך,

בראווער מארטירער? זייט אונז ווילקאמען טהייערער, ליעבער און זיסער גאסט!

— מיר נעהט עס ניט שלעכט — האט דער גאסט מיט א רוהיגען טאן ערווידערט — קיין שלעכטערעס אויסער רוסישע אסטראגען גיעבט עס ניט אויף דער וועלט. אונזער קאמפף איז גענאנגען פערלארען; אבער דאס הייסט נאך ניט שלעכט, אז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר ווייטער קעמפפען און פיעלליכט נאך אויספיהרען אויך; אבער יעצט איז קיין צייט דאריבער צוריידען איך בין געקומען אייך בעזוכען און אייך איבערגעבען, אז איך האב אייער זוהן אין גאנצען איבערגעמאכט. ער איז געוועזען געזאגען זא לאנג צו פערבלייבען אין מאסקווא ביז דיא קעפּ פון גענעראל סאבאקאוו און מאריא זלאדייקינא זאלען אראפגעיטניטען ווערען פון זייערע קערפּער; איבער דיעזע מיסיאן האב איך איבערגענומען אויף זיך.... איהר האט אייער קינד צוריק אין פאהרט וואס אם שנעלסטען נאך אויסלאנד. איך האף אין קורצען מיט אייך זיך צו טרעפען איז פאריז און נאכהער פיעללייכט אין אמעריקא.

— א, ליעבער פעטראוו! — האט מאריא אנדריאנאווא אויסגערופען — זעצט אייך אויף א ווײלע אניעדער, לאמיר זיך אביסעל מיט אייך אונטערפרעהען, לאמיר געניסען דאס הימעלישען פערגניגען אין דעם געגענווארט פון א בראווען עהרליכען קעמפפער און עדלען מארטירער פאר דיא וואהרהייט.

— איך דאנקע גרעפין — האט דער אקאלאדאטשני אויפהויבענד דעם בארד פון באדען גערעדט — איך דאנקע פאר אזעלכע קאמפּלימענטען אבער אין בעדויער וואס איך קען דא ניט פערווײלען. איהר ווייסט דאך אז אייער הויז איז ניט אין גאנצען זיכער און פאר מיין קאפּ ווערט געגעבען א שעהנע סומע....אדיע גרעפין, אדיע ליזא, מאכט וואס גיכער אייער רייזע, מיט גאטעס הילף וועלען מיר זיך ווידער זעהן און מיר וועלען עס נאך אלעס א מאל דערצעהלען אין פריידען.

ער האט צוריק אנגעטהאן אויף זיין געזיכט דעם געלען בארד מיט דיא וואנצעס און נאך א הערצרייסענדען אבשיעד, האט ער מאריא אנדריאנאווא׳ס הויז פערלאזען.

אין א האלבע שטונדע נאך פעטראוו׳ס בעזוך האבען זיך ביידע אנדריאנא־ווא׳ס געפונען אין דיא אומארמונג פון זייער טהייערען פּאוולען וועלכער האט זיך צו זיי געמעלדעט אלס א דווארניק וואס זוכט א שטעלע. עס האט זיך טאקי אויסגעלאזען אויף וואסיליעוו׳ס רייד, אז פּאוועל האט זיך געטראפען מיט א גענאסע ווען ער איז געלאפען צו חיטראווצינען און דער גענאסע האט איהם אריינגעפיהרט אין „סרעמעל״ וואו ער האט געשפּיעלט א ראליע אלס מענך וויא דיא אלע אנדערע.

עס איז באלד געהאלטען געווארען א געהיימער ראטה מיט דאקטאר וואסי־

ליעוו און אין דעמזעלבען אבענד אום ניין אוהר זיינען אלע דריי אנדריאנאוו'ס פער־מאסקירט ארויסגעפאהרען פון מאסקווא.

— — — — — — — — — —

— זיינען דיא גרעפינס צו הויזע? — האט אויף מאָרגען אום צוויי אוהר נאך מיטאג דאקטאר פעליקס געפרעגט יעווראשינען, וועלכער האט פאר איהם געעפענט דיא טהיר פון מאריא אנדריאנאווא'ס וואוינונג.

— שאדע, בארין, — האט דער דיענער איהם געענטפערט זיך קראצענדיג פאר דער פאטילניצע — זיי זיינען נור וואס אוועקגעפאהרען שפאציערען און וועלען געוויס זיך צוריקקעהרען אום זעקס, זיעבען אוהר אבענדס.

פעליקס האט זיך אויך א קראץ געטהאן פאר דער פאטעלניצע און איז מוטה־לאָז אוועקגעגאנגען.

— מעלד מיך צו דער יונגער גרעפין ליזא אנדריאנאווא! — האט דאקטאר פעליקס געזאגט צו יעווראשינען אום האלב אכט איהר אבענדס דעם זעלבען טאג.

— אָ, בארין — האט יעווראשין האלטענדיג דיא היטעל אין דער האנד ער־וויעדערט — פערצייהעט מיר; איך האב פערגעסען זאגען ליזא; וועגען אייער בעזוך און דער־ווייל איז זיא נור וואס אוועקגעפאהרען מיט איהר מוטער אויף א באל.

— דוא ביסט אן עזעל־קאָפּ! — האט פעליקס צארניג אויסגעשריען — זאג דיין ווירטהין, אז מארגען אום עלף אוהר מאָרגענס וועל איך איהר הויז בעזוכען.

מאָרגען האט פעליקס ערהאלטען א בריעף פון ליזא'ן, געשריעבען אין מאסקווא מיט דער דאטום פון דעם זעלבען טאג, אז זיא קען איהם היינט ניט אויפנעהמען ווייל זיא מיט איהר מוטער וועלען דעם גאנצען טאג זיין אין זייער אימעניע, און זיא בעט איהם אז איבערמאָרגען זאל ער זיא בעזוכען און איהר וועט זעהר פרעהען זיין בעזוך.

— זיא ליעבט מיך דאָך! — האט פעליקס קוקענדיג אין שפיעגעל זיך גע־טראכט — אָ, וויא ליעבליך איהר בעפעהל איז געשריעבען!....

ער האט מיט אונגעדולד געווארט גאנצע צוויי טאג, אויפ'ן דריטען טאג האט ער זיך זעהר שעהן אויסגעפוצט. ער האט געדונגען א שעהנע דראָשקע און איז צו זיין בראוט אוועקגעפאהרען.

— אין פערלויף פון דריי טאג מוז זיין דיא האָכצייט! — האט ער פאהרענד געפאסט ביו זיך א בעשלוס — שפעטער ניט איין טאג.... אז ניט, איז עס א בע־וויז, אז זיא נארט מיך אין זאק אריין.... אז זיא ליעבט וואסיליעוו'ן.... שרעקט אייך פאר מיין ראכע! קאטארגא וועט פאר אייך ווייניג זיין!

ער איז פון דער דראָשקע אראָפּגעשפּרונגען, ער איז צוגעלאָפען צו דער פראָנט־טהיר פון מאריא אנדריאנאָוואַ'ס הויז און אנגעקלונגען. באלד איז ארויסגעלאָפען יעוורושין.

— אָ, בארין! — האט יעוורושין מיט א שמייכעל אויסגערופען — איהר האט ווידער ניט געטראָפען — נור־וואס איז דיא גרעפין מיט איהר טאָכטער אוועקגעפאהרען....

— וואוהין האט פעליקס וויטהענד געפרעגט.

— וועט איהר פאר קיינעם ניט אויסזאגען, בארין? — האט איהם יעוורושין שטיל געפרעגט.

— רייד! — האט פעליקס מיט א בעפעהלענדען טאָן אויסגעשריען.

— זיי זיינען אוועקגעפאהרען צו.... — האט יעוורושין זיך פערהאקענדיג גערעדט — צו....צו—דאָקטאר וואסיליעוו!.... אבער איהר זאלט קיינעם ניט אויסזאגען בארין....

— וועה! — האט זיך א קרעכץ פון פעליקסעס ברוסט ארויסגעריסען און זיין געזיכט איז אזש געל געווארען פאר וואוטה.

ער האט זיך אויף דער זעלבער דראָשקע וואס ער איז געקומען צוריק ארויפגעכאפּט און האט זיך געהייסען פיהרען אויף „פּאָקראָווקא״.

— סיביר! קאטארגא! — האט ער פאָהרענדיג געוואָרטשעט — דער גאלגאָן! ער איז צוגעפאהרען צו וואסיליעוו'ס האָספּיטאל און איז אריינגעלאָפען אין דעם קאנטארא וואו איהם האט עמפּפאַנגען א בעיאהרטער מאַן מיט אן עדלעס געזיכט.

— ועמען ווינשען זיא צו זעהן? — האט איהם דער מאַן עדעל געפרעגט.

— דאקטאָר וואסיליעוו'ן — האט פעליקס האסטיג ערוויעדערט.

— דיעזער האָכפּיטאל געהער ניט מעהר צו דאָקטאר וואסיליעוו — האט איהם דער מאַן ערוויעדערט — זייט געסטערן איז דער האָספּיטאל פערקויפט.

— פערקויפט? — האט פעליקס איהם ווילד אנקוקענד געפרעגט.

— יא, מיין הערר, — האט דער מאַן ווייטער גערעדט — דער האָספּיטאל איז פערקויפט און ער געהער פון נעכטען אָן צו מיר, דאקטאר פּאווליניקאוו און פּריוואַט־דאָצענט ביי מאָסקווער אוניווערזיטעט.

פעליקס האט געוואוסט אז דאקטאר פּאווליניקאָוו איז איינער פון דיא בעסטע דאקטורים אין מאסקווא און פון דיא פארנעמסטע ערעל־לייט און דא הערט ער דיא ריינע וואהרהייט.

— און וואו איז דאקטאר וואסיליעוו? — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע איהם געפרעגט.

— ער איז פעררייזט נאך אויסלאנד — האט פּאוולינִיקאָוו איהם ערווידערט— ער איז געפאהרען זיך צו פערפאָלקאָמען אין דער מעדיצין און האט מיט זיך גע־נומען זעהר אן אינטערעסאנטען פּאציענט פאר דער מעדיצין. זייט איהר אן ארצט אונבעקאנטער הערר?

פעליקס האט א ציטער געטהאן. ער האט גאר ניט געענטפערט און איז מיט וואנקענדע קניע פון האָספּיטאל האלב טויט ארויסגעגאנגען.

88טעס קאפּיטעל.

אָט דאָס הייסט עהרליכקייט.

טרויעריג איז געוועזן דיא לאגע פון מארטינען נאכדעם וויא שטיין האט גע־מעלדעט אָפּענבאכען אז חאָמיאקאָוו איז ראזבאָיעוו. אלע פּראָטאָקאָלען פון גאָלד־בוים און גרינבערג׳ס פּראָצעס זיינען שוין פערטיג געווען און לויט זיי, האט בעדארפט גאלדבוים אונבעדינגט בעפרייט ווערען; אבער יעצט האט זיך דער גאנצער פּראָ־צעס אומגעענדערט. ראזבאָיעוו׳ס ווייב איז באלד ארעסטירט געוואָרען און אָפּגע־פיהרט געווארען אין דער געהיים־פּאָליציי אויף א פערהער, און באלד האט זיך ארויסגעוויעזען אז חאָמיקאָקאָוו איז טאקי טימאָפּיי׳ס שוואגער ראזבאָיעוו; זיין ווייב האט דערקענט אין דעם צירקוליאר פון דער „טרעטיע אָטדיעלעניע” דאס בילד פון איהר מאן און האט אָפּענהערציג דערצעהלט, אז באלד נאך דעם ערשטען סליעדאָ־װאטעלס פערהער, האט זיא בעקומען דריי הונדערט רובעל אין דעם נאמען פון דעם סליעדראוואטעל מארטין, אז זיא זאל אוועקפאהרען פון מאסקווא. זיא האט אויך דערצעהלט, אז ביידע גנבים פון מאלליך׳ס ציערונג איוואן מיט סטעפּאנען האבען זיך בעהאלטען ביי טימאָפּייען אין טראקטיר, און נעגען אבענד פאר דעם בראנד־ האט זיך איהר מאן ארומגעטראָגען מיט עטליבע בלעכענע קאנען קעראָסין און בענזין.

באלד איז אין דער געהיים־פּאליציי געלאדען געוואָרען דער סליעדראוואטעל מארטין מיט זיין מיטהעלפער ניקאלאין און האבען אויסגעהערט אין דעם געגענווארט פון אפּענבאכען און דעם פּראָקוראָר דיא אלע אנצייגע פון ראזבאָיעוו׳ס ווייב. דער סליעדראוואָטעל האט זיך אבער פערטהיידיגט, אז ער האט פון ראזבאָיעוו׳ס ווייב גאר ניט געקענט דערגעהן ביי דעם ערשטען פערהער און דערווייל איז זיא אהן אן ערלויבנים אוועקגעפאהרען און דיא דריי הונדערט רובעל האט זיא געווים בעקומען פון טימאָפּיי מיכיילאָוו אין זיין נאמען.

אפּענבאַך און דער פּראָקוראָר האבען זיך דאריבער אין א בעזאָנדערן צימער בעראטהען, און אזוי וויא זיי האבען ניט ארויסגעזעהן קיין אורזאכע, וואס עס זאל בעוועגען דעם סליעדאָוואטעל ארויסצו־ווארפען דריי הונדערט רובעל אום ראזבאָיעוו'ס ווייב זאל אוועקפאהרען פון מאסקווא, האבען זיי געגלויבט אז דאס האט טאקי גער־טהאן טימאָפּיי מיכיילאוו צוליעב אן אונבעוואוסטע פּאר זיי אורזאכע. דער סליע־דאָוואטעל מארטין האט בעקומען א שטריינגען פּאָרוואורף פון דעם פּראָקוראָר פאר דעם וואס ער האט פערנאכלעסיגט דעם פּראָצעס און איז ניט געווען גענוג איבער־לייגט צו בערעכנען, אז מען קען דא עפּעס פון ראזבאָיעוו'ס ווייב דערגעהן, און גאָלדבוים און גרינבערג'ס פּראָצעסען זיינען נאך דעמזעלבען טאג איבערגעגאנגען צו אן אנדער סליעדאָוואטעל.

דיעזע שטראפע האט נאך בעטראכט מארטין פאר א גליק, דען ער האט ערוואַרטעט פאר זיך נאך פיעל אן ערגערע שטראפע. ער האט געדיינקט אז ער וועט צוגעצויגען ווערען דאדורך צו א פּראָצעס, און דערוויילע וועט דערגאנגען ווערען ווער ער איז און ווארום ער האָט דא אזוי געצויגען פאר דעם אונגליקליכען גאָלדבוימען. ער איז צופריעדען פון דער געהיים־פּאליציי אוועקגעגאנגען; אבער ער איז געווען שטארק אויפגערעגט וואס גאָלדבוים ווערט יעצט בעטראכט אלס דער מערדער פון פּאדליעצאָוו'ן. דיא גאנצע צייט האט ער אזוי פיעל פאר דעם אונגליק־ליכען געארבייט און דעם לעבען געלייגט דעם שולד פון איהם אראָבצונעהמען, ענדליך האט ער גאר ניט אויסגעפיהרט און דעם אונגליקליכען ערוואַרטעט יעצט דער גאלגאן אדער אייביגע קאטארגא אין סיביר. דערצו האט נאך דעם עדלען מארטין געמאַטערט דער געדאנק, וויא קומט ער אויסווירקען דורך דער ניהיליסטישער געזעלשאפט, אז וואסילי חאָמיאקאָוו—ראזבאָיעוו, זאל אנטלויפען פון געפענגניס, אזא פיעל פאכינער מערדער זאל בלייבען אונבעשטראפט ווערענד אונשולדיגע געהן צום גאלגאן — האט מארטין זיך געטראכט — אָ, וויא שרעקליך דאס איז, און אין דעם בין איך דאך אליין שולדיג. ער האט אנגעהויבען צו זוכען פּלענער וויא ביידע אונ־גליקליכע אידען גאָלדבוים און גרינבערג זאלען בעפרייט ווערען נאך איידער זיי וועלען פערארורטהיילט ווערען; אבער צו זיין גרעסטען בעדויערען האט ער זיך דערוואוסט פון דער פעלשערין וויערא אלעקסאנדראווא, אז גאָלדבוים איז איבערגעליפערט געווארען אין אן אנדער אסטראָג און ער געפינט זיך דאָרט אין האָספּיטאל. וועגען גרינבערג'ן איז שוין לאנג געווען אויסגעארבייט א פּלאן וויא ער זאל צוזאמען מיט נאך איינינגע ארעסטאנטען און מיט וויערא אלעקסאנדראווא'ן פון דעם האָספּיטאל אנטלויפען; אבער וועגען גאָלדבוימען האבען זיי ניט געקענט אויסגעפינען קיין מיטעל.

דערוויילע איז חאָמיאַקאָוו דערשאָסען געוואָרען אין זאַכארינס מינע, און וויא ײַן קאָפּ איז געווען צוריסען אין שטיקער האט איהם אלץ זיין ווייב דערקענט. דא האט זיך ווידער אנגעהויבען א פּערדרעהעניש וועגען גאָלדבוים׳ס פּראָצעס. אפּענבאך און אלע נאַטשאַלסטווא פון „טרעטיע אָטדיעליעניע״ האבען זיך דיא קעפּ וובראָכען וועגען דיעזער געשיכטע און עס איז וועגען דעם געגאנגען א לאנגע רעבאַטע.

— סטייטש — האט אָפּענבאַך געטעה׳נעט — עס ווייזט זיך דאך ארויס אז ראַזבאַיעוו איז ד אָ ך געווען א געפעהרליכער ניהיליסט....

— און איך צווייפעל נאר ניט אין דעם — האט סאבאקאוו זיך אויסגעדריקט.

— אבער וויא קומט עס — האט דער נייער סליעדאוואטעל געפרעגט — וואס אלע ציינגע פון פּרעאָברעזשענסקער קווארטאל זאגען אז ער איז געווען א גראָבער יונג, אַן איינפאכער מוזשיק, וואס האט זאגאר א רוסישען וואָרט ניט גע־קענט איבערלעזען?

— היינט זאָגט־זשע, הערר סליעדאָוואַטעל — האט אפּענבאך וויטער גע־רעדט — וויא קומט אזא אידיאט צו א מינע? ערקלעהרט מיר וויא אזוי איז ער אנטלאפען פון געפעננגיס צוזאמען מיט א ניהיליסט און ווארום האבען זיך דיא ניהיליסען געסטארעט איהם צו בעפרייען?

— איך בין דא גאר א צומישטער — האט דער פּראָקוראָר זיך אפּגערופען — דיא געשיכטע בײ׳ם קאַנאַן צייגט דייטליך אז ער איז א ניהיליסט, דיא געשיכטע אין אסטראג צייגט אויך דאס נעמליכע, ענדליך האט ער מיט פינף רעוואָלווערען ארויס־געשאָסען פון א מינע און אויך געשטארבען אלס געפעהרליכער ניהיליסט. היינט ניט מיר מיינע הערדשאפטען צו פערשטעהן, וואס איז דא אזוינס אויף אונז פאר אן אנשיקעניש? א בויערען־פרוי זאגט אז דאס איז איהר מאן דער פויער און צוואנציג דרייסיג מענשען זאגען עדות, אז ער איז געווען אַן אידיאָט, א גראבער יונג און אן איינפאכער נאבט־גנב! איך פערשטעה ניט און קען זיך קיין בעגריף ניט מאכען וואס איז דא אזוינס געשעהן פון אנפאנג ביז אם ענדע....

— מיר מוזען זיך אבער יא דערשלאגען צו עפּעס א רעזולטאט — האט דער סליעדאוואטעל אבערמאלס גערעדט — דאָ האנדעלט זיך דאָך אום דעם ארעסטאנט גאָלדבוים, צו ער האט ערמאָרדעט פּאדליעצאוו׳ן אדער וואסילי חאָמיאַקאָוו וואס ווערט יעצט ערקלעהרט אלס ראַזבאַיעוו....

עס איז באלד דעבאטירט געווארען און געזאגט געווארען פערשיעדענע מיינונ־גען, און אזוי וויא אפּענבאך האט שוין לאנג געמעלדעט דעם פּראָקוראָר, אז

פאָדליעצאוו איז געווען דער שפּיאָן פון ביידע גאָלדבוים'ס קינדער, וועלכע זיינען פערשיקט געווארען נאך סיביר און פאָדליצאָוו האט זיי טאקי אויף דער גאס פערהאפטעט. דאהער איז ביי זיי פערבליעבען, אז ווען גאלדבוים האט אפילו אליין פּאָרליעצאָוו'ן ניט ערמאָרדעט, האט ער יערענפאלס מיטגעהאָלפען ראזבאָיעוו'ן איהם צו ערמאָרדען אין דיא גאנצע געשיכטע מיט ראזבאיעוו'ן וועלכע האט זיך זיי פון אנהייב ביז צום סוף ניט געשיקט איז פערבליעבען א קשיא....

מארטין, וועלכער איז געווען מיט דעם נייעם סליעדאָוואטעל גוט בעקאנט, האט דא מורא געהאט א וואָרט אריינצוריידען און איהם אויפמערקזאם מאכען אויף עפּעס. ער האט געדאנקט גאָט וואס ער האט דא מיט דעם פערדרעהטען פּראָצעס אזוי טרוקען אָפּגעשניטען; אבער וויסענדיג יעצט אויף ריכטיג גאלדבוים'ס שלעכטע לאגע, אז ער וועט שוין יעצט גאר געשטעלט ווערען פאר א קריענס־געריכט אין „טרעטיע אָטדיעלעניע" אלס מערדער אדער מיטהעלפער צו א פּאָלי־טישען מאָרד, איז איהם איינגעפאלען א פּלאן, צו וועלכען ער האט געמוזט זעהן דער יונגער פעלשערין מאריא אלעקסאנדראוונא. ער האט איהר אויך באלד געזעהן און עס איז אין געהיים אפּגעשטימט געווארען וואס צו טהאן.

אין איינינע טעג ארום נאך דיא ענטדעקונג פון דער מינע אין „אוספּענסקי סאָבאָר" איז געבראכט געוואָרען דער אונגליקליכער גאלדבוים פאר'ן קריענס געריכט אין „טרעטיע אָטדיעלעניע". דער פּרעזידענט וולאדימיר סאבאקאוו איז געווען זעהר ערנסט. פון דיא זייטען זיינען געזעסען זיינע דריי פּאָלקאָווניקעס, דער פּראָקוראָר, דער סליעדאָוואטעל און עס איז געלאדען געוואָרען אויך אפּענבאך, עס איז דורכגע־לעזען געווארען דער פּראטאקאָל פון ביידע סליעדאָוואטעליעס און דער אקאלאדאטשני פון וועלכען גאלדבוים האט דאמאלס פּארליעצאוו'ן אלס איד אויסגעקויפט איז גע־לאדען געווארען אלס אן עדות, דער צווייטער צייגע איז געווען דער הואָרניק וועלכען דער אקאלאדאטשני האט דאמאלט צו זיך צוגערופען.

דער אבווינימעלני (בעשולדיגונגס) אקט האט אזוי געלויטעט:

„אום איינס אוהר ביי נאכט דען פיער און צוואנציגסטען יולי, ...18 זיינען צוויי מענשען, פערהילטע אין רעגען־מאנטלען, אריינגעגאנגען און אברהם גאָלדבוים'ס וואוינונג אויף זאראדיע. צוריק זיינען זיי פון הויז ארויסגעגאנגען מיט גאלדבוימען. גאלדבוים האט צוגעטרעטען צו אן אקאלאדאטשני און האט פון איהם אויסגעקויפט דעם געהיים־אגענט פּאָדליעצאָוו'ן, וועלכער איז געווען פערמאסקירט אלס א איד. דער בעשולדיגטער גאלדבוים האט דעם אקאלאדאטשני פערשפּראָכען, אז ער וועט אוועקפיהרען פּאדליעצאָוו'ן אין דיא שטאדט־נומערן לעבען „קרעטעל". ענדליך

איז פאדליעצאָוו פערשוואוואונדען און ווען דער אקאלאַדראַטשני איז געקומען צו דעם בעשולדיגטען און איהם געפרעגט, וואו איז אהינגעקומען דער איד (פאָדליעצאָוו), וועלכען ער האט פון דעם אקאלאדאטשני אויסגעקויפט, האט דער בעשולדיגטער אנפאננס געדרעהט מיט׳ן צונג און נאכהער האט ער דעם אקאלאדאטשני געענטפערט, אז ער איז אוועקגעפאהרען. שפעטער האט ער געזאגט „איך וויים ניט״ און אין דריי טאג ארום איז פאדליעצאוו געפונען געווארען א דערהרג׳עטער אין דעם גרויסען קרעמעלשען קאנאן, לעבען איהם זיינען געלעגען מאדאם מאלליד׳ס ציערונג און איינער, א וואסילי חאַמיאקאָוו וואס יעצט וויינט זיך ארוים אז ער איז זאזבאַיעור.

— וואס האט איהר אין אייער פערטהיידיגונג עפעס צו זאגען? — האט גענעראל סאבאקאוו גאלדבוימען געפרעגט.

— דיא צוויי מענער, וועלכע האבען מיך דאמאלס ביי נאַכט בעזוכט — האט גאלדבוים ערוויעדערט — זיינען געווען צוויי אידען, וועלכע זיינען מיר געקומען אנזאגען אז אן אקאלאדאטשני האט ארעטירט אן אלטען זיעבציג יעהריגען אידען, וועלכער איז דורכגענעצט פון רעגען און ער געפינט ניט קיין לאָזשי וואו א נאַכט איבערצונעכטיגען. איך האב געוואוסט, אז דיא רעגיערונג וועט גאר ניט פערליערען דערמיט וואס אן אלטער מאַן וועט איבערנעכטיגען א נאַכט אין מאסקווא און איך האב איהם פאר צעהן רובעל אויסגעקויפט פון דעם אקאלאדאטשני.

— וואוהין האט איהר דעם אלטען אוועקגעפיהרט?

— איך בין געווען געזאָגען איהם צו פיהרען אין גאָראָדסקאָיע גומערן (אין דיא שטאדט נומערען) לעבען קרעמעל; פלוצלינג אבער האט דער אלטער מאן חרטה געהאט; ער האט מיר געזאגט אז ער האט זיך מורא איבערצונעכטיגען אין א האָטעל, ווייל עס ליעגט אויף איהם א שווערער פערברעכען און ער וועט זיך שוין וויא עס איז אן עצה געבען. ער האט מיר געדאַנקט דערפאר וואס איך האב איהם אויסגעקויפט פון דעם אָקאָלאָדאָטשני און האט מיך אליין אויף דער גאס איבערגעלאזט.

— וואס האט דער אקאלאדאטשני וועגען דעם צו זאגען?

— דער אלטער מאַן איז צו מיר צוגעגאנגען — האט דער אקאלאדאטשני געזאגט — און האט מיר געבעטען אז איך זאל איהם ארעטירען אלס א איד אהן דאקומענטען און ווען דיא צוויי מענשען וועלכע זיינען אריינגעגאנגען צו גאלדבוימען וועלען צוריק ארויסגעהן און אימיצער פון זייביידען אדער א דריטער וועט איהם וועלען פון מיר אויסקויפען זאל איך איהם פריי לאזען.

— האט ער אייך געזאגט אז ער איז פאדליעצאָוו ?

— ער האט מיר געוויזען א פאליציי־מעדאיליאָן און וויא ער הייסט האב ניט געוואוסט.

— האט ער אייך עפּעס וועגען דיא צוויי מענער געזאגט ?

— יא, עקסעלענץ, ער האט מיר געזאגט אז ער שפּירט דיא צוויי מענער נאָך.

— וועגען וואס האט ער אייך ניט געזאגט?

— ניין עקסעלענץ, וועגען דעם האט ער מיט מיר ניט גערעדט.

— זייט איהר דעם געהיים־אגענט נאכגעגאנגען נאכדעם וויא איהר האט איהם פריי געלאזען ?

— איין שטיקעל וועג, נאכהער האט ער מיר א וואונק געגעבען פון הינטען מיט דער האנד אז איך זאל אוועקגעהן.

— טאק טאָטשנא׳ס (אזוי איז עס) — האט דער דוואָרניק צוגעבאמקעט.

— און וואס קענט איהר דא עפּעס זאגען ? — האט סאבאקאוו זיך געווענדעט צום דוואָרניק געפרעגט.

— איין שטיקעל וועג נאכהער א וואונק, באַרין, טאק מאָטשנאָ׳ס — האט דער דוואָרניק זיך קראצענדיג פאר דער פּאָטילניצע ערוויעדערט.

— און מעהר האט איהר ניט געזעהן ?

— אז ניט זאלען מיר דיא אויגען ארויס, באַרין — האט דער דוואָרניק זיך איבערצלם׳דיג געזאגט — זאל מען מיך פיהרען בלינד פאר א שטריקעל, איין שטיקעל וועג, טאק טאָטשנאָ׳ס....

— האט איהר ניט בעמערקט דיא געזיכטער פון דיאביידע מענער ? — האט סאבאקאוו דעם אקאלאדאטשני וויטער געפרעגט.

— ניין עקסעלענץ, עס איז געוועזען שטארק פינסטער.

— און איך אויך ניט — האט דער דוואָרניק זיך אפּגערופען — עס האבען זיך פון הימעל געגאָסען גאנצע פּאמוניצעס, אזא נאכט געדיינק איך ניט זייט איך בין א דוואָרניק, שוין זיעבען און צוואנציג יאהר, באַרין, טאק טאָטשנאָ׳ס....

א לייכטער שמייכעל האט זיך געוויזען אויף אפּענבאך׳ס ליפּען.

— נו, וואס זאגט איהר, גאלדבוים, געגען דיעזע צייגע ? — האט סאבאקאוו מיט א שטרייגגען טאָן איהם געפרעגט.

— איך זאג אז איך בין פאלש בעשולדיגט — האט דער אונגליקליכער מיט א ציטערענדע שטימע ערוויעדערט.

עס האט זיך באלד אוועקגעשטעלט דער פּראָקוראָר און האט געעפענט א ברייטע מויל און געשניטען.

— זעהט איהר ניט מיינע הערשאַפטען — האט ער פייערליך גערעדט — אז פאר אייך שטעהט א געפעהרליכער פּאָליטישער פערברעכער? זעהט איהר ניט אז דיעזער מאן האט ערמאָרדעט פאדליעצאָוו'ן? ער טענה'עט אז דיא צוויי מענער זיינען געווען אידען וואס זיינען געקומען איהם בעטען אז ער זאל פון דעם אָקאָלאַדאָטשני אויסקויפען דעם אלטען, און דער אקאלאדאטשני זאגט אז דיאביידע מענער זיינען געווען נאכגעשפּיערט פון פּאדליעצאָוו'ן. פון דעם איז דאך גלייך ארויסצוזעהן, אז גאלדבוים זאגט דא א גרויסען ליעגען, און ביי מיר איז דא גאר קיין צווייפעל ניט אז איינער פון דיא צוויי מענער איז דא געווים וואסילי חאָמיאַקאָוו אדער ראזבאָיעוו מיט וועלכען גאלדבוים איז געשטאנען אין פערבינדונג. מעגליך, אז דיא ניהיליסטען האבען בעדארפט האבען אויך אזא מעניטען וויא ראזבאָיעוו'ן אין זייער געהיימע געזעלשאפט און פּאדליעצאוו האט נאכגעשפּיערט האָמיאקאָוו'ן מיט זיינעם א קאמעראד ווען זיי זיינען געקומען צו גאָלדבוימען זיך בעראטהען וועגען זייערע געהיימע אנגעלעגענהייטען. און עס לייגט זיך גלייך אויפ'ן שכל, אז דיא ניהיליסטין בערטהא מאלליך האט אוועקגעגנב'עט איהר מוטערס ציערונג מיט דעם צוועק צו געברויכען דאס געלד פאר דיא ביידע מינעס. דיא ציערונג זיינען איבערגעגעבען געווארען ראזבאיעוו'ן און וועהרענד ער איז געקומען אריינצוווארפען דעם ערמאָרדעטען פּאדליעצאָוו אין קאנאן איז דאריבער געפונען געווארען אויך דיא ציערונג.

— דאס שיקט זיך עפּעס ניט — האט אפּענבאך אויפמערקזאם געמאכט — עס איז בעוואוסט, אז ביידע דיענער איוואן מיט סטעפּאנען האבען דיא ציערונג פון מאַלליך'ס קאבינעט ארויסגעגנבעט, און וויא יעצט ווייזט זיך ארויס, האבען ביידע גנבים דיא ציערונג פערשטעקט אין דעם קאנאן. ראזבאָיעוו האט זיך עס דערוואוסט און האט צוליעב דיעזען ציעל פערברענט ביידע גנבים אין טימאָפּיי מיכיילאוו'ס הויז, און איז נעגאנגען דיא ציערונג פון דעם קאנאן ארויסקריגען, דערווייל האבען מיר איהם ביי'ם קאנאָן דערטאַפּט. דאס ווייס איך בעשטימט: אבער ווייטער פערשטעה איך ניט און איך מוז צוגעבען אז חאָמיאַקאָוו אדער ראזבאיעוו איז צו אלעם דיעזען אויך געווען א ניהיליסט אדער א מיטהעלפער אין דיא ניהיליסטישע טהעטיגקייט, און וויא באלד אס ענדע ווייזט זיך ארויס אז ער האט אנטהייל גענומען אין דאבראליובאוו'ס מינע, מוזען מיר אויך דיינקען אז חאָמיאַקאָוו מיט'ן קאנאן און פּאָדליעצאָוו'ס ערמאָרדונג האבען עפּעס אן אנהאַנג אויך אויסער דיא ציערונג.

דער פּראָקוראָר האט ווייטער גערעדט און דער פּאלקאווניק, וועלכען דער קריגס־געריכט האט בעשטימט פאר גאלדבוים׳ס אן אדוואקאט, האט זיך פּרובירט דעם בעשולדיגטען צו פערטהיידיגען; אבער גאלדבוים׳ס ווערטער האבען זיך איינער צום צווייטען ניט־נעקלעפּט פונקט, וויא עס האט זיך ניט געקלעפּט א וואָרט צו א וואָרט דיא נעשיכטע פון חאָמאקאָוו׳ס אדער ראזבאָיעוו׳ס פערדרעהעניש מיט דעם קאנאָן, מיט׳ן מאָרד־בראנד און ענדליך מיט זאכארין׳ס מינע.

דער פּראָקוראָר האט געפּלוידערט, דער פערטהיידינער האט געפּלאפּעלט, אז עס איז געווען לעבערליך צו הערען. אלע ווילע איז דא געווארען דיא פערדרעהעניש אלס גרעסער און גרעסער. און וואס זיי האבען געוואלט מעהר און מעהר זיך דער־שלאגען צו דער וואהרהייט, האבען זיי זיך אלין מעהר פערפּלאָנטערט, אז דיא ריכטיגקייט וואס זיי האבען דא ניט לאנג געהערט פון אָפּענבאכען איז אויך פער־דרעהט געווארען. עס איז אויסגעקומען אָז ביידע גנבים איוואן און כטעפאן זיינען אויך געווען ניהיליסטען, וועלכע האבען מיטגעהאָלפען זייער ווירטהינס טאָכטער בערטהא מאלליך דיא ציערונג אוועקצוגנבענען צוליעב דיא ביידע מינעס, חאָמיאקאָוו איז געווען גאר א פייעריגער ניהיליסט און האט פערברענט ביידע קאמעראדען אום זיי זאלען דאס געהיימניס ניט ארויסגעבען, גאלדבוים וועלכער דרעהט מיט׳ן צונג איז בודאי א ניהיליסט. פּאדליעצאָוו האט זיי אלעמען נאכגעשפּיערט און דאריבער האבען זיי איהם דערהרג׳עט, און סוף כל סוף זיינען זיי אלע נעשטאנען אין איין פערבינדונג מיט זאכארינען, מיט גרינבערג׳ן און מיט וואסילי פּעטראָוו׳ן, מיט דעם קלאאון פון סאָלאָמאָנסקים צירק שוטקינען און מיט אלע פערמאסקירטע מאָנאכען אין קרעמעל און מיט דעם פּאלקאווניק גומאנאָוו׳ן וועלכער האט פערגיפטעט דעם וועכטער פון אסטראג און זייער אלעמענס כונה איז געווען צו טויטען דעם באטיוש־קאָ ביי דער קאראנאציע.

— האט איהר נאך עפּעס אין דער פערטהיידינונג צו זאגען? — האט סא־באקאוו גאָלדבוימען געפּרעגט.

— ניין — האט גאלדבוים מיט א פעסטען טאָן ערוויעדערט — לאזט מיך אויפהיינגען, אבי איך זאל שוין א מאל בעפרייט ווערען פון אייער גערעכטיגקייט! איך האב שוין גענוג געלעבט....

זיי האבען איהם געלאזען שטעהן צווישען צוויי זשאנדארמען מיט בלויזע שווערדען אין דיא הענד און זיינען אלע ארויסגענאנגען אין בעראטהונגסצימער.

גאלדבוים איז נעשטאנען גאנץ רוהיג און גלייכגילטיג און ערוואַרטעט דעם ביטערען פּסק־בית־דין, וועלכער וועט באלד פאר איהם פאָרגעלעזען ווערען. דער

זיצען אין געפענגניס האט זיך איהם אזוי צונע־עפען, אז ער האט שוין איין מאל פאר אלע מאל געוואלט בעפרייט ווערען פון זיין ביטערען לעבען. דיעזער עהרליכער און קלוגער מענש האט זיך קיין מאל פארן טויט נ ט געשראקען. וויא באלד דיא נאטור האט איהם בעשאפען געוויס איז ער גוט און געטהיג, דאס פלעגט אימער זיין זיין עהרליך ווארט, בעזאנדערס נאך יעצט, ווען ער ווערט אזוי געקוועלט און געמאטערט,

אין א האלבע שטונדע ארום איז סאבאקאוו צוערשט פון בעראטהונגס צימער ארויסגעגאנגען און באלד נאך איהם, דיא אלע וואס זיינען מיט איהם אהין אריינגע־גאנגען. סאבאקאוו האט געהאלטען א פאפיער אין דער האנד; ער האט זין געגען גאלדבויבוימען אוועקגעשטעלט און זיינע מיטהעלפער לעבען איהם.

— דער בעשולדיגטער אברהם גאלדבוים, א איד, ניין און פערציג יאהר אלט— האט סאבאקאוו פון דעם פאפיער געלעזען — ווערט ערקלעהרט פון קריעגס־געריכט פאר שולדיג אין דיא ערמארדונג פון דעם געהיים־אגענט פאדליעצאוו. נור ער פערדיענט מיטלייד, אלזא, זאל ער אים נאמען דעם געזעצעס פערשיקט ווערען אויף זעכצעהן יאהר מיט אכט מאנאטען קאטארגא אין דיא וויטע פלעצער פון סיביר מיט דיא אוועקרויבונג פון איהם אלע רעכטע, בירגער רעכטע און טיטלען און נאכ־דעם זאל ער אפגעשיקט ווערען אויף אייביגע „וואלנאיע פאסיליעניע" אין ארחאנ־געלסקער גובערניע....

— ברוך דין אמת! — האט גאלדבוים אויפהייבענדיג דיא אויגען צום באלקאן אויסגערופען — א שאד ליעבער גאט, וואס דוא לאזט מיר נאך זיך אנמאטערן....

עס איז אנגעשריעבען געווארען א פראטאקאל אויף וועלכען סאבאקאוו מיט דיא איבעריגע ריכטער האבען זיך אונטערגעשריעבען און ער איז איבערגעגעבען געווארען ביידע זשאנדארען.

— פיהרט איהם אין דער שווארצער קארעטע! — האט סאבאקאוו צו דיא זשאנדארען א געשריי געטהאן — און גיט איבער דעם פאפיער צו דעם סמאטריטעל פון אסטראג.

— פלוצלינג האט זיך דיא טהיר אויפגעמאכט און א פאלקאווניק איז צו סאבאקאוו'ן צוגעלאפען.

— עקסעלענץ! — האט דער פאלקאווניק פערסאפעט אויסגערופען — א וויכטיגע ניעעס....זעהר א וויכטיגע....

— וואס? — האט סאבאקאוו שטאמלענד געפרעגט — וואס איז אזוינס געשעהן?

— א, וויכטיג, זעהר וויכטיג — האט דער פּאָלקאָווניק ווייטער נערעדט — איהר ווייסט דאָך אז אין אונזער האָספּיטאל ליעגט שוין זייט צוויי וואָכען קראנק דער יונגער ניקאָלאי איסטאָמין, וועלכער איז אלס קריוואָסאראוו פערהאפטעט געוואָרען אין מאריא אנדריאנאווא'ס הויז. ער האט מיך צו זיין בעטעל צוגערופען און האט מיר געזאגט, אז ער פיהלט זיך זעהר קראנק, ער ווייס בעשטימט אז ער האט שוין לאנג ניט צו לעבען, אלזא האט ער מיר אין דעם געגענווארט פון דעם סליעדאָוואטעל דערצעהלט אזא געשיכטע:

ער געהער שוין זייט א פּאר יאהר צו דעם געהיים־בונד און אזוי וויא ער האט געוואוסט אז פאדליעצאוו פערשטעלט זיך אלע מאל פאר א אידין, האט ער איהם איינמאל ביי נאכט נאכגעשפּיערט און ווען ער האט איהם געזעהן אליין געהענדיג נאכהער וויא ער האט זיך פערראבשידעט מיט א אידין לעבען דיא שטאדט נומערען, איז איסטאמין צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם פערנאררט אין „קרעמעל״. דאָרט האט ער פּאָדליעצאָוו'ן מיט א שטיין געטויטעט און האט איהם אריינגעשטעקט אין דעם גרויסען קאנאָן....

אלע האבען זיך א חאפּ געטהאן פאר דיא קעפּ.

— ניט נור דאס אליין האט ער אונז דערצעהלט — האט דער פּאָלקאָווניק פאָרטגעזעצט — ער האט אונז געזאגט, אז זאכארין, וועלכער האט געשאָסען אויף אלעקסייעוו'ן איז דרייסיג שטונדען געלעגען אין יענעם קאנאָן בעהאלטען. פּאדליע־צאָוו אבער האט געהאט א פערדאכט אז זאכארין בעהאלט זיך ערגעץ אין א אידישע הויז אויף זאראדיע און ער האט זיך צוויי נעכט ארומגעדרעהט אין דעם אידישען קווארטאל. ער האט מיט זיך געפיהרט צוויי מיטהעלפער וועלכע פלעגען געהן אן אידישע הייזער און אנזאגען אז אן אקאלאדאטשני האט פערהאפטעט א אידען, דערווייל פלעגען זיינע קאמעראדען אויסשפּיאָנירען דיא אידישע הייזער און נאכדעם וויא דיא אידען פלעגען איהם פון דיא אקאלאדאטשניקעס אויסקויפען, פלעגט ער פון זיי אוועקגעהן. ער האט אזוי געטהאן אין פיער הייזער; נור אזוי וויא איינער פון זיינע צוויי קאמעראדען איז געווען אן אנגעשטעלטער שפּיאָן פון דיא ניהיליסטען, איז עס ניקאָלאי איסטאָמינען בעוואוסט געווארען און ער האט פּאָד־ליעצאָוו'ן ערמאָרדעט טאקי אין דער זעלבער נאכט ווען דיא ניהיליסטען האבען זאכארינען פון דעם קאנאָן ארויסגעקריגען.... איך האב באלד אויפגעשריעבען א פּראטאקאל און איסטאָמין האט זיך אויף איהם אונטערגעשריעבען. אָט איז ער!

ער האט ארויסגעצויגען פון זיין בוזים־טאש א פּאפּיער און האט איהם איבערגערייכט סאבאקאוו'ן.

סאבאקאוו האט איסטאמינס ווידוי אויפ'ן קול דורכגעלעזען.

אפענבאך איז פון זיין שטעלע אויפגעשפרונגען און איז צוגעלאָפען צו דעם ערבלאסטען פעראורטהיילטען.

— איהר זייט א בראווער, עהרליכער מאַן, הערר גאלדבוים! — האט דער שעף איהם רייכענד זיין האנד אויסגערופען.

— איך געשטעהע עס אויך! — האט דער רויהער פּראָקוראָר מיט א פריינד־ליכע שטימע זיך אויסגעדריקט — בראווא, הערר גאלדבוים! איהר זייט געווען אַן אונשולדינער מאַרטירער.

זאגאר דער טרוקענהערציגער און דער גרויזאמער סאבאקאוו האט זיך ניט געקענט בעהערשען. ער האט זיך לייכט פערניינט און האט גאלדבוימען מיט א שמייכעל בעגריסט.

— סעקרעטאר! — האט ער צו דעם פּאלקאווניק וואס זיצט ביי דעם בוך אויסגעשריען — שרייבט אויף פאר אברהם גאלדבוים א בעפרייהונגס פּאפּיער און נאך היינט מוז ער בעפרייט ווערען.

— איהר זאָלט, הערר גאלדבוים מיר בעזוכען אין מיין פּריוואט וואוינונג — האט אפענבאך איהם פריינדליך געזאגט — אייער פאמיליע איז פון מאסקווא פּלוצלינג אוועקגעפּארען און איך האב דאריבער מיט אייך עפּעס צו ריידען. אויף רייזע קאסטען צו זיי וועט אייך ניט פעהלען, איהר זייט א בראווער עהרליכער מענש און איהר פערדיענט רעספּעקט און אכטונג.

גאָלדבוים האט זיך העפליך פערניינט און זיינע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרעהרען.

— וויינט ניט עדלער מענש — האט אפענבאך איהם געזאגט — דיא וואהרהייט איז ארויפגעשוואומען און אַן עהרליכער מענש וויא איהר, בעדארף זיך מיט דעם בעזונדער פרייען ווען, דאס זאל אפילו ניט אנבעלאנגען צו אייער גליק. לעבט וואהל און גליקליך, הערר גאלדבוים.

ער האט איהם פריינדליך געדריקט דיא האנד און איז נאך אַן אבשיעד פון אלע אנוועזענדע אוועקגעגאנגען.

און מיט דריי שטונדען שפּעטער איז גאלדבוים פריי ארויסגעגאנגען פון „טרעטיע אָטדיעליעניע" מיט א שריפט, וועלכער ערקלעהרט זיין אונשולד.

— אין א מזל'דיגע שטונדע! — האט ער דערהערט א זאנפטע שטימע ווען ער איז שוין געווען ביי א צעהן טריט ווייט פון דער גרויזאמער געביידע, הלואי האַל־טען מיר שוין אזוי מיט יענעם....

ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן פאר זיך מארטינען.

— אַ פריינד! — האט גאלבוים מיט טרעהרען אין די אויגען אויסגערופען.

— ש־שא! — האט מארטין ארויפליגענד א פינגער אויפ'ן נאָז א שעפטשע געטהאן — בעזוכט מיך, אדיע....

89טעם קאפיטעל.

זיי ווערען אפגעצאהלט.

גרעפין מאריא דאנילאווא אדער זלאדרייקינא, איז א פאר טאג אפגעלעגען קראנק נאכדעם וויא זיא האט יענע נאכט מיט דעם פערמיינטען חיטראָווצינען בע־זוכט דער קארטענוואַרפערקע מערי באטענבערג. פאר איהרע אויגען האט זיך יעדער מאל פארגעשטעלט דאס בילד פון שרה פיינשטיינען, אז זיא האט זיך איינפאך גע־שראָקען פאר דיא ווענט. איהר האט געוואונדערט וויא קומט עס וואס חיטראווצין האט איהר נאך דיזער געשיכטע באלד אויף מאָרגען נים בעזוכט און זיא איז געוועזען גאר אויסער זיך. זיא האט געוואלט איהם בעזוכען; אבער זיא האט ניט געהאט קיין כח אויפצו־שטעהן פון איהר געלעגער. צו איהם א בריעף שרייבען אז ער זאל קומען האט זיא מורא געהאט. ווייל חיטראווצין איז געוועזען זעהר פאָרזיכטיג מיט איהר בעקאנטשאפט און האט איהר אנגעזאגט אז זיא זאל צו איהם קיין מאל נים שרייבען, ער האט עס אויך קיין מאל נים געטהאן און זייער בעזוכען איינער דעם צווייטען איז צוגעגאנגען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט. אויפ'ן דריטען טאג איז זיא צו זיך געקומען און איז פון איהר בעט ארויסגעקראכען. זיא האט זיך אנגעצויגען און האט אנגעהויבען ארומצו־מארשירען איבערן צימער.

— אָ, דאס איז שרעקליך! איז דאס שרעקליך! — האט זיא צווישען דיא ציינער געברומט — עס איז פאסט אונגלויבליך אז היינטיגע צייטען זאל געבען אויף דער וועלט אזא מכשפה! זיא זאגט דיא פערגאנגענהייט מיט יעדער איינצעלהייט, זיא ווייס וואס טהוט זיך ביי יענעם אין הארצען און קען גאר ארויסרופען טויטע! איך האב דאך זיא דייטליך געזעהן.... אך, וויא שרעקליך עס איז א קוקצוטהאן אויף א טויטע וואס וואנדערט אלס לעבעדיג ארום.... אבער וואוהין זאל איך פאר איהר אנטלויפען? וועלכען ים זאל איך אריבערפאהרען אום בעפרייט צו ווערען פון דער טויטער זעלע וואס פערפאָלגט מיך?....וואס וועל איך דאָרט מהאן וועהרענד איך האלט יעצט דא אין רעכטען וואקסען! — אך, וואס פאר א טהייערן דאקומענט, האט וויאטקין פון אפענבאך'ס טיט ארויפגענגב'עט!....ניזשני נאָוואָגאָראָדער שעף פון דער געהיים־פאָליציי מאכט אויפמערקזאם אפעגבאכען, אז מען בעדארף מיך פאָרשטעלען פאַרן צאר און מיך דערפיהרען צו דער העכסטער שטופע וואס א פרוי

קען זיך אין רוסלאנד דערשלאגען! אָ, וואס פאר א שורקע דער אפענבאך איז! זאל ער מיר נאך א וואָרט דאריבער זאגען? עס פערדריסט איהם ווארום איך בין אזוי פעהיג, אזוי בענאבט, אז איך האב אין א קורצע צייט איהם שוין איבערגע־שטיגען!.... אבער וואס טהוט מען מיט דער טויטער? ווארום קומט ניט חיט־ראָווצין אז איך זאל מיך קענען מישב זיין מיט איהם וואס איך זאל טהאן? ניין, דא איז עפעס ניט אזא גלאטע געשיכטע.... עפעס שרעקט מיר אזוי דאס הארץ, אז איך בין גאר אויסער זיך.... איך פערשטעה דא גאר ניט דעם גאנצען חיטראָוור צינען.... ער האט נור נעוואָרטשעט „ש־שא" און „ש־שא" אפילו ווען איך בין שוין פון דער קארטענוואָרפערקע ארויסגעגאנגען.... אפשר איז ער אויך אזא מכשף וויא דיא אלטע מכשפה און זיי ביידע בעשעפטיגען זיך מיט צויבעריי? וויס איהם דער טייפעל וואס דא איז פאר א געשיכטע. אבער שרה פיינשטיין!....

א קלאַפּ אין טהיר האט איהר פּלוצלינג אזוי איבערראשט אז זיא איז פון איהר שטעלע אויפגעשפרונגען. זיא האט פאר דיעזען קלאַפּ אינסטינקטיוו א ציטער געטהאן; אבער זיא האט זיך באלד בערוהיגט און האט אויסגעשריען „הערייו!"

אין צימער איז אריינגעגאנגען א שעהנער מענש מיט בלאָנדע האָר און מיט אן ערדעל געזיכט.

— אָי! — האט זיך אונוויליענד א קרעכץ פון איהר ברוסט ארויסגעריסען.

— שרעקט אייך ניט עדלע גרעפין — האט דער מאן מיט א שטילען טאָן גע־רעדט — מיר איז געלונגען צו אנטלויפען פון פינסטערן קערקער, איך האב געזוכט א פּליאץ וואו דיא ערשטע פאר שטונדען זיך צו בעהאַלטען און מיר איז איינגע־פאלען זיך אריינצוחאפּען צו אייך עדלע גרעפין. איהר האט דאָך מיר אזוי גוט דיא לעצטע צייט אמוזירט, אז איך האב אייך בעטראכט פאר אן ענגעל. יעצט, גרעפין, זייט מיין רעטונגס ענגעל פון דיא בארבארען. שיצט מיך עדלע גרעפין, איך בין אומזיסט פערפאלגט....

— אָ, באראן גענעראַלאוו — האט דיא מערדערין געשטאמעלט — וואס?.... וויא אזוי?

— פרענט מיך ניט ליעבע גרעפין — האט גענעראַלאוו ערוויעדערט — ניט נור איך אליין בין אנטלאָפען....מיט מיר איז מיטגעלאָפען א געוויסער ערעלמאן וואס זיצט פערשפּארט וויא איך פאר א פּאָליטישען פערברעכען. ער דרעהט זיך נעבאך ארום אין אלע הינטער געסלאך.... איך האב מיט איהם מיטלייד געהאט און איך האב איהם געזאגט אז איהר ווערט עס טהאן פון מיין'ט וועגען, און ווערט

אויך איהם, נעבען שוין אויף א פּאָר שטונדען אין אייער צימער. אָ, גרעפין דאַ־נילאָווא, רעטעט צוויי אונגליקליכע!

זלאַדייקינא איז געוואָרען אזוי איבעררראשט און אויפגערעגט, אז זיא איז גע־בליעבען זיצען אויף איהר שטוהל וויא פערשטיינערט. זיא האט ניט געקענט גלייך א קוק טהאָן אויף איהר אָפּפער, וועלכער איז יעצט געקומען בעטען פון איהר שוין און הילפע. זיא האט איין מאָמענט ערפיהלט אין איהר שטיינערנע הארץ א שרעקליכען ביס פון חרטה; אבער באלד איז דער וועהטאג פערגאנגען און דיא פערדאָרבענהייט פון א ניעדערטרעכטיגע שפּיאָנין און פעררעטהערין האט זיך אין איהר דערוועקט.

— גוט! — האט זיא דעם באראן ערווידערט — מיך פרעהט זעהר, וואס איך קען אזא עדלען בעקאנטען וויא איהר געבען שוין אין מיין הויז. איך וועל אויך אייער אנטלאָפענעם קאמעראד שיצען פון אונגליק. אָ, וויא שרעקליך איז מיר געווען דיא נאכריכט אז איהר עדלער באראן, זייט, פּלוצלינג ארעטירט גע־וואָרען!.....איך בין ארומגעלאָפען וויא וואהנזיניג און איך האב איינינע נעכט ניט געקענט איינשלאָפען.....

דער באראָן האט אין זיינע קעשענעס אויפגעדריקטביידע הענד אין פויסטען, זיין הארץ האט אנגעהויבען זיך שנעל צו בעוועגען און זיינע אויגען האבען געפייערט. ער האט אבער מיט אלע קרעפטען זיך בעהעררשט און האט ווייטער מיט א ליעב־ליכען טאָן גערעדט:

— איך דאנק אייך, ליעבע און גוטע גרעפין, פון טיעפסטען הארצען. איהר טהוט א וואהלטהאט וועלכען איך וועל אייך קיינמאל פערגעסען, און פאר דיא רעטונג פון מיין אונגליקליכען קאמעראד בין איך אייך נאך הונדערט מאל מעהר דאנקבאר. איך בין נאך אן אינגערער מענש און קען נאך לייכטער אן אונגליק אַ־ריבערטראגען; אבער מיין פריינד איז שוין באלד אין דיא פופציגער, ער איז שוין שוואך און קראנק און איהר דערהאלט איהם ביי'ם לעבען....

— וועט ער וויסען וויא צו מיר אריינצוגעהן? — האט איהם זלאדייקינא מיט א געמאכטען מוטה געפרעגט.

— אָ, יא גרעפין, ער איז אליין א מאסקווער און ער קען דיא שטאדט אויס־געבונדען. איך האב איהם געזאגט אייער אדרעס און געוויס וועט ער באלד אהער קומען. ער פערוויילט זיך, ווייל ער איז פאָרזיכטיג.

— קען איך וויסען וויא ער הייסט? — האט איהם זלאדייקינא מיט א בע־דויערערענדע מינע געפרעגט.

— וויא ער הייסט וויים איך ניט — האט דער באראן לאנגזאם גערעדט — אבער איך וויים פאר וועלכע פערברעכען ער זיצט. ער האט בעליידיגט א הויכגע־שטעלטע דאמע.

זלאדייקינא האט דערפיהלט א הערצקלאפפען.

— איהר האט דאך מיר גאר געזאגט — האט זלאדייקינא האלב צודולט גע־רעדט — אז ער זיצט גאר פאר א פאליטישען פערברעכער.

— יא, גרעפין — האט גענעראלאוו רוהיג פארטגעזעצט — ער האט שטארק בעליידיגט דער בעריהמטער שפיאנין מאריא זלאדייקינא....

זלאדייקינא האט א ציטער געטהאן מיט איהר גאנצען קערפער. א שווידער האט דורכגעדרונגען איהרע אלע ביינער דערהערענדיג, אז אנטאנאוו דער איינגע־טהימער פון ערמיטאזש בעדארף באלד קומען געפינען שוין אין איהר צימער, איהר בעטראכטענדיג פאר אן אנדער פערזאן.... זיא איז ווילד פון איהר שטעלע אויפגעשפרונגען און איהרע אויגען האבען אנגעהויבען צו פייערען וויא ביי א ווילדע טיגערין....

— געוואלד וואס טהוט מען דא! — האט זיא זיך געקלעהרט — זאל איך שוין דעם באראן פאר דער פאליציי ארויסגעבען אדער זאל איך פון מיין לאזשי אנטלויפען? א, וואס פאר א שרעקליכער צופאל דאס איז!....

אין דער טהיר האט זיך אין דיעזען מאמענט געהערט א קלאפ און באלד איז אנטאנאוו אין צימער אריינגעלאפען.

— וועה! — האט זיך א שטימע פון דער בעסטיעס הערץ ארויסגעריסען.

— א!....איהר זייט עס גרעפין דאנילאווא? — האט אנטאנאוו לאנגזאם גערעדט — עס פרעהט מיך זעהר.... ביטע גרעפין, שטעלט אייך שוין אוועק אויף דיא קניע און בייכטעט (זאגט ודוי), אייער לעצטע שטונדע האט געשלאגען.

— וואָ—אָ—ס? — האט זלאדייקינא געשטאמעלט.

— אָט אָ דאָס! — האט אנטאנאוו ארויסציהענד א רעוואָלווער פון זיין קעשענע אויסגעשריען.

ער איז צו זלאדייקינא'ן צוגעלאפען און האט אנגעשטעלט דעם רעוואָלווער נעגען איהר געזיכט.

— אָ, רעטעט מיך, עדלער באראן! — האט דיא ערשראקענע בעסטיע ניט מיט איהר שטימע אויסגעשריען און האט ערגרייפענד גענעראלאוו'ן פאר ביידע הענד.

— איך זאל דיך רעטען? — האט דער באראן איהר אבשטויסענד פון זיך

מיט א פערעכטליכע מינע אויסגעשריען — איך זאל רעטען דיא שלאנגע וועלכע האט מיך געביסען? דיא מינוט שטעל זיך אוועק אויף דיא קניע און בייכטע....איין הויך קול אויב דוא הייבסט אויף, צוטרעט איך דיר וויא א וואָרים! אויף דיא קניע בעסטיע!

— בייכטע! — האט אנטאנאוו האלטענדיג דעם רעוואָלווער געגען איהר קאָפּ וויטהענד אויסגעשריען -- דיין צייט איז געקומען!

— געוואלד מיטלייד! — האט זלאדייקינא זיך א וואָרפטהאָנדיג צו זיינע פיס מיט א ציטערענדע שטימע אויסגערופען — מיטלייד עדלער מענש מיט אייער פיינדין, וועלכע האט אייך פערפאָלגט; וויזט אייער גראָסמוטה!

— ווייסט דוא ווען דוא האָסט פערפאָלגט מערדערין? — האט אנטאנאוו געדאָנערט — ווייסט דוא חאָטש בעסטיע יועמען דוא האָסט אין אונגליק געשליידערט, ווען דוא האָסט בעשולדיגט אין א ניעדערטרעכטיגע דיעבשטאל, אין א געמיינעם לומפּישען פערברעכען וויא צו בעטרינקען א פרוי מיט א שלאָף-טרונק און איהר אוועקליינגען אויפ'ן גאס! ווייסט דוא ווען דוא האָסט אזוי בעליידיגט, בעשמוצט און פערשמירט? חאָפּ זיך פאר דיין שלאנגען־קאָפּ בעסטיע, דוא האָסט עס געטהאן דיין אייגענעם פאטער! אָט איז ער פאר דיינע אויגען — איך בין עס! איך אנטאנאוו בין דער אונגליקליכער פאטער וואס האט אויף דער וועלט געבראכט א שלאנג אין מענשען-געשטאלט!

— געוואלד, איך שטאַרב! — האט זלאדייקינא מיט אן איסטערישע שטימע אויסגערופען.

— איין מאל שטארבען איז נאך פאר דיר ווייניג! — האט אנטאנאוו געדאָנערט — הלואי וואָלט איך דיך מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק אין וואסער אריינגעוואָרפען אנשטאט דיך אויף דער גאס אוועקצולייגען, וואָלט איך היינט ניט איבערגעטראגען פון דיר אזעלכע חרפות ביושים! האסט דוא א מאל געהערט פון דיין ערציהער איוואן זלאדייקין, אז דוא ביסט ניט זיין קינד? זאָג בעסטיע זאָג....

— ווער! — האט זלאדייקינא ווילד אויסגערופען — איך פערשטעה עס יעצט. איך גלויב.... איך האב עס געפיהלט אבוואהל ער האט עס מיר ניט געזאגט....א, פאָטער, ערבארעם דיך....פערצייהע!

— איך קען עס ניט! — האט אנטאנאוו וויטענד און מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגערופען — דוא ביסט א פיעלפאכע מערדערין, א בעסטיע, א שלאנג. ווען איך זאל אפילו דיר וועלען פערצייהען, ווען איך זאל זאנאר זיין אן אונמענש, אן אויסוואורף וויא דוא און דיר וועלען מוחל זיין קען איך עס אויך ניט....דוא האָסט

געפיהרט א צוגעמיינעם, ניעדערטרעכטיגעז און פערברעכערישע לעבען את שטעהט פאר דיר א מאן וועלכענס ברודער אין שוועגערין דוא האסט ערמארדעט אדער דוא האסט געמאכט, אז זיי זאלען ערמארדעט ווערען....

— אי! — האט זיך א קוויטש פון זלאדייקינא׳ס הערץ אויסגעבראכען.

— זייערע קינדער — האט אנטאנאוו ווייטער פייעריג גערעדט — האסטו אריינגעווארפען אין א גרוב. ציגיינער האבען איבער זיי רחמנות געהאט און האבען זיי א האלב יאהר געהאדעוועט און נאכהער פערקויפט אין א צירק. ענדליך האסט דוא דיעזען עדלען מאן, וועלכער איז געקומען זוכען דיא פערלארענע קינדער, אין אונגליק געשליידערט....דוא האסט איהם ארויסגעריסען פון זייערע ארמען אין דעמזעלבען מאמענט, ווען ער האט זיי נאך פיעלע יאהרען מיה צוריק בעקומען, אום דיין פערברעכען זאל פערדעקט בלייבען.... האסט דוא נאך מוטה צו בעטען אום מיטלייד, אום פערצייהונג? א, ניין שלאנג! אזעלכע אויסווירפע וויא דוא טאהר דיא ערד אויף זיך ניט טראגען. אזא אויסוואורף פון דער נאטור מוז דיא מענשענ־געזעלשאפט פון זיך אויסשליסען, איך בין צו גרויס דאצו אום איך זאל פיי אזא קליינע בעשעפעניש וויא דוא מיין קינד, דאס לעבען אוועקרויבען, איך בין צו ריין אום צו בעשמוצען מיינע הענד אין דיא בלוט פון אזא שלאנג, וועלכען איך האב אויף דער וועלט געבראכט. איך בין היינטיגען טאג בערויבט געווארען פון אן עדלע, עהרליכע און גוטע טאכטער און אנשטאט איהר, האב איך בעקומען א שלאנג, א בעסטיע! א, ניין, בעסער זאל איך פערבלייבען עלענד, קינדערלאז און פערוואגעלט איידער אזא אויסוואורף וויא דוא, זאל אלס מיינע א טאכטער בעטראכט ווערען! צום גאלגאן שלאנג! איך אליין וועל שטעהן און קוקען וויא דער הענקער וועט פערציהען א שטריקעל אויף דיין האלדז און דאס וועט זיין מיין בעסטער פערגניגען, מיין פרייד.

זלאדייקינא האט א קרעכץ געטהאן און איז ניט געווען אין שטאנד אייןווארט צו ענטפערן. איהר געזיכט איז געווען געל וויא וואקס, איהרע אויגען האבען זיך שנעל בעוועגט און איהר גאנצער קערפער האט זיך געצאפעלט וויא אין שטארקען פיעבער.

— פאליציי! — האט אנטאנאוו צוגעהענדיג צו דער טהיר אויסגעשריען.

— ער האט מיך פערראטהען, חיטראוויץ! — האט זלאדייקינא ווילד אויפשפרינגענד פון באדען אויסגעשריען — אבער טויט איהם דעם מערדער, דער פערעטהער מיט מיר צוזאמען!

דיא טהיר האט זיך באלד אויפגעמאכט און אונזער בעקאנט מערזאוויץ איז אין צימער אריינגעגאנגען.

— גוטען מארגען! — האט ער זיך העפליך פערנייגענד צו זלאדייקינאן גע־

זאגט — ביטע גרעפין דאנילאוו איהר זייט געלאדען צו אפענבאכען אונטער דעם פערדאכט פון עטליכע פערברעכענס, און טאקי באלד ביי דעם האָטעל שטעהט אן עקיפאזש און וועט....

— נעהמט אויך חיטראוויצינען! — האט זלאדייקינא געקווייטשעט — ער וואוינט אויף פעטראווקא.

— מיר ווייסען — האט מערזאוויצין איהר רוהיג אונטערבראָכען — אבער פער־ווילט ניט גרעפין, אים נאמען דעם געזעצעס....

— איך געה! — האט זלאדייקינא זיך מאכענדיג מוטה אויסגעשריען און באלד איז איהר צימער פערבליעבען לעער.

— — — — — — — — — — —

וועהרענד זלאדייקינא איז ארעסטירט געווארען איז געזעסען דיא אלטע קארטענ־וואָרפערקע אין איהר קאבינעט שטארק פערטראכט און טרויעריג.

— איך פערשטעה ניט וואס איז דא פאר א זאנדערבארע געשיכטע — האט זיא געברומט — שוין דריי טאג אז חיטראָוויצין האט מיר ניט בעזוכט.... ער האט בעדארפט צו מיר קומען באלד נאכדעם וויא איך האב זיין זלאדייקינאן דיא קארטען אויסגעלייגט, טאקי אין דערזעלבער נאכט; ענדליך זיינען שיין דריי טאג פאראיבער און ער האט מיר נאך ניט בעזוכט!....וואס זאל דא אזוינס זיין?....

זיא האט זיך פערטיעפט אין פיעלע געדאנקען און פלוצלינג האט זיא א ציטער געטהאן.

— דא איז עפעס ניט גלאט, און גאר ניט גלאט — האט זיא זיך געקלעהרט— חיטראָוויצין איז אן אויפריכטיגער און פארזיכטיגער מענש, ער וואלט געוויס גע־קומען נאך אזא געשיכטע; אבער שא. ווער קלאפט עס?

— ארייַן! — האט זיא אויסגעשריען און צו איהר אין קאבינעט איז אריינגע־קומען חיטראָוויצין.

— אָ, חיטראָוויצין! — האט זיא ערפרעהט אויסגעשריען — נור וואס האב איך טאקי וועגען אייך געטראכט, איך בין שוין געוועזען זעהר אונרוהיג....

— איך קען גאר קיין זאך ניט אויסרעכענען — האט חיטראוויצין איהר אונטער־בראָכען — א גוט־בעזיצער פון טווערסקאָי גובערניע האט זיך צו מיר געווענדעט, אז איך זאל וואס אם שנעלסטען זיין אימעניע אפקויפען, וועיל ער מוז אנטלויפען צו־ליעב א פאליטישען פערברעכען. דיא אימעניע בעטרעפט זעכציג טויזענד רובעל, ישטעלט אייך אבער פאָר אז מען האט חיטראָוויצינען געזאגט אז מען קען זיא קויפען פאר צעהן טויזענד....איך בין געפלויגען וויא אויף פליגלען....

— דיינקט איהר נאך אלץ מיט אייער געלט זיך אויסשפרייטען? — האט איהם דיא צויבערין מיט אן ערנסטע שטימע געפרעגט — נאך מיינער מיינונג דארפט איהר טראגען אייער אפיתיקו אין א לעדערנע קמיע אויפ'ן האלדז, וויא איך האב אייך שוין לאנג געזאגט.

— מן־הכתם פערשטעהט דאך חיטראָווצין וואס ער טהוט! — האט ער איהר מיט א שטאָלצע מינע ערווידערט — איך האב זיי יעצט אלע אין דר'ערד, ניטאָ א הונד וואס זאל איצט אויף חיטראָווצינען א ביל טהאן....איבעריגענס, האב איך גערעכענט, אז דיא אימעניע וועט זיין גוט פאר אייך, וואו איהר זייט דיא זיכערסטע, און אויב ניט זאל זיא זיין גלאט פאר א גוטען ברודער און חיט־ראָווצין וועט דערווייל חאפען א פאר טויזענדער מעקלעריי....

— נו, האט איהר דיא אימעניע אפגעקויפט?

— דאס וועל איך נאך היינט וויסען — האט חיטראָווצין ערווידערט — איך האב דיא אימעניע בעקוקט און בין צוריקגעקומען נור וואס פון וואקזאל ניט אראָפּ־שטייגענד זאגאר צו הויזע.

— אייער זלאַדייקינא האט שוין געוויס געמעגט אוועקפגר'ן — האט דיא אלטע מיט א טייפעלשען שמייכעל גערעדט — און ווען ניט, דענק איך אז זיא וועט פליהען אזש נאך אמעריקא פאר דער טויטער שרה פיינשטיין....

— איך פערשטעה אייך ניט — האט חיטראָווצין פערוואונדערט געזאגט — איהר רעדט פון מיין פלאן וויא פון א פערגאנגענהייט און איך דענק איהם היינט אויף דער נאכט דורכצופיהרען. האט איהר שרה פיינשטיין, וועלכע איך האב צו אייך געבראכט, ניט אוועקגעלאזען?

— און איך פערשטעה אייך ניט הערר חיטראָווצין — האט דיא אלטע מיט א פערוואונדערטען טאָן ערווידערט — איהר און מאריא זלאַדייקינא האבען דאך דעם פערגאנגענעם מאנטאג מיך שוין בעזוכט....

— מאכט קיין שפאַס ניט, גרעפין — האט חיטראָווצין מיט אן ערנסטען טאָן איהר געזאגט — איהר ווייסט דאך וויא ערנסט מען בעדארף זיין אין אזעלכע זאכען....

— איהר איבערראַשט מיך, הערר חיטראָווצין — האט דיא קארטענוואַרפער־קע העכסט אויפגערעגט ערווידערט — א דיקע דאמע צוזאמען מיט א יונגען אפיציער האבען מיך בעזוכט, ריכטיג וויא מיר האבען פריהער דיא זאך אפגערעדט, און איך האב זיי געוויזען דיא שרעקליכע וואונדער און האב פאר איהרע אויגען ארויסגערופען שרה פיינשטיין, זלאַדייקינא איז געפאלען אין חלשות און דיא דיקע

ראמע האט איהר געמינטערט.... זיים איהר עס חיטראווצין ניט געווען די דיקע ראמע ?....

חיטראָווצינס געזיכט איז ערבלאסט געווארען.

— זיא האט אונז פערראטהען! — האט ער מיט א זאנדערבארע שטימע אויסגערופען — מיר זיינען אין געפאהר, גרעפין! זיא איז געקומען צו אייך מיט א שפיאָן....

די אלטע איז לייכענבלאס געווארען און איהרע אויגען האבען געפייערט.

— ניין חיטראָווצין, — האט זיא נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — זיא האט אונז ניט פערראטהען. איך האב איהר אלע איהרע זינדע אויסגעזאגט און זיא איז געפאלען אין חלשות, זיא האט זיך מודה געווען.... פאר א שפיאָן וואָלט זיא עס ניט געטהאן, ליעבער חיטראָווצין.

דער ערבלאסטער חיטראווצין האט זיך שטארק פערטראכט און זיינע אויגען האבען זיך שנעל געדרעהט אונטער זיין שמאלען שטערען.

— אויסגעשפיעלט! — האט ער נאך א קורצע פויזע אויפגערעגט אויסגע-שריען — מען האט אונז אלע געפיהרט אין חדר... איך פערשטעה שוין יעצט.

אין דיעזען מאָמענט האט זיך דיא טהיר האסטיג אויפגעריסען און צוויי הויכע פערזאָנען איינער אן עלטערער אין א גענעראלסקען מונדיר און דער צווייטער אן אינגערער ציוויל געקליידעט, זיינען פערסאפעט ארייננעלאפען.

חיטראווצין האט א ציטער געטהאן דערזעהענדיג דעם צווייטען אינגערן פערזאן ביי דער קארטענוואָרפערקע אין צימער.

— שווינדלערין! בעטרינערין! — האט דער גענעראל געדאנערט — מיין געלד זאל מיר צוריק זיין!....דיא מינוט מיין געלט צוריק!

— איך צוטרעט דיך דיא מינוט וויא א ווארים, דוא אלטע מכשפה איינע! — האט דער צווייטער פערזאן געליארמט — דיא סעקונדע זאלסט דוא מיר מיין געלד צוריק געבען! דיא סעקונדע זאלסט דוא מיר זאגען וואו איז דא ערגעץ מיין ברודער „דמיטרי" דער גנב, דער רויבער! דער מערדער!.... איהר האט מיר ביידע בע-טראָגען! מיין געלד! דיא מינוט מיין געלד!

— אויסווירפע! אונמענשען! בעסטיעס! בעמיטעלטע מערדער! — האט דיא אלטע זיך אוועקשטעלענד מיט דיא נעגעל נעגען זייערע געזיכטער געשריען מיט ווילדע קולות — ארויס פון מיין הויז באנדיטען! וויסט איהר מיט וועמען איהר האט דאָ צו טהאן!?

חיטראָווצין איז ערשטוינט געווארען פון דער אלטערס פרעכען ארויסטרעטען,

ער האט עס ניט ערוואַרטעט פּונקט וויא דיא צוויי געסט האבען זיך אויף דעם ניט גערעכט.

— גאַלאַווא — האט חיטראָווצין פאסענדיג מוטה, צו דעם איינגערן פּערזאַן געזאַגט — איך בעט אייך פערצייהעט.... זייט אביסעל געלאַסענער. מיר קאָסט עס אויך א שעהנער גראָשען....אבער איך וויל אזוי שטארק ניט האבען צו טהאָן מיט דיעזער אויפגערעגטע פּרוי....

— מיין געלט זאל מיר דיא מינוט זיין! — האט אלעקסייעוו ווייטער געשריען ניט שיינקען חיטראָווצינען קיין אכטונג — דוא האָסט מיך בעשווינדעלט אלטע העקסע. דוא שטעהסט אין פערבינדונג מיט „דמיטרי'ן"....

— דיא סעקונדע מיין געלד! — האט דער גענעראל פון זיינער זייטע גע־שריען — סיביר קאַטאָרגא!

— ארויס דוא אַלטער לומפּ פון מיין הויז! — האט דיא אלטע וויטהענד געקווישעט — ווייסט דוא ווער איך בין דוא הונד איינער? ווייסט דוא פאר וועמען דוא שטעהסט? פאר מיר מאריא באַראַנאָוויטש, פאר מיר דיין אמאָליגע געליעבטע וועלכע דוא האָסט א מאָל גרויזאם פערפיהרט און פעראונגליקט. געדיינקסט דוא אויסוואורף דאס שעהן זיעבצעהן יעהריגעס מעדכען אין פּריסטאַוו באַראַנאָוויטשעס הויז? אָט איז זיא! אָט בין איך! איהר בילד האָסט דוא פון מיר ביי דעם קאָרטענ־וואורף ערהאַלטען און דוא פאַ:אַטיישער מערדער האָסט ניט פערשטאַנען פאר וועמען דוא שטעהסט! ארויס דוא אַלטער אויסוואורף פון מיין הויז, דוא האָסט מיר בעצאהלט אן אלטען חוב און מיין ראכע וועט דיך נאָך יעצט אנהויבען צו פער־פאָלגען....

גענעראל סאַבאַקאַוו איז געבליעבען שטעהן וויא פערשטיינערט. ער האט עס ערוואַרטעט צו הערען פון דער אַלטער מכשפה און ער האט זיך פריהער גאר ניט געקענט פאָרשטעלען, אז זיא זאל זיין זיין אמאָליגע פערפיהרטע, וועלכע ער האט ווירקליך גרויזאם בעהאַנדעלט.

— דוא שווינסט אויסוואורף — האט דיא אלטע ווייטער געקווישעט — דוא שוויינסט, דוא מאכסט זיך ניט וויסענדיג אז דוא האָסט מיך א מאל אוועקגעוואָרפען ווען א דריטע זעלע האט שוין בעדאַרפט אויף דער וועלט ערשיינען.... איך האב דיר געשיינקט א זוהן, אונמענש! ער לעבט און ער איז ניט ווייט פון דיר, דוא אונמענש איינער. איין וואָרט אז דוא זאָלסט נאָך ארויס־ריידען וועל איך דיר אזוי בעשמוצען, אזוי בעשמירען אז דוא וועסט בעדאַרפע

אנטלויפען אין אלע שווארצע פינסטערע יאהר. דיא וועלט וועט פאר דיר ענג ווערע! טיראן!

סאבאקאוו האט נעשטומט ווי א פיש. נאך איהר ערצעהלונג האט ער שוין נעוואוסט איהר גאנצע ביאָגראפיע, אז זיא איז א געוועזענע הויף־דאמע און זיא קען איהם אויף דיא עלטערע יאהרען בעשמוצען, אז ער זאל קיין קאָפּ ניט קענען אויפ־הויבען. פאר א הויף־דאמע אין רוסלאנד ציטערען זאגאר מיניסטאָרען, ווייל זייערע אינטריגען זיינען העלישע פון דעם טייפעלס גנאדען....

— מיין געלד זאל מיר זיין! — האט אלעקסייעוו פון זיינער זייטע אנגעהויבען — איך הייס דיך דיא מינוט ארעטירען אים נאמען דעם געזעצעס.

— און איך וועל דיר ארעטירען פאר פיעלע מארדטהאטען! — האט דיא אלטע נעדאָנערט — רעספעקט דוא אונמענש! דרך־ארץ פאר דיין מאמען!....אויף דיא קניע מיין פערדאָרבענעס קינד!....איך בין דיין מוטער, דיין פאטער סערגיי׳ס ווייב, וועלכע האט דיך אריינגעשיקט צו דיין פאטער פון הויף.... דיין עלטערער ברודער „דמיטרי״ איז גענעראל סאבאקאוו׳ס א זוהן.... איהר זייט ביידע געהאָדעוועט געוואָרען ביי א פרעמדען פאטער, וועלכענס נאמען דוא טראגסט ביז היינטיגען טאג, מיין לומפּיג קינד אלעקסייעוו׳ל....

אלעקסייעוו האט אויסגעראטשעט א פּאר אויגען און א האלבע מויל איז געבליעבען ביי איהם אָפען און אין דיעזען מאָמענט האבען זיך פּלוצלינג דערהערט אין צווייטען צימער שווערע טריט און א דומפּפער קלאנג.

— דיא פּאליציי! — האט חיטראָווצין ניט מיט זיין שטימע אויסגערופען.

— זאָלסט וויסען וולאדימיר — האט דיא אלטע צו סאבאקאוון א נעשריי געטהאן — אז דער דריטער פּערזאן וואס שטעהט דא אין צימער איז דיין זוהן.... דוא אלעקסייעוו בעראפּסט וויעדער וויסען אז ער איז דיין ברודער „דמיטרי״ און איהר מוזט איהם שוין רעטען....רעטעט אייער חיטראָווצינען!

— אוי! — האט זיך א שטימע פון אלעקסייעוו׳ס הארץ ארויסגעריסען און אין דיעזער ווייל‌ע האט זיך דיא טהיר פון קאבינעט אויפגעמאכט און א גאנצער רוצענד פּאָליציסטען אונטער אפּענבאך׳ס בעגלייטונג האבען זיך אין צימער אריינ־געהאפּט.

— אים נאמען דעם געזעצעס — האט דער שעף א געשריי געטהאהן — איז דא ארעטירט דיא ווירטהין גרעפין מערי באטענבערג מיט איהר גאסט אָסיפּ חיט־ראָווצין!

א שוידער איז אריבער איבער דיא ביינער פון דיא אלע אנוועזענדע פּערזאָנען.

— איהר שווייגט? — האט דיא אלטע א קוקטהאנדיגג אויף סאבאקאוו'ן און אלעקסייעוו'ן ווילד אויסגעשריען — איך בעפעהל אז איהר זאלט ריידען! נאלאווא!

— עקסעלענץ — האט אלעססייעוו מיט א ציטערענדע שטימע צו אָפּגעבאכען געזאגט — איך בעט אייך אז איהר זאלט זיי לאזען צופריעדען, זיי וועלען אליין קומען צו אייך אויף א פערהער.

— און איך זאג אייך דאס געמליבע — האט סאבאקאוו געשטאמעלט.

— ניין מיינע הערראשאפטען! — האט אפּגעבאך מיט א פעסטען טאָן ערוויעדערט — דיעזער מאן חיטראָווצין האט אפּגעטהאן צופיעל הימעל=שרייענדע פערברעבען און מאָרדטהאטען, אז מיר זאלען איהם גלויבען אויף נאמנות.... מיר זוכען איהם שוין איבער עלף יאהר ארום, און דאס וויטעריגע, דאס פריהעריגע שטעהט אונז נאך יעצט פאר צו דערגעהן....

— עְד, דמיטרי — האט זיך חיטראוויצין געטראכט — צו שפּעט האָסט דוא זיך דערוואוסט ווער דיין טאטע מאמע זיינען.... אבער טשאָרט פּאָביערי, קאטארגא פאר חיטראָווצינען איז א פאדים אויף דער פוס פון אן עלעפאנט.... ניש־קשה, גאָט וועט העלפען!

— פאטער, מוטער און ברודער! — האט חיטראוויצין געלאסען אויסגערופען זיך וועדענד צו זיינע עלטערן און אלעקסייעוו'ן — בעטעט פאר מיר ניט קיין מיטלייד. איך בין א צו קליין מענשעלע, אז מען זאל מיך פריי לאזען ארומצוגעהן.... מיין פאטער סאבאקאוו, זאל לעבען, האט געוויס הונדערט מאָל אזוי פיעל פון מיר געזינדיגט אויף דער נאָרישער וועלט, מיין ברודער אלעקסייעוו, זאל מאריך ימים ושנים זיין איז אויך ניט פון דיא גרויסע צדיקים, אבער זיי זיינען ב ע ט י ט ע ל ט ע מענשען, הויכגעשטעלטע פערזאָנען, איינער א ג ע נ ע ר א ל, דער צווייטער א נ אָ ל אָ ו ו א. אָ, דאס איז א גרויסער שוץ אין רוסלאנד! לעבט וואָהל פאטער און ברודער. און זינדיגט שוין פאר מיר אויך.... אייך מיינע טהייערע איז אלעס ערלויבט און איך קליין מענשעלע וועל שוין אויך פאר אייך אפּריכטען גלות. ניש=קשה, זאָרגט אייך ניט אזוי, גאָט וועט העלפען!

אלעקסייעוו'ן האט געווארפען א צאהן אן א צאהן, עס איז איהם שטארק ניט אנגעשטאנען צו הערען אזא נאטאציע אין דער געגענווארט פון אָפּענבאכען. ער האט געוואוסט אז אן אויסגעמאכטער שפּיאָן וויא דער שעף וועט פערשטעהן אז חיטראָווצין רעדט דא ניט גלאט פון פינגער. סאָבאקאָוו'ן האט עס אויך געשווידערט; אבער זיי האבען ביידע צוגלייך גאר ניט געענטפערט.

— שמירט איהם אין קייטען! — האט אפענבאך זיינע פאליציסטען שטרייגנג בעפוילען.

— צעהן אויף איינעם — האט חיטראָווצין ניפטיג געלאכט — און זיי בעדארפען נאך קייטען אויך! לעבען זאל טאקי דאס היילינע רוסלאנד און לעבען זאל דער ט י ט ע ל וואס שרעקט זיך נים פאר אייזען....

סאבאקאוו מיט אלעקסייעוו'ן האבען זיך גענומען אוועקגעהן.

— אויסוווירפע! שלאנגען! מערדער! — האט דיא אלטע באטענבערג גע־שריען — אייערע קעפ וועט עס אייך קאָסטען! איהר זאלט וויסען שעף אז חיט־ראָווצין איז אלעקסייעווס לייבליכער ברודער....זיי האבען זיך צוזאמען אין אלעס בעטהיילינט.

— זיי זיינען ביידע שכור! — האט אלעקסייעוו אויפגערעגט אויסגעשריען.

אפענבאך האט א לייכטען שמייכעל געטהאן און האט בעפוילען דיא ארעס־טאנטען ארויספיהרען.

— אדיע פאטער און ברודער! — האט חיטראָווצין לעבען דער טהיר גע־שריען — אז דוא מיין אלעקסייעוו'ל וועסט בעדארפען נאך א מאל פאר אימיצען א באָמבע זאלסט דוא איהר טאקי ביי מיין טאטען וולאדימיר סאבאקאוו בעשטעלען! ער איז א גוטער פאבריקאנט, ער קען איבערמאכען פון דינאמיט גוטען שמעק־טאבאק....

ער האט באלד געחאפט א גוטען קוקס אין פלייצע פון אן אקאלאדאָטשני און איז צוזאמען מיט זיין מוטער ארויסגעפיהרט געווארען.

אלעקסייעוו האט זיך מיט וואַקענדע קניע דורך א הינטער טהיר ארויסגע־חאפט אויף דער גאס, אזוי האט אויך געטהאן דער אלטער וולאדימיר סאבאקאוו.

— איצט פערשטעה איך שוין וואס דיא אלטע קארטענוואָרפערקע האט מיר דאמאלס ביי דיא קארטען אויסלייגען געזאגט — האט זיך סאבאקאוו געהענדיג געטראכט — דאס בילד פון דער בליהענדער יונגער דאמע וואס איז מיר אויפ'ן קאָפּ אראפגעפאלען, איז פון איהר א ל י י ן....

ער איז געגאנגען פערטראכט און האט זיך פערנומען אין א שטילע הינטער־געסעל אין דער סקווער פון סאדאוואיא אוליצא און זיין שמוציגע פערגאנגענהייט האט זיך אנגעהויבען פאָרצושטעלען פאר זיינע אויגען אין בלוטיגע בילדער. ער האט זיך דערמאהנט אין דיא פיעלע אָפּפער וועלכע ער האט פערמאטערט אין דער גע־פענגניס זייט ער האט בעטרעטען זיין שטעלע און פיעלע פון דיא טויטע האבען זיך לעבעדיג פארגעשטעלט פאר זיינע אויגען.

— טפּו, טייפעל! — האט ער שטיל א וואָרטשע געטהאן און האט אנגע־
יויבען ראַשער צו געהן אום זיך ארויסשלאָגען פון זיין קאָפּ דיא פינסטערע גע־
אנקען.

— עקסעלענץ! — האט ער דערהערט א שטימע הינטער זיך.

סאבאקאוו האט זיך אומגעקוקט און האט דערזעהן פאר זיך א הויכען קרעפּ־
יגען פּערזאָן.

— א פיינלינג איז דער קעמפּפער וואס שטעכט אריין א מעסער אין רוקען —
אט דער מאַן איהם שטיל און שאַרף געזאגט — נאט אייך א שטאָלענעם דאנק פון
אסילי פּעטראוו'ן גלייך אין ברוסט אריין!

ריידענדיג האט דער הויכער פּערזאָן מיט'ן גאַנצען קראַפט אריינגעזעצט א
טאָלענעם דאָלך־מעסער סאבאקאוו'ן אין הארצען און איידער ער האט צייט
האט איין קרעכץ צו טהאָן האט זיך דער מאַן אריינגעהאַפּט אין א הויף פון א
נף־שטאקיגע הויז און איז געוואָרען פערשוואונדען.

— קאַראַאול! א מאָרד! — האט געשריי'ען א קאָפּ דורך א פענסטער פון א
ויז געגענאיבער — א גענעראַל ערמאָרדעט!

מענשען האבען אנגעהויבען צו לויפען פון דעם געגענזייטיגען טרעטאָאַר און
הלד איז דיא שטילע הינטער געסעל געוואָרען בעלעבט.

מאָרגענדיגע צייטונגען האבען אבער געמעלדעט, אז טראָץ דיא אלע שטרענגע
בפאָרשונגען פון דער פּאָליציי, איז דער מערדער נאך ניט אויסגעפונען געוואָרען
דעם גענעראל סאבאקאוו'ס לויה וועט שטאַטפינדען אין צוויי טאג ארום.

90־טעס קאפּיטעל.

ער האט זיי בעזאָרגט מיט אַ גוטע רייזע.

גאלבוים'ס פרוי רחל, איהר זוהן, איהר טאָכטער און מאַדאַם נרינבערג זיינען
בערגעפאָהרען דעם רוסישען גרענעץ מיט דיא הילפע פון גראַיעווער אידלאך,
בע האבען זיי פאר א הונדערטער אריבערגעשמוגעלט אין דער ערשטער פּריי־
ער שטעדטעל פּראָסקין. זייער פערמעגען איז בעשטאנען אין דריי טויזענד רובעל
ו ביי זיי איז פערבליעבען פון דער סומע, וועלכע מאדאם זאכארין האט זיי
בען ביי איהר ערשטען בעזוך, און וויסענדיג אז זיי פאָהרען צו אזא אונגעהייער
סען גליק, האבען זיי זיך אוועקגעזעצט אין א וואגאָן צווייטע קלאסע און זיינען
קגעפאָהרען נאך בערלין. דאָרט האבען זיי אראפּגעשטיגען אין א שעהנעם
על מיט דעם בעשלוס איין טאג זיך אויסצורוהען און פאָהרען פון בערלין דירעקט
פּאריז.

אין א נומער נענענאיבער גאלדבוים׳ס פאמיליע אין דעמזעלבען האָטעל זיינען באלד נאך דיא גאלדבוים׳ס אריינגעפאהרען צוויי יונגע רייכגעקליידעטע פראנטען אלס רייזענדע, איינער האט געשפראָכען דייטש צימליך גוט, נור מיט א רוסישען אקצענט, דער אנדערער האט גערעדט רוסיש, זיי האבען פערשריעבען זייערע נעמען אין דעם בוך פון האָטעל און האבען זיך בעזעצט אין א שעהנעם נומער.

— הער נור ליאנושקין — האט געזאגט איין יונגער פראנט צו דעם צווייטען — מיר טאָרען דא ניט מאכען קיין לאנגע שיהות. חיטראָווצין האט געזאגט אז דוא ביסט מיט בערלין גוט בעקאנט און דוא קענסט גוט פלאפלען דייטשמעריש, לאמיר אפ־מאכען דעם קונץ וואס שנעלער און צוריק פאהרען נאך מאסקווא. איך וויל צווישען דיא דייטשוקעס לאנג ניט פערבלייבען.

— זיי נור ניט קיין פלוט, וואָראָווקין — האט ליאנושקין איהם ערוויעדערט — מיר קענען דאָך ניט חאפען דיא פיש פאר דער נעץ. זיי וועלען נעווים פערבלייבען דא נעכטיגען און דאמאלס וועט דיא מטבע זיין ביי אונז.

— איך שרעק מיך אבער פאר דיא דייטשוקעס — האט וואראווקין ווייטער גערעדט — ביי א חאפ, וועל איך אפילו ניט פערשטעהן וואס דיא קנעפלאך ריידען צו מיר און וויא איך האב געהערט זיינען בערלינער קייטלאך ערגער פון מאסקווער. דיא דייטשוקעס האבען גאר אנדערע אסטראגען מיט אנדערע קייטען. עס וועט אונז פערגעהן אין מוח....

— דוא האסט ניט וואראווקין אזוי פיעל חזיר האָר אין דיין נעלען קאָפ — האט ליאנושקין איהם ערוויעדערט — וויפיעל גנבות איך בין בעגאנגען צווישען דיא דייטשוקעס, א מאסקווער זשוליק אין בערלין וועלכער קען גוט ריידען דייטשמעריש און איז מיט דער שטאדט גוט בעקאנט, קען קיין מאל ניט אריינפאלען, בעזאָנדערס נאך אז מיר וועלען קיין שלעסער ניט בעדארפען אויפברעכען. מיר וועלען מעהר ניט אפשפיעלען א קליינע קאָמעדיע, און דערצו זיינען מיר דאָך ביידע גוטע קאמע־דיאנטען.... חיטראָווצין האט געוואוסט וועמען אויסצוקלייבען. זיי וועט ניט פער־בלייבען איין קאפיקע און מיר זיינען איבערמאָרגען צוריק אין מאסקווא.

— — — — — — — — — —

— אידיישע פרויען — האט וואראָווקין געזאגט צו ליאנושקינען שטעהענדיג אין קארעדאר פון האָטעל ווען מאדאם גאלדבוים איז מיט גרינבערג׳ס פרוי געקומען פון דער גאס אום זיעבען אוהר אבענדס און האבען זיך גענומען געהן אין נומער פון זייער לאָזשי.

— אָ, וויא בעקאנט זיי קומען מיר פאָר! — האט ליאנושקין אויסגערופען.

ביידע פרויען האבען זיך אומגעקוקט.

— געוואלד איך האלט עס ניט אוים! — האט וואראָווקין איבערראשט אויס־
שריען — מאדאם גאָלדבוים!

רחל איז שטארק איבערראשט געווארען און איז נעהענטער צו ביידע פראנטען
געגאנגען און האט אויף זיי א קוק געטהאן.

— איהר קענט מיך ניט מאדאם גאָלדבוים, — האט וואראָווקין שאָקלענד
ט'ן קאָפּ גערעדט — און עס איז גאר קיין וואונדער ניט; איהר האט מיך ניט
מערקט ווען איהר האט בעזוכט אייער מאן אין מאסקווער אסטראָג; איך אבער
ב אייך דריי מאל געזעהן....

— אָ, ווער זייט איהר — האט פרוי גאָלדבוים אויסער זיך פאר איבערראשונג
סגערופען.

— אָ, ליעבע מאדאם, — האט וואראָווקין טרויעריג גערעדט — דא אין קאָ־
אָר איז קיין פּלאַץ ניט אייך צו זאגען ווער איך בין; גענוג איז פאר אייך צו
ען, אז איך בין מיט אייער הויכגעשעצטען מאן צוויי מאנאטען געזעסען אין איין
ע.... אָ, וואס פאר א בראַווער מענש, וואס פאר אַן עדעלמאַן, וואס פאר א
רענער כאראקטער ער איז! איך האב קענען־געלערענט דאָרט אויך דעם עדלען
טירער יאקאב גרינבערג....

— אָי! — האט אסתר א קרעכץ געטהאן.

— ביטע יונגער מענש, קומט אריין צו מיר אין נומער אויב דאס איז אייך
נעהם — האט מאדאם גאלדבוים ערפרעהט און מיט טרעהרען אין דיא אויגען
ם געבעטען — אָ, וואס פאר א צופאל! איך בין איבערראשט, איך בין גאר
טער זיך!

— אבוואָהל איך האב קיין צייט ניט — האט וואראָווקין געענטפערט — דאָך
איך עס. איך בין אויך ענטציקט פון דיעזען צופאל. קום קאמעראד, —
ז ער צו ליאגושקינען געזאגט, לאמיר א ווייל פערברייננגען מיט דיעזער פרוי.
הערר גאָלדבוים איז איהר מאן, מעגען מיר פרעהליך זיין וואס מיר האבען זיך
איהר געטראפען, דוא קענסט דאָך איהם אויך....

— נאך וויא איך קען איהם! — האט ליאגושקין אויסגערופען.

באלד האט מאדאם גאָלדבוים אריינגעפיהרט ביידע יונגע העלדען צו זיך
ומער און באלד זיינען זיי פאָרגעשטעלט געוואָרען פאר ביידע גאלדבוים'ס
ער יעפים און העללענא אלס צוויי מארטירער, וועלכע זיינען געפלאָגט געוואָרען
זייער אונגליקליכען פאטער אין איין צעלע.

— אך, וואס פאר א וואונדערליכער צופאל! — האט העלענא ענטציקט אויס־נערופען.

— אויף דער וועלט קען אלעס פאסירען — האט וואראָווקין מיט א זיפץ גע־רעדט — איך מיט מיין קאמעראד האבען זיך מיט פיער טעג צוריק ניט גערעכנט צו זיין אין בערלין, וויא איהר האט אייך ניט געקענט פאָרשטעלען אז איהר זאלט זיך דא טרעפען מיט אייער פאטערס בעסטע גוטע פריינד, דאָך איז עס געשעהן.

— זייט איהר לאנג געזעסען אין מאסקווער געפענגניס? — האט יעפים זיי געפרעגט.

— מאָרגען ריכטיג ווערט א יאהר — האט וואראָווקין זיפצענד ערווידערט — מיר זיינען צוויי סטודענטען פון מאסקווער אוניווערזיטעט און מיר זיינען ארעטירט געוואָרען פאר א פאליטישען פערברעכען ... דיא ניהיליסטען האט אבער געלונגען אונטערצוקויפען איינעם פון דיא וועכטער און מיר זיינען פון קערקער קוים לעבעדיג אנטלאָפען.

— דיינקט איהר טאקי אין בערלין צו פערבלייבען? — האט העלענא העכסט ערפרעהט זיי געפרעגט.

— אָ, ניין בארישניא — האט ליאַווסקין זיך אפגערופען — מיר האבען מורא אז מען זאל אונז פון דאנען ניט איבערליפערן צוריק נאך רוסלאנד.

— מיר דיינקען צו פאהרען נאך דער שווייץ — האט וואראווקין געזאגט — נור אזוי וויא עס פעהלען אונז נאך דיא מיטלען, וועלען מיר צוערשט א פאהר טהאָן צו אונזערן א גוטען ברודער אין פאריז.

— וואס פאר א גליקליכער צופאל! — האט יעפים אויסגעשריען — מיר פאה־רען אויך נאך פאריז און וויא פרעהליך וועט אונז יעצט זיין דיא רייזע.

— אך, וויא אנגענעהם! — האט וואראווקין ווייטער גערעדט — וויא אנגע־נעהם איז מיר צו זעהן דיא פאמיליע פון מיין בעסטען פריינד אברהם נאלדבוים, וועלכער האט מיך איינפאך ביי דעם לעבען ערהאלטען אין פינסטערן קערקער מיט זיינע זיסע רייד; איך זעה דאס ערשטען מאל אין מיין לעבען, אז אן עלטערער מענש זאל בעזיצען אזוי פיעל מוטה און מונטערקייט, און דער עדלער גרינבערג? וואס פאר א פיינער דזשענטעלטען ער איז דאס! איך האב נאך אזעלכע מענשען אין מיין לעבען ניט געזעהן.

אסתר גרינבערג האט זיך בעוואשען מיט הייסע טרעהרען.

— וואס העלפט עס? — האט זיא געברומט — ווייס דער ליעבער גאָט צי איך וועל איהם שוין ווידער זעהן?

— זייט איהר זיינע א פערוואנדטע? — האט ליאגושקין מיט א תם'אוואטע מינע איהר א פרעג געטהאן.

— זיא איז זיין אונגליקליכע פרוי, — האט מאדאם גאלדבוים מיט טרעהרען אין די אויגען איהם ערוויעדערט.

ביידע קאמעראדען האבען זיך א חאפ געטהאן פאר די קעפ.

— אָ, וואס פאר א צופאל! — האט ווארואוקין העכסט ענטציקט אויסגעשריען — אבער אז דער ליעבער גאָט האט אונז שוין יא צוזאמענגעפיהרט מוז איך אייך ליעבע פרויען זאגען, אז איהר האט זיך ניט וועגען אייערע הויכווירדיגע מענער פ'על צו בעאונרוהיגען, איך וויים בעשטימט אז זיי וועלען גאר אין קורצען בעפרייט ווערען, ווייל די איינענע וואס האבען געזארגט פאר מיר מיט מיין קאמעראדזאזרגען פאר זיי אויך. זיי וועלען אנוועגדען פאר זיי אלע מעגליכע מיטלען.

עס איז אונמעגליך צו בעשרייבען די פרייד פון די אונגליקליכע מיט דיעזען צופאל וואס זיי האבען זיך צוזאמענגעטראפען מיט די צוויי יונגע סטודענטען וועלכע פאהרען אויך נאך פאריז. זיי האבען פערבראכט מיט זיי ביז צוועלף אוהר אין דער נאכט און אפריידענדיג צו פאהרען אין דער פריה צוזאמען מיט דער פאמיליע גאלדבוים און פרוי גרינבערג, זיינען ביידע קאמעראדען נאך א פריינדליכען אבשיעד אריינגעגאנגען אין זייער נומער.

עטליכע קלעפ אין דער טהיר פון פאמיליע גאלדבוימס צימער, האט זיי אלע אום דריי אוהר ביי נאכט פון זייער שלאָף אויפגעוועקט. יעפים איז אראפגעשפרונגען פון זיין בעטעל און איז צו דער טהיר צוגעלאָפען.

— ווער איז דאָרט? — האט ער פון אינוויינג געפרעגט.

— איך דער סטודענט סטעפאנאוו -- האט ער בעקומען אן אנטוואָרט פון וואָראָווקינען — מיין קאמעראד איז פערביי....ער שטארבט, ער געהט אויס!....

— וועה מיר! — האט יעפים עפענענדיג די טהיר אויסגערופען — וואס האט פאסירט?

— אָ, ברודער איך וויים נים — האט ווארואוקין פערסאפעט ערוויערערט - ער געהט אויס, ער שטארבט, רעטעט, איך לויף צו א דאקטאר.

יעפים האט זיך שנעל אריינגעוואָרפען אין זיין אויבערמאנטעל און איז אריינגעלאפען אין צימער פון די ביידע קאמעראדען.

ער איז אבער באלד צוריק צו זיך אין צימער אריינגעלאפען.

— מוטער — האט יעפים געזאגט — מיט איין סטודענט האלט דארט זעהר

שלעבט. ער האט קרעמפפען און ער קריכט אויף דיא ווענט. ער קען נאך דורן׳ א פענסטער ארויספאלען. אָ, וואו איז אהינגעקומען סטעפּאנאוו?

— נעה וואס גיכער אהין אריין — האט זיין מוטער העכסט דערשראָקען איהם געזאגט — באלד קום איך אויך....

עס האָט ניט געדויערט פינף מינוטען און דיא גאנצע פאמיליע גאלדבוים און מאדאם גרינבערג האבען זיך געפונען לעבען ליאנושקינען, וועלכער האט געהאל־טען אין איין קרעכצען און איז געקראָכען פאר וועהטאג אויף דיא ווענט.

— א דאקטאר! געוואלד רעטעט! — האט ליאנושקין מיט א דומפּפע שטימע געקרעכצט — איך שטארב....

— באלד קומט א דאקטאר — האט יעפּים איהם האלטענד פאר דיא הענד מיט א ציטערענדע שטימע געדעט — אייער קאמעראד איז צו א דאקטאר אָ־וועקגעלאפען.

— אָ, וואס איז אייך אונגליקליכער? — האט העלענא מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהם געפרעגט — בעהערשט אייך אביסעל, איהר קענט אייך נאך דעם קאָפּ צו שלאגען....באלד קומט א דאקטאר. יעפּים! האלט איהם פעסט.

— אָ, וועה! — האט ליאנושקין, קריכענדיג אויף דער וואנד לעבען זיין בעטעל מיט א שרעקליכע שטימע געקרעכצט — איך נעה אויס, איך שטארב....איך בין פערביי....נעוואלד ראטעוועט, איך בין פערגיפטעט. עס שטעכט, עס דרעהט.... וואס פאר א טהע האט איהר מיר געגעבען, געוואלד!

דיא פאמיליע גאלדבוים איז ערציטערט געווארען דערהערענדיג זיינע לעצטע ווערטער, אז עז ער דיינקט דאס ער איז פערגיפטעט פון דעם טהע וואס ער האט ביי זיי געטרונקען.

— מיר האבען אלע געטרונקען דעם זעלבען טהע, — האט העלענא זיך אפּגע־רופען — איהר זייט ניט פערגיפטעט עדלער מענש, דאס איז גלאט עפּעס א קראַמפּף. בערוהיגט אייך, שרעקט זיך ניט. עס וועט אייך באלד אפּלאזען.

פון דעם צווייטען צימער האט זיך פּלוצלינג דערהערט א געוויין פון צוויי קינדער.

— אָ, מיינע קינדער וויינען עפּעס! — האט אסתר אויסגערופען און האט באלד דעם צימער פערלאזען.

אריינקומענדיג אין איהר לאָזשי האט זיא געפונען דיא לאמפּע אויסגעלאָשען און מאכענדיג צוויי דריי טריט ווייטער פון שוועל, האט זיא זיך צוהאקט אָן אן איבערנעקעהרטען שטוהל און זיך אנגעשטויסען אָן דעם רונדען טיש, וועלכער

האט זיך א שטארקען טרייסעל געטהאן, דיא גלעזערנע לאמפע וואס איז אויף איהם געשטאנען איז אראפגעפאלען צום באדען און האט זיך צובראָכען מיט א טראסק און דיא קינדער האבען זיך נאך מעהר פארנאנדער געוויינט.

— וועה! — וואס איז דארט געשעהן! — האט העלענא ערשראָקען אויסגע־רופען דערהערענד דעם טאראבאנסק פון דיא גלאָז און דעם געשריי פון דיא קינדער מיט אסתר גרינבערגס פאלען, און וויא איהר איז שווער געווען דעם קראנקען פערלאזען, איז זיא באלד פון צימער ארויסגעלאפען.

אין דעם מאָמענט האט דער קראנקער ליאגושקין אויפגעהערט צו קלעטערען אויף דיא וואנט, ער האט זיך אויפ'ן בעטעל אוועקגעלייגט, און האט פריי געעפענט דיא אויגען.

— געלויבט ביסט דוא גאָט! — האט רחל גאָלדבוים ערפרעהט אויסגע־רופען.

— אָ, מוטער, א חורבן! אן איבערקעהרעניש! — האט העלענא אויסגעשריען אריינלויפענדיג פערסאפעט אין צימער — דיא בעט צייג אויף דער ערד.

רחל און יעפים זיינען טויט ערשראָקענע פון ליאגושקינס צימער ארויסגעלאפען, קומענדיג אין זייער נומער האבען זיי געפונען דיא בעט-צייג פון אלע בעטען ליגענדיג אויף דער ערד און פון רחל גאלדבוימס צוקאָפּענס זיינען בענומען געווארען צוויי טויזענד מיט אכט הונדערט רובעל, איהר גאנצעס פערמעגען מיט מאדאם גרינבערגס צוזאמען.

— געוואלד מיר זיינען אונגליקליך! — האבען דיא אונגליקליכע געשריען — מען האט אונז בעגנב'עט!

אין פינף מינוט ארום זיינען אויפגעוועקט געוואָרען אלע דיענער פון האָטעל; זיי האבען געזוכט דיא גנבים מיט ליכט אין דיא הענד; אבער זיי האבען קיינעם ניט געפונען.

נאך דער ערשטער איבעררא שונג האט יעפים געוואָלט אריינגעהן צו דעם קראנקען גאסט, איהם דערצעהלען דאס אונגליק וואס זיי האט געטראפען, פיעל־לייכט וועלען ביידע קלוגע סטודענטען זיי געבען עפּעס אן עצה וואס צו טהאן; אבער צו זיין ערשטוינען, האט ער נאך עטליכע מאל אנקלאפען אין דער טהיר, ניט בעקומען קיין אנטוואָרט, ער האט שטארקער געקלאפט און קיינער האט זיך ניט אפגערופען. איהם איז עס געווארען זעהר אויפפאלענד און ער האט עס געמעלדעט דיא האָטעל בעדיענטע. זיי האבען דיא טהיר אויפגעריסען און יעצט דאן ווען דער

קראנקער האט זיך מעהר נים געפונען אין זיין צימער, האבען דיא אונגליקליכע גאלדבוים׳ס אנגעהויבען צו פערשטעהן וועד עס האט זיי בעגנב׳עט.

אונזערע לעזער קענען זיך שוין פארשטעלען וויא זיי האבען יענע נאכט געשלאפען פערבלייבענדיג אין דער פרעמד מיט דריי פיער מארק אין קעשענע, וועהרענד דעם ווירטה פון האטעל האט שוין געקומט פון זיי פינף און צוואנציג, און וואס טהוט מען יעצט מיט דער רייזע נאך פאריז, אז עס איז ניטא זאגאר, מיט וואס מארגעדיגען טאג איבערצוקומען.

— מן־הסתם איז דאך נאט געדעכט — האט רחל מיט טרעהרען אין דיא אויגען געזיפצט, זיצענדיג צווישען איהר זוהן און טאכטער און ערווארטענדיג דעם פריהמארגען — איך וועל זאגען וויא אלע עהרליכע מענשען: „גם זו לטובה״, אז גאט גיט מיר צוריק מיין פערלארענעם זוהן, וועט ער אונז שוין בעלוינען מיט זיין גנאדע פאר אלע אלטע און נייע שמערצען. אט נא דיר נאר צוויי מאסקווער סטודענטען!....נאט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט....

— ער איז אפילו נים אזוי גערעכט — האט יעפים מיט א ביטערן שמייכעל גערעדט — אונז צו שיקען אזא מכשול אין א פרעמדע לאנד צווישען פרעמדע מענשען, איז נים אזוי גרויסארטיג.... וואס וועלען מיר טהאן מארגען? דער ווירטה וועט אונז פון דאנען אויף דער גאס ארויסווארפען און איך זארג שוין נים אזוי פאר אונז, וויא פאר מאדאם גרינבערגס קליינע קינדער....

יעפים׳ס זארג איז טאקי נים געווען א פאלשע, נאט האט זיי נאך צוגעשיקט פאר א ווירטה א פייערינגען אנטיסעמיט פון שטעקער און אלוואהרד׳ס תלמידים. באלד אין דער פריה האט ער דיא פערדאמטע רוסישע יודען געהייסען פון זיין האטעל ארויספאהרען.

— אז נים וועל איך אייך מאכען א פראצעס פאר א פאלשע בעשולדיגונג — האט ער זיי גאנץ שארף געזאגט — מיר קענען זעהר גוט דיא רוסישע יודען און מיר ווייסען צו וואס זיי זיינען פעהיג....

מיט פערבליעבענע צוויי מארק אין קעשענע נאך דעם ארעמען פריהשטיק וואס זיי האבען גענעסען אויסגעמישט מיט זייערע טרעהרען, האבען זיי זיך מיט דער הילפע פון אן אונבעקאנטען אידען, איבערגעקליבען אין א פינסטערן קעלער ביי אן ארעמען אידישען שוסטער אין א הינטער-געסעל און נאך א קורצע בעראטהונג איז ביי זיי פערבליעבען צו דעפעשירען צו זייער זוהן און ברודער אין פאריז, אז ער זאל ארויסשיקען עטליכע הונדערט פראנק אויף רייזע קאסטען.

דער ארימער שוסטער, וועלכער האט אויסגעהערט זייער טרויערינע געשיכטע,

אט פערליינט א משכון אין א פפאנד-הויז און האט זיי דערליינט דיא פאר מארק אס זיי האט אויסגעפעהלט אויף דער דעפעשע נאך פאריז און באלד איז אוועק־קלאפט געווארען א טעלעגראמע צו דעם מוזיקער גאלדשמידט אין פאריז אויף חל. גאָלדבוים׳ס נאמען, דאס זיא מיט איהרע קינדער געפינען זיך דורך א שלעכטען פאל זעהר אין א קריטישע לאגע אין בערלין, און זיא ערווארטעט זאָפאָרט צו עקומען פון איהר ליעבען זוהן א טעלעגראפישען אנווייזונג אויף איינינע הונדערט ־אנק, אום זיא זאל קענען ערפיעלען זיין וואונש און קומען צו איהם נאך פאריז.

דיא בעסטיע זלאדייקינא ווען זיא האט פיגורירט אלס פיאנאָ לעהרערין מירנאווא אין גאלדבוים׳ס הויז, האט טאקי וועגען גאלדשמידט׳ס פערזענליכקייט ער פאמיליע גאלדבוים קיין ליגען ניט געזאגט, אין פאריז געפינט זיך ווירקליך א רויסער מוזיקער מיט׳ן נאמען מאקס גאָלדשמידט. ער איז א געבאָרענער רוסישער יד, ער האט זיך ביז אין צוועלף־יעהריגע׳ אלטער נעהאָדעוועט אלס האלבער יתום ביי ינעם אן אָנקעל, א כלי־זמר אין הויז אין זשיטאָמיר, נאכהער איז ער דורך א ופאל אוועקגעפיהרט געווארען אין פאריז און האט זיך דאָרט געבילדעט אין א אָנסערוואטאָריום, פון וואנען ער איז ארויס א קינסטלער אין שפיעלען וויאָלין, עס יז פון איהם ארויסגעוואָקסען אן ארטיסט אין דיעזען פאך און ער איז ביז זיין פינף און צוואנציג יעהריגען אלטער אויסגעווען א האלבע וועלט. ער האט פון קאנצערטען פגעבען זיך ערוואָרבען א גרויסען נאמען און א גרויסען קאפיטאל און שוין זייט א אלב יאהר אז ער איז פון פאריז ניט ארויסגעפאהרען.

אבוואהל ער איז נאך אן אונבעווייבטער, דאָך פערוואוינט ער א גרויסע הויז יינער אליין וויא א פירסט און אלע קינסטלער פון פאריז זיינען מיט איהם בע־אנט און בעזוכען איהם טאג טעגליך. ער איז אויך זעהר א וואלטהעטיגער מענש און ער לאזט זיך דערקענען צו יעדער ארעמען און נעדריקטען. ער האט זיך נאך אן יינע אונטערדריקטע ברידער אין רוסלאנד ניט פערגעסען און אין דער צייט ווען עס האבען אויסגעבראכען דיא פאגראמען, האט ער זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט ער אידישער שלעכטער לאגע אין רוסלאנד און האט איינינע מאל ערמינטערט דעם פאריזער באראן ראָטהשילד, אז ער זאל עטוואס אנהויבען צו טהאן פאר זיינע לויבענס־גענאָסען און דאס האט מיטגעווירקט, אז דער באראן זאל אריינטרעטען לס גרינדער אין דער אידעע פון דיא „חובבי ציון״ און גרינדען דיא אידישע קאָלאָניען אין פאלעסטינא.

ווען דיא דעפעשע איז צו גאלדשמידט׳ן אוועק, איז דער יונגער קינסטלער גע־עסען מיט א צעהנדליג קאמעראדען אין זיין פירסטליכען זאל און האבען זיך

פרעהליך אונטערהאלטען, זיי האבען נאכהער אפגעגעסען א נוטען מיטאג און פערטרונקען מיט א פאר פלעשלאך שאמפאניער און האבען זיך גענומען אפגעבען איינער פאר דעם צווייטען קאָנצערט. איינער האט געזונגען, דער צווייטער האט איהם מיטגעהאָלפען דער דריטער האט געשפילעט פיאנא, א פאר האבען צוגעטאנצט און גאלדשמידט אליין האט געשפיעלט אויף זיין ליעב פידעלע. דער סאלאָן האט געקעבט און האט אויסגעזעהן וויא א פאראדיז.

— ווירטה, א דעפעשע! — האט אויסגערופען דער שווייצאר ווערכער איז אין זאל אריינגעקומען — אָט איז זיא.

גאלדשמיטה האט דיא דעפעשע אויפגעמאכט און איז דורכגעלאָפען דיא איי-נינע ציילען מיט דיא אויגען.

— גיט מיר אָפ מזל־טוב ברידער! — האט גאלדשמידט זיך האלטענדיג אונ-טער דיא זייטען אויסגעשריען — גאָט האט מיך געבענטשט מיט נאך א מוטער צו לאנגע יאהר.... ניט לאנג איז מיין מוטער פון מיין קאבינעט ארויסגעגאנגען, יעצט האב איך איהר נאר אין בערלין.... מיינט איהר אז זיא הייסט חאָטש דבורה? חלילה, זיא איז אוועקגעפלויגען נאך בערלין און דאָרט האט זיא זיך נאר א נאמען ענגעבען רחל.... וואס קוקט איהר מיר אזוי אָן? נאט אייך לעזט!

ער האט דיא דעפעשע איבערגעגעבען איינעם פון זיינע קאמעראדען און באלד האבען דאס שטיקעל פאפיער אומגערינגעלט איינינע קעפ.

— חא, חא, חא! חע, חע, חע! — האט באלד פערהילכט א געלעכטער דעם גרויסען סאלאָן — איז היינט ניט דער ערשטער אפריל?....

— דאס איז עפעס א מערקווירדיגע געשיכטע! — האט גאלדשמידט לאכענד געזאגט — קיין גלאטע זאך איז עס געוויס ניט. לעזט מיר נור אימיצער דיא דעפעשע פאָר! פון דעם אויג ביז'ן אויער איז א מאל א גרויסער אונטערשיעד.

איין קאמעראד האט זיך אוועקגעשטעלט און האט פון דער דעפעשע געלעזען פאלגענדעס:

„בערלין, איינס אוהר צוואנציג מינוטען. איך מיט מיינע קינדער בעפינדען זיך צופעליג אין א שרעקליכע לאגע. שיק רייזע קאָסטען טעלעגראפיש. דיין מוטער רחל גאלדבוים. אדרעס: נומער....“

— פיעללייכט איז עס אן אירטהום? — האט זיך איינער אפגערופען — קעהר נור דיא דעפעשע איבער.

דער לעזער האט דיא דעפעשע איבערגעקעהרט און האט דורכגעלעזען:

„מאקס גאָלדבוים, פאריז, גאס.... נומער....“

גאלדשמידט און זיינע געסטע האבען וועגען דער זאנדערבארער דעפעשע זיך געוווּ־רלט איבער צוויי שטונדען, נאכדעם האבען זיי אנגעהויבען ערנסט וועגען איהר צו רעדען. זיי האבען זיך דיא קעפּ צובראָכען טראַכטענדיג און ענדליך זיינען זיי געקומען צו א בעשלוס, אז דאס איז געווים אן אירטהום, אדער מעגליך אז איינער האט געשריעבען צו זיין פאמיליע אז זיי זאלען זיך ווענדען צו איהם אויף גאָלד־שמידס אדרעס, נור אזוי וויא אין א דעפּעשע שפּארט מען ווערטער, איז יענעמס נאָמען ניט געשריעבען און וואהרשיינליך וועט זיך נאך יענער צו גאלדשידט'ן ווענדען. דיא דעפּעשע איז אפגעלייגט געוואָרען אן א זייט און דיא פריינדע האבען ווייטער געהוליעט.

דערוויילע איז פאָראיבער א טאָג, עס איז אוועקגעשוואומען א צווייטער און דער אנטוואָרט איז פון פּאריז ניט אנגעקומען. דיא לאגע פון דיא גאלדבוים'ס ביי דעם ארעמען שוסטער איז פון מינוט צו מינוט געווארען ערגער און ערגער. זיי האבען געוואלט דעפּעשירען א צווייטען מאל; אבער דער שוסטער האט שוין קיין חשבון ניט געוואָלט פערלייגען, ער האט בעסער געוואלט אפּשפּארען פאר זיי אויף עסען טאָמער פערבלייבען זיי ביי איהם נאך עטליכע טעג. דערוויילע זיינען פאָר־איבער נאך א פּאר טאג און דער שוסטער האט אנגעהויבען ארומצולויפען צו דיא יודישע אונטערשטיצונגס פעראיינען, אז זיי זאלען איהם בעפרייען פון זיעבען מיילער, וואס בעדארפען חאָטש איינמאל אין טאג עסען, און ער אליין מיט זיין פאמיליע האבען עס אויך ניט. אויפ'ן צווייטען טאג איז געקומען א גבאי פון צדקה־פעראיין און נאכהער וויא ער האט אויסגעהערט דיא טרויעריגע געשיכטע, האט ער דער־לאנגט דער ארעמער פאמיליע א פינפמארקשטיק און איז מיט א זיפץ אוועקגע־גאנגען, זיי וואָלטען איהם דיא מתנה צוריקגעגעבען, נור א קוקטהאנדיג אויף דיא הונגעריגע בלייכע קינדערלאך, האבען זיי דעם פינף־מארק־שטיק געלאזט ליעגען אויפ'ן טיש. זיי האבען געפרעגט דעם גבאי וואו עס וואוינט דער פרעזי־דענט; אבער ער האט זיי געענטפערט אז אזעלכע זאכען געהער ניט צו זיין פעראיין.

— „גם זו לטובה!" — האט מאדאם גאלדבוים א קרעכץ געטהאן און דיא גאנצע פאמיליע האט זיך בעוואשען מיט הייסע טרעהרען.

91טעס קאפּיטעל.

זיי פאַלען אַריין.

אין דעם טאג ווען חיטראָוויטץ איז ביי דער קארטענוואַרפּערקע אין הויז ארע־סטירט געוואָרען, האט פּריסטאוו יורקאָווסקי איינינע מאל בעזוכט אננא זאכארין'ס

הויז. ער מיט איהר פאלשען מאן טימאָפיי מיכיילאוו האבען נעהאט אפגע־רעדט, אז דער שיינקער טאראקאנאוו, וועלכער האט פערראטהען ראזבאיעוו׳ן צוליעב דיא פינף טויזענד רובעל, זאל אפגעצאהלט ווערען פאר ראזבאָיעוו׳ס בלוט. טימאָ־פייען איז ענדליך געלונגען צו דערגעהן דאָרט אין טראקטירעל וויא אזוי ראזבאָיעוו האט זיך געפונען אין זאכארינס מינע און דאס האט איהם אזוי געטרנערט, אז ער איז געוועזן אויסער זיך. אויסער דעם האט טימאָפיי זיך געוואָלט זעהן מיט חיטראָוו־צינען און מיט איהם זיך בעראטהען וויא זאל ער דא מיט אננא זאכארין האנד־לען, דאס איהר פערמעגען זאל וואס גיכער אין זיינע הענד אריינפאלען. און אזוי וויא חיטראָווצין האט מיט איהם אפגערעדט אז ער זאל זעהר פאָרזיכטיג זיין מיט א בעזוך צו איהם (חיטראָווצינען) אין הויז, האט טימאָפיי דאס בעזארגט דורך יורקאָווסקין. יורקאָווסקי האט איהם געבראכט אן אנטוואָרט אז חיטראוווצין איז שוין זייט א פאר טאג פעררייזט און ער בעדארף היינט אדער מארגען קומען צוריק.

— א שאָד וואס ער איז ניטא — האט טימאָפיי יורקאָווסקי׳ן געזאגט — דאס געלט איז וויא אין קעשענע; אבער מען מוז דא זעהר פאָרזיכטיג זיין און אויף דעם איז חיטראָווצין א מחבל....

— און איך בין אויך ניט פון דיא קליינע — האט יורקאָווסקי מיט א שמייכעל געענטפערט — זאג מיר וויא עס האלט וועל איך דיר געבען אן עצה.

— האלטען האלט עס שוין זעהר גוט — האט טימאָפיי געלאכט — אבער צו קיין טייפעל אין דער וועלט האב איך קיין צוטרויען אויסער צו חיטראָווצינען.

— דוא ביסט א דומקאָפּ! — האט יורקאָווסקי אויסגערופען — חיטראָווצין׳ס שפּיצלאָך וועלען איהם א מאל צום גאלגאן דערפיהרען, איך בין מיר אן איינפאכער מענשעל און וויים, אז ווען מען קען ארויסקריגען אזא שעהנע סומע וויא דיין ווייבעלעס פערמעגען, טאָר מען אין דעם ניט שלאפען. וואס טוינען מיר דאָ דיא אלע קונצען?

— מארגען זאָלסט דוא מיר בריינגען אהער חיטראָווצינען — האט טימאָפיי איהם נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט — מיר וועלען זיך זאלבעדריט בעראטהען און דיא זאך וועט אפגעטהאן ווערען....

— —

— הערר פריסטאוו — האט געזאגט צו יורקאָווסקין זיין סעקרעטאר ווען ער איז צוריקגעקומען; פון דעם פאלשען אנדריי זאכאר׳ין — נור וואס איז דא געוועזן ביי אונז

ן קאנצעלאריע א סאלדאט פון אפענבאכען און האט פאר אייך איבערגעלאזען
געזען קאנווערט.

ער האט איבערגעגעבען יורקאווסקין א פערזיגעלטען קאנווערט מיט טריפ-
זקס.

יורקאווסקי האט דעם קאנווערט אויפגעמאכט און ארויסגענומענדיג פון איהם
א בייגעלע פאפיער האט ער געלעזען פאלגענדעס:

„דיא נאכפארשונגען וועגען גענעראלין סאלאמאנסקאיא'ס טאכטער האבען
רפיהרט צום ריכטיגען רעזולטאט, אז דיא פרוי וואס ווערט בעטראכט ביז היינט
ור אנטאנאוו'ס טאכטער, איז נאר דיא טאכטער פון דער גענעראלין סאלאמאנ-
קאיא. איך האב געלאדען צו זיך דער מוטער, דיא טאכטער וועט אויך באלד
מען. ביטע הערר פריסטאוו קומען זיא זאפארט צו מיר אין קאנצעליאריע.

אפענבאך".

— עך פיליפאוו! — האט זיך יורקאווסקי געטראכט — דיר געהט פון אלע
טען.... דוא וועסט בעקומען צעהן טויזענד קערבלאך.... דאס איז איינגעבונדענע
לט. סאלאמאנסקאיא האט עס דיר פערשפראכען.... טשארט פאביערי, אז עס
הט, געהט עס!

ער האט דעם פאפיער אריינגעשטעקט אין זיין בוזים-טאש און איז פון
טשאסטאק ארויסגעלאפען.

— — — — — — — — —

— זייט איהר, הערר זאכארין, פריסטאוו יורקאווסקי'ס א לאנדסמאן? —
אבען געפרעגט צוויי רייכגעקליידעטע מענשען טימאפיי מיכיילאוו'ן, וועלכע האבען
הם בעזוכט באלד נאך פריסטאוו יורקאווסקי'ס אוועקגעהן.

— איך בין איינגענטליך א קיעווער — האט דער באנדיט עטוואס צורודערט
ערוויעדערט; אבער איך קום יעצט פון דעם ווייטען קאווקאז....

— זייט איהר אין קאווקאז לאנג געוועזען? — האבען איהם דיא עלעגאנט גע-
יידעטע מענער ווייטער געפרעגט.

— דא איז א לאנגע היסטאריע צו דערצעהלען — האט טימאפיי מיט א
רבארגענעם שוידער זיי געענטפערט — און צווייטענס, ווייס איך דאך נאר נים
ער איהר זייט, מיינע הערען....

— מיר זיינען אליין קאווקאזער — האט זיך איינער אפגערופען — און מיר איז
הר אינטערעסאנט צו וויסען צו איהר האט דארט געקענט דעם מאסקווער פריס-
או יורקאווסקי?

טימאָפּייען האט פּערהאקט דער אטהעם. דיא צוויי נעסט זיינען איהם זעהר נים געפעהלען און זייער פראגע האט איהם בעזאנדערס ניט געשמעקט....

— ניין, איך קען איהם ניט פון דאָרטען — האט טימאפּיי מיט געמאכטען מוטה ערוויעדערט — ביטע מיינע הערךן, זעצט אייך אניעדער, לאמיר זיך אביסעל פּארנאנדער ריידען און וויסען וואס האט אייך בעוועגט מיך צו בעזוכען.

— מיר האבען קיין צייט ניט — האט זיך איינער שארף אויסגעדריקט — און וויא באלד איהר קענט ניט יורקאָווסקין פון קאווקאז, בין איך נייגיעריג צו וויסען פון וואנען זייט איהר בעקאנט געווארען מיט איהם דא אין מאסקווא?

— איהר זייט עפּעס א צו שטרייננער גאסט — האט טימאָפּיי מיט א ביטערן שמייכעל געזאגט — און אז איך זאל וועלען קוקען אויף עטיקעטע, בעדארף איך אייך גאר ניט ענטפערן.

— איהר בעדארפט עס יא, הערר זאבארין, — האט דער מאן שטריינג איהם גרוויעדערט — ווייל איך פרעג עס פון אייך אים נאמען דעס געזעצעס. אָט איז מיין מעדאיליאָן!

ער האט איהם געוויעזען א צייכען פון א געהיים־פּאָליציסט.

טימאָפּיי האט דערפיהלט א היץ אין קאָפּ; אבער ער האט באלד געפאסט מוטה.

— איך האב קענגען געלעהרענט פּריסטאוו יורקאווסקי דא אין מאסקווא דורך א צופאל — האט טימאפּיי תּמ'אוואטע גערעדט — איך בין קומענדיג פון קאווקאז געפאהרען אין א האָטעל, מיין פּאספּאָרט איז געמעלדעט געוואָרען אין פּריסטאוו יורקאָווסקי'ס אוטשאסטאָק. מיט א פּאר שטונדען שפּעטער בין איך צו איהם דורך אן אָקאָלאדאָטשני געלאדען געווארען און ער האט מיר געזאגט, אז דא אין מאָסקווא געפינט זיך איינע א פרוי זאבארין, צו בין איך ניט איהרער אן אנפערוואנדטעטער? ענדליך האט זיך אויסגעלאזען, אז זיא איז גאר מיין ווייב, וועלכע איך האב מיט איינינע און צוואנציג יאהר צוריק איבערגעלאזען אין קיעוו. ווערענד איך בין צו דער קאווקאזער קריעג אין יאהר 1859 אוועקגעפאהרען אלס פּאדריאטשיק צו דעם גענעראל יעוודאקין.

— זעהר אינטערעסאנט! — האט דער געהיים־אגענט אויסגערופען — אבער ווי קומט עס וואס פּריסטאוו יורקאָווסקי בעזוכט אייך יעצט פאסט יעדען טאג?

— נאר איינפאך מיין הערר, — האט דער באנדיט געלאסען גערעדט — זייט ער האט מיך צוזאמענגעפיהרט מיט מיין ווייב, וועלכע איך האב אזא לאנגע צייט ניט געזעהן, בין איך געוואָרען מיט איהם בעפריינדעט.

ביידע מענער האבען זיך א קליינע ווײַלע איבערגעוואָרפען מיט שארפע בליקען פּונקט וויא זיי וואָלטען איינער דעם צווייטען פרעגען מיט דיא אויגען: „וואס זאָגסט דוא ברודער, איז עס וואהר?“

— מיר האבען א בעפעהל אייך הערר זאבארין, צו לאדען, אין דער געהיימ־פאליציי — האט איינער פון דיא שפּיאָנען איהם שארף געזאגט — בעמיהט אייך און קומט מיט אונז אריבער.

דער מערדער האט דערפיהלט א הערץ־קלאפּען; ער האט זיך אבער מיט אלע קרעפטען בעהערשט און בעמיהט אויסצוזעהן קאלט און גלייכגילטיג.

— מילא, וואס טהוט מען? — האט ער מיט א שמייכעל געלאסען גערעדט — אז מען איז געלאדען, געהט מען.

ער האט זיך פון זיין שטעלע אויפגעהויבען און געבעטען ביידע געסט אז זיי זאלען א ווײַלע אויפווארטען ביז ער וועט געהן אנזאגען זיין ווייב וואוהין ער געהט אוועק.

— איז דען אייער ווייב ווײַט פון דאנען? — האבען איהם דיא מענער געפרעגט.

— אָט באלד, אָט דאָ אין צווייטען צימער — האט ער אנווייזענדיג מיט א פינגער אויף א טהיר זיי געזאגט און ער איז באלד אריין אין דעם זייטיגען צימער, פון דארט איז ער אריינגעגאנגען אין דער קיך און פון דער קיך אויפ׳ן הויף.

— שלעכט! — האט זיך דער באנדיט אומקוקענדיג געטראכט — אבער לאמיך זיך פּרובירען....

ער איז דורך א קליין טהירעל אין פערמאכטען טויער ארויסגעגאנגען אין א שמאָלע הינטערגעסעל, פריהער איז ער זיך געגאנגען גאנץ לאנגזאם און זעהענדיג אז קיינער שפּיערט איהם ניט נאך, איז ער אריינגעגאנגען אין א ברייטע גאס, וואו ער האט זיך באלד ארויפגעכאפּט אויף א דראָשקע און האט זיך געהייסען פיהרען אויף יאקימאנקא.

— אויף אן אונגליק איז חיטראָווצין ניטאָ אין מאסקווא! — האט דער באנ־דיט צווישען דיא צייהנער געוואָרטשעט — אבער ווער ווייס? פיעללייכט האט ער עפּעס דערשפּיערט און האט געמאכט פיס? אבער וואוהין לויף איך? וואו טהו איך מיך אהין, אז איך זאל קענען מאָרגען איבערמאָרגען פון מאסקווא אנטלויפען? יורקאָוו־סקי איז אריינגעפאלען און אויב מיין אונטערנעהמונג איז נאך ניט ענטדעקט, וועט זיא יעצט געוויס ענטדעקט ווערען; פיליפּאָוו וועט שוין „וואסילקין“ אין אן אונגליק

ארײנשלעפּען....אבער וואס זאג איך ער װעט ? צו בין איך שוין ניט א פּארטינער
בײדע שפּיאנען זײנען דאך װיא עס שײנט מיך געקומען ארעטירען;....מעגליך א
דיא זאך איז שוין בעװאוסט.

ער האט זיך אומגעקוקט און איז געװאָרען שטארק דערשראָקען זעהענדיג װיא
א דראָשקע מיט צװײ פּאסאזשירען פאהרען איהם פון דער װײטענס נאך.

— זאלען זײ זײן שפּיאָנען? — האט זיך דער מערדער װײטער געקלעהרט —
דוכט זיך אז קײנער האט מיר ניט געזעהן װיא איך האב מיך פון הויף אין דע־
שטילער הינטערגעסעל ארײנגעחאפּט....אבער װײס דער טײפעל װאס מיר שרעקט
זיך אזוי דאס הערץ!

ער האט געהײסען דעם איזװאָשציק זיך בענעהמען אין דער ערשטער גאס
רעכטס. װען ער איז בײ דרײ פּיער מינוט אונטערגעפאהרען האט ער זיך נאך א
מאל אומגעקוקט און האט דערזעהן, אז דיא דראָשקע מיט דיא צװײ פּאסאזשירען
האט זיך אויך אין דערזעלבער גאס פערנומען.

— ביטער! — האט דער באנדיט אין דער שטיל געברומט — װאו נעהמט
מען חיטראָװוצינס קאָפּ אום זיך אן עצה צו געבען? װאוהין חאפּט מען זיך דאָ
ערגעץ ארײן? קען איך דען זיך ארײנחאפּען װיא ערגעץ־אין א הויז פון א הויב־
געשטעלטען פּערזאָן? ניטאָ זאגאר אײן טראָפּען מוטה דערצו? גליקליך איז דער, װאס
קען זײן א חיטראָװוצין

דערזעהענדיג א סקװער גאס, האט ער בעפוילען דעם פורמאן אין יענער גאס
זיך צו פערנעהמען און טרײבען דעם פערד ראַשער. אפּפאהרענדיג עטליכע מינוטען
האט זיך טימאָפײ װיעדער אומגעקוקט.

— איך בין פערלארען! — האט זיך א שטילע שטימע פון זײנע װאמפּיר־
ליפּען ארויסגעחאפּט — שפּיאָנען פאהרען מיר נאך, װיא פון דער העללע האבען
זײ זיך ארויסגעחאפּט....

ער האט זיך א טאפּ געטהאן בײ זײנע קעשענעס און האט א זיפץ געטהאן.
— ניטאָ אויך דער רעװאָלװער בײ זיך! — האט ער צװישען דיא צײהנער
געװאָרטשעט — אבער פיעללײכט װעט דא העלפען געלט?

ער האט בעפוילען דעם פורמאן טרײבען דאס פערדעל װאס ראשער אין זיך
אפּשטעלען בײ זעהר א רײכען טראקטיר; אבער באלד האט זיך דערהערט א פּאָ־
ליצײסקער פײף הינטער איהם. דיא דראָשקע איז דורך אן אקאלאדאטשני אפּגע־
שטעלט געװארען און נאך אײדער דיא צװײטע דראָשקע פון הינטען האט זיך
אפּגעשטעלט, איז שוין טימאָפײ געװען אומגערינגעלט מיט עטליכע גאס־פּאָליציסטען.

— געלד וועט דא שוין אויך ניט העלפען! — האט דער באנדיט פערצוויי־פעלט א מאכטהאנדיג מיט דיא הענד א ברום געטהאן און איז געבליעבען זיצען אויף זיין שטעלע ווי א פערשטיינערט.

— — — — — — — — — —

— נו, וויא געהט עס הערר פריסטאוו, וואס מאכט איהר? — האט אפענבאך געפרענט יורקאָווסקי'ן מיט א פריינדליכען שמייכעל, ווען ער איז געקומען צום שעף אין קאבינעט — אונז האט געלונגען צו ענטדעקען פאמיליען־געהיימניסע וואס עס איז גאר א וואונדער! עס לאָזט זיך טאקי אויס אז אנטאנאווס טאכטער איז גאר ניט זיינע און זיא געהער טאקי צו דער גענעראלין סאלאמאנסקאיא וועלכע האט זיך דאמאלס צו אייך ווענען דעם געמעלדעט, און אין דעם האבען מיר אייך הערר פריסטאוו צו פערדאנקען.

יורקאווסקי האט זיך פון אפענבאך'ס שמייכעלהאפטע ווערטער געזעהן אין דעם זיעבעטען הימעל.

— איך פערהאָף, עקסעלענץ, פיעל גוטעס אויפצוטהאן אויף מיין פריסטאוו־שטעלע — האט יורקאָווסקי העכסט בעגייסטערט גערעדט — איך בין א מענש וואס קיין זאך איז איהם ניט צו שווער.... איך לויף אין פייער און אין וואסער, אבי צופריעדען שטעלען דיא הויכווירדיגע נאטשאלסטוואָ.

אפענבאך האט א לייכטען שמייכעל געטהאן, וועלכען יורקאווסקי האט אנגענומען פאר א צופריעדענע מינע; אבער א זייטיגע אויג האט גלייך געקענט בעמערקען אין דיעזען שמייכעל זעהר א שפאָטישען אויסדרוק....

— אָט באלד קומט אהער — האט אפענבאך גערעדט — גענעראלין סאלאמאָנסקאָיא, אנטאנאוו מיט זיין טאָכטער זיינען אויך צו מיר געלאדען און עס וועט זיין זעהר אינטערעסאנט צו זעהן וויא א מענש ווערט בערויבט פון זיין'ס א קינד, וועלכע ער האט פינף און צוואנציג יאהר געהאָדעוועט און בעטראכט פאר זיינע, ענדליך איז זיא גאר א פרעמדס. דאס איז אפילו אביסעל טרויעריג; אבער דערפאר וועלען מיר דאָך אויך זעהן וויא א מוטער ועט זיך מיט איהר לאנג גע־זוכטע טאָכטער פרעהען.... איז דאס ניט אינטערעסאנט?

— נאך וויא! האט יורקאָווסקי מוטהיג אויסגערופען און איז געווען העכסט פרעהליך מיט אפענבאך'ס ערגעבענהייט צו איהם.

דיא טהיר האט זיך אויפגעמאכט און דער סעקרעטאר האט געמעלדעט אז פרוי סאלאמאנסקאיא איז געקומען אין קאנצעליאריע.

— הייסט איהר אריינגעהן — האט אפענבאך בעפוילען.

סאלאמאנסקאיא איז אין קאבינעט אריינגעגאנגען און האט זיך העפליך פערנייגט.

— פערדאנקען דיזען מאן — האט אפּענבאך איהר אנווייזענד אויף יורקאָווּ־סקי׳ן געזאגט — איז אייער טאָכטער אויסגעפונען געוואָרען.

דיא פרוי איז פאר פרייד פון איהר שטעלע אויפגעשפרונגען און האט פריינד־ליך יורקאָווסקין געדרייכט איהר האנד.

— ביטע גענעראלין, זעצט אייך אניעדער — האט אפּענבאך איהר געזאגט — באלד וועט איהר זעהן דעם מאן, וועלכער האט אייער קינד ערצוינגען און איהר וועט זיך אויך פרעהען מיט אייער טאָכטער.

דער סעקרעטאר איז נאך א מאל אריינגעלאפען און האט געמעלדעט אז אנטאָנאוו מיט זיין טאָכטער זיינען אויך געקומען.

אפּענבאך האט זיי געהייסען אריינשיקען. באלד נאכ׳ן סעקרעטארס ארויס־געהן איז אין קאבינעט אריינגעגאנגען אנטאנאוו און נאך איהם א הויכע שלאַנקע פרוי מיט א געדיכטע שווארצע הילע אויף איהר געזיכט ביז איבער דיא ליפּען.

— קענט איהר זיך איינע דיא אנדערע דערקענען ? — האט אפּענבאך זיך ווענדענד צו אנטאנאוו׳ן און סאלאמאנסקאיא׳ן זיי געפרעגט.

זיי האבען זיך א היבשע ווײלע אנגעקוקט.

— יא ! — האט אנטאנאוו פלוצלינג ווילד אויסגעשריען — דאס איז זיא, דיא בעטרינגערין ! — איך וועל איהר ביז מיין לעצטען טאג האבען צו געדיינקען.... ווער וויים צו איך וואלט דאמאלס מיין וואהרעס קינד ניט געפונען, ווען דיזע פרוי וואָלט מיך ניט בעטראגען? היינט האט זיך פון מיין קליין שעהן מיידעלע אויסגעהאָדעוועט א שלאַנג א בעסטיע, אן אויסוואורף, און אן עהרליך קינד, א סימבאָל פון עהרליבקייט און טוגענד מוז איך יעצט פון מיין הערצען אפּרייסען....

זאגאר דער הארטער אפּענבאך איז פון דיזע ווערטער געוואָרען געריהרט און אין צימער האט געהערשט א טאָדעס שטילקייט וויא אויף א פריעדהויף.

— פאטער ! — האט דיא יונגע פרוי צו אנטאגאוו׳ן אויסגעשריען — איך אנ־ערקען ניט אנדערע עלטערן, איך וויל ניט וויסען א מוטער וואס האט איהר קינד צו פרעמדע מענשען אפּגעגעבען.... ניין איך וויל ניט !

יורקאָווסקי איז ערציטערט געוואָרען הערענדיג דיא שטימע פון דער יונגער פרוי, האָר און נעגעל האבען זיך איהם געשטעלט קאפּויר און מיט שנעל בעוועגענדע אויגען האט ער איהר בעקוקט פון קאָפּ ביז דיא פיס.

אפּענבאך׳ס שארפע, שפּיאָני׳שע אויג האט עס בעמערקט.

— אָה, מיין טאַכטער, פערצייהע מיך! — האט סאלאמאנסקאיא מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען — נויטה, מאנגעל און ארמוטה האבען מיך צו דיזען פערברעכען דערפיהרט. דוא קענסט מיין קינד זיך פאָרשטעלען וויא שלעכט קען שוין זיין, אז א פרוי ברעכט איהר מוטער־ליעבע....

זיא האט אויסגעבראכען מיט א שרעקליכען געוויין און האט ערגריפען דער יונגער מאדאם סערגייאינא פאר ביידע הענד.

— לאזט מיך ליעבע פרוי אָפּ! — האט סערגייאינא ניט מיט איהר שטימע אויסגעשריען — איך וועל אייך שעצען און אכטען; אבער ליעבען וועל איך דיזען מאַן, מיין ערציהער, מיין פאטער, ליעבען וועל איך זיין פרוי וויא א מוטער, איך קען זיך פון זיי ניט אפרייסען זיי זיינען מיינע עלטערן.... זיי פערבלייבען יעצט עלענד וויא שטיינער און קיין אנדער קינד האבען זיי ניט.... איך וויל ניט וויסען וואס עס איז געווען, איך ווייס מעהר ניט וואס היינט איז....אָ, פּאַפּא, איך ליעבע דיך....איך בעדויער דיך! איך וויל קיינע אנדערע עלטערן ניט וויסען!

א הערצרייסענדען קרעכץ האט זיך פון אנטאנאוו'ס הערץ ארויסגעריסען, דערביי האט אויך א זיפץ געטהאן יורקאָווסקי. ער האט יעצט ביי אזא הערצרייסענ־דע סצענע געהאט א געלעגענהייט א זיפץ צו טהאן אויף זיין קריטישע לאגע, אז ער איז אוינ אויף אוינ מיט דער פרוי, וועלכע האט איהם געזעהן ביי דעם מאָרד אין פּעטערבורג, און וואו? ביי דעם שעף פון דער געהיים־פּאליציי!

אפּענבאך האט דיא גאנצע צייט פון יורקאווסקי'ן ניט אראפּגעלאזען אן אויג און האט אויפמערקזאם געקוקט אויף זיין יעדע בעוועגונג.

— זייט אזוי פריינדליך — האט אפּענבאך געזאגט צו אנטאנאוו'ן און סאָלאָ־מאָנסקאַיא'ן — און געהט אויף א ווײלע פון דאנען ארויס, איך האב מיט אייער טאָכטער עפּעס צו ריידען.

עס האט זיך אויפגעהויבען אויך יורקאָווסקי און האט מיט א תּמ'עוואטע מינע געוואָלט מיט זיי צוגלייך ארויסגעהען.

— ביטע, העדר פּריסטאוו, פערבלייבט דא אויך — האט אפּענבאך זיך גע־לאָסען געדערדט — איך בעדארף אייך צו עפּעס האבען.

יורקאווסקי איז געווארען טויט ערשראקען, ער האט דא שוין עפּעס געפיהלט און זעהענדיג אז דא איז אנדערש ניט צו מאכען, איז ער געבליעבען שטעהן אין געהאקטע וואונדען אין מיט'ן דעם צימער זיך אנלעהנענדיג אן א שטוהל.

— מאדאם סערגייאינא — האט אפּענבאך געזאגט צו דער פרוי — נאכהער וויא אנטאנאוו איז צוזאמען מיט סאלאמאנסקאיא'ן ארייגעגאנגען, — ענטשולדיגט

מיר וואס איך וועל אייך בעטען, אייער הילע פון דאס געזיכט הערינטערצונעהמען, איך ווינש עס ציליעב א געוויסען ציעל....

יורקאָווסקי האט זיך א צאפּעל געטהאן און די פרוי האט דעם וואואל פון איהר געזיכט הערונטערגענומען.

— קומט אייך מאדאם סערגייאינא דיעזער סוביעקט פאר בעקאנט? — האט אפּענבאך איהר געפרעגט אנווייזענדיג אויף יורקאָווסקין.

— יא, עקסעלענץ, — האט די פרוי אנקוקענד יורקאָווסקי'ן ערווידערט — ער איז זעהר עהנליך אין א פּערזאן, וועלכען איך האב געזעהן ביי א מאָרד־טהאט אין פּעטערבורג.

— וואס זאגט איהר אויף דעם הערר פריסטאוו? — האט אפּענבאך שטריינג איהם געפרעגט.

— יורקאָווסקי האט געפּאסט מוטה און האט גלייך געענטפערט:

— גלויבט איהר עקסעלענץ, אז פּריסטאוו יורקאָווסקי זאל זיין א מערדער?

— דאס בעדארף אפילו אזוי ניט זיין — האט אפּענבאך מיט א טייפעלשען שמייכעל גערעדט — אבער אויף דער וועלט קען אלעס פּאסירען.... אדרבא, זאָגט איהר מיר, הערר יורקאָווסקי, זעהט איהר דיעזער פרוי צום ערשטען מאל?

— צום ערשטען מאל, עקסעלענץ — האט זיך יורקאָווסקי ארויסגעכאפּט.

— א ליעגען! — האט סערגייאינא איבערראשט אויסגעשריען.

— גלויבט מיר עקסעלענץ — האט יורקאָווסקי געשטאמעלט.

אפּענבאך האט אנגעקלונגען דריי מאל אין א זייטיגע טהיר און זיין קאבינעט האט זיך באלד אויפגעמאכט פון וועלכע פיער פּערזאנען צוויי מענער און צוויי פרויען זיינען אין קאבינעט צום שעף אריינגעגאנגען.

— קענט איהר דיעזע לייטע? — האט אפּענבאך איהם קוקענדיג גלייך אין די־אויגען געפרעגט.

יורקאָווסקי'ן האט אנגעהויבען צו וואַרפען הענד און פים; אבער ער האט זיך נאך געמוטהיגט.

— דיעזעביידע פרויען — האט ער שוואך ערווידערט — זיינען מיר בעקאנט, זיי זיינען דאך די צוויי קופּאָנען־מאכערקעס חנה און חייקע פראנק, וועלכע איך זוך שוין אזוי לאנג ארום....

— און דיעזע צוויי מענער קענט איהר גאר ניט?

— ניין עקסעלענץ.

— איהר קענט ניט אברהם שטיין מיט זיין זוהן, אין וועמעס הויז איהר האט

אויסגעפונען חייקע פראנק און איהר האט איהר ניט ארעטירט, ווייל איהר האט אייך דערשראָקען פאר מאדאם סערגייאינא?

— אָ,....ניין....האט יורקאָווסקי געשטאמעלט.

נאך אפענבאך׳ס א צווייטען קלונג איז ווידער א יונגע פרוי אין צימער אריינגעקומען.

— און דיעזע פרוי קענט איהר אויך ניט? — האט אפענבאך איהם גע־פרעגט.

— איך האב איהר ניעמאלס אין מיינע אויגען געזעהן — האט יורקאָווסקי קומענדיג אביסעל צו זיך ערוויעדערט.

— היינט וויא קומט עס וואס איהר האט פערעפענטליכט אין דיא צייטונגען, דאס זיא איז דערטרונקען געווארען און איהר פאספאָרט מיט א שריפט האט מען געפונען אין דיא קעשענעס פון א דערטרונקענע פרוי?

יורקאָווסקי האט זיך א צאפעל געטהאן און האט גאר ניט געענטפערט.

— און אז איהר וואוינט אויף א פרעמדען פאלשען פאספאָרט אלס פריסטאוו אין מאסקווא — האט אפענבאך ווייטער געשניטען — איז אויך א ליגען?

— ווינאָוואט! — האט יורקאָווסקי אויסגערופען.

אָפענבאך האט גיפטיג געשמייכעלט.

— ער איז דער מערדער! איך דערקען איהם יעצט דייטליך! — האט מאדאם סערגייאינא פלוצלינג אויסגעשריען.

— איהר פערשפאָרט עס מיר שוין יעצט זאגען — האט אפענבאך שאָקלענד מיט׳ן קאָפּ איהר ערוויעדערט.

פלוצלינג האט זיך דיא טהיר אויפגעמאכט און דער סעקרעטאר איז צו אָפענ־באכען צוגעלאפען און שטיל איהם עפעס אריינגערעדט אין אויער, אפענבאך האט איהם אין דער שטיל ערוויעדערט, און באלד נאך דעם סעקרעטארס ארויסגעהן פון קאבינעט, האבען צוויי הויכע קרעפטיגע מענער אריינגעפיהרט צו איהם אין צימער א גראב־בייכיגען רייכגעקליידעטען מענשען מיט א רויטהע צורה.

יורקאָווסקי איז פערצווייפעלט געווארען אויף איהם א קוקטהאנדיג און דער רייכגעקליידעטער דזשענטעלמאן איז ערציטערט געוואָרען דערזעהענדיג יורקאָווסקי׳ן.

— זייט איהר עס, הערר זאכארין? — האט אפענבאך איהם געלאסען גע־פרעגט.

— יא, מיין הערר — האט דער מאן ערוויעדערט.

(Iron., 52).

— טימאָפיי מיביילאוו! — האט שטיין פלוצלינג א פאטשטהאנדינג א האנד צו האנד אויסגעשריען — געוואלד. דער מערדער, טימאָפיי מיביילאוו!!

אפענבאך האט זיך א חאפ געטהאן פארן קאָפּ.

— אזוי נאַר? — האט דער ישעף ערפרעהט אויסגערופען — אָ, דאס איז דאָך נאַר עפעס א טהייערע מציאה, אזעלבע פיער באנדיטען אין איין טאג!

נאך אפענבאכס א געהיימען קלונג זיינען צו איהם אריינגעלאפען עטליכע פּאָליציסטען.

— קייטען! — האט אפענבאך אויסגעשריען.

און מיט א פאר מינוט שפעטער זיינען ביידע מערדער געשטאנען פאר איהם צום פערהער געשמידט אין שווערע אייזערנע קייטען.

92טעס קאפיטעל.

דיא וואָהלטהעטיגע פרוי.

אם ענדע פון דער פאריזער פארשטאדט אין א גרויסען פארק מיט שעהנע קינסטליכע פאָנטאנען, שטעהט א גרויסע פינף־שטאָקיגע געביידע און איבער איהר מיטעלסטער טהיר הייננט א שילד מיט גרויסע געגילטע בוכשטאבען: „מאדאם מארגאָלין׳ס האָספּיטאל, פאר אונהיילבארע און כראָנישע קראנקע״. דיעזע הויז מיט אלע איהרע אינערליכע איינריכטונגען האט געשיינקט דיא אידישע מיליאָנערין שפרה מארגאָלין פאר א האָספּיטאל מיט צוויי יאהר צוריק צו איהר געבורטס־טאג, ווען זיא איז אכט און צוואנציג יאהר אלט געוואָרען. מאדאם מארגאָלין איז בעקאנט ביי פיעלע אין פאריז פאר זעהר א וואָלטהעטיגע פרוי. מען ווייס אז זיא איז אוים רוסלאנד; אבער קיינער ווייס ניט וואו זיא האָט דאָרט א מאָל געוואוינט און פון וועלכע פאַמיליע זיא שטאמט. דיא נעהענטערע צו איהר ווייסען מעהר ניט, אז מיט פיער יאהר צוריק איז זיא געקומען מיט איהר מאַן סיימאָן מארגאָלין קיין פאריז פון אמעריקא, זיי האבען מיטגעבראכט פון דאָרט א גרויסען קאפּיטאל און האבען ער־עפענט א גרויסען קליידער געשעפט ניט וויט פון דער פאריזער בערזען־הויז. מארגאָליק׳ס געשעפטען געהען גלענצענד. ער ווערט פון טאג צו טאג רייכער און זיין פרוי שפרה ווידמעט איהר גאנצע צייט אויף וואָהלטהעטיגע זאכען און פער־שווענדעט פיעלע טויזענדער פראנקס צו שטיצען אָרימע און נויטה־בעדירפטיגע. אויף דעם האָספּיטאל האט זיא פערשווענדעט פיער מאל הונדערט טויזענד פראנק און באלד זיינען צו איהר צונשטאנען נאך אייניגע אידישע מיליאנערען און האבען נעגרינדעט א פאָנד, אז דער האָספּיטאל זאל שטעהן אויף א פעסטען באזיס און זאל קענען ברייננען דיא ערוואַרטעטע נוצען. דער האָספּיטאל ענטהאלט דריי

הונדערט בעטלאך פאר פערשיעדענע קראנקע און האט אלערליי אפטהיילונגען פאר יונגע, אלטע, מענער פרויען און קינדער וואס זייערע קראנקהייטען זיינען אונהיילבאר אדער לאזען זיך שווער אויסהיילען.

דיא ערשטע צייט פלעגט נאך שפרה מארגאלין פאסט יעדען טאג זיך נעפינען אין האספיטאל, זיא פלעגט אליין בעזוכען דיא קראנקע און פרעגען יעדערן צערטליך וואס איהם פעהלט און וויא ער ווערט בעהאנדעלט. שפעטער, אז זיא האט זיך איבערציינגט, דאס אלעס איז אין דער בעסטער ארדנונג, אז דיא ערצטע זיינען גוטע, דער פערוואלטער אן עהרליכער מאן און דיא דיענער זיינען צו דיא קראנקע טריי און ערגעבען, האט זיא זעלטענער אנגעהויבען צו געהן אין האספיטאל און האט אנגעפאנגען זיך אפגעבען מיט ארימע און נויטהבעדירפטיגע אין דער שטאדט און איהר ליעבען האספיטאל פלעגט זיא בעזוכען איין מאל אין צוויי וואכען און א מאל נאר איינמאל אין מאנאט.

שוין פיער וואכען אז אין יענעם האטפיטאל, אין דער אפטהיילונג פון וואהנזיניגע אויף אידעע פיקס*) געפינט זיך אונזער בעקאנטער וואנזיניגער בנימן פראנק. דער עדלער דאקטאר וואסיליעוו, איז געווען איבערציינגט, אז אויב ער וועט איהם לאזען אין מאסקווא. מוז דער אונגליקליכער שטארבען. דאהער האט ער זיין געליעבטען קראנקען, וועלכער האט איהם זעהר פעראינטערעסירט, מיט זיך גענומען נאך פאריז, און פון דאמאלס אן איז איין טאג ניט פאראיבער אז דאקטאר וואסיליעוו מיט זיין ליעבער ליזא'ן זאלען דעם קראנקען ניט בעזוכען. וואסיליעוו האט דעם אבער-ארצט פון דעם האספיטאל ערקלעהט אין וואס עס בעשטעהט דעם אונגליקליכעס קראנקהייט און אין א פאר וואכען ארום ביי א געלעגענהייט, האט ער איהם דערצעהלט פראנקס לעבענס-בעשרייבונג, אז דיא קראנקהייט האט איהם ערגריפען ווייל זיינע א טאכטער איז ערמארעדט געווארען און אין א פאר יאהר ארום נאך דעם מארד האט פראנק דערזעהן דורך א צופאל דעם מערדער און האט פאר איבעראשונג אויסגעשריען:

„איך זעה איהם, אט איז ער" און זייט דאן איז דיעזע פראזע ביי איהם פערבליעבען, ער שרייט זיא אויס מיט ווילדע קולות פיעלע מאל א טאג און ווייזט מיט דיא הענד אויף דיא ווענט, פונקט וויא ער וואלט געזעהן דעם מערדער פאר דיא אויגען.

---

*) אין דעם העבראישען הייסט עס „משוגע לדבר אחד", דאס הייסט: אז איין געדאנק בעשעפטיגט דעם וואהנזינגען, וועגען וועלכען ער רעדט, דיעזע קראנקע זיינען פאסט אונהיילבאר.

דער פערפאסער.

— אין מאסקווא — האט וואסיליעוו ווייטער פּאַרטגעזעצט — איז ער געזעסען אין דול־הויז און איז זעהר שלעכט בעהאנדעלט געוואָרען, גוטע מענשען האבען איהם צו מיר אין פּריוואט האספּיטאל אריינגעבראכט און מיר איז געלונגען פאסט אין גאנצען איהם אויסצוהיילען; אבער געזונד איז ער נור אין מיין געגענ־ווארט. ער איז צו מיר אזוי צוגעוואוינט, אז ער פאָלגט מיך וואס איך הייס איהם, קוים ווייס ער אז איך בין ניט צו הויזע קעהרט זיך זיין וואהנזין אום צו איהם צוריק; דארום האב איך אנטלויפענדיג פון מאסקווא איהם מיטגענומען און איך בעזוך איהם דא טאג טעגליך.

— איהר זייט אן עדעלמאן! — האט דער פּראָפעסאר העכסט ענטציקט אויסגערופען — א קוקטהאנדיג אויף אייך מאך איך מיר א בעגריעף ווער זיינען די ניהיליסטען אין דעם רוסישען בארבארען־לאנד. מיטצונעהמען א קראנקען וועהרענד מען אנטלויפט פון געפאר, קען טאקי נור א רוסישער פריי־דענקער!

וואסיליעוו האט זיך העפליך פערניינט.

— דאס בעדארף גראדע ניט טהאן א פריי־דענקער — האט ער דעמיטהיג דעם פּראָפעסאר ערוויעדערט — זאנדערן יעדער געפיהלפאָלער מענש, און וויא באלד איהר בעמראכט מיר שוין יא אזוי, וועל איך מיר נעהמען די דרייסט אייך צו בעטען, פיעללייכט איז מעגליך מיר צו געבען א שטעלע טאקי אין דיעזען האָספּי־טאל. קיין געהאלט בעדארף איך ניט, איך בין גאט זיי דאנק גענוג רייך און וואל־האבענד; אבער איך וויל עס טהאן צוליעב דער וויסענשאפט. ביי אזוי פיעל קראנקע וועל איך קענען פיעל פּראקטיצירען און מיר לייגט זיך נאך אלץ אויפ'ן שכל, אז מען קען נאך דעם קראנקען בנימין פראנק אויסהיילען....

— איך טהו עס מיט'ן בעסטען פערגניגען! — האט דער פּראָפעסאר אויס־גערופען — א גוטער ארצט קען אונז אימער ניצליך זיין. פון היינט אן האט איהר דא ביי אונז א שטעלע און גאר אין קורצען וועל איך אייך פארשטעלען פאר דער ווירטהין פון דיעזען האָספּיטאל מאדאם מארגאלין, און איך וועל זעהן דאס איהר אלט אויך א גוטען געהאלט בעקומען.

אין צוויי וואָכען ארום נאך פראנקס אנקומען אין קראנקען־הויז האט דאקטאר וואסיליעוו בעטרעטען די שטעלע אלס ארצט אין שפרה מארגאלינס האָספּיטאל.

— — — — — — — — — — — — — —

שוין א מאָנאט אז מאדאם מארגאלין האט דעם האָספּיטאל ניט בעזוכט; זיא איז בעשעפטיגט מיט פיעלע וואהלטהעטיגע זאכען אין דער שטאדט און איז פּרעזידענטין און מיטגליעד אין פיעלע אונטערשטיצונגס פעראיינען פאר ארימע און

נויטהבעדירפטינג. מיר זעהען איהר יעצט זיצענדיג מיט אן עלטערע פרוי ביי זיך אין איהר רייכען קאבינעט, איהר שעהן געזיכט איז עפּעס וויא פערוואָלקענט און איהרע שווארצע רייצענדע אויגען זיינען פייכטלאך.

— איך בין נאך אלץ ניט צופריעדען — האט זיא טרויעריג צו דער עלטערער פרוי געזאגט — איך בין גליקליך געווארען דורך דאס אונגליק פון מיינע עלטערן.... ווער ווייסט צו זיי לעבען נאך ערגעץ? מיינע אלע בריעפע זיינען צו מיר צוריק געקומען, און פאהרען אהינצו האב איך מורא....

— איך האב אייך מיין טהייערע, נאך דאמאלס אין סאן פראנציסקא געזאגט — האט דיא פרוי איהר ערוויעדערט — אז מעגליך דאס אייערע עלטערען וואוינען שוין מעהר ניט אין דערזעלבער שטאדט, וואו דאס אונגליק האט זיי דאמאלס געטראפען; אבער איך פערהאָף אז איהר וועט זיי נאך מיט נאטעס הילף אויסגעפינען. איך וואלט אייך ראטהען צו אנאָנסירען (אדווערטייזען) אין איינינע רוסישע צייטונגען און אנפרעגען וואו זיי זיינען.

— אָ, טהייערע בעקי — האט מאדאם מארגאלין פינסטער געזאגט — איך צווייפעל צו זיי לעבען נאך.... איך האב זיי צופיעל צרות פערשאפט.

— איהר זייט א גליקליכע מזלדיגע פרוי — האט בעקי איהר געטרייסטעט — דיא פרוי וואס האט געהאט דאס גליק אז א מיללידאנער זאל זיך אין איהר פערליעבען, וועט האבען אויך דאס גליק זיך צו זעהן מיט איהרע עלטערן.... זייט רוהיג מיין ליעבע, איך בין זיכער אז זיי לעבען, פון צרות שטארבט מען ניט און אייער אינגערע שוועסטער איז דאך געווים ניט געשטארבען! הייסט מיר, וועל איך נאך היינט אוועקשיקען א פּאָר אנאָנסען אין דיא רוסישע בלעטער.

איהר קאמער־מעדכען איז אין דיזע ווילע אין צימער אריינגעלאפען און געמעלדעט, אז מאקס גאלדשמידט ווינשט צו זעהן דער ווירטהין.

— אָ, וואס פאר א גאסט! — האט שפרה ערפרעהט אויסגעשריען — זאָג איהם דאס באלד געה איך צו איהם ארויס.

זיא האט אביסעל צוקאמט איהרע ראבען־שווארצע האר, האט פערריכט א קנייטש אין דעם ארבעל פון איהר זיידענע קלייד, און איז באלד צו גאָלדשמידט'ן אין עמפּפאנג־צימער אריינגעגאנגען.

— זייט מיר ווילקאָמען יונגער קינסטלער! — האט זיא איהם פריינדליך געזאגט איהם רייכענד דיא האנד — אָט דאס הייסט א גאסט! איך האב אייך שוין געוויס עטליכע מאנאטען ניט געזעהן.

— אין פאריז קען עס גאנץ לייכט פאסירען — האט גאלדשמידט מיט א

גוטהערצינגען שמייכעל איהר ערוויעדערט — אין דיא גרויסע שטעדט זעהט מען זיך נור ווען וויכטיגעס צווינגט שוין דערצו....

— איהר מאכט מיר זעהר נייגיעריג — האט שפרה מיט א פריינדליכע מינע געזאגט.

— מיך האט צו אייך געבראכט זעהר א זאָנדערבארער קוריאָז — האט גאלד־שמידט שמייכלענד ערוויעדערט — איך ווייס פריהער אז דאס וועט אייך פעראינטע־רעסירען און איהר וועט לאכען, וועהרענד אז עס קען זיין דאס דא איז פאראן וואס צו וויינען. שטעלט אייך פאָר, אז מיט א מאָנאט צוריק, ערהאלט איך גאָר אין א מיטען העלען מיטוואך אזא מין דעפעשע!

ער האט איהר איבערגעגעבען אן אָפענע טעלעגראמע, וועלכע זיא האט באלד דורכגעלעזען.

— א שעהנע געשיכטע! — האט זיא שמייכלענד אויסגערופען — איך קען דאך אייער מוטער דבורה'ן זעהר גוט....אבער געוויס איז דא עפעס אן אירטהום!

— היינט לעזט־זשע, מאדאם מארגאלין, א שפּאָגעל־נייענקע טעלעגראמע וועלכע איך האב נור וואס בעקומען.

ער האט איהר דערלאנגט נאך א דעפעשע, פון וועלכע זיא האט געלעזען פאָלגענדעס:

„דיין מוטער, שוועסטער ברודער, געהן אויס פאר הונגער. דיא לאגע פער־צווייפעלט. רעטע! דיין מוטער רחל גאלדבוים, אדרעס.... נומער....

— דאס איז שרעקליך! — האט שפרה אויסגערופען — ווער ווייס וואס פאר א טרויעריגע געשיכטע דאָ קומט פאָר?

— איך האלט עס יעצט אויך ניט פאר א קינדער־שפיעל — האט גאלדשמידט זיך אפּגערופען — און דאס עבען האט מיך צו אייך געבראכט. נאט אייך דריי הונדערט פראנק, און אזוי וויא איהר בעשעפטיגט זיך מיט וואָהלטהעטיגע זאכען, פערהאָף איך אז דיעזע סומע וועט פערדאָפּעלט ווערען און דיא ארימע מענשען וועלען דאס געלד נאך היינט בעקומען. איך פערהאָף, אז איהר וועט אין א פּאר שטונדען ארום אויך וויסען וואס איז דא פאר א געשיכטע....איך בין פון דעם גאר אויסער זיך און מיין קאָפּ בעגרייפט עס ניט....

— — — — — — — — — — — — — —

אויפגערעגט איז געזעסען דער אלטער קניאז דאָלגארוקאָוו, מאסקווער גע־נעראל גובערנאטאר אין זיין קאבינעט. דיא ענטדעקונג אז יורקאָווסקי האט זיך מיט א פאלשען פאספּאָרט אריינגעשמוגעלט אין מאסקווא פאר א פריסטאוו,

האט געמאכט אויף איהם אזא שלעכטען איינדרוק, אז ער האט זיך גאר קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

— סטייטש? — האט דער אלטער געברומט — א מערדער זאל זיך אריינ־מאכען פאר א פריסטאוו! דאס איז דאך גאר אין דער וועלט ניט געהערט געוואָרען! ווען מיט אונזער פאטערלאנד האלטען מיר שוין אזוי ווייט, ווער וועט אונז ווייטער גוט־זאגען אויף פאר איהרע סענאטאָרען און מיניסטאָרען?....

ער האט זיך אויף א ווייל פערטראכט און איז צוגעלאפען צום טעלעפאָן. ער האט אנגעקלונגען און האט דארט עפּעס אריינגעשריען. מיט א האלבע שטונדע שפּעטער איז געשטאנען פאר איהם אפענבאך.

— הערט נור שעף — האט דער אלטער צו איהם מיט אן ערנסטע שטימע געזאגט — מיט איינינע מאנאטען צוריק האט זיך צו מיר געווענדעט א אידישעס מיידכען מיט א בריעף אין וועלכען זיא האט זיך בעקלאגט אז פריסטאוו יורקאָווסקי פערפאָלגט איהר ווייל זיא וויל איהם ניט נאכגעבען זיינע ליידענשאפטען.... דער פריסטאוו איז באלד צו מיר גערופען געוואָרען; אבער ער האט דיא גאנצע בעשולדיגונג פון זיך אראפּגעוואָרפען און האט מיר דערצעהלט א געשיכטע, אז יענע מיידכען שטעהט אם שפּיצע פון א גאנצע באנדע פאלשע מינצען־מאכער. יורקאָוו־סקי איז מיר פאָרגעקומען זעהר פערדעכטיג, זיין פערזענליכקייט איז מיר גרייליך ניט געפעהלען; אבער טאקי אין מיין געגענווארט איז טעלעפאָנירט געווארען דאס מען זאל דאס מיידכענס וואוינונג אונטערזוכען און אונטער איהר צוקאָפּענס זיינען אויסגעפונען געווארען פאר פינף הונדערט רובעל קופּאָנען, וועלכע זיינען נאכהער ערקענט געוואָ־רען פאר פאלשע.... אז איך האב אויף מארגען דיא זאך נאך א מאל בעקלעהרט, האט זיך מיר עפּעס ניט געשיקט אז א מיידכען, וואס האט אזוי געוויינט פאר מיר אין איהר בריעף אויף איהר שרעקליכע לאגע, זאל שטעהן אין פערבינדונג מיט פאלשע מינצען מאכער. אין איהר שרייבען האט זיך געהערט א שטימע פון אן עדעל, עהרליך קינד וואס ווערט געפּלאגט און פערפאלגט צוליעב איהר אפּשטאמונג אלס אידין און צוליעב איהר שעהנהייט.... אבער אזוי וויא דער פאקט פון דיא פאלשע קופּאָנען האט געשמיסען אין פּנים, איז עס ביי מיר רעכט געוואָרען, דערצו איז נאך געווען א צווייטער בעוויז ווייל דאס מיידכען איז פּלוצלינג פערשוואונדען געווארען. יעצט וויל איך, עקסעלענץ, פרעגען, צו דאס מיידכען איז אויסגעפונען געווארען.... איהר נאמען געדיינק איך ניט; אבער איהר אלס שעף בעדארפט דאָך עס וויסען.

— איך קען אייער דורכלויכט בענאכריכטען — האט אפענבאך ערוויעדערט — אז דאס מיידכען איז אויסגעפונען געווארען צוזאמען מיט איהר מוטער. זייער פאמיליע נאמען איז פראנק.

— אָ, יא פראנק! — האט דער אלטער קניאז דאָלגאָרוקאָוו אויסגערופען — איך האב מיך יעצט ערָאינערט.... און וויא באלד זיי זיינען יא אויסגעפונען געוואָרען, וויל איך אייך פרעגען אייער מיינונג וועגען דער גאנצער זאך....

— מיר איז עס פאסט אונגלויבליך, — האט אפּענבאך זיך אויסגעדריקט — דיא עהרליכקייט לינט זיי ביידען, דער מאמען מיט דער טאָכטער, אויף דיא פּנים'ער....דאס מעדכען האט מיר וועגען יורקאָווסקי'ן דערצעהלט דיא זעלבע געשיכטע וואס זיא האט צו אייער דורכלויכט געשריעבען און האט מיר אויך געזאגט דאס זיא האט זיך צו אייער דורכלויכט געווענדעט מיט א בריעף אהן מארקעס ווייל זיא האט ניט געהאט איין קאָפּיקע....

— איך בין א בעלן דאס מעדכען צו זעהן — האט דער קניאז נאך א קורצען נאכדענקען געזאגט.

— זיא מיט איהר מוטער זיצען ארעטירט אין א צעלע פון דער געהיים־פּאָליציי — האט אפּענבאך ערוויעדערט — אייער דורכלויכט קען זיי זאגאר באלד לאָזען ברייננען.

— איך טהו עס — האט דער אלטער זיך אויפהויבענד פון זיין שטוהל געזאגט — איך גלויב אז זיי זיינען אונשולדיג.

— און באלד האט ער צוגערופען אפּענבאכען צום טעלעפאָן און האט איהם געהייסען ארויסרופען צו זיך דיא מוטער מיט איהר טאָכטער.

— — — — — — — — — —

שוין איינינע טעג אז חנה פראנק, איהר טאָכטער חייקע און דער יונגער נאָאום שטיין געפינען זיך אין בערלין. דער עדלער גענעראל גובערנאטאר קניאז דאָלגאָרוקאָוו האט אויסגעפונען אז דיאביידע פרויען זיינען אונשולדיג, אפּענבאך האט אנגעטאפּט דוקא דופק אויך ביי דעם ארעטירטען מערדער יורקאָווסקי, און אזוי וויא ער האט אויף דעם פערהער וועגען דיא פראנקס שטארק געדרעהט מיט'ן צונג, זיינען חנה און חייקע פראנק באלד בעפרייט געוואָרען. זיי זיינען באלד אוועקגעלאָפען צו דאָקטאר וואסיליעוו'ס האָספּיטאל. געוואָר ווערען וואס מאכט דער קראנקער, און דערזעהענדיג אז וואסיליעוו איז פון מאסקווא אוועקגעפאהרען נאך פאריז און האט דעם קראנקען מיט זיך גענומען, האבען זיי זיך בעשלאָסען פּערזענלוך נאך פאריז. דער פערליעבטער אין חייקען, נאָאום שטיין, האט זיך ענטזאגט פון דעם לעצטען קורס אוניווערזיטעט. ער האט ביי זיין פאטער גענומען איינינע הונדערט רובעל און מיט צוויי טאג שפּעטער נאך דיא פראנקס בעפרייאונג, איז ער מיט זיי אוועקגעפאהרען נאך פאריז. זייענדיג איין טאג אין א אירישען האָטעל אין בערלין און זיצענדיג

דאָרט אין רעסטאָראַנט ביי א טיטאָג, זיינען צו נאָאום שטיין אוןביידע פראַנקס צוגעגאַנגען צוויי אידען און האָבען געבעטען פון זיי א נדבה פאַר אן אָרימע אידישע פאַמיליע וועלכע קומט פון מאָסקווא און זיי האָט דאָ אין בערלין אן אונגליק געטראָפען.

— א מאָסקווער פאַמיליע? — האָט זיי נאָאום געפרעגט — קענט איהר מיר ניט זאָגען וויא זיא הייסט?

— זיא הייסט גאָלדבוים — האָבען דיא נדבה מאַכער איהם ערוויעדערט — דער פאַטער פון דיעזער פאַמיליע זיצט אונשולדיג אין געפענגניס.

— וועה! — האָט שטיין אויסגעשריען פערברעכענד מיט דיא הענד.

— זייט איהר זייערער א לאַנדסמאַן? — האָבען איהם דיא אידען געפרעגט.

— ווען איהר מיך צו דער פאַמיליע גאָלדבוים ניפעליגסט אוועקפיהרען? — האָט נאָאום העכסט אויפגערעגט זיי געפרעגט.

— אָך! — האָבען זיי ערפרעהט אויסגערופען — הלואי זאָל שוין אויף זיי עפעס א שטיקעל ישועה קומען....

ביידע נדבה קלייבער האָבען נאָאום שטיינען, חנה און חייקע פראַנק באַלד אוועקגעפיהרט צו גאָלדבוימס פאַמיליע אין א ווייטע אפגעלייגנטע און שמוציגע הינטער־געסעל און האָבען זיי אריינגעפיהרט אין א קעלער ביי אן אָרימען שוסטער.

זיי האָבען געפונען דיא אונגליקליכע אלע צוזאַמען אין א פינסטערן און ענגען צימער וויא א צעלע פון א געפענגניס. רחל גאָלדבוים און אסתר גרינבערג זיינען געזעסען מיט פערשוואָלענע אויגען פון וויינען, יעפים און העלענא זיינען געווען אין א מעלאַנכאָלישען צושטאַנד און דיא דריי קינדער גרינבער האָבען ביטערליך געוויינט און געשריען פאַר הונגער און זיינען נאַקעטע און באָרוועסע געלעגען אויפ'ן היילען באָדען.

— זייט איהר עס דיא בעוואוסטע אברהם גאָלדבוים'ס פאַמיליע אויס מאָסקווא? — האָט זיי נאָאום קוים זיך איינהאַלטענדיג פון וויינען געפרעגט.

— יא, דאָס זיינען מיר—האָט איהם מאַדאַם גאָלדבוים טרויעריג ערוויעדערט—דאָ איז אויך דיא בעוואוסטע גרינבערג'ס פאַמיליע. זייט איהר א מאָסקווער?

— יא, איך בין א מאָסקווער — האָט זיי נאָאום געריהרט ערוויעדערט — סע' איך ניט זעהן אייערע מענער?

— א מאָסקווער וואָס קען אונז זאָל אונז שטעלען אזא פראַגע? — האָט רחל מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהם פערוואונדערט געפרעגט — ווייסט איהר דען ניט אז גאָלדבוים און גרינבערג זיצען אין יאַזשגגנים?

— אונגליקליכע! — האט נאאום ניט מיט זיין שטימע אויסגערופען — ווייסט איהר נאך ניט, אז אייערע מענער זיינען שוין מעהר ניט אין געפענגניס?

— אי! — האט זיך פלוצלינג דערהערט א פיער פאכינע שטימע. וועלכע האט זיך פון פיער צובראָכענע הערצער ארויסגעריסען און זיך צומישט צוזאמען. און באלד איז נאאום געשטאנען צווישען פיער פערזאנען, וועלכע האבען איהם וויא וואהנזיניגע מיטווילדע בליקען אנגעקוקט.

— איך שעץ מיך גליקליך — האט נאאום ווייטער גערעדט — דאס דער צופאל האט מיר געגעבען א געלעגענהייט דיעזע נאכריכט אייך מיטצוטהיילען. ווייסט אונגליקליכע פרויען אז אייערע מענער זיינען בעפרייט. אברהם גאלדבוים איז מיט צעהן טעג צוריק ערקלעהרט געוואָרען פון קריעגס-געריכט פאר אונשולדיג, און מיט א טאג פריהער איידער איך בין פון מאסקווא ארויסגעפאהרען, זיינען צעהן ניהיליסטען, דורך דער הילפע פון א יונגע פעלשעריןִ, אנטלאפען געוואָרען פון דעם געפענגניס-האָספיטאל און צווישען זיי איז אנטלאפען אויך יאקאב גרינבערג.... עס קלינגט דערמיט גאנץ מאסקווא.

— אָ, גרויסער גאָט! — האט אסתר גרינבערג אויסגעשריען — דוא שטראפסט ניט מיטביידע הענד.

— מיר זיינען גליקליך! — האט גאלדבוים'ס פאמיליע אין איין שטימע אויס-גערופען און באלד האט געהילכט אין צימער א געוויין פאר פרייד און איבערראשונג. ס האבען געוויינט אויך חנה און חייקע פראנק און נאאום האט זיך אויך ניט גע-קענט איינהאלטען פון וויינען א קוקטהאנדיג וואס דא שפיעלט זיך אָפּ.

— קינדער אייער פאטער איז פריי, ער לעבט! — האט אסתר גרינבערג א זאפטהאנדיג איהרע דריי נאקעטע און בארוועסע קינדערלאך און זיי צודריקענד צו איהר ברוסט מיט א וויינענדע שטימע אויסגעשריען! — איהר זעהט איהם ניט קינדערלאך; אבער איך האף צו גאָט....

זיא האט זיך פערהאקט און האט שמארק אנגעהויבען צו חליפּען.

נאך דער ערשטער איבערראשונג האבען דיא אונגליקליכע שטיינען דער-צעהלט דיא גאנצע געשיכטע, וויא זיי קומען אין בערלין און וואס מיט זיי האט דאָ פאסירט, דאס זיי זיינען דערגאנגען צו אזא שטופע. שטיין האט זיי געזאגט זיין מיינונג אז מאקס גאלדשמידט איז געוויס יעצט ניט אין פאריז און דאריבער האבען זיי ניט ערהאלטען קיין אנטוואָרט אויף דער דעפעשע. ניט קוקענדיג אויף זיין קליי-נעם קאפיטאל האט נאאום באלד אפגעצאהלט דעם ארימען שוסטער א האלבע סומע וואס איהם האט געקוסט פון דיא אונגליקליכע. ער האט געקויפט פאר דיא

קליינע קינדער נייער קאסטיומען און שיכלאך און אויסרעכענדיג, אז זיין סומע געלט איז יעצט צו קליין אום זיי זאלען אלע יעצט קענען פאהרען נאך פאריז, האט ער געדונגען פאר זיך און פארביידע פאמיליעס צוויי קליינע צימערען אין אן ארימען אבער ריינעם האָטעל און האט טעלעגראפירט צו זיין פאטער אברהם שטיין אין מאסקווא, אז ער זאל איהם זאָפאָרט ארויסשיקען נאך א פאָר הונדערט רובעל און ער זאל דערגעהן וואו איז אהיננעקומען גאלדבוים.

א בריעף האט ער בעזונדער געשריעבען און האט זיין פאטער געבעטען, אז ער זאל דערגעהן עפעס וועגען גרינבערג'ן און זאל איהם שרייבען דיא אלגעמיינע מיינונג, וואו קען ערגעץ גרינבערג זיך געפינען צוזאמען מיט דיא אנטלאָפענע ארעסטאנטען. שוין צוויי טאג אז דיא דעפעשע מיט א בריעף זיינען אוועק נאך מאסקווא, און נאכדעם וויא זיי האבען זיך אלע צוזאמען בעראטהען, איז ביי זיי פערבליעבען א צווייטען מאל דעפעשירען צו מאקס גאלדשמידט אין פאריז און צו-גלייך מיט דער דעפעשע, וועלכע גאלדשמידט האט געציינט דער מאדאם מארגאלין, וויא אונזערע לעזער וויסען שוין, איז אויך אוועקגעגאנגען צו איהם א בריעף, אין וועלכען זיי האבען איהם ערקלעהרט דאס אונגליק וואס זיי האט אין בערלין גע-טראָפען און וויא זיי האבען דורכגעלעבט א גאנצען מאנאט אהן געלט אין א פרעמדע לאנד. דיא דעפעשע איז אוועק נאך פאריז אום ניין אוהר מאָרגענס און אום פיער אוהר נאך מיטאג איז צו זיי געקומען אן עלעגאנט געקליידעטער מענש און האט זיי געפרעגט וואס טהוען זיי אין בערלין.

— איך מוז עס וויסען — האט ער צו דיא גאלדבוימס געזאגט — וויל אזוי הייסט מען מיך פון פאריז....

— פון פאריז? — האט רחל מיט פרייד ארויסגעשריען — אָ, געלויבט ביזט דוא גאט!

— זייט אזוי פריינדליך און דערצעהלט מיר אלעס וואס מיט אייך האט פאסירט — האט דער מאן ווייטער גערעדט — איך האב עס שוין נייטהיג צו וויסען.

רחל האט איהם דערצעהלט איהר גאנצע געשיכטע פון אנפאנג ביז אם ענדע און האט איהם אויך געוויזען דיא טעלעגראמע, וועלכע זיא האט ערהאלטען אין מאסקווא פון איהר זוהן מאקס גאָלדשמידט אויס פאריז, אויף וועלכע זיא האט בעקומען אין א באנקיר־קאנטאר אין מאסקווא טויזענד פראנק אום זיא מיט איהרע קינדער זאלען זאפארט נאך פאריז ארויספאהרען.

— א געוויסע פרוי מארגאלין אויס פאריז — האט דער מאן געזאגט — האט צו אייך טעלעגראפייש ארויסגעשיקט טויזענד פראנק — אָט איז דאס געלט, נאט שרייבט זיך אונטער.

ער האט אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש א פעקעל פאפירען מיט א שטיקעל אָפּ־גערדרוקטע פאפיער.

— וועה! — האבען דיא גאלדבוימס פערברעכענד דיא הענד מיט איין שטימע אויסגעשריען — וואו איז מיין קינד? וואו איז אונזער ברודער?

— מאדאם מארגאָלין, וועלכע שיקט אייך דאס געלד — האט דער מאן פאָרט־געזעצט — הייסט אונז מעהר ניט וויא נאכפארשען צו איהר האט דאס געלד ווירקליך געטהיג? איך האב עס נאכגעפאָרשט און געפין, אז איהר בעדארפט האבען דיעזע אונטערשטיצונג, און אלעס וואס מיט אייך האט פאסירט וועלען מיר היינט צו איהר אוועקשרייבען וויא זיא האט אונז געבעטען.

— אבער מאקס? אונזער טהייערער מאקס?

— פון דעם וויים איך גאר ניט — ביטע מאדאם גאלדבוים, שרייבט זיך אונמער, איך האב קיין צייט ניט.

רחל האט מיט ציטערענדע הענד אונטערגעשריעבען דאס שטיקעל פאפיער, דער מאן האט עס אריינגעלייגט אין זיין בוזים־טאש.

— אדיע, לעבען זיא וואָהל!

93טעס קאפיטעל.

איבערראַשענדעס.

אין איינע פון דיא שעהנסטע פאריזער גאסען אין זעהר א שעהנע וואוינונג געגען א גרויסען בולוואר, וואוינט אונזער בעקאנטע גרעפין מאריא אנדריאנאווא מיט איהרעביידע קינדער פאוועל און ליזא. שוין איינינע טעג אז דאקטאר וואסי־ליעוו האט בעקומען א שטעלע אלס ארצט אין דעם האָספיטאל פון דער רייכער מאדאם מארגאָלין און באלד נאכדעם איז אפגעשטימט געווארען אז דיא האָכצייט פון דאקטאר וואסיליעוו מיט ליזא'ן זאל שטאטפינדען אין צוויי וואָכען ארום. אין דעם איינענעם טאג האט וואסיליעוו ערהאלטען צוויי בריעפע, וועלכע האבען איהם שטארק איבערראשט. איינער איז געוועזען פון ציריך אין דער שווייץ פון אָסיפּ זאכארין מיט בערטהא מאלליך, אז זיי פאהרען ארויס נאך פאריז, וואו זיי דיינקען צו פער־בלייבען איינינע מאנאטען און דאָרט הייראטהען בעפאָר זיי פאהרען אוועק נאך אמעריקא, און דער צווייטער בריעף איז געוועזען פון דער יונגער פעלשערין וויערא אלעקסאנדראוונא מיט דעם יונגען ניקאָלאַי איסטאמין אויס פראנקפורט אם מיין, אז אין דעם טאָג ווען דער בריעף גערהט צו איהם ארויס, הייראטהען זייביידע און פאהרען גלייך ארויס נאך פאריז מיט נאך איינינע אנטלאפענע ניהיליסטען פון מאסקווער געפענגנים, צווישען וועלכע עס צעהלט זיך אויך דער אונשולדיגער מאר־טירער יאקאב גרינבערג.

— מיר זיינען גליקליך! — האט ליזא איבערראשט אויסגעשריען און איהר
ניכט האט געשטראהלט פאר פרייד און פערגניגען — מיר זיינען אפגעצאהלט
עווארען מיט גוטעס פאר אונזערע העלישע ליידען.... דיא יונגע שעהנע און ווירק־
יכע באראנעסא קסעניא אנדרייעווונא איז אויך פון אונז ניט ווייט.... דוא וועסט
יהר, מוטער, האבען פאר א שווינער טאָכטער....

— דוא לאכסט עס ליזא — האט פאוועל אויפגערעגט געזאגט.

— ניין ברודער — האט ליזא פערגנייגט אויסגערופען — איך האב געזעהן ווי
א האט אויף דיר געקוקט.... דוא ביסט דיא לעצטע צייט צופיעל ביי זיך געפאלען,
עבער ברודער, מיין ניט אז דוא ביזט נאך אין דעם פערפלוכטען רוסלאנד. מוטהיג
, דיא באראנעסע איז דיינע....

מאריא אנדריאנאווא האט א לייכטען זיפץ געטהאן.

— גרעפין! — האט וואסיליעוו איהר ערגרייפענד פארן האנד געזאגט —
עצט איז מעהר ניט דיא צייט צו זיפצען, אז מיר האבען דאס דערלעבט, בע־
ארפט איהר זיין פרעהליך און לוסטיג.

— איך בין שטארק אונרוהיג וועגען דעם אונגליקליכען וואסילי פעטראָוו'ן —
אט דיא גרעפין בעזארגט ערוויעדערט — איך פירכטע דאס ער זאל נאך א מאָל
אריינפאלען. זייט איך האב איהם ביי מיר צו הויזע אין מאסקווא געזעהן קען
ניט רוהען....אָ, וואס פאר א מענש דאס איז! איך קען אן איהם גאר ניט
רגעסען.

— וועלען מיר האבען נאך א חתונה! — האט וואסיליעוו לוסטיג אויסגערו
— שוין צייט גרעפין אז איהר זאלט אויך גליקליכער לעבען.

אנדריאנאווא האט א לייכטען שמייכעל געטהאן, וועלכער איז באלד פער־
וואונדען פון איהרע קאראלען־פארבינע ליפען און איהר געזיכט האט אנגענומען א
אָרגטען אויסדרוק.

— לעבט שוין איהר, מיינע קינדער, גליקליך — האט זיא ווי א מוטהלאָז גע־
ט — מיר איז שוין שווער גליקליך צו זיין.... אלע ערינערונגען פלאגען מיך און
קען מיר קיין מאל ניט פיהלען צופריעדען; אבער וואס זאגט איהר וואסיליעוו,
ען מיר נאך האָפען צו זעהן פעטראוו'ן היער אין פאריז?

— איך וויים בעשטימט — האט וואסיליעוו ערוויעדערט — אז ער וועט דא
ד קומען. גענעראל סאבאקאוו איז נאך פאר א פאר וואָכען, ווי איהר ווייסט ער־
דעט געווארען אין מיט'ן דער גאס, און איך צווייפעל גאר ניט אז דאס איז
ן פעטראוו'ס ארבייט.... ער האט עס אויך פערשפראָכען אונזער פאולען, און

נאך דיעזען טהאט גלויב איך, אז אויב ער איז נאך נים אין פאריז, וועט ע
געוויס דיא טעג אהער קומען. ער איז צופיעל קלוג אום ער זאל א צווייטען מא
ארײנפאלען.

דיא טהיר האט זיך נאך א לייכטען קלאפען אויפגעעפענט און אנדריאנאווא'
דיענסט־מעדכען איז אין צימער ארײנגעגאנגען.

— גרעפין, איינינע געסט — האט דאס מעדכען געזאגט — זיי ווינשען שוין ז
איהר זאלט זיי אויפנעהמען.

דיא געזיבטער פון אלע אנוועזענדע אין צימער האבען פלוצלינג אויפג
שטראהלט; זיי האבען דערפיהלט אז וויכטיגע געסט בעזוכען יעצט דיא הויז.

מאריא אנדריאנאווא איז אין עמפפאנג־צימער ארײנגעלאפען און פאוועל, לי
און וואסיליעוו האבען זיך אוועקגעשטעלט ביי דער האלב אָפענע טהיר.

— יעוורושין! — האט אנדריאנאוו דערזעהענדיג פאר זיך א בעיאהרט
פערזאָן מיט א צו קורעלטען געלהארינען בארד אויכגעשריען — מיין טרייער א
ערגעבענער דיענער יעוורושין! וואס טהוסט דו דא?

באלד איז יעוורושין געשטאנען אומגערינגעלט מיט אלע מיטגליעדער פון ד
גרעפינס פאמיליע, וועלכע האבען איהם פריינדליך ערגריפען פאר דיא הענד.

— אזוי, מאטיושקא, מיט גליק! — האט יעוורושין העכסט ערפרעהט אוי
גערופען — מיר איז גרייליך געווען אומעדיג צו פערבלייבען אין אייער הויז, וועל
איהר האט מיר אין מאסקווא אוועקגעשענקט; אלזא, פרעה איך מיך דא
מיר האט זיך געמאכט א געלעגענהייט צו זעהן מיין טהייערע ווירטהין מיט איה
קינדער אין א גליקליכען צושטאנד אין א לאנד וואו זיי ווערען שוין מעהר ניט גי
פלאגט און פערפאָלגט.... אָ, וואס מאכט איהר מיינע טהייערע? איך האב אי
מיט וואס צו דערפרעהען.

ער איז צוגעלאפען צו א טהיר און האט איהר אויפגעמאכט און א הויכ
שעהנער און קרעפטיגער פערזאָן פון מיטלער אלטער האט זיך פאר זיי פערנייגט.

— פעטראָוו! טהייערער, ליעבער זיסער פעטראָוו! — האט געהילכט א פיע
פאכינע שטימע איבערן צימער און באלד האט זיך פעטראָוו געפונען אין דיא או
ארמונג פון וואסיליעוו'ן און פאוועלען, וועלכע האבען איהם ניט אויפגעהערט בו
דערליך צו קושען.

— ליעבע זיסע פריינדע, שוועסטער און ברידער! — האט פעטראוו מ
טרעהרען אין דיא אויגען אויסגערופען — איך שעץ מיך איבערגליקליך זיך ענדל
מיט אייך צו זעהן אונטער א פרייען הימעל.... איך בין איבערנאטירליך בענייסטע

נט דעם בעוואוסט זיין, אז איך אטהעם מיט אייך צוזאמען די ריינע אונפער־
פעסטעטע לופט פון פרייהייט און ציוויליזאציאן!.... יעצט לעבען מיר, יעצט קענען
מיר דיינקען און בערעכנען וואס אונז שטעהט פאר ווייטער אין דעם היילינגען
קאמפף; אבער פריהער וויא אלץ זאגט מיר פריינדע, וואו קען איך זעהן אסיפ
זבארינען? איך מיט יעוורושינען האבען אהער געבראכט זיין קראנקע און
שוואכע מוטער, וועלכע איז שיער גיט אריינגעפאלען מיט איהר גאנצען גרויסען
פערמעגען אין דיא הענד פון א רויבער, שווינדלער און מערדער.... דיא אונ־
גליקליכע אננא זאכארין, האט זעהר נייטהיג צו זעהן איהר איינציג קינד; זיא האט
מיט זיך געבראכט איהר גאנצעס פערמעגען און צוזאמען מיט איהר געלט טראגט
זי מיט זיך א גאנצען פעקעל געהיימניסע. זיא זוכט ארום אויך דער פאמיליע
גאלדבוים און לויט איהר ערצעהלונג איז איהר זוהן און אויך דיא פאמיליע גאלד־
בוים אין פאריז.

— אך, וויא גליקליך! — האט דאקטאר וואסיליעוו העכסט ערפרעהט אויס־
געשריען — אסיפ זאכארין, אונזער טהייערער ברודער, אונזער העלדישער קעמפ־
פער ליבט און פרייהייט, קומט דיא טעג נאך פאריז מיט זיין ליעבער בערטא׳ן.

— א, גאט! — האט יעוורושין אויסגערופען און האט זיך דריי מאל איבער־
געצילם׳ט — זאגט מיר ליעבער פעטראוו, וויא מען געהט צו אננא זאכארין אין
האטעל און איך לויף שוין דאס איהר אנזאגען. מיר וועלען איהר איינפאך דער־
האלטען ביים לעבען.

— לאמיר אלע איהר אפ־שטאטען א וויזיט! — האט אנדריאנאווא ערפרעהט
אויסגערופען — דיא מוטער פון אסיפ זאכארין פערדיענט עס....

און מיט עטליכע מינוטען שפעטער זיינען זיי אלע אוועקגעפאהרען צו אננא
זאכארין אין האטעל.

— — — — — — — — — — — —

אין דער צייט ווען אנדריאנאווא מיט איהר קליינע פאמיליע זיינען אוועקגע־
פאהרען צו אננא זאכארין, איז צוגעפאהרען א שעהנער עקיפאזש געשפאנט צו צוויי
פייערע פערד צו מאקס גאלדשמיד׳ס רייכע וואוינונג. עס איז פון דרייקסעל
אפגעשפרונגען א לאקיי און האט דיא טהירעל פון עקיפאזש אויפגעמאכט. פון
דארט איז ארויס זעהר א רייכגעקליידעטע שעהנע און יונגע דאמע און האט צו־
געטרעטען צו דער פראנט־טהיר פון גאלדשמיד׳ס וואוינונג. זיא האט געזעהן
דורכ׳ן טראטואר לעבען דער טהיר זיך ארומדרעהענדיג צוויי דאמען, איינע אן
עלטערע און דיא צווייטע א גאנץ יונגע. לעבען זיי איז געשטאנען א יונגער מענש

רייך נעקליידעט און האט אלע מאל א קוקנעטהאן צו דער טהיר. דיא רייכגע...
קליידעטע דאמע וועלכע איז פון עקיפאזש ארויסגעגאנגען האט זיי וויניג געשענק...
איהר אויפמערקזאמקייט, אבוואהל ביי דעם ערשטען בליק איז עס איהר געווען עט...
וואס אויפפאלענד. זיא איז ארייגנעגאנגען אין א שעהנעם קארעדאר מיט מראמארנ...
געשניצטע ווענט און האט נעפרעגט צו זיא קען זעהן דעם ווירטה מאקס גאלדשמידט.

— יא, מאדאם — האט דער שווייצאר רעספעקטפאל ערוויעדערט און האט
איהר גלייך אריינגעפיהרט אין גאלדשמידט'ס עמפפאנג צימער.

א דיענער האט איהר צו דעם ווירטה געמעלדעט און באלד האט ער פא...
איהר ערשיענען.

— אָ, מאדאם מארגאלין, זייט מיר ווילקאָמען! — האט גאלדשמיד...
פריינדליך אויסגערופען — אט דאס הייסט א גאסט!

— אלץ ווענען יענער געשיכטע — האט מאדאם מארגאלין מיט א שמייכ...
געזאגט — איך האב געסטערן פון בערלין ערהאלטען זעהר א קוריאזנעם בריעף, א...
פאהרענדיג יעצט אין מיין האספיטאל, האט זיך מיר פערוואלט פריהער צו איי...
אריינפאהרען און אייך ווייזען דעם בריעף, פון וועלכען איהר וועט לאכען, שטוינ...
און פיעללייכט געריהרט ווערען ביז טרעהרען; איך האב באלד נאך אייער בעז...
טעלעגראפיש אוועקגעשיקט טויזענד פראנק צו מיינע א בעקאנטע באנק פירמ...
איך האב געבעטען אז מען זאל דאָרט נאכפארשען וואס איז דא פאר א געשיכ...
מיט דער פאמיליע נאלדבוים און מיר שרייבען אלעס אויסדריקליך, שטעלט אי...
אבער פאָר וואס פאר אן אנטוואָרט איך האב פון יענער פירמא ערהאלטען.

ריידענדיג האט זיא איבערגערייכט גאלדשמידט'ן א בריעף.

ער האט איהם אויפגעמאכט און האט איהם אויפמערקזאם דורכגעלעזען.

— דאָנער וועטער! — האט ער העכסט איבערראשט און אויפגערעגט אוי...
געשריען — דא האט עפעס א שווינדלער בעטראָגען עהרליבע מענשען! ווער ווייס
וואס פאר א ציעל ער האט דערביי געהאט? ארויסצושיקען פון פאריז טויזע...
פראנק צו א פאמיליע אין מאסקווא פון א פרעמדען נאמען איז ניט קיין קליינ...
קייט! געוויס בעהאלט זיך דא עפעס א מערקווירדיגע געהיימניס....

א פלעצליכער קלאפ אין טהיר האט גאלדשמידט'ן עטוואס איבערראשט.
נאך זיין אויסשרייען „אנטרעע“ איז דער דיענער אין צימער אריינגעגאנגען...
געמעלדעט אז דריי מענשען צוויי דאמען און איין מאנספערזאן ווינשען איהם שוין צו זעו...
גאלדשמידט האט זיין קאָפּ פון דער טהיר ארויסגעשטעקט און האט רע...
זעה; אין זיין פאָרצימער דריי אונבעקאנטע מענשען.

ער האט זיך צוריק אומגעקעהרט אין זיין קאבינעט און נאכהער וויא ער האט געבעטען פון מאדאם מארגאַלין אום ענטשולדיגונג וואס ער לאָזט זיא אויף א ווייל אליין איז ער צו דיא אונבעקאנטע געסט אין פאָרצימער אריינגעגאנגען.

— איך בין רחל גאלדרבוים — האט דיא עלטערע פרוי איהם שטארק אנקוקענד מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט — און דא זיינען איך מיינעביידע קינדער העלענא און יעפים....

גאָלדשמידט איז ערציטערט געוואָרען פאר הארצוויטאג; אבער ער האט באלד געפאַסט מוטה.

— איהר זוכט אייער פערלארענעם זוהן? — האט ער איהר מיט א ליעבליכע שטימע געפרעגט.

— יא מיין הערר — האט רחל מיט א זיפץ ערוויעדערט.

— איהר וועט איהם מיט גאָטס הילף זעהן — האט ער איהר ליעבליך און בארמהערציג ערוויעדערט — אבער ניט אין מיין פערזענליכקייט.... קומט עהרליכע געסט צו מיר אריין אין עמפפאנג-צימער, איך וועל אייך פאָרשטעלען פאר א גוטע עהרליכע פרוי, וועלכע וועט אייך בעהילפיג זיין אייער זוהן און ברודער אויסצוגעפינען.

— וועה! — האט זיך א שרעקליכער קרעכץ פון דיא גאלדבוימס הערצער ארויסגעריסען.

— בערוהינט אייך עדלע מענשען — האט ער ערגרייפענד מאדאם גאלדבוים פאר דער האנד מילד געזאגט — איך בין ניט אייער געבאָרענער זוהן; אבער וויא א טרייער זוהן וועל איך יעצט פאר אייך זארגען, קומט מיט מיר אריין.

מיט וואנקענדע קניע זיינען דיא אונגליקליכע גאלדבוימס נאך איהם נאכגעגאנגען און גאלדשמידט האט זיי אריינגעפיהרט צו מארגאָלינען אין זיין עמפפאנג צימער און האט באלד זיי פאר איהר פאָרגעשטעלט.

— אָ! — האט זיך א שטארקער זיפץ פון מאדאם מארגאָלינס ברוסט אויסגעבראָכען.

זיא האט זיך אבער באלד געמוטהיגט און האט זיי געבעטען צו דערצעהלען זייער גאנצע געשיכטע.

העלענא האט איהר אין דער ריינער דייטשער שפּאכע דערצעהלט זייער גאנצע לעבענס-בעשרייבונג פון אנפאנג ביז אם ענדע.

גאלדשמידט האט פון איהר שעהנע פיגור איין מינוט זיינע אויגען ניט הערונטערגענומען און זיין פּאָעטישע זעעלע איז געוואָרען שטארק בעגייסטערט פון איהרע עדלע געזיכטסציגע, פון איהרע רייצענדע, רונדע און שווארצע אויגען, און פון איהרע שעהנע אויסדריקע און גרויסארטיגען מימיק ווען זיא רעדט....

— אונגליקליכעס קינד — האט ער זיך געטראכט — אזא שעהנער ברילליאנט האט זיך אזוי לאנג געוואלגערט אין דעם בארבארען-לאנד צווישען דיא בלוטדורשטיגע אלעקסאנדערס ווילדע חיות, וועלכע האבען איהר געבאך אזוי שטארק [illegible] אונגליקט!

— מאדאם מארגאָלין איז פון איהר ערצעהלונג געריהרט געוואָרען ביז צו טרעהרען. זיא האט זיך פון איהר שטעלע אויפגעהויבען און האט ערגריפען דער יונגער העלענא׳ן פארביידע הענד.

— ליעבעס קינד! — האט זיא מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגערופען — בעטראכט מיר פון יעצט אָן פאר דיינע א שוועסטער. איך האב אויך אין מיין לעבען פיעלעס, פיעלעס איבערטראגען.... איך האב נאך געליטען ערגער פון דיר מיין ליעבעס קינד, דאָך האָט מיר גאָט געהאָלפען. איך בין יעצט אין מיין גליקליכען צושטאנד אויך ניט דיא גליקליכסטע! מיינע א לייבליכע שוועסטער, אזא שעהנהייט וויא דוא מיין קינד! און אין דיינע יאהרען, וואלגערט זיך ערגעץ ארום ווער ווייסט אין וואס פאר אָן אָרימקייט און נויטה און איך קען זיך גאר ניט העלפען — פון מיינע עלטערן רייד איך שוין גאר ניט, ווער ווייסט צו זיי לעבען נאך? זייט איהר ליעבע רחל מיין מוטער און איהר טהייערע העלענא מיין שוועסטער און יעפים א ברודער. איך וועל פאר אייך זאָרגען וויא א טאָכטער און א שוועסטער, ביז דער ליעבער גאָט וועט אייך העלפען. ניט איבער מאדאם גרינבערג, וועלכע איהר האט פון מאָסקווא מיטגעפיהרט, א הערצליכען גערוס פון מיין נאמען, זיא וועט אייך פון מיר אלס מיינע א שוועסטער בעטראכט ווערען, איהרע קינדער — וויא מיינע אייגענע. נעהמט דינגט אייך א שעהנע וואוינונג אין א אידישע גאַס, וועלכע איז פון דאנען ניט ווייט, און נאך היינט אום זעקס אוהר אבענדס וועל איך אייך אלע בעזוכען. זארגט ניט, גאָט וועט העלפען, אייער מאן און פאטער וועט געוויס צו אייך קומען אהער נאך פאריז, מעגליך אז איהר וועט נאך אויסגעפינען אויך אייער פערלאָרענעם זוהן. אויף דער וועלט קען אלעס פאסירען. שלעכטע מענשען האבען אייך צוליעב א שמוציגען ציעל בעטראָגען; אבער מעגליך אז דאס פיהרט אייך צו גוטע! געהט עדלע מענשען, נעהמט אייך א שעהנע מעבלירטע וואוינונג און נאך היינט בעזוך איך אייך.

— און איך אויך! — האט גאלדשמידט אויפגערעגט אויסגערופען — בע-טראכט מיר אויך פאר אייערן א זוהן און ברודער....

— מיר זיינען איבעררראשט און ערשטוינט פון אלע דיעזע בעגעבענהייטען — האט העלענא צורודערט געזאגט — דאס איז ביטער און זיס; טרויעריג, שויידער-האפט און אויך אנגענעהם. — מיר מוזען גלויבען אז דאס פיהרט אונז צו גוטען.

— אָט איז מיין קארטע! — האט מאדאם מארגאלין אויסגערופען איבער-רייכענד העלענא׳ן איהרע א וויזיט-קארטע — באלד וויא איהר בעקומט א וואוינונג זאלט איהר מיר דעפעשירען.

— איך געה מיט זיי אויפזוכען א וואוינונג — האט גאלדשמידט זיך אויפהוי-בענד פון זיין שטעלע געזאגט:

— דעסטאָ בעסער! — האט מאדאם מארגאָלין פרעהליך אויסגערופען און נאך א פריינדליכען אבשיעד איז זיא מיט א צובראָכענעם הערץ פון דער טרויעריגע סצענע אוועקגעפאהרען.

— — — — — — — — — — —

וועהרענד גאָלדבוים׳ס פאמיליע האט זיך ארומגעדרעהט לעבען גאָלדשמידטס

וואוינונג, האט זיך א יונגער עלעגאנט געקליידעטער מאן ארומגעדרעהט לעבען מאריא אנדריאנאוואַ'ס וואוינונג. דיעזער יונגער פּערזאן איז געווען נאַאום שטיין. ער האט געהאט אנדריאנאוואַ'ס אדרעס, וועלכען חנה און חייקע פראַנק האבען ארויסגעקראָגען פון דאקטאר פּאַווליניקאָוו וואס האט אפּגעקויפט וואסיליעוו'ס האָספּיטאל, און פּאַיוליניקאָוו האט זיי פאר זייער אוועקפאהרען געזאגט, אז דאָרט וועלען זיי אויסגעפינען דאקטאר וואסיליעוו'ן. שטיין האט בעקוקט דעם נומער פון דער הויז לויט דעם אפּגעשריעבענעם אדרעס און איז באלד א־יינגעגאנגען אין דער גרעפינס וואוינונג.

— נור־וואס זיינען זיי אלע אוועקגעפאהרען — האט איהם דאס דיענסט־מעדכען געענטפערט אויף דער פראַגע צו ער קען זעהן אנדריאנאוואַ'ן אדער אן אנדער מיטגליעד פון דער גרעפינס פאמיליע.

— איז דאָקטאָר וואסיליעוו דאָ אויך געווען? — האט נאַאום ווייטער גע־פרעגט.

— יא, מיין העררּ.

— ווייסט איהר ניט, פריילין, צו ער האט דאָ ערגעץ א האָספּיטאל?

— יא, איך וויים, ער איז אנגעשטעלט אלס ארצט אין דעם האָספּיטאל פון מאדאם מאַרגאָלין.

— איז דאס דער נאמען פון יענעם האָספּיטאל!

— יא, מיין העררּ.

— ווייסט איהר ניט אין וועלכען שטאדט־טהייל דער האָספּיטאל געפינט זיך?

— ניין, דאס וויים איך ניט.

נאַאום איז באלד ארייננעלאָפען אין אן אפּאטהעקע און איהם איז באלד בעוואוסט געווארען אז יענער האָספּיטאל געפינט זיך אין דער פּאַריזער פאר־שטאדט א'.

— גוט! — האט ער זיך געקלעהרט — באלד וועלען מיר אלע זיין דאָרטען.

— — — — — — — — — — — — —

אין האָספּיטאל „מאַרגאָלין" ערוואַרטעט מען א טהייערן גאסט. דיא גרינדערין פון דיעזען וואהלטהעטיגען אנשטאלט בעדאַרף איהם באלד בעזוכען. אלע בעדיענטע האבען זיך ציכטיג אנגעקליידעט, דיא בעטלאך זיינען בעצויגען געוואָרען מיט נייע געוואַשענע ליילאכער, דיא פּאדלאָגעס זיינען אפּגעפּאָלירט געוואָרען און אלעס וואס דאָרט געפינט זיך איז ריין און זויבער; עס פינקעלט פון דער ווייטען. דער פּראָפעסאָר האט געהאט אביסעל קריינקונג וואס זיין נייער בעליעבטער רוסישער דאָקטאָר וואסיליעוו געפינט זיך גראדע ניט אין האָספּיטאל, אז ער, דער פּראָפעסאָר, זאל איהם קענען פאָרשטעלען פאר דער ווירטהין; אבער צו זיין גרעסטען פרייד, האט דאקטאר וואסיליעוו אין האָספּיטאל ערשיענען מיט זיינעם א קאמעראד אויך א דאָקטאר, וועלכען ער האט איהם באלד פארין פּראפעסאר פאָרגעשטעלט מיט'ן נאמען וואסילי פּעטראָוו. אין א פּאר מינוטען ארום האט זיך אפּגעשטעלט א שעהנער עקיפּאַזש געשפּאַנט צו א פּאר טהייערע פערד לעבען דעם גארטען, וואס

פיהרט אין האָספּיטאל און אין א ווילע שפּעטער איז שפּרה מארגאָלין גע־שטאנען פאר'ן פּראָפעסאר, וועלכער האט איהר פריינדליך עמפּפאנגען. נאך איהר פארנאנדער פרעגען איהם צו עס געפינען זיך דאָרט עפּעס נייע קראנקע, האט דער פּראָפעסאר פאר איהר פאָרגעשטעלט דעם יונגען דאקטאר וואסיליעוו.

זיא האט איהם העפליך גערייכט דיא האנד.

דיעזער עדלער מאן — האט דער פּראָפעסאר איהר געזאגט — פערדיענט עהרע און אכטונג. אליין איז ער אנטלאָפען געווארען פון מאסקווא אלס פּער־פאָלגטער פון דיא רוסישע שפּיאָנען, היינט שטעלט אייך פאָר אז אנטלויפענדיג האט ער מיט זיך גענומען א וואהנזיניגען קראנקען, ווייל דער וואהנזיניגער איז אין איהם פערליעבט און קען זיך פון איהם ניט אפּרייסען. האט איהר געהערט א וואָהלטהאט?

— איהר זייט א דזשענטעלמאן! — האט דיא פרוי ענטציקט אויסגערופען — דאָס איז א זעלבסט אויפאָפּפערונג פאר א וואהלטהאט און דאס קען טאקי טהאן נור אן עדעלמאן, א געפיהל־פאלער מענש.

דאקטאר וואסיליעוו האט זיך העפליך פערנייגט.

— איך האב עס מעהר געטהאן — האט ער ליעבליך גערעדט — פאר דער וויסענשאפט אלס....

— זייט ניט צופיעל דעמיטהיג — האט איהם שפּרה אונטערבראָכען — איהר האט גאנץ ערנסט אונזער אכטונג פערדיענט. איז דער קראנקער אין דיעזען האָספּיטאל?

— יא, מאדאם מארגאָלין — האט דער פּראָפּעסאָר איהר ערוויעדערט — ער איז זעהר אינטערעסאנט פאר דער מעדיצין. ער קען נאך אויך געזונד ווערען; אבער דאס ווענדעט זיך אום געוויסע אומשטענדע, וואס דיא מעדיצין האט שוין דערבייניט צו זאגען.

— איך בין זעהר נייגעריג דעם אונגליקליכען צו זעהן — האט מאדאם מארגאָלין גוטמיטהיג געזאגט.

— אך, מאדאם, מיט'ן בעסטען פערגניגען! — האט דער פּראָפּעסאָר אויס־גערופען — קומט מיט אונז....

זיי זיינען דורכגערגאנגען א פּאָר קאָרעדאָרען און זיך פערדרעהענדיג אין איינעם א שטילערען און דונקעלערען קארעדאר האט זיך געהערט א דומפּפע האלב הייזע־ריגע שטימע:

— איך זעה איהם.... אָט איז ער.... אָ, וואו איז מיין ליעבער וואסיליעוו? איך זעה איהם....אָ, מיין קינד....מיין טאָכטער....

— אָ, וואס פאר א בעקאנטע שטימע! — האט מאדאם מארגאָלין געזאגט — ווער רעדט עס דאָרט?

— דאס איז דער וואהזינגער — האט וואסיליעוו איהר ערוויעדערט — שרעקט אייך ניט, ער איז היינט עפּעס מעהר אויפגערעגט.

— איך זעה איהם.... אָט איז ער, דער מערדער... מיין קינד....מיין טאָכ־טער — האט זיך ווידער געהערט דיא זעלבע שטימע.

מאַדאַם מאַרגאָלין האט זיך אויף א ווײַלע אפּגעשטעלט.

— אָ, אונגליקליכער! — האט זיא מיט טרעהרען אין דיא אויגען אויסגערופען— וויא שרעקליך איז דאס צו הערען; אבער וויא בעקאנט איז מיר דיין שטימע.

געארמט אין דעם פּראָפעסאָרס רעכטע האנד איז זיא נעהענטער צו דעם וואהנזיניגענס צעלע צוגעגאנגען. ער איז געזעסען אויף א שטוהל מיט'ן געזיכט צים פענסטער און שפרה מארגאָלין האט זיך אוועקגעשטעלט צווישען ביידע ערצטע לעבען דער הויבער אָפּצאָמונג.

— איך בין דאָ! — האט דאקטאר וואסיליעוו אויסגערופען.

דער קראנקער האט א שפּרונג געטהאן און האט צוגעלאָפען צו דער הילצערנע גראַטע.

שפרה האט אויף איהם א קוק געטהאן און האט אויפגעציטערט מיט איהר גאנצען קערפּער.

— ער קומט מיר פאָר זעהר בעקאנט — האט זיא צו דעם פּראָפעסאָר מיט א ציטערענדע שטימע געזאגט.

דער קראנקער האט אויסגעגלאָצט א פּאר אויגען דערהערענדיג איהר שטימע. פּלוצלינג האט ער א שפּרונג געטהאן.

— פאטער! — האט שפרה מיט אן איסטערישען קוויטש אויסגעשריען און איז צום באָדען געפאלען.

— מיין קינד, שפרה! — האט דער וואהנזיניגער ווילד אויסגעשריען און האט גענומען לויפען צו דער הילצערנע טהיר.

ביידע ערצטע האבען מיט ציטערענדע הענד שפרה'ן אויפגעמינטערט און דערווײַלע האט דער וואהנזיניגער מיט אונגעהייערע קראפט אויפגעבראָכען דיא טהיר און האט שפרה'ן ארומגענומען מיט ביידע הענד און איהר צוגעדריקט צו זיין ברוסט.

— דוא לעבסט? דוא ביסט ניט ערמאָרדעט מיין קינד? — האט בנימי פראנק מיט א ווילדע שטימע אויסגעשריען — דוא ביסט אן אידיש קינד?

— פאטער! ליעבער זיסער פאטער! — האט שפרה מיט אלע קרעפטען גע־שריען — איך בין דיין טאָכטער....א אידין....

דיא ערצטע האבען געוואלט עטוואס ווירקען אויף דעם קראנקען, אז ער זאל ניט אזוי שטארק איהר דריקען צו זיין ברוסט און זיי האבען איהם אנגענומען פאר דיא הענד.

— לאָזט איהם — האט שפרה וויינענד געזאגט — וואס פעסטער ער דריקט מיך איז מיר ליעבער, אנגענעהמער און זיסער.... איך בין אויך ווערטה אז ער זאל מיר גלייך דערשטיקען.... איך בין דיא אורזאכע פון זיין קראנקהייט.... אָ, ליעבער פאטער, איך לעב....אָט איז דיין טאָכטער שפרה....דיא א י ד י ן.

זיא האט איהם הייס געקושט און בענאסען זיין פינסטערע אפּגעצערטע גע־זיכט מיט הייסע טרעהרען.

— און וואו איז דיין מוטער, דיין שוועסטער ? — האט פראנק איהר אפלא־זענד מיט א זאַנדערבארע שטימע נעברומט — אָ, מיין טהייערע שפרה....חנה, חייקע וואו זייט איהר ? קומט און זעהט ! אַט איז זיא ! חנה ! חייקע !

— אַט זיינען מיר ! — האבען זיך פלוצלינג דערהערט פון הינטען צוויי פרויען שטימען.

— נעוואלד ! — האט שפרה ניט מיט איהר שטימע אויסגעשריען — און האט זיך ווילד אומגעקוקט.

— מיין ווייב ! מיין קינד — האט בנימין איסטערייש געשריען ! אַט זיינען זיי ! און באלד האט זיך דערהערט א שטארקער געוויין וועלכער האט זיך פון פיער הערצער ארויסגעריסען.

— מוטער! שוועסטער ! — האט שפרה אויסגעשריען אהאפטהאנדיג ביידע פרויען, וועלכע זיינען נור וואס נעקומען, אין איהרע ארמען.

— געוואלד וועמען זעהען מיר דאָ — האט חנה ניט מיט איהר שטימע אויס־גערופען — ביזט דוא עס מיין קינד שפרה ?

— שוועסטער ! ליעבע זיסע שוועסטער ! — האט חייקע מיט א ציטערענדע שטימע אויסגעשריען — דוא לעבסט !?

— מיר לעבען ! ! — האט בנימין טאנצענדיג אין דער לופטען געליארעמט.

דער פראָפעסאר און וואסיליעוו, וועלכע זיינען געשטאנען וויא פערשטיינערטע האבען דעם קראנקען ערגריפען פאר דיא הענד.

— ליעבע פרויען — האט זיי דער פראפעסאר געזאגט — איך זעה, אז דאָ האט עפעס צווישען אייך זאנדערבארעס פאסירט. איך זעה אז איהר בעדארפט אייך פרעהען און איך גראטולירע אייך און ווינש אייך גליק פון טיעפסטען הערצען. איך מוז אייך אבער זאגען, אז דער קראנקער האט יעצט א געלעגענהייט געזונד צו ווערען, נור ער טאָר זיך מעהר ניט איבערראשען ...רעדט אייך געלאסען, דאס איז א טובה פאר אייער פאטער און מאן.

— איך בין שוין געזונד ! — האט פראנק א שפרונגטהאנדיג ביז צום פאלאָפ ווילד אויסגעשריען.

— אלזא. פרעהט עס אונז זעהר — האט דער פראָפעסאר פריינדליך איהם געזאגט — און וויא באלד איהר פיהלט אייך שוין יא געזונד, טאָ געהט־זשע גלייך אריין אין אייער צימער און לייגט אייך אוועק אויף אייער בעטעל. מיר וועלען אייך איינגעבען מעדיצין און מאָרגען וועט איהר געהן נאך הויזע.

— ניין איך געה שוין ! איך זעה איהם ! — האט בנימין געשריען.

— אהא -- האט דער פראָפעסאר אויסגערופען—איהר זייט שוין ווירקליך געזונד.

ער האט א וואונק געטהאן צו דיא פרויען דאס זיי זאלען אריינגעהן צום קראנקען אין צימער. בנימין איז זיי נאכגעגאנגען, דאָרט האבען איהם דיא ערצטע און זיין פא־מיליע קוים איינגערעדט אז ער זאל זיך לייגען אויסרוהען. זיי האבען איהם איינ־געגעבען מעדיצין און מיט א פאר טאג שפעטער איז ער ווירקליך צו זיך געקומען און איז אפגעשיקט געוואָרען צו זיין טאָכטער שפרה מארגאלין אין וואוינונג.

94טעס קאַפּיטעל.

דיא ענדע פון גוטע און שלעכטע.

וויא בּאַרעמהערציג פריינדליך און צערטליך גאָלדבוים און גרינבערגס פאַמיליע זיינען ניט בעהאַנדעלט געוואָרען פון שפרה מאַרגאָלין, פון גאָלשמידט'ן און פון דאָקטאָר וואַסיליעוו, פּעטראָוו'ן און אַנדריאַנאָוואַ'ס פאַמיליע נאָכהער וויא זיי איז בעוואוסט געוואָרען, אַזביידע פאַמיליען פון דיא אונשולדיגע מאַרטירער געפינען זיך אין פּאַריז, דאָך האָבען דיא אונגליקליכע ניט געקענט זיין צופריעדען פון זייער לאַגע. גאָלדבוים און גרינבערג, דיא קעפּ פון דיעזע צוויי פאַמיליען האָבען נאָך געפעהלט און אָהן זיי האָבען זיך דיא פרויען מיט דיא קינדער געפיהלט עלענד און אונגליקליך.

דיא פאַמיליע גאָלדבוים און גרינבערג האָבּען פערוואוינט א גרויסע הויז פון אַכט שעהנע צימער, זיי האָבען געהאַט פיער דיענער און יעדען טאָג איז זייער הויז בעזוכט געוואָרען פון שפרה מאַרגאָלין מיט איהר מוטער און שוועסטער פראַנק; גאָלדשמיט פלעגט דאָס הויז בעזונדער בעזוכען און פלעגט פיעל פערברייננגען מיט העלענאַ'ן און דאָך איז עפּעס אויף דיא ווענט פון דיעזער וואוינונג געלעגען א טרויעריגער שאָטען. רחל גאָלדבּוים האָט אָפּט זיך אנגעהויבּען צו דערמאָהנען אָן איהרע פערשיקטע קינדער אין סיבּיר, און איהר קליין אינגעלע, וועלכער איז מיט איין און צוואַנציג יאָהר צוריק פון איהר אוועקגענגב'עט געוואָרען, פלעגט זיך יעצט יעדען טאָג שטעלען פאַר איהרע אויגען. זיא וואָלט שוין אָן איהם לאַנג געהאַט פערגעסען ווען ניט דיא געשיכטע מיט גאָלדשמידט'ן וואָלט אויפגעריסען דיעזען אַלטען פערצוויגנעם וואונד. — היינט וואו איז איהר מאַן, וואָס זיא ווייס יעצט בעשטימט אַז ער איז פון דעם קריעגס־געריכט ערקלעהרט געוואָרען פאַר אונשולדיג? דיעזע אַלע טרויעריגע געדאַנקען האָבען איהר שעהנע וואוינונג אומגעוואַנדעלט אין א גי־הנם און יעדער זאַך אין שטוב איז איהר געווען וויא איבּערדריסיג.

אויך איהרע קינדער זיינען געווען שטאַרק מעלאַנכאָליש פון דיא לעצטע בּעגעבענהייטען. העלענאַ האָט געזעהן אַז גאָלדשמידט, דער קינסטלער, דער רייכער דער בּעריהמטער, שעהנער און העכסט געבילדעטעד יונגער מענש, איז צו איהר ניט גלייכגילטיג. זיא האָט בּעמערקט, אַז ווען זיא וואָלט געווען עטוואָס מעהר אויפגעליינט וואָלט זיא שוין געהאַט פון איהם א פּאַרשלאַג, א ליעבּעס ערקלעהרונג.... און דאָך האָט זיא ניט געקענט פאַסען קיין מוטה, און זיך חאָטש וויזען עטוואָס מונטערער און פרעהליכער. דערצו האָט אויך ניט געהאָלפען אננא זאַבּאַרינס בעזוך אין זייער נייער וואוינונג. דיא אונגליקליכע האָבען געהערט פון איהר פיעלע אויסדריקע אַז זיי ערוואַרטעט א גרויסער גליק און רייכטהום; אָבּער אין זייער טרויעריגע לאַגע האָבען זיי גאָר ניט געקענט איבּערלייגען און פערשטעהן איהרע ווערטער. זיי האָבען עס אוועקגעמאַכט מיט דער האַנד און האָבען עס ניט געשיינקט קיינע אַכטונג. דער געדאַנק טאָמער האָט זייער פאַטער א נייער אונגליק געטראָפען, האָט זיי איינפאַך צודולט.

צעהן טעג זיינען פאַראיבּער זייט זיי האָבען אריינגעצויגען אין זייער וואוינונג

און פון מינוט צו מינוט זיינען זיי געווארען אלס אונרוהינער. איינמאל נעגען אבענד האט זיך דיא טהיר אין זייער וואוינונג פלוצלינג אויפגעמאכט און וואסילי פעטראָוו איז האסטיג אין צימער אריינגעלאפען.

— מאדאם גאלדבוים — האט ער צו דער איבערראשטער רחלען געזאגט — זייט רוהיג, מיר האבען בעקומען א גוטע נאכריכט.

— אָ, וואָס? — האט דיא מוטער מיט איהרע קינדער איבערראשט אויס־געשריען.

— איך וויל זעהן אויך מאדאם גרינבערג! — האט פעטראוו אויסגערופען.

— אָט בין איך! — האט זיך דערהערט אסתר'ס שטימע פון א צווייטען צימער און באלד איז זיא אין שטוב אריינגעלאפען.

— מיר האבען ערהאלטען א בריעף פון אייערע מענער גאלדבוים און גרינ־בערג, אז זיי קומען אין א פאר טעג ארום צופאהרען — האט פעטראוו געלאסען גערעדט.

— אָ, גרויסער גאָט! — האט זיך דערהערט א פיעלפאכיגע שטימע אי־צימער.

— מאָרגען האט איהר זיי דאָ — האט פעטראָוו ווייטער גערעדט.

אין שטוב איז געווארען א שטארקער גערודער, דיא יונגע האבען געטאנצט און געשפרונגען און דיא עלטערע האבען פאר פרייד געוויינט.

— מעגליך אז זיי וועלען נאך היינט אנקומען — האט פעטראוו פאָרט־געזעצט.

— געוואלד זאגט אונז דיא וואהרהייט — האבען גאלדבוים'ס קינדער ערנריי־פענד פעטראָוו'ן פאר דיא הענד אויסגעשריען.

— אָט דאָס איז דיא ווארהייט! — האט פעטראָוו לוסטיג ערוויעדערט — און אויב איהר גלויבט מיר ניט, נאָט אייך, זעהט!

ער איז צוגעלאפען צו דער טהיר און האט איהר אויפגעמאכט און צוויי מענער זיינען מיט האסטיגע טריט אין צימער אריינגעגאנגען.

— פאטער! טהייערער פאטער! — האבען העלענא מיט יעפימען דיא ערשטע אויסגערופען און זיינען געפאלען א גרויען מאן אויפ'ן האלדז.

— מיין מאן, מיין ענגעל! — האט אסתר גרינבערג פאלענד אין דיא ארמען פון א יונגען מענשען, ניט מיט איהר שטימע געשריען.

— מיין מאן! — האט רחל אומהאלדזענדיג גאָלדבוימען געכליפעט.

— מיינע טהייערע, מיינע ליעבע, מיינע זיסע! — האבען דיא מענער־שטימען געהילכט — געלויבט ביסט דוא גאָט פאר דיינע גנאדען! געבענטשט זאלען זיין דיינע עהרליכע מענשען וועלכע האבען אונז מיטגעהאָלפען צו קומען צו אזא לאנע, אז מיר זאלען צוריק זעהן אונזערע ווייבער און קינדער נאך אזא פערצווייפעלטען און האָפנונגסלאָזען לעבען צווישען דיא שטומע ווענד פון א טיראנישען קערקער....

אין שטוב האט זיך געהערט א כליפעריי און א קושעריי צוזאמען און וואסילי פעטראָוו איז געשטאנען און געקוואָלען.

— דאס איז נאך ווייניג — האט ער פערגנינט געזאגט — זייט באלד בערייט צו עמפפאנגען אין אייער הויז א וויכטיגען גאסט. ער האט מיר געזאגט, אז ער איז אייערער א נאָהענטער קרוב. צוויי פארטיעס זיינען היינט געקומען צו־פאָהרען. פון פראנקפורט אם מיין איז אנגעקומען איין פארטיי, וואס האט מיטגעבראכט אייערע ליעבע מענער און פאטערס גאלדבוים און גרינבערג, וועלכע האבען זיך אין דערוועגענס דורך א גליקליכען צופאל געטראפען, און דיא צווייטע פארטיע איז גע־קומען פון ציריך. אונזערע בעסטע און טהייערסטע קעמפפער זיינען פון דאָרט אנגע־קומען צוזאמען מיט אונזער העלד אָסיפ זאכארין צוליעב וועלכען איהר האט נעבאך אזוי פיעל געליטען. זיי זיינען געקומען אהער צו פייערען זאכארינס האָכצייט מיט דער בעריהמטער שעהנהייט בערטה מאלליך.

— אָ, וואו איז ער דער עדלער אָסיפ! — האט גאלדבוים אויסגעשריען — וויא קריגט מען צו זעהן דיעזען בראווען עהרליכען מענשען? צוויי שטונדען איז ער אין מיין הויז אין מאָסקווא געזעסען און זיין שעהנע געזיכט שוועבט נאך אויך יעצט פאר מיינע אויגען.... איך ליעב איהם, איך פערגעטער איהם!

— מיר האבען איין סעקונדע אן איהם ניט פערגעסען — האט מאריא גאלד־בוים מיט טרעהרען אין דיא אויגען גערעדט — זיין עדלער כאראקטער ליעגט איהם אויף זיין שעהנעם געזיכט.

— און דיעזער אסיפ זאכארין וועט אייך באלד בעזוכען — האט פעטראוו פרעהליך פאָרטגעזעצט — ער איז יעצט ביי זיין מוטער.

— אָ, גרויסער גאָט! — האט העלענא אויסגערופען — דוא ביסט שרעקליך אין דיין צאָרען; אבער דוא ביסט פיעל מילדער אין דיין בארמהערציגקייט. דוא האָסט אויף דיין גרויסער ברייטער וועלט שלעכטע מעניטען, טיראנען, אויסווירפע און אלערליי שלאנגען; אבער דוא האָסט אויך בעשאפען גוטע מענשען, עדלע, פיינע און בארעמ־הערציגע, וועלכע פעררכטען וואס דיא שלעכטע האבען פערדאָרבען.

דיא טהיר האט זיך פלוצלינג אויפגעמאכט און א יונגער עלעגאנט נעקליידע־טער מענש, א הויכגעוואקסענער, א בלאָנדין מיט א פאר שווארצע פייערינע אויגע און מיט עדלע געזיכטס־ציגע איז צוזאמען מיט א יונגעס שעהנעס און בליהענדעס מעדכען אין שטוב אריינגעקומען.

— אָסיפ זאכארין! — האט העלענא דיא ערשטע איבערראשט אויסגעשריען.

— אָסיפ! ליעבער זיסער אָסיפ! — האט גאלדבוים און גרינבערג איהם פאלענד אויפ'ן האלדז אויסגערופען — א, וואס מאכט איהר עדלער מענש? וויא גליקליך זיינען מיר אייך צו זעהן אונטער א פרייען הימעל צוזאמען מיט אונז און אונזערע פאמיליען!

זיי האבען איהם הייס געקושט.

— און איך בין איבערגליקליך — האט זאכארין ליעבליך גערעדט — וואס צוליעב מיר איז קיינער ניט אומגעקומען ווערענד דערביי האט שוין געהאלטען....

ער האט גרינבערג'ן געשיינקט א קוש און נאכעהר האט ער זיך געווענדעט צו גאלדבויכען און האט איהם ערגריפען פאר ביידע הענד.

— נו, הערר גאָלדבוים — האט ער מיט א פריינדליכע שטימע גערעדט — אָט אזוי האלט עס יעצט מיט אונז.... איך האב געהערט אז א זאנדערבארער צופאל האט אייער פאמיליע אין פאריז אראָפּגעבראכט. א בעטרינגער האט זיי צוליעב עפּעס א שמוציגען ציעל וואס איז אייך אונבעוואוסט, געשיקט טויזענד פראנק אין דעם נאמען פון אייער א פערלאָרענעם זוהן.... איז עס טאקיווירקליך אזוי?

— אָ, פריינד — האט רחל מיט טרעהרען אין דיא אויגען איהם ערוויעדערט— אזוי האט עס טאקי מיט אונז פאסירט. א פיאנא־לעהרערין אין מאסקווא, א געוויסע סמירנאווא איז מיט אונז בעקאנט געווארען און האט אונז דערצעהלט א גאנצע געשיכטע ווענען מאקס גאָלדשמידט, אז ער איז אונזער געגנב'עטער זוהן מיט איין און צוואנציג יאהר צוריק. מיר האבען באלד צו איהם געשריעבען און מיר האבען בעקומען א טעלעגראפישען אנווייזונג אויף טויזענד פראנק אין זיין נאמען דאס מיר זאלען זאפאָרט צו איהם ארויספאהרען. אין בערלין האבען צוויי רוסישע בעטרינגער אונז בעגנבעט, מיר האבען זיך דאָרט געוואלגערט איבער א מאָנאט ביז גוטע מענשען האבען אונז אהער געבראָכט.... איהר קענט יעצט פערשטעהן אונזער לאגע ווען דיא אלטע, וואונדען איז אויפגעריסען געוואָרען....

רחל האט א זיפץ געטהאן און האט אפגעווישט דיא טרעהרען וואס האבען זיך ארויסגעוועלצט פון איהרע אויגען.

— דאס האט אייך אבער געפיהרט צו גוטעס — האט זאכארין געריהרט איהר געזאגט — איך קען דא אין פאריז א מאן, איבער וועלכען איך דיינק אז ער איז ווירקליך אייער זוהן....

— אָי! — האט זיך א שטימע פון פאמיליע גאָלדבוימס הערצער ארויס־געריסען.

— דיעזער יונגער מענש וואוינט טאקי ניט ווייט פון אייך — האט זאכארין פאָרטגעזעצט — און מיר איז געלונגען צו דערגעהן אז ער איז ווירקליך אייער פערלאָ־רענעם קינד.

גאָלדבוים מיט זיין פרוי און קינדער זיינען פון זייערע שטעלען אויפגע־שפרונגען.

— ענגעל, ליעבער זיסער פריעדענס ענגעל! — נאָט האט אייך אהער גע־בראכט! — האט העלענא צולויפענד צו זאכארינען און איהם ערגרייפענד פאר דיא הענד אויסגעשריען — זאגט אונז שוין וואו איז ער? אָי, איך געה אוים! איך דערהאלט עס ניט.

זיא האט שטארק אנגעקוקט זאכארינען און א זיסער שוידער האט דורכגע־דרונגען איהרע ביינער. זיא האט עפּעס געפיהלט; אבער זיא האט עס ניט געקענט ארויסריידען.

— איך בין דיין ברודער, טהייערע קינד! — האט זאכארין מיט א ציטע־רענדע שטימע אויסגערופען און איז העלענא'ן ארויפגעפאלען אויפ'ן האלדז און האט איהר היים געקושט — איך בין דאס פערלאָרענעם קינד יוסף גאָלדבוים!

— נאָט! — האט זיך א שטימע פון גאָלדבוימס הערץ ארויסגעבראָכען און

ער האט אומגעהאלדזט זיינעביידע קינדער, וועלכע זיינען געלעגען איינע אין דעם אנדערענס ארמען וויא צוגעשמידטע און א דומפפער קושען האט אין צימער געלויטעט.

— מיין קינד! מיין ברודער! — האט רחל און יעפים געשריען און זיינען איהם ארויפגעפאלען אויפ'ן האלדז און איהם בגעשאטען מיט הייסע קיסע.

— פאטער, מוטער שוועסטער און ברודער — האט זאבארין נאך דער ערשטער איבערראשונג צו דיא ערשטוינטע גאלדבוימס געזאגט — אט שטעהט דא פאר אייך אייער טאכטער און אייער שוועסטער בערטהא מאלליך, וועלכע האט מיט זעלבסט אויפאפפערונג מיך געליעבט ביי דער טהיר פון גיהנם. דער שיקזאל האט מיך צוזאמענגעפיהרט מיט א א י ד י ן און נאך מיט וואס פאר א הייסע אידין! פון יעצט אן זאלט איהר מיך אויך בעטראכטען פאר איד, און אזוי וויא איך האב געזארגט פאר דעם רוסישען נאציאן, אזוי וועל איך פון יעצט אן זארגען פאר מיינע ארימע אונטערדריקטע אידישע ברידער און וועל וויא ווייט איך וועל קענען זיי שטיצען מיט ראטה און טהאט. גראטולירט מיך ליעבע עלטערן, און זעגנעט אונזער פערבינדונג.

— בראווא זאבארין! הוראה בערטהא מאלליך! — האט וואסיליעוו פעטראוו אויסגעשריען — עס לעבע דאס יודענטהום! בליהען זאל דער נאציאן וואס האט אונז געגעבען א אסיפ זאבארין!

באלד האבען זיך דערהערט אין שטוב אויף דאס ניי קלינגענדע קיסע וועלכע דיא פאמיליע גאלדבוים האט געשענקט בערטהא מאלליך און פרעהליכע טרעהרען האבען זיך געגאסען טייכען־וויז.

— — — — — — — — — — — — —

אין פערלויף פון איינינע מאנאטען זיינען געפייערט געווארען אין פאריז פיער האכצייטען, וועלכע יעדערע בעזונדער האט געהאט לעבען זיך א גאנצע ראמאנטישע טרויערינגע און פרעהליכע ערצעהלונג. זאבארין האט אין א אידישע שוהל געהייראטהעט אין דעם געגענווארט פון זיין ערציהערין און אידישע עלטערן פון דאס מעדכען בערטהא מאלליך. דאקטאר פעטער וואסיליעוו זיין ליעבער ליזא'ן. נאאום שטיין— חייקע פראנק און דער יונגער קינסטלער מאקס גאלדשמידט האט געהייראטהעט העלענא גאלדבוים, און ביז אם ענדע דאס יאהר זיינען בעשטאנען נאך צוויי אינטערעסאנטע האכצייטען. דאקטאר וואסילי פעטראוו האט געהייראטהעט מאריא אנדריאנאוו'ן און דער יונגער גראף פאוועל אנדריאנאוו — דער וואהרער באראנעסע קסעניע אנדרייעווונא, וועלכע אמאליגער חיטראוועצין האט איהר ערצעהלט איינינע מאל בעפאר ער האט בעפרייט פאוועל אנדריאנאוו'ן מיט דער הילפע פון דער קארטענווארפערקע.

— — — — — — — — — — — — —

דער אויסוואורף אלעקסייעוו האט ענדליך אויסגעפיהרט וואס ער האט געוואלט. מאסקווער גענעראל־גובערנאטאר קניאז דאלגארוקאוו איז איהם געשטאנען וויא א ביין אין האלדז. ער האט געוואוסט אז קוים איז דאלגארוקאוו גענעראל גובערנאטאר

, מאסקווא, וועט ער ניט דערלאָזען אז וועלכעס בייז זאל אידען געשעהן. דאהער האט אלעקסייעוו אונטערגעהעצט דעם פינסטערן יעזואיט אלעקסאנדער דעם דריטענס לעהרער פאביעדאנאסצעוו'ן, געגען דעם אלטען מענשען־פריינד דאָלגאָרוקאָוו'ן. אונזערע לעזער ווייסען שוין, האט דער הייליגער טייפעל פאָביעדאָנאָסצעוו געהאט א גוטען געוועהר געגען זיין תלמיד, דעם רוסישען צאר. ער האט איהם אימער געשראָקען מיט דיא ניהיליסטען און דיא ענטדעקונג פון דער מינע אין „קרעמעל" פיער וואָכען פאר דער קאָראָנאַציע פון דעם רוסישען באנדיט, האט אויף דעם זעלבסטהעררשער געמאכט אזא שלעכטע ווירקונג, אז ער האט זיך מיט לייב און זעלע איבערגעגעבען צו זיין פינסטערן לעהרער פאָביעדאָנאָסצעוו וועלכער האט דיא מינע עקסטרא געלאזט פערטיג מאכען. דערצו האט פאביעדאנאסצעוו אויסגעפיהרט דיא אינטריגע, וועלכע ער האט אנגעמאכט דורך זיין פערשטאָרבענעם פאָקטאָר דוחאָווקינען. עס איז ווירקליך אין איינינע וואָכען ארום נאך דוחאָווקינס בעזוך אין מאלליך'ס הויז, אנגעקומען אן אנווייזונג פון אויסלאנד אויף א מיליאָן רובעל אין דעם קאנטאר פון גינצבורג'ן פאר דעם מיניסטער דעם אינערען. דאס איז באלד בעוואוסט געוואָרען דעם צאר און אזוי וויא דיא אידישע קעפ האבען עס גוט אפגעמאכט, אז געגען ניעמאנדען פון זיי זאל ניט קענען זיין קיין ריכטינער בעוויז דאס זיי האבען עטוואס געמיינט, האט דער זעלבסטהעררשער קיינעם דערפאר ניט געקענט בעשטראפען מיט סיביר און קאטארגא נאך זיין געוועהנליכע מעטהאָדע; אבער דאס האט איהם געגעבען צו פערשטעהן וויא טריי און ערגעבען איהם איז זיין גוטער לעהרער פאביעדאנאָסצעוו.... ער האט פון דאמאלס אן, איהם אנגעהויבען צו פאָלגען, ביז ער האט ענדליך פלוצלינג ענטזאגט דעם אלטען גענעראל גובערנאטאר פון זיין שטעלע און דער צאר האט דעם אלטענס פאָסטען איבערגעגעבען זיין אינגערן ברודער, ניט קיין קלענערען אויסוואורף פון איהם סערגיי אלעקסאנדראוויטש. קניאז דאלגארוקאוו איז אוועקגעפאהרען נאך פאריז און איז דאָרט אין א פאר מאנאטען ארום געשטארבען פאר פערדרוס און פאר שאנדע און סערגיי אלעקסאנדראוויטש האט זיך א געהם גענומען אויסצוראָטען זיינע פערהאסטע זשידעס פון דער הייליגער שטאדט מאסקווא. ער האט עס גוט אויסגעפיהרט און אין פערלויף פון איין יאהר האט ער ארויסגעטריבען אלע אידען פון מאסקווא. עס זיינען דאָרט פערבליעבען נור א פאָר הונדערט פאמיליען פון דיא פערוווי גילדעס און דיא מאסקוואער ניקאלאיעווער סאלדאטען און אזוי וויא אלעקסייעוו האט מורא געהאט טאָמער עפענען אויף דיא פערבליעבענע אידען דיא שוהל וועלכע דאלגארוקאוו האט א מאל ערלויבט אויפצובויען, האט ער גוט בעזאָרגט דורך סערגיי אלעקסאנדראוויטש'ן. ער האט איהם געגעבען אן עצה וויא אזוי ער זאל געפינען א פריטשעפע אז דיא שוהל זאל קיינמאל ניט ערעפענט ווערן און דאס איז גאנץ לייכט אויסגעפיהרט געווארען. מאסקוויצר אידישער ראבינער איז געקומען צום גענעראל גובערנאטאר סערגייען און האט איהם געבעטען אן ערלויבניס צו עפענען דיא שוהל אויף ימים נוראים.

— ווענדעט אייך צום אָבערפאָליציימייסטער — האט איהם סערגיי ערוויעדערט.

דער ראבינער האט זיך געווענדעט גלייך צום אבער-פאליציימייסטער וועלכער האט איהם גאנץ פריינדליך עמפפאנגען און האט איהם ערלויבט די שוהל אויף ראש-השנה צו עפענען. דעם ראבינער האט ניט געפאסט בעטען פון איהם א שריפטליכע ערלויבניס. און די שוהל איז דורך דעם מינדליכען ערלויב פון דעם אבער פאליציימייסטער געעפענט געווארען פאר דאס ביסעל אידען וואס איז נאך אין מאסקווא פערבליעבען. צוויי מאל איז אין שוהל אפגעדאווענט געווארען און צום דריטען מאל איז אריינגעפאהרען א טשינאווניק פון גענעראל גובערנאטאר און האט געפרעגט אויף אן ערלויבניס.

— אונז האט ערלויבט דער אבער פאליציימייסטער — האט דער ראבינער געענטפערט.

די שוהל איז באלד פערזיגעלט געווארען און פאר דער פ ר ע כ ה י י ט, ווי קומען די אידען עפענען די שוהל אהן אן ערלויבניס, איז דער ראבינער און איינינגע גבאים צו איהם ארויסגעשיקט געווארען אויף אייביג פון מאסקווא.

— — — — — — — — — — — — — — —

וועהרענד אלעקסייעוו האט דעם לעצטען טריומפירענדען געלעכטער פון זיין מויל ארויסגעבראכט אויף דאס אידישען אונגליק, האט פאוועל אנדריאנאוו אין פאריז ערהאלטען א בריעף אין וועלכען ער האט געלעזען פאלגענדעס:

„עדלער גראף! מיר האט געקאסט פיעל געזונד און מיה צו דערגעהן וואו איהר זייט און נאך מעהר מיה האט מיר געקאסט אויפצושרייבען צו אייך דיעזען בריעף אז ער זאל ניט דורכגעהן דורך דער צענזור פון דעם סמאטריטעל פון מיין געפענגניס. איך בין שוין ניין יאהר אויף קאטארגא אין די סיבירישע מינען; אבער איהר געדיינקט געוויס ווער איך בין. איך בין דער באראן לאפאנטען, וועלכער האט זיך פארגעשטעלט פאר אייער מוטער און איהר פארגעליינט אייך צו רעטען פון קערקער און פון עווינען ליידען. איך האב עס אויך ערפיהלט און די סומע וועלכע אייער מוטער האט מיר פערשפראכען האב איך ניט אוספייעט אפצונעהמען, ווייל איך בין אונגעריכט אריינגעפאלען. נור ניט דאס בין איך אויסען. איך וויל אייך מעהר ניט דערצעהלען אז אלעקסייעוו האט אייך דאמאלס אין אונגליק געשליידערט. ער האט בעשטעלט די באמבע ביי מיר און מיינע א פריינדין וועלכע האט ביי אייך אין הויז פיגורירט אלס באראנעסע קסעניא אנדרייעוונא, האט אייך די באמבע אונטער אייער זאפע אונטערגעווארפען. אלעקסייעוו האט איהר דערפאר אפגעצאהלט צוויי טויזענד רובעל און זייענדיג איהר בעסטער פריינד, האט ער דאך פאר איהר א גוט ווארט ניט ארויסגערעדט ווען זי איז אין אונגליק אריינגעפאלען און היינט איז זי דא אויף קאטארגא אין די סיבירישע מינען. איך געפין עס פאר נייטהיג אייך געבען צו וויסען און איך פערטרוי אייך נאך עפעס, אז דיעזער לומפ אלעקסייעוו האט ערמארדעט אייער פאטער.... איהר קענט עס ערפאהרען פון אייער מוטער; אבער איך בעדארף אייך ניט זאגע, אז איהר בעדארפט עס פון איהר אויספארשען, ווייל אזוי גלאט אין דער וועלט אריין וועט זי עס אייך ניט דערצעהלען: אייער פריינד

„דמיטרי" „קולאקאוו" „קאזלאוו" „זווועריעוו" „גאוורילאוו" „פאפאוו" „חיטראוויצין" און ענדליך באראן „לאפאנטען"....

— שרעקליך! שווינדעלהאפט! — האט פּאוועל צוהיצט אויסגעשריען — דער־עה איך עס פון מיין מוטער, מוז דאס איהם זיין קאפּ קאָסטען! איך בין דער וועלבער פּאוועל וואס א מאל!....ראכע!

— — — — — — — — — —

אין פיער וואָכען ארום נאכדעם וויא פּאוועל האט דיעזען בריעף ערהאלטען איז אום צוועלף אוהר אריינגעגאנגען א רייבנעקליידעטער מאן פון א יאהר דרייסיג אין מאסקוועער דומע. ער איז דורכגעגאנגען דיא גרויסע קאנצעלאריע און איז אריינ־געגאנגען אין זייטיגען האלב אָפענעם צימער.

— איז דער גאלאווא אין זיין קאבינעט? — האט ער דרייסט דאָרט געפרעגט א טשינאוניק.

— יא ער איז אין זיין קאבינעט — האט איהם דער טשינאָוניק ערוויעדערט.

— זייט אזוי גוט און זאגט איהם אז א מאן האט איהם זעהר נייטהיג צו זעהן וועגען זעהר א וויכטיגע זאך — האט דער יונגער מענש צום טשינאָוניק געזאגט.

דער טשינאָווניק איז אריינגעגאנגען צום גאלאווא אין קאבינעט און אין א פּאר סעקונדען ארום איז דער גאלאווא פון זיין צימער ארויסגעגאנגען.

— מיט ווען האב איך דיא עהרע צו ריידען? — האט אלעקסייעוו דעם רייכנעקליידעטען מאן העפליך געפרעגט.

— מיט פּאוועל אנדריאנאוו! — האט דער יונגער מענש מיט א פעסטען טאָן אויסגערופען — איך האב אייך געבראכט א געשאנק פאר דער באָמבע און פאר דיא ערמאָרדונג פון מיין פאטער.

אין דיעזען מאָמענט האט זיך געהערט א קראך פון א רעוואָלווער, באלד האט א הילך געטהאן א צווייטער קראך און אלעקסייעוו איז געפאלען מיט א ווילדען געשריי צום באדען.

— טויט דיר טיראן! — האט פּאוועל ווילד אויסגעשריען און האט זיך אליין איבערגעגעבען אין דיא הענד פון דיא טשינאוויקעס, וועלכע זיינען זיך צוזאמענגע־לאָפען פון אלע צימערען.

דריי טעג האט זיך אלעקסייעוו געמאטערט מיט פּאוועלס צוויי קולען וועלכע האבען זיך פּערזעצט טיעף אין זיינע איננעווייידע און אויף'ן פיערטען טאג איז אלעק־סייעוו אין שרעקליכע שמערצען געשטארבען.

פאר זיין טויט האט ער אבער אין זיינע שרעקליכע היץ אויסגעפלוידערט, אלע זיינע הימעלשרייענדע פערברעכען און אלע אנוועזענדע האבען דייטליך געהערט, דאס פּאוועל אנדריאנאוו איז זיינער א זוהן און ער האט זעהר ריכטיג געטהאן וואס ער האט איהם ערמאָרדעט פאר דאס פערגאסענע בלוט פון דעם מענשען, וועמען פּאוועל האט ביז יעצט בעטראכט פאר זיין פאטער.

און נאך שטריינגע נאכפארשונגען און נאך אפענבאך'ס צייגניסע פון דער אלטער געשיכטע, אז אלעקסייעוו איז א מאל געשטאנען אין פערבינדונג מיט זיין ברודער „דמיטרי" און זיין מוטער דיא בעטרינערין, איז פּאוועל אנדריאנאוו ערקלערט געווארען פאר וואהנזיניג און איז אפּגעשיקט געווארען אין א דול הויז פון וואנען מען האט איהם אין א פּאר וואכען ארום דורך א געהיימען בעפעהל געלאזט אנטלויפען.

ע נ ד ע.

דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע ווערק אין אידיש

י. ג. פאָגט׳ס

וועלטגעשיכטע

פון אורא‌לטע צייטען ביז היינטיגען טאָג

פארמעהרט מיט א

פולשטענדיגע געשיכטע פון אידישען פאָלק

באארבייט פון

א. ח. ראָזענבערג

אונטער דער רעדאקציע פון

אלכסנדר האַרקאַווי

אין צוועלף גרויסע בענדער אילוסטרירט

5,500 זייטען — 850 אילוסטראַציעס

אין צוויי אויסגאַבעס:

פאָלקאויסגאַבע, געבונדען אין פראכטפולען לייב־רערי־קלאטה, גילט טאפ. פרייז — $30.00

דע לוקס־אויסגאַבע, געבונדען אין האלב־לעדער, פול גאלדשניט, פרייז — $50.00

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street — New York

יעדער איד, וואָס קען ענגליש, און וויל וויסען די אידישע היסטאָריע ביז צום יאָהר 1919, זאָל לעזען

דר. מאקס רייזין'ס

A HISTORY OF THE JEWS IN MODERN TIMES

אידישע געשיכטע פון דער נייער צייט

אנטהאַלט די נייעסטע פאַסירונגען אין אידענטום ביז צום היינטיגען טאָג.

געשריבען אין א שענעם לייכטען ענגליש

466 זייטען אילוסטרירט

געבונדען אין לייווענט, גאָלדשניט — — — — — $2.50

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street — **New York**

5122

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 4 5 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS

FEB 21 '84
DEC
JAN 1
AUG
SEP 14
MAR 1

בעל
דאליצקי , מ.מ.
דאל

שפארקער פון אייזען 2

Acc.# 5122

MAY 5 '71	7499	MAR 19	21554
FEB 2 '79	1312		
	8688		
MAY 8			
JUN 9	7499		
OCT 20 '88	18671		

5122